STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10355

# IN KAMF FAR MENTSH UN YID

Isaac Nachman Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. נ. שטיינבערג

# אין קאַמף פאַר מענטש און ייִד

וגעתי ולא מצאתי אַל תאמין (מגילה ו׳)

„שטענדיק גלויבן אין דערפאָלג און שטענדיק זיין גרייט צו נישט־דערפאָלגן, — דאָס איז די כישופדיקע פאָרמול, וואָס זי־כערט דעם ניצחון".

(קאַרל ליבקנעכט, אין אַ דייטשער טורמע, אין יולי 1918)

אַרויסגעגעבן פונעם
ד״ר י. נ. שטיינבערג קבלת־פנים־קאָמיטעט
בוענאָס איירעס 1952

I. N. STEINBERG

# In Kamf far Mensh un Id

("Bregando por lo Humano y lo Judío")

Editado por el
Comité de Recepción de I. N. Steinberg

BUENOS AIRES

1952

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

# אינהאַלט

פאָרוואָרט — 5

## ערשטע טייל
## פראַגן פון מענטשהייט

אַלטע ווערטער אויפסניי — 11
פּאָליטיק און מאָראַל — 22
דאָס לעבנספּראָבלעם פון גוסטאַוו לאַנדויער — 49
וואָס איז פאַר אונדז קאַרל מאַרקס? — 75
חיים זשיטלאָווסקי — דער טרײַבנדיקער גײַסט — 97
אין זוכעניש פון נײַע וועגן — 109
די ראָל פון אַנאַרכיסטישן פּרינציפּ אין פּאָלקיזם — 127
צי איז פאַראַן אַ מילחמת מצווה? — 141

## צווייטע טייל
## פראַגן פון ייִדישן פאָלק

פּאָליטיק און מאָראַל בײַ ייִדן — 175
וועגן סאָציאַלן באַזיס פון ייִדישן סאָציאַליזם — 213
ייִדנהאַס, קלאַסנהאַס, מענטשנהאַס — 235
ייִדן, אַראַבער, ענגלענדער — 265
אַ גרויסע צײַט, אַ קליינער דור — 299
ייִדישער פרײַהייטסבונד — 325
נאָך אַכצן חדשים — 339

## דריטע טייל
## פראַגן פון ישראל און פרײַלאַנד

נידער מיט דער מילחמה! — 363
נישט דער אירגון איז שולדיק — 373
מלוכה־ייִדישקייט אָדער גײַסט־ייִדישקייט — 378
דער פּלאַץ פון „פרײַלאַנד" אין ייִדישן לעבן — 383
דאָס פרײַע לאַנד ישראל — און „פרײַלאַנד" — 391
איינזאַם בין איך אין ישראל — 396
ווילנע און ירושלים — 403
ווילנע און אַמעריקע — 409
די פיקציע פון קיבוץ גליות — 416
דרײַ אינסטרומענטן פון ייִדישן פאָלק — 422

## עפּילאָג

וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, וואָס געוווּנען — 430

# פאָרוואָרט

די עסייען און אַרטיקלען וואָס זיינען אויפגעזאַמלט אין דעם דאָזיקן באַנד, זיינען געשריבן געוואָרן אין לויף פון 25 יאָר, צווישן 1926 און 1951. בעת איך האָב זיי געקליבן פון אַ ריי צייטשריפטן און זאַמלביכער און זיי נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם געלייענט, האָב איך זיך ניט געקענט באַפרייען פון אַ שמערצלעכן געפיל. עס איז ניט געווען דאָס געפיל פון באַפרידיקונג וואָס, ניט געקוקט אויף די פאַרפלאָסענע פינף און צוואַנציק יאָר, זיינען די הויפט־אידעען פון די עסייען געבליבן ריכטיק אויך היינטצוטאָג. פאַרקערט, עס האָט געמאַטערט דאָס געפיל פון פיינלעכער פאַרוווּנדערונג וואָס, ניט געקוקט אויף די פאַרגאַנגענע שטורמישע יאָרן, איז אויף דעם גאַנצן פעלד פון אונדזער שאַרפער קריטיק און פאָזיטיווע שטרעבונגען כמעט אַלץ פאַרבליבן ווי אַמאָל.

דאָס דאָזיקע בוך איז לויט זיין טעמאַטיק איינגעטיילט אין דריי טיילן: מענטשהייט, יידיש פאָלק, פריילאַנד. געוואַלטיקע, אויפטרייסלענדיקע קאַטאַקליזמען זיינען פאַר די פאָר יאָרצענדליקער פאָרגעקומען סיי אין ראַמען פון דער מענטשהייט, סיי אין גדר פון אונזער פאָלק. און עס וואָלט געווען ניט מער ווי נאַטירלעך אַז ווען מען דרוקט איבער אין יאָר 1952 אַרטיקלען פון די צוואַנציקער יאָרן, זאָלן זיי אין אַלגעמיין אַרויסקומען ווי פאַרעלטערט, ווי מאַטעריאַלן שעבר זמנם. סיי די איינצל־פּראָבלעמען וואָס זיינען דעמאָלט מיט אויפרעגונג צי באַגייסטערונג באַטראַכט געוואָרן אין זיי, סיי דער גאַנצער גייסטיקער קלימאַט פון יענע צייטן און יענע מקומות האָבן אייגנטלעך געזאָלט ריידן וועגן דעם עבר, וועגן סיטואַציעס און געשעענישן, וואָס זענען געוואָרן פאַרגליווערטע געשיכטע.

איז טאַקע אין דעם ליגט די איראָניע און דער צער וואָס ביים בלעטערן די „אַלטע“ אַרטיקלען האָבן מיך געשטיקט ניט די ווילדע רוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר דווקא דער פרישער, מיט אַקטועלקייט אָנגעלאָדענער „גייסט“ פון אונזער קעגנוואַרט. די גאַנצע צייט דרייט זיך אין קאָפּ דער געדאַנק: „הלוואי וואָלט איך געזאָגט ליגן“.

די דאָזיקע באַפרידיקונג איז ליידער, ליידער ניט פאַראַן. קוקט מען זיך צו צו דער שפּלדיקער לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך היינט די מענטשהייט אַלס גאַנצעס, זעט מען פּלוצים, ווי נאַיוו מיר זיינען געווען, בעת מיר האָבן אַטאַקירט די אַלגעמיינע וועלט־לאַגע אין יענע יאָרן. מיר האָבן געמיינט אַז נאָך דער ערשטער

וועלט־מילחמה זענען מיר געפאַלן ביז די טיפסטע שטאַפּלען פון געמיינקייט און גרויזאַמקייט, פון אָרעמקייט און פּאָליטישער בלינדקייט. איז געקומען דער מבול פון דער צווייטער מלחמה, און האָט אַנטפּלעקט נאָך טיפערע און זינדיקערע תהומען פון מענטשלעכער געפאַלנקייט. נאָך מער: אין די סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע לאַגערן האָט מען זיך נאָך געאַמפּערט און געשפּאָלטן צוליב טעאָריעס און פּראָגראַמען, בעת דאָ דערבייַ האָט שוין די חיה רעה געברומט נאָך בלוט. און באַלד נאָך דערויף האָט זיך אין דעם „מענטשלעכן" געזיכט אַנטבלויזט די נאַקעטע בעסטיע, וואָס האָט זיך דורות־לאַנג געהאַט פאַרבאַהאַלטן פון מענטש־לעכע אויגן: די בעסטיע פון רוצחישער טאַט און די בעסטיע פון רואיקן צוקוקן זיך און שווייגן. אויך דער אַרבעטער, יענער מענטשן־קלאַס, וואָס איז פון דער געשיכטע געוויילט געוואָרן צו זיין דער אַקטיווסטער מאָטאָר פון פּראָגרעס, איז ליידער אין גרויסע צאָלן אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם זעלבסטפאַר־ניכטונג־פּראָצעס פון דער מענטשהייט. אין די שעהן פון אַנטשיידונג איז אים ניט בייגעשטאַנען ניט די מאַרקסיסטישע לערע ניט די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק פון אַזוי פיל יאָרן.

און עס איז ניט פונדאַמענטאַל בעסער געוואָרן אין דער צייט נ אָ ך דער צווייטער מלחמה. מען איז ווידער איבערגעגעבן אין די הענט פון איינצלנע מושלים: צי זיי זיינען אָפענע דיקטאַטאָרן, צי זיי טרעטן אויף אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע. דער „מאַנאַרכיסטישער" פּרינציפּ פון רעגירונג וואָס איז שוין אין XIX יאָרהונ־דערט געווען דיסקרעדיטירט, איז אין אַ נייער פאָרם אויפגעקומען אין דער דע־מאָקראַטישער וועלט: די מאַסן פון פאָלק שווייגן, בעת די פירער באַשליסן און האַלטן אין האַנט די פראַגן פון לעבן און טויט. אמת, אומעטום ווערן פאַרווירקלעכט סאָציאַלע רעפאָרמען, אָבער אויך זיי קומען אָפּט אויפן חשבון פון גייסטיגער פרייהייט און מענטשלעכער ווערדע. ווי נידעריק איז היינטצוטאָג געפאַלן דער באַגריף און די חשיבות פון דעם מענטשלעכן י ח י ד.

וועגן אָט די ענינים האָט זיך גערעדט און געחלומט אין די אַרטיקלען פון דעם בוך, זייער ביטערע אַקטועלקייט איז פאַרבליבן ווי אין יענע יאָרן; מער ניט מיר האָבן צובאַקומען מער דערפאַרונג און מער האַרצווייטאָג. און אַז מען גייט איבער צו די ענינים פון י י ד י ש ן פ אָ ל ק, (וואָס זיי פאַרנעמען דעם גרעסערן טייל פון דעם בוך), קומט ווידער אַמאָל אויף מיט אומבארחמנותדיקער שאַרפקייט דער פאַרגלייך פון אונדזער צייט מיט יענער אומגעקומענער תקופה. יעדעס וואָרט און געדאַנק איז דאָך דעמאָלט געווען געווענדט צו אונדזערע מיליאָ־ניקע מאַסן אין אייראָפּע. יענע מאַסן זיינען אָבער מער נישטאָ, און פון די טי־פעניש פון אומזאָרגבאַרן טרויער מוז וואַקסן אַ נייער יידישער ווילן און וועלט־באַנעם. צי איז ער שוין פאַראַן? צי ווייזן זיך שוין בולט זיינע סימנים אין די קיבנגעבליבענע ישובים?

אין א"י איז אויפגעקומען די מדינת ישראל, — און עס זיינען געווען ניט ווייניקע, וואָס האָבן זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דער אויפקום פון אַ מלוכה

איז אפשר אַ היסטאָרישע „פאַרגיטיגונג" פאַרן אומקום פון אַ פאָלק. אָבער היינט ווייסן מיר שוין, אַז די מדינה האָט ווייט ניט געלייזט די פּראָבלעמאַטיק פון יידישן וועלט־לעבן; פאַרקערט, זי האָט עס געמאַכט קאָמפּליצירטער. פּראָבלעמען זיינען אויפגעקומען, וואָס מיר האָבן זיי פריער ניט געקענט אָדער אפילו ניט געוואָלט קענען. ארץ ישראל האָט געהאַט געגעבן דער יוגנט פון אונדזער פאָלק אַ טאָפּלטע מעגלעכקייט: אי זיך צו באַנייען סאָציאַל און מאָראַליש אין אַרבעט אויף ערד און קאָאָפּעראַציע, אי צו באַווייזן אַ ביישפּיל פון פעלקער־באַציונגען לגבי דעם אַראַבישן שכן. דער מחבר פון ד ע ם בוך האָט אין די אַרטיקלען געשטיצט מיטן פולן הארצן די שעפערישע אַרבעט פון די קבוצות און דעם חלוץ העם, און האָט געוואָרנט — אַ סך יאָרן א יי ד ע ר די מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן — קעגן פאַרוואַנדלען די קבוצה אין אַ מלוכה און דעם חלוץ אין אַ שטאַטסמאַן. און מיר זיינען ניט מיד געוואָרן צו אונטערשטרייכן די פּאָליטישע און, ראשית כל, מאָראַלישע באַדייטונג פון דעם אַראַבישן פּראָבלעם. ניט „ענגלאַנד", נאָר דער אַראַבער האָט געזאָלט ווערן דער שותף אין דער מעשה בראשית פון ארץ ישראל. עס דערמאָנט זיך מיר אַ צוזאַמענקונפט, אין דעם סוף פון די צוואַנציקער יאָרן אין בערלין, מיט דוד בן־גוריון און שפּרינצאַק אין מיין הויז. זיי האָבן גערופן אַריינצוטרעטן אין דער ניי־געשאַפענער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א"י". מיר האָבן זיך אָפנהאַרציק דורכגערעדט וועגן דער אַראַבישער פראַגע און דער באַציונג צו ענגלאַנד. איך האָב ניט פאַרהוילן דעמאָלט מיינע ספיקות און פאָרגעפילן בנוגע אָט די קאַרדינאַלע פראַגן פון דעם זיך בויענדיקן א"י, — און עס טוט ניט איינמאָל וויי וואָס די דעמאָלטדיקע מחשבות זיינען פאַרבליבן אַקטועל. עס ווילט זיך האָפן אַז דער געניוס פון אונדזער פאָלק וועט געפינען דעם ריכטיקן אויסוועג פון דער לאַגע.

אויך די אַנדערע גרויסע קולטור־פראַגע וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן אין שפּאַנונג אונדזערע געמיטער: יידיש צי העברעיש? — שטייט היינט בולט פאַר אונדזער באַוווּסטזיין. און ווידער אַמאָל אין אַ מער טראַגישער פאָרם ווי אַמאָל. אין מיינע אַרטיקלען האָב איך — טאַקע אין נאָמען פון אַ פרייער יידישער פאָלקס־קולטור — אַרויסגעזאָגט זיך קעגן „יידישיזם" אַלס סיסטעם, ווי אויך קעגן העברעיזם. מיר האָבן זיך געסטאַרעט צו דערמאָנען, אַז ניט שפּראַך אַליין, נאָר די גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן וואָס ווערן אין איר פאַרקערפּערט, זיינען דער תוך פון יעדער קולטור, און פון דער יידישער באַזונדערס. אָבער איצט, ווען די טרעגער פון יענער פאָלקס־שאַפונג ליגן אין די מאַסן־קברים, איז זייער יידיש־שפּראַך דערהויבן געוואָרן ניט נאָר צו אַ דבר שבקדושה, נאָר אויך צו אַ זייל אין דעם יידישן פאָלקס־בנין. ניטאָ קיין יידישע צוקונפט אָן דעם יידישן לשון. בעת העברעיש האָט באַקומען אַלע מעגלעכע גאַראַנטיעס פון קיום און אַנטוויקלונג, מוז מען צוריקשטעלן די חשיבות און דעם אָרגאַנישן פּלאַץ פון יידיש אַלס שעפערישער קוואַל און שטאַרקסטע שוץ־מויער קעגן אַסימילאַציע. מען דאַרף

ניט ווערן קיין יידישיסט כדי צו אַנדערקענען דעם היסטאָרישן באַטייט פון אונדזער קאַמף פאַר יידיש.

***

אָבער מען טאָר זיך ניט אָפּשטעלן ביי אַזעלכע מעלאַנכאָלישע געדאַנקען אַליין. מען טאָר ניט זאָגן: דור הולך ודור בא, והארץ לעולם עומדת. אין די עסייען פון דעם דאָזיקן בוך איז געווען ניט נאָר קריטיק פון געשעענישן און אידעען, נאָר אויך אַ גרויסער סכום פון האָפנונגען און גלויבן. ראשית כל, די איבערצייגונג אַז כדי צו באַגרייפן און מייסטערן די געפערלעכע וועלט־סביבה פון יענער צייט, מוז מען זיך אָפּזאָגן פון דעמאַגאָגישע סכעמעס פון דענקען, פון בלינדן געהאָרכזאַם צו אָפיציעלע גייסטיקע אויטאָריטעטן. אנשטאָט צו אַפּעלירן צו די אָפּגעבלייכטע אותיות פון די דעמאָלטדיקע פּראָגראַמען, האָבן מיר גערופן צו דעם אורשפרינג־לעכן, מיט פרייען באַוווּסטזיין אָנגעלאָדענעם ווילן צו מחשבה און טאַט.

ניט אַנדערש זעען מיר די וועלט־סביבה אויך היינט. אין דעם פייערדיקן שמעלצטאָפּ פון די געשעענישן פון אונדזער עפּאָכע זיינען ניט נאָר אומגעקומען אַלטע אידעען, נאָר עס גייען אויף נייע געדאַנקען און וועלט־געפילן. פון די טיפע אַנטוישונגען וואַקסט נייע דערקענטעניש. איצט ווייסן מיר אַז די סאָציאַליסטישע אויפגאַבע איז ניט אַזוי אויפצוּוועקן דעם אַרבעטער אין דעם מענטש, ווי פאַר־קערט: דעם מענטש אין דעם אַרבעטער. איצט ווייסט מען אַז מיט דעם אויפבלי און דער ירידה פון אייראָפּע ענדיקט זיך ניט די מענטשהייט. אין די ראַמען פון קולטור־אוניווערס שטייט אויף צום היסטאָרישן לעבן דער מענטש פון אַזיע און אַפריקע. און די וועלט־באַהערשנדיקע אידעען שעפּן זיך ניט אויס מיט די פאָרמולעס פון קאַפּיטאַליזם, פאַשיזם, דעמאָקראַטיע, „קאָמוניזם". ניט געקוקט אויף דעם צווילינג פון רשעות און טפּשות, איז דאָך פאַרלוירן גע־גאַנגען דער גלויבן אין דער לאָגישער ריכטיקייט און עטישער צוועקמעסיקייט פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע. דערמיט ווערט געפּלאַסטערט דער וועג צו אַ נייער קולטור.

אויך אין דער יידישער וועלט־ספערע גייען אָן, מוזן אָנגיין, אומבאַמערקבאַרע, אונטערערדישע גייסטיקע פּראָצעסן פון דערקענטעניש. עס איז שווער צו צווייפלען אַז אין אַלע שיכטן פון אונדזער פאָלק, אין אַלע לענדער, און געוויס אויך אין ארץ ישראל, זיינען שוין פאַראַן יחידים און גרופּעס וואָס טראַכטן טיף און אחריות־דיק, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרפירן פון די קולות פון דער אָפיציעלער אידעאָלאָגיע און פּרעסע. מעג די יידישע עפנטלעכקייט באַהערשט ווערן פון „מאַכטפּולע" אינ־סטאַנצן פון דער אַזוי־גערופענער מערהייט, דאָך שפּראָצן אומעטום די אומרואיקע גייסטער און די וואַכע הערצער פון די דערוויילע איינזאַמע יידישע מענטשן. צווישן זיי מוז אויך פאַררעכנט ווערן די פּ ר יי ל אַ נ ד־באַוועגונג וועלכע שטראַמט באַ־שיידן און זיכער צווישן די גאַוההדיקע פעלדזן פון מלוכה, צדקה און דיפּלאָמאַטיע.

אויב דער פּאָליטישער ציוניזם האָט צום טייל אויסגעקעמפּט זיין גרויסע יידישע נאַציאָנאַלע אוטאָפּיע, שטרעבט „פריילאַנד" צו אַ גרויסער יידישער סאָציאַלער און מאָראַלישער אוטאָפּיע. ווער ווייסט, וויפל שעפערישע, הגם נאָך איינזאַמע קרייזן ביי אונדז, גרייטן צו דעם וועג פאַר אַ נייעם אויפשטייג פון אונדזער צוקונפט!

איינס איז אָבער קלאָר: אַ גרונטיקע רעוויזיע און אויפשטייג זענען נאָר מעגלעך אויב די לעבעדיקע כּחות פון פאָלק אומעטום וועלן זיך צוהערן צו די ריינע, ציכטיקע קוואַלן פון אונדזער גייסטיקן קיום, אויב זיי וועלן זיך ווייניקער פאַרלאָזן אויפן כּשוף פון דרויסנדיקע פאַקטאָרן ווי אויף זייער אייגענעם טויזנט מאָל אויסגעפּרובירטן רעליגיעז־גייסטיקן כּוח. זיי אַלע מוזן דערשפּירן אין זיך דעם גרויסן, מאַקסימאַליסטישן ווילן צום לעבן און שאַפן. שאַפן ניט דווקא אין שרעק און הכנעה, לויט די „געזעצן פון דער געשיכטע", נאָר ווען נויטיק אויך ק ע ג ן איר מוטוויליגן שטראָם. איז ניט דאָס געזעץ פון דער יידישער געשיכטע אָפּט דער איבער־געשיכטלעכער גורל און ווילן?

דער גרעסטער טייל פון די עסייען איז געווען געדרוקט אין די „פרייע שריפטן", וואָס האָבן גענומען דערשיינען אין ווילנע אין 1926. יענע וווּנדערבאַרע גרופּע ריינע מענטשן און יידישע סאָציאַליסטן וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן די „פרייע שריפטן" איז מער ניטאָ. ניטאָ מער גרשון מאַלאַקעוויטש, פייוול טראָפּיאַנסקי, ראובן ליכטשטיין, א. גאָלדשמידט, פ. צונזער. זיי זיינען געשטאָרבן פּונקט אַזוי ערלעך ווי זיי האָבן געלעבט. הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו. אָבער אַ צוואה האָבן זיי איבערגעלאָזן: ניט צו גיין אויף קיין מאָראַלישע קאָמפּראָמיסן אין די גרויסע פראַגן פון מענטשהייט און יידישקייט. צו זייער גייסט זאָל דאָס בוך געהייליקט ווערן.

**י. נ. ש.**

ניו־יאָרק, אַפּריל, 1952

# אַלטע ווערטער אויפסניי

דאָס יידישע אַרבעטספאָלק לעבט היינט איבער אַ שווערע, זייער שווערע צייט. געוויס איז זיין מצב נאָר אַ טייל פון דעם געוואַלדיקן קריזיס, וואָס עס מאַכט דורך היינט דאָס אַרבעטספאָלק פון דער גאַנצער וועלט. אָבער, ווי שטענדיק, דריקט זיך דער קריזיס אויס אין דער יידישער סביבה טיפער, קרענקלעכער. פון וועלכער הינזיכט מען זאָל נישט באַטראַכטן, אין וועלכן ווינקל פון יידישן לעבן מען זאָל נישט אַריינקוקן — אומעטום פילט זיך די אומענדלעכע שווערקייט פון דער לאַגע. אפשר איז אַמעריקע אַ צייטווייליקער אויסנאַם, אָבער עקאָנאָמיש הערשט היינט אין די אַלע דריי יידישע קאָנטינענטן — ראַטן־רוסלאַנד, פּאַלעסטינע, פּוילן און די איבעריקע מושבים — דער צושטאַנד פון דעם גרעסטן א ו מ ר ו, נישט נאָר צוליב דער צעשטערונג פון די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון דעם נאָענטסטן עבר, נאָר ווייל קיין שום זיכערע פּאָזיציעס זענען נישט פאָרויסגעזען אויך אין דער צוקונפט. צו געדיכט איז פאַרלייגט דער הימל, צו טיף האָט זיך פאַרצויגן דער פאָרהאַנג פון דער צוקונפט!

נישט בלויז מענטשן יחידים, נאָר גרויסע קבוצים, מען קען זאָגן, קלאַסן פון יידישן פאָלק לעבן נאָר פון האַנט אין מויל אַריין. הונדערטער טויזנטער שטיקן זיך אין דער אוממענטשלעכער נויט, אין דער אומזיכערקייט פון יעדן טאָג, אין די ביטערע בזיונות פון אַ בעטלער־לעבן. הונדערטער טויזנטער האַלטן אין איין פיבערהאַפטן זוכן נייע עיר מיקלטס, זענען גרייט צו לויפן וווהין די אויגן טראָגן, געפינען אָבער פאַר זיך פאַרמאַכט די גאַסטפריינדלעכע טירן, וואַלגערן זיך אין די שמוציקסטע האַפנשטעט און אכסניות. אויף זייערע וועגן טרעפן די בלאָנדזשענדיקע מאַסן די מענטשנפיינדלעכע רדיפות פון אַנטיסעמיטיזם, די גלייכגילטיקע רואיקייט פון פאַרמעגלעכע און אויפגעקומענע שיכטן, די קלינגענדיקע פּויק פון די פילאַנטראָפּישע צדקה־חברות, דער ענין פאַרדינען אַ שטיקל ברויט און דערשלאָגן זיך צו רעכט אויף אַרבעט איז היינט געוואָרן פאַרן יידישן פאָלקמענטש טויזנט מאָל שווערער, ווי אין די צייטן פון פאַר דער מילחמה. דער נאָך־מילחמה־מעכאַניזם פון דער וועלט־ווירטשאַפט צעדריקט אין זיינע קראַנקהאַפטע צוקונגען די באַמיונג פון יידישן אַרבעטער צו שטעלן זיך אויף די פיס.

האַנט אין האַנט מיט דער עקאָנאָמישער קנעכטונג גייט די פּ אָ ל י ט י ש ע און די ג ײ ס ט י ק ע. ווו זענען אַהינגעקומען די האָפנונגען אויף נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אויף פּערזענלעכער פרייהייט, אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט? ס׳איז

אַ דערשיטערנדיק־טראַגיש בילד צו זען, ווי אין די פאַרשיידענע לענדער מיט די פאַרשיידענע קולטורן און פאַרשיידענע היסטאָרישע סביבות האָט זיך דער שטן פון דער וועלט־געשיכטע גלייך אויסגעלאַכט פון דעם יידישן מזל. אָט איז אַ קליין מלוכה'לע, וווּ די יידישע דעמאָקראַטיע האָט נאַיוו־קליינשטעטלדיק מיטגעהאָלפן צו בויען דעם פּאָליטישן געביי, באַצירט מיט אַ יידישער אויטאָנאָמיע. אָט איז אַ גרעסער פאָלק, וואָס האָט אין זיין פרייהייטקאַמף הונדערט יאָר צוגעשמידט צו זיך די סימפּאַטיעס פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט אין די חתונה־טעג פון באַפרייונג געזען סאָציאַליסטן אין זיין שפּיץ. און אָט איז אַ גוואַלדיק־גרויס לאַנד און פאָלק, וואָס האָט אַראָפּגעריסן פון זיך די קייטן פון פּאָליטישער און סאָציאַלער קנעכטשאַפט, וואָס האָט אין שטורעם פון אַ רעוואָלוציע אַרויסגעשריען די ערשטע קלאַנגען פון אַ נייעם וועלט־באַנעם. אין די דאָזיקע אַלע לענדער איז דער יידישער אַרבעטמענטש נישט נאָר ניט געוואָרן באַפרייט, ער איז פאַרקערט נאָך מער געוואָרן פאַרשקלאַפט אונטער דעם געזעץ, אונטער דעם פרעמדן מוז, אונטער די אומרחמנותדיקע ר ע ג י ר ו נ ג ע ן. ס'איז פאַר אים קיין נפקא מינה נישט, צי הערשט איבער אים די קאַפּיטאַליסטיש־נאַציאָנאַלע בייטש, צי ער ווערט פאַריאָכט אונטער דער סאָציאַל־דיקטאַטאָרישער פרייהייט־בייטש. אין אַלע פאַלן האָט ער פאַרלאָרן דעם זעלבסטבאַוווסטזיין פון מענטש, פאָלק, אַרבעטער, די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די גייסטיקע איניציאַטיוו. וואָס פאַר אַ פאַרקריפּלטע, אינערלעך אויסגעליידיקטע יוגנט מוז אַרויסקומען ביי אַזעלכע באַדינגונגען!

נישט נאָר אין דער יידישער וועלט, אויך אומעטום איז פאַרלאָרן געגאַנגען ־ער חוש און די אַכטונג פאַר די גרונדזעצלעכע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַגריפן. מיליאָנען שטייען היינט מחוץ למחנה פון באַוווסטזיניקן קאַמף, זייענדיק אַריינגעטאָן אין די טאָג־טעגלעכע נויטן. אָבער אויך פון די וואָס שטייען אין קאַמף, צי גלויבן אַ סך היינט — נאָך די מאוימדיקע יאָרן פון קריג און רעוואָלוציעס — באמת אין ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע, אין עכטער פאָלקסהערשאַפט? צי זאָל מען אונטער ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע רעכענען די דורך און דורך פאַלשע מלוכה־אָרדנונגען, ווי זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דער וועלט, ווי זיי ווערן נאָך פאַרהערלעכט פון די אָפיציעלע רעפּובליקאַנער, פּאַציפיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן? זאָל מען פאַרבאַהאַלטן פון זיך אַליין, אַז אונטער דעם דעקמאַנטל פון דעמאָקראַטיע האָט זיך פאַרפעסטיקט דעם גרויסקאַפּיטאַל, אַז ער האָט די פּאַרלאַמענטן מיט די רעגירונגען, מיט די פּאַרטייען, מיט די מלוכה־מענער פאַרוואַנדלט אין זיינע משרתים? צי זאָל מען אונטער דעמאָקראַטיע רעכענען די פאַלשע מלוכה־אָרדנונג, ווי זי האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, ווי זי ווערט באַזונגען פון די אַ ל ע, וואָס זענען בלינד אין זייערע סאָציאַלע זוכענישן? צי זעט מען נישט היינט, ווי הינטער די העל־אויסגעמאָלטע פאָרהאַנגען פון כלומרשטער פרייהייט אַנטוויקלט זיך אַזאַ טיפע אָפּשוואַכונג פון די לעבנס־קרעפטן, פון דער סאָציאַלער ענערגיע פון די מאַסן, אַז זיי וועלן אַלע מוזן ווערן אַ קרבן פון אַ נייער גראַנדיעזער מ י ל ח מ ה, ווען איר שעה וועט שלאָגן? צי שפּירט מען נישט

היינט — אין דעם צייטאַלטער פון „פעלקער־פאַרברידערונג" און „פעלקערבונד" — אַז די אַרבעטנדיקע מענטשהייט באַזיצט נישט די קרעפטן אָפּצוווערן די סכנה, וואָס באַשטייט אין דעם וואָס דער לעצטער באַשלוס ליגט אין די הענט פון די מושלים?

* * *

צי גלויבן אַ סך היינט באמת אין סאָציאַליזם, אין זיינע אָפּיציעלע פאַרטרעטער און פאַרטייען? סאָציאַליזם, דאָס וואָרט און דער געדאַנק וואָס האָט אַמאָל געוועקט דעם פייער פון באַגייסטערונג אין מענטשן, איז היינט אויך געוואָרן אַ טוישפּראָדוקט, עובר לסוחר, ווי דעמאָקראַטיע. ער ווערט היינט צוגעהעפט צו יעטוועדער באַוועגונג, און ער איז נישטאָ כמעט אין קיין באַוועגונג. וואָס איז דער ווונדער? „סאָציאַליזם" איז דאָך געוואָרן אַזאַ פאַרנינפטיקער סיסטעם פון מלוכה־פּאָליטיק, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו די געאָרדנטע צושטאַנדן פון קאַפּיטאַליזם, פון פּאַרלאַמענטאַרישער און פּאַטער־לענדישער צביעות, פון ביר־גערלעכער שלום־טרייבעריי! די אַרבעטער־וועלט זעט אָדער זי פילט, אַז דורך יעדן נייעם ווירטשאַפטלעכן „דערפּאָלג" זיינעם, פאַרשטאַרקט דער דאָזיקער סאָ־ציאַליזם די אייזערנע מויערן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר, פאַרטשעפּעט ער נישט אויף אַ האָר דעם לעבנס־שטייגער פון דער היינטיקער וועלט.

אָדער זאָל מען סאָציאַליזם אָנרופן יענעם באָלשעוויסטישן סיסטעם אין רוס־לאַנד, וואָס האָט נישט אַזוי שטאַרק עקספּראָפּריאירט די בורזשואַזיע, ווי די אַר־בעטס־קלאַסן, וואָס האָט ביי דעם באַפרייטן מענטשן צוגענומען זיין גייסט, זיין אייגן טראַכטן, זיין לעבעדיק האַנדלען? די אַרבעטער־וועלט זעט אָדער פילט. אַז לא זה הדרך, אַז מיט יעדן נייעם „דערפּאָלג" פון דער „ראַטן"־רעגירונג דערהויבט זיך נישט דער סאָציאַליזם, נאָר דער רויט־אָנגעשטריכענער ניי־קאַפּיטאַליזם, אַז דער אַלמער בירגערלעכער לעבנס־שטייגער שטייט אויף תחית המתים. זאָל זיך דער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם סומך זיין אויף זיינע מיליאָן־מאַסן, זאָל זיך דער באָלשעוויזם באַרימען מיט זיין מלוכהשן פאַרנעם — איבער זיי ביידע שטייט דאָס בילד פון דעם באַלעבאָס, וואָס הערשט אין די נשמות פון די אַלע סאָציאַליסטן. אין דער יידישער און אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־וועלט האָט זיך אָפּגעטאָן דער וואַרימער אָטעם, דער הייליקער קלאַנג פון די באַגייסטערנדיקע ווערטער. מען לעבט אויך פּאָליטיש־גייסטיק פון האַנט אין מויל אַריין.

געוויס זענען פאַראַן אויך גרויסע יידישע אַרבעט־מאַסן, וואָס גלויבן נאָך איצט אין די דאָזיקע באַגריפן. אין אַמעריקע לעבן מיליאָנען, וואָס זענען פרייוויליק איינגעשפּאַנט אין דעם דעמאָקראַטישן וואָגן, וואָס שטאָלצירן מיט דעם כבוד צו טראָגן אויף זייערע פּלייצעס אַ פּלוטאָקראַטישן סדר. און אין פּ אַ ל ע ס־טינע, וווּ עס ווערט היינט געשאַפן פון דער יידישער יוגנט און אַרבעטערשאַפט דאָס גרעסטע קרבנות־פולע סאָציאַלע ווערק, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויס־געבראַכט אין די לעצטע דורות, אין פּאַלעסטינע שמוגלט זיך אַריין צוזאַמען מיט דעם ווערק דער אַלט־פרענקישער, איראָפּעיש־ציוויליזירטער גייסט פון פּאָלי־

טישן און מאָראַלישן שקר. די פּאַלעסטינער סאָציאַליסטישע שאַפונג־אַרבעט גייט האַנט ביי האַנט מיט אַזאַ גרויסער מאָס צופּאַסונג צו דעם קאַפּיטאַליסטיש־מלוכהשן מעכאַניזם און נאַיוון צוטרוי צו די אומות העולם, אַז נאָר מיט אַ טיפן געפיל פון אומרו קען מען פאָרויסזען דעם דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס פון סאָציאַליסטישער מחשבה און בירגערלעכער מעשה. אין אַמעריקע, אין פּאַלעסטינע איז אפשר אין די מאָסן נישטאָ היינט דער צעשטערנדיקער יאוש, די טרויעריקע דערקענטעניש פון די אויסגעלאָשענע ווערטער, אָבער זייער קינדישער גלויבן, זייער טעאָרעטישע רו־איקייט איז נישט ווייניקער געפערלעך, ווי דער יאוש: די שעה פון דערוואַכונג וועט דאָך אויך דאַרפן קומען אַמאָל!

* * *

און ווייל מען שטייט, באַוווסט צי אומבאַוווסט, אונטער דער שווערער דער־קענטעניש פון באַנקראָט פון אַ סך אַלגעמיינע אידעען, טראָגט די יידישע ברייטע וועלט אַריבער אירע אינטערעסן אויף דעם אייגענעם, אויף דעם היימיש־נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ן געביט. אין אַלע עקן און קאַנטן פון יידישן לעבן, אין אַלע שיכטן און קולטור־געביטן פון פאָלק גייט אַן אומאויפהערלעכע אַרבעט, הערן זיך די האַמערשלעג פון נאַציאָנאַלן שאַפן, קאָנסטרואירן, קאָמבינירן. ס'איז אַוועק די צייט פון אַסי־מילאַטאָרישע אָדער קאָסמאָפּאָליטישע חלומות. מען איז מיטן גאַנצן מאַטעריעלן און גייסטיקן מהות אַריינגעטאָן אין אויסבויען די שפּראַך (יידיש אָדער העברעיש), אין אויסקעמפן אָדער פאַרטיידיקן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, אין בהדרגהדיקער צוגרייטונג פון אַ מלוכהשער טעריטאָריע. דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס, דאָס קאָנ־צענטרירן זיך אין זיך אַליין — ווערט דער הויפּטאינהאַלט פון גייסטיקן לעבן פון פאָלק. מען קען זאָגן, אַז אין נאַציאָנאַלן זין איז היינט דאָס יידישע פאָלק אין גרעסטן מאָס ד ו ר כ אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט, איבעראָרגאַניזירט.

אָבער עס שטעלן זיך שוין אַרויס די שאָטן־זייטן פון אָט דער אַנטוויקלונג. דער נאַציאָנאַלער אימפּעט אין די דעמאָקראַטישע פאָלקסשיכטן הויבט אָן אָפּטמאָל אָפּשטופּן אָן אַ זייט, פאַרבייגן, פאַרשמעלערן די גייסטיקע באַדייטונג פון ס אָ־צ י אַ ל ־ מ אָ ר אַ ל י ש ע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידעען. דאָס „פאָלק" פאַר־נעמט דעם אָרט פון אַרבעטער־קלאַס, די שפּראַך (סיי יידיש, סיי העברעיש) ווערט אַ זעלבסטצוועק, די געווינונג פון אַ טעריטאָריע, פון אַ מלוכה, ווערט דאָס הויפּט־ציל. מיר האָבן אָבער ביישפּילן גענוג אין דער וועלט, ווי נאַציאָנאַלע ווונטשן און אידעאַלן, נאַציאָנאַלע קאַמף־מיטלען און זעלבסט־דערהאַלטונג־אינסטרומענטן (אויך ווען זיי זענען איינגעהילט אין סאָציאַלע מלבושים) ווערן פאַרוואַנדלט אין זעלבסט־צוועקן. און עס מוזן דעמאָלט פאַרגיין יאָרן, ביז פון אונטער דעם טריומפירנדיקן נאַציאָנאַלן טורם הויבן אָן ווידער צו שפּראָצן די באַשיידענע גרעזלעך פון אַ סאָציאַלער וועלט־אַנשויונג. די יידישע מאַסן ש ט ר ע ב ן אָבער צו אַלץ־אַרומ־נעמענדיקע וועלט־אַנשויונגען. דערפאַר האָט אפשר היינט אויף זיי אַ גרויסע אָנציענדיקע קראַפט דאָס רעליגיעזע, בית־מדרשדיקע און גביריש־פּאַטריאַרכאַלישע

פראגראם. ווייל דאס איז פאר זיי, גוט צי שלעכט, א לעבנס־פראגראם, נישט נאר א תשובה אויף נאציאנאלע ווייטיקן. אזא מין עטיש־רעליגיעזע פראגראם האט דאך אויך אין עבר צוזאמענגעהאלטן דאס פאלק אונטער די קלעפ פון דער געשיכטע. צי קאנען אים געבן דאס זעלביקע בלויז נאציאנאלע פראגראמען פון אויטאנאמיזם, פאלעסטיניזם, יידישיזם, העברעיזם? צי אנטהאלטן די דאזיקע פראגראמען אין זיך תשובות אויף די אינהאלטן און די צילן פון מענטשלעכן לעבן, פון אינדיווידועלן און כלל־לעבן? גראד אין אונדזער היינטיקער תקופה, ווו אזויפיל שרייפלעך זענען איבערגעדרייט, ווו אזויפיל ליכטלעך זענען איבערגעברענט, שטעלן זיך פארן באוווסטזיין פון ערלעכן מענטשן, און פונם ארבעט־מענטשן באזונדערס, די אלטע, נישט פארענטפערטע, מאראליש־סאציאלע פראגן. אבער אין דער רחבות פון דער נאציאנאלער זעלבסט־באהויפטונג גייען אפטמאל פארלארן די הויכקייט און די טיפקייט פון אונדזערע פשוטע מענטשלעכע אידעאלן. די דאזיקע אידעאלן — פונם אינערלעך־פרייען און סאציאל־גלייכן מענטשן, פון מענטשלעכער חשיבות, פון איידעלע באציונגען צווישן מענטשן, פון מאראלישן יושר, שיינקייט און פרייד — זענען דאך אבער אין תוך דער זין פון דער געשיכטלעכער מענטשהייט. צי טראגט זיך היינט איבער די יידישע מאסן דער רוח הקודש פון די דאזיקע אידעען, צי שוועבט היינט א גרויסע אידעע ארום יידישע נאציאנאלע אינסטיטוטן? ווער קען דאס באהויפטן? צי קאן מען נישט אנדערש באהויפטן: אויב די היינט פארפעסטיקטע נאציאנאלע פאזיציעס וועלן זיך ווייטער אזוי „אימאנענט", פאר זיך אליין אנטוויקלען, וועט די סאציאלע און מאראלישע נשמה פון די מאסן זיך צעבייטן אויף קליינקייט, אויף קטנות המוחים, אדער זי וועט פארנומען ווערן פון רעפארמיסטישן און באלשעוויסטישן געדאנק. דער אויף זיך אליין באשרענקטער נאציאנאלער אימפעט וועט ווערן א קרבן פון די סאציאל־באנקראטירטע לעבנס־וועגן.

קעגן דעם הערשנדיקן נאציאנאלן פארמאליזם, קעגן דעם פארהערלעכן מלוכהשע אדער קולטורעלע נאציאנאלע פארמען אן יעטוועדער פארבינדונג מיט די גרויסע לעבנס־אינהאלטן — איז געקומען די צייט ארויסצוטרעטן. ווייל דאס וואס מיר זוכן צו באווארענען — איז ניט די נאציע אלס אזעלכע, אלס א זעלבסטצוועק; מיר זוכן צו באווארענען די נאציאנאלע עלעמענטן און פארבן פון דעם פאלקס־לעבן; די נאציאנאלע מקורים פון זיין מענטשלעך־סאציאלן און אינדיווידועלן שאפן. דעם שארפן חילוק מוז מען היינט, ווען די אלגעמיינע ווערטן זיינען פארטונקלט און כמעט ווי אויסגעשיילט פון זייער אינהאלט, באזונדערס אונטערשטרייכן.

* * *

צי באטייט אבער דאס בילד פון איצטיקן יידישן פאלקסלעבן נאר יאוש, נאר צער, נאר אויבערפלאכקייט? צי באטייט עס, אז דער יידישער ארבעטער איז פארמשפט נאר צו שטויסן זיך אין די ענגע ווענט פון נאציאנאלער אויפלעבונג, פון קולטורעלישקייט, פון פילאנטראפיע? צי איז די יידישע יוגנט געצוווּנגען נאר

נאָכצוקומען דעם לעבנס־פּיר פון די אייראָפּעיִשע ציוויליזירטע נאַציעס, נאָר אַרי־בערטראָגן אויף די יידישע גאַסן די געזעצן און מנהגים פון דער אַרומיקער וועלט? צום גליק איז דאָס נ י ט א ז ו י! ווייל אין יידישן פאָלק שפּרודלען אָן אויפ־הער שעפּערישע קוואַלן, ווייל די סימנים פון שעפּערישער קראַפט שפּירן מיר אומע־טום. טראָץ דער דריקנדיקער לאַסט פון פאַרשיידענע רעזשימען אין די לענדער, פירט דער יידישער אַרבעטער און בעל־מלאכה זיין ראַדיקאַלן קלאַסנקאַמף. צי ער איז אָרגאַניזירט אין אַ בונדישער פּאַרטיי, צי אין אַ פּועלי־ציוניסטישער (אין פּוילן, אין רומעניע, אין אַנדערע לענדער), צי ער באַוועגט זיך אונטער דער פאָן פון אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ראַטן־רוסלאַנד, דער יידישער אַרבעטס־מענטש און זיין יוגנט בויגן ניט דעם קאָפּ פאַר דער הערשנדיקער מאַכט. אין רוסלאַנד און אין פּוילן, אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון דער וועלט פאַר־לאָזן גרויסע יידישע שיכטן די אַלטע פּרנסה־זוכענישן און גייען אַריבער, זיינען יעדנפאַלס גרייט אַריבערצוגיין, צו פיזישער אַרבעט, צו ערד־אַרבעט, צו מלאכה. עס פאַלט די היסטאָריש־איינגעוואָרצלטע אַכטונג פאַר דעם האַנדל און פּאַרמיטלער־געשעפט; עס נעמט אַלץ מער אַרויסשפּראָצן די תשוקה צו אַ קאָלעקטיווער, אַ קאָאָ־פּעראַטיווער אַרבעט.

אונטערן דרוק פון געשעענישן קומט פאָר דער פּראָצעס פון אינערלעכער סאָציאַלער אומשיכטונג פון פאָלק, דאָס פאָלק טוט זיך אויס די אַלטע און נעמט אָנטאָן נייע סאָציאַלע בגדים. און די באַוועגונג פון דער ה ל ו צ י ם־יוגנט, פון דער פּאַלעסטינישער אַרבעטערשאַפט, פון די שטאָטישע און דאָרפישע קבוצות — וואָס פאַר אַ טיפן קוואַל פון באַגייסטערונג, פון ערנסטער איבערגעבנקייט צו דער אידעע זיי טראָגן אין זיך! צי קען די נייסטע געשיכטע פון פעלקער אָפט באַווייזן אַזעלכע ביישפּילן פון יוגנט, וואָס גייט נישט פּשוט אַוועק אין פאָלק, נאָר גייט אין די ווייטסטע וועגן ערשט ש א פ ן דאָס פאָלק מיט אַן אייגענער סאָציאַלער צוקונפט? גלייכצייטיק הערט ניט אויף צו לעבן און אַנטוויקלען זיך די יידישע קולטור, אַרויסברענגענדיק נייע זוכענישן און דערגרייכונגען אויפן פעלד פון ליטע־ראַטור, פון קונסט, אין דער שולבילדונג, אין דער פאַרטיפונג פון דער שפּראַך, אין די ערשטע פּרוּוון פון וויסנשאַפט. מיר גייען דאָ ניט אַריין אין וועלכע ניט איז אָפּשאַצונגען פון די באַוועגונגען, וואָס מיר רעכענען אויס. דאָס איז ניט אונדזער אויפגאַבע דאָ. אָבער מען מוז זען אין זיי אַלעמען די געבענטשטע לעבעדיקע קוואַלן פון מוט, העזה, גלויבן, וואָס נאָר מיט אַזעלכע כחות בויט מען נייע וועלטן. מיר זעען אין זיי די פרישע פאָלקסזאַפטן, וואָס פאַריינגערן דעם כלומרשט־פאַרעלטערטן אָרגאַניזם.

* * *

אָבער די דאָזיקע פונקען פון פאָלקס־ענערגיע זענען צעוואָרפן אין די ווייטסטע מרחקים. זיי זיינען נאָך ווייט פון פאַרבינדן זיך אין איין גרויסער געמיינזאַמער פייערדיקער כוואַליע. הינטער זיי שטייט ניט קיין איינהייטלעכע אוניווערסאַלע וועלט־אָנשויונג. איז עס אָבער וויכטיק דעם העזהדיקן ווילן צום לעבן, דעם

העלדישן מוט צו קרבנות פאנאנדערצוטראגן אין אלע תפוצות ישראל, אויף אלע געביטן פון יידישער ארבעט און שאפן. עס איז נייטיק דעם ענטוזיאזם וואס פלאקערט אין דער נאציאנאלער באוועגונג, צו פארקניפן מיט דעם סאציאליסטישן וועלטבאנעם, און דאס שטיל־פליסנדיקע טייכל פון וואכעדיק־סאציאליסטישער ארבעט אנצופילן מיט דער עכטער התלהבות. די אויפגאבע איז נאך גרעסער: דעם סאציאליזם גופא נאך אמאל צו דערקענען, ווי די צעשטערונג פון דעם היינטיקן לעבנס־ און געזעלשאפטס־פיר און ווי די אויפריכטונג פון א נייער מאראלישער וועלט־אָרדענונג. עס איז נייטיק ווידער אמאל דעם סאציאליזם צו דערקענען ווי א טעאריע און ווי א באוועגונג, וואס רעוואלוציאנירט נישט נאר דעם מיט וואלקן־פארדעקטן עתיד, נאר, אויך און דווקא דעם לעבעדיקן היינט, ניט נאר דעם אבסטראקטן און אומפאסבארן כלל, נאר אויך און דווקא דעם קעמפנדיקן יחיד. מיט דער גאלדענער רייף פון אן אבסאלוטער, קאמפסלוסטיקער, לעבנס־פרייידיקער וועלט־אנשויאונג איז נייטיק ארומצונעמען די איינצלנע באוועגונג און טריט פון דעם יידישן ארבעט־פאלק. די גרויסע היסטארישע ליניע פעלט דעם פאלק היינט אין דער צייט פון אידעישער וואקלדיקייט און מאטעריעלע מהומות. מען מוז זי זוכן.

* * *

מיר גייען ארויס פון דריי פארויסזעצונגען אין אונדזערע זוכענישן. מיר האלטן אז די וועלט איז אריין אין דעם גרויסן איבערברוך פון דער סאציאלער מחפכה. נאר בלינדע אדער מענטשן מיט פניות קענען וועלן באווייזן, אז נאך דער בלוטיקער וועלט־מילחמה און די טיפסטע אינעווייניקסטע צעטרייסלונגען קען די מענטשהייט פשוט „פארהיילן אירע וואונדן" און וויטער ציען דעם קאפיטאליסטישן פאדעם פון דער אנטוויקלונג. די סאציאלע און מאראלישע וואונדן בלוטיקן וויטער. די טרייסטלאזע עקאנאמישע לאגע פון די יידישע הארעפאשנע מאסן, די ניט אויפהערנדיקע שלעג פון די „קריזיסן" — זיינען ניט עפעס אנדערש, ווי די קערזייט פון דעם סאציאלן איבערברוך וואס גייט אין דער גאנצער וועלט. דעם פשוטן ארבעט־יידן, דעם „יידן פון א גאנץ יאר" מוז געגעבן ווערן ערלעך דאס גענויע בילד פון די פראצעסן, וואס דינאמיטיזירן די וועלט־ווירטשאפט און די וועלט־פאליטיק. זאל דער ייד נישט מיינען, אז די וועלט־געשיכטע וועט פארגעסן אן אים, אויב ער וועט זיך באהאלטן פון איר. עס וואלט געווען דאס גרעסטע פארברעכן, ווען מען וואלט — לויט דעם מוסטער פון די „רעאליסטישע" פאליטיקער— וועלן איינרייידן, אז די וועלט בארויקט זיך, אז זי סטאביליזירט זיך, אז דער גוואלטיגער ים פון מענטשלעכע צרות און כעס לאזט זיך אריינפירן אין די „געארדנטע" ברעגעס פון היינטיקע מלוכות.

אודאי וואלט עס צוריק געווען א לייכטזיניקייט צו זאגן, אז די אונטערערדישע פראצעסן, וואס גליען אומעטום — אפן צי באהאלטן, — האבן זיך שוין היינט פאראייניקט, פארשטייפט צו א איינהייטלעכן, קלאר־אויסגעשפראכענעם

סאָציאַלן איבערקער. דאָס איז געוויס ניט אַזוי; אָבער די פּראָצעסן זיינען דאָ. זיי זענען זיכטבאַר אין פּוילן, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, וואָס ראַנגלען זיך אין אָפענע קריזיסן. זיי זיינען דאָ אין אַ רויִק קריזעלנדיקן ענגלאַנד, אין פאַשיסטישן איטאַליע, ביי די שטורמיש־אויפוואַכנדיקע קאָלאָניאַלע פעלקער (כינע, אינדיע, אַראַבער); זיי זענען דאָ אין דעם טיף ביזן גרונד אויפגעטרייסלטן ראַטן־רוסלאַנד. אַלע די דאָזיקע נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דערשיטערונגען, אַלע די דאָזיקע גייסטיקע און מאָראַלישע אויפטרייסלונגען (ווי דער פאַשיזם, באָלשעוויזם, קאָלאָניאַלע אידעאָלאָגיעס) — זענען אין תוך סימפּטאָמען און דערשיינונגען פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס וואָס אַקערט איבער די וועלט. ניט קען דאָס יידישע אַרבעטס־פאָלק, וואָס איז איינגעקלעמט אין די אַלע לענדער און קולטורן, בלייבן דרויסן פון זיי, זיך עקאָנאָמיש־פּאָליטיש קאָנצענטרירן אין זיינע אייגענע נ א צ י אָ נ א ל ע ד׳ אמות? מאַכן דעם יידן באַוווסטזיניק פּאַרטרויט מיט דער שטילער מהפּכה, וואָס גייט אָן אין דער מענטשהייט, איז די ערשטע פליכט פון אַ יידישן סאָציאַליסט.

אָבער דער יידישער סאָציאַליסט מוז נישט נאָר ד ע ר ק ע נ ע ן דעם בלינדן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס. ער מוז אים אויך אָ נ ע ר ק ע נ ע ן, מ ק ב ל ז י י ן באהבה און זען אים אַנטוויקלען. דער יידישער סאָציאַליסט — נישט נאָר ער זעט גישט קיין באַרויקונג אין דער וועלט: ע ר ו ו י ל נ י ש ט די דאָזיקע באַרויקונג. אויב דער ים פון די מענטשלעכע צרות, טרערן און בימערע אַנטוישונגען, וואָס יידט מיטן ערלעכן פייער, וואָלט היינט — מיט דער הילף פון פאַלשע נביאים — פאַרשטומט געוואָרן, וואָלט דאָס געווען די ט י פ ס ט ע ב אַ ל יי ד י ק ו נ ג פאַר די מיליאָנען אומשולדיק־געפאַלענע און פאַר דעם כבוד פון דער לעבעדיקער מענטשהייט. די פעלקער האָבן צו גיך גענומען פאַרגעסן, וואָס ס׳איז מיט זיי גאָרנישט לאַנג געשען. דאָס שרעקלעכע און אומפאַרשטענדלעכע איז דאָס, אַז אויך די יידישע מאַסן האָבן צו גיך אַריבערגעוואָרפן דעם מילדן שלייער פון שכחה אויף זייערע גאָרנישט לאַנגיקע ליידן. צי זאָל זיך איבערחזרן דאָס בילד פון ביאַליקס „העלדן" אין דער שחיטה־שטאָט, וואָס גייען רויק אַריבער פון דער שחיטה צו דער וואָכעדיקער אַרבעט? זאָל טאַקע דער יידישער אַרבעטמענטש רויק צוהערן זיך צו די מלוכהמענישע געזאַנג־פייגל און וואַרטן געדולדיק, ביז די „אויסגערוטע" וועלט וועט זיך ווידער נעמען צו דער שחיטה־פּאָליטיק און מענטשן־פאַרניכטונג? זאָל טאַקע נאָך דער גוואַלטיקער צעטרייסלונג פון די לעצטע צוועלף יאָר ווייטער הערשן די פריערדיקע גייסטיקע גייסטלאָזיקייט, סאָציאַלע קנעכטונג, מאָראַלישע דערנידערונג פון מענטשן?

דער יידישער סאָציאַליסט פ אַ ר ל אַ נ ג ט מיט זיין גאַנצן מחות דעם ראַדיקאַלן איבערבוי פון דער היינטיקער וועלט־אָרדנונג, און דערפאַר זוכט ער אריינצולייגן זיך אינגאַנצן אין די סטיכישע פּראָצעסן, פאַרוואַנדלען זיי אין אַ באַוווסטזיניקן, קלאָר־דורכגעטראַכטן און דורכגעפילטן פּראָצעס פון סאָציאַלן איבערקער. דער יידישער סאָציאַליסט זעט אין אירע צעשטערונג־גוואַלטן די פאַרייִנגערונג פון

דער מענטשהייט און פון יידישן פאָלק. ער זוכט אָבער דערביי אַריינצופירן דעם יידישן אַרבעטמענטש אין דעם פּראָצעס ווי אַ פאַראַנטוואָרטונגספולן אחריותדיק האַנדלענדיקן סוביעקט, וואָס וועט נישט לאָזן זיך פאַרשקלאַפן צו פּאַרטייען, צו מענטשן, צו שטיבלעך־דיקטאַטאָרן, אפילו ווען זיי טרעטן אויף לשם שמים. דער יידישער סאָציאַליסט איז דער קעגנער פון אַ בירגערלעכער סתם־דעמאָקראַטיע, אָבער נאָר דערפאַר ווייל ער וויל זי פאַרבייטן דורך דער עכטער אַרבעט־דעמאָקראַטיע, וואָס איז אַ שונא מוחלט צו דער ממשלה ס י י  פ ו ן  ק אַ פּ י ט אַ ל, ס י י  פ ו ן  פּ אַ ר ־ ר ע וואָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן.

* * *

מען דאַרף אַריינבלאָזן אַ מאָראַליש־רעוואָלוציאָנערן גייסט אין דעם פּאָלשן פּ אָ ל י ט י ש ן לעבן פון יידישן פאָלק, נישט וואָרטנדיק ווי שטענדיק, אַז זיי, די אומות העולם, זאָלן אָנהויבן פריער. ווייל פאַר דער וועלט־בויונג טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט יעדעס פאָלק און יעדער מענטש, ראשית כל, פאַר זיך אַליין. מען דאַרף אויפטרייסלען דאָס באַוווסטזיין פון יידישן פאָלקס־מענטש, אויפווייזנדיק אים אויף די גרויסע ס כ נ ו ת, וואָס לויערן נאָך זיין יעדן טריט, אויף די ליכטיקע  א ו י ס ז י כ ט ן, וואָס שטייען פאַר דער מענטשלעכער צוקונפט, אויף די  כ ו ח ו ת, וואָס עס טראָגט אין זיך דאָס פאָלק. מען דאַרף וועקן אין אים דעם שטאָלץ און דעם ווילן צו פאַרקניפּן זיין נאַציאָנאַלן רענעסאַנס מיט דער טיפסטער מאָראַלישער איבערקערעניש פון מענטש און ייד. מען דאַרף אַריינטראָגן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט אין דעם אינערלעכן לעבן פון די מאַסן, אין זייער עקאָנאָמישער אַרבעט (אָדער אַרבעטסלאָזיקייט), אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבנספּיר. מען מוז צעשטערן דעם היסטאָריש איינגעפונדעוועטן הענדלערישן פּרנסה־באַגריף, וואָס ליגט ווי אַ בארג אויף די פּלייצעס פון יידישן פאָלקס־מענטשן; פּרנסה־זוכן מוז זיך פאַרוואַנדלען אין זוכן פּראָדוקטיווע און קאָלעקטיווע אַרבעט, פאַרבונדן אין און איינהייטלעכן לעבנס־פּראָגרעס. וועט אָבער דער ווינט פון זוכענישן פון נייע גייסטיקע ווערטן אַריינרייסן זיך אין לעבן פון יידישן פּרט און פון כלל, אין די באַציונגען פון מענטש צו מענטש, וועט דאָס ממילא שוין זיין אַ פאַרטיפונג פון אונדזער  נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן  קיום אַ סך מער, איידער פּראָפּאַגאַנדע אָדער אויפבויונג פון ריין־נאַציאָנאַלע אינסטיטוטן. אַ קבוצה אין פּאַלעסטינע, אַ יידישער דאָרף־קאָלעקטיוו אין אַרגענטינע צי אין רוסלאַנד, אַן אַרבעטער־אַרטעל אין פּוילן, איז היינט אפשר דער אמתער טרעגער פון נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער אויפלעבונג.

מען מוז אַריינציען אין דער נייער תקופה די ברייטסטע יידישע סאָציאַלע שיכטן, נישט נאָר די אַרבעטערשאַפט אַליין. די מאַסן, וואָס לעבן טאָג איין טאָג אויס מיט זייערע נויטן, וואָס שטיקן זיך אין דער פאַרסמטער לופט פון רדיפות און שנאה — מוזן דערזען פאַר זיך די אויסבליקן אין אַן אַנדער וועלט, וואָס איז פול מיט שטאָלץ, מיט אמונה, מיט יושר און שיינקייט. זאָלן זייערע ליידן פון די

רדיפות, זאָלן זייערע אומווירדיקע קליינלעכע נויטן נישט אומזיסט פאַרלאָרן גיין אין דעם היסטאָרישן שטראָם: זאָלן זיי גיין לטובת דער וועלט־דערלייזונג. מען מוז אַרויסרייסן די מאַסן פון זייער קליינבירגערלעך־פּאַטריאַרכאַלישער סביבה, און מען מוז זיי העלפן אָפּשיידן זיך גייסטיק און פּאָליטיש פון זייערע ביז־איצטיקע באַלעבאַטישע מנהיגים און פאַרזאָרגער. מען דאַרף מיט דעם גאַנצן פייער פון יידישער נשמה מיטהעלפן דעם אַלוועלטלעכן קאַמף פאַר דער מענטשהייט־באַפרייונג. נישט נאָר מיטהעלפן, נאָר אויך טרייבן פאָרויס.

* * *

און אַז מען וועט פרעגן — צי איז דאָס אַלץ *מעגלעך*, היינט, אין דער צייט ווען דאָס יידישע פאָלק לעבט דורך די שווערסטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קריזיסן? וועלן די יידישע סאָציאַליסטן ענטפערן: *יאָ, ס'איז מעגלעך, ווייל עס איז נויטיק, ווייל ס'איז ריכטיק.*

מיר זענען נישט קיין אָנהענגער פון יענער כלומרשט וויסנשאַפטלעכער שיטה, וואָס זוכט פאַר יעדן מענטשלעכן אנטשלוס די הסכמה פון „היסטאָרישע געזעצן". דער מאַרקסיזם האָט נישט באַוויזן אין די אַנטשיידנדיקע יאָרן פון זיין גדולה — נישט פאָרויסצוזען די וועלט־געשיכטע, נישט צו מייסטערן זי, נישט צו שאַפן די פאַר דער געשיכטע פּאַסנדיקע כאַראַקטערן. דער מאַרקסיזם האָט אויסגעבילדעט, פאַרקערט, אַ פּסיכאָלאָגישן און מאָראַלישן טיפּ פון „קעמפער", וואָס האָט פאַרהויקערט זייער אייגענעם רעוואָלוציאָנער באַוווסטזיין, וואָס האָבן געפּענטעוועט די שעפערישע כוחות פון די אַרבעטנדיקע, וואָס האָבן געשאַפן אַ קאַסטע פון וויסנשאַפטלעכע כהנים. ס'איז קיין נפקא מינה נישט, צי די מאַרקסיסטישע כהנים האָבן געהייסן דעם פאָלק *צופּאַסן* זיך צו דעם געמיטלעכן גאַנג פון דער געשיכטע און אין פּריווויליקער הכנעה טראָגן דעם סאָציאַלן געביי פון דעם היינט. צי די כהנים האָבן איבערגענומען אויף זיך צו *שטורעמען* די וועלט און אַרויספירן דאָס פאָלק צו די נייע ברעגעס פון לעבן: ווייל סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן קאָנפיסקירט דעם פרייהייטלעכן באַוווסטזיין פון אַרבעטנדיקן יחיד, זיין לעבעדיקן געוויסן, זיין פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטונג־געפיל. אָט זיי, די קענער פון די וועלט־געשיכטלעכע סודות, פון די אייזערנע היסטאָרישע געזעצן, האָבן טאָג־טעגלעך געפּסקנט, וואָס איז *מעגלעך*, און וואָס איז *אוממעגלעך*.

אָבער זשיטלאָווסקי האָט שוין אַמאָל ריכטיק געשריבן: „לאָזט אונדז צו רו מיט אייערע „אוממעגלעכקייטן" און אייערע „געזעצן"! אויב עס עקזיסטירט שוין יאָ אַ געזעץ אין דער געשיכטע, איז דאָס יענער, וואָס זאָגט אַז דאָס, וואָס איז אין איין צייט פאַר איין דור אוממעגלעך, קען אין דער אַנדערער צייט פאַר אַן אַנדער דור נישט נאָר ווערן מעגלעך, נאָר אַפילו אַ צווינגענדיקער „מוז". — דער יידישער סאָציאַליסט מוז, ראשית כל, אַפּעלירן צו דעם לעבנס־דורשט, וואָס דרינגט צו דעם יידישן פאָלקס־מענטשן, צום אייזערנעם ווילן צום קיום, צום היסטאָרישן

ר צ ו ן, וואָס הערשט אין אים פון אייביק אָן. דער דאָזיקער רצון, געלייטערט אין דעם גרויסן סאָציאַליסטישן אידעאַל, בויגט נישט איין דעם קאָפּ פאַר דער היס־טאָרישער נויטווענדיקייט״.

ער זוכט, ווי נאָר מעגלעך, אויסצונוצן איר שטראָם פאַר דער באַפרייונג פון יידישן אַרבעטפאָלק. אָבער דאָרטן און דעמאָלט ווען דער היסטאָרישער שטראָם אַרבעט ק ע ג ן דער דאָזיקער באַפרייונג, ווו ער שטעלט אַוועק דעם אַרבעטמענטש פאַר אַ סאָציאַלן און גייסטיקן אָפּגרונט, דאָרטן און דעמאָלט מוז דער יידישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער רצון אַרויסטרעטן ק ע ג ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע. די נייע וועלט קען איבערהויפּט אויסגעקעמפט ווערן נאָר ק ע ג ן די געזעצמעסיק־פּליסנ־דיקע וואַסערן פון דער היסטאָריע. אויך די יידישע נייע וועלט וועט נישט אַנדערש געבוירן ווערן.

אָרגאַניזירן דעם יידישן רצון, פאַרטיפן און פאַראייניהייטלעכן זיין אידעאַל, דאָס „אוממעגלעכע״ אין היינטיקן טאָג פאַרוואַנדלען אין אַ מעגלעכן מאָרגן — איז דאָס נישט די הויפּט־אויפגאַבע פון יידישן סאָציאַליזם?

(„פרייע שריפטן״, סעפטעמבער, 1926)

# פּאָליטיק און מאָראַל

I

אַפילו די פּשוטע צונויפפּאָרונג פון דידאָזיקע ביידע באַגריפן — פּאָליטיק און מאָראַל — שיינט צו זיין אַ שווערע און אַ העזהדיקע. איז דאָך יעדערער פון די ביידע באַגריפן פאַר אונדז נישט קיין ניי־געבוירן קינד. סיי „פּאָליטיק" סיי „מאָראַל" איז דאָך פון טויזנטער יאָרן אַרומגעוויקלט מיט אַזאַ געדיכט געוועב פון דערפאַרונגען, פאָראורטיילן, טעותן און פאַרברעכנס! פּאָליטיק — דאָס איז דורכגעטריבענע, לעבנס־דערפאַרענע מענטשן־פאַראַכטנדיקע אַרבעט פון פירן און פאַרפירן מענטשן. פּאָליטיק יאָגט זיך נאָך דעם תיכפדיקן דערפאָלג, טרעט אויפן וועג יעדן עטישן גדר, קליבט בכלל נישט אויס צווישן שלעכטע אָדער גוטע וועגן. מאָראַל דאָס איז געלייטערטע, לעבנס־פרעמדע, צו גאָט־דינענדיקע אַרבעט אין און צוליב דער נשמה פון מענטשן. מאָראַל זוכט צו געווינען נישט אַ דערפאָלג, נאָר אויסצובויען די ריכטיקע וועגן, קען מוותר זיין אויף דערפאָלגן, אויב זיי צעטרעטן אירע געבאָטן. דער טאָג־טעגלעכער קליינלעכער קאַמף אויף דער ערד, און די מיט אייביקייט פאַרבונדענע הימלדיקע מאָראַל — וואָס פאַר אַ לייטער פירט דען באמת פון דער ערד צו דעמדאָזיקן הימל? ווי קען מען גאָר אין איין אָטעם דערמאָנען דעם מגושמדיקן באַגריף פון פּאָליטיק און דעם פאַרחלשטן באַגריף פון מאָראַל?

צי זענען גאָרנישט געגעבן אַלע יענע וואָס שיידן פונאַנדער — צי פון אָפּענעם ציניזם צי פון יראת הכבוד — די ביידע דאָזיקע וועלטן? מאָראַל — זאָל זי שטיין העכער איבער די זינדיקע מענטשלעכע קעפּ, הויך אויף אומדער־גרייכבאַרע בערג, ווו דער קריסטאַל־ווייסער שניי ליגט, און זאָל זיך צו איר ריינעם שניי־ווייסן קלייד נישט צורירן אַפילו אַ שפּור פון דער זינדיקער ערד. דערפאַר פּאָליטיק — זאָל זי זיך וואַלגערן אין די שמוציקסטע גאַסן פון וועלט און געזעלשאַפט, זאָל זי זיין לעבנסמונטער און דערפאָלגרייך, זאָל זי נישט אָפּ־שוואַכן איר טעמפּ און איר ברען דורך שטענדיק אומקוקן זיך אויף דער הויכער מאָראַל. ביודעים ובלא יודעים פאַררוקט מען מאָראַל אין די הויכן, כדי פרייער צו אָטעמען אין דער טיף. מען זאָגט זיך דערביי: נאָר איינצעלנע מענטשן אָדער עפּאָכן, יידי סגולה, קענען פאַראייניקן אין זיך דאָס אייביק־מאָראַלישע מיט דעם

ערדיש־קאָנקרעטן. אַ פראַנטשישקאַ פון אַסיז, אַ בעל־שם־טוב, אַ ווילנער גאון, אַן אי־וואַן קאַליאַעוו — זענען אפשר געווען אַזעלכע מענטשן — יחידי סגולה. און אויך אויף אַלע גרויסע עטאַפּן פון דער וועלט־געשיכטע (אין רעליגיעזע רעפאָרמאַציעס, אין סאָציאַלע רעוואָלוציעס) פלעגט אפשר פאָרקומען דער ווּנדערלעכער צוזאַמענשלוס פון אייביקייט מיטן היינטיקן טאָג, פלעגט דער בליץ פון אידעע דורכרייסן די הימלען און אַריינשלאָגן אין די הערצער פון דעם פּשוטן מענטשן. אָבער דווקא דערפאַר זענען אַזעלכע מענטשן און עפּאָכן נאָר אויסנאַמען, וואָס קענען נישט ווערן און טאָרן נישט ווערן אַ שטענדיקע מאָס פאַר דער מענטשהייט...

די צונויפפאָרונג פון פּאָליטיק און מאָראַל האָט אָבער שטענדיק געלעבט ווי אַ בענקשאַפט אין די מענטשלעכע געמיטער. און פון צוויי קעגנגעזעצטע זייטן האָט מען שטענדיק געשלאָגן מיט טיפע קלעפּ דיזאָזיקע בענקשאַפט. פון איין זייט דער פּאָזיטיוויזם, פון דער אַנדער זייט — דער פילאָזאָפישער אידעאַליזם. דער *פּאָזיטיוויזם*, וואָס איז אויפגעטראָטן סיי ביאָלאָגיש (ביי דאַרווינען און זיין שול), סיי סאָציאָלאָגיש (ביי אויגוסט קאַנטן און זיינע תלמידים), איז געקומען מיט דעם גרעסטן גלויבן אין זיין וויסנשאַפטלעכער מיסיע. נישט פון רעליגיעזע אָדער עטישע אידעען איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דער דערקענטעניש פון נאַטור און וועלט, נאָר פון דערפאָרונג, פון די פאַקטן. האָט ער „אויפגעוויזן” די נויט־ווענדיקע אַנטוויקלונג־ליניע הן פון מענטשן־געשלעכט הן פון זיין (ביאָלאָגישער אָדער סאָציאָלאָגישער) סביבה, איז ער פּטור געווען פון וועלכע נישט איז אייביקייט־אידעען. אייביק איז געווען טאַקע נאָר די אַנטוויקלונג פון פאַקטן. דאָס סאָציאַלע לעבן פון מענטשן, פעלקער, מלוכות איז נישט קיין אויסנאַם. עס אַנטוויקלט זיך לויט אומפאַרענדלעכע געזעצן, אין וועלכע עס שטעקט נישט קיין *דערפילונג* פון מענטשלעכער נביאות אָדער דיכטונג אָדער באַוווסטזיניקע אידעאַלן. קיין שום מאָראַלישע צילן און היסטאָרישע אויפגאַבן קענען נישט ווערן אַרויפגעוואָרפן אויף דעם צוקונפטיקן גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. די פרייהייט פון מענטשן איז נאָר צופּאַסונג צו דעם קאָנקרעטן היסטאָרישן שטראָם, וואָס פליסט דורך אים אָדער פאַרביי אים. „פּאָליטיק” איז אַלזאָ נישט מער ווי אַ וויסנשאַפטלעך־דער־קאַנטע און אָנגעווענדטע צופּאַסונג צו די טאָג־טעגלעכע אויפגאַבן פון לעבן. ס'קען אַלזאָ קיין רייד נישט זיין וועגן דורכדרינגונג פון מעגלעכן לעבן מיט מאָ־ראַלישע אידעען און פלענער, וואָס זענען נישטאָ אין דער אייזערנער קייט פון די פאַקטן, וואָס טרעטן אויף *קעגן* זיי מיט אַן אייגענער נישט־ווייניקער באַהערשנ־דיקער מאַכט. דער פּאָזיטיוויזם האָט אָפּגעריסן די פּאָליטיק פון דער מאָראַל. (1)

פונקט אַזוי האָט דער פילאָזאָפישער *אידעאַליזם* אָפּגעריסן די מאָראַל פון דער פּאָליטיק. דער אידעאַליזם האָט אין משך פון דורות אָנגענומען פאַרשיי־דענע פאָרמען, אָבער ער האָט שטענדיק געהאַט איין געמיינזאַמע נאַטור. ער האָט

---

1) דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט צו טאָן מיט דעם, וואָס איינציקע פּאָזיטיוויסטן זענען געווען די העכסטע פאַרטרעטער פון מאָראַלישער טאַט.

פֿראָקלאַמירט אייביקע עטיש־רעליגיעזע פֿאָרמולעס, וואָס האָבן זיך הימלווייט דערהויבן איבער דער מענטשהייט. צי דאָס איז געווען די עטיק פֿון קאַנטן, וואָס האָט אַרויפֿגעזעצט אויפֿן עטישן טראָן די אידעע פֿון קלאָר־קאַלטן חוב פֿון דעם מענטשן בנוגע זיינע מיטמענטשן; צי דאָס איז געווען די עטיק פֿון אַ טאָלסטאָי, וועלכע האָט געזוכט אַרומצונעמען די מענטשהייט אין דעם האַרץ־וואַרעמען רינג פֿון ליבע; צי דאָס איז געווען די עטיק פֿון ניטשען, וועלכע האָט דורך טיפֿסטער פֿאַראַכטונג צום היינטיקן מענטשן געוואָלט אים אַריבערנעמען צו אַ הערשאַפֿט פֿון איבערמענטשלעכע גייסטיקע ברידער. שטענדיק איז אָבער די מאָראַל פֿון דעם אידעאַליזם געשטאַנען איבער דעם לעבן, געווען אָפּגעריסן פֿון די בלוטיקע מענטשלעכע ליידן און פּיין פֿון דעם היינטיקן טאָג. די אידעען פֿון די פֿילאָזאָפֿישע אידעאַליסטן האָבן געשיינט ווי די שטערן אויף דעם אייביקן הימל פֿון דער מענטשהייט, זיי האָבן ווי די אייביקע שטערן פֿון אויבן באַגלייט דעם קאָנקרעטן גאַנג פֿון דער געשיכטע, אָבער זיי האָבן זיך נישט אויסגעמישט מיט דער געשיכטע גופֿא. זיי זענען געווען אין דעם זין איבערהיסטאָריש. די מאָראַלישע אידעען האָבן זיך שטייף און אומבויגזאַם געווענדט צו אַלע עפּאָכן און לענדער, האָבן נישט געזוכט צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין קאָנקרעטע פּראָגראַמען פֿון היסטאָרישער פּאָליטיק. אייביקייט פֿון מאָראַל האָבן דידאָזיקע סיסטעמען קעגנגעשטעלט דער רירעוודיקייט פֿון דעם וואָכנטאָג. און זיי האָבן נישט איינגעזען, אַז די אייביקייט פֿון אידעען באַשטייט דווקא אין זייער היינטיקייט בבל דור ודור, אין זייער אייביק זיך באַנייענדיקער צייטיקייט.

קאַנט האָט געשריבן, אַז צוויי זאַכן פֿילן אָן זיין געמיט מיט שטענדיק נייער און שטאַרקערער באַוווּנדערונג און יראת הכבוד: דאָס איז דער אויסגעשטערנטער הימל איבער אים און דאָס מאָראַלישע געזעץ אין אים. אינדערעמתן איז די מאָראַל זיינע אויך געווען, ווי די שטערן: איבער דער מענטשהייט, נישט אין איר. ס'איז מאָדנע צו הערן, אָבער ס'איז טאַקע אַזוי: סיי דער פּאָזיטיוויזם, סיי דער אידעאַליזם, ביידע האָבן אַרויסגענומען פֿון דער לעבעדיקער מענטשןגעשיכטע דעם עלעמענט פֿון מאָראַל אַלס ציל, ווי אַ לעצטע היסטאָרישע אויפֿגאַבע. די צונויפֿבינדונג פֿון דער מענטשהייט־געשיכטע אַזוי, אַז זי זאָל אין איין איינהייטלעכער ליניע, דורך אַ קאָנקרעטן היסטאָרישן וועג, פֿריי פֿירן פֿאָרויס צו אַ ציל, באחרית הימים — איז כמעט ווי פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אָט אַזוי איז פֿון צוויי זייטן אידעאָלאָגיש געאַרבעט געוואָרן אויף פֿונאַנדערצורייסן די פֿאַרבינדונג פֿון פּאָליטיק און מאָראַל. ס'איז אַפֿילו אָפּטמאָל געשען אַזוי, אַז די ביידע צדדים האָבן זיך קעגנזייטיק געאַכטעט און געלאָזט יעדן אַרבעטן פֿאַר זיך לויט דעם אַלטן צביעותדיקן מוסטער פֿון די גרויסע רעליגיעס: וואָס צו גאָט איז צו גאָט, וואָס צום קייזער איז צום קייזער...

## II

אַט די צעשפּאַלטנקייט האָט זיך, פֿאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעשטעלט אויף פֿאַר דער גרעסטער סאָציאַל־עטישער באַוועגונג פֿון אונדזער צייט. זי האָט זיך מיט אַ געוואַלטיק־פֿאַרניכטנדיקער קראַפֿט אַריינגעריסן אין דעם לאַגער פֿון סאָציאַליזם. דערין טאַקע באַשטייט היינט זיין אינערלעכער טיפֿער קריזיס.

דער אָפֿיציעלער סאָציאַליזם פֿון די לעצטע 60 יאָר ווי ער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, (1) האָט אַריבערגענומען צו זיך אַלע איינגנשאַפֿטן פֿון דעם פּאָזיטיוויזם. איז ער דאָך געבוירן געוואָרן אין דעם דור פֿון דאַרווינען און קאַנטן. עס האָט געמוזט באַוויזן ווערן וויסנשאַפֿטלעך, אַז די סאָציאַליסטישע גאולה „מוז" קומען לויט שטרענגע סאָציאָלאָגישע געזעצן. ס'איז געבוירן געוואָרן אַ נייער היסטאָרישער גאָט אָדער, בעסער געזאָגט, אַ גאָט פֿון דער היסטאָריע, וואָס פֿירט דורך זיין אייגענער איבערמענטשלעכער השגחה צו באַשטימטע עטאַפּן. דערדאָזיקער גאָט האָט אַראָפּגענידערט פֿון הימל און האָט זיך פֿאַרקערפּערט אין די אומאָפּהענגיקע עקאָנאָמישע פּראָדוציר־כוחות פֿון דער געזעלשאַפֿט. די עקאָנאָמישע פֿאַקטן און באַציונגען זענען דער איינציקער באַשטימענדיקער מאַטעריאַל פֿון דער מענטשהייט־געשיכטע, פֿון זייער אַנטוויקלונג וועט דער סאָציאַליזם אַמאָל אַרויספֿליסן מיט אַ נאַטור־נויטווענדיקייט. ער וועט אַרויספֿליסן נישט ווי אַן איד עאַל, פֿריי אַרויסגעשטעלט פֿון דעם מאָראַלישן באַוווּסטזיין און אויסגעקעמפּט דורך דעם מאָראַלישן רצון פֿון מענטשן. ער וועט אַרויספֿליסן ווי אַ פֿאַקט־רעזולטאַט פֿון אַ געוואַלטיקער ריי היסטאָרישע פֿאַקטן, — סיבות, וואָס באַוועגן זיך לויט זייערע אייגענע סטיכישע אַנטוויקלונג־געזעצן אָבער בכלל נישט לויט אַרויסגעשטעלטע מאָראַלישע פּלענער. געוויס איז דער פּראָלעטאַריער, וועלכער נעמט אָנטייל אין קלאַסן־קאַמף, באַטייליקט דערביי אויך מיט זיין נשמה, מיט זיין עטיק, מיט זיין ווילן. אָבער די אַלע דאָזיקע „לופֿטיקע" עלעמענטן זיינען נאָר רינגעלעך, וואָס קייטלען זיך אין דער היסטאָרישער קייט פֿון אַנטוויקלונג. די אַנטוויקלונג וועט ברענגען דעם קאַפּיטאַליזם צו אַ צושטאַנד פֿון אויפֿבוי, פֿון אָנזאַמלונג פֿון קאַפּיטאַל, פֿון קאָנצענטראַציע פֿון אַרבעטער. דורך זיין טעגלעכן קאַמף ווערט דער אַרבעטער געגליכן צו אַ וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער קראַפֿט. דער קאַפּיטאַליזם שמידט אויס זיין אייגענעם קברות־מאַן, דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס נעמט אַריבער אויף זיך — ווען די שעה וועט שלאָגן — די ווייטערדיקע פֿירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט.

מען קען לייכט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס אַזאַ טעאָריע פֿון סאָציאַליזם האָט געמוזט האָבן די גרעסטע השפּעה אויפֿן אַרבעטער־מענטשן. אין דער נייער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווו זיין רעוואָלוציאָנערער פּראָטעסט האָט זיך ערשט גענומען

---

1) מיר ריידן דאָ וועגן רעפֿאָרמיזם און ער קאָן זיין, פֿאַרשטייט זיך, אויך נישט מאַרקסיסטיש. אָבער די הויפּטריכטונג אין אים איז דער מאַרקסיזם, און אויך די אַנדערע זיינען ענלעך צו אים.

אַנטוויקלען, האָט ער נאָך געטאַפּט אין דער פינצטער. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין וואַנט צו דער אַנדערער. דאָ האָט ער אין בלינדן האַס פאַרניכטעט די מאַשינעס, דאָ האָט ער ווי אַ קליין קינד געלייגט אַלע האָפענונגען אויפן געזעצגעבער, דאָ האָט ער געגאָסן זיין בלוט אויף די באַריקאַדן, דאָ האָט ער זיך געוואָלט פאַרשפאַרן אין זיינע ריין־ווירטשאַפטלעכע פאַרבאַנדן. זיין בליענדיקער עטישער רצון האָט זיך אומעטום אַנגעשטויסן אויף מכשולים מצד די פאַקטן, אויף די פאַרפלאָנטערטע וועלדער פון פאַקטן. הערלעכע אוטאָפּיעס פון די ערשטע סאָציאַליסטישע קאַמפן זיינען דערשטיקט געוואָרן אין דער מפּלה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין יאָר 1848. דאַן איז געקומען דער מאַרקסיזם און האָט אַריינגעטראָגן אַ סדר אין די פאַרפלאָנטערטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַקטן. ער האָט באַוויזן די נויטווענדיקייט פון די פאַקטן פאַר דער קעגנוואַרט און די *נויטווענדיקייט* וואָס פירט דורך זייער אַנטוויקלונג צו דעמזעלביקן סאָציאַליזם, וואָס אַלע ווילן אים האָבן. דער פסיכאָלאָגישער אָנשפּאַר, וואָס אַזאַ וויסנשאַפט האָט אַריינגעבראַכט אין דער נשמה פון סאָציאַליזם, איז געווען אומגעהויער. מען האָט פּלוצים געקראָגן די פעלדזן־פעסטע איבערצייגונג, אַז די גליענדיקע חלומות פון מענטשן זיינען אַריינגעוועבט אין דער געשיכטע אַזוי טיף, אַז די געשיכטע און די צייט אַליין „אַרבעט פאַר אונדז". דער קאַפּיטאַליזם איז באַלויכטן געוואָרן דורך דעם נייעם ליכט אַלס אַ דירעקטער שותּף צום סאָציאַלן פּראָגרעס. דער פּראָלעטאַריער האָט נישט געדאַרפט מער רעגולירן די געשיכטע לויט זיינע אייגענע מאָראַלישע אָפּשאַצונגען און פּלענער; ער האָט נאָר געדאַרפט דערפילן די „מוזן", וואָס פירן פון איין סאָציאַלן סיסטעם צום אַנדערן.

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן אַ היפּוך. נישט דער קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן אַ שותּף צו דער סאָציאַלער באַפרייונג, נאָר פאַרקערט: דער אַרבעטער־קלאַס איז אַלץ מער געוואָרן אַ *שותּף צום קאַפּיטאַליזם*. ער האָט זיך באַוווסטזיניק אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט זיינע אינטערעסן, אַז די אינטערעסן פון סאָציאַליזם האָבן גענומען אַלץ מער פאַרבלאַסן און פאַרשווינדן. אַ שותּף און דערצו נאָך אַ צוקונפטיקער יורש היט פּריער פון אַלץ אָפּ די געמיינזאַמע באַלעבאַטישקייט. אַזאַ אויפריכטיקער היטער איז דער דאָזיקער סאָציאַליזם געווען אייגנטלעך שוין פאַר דער מילחמה, אין די „פרידלעכע" צייטן. אָבער באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעך האָט ער זיך דערפילט נאָך דער מילחמה, בעת ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע כוחות ווידער אויפריכטן דאָס פאַרלוירענע „גלייכגעוויכט" פון דער ווירטשאַפט. דאָס גלייכגעוויכט איז אָבער דער *קאַפּיטאַליסטישער* סדר. אין ענגלאַנד באַמיט זיך די געווערקשאַפט־מאַכט פון די אַרבעטער — דורך אונטערהאַנדלען מיטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס — צו שאַפן אַ געמיינזאַמען סאָציאַלן שלום. אין דייטשלאַנד קומט פאָר אין סעפּטעמבער 1928 דער געווערקשאַפט־קאָנגרעס אין האַמבורג, און דאָס הויפּט־פּראָבלעם איז: ווי שאַפט מען „ווירטשאַפט־דעמאָקראַטיע". ווירטשאַפט־דעמאָקראַטיע איז דאָס נייע מאַגישע וואָרט, וואָס זאָל דעם אַרבעטס־

מענטשן נאָך פעסטער ווי פריער צושמידן צו דעם בירגערלעכן רייטוואָגן. וואָס זאָגן די טעאָרעטיקער פון דער נייער סאָציאַליסטישער מאַגיע?

היות ווי דער קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן איצט מאָנאָפּאָליסטיש און צענטראַליזירט, היות ווי אונטער זיין ממשלה שטייען היינט געוואַלטיקע מאַסן פון פּראָלעטאַריער, געפּלאָגט מיט דער בייטש פון „ראַציאָנאַליזירונג" — מוז מען... זען צו קריגן אַן איינפלוס אויף די טרעסטן און מאָנאָפּאָלן. ווי קריגט מען דעם איינפלוס? דורך קאַמף קעגן טרעסטן? חס ושלום; „די געווערקשאַפטן מוזן קעמפן דערפאַר, אַז זיי זאָלן קענען נעמען אָנטייל אויך אין דער פירונג פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָל - אָרגאַניזאַציעס". מען דאַרף נישט באַזיצן פיל פון דעם כוח הנבואה כדי פאָרויסצוזען דאָס בילד, ווען אין די פּראַקטיקע זאָלן פון די טרעסט־לייטונגען וועלן זיצן צוזאַמען די טרעסט־פירשטן מיט די אַרבעטער־פירער. צי וועלן זיי דאָרטן באַקעמפן די טיראַניע פון קאַפּיטאַל, צי וועלן זיי גאָר זאָרגן צוזאַמען וועגן מאַרק, וועגן פּרייזן, וועגן אויסבויען די „פאָלקס־ווירטשאַפט"? פון אַזאַ צוערשט ווירטשאַפטלעכער שותפות וועט אויטאָמאַטיש אויסוואַקסן שפּעטער אויך אַ מיליטאַריסטישע ברודערשאַפט אויף די שלאַכט־פעלדער. צי קלינגט נישט אַ בלוטיקער חוזק אין אָט־די באַרימערישע ווערטער פון דייטשן געווערקשאַפט־פירער טאַרנאָוו אין האַמבורג: „מיר טרעטן צו נענטער צום קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, אָבער ווי אַ מיליטערישע מאַכט טרעט אַרויס אין קריג אויפן פראָנט... דער קלאַסנקאַמף איז פון דער גאַס אַריבער אין דעם פאַרהאַנדלונג־צימער. דאָס איז „פּאָליטיק" פון אַרבעטער־קלאַס! דאָס זעלבע אין דער קאָלאָניאַל פראַגע, אין דער אונטערדריקונג פון הונדערטער אייגנאַרטיקע פעלקער און קולטורן. אַ סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין בריסעל קומט זיך צונויף, כדי מיט פּראָווינציעל־אייראָפּעישער גדלות אָפּצושאַצן דעם ווערט און די רעכט פון די פאַרביקע פעלקער. מען טיילט זיי איין אין „רייפע" און „אומרייפע" לגבי קולטור. זייער קולטור־כאַראַקטער מעסט מען דאָ אָבער נישט לויט זייערע אייגענע גייסטיקע, מאָראַלישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, נאָר לויט די אייראָפּעיש־אַמעריקאַנישע באַגריפן פון קולטור. און קולטור הייסט דאָ דווקא „נאָענטקייט צו דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג". טאָמער האָט אַ קאָלאָניאַל־פאָלק זיינע אייגענע, אָרגאַנישע לעבנס־ און ווירטשאַפטס־פאָרמען, ווערט עס פאַררעכנט פאַר „פּרימיטיווע באַרבאַריי". די פאַרבונדנקייט מיט דעם היימישן קאַפּיטאַליזם איז ביי די סאָציאַליסטן פון בריסעל אַזוי אַריינגעקראָכן אין פלייש און מאַרך, אַז נאָר דורך די ברילן פון קאַפּיטאַליסטן זעען זיי אויך די געוואַלטיקע מערהייט פון דער מענטשהייט. דאָס איז קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פון אַרבעטער־קלאַס!

די פאַרפלעכטונג מיטן עקאָנאָמישן סדר פירט אַזעלכע סאָציאַליסטן אויך צו פּאָליטישער פאַרברידערונג מיט באַלעבאַטים. מען זיצט אין די גרענעצן פון דערזעלבער מלוכה, מען טראָגט אויף די קעפּ די הייבל פון דעמזעלביקן פאַטערלאַנד. אין ענגער נאַציאָנאַלער אחדות באַשיצט מען מלוכה און פאָטערלאַנד, וואָס זיי ביידע נעמען אַרום די געמיינזאַמע „פאָלקס־ווירטשאַפט". אין

פּאַרלאַמענטן, אין מיניסטעריומס, אין די דערהויבענע קולטור־אינסטיטוציעס שאַפֿט מען דאָס געמיינזאַמע ווערק פֿון אַ דייטשלאַנד, אַ פֿראַנקרייך, אַן ענגלאַנד, אַ בעלגיע נישט דאָ אַליין; אויך אויף דער הילכיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע — אין דעם „פֿעלקערבונד״ — שטייט מען אַקסל צו אַקסל מיט די באַלעבאַטים און מען פּראַוועט שלום און וועלט־אחדות. צוזאַמען מיט זיי נעמט מען אַריבער און מען פֿאַרפּלאַנצט אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן דעם ליגן און דעם ציניזם, די קאַלטע מלוכה־חשבונות און די פֿאַלשע, געפּאַרבטע לײדנשאַפֿטן פֿון דער בירגער־לעכער וועלט. אַט האָט אין בריסעל אַ קאָנגרעס פֿון סאָציאַליסטן גערעדט וועגן די געפֿאַרן פֿון מילחמות, און ער האָט זיך נישט דערהויבן צו וועלכע נישט איז ענערגישע מיטלען פֿון קאַמף קעגן זיי. ענגלישע רעליגיעז־פּאַציפֿיסטישע סאָציאַ־ליסטן, וועלכע האָבן פֿאַרלאַנגט ענערגישע מיטלען, זענען דאָ אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַן אײַזיקער אַטמאָספֿער פֿון ביטול. די קלוגיטשקע פּאָליטיקער האָבן אָפּגע־וואָרפֿן אַלץ: אי אַן אָפּזאָג פֿון מיליטער־קרעדיטן, אי אַ גענעראַל־שטרייק ערב מילחמה, אי באָיקאָט קעגן פֿאַרפּאַרטיקן גיפֿטיקע גאַזן. פֿאַרוואָס? די ערלעכערע פֿון די ציניקער האָבן געענטפֿערט: ווייל מיר זיצן דאָך אָדער וועלן באַלד זיצן אין די רעגירונגען! אין בריסעל זינגט מען נאָך דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ — און אין בערלין שרייבן סאָציאַל־דעמאָקראַטן־מיניסטאָרן אונטער אַ געזעץ וועגן בויען אַ קריגס־שיף.

זענען די דייטשן שוין היינט גרייט צו מילחמות? ניין, אוודאי נישט. אָבער זיי האָבן געלאָזט בויען די ערשטע נייע שלאַכטשיף דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ווען נישט, וועט צעפֿאַלן די קאָאַליציע־רעגירונג פֿון אַרבעטער און באַלעבאַטים. — אָבער אין פֿראַנקרייך שיצט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט איר קערפּער אַ פּירער, פּאָל באָנקור, וועלכער גרייט שוין היינט צו סיסטעמאַטיש דעם קריג. מיט זיין הילף איז עס דורך אַ געזעץ וואָס האָט פֿאַרקנסט דאָס גאַנצע פֿאָלק (פֿרויען ווי מענער, ציווילע ווי מיליטער, געוועדקשאַפֿטן ווי באַלעבאַטים) צו אַ קינפֿטיקן קריג. האָט באַצייטנס אײַנגעשטעלט דאָס פֿאָלק אונטער דער מאַכט פֿון מיליטער און דיפּלאָמאַטיע. אַ פֿראַנצויזישער ס אָ צ י אַ ל י ס ט גרייט צו אַ מאָביליזאַציע, וועלכע רופֿט היינט שוין אַלע אַנדערע לענדער צו גיין אין איר וועג. — מען קען זאָגן באמת: די בורזשואַזיע וואָלט זיך היינט נישט דערלויבט אַ סך זאַכן דורכצופֿירן, ווען עס וואָלטן זי נישט געדעקט און געהאָלפֿן די סאָציאַליסטן.

## III

אַזאַ עקאָנאָמישע און פּאָליטישע „פּאָליטיק״ פֿונם אַרבעטער מוז אים פֿאַר־קריפּלען אויך ג ײ ס ט י ק. איז ער אַ יורש פֿון בירגערלעכן סדר, קען ער אַראָפּ־נעמען פֿון אים און אָנטאָן אויף זיך זיינע בגדים; ווען נויטיק, וועט ער זיי מער נישט ווי איבערניצעווען. אַזוי אין גרויסן ווי אין קליינעם. אַז שיידעמאַן איז געוואָרן צום ערשטן מאָל אַ מיניסטער און איז אין אַ מיניסטער־פּראַק דערשינען

אין פּאַרלאַמענט, האָבן די אַרבעטער אויף דער גאַלעריע אין אַ גרויסער צאָל באַגייסטערט געפּאַטשט אים בראַוואָ: איז דאָך איינער פון זיי עולה לגדולה געווען און האָט זיך געהאַלטן „נישט ערגער פון יענע". אַז די רוסישע פאָלקס־קאָמיסאַרן זענען געוואָרן פירער אין לאַנד, האָבן זיי נישט געטראַכט אַפילו אָראָפּצונעמען זייערע טאָג־טעגלעכע קליידער, אָנטאָן אויף זיך „בגדי מלכות" פון „יענע".

דער ריטם, דער ריח פון קאַפּיטאַליסטישן לעבן האָט זיך בישלעכווייז אַריינגעכאַפּט אין דער סביבה פון די בויער פון דער צוקונפט. דער בירגערלעכער טאָן האָט זיך אַלץ מער איינגעגראָבן אין די באַציונגען פון קאָלעקטיוו (פּאַרטיי, פּאַרלאַמענט, געווערקשאַפט, צייטונג) צו מענטש, פון מענטש צו מענטש, פון מענטש צו קאָלעקטיוו. דער אומברחמנותדיקער אימפּעט פון ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ, וואָס פאַרצערט דעם בירגערלעכן סדר, איז געוואָרן אויך דער לעבנס־אימפּעט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס איז נישט דער קנאַיישער אימפּעט פון נביאים, נאָר דער סוחרישער אימפּעט פון קאָנקורענטן. דער אידעען־קאַמף און די פּאָליטיק צווישן פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע שיטות האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרסמטן סיסטעם פון ש נ א ת ח י נ ם. זעלישע באַציונגען צווישן מענטשן־סאָציאַליסטן האָבן אָפּגעטראָטן זייער אָרט צו די „פּאָליטישע" באַציונגען פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט, פון געווערקשאַפט־ און פּאַרלאַמענט־ביוראָקראַטן, פון די רעדאַקציעס פון דער אַרבעטער־פּרעסע. ס'איז כמעט ווי אויסגעלאָשן געוואָרן דער חוש פאַר פּשוט־מענטשלעכער אמתדיקייט אין דידאָזיקע באַציונגען. צוליב דער „אייגענער" אָרגאַניזאַציע מעג מען דעם קאָנקורענט דורס זיין מיט די פיס, אַרויסשטעלן אין אַ פאַלשן ליכט, פאַרמינערן זיין כבוד. און טאָמער באַגייט ווער עס איז אין די סאָציאַליסטישע רייען אַן עולה, ווערט ער תיכף געדעקט דורך „זיין" אָרגאַניזאַציע. ס'איז פאַרשווונדן דאָס, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ סאָציאַליסטישע ע פ נ ט ל ע כ ע מ יי נ ו נ ג, וואָס שטייט איבער די איינצלנע פּאַרטייען. יעדע פון זיי — צי סאָציאַליסטן, צי קאָמוניסטן, צי אַנאַרכיסטן, אַלצאיינס — באַשיצט נאָר די אייגענע אינטערעסן, פאַרגעסנדיק אַז זיי אַלע געהערן נישט ז י ך, נאָר דעם אַרבעטער־קלאַס און זיין אידעע.

מיליאָנען זענען „אָרגאַניזירט" אין אוניפאָרמירטע פאַרבאַנדן, ווו דער איינצלנער אַרבעטער פאַרלירט נישט נאָר דעם איינפלוס, נאָר אַפילו די מעגלעכקייט אַליין צו דענקען און קריטיקירן. לגבי די פעסט־איינגעזאָטלטע פירער פילט זיך דער „פּשוטער" אַרבעטער הכנעהדיק שוואַך, ער קוקט פון אונטן אַרויף אויף זיינע אידעישע און טאַקע מאַטעריעלע ברויט־געבער. די פירערשאַפט באַנוצט זיך — פונקט ווי די בירגערלעכע מושלים — מיט דעמאָקראַטישע רייד, כדי צו האַלטן די שאָף ביי דעם שטעקן. די אַנטי־דעמאָקראַטישקייט פון אַזעלכע דעמאָקראַטן, האָט זיך טראַגיש־בולט אַרויסגעוויזן, למשל, אָקאָרשט אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — ביי דעם שטימען פון אירע מיניסטאָרן פאַר דער פאַנצערשיף. פיר מענטשן, וועלכע זענען אַלס מיניסטאָרן געשיקט געוואָרן פון אַ מיליאָניקער פּאַרטיי אין דער רעגירונג, האָבן אָנגענומען דעם באַשלוס, נישט אָנפרעגנדיק נישט ביי

די פּאַרטיי־מאַסן, נישט אַפילו בײַ די פּאַרטיי־פירער: וויסנדיק גענוי, אַז דער באַשלוס גייט קעגן דעם ווילן פון זייער פּאַרטיי, קעגן דעם צוזאָג, וואָס די פּאַרטיי האָט געמאַכט פאַר די מאַסן אין לאַנד בעת די וואַלן. און אַז זיי — די פיר מענטשן — האָבן דערזען דעם שטורעם פון די אייגענע פּאַרטיי־מיטגלידער, האָבן זיי מיט „פּאָליטישער" רמאָות (וועלכע איז תיכף אויפגעדעקט געוואָרן) געזוכט צו דער־קלערן זייער טאַקטיק. דאָס מאַכט מען חוזק פון דעמאָקראַטיע אַפילו בײַ זיך, פאַר די אייגענע. דער גייסט פון בירגערטום הערשט נאָך אין דער אַרבעטער־פאַמיליע, אין דער דערציונג פון קינדער, אין די באַציונגען פון מאַן און פרוי. הכנעה פון אונטן, באַלעבאַטעווען איבער נשמות פון אויבן. דער גייסט פון בירגערטום האָט זיך באַזעצט אין די פאַרגעניגנס און פאַרווײַלונגען, אין דעם יאָגעניש נאָך מאָדע און סענסאַציע, אין דער בוקעניש פאַר דער טעכניק.

אָט די יאָגעניש נאָך דער טעכניק און אירע דערגרייכונגען איז געוואָרן היינט די שווערסטע געפאַר פאַרן אַרבעט־מענטשן. פּונקט ווי דער קאַפּיטאַליסט און זײַן אינטעליגענטישער משרת, ליגט ער אויסגעצויגן אין התפּעלות פאַר דער טעכנישער ציוויליזאַציע. ער גייט אַרום פאַרוואונדערט נעבן איר און רייסט זיך צו אירע באַקוועמלעכקייטן. דאַסדאָזיקע בילד וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן אין אַ מ ע ר י ק ע. די טעכניק האָט דאָ געשאַפן ווונדער, זי האָט כמעט ווי פאַרכישופט דאָס מענטשלעכע לעבן, זי מאַכט אַלץ מער צוגענגלעך פאַר יעדערן די קליינע דערגרייכונגען אין באַלעבאַטישקייט און געניוס. דערפאַר יאָגט זיך דאָ אָן אָטעם דער אַרבעט־מענטש נאָך דידאָזיקע כלומרשט צוגענגלעכע טובות פון דער ביליגער ציוויליזאַציע. די טובות זענען טאַקע אין זייער מאַטעריעלן און גייסטיקן ווערט ביליק, אָבער דער מענטש צאָלט פאַר זייער דעראָבערונג טייער. ער צאָלט פאַר זיי מיט זײַן געוואַלטיגער פיזישער אַרבעט, מיט גייסטיקער מאַטערניש, מיט מאָראַלישער פאַרפלאַכונג.

זאָל מען אונדז ריכטיק פאַרשטיין: דער סאָציאַליזם האָט קיינמאָל נישט געהאַט עפּעס קעגן דעם מ אַ ט ע ר י ע ל ן אויפשטייג פון אַרבעטער־קלאַס. פאַר־קערט, אין דעם קאַמף וואָס ער פירט קעגן מאַטעריעלער נויט און אומזיכערקייט, דערהויבט זיך די גייסטיקע ווירדע פון מענטש. נאָר צעשטערנדיק די שאַנד פון דער היינטיקער מ אַ ט ע ר י ע ל ע ר אָרדנונג, עפנט דער אַרבעט־מענטש די וועגן פאַר אַ נייער גייסטיקער צוקונפט. דערפאַר טאַקע ווערט יעדער סאָציאַל־מאַטעריע־לער קאַמף פון הערפּאַשנע מענטשן באַגלייט פון די טיפסטע סימפּאַטיעס פון סאָציאַליזם. אָבער... מיט אַ באַשטימטער גרענעץ, ביז דער קאַמף פאַר מאַטעריע־לער עקסיסטענץ פאַרוואַנדלט זיך נישט אין אַ שטרעבן צו מ אַ ט ע ר י ע ל ן ל ו ק ס ו ס. דאַסדאָזיקע שטרעבן קען דער סאָציאַליזם נישט פאַרהייליקן נאָר צוליב דעם וואָס ער איז פּראָלעטאַריש. און נאָך אַ באַוואָרעניש: מען קען מענטש־לעך פאַרשטיין אויך דאָס דאָזיקע שטרעבן צו לוקסוס בײַ סאָציאַלע שיכטן, וואָס האָבן דורות געחושכט פאַר פרעמדע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין רעכט אויף פרייען געניוס. מען קען עס מענטשלעך פאַרשטיין בײַ יעדן אַרבעטער פאַר־

זענלעך, אָבער מען טאָר עס נישט מוחל זיין דעם אַרבעטער־קלאַס וואָס קעמפט פאַר דער צוקונפט. דער פּוסטער לוקסוס, מיט שטיינדלעך פון גלעזערנעם גלאַנץ, וואָס באַמיט זיך כאַטש ווי נישט איז מאַכן זיך ענלעך צו די גבירים, — איז אַ פיינט פון סאָציאַליזם. דורך לוקסוס הערשט די בורזשואַזיע אין דער נשמה פון דעם אַרבעטער. „לוקסוס" איז נישט אַ זאַך וואָס מען קען זי דעראָבערן מיט אַמאָל; מען דערגרייכט אים נאָר ביסלעכוויז, שפּרייזנדיק פון איין קלענערער דערגרייכונג ביז צו אַ נייער און אַ גרעסערער. און אים ליגט דערפאַר די יאָגעניש נאָך דערפאָלגן. דאָס איז שוין נישט יענער מאַטעריעלער קאַמף וואָס וואַקסט אַריבער אין אַ גייסטיקן, נאָר דער וואָס נידערט אַראָפּ צו אַ מאַטעריאַליסטישן לעבנסשניט. אַזאַ לעבנסשניט איז אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער שניט.

דער אַרבעטער אין אַמעריקע וועלכער איז פאַרצויבערט פון דער ציוויליזאַציע, קען פּשוט נישט ווערן אַ סאָציאַליסט. ער איז אַריינגעכאַפּט אינגאַנצן אין דעם ראָד פון דער פיזישער אָדער פּסיכאָלאָגישער האָרעוואַניע, וואָס לאָזט אים נישט אָפּ אויף אַ רגע. אין דער זעלבער צייט ווערט זיין מאַרך צעפרעסן פון אינסטינקטן און געדאַנקען וועגן אַרויסקוועטשן מער פאַרדינסט, מער דערפאָלג („סוקסעס"), וועגן אַרויסשטופּן, אַריינכאַפּן, אויסקאָנקורירן דעם אַנדערן. אַז ער גייט אַרויס אין אָוונט פון דער אַרבעט, האָט ער פאַר גייסטיקער אַרבעט מער נישט קיין צייט; ער האָט אויך מער נישט קיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער איז טויט פאַרמאַטערט. קעגן אויפנעמען סאָציאַליזם ווערט זיך זיין גייסט צוליב דעם, וואָס ער איז פאַרמאַטערט, ערשטנס, און ווייל ער איז שוין „פאַרנומען", צווייטנס. ווייל פּונקט אַזוי ווי ביי פיזישע קערפּערס גילט אַ געזעץ פון אומדורכדרינגלעכקייט (1) — קען אויך אין גייסט דער שטח נישט ווערן פאַרנומען מיטאַמאָל דורך צוויי גרונט־פאַרשיידענע אינהאַלטן. איז דער גייסט פון אַרבעטער באַזעצט דורך דער „טעמע" פון פיבערהאַפטער יאָגעניש נאָך מאַטעריעלע דערפאָלגן, קען דאָ נישט אויפקומען ווי נישט איז ערנסט די טעמע פון סאָציאַליזם. אָדער — ווען זי קומט אויף — מישט זי זיך אויס מיט דער מאַטעריאַליסטישער דערפאָלג־ און ציוויליזאַציע־אידעע. ס'אַנטשטייט דעמאָלט אַן „אַמעריקאַנער סאָציאַליזם".

אום צו קענען ווערן אַ סאָציאַליסט, מוז מען האָבן צייט און אַ „פרייען קאָפּ". די ערשטע אויפבליען פון קולטור אַמאָל — ווייזן מיר — זענען געוואָרן מעגלעך, ווייל די רייכערע שיכטן האָבן געוווּנען פאַר זיך, דורך דער האָרעוואַניע פון שקלאַפן, פרייע צייט און געמיט. אויך דער טרעגער פון דער נייער קולטור, דער אַרבעט־מענטש, מוז זיך היינט אַליין שאַפן צייט און געמיט, אויב ער וויל אויס־קעמפן אַן אַנדערע וועלט. ליגט ער אָבער אין די קייטן פון ציוויליזאַציע, מוז ער ציען זיין גייסטיקע יניקה פון איר. זיין פאַרמאַטערטער מוח און זיינע אָפּגענוצטע קושים קענען זיך נישט פאַרנעמען מיט אַן אַרבעט, וואָס פאַרלאַנגט גייסטיקע מי. דעמאָלט ווערט זיין טעגלעכע שפּייז די פּרעסע, די מאַרק־שרייערישע, ליגנ־

1) ד. ה. אַז אויף איין שטח קענען זיך נישט געפינען מיטאַמאָל צוויי פאַרשיידענע פיזישע קערפּערס.

רישע פּרעסע. פון איר קריגט ער טאָג־טעגלעך די סענסאַציאָנעל־נאַרישע ידיעות, די צוגעפּוצטע קרימינעלע געשיכטן, דעם שמוץ פון דער שטאָטישער סעקסואַליטעט, דאָס הכנהדיקע באַוווּנדערן די גבירישע וועלט. די פּרעסע „דערציט" פון איר זייט דעם לעזער אַזוי, אַז ער זאָל נישט וועלן טראַכטן ערנסט וועגן קיין ענין, ער זאָל זיך באַנוגענען מיט אויסגעדראָשענע טעמעס, שלאָגוווערטער און אויסגעשרייען. ער קען נישט לייענען קיין בוך, ער קען זיך נישט אַריינטיפן אין אַן ערנסט טעאַטער־ווערק, ער האָט נישט קיין באַציונג צו דער נאַטור.

זיין פרייע צייט ווערט אויסגעפילט דורך דעם בלומרשטן קולטורעלן ס פּ אָ ר ט, וועלכער אַנטוויקלט זיינע מוסקולן און זיין יאָגעניש נאָך „דערפאָלג" אויפן חשבון פון גייסטיקע אָדער מאָראַלישע אינטערעסן. אָט אַזוי שמייסט די קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע דעם אַרבעטמענטש מיט צוויי בייטשן. זי פאַרוואַנדלט אים דורך איר עקאָנאָמישן מעכאַניזם אין אַ העט־מאַשין, און זי דריקט אַרונטער דעם אָפּגעהעצטן מענטשן אויך גייסטיק. וואָס איז דער וווּנדער, אַז דער פּראָלעטאַריער בלייבט שטעקן כמעט נאָר אין די רעמלעך פון יאָגעניש נאָך מער פאַרדינסט און נאָך מער געניטום? ער בויט פאַר זיך אוים ביזנעס־אַרטיקע יוניאָנס, ער גיסט אויס זיין גוט האַרץ אין גראָשנדיקער צדקה־אַרבעט. ער זוכט נישט אַרומצונעמען מיט זיין בליק דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבן, ער פילט נישט קיין פאַרבונדנקייט מיט דער אינטער־נאַציאָנאַלער מענטשהייט. דערפון וואַקסט ווידער אַמאָל ביים אַרבעטער דער פּער־זענלעכער אָדער גרופּן־עגאָיזם, דער מלוכהשער שאָוויניזם, דער נאַציאָנאַלער פּוסטער שטאָלץ; דער אַרבעטער פאַרשפּאַרט די טירן פאַר דער פּראָלעטאַרישער עמיגראַציע, און דער „ווייסער" אַרבעטער האַלט אַרונטערגעקוועטשט דעם שוואַרצן און דעם פאַרביקן.

דאָס בילד פון דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער אַרבעטער איז אפשר צו שוואַרץ געמאָלן? אָבער דער „גייסטיקער" תוך פון קאַפּיטאַליזם שאַפט אַזאַ מין אַרבעטער. אויב ער פּאַסט זיך נאָר צו צו אים, סיי אין אַמעריקע, סיי אומעטום. די דאָזיקע מאַכט פון ציוויליזאַציע פאַרכאַפּט אַלץ מער נישט נאָר דעם אַרבעטער בכלל, נאָר אויך דעם סאָציאַליסט. די טאָג־טעגלעכע „פּאָליטיק" פון אַזאַ סאָציאַליזם זוכט צוצופּאַסן זיך צו דעם לעבנס־שטייגער און דעם לעבנס־ריטם, וועלכע ווערן גע־שאַפן אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. אַזאַ סאָציאַליזם וועט בלייבן שטענדיק נישט מער ווי אַ רויטלעכע אומשעדלעכע פאַרפּוצונג פון קאַפּיטאַליזם. און ס'איז קלאָר, אַז אין די לענדער פון דער הויך־אַנטוויקלטער טעכנישער ציוויליזאַציע — אין אַמעריקע באַזונדערס — קען זיך היינט גאָרנישט אָנהויבן קיין ערנסטע באַ־וועגונג צום סאָציאַליזם, אויב זי וועט נישט אָנהויבן דעם קאַמף ק ע ג ן ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר פ אַ ר ג ע ט ע ר ו נ ג פ ו ן צ י ו ו י ל י ז אַ צ י ע. ס'וועט נישט זיין דאָ גאָר קיין אָנפאַנג פון סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַזוי לאַנג, ווי דער דונער פון מאָראַלישער דערקענטעניש וועט נישט אויפטרייסלען די דורך די „וווּנדער פון טעכניק" פאַרצויבערטע קעפּ. וועט דער סאָציאַליזם נישט קענען אַרונטעררייסן דורך פלאַמענדיקן פּאַטאָס און בייסנדיקן שפּאָט די יאָגעניש נאָך מאַטעריעלע

דערפֿאָלגן און ביליקן לוקסוס, וועט דער סאָציאַליזם בלייבן נישט מער ווי אַ טרויעריק שפּיל. די בעסטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פֿון אַר־בעטער וועלן נישט קענען פֿאַרדעקן דעם קאַפּיטאַליסטישן קערן פֿון זיין נשמה.

דער היינטיקער רעפֿאָרמיסטישער סאָציאַליזם טראַכט אפילו נישט וועגן דעם: עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און גייסטיק איז ער געוואָרן אַ שותּף צום בירגערלעכן סדר. ער האָט פֿאַרלוירן דאָס געפֿיל פֿון מאָראַלישן אומרו, דעם שטענדיקן דראַנג נאָך נייע מאָראַלישע שטאַפּלען פֿון יעדער אידעאַלער באַוועגונג. נישט נאָר וויל ער נישט אָפּשאַפֿן די מענטשנפֿיינטלעכע געזעלשאַפֿט, נאָר ער פֿאַרשטייט אפילו נישט דעם ווילן דערצו ביי אַנדערע. די פּיין פֿון די היינטיקע גייסטיקע קריזיסן איז אַזאַ סאָציאַליזם פֿרעמד. אַמאָל האָט קאַרל ליבקנעכט אין געפֿענגעניש געשריבן: „דאָס מעגלעכע קען מען דערגרייכן נאָר דורך דעם שטרעבן צום אוממעגלעכן. פֿאַרלאַנגען דאָס אוממעגלעכע איז נישט קיין נאַרישקייט אָדער פֿאַ־נאַטיזם; דאָס איז פּראַקטישע אַרבעט אין עכטן זין פֿון וואָרט״. היינט דערקלערט דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיניסטער סעווערינג: „אַז ס׳וועט זיין נויטיק, וועלן מיר אַרונטערנעמען אויך די שטערן פֿון הימל, אויב דאָס וועט נאָר זיין מעגלעך צו טאָן בהדרגהדיק״. דער קעגנזאַץ צווישן סעווערינגן און ליבקנעכטן — דאָס איז דער קעגנזאַץ פֿון פּאָליטיק און מאָראַל אין סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע „פּאָליטיק״ אַרבעט היינט אָן אַן אינער־לעך־מעכטיקן אידעאַל, אָן אַן עטיש־רעוואָלוציאָנערן ווילן, וואָס איז גרייט צו קרבנות. מאָראַלישע אידעאַלן זענען שטענדיק פֿון אַבסאָלוטער טיפֿקייט און פֿון אַ מאַקסימאַליסטישן פֿאַרנעם, זיי שטעלן זיך שטענדיק קעגן דעם „געזעצלעך״ פֿליסנדיקן לעבנס־שטראָם. באַוועגונגען און גרופּן, וואָס זענען באַפֿליגלט פֿון מאָראַלישע אידעאַלן, טראָגן אין זיך דעם קעגן־גיפֿט לגבי דעם גיפֿט פֿון דעם סדר וועלכן זיי באַקעמפֿן. באַוועגונגען, וואָס זענען אויסגעלייזטע פֿון אידעאַלן, אַר־בעטן נאָר פֿאַר דעם היינטיקן טאָג און ווערן פֿאַרסמט פֿון דעם סדר וועלכן זיי באַקעמפֿן כלומרשט.(1) זיי פֿירן אַ טאָגטעגלעכע אַרבעט, און די טעג זענען ביי זיי נישט צונויפֿגעבונדן אין אַ גייסטיקער איינהייט מיט דער צוקונפֿט. פֿאַלן זיך די טעג ביי זיי פֿונאַנדער אין אַ געשיכטלאָזער קיום. און אַז דער מאָראַלישער אומעט פֿאַלט אָן אויף אַזעלכע סאָציאַליסטן, האָבן זיי אָפּטמאָל נאָר צוויי וועגן פֿאַר זיך, — אָדער זיי ווישן אָפּ מיט הפקרות יעטוועדע סאָציאַליסטישע פֿאַרב פֿון זייער „פּאָליטיק״־אַרבעט; אָדער זיי לייקענען אָפּ אין יאוש די מעגלעכקייט פֿון סאָציאַליזם בכלל. אין ביידע פֿאַלן זענען זיי פֿאַרלוירן פֿאַר דער צוקונפֿט. עס מוז אָבער זיין אויך אַ דריטער וועג.

---

1) אמת, אין דער לעצטער צייט האָבן זיך באַוויזן רעפֿאָרמיסטן, וואָס ווילן אַריינגיסן מאָראַלישע ווערטן אין דער „פּאָליטיק פֿון סאָציאַליזם״, צוגעבן דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט די הייליקייט פֿון אידעאַל. מאָראַל איז אָבער נאָר מאַקסימאַליסטיש און אָן פּשרהדיק. אַ מאָראַל פֿון רעפֿאָרמיזם מוז אַליין פֿאַרוואַסערט ווערן אָדער אייפּרייסן דעם רעפֿאָרמיזם גופֿא.

## IV

דער ריס צווישן פּאָליטיק און מאָראַל האָט אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער אָנגענומען אויך אַ צווייטע פאָרם: די פאָרם פון באָלשעוויזם. אוודאי טרעט דער באָלשעוויזם אויף ווי אַ געוואַלטיקער היפּוך פון רעפאָרמיזם, ווי זיין אַנטיפּאָד. אין באָלשעוויזם איז דאָך נישטאָ קיין צופּאַסונג צו דער פּאַקטישער סאָציאַלער ווירקלעכקייט; ער פאַרלאַנגט און פירט דורך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. אין באָלשעוויזם ווערט די מענטשהייט־געשיכטע נישט קיין קייט פון לויזע, צעשאָטענע מעג, נאָר זי ווערט אינערלעך צונויפגעשמידט צו איין גרויסער וועלט־היסטאָרישער אויפגאַבע. אין באָלשעוויזם איז דאָ מאַקסימאַליסטישער רצון, איז דאָ אַ גרייטשאַפט צו לייגן זיך פאַר אַ קרבן צוליב דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון סאָציאַליזם. דאָס הייסט אַלזאָ אויבנאויפיק, אַז אין באָלשעוויזם ליגט אַ מאָראַלישער אידעאַל, וואָס דרינגט דורך און האַלט צוזאַמען זיין טעגלעכע פּאָליטיק.

און פונדעסטוועגן איז דאָס נישט קיין מאָראַל פון סאָציאַליזם. ס׳איז גאָר אַ פרעמדע מאָראַל. דאָס איז אַ מאָראַל קאַלט ווי אייז און האַרט ווי אייזן. דאָס איז די מאָראַל פון כוהנים, פון גלחים, וועלכע האָבן אונטער זיך מענטשלעכע שאָף צו פּאַשען, וואָס פאַרמישן נישט זייערע דערהויבענע פּלענער מיט די קליינלעכע פּלענער פון מענטשן־מין. ס׳איז דאָ אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג — אַזוי האַלטן די כוהנים — אַ קלאָרע אומאָפּוועגדבאַרע ליניע, איין ליניע, צום סאָציאַליזם: און ס׳איז דאָ אין דער געשיכטע אַ באַוווּסטזיין, איין באַוווּסטזיין, וועלכער האָט דערקענט און דערקענט עד היום די דאָזיקע ליניע. דער טרעגער פון דעם באַוווּסטזיין איז אויך איינער; דאָס איז דער פּראָלעטאַריאַט, אָדער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אָדער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אָט דער איינציקער טרעגער פון דער געשיכטע מעג און מוז אַליין פירן די געשיכטע. דעם באָלשעוויזם אַליין איז, אַזוי צו זאָגן, פאַרטרויט געוואָרן דער סוד פון דער מענטשהייט־געשיכטע, און נאָר ער איז אַליין באַרופן צו אַנטפּלעקן און פאַרווירקלעכן אים. טאָר טאַקע קיינער נישט שטעלן זיך די באָלשעוויקעס אין וועג. די מענטשן פאַרשטייען עס אָבער נישט; נישט נאָר די בורזשואַזיע קעמפט קעגן סאָציאַליזם, נאָר אויך אומגעהויערע מאַסן פון אַרבעטמענטשן און סאָציאַליסטן האָבן אייגענע מיינונגען און וועגן צום סאָציאַליזם. מוז דער באָלשעוויזם אַנטקעגנשטעלן זיי אַ מאַכט. דערפאַר ברענגט ער אַריין אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע נישט די מענטשן־דערלייזונג, נאָר ראשית־כל דעם מאַכט־פּרינציפּ. די מאַכט ווערט פאַרקערפּערט אין דעם מאָראַליש־פּאָליטישן אָרדן, אין דער פּאַרטיי מיט איר דיקטאַטור.

פון מענטשלעכן רצון אין דער געשיכטע האַלט דער באָלשעוויזם גאָר אַ סך, אָבער דעם רצון פון די מענטשן קאָנפיסקירט דער באָלשעוויזם פאַר זיך. ער גיסט אים אַריין אין זיין אייגענעם רצון. אין דער רוסישער רעוואָלוציע האָט דער באָלשעוויזם עקספּראָפּריאירט נישט נאָר די מאַטעריעלע רייכטימער פון דער

בורזשואַזיע, נאָר אויך דעם פרייהייטלעכן ווילן פון די אַרבעטער־מאַסן. ער האָט נישט קיין אַכטונג צו מענטשן בכלל, צו דעם אַרבעטנדיקן מענטשן בפרט, ד. ה. צו זיין אייגענער פרייהייט. און ס'איז קלאָר, אַז יעטוועדע מענטשלעכע שטערונג, וואָס וועט זיך שטעלן קעגן זיין היסטאָרישער מיסיע, וועט ער פשוט *אָפּראַמען פון וועג*. דערפון שטאַמט דער טעראָר, וואָס ליגט אין דעם תוך פון זיין גאַנצער נאַטור. אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן אַמאָל די טעראָריסטן אויסגעדריקט אָפן זייער פראָגראַם: „וואָס איך האָב געטאָן אין דרום, וועל איך טאָן אין צפון; איך וועל פון זיי מאַכן פאַטריאָטן; אָדער זיי אַ טויט אָדער מיר אַ טויט" (ווערטער פון באַדאָ). „מיר וועלן מאַכן פון פראַנקרייך אַ בית־עולם, אָבער ווידער אויפשטעלן עס וועלן מיר נאָר לויט אונדזער ווילן" (ווערטער פון קאַריע). נישט אַנדערש טראַכטן אין זיך די באָלשעוויקעס. זייער טעראָר איז דערפאַר אָפטמאָל נישט די פסיכאָלאָגישע אַכזריות פון איינצלנע מענטשן, נאָר די *לאָגישע אַכזריות* פון דער דאָקטרין.

די באָלשעוויקעס האָבן דאָס פאַרשטענדעניש פאַר די מענטשלעכע ליידן, זיי זעען ווי שווער עס איז צו אָטעמען אין דער היינטיקער לופט. אָבער ווענדנדיק זיך באַלד נאָך דעם צו די ליידנדיקע מאַסן, זאָגן זיי נישט: *לאָמיר צוזאַמען* מיט אייך צעשטערן דעם גיהנום, נאָר זיי זאָגן: *מיר* וועלן *אייך* ראַטעווען פון גיהנום! מיר נעמען אַריבער אויף אונדזערע פלייצעס די לאַסט פון דער היסטאָרישער אויפגאַבע. *איר* האָט אָבער צו דערפילן די היסטאָרישע אָדער קלאַסן־*באַפעלן*. פרייהייט אין דעם פשוטן זין דאַרפט איר נישט האָבן; אייער פרייהייט באַשטייט אין דעם אונטערגעבן זיך צו דער דיקטאַטור. דאַנקבאַר און געהאָרכזאַם מוזט איר גיין אין די טריט, וועלכע מיר ווייזן אייך אָן, אַלס פאַרטרעטער פון דעם געשיכטלעכן שכל... די דאָזיקע פסיכאָלאָגיע טראָגן אין זיך נישט נאָר די אָפיציעלע כוהנים גדולים פון באָלשעוויזם, נאָר יעטוועדער באַוווסטזיניקער באָלשעוויק. ער, דער אַרבעטער צי דער אינטעליגענט, פילט זיך דערהויבן איבער דער מאַסע פון זיינע אַרבעט־חברים. צי מיט גדלות צי מיט מיטלייד קוקט ער אויף זיי פון אויבן אַראָפּ. זיין אַריסטאָקראַטיש געפיל שטאַמט דערפון, וואָס ער איז אויב נישט אַליין דער פאַרטרעטער פון דער געשיכטע, איז ער על כל פנים דער פאַרטרעטער פון די פאַרטרעטער. דער דאָזיקער כוהנים־פרינציפ איז גוט באַקאַנט אויך דער קאַטוילישער קירך מיט איר פויפסט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די מאַסן, וואָס זענען נישט זוכה געווען אַריינצוטרעטן אין דער אַריסטאָקראַטישער שיכט, מוזן — צוליב זייער אייגענער טובה — געהאָרכן דער באָלשעוויסטישער פירונג. אָט אַזוי צעשטערט דער באָלשעוויק אין גרונט דעם באַגריף פון *אַרבעטער־קלאַס*, פון יענער באַוווסטזיניקער סאָציאַלער קראַפט, וועלכע דאַרף אויספירן די היסטאָרישע מיסיע פון דער מענטשהייט.

אַ טיפער פעסימיזם בנוגע צו מענטשן ליגט אין דעם באָלשעוויזם. ווי רעוואָלוציאָנער ער טרעט נישט אויף, דאָך האַלט ער דעם מענטשן־מין (און דעם פראָלעטאַריאַט אויך) פאַר שלעכט אָדער שוואַך. „זיי קענען קיינמאָל נישט זיין פריי,

ווייל זיי זענען שוואַכינקע, זינדיקע, נישטיקע און בונטאַרעס... שוואַך און פאַרדאָרבן איז דער מענטש... אַז מען אַכטעט אים ווייניקער, פאַרלאַנגט מען אויך ווייניקער פון אים". אַזוי האָט „פון גרוים ליבע" גערעדט וועגן די מענטשן־קינדער דער גרויס־אינקוויזיטאָר ביי דאָסטאָיעווסקין. אַזוי טראַכט אויך דער באָלשעוויזם. דער פּראָלעטאַריער, דער פּויער, דער מעל־מלאכה נישט ער באַזיצט די נויטיקע טעאָרעטישע דערקענטעניש פון געשיכטע, נישט ער באַזיצט די נויטיקע אייגנשאַפטן פון כאַראַקטער. דערפאַר מוז מען די מענטשהייט — כדי זי צו דערלייזן — פירן דורך אַן אייזערן־שטרענגער דערציונג־שול, דורכפירן זי דורך דעם פאַרברענטן מידבר פון אַ דיקטאַטור (1). די פּסיכאָלאָגיע פון מידבר שאַפט נאָר באַזונדערע מענטשן: די געפירטע זאָלן נאָר פאָלגן, און די פירער זענען אין זייער הערשאַפט גאָר איינזאַם. זיי וואַנדערן בראש פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער מחנה, און זיי מישן זיך נישט אויס מיט די געפירטע. און טאָמער פּרווון די מאַסן זיך בונטעווען קעגן זיי דרייען זיי זיך אום מיט פון כעס פאַרצערטע געזיכטער און שלאָגן דאָס פאָלק מיט די שטיינערנע לוחות. נישט לוחות, וואָס קריצן זיך איין אין די נשמות פון מענטשן, נאָר שלאָגנדיקע לוחות טראָגן זיי הויך איבער די קעפּ פון דעם פאָלק.

אויב אָבער דאָס איז מאָראַל פון באָלשעוויזם, איז מיט איר שוין נישט באַהעפט קיין פּ אָ ל י ט י ק איבערהויפּט, און סאָציאַליסטישע פּאָליטיק אוודאי נישט. פּאָליטיק איז אויף יעדן פאַל, אין דער אָדער יענער מאָס, פרייע באַטייליקונג פון מענטשן אין דער פאָרמירונג פון זייער גורל. דאָרטן, ווו די מאַסן קענען זיך נישט פריי באַטייליקן אין דער בויאונג פון זייער לעבן, דאָרטן איז נישטאָ בכלל קיין פּאָליטיק, און דאָרטן קען אַלזאָ מאָראַל נישט אַריינדרינגען אין פּאָליטיק. ביי דעם באָלשעוויסטישן סדר זענען טעטיק אין לעבן און געשיכטע נאָר זיי אַליין; עס איז דאָ אַלזאָ נאָר זייער „אייגענע" פּאָליטיק, וואָס איז אָפּגעריסן פון דעם לעבעדיקן שאַפן פון די מאַסן. וואָס איז אין תוך די געזעלשאַפט אינעם היינטיקן רוסלאַנד? צי קען מען ריידן דאָרטן וועגן אַ ט ע ט י ק י י ט פון מענטשן, וועלכע באַהערשן און רעגולירן זייער אייגענעם מזל? ניין, זייערע באַוועגונגען, זוכענישן, דערגרייכונגען, ליידן זענען נישט מער, ווי באַוועגונגען פון מענטשלעכע מ ו ר אַ ש ק ע ס, וואָס שאַפן נישט קיין געשיכטע, נאָר דער באָלשעוויזם טראָגט אַריין אַ סיסטעם און אַ זין אין דעם מוראַשניק. האָבנדיק אין אויג די מענטשן־מאַסע (נישט די מענטשן) און באַוועגנדיק זיי לויט זיינע פּלענער, טראָגט ער ערשט אַריין באַוועגונג און אָרדנונג אין דער געשיכטע.

אַז מענטשן־מאַסן קענען זיין מאַטעריאַל אין די הענט פון געטלעכע הערשער, האָבן אונדז באַוויזן נישט איינמאָל די פאַרגאַנגענע דורות. אין מ י צ ר י ם און בבל האָבן אונטערן בייטש פון דער מלוכה מיליאָנען מענטשן געבויט גאַנצע שטעט, ווי פּתם און רעמסס. מען האָט אויפגעריכט הימלהויכע און אייביק־שטייענדיקע

1) אַז דורך דעם וועלן די מענטשן ווייטער דווקא בלייבן „שוואַכינקע און נישטיקע" — דאָס פאַלט נישט איין דעם באָלשעוויזם.

שטיינערנע בנינים, אין וועלכע מען האָט אַריינגעבויט לעבעדיקע מענטשלעכע נשמות און קערפּערס. די גאָט־ענלעכע מלכים פון יענער צייט האָבן דאָס געטאָן צוליב די העכסטע רעליגיעזע אָדער מלוכהשע אידעען. אָבער זיי האָבן, זיצנדיק אין די וואָלקנס, געשאַפן דורך דעם נאָר שקלאַפּישע מאָנומענטן פאַר זיך; זיי האָבן לחלוטין נישט געשאַפן קיין לעבעדיקע גע שי כטע פון מענטשהייט. און דער באָלשעוויזם, וואָס אַרבעט מיט מיליאָניקע מוראשקעס־מאַסן, שאַפט, אפשר, פאַר זיך מאָנומענטן, נישט קיין מענטשהייט־געשיכטע.

ס'איז נישט אַנדערש ווי ביי די קאָלאָניאַלע פעלקער, וועלכע מוזן פירן זייער לעבן אונטער דער שטאָלענער פירונג פון די „גרויסע קולטור־מלוכות". דער קאָלאָניזאַטאָר קוקט אויף דעם באַהערשטן פרעמדן פאָלק נישט אַנדערש, ווי אויף אַ מיטל צו שטאַרקן די מאַכט און צו דערפילן די אויפגאַבן פון דער מעטראָ־פּאָליע. די מיליאָנען פאַרביקע מענטשן, פון שוואַרצע און געלע און ברוינע און אויך ווייסע, זענען נאָר מאַטעריאַל אין די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע חשבונות אָדער אין די קולטור־פּלענער פון די ציוויליזירטע פירער. די באָלשעוויסטישע מלוכה טראָגט אין זיך דעם אָטעם פון אַ קאָלאָניזאַטאָרן־מאַכט אין אייגענעם לאַנד. אין יאָר 1925, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן טראָצקין און אַנדערע, האָט זיין טעאָרעטיקער פּרעאָבראַזשענסקי אויסגעאַרבעט אַן עקאָנאָ־מישן פּראָגראַם. דערמאָנענדיק דעם פויערשן כאַראַקטער פון לאַנד, האָט ער גע־שריבן: „עס איז נויטווענדיק, אַז די סאָציאַליסטישע קאַפּיטאַל־זאַמלונג זאָל געבויט ווערן אויף דער עקספּלואַטאַציע פון פויערטום, אויף דעם נישט גלייכן אויסבייט צווישן די פּראָדוקטן פון אינדוסטריע און די פּראָדוקטן פון די קאָלאָניעס" (דאָרף). דאָס רוסישע פויערטום (פון 130 מיליאָן), ווערט דאָ, אַלזאָ, באַטראַכט ווי אַ קאָלאָניע פון פּראָלעטאַרישן קלאַס (5 מיליאָן מענטשן), ווי אַ קאָלאָניע, קעגן וועלכער מען ווענדט אָן: עקאָנאָמיש — די עקספּלואַטאַציע; פּאָלי־טיש — דעם כוח פון דיקטאַטור. דעמאָלט האָט בוכאַרין מיט כעס געפּרוווט לייקענען דעם קאָלאָניאַלן כאַראַקטער פון דער באָלשעוויסטישער ווירטשאַפט. ער האָט דאָס נישט באַוויזן; ווייל אינדערעמתן ווערט באַהאַנדלט ווי אַ קאָלאָניאַל־אָביעקט נישט נאָר דאָס פויערטום, נאָר אויך דער פּראָלעטאַריאַט.ביידע קלאַסן ווערן באַהאַנדלט אויפן גלייכן קאָלאָניאַלן אופן פון אַ פּריוואַט־געזעלשאַפטלעכער מאַכט (רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי) אין אייגענעם לאַנד.

קיין טעטיקייט פון מענטשן לאָזט נישט צו דער באָלשעוויזם. דאָס הייסט דווקא נישט, אַז די מענטשן זענען אין זיין מלוכה־סדר שטענדיק געפּענטעט אויך אויסערלעך. וועןן נויטיק, „נוצט אויס" דער באָלשעוויזם אויך די מאָראַלישע אידעען פון די מענטשן און זייער זעלבסטבאַוווסטזיין פון פרייהייט. ער נוצט זיי אָבער טאַקע אויס נאָר ווי פאַראַנטוואָרטליכן און שוואַכקייטן פון די „קליינע מענטשעלעך". און דאָס גרויזאַמע באַשטייט דערין, אַז עס איז אים געלונגען אין אַ גרויסער מאָס איינצורעדן זיינע אָנהענגער און אפילו די בירגער פון לאַנד, אַז מען דאַרף טאַקע נישט האָבן קיין פריי הייט. ס'איז טאַקע קיינמאָל נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק

פאַרביליקט דאָס געפיל פון עכטער פרייהייט, דאָס באַדערפעניש צו רייסן זיך פון קייטן, ווי דאָס איז געשען דורך דעם באָלשעוויזם. מען האָט זיך געלאָזט איינריידן, אַז מען קען שאַפן אַ סאָציאַליסטיש לעבן אָן פרייהייט און אָן פרייער באַשטימונג פון דעם לעבנס־זין.

ס'איז כדאַי צו דערמאָנען דאָ, ווי עס האָבן געקוקט דערויף די אמתע סאָציאַליסטן. מען האָט אָקאָרשט געפונען אין די פּאַפּירן פון ראָזאַ לוקסעמבורג אַ טייל פון איר מאַנוסקריפּט וועגן רוסלאַנד, און זי שרייבט דאָרטן מיט דער טיפסטער קלאָרקייט: „דער טעראָר איז אַ טעמפּער, צווייִשנייִדיקער שווערד. די סאַמע דראַקאָנישע קריגסיוסטיץ איז אָנמעכטיק קעגן די אויסברוכן פון לומפּן־פּראָלעטאַרישע מהומות. מער נאָך, יעדער לאַנגדויערנדיקער צושטאַנד פון קריגרעכט פירט נויטווענדיק צו הפקרות, און יעדע הפקרות פאַרדאַרבט די געזעלשאַפט. דאָס איינציק־ווירקזאַמע מיטל אין דער האַנט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז אויך דאָ: ראַדיקאַלע שריט פון פּאָליטישער און סאָציאַלער נאַטור, שנעלע אומוואַנדלונג פון די סאָציאַלע לעבנס־גאַראַנטיעס פאַר די מאַסן און — פונאַנדערבלאָזונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם, וועלכער קאָן זיך שטענדיק אויפהאַלטן נאָר אין דער אומבאַשרענקטער פּאָליטישער פרייהייט, דורך אינטענסיוון, אַקטיוון לעבן פון די מאַסן. פּונקט אַזוי ווי קעגן קראַנקהייט־אינפעקציעס איז דאָס ווירקזאַמסטע, רייניקנדיקע און היילנדיקע מיטל די פרייע ווירקונג פון די זונענשטראַלן, פּונקט אַזוי איז די איינציק־היילנדיקע און רייניקנדיקע זון אין דער רעוואָלוציע — די רעוואָלוציע גופא און איר אויפלעבנדיקער פּרינציפּ, דאָס פון איר אַרויסשפּרודלענדיקע גייסטיקע לעבן, די אַקטיוויטעט און די זעלבסט־אחריות פון די מאַסן, אַלזאָ די ברייטסטע פּאָליטישע פרייהייט אַלס איר פאָרם".(1)

## V

אין באָלשעוויזם איז דאָ אפשר זיין מאָראַל, אָבער ס'איז נישטאָ דאָרטן קיין פּאָליטיק פון פרייהאַנדלענדיקע מענטשן. אַזאַ „פּאָליטיק" נעמט אָבער נקמה פון זיי און פון זייער מאָראַל גופא. ווייל אָן די פרייע מאַסן קענען נישט דערפילט ווערן אפילו אויף אַ האָר די גראַנדיעזע, אוניווערסאַלע פּלענער פון זייער אייגענער מאָראַל. זייער מאָראַל שאַפט נישט קיין געשיכטע. טראָץ איר געוואַלטיקן אימפּעט בלייבט זי פּאַקטיש מאַכטלאָז אין די מענטשלעכע שיקזאַלן. דאָס הייסט אָבער, אַז די געזעלשאַפט־אַנטוויקלונג, אין דעם גדר פון באָלשעוויסטישן איינפלוס, פאַרלירט אַ מאָראַלישן צוזאַמענהאַלט, בלייבט אָן אַ מאָראַלישן אידעאַל. און דאָ באַגעגנט זיך דער באָלשעוויזם מיט דעם רעפאָרמיזם פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן: זיי ביידע — דע־מאָראַליזירן די מענטשהייט.

אָבער אַז מען זאָל זיך טיפער אַריינקוקן אין דעם מהות פון באָלשעוויזם, וועט

1) אָפּגעדרוקט אין דעם "Archiv für die Geschichte des Sozialismus", 1928

זיך אַרויסשטעלן, אַז ער באַזיצט גאָרנישט קיין מאָראַל, קיין מאָראַלישן אידעאַל. די היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלכע ער שטעלט זיך און פירט דורך אַזוי שטורמיש, פליסן באַ אים לחלוטין נישט אַרויס פון אַ פריי־אויסגעאַרבעטן מאָראַלישן פּראָגראַם פאַר דער מענטשן־געשיכטע. ער זוכט נישט קיין צוועקן פון דער געשיכטע; ער קען נאָר אירע געזעצן און זייער נויטוועדיקייט. פּונקט ווי די רעפאָרמיסטן, פאַרגעטערן די באָלשעוויקעס דעם אייזערנעם גאַנג פון געשיכטלעך־עקאָנאָמישן פּאַרלויף, מער נישט זייער טעמפּעראַמענט אָדער אַנדערע אָפּשאַצונג פון דעם גאַנג ברענגט זיי צו דעם אויספיר פון רעוואָלוציע. פאַר זיי איז דער מענטש, דער אַרבעטער, אין דער געשיכטע אויך נישט מער ווי אַ רינגל פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג־קייט. אויב עס אַנטוויקלט זיך אין דער געשיכטע עפּעס אַ יושר, זענען די מענטשן און קלאַסן נישט מער, ווי אינסטרומענטן פון דעם דאָזיקן היסטאָריש־נויטוועדיקן יושר. אַן אינסטרומענט פון דעם היסטאָרישן ווילן זענען סיי די מיליאָניקע אומבאַוווסטזיניק־לעבנדיקע מענטשן־מאַסן סיי די באַוווסטזיניקע און אויפגעקלערטע שיכטן זייערע. די מענטשהייט־געשיכטע איז אַ געוואַלטיקע מאַשינעריע, אין וועלכער די טויזנטפאַכע שרייפלעך און רעדלעך ווערן אָנגעפירט און רעגולירט דורך די וויכטיקערע הויפּט־טיילן פון איר; און אָט־די טיילן ווידער ווערן אָנגעפירט דורך דעם הויפּט־מעכאַניזם פון דער סיסטעם, דעם הויפּט־רעגולאַטאָר — דעם באָלשעוויזם. די אויפגאַבע פון אַרבעטער־קלאַס קען אַלזאָ — אויך לויטן באָלשעוויזם — באַשטיין נאָר אין דער צופּאַסונג צו דער געשיכטע. דער רעפאָרמיזם פּאַסט זיך צו צו דעם פרידלעכן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, פון דעם קאַפּיטאַליזם; דער באָלשעוויזם פּאַסט זיך צו צום רעוואָלוציאָנערן גאַנג אירן, וועלכן ער דערקלערט אַלס איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. ביי דער דאָזיקער „רעוואָלוציאָנערער" צופּאַסונג זיינער נעמט אָבער דער באָלשעוויזם אַריין אין זיך — פּונקט ווי דער רעפאָרמיזם — אַלע וויכטיקע עלעמענטן פון קאַפּיטאַליסטישן סדר און פון מאַרקסיזם. פון רעפאָרמיזם אונטערשיידט אים דערביי איין וויכטיקער מאָמענט: דער באָלשעוויזם האַלט, אַז דער צופּאַסונג־פּראָצעס פון אַרבעטער־קלאַס מוז פאָרקומען דורך זיין אַוואַנגאַרד, דורך זיין פּאַרטיי און איר דיקטאַטור. דערמיט לאָזט דער באָלשעוויזם נישט צו אפילו יענע פּאָליטיק פון מענטשן, וועלכע עס לאָזט צו דער רעפאָרמיזם. דערמיט ווישט דער באָלשעוויזם אין פּרינציפּ אָפּ יעטוועדע פּאָליטיק פון די מאַסן.

ווי שוין געזאָגט, באַטראַכט דער באָלשעוויזם זיין טעטיקייט נאָר ווי אַן אויספירונג פון העכערע, דרויסן פון אים שטייענדיקע געזעצן. זיין קאַלטבלוטיקע שאַרפקייט איז דערפאַר נישט אַזוי אַ פּועל יוצא פון פּסיכאָלאָגישע פּערזאָנלעכע אכזריות, ווי פון דער לאָגישער געזעצן־אכזריות. דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין גיט די באָלשעוויקעס יענעם דעמאָנישן כוח, וועלכער האַלט זיי אויף קעגן טויזנטער מכשולים און געפאַרן, וועלכער לאָזט נישט צו צו זייער האַרץ קיין מענטשלעכע געפילן, וועלכער טרייבט זיי אַליין צו פּערזענלעכער זעלבסט־דיסציפּלין און מסירת נפש. אַזאַ מין גייסטיק אוממענטשלעכן כוח האָבן שטענדיק געהאַט אַלע באַוועגונ־

גען, וואס זייער פאטאס און שוווּנג האבן זיך באזירט אויף דעם „מוז".(1) די שפּא־נישע אינקוויזיציע און דער יעזואיטן־ארדן האבן געהאט זייער רעליגיעזן מוז, דער באלשעוויזם — זיין סאציאלן מוז. די רוסישע קאמוניסטישע פארטיי איז דערפאר — פונקט ווי די יעזואיטן — נישט קיין מאראליש־פאליטישער ארדן, נאר א סא־ציאל־מעכאנישער *אינסטרומענט*. פון דער דאזיקער נאטור פון באלשעוויזם שטאמט, א חוץ דער טערארר, דער געוואלטיק־וויכטיקער פועל יוצא: די *נישט־איבערקלייבערישקייט אין די מיטלען*. דאס איז נישט קיין צו־פאל. ווייל אויב דער באלשעוויזם גייט נישט ארויס פון א מאראלישן אידעאל, פון א צוועק וועלכן ער האט זיך באוווּסטזיניק־פריי אוועקגעשטעלט, דעמאלט דארף ער נישט אפגעבן זיך מיט צוקלערן אזעלכע מיטלען, וועלכע זאלן מאראליש פאסן פאר דעם דאזיקן צוועק. א פרייהייטלעכער סאציאליזם פארשטייט, אז צווישן צוועק און מיטלען איז דא א טיפע מאראלישע שייכות. דער באלשעוויזם, וואס איז דער אויספירער פון געשיכטע־געזעצן, קען זיך נישט פארנעמען מיט „אויסקלייבן" רעוואלוציאנערע מיטלען, פונקט אזוי ווי דער סטיכישער בארג־שטראם, וואס פאר־פלייצט א געגנט מיט מענטשן, זוכט פאר זיך נישט קיין „בעסערע" וועגן. ער קען, ווען נויטיק, אפעלירן צו די מאראלישע סטרונעס פון דעם קעמפנדיקן ארבעטער און ער קען אפהאלטן זיך פון אנטימאראלישע קאמף־מיטלען, אבער ער טוט עס, ווייל ער וויל „אויסנוצן" די מענטשלעכע מאראלישע „שוואכקייטן" צוליב די נויטווענדיקייטן פון דער געשיכטע.

די נישט־איבערקלייבערישקייט אין די מיטלען איז טאקע די הויפּט־פארב מיט וועלכער ס'איז אויסגעמאלט די טאקטיק פון אפיציעלן באלשעוויזם: ער שטעלט זיך נישט אפּ אין זיין ארבעט פאר קיין ארט אפנארעריי. וואס איז דאס גאנצע סיסטעם פון „נעפּ" אין דערווירטשאפט, אויב נישט א סיסטעם פון אפנארן, סיי די קאפיטאליסטן, סיי די ארבעטנדיקע? אויב דאס אפנאדן איז נישט געלעגן אין דעם אנהויב פון סיסטעם, איז עס אבער שפּעטער און איצט געווארן דער יסוד פון גאנצן סיסטעם. מען נארט דעם *ארבעטער* סיי בשעת ער שטייט אין פאבריק, סיי ביי דער באשטימונג פון זיין ארבעטלוין, סיי ביי דער באשטימונג פון זיינע אר־בעטרעכט אין דעם פּראדוציר־פּראצעס. מען רעדט אים איין, אז ער האט די פרייהייט צו זיין א באשטימענדיקער פאקטאר אין דעם אויפבוי פון דער פּראדוקציע, בעת ער איז ווידער געווארן נישט מער ווי א פּראלעטאריש שרייפל אין דעם מלוכהש־ביוראקראטישן ארבעט־פּראצעס. מען נארט דעם ארבעטער בשעת ער שטייט דרויסן פון באטריב, בשעת ער בלאנדזשעט ארום ווי אן ארבעטלאזער ארום די ארבעט־בירזשעס. מען נארט דעם הארעפּאשנעם *פויער* בעת מען רעדט אים איין, אז

---

1) ס'פארשטייט זיך, אז דעמאגישע כוחות אין דעם זין קענען אנטוויקלען אויך באזונדערע טיפּן פון מענטשן, וועלכע באזירן זיך אויף זייער אינדיווידועלן „איך וויל" (Sic volo, sic jubeo): נאפּאלעאן, מוסאליני, אבער דאס איז דער באזיס נאר פאר איינצלנע מענטשן, נישט פאר באוועגונגען. אויך ביי די באוועגונגען, וואס וואקסן פון דעם אינדיווידועלן דעמאגיזם, מוז שפּעטער צוקומען א איבער־מענטשלעכער „מוז", וועלכער פארהייליקט די באוועגונג: ביי נאפּאלעאן און מוסאליני איז דאס דער נאציאנאלער מוז.

ער איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער שותף פון דער מלוכה, און אין דער אמתן זוכט מען אים נאָר אויסצונוצן ווי אַ מעלקנדיקע קו פאַר דער „פּראָלעטאַרישער" ווירטשאַפט. מאָנאַט נאָך מאָנאַט זאָגט מען דעם האַרעפּאַשנעם פּויער צו צו שאַנעווען זיינע רעכט, און טאָג נאָך טאָג ברעכט מען די אייגענע הבטחות דורך אַ מבול פון געזעצן, פאַראָרדנונגען, באַפעלן און דורך אַ ברוטאַלער פּראַקטיק אין דאָרף.

דאָס זעלבע אָפּנאַרן ווערט אָנגעווענדט בנוגע די ב אַ ל ע ב אַ ט י ש ע שיכטן פון לאַנד. די באָלשעוויסטישע מלוכה פירט מיט זיי אַן אומאויפהערלעכן שפּיל אין קאַץ און מויז. דאָ זאָגט זי זיי צו די ברייטסטע פּריווילעגיעס, דאָ באַפאַלט זי זיי פון הינטן און לאָזט זיי שטיין ליידיק. די מלוכה רעכנט, אַז דערמיט דינט זי דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי: זי לאָזט יעדעס מאָל די קאַפּיטאַליסטישע שאַף באַ־וואַקסן מיט וואָל און נעמט אַראָפּ די וואָל פאַר זיך. אָבער אין דער טאַקטיק ליגט אַ טאָפּלט געפאַר. נישט נאָר עס ווערט דורך דעם דאָזיקן שפּיל צעשטערט די פּאָלקס־ווירטשאַפט, ווייל די נעפּ־לייט קענען נישט זיין ערלעך און ארבעט־פעיק ביי אַזאַ רעזשים, וועלכער גיט זיי היינט די גרעסטע מעגלעכקייטן פון ארבעט און איבער נאַכט צעברעכט ער זייער לעבן און פאַרוואַנדלט זיי נאָך אין פאַר־ברעכער. ס'איז דאָ אַ צווייטע געפאַר: דאָס סיסטעמאַטישע אָפּנאַרן מצד דער רעגירונג ווערט ממילא אַ ביישפּיל פאַר דעם גאַנצן לעבנסשטיט פון די אַ ר ב ע ט־ ט נ ד י ק ע. אויב אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג מעג שטענדיק נאַרן און רויִנירן מענטשן, וועלכע האָבן זיך איר אָנפאַרטרויט און קענען אין אַ גרויסער צאָל גאָר אַנדערש נישט לעבן (ווייל זיי ווערן עד היום נישט אריינגעצויגן אין אַ סאָציאַליס־טישער פּראָדוציר־ארבעט) — דעמאָלט מעג י ע ט װ ע ד ע ר נאַרן און רויִנירן דעם אַנדערן אין טאָגטעגלעכן לעבן. צווישן די אַרבעטנדיקע לעבט ווידער אויף דער פּרינציפּ פון ווילדער קאָנקורענץ, אָנשטאָט קאָאָפּעראַציע. נאָך מער: די אַרבעטנ־דיקע הערן אויף, ביי אַזאַ מלוכה־סיסטעם פון אָפּוועקסלונג און נאַרעריי, צו פאַר־שטיין וואוהין עס גייט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון לאַנד — צום סאָציאַליזם אָדער צום קאַפּיטאַליזם. אַ גייסטיקע אומזיכערקייט און אַ כאַראַקטערלאָזיקייט ווערן דערצויגן אין דעם אַרבעט־מענטשן, בעת אַזאַ שפּילעריי ווערט אריינגעטראָגן אין דעם וויכטיקסטן פון זיין לעבן: אין דער דערקענטעניש פון זיינע אויפגאַבן.

אָפּנאַרעריי הערשט נישט נאָר אין „נעפּ". ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם ב ר אָ נ פּ ן. מיט איין האַנט פון דער מלוכה ווערט דער ביטערער טראָפּן אין הונ־דערטער טויזנטער עמערס אויסגעאַרבעט און פאַרקויפט צו די מאַסן. מיט דער אַנדער האַנט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי ווערט אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צו גרינדן געזעלשאַפטן... צום קאַמף קעגן שיכּורות. — איז נישט אָפּנאַרעריי אין די אויגן פון די מאַסן דאָס גאַנצע פּ אָ ל י ט י ש ע סיסטעם פון לאַנד, ביי וועלכן אָפיציעל הערשן סאָוועטן און פאַקטיש רעגירן באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־פּראַק־ציעס? — און איז נישט אָפּנאַרעריי ווען פון די העכסטע ליטעראַרישע אינסטאַנצן פון באָלשעוויזם ווערט סיסטעמאַטיש פאַלסיפיצירט די געשיכטע פון דער גאַנצער אָקטאָבער־רעוואָלוציע? אָט וואָס טראָצקי מוז שרייבן איצט צו זיינע אייגענע

חברים פון צענטראל־קאמיטעט, וועלכע האבן געבעטן ביי אים מאטעריאל וועגן זיין פערזענלעכן אנטייל אין דער רעוואלוציע: „וועלכן צוועק האט עס — פרעגט ער — צו ענטפערן אייך, אז אייער גאנצער אפיציעלער אפאראט ארבעט אין דער ריכטונג אויסצומעקן וועלכע נישט איז שפורן פון מיין אנטיילנעמען אין דער רעוואלוציע אדער וויניקסטנס צו פארדרייען זיי? מען וואלט געדארפט אנשרייבן בענד אום צו באווייזן אינגאנצן אלע באוווסטזיניקע און בייזע פעלשונגען פון דער געשיכטע, וועלכע ווערן געדעקט דורך דער אויטאריטעט פון אלע אנשטאלטן און זענען אפילו אריינגענומען אין די לערנביכער פאר דער יוגנט". אבער אזא פאלסיפיקאציע קומט פאר נישט נאר בנוגע טראצקין: בנוגע א גאנצער פארטיי (פון לינקע סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן) און אירע קעמפער קומט עס פאר שוין גאר לאנג (אפילו אין דער הערשאפט־צייט פון טראצקין אליין).

און זאלן מיר נאך דערמאנען די גאנצע אויסן־פאליטיק פון דער באלשעוויסטישער רעגירונג, וואס דאס איז דאס קאמפליצירטסטע סיסטעם פון נארעריי? אין איטאליע בויט מען א קאמוניסטישע פארטיי אויף צו באקעמפן דעם פאשיזם, און אין דער דיפלאמאטישער און עקאנאמישער פאליטיק פארבינדט מען זיך מיטן פאשיזם און מען דעמאנסטרירט פריינדשאפט צו מוסאליני. אין דייטשלאנד שטיצט מען א קאמוניסטישע באוועגונג, וועלכע דארף צעשטערן די בירגערלעכע מלוכה, און אין דער זעלביקער צייט איז מען פארבונדן דווקא מיט דער דאזיקער מלוכה און מען שטעלט איר נאך צו מיליטערישע אמוניציע. אין ליטע הערשט היינט דער פאשיזם; און דער „קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל" (ד"ה דער אויסן־אפאראט פון דער רעגירונג אין מאסקווע) דערלויבט נישט די ליטווישע קאמוניסטן א האנט אויפצוהויבן קעגן אים. אז א מיזרח־דעספאט, א קעניג פון אפגאניסטאן, אמאנולא, פארט ארום איבער דער וועלט צו זוכן זיך שותפים פאר זיינע פלענער, רופט אים אריין צו זיך מאסקווע און מאכט אים א „קייזערלעכע אויפנאמע". און אז די בארימטע קריגשיף „אווראָרא", וואס האט אין יאר 1917 אין פעטראגראד געהאלפן אויסקעמפן די אקטאבער־רעוואלוציע, קומט צו גיין אויף איר רייזע אין אויגוסט 1928 קיין קאפענהאגן, וואס טוט אזא שיף דארטן? זיין באלשעוויסטישער ארקעסטער שפילט דעם דענישן קעניגס־הימן, א ליד, וועלכעס אפילו א סאציאל־דעמאקראטישער מיניסטער פון דענעמארק, די פרוי נינא באנג, האט מיט א פאר יאר צוריק פארבאטן צו זינגען אין קעניגלעכן טעאטער. אט אזוי ווערט אין אלע לענדער אנגעפירט א סיסטעם פון טאפלטער אפנארעריי: סיי לגבי די הערשער, סיי לגבי די פראלעטאריער. דאס איז נישט אפנארן דאס אדער אן אנדעריש מאל, דאס איז א סיסטעם וואס ווארצלט זיך איין און צערפרעסט דעם רעוואלוציאנערן באוווסטזיין פון ארבעטער־פאלק.

VI

פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג פירט ארויס דער באלשעוויזם דעם נויטווענדיקן איבערגאנג צום סאציאליזם. דאס האט באטייט אז דער קאפיטאליזם אלס א געוויסער סדר מוז צעשטערט ווערן, אבער אז זיינע עלעמענטן

וועלן אַריבערגיין אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. דערפון האָט זיך געשאַפן אַן אינערלעכע פאַרבונדנקייט צווישן קאַפּיטאַליזם און באָלשעוויזם. אין דער ירושה פון קאַפּיטאַליזם האָט דער באָלשעוויק אַריינגענומען סיי די גרויסע עקאָ־נאָמישע דערגרייכונגען און סיי אַ גרויסע מאָס פון „גײַסטיקע" אייגנשאַפטן פון באַלעבאַטישן סדר. אָט פון דעם סדר טאַקע האָט דער באָלשעוויזם אַריבערגע־נומען דאָס אָפּנאַרעריי־סיסטעם פון וועלכן מיר האָבן גערעדט פריער. פון דעם סדר איז אַריין אין אים דער פּרינציפּ פון פאַרביטערטער קאָנקורענץ. פון דאָרטן נעמט זיך די פּייערדיקע שנאת חנם, וועלכע דער באָלשעוויזם פירט אַריין צווישן די אַרבעטער, צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, צווישן קאָמוניסטן גופא, וועלכע פירט צו שפּאַלטונגען מיט כעס און נקמה. פון דאָרטן קומט אויך די פאַראַכטונג פון מענטשן אָדער זיין אָפּשאַצונג נאָר לויט זיין סוחרישן ווערט. און די אַלע דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר האָבן זיך נאָך באַהעפט מיט דעם פאַנאַטישן אימפּעט פון דער אַריסטאָקראַטישער וועלט־אָנשויאונג פון באָל־שעוויזם. זיי האָבן געמוזט אַלץ שטאַרקער ווערן עד אין סוף.

פון דער בירגערלעכער וועלט איז אַריינגעדרונגען אין באָלשעוויזם אויך די התפּעלות פאַר דער ציוויליזאַציע. ער וויל אַריבערנעמען אין זיין וועלט דעם גאַנצן ליאַרם און געפּילדער פון דער „מאָדערנער" ציוויליזירטער קאַפּיטאַליסטי־שער וועלט. ער וויל אַריבערנעמען די היעראַרכיע און די „אָרדנונג", וואָס הערשט אין איר מלוכה, ווירטשאַפט און קולטור. ער נעמט אַריבער דעם גאַנצן אינער־לעכן אויפבוי פון אַ מ ל ו כ ה און די אַלע הויפּט־אינסטרומענטן פון איר ממשלה. ער רעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און וויל אַריבערשלעפּן צו זיך דעם אַמעריקאַניזם און דעם פאָרדיזם אין דער טעכניק. די סאָציאַליסטישע אָרדנונג שטעלט ער זיך פאָר נישט אַנדערש ווי איין גרויסע מעכאַנישע פאַבריק, וואָס איז צעלייגט אויף גרויסע טעריטאָריעס, וואָס איז באַזעצט אין ג ר ו י ס ע הונ־דערט־שטאָקיקע געביידעס, וואָס נעמט אַריין אין זיך מ י ל י אָ נ ע ן אַרבעטנ־דיקע מענטשן. מיט אַ באַגייסטערונג שטייט דער באָלשעוויק פאַר דער שפע מיט וועלכער די מאַשינען־טעכניק וואַרפט אַרויס פון זיך מאַטעריעלע אוצרות און באַקוועמלעכקייטן. די דאָזיקע שפע פון מאַטעריעלן רייכטום און די נאָך גרעסערע און גרעסערע „מאַכט פון פּראָדוציר־כוחות" וויל ער האָבן אין זיין געזעלשאַפט. ער איז פאַרכאַפּט פון דער אידעע צו שאַפן אַ סך, אָן אַ שיעור, אַ סך מאַטעריעלע רייכקייטן, אַז יעדער זאָל האָבן שפעטער דעם גאַנצן מאַטעריעלן וווילטאָג, יעדער זאָל קענען באַפרידיקן אַלע זיינע באַדערפנישן. און עס פאַלט אים נישט איין דער געדאַנק, אַז אין דער נייער וועלט וועט מען אפשר גאָרנישט האָבן אַזאַ יאָגעניש נאָך באַדערפענישן און זייער באַפרידיקונג ווי אין קאַפּיטאַליזם. אַז די באַדערפענישן, וואָס קענען ווערן באַפרידיקט פון דער מאַשינען־טעכניק, וועלן אפשר דעמאָלט גאָרנישט זיין די וויכטיקסטע.

דערפאַר איז דער באָלשעוויזם אַזוי להוט וואָס גיכער איינצופירן אין סאָוועט־רוסלאַנד די סאַמע לעצטע טעכנישע און פאַבריק־אָרגאַניזאַטאָרישע „דערגרייכע־

ניש‫ן״ פון איינראַפּעיש‫ן און אַמעריקאַניש‫ן קאַפּיטאַליזם. אַלע פאָרמען פון „ראַ־ציאָנאַליזירונג״, פון טיראַניזירונג פון מענטשלעכער אַרבעט לויט די בעסטע מוס־טערן פון טיילאָרן און פאָרדן ווערן איינגעפירט אין אַ לאַנד, וואָס האָט זיינע אייגענע פאָרשטעלונגען און טראַדיציעס וועגן אַרבעט, וועגן דעם זין און דעם סדר פון אַרבעט. צעברעכנדיק די קוסטאַר־פאָרם פון דעם רוסיש‫ן בעל־מלאכה אָדער די אָבשטשינא־פאָרם פון דעם האַרעפּאַשנעם פויער (ווו דער ווירט־שאַפטלעכער מאָמענט איז ענג פאַרבונדן מיט דעם סאָציאַל־עטיש‫ן), באַמיט זיך דער באָלשעוויזם אַרויפצוצווינגען נאָר די „מאָדערנע״ פאָרמען פון דער קאַפּי־טאַליסטישער ציוויליזאַציע. אין דעם דריקט זיך אויס ווידער זיין קאַלאָניאַל־כאַראַקטער. אין דער דאָזיקער גייסטיקער הכנעה פאַר דער ציוויליזאַציע איז נישטאָ קיין חילוק צווישן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט און באָלשעוויק. ביידע האַלטן זי פאַר „היסטאָריש נויטווענדיק״ און ביידע ווילן זי האָבן. מער נישט דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט נעמט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג געדולדיק און ביסלעכ־ווייז די פרוכטן פון ציוויליזאַציע, און דער באָלשעוויק איז — לויט זיין אָפּשאַצונג פון דער אַנטוויקלונג — אַ מורד, און פאַרלאַנגט די דאָזיקע פרוכטן תיכף ומיד.

ס'איז אָבער קלאָר, אַז די גרעסטע געפאַר ליגט פאַרן פרייהייטלעכן סאָציאַ־ליזם אויף דעם געביט. וועט זיך דער סאָציאַליסט — אפילו דער רעוואָלו־ציאָנערסטער — גייסטיק אויסבינדן מיט דעם דאָזיקן צויבער פון ציוויליזאַציע, וועט ער שטיין פאַר דער סכנה פון מאַטעריאַליסטישער פאַרפלאַכונג. עס וועט ווערן פאַרפלאַכט די פאָרשטעלונג פון דער קינפטיקער געזעלשאַפט, אויב זי וועט זיין איבערגעלאָדן מיט דער שווערער משא פון מאַטעריעלע באַדערפניש‫ן און דער־גרייכונגען. און עס וועט ווערן פאַרפלאַכט דער היינטיקער קאַמף פאַר דער קינפטיקער געזעלשאַפט, אין וועלכן עס גרייטן זיך צו זעליש און גייסטיק די מענטש‫ן פאַר דער צוקונפט.

געוויס דערגרייכט אָפטמאָל דער באָלשעוויזם די גרעסטע דערפאָלגן אין זיין פּראָפּאַגאַנדע, ווען ער שטעלט אַרויס פאַר דעם הונגעריקן אויג פון פּראָלעטאַריער די שעמערירנדיקע וועלט פון דער ציוויליזאַציע און צינדט אים אָן מיט כעס און קאַמפּס־לוסט. די פראַגע איז נאָר צי איז דער דאָזיקער דערפאָלג גענוגנדיק פאַר דעם סאָציאַליזם. ווייל נישט יעדער קאַמף פון דעם אָרעמען קעגן רייכע איז גרויס און היסטאָריש. דער קאַמף איז נישט גרויס, ווען דער אָרעמער וויל אַריבער־נעמען צו זיך די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון דעם רייכן. אָפּשאַפן דעם קאַפּי־טאַליסטיש‫ן סדר און אַריבערנעמען זיין ציוויליזאַציע הייסט לחלוטין נישט שאַפן אַ סאָציאַליסטישע וועלט. מען קען דאָס זאָגן אַזוי: מינוס קאַפּיטאַ־ליזם איז נישט פּלוס סאָציאַליזם.

## VII

מיר קענען איצט קלאָרער אַנטקעגנשטעלן די ביידע לאַגערן: דעם רעפאָר־מיזם און דעם באָלשעוויזם. זיי ביידע רייס‫ן פונאַנדער די צוויי עלעמענטן: פּאָליטיק און מאָראַל. דער רעפאָרמיסט רייסט אָפּ זיין פּאָליטיק פון דעם מאָראַ־

לישן אידעאַל. דער באָלשעוויק רייסט אָפּ זיין מאָראַלישן אידעאַל פון פּאָליטיק; ער רייסט אָפּ, ווייל אין דעם נדר און אין זיין ווירקונג איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פרייער פּאָליטיק פון מענטשן. אויב אין רעפאָרמיזם איז נישטאָ קיין איבער־מענטשלעכע פּאָליטיק, איז אין באָלשעוויזם דאָ א נישט־מענטשלעכע, דעמאָנישע קראַפט, וועלכע צעשטערט אינגאַנצן די פּאָליטיק. אין דעם דאָזיקן זין האָט דער באָלשעוויזם א נאָענטקייט צום פילאָזאָפישן אידעאַליזם: ווייל, הגם דער באָלשעוויזם מישט זיך שוין זייער שטאַרק אריין אין די מענטשלעכע שיקזאַלן, דאָך שטעלט ער זיך איבער דער פרייער טעטיקייט פון די מענטשן. ביי א גענויער באַטראַכטונג זעט מען אָבער, אַז דער באָלשעוויזם איז אין תוך (פונקט ווי דער רעפאָרמיזם) — א פּאָזיטיוויסטישע לערע. זיין רעוואָלוציאָנערע מאָראַל איז נישט קיין פאָדערונג פון אידעאַל, נאָר א רעזולטאַט פון די פאַקטן, פון דער אַנטוויקלונג פון פאַקטן. ממילא איז דאָס נישט קיין מאָראַל, און זיין אַקטיוויטעט איז ממילא פונקט אַזוי א צופּאַסונג צו דער פאַקטישער אַנטוויקלונג ווי אין רעפאָרמיזם. מער נישט, ער פּאַסט זיך צו צו א שטורמישער אַנטוויקלונג. דאָס איז ערשטנס; און ער קאָנצענטרירט די אַקטיוויטעט נישט ביי די מאַסן, נאָר ביי דעם אויסדערוויילטן טרעגער פון דער געשיכטע (ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי), דאָס איז צווייטנס.

דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם אָבער וויל נישט וויסן פון דעם גאַנצן ריס צווישן פּאָליטיק און מאָראַל. ער וויל, אַז די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט זאָל נישט באַשטיין פון צופעליקע, כאָטש אָפטמאָל גרויסאַרטיקע געשעענישן. ער וויל, אַז די פּאָליטיק פון היינטיקן סאָציאַליזם זאָל ווערן געפירט און רעגולירט נישט פון דער אַנטוויקלונג אַליין (און נישט אפילו פון א נעפּלהאַפטער פאָרשטעלונג פון א צוקונפט, ווי זי איז דאָ אין רעפאָרמיזם), נאָר פון א מעכטיקן און טעגלעך זיך באַנייענדיקן מאָראַלישן אידעאַל. און ער וויל, אַז דער מאָראַלישער אידעאַל זאָל נישט זיין אַבסטראַקט־מאַקסימאַליסטיש, שוועבנדיק איבער מענטשן און היסטאָריע, נאָר ער זאָל זיך רעאַל פאַרבינדן מיט דער קאָנקרעטער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, מיט דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק. דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם וויל א פאַרבינדונג פון מאָראַל און פּאָליטיק. ער וויל אַריינגעמען אין סאָציאַליזם די אַבסאָלוטהייט און דעם מרידה־גייסט פון הויכער מאָראַל; און ער וויל אַז אַזאַ מאָראַל זאָל זיך באַהעפטן מיט דער גרעסטער פּאָליטישער אַקטיוויטעט, און טאַקע מיט פרייער פּאָליטיק. דער סאָציאַליסט מוז טראָגן אין זיך דעם רצון צום אַבסאָלוטן, פונקט אַזוי ווי דעם רצון צו פרייער אַקטיוויטעט (פאַר זיך און פאַר אַנדערע). דער סאָציאַליסט טאָר אויף א רגע נישט מאַכן קיין שלום מיט דעם וועלט־צער און מיט דער היינטיקער וועלט, ער מוז שטענדיק האָבן פאַר זיין גייסטיקן אויג דעם גאַנצן אידעאַל. דער סאָציאַליסט טראָגט אין זיך שטענדיק די פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם גאַנג פון דער געשיכטע, פאַר די פאַרגאַנגענע דורות און פאַר די קומענדיקע. דער סאָציאַליסט איז דער, וועמען עס האָט דעם

אידעאַל פון סאָציאַליזם אַליין דורכגעטראַכט און דורכגעפילט, דורכגעליטן און דורכגעלעבט. אָבער אַן עכטער סאָציאַליסט ווערט ער נאָר דעמאָלט, ווען ער פלעכט צוזאַמען זיין מאָראַלישן אידעאַל מיט דער טאָגטעגלעכער, קלענער אָדער גרויסער, אָבער יעדעס מאָל קאָנקרעטער אַרבעט; ווען „באַפרייונג פון מענטשהייט” ווערט אין זיין קאָנקרעטער פּאָליטיק באַפרייונג פון מענטשן. אַ סאָציאַליסט איז דער, ווער ס'אַרבעט נישט נאָר צווישן די ליידנדיקע מענטשן, נאָר אַרבעט מ י ט ז י י צ ו ז א מ ע ן, העלפט זיי פריי זיך אַליין צו באַפרייען.

דעמאָלט ווערט די אַרבעט פון סאָציאַליסט געהייליקט. דעמאָלט איז זיין אַרבעט נישט קיין רינגל פון אַ נויטווענדיקער קייט פון פאַקטן, נאָר זי איז אַ רינגל אין דער אייביקייט-קייט פון מ אָ ר א ל י ש ע א י ד ע א ל ן. דעמאָלט איז יעדער טאָג זיינער איינגעפלאָכטן אין דער אייביקייט, און די אייביקייט איז דאָ אין יעדן טאָג זיינעם. דעמאָלט איז נישטאָ קיין אָרט פאַר הפקרות אָדער יאוש. ווייל ווי שווער עס זאָל נישט זיין דער היינטיקער טאָג אין סאָציאַליזם, אָבער איבער אים שטייט די לעבעדיקע אידעע.

(„פרייע שריפטן”, נאָוועמבער, 1928).

# דאָס לעבנס־פּראָבלעם פון גוסטאַוו לאַנדויער

ווער עס דינט אַן אידעע, שטייט דורכדעם
איז טויט ווי אין לעבן.

(לאַנדויער, 13־טן מערץ 1919)

I

מיט צען יאָר צוריק איז אין מינכען — נאָך דער בלוטיקער אונטערדריקונג פון דער סאָוועטישער רעפּובליק — דערהרגעט געוואָרן אויך גוסטאַוו לאַנדויער. „דעם 2טן מאַי 1919 האָבן אים די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן געבראַכט אין דער פעסטונג שטאַדעלהיים. פון דעם מאָמענט אָן איז ער איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די סאָלדאַטן, וועלכע די אָפיצירן האָבן כסדר אויפגעהעצט. איין אָפיציר האָט דערלאַנגט אַ געשריי: „האַלט, דער לאַנדויער מוז ווערן תיכף דער־שאָסן!" און אַנדער אָפיציר, פרייהער פאָן גאַגערן, האָט אים דערלאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ מיט דער רייט־בייטש איבערן קאָפּ. דאָס איז געווען דער סיגנאַל פאַר די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך איצט געוואָרפן אויף אים ווי אַ באַנדע הינט. זיי האָבן אים געשלאָגן און דערשאָסן. די לעצטע ווערטער, וועלכע ער האָט אויס־גערופן צו די מערדער, זענען געווען: „דערהרגעט מיך דאָך! זייט דאָך מענטשן!"

אונטער די אייזערנע קנאַפּל פון די סאָלדאַטישע שטיוול האָט אויסגעהויכט זיין לעבן (אין עלטער פון 49 יאָר) איינער פון די טיפסטע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן פון אונדזער דור. ער איז איינזאַם דורכגעגאַנגען זיין לעבנסוועג, און ערשט איצט — צען יאָר נאָך זיין טויט — הויבט זיך אָן צו רירן דאָס פאַר־שטענדניש און די אינערלעכע סימפּאַטיע פאַר זיין לעבן. זיין דענקען און זיין פילן, זיינע ראַנגלענישן און זיין טויט וועלן אַריינגיין ווי שטאַרקע פונדאַמענט־שטיינער אין דעם נייעם בנין פון סאָציאַליזם, וועלכער וועבט זיך אין די נשמות פון טויזנטער מענטשן אין דער וועלט. אַזעלכע מענטשן ווי לאַנדויער לעבן און קעמפן נישט פאַר זייער דור אַליין. און אויב ס'איז דאָ אַ יושר און אַ גייסטיקע מרייסט אין דער וועלט־היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, וועלן מיר זען דעם דאָזיקן יושר. לאַנדויערס אידעען־וועלט וועט ווערן אַריינגענומען אין דעם אוצר פון דער נייער קעמפנדיקער מענטשהייט אַסך פריער איידער ער אַליין האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, בעת ער איז געפאַלן אונטער די שלעג פון פאַרהיהשטע מענטשן.

לאַנדויער איז געווען פרוכטבאַר אין זייער אַ גרויסער צאָל געביטן פון מענטש־לעבן שאַפן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט פילאָזאָפישע פראַגן און האָט אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן „מיסטיק און סקעפּטיק". ער האָט אַקטיוו געלעבט אין דער טיפזיניקער וועלט פון מ. מאַוטנערס פילאָזאָפישער „שפּראַכקריטיק" און ער האָט זיך געגרייט אָנצושרייבן אַ „געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע". ער האָט זיך אינטים אָפּגעגעבן מיט דער קונסט, ליטעראַטור, מוזיק, טעאַטער אין דעם ברייטן פאַרנעם פון די דאָזיקע באַגריפן. פון דער באַשעפטיקונג מיט ליטע־ראַטור איז אַרויסגעוואַקסן זיין צווייבענדיק ווערק וועגן שעקספּירן. ער האָט זיך טיף אַריינגעלעבט אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט־געשיכטע און האָט אַרויסגעגעבן אַ צווייבענדיקן בוך „בריוו פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", אין וועלכן די קעמפער פון יענער עפּאָכע, פון אַלע ריכטונגען און שיכטן, זיינען געקומען צום וואָרט. און ער האָט זיך אָפּגעגעבן אָן אויפהער מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראַגן פון זיין צייט, אַרויסלאָזנדיק די ביכער „רעוואָ־לוציע", „אויפרוף צום סאָציאַליזם" (1) און זיין זשורנאַל „סאָציאַליסט". — ווי פאַרשיידן די אַלע דאָזיקע געביטן פון שאַפן זאָלן נישט זיין, זענען זיי אָבער אינער־לעך געווען צונויפגעבונדן אין איינס: דורך זיין קעמפנדיקער פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט געשטרעבט צו דעם ערלעכסטן אמת, צו דער גערעכטסטער גערעכ־טיקייט, צו דער שענסטער שיינקייט. (2)

די אַלע דאָזיקע געביטן מוזן מיר דאָ לאָזן אָן אַ זייט. דאָסמאָל ווילן מיר דאָ ריידן וועגן לאַנדויערן אַלס מענטש, ד"ה וועגן יענע פראַגן פון זיין לעבן און דענקען, וועלכע זענען פאַר אים (און פאַר אונדז) געווען וויכטיקער פון אַלץ, וועלכע האָבן מיט אַן אומזיכטבאַרן נשמה־גלאַנץ באַלויכטן זיינע טראַכטענישן און ראַנגלענישן אין אַלע געביטן. לאַנדויער אַלס מענטש קאָן באַדייטן, ראשית כל, זיין ביאָגראַפיע. זיין פּערזענלעכע לעבן־ און גייסט־אַנטוויקלונג. דאָס איז אַן אויפגאַבע, וועלכע די סאָציאַליסטן בכלל, און יידישע באַזונדער, מוזן זיך שטעלן און דערפילן. ווייל דאָס קאָנקרעטע ביישפּיל־לעבן פון אַ סאָציאַליסט איז דער בעסטער אַרגומענט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. די היינ־טיקע תקופה פון סאָציאַליסטישער באַוועגונג גיט זיך אָפּ אָדער מיט דער באַ־שרייבונג פון די אומפּערזענלעכע קאַמפן פון קלאַסן אָדער מיט דער באַשרייבונג פון „העלדישע" פּערזאָנען וואָס האָבן דערגרייכט צו מאַכט און גדולה (אַ לענין, אַן עבערט). די שילדערונג פון אַ „פשוטן" סאָציאַליסט, דאָס נאָכפאָרשן און מיט־

1) דערשינען אין יידיש אין 1921, אין דער איבערזעצונג פון ה. פראַנק און ב. ראָזענטאַל, אין וועלט־פאַרלאַג, בערלין.

2) אין אַ בריוו פון 13־טן יוני 1917 האָט ער געשריבן וועגן זיין בוך איבער שעקספּיר: „איך גיי צו צו שעקספּירן נישט עפּעס ליטעראַר־היסטאָריש, נאָר פּונקט אַזוי ווי צו די פילאָזאָ־פישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט: צוליב דעם אינערלעכסטן קערן פון אונדזער מענטשלעכן לעבן. אין אַלע מיינע דאָזיקע פאָרטראַגן, אין וועלכע איך האָב מיך פאַרטיפט אין דעם דיכטער און זיין וועלט, ליגט אין תוך גענומען נאָר די פראַגע וועגן דעם זין און דער אויפגאַבע פון לעבן".

לעבן פון זיין געוויינטלעכן קאמף־לעבן איז כמעט ווי פארשווונדן געווארן. די שילדערונג פון לאנדויערס לעבן ווערט נאך דערלייכטערט דערמיט וואס לאנדויער האט איבערגעלאזט פריינט (דער נאענטסטער פון זיי איז מארטין בובער), וועלכע געבן ארויס אלע זיינע שריפטן און האבן אקארשט ארויסגעגעבן א צווייבענדיק ווערק פון זיינע בריוו פאר די לעצטע צוואנציק יאר.

דאס אינערלעכע לעבן, אלע זעלישע מאטיוון פון זיין שאפן און ווירקן שפרייטן זיך דא אויס פאר אונדז מיט אזא איידעלער און לעצטער אפנקייט, אז מען ווערט פערשיטערט צוטרעטנדיק אזוי נאנט צו אן אנדערן מענטשנס נשמה. די דאזיקע בריוו געבן שוין איצט די מעגלעכקייט פונאנדערצוּוויקלען ברייט לאנדויערס ביאגראפיע אין דער וויכטיקסטער צייט פון זיין לעבן, ווירקן און טויט. מען וועט דערזען אין אזא ביאגראפיע א מענטשן, וועלכער האט זיין גאנצן לעבן געמוזט קעמפן מיט דחקות און נויט, האט מיט גרויס מי אויסגעארבעט די מיטלען פאר זיין פאמיליע (זיין פרוי, העדוויג לאכמאן, איז געווען א פיינפילנדיקע דיכטערן) און דער דערציונג פון זיינע קינדער. אבער דער מענטש האט — צוליב נויט אדער אנדערע פניות — נישט באגאנגען קיין איין זינד לגבי זיינע איבערצייגונגען. ער האט זיך געהאלטן אן זיי מיט דער קנאישער שטרענגקייט פון יענע רבנים, וועלכע זענען געשטאנען אין קאמף פאר דער אמונה (און דא איז ער ענלעך צו קארל מארקסן). זיין לעבן איז געווען געווידמעט איין איינציקער אידעע — דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט; און דער דאזיקער אידעע האט ער געדינט אן פשרות, אן נאכגיביקייט, אן ווייכקייט. יא, אין זיין „קנאת ה׳ צבאות" איז ער געווען שטייף און הארב, האט באהאנדלט מענטשן שטרענג און געריסן מיט זיי די פארבינדונגען ווען ער פלעגט דערשפירן אין זיי א שוואכקייט. ער האט אפשר אפט מיט ליידנשאפט פארטיידיקט זיין פערזענלעכן כבוד און שטאלץ, אבער זיין אייגענער כבוד האט זיך אזוי צונויפגעמישט מיט זיין אידעע, מיטן „כבוד התורה", אז דאס האט געקאנט ווערן פארשטענדלעך. ער איז געשטאנען אויף דער וואך פון אן אידעע און האט געהאט דעם מוט צו בלייבן איינזאם. ער האט געפירט א ריינעם פאמיליען־לעבן און האט געזוכט אין אים צו פארווירקלעכן די פרינציפן, וועלכע דארפן אמאל באזעלן די סאציאליסטיש־אנארכיסטישע געמיינדע. און ער האט דערהאלטן די טריישאפט צו דער אידעע און זיין טיפן לעבנסמוט ביז אין די לעצטע שעהן פון זיין לעבן, בעת ער האט שוין געקוקט דעם טויט אין די אויגן.

די ביאגראפיע פון לאנדויערן וועט ארויסגעפינען אין זיין ווירקן נאך מער גייסטיקע און נשמה־אוצרות וועלכע וועלן פארוואנדלען זיין איינציקארטיק לעבן אין א ביישפיל פאר אונדזער היינטיקן דור. אבער מיר מוזן אויך דאס לאזן אן א זייט און זיך צו קאנצענטרירן אויף לאנדויערן אלס מענטש אין אן אנדער זין. אונדז איז וויכטיק דאס שווערע פראבלעם וואס האט באשעפטיקט לאנדויערן זיין לעבן לאנג און וואס פייניקט אונדז אלעמען היינט. און דאס דאזיקע פרא־

בלעם איז, אזוי צו זאָגן, אריינגעשטעלט אין דעם גאַנצן ראַם פון זיין לעבן, אַזוי אַז ער ווערט די פאַרקערפּערונג פון דעם פּראָבלעם.

דאָס איז די פראַגע וועגן תוך פון סאָציאַליזם, וועגן דעם: צי איז דער סאָציאַליזם נאָר אַן אויסערלעכע, אָביעקטיווע ב א וו ע ג ו נ ג פון טאָטן און דערפּאָלגן אָדער ער איז אַן אינערלעכע סוביעקטיווע וועלט פון א י ד ע ע ן, ראַנגלעניש, פאַרפליכטונגען. וואָס שטייט אין צענטער פון סאָציאַליזם: באַוועגונג אָדער מענטש? דאָס איז היינט געוואָרן די קערן־פּראַגע פון סאָציאַליזם, און דאָס האָט פאַרנומען ביי לאַנדויערן דעם אויבנאָן. אריינטיפן זיך אין לאַנדויערן אַלס מענטש הייסט אַלזאָ אריינטיפן זיך אין ד ע ם פּראָבלעם פון מענטש און סאָציאַליזם.

פאַרוואָס דווקא היינט איז עס אַזוי וויכטיק? ווייל היינט האָבן זיך פאַר אונדז אַלעמען אַנטפּלעקט סודות וועלכע זענען געווען פאַרנעפּלט אין די פריער־דיקע יאָרן פון הכנות און וואַרטעניש. דאָס וואָס מען האָט פריער מיט אַ ציטער גערופן סאָציאַליזם, ליגט אין אַ גרויסער מאָס צעשטערט און צעבראָכן. אמת, פון אַלע זייטן באַווייזט מען אונדז מיטן פינגער אויף די „גרויסע” פּראַקטישע דער־פאָלגן אין דער באַוועגונג. טויזנטער סאָציאַליסטישע באַאַמטע, שרייבער און אויפגעקומענע מיוחסים טייטלען מיטן פעדער אָדער מיטן מויל, שווייגנדיק אָדער שרייענדיק, אויף די טריומפן אין די פאַרלאַמענטן, געווערקשאַפטן, קאָאָפּעראַ־טיוון, קולטור־געזעלשאַפטן אאַז"וו. דאָס זענען אָבער פאַלשע טריומפן פון דער־פאָלג און טאַט. מען קאָן נאָר מקנא זיין יענע נאַיווע אָדער אויסגעוועבטע נשמות, וועלכע זענען נישט איין אין אַזעלכע „דערפאָלגן” די קערנדלעך פון קריזיסן. דער אַרבעטער־קלאַס האָט געלייגט דורות־לאַנג די גרעסטע קרבנות, האָט אריינגע־פלאָכטן אין זיין באַוועגונג די הייסטע ווונטשן און באַגייסטערונג, — און אַז ער האָט זיך היינט צוגעריסן צו אַ שמחה, האָט זיך ארויסגעשטעלט אַז דאָס זע־נען פ ר ע מ ד ע שמחות — אַ פאַלשער טריאומף פון אויסערלעכע דערפאָלגן, און אַ טיפער באַנקראָט פון דער א י נ ע ר ל ע כ ע ר זייט פון סאָציאַליזם. דער פייערדיקער גלויבן אין דער זאַך, די וויזיע פון דער אומזיכטבאַרער שיינער וועלט, די באַנדן פון צוטרוי צו דער באַוועגונג, צו די פאַרטייען, צו די פירערס און חברים — איז אין אַ דערשרעקנדיקער מאָס פאַרלוירן געגאַנגען. מען שטייט אין די טויזנטער, אין די הונדערטער טויזנטער אין די אַלטע באַוועגונגען, און מען שטייט דאָ „ווייל ס'איז נישטאָ ווו אַוועקצוגיין”, ווייל דער ביטערער טראָפּן פון יאוש אָדער פון הפקרות געוועלטיקט אין דער נשמה. און ס'איז קיין נפקא מינה נישט, צי עס האַנדלט זיך היינט וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָדער באָל־שעוויסטישע רייען; סיי דאָ סיי דאָרטן — אויסערלעכע „דערפאָלגן”, אינערלעכע אומעט און צער. אַ נייער שטראָם מיט נייעם גלויבן מוז נאָכאַמאָל אריינרייסן זיך אין דעם פאַרטריקנטן מדבר פון היינטיקן סאָציאַליזם. דאָס פּראָבלעם — באַ־וועגונג אָדער מענטש — מוז ווידער אַמאָל געלייזט ווערן.

אָבער דאָס וואָס מיר פאַרשטיין היינט, האָט לאַנדויער פאַרויסגעזען און

פאַרשטאַנען שוין אַמאָל, בעת ער איז געווען אײַנזאַם. און ס'איז באַראַקטעריס־טיש, אַז טאַקע אין דעם דאָזיקן יאָר ווען אין רוסלאַנד האָט זיך בולט אַרויס־געשטעלט אַז עכטער סאָציאַליזם מוז שטיין מחוץ למחנה פון סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן און באָלשעוויקעס, האָט זיך אין דײַטשלאַנד אויך לאַנדויער אוועקגע־שטעלט צווישן די ביידע הערשנדיקע שטראָמען, סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און באָל־שעוויזם. אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1919 האָט לאַנדויער געקעמפט מיט דער גרעסטער קלאָרקייט און ליידנשאַפט קעגן די דאָזיקע ביידע שטראָמען, אין מינכען. און אין דער זעלביקער צײַט זענען שוין אין רוסלאַנד געזעסן אין די געפענגענישן די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך אויך אַנטקעגנגעשטעלט די ביידע שטראָמען. מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ, אַלעקסאַנדער בלאָק, דער קעמפער און דער דיכטער, האָבן געצאָלט שוין מיט זייערע ליידן פאַר דערזעלביקער דריטער אידעע, וועלכע לאַנדויער האָט פּראַק־טיצירט אין מינכען און וועלכע האָט אים געפירט צום טויט. און ס'איז דאָ אַ בריוו פון לאַנדויערן אין וועלכן ער דערמאָנט די אומבאַקאַנטע רוסן. דעם 13טן דע־צעמבער 1918 שרייבט ער צו בובערן: „דאָס וויכטיקסטע: איך האָב תיכף ניי־טיק אָפּיציעלן, אומצווייפלבאַרן מאַטעריאַל וועגן דעם קאַמף פון די באָלשעווי־קעס קעגן די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. איר וואָלט געדינט אַ גוטער זאַך, אויב איר וואָלט מיר עס פאַרשאַפט".

אויב אין אַזעלכע פאַרשיידענע קרייזן און לענדער האָט געקאָנט דערוועקט ווערן צום לעבן אַזאַ געמיינזאַמע אידעע, איז דאָס אַ באַווײַז אַז זי איז נישט קיין צופעליקע, אַז זי ליגט אין יסוד פון אַ נייעם, עכטן סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין. — לאָמיר זיך איצט נענט באַקענען מיט דער אידעען־וועלט פון גוסטאַוו לאַנ־דויער.

## II.

לאַנדויער איז אַרויס מיט דער פאָדערונג אַז סאָציאַליזם זאָל, ראשית כל און אין תוך, זײַן אַן אינערלעכע שטענדיקע איבערלעבונג פון מענטשן. וועגן דער פאַראינערלעכונג האָט ער גערעדט מיט באַגייסטערטע ווערטער אין זײַן „אויפרוף צום סאָציאַליזם". — „אָט דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישן סאָ־ציאַליסט און פּאָליטיקער: דער סאָציאַליסט פאַרמעסט זיך אויף דאָס גאַנצע, ער וויל פאַרווירקלעכן נישט קלענערס ווי דאָס גאַנצע, דאָס אַלגעמיינע, דאָס פּרינ־ציפּיעלע... ס'קענען זײַן פאַרשיידענע אַרטן פון סאָציאַליסטן, אין איינעם שטייגט אַלץ אַריבער די גרויסע ליבע, אין דעם אַנדערן די פאַנטאַזיע אָדער די ליכטיקע וויזיע אָדער דער עקל אָדער דאָס שטאַרקע דענקען פון קלוגשאַפט אָדער עפּעס אַן אַנדער נשמה־שטריך; דער סאָציאַליסט קאָן זײַן אַ דענקער אָדער אַ דיכטער אָדער אַ קעמפער אָדער אַ נביא, — אָבער דער עכטער סאָציאַליסט וועט שטענדיק אַנטהאַלטן אין זיך דאָס לעבן פון אַלגעמיינעם. קיינמאָל וועט ער אָבער נישט קענען אַנטהאַלטן אין זיך די נאַטור פון אַ פּראָפעסאָר, אַן אַדוואָ־

קאט, א חשבון־מענטש, א קרעמער, א מנחם־מענדל, א דורכשניט־נפש... די, וואס רופן זיך היינט אן סאציאליסטן, זענען אלע גארנישט קיין סאציאליסטן. אויך דא, אין דער אזוי גערופענער סאציאליסטישער באוועגונג, ווי אין אלע אר־גאניזאציעס פון אונדזער צייט, איז אויפן ארט פון גייסט אויפגעקומען א גראָ־בער און נישט־ווירדיקער סוראגאט". דאס איז געשריבן געווארן אין יאר 1911. און שוין דעמאלט האט ל. מיט כעס און שפאט אנגעוויזן אויפן גייסטיקן יסוד פון דער דאזיקער אנטגייסטיקונג פון סאציאליזם. דאס איז דער מארקסיזם.

„מיר זאגן אים אין פנים אריין דאס, וואס ער איז: די פעסט פון אונדזער עפא־כע און די קללה פון דער סאציאליסטישער באוועגונג". ער האט געשמידט אין קייטן פון „היסטארישע געזעצן און נויטווענדיקייטן" א באוועגונג, וועלכע אנטשטייט און קען פארווירקלעכט ווערן נאר דורך דעם שעפערישן באוווסטזיין און ווילן פון מענטשן. דער מארקסיזם האט איינגערעדט זיינע אנהענגער אז מיט אט דער „וויסנשאפט" קען מען שאפן א נייעם מענטשלעכן לעבן; און דאס איז פונקט אזוי ריכטיק ווי „ווען די קונסט־וויסנשאפט וואלט זיך איינגערעדט, אז זי קען זיין דער פראגראמאטישער יסוד פון דאס שאפן פון קינסטלער". „די מארקסיסטן וואס ווילן דווקא באשעפטיקן זיך מיט וויסנשאפט, וואלטן געדארפט אמאל וויסנשאפטלעך אונטערזוכן וואס פאר א ווירקלעכע באדייטונג, וואס פאר אן אמת עס ליגט אין אלע אזעלכע ווערטער ווי: איך וויס, איך קען, איך מעג, איך וויל, עס מוז, עס זאל. זיי וואלטן דעמאלט געווארן וויסנשאפטלעך באשיידענער, מענטשלעך געניסבארער און פראקטיש אק־טיווער". דער מארקסיזם האט איינגערעדט אז די „אנטוויקלונג" (קעגן דעם דא־זיקן אנטוויקלונג־געדאנק, וועלכער איז געווארן א געצן־דינערײַ פון די ראדיקאלן, האט לאנדויער געפילט א פארביטערטן האס, ווײַל אין דער „אנטוויקלונג" האט ער געזען דעם היפוך צו מענטשלעכער שעפער־קראפט) פון דער ווירטשאפט און די מלוכות פירט צו בעסערע צייטן, צום סאציאליזם. פון וואנעט איז דאס אבער געדרונגען? „מיר זאגן — דערקלערט ל. — אז די היינטיקע פעלקער פון אײַ־ראפע און אמעריקע זענען פון א לענגערער צייט שוין (אומגעפער זינט דער אנטדעקונג פון אמעריקע) ארונטערגעקומענע פעלקער. פעלקער געפינען זיך אין בלי־צושטאנדן פון קולטור נאר דעמאלט ווען זיי ווערן באהערשט פון גייסט". מיר טארן גארנישט אראפקוקן מיט גדלות אויף די פארגאנגענע עפאכעס, ווײַל מען קען ביי זיי א סך לערנען. „אמת, עס זענען פארגאנגען און ס'פארגייען לאנגע יארהונדערטער און יארטויזנטער פון א געוויסן שטילשטאנד. אבער — איר, ליבעראלע און געלערנטע מענטשן, הערט זיך צו — שטילשטאנד איז פאר יענע צייטן און פאר יענע פעלקער (וואס לעבן נאך כמעט לעבן אונדז) גאר א סימן פון קולטור. דער פראגרעס, וואס איר רופט אן פראגרעס, דאס שטענדיקע ארומלויפן און ארומטרייבן זיך, די נערוועזע־ריישע, קורצאטעמ־דיקע יאגעניש נאך דעם נייעם, דער פראגרעס, וואס איז פארבונדן מיט די משוגענע אידעען פון די אנטוויקלונג־פראקטיקער, די קראנקע געוווינהייט שוין

ביי דעם ברוך־הבא צו זאגן „זייט געזונט". דער שטענדיקער אומרו און פארחעצונג און רייזע־פיבער — אט דער דאזיקער „פראגרעס" איז א סימפטאם פון אונדזער אומקולטור... הינטער אונדז און נעבן אונדז ליגן אבער צייטן און פעלקער פון שפערישן לעבן, פון טראדיציע, פון עפאס, פון לאנדווירטשאפט און דארפישער מלאכה, אן קונסט, וואס קריכט אין די אויגן, אן וויסנשאפט, וואס פארשווינדט אין געשריבענעם פאפיר... און דערפון פארשטייען מיר: קיין פארשריט, קיין טעכניק און קענערשאפט וועט אונדז נישט ברענגען די ישועה. נאר פון דעם גייסט ארויס, נאר פון די טיפענישן פון אונדזער אינערלעכער נויט און רייכטום וועט קומען יענע גרויסע ווענדונג וועלכע מיר רופן היינט אן סאציאליזם".

דער מארקסיזם האט איינגערעדט די ארבעטער, אז נאר פון דער אנטוויקלונג פון דער מאדערנער טעכניק וועט וואקסן דער סאציאליזם. ניין — האט שארף אפגעענטפערט ל. — „די פארווירקלעכונג פון סאציאליזם הענגט גארנישט אפ פון וועלכער נישט איז פארם פון טעכניק און באפרידיקונג פון באדערפענישן. דער סאציאליזם איז מעגלעך צו אלע צייטן, ווען א גענוגנדיקע צאל מענטשן ווילן אים האבן. מער נישט ער וועט יעדעס מאל אנדערש אויסזען, אנדערש זיך אנהויבן און אנטוויקלען, — לויט דעם שטאנד פון דער טעכניק, לויט די צאל מענטשן וואס הויבן אים אן, און לויט די מיטלען וועלכע זיי נעמען מיט פון דער ירושה פון דער פארגאנגענהייט (קיין זאך הויבט זיך נישט אן מיט גארנישט). דער סאציאליזם איז אין אלע צייטן און ביי יעדער טעכניק מעגלעך, און ער איז אין אלע צייטן און ביי יעדער טעכניק אוממעגלעך.

לאנדויער האט געפירט א קאמף קעגן מלוכה, קעגן קירכעס, קעגן געפאנצערטע נאציעס, קעגן פארשטיינערטע סאציאליסטישע פארטייען און געווערקשאפטן. אבער ער איז נישט מיד געווארן צו אונטערשטרייכן און צו באטאנען דעם גייסט „וועלכער טאר נישט אויף שטענדיק פארפעסטיקן זאכן און אינסטיטוציעס, נאר מוז זיך אליין דערקלערן פאר א פערמאנענט־ווירקנדיקן כוח". „סאציאליזם איז תשובה־טון, סאציאליזם איז ווידער־אנהויב, סאציאליזם איז צוריק־פארבינדונג מיט דער נאטור, ווידער־דורכדרינגונג מיט גייסט, ווידער־אנטדעקונג פון מענטשן־באציונגען... מיר קענען נישט ווארטן אויף דער מענטשהייט; די מענטשהייט וועט זיך נישט פארבינדן צו א געמיינזאמער ווירטשאפט, צו א גערעכטער פארטיילונג פון פראדוקטן, אזוי לאנג ווי מיר וועלן נישט געפינען און שאפן אויפסניי אין אונדז, אינדיווידואומס, דאס מענטשנטום". „פון אינדיווידואום הויבט זיך אן אלץ, און פון אים הענגט אלץ אפ. סאציאליזם איז די גרעסטע אויפגאבע פון אלע די, וועלכע די מענטשן האבן זיך ווען עס איז געשטעלט. מיט די אויסערלעכע רעצעפטן פון געוואלט אדער חכמה קען ער נישט ווערן קיין ווירקלעכקייט... סאציאליזם איז נישט קיין וויסנשאפט (כאטש עס איז נויטיק צו אים פארשיידענער וויסן ווי ביי יעדן

אפזאגן זיך פון אבערגלויבנס און ארויפטרעטן אויף א נייעם וועג). ער איז קונסט. א נייע קונסט וועלכע וויל שאפן אין לעבעדיקן."

מיר הערן זיך צו אויפמערקזאם צו די אלע טיפגייענדיקע רופן פון לאנדויערן. מיר לאזן זיך מיטן גאנצן באוווסטזיין איבערצייגן פון אים, אז ס'איז נישטא קיין סאציאליזם דארטן ווו ער איז נישט פאראינערלעכט, ווו ער איז נישט צונויפגעפלאכטן מיט דעם שטענדיקן איבערלעבן און דורכפילן אים. אבער — צי ליגט נישט אין אזא אבסטראקטער פאראינערלעכונג פון מענטשנטום א דערווייטערונג פון די רעאלע נויטן פון דער מענטשהייט? צי פירט דאס נישט צו יענער זעלבסטצופרידענער פאסיוויטעט, וועלכע מיר זעען שוין ביי צו פיל „אינערלעכע" דענקער און מענטשן־באגליקער?

אפשר אנדערשווו, אבער בשום אופן נישט ביי לאנדויערן! ל. האט שטענדיק געהאט אין זינען נאר הלכה למעשה. ס'זענען דא אין זיינע רעדעס און שריפטן א פאר ווערטער — באגריפן, — וועלכע ווידערהאלן זיך שטענדיק און לײדנשאפטלעך, וועלכע ער האלט אין איין איינהאמערן אין באוווסטזיין. דאס זענען די ווערטער: באגינען, אנהויבן, פארווירקלעכן. אין דעם „אויפרוף צום סאציאליזם" האט ער מיט רוגזה פארמולירט: „דערפון טאקע שטאמט אונדזער שינאה צום מארקסיזם פון אלע שאטירונגען, ווייל ער האט אפגעהאלטן די ארבעטס־מענטשן פון אנצוהויבן דעם סאציאליזם". זייער גוט האבן געטאן זיינע פריינד ווען זיי האבן אנגערופן א באנד פון זיינע סאציאליסטישע ארבעטן ‘Beginnen’‘. אין דער שטענדיקייט און שטרענגקייט, מיט וועלכער ל. פארלאנגט אן אויפהער טאט און פארווירקלעכונג, וואלט מען געקאנט זען דעם המשך פון דער ייד. רעליגיעזער אידעען־וועלט. „לא המדרש הוא העקר אלא המעשה". און מיט דעם באגריף פון דער התחלה (פון אנהויבן, לייגן דעם ערשטן שטיין) איז דערפאר ביי ל. ענג פארבונדן דער באגריף פון אויגנבליק, פון דער איצטיקער מינוט (יום תחילה) אין וועלכע יעדער איינער מוז ארויסווייזן זיין פאראנטווארטלעכקייט אין זיין שאפן. אין א בריוו (צום אנארכיסט ווארנשטעט, דעם 10־טן אויגוסט 1915) שרייבט ער: „דו האסט געווים אין זיכרון, וואס טאלסטאי זאגט פון דעם אויגנבליק, אז מיר דארפן לעבן צוליב דעם אויגנבליק, ווייל נאר דער אויגנבליק איז ווירקלעכקייט. נאר צוליב דעם אויגנבליק לעבט דער נידעריקסטער מענטש; אבער צוליב דעם אויגנבליק לעבט אויך דער העכסטער מענטש". און „טאלסטאי איז אין אונדזער עפאכע דאס גרויסע ביישפיל פון א דיכטער וועלכער האט אויפגעהערט שפילן זיך און ארבעט נאר ערנסט. מען זאל זיך נישט פארגייגן פאר אים מיט דרך־ארץ כדי תיכף אפצוטרעטן אויף באקוועמע וועגן: מען זאל אים נאכטאן, מען זאל נאך א שטרענגן אוימאויפהערלעכן חשבון הנפש פאלגן דער אייגענער נשמה, אזוי ווי ער האט געפאלגט זיינער" (22־טן אויגוסט 1915). — „אט דאס איז די אויפגאבע: צו שאפן ווירקלעכקייט; אט דאס בילד וועלכן ס'האט געשאפן דער גייסט, פריי און עפנטלעך צו דערהויבן ביז צו דער געשטאלט פון מענטשהייט־לעבן, ווי עס געשעט אויך ביי דעם קינסטלער...

אָט דאָס איז דער ציל, צוליב וועלכן מיר און אונדזערע קינדער דאַרפן פירן דאָס לעבן; בדי עס זאָל לויט אונדזערע מענטשלעכע כוחות ווערן אַן אמת דאָס, וואָס שטייט אין עוואַנגעליום: „און דאָס וואָרט איז געוואָרן פלייש און האָט געלעבט צווישן אונדז, און מיר האָבן געזען זיין הערלעכקייט" (27־טן יולי 1915).

„שאַפן ווירקלעכקייט" הייסט אָבער פאַר ל. שאַפן תיכף ומיד, נישט אָפּלייגן אויף דער גאָלדענער צוקונפט. „פאַרהעלטנישן" דאָס איז דאָס פאַרהאַלטן פון מענטשן איינער צום אַנדערן; און די פאַרבאַדינגונג פון אַנאַרכיע איז פאַר מיר די איבערצייגונג, אַז יעדער מענטש טראָגט אין זיך די מעגלעכקייט צו ענדערן זיין פאַרהאַלטן, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט. אַזוי לאַנג ווי אין דעם תחום פון צוואַנג און אומפרייהייט, אין וועלכן מיר לעבן, איז נאָך דאָ אַ פּלאַץ, וועלכן מיר פילן אַליין נישט אויס מיט פרייהייט און אייניקייט, כאָטש קיינער אויסער אונדז שטערט אונדז נישט אין דעם — אַזוי לאַנג קען מען גאָרנישט האָפן אַז מיר וועלן קענען אומענדערן אין יסוד אויסערלעכע פאַרהעלטנישן... איך קעמף קעגן דער אומפּרוכטבאַרקייט פון די מענטשן וועלכע זעען נישט פאַר זיך אין יעדן אויגנבליק אַ באַשטימטע אויפגאַבע וועלכע מען קען תיכף אָנהויבן אויספירן, פאַר וועלכער ס'איז דאָ די מעגלעכקייט פון אַ התחלה... אַזוי לאַנג ווי די אַנאַרכיסטן שטעלן אַוועק צווישן זיך און דעם אָנהויב פון זייער שעפערישער טאָט די אייביקייט, זענען זיי אומפּרוכטבאַר" (בריוו צום אַנאַרכיסט מאַקס נעטלוי, דעם 7־טן אַפּריל 1911) (1).

אין אַ פּאָר חדשים אַרום פאָרמולירט ער — דער רעוואָלוציאָנער — זיין געדאַנק נאָך שאַרפער: „מען זאָגט אַז אין מיין „אויפרוף" איז צונויפגעמישט הערלעכס מיט נישט־הערלעכן. וואָלט איך געדאַרפט אויסקלייבן (איך דאַרף עס אָבער נישט) וואָס איז מיר וויכטיקער, וואָלט איך געזאָגט: דאָס נישט־העראָישע, דאָס גאַנץ שטילע, פּשוטע, נישט רעשדיקע, דער אָנהויב פון אַ גערעכטער ווירטשאַפט... די העראָישע לעבנס־אויפפאַסונג וואַקסט אויס אויף אַ ליגן: זי לאָזט דאָס פּריוואַט־לעבן, דאָס ווירטשאַפטן, זיך ווייטער גיין ווי געווען און אַפּעלירט נאָר צום גאַנצן, צו רעוואָלוציע. די נישט־העראָישע אָבער זאָגט: מיט אייער פּריוואַט־לעבן, מיט אייער ווירטשאַפט וועט איר שאַפן די נייע געשטאַלט, די רעוואָלוציע. ווער עס וויל וואַרטן און פאַרברענגען זיין לעבן אין באַגייסטערונג און גרויסע אויפרופן, זאָל עס טאָן. ווער עס וויל אָבער... נישט וואַרטן אויף די מאַסן נאָר העלפן זיי, דער זאָל העלפן ראשית כל זיך אַליין, זיין אייגענער פּיין: ער זאָל צוזאַמען מיט זיינע פריינד אָנהייבן פירן דאָס ריכטיקע לעבן... אַזוי לאַנג ווי עס איז דאָ אין דער וועלט עפּעס וואָס קען געטאָן ווערן און מיר טוען עס נישט צוליב מורא פאַר דאָס גאַנצע, זענען מיר נישט די עכטע און טוען

(1 „מיר זענען אַזוי ווי אַ קליין קינד וועלכער האָט אַ בוי־קאַסטן, אָבער זאָגט זיך עקשנותדיק אָפּ צו שפּילן מיט אים, אַזוי לאַנג ווי די עלטערע שוועסטער וועט אים נישט געבן די ליאַלקע. איך זאָג אָבער אַז וואָס מער מיר אַרבעטן מיטן בוי־קאַסטן, אַלץ נעפּלהאַפטער ווערט די ליאַלקע, און אַז די ליאַלקע גופא איז נישט אַנדערש ווי אַ פאַרשטיינערטער געשפּענסט פון אונדזער פוילקייט און נשמה־פוסטקייט".

נישט דאָס עכטע״ (בריוו פון 23/VIII 1911). און אָט איז די קריסטאַליזאַציע פון דעם דאָזיקן געדאַנקען וועג אין איין פאַרמול לאַנדויערס, וועלכע איז אויך אויסגעקריצט אויף זיין קבר: „עס איז איצט נויטיק צו ברענגען קרבנות פון אַן אַנדער מין, נישט העראָישע, נאָר שטילע, אומזיכטבאַרע קרבנות, אום צו געבן אַ ביישפּיל פאַר דאָס גערעכטע לעבן.״

צו די צוויי אונדז שוין באַקאַנטע באַגריפן פון ל. הלכה למעשה (אַנהויבן, אויגנבליק) קומט אַלזאָ צו דער דריטער באַגריף: ביישפּיל. דורך דעם ביישפּיל פון אונדזער יעדנס אייגענעם לעבן וועט ווערן אויפגעבויט די מענטשהייט. ל. האָט דערפאַר שטענדיק געשטרעבט אויפצוריכטן: נייע אידעישע, אינערלעך צונויפגעבונדענע, כאַטש קליינע גרופן; נייע ישובים (זידלונגען), לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, וועלכע זאָלן ווערן די אָנהויבן פון נייע סאָציאַליסטישע געמיינדעס; נייע פרייע געזעלשאַפטן פאַר שולן, פאַר קינדער־דערציונג, פאַר וויסנשאַפט און קונסט; ער רופט „אַרויסצוטרעטן״ במעשה פון קאַפּיטאַליסטישן סדר און לייגן ערשטע שטיינער פאַר אַ נייער באַלעבאַטישקייט און געמיינשאַפט. אין יולי 1915 שרייבט ער אַן אַן אויפרוף: „שטעל זיך צום דינסט, סאָציאַליסט!״ און דאָ זאָגט ער: „דער סאָציאַליזם איז, ראשית כל, די טאַט פון סאָציאַליסטן... מיר זענען שטענדיק אָפּהענגיק און שטענדיק פריי. מיר זענען לחלוטין נישט פאַראורטיילט דערווייל [דאָס איז געווען אין דער מלחמה־צייט!] גאָרנישט צו טאָן, צו וואַרטן, נאָר אַגיטירן און פאָדערן. זייער אַ סך קענען מיר, קען אַן אַנטשלאָסענע צאָל מענטשן דורכפירן, אויב זי שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר שוועריקייטן, פאַרפאָלגונגען און אָפּלאַכענישן. צוליב די מאַסן, די פעלקער, דער מענטשהייט, כדי אומצוּוואַנדלען די געשיכטע, אַריינצופירן איידלקייט אין די פאַרהעלטנישן פון ווירטשאַפט, פון געמיינשאַפט, פון מאַן און פרוי, פון דערציונג — זענען ראשית כל נויטיק (ווייל אַנישט קומט נישט דער אָנהויב) נישט די ברייטע מאַסן, נאָר די חברים אין וועג. זיי זענען היינט דאָ פונקט אַזוי ווי שטענדיק, ווען דו ביסט נאָר דאָ. אַז זיי וועלן זיך באַהעפטן מיט איינאַנדער און דורכקוקן די אַלע אויפגאַבן, וועלכע זענען מעגלעך פאַר זיי היינט, אין דעם דאָזיקן אויגנבליק, וועלן זיי פאַרשטיין: ס׳זענען אויפגאַבן דאָ אָן אַ סוף.״ און אין דעם זעלביקן יאָר האָט ער פאַרמולירט זיינע 36 טעזיסן „וועגן סאָציאַליזם און זידלונג״ (טעזן צו דער ווירקלעכקייט און פאַרווירקלעכונג).

## III

מיר זענען איצט קלאָר: לאַנדויער האָט פאַרלאַנגט די פאַרינערלעכונג פון סאָציאַליזם נישט כדי צו אַנטלויפן פון רעאַלן מענטשלעכן לעבן, נאָר כדי, פאַרקערט, אַמשנעלסטן און אַמבעסטן עס איבערצומאַכן. אין זיין אינערלעכקייט־סאָציאַליזם איז געלעגן נישט די פאַרבאַהאַלטענע פּאַסיוויטעט, נאָר די שטורמישע, פאָדערנדיקע אַקטיוויטעט. דאָס גרויסע האָט ער געזוכט צו פאַרווירקלעכן אפילו אין דעם קליינעם, אפשר דוקא אין דעם קליינעם.

אָבער דאָ אַנטשטייען פֿאַרן סאָציאַליזם צוויי גרויסע געפֿאַרן, וועלכע מען מוז שטענדיק האָבן פֿאַר די אויגן.

מען קען פּרווון זאָגן אַז דער סאָציאַליסט זאָל לאָזן דעם געזעלשאַפֿטלעכן סדר פֿון היינט אין אַ זייט, „דרויסן”. אַז ער זאָל פֿון אים אַקטיוו „אַרויסטרעטן”. אָבער צי ווערט נישט דורכדעם דער דרויסנדיקער סדר דווקא געשטאַרקט און גע־פֿעסטיקט? לאָמיר זיך צוקוקן צו לאַנד. ווערטער אין דעם פּרט, צו די ווערטער, וועלכע מיר האָבן שוין פֿריער געבראַכט: „אַזוי לאַנג ווי אין דעם תהום פֿון צוואַנג און אומפֿרייהייט אין וועלכן מיר לעבן, איז נאָך דאָ אַ פּלאַץ וועלכן מיר פֿילן אַליין נישט אויס מיט פֿרייהייט און איינציקייט, כאָטש קיינער אויסער אונדז שטערט אונדז נישט אין דעם — אַזוי לאַנג קען מען גאַרנישט האָפֿן אַז מיר וועלן קענען אומענדערן אין יסוד די אויסערלעכע פֿאַרהעלטענישן”.

אין אַזעלכע ווערטער ליגט ביידעם: סיי אַקטיוויטעט און גרויסע אמונה אין דעם מענטשנס גייסט, סיי זעלבסט־באַשרענקונג אין פּשרה־מאַכן מיט דער היינטיקער וועלט. ווען מען רעדט צו מענטשן אויסצולעבן זיך פֿריי אין די רעמלעך פֿון צוואַנג, דאַן הערן זיי אויף צו פֿילן דעם צוואַנג גופֿא. פּונקט אַזוי ווי דער געפֿאַנגענער קאָן נישט „פֿריי” פֿלאַנצן זיין גאָרטן אין די ווענט פֿון געפֿענגעניש־הויף, פּונקט אַזוי קאָן נישט דער מענטש בכלל צערייסן די הייטל פֿון צוואַנגס־לעבן נאָר אין איין ווינקל און אַריינשטופּעווען אין איר אַ לאַטע פֿון פֿרייהייט. פֿאַר דעם שטאַרקן מענטשן ליגט אין די ווערטער פֿון ל. דער אויפֿרוף צום אָנהויב פֿון רעפֿאָרמירן דאָס גאַנצע לעבן; פֿאַר דעם שוואַכן אָבער ליגט דאָ דער היפּוך: דער אָפּזאָג פֿון דער קאַמף־שטעלונג לגבי דעם גאַנצן צוואַנג־סיסטעם, וואָס שטיקט דאָס לעבן.

ל. האָט אין זיינע שריפֿטן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פֿון איינעם אַ פֿראַנצויזישן דענקער, עטיען דע לאַ באָעטי, וועלכער האָט פֿאַר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע אַרויסגעלאָזן זיין „טראַקטאַט וועגן דער פֿרייוויליקער קנעכטשאַפֿט”. אין דעם ווערק האָט עטיען אונטערזוכט ווי קומט עס, אַז גאַנצע פֿעלקער לאָזן זיך אויסנוצן און פּייניקן פֿון אַן איינציקן, וועלכער איז נאָר אַ ניש־טיקער מענטשל. און ער קומט צום אויספֿיר, אַז די דאָזיקע אומגעהויערע מאַכט פֿון טיראַן באַרוט נאָר אויף דער פֿרייוויליקער קנעכטשאַפֿט פֿון מענטשן. אום צו ברעכן די טיראַניע, איז גענוג דער ווילן צו זיין פֿריי. „זייט אַנטשלאָסן, נישט צו זיין מער קיין קנעכט און איר זייט פֿריי.” דאָס זענען שטאָלצע ווערטער. אָבער די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז באַשטאַנען נישט נאָר אין די געדאַנקען פֿון עטיען און רואָס און די ענציקלאָפּעדיסטן, נאָר אויך און דווקא אין די מעשים, אין די טיף־אויפֿרייסנדיקע טאַטן פֿון אַ דאַנטאָן, אַ ראָבעספּיער, אַ באַבעף, פֿון די מאַסן. „ס'איז גענוג דער ווילן צו זיין פֿריי”? דאָס קלינגט רעוואָלוציאָנער ביי איינעם, און דאָס קלינגט פּרידזועליק, לעבנס־אָפּגעזונדערט, כמעט זעלבסט־צופֿרידן ביי אַנדערע. דער מענטש קאָן נישט ווערן

פריי (ווי שטאַרק ער זאָל עס נישט וועלן פֿאַר זיך), אַזוי לאַנג ווי די וועלט איז נישט פריי. און אַפילו דורך דעם געמיינזאַמען שופר־בלאָזן פון „ווילן" פון אַ סך וועלן נישט איינפאַלן די ווענט פון יריחו, וואָס צאַמען אַרום די מענטשהייט. עס ליגט אין די דאָזיקע ווערטער פון אַקטיוויזם אַ פאָדעם וואָס פירט דירעקט צום פאַסיוון שלום־מאַכן מיט דער איצטיקער וועלט. ווייל עס ווערט דורך זיי ווי אויסגעשלאָסן אָדער פאַרמינערט די באַדייטונג פון רעאַלן, ממשותדיקן קאַמף קעגן דער קנעכטשאַפט. — מען מוז ווידער זאָגן: ביי דעם שטאַרקן מענטשן ווי לאַנדויער ווערט דער ווילן פאַרקניפּט מיטן קאַמף, ווערט דאָס גרויסע פאַרבונדן מיט דעם קליינעם; ביי דעם שוואַכן שטופּט דער ווילן אַרויס דעם קאַמף און דאָס קליינע שטויסט אַרויס דאָס גרויסע. און דאָ ליגט דער אָנהויב־וועג וואָס פירט צו רעפאָרמיזם. דורך אַזאַ וועג ווערט דער היינטיקער סדר געשטאַרקט און געפעסטיקט, ווייל עס ווערט אָפּגעטעמפּט דער רעבעלישער גייסט וועלכער איז שטענדיק נאָר מאַקסימאַליסטיש.

דאָס איז נאָר איין געפאַר. אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ צווייטע: די געפאַר פון פאַראיינזאַמונג פון אַזאַ סאָציאַליסט. ער קאָן פאַרלירן דעם צוזאַמענבונד מיט דער ליידנדיקער מענטשהייט צו וועלכער ער וויל דאָך זיין געבונדן. ער קאָן זיך אַזוי שטאַרק פאַרטיפן אין זיין אייגענער אינערלעכקייט, ער קאָן אַזוי טיף פאַרגייסטיקן זיין אויסלעבן פון סאָציאַליזם, אַז ער ווערט אַ וועלט פאַר זיך. ער קאָן דערמיט פאַרלירן די שפּראַך אין וועלכער ער זאָל זיך צונויפריידן מיט די „מאַסן". עס קאָן דעמאָלט דער גייסט, דאָס שפּיגלען זיך אין דער אייגענער גייסטיקער טיפקייט, וואַקסן אויפן חשבון פון דער נשמה, פון דעם פשוטן זעלישן צוגאַנג און צונויפבונד מיט די מענטשן אַרום. אָנשטאָט אַכטונג און ליבשאַפט צו מענטשן קאָן דעמאָלט איינשטעלן זיך די קנאַיִשע האַרטקייט און ריין גייסטיקע שטרענגקייט צו זיי. אַזעלכע סאָציאַליסטן קענען ווערן דעמאָלט פאַראיינזאַמט, און אַפילו זייער בונד ווערט דעמאָלט אַ „בונד פון איינזאַמע". לאַנדויער איז געווען און האָט זיך אַליין שטענדיק גערופן אַן איינזאַמער. (1) און ער האָט געבענקט נאָך אַ שפּראַך, וועלכע זאָל אים פאַרבינדן מיט די מענטשן. „ווער אָבער זענען די דאָזיקע „מיר"? וויפל זענען מיר אין צאָל? מיר וואָלטן געווען אַ סך, אַ סך מער איידער מיר מיינען, ווען מיר, די ווייניקע, וואָלטן אויסגעדריקט אונדזער ווילן אין דער ריכטיקער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון נאַיוויטעט, נישט פון געלערזאַמקייט... מיט די דאָזיקע ווערטער קריטיקיר איך אויך זיך אַליין, אָבער איך וויל זאָגן אַז איך הויב ערשט אָן צו באַפרייען זיך פון נעץ; איך וויל זיך נאָך אויסלערנען ריידן גאַנץ אַנדערש".

האָט מען אָבער די שפּראַך נאָך נישט, דעמאָלט רייסט זיך דער פאַרינערלעכ־

1) „איך האָב דערקענט די שרעקלעכע איינזאַמקייט און איך האָב ביי איר אָפּגענומען די שרעקלעכקייט דערמיט וואָס איך האָב זי אַקצעפּטירט. און שפּעטער האָב איך דורך מיין חתונה אין מיין איינזאַמקייט געפונען די שענסטע געמיינשאַפט; און דורך פריינדשאַפטן האָב איך געקריגן די באַרירונגען מיט אַנדערע איינזאַמע. באַרירונג הייסט פיל און עס הייסט ווייניק. לאָמיר זיין באַשיידן" (בריוו פון 2־טן יאַנואַר 1910).

טער סאָציאַליסט אָפּ פון דער מענטשהייט. אין אַ זייער וויכטיקן בריוו צום פּילאָ־זאָף קאָנסטאַנטין ברונער (2/I 1910) דעקט לאַנדויער אויף דעם זעלישן מעכאַניזם פון זיין סאָציאַליסטישער אַרבעט. „דו שרייבסט, אַז ביי מיר ווירקט די איבער־געגעבנקייט צו אַנדערע, וועלכע איך וויל העלפן. אָבער איך קאָן גאָרנישט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, און איך וויל קיינעם נישט העלפן. איך בין גאָר אַנדערש... פון מיין איינזאַמקייט אַרויס אַרבעט איך איבער מיינע זאַכן. איך געברויך דאָ מיט אַ כיוון די דאָזיקע פאָרעם פון אַ לשון רבים. מיינע זאַכן וויל איך העלפן, נישט די אָדער יענע מענטשן, זיי מעגן זיין אפילו מיליאָנען מענטשן... ווער עס פאַרשטייט עס נישט רעדט צו מיר ווי צו אַ פילאַנטראָפּ, און ער וואָלט געדאַרפט ריידן צו מיר ווי צו אַ דיקטער. איך דיכט, ליבער פריינד; איך דיכט איבער מיין פאָלק. דאָס דאָזיקע פאָלק איז טאַקע איינע פון מיינע זאַכן... וויכטיק איז פאַר מיר טאַקע דאָס ביכל „אויפרוף צום סאָציאַליזם”, וועגן וועלכן דו האָסט געהערט: כמעט נישטיק זענען פאַר מיר די צוזאַמענקונפטן מיט די מענטשן וועלכע דו האָסט אַ פאַר מאָל געזען. דאָס זענען פאַר מיר צופעליקע דערשיינונגען, שווערע התחיבותן; דאָס געהערט, טראָץ דער נישטיקייט, צו מיין זאַך, אָבער פילן עפּעס פליכטן צו די דאָזיקע מענטשן — איז מיר גאָר פרעמד.”

לאַנדויער האָט אין זיין גרויסער אָפנקייט נישט געמערקט, אַז ביי אַזאַ אויסטייטשונג פון זיין טעטיקייט איז ער דאָך אַ פילאַנטראָפּ. דיכטעריש האָט גע־מעגט זיין די פאָרם פון זיין שאַפונג, אָבער אין תוך האָט זי געמוזט זיין פילאַנ־טראָפּיש. ווייל די מענטשהייט, דאָס פאָלק טרעטן דאָ אויף נאָר אַלס אָביעקטן פון זיין שאַפן, ווייל ער גיסט זיך דאָ נישט צונויף מיט אים אין דער שעפערישער אַרבעט. צוליב דער וויזיע און דער ליבע צום קומענדיקן מענטשן ווערט דער לע־בעדיקער מענטש פאַרוואַנדלט אין אַ אָביעקט.

און צוזאַמען דערמיט קאָן זיך אַנטוויקלען די גרויסע סקעפּסיס בנוגע די מאַסן, בכלל. אין זיין „אויפרוף צום סאָציאַליזם” האָט ל. געשילדערט מיט צער און אויפרעגונג דאָס לעבן פון די מאַסן. „זייער לעבן האָט קיין שום אָדער נאָר פאַר־קריפּלטע באַציִונגען צו דער נאַטור; זיי ווייסן נישט וואָס עס איז פאַטאָס, פרייד, ערנסט, וואָס עס איז דער ציטער און די טראַגיק; זיי קענען נישט לאַכן און קענען נישט זיין ווי קינדער; זיי פאַרטראָגן זיך איינער מיטן אַנדערן און ווייסן נישט ווי אומדערטרעגלעך זיי זענען; זיי לעבן אויך זעליש אין שמוץ און פאַר־דאָרבענער לופט, אין דעם זומפּ פון מיאוסע ווערטער און עקלהאַפטע פאַרגעניגנס.” און אין בריוו פון 23/VIII 1911, אין וועלכן (ווי מיר האָבן שוין געזען) ער רופט „אַנהויבן פירן אַליין דאָס ריכטיקע לעבן”, — דאָרטן גופא שרייבט ער: „ווער עס וויל אָבער — אין טיפער פאַראַכטונג צו די מאַסן ווי זיי זענען, ווי זיי זענען געוואָרן — נישט וואַרטן אויף די מאַסן... דער זאָל צוזאַמען מיט זיינע פריינט אָנהויבן פירן דאָס ריכטיקע לעבן. ווי מען זאָל אָנהויבן, אַזוי לאַנג ווי די מאַסן זענען טעמפּ און פויל, איז אַ פראַגע פאַר זיך”.

אַזאַ באַציונג צו די מאַסן קאָן זיך אַרויסאַרבעטן פון יענער גייסטיקער אי־

נערלעכקייט, וועלכע פירט סיי צו איינזאַמקייט סיי צום אַריסטאָקראַטיזם. ווייל מען קאָן בשום אופן נישט אָנערקענען אַז די „מאַסן”, ד. ה. די לעבעדיקע מענטש־הייט וואָס אַרבעט און ליידט און בענקט און טראָגט אויף אירע פּלייצעס די גע־שיכטע, איז זעליש שמוציק, אומנאַטירלעך, טעמפּ און פויל. אין דער אמתן טראָגן זיי, די מאַסן, אין זיך יענע עכטע געפילן און די נאַטירלעכע איבערלעבענישן, וועלכע עס בליען אויף אין די גרויסע, גאָט־געבענטשטע מענטשן; אינדעראמתן ליגן נאָר אין זיי, און נישט ערגעץ ווו אַנדערש, די נישט־פאַרפּעלשטע קוואַלן פון לויטערקייט, פון צניעות, פון קינדערשן שכייכל. פון באַגייסטערונג און טראַגיק. מער נישט, די דאָזיקע קוואַלן זענען פאַרשאָטן און פאַרוואָרפן מיט די שווערע שטיינער פון דער פאַלשער ציוויליזאַציע. די אויפגאַבע פון דער קולטור, און ראשית כל פון דער רעוואָלוציע, איז טאַקע אַראָפּצוואַרפן די שטיינער, אַראָפּצוטראָגן דאָס מיסט, כדי ווידער צוצוקומען צו די לויטערע וואַסערן פון דער פאָלקס־נשמה. און דער סאָציאַליזם לעבט נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל ער האַלט אין איין גראָבן טיף צו אָט־די קוואַלן, אויף וויפל ער קאָן — טראָץ דעם קלאָגעדיקן לבוש פון די מאַסן — פאַרבינדן זיך מיט זייערע אויך היינט לעבעדיקע, אָבער פאַרשטויסענע נשמה־אוצרות.

מאַרטין בובער דערמאָנט איצט אין זיינע דערינערונגען וועגן לאַנדויערן אַזאַ עפּיזאָד: „דאָס איז געווען אין האַרבסט 1919, אַ האַלב יאָר נאָך זיין טויט. איך בין געפאָרן גאַנץ פרי פון מינכען. אַלע וואַגאָנעס זענען געווען אַזוי באַזעצט, אַז איך האָב קוים געפונען אַן אָרט צו שטיין. די פּאַסאַזשירן האָבן פריינטלעך, אויף וויפל עס האָט זיך געלאָזן, געמאַכט פּאַר מיר אַ פּלאַץ. עס זענען געווען בלויז מענער און כמעט אַלע אין זעלנערישע מונדירן, „ווייס־גאַרדיסטן”. מען האָט גע־שמועסט צווישן זיך הויך אויפן קול. פּלוצים האָב איך קלאָר דערהערט דעם נאָמען לאַנדויער און מיט פאַרוווּנדערונג האָב איך געזוכט מיט די אויגן דעם, וואָס האָט גערעדט. דאָס איז געווען אַ סאָלדאַט, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ רויטלעכע באָרד. און ער האָט געזאָגט אויפן קול צו זיין שכן: „ניין, אַזוי איז עס נישט געווען מיט דעם לאַנדויער. דער לאַנדויער האָט טאַקע געוואָלט דאָס ריכטיקע, מער נישט, ער האָט געדאַרפט זיין איינער פון אונדז” (1).

אָט אַזוי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די סכנות־פולע נאַטור פון דעם נאָר־אינערלעכן סאָציאַליזם, אפילו ווען ער איז פאַרבונדן מיט אַן אַקטיוויטעט, מיט דער אַקטיוויטעט פון תיכפדיקע קליינע מעשים. גראָד אין די טיפעניש פון אַזאַ סאָציאַליזם, אפילו ווען ער ווערט פאַרקערפּערט אין אַ גוסטאַוו לאַנדויער, פאַר־באַהאַלט זיך די געפאַר פון רעפאָרמיזם און פון איינזאַמקייט. עס קאָן געשטאַרקט ווערן די אַלטע וועלט און עס קאָן צעריסן ווערן דער בונד מיט דער מענטשהייט.

---

1) ‘‘Das Werdende Zeitalter ’’, Juni, 1929.

## IV

אָבער ס'איז געקומען די גרויסע צייט, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אַ סאָציאַליסט זיין גרעסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט: די מלחמה און די רעוואָלוציע. און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט די צווייטע נאַטור פון רעוואָלוציאָנער לאַנדויער. זיין אַקטיוויטעט אויך בנוגע די גרויסע ס אָ צ י אַ ל ע קאַמפן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין יענער צייט. וואָס נוגע דער מלחמה, האָט לאַנדויער תיכף, אָן וועלכע נישט איז קווענקלעניש, פאַרנומען אַ פיינדלעכע שטעלונג קעגן איר. ער האָט זיך אויף איין רגע נישט געלאָזן פאַרבלענדן פון די אָפיציעלע אָדער אינטעליגענטישע אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען פאַרטיידיקן „דייטשלאַנד" און „דעמאָקראַטיע". ער איז געווען — באַזונדערס אין דער ערשטער צייט פון פאַרבלענדעניש — איינער פון די גאָר ווייניקע אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן איבער די קעפּ פון די מלחמה־האַלטנדיקע פעלקער און מלוכות קלאָר געזען דאָס איינהייטלעכע פרידלעכע מ ע נ ט ש ה ײ ט ס ־ פ אָ ל ק. „אויב איך האָב שוין גאָר קיין באָדן נישט, אויף וועלכן צו שטיין, שטיי איך פונדעסטוועגן נישט אין דער לופט: איך שטיי אויף מיר אַליין. בנוגע די נאַציעס שפּיר איך נישט אין מיר אפילו די קלענסטע אומגערעכטיקייט; איך ווייס מיט צער, ווי ס'איז אַנטשטאַנען די דאָזיקע משוגעת; איך פיל מיך גאַנץ ווי אַ דייטש און פונדעסטוועגן פיל איך נישט קיין ברעקל סימפּאַטיע צו דער פּאָליטיק און אַקציע פון דער דייטשער מלוכה. יענע אינערלעכע און דערהויבענע באַגלייט־מוזיק, מיט וועלכער די עכטע פעלקער באַגלייטן דעם משוגעים־טאַנץ פון די מלוכות, פיל איך ביי די דייטשן פונקט אַזוי ווי ביי די פרעמדע; איך הער ווי דאָס מענטשן־געשלעכט איז אין מיר לעבעדיק און איך האָב זיך נישט פון וואָס אָפּצוזאָגן — דאָס אַלץ דערהאַלט אין מיר דעם ווילן צו לעבן ווייטער". די דאָזיקע ווערטער שרייבט לאַנד. צו זיין בעסטן פריינט מאַוטנער, ביי וועלכן עס הערשט נאָך „דער טויט־שרעק פאַר דייטשלאַנד", שוין אין די ערשטע וואָכן פון וועלט־קריג (2 נאָוו. 1914). אין זיין קאַמף קעגן קריג שאַנעוועט ער נישט זיינע נאָענטסטע פריינט, ער רייסט מיט זיי איבער אויף שטענדיק. זיין הויפּט־כעס ווענדט זיך נאַטירלעך קעגן יענער סאָציאַלער קראַפט, וועלכע האָט אַמטיפסטן פאַרראַטן אין דעם קריג: קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער פאַרראַט איז נישט קיין צופאַל, ער איז געלעגן פון אָנהויב אָן אין איר נאַטור. ל. גייט אין זיין כעס אַזוי ווייט, אַז ער שאַנעוועט ווייניק אפילו קאַרל ליבקנעכטן. „דאָס, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין משך פון 60 יאָר פאַרזאַמט און פאַרדאָרבן און אונטערגעגראָבן, קען מען נישט מיט איין מאָל פאַריכטן בעת דעם קריג. איך האָב די גרעסטע אַכטונג פאַר ליבקנעכטס פערזענלעכן מוט און די האַרציקסטע סימפּאַטיע צו זיין גורל, אָבער ס'איז באַצייכנענדיק פאַר דעם באַנקראָט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז איר גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אויפריים־שטאָף וועבט זיך אויס אין האָפנונגסלאָזע רעוואָלטן פון איין איינציקן מענטשן" (16 יוני 1916 צום אַנאַרכיסט מיזאַם).

אין דער ביטערער צייט איז לאַנד. ווידער איינזאַם, אַ סך איינזאַמער ווי פריער. אָבער עס וואַקסן ביי אים האָפנונגען, אַז די מילחמה־צייט גרייט צו דעם גרויסן און טיפן גייסטיקן איבערברוך אין דער מענטשהייט. צו יענער נייער רעוואָלוציאָנערער צייט דאַרף מען צוגרייטן די אייגענע פערזענלעכע כוחות. צו זיין אַנאַרכיסטישן פריינט, וואָס רופט צום תיכפדיקן קאַמף, שרייבט ער עס קלאָר: מען דאַרף א י צ ט נאָך נישט לייגן זיך פאַר אַ קרבן. „אָפטמאָל איז דער קרבן לחלוטין נישט דאָס שווערסטע. מיר זענען נאָך נישט אַזוי ווייט, אַז אַ פאַלנדיק שטיינדל זאָל דעם באַרג ברענגען אין באַוועגונג — היינט וואָלט דאָס שטיינדל געפאַלן אָן אָפקלאַנג, אָן אַ ווידערקול, זיך אַליין געטריי און איידל — אָבער אין איינזאַמקייט. וואָלטן אונדז אין דייטשלאַנד געקאָנט אַנדערע מענטשן פאַרבייטן, דעמאָלט וואָלט איך אפשר אַנדערש ריידן. אָבער אַזוי ווי די לאַגע איז, מוזן מיר (בפירוש נישט פון שטאָלץ) פאַרשטיין, אַז ס'זענען נישטאָ קיין אַנדערע אויף אונדזער אָרט פון וועקער, פון אויפרייסלער, פון אַזעלכע, וועלכע האָבן לכתחילה דאָס געוווּסט, וואָס עס וועלן באַלד וויסן אַ סך. און ווייל מען האָט אונדז נויטיק, מוזן מיר לעבן אום צו ווירקן" (27 נאָוו. 1914).

און אין יאָר 1916 שרייבט ער ווידער צו מיזאַמען: „עס אַנטשפּרעכט מיין נאַטור צו האַלטן זיך איצט שטיל און צו טאָן וואָס נויטיק גאַנץ אינדיווידועל פאַר מיר. איך מוז לאָזן די טויטע באַגראָבן זייערע טויטע און איך קען נישט צוזאַמען גיין מיט בעלי־תשובות, כדי צו פאַרענדקן דעם קריג אָדער איינצווירקן אויף זיינע באַגלייט־דערשיינונגען". פאַרוואָס האַלט זיך איצט לאַנדויער שטיל? דאָס האָט ער אין אַן אַרטיקל פון יענער צייט מיט פאַרשטעלטע ווערטער דערקלערט: „עס לעבט אין מיר אַן אומגעזעטיקטע בענקשאַפט נאָך יענער שעה, ווען דער דאָזיקער ריז — דער קריג פון די אַנדערע — וועט פאַלן מיט רעש צו ערד, און נאָך אַן אויגנבליק פון פאַרכישופטער פאַרוואַנדלונג און דערנייערונג וועט ער ווידער אויפשטיין ווי מ י י ן קריג פאַר אומשווונג און נצחון". לאַנדויער האָט איצט געוואַרט אויף דער ר ע וו אָ ל ו צ י ע, וועלכע וועט נישט דערלויבן, אַז דאָס לעבן זאָל ווידער אַזוי פליסן ווי פ אַ ר דער מילחמה. ל. האָט מסתמא גערעכנט און געהאָפט, אַז יענע אינערלעכע גייסטיקע ריי‌ניקונג, וועלכע ער האָט שטענדיק פאַרלאַנגט, וועט איצט אין אַ גיגאַנטישער מאָס פאָרקומען דורך די צרות פון דעם קריג. ער האָט געגלויבט, אַז אין די פייערדיקע ליידן און בזיונות פון דער מילחמה וועט זיך אויסלייטערן די נשמה פון די מענטשן — און זיי וועלן זיך, געריי‌ניקטע, נעמען פאַר דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן איבערבוי פון זייער לעבן.

דערפאַר טאַקע, אַז אין יאָר 1918 איז די רעוואָלוציע אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד, האָט זיך לאַנדויער תיכף איבערגעגעבן איר מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון זיין נאַטור. איצט איז פאַר אים געקומען די צייט פון דעם אָביעקטיוון שאַפן, אין דעם סאָציאַל־פּאָליטישן בנין, פון דעם דירעקטן ווירקן אויף די אָביעקטיווע „פאַרהעלטענישן", פון דעם צונויפגיסן זיך מיט די מאַסן. און ווי נאָר ער האָט

יִיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציע, איז ער געוואָרן שטאַרק פּרוכטבאַר, מאַק־סימאַליסטיש.

ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ ריי קלאָרע און טיפע אידעען. קיין איינע פון זיי זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, אָבער זיי לעבן אין דער אידעען־וועלט פאַר דעם צוקונפטיקן דור. ער האָט שאַרף דערזען די געפאַרן, וועלכע באַדראָען די דייטשע רעוואָלוציע, ראשית כל פון אירע אינערלעכע פיינט: פון איר נאַיוויטעט, איר כאַראַקטערלאָזיקייט, איר קלעפּעניש צו די אַלט־פּרעוסישע טראַדיציעס. ער האָט שאַרף גענומען וואָרענען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק קעגן דער דרייאייניקייט פון דער בירגערלעכער מלוכה (פּאַרלאַמענט—פּאַרטייען—פּרעסע), וועלכע וועט פון אינעווייניק צעפרעסן די רעוואָלוציע.

ראשית כל האָט ער אַרויסגערוקט דעם פּרינציפּ פון *פעדעראַציע*. ער האָט געזען דעם אומגליק וואָס דראָט דעם אין רעוואָלוציעס אומדערפאַרענעם פאָלק, אויב עס וועט זיך ווידער בילדן אַ צענטראַלע רעגירונג, און נאָך דערצו אין דעם פון קאַזאַרמע־גייסט דורכגעדרונגענעם פּרייסן. די זעלבסטשטענדיקייט פון די מאַסן האָט ער געוואָלט לאָזן פונאַנדערפלאַקערן דורך דעם וואָס מען וועט אַריבער־לייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף יעדער מלוכה־פּראָווינץ, פון וועלכע דייטשלאַנד באַשטייט. און אַלס אַ דרום־דייטשער האָט ל. געלייגט באַזונדערע האָפנונגען אויף בייערן און די דרום־פּראָווינצן. „קיין זאַך וואָלט איצט נישט געווען בעסער ווי מבטל צו מאַכן די פירנדיקע שטעלונג פון פּרייסן און פון דער בערלינער צענטראַל־רעגירונג; אַם בעסטן וואָלטן מיר געדאַרפט גיין אויפן וועג פון *פעדעראַציע*, פון *אויטאָנאָמע רעפּובליקן*. וועגן אַ נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג און וועגן דער נייגרינדונג פון דער מלוכה וואָלט מען געדאַרפט ערשט דעמאָלט ריידן, ווען עס וואָלט שוין געווען דורכגעפירט דאָס ווויכטיקסטע אויפן פּאָליטישן און סאָציאַלן געביט. ווייל אויב די דאָזיקע נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועט קומען איצט, איידער ס'וועט זיין אַ נייער גייסט און נייע אינסטיטוציעס, וועט דאָס זיין ווידער דאָס פּוסטע און נידערטרעכטיקע עסקן פון די אַלטע פּאַרטייען אונטער אַ נייער פירמע". עס מוז צעבראָכן ווערן אויף אַלע לעבעדיקע טיילן די דייטשע אימפּעריע, כדי שפּעטער פון אונטן אַרויף ווידער אויפגעשטעלט צו ווערן.

אַלץ אין דעם זעלביקן חודש נאָוועמבער 1918 שרייבט ער: „ס'איז טרויעריק וואָס מען האָט דערלויבט דעם פאַרשימלטן סיסטעם פון אונדזערע פּאַרטייען און פּרעסע שוין ווידער אויפצוהויבן אַ קאָפּ מיט דער גרעסטער חוצפּה. אָט דאָס טאַקע און נישט עפּעס אַנדערש פאַרבאַהאַלט זיך אונטער דעם נאָמען „נאַציאָנאַל־פאַר־זאַמלונג". וועט מען איצט מיט די אַנטשטייענדיקע פראַגן וואַרטן אויף איר, וועט זי איצט קומען, — דעמאָלט איז אַלץ פאַרלוירן און מיר וועלן ווי אַ לעכערלעך און קלאָגעדיק פאָלק אוועקשטעלן זיך הינטער דער אַזויגערופענער פראַנצויזישער „רע־פּובליק"... „נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג" באַדייט, אַז די *רעוואָלוציע שפּאַנט־אויס די פערד* און שטעלט זיי אַריין אין שטאַל. מען דאַרף טאָן גאָר עפּעס אַנ־דערש, און איך האָף אויסצופירן, אַז בייערן זאָל נישט באַשטימען אַזעלכע וואַלן,

ביז ס'וועט זיך שאַפן אַ נייער גייסט". ווי זאָל אָבער זיין? „די נאַציאָנאַל־פאַר־זאַמלונג פאַרן גאַנצן לאַנד דאַרף באַשטיין נאָר פון דעלעגאַטן פון די אויטאָנאָמע רעפובליקן. און די רעפובליקן זאָלן ווידער פריער האָבן באַזונדערע פאַרזאַמלונגען, וואָס זייערע דעלעגאַטן וועלן געשיקט פון פרייע קאָרפּאָראַציעס. די קאָרפּאָראַציעס זענען — די ראַטן פון אַרבעטער, פויערים און סאָלדאַטן... יעדע פאַרבינדונג מיט דער אַלטער מלוכה מוז אויפהערן, אַנישט האָבן מיר די צעזאַריסטיש־פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, גאַנץ גלייך צי זי וועט הייסן שיידעמאַן אָדער ליבקנעכט... צו די פריערדיקע תקופות פון אונטערדריקונג האָבן אַנט־שפּראָכן די דירעקטע (אַטאָמיזירטע) און געהיימע וואַלן; אין דער פרייהייט האָבן מיר נויטיק די קאָאָפּעראַטיווע (אַלזאָ אומדירעקטע) און עפנטלעכע וואַלן, דעם אימפּעראַטיוון מאַנדאַט פאַר די געוויילטע, דעם שטענדיקן קאָנטאַקט מיט זיי, די מעגלעכקייט שטענדיק אָפּצורופן די דעלעגאַטן, וועלכע זענען נישט קיין „פאָלקס־פאַרטרעטער", נאָר שלוחים פון אַ שטענדיק ווירקנדיקער קאָרפּאָראַציע. אַזוי וועלן מיר זיכערן די רעוואָלוציע און די קולטור... דאָס וועט נישט זיין דאָס פאַרשאָל־טענע סיסטעם פון פאַרטייען־ און פאַרלאַמענט־הערשאַפט".

און מיט דער זעלביקער קראַפט באַקעמפט לאַנד. די פּ ר ע ס ע. „מיר מוזן האָבן אַ גאַנץ נייעם צייטונג־סיסטעם און איך וואָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין געוואַלטאַט, כדי צו פאַרניכטן די אַלטע פּרעסע" (בריוו צו בובערן). „איך האָב די פולע אַכטונג פאַר די גאָר ווייניקע, וועלכע שרייבן און ריידן היינט אַזוי ווי זיי האָבן פריער גערעדט און געשריבן, וועלכע באַקעמפן אַלזאָ די רעוואָלוציע. אָבער אַן עקל רופן ביי מיר ארויס אַלע יענע, וועלכע האָבן זיך איבערגעדרייט, וועלכע קלעפּן אָן שנעל אויף זייער פאַרטיי אַ נייע פירמע, וועלכע שרייען נאָך אַ נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, אָנשטאָט צו לאָזן פריער וואַקסן אינערלעך די נייע אויטאָנאָמע רע־פובליקן און שפּעטער צונויפפלעכטן זיי אויף אַ נייעם אופן, וועלכע וויסן נישט פון קיין בעסערס ווי די אַלטע ווײַלעריי און די אַלטע פאַרטיי־פּלוידעריי" (בריוו צו פ. מאַוטנער. אַלץ אין נאָוועמבער 1918). די פּרעסע־פּראַגע האָט ל. שטענדיק אַרויסגערוקט פאָרויס אין דער רעוואָלוציע־צייט. קעגן דער פּרעסע־מאָנאָפּאָליע פון איינִיקע קרייזן וועלכע אונטערדריקן די פרייהייט פון דער עפנטלעכער מיינונג צוליב זייערע פּריוואַט־אינטערעסן, וועלכע פאַרגיפטן אָבער די דאָזיקע עפנטלעכע מיינונג און שאַפן דערמיט אַ געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע, האָט ל. פאַרלאַנגט די שאַפונג פון אַן אמתער פּרעסע־פרייהייט, פריי פון קאַפּיטאַליסטישן צוואַנג.

מיר זעען, מיט וואָס פאַר אַ קלאָרן בליק און עקשנות לאַנדויער האָט געקעמפט פאַר דער אַקטיוויטעט פון די מאַסן. ער האָט נישט געוואָלט האָבן יענע אויבער־פלעכלעכע אַקטיוויטעט, וועלכע דריקט זיך אויס אין די שאַבלאָניזירטע, געדאַנקענ־לאָזע וואַלן, ביי וועלכע דער פאָלקסמענטש טרעט אָפּ זיין גייסטיקע בכורה צו די „דעמאָקראַטישע" פאַרטרעטער. ער האָט געוואָלט ראשית־כל אָפּראַמען פון וועג אַלע הינדערנישן פון פאַרלאַמענטן, פאַרטייען, פּרעסע, צענטראַל־געוואַלטן, וועלכע לאָזן נישט קומען צום אויסברוך די באַהאַלטענע זעלישע כוחות פון אַרבעטנדיקן

פאָלק. די רעוואָלוציע האָט געדאַרפט דורכבערעכן אַ וועג צו די דאָזיקע זעלישע כוחות (דורך די נייע קאָרפּאָראַציעס, די ראַטן פון אַרבעטער און פויערים). דורכבערעכן מיט געוואַלט?

יאָ, אויך מיט געוואַלט — האָט געענטפערט לאַנדויער. „מיין מיינונג, מיינע ווונטשן צו דער מענטשהייט פירן דערצו, אַז איך שטעל זיך אַנטקעגן די מעטאָדן פון גוואַלטאַטן און נקמה, אַז איך אַרבעט ווייטער פאַר דעם ע נ ע ר ג י ש ן, אָבער פרידלעכן אויפבוי פון סאָציאַליזם" (בריוו צו זיין טאָכטער, דעם 16.1 1919). „דאָס פּראָבלעם פון געוואַלט פאַרשאַפט מיר נישט קיין פיל דאגות — שרייבט ער אין מערץ 1919 — קיין בלוטיקע געוואַלט געברויך איך נישט, און דאָס אַנדערע איז זעלבסטשוץ קעגן געוואַלד.

לאַנדויער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר דער אָנווענדונג פון רעוואָלוציאָנערער געוואַלט. אָבער ער איז דערביי הימלווייט פון אַ באָלשעוויסטישן טעראָר. „אַ שווערער פאַל זענען די באָלשעוויקעס: ריינע צענטראַליסטן ווי ראָבעספּיער און זיינע מענטשן, ביי וועמען דאָס שטרעבן האָט קיין אינהאַלט נישט, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן דער מאַכט. זיי גרייטן פאַקטיש צו אַ מיליטערישן סדר, וועלכער וועט זיין נאָך עקל־האַפטער איידער אַלץ, וואָס די וועלט האָט געזען פריער. דיקטאַטור פון באַוואָפנטן פּראָלעטאַריאַט, — דאָן איז שוין טאַקע בעסער אַ נאַפּאָלעאָן! אָבער די בעסטע עלעמענטן פון פאָלק האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט דווקא אין זייערע רייען; די ראַדי־קאַלע מיטלען ציען צו מיט מאַגישער קראַפט, ווייל דאָס ראַדיקאַלע פון זין און ציל, ווייל דאָס שטילע און דאָס פרומע פון דער נייער מענטשהייט האָט נאָך נישט גע־פונען דעם ריכטיקן, דערשיטערנדיקן טאָן. מיר מוזן אַרויסזאָגן נישט נאָר דעם וואָס, נאָר אויך דעם תיכפדיקן, אַ נ ה ו י ב נ ד י ק ן ווי" (13־טן דעצ׳, 1918).(1)

V

אָבער די אַלע גרויסע פּאָליטישע שנוים זענען לאַנדויערן נויטיק נאָר דערצו, כדי צו שאַפן די מעגלעכקייט פון אַ פרייען סאָציאַליסטישן ו ו י ר ט ש אַ פ ט־(און קולטור) לעבן. און קודם כל זאָל מען נישט צולאָזן די אויפריכטונג פון ק אַ פּ י ט אַ ל י ז ם, וועלכער איז איצט דורך דער קריגס־מפּלה געשלאָגן. „מען טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט — דערמאָנט ער איז אַ בריוו פון מערץ 1919 — די געפאַר, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט זיך ביי אונדז, מיט דער הילף פון די זיגער־רעגירונגען און אירע קאַפּיטאַליסטן, ווידער אויפריכטן, איז זייער גרויס. ד אָ ס איז דער גרונט, פאַרוואָס מען מוז איצט ראשית־כל פאַרשטאַרקן די רעבעלישע שטימונג אין די מאַסן פון די אינדוסטריע־אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע... דער קאַפּיטאַליזם טאָר נישט ווייטער פונקציאָנירן; ער מוז פאַרניכטעט ווערן אין דער ווירקלעכקייט און אין די נשמות. ווען די, וועלכע פאַרשטייען די לאַגע, וועלכע

1) רייזנדיק איצט וועגן דעם „אַנהויבנדיקן ווי", האָט לאַנד. אין זינען נישט יענעם פאַר־מילחמהדיקן „אַנהויבן". דרויסן פון דעם געזעלשאַפטלעכן געבוי, נאָר אַן אָנהויב אויפן יסוד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

קאָנען פאַרבינדן די איצטיקע צעבראָכענע ווירטשאַפט מיטן סאָציאַליזם, וואָלטן געווען ביי דער מאַכט, ווען זיי וואָלטן געקאָנט מיט אומבאַשרענקטע פולמאַכטן אומאַנדערשן די ווירטשאַפט — דעמאָלט וואָלטן מיר געקומען צום גוטן און מיר וואָלטן געשאַפן אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט". ער ווערט נישט מיד צו דערמאָנען, צו ראַטן, צו פאָדערן, אַז מען זאָל אומעטום, אין יעדער געגנט, גלייך שאַפן *עקאָנאָמישע פאַקטן*, וועלכע זאָלן פאַרשטאַרקן סאָציאַל די פּאָזיציעס פון אַרבעטס־מענטש, וועלכע מען זאָל נישט קענען נעמען צוריק. „אין אייער געגנט — שרייבט ער גלייך אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע — וואָלטן די אינדוסטריע־אַרבעטער געדאַרפט באַקומען ערד. פּריציישע ערד איז דאָ גענוג. מען דאַרף עס תיכּף מאַכן נוצבאַר און אויפטיילן, מען דאַרף צוציען נייע זידלער. נישט וואַרטן אויף עפּעס אַ צענטראַל־מאַכט; די ראַטן און די באַצירקן זאָלן אַרויסלאָזן דעקרעטן און שאַפן טאַטזאַכן. איצט איז די צייט, ווען עס דאַרף קלינגען די האַק איבערן בוים; פון די צוריקקערנדיקע סאָלדאַטן דאַרף מען בילדן האָלצהאַקער־גרופּעס. די רעוואָלוציע האָט געזיגט אין איר ערשטן אַקט, ווייל די סאָלדאַטן זענען דורך איר תיכּף געוואָרן גליקלעכער. *איצט מוז דאָס גאַנצע פאָלק, מוזן די אַרבעטער און די קליינפּויערים תיכּף באַגליקט ווערן דורך עקאָנאָמישע טאַטזאַכן*". (בריוו פון 23 נאָוו. 1918). און נאָך עפּעס וויכטיקס: „דער באַגריף אַרבעטער מוז ווערן פאַרברייטערט: אַלע טעכניש, קויפמעניש און בכלל אָרגאַניזאַטאָריש־טעטיקע מוזן אַהין אַריינגענומען ווערן. די לאָזונג מוז זיין: נישט דיקטאַטור, *נאָר אָפּשאַפונג פון פּראָלעטאַריאַט*". — דאָ טרעט אַרויס ל. קעגן דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" שוין צוליב אַ צווייטן טעם. ער וויל נישט, אַז אַזאַ דיקטאַטור זאָל פּאָליטיש באַהערשן די אַנדערע אַרבעטנדיקע שיכטן, און ער וויל נישט, אַז דער „אַרבעטער" זאָל אויך ווירטשאַפטלעך זיין די העכסטע און אַריסטאָקראַטישע שיכט אין אַרבעטער־פאָלק. ס'איז באַצייכנענדיק, ווי שטאַרק ער טרעט אַרויס שטענדיק פאַר דער אַרבעטנדיקער *פּויערים*־שיכט. „מען וואָלט געדאַרפט גרינדן אַ *בונד פאַרן פּויערים־גייסט* און לאָזן עם אומעטום וויסן, כּדי די פאַסנדיקע מענטשן זאָלן זיך צוזאַמענקומען. מען מוז באַפרוכפּערן די פּויערים מיט אַ נייעם גייסט, זייערע קינדער אַנדערש אויסבילדן; מען דאַרף אַפילו אין די קירכן באַקאַנט מאַכן די לערעס פון קריסטוס און בודאַ אויף אַ נישט־קירכלעכן אופן; מען דאַרף אויפטיילן די גרויסע נחלות און שאַפן געמיינשאַפט־ערד און נייע פּויערים־ישובים פון געוועזענע אינדוסטריע־אַרבעטער" (19 מערץ 1919) (1).

אָט מיט דעם גרויסן פּראָגראַם און דעם ברייטן פאַרנעם איז לאַנד. אַרויס און איז געוואַקסן אויף דער שטורעמדיקער אַרענע פון דער רעוואָלוציע. ער האָט זיך

1) ל. האָט בכלל שטאַרק געהאַלטן פון לאַנדווירטשאַפט און ריידנדיק וועגן ראַטן־רוסלאַנד האָט ער געשריבן: „די באָלשעוויקעס זענען טראַגישע נאַרן. דען וואָס דאַרף מען אין רוסלאַנד אַנדערש, ווי באַאַרבעטן די ערד און טאָן נאַטירלעכע מלאכות? אַלע זייערע קראַמפן זענען מאַרקסיסטישע משוגעת" (14 מערץ 1919).

איצט, נישט געווענדט נאָר צו די יחידי סגולה, צו די צדיקי הדור; ער האָט באַקעמפט און געבראָכן דעם סאָציאַלן סדר פון אָרום. זיין קאַמף האָט איצט געטראָגן נישט נאָר אַן עטיש־אינדיווידועלן, נאָר אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. דערמיט האָט זיך פון דער אַרבעט אָפּגעטאָן די געפאַר פון ר ע פ אָ ר מ י ז ם. — און עס האָט זיך געמוזט אָפּטאָן אויך די אַנדערע געפאַר — פון פ אַ ר ײ נ ז אַ מ ו נ ג — וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן דערמאָנט. ל. האָט אָנגעהויבן צונויפגיסן זיך מיט די מאַסן, ער האָט גענומען ווערן מיט זיי איינס. אין זיינע באַציִונגען צו זיי האָט איצט געקלונגען דער ברידערלעכער טאָן פון ליבשאַפט, איבערגעבנקייט און גלויבן אין זיי. מיט דער טיפסטער פרייד שרייבט ער אין נאָוועמבער 1918 צו זיין ברודער: „איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון צענטראַלן אַרבעטער־ראַט אין בייערן און איך זע, אַז איך קאָן דאָ ווירקן פאַר אונדזער זאַך פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. אויסערדעם וועל איך נאָך פירן פּראָפּאַגאַנדע אין די קאַזאַרמעס און איך האָב עס שוין אָנגעהויבן צו טאָן (ד אָ ס א י ז ג ע ו ו ע ן ו ו ו נ ד ע ר ־ ש י י ן), ווייל איך רייד דאָ צו מענטשן, וועלכע וועלן זיך באַלד פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד”. אין אַ פּאָר טעג אַרום: „איך זע פאַרויס שרעקלעכע מהומות און נויטן, און איך בין פול מיט מוט. איצט האַנדלט עס זיך וועגן דעם זין, וועגן די העכסטע ענינים פון דער מענטשהייט, וועגן אַ גערעכטן אויסגלייך און אַ קלוגן שיינעם לעבן... מיר שטייען אין דער רעוואָלוציע, און זי ברענגט מיט זיך די ריינינקונג, די דערהויבונג. ס'איז אַ צייט פון חסד, וועלכע מיר לעבן איבער. גאַנץ נייע מענטשן, פון וועלכע קיינער ווייס נאָך נישט איצט, וועלן קומען... די מענטשן ווייסן נאָך גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט, פון די ריכטיקע פּאָליטישע אינסטיטוציעס און דער ריכטיקער ווירטשאַפט. אָבער דאָס, וואָס איך און אונדזער איינער ווייס, וועלן מיר זיי זאָגן אַזוי הויך און מ י ט אַ ז ו י פ י ל ל י ב ש אַ פ ט ווי נאָר מעגלעך”... „די רעוואָלוציע וועט ברענגען גאונות אין וואָרט און טאַט, שוווּנג און פייער. פלאַמענדיקן און אינערלעכן לעבן, די אָנפילונג פון אויגנבליקן ווי מיט יאָרהונדערטיקן געשיכטלעכן לעבן” (בריוו פון 27־ און 28־ נאָוו. 1918).

און צו זיין אַלטן פריינט און סקעפּטיקער מאַוטנער שרייבט ער אין יענע טעג: „ווי קאָן מען זאָגן „ליבער פריינט” און אין דער זעלבער צייט דערקלערן די מענטשן פאַר שלעכט? ווי קאָן איך — אַ לעבעדיקער, אַ פּאָעטער, אַ פריינט צו אַ פריינט — קומען דערצו צו דערקלערן די מ ע נ ט ש ן פ אַ ר ש ל ע כ ט?” אַז זיינע פריינט וואָרענען אים קעגן די פיינט און זייער בלוטיקן האַס, שרייבט ער אין מערץ 1919: „טראָץ דער גאַנצער נאַרישער העצע פון דער פּרעסע, ה אָ ב א י ך נ י ש ט ד אָ ס ג ע פ י ל, אַ ז א י ך ב י ן ג ע ה אַ ס ט. אָבער אַ סך, וועמען איך קען נישט, פילן ליבע צו מיר. וואָס קען פאַרלאַנגען מער אַ מענטש, וועלכער האָט זיין אַרבעט נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן און געפינט זיך נאָך שטענדיק אין דער הכנה!” (19.3 1919).

אין דער צייט פון חסד און רעוואָלוציע ווערט לאַנדויערס האַרץ (וואָס ווערט דעמאָלט געפייניקט פון שווערן פּערזענלעכן צער: זיין פרוי איז פּלוצים

געשטאָרבן) פול מיט צוטרוי צו די מאַסן. ער רופט זיינע פריינד, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם אימפּעט פון דער רעוואָלוציע, צו „דענקען מיט דעם האַרצן". ער איז די גאַנצע צייט הויפּטזעכלעך אַן אַגיטאַטאָר, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ רופער. שפּעטער — אין דער סאָוועטישער תקופה פון בייערן — קריגט ער דעם פּאָסטן פון פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג, און דאָס איז זיין עכטע לעבנס־ספערע. ער נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין דעם סאָציאַלן איבערבוי פון לאַנד, און ער טוט עס אויף זיין שטייגער: ער אַפּעלירט און וועקט די איידלסטע געפילן אין די נשמות פון די אַרבעטנדיקע. ער רופט ווידער צו דער פאַרינערלעכונג פון סאָציאַליסטישן שאַפן און די פאַרינערלעכונג בינדט ער צונויף מיט דער אַקטיוו־כטער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

## VI

אָבער די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז טראַגיש אין תוך. זי ברענגט לאַנדויערן באַלד די טיפסטע דערשיטערונגען. זיין ווייט־פאַרצווייגטע פּראָגראַם, זיין טיף־גייענדיקע פּראָפּאַגאַנדע געפינט נישט דעם נויטיקן אָפּקלאַנג נישט ביי די ראַדיקאַלע פירער פון די מאַסן נישט ביי די מאַסן גופא. ער מוז פירן אַ קאַמף אויף רעכטס און אויף לינקס, קעגן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קעגן קאָמוניסטן. ער קומט אָפּט דערצו אַז ער „פאַרצווייפלט אין דעם דייטשן פאָלק". מיר קאָנען דאָ לײדער נישט דערציילן די גאַנצע קאָמפּליצירטע געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אין בייערן, ווו דעמאָקראַטיע האָט זיך פאַרמישט מיט צוויי סאָוועט־רעפּובליקן, ווו די סאָוועטן זענען געבראָכן געוואָרן דורך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָנטער־רעוואָלוציע; ווו ס'האָבן זיך ביטער באַקעמפט און געלייגט זייערע לעבנס: קורט אייזנער (דער ערלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַט), ערנסט טאָלער (דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסט), גוסטאַוו לאַנדויער (דער אומאָפּהענגיקער אַנאַרכיסט), יעווגעני לעווינע (דער ערלעכער קאָמוניסט). ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז ס'איז געוואָרן צונויפגערופן דער בייערישער לאַנדטאַג (אַ דעמאָקראַטישער פּאַרלאַמענט), אין וועלכן ס'איז געווײלט געוואָרן אַ בירגערלעכע מערהייט. און ל. שרייבט אין יאַנואַר 1919 מיט כעס און ביטערניש: „אַלץ האָט זיך באַשטעטיקט ווי איך האָב פאָרויסגעזען. אָבער דאָס איז דאָך טאַקע דער ווייטיק: צי זאָלן מיר שוין ווידער זיין אין דער צייט ווען דער איינזאַמער האָט רעכט און בלייבט איינזאַם? עס האָט נישט געטאָרט דערצו קומען: בשום אופן האָט די רעוואָלוציע נישט געטאָרט פאַרטרויען זיך צו אַזאַ אַרט ווײלעריי און פּאַרלאַמענטאַריזם. זי האָט געמוזט אומגעשטאַלטן און דערציען די מאַסן אין אירע נייע קאָרפּאָראַציעס (די ראַטן). איך האָב מורא אַז ס'קומט דאָס אַלטע פּאַרטיי־סיסטעם און דערמיט אויך די קאָנטער־רעוואָלוציע... די קאָנטער־רעוואָלוציע וועט איצט נאָך די וואַלן איבערגיין אין אַקטיוון קאַמף און וועט רופן: אַוועק מיט אייזנערן! אַ פּאַרלאַמענט פון אַזאַ אַרט מוז אָבער פונאַנדערגעיאָגט ווערן... אייזנער האָט אַ

ריינעם גייסט און ריינע צילן, אָבער ער האָט פאַרלוירן זיין אייגענעם וועג; ער האָט זיך געשראָקן פאַר רעוואָלוציאָנערער ענערגיע; דעם וועג צווישן באָלשעוויזם און פשרות, וועלכן איך זע קלאָר, האָט ער פאַרלאָרן. עס איז זיך נוקם אָן אים דאָס וואָס ער איז אַזוי לאַנג געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט".

ער גייט זיך פונאַנדער מיט אייזנערן. אָבער שפּעטער קומט די צייט, בעת ער געפינט נישט קיין פאַרשטענדעניש אויך אין די מינכענער אַרבעטער־רייען, און די נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע גיסט זיך פאַרביי אים און קעגן אים. ער שפּירט זיך ווידער איינזאַם ווי אַמאָל. „איך בין שוין ווידער כמעט אַזוי איינזאַם ווי פאַר דער רעוואָלוציע; מיט דער אַרבעט פירן אָן הילפלאָזע שוואַכקייט און געמיינקייט. אויב עס וועט נישט קומען נאָך אַ גרעסערע נויט, גלויב איך נישט אַז דאָס דאָזיקע קלאָגעדיקע פאָלק וועט דערנייערט ווערן דורך דער רעוואָלוציע. אפילו אַזעלכע העלדישע מענטשן ווי ליבקנעכט און לוקסעמבורג האָבן פאַר דער דערנייערונג פון דער געזעלשאַפט נישט געוווסט בעסערס ווי קאַמף פאַר דער מאַכט, און אַפילו אַזעלכע גייסטפולע מענטשן ווי אייזנער ווערן גייסטלאָז אין מאָמענט, ווען זיי הויבן אָן צו רעדן פון סאָציאַליזם... עס זענען דאָ אַרום אַלץ סתירות אין וועלכע איך וויל מיך נישט אַריינשטעלן, ווייל אַלע די דאָזיקע ריכטונגען וועלכע באַקעמפן זיך ביז בלוט, זענען פאַליש. און ווען איך נעם ריידן, האַלט מען מיך פאַר אַ פאַרמיטלער, פאַר אַ מענטש פון דער מיטל־ליניע, בעת אין דער אמתן שטיי איך אויף אַ גאַנץ אַנדערן באָדן און בין דאָרטן באמת גענוג ראַדיקאַל" (בריוו פון 25 יאַנואַר 1919).

עס איז פאַר לאַנדויערן איצט געקומען די אַנדערע תקופה, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַוויזן דיביידע געפאַרן פון עכטן רעוואָלוציאָנערן גייסט: רע־פאָרמיזם און פאַריינזאַמונג. דאָס מאָל אָבער זענען די ביידע געפאַרן נישט אַרויסגע־וואַקסן פון לאַנדויערס אידעען־סיסטעם, נאָר זיי זענען אַרויסגעוואַקסן קעגן אים, קעגן זיין ווילן. די מאַסן האָבן אים געלאָזן איינזאַם און נישט מיטגעמאַכט זיין גרויסן צעשטערונגס־ און אויפבוי־ווערק. אָט דאָ פאַרוואַנדלט זיך דאָס טראַ־גישע פּערזענלעכע פּראָבלעם פון לאַנדויערן אין אַלגעמיינעם פּראָבלעם פון סאָ־ציאַליזם און רעוואָלוציע בכלל.

לאַנדויער האָט געענדיקט זיין לעבן מוטיק און ערלעך ווי ער האָט געלעבט. כאָטש ער איז ביי דער לעצטער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע נישט געווען מער אַקטיוו, האָט ער דאָך מיט רעוואָלוציאָנערער ווירדע און שטאָלץ פאַרטיידיקט זי לפנים פון די שונאים. און עס איז געווען ווי די מאָראַלישע באַקרוינונג פון זיין גאַנץ לעבן בעת ער האָט צוגערופן צו זיינע מערדער אין דעם לעצטן מאָמענט: „דערהרגעט מיך דאָך! זייט דאָך מענטשן!" „מענטש" איז געווען זיין לעצט וואָרט. — ווי זאָל מען זיך נישט דערמאָנען דערביי אָן דעם אַנדערן מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע, אָן קאַרל ליבקנעכטן, וועלכער האָט גע־טראָגן אין האַרצן די גרויסע ליבע צו מענטשן?

„אין אַ פאַרזאַמלונג פון בערלינער אַרבעטער, אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט,

האָט ליבקנעכט געזאָגט: „איידער איך הויב אָן מיין פּאָרטראַג, דערלויבט מיר, חברים, צו ווענדן זיך צו אייך מיט אַ פּריוואַט וואָרט. איר ווייסט אַלע אַז מען יאָגט זיך נאָך מיין לעבן. אויב איך זאָל ווערן אַ קרבן פון אַ מאָרד־קויל. בעט איך אייך — אין נאָמען פון מענטשלעכקייט — אַז איר זאָלט שאַ־נעווען דאָס לעבן פונעם מערדער, ווייל ער איז אַ פאַרבלענדטער. די אַנדערע זענען שולדיק דערפאַר, נישט ער. פירט אים אומבאַשעדיקט צו אַ ריכטער, פאַר וועלכן ער זאָל באַווייזן זיין אומשולד אין מאָרד אָדער ער זאָל זיך מודה זיין אין זיין שולד". ווו האָבן מיר ווען עס איז דער וועלט־געשיכטע געהערט אַז אַ מענטש זאָל אַזוי ריידן וועגן זיין קינפטיקן אומבאַקאַנטן מערדער? צי טראָגן נישט די ווערטער די פשוטקייט און די הייליקייט פון דער ביבלצייט? און צי איז נישט די דאָזיקע אומבאַגרענעצטע מענטשן־ליבע דער בעסטער באַווייז פאַר דער מאָ־ראַלישער הויך און פאַר דעם אומפאַרמיידלעכן זיג פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם? אַ באַוועגונג, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַזעלכע מענטשן איז אומבאַזיגבאַר.

## VII

מיר האָבן שוין געזאָגט: דאָס פּראָבלעם פון לאַנדויערס לעבן איז אַן אַלגע־מיין פּראָבלעם פון דעם סאָציאַליזם. דאָס איז די גרויסע פראַגע, נישט פאַרענט־פערט ביז היינט: וואָס איז וויכטיקער פאַרן סאָציאַליזם — דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן דער סאָציאַלער אָרדענונג אָדער די אינדיווידועלע רעוואָלוציאָניזירונג פון דער נשמה? ליגט דאָ אַן אייביקער קעגנזאַץ וועלכן מען קאָן בשום אופן נישט בייקומען, אָדער מען מוז דעם דאָזיקן קעגנזאַץ קענען גובר זיין! אין צוויי גרויסע יידישע געשטאַלטן פון רעוואָלוציאָנערן האָבן מיר געזען פאַרקערפּערט יעדן צד פון דעם קעגנזאַץ. קאַרל מאַרקס האָט מבטל געווען בתכלית הביטול די אַזוי־גערופענע עטיש־פּערזענלעכע פאַרפולקאָמונג און האָט געלערנט צו דערקענען און צעשטערן, ראשית כל, די געזעלשאַפטלעכע בנינים פון אַ בייזער וועלט; און גוסטאַוו לאַנדויער האָט געלערנט (אין זיין ערשטער לעבנס־תקופה) פאַר־קערט: נישט וואַרפן די גאַנצע שולד אויף די געזעלשאַפטלעכע בנינים, נאָר ראשית כל דערקענען, צעשטערן און בויען אין דער אייגענער נשמה פון מענטשן. ווו ליגט דער הויפּט־וועג: אין דעם אינדיווידועל־עטישן ווירקן פאַרבונדן מיט „קליינע מעשים" אָדער אין דער מאַסן־אַרבעט פאַרבונדן מיט גרויסע דערשיטער־רונגען?ביידע וועגן און ביידע געשטאַלטן — פון מאַרקס און לאַנדויער — וואַקסן פון דער יידישער געשיכטע און פאָלקס־כאַראַקטער. אויף וועלכן זאָל מען זיך אָפּשטעלן?

לאַנדויערס לעבן האָט אין זיך פאַרווירקלעכט ביידע אַרטן פון קאַמף. און לאַנדויער האָט געקאָנט זען (אָדער אפשר מיר קענען עס היינט דערזען) ווי ביידע קאַמף־פאָרמען זענען געוואָרן אומגענוגנדיק און הינטערשטעליק. פּערזענלעכע רעוואָלוציע? אָבער לאַנדויער האָט עס אַ גאַנצן לעבן געפּרעדיקט, געזוכט

מענטשן, געפלאָכטן זיי אין בונדן — און ס'איז געקומען דער מבול און האָט אַלץ מיט איין מאָל אַראָפּגעווישט. די וועלט־מילחמה, מיט איר גראַנדיעזן מאַסשטאַב פון אכזריות, האָט באַוויזן, אַז נישט נאָר קען זי נישט אָפּגעהאַלטן ווערן דורך דער עטיש־אינדיווידועלער באַאַרבעטונג פון מענטשן, נאָר זי איז בכוח צו פאַרוואַנדלען אפילו די גוטע מענטשן אין זייער היפּוך: אין חיות רעות אָדער אין כיטרע פוקסן אָדער אין שרעקעדיקע אויטאָמאַטן. וואָס פאַר אַ זין האָט די פּערזענלעכע פאַרפולקאָמונג, אַז — אָן דעם סאָציאַלן איבערברוך — איז זי שטענדיק פאַראורטיילט אויף אַ קאַטאַסטראָפע דורך פרעמדע כוחות?

סאָציאַלע רעוואָלוציע? אָבער לאַנדויער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן כוח זיינעם אין דער רעוואָלוציע. ער האָט אין איר אויפגעלעבט אַזוי שטאַרק ווי ווען דאָס גאַנצע פריערדיקע לעבן זיינס וואָלט געווען נאָר אַ הכנה, אַ צוגרייטונג צו דעם טריומף פון זיין לעבנסציל. און ער האָט זיך אָנגעשטויסן ווי אויף שפּיציקע שטיינער, אויף דער אומפאַרשטענדעניש, אויף דער שוואַכקייט, אויף דער פוילקייט פון די מאַסן. ער האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות צו געבן זיי פליגלען, אָבער ער האָט נישט געפונען ביי זיי דעם אָרט ווו צו באַהעפטן די פליגלען. די מילחמה האָט נישט אויפגעטרייסלט, ווי ער האָט געהאָפט, די נשמות ביזן גרונד. זי האָט, פאַרקערט, געטריבן צו תיכפדיקער רו און הכנעה. וואָס פאַרא זין האָט אַזאַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אויב אָן דער אינערלעכער דערשיטערונג און רייניקונג איז זי פאַראורטיילט צום באַנקראָט?

דעם טאָפּלדיקן באַנקראָט פוןביידע קאַמף־פאָרמען האָט לאַנדויער דורכגעלעבט, און מיט אים לעבן מיר אַלע היינט איבער דאָס פּראָבלעם. אָבער פּראָבלעמען זענען געגעבן דערצו, אַז מען זאָל זיי לייזן; אויב נישט טעאָרעטיש — לאָגיש, איז אין פּראַקטישער ווירקזאַמקייט. מע קאָן זיי טעאָרעטיש אַזוי פאַרשפּיצן, אַז זיי זאָלן ווערן אומלייזבאַר; מען מוז זיי אָבער פּראַקטיש אַזוי פאַסן, אַז זיי זאָלן אין לעבן ווערן געלייזט. „לא המדרש עיקר אלא המעשה". די לייזונג ליגט אין דער פאַרבינדונג פון די ביידע אויפגאַבן: פון דער אינדיווידועלער און סאָציאַלער. לאַנדויער האָט — לאָמיר זיך דערמאָנען — געערדט אַמאָל, אַז ס'זענען דאָ פאַרהעלטעניש[ן] און ס'איז דאָ דאָס פאַרהאַלטן פון מענטשן. און ער האָט טאַקע אין שטורעמדיקן חודש יאַנואַר 1919 אין אַ בריוו פאָרמולירט די שייכות צווישן די ביידע באַגריפן. „אָט דאָס איז דאָך טאַקע דאָס גרויסאַרטיקע און געוואַלטיק־שווערע אין דער אויפגאַבע, צו וועלכער מיר זענען באַרופן: אַז די פאַרהעלטענישן מוזן ווערן איבערגעאַנדערשט (צי מיר ווילן צי נישט) און, אַז דערצו איז נויטיק אַ נייער גייסט. דער גייסט, קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מיר אַלטע און יונגע שאַפן נייע פאַרהעלטענישן! איך בין באַרופן צו העלפן אין די ביידע געביטן; ווי ווייניק זענען דאָ מענטשן וועלכע פאַרשטייען זיך אויף די ביידע וועגן!"

ווייניק מענטשן וועלן היינט באמת פאַרשטיין די צונויפגעפלאָכטנקייט פון די ביידע וועגן. וויפל פון זיי טרייסלען זיך אָפּ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווייל

זיי האָבן דערזען די חיה אין דעם מענטשן! זיי ווילן איצט דורך אינדיווידועלער קליינאַרבעט, אָן אַ זייט פון דער געשיכטע, זוכן און האָדעווען דעם מענטש אין דער חיה. און זיי מערקן נישט, אַז עס קאָן ווידער קומען אַ מבול, אַז די סאָציאַלע מהפכה איז דאָך אָוועקגעשטעלט פאַר דער מענטשהייט. — און וויפל טרייסלען זיך אָפּ פון יעדער עטיש־אינדיווידועלער קאַמף־אַרבעט ווייל זיי זעען פאַר זיך די פאַלשקייט און מאָראַלישע געזונקענקייט פון דער היינטיקער וועלט! דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אַליין האָפן זיי צו שאַפן יענעם נייעם באָדן אויף וועלכן עס וועלן זיך פונאַנדערבליען די בלומען פון אַ נייעם מענטש מיט אַ נייער מאָראַל. און זיי זעען נישט, אַז דער „מאַסאָווער", נישט אינערלעך רעוואָלוציאָניזירטער מענטש קען די רעוואָלוציע גופא פאַרוואַנדלען אין איר היפוך, — מען קאָן נישט אָפּלייגן די סאָציאַלע רעוואָלוציע ביז די מענטשן וועלן אַלע ווערן רעוואָלוציאָניזירט, און מען קאָן נישט אָפּלייגן די רעוואָלוציאָניזירונג פון מענטשן ביז די רעוואָלוציע וועט ווערן אינגאַנצן דורכגעפירט. דער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט אַ פאַרבונדענע דערפילונג פון דיביידע אויפגאַבן.

די דאָזיקע פאַרבינדונג מוז יעדער סאָציאַליסט שאַפן פאַר זיך אין שעפערישער אַרבעט. לאַנדויער האָט אים, דורך זיין מאַרטירער־לעבן, געוויזן דעם וועג: די פאַרבינדונג פון די ביידע אויפגאַבן — רעוואָלוציאָניזירונג פון מענטש און פון וועלט — מוז זיין אַ שטענדיקע און דינאַמישע: אַזוי, אַז די רעוואָלוציאָניזירונג פון מענטש זאָל האָבן איר צילפונקט — די וועלט, און די רעוואָלוציאָניזירונג פון וועלט זאָל זיין פאַרוואָרצלט — אין מענטשן. די פאַרבינדונג מוז זיין אַזאַ, אַז די ביידע עלעמענטן אירע זאָלן זיין אויפגעפאַסט פון סאָציאַליסט ווי תיכפדיקע אויפגאַבן, וועלכע מען טאָר נישט אָפּלייגן אויף אַ ווײַלע, וועלכע מוזן „אָנגעהויבן" ווערן אין „יעדן אויגנבליק". ערשט דעמאָלט וועט דער סאָציאַליזם פאַרווירקלעכט ווערן ניט נאָר „באחרית הימים", נאָר טאַקע פאַר אונדז, באלה הימים.

(„פרייע שריפטן", סעפּט., 1929)

# וואָס איז פאַר אונדז קאַרל מאַרקס?

I

אויפן הייגייטער בית־עולם אין לאָנדאָן, אונטער דעם נומער 247.48, ליגט באַגראָבן קאַרל מאַרקס. פופציק יאָר געפינט זיך זיין קבר אין דער מיט פון דעם שטורעמדיקן לאָנדאָן, ווו ס'האָט אויפגעבליט די מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע קולטור, ווו עס עקזיסטירט אַ שטאַרקער פּראָלעטאַרישער קלאַס. אויף דעם אַנאַליז פון דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם און דעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט האָט מאַרקס אויפגעבויט זיין טעאָרעטישן בנין פון סאָציאַליזם. פונדעסטוועגן ליגט זיין קבר אין הייגייט איינזאַם און פאַרלאָזן, אויך היינט, פופציק יאָר נאָך זיין טויט. דער מקום־מנוחה פון איינעם פון די לייַדנשאַפטלעכסטע מענטשן פון דער געשיכטע איז נישט אַרומגערינגלט מיט וואַרעמע כוואַליעס פון ליבע פון פּראָלעטאַרישן קלאַס; אַפילו די באַקאַנטשאַפט מיט דער לערע פון קאַרל מאַרקס איז ווייניק פאַרשפּרייט צווישן די ענגלישע אַרבעטער.

פונקט אַזוי איינזאַם איז געווען דאָס לעבן פון מאַרקסן אין ענגלאַנד צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד. אין דעם האָט ער געטיילט דעם טראַגישן גורל פון אַלע גרויסע נביאים. ער האָט געקוקט פאָרויס, איבער די קעפּ פון די מענטשן פון זיין צייט. ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, אַ סאָציאַלן סיסטעם, וועלכע האָבן געשיינט צו זיין פון אַן אייביקער „נאַטירלעכער" קראַפט. וואָס איז דער וווּנדער, אַז דער דורכשניט־מענטש פון זיין דור האָט אים נישט פאַרשטאַנען, איז געגאַנגען פאַרביי אים?

מאַרקס האָט געלעבט אין אַן עפּאָכע, אין וועלכער דער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און פאַרשטאַרקן זיך. ס'זענען נישט געווען קיין שום גרענעצן פאַר דער מעכטיקער עקספּאַנסיע פון אָט דעם שטאָלצן פּולבלוטיקן סיסטעם. ער האָט רעוואָלוציאָניזירט די טעכניק, די וויסנשאַפטן, די מלוכות. ער האָט געשפּאַנט מיט ריזן־טריט איבער אַלע קאָנטינענטן און אָקעאַנען. ער האָט צעטרייסלט די פונדאַמענטן פון אַלע סאָציאַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט געזאָלט ווערן די פון דער נאַטור געגעבענע אייבערשטע מאַכט איבער ווירטשאַפט, שטאַט און קולטור. — אָט קעגן דער דאָזיקער אַלמעכטיקער קראַפט איז אַרויסגעטראָטן קאַרל מאַרקס. ווי די נביאים פון אַמאָל, וועלכע האָבן

געשליידערט זייערע פייערדיקע רייד קעגן די ציוויליזאַציעס פון אשור און בבל, איז אַרויסגעקומען מאַרקס קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע מיט אַן אָנקלאַגע און אַ נבואה. אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון 1847 לייענען מיר די ווערטער, וועלכע האָבן אויף קיין איין האָר נישט פאַרלאָרן זייער באַדייט אויך היינט צו טאָג.

„די בורזשואַזיע האָט צעשטערט אַלע פעאָדאַלע, פּאַטריאַרכאַלישע, אידילישע באַציִונגען. זי האָט נישט איבערגעלאָזן קיין שום אַנדער פאַרבינדונג צווישן מענטש און מענטש ווי נאָר דעם נאַקעטן אינטערעס, ווי נאָר די געפיללאָזע „צאָלונג במזומנים". זי האָט פאַרוואַנדלט די פּערזענלעכע ווערדע אין אַן אויסטויש־ווערט; אויפן אָרט פון אומצאָליקע געהייליקטע פרייהייטן האָט זי אַוועקגעשטעלט נאָר די איינאַוניינציקע געוויסנלאָזע פרייהייט פון האַנדל. מיט איין וואָרט. אויפן אָרט פון דער פריערדיקער מיט רעליגיעזע און פּאָליטישע אילוזיעס פאַרדעקטער עקספּלואַטאַציע האָט זי אויסגעבויט די אָפענע, אומפאַרשעמטע, דירעקטע, טרוקענע עקספּלואַטאַציע... די בורזשואַזיע האָט אַראָפּגעריסן דעם סענטימענטאַלן שלייער פון די פאַמיליע־פאַרהעלטענישן און פאַרוואַנדלט זיי אין פּשוטע געלט־באַציִונגען...

„די מאָדערנע אַרבעטער, די פּראָלעטאַריער, וועלכע מוזן זיך לאָזן פאַרקויפן שטיקערווייז, זענען פּונקט אַזאַ סחורה געוואָרן ווי יעטווידער אַנדערער האַנדלס־אַרטיקל. זיי זענען דערפאַר אונטערגעוואָרפן אַלע שינויים פון דער קאָנקורענץ, אַלע וואַקלונגען פון דעם מאַרק... ווי פּשוטע אינדוסטריע־סאָלדאַטן ווערן זיי אַוועקגעשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון אַן עכטער הערשאַפט פון אָפיצערן און אונ־טעראָפיצערן. זיי זענען נישט נאָר שקלאַפן פון בירגערלעכן קלאַס און בירגערלעכן שטאַט; זיי ווערן נאָך יעדן טאָג און יעדע שעה פאַרשקלאַפט פון דער מאַשין, פון דעם אויפזעער און, ראשית־כל, פון דעם איינצלנעם פאַבריק־באַלעבאָס. אָט די דעספּאָטיע ווערט אַלץ קליינלעכער, פיינטלעכער, פאַרביטערטער, וואָס מער זי פּראָקלאַמירט אַלס איר צוועק דעם פּראָפיט".

מאַרקס זעט אָבער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אָט דעם כלומרשט־אומ־באַזיגבאַרן עקאָנאָמישן סיסטעם. ער זעט פאָרויס, ווי דער קאַפּיטאַליזם וועט אין לויף פון דער געשיכטע באַזיגט ווערן פון זיינע אייגענע כוחות. ער רייסט אַראָפּ פון אים די קדושה פון אַ נאַטור־ אָדער גאָט־געבענטשטן לעבנס־סדר; ער ווייזט אויף ווי דער קאַפּיטאַליזם איז נאָר היסטאָריש אַנטשטאַנען און וועט דורך דעם היסטאָרישן גאַנג פאַרורטיילט ווערן צום אונטערגאַנג.

„דער פאָרשריט פון דער אינדוסטריע פירט דערצו, אַז אַנשטאָט דער איזאָ־לירונג פון די אַרבעטער דורך קאָנקורענץ קומט אויף די רעוואָלוציאָנערע פאַראייניקונג פון די אַרבעטער דורך דער אַסאָסיאַציע. פון אונטער די פיס פון דער בורזשואַזיע ווערט אַזוי אַרום אַוועקגעשלעפּט דער יסוד גופא, אויף וועלכן זי פּראָדוצירט און נעמט זיך צו די פּראָדוקטן. זי פּראָדוצירט ראשית־כל איר אייגענעם קברות־מאַן. איר אונטערגאַנג און דער ניצחון פון דעם פּראָלעטאַריאַט זענען אומפאַרמיידלעך... זאָלן די הערשנדיקע קלאַסן ציטערן פאַר דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די פּראָ־

לעטאַריער האָבן גאָרנישט צו פאַרלירן אין איר אַ חוץ די קייטן. זיי האָבן אָבער אַ וועלט צו געווינען".

עס איז אַ בילד פון גוואַלדיקער היסטאָרישער גרויס צו זען ווי מאַרקס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פאַרשיכורטער מאַכט פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. ער, דער מענטש, וועלכער איז ביז אין די טיפסטע טיפעגישן אַריינגעדרונגען אין די כודות פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מעכאַניזם, וועלכער האָט אין זיינע אונטערזוכונגען געצייילט און געוווגן די אומענדלעכע עשירות פון אָט דעם מעכאַניזם, האָט אַליין געמוזט לעבן אין דער גרעסטער אָרעמקייט און עלנט. „מיין פרוי — האָט ער געשריבן אין 1852 צו ענגעלסן — זאָגט מיר טאָג אין טאָג, אַז זי וואָלט וועלן צוזאַמען מיט די קינדער ליגן אין קבר. און איך קען איר טאַקע נישט מאַכן קיין פאַרוווּרף דערפאַר, ווייל די ביזיונות, די קוועלענישן און די שרעקן, וועלכע מען מוז איבערלעבן אין אַזאַ לאַגע, זענען באמת אומבאַשרייבלעך". אָבער ער האָט אויף קיין איין מאָמענט אין זיין לעבן נישט פאַרלאָזן זיין שטאָלצע פּאָזיציע פון קריטיק און קאַמף. ער האָט מיט רויִקער זיכערקייט אַנאַליזירט אַלע איברים פון דער גרויזאַמער אַנטימענטשלעכער מאַשין, וועלכע איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, און ער האָט אַרויפגעדריקט אויף איר שטערן דעם שטעמפּל פון ט ו י ט.

נישט נאָר אין דעם טעאָרעטישן שוווּנג האָט מאַרקס געוויזן אַ גרויסע טאַט; ער איז געווען גרויס אויך אין זיין פּראַקטיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט. עס איז אפשר אַ סך וויכטיקער צו זיין רעוואָלוציאָנער אין דער פּראַקטישער טאַט איידער אין דעם טעאָרעטישן דענקען. מאַרקס איז אין תוך געווען יענער רעוואָלוציאָנער, וועלכער רופט זיך אָפּ תיכף ומיד אויף יעדן גרויסן מענטשלעכן קאַמף ווו ער דערשפּירט, אַז די געשיכטע מאַכט אַ שריט פאָרויס. און מאַרקס האָט דעמאָלט נישט דערלויבט, אַז זיין אייגענע טעאָריע זאָל זיך אים שטעלן אין וועג. אַז עס האָט אייסגעבראָכן דער קאָמונע־אויפשטאַנד אין פּאַריז אין יאָר 1871, האָט זיך מאַרקס בלב ונפש סאָלידאַריזירט מיט יענער רומפולער באַוועגונג, הגם זי איז לחלוטין נישט געגאַנגען אין זיינע טעאָרעטישע דרכים. — קוקט זיך צו צו דער פּאַריזער קאָמונע, דאָס איז דער טיפּ פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע ! — האָבן דערקלערט מאַרקס און ענגעלס צו די אַרבעטער פון דער וועלט. אַז אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין די 80־ער יאָרן דער העלדישער קאַמף פון די נאַראָדאָוואָלצעס קעגן דעם צאַריזם, האָט מאַרקס זיך סאָלידאַריזירט אפילו מיט דעם טעראָריסטישן קאַמף פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. נאָך מער : ער האָט דערקלערט, אַז אין פּויערישן רוסלאַנד וועט אפשר די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קענען אויסברעכן פריער ווי אַנדערשוווּ. די פרומע רוסישע מאַרקסיסטן, די אָנהענגער פון זיין לערע, האָבן זיך דערשראָקן אויף טויט פאַר אַזאַ אָפּנייגונג זיינער פון דער אָפיציעלער טעאָריע, אָבער מאַרקס האָט מיסתמא געפילט, אַז יענע זעלישע און גייסטיקע באַדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פאַר אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן איבערקער, זענען אויפגעזאַמלט אין רוסלאַנד אַממערסטן. האָט ער נישט מורא געהאַט אַריינצושליסן יענעם רוסלאַנד אין דער קייט פון וועלט־רעוואָלוציע. און ער האָט טאַקע נישט געהאַט דערין קיין טעות.

דערפאַר איז דער נאָמען פון קאַרל מאַרקס צונויפגעפלאָכטן געוואָרן מיט יעדער גרויסער רעוואָלוציאָנערער דערהויבונג פון די אַרבעטער־מאַסן. דערפאַר האָט זיך מאַקע געשאַפן יענע מ אַ ר ק ס ־ ל ע ג ע נ ד ע, וועלכע איז שוין פאַר זיך אַליין געוואָרן אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

II

אָבער אין 1933 איז עס נישט גענוג אָפּצושאַצן און צו באַוווּנדערן די באַ־דייטונג פון דער מאַרקס־לעגענדע. מען מיז — צוליב די אינטערעסן פון דער סאָציאַ־ליסטישער זאַך — צוקוקן זיך נענטער און אָפּשאַצן יענעם גרויסן סיסטעם פון מעאָריע און פּראַקטיק, וועלכער רופט זיך אָן מיטן נאָמען מ אַ ר ק ס י ז ם. מיר מיינען דאָ דעם סיסטעם פון מאַרקסיזם ווי ער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון מאַרקסן אַליין און באַזונדערס פון זיינע נאָכפאָלגער אין די 50 יאָר נאָך זיין טויט. אָט דעם קאָנקרעט ווירקנדיקן מאַרקסיזם מוז מען אוועקשטעלן פּנים אל פּנים מיט דער היינטיקער עפּאָכע און זיך פרעגן: וו ע ל כ ן היסטאָרישן באַטייט האָט ער פאַר אונדז אָט אין דער דאָזיקער עפּאָכע פון יאָר 1933?

1933: — דער יאָר איז באַלויכטן מיט אַ גרעל־רויטן שריפה־שיין פון קאַ־טאַסטראָפעס. אין וויטן מיזרח פון אזיע גייט אָן אַ ברוטאַלע מילחמה פון יאַפּאַן קעגן כינע; אין די דרום־אַמעריקאַנישע מלוכות צינדן זיך אַלע ווײַלע אָן פונקען פון קריג; די מעכטיקע צפון־אַמעריקאַנישע רעפּובליק, די גליקלעכע יורשטע פון וועלט־קריג, שטיקט זיך אין די ווייען פון ווירטשאַפטלעכן, פינאַנציעלן, סאָציאַלן קריזיס. אויף דער אַנדערער עק וועלט, אין דער רוסישער סאָוועט־רעפּובליק, קווילן זיך די פאָלקס־מאַסן פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ ברעקל חיונה. אַ מילחמה האָט נאָך דערווייל פאַרשוינט אייראָפּע, אָבער פאַרשטיקטע מענטשלעכע קרעכצן טראָגן זיך אָן אויפהער אין איר לופט, פון די טורמעס אין אונגאַרן, אין רומעניע, אין יוגאָסלאַוויע, אין איטאַליע. און דער אָפענער פאַשיזם האָט אַרונטערגענומען אונ־טער זיין מאַכט די גרויסע מדינה פון דייטשלאַנד. מאַכטלאָז ליגט אויף דער ערד, אונטער דעם אייזערנעם קנאַפל פון אַ נייער דעספּאָטיע, דער אָרגאַניזירטער דייטשער אַרבעטער־קלאַס: זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי, זיינע געווערקשאַפטן. אומגעהויערע געפאַרן פון פיזישע און גייסטיקע חורבנות האָבן זיך אָנגערוקט אויף דער גאַנצער וועלט. זענען עס די חבלי לידה פון אַ נייער מענטש־הייט אָדער שטייען מיר פאַר די גסיסה־ווייען פון אַן אונטערגייענדיקער וועלט?...

וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילן אין דער דאָזיקער טראַגישער עפּאָכע די לערע פון מאַרקסן, די באַוועגונג, וועלכע איז אינספּירירט פון זיין גייסט, די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטייען אונטער זיין נאָמען? קענען זיי היינט צו טאָג ווערן אַ פאַקטאָר, וועלכער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן מיטן אייגענעם כוח דער קאָלעקטיווער חיה־רעה, וועלכע האָט באַלאַגערט די מענטשהייט? אָדער, אפשר

פּאַרקערט, טראָגט די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַ געווּיסן טייל שולד און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גרויזאַמער קאַטאַסטראָפע פון אונדזער צייט?

לאָמיר פרוּוון פאָרמולירן די הויפּט־פּונקטן פון דער מאַרקסיסטישער שיטה, אַזוי ווי זי האָט זיך אויסגעאַרבעט טעאָרעטיש און האָט זיך פאַרפונדעוועט זעליש ביי די צאָלרייכע אָנהענגער פון אָט דער באַוועגונג. דאָס זענען הויפּטזעכלעך פיר פּונקטן: 1) דער געשיכטלעכער פּראָצעס אַנטוויקלט זיך לויט געוויסע אומאָפּהענ־דערלעכע געזעלשאַפטלעכע גוזעצן; דער פּראָלעטאַרישער קלאַס האָט נאָר צו דערקענען און צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע געזעצן. 2) דער סאָציאַליזם וועט ווערן אויסגעקעמפט אַ דאַנק דעם קאַמף פון די קלאַסן־אינטערעסן פון פּראָלע־טאַריאַט. 3) דער סאָציאַליזם וועט ווערן פאַרווירקלעכט דורך דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט פון דעם שטאַט. 4) דער סאָציאַליזם וועט אַריבערנעמען אַלע אוצרות פון דער מאַטעריעלער ציוויליזאַציע און טעכניק, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך דעם קאַפּיטאַליזם. — יעטוועדער פון די פיר פּונקטן מוז באַטראַכט ווערן באַזונדער, אין דעם ליכט פון יאָרצענדליקער דערפאַ־רונג, וועלכע ליגט הינטער אונדז.

1. בשעת מאַרקס האָט פאָרמולירט דעם „אַנטוויקלונג־געזעץ״ פון קאַפּיטאַ־ליזם, בעת ער האָט מיט וויסנשאַפטלעכע באַווייזן אויפגעדעקט דעם נויטווענדיקן פּראָצעס פון אונטערגאַנג, וועלכער אַנטוויקלט זיך אין קאַפּיטאַליזם גופא, האָט ער געשאַפן פאַר זיין צייט אַ גרויס ווערק. נאָך די מפּלות פון די רעוואָלוציעס פון יאָר 1848 איז אַריינגעטראָטן אַ שווערע יאוש־שטימונג אין די אַרבעטער־ און רעוואָ־לוציאָנערע שיכטן פון אייראָפּע. די טיפסטע און שענסטע אידעען פון סאָציאַליזם האָבן געהאַט אויפגעבליט אין פראַנקרייך אין 1848, און זיי זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם בלוט פון די קעמפנדיקע אַרבעטער. עס האָט זיך געדוכט: אַלע דערלייזונג־אוטאָפּיעס און האָפענונגען זענען דערליידיקט אויף שטענדיק. איז גע־קומען מאַרקס און האָט אין אַ ריי ווערק אויפגעוויזן, אַז דער סאָציאַליזם קען נישט ווערן פאַרניכטעט, אַז ער איז פאַרוואָרצלט אין די עקאָנאָמישע געזעצן פון דער געזעלשאַפט, אַז דער קאַפּיטאַליזם אַליין פירט צו דעם איבערקער. „איר דאַרפט נישט מורא האָבן פאַר אייערע אידעאַלן, ווייל אייערע אידעאַלן זענען גאָר אייזערנע געזעצן פון דער אַנטוויקלונג!״ — אַזוי אומגעפער האָט מאַרקס צוגערופן צו די סאָציאַליסטן. ס׳איז געווען נישט אַזוי וויכטיק די לאָגישע און וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון דער טעאָריע, ווי די זעלישע טרייסט, וואָס אָט טעאָריע האָט געבראַכט צו די סאָציאַליסטן. מען האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט געזיכערט און באַפעסטיקט אין דעם סאָציאַליסטישן קאַמף: אַ היסטאָרישע אומבאַצווינגבאַרע מאַכט איז דאָך געשטאַנען איצט הינטער זיינע פּלייצעס. אַנשטאָט דער רעליגיעזער השגחה פּרטית איז געקומען די השגחה היסטרית. די אַדער יענע מפּלה אין קאַמף איז שוין געוואָרן נישט וויכטיק, ווייל דער ענדגילטיקער ניצחון איבער דער בור־זשואַזיע איז געווען אַנגעצייכנט אין די געזעצן פון דער געזעלשאַפט.

אָבער גראָד די דאָזיקע היסטאָרישע זיכערקייט האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן

זעלישן שאָדן אין דעם באַוווסטזיין פון סאָציאַליסט. ער האָט זיך צוגעוווינט צופיל פּאַרלאָזן זיך אויף דער היסטאָרישער אָדער אָביעקטיווער אָדער סטיכישער אַנט־וויקלונג. ער האָט אַלץ ווייניקער באַגרינדעט דעם קאַמף פאַר אַ נייער וועלט אין זיין פּערזענלעכן גערעכטיקייט־ און געפיל־לעבן. ער האָט זיך כמעט מער נישט צוגעהערט צו דעם „געזעץ" פון זיין אייגענעם פאַראַנטוואָרטלעכן איך, ווייל ער האָט זיך סומך געווען אויף די דרויסנדיקע כּלומרשט־אומבאַצווינגבאַרע געזעצן. דאָ איז נישט געווען אין תוך קיין אונטערשייד צווישן דעם רעפאָרמיסטישן און דעם באָלשעוויסטישן מאַרקסיסט. דער איינער האָט אויף אַ פרידלעכן אופן, דער אַנ־דערער האָט אויף אַ רעוואָלוציאָנערער אַרט געהאַלטן נאָר אין איין אויספירן די „באַפעלן" פון דער געשיכטע און פון דער אַנטוויקלונג. דאָס האָט געמוזט פירן צו אַ מין קולטור־פילאָזאָפישן הפקרות־גייסט. עס איז אָפּגעטויט געוואָרן דער דראַנג און דער מוט צו פּערזענלעכער אחריות בנוגע זיך און בנוגע אַנדערע. דער סאָציאַ־ליסט, וואָס איז געווען צוגעשמידט מיטן אויג צו די „רעאַלע" פּראָצעסן און פאַקטן פון דערווירקלעכקייט אַליין, וואָס האָט נישט געטאָרט אויפהויבן די אויגן צו די איבער־רעאַלע, אוטאָפּישע פאַקטן פון געפיל און פאַנטאַזיע, איז נישט געוואָרן דורכדעם באַזונדערס פּרוכטבאַר. זיין גערעכטיקייט־וועלט איז, אונטער דעם דרוק פון דעם „מוז", געוואָרן איינזייטיק, פאַרבלאַזט, פאַרקריפּלט. האָט אָט דער סאָ־ציאַליסט נישט פאַרגונען קיין פרייהייט זיין אייגענעם איך, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען און געשאַנעוועט די פרייהייט ביי יענעם. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע סאָציאַליסטישע מחנה, וואָס האָט מאַרשירט צו דער דערלייזונג פון דער מענטשהייט, נישט שענקענדיק דערביי קיין פרייהייט דעם איינצל־מענטש אין דער מחנה. — אין אַ צייט פון היסטאָרישע קאַטאַסטראָפעס (די מילחמה 1914, די רעוואָלוציעס 1918, די קאָנטער־רעוואָלו־ציעס 1933) האָט אַזאַ מחנה נישט געקענט אַרויסטרעטן ווי אַ קאָלעקטיוו פון מיליאָניקע איינצל־ווילנס. פאַרקערט: זי האָט געבראַכט צו קאָלעקטיווע מפּלות פון ווילנסלאָזע קאָלעקטיווע מענטשן.

III

## היטלער אין דייטשלאַנד

2. דורך דעם קאַמף פון די קלאַסן־אינטערעסן האָט געזאָלט אויסגעקעמפט ווערן דער סאָציאַליזם — לויט מאַרקסן. די קלאַסן־אינטערעסן זענען פאַרשטאַנען געוואָרן, ראשית־כּל, אַלס די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון אַרבעטער. פירן אַ קאַמף פאַר די עלעמענטאַרע מאַטעריעלע אינטערעסן איז פאַרשטענדלעך יעדן איינעם פון דעם אַרבעטער־שטאַנד. אַזוי אַרום קענען מיליאָנען־מאַסן אַריינגעצויגן ווערן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פון די עלעמענטאַרסטע אינטערעסן אָנגעהויבן, וועלן זיך די מאַסן דערהייבן צו די העכסטע אינטערעסן פון פּראָלע־

טאַרישן קלאַס. די מאַטעריעלע באַדערפֿעניש פֿון די אַרבעטער און זייער באַפֿרײַ־ דיקונג אין קאַמף וועלן ממילא דינען דער זאַך פֿון סאָציאַליזם. דאָס איז דאָס רעוואָלוציאָנערע געזעץ פֿון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. זי ווערט נישט באַוועגט פֿון פֿריי דורך מענטשן געשטעלטע אידעאַלן, זי ווערט נישט אָנגעפֿירט פֿון מ אָ ר אַ ל י ש ע פֿאָדערונגען. דער פּראָלעטאַריאַט נייטיקט זיך נישט אין קיין עטיק אַלס באַזונדערן אורשפּרינגלעכן בוח, כדי צו פֿירן זײַן קאַמף.

דערפֿאַר האָט מאַרקס געזוכט אויסצומעקן יעדן שפּור פֿון עטישן ווילן אין זײַנע פּראָגראַמען. אַז מען האָט אין לאָנדאָן געשריבן די סטאַטוטן פֿון 1־טן אינ־ טערנאַציאָנאַל, האָבן פֿאַרשיידענע אַרבעטער־פֿירער פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אײַנ־ שליסן אין זיי באַגריפֿן פֿון רעכט, פֿליכט, אמת, מאָראַל און גערעכטיקייט. מאַרקס האָט געמוזט אַרײַננעמען אָט די באַגריפֿן אין די סטאַטוטן, אָבער ער האָט גע־ שריבן גלייכצײַטיק צו ענגעלסן, אַז ער האָט זיי „אַזוי פֿונאַנדערגעשטעלט, אַז זיי זאָלן נישט קענען אָנמאַכן קיין שאָדן". דער פּאַטאָס פֿון מאַרקסן איז באַשטאַנען אין קאַמף קעגן יעטווערן עטישן פּאַטאָס. ער האָט אומברחמנותדיק פֿאַרפֿאָלגט און אויסגעלאַכט אַלע אוטאָפּישע סאָציאַליסטן און זייערע לערעס (משה העס, ווײַטלינג, פּרודאָן). ער האָט געוואָלט, אַז דער מאָדערנער סאָציאַליזם זאָל אַרויס־ פֿליסן און אויסגעבויט ווערן נ אָ ר אַפֿן יסוד פֿון דעם עקאָנאָמישן סיסטעם פֿון קאַפּיטאַליזם. ער האָט מבטל געמאַכט אַלע יענע טויזנטיעריקע עטישע, רעלי־ גיעזע, קינסטלערישע זוכענישן און חלומות פֿון מענטשן־געשלעכט, וועלכע האָבן געקאָנט אַרײַנגיסן זיך און באַפֿרוכפּערן די גראַנדיעזע באַוועגונג פֿון די אַרבעט־ מענטשן.

אָבער וואָס איז געשען מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך צענדליקער יאָרן פֿון אַרבעט און דערגרייכונגען? זי איז אויסגעוואַקסן ווירטשאַפֿטלעך, פּאָ־ ליטיש, אָרגאַניזאַטאָריש ווי אַ גרויסמאַכט. אָבער צי האָט זי באַוואָרנט איר סאָציאַליסטישן כאַראַקטער? פּראָלעטאַריער האָבן זיך אויסגעלערנט פּאַרטייִדיקן זייערע קלאַסן־אינטערעסן. אָבער אויף וואָס איז געלייגט געוואָרן פּאַקטיש דער טראָפּ: אויף דעם באַגריף „קלאַס" אָדער אויף די „אינטערעסן"? מען האָט פּאַקטיש געפֿירט נאָר א י נ ט ע ר ע ס ן ־ ק אַ מ פּ ן פֿאַר די מאַטעריעלע, טאָג־ טעגלעכע אינטערעסן, גאָר זעלטן פֿאַרבינדנדיק זיי מיט די וועלט־היסטאָרישע אויפֿגאַבן פֿון סאָציאַליזם. טאַקע אין די עקאָנאָמישע קאַמפֿן האָבן גענומען אָנטייל מאַסן אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אָבער די פּשוטע מאַסנהאַפֿטיקייט פֿון דער באַוועגונג האָט נישט געהאָלפֿן, נאָר געשטערט דער אויסאַרבעטונג פֿון אַ באַ־ וווסטזיניקן, קלאָר קעמפֿנדיקן פּראָלעטאַריער. די עטישע צויבער־קראַפֿט פֿון דער סאָציאַליסטישער אידעע האָט זיך אַלץ מער אָפּגעטאָן פֿון דער באַוועגונג. די נשמה פֿון סאָציאַליסט איז כמעט ווי אויסגעלייזיקט געוואָרן.

אָט דעמאָלט האָט זיך געקענט אַרײַנרײַסן אין דײַטשלאַנד די מכה פֿון פ אַ ש י ז ם. יעדער סאָציאַליסט, יעדער ערלעכער מענטש אין דער וועלט בלוטיקט הײַנט־צו־טאָג, אין האַרצן צוזאַמען מיט דעם געבראָכענעם דײַטשן אַרבעטער־קלאַס.

די סאָלידאַריטעט מיט אים אין זיין גרויסער עת־צרה איז אַזוי טיף און אַזוי ברע־נענדיק, אַז מען האָט קוים דעם מוט צו פאַרנעמען זיך מיט אַנאַליזן פון זיין פּאָליטיק און טאַקטיק. אָבער די ביטערע צרה פון דייטשן אַרבעטמענטש איז היינט די צרה פון אַלע סאָציאַליסטן פון גאַר דער וועלט. דערפאַר מוז מען מיט דער גרעסטער ערלעכקייט — אין אינטערעס פון אונדזער געמיינזאַמער צוקונפט — זוכן און פאָרשן די סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט צו אַזא לאַגע. — און דעמאָלט מוז מען זאָגן, אַז די סיבות ליגן נישט נאָר דרויסן פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אין אים גופא. געוויס, אַ גאַנצע ריי אורזאַכן האָבן געשטאַרקט די פאַשיסטישע באַוועגונג: דער שלום־אָפּמאַך פון ווערסאַל, דער שאַרפער קריזיס אין דער ווירטשאַפט, די מאַוימדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, די פּאָליטישע בלינדקייט און אומפעיִקייט פון די „רעפּובליקאַנישע" פּאַרטייען אין דייטשלאַנד. אָבער דער פאַשיזם וואָלט קיינמאָל נישט געווען ביכולת אַריינצודרינגען אַזוי טיף אין דייטשן פאָלקס־אָרגאַניזם, ווען אָט דער אָרגאַניזם וואָלט נישט געווען צעפרעסן פון אַ קראַנקהייט, וועלכע האָט אים געמאַכט אומפעיִק צום ווידערשטאַנד. און די דאָזיקע קראַנקהייט שטעקט אויך אין דעם פּראָלעטאַריאַט.

מען וועט זאָגן: ביי די לעצטע קאַטאַסטראָפאַלע וואַלן פון 5־טן מערץ 1933 האָבן די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן אין אַלגעמיין נישט פאַרלאָרן זייערע פּאָזיציעס: האָבן זיי דאָך צוזאַמען ווידער באַקומען איבער צוועלף מיליאָן שטימען. דאָס באַדייט דאָך, אַז דעם פאַשיזם איז אַפילו איצט, בא דער פּאַניק פון טעראָר, נישט געלונגען אַריינצודרינגען אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט!... פונדעסטוועגן איז עס אַן אילוזיע צו פאַרלאָזן זיך אַף אַזעלכע חשבונות. דער באַטייט פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד פאַר די לעצטע יאָרן באַשטייט נישט אין דעם, וואָס זי האָט זיך נישט אַריינגעריסן אין דעם גדר פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס. דאָס וויכטיקסטע באַשטייט אין דעם, וואָס דעם סאָציאַליזם איז נישט געלונגען אין די זעלביקע יאָרן אַריינצודרינגען אין יענע גרויסע מיליאָניקע מאַסן, וועלכע זענען געוואָרן דער סאָציאַלער באַזיס פון פאַשיזם. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן נישט אַרויסגעשטראַלט פון זיך אַזא מין גייסטיקן כוח, וועלכער זאָל צוציען צו זיי די מאַסן פון די רויִנירטע, פאַרביטערטע, פאַריאושטע פויערים, האַנטווערקער, קליינהענדלער, אינטעלעקטועלע, יונגט. אָט די מאַסן האָבן זיך אין פּרינציפּ געקענט שטעלן אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם. פאַקטיש זענען זיי געוואָרן געפאַנגען פון דעם פאַשיזם און האָבן אים געפירט פון ניצחון צו ניצחון.

נישט נאָר האָט דער פּראָלעטאַריאַט נישט פאַרכאַפּט די שכנישע סאָציאַלע שיכטן פון דייטשן פאָלק, ער האָט אויך זיך אַליין נישט געקענט פאַרטיידיקן. ווי איז מעגלעך געווען, אַז דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך געלאָזט אַזוי שנעל און לייכט באַזיגן, ווי דאָס איז געשען אין די זעקס וואָכן פון 30־טן יאַנואַר ביזן 12־טן מערץ 1933? ווו איז אַהינגעקומען די פון אייניקע דורות אויסגעבויטע קאַמפסקראַפט פון די דייטשע געווערקשאַפטן און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס? ווי

האָבן זיך געלאָזן שמידן אין קייטן די ס.־ד.־פּרעסע, דער מעכטיקער אַפּאַראַט, די טויזנטער און טויזנטער פּאַרלאַמענטאַרישע און מלוכהשע טוער? ווי האָט נישט געשטעלט קיין שום אָרגאַניזירטן אָדער סטיכישן ווידערשטאַנד די קאָמוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט דאָך יאָרן־לאַנג גערופן און צוגעגרייט צו אַקטיווע קאַמפּן? דעם 10־טן מערץ האָט לייפּאַרט, דער פּאָרזיצער פון די דייטשע געווערקשאַפטן, געשיקט אַ טעלעגראַם צו הינדענבורגן. מען קען נישט לייענען אָן ווייטיק און בזיון די דאָזיקע תחנונים־טעלעגראַם פון דייטשע אַרבעטער:

„זייער השובער הער רייכספּרעזידענט! אונטער דעם צייכן פון דעם טרויער־טאָג, וועלכער האָט געזאָלט פאַראייניקן דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק אין דערינערונג אָן די געפאַלענע אין קריג, ווענדן מיר זיך ווידער צו אייך אַלס צו דעם דייטשן פירער, וואָס פאַרקניפּט אין זיין פּערזאָן די טראַדיציעס פון דעם אַלטן דייטשלאַנד און די ווירדע פון דעם נייעם.

„אין אונדזער פון פּאָליטישע סתירות צעריסענעם פאָטערלאַנד זייט איר, הער רייכספּרעזידענט, איבער די גרענעצן פון אַלע פּאַרטייען, דער רעפּרעזענטאַנט פון דער אייגהייט פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן דעם צוטרוי, אַז איר זייט אויך היינט דער היטער און דער באַשיצער פון פאָלקס־רעכט, וועלכע זענען פאַרוואָרצלט אין דער קאָנסטיטוציע. מיר זענען איבערצייגט, אַז איר זייט אויך היינט אַנטשלאָסן אַנטקעגנצושטעלן זיך יעדער פּאַרטיי־פּאָליטישער הפקרות. מיר ווענדן זיך צו אייך אין נאָמען פון אַ סך מיליאָנען אָרגאַניזירטע דייטשע אַרבעטער און זייערע פאַ־מיליעס, אַז איר זאָלט אָפּשטעלן די רעכטלעכע אומזיכערקייט, וועלכע באַדראָט אין אומצאָליקע דייטשע שטעט דאָס לעבן און דעם אייגנטום פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט".

יידישע קהילות, וועלכע שטייען אונטער דער סכנה פון פּאָגראָמען, וואָלטן נישט געשריבן זייערע תחנונים־בריוו אַנדערש, ווי אָט די טעלעגראַם. ווי האָט עס געקענט קומען צו אַזאַ ביטערער לאַגע?

איז עס נישט געקומען דערפון, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אין די פריערדיקע יאָרן זיך אַליין פאַרטרונקען אין דעם זומפּ פון מאַטעריעלע אינ־טערעסן־קאַמפּן? וואָס זי האָט נישט אויסגעברייטערט דעם גייסטיקן האָריזאָנט פון דעם פּראָלעטאַריער? נישט אָנגעצונדן זיין נשמה מיט אידעאַליזם, וועלכער מאַכט פעיִק צו קרבנות? מען האָט געלייגט אַלע כוחות אויפן קאַמף אָדער פאַר־מיידיקונג פון די מאַטעריעלע פּאָזיציעס, אויף אויסבויען די אַפּאַראַטן און די פינאַנסן פון דער אָרגאַניזאַציע, אויף באַשיצן די אַבסטראַקטע רעפּובליק און קאָנסטיטוציע. מען האָט אָבער נישט געגעבן דעם אַרבעטס־מענטש אַן עטישע וועלט־אָנשויונג, וועלכע זאָל באַגייסטערן זיין אָרעמען טאָג־טעגלעכן לעבן. — און אַז עס איז געקומען די פּראָפּאַגאַנדע פון פאַשיזם, האָט זי געפונען טאַקע אָט די צוויי גינסטיקע באַדינגונגען פאַר זיך. זי האָט געקענט פונקט אַזוי אַפּעלירן צו די מאַטעריעלע טאָג־אינטערעסן פון די פאַרביטערטע מאַסן ווי דאָס האָבן געטאָן שטענדיק די סאָציאַליסטן. מער נישט די פאַשיסטן האָבן אַריבער־

געשטיגן די סאָציאַליסטן מיט כּלערליי דעמאַגאָגישע צוזאָגן פון מאַטעריעלן וווילשטאַנד. די פאַשיסטן האָבן אָבער צוגלייך געליפערט פאַר דער נשמה פון דייטשן פאָלקס־מענטש אַן אייגנעם פייערדיקע וועלט־אַנשויונג. אפילו אין דער נשמה פון דעם דורכשניטלעכן סאָציאַליסט (שוין נישט צו ריידן פון דער נשמה פון אַנדערע פאָלקסמענטשן און דער יוגנט) האָט זיך געבילדעט עפּעס אַזוי ווי אַ פוסטער פּלאַץ. דער סאָציאַליסטישער ציל האָט נישט פאַרנומען דעם פּלאַץ, אָבער די מענטשן לעבן אין אַן אויפגערעגטער צייט נאָך אַ לעבנס־אידעאַל. איז געקומען די אַלטע אָפּגעשלאָגענע אידייע פון אַ מיליטאַריסטישער נאַציע און האָט פאַרנומען דעם ליידיקן אָרט אין דער נשמה פון די דייטשע מאַסן. עס איז אפילו געקומען דערצו, אַז די פאַשיסטן האָבן געקענט אָפּטאָן דעם ערגסטן חילול־השם און האָבן זיך אָנגערופן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן... אויב די אַרבעטער־באַוועגונג איז טאַקע געווען אַזוי שטאַרק פאַרמאַטעריאַליזירט און אַזוי שוואַך אידעיִש, איז נישט קיין וואונדער, וואָס זי האָט נישט געקענט אויסשפּרייטן איר איינפלוס איבער די מיליאָניקע נישט־פּראָלעטאַרישע מאַסן און וואָס זי האָט נישט געקענט אין דער עת־צרה באַשיצן זיך אַליין פון די קלעפּ. עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס דער נאַצי־סאָציאַליזם האָט געקענט ווערן אַזאַ קאָנקורענט צו דעם רעוו. סאָציאַליזם. אפשר דערקלערט זיך דערמיט דער טויט־שרעק, וועלכער איז באַפאַלן די דייטשע אַרבעטער־רייען, האָט געליימט זייערע הענט, האָט פּאַרורטיילט צו אָנמאַכט אויך די קאָמוניסטישע באַוועגונג.

דער סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד, אין אַלע זיינע ריכטונגען, לעבט איצט איבער דעם טיפסטן קריזיס. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אין די טיפעניש פון די אַרבעטער־מאַסן וועט זיך אָנהייבן אַ שאַרפע רעוויזיע פון אַלע ביז איצט אָנגענומענע אמתן. די פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן, די באָלשעוויסטישע קאָמוניסטן, די פרייהייטלעך־געזינטע דייטשע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן — זיי אַלע וועלן איצט דורכמאַכן אַ שווערן חשבון הנפש. אַז זיי וועלן שפּעטער אָראָפּוואַרפן זייער פאַשיסטישן יאָך, וועלן זיי נישט קענען פשוט אומקערן זיך צו די דאָגמעס און געוווינהייטן פון פאַרן 30־טן יאַנואַר. אַ לייטערונג פון די סאָציאַליסטישע אידעען, אַן אומגרופּירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע כּוחות וועט מוזן אַרויסוואַקסן אין דייטשלאַנד. דער וועלט־סאָציאַליזם וועט דערפון שטאַרק געווינען.

IV

# מאַרקס און די מאַכט

3. דעראָבערונג פון דער מלוכה־מ אַ כ ט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט — דאָס איז געווען דער דריטער פּונקט פון דער מאַרקסיסטישער לערע. אין דער מאַרקסיסטי־שער באַוועגונג איז דער באַגריף פון פרייהייט, סאָציאַליסטישער באַפרייונג פּאַק־טיש צוריקגעטראָטן לגבי דעם באַגריף פון ה ע ר ש אַ פ ט. מען קעמפט קעגן די „הערשנדיקע קלאַסן", מען וויל פאַרשאַפן דעם אַרבעטער־קלאַס די הערשאַפט אין דעם סאָציאַליסטישן ש ט אַ ט. דאָס שטרעבן צו מאַכט, אָן אַ גלייכצייטיקער טיפער איבעראַנדערשונג פון דעם אַרבעטער־לעבן, האָט נישט צוגעגעבן קיין אי־נערלעכע קראַפט דעם סאָציאַליסטישן שטרעבן.

דער דראַנג צו מאַכט און צו באַהערשונג פון מענטשן איז געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין מ אַ ר ק ס ן פּערזענלעך. ער האָט נישט באַזעסן קיין פּאָליטישע מאַכט, אָבער ער האָט שטענדיק געוואָלט אַרויסצווייזן זיין אידעישע קראַפט אויף מענטשן און גרופּירונגען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן. ער האָט געוווסט וואָס פאַר אַ ווערט עס ליגט אין זיין סאָציאַליסטישער אַרבעט און האָט פאַנאַטיש געזוכט דורכצופירן זיין ווילן. ער האָט געקענט פאַרבויגן די פאָדערונגען פון זיין טעאָריע דעמאָלט, בעת ער האָט געזען פאַר זיך אַ לעבעדיקע רעוואָלוציאָנערע דערהויבונג. אָבער ער האָט ניט־ט נאָכגעגעבן אין קיין איין פּונקט פון זיין טעאָריע ביי דער סאָציאַליסטישער אַרבעט בכלל. דערמיט זענען אפשר צו דער־קלערן זיינע פיינטלעכע באַציִונגען צו די אַלע גרויסע סאָציאַליסטן און קעמפער, וועלכע זענען געגאַנגען זייערע אייגענע וועגן. משה ה ע ס איז געווען יענער אוטאָפּישער סאָציאַליסט, וועלכער האָט ענגעלסן אַריינגעפירט אין דער אַרבע־טער־באַוועגונג, וועלכער איז כל ימיו געבליבן טריי דער סאָציאַליסטישער זאַך. אין יאָר 1850 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ „רויטן קאַטעכיזם פאַרן דייטשן פאָלק", אין וועלכן ער האָט געוואָרנט קעגן אַ ריין־פּאָליטישער רעוואָלוציע און האָט גע־רופן צו אַ „רויטער רעפּובליק". עס זענען אָבער נישט געווען קיין בייסנדיקע און פאַרניכטנדיקע ווערטער, מיט וועלכע מאַרקס זאָל נישט האָבן געשלאָגן העסן זיין גאַנצן לעבן לאַנג. אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָבן מאַרקס און ענגעלס באַ־צייכנט דעם סאָציאַליזם פון העסן און זיינע פריינד אַלס „כלי־זיין אין די הענט פון די רעאַקציאָנערע רעגירונגען". — פון דעם פראַנצויזישן געניאַלן סאָציאַליסט פּ ר ו ד אָ ן האָט מאַרקס געלערנט נישט ווייניק, אָבער ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק — אין דער אידעאָלאָגישער פּאָלעמיק קעגן אים — צו מאַכן אים לעכער־לעך און נישטיק אין די אויגן פון פּראָלעטאַריאַט. — ל אַ ס אַ ל האָט זיך באַצויגן צו מאַרקסן נישט נאָר מיט דעם טיפסטן יראת־הכבוד, נאָר מיט עכטער חברישער וואַרעמקייט. אין אַ בריוו צו מאַרקסן (1852) האָט ער געשריבן: „איך האָב גע־הערט פון די טרויעריקע קלעפּ, וועלכע האָבן דיך ווידער געטראָפן. דער שיקזאַל

פון נאָר ווייניקע מענטשן איז מיר אַזוי נאָענט צום האַרצן ווי דיין שיקזאַל. פילנדיק אַן אומענדלעכע סימפּאַטיע צו יעדער גרויסער קראַפט, זע איך שוין לאַנג צו מיט צער און טרויער ווי דיינע כוחות ווערן געבראָכן דורך דעם אומאויפהערלעכן קאַמף מיט דער נויט. אָט טאַקע אין קאַמף מיט די „קליינִיקייטן" פאַרוועלקט מיינסטנס דער גאון, אַ סך מער איידער אונטער די גרויסע טראַגישע קלעפּ, וועלכע רופן אַרויס צום לעבן די גאַנצע קראַפט, וואָס דרעמלט אין דער נשמה". „איך קען איין מענטשן נישט — שרייבט לאַסאַל צו ענגעלסן אין יאָר 1859 — לגבי וועלכן איך וואָלט וועלן מיט אַזאַ גרייטשאַפט אָפּטרעטן אָן אַ זייט, ווי לגבי מאַרקסן".

אָבער לאַסאַל איז געווען אַ מענטש פאַר זיך און האָט געקענט גיין זיינע אייגענע וועגן, האָט מאַרקס אויסגעלאַכט און גערודפט אָט דעם שעפער פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג אויף וויפל ער האָט נאָר געקענט. נאָך אַ לענגערן באַזוך פון לאַסאַלן ביי אים האָט מאַרקס געשריבן צו ענגעלסן: „אָט דער סו־ביעקט האָט ביי מיר אָפּגענומען אַ סך צייט. ער האַלט דאָך אָבער, אַז איך האָב נישט וואָס „צו טאָן", ווייל איך פאַרנעם זיך נאָר מיט טעאָרעטישער אַרבעט. מיינט ער טאַקע, אַז איך קען רויִקערהייט ממיתן מיין צייט צוליב אים". ערשט נאָך לאַסאַלס טויט האָבן זיי זיך ביידע געכאַפּט, ווער ער איז געווען. „פּאָליטיש איז לאַסאַל צווייפללאָז געווען איינער פון די וויכטיקסטע מענטשן אין דייטש־לאַנד" — האָט דערקלערט ענגעלס. און מאַרקס האָט זיך מודה געווען: „דאָס אומגליק מיט לאַסאַלן גייט נישט אַרויס ביי מיר פון קאָפּ. ער איז דאָך געווען איינער פון דער אַלטער גוואַרדיע, דער שונא פון אונדזערע שונאים... עס טוט מיר לייד, וואָס אונדזערע באַציִונגען זענען אין די לעצטע יאָרן קאַליע געוואָרן, אמת, צוליב זיין שולד". — די גרעסטע שנאה האָט פאַרבונדן מאַרקסן מיט באַ־קונינען. באַקונין איז געווען דער יעניקער סאָציאַליסט, וועלכער האָט צום שאַרפסטן דערשפּירט דעם ווערט פון פרייהייט אין דער נייער וועלט. מיט אַ נביאות־קראַפט האָט ער — שוין ביי דער וויגעלע פון דער דייטשער באַוועגונג — פאָרויסגעזאָגט די פאַטאַלע אַנטוויקלונג פון דער דייטשער מלוכה־טרייער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. האָט ער אין דעם 1־טן אינטערנאַציאָנאַל אָנגענומען אַ פעסטע פּאָזיציע פון קעגנערשאַפט צו יעדן מאַכט־פּרינציפּ. מאַרקס איז געוואָרן זיין ביטערסטער קעגנער. מיט אַלע וועגן און מיטלען האָט ער נישט נאָר באַקעמפט די אידעאָלאָגיע פון באַקונינען, נאָר האָט געזוכט און דערגרייכט מאַנכמאָל צו פאַרניכטן אים מאָראַליש אַלס מענטש און רעוואָלוציאָנער. אין אָט דעם קאַמף האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר דער צעשטערונג פון דעם אינטערנאַ־ציאָנאַל. כדי „אָפּצורייניקן" דעם אינטערנאַציאָנאַל פון די „באַקוניסטן" האָט מאַרקס געסטאַרעט זיך אַריבערטראָגן אים קיין אַמעריקע, וווּ ער איז אויך אונטער־געגאַנגען.

אין יעדע נייער אידעאָלאָגישער באַוועגונג שפּילט אַ גרויסע ראָלע נישט נאָר דער געדאַנקען־סיסטעם, נאָר אויך די פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק יי ט פון דעם שע־

פּער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער באַוועגונג. אויך מאַרקס, אַלס מענטש, האָט אַרויפגעדריקט זיין שטאַרקן שטעמפּל אויף דער סאָציאַליסטישער זאַך. מאַרקס איז געווען דער גרויסער מיתנגדישער גאון, אין זיין גאַנצן אויסערלעכן אויסזען, אין זיין שטרענגן אַרט לעבן, אין דער קנאות, מיט וועלכער ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון זיין תורה. אָט דער מאַכט־מענטש פון דער אידעע האָט דערצויגן זיינע אָנהענגער אין דעם גייסט פון פאַרהערלעכן דעם פּרינציפּ פון מאַכט, שטרעבן צו הערשאַפט! — אַ פּראָגראַם פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קלאַס. אויסקעמפן און האַלטן די מאַכט — אַ פּראָגראַם אויך פאַר יעדן סאָציאַליסט. עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס מאַרקס תלמידים, — אַ פּלעכאַנאָוו, אַ לענין, אַ טראָצקי, אַ סטאַלין, — האָבן שפּעטער אַזוי פאַרהערלעכט דעם מאַכט־פּרינציפּ און האָבן נישט געוווּסט פון קיין שום מאָראַלישע מניעות ביי דער פאַרפאָלגונג פון זייערע צילן. זייערע מאַכט־אינסטינקטן האָבן באַקומען אַ הייליקונג סיי פון דער לערע סיי פון דעם לעבן פון מאַרקסן.

לויט דעם באַהערשונג־פּרינציפּ זענען אויסגעוואַקסן די אַזוי גלענצנדיק אָר־גאַניזירטע אַרבעטער־פּאַרטייען, געווערקשאַפטן, אַפּאַראַטן. פון דעם פּרינציפּ פון באַהערשן און באַהערשט זיין איז אויסגעוואַקסן יענער קולט פון פירער, וועלכער האָט אַלץ מער און מער אָוועקגערויבט פון די מאַסן זייער אייגענעם טראַכטן, פילן, האַנדלען. און אַז סאָציאַליסטן האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן דערהויבן צו דער מעגלעכקייט צו פאַרנעמען מאַכט־פּאָזיציעס אין דער מלוכה, האָבן זיי נישט געוווּסט וואָס אָנצוהויבן צו טאָן מיט דער מאַכט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון אַלע לענדער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן די פּאָליטישע פּאָזיציעס, נישט פאַר־פעסטיקנדיק זיך, נישט שטרעבנדיק אַפילו צו די פירנדיקע פּאָזיציעס, וועלכע ליגן אויף דעם געביט פון עקאָנאָמיק און סאָציאַלן כוח. ממילא איז זייער פּאָליטישע מאַכט געבליבן אילוזיאָנער. נאָך מער: זיי זענען אַריינגעוואַקסן פּשוט אין דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט, אין זייןווירטשאַפט, פּאָליטיק און פּאַטריאָטיזם.

— די קאָמוניסטן האָבן טאַקע פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון די סאָציאַלע מאַכט־פּאָזיציעס, זיי האָבן זיך אין ראַטן־רוסלאַנד פאַרפעסטיקט אויף די ביידע געביטן — פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיק. אָבער זיי האָבן די מאַכט פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטרומענט צו געוועלטיקן אָן גרענעצן איבער די פּראָלעטאַרישע מאַסן גופא. די אַרבעטער און פּויערים זענען אין רוסלאַנד ווידער מגולגל געוואָרן צו יענע אינדוסטריע־סאָלדאַטן, וועגן וועלכע עס האָט מיט אַזאַ פלאַמענדיקן פּראָטעסט גע־רעדט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט". — „ווי פּשוטע אינדוסטריע־סאָלדאַטן ווערן זיי אָוועקגעשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון אַן עכטער הערשאַפט פון אָפיצערן און אונטעראָפיצערן". מאַרקס האָט נאָך פּראָקלאַמירט, אַז די באַפרייונג פון אַר־בעטער־קלאַס וועט זיין די זאַך פון אַרבעטער גופא. אָבער דער באָלשעוויזם האָט דעם אַרבעטער־קלאַס ראשית־כל אונטערואָרפן צו דעם „פּראָלעטאַרישן שטאַט", דער־נאָך דעם שטאַט — צו דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, און לסוף די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי — צו אַ קאַסטע פון קאָמוניסטישע פירער. איז ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן

די מאַכט געווען אילוזיאָנער, איז זי ביי די קאָמוניסטן געוואָרן צעזאַריסטיש און אַנטי־פּראָלעטאַריש. איבערמאַכט, וועלכע ווערט נישט שאַרף קאָנטראָלירט פון דער פרייהייט, איז אוממעגלעך פאַר דער וועלט.

די דערהאַלטונג פון דער מאַכט איז אין די קאָמוניסטישע רייען געוואָרן ווי אַ זעלבסטצוועק. מען האָט צוליב איר מקריב געווען די בלוטיקסטע אינטערעסן פון סאָציאַליזם. חדשים־לאַנג האָט מען אין דייטשלאַנד געשפּירט מיט אַלע חושים ווי עס דערנעענטערט זיך די ממשלה פון פאַשיזם. אויב ס'איז געווען אַ מיטל אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן פינצטערן מאַרש, האָט עס געקאָנט זיין נאָר אַ פאַראייניקטער פראָנט פון די דייטשע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. וואָלט די דייטשע קאָמפּאַרטיי (ד"ה דער מאָסקווער צענטער) עס געוואָלט, וואָלט אַזאַ איינהייט־פראָנט, פּנים־אל־פּנים מיט דעם קלאַסן־פיינט, געקענט געשאַפן ווערן אָן שוועריקייטן. אָבער אין דער קאָמ. באַוועגונג הערשט דער מאַכט־פּרינציפּ: זי קען נישט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז נישט זי אַליין „פירט אָן" מיט די פּראָלעטאַרישע קאַמפן. האָט מען געמאַכט צו נישט דאָס אינסטינקטיווע שטרעבן צו איינהייט אין דער סכנה־צייט ביי דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט... ערשט איצט, נאָך דער קאַטאַסטראָפע, בעת די ביידע באַוועגונגען זענען צעבראָכן, איז דער קאָמ. אינטערנאַציאָנאַל אַרויסגעטראָטן מיט דעם פאָרשלאַג: צו שאַפן אַן איינהייט־פראָנט מיט די ס.־ד.־פּאַרטייען „צום קאַמף קעגן פאַשיזם"... די פּאַרטייִש־מלוכהשע אינטערעסן האָבן געפּענטעט די הענט פון קאָמוניסטן צו באַקעמפן דעם אָנקומענדיקן פאַשיזם; די אייגענע מאַכט־אינטערעסן אין רוסלאַנד טרייבן זיי אויך איצט צו מעשים, וועלכע פאַרשטאַרקן דעם פאַשיזם אין דער וועלט. ווי זאָל מען אַנדערש אָנרופן די פּלוצימדיקע דערשיסונג, אָן שום געריכט־אורטייל, דורך דער „טשעקאַ" אין מאָסקווע פון פ י נ ף ־ א ו ן ־ ד ר י י ס י ק מענטשן סאָוועט־באַאַמטע? דעם 10־טן מערץ, בעת די פאַשיסטישע חיה האָט געבושעוועט אין דייטשלאַנד און האָט געטראָטן אויף מענטשן־לייבער און נשמות, האָט מאָסקווע געפונען פאַר נייטיק צו געבן אַ מוסטער פון אַ שטאַרקער מלוכהשער האַנט. קיין שום שונא פון אַרבעטער־קלאַס וואָלט נישט צוגעקלערט קיין בעסערע „מאָראַלישע" אונטערשטיצונג פון דעם דייטשן פאַשיזם. — מאָסקווע טוט נאָך ערגערס: זי ש ו ו י י ג ט צו די אַלע גרוילטאַטן פון דייטשן פאַשיזם, זי האָט נישט אַרויסגעזאָגט קיין איין אָפיציעלן פּראָטעסט־וואָרט קעגן די הענקער. צוליב מאַכט־פּאָליטישע אינטערעסן שווייגט אַ „ראַטן־רעגירונג", בעת אין די געפענגענישן פון דייטשלאַנד ווערן געפייניקט קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געקעמפט יאָרנלאַנג אונטערן שוץ פון זייער איינציקן „פאָטערלאַנד — ראַטן־רוסלאַנד". באמת, עס זענען נישטאָ היינט־צו־טאָג קיין מער שוצלאָזע מענטשן אין דער וועלט, ווי די דייטשע רעוו. קעמפער: זיי זענען פאַרלאָזן סיי פון זייערע מאַסן סיי פון דעם לאַנד, מיט וועלכן זיי האָבן פאַרבונדן זייער קאַמף.

ז

# צ י ו י ל י ז א צ י ע

4. דער סאָציאַליזם נעמט אַריבער די דערגרייכונגען פון דער טעכניק און צ י ו י ל י ז א צ י ע, וועלכע זענען געשאַפן דורך דעם קאַפּיטאַליזם — אַזוי האָט געהייסן דער פּערטער פּונקט פון דער אָפיציעלער לערע. אייגנטלעך איז אָט דער פּונקט געווען אַ לאָגישער פּועל־יוצא פון דעם סאַמע ערשטן. אויב די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט מיט נויטווענדיקייט אַרויסוואַקסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער, דעמאָלט מוז דער סאָציאַליזם פאַקטיש אַריבערנעמען צו זיך דעם גאַנצן סיסטעם, די מעכאַניק און די טעכניק פון קאַפּיטאַליזם. מער נישט עס וועט זיך ענדערן דער סאָציאַלער טרעגער, דער הויפּט־קלאַס, וואָס פירט די געזעלשאַפט ווייטער.

דאָס האָט אָבער באַטייט, אַז דער פּראָלעטאַריער האָט גענומען קוקן אויף דעם גאַנצן געבוי פון קאַפּיטאַליזם ווי אויף אַ מ ו ס ט ע ר פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע ער דאַרף אַמאָל ירשנען. ער האָט גענומען אַכטן און באַוואונדערן די מאַטעריעלע און טעכנישע אוצרות, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעזאַמלט. (1) ער האָט געוואָלט וואָס מער און בעסער באַנוצן פאַר זיך, פאַר זיין וווילשטאַנד און פאַרגעניגן, אָט די אַלע אוצרות און אומאויפהערלעכע דערפינדונגען. ער האָט נאָכגעמאַכט אויף אַ ביליקן אופן — די מאָדעס, די מינהגים, די פאַרוויילונגען פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. דער מאַרקסיזם האָט אין תוך דעם אַרבעטמענטשן נישט אוועקגעשטעלט ק ע ג ן דער שימערירנדיקער ציוויליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם, נאָר פאַרקערט — מיט אינטימע פעדים צונויפגעבונדן אים מיט איר. די באַדערפעניש פון אַרבעטער, וועלכע האָבן געזאָלט פירן צום רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף, זענען געווען און געבליבן קאַפּיטאַליסטישע באַדערפענישן.

מיר ווילן לחלוטין נישט זאָגן, אַז דער פאַרשקלאַפטער אַרבעטער האָט נישט געדאַרפט פירן זיין קאַמף פאַר ווירטשאַפטלעך־מאַטעריעלער דערהויבונג און אויסגלייכונג. עס איז גענוג דורכצוגיין היינט־צו־טאָג צענדליקער גאַסן פון לאָנדאָן און זען אין וואָס פאַר אַ מענטשן־אומווירדיקע באַדינגונגען עס לעבן הונדערטער טויזנטער מענטשן, כדי צו פאַרשטיין ווי הייליק עס איז דער קאַמף קעגן דער מאַטעריעלער נויט. די דאָזיקע אַרבעטער, אַרבעטסלאָזע און קינדער לעבן היינט־צו־טאָג אין שטיבער, אין לעכער, ווי אפשר אין די צייטן פון מאַרקס זיין אין לאָנדאָן. און ס'איז גוט, וואָס די ענגלישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין משך פון די צענדליקער יאָרן אויסגעקעמפט פאַר גרויסע טיילן פון פּראָלעטאַריער אַ

---

1) מאַרקס אַליין האָט זייער הויך געשאַצט די דערגרייכונגען פון דער בירגערלעכער ציוויליזאַציע, סיי פאַר דער נייער געזעלשאַפט סיי פאַר דעם מענטשן באַזונדער. ער איז געווען פאַרכאַפּט און באַגייסטערט פון דעם אימפּעט און פאַרנעם פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם.

בעסערן מענטשלעכן לעבן. אָבער אָט דאָ שטעקט דאָס שווערע פּראָבלעם: ווי זאָל מען מאַכן, אַז די מאַטעריעלע דערפאָלגן פון היינט זאָלן נישט אָפּטויטן דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם פון מאָרגן? דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט איז טאַקע אַריינגעטראָטן אַלס מאָסגעבנדיקער פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפט און מלוכה, זיינע פאַרטרעטער האָבן שוין אָנגעפירט אַפילו מיט דער אימפּעריע. אָבער — צי זענען זיי אַלע נישט געוואָרן געפאַנגענע פון קאַפּיטאַליזם? אין גרויסן פּונקט ווי אין קליינעם. קוקט זיך צו צו די פאַרווייליגען פון ענגלישן אַרבעטער, צו זיין פאַרכאַפּטקייט מיט ספּאָרט (וועלכער שפּילט דאָ די פאַרטעמפּנדיקע ראָלע פון דער אַמאָליקער רוסישער „וואָדקאַ"), צו דער פּוסטער פּרעסע, וועלכע ער לייענט טאָג־איין טאָג־אויס. ער ווערט דורך די אַלע אינסטרומענטן פון דער ציוויליזאַציע צוגעשמידט צו איר, אָפּגעטריבן פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, אָפּגעווינט פון ערנסטער קאָנצענטראַציע אויף לעבנס־פראַגן. דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט איז אַ ריז, אָבער דער ריז איז צוגעבונדן צום וואָגן פון קאַפּיטאַליזם, אַזוי לאַנג ווי ער קען זיך נישט אינערלעך באַפרייען פון זיין כישוף. כדי אַראָפּצוּוואַרפן אַזאַ מעכטיקן בנין ווי דער היינטיקער סאָציאַלער סדר איז, מוז מען נישט נאָר אין דעם פּראָגראַם, נאָר אויך זעליש און גייסטיק זיין אָפּגעשיידט פון אים. אַז נישט, זאָגט די בורזשואַזיע צום אַרבעטער־קלאַס ביי יעדן סאָציאַלן טרייסל פון דער אָרדענונג: איר ווילט דאָך נישט פאַרלירן דעם שוין אויסגעקעמפטן לעבנס־סטאַנדאַרט; לאָמיר אים אַלזאָ צוזאַמען באַשיצן!... נישט נאָר די באַשעפטיקטע אַרבעטער שטעלן זיך דעמאָלט אויף דער זייט פון דער בורזשואַזיע; אויך די אַרבעטסלאָזע פּראָלעטאַריער זענען גרייט דערצו, ווייל זיי ווילן האָבן צוריק דעם ווילשטאַנד פון זייערע באַשעפטיקטע אַרבעטס־ברידער.

מיר האָבן געזען, ווי עס האָבן זיך אויסגעווירקט אין פאַרשיידענע לענדער די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם. אין דייטשלאַנד האָט דער אינטערעסן־פּרינציפּ געבראַכט צו אַ קאַטאַסטראָפע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין ראַטן־רוסלאַנד האָט דער פּרינציפּ פון נאַקעטער מאַכט דערפירט צו אַ נייער פאַרשקלאַפונג פון אַרבעטס־מענטשן. די יאָגעניש נאָך די לעבנס־אופנים פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע האָט דעם ענגלישן אַרבעטער, אפשר מער ווי אומעטום, געמאַכט אומפעיִק דערווייל צו פירן זיין היסטאָרישן קאַמף. דאָס מוסטער־לאַנד פון מאַרקס אַנאַליז איז געבליבן דערווייל דער שוואַכסטער גליד אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג. צי איז דער מאַרקסיזם אימשטאַנד אַרויסצופירן די היינטיקע געפייניקטע מענטשהייט פון איר פאַרצווייפלטן קלעם?

## VI

# מאַרקס און דאָס יידישע פאָלק

וואָס האָט צו זאָגן מאַרקס באַזונדערס צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, די געפּייניקטסטע פון די געפּייניקטע? האָט ער, דער ענציקלאָפּעדיסט אויף אַלע געביטן פון סאָציאַלן לעבן — אַמאָל אַ טראַכט געגעבן ספּעציעל וועגן דעם היסטאָרישן שיקזאַל פון יידישן פאָלק? און האָט דער יידישער אַרבעט־מענטש אין דער היינ־זיכט אַ באַזונדערע צוגעבונדנקייט צו מאַרקסן?

עס איז באַקאַנט מיט וואָס פאַר אַ טיפער פאַראַכטונג מאַרקס האָט זיך באַצויגן דווקא צום יידנטום. עס איז געווען אַזוי ווי ער וואָלט וועלן דורך די שאַרפע אַטאַקעס אויף יידן אויסמעקן די זינד פון זיין יידישער אָפּשטאַמונג. נאָך אַלס יונגער מענטש האָט ער אָנגעשריבן דעם באַרימטן אַרטיקל וועגן דער „יידן־פראַגע", אין וועלכן ער האָט געגעבן אַ געפעלשט בילד פון דעם יידנטום. „וואָס איז דער וועלטלעכער קולט פון דעם ייד? דער שאַכער. וואָס איז ביי אים דער וועלטלעכער גאָט? דאָס געלט". — אַזוי האָט ער געשריבן אין יאָר 1843, האָבנ־דיק פאַר די אויגן נאָר איין טייל פון די מערב־אייראָפּעיִשע גבירים און באַנקירן. און היינט איז שוין וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט, אַז אַפילו אין יענעם יאָר זענען אין דייטשלאַנד די יידן־האָרעפּאַשניקעס געווען מער ווי אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג.(1) אין יאָר 1855 האָט מאַרקס אָנגעשריבן פאַר דער אַמעריקאַנער צייטונג „ניו־יאָרק־טריבון" אַ לייט־אַרטיקל וועגן דער הלוואה, וואָס דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי האָט געמאַכט אין אייראָפּע. ער שטעמפּלט דערביי די ראָלע פון די יידישע באַנקירן און רעדט בזה הלשון: „יעדער טיראַן שטיצט זיך אויף אַ יידן, ווי יעדער פּויפּסט אויף אַ יעזויִט. באמת, די שטרעבונגען פון די באַדריקער וואָלטן נישט געהאַט קיין שום האָפענונג און דאָס פירן מילחמות וואָלט געווען אוממעגלעך, אויב עס וואָלט נישט געווען קיין אַרמיי פון יעזויִטן צו דערשטיקן דעם געדאַנק און אַ הייפל יידן אויף אויסצורויבן די קעשענעס... נעמט, למשל, אַמסטערדאַם, אַ שטאָט וואָס ציילט אַ היפּש ביסל פון די ערגסטע אָפּשטאַמלינגען פון יענע יידן, וועלכע פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבן אַרויס־געטריבן פון שפּאַניע. זיי באַשעפטיקן זיך מיט אויסגעפינען געלט, וואָס מען קען אינוועסטירן. דער בעסטער רויבער אין די אַברוצצים איז נישט אַזאַ בריה צו געפינען די האַרטע מזומנים אין די קעשענעס פון דעם רייזנדן, ווי אָט די יידן, וואָס זוכן פרייען קאַפּיטאַל ביי די סוחרים... אָט די קליינע יידישע אַגענטן

---

1) וואָלט מען אָנגעווענדט די מעטאָדע פון מאַרקסן אויף אים גופא, וואָלט מען איראָניש געקענט זאָגן: ער האָט געגעבן דעם געשיכטלעכן פּראָצעס אַ „יידישע" אויסטייטשונג. דער וועלט־לעכער גאָט ביי יידן איז געלט, פּראָפיט, מאַטעריע? און מאַרקס האָט אָט די פּרינציפּן אַוועקגע־לייגט אין יסוד פון דער גאַנצער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. דערמיט האָט ער די גאַנצע מענטשהייט אין דעם פּראָלעטאַריאַט גופא גאָר „פאַריידישט"...

ווערן אויסגעהאַלטן פון די גרויסע יידישע הייזער. די באַנקירן האָלענדער און לערען געהערן צו דער פּאָרטוגעזישער סעקטע פון די יידן און ווייזן אַרויס אַ גרויסע בלומרשטע טריישאַפט צו דער רעליגיע פון זייער ראַסע. אַרום דער ביוראָ פון לערענען קלייבן זיך אַרום אַלע טאָג מחנות פון אַט־דער יידישער יוגנט איניינעם מיט צאַלרייכע יידישע טעאַלאָגן. אַרום זיינע טירן זענען צונויפגעזאַמלט אַלערליי סאָרטן און אַרטן פון אַרמענישע, ירושלימער, פּוילישע קבצנים. די שפּראַך, וואָס זיי ריידן, האָט דעם שטאַרקן ריח פון בבל, און די פּערפום, וואָס הערשט בכלל אויף דעם פּלאַץ, איז בשום אופן נישט פון דעם בעסטן סאָרט... אָט אַזוי ווערן באַזאָרגט די הלוואות, וואָס זיי זענען אַ קללה פאַרן פאָלק, אַ חורבן פאַר די קיפּערס און אַ סכנה פאַר די רעגירונגען, וואָס זענען אָבער אַ מזל ברכה פאַר די הייזער פון די בני־יהודה" (1).

מיר האָבן אונטערגעשטראָכן די לעצטע ווערטער, כדי צו באַווייזן די מדרגה פון פאַראַכטונג צו וועלכער מאַרקס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ לייט־אַרטיקל. געוויס איז נייטיק געווען צו שטעמפּלען די ראָלע פון יידישע באַנקירן אין דער אונטערשטיצונג פון רוסישן צאַריזם. אָבער מאַרקס האָט זיי געשטעמפּלט נישט נאָר סאָציאַל, און ער האָט נישט געשאָנעוועט אויך די „קליינע יידישע אַגענטן" און די „פּוילישע קבצנים", נאָר ווייל זיי געהערן צו דעם יידישן פאָלק. ער האָט נישט אָפּגעשטעלט זיך צו אַנטפּלעקן זיין שנאה צו יידן אויך בנוגע זיינע יידישע קעגנער, וועלכע האָבן געהערט צום לאַגער פון סאָציאַליזם. אין זיינע בריוו צו ענגעלסן דערמאָנט ער אָפּט די נעמען פון משה העס אָדער לאַסאַל, אָבער יעדעס מאָל מיט די ביינעמען: „דער ייד העס" אָדער דער „ייד לאַסאַל" אָדער דער „יידישער נעגער לאַסאַל". עס דערגייט דערצו, אַז מאַרקס שרייבט: „איצט איז מיר גאַנץ קלאָר געוואָרן, אַז, לויט זיין קאָפּ־געבוי און זיין האָר־וווקס שטאַמט לאַסאַל אָפּ פון די נעגערס, וועלכע האָבן זיך געהאַט אַמאָל אָנגעשלאָסן אָן דעם מאַרש פון משהן פון מיצרים" (2).

עס איז נישט לייכט צו געפינען אַ דערקלערונג צו דעם דאָזיקן יידן־האַס פון מאַרקסן. עס איז שווער צו דערקלערן אים מיט די פּאַסירונגען פון זיין אייגענער ביאָגראַפיע. עס איז איצט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האָט נישט געקענט ווידמען קיין ברעקל אינטערעס צו דער סאָציאָלאָגישער דערשיינונג פון יידישן פאָלק. — אָבער עס וואָלט געווען אַ גוואַלדיקער פעלער ווען יידישע אַר־בעטער־מאַסן וואָלטן זיך אָפּגעשאָקלט פון מאַרקסן און זיין לערע נאָר צוליב אַ „פּאַרדרוס"", צוליב אָט דער באַציִונג זיינער צו זיי. זייער באַציִונג צו אים מוז זיך באַזירן אויך אויף דער אָפּשאַצונג פון דעם מאַרקסיזם בכלל. מיר האָבן געזען: די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ביז איצט נישט געבראַכט

---

1) אָפּגעדרוקט אין דער זאַמלונג פון מאַרקס אַרטיקלען אין אַמעריקע, אין דעם בוך "The Eastern Question", דערשינען אין לאָנדאָן 1897. די איבערזעצונג פון דעם אַרטיקל איז געמאַכט געוואָרן פון ח. זשיטלאָווסקי אין „טאָג" פון 4־טן יאַנואַר 1932.

2) ס'איז דערביי כאַראַקטעריסטיש, אַז מאַרקס אַליין איז געווען אַזוי שוואַרץ, אַז סיי די פאַמיליע, סיי ענגעלס האָבן אים צערטלעך גערופן „דער מאָר".

די מענטשהייט נענטער צו איר דערלייזונג. און די דאָזיקע באַוועגונג וועט נישט ברענגען קיין דערלייזונג אויך פאַר די געפּייניקטע „בני יהודה״. כּל־זמן דער סאָציאַליזם וועט זיין געבויט אויף יענע יסודות — פון נאַקעטן אינטערעס, פון הוילער מאַכט, פון בירגערלעכער ציוויליזאַציע — וועט ער נישט איבערבויען די וועלט, וועט ער אַלזאָ נישט שאַפן קיין אָפּרו און קיין פרייהייט אויך פאַר די יידישע מאַסן. אפשר קען מען עס פאָרמולירן אַזוי: דער יידישער האָרעפּאַשניק, דער וואַנדערער פון טויזנט יאָרן, דער שעיר לעזאזל פאַר אַלע דעספּאָטן, איז נישט פאַראינטערעסירט אין דעם מאַרקסיזם, אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעבילדעט ביז איצט.

פאַר אונדזערע אויגן ווערט איצט רויִנירט און צעטראָטן אַ גרויסער שבט פון יידישן פאָלק — דער דייטשער שבט. ווי טיף מוז זיין דער ווייטיק פון דייטשן פאָטערלאַנד־טרייען יידן, בעת ער זעט — קוים הונדערט יאָר נאָך דער עמאַנציפּאַציע — דעם צוזאַמענבראָך פון זיין גאַנצן לעבן! ער ווערט פאַרטריבן פון זיינע פּאָזיציעס נישט נאָר מיט ברוטאַליטעט, נאָר אויך מיט דער פולער מאָס פון בלוטיקן חוזק. עס וועט בלייבן אומפאַרגעסלעך דאָס בילד פון דעם מינכענער יידן, וועלכן מען האָט — אין מערץ 1933 — געצוווּנגען צו גיין איבער די גאַסן פון שטאָט נאַקעט און באָרוועס, מיט אַ שאַנד־טאָוול איבערן ברוסט. דאָס שרעקלעכסטע איז געווען, וואָס ס'איז געווען טאָג, וואָס די זון האָט געשיינט פון אויבן און וואָס קיינער פון די פאַרבייגייענדיקע מענטשן האָט זיך נישט איינגעשטעלט פאַר דעם מאַרטירערישן יידן. — אין די קריטישע יאָרן, וואָס דער פאַשיזם האָט געפירט זיין אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיך די דייטשע סאָציאַליסטישע פאַרטייען נישט אָפּגעגעבן באמת מיט דער באַקעמפונג פון אַנטיסעמיטיזם. צוליב פאַרשיידענע טעמים האָבן זיך די סאָצ.־דעמאָקראַטן און די קאָמוניסטן אָפּגעטרייסלט פון דער אויפגאַבע. די יידישע מאַסן אין דייטשלאַנד זענען ממילא נישט פאַראינטערעסירט אין אַזאַ אַרט סאָציאַליזם. די יידישע מאַסן פון דער גאָרער וועלט מוזן דערוואַרטן זייער הילף טאַקע נאָר פון אַ מעכטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער גאָר פון אַן אַנדערער איידער די איצטיקע. אַזאַ נייע באַוועגונג איז צייט איצט אויפצובויען.

VII

# סאָציאַליסטישער אָרדן

מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן אונדזער צייט. עס שיינט, אַז עס האָט זיך פאַרענדיקט אַ געוויסע תקופה פון די נאָך־מלחמה־יאָרן. מיר זענען אַריין אין אַ נייער עפּאָכע. עס איז אַ צייט פון פינצטערניש און דרוק. די אַזוי גערופענע קולטור־לענדער גיבן זיך איבער אַלץ מער צו דיקטאַטאָרן. די דיקטאַטאָרן

האָבן נישט קיין שום געדאַנק, קיין שום קאָנסטרוקטיוון פּראָגראַם, אויסער בלינדן שאָוויניזם. אָבער זיי טרעטן אויף דער האַרט און אומברחמנותדיק ווי די איינציקע רעטער פון דער וועלט. די באַגריפן פון פאָלקס־ווילן און פערזענלעכע פרייהייט ווערן געלעסטערט ווי נאָך קיינמאָל נישט. די איינציקע קעגן־כוחות, די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, זענען אינערלעך צעבראָכן, אפשר מער ווי פון דרויסן. עס איז נאָך ערגער: די סאָציאַליסטישע מאַסן זענען אַנטוישט, פאַרווירט, געניייגט אריינ־צופאַלן אין יאוש. ווער ווייס צי וועלן נישט אַ סך פון זיי אַריבערלויפן צו די זיגער פון טאָג!

אָט דווקא אין אזא צייט שטעלט זיך אוועק פאַרן באַוווסטזיין פון סאָציאַליסט די אומגעהויערע היסטאָרישע אויפגאַבע: מחיה מתים זיין דעם סאָציאַליזם. ער מוז האָבן דעם מוט צו דערקענען, אַז די באַוועגונג ווי זי האָט געווירקט ביז איצט, איז נישט מער לעבעדיק. זי מוז אויפגעבויט ווערן, אין אַ געווויסן זינען, פונדאַסניי. דער שאַרפער אורטייל איבער דאָס געשעענע מוז גיין האַנט אין האַנט מיט דעם אומצעשטערבאַרן גלויבן אין דעם נייעם אויפקום פון סאָציאַליזם. און כדי דער אויפקום זאָל ווערן מעגלעך, מוזן די סאָציאַליסטן מיט די אָפענע אויגן און הערצער זיך צונויפנעמען צו נייע געמיינשאַפטן, צו נייע אָרדנס. אויך אויף דער יידישער גאַס מוז געשאַפן ווערן דער סאָציאַליסטישער אָרדן פון קעמפער, וועלכע וועלן זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפענישן פון די מאַסן, כדי פון אונטן אַרויף ווידער צו שאַפן דעם בנין. יאָ, טאַקע דער באַגריף פון אַן אָרדן, ווי די קירכעס קענען אים פון יאָרהונדערטער, שטעלט זיך אַוועק פאַר אונדז.

ס׳איז געווען אין יענער צייט פון רעפאָרמאַציע, בעת די קאַטוילישע קירך איז געווען דיסקרעדיטירט און האָט פון אומעטום באַקומען נאָר קלעפּ. דעמאָלט איז אויפגעקומען אַ מענטש ווי לאָיאָלאַ, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם כבוד און דער לערע פון זיין קירך און האָט געשאַפן אַן אָרדן פון יעזויטן. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשיידט פון דער וועלט; פאַרקערט, זיי זענען אריינגע־דרונגען אין אַלע קעמערלעך פון דער געזעלשאַפט. פון די פּאַלאַצן פון מלכים ביז צו די אָרעמסטע שטיבלעך פון פאָלק. זיי זענען אָבער גלייכצייטיק געווען מיט אַן אייזערנער דיסציפּלין פאַרבונדן צווישן זיך. זיי האָבן אַלע צוזאַמען געדינט איינ־איינציקער אידעע פון יעזוסן. אין זייער איבערגעגעבנקייט צו דער איבערמענטשלע־כער רעליגיעזער אידעע (קנאת ה׳ צבאות") האָט זיי פאַרשאַפט אַ גוואַלטיקע קראַפט. זיי האָבן צום טייל אומגעקערט די מאַכט און דעם גלאַנץ צו דער קירך.

אין אַ צוזאַמענברוך־צייט פון סאָציאַליזם מוז געבאָרן ווערן אַזאַ מין אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אָרדן. סאָציאַליסטן מיט ריינע הערצער און קלאָרע געדאַנקען וועלן אין זיינע ראַמען פירן אַ קאַמף־לעבן, וועלכער זאָל דינען פאַר אַ מוסטער פאַר די פאַרצווייפלטע מאַסן. די ברידער פון אָרדן וועלן זיך נישט לאָזן צובינדן צו די „דערגרייכונגען" פון דער בירגערלעכער ציוויליזאַציע. זיי וועלן אפשר איינשטעלן בנוגע איר און דעם היינטיקן סיסטעם עפּעס אַזוי ווי אַ „נאָן־קאָאָפּעריישאָן". אַן אָפּזאָג פון צוזאַמענאַרבעט. זיי וועלן אפשר האַלטן פאַר נויטיק

אפילו אין זייער דרויסנדיקן אויסזען נישט מיטצומאַכן די היינטיקע קולטור־סביבה. זיי וועלן פּרווון אַפּמעקן פון זייערע רייען דעם עגאָיזם און זיינע מאַטע־ריעלע אָדער גייסטיקע פאָרמען, די קליינלעכקייט פון פּאַרטייִישן טאָג־לעבן, די אומפאַרשטענדלעכע אָבער מעכטיקע שנאת הגם פון נאָענטע מענטשן. זיי וועלן פּרווון ברענגען דאָס לעבן פון סאָציאַליסטן אין הסכם מיט די אידעאַלן, און דער־מיט דערוועקן אין די מאַסן ווידער דעם צוטרוי צום סאָציאַליזם. אָבער אויף קיין איין רגע וועט אַזאַ אָרדן נישט אָפּשליסן זיך זעלבסטצופרידן אין זיינע אייגענע רייען. ער וועט ווערן אַ נייע התחלה פאַר אַ מאַסן־באַוועגונג. „אַ סעקטע אָן סעק־טאַנטסטווע” — רופט עס אָן דער ענגלישער פרייהייטלעכער קאָמוניסט מידל־טאָן מאַריי, וועלכער חלומט וועגן אַזאַ פּאַרטיי אין זיין לאַנד. „דאָס זאָל ווערן אַ האַרטער שטאָל קעגן ווייכן אייזן; דער ריינער שפּיץ וועט דעמאָלט דורכשניידן דעם פאַרפוילטן קערפּער פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט” (1).

עס איז אָן אומגעהויער שווערע צייט פאַר דעם סאָציאַליסט. קאַמף, אָבער ער איז היינט לחלוטין נישט אין דער לאַגע ווי פאַר הונדערט יאָר צוריק. די בירגער־לעכע מלוכות און דיקטאַטאָרן מעגן זיך אויסבויען מיט אייזן און בלוט וויפל זיי ווילן, אָבער עס איז פאַר דער צייט עפּעס געשען. עס איז מער נישטאָ קיין יראת־הכבוד, קיין אינערלעכע אָנערקענונג פאַר דעם קאַפּיטאַליזם. אפילו די הערשנדיקע קלאַסן האַלטן נישט זייער סאָציאַלן סיסטעם פאַר לאָגיש, שכלדיק, מאָראַליש. זיי שטיצן אים נאָר מיט הוילער גוואַלט. דאָס באַדייט, אַז די היינטיקע וועלט־אָרדענונג איז שוין פון אינעווייניק אויסגעלעבערט. עס מוז נאָר קומען דער טרעגער פון דער נייער וועלט־אָרדענונג, כדי אויפצובויען זי אין גייסט פון יושר און שיינקייט. און ער וועט קומען, נישט געקוקט אויף אַלע דיק־טאַטורן און דעם חושך מיצרים, וועלכער פאַרשפּרייט זיך היינט אין דער וועלט, ווייל שטאַרקער פון אַלע כוחות אין דער וועלט איז דער כוח פון אידעאַל. דער סאָציאַליזם האָט איצט טאַקע פאַרלאָרן אַ סך שווערע שלאַכטן, אָבער נישט פאַר־לאָרן איז יענער גרויסער וועלט־היסטאָרישער קאַמף, וועלכער וועט נאָך קומען.

נישט אויף מאַרקסיסטישע וועגן, אָבער די גרויסע וויזיע פון קאַרל מאַרקסן וועט דעמאָלט מקוים ווערן.

(„פרייע שריפטן”, מאַי 1933)

---

1) מ. מאַריי אין זיין זשורנאַל ”Adelphi“ פון מערץ 1933.

# חיים זשיטלאָווסקי — דער טרייבנדיקער גייסט

„רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען (און מענטשן) זענען סאָלאָ־מאַנדרעס־געשעפּן. זיי ווערן געבוירן אין פייער און קאָנען לעבן נאָר אין פייער".

ח. זשיטלאָווסקי (באַנד 4, ז. 85)

## א.

מיר פייערן היינט דעם זעכציקיאָריקן יובילי פון חיים זשיטלאָווסקיס לעבן נישט דערפאַר אַליין, וואָס ער האָט געהאַט אַ טיפן איינפלוס אין דער פאַרגאַנגענהייט פון יידישן און אַלמענטשלעכן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. חיים זשיטלאָווסקי שטייט היינט אינמיטן פון דעם ברויזנדיקן ים פון לעבן נישט נאָר ווי אַ בכבודיקער זיכרון פון אַן אַמאָליקער צייט־תקופה, אין וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן ווי אַ שעפערישער פּיאָנער. געוויס איז ער געווען איינער פון די גליקלעכסטע פּיאָנערן אין דער ווינציקער מחנה, וואָס האָט געשטרעבט צו דער מענטשהייט־באַפרייונג. אָבער ער גילט היינט פאַר אונדז, פאַר דעם לעבעדיקן יידיש־סאָציאַליסטישן דור, נישט נאָר ווי אַ היסטאָריש־וויכטיקער גליד אין דער אַנטוויקלונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך אים און איבער אים, נאָר ער שטייט היינט פאַר אונדזערע אויגן ווי אַ מענטש, וואָס האַלט אין זיינע אייגענע הענט די לעבעדיקע קייט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, וואָס טרייבט פאָרויס און סטימולירט די ניי־אויפגעקומענע גלידער פון דער קייט. דערפאַר ווילן מיר נישט באַטראַכטן דעם געדאַנקען־אוצר פון זשיטלאָווסקין ווי שוין אַ פאַרטיקע ירושה, וואָס די דאַנקבאַרע און פּיעטעטפולע פריינד קאָנען נאָר אויפהיטן און רויִק באַטראַכטן, נאָר מיר קוקן אויף דעם דאָזיקן אוצר ווי אויף אַ לעבעדיקן קוואַל, וועלכער גיסט פונאַנדער זיינע פרישע וואַסערן אויף די גרינע טאָלן און מישט אויס זיינע וואַסערן מיט די כוואַליעס פון די אַרומיקע אַלמענטשלעכע און יידישע קאַמפן. זשיטלאָווסקי איז נישט נאָר אַ טייער בילד פון אונדזער גייסטיקן עבר; ער איז אַ קאָפּ און אַ האַרץ און אַ האַנט, וואָס קוקן אין דער צוקונפט.

חיים זשיטלאָווסקי איז געווען אַ העלד פון צוויי ראָמאַנען. ער האָט געהאָלפן בויען דאָס גרויסאַרטיקע הויז פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. און ער

האָט צו דער זעלביקער צייט געלייגט פעסטע פונדאַמענטן פאַר דער יידיש־רעוואָ־לוציאָנערער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. ער האָט זוכה געווען צו דעם זעלטענעם מזל צו זען, ווי די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי איז געוואָרן אַ פּי־דערין אין די הערצישע קאַמפּן פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם, און ער האָט דער־זען ווי די אידייען פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק האָבן אַרומגעכאַפּט דעם בעסטן און דעם איידלסטן טייל פון זיין פאָלק. מ׳קאָן זאָגן, אַז כמעט אין די זעלביקע יאָרן זענען אַרויס צום ליכטיקן שיין פון דער וועלט צוויי ווערק פון זשיטלאָווסקין. דאָס איז געווען אין יאָר 1892 זיין בראָ־שור: „אַ ייד צו אַ יידן״, אין וועלכער ער האָט פאָרמולירט די גרונט־יסודות פון זיין נאַציאָנאַלן אני מאמין; און דאָס איז געווען אין יאָר 1893 די גרינדונג פון „פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״, אין וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די הויפּט־געדאַנקען פון דער רוסישער „נאַראָדניטשעסטוואָ״. קיין איין געדאַנק פון די, וואָס זענען אַריינגעלייגט געוואָרן פון זשיטלאָווסקין אין דיביידע זיינע גייסטיקע מעשים, האָט ער נישט באַדאַרפט שפּעטער צוריקנעמען. דאָס לעבן האָט זיך שפּעטער פאַרטיפט, איז קאָמפּליצירט געוואָרן, האָט נייע שוועריקייטן אַרויסגעבראַכט; די הויפּט־געדאַנקען זיינע זענען אָבער געבליבן שטיין פעלזן־פעסט.

אויף דעם געביט פון אַלמענטשלעכער סאָציאַלער טעטיקייט האָט זשיט־לאָווסקי מיט אַ גרויסן דערפאָלג געפירט אַ קאַמף קעגן יענער לערע, וואָס האָט — דורך איר אויסערלעכער וויסנשאַפטלעכקייט, דורך אירע גלענצנדיקע פאַר־מרעטער, דורך אירע פּסיכאָלאָגישע זייטיקע ווירקונגען — דעמאָלט געבלענדט די מוחות פון דעם רעוואָלוציאָנערן דור. דאָס איז געווען די מאַרקסיסטישע שיטה פון סאָציאַליזם, וואָס האָט כלומרשט אַרויסגעפונען די „אייזערנע געזעצן״ פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט מיט אַ זעלבסטצופרידענער זיכערקייט פונאַנדערגעשטעלט די צדיקים און מזיקים אין דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר באַרופן אָנצופירן דעם פון איר אַרויסגעפונענעם געשיכטלעכן פּראָצעס. די פריערדיקע עטיש־רעוואָלוציאָנערע שיטה פון סאָציאַליזם, וואָס האָט גייסטיק אָנגעפירט מיט דער הערצישער גענעראַציע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, איז געווען אין יענע יאָרן פאַרוואָלגט. די פיזישע טרעגער פון דער באַ־וועגונג זענען געווען פאַרניכטעט, פאַרשפּאַרט אין געפענגענישן, פאַרוואָרפן אין גלות. זייער לערע, דאָס רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניטשעסטוואָ, האָט זיך אויך גע־פונען אין גלות. דער מאַרקסיזם האָט געזאָלט ווערן די אַליינהערשנדיקע טעאָריע פון סאָציאַליסטישן קאַמף. האָט טאַקע דעמאָלט, אין אַ יידישן וויטעבסק, פּלוצים אויפגעלויכטן אַ נייער גייסטיקער פייערל, וואָס איז באַשערט געוואָרן העלפן אויפצוריכטן און ברענגען צו אַ נייער צוקונפט די אָפּגעזאָגטע פון לעבן נאַראָד־ניטשעסטוואָ.

מיט דעם גאַנצן גלאַנץ און מיט דער גאַנצער שאַרפזיניקייט פון זיין טאַ־לענט איז זשיטלאָווסקי אַרויסגעטראָטן קעגן די איבערמענטשלעכע פּרעטענזיעס

פונעם מאַרקסיזם, קעגן זיינע „סאָציאָלאָגישע נביאות", קעגן זיין רוח־הביטול בנוגע צום מענטשלעכן ווילן. דער „וויסנשאַפטלעכער" סאָציאַליזם פון מאַרקס און ענגעלס — האָט געשריבן זשיטלאָווסקי — איז „אייגנטלעך אַ ריינע אוטאָפּיע, וואָס פּאַטשט אין פּנים אַלע פּאָדערונגען פון דער וויסנשאַפט". ס'איז נישט באַוויזן, אַז מ'קאָן אַרויסגעפינען אייזערנע געזעצן פון סטיכישן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס אונטער זייער שליטה שטייט אומבאַהאָלפן און שקלאַפיש דער מענטש. יעדע געשיכטס־פילאָזאָפיע, וואָס פאַרמעסט זיך צו פּראָקלאַמירן אַזאַ היסטאָרישן חוק ולא יעבור פאַר דער מענטשהייט, איז נישט מער ווי אַן „אייביקע פאַנטאַזיאָרן". באַזונדערס אָבער איז פאַנטאַסטיש און שעדלעך די מאַרקסיסטישע געשיכטס־פילאָזאָפיע, וואָס „איר הויפּט־שטריך באַשטייט אין דעם פולשטענדיקן אַפּלייקענען יענע סוביעקטיווע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, וואָס הערשן אין די נשמות פון די מענטשלעכע יחידים. ביי דער באַטראַכטונג פון די גרויסע פּראָבלעמען פון דער צייט לאָזט מען אַרויס פון זין דעם מענטשן מיט זיינע ליידן און פריידן, דער שטאַנדפּונקט פון אַ מאָראַלישן „זאָל", פון אַן עטישן גוט און שלעכט, ווערן אינגאַנצן געלאָזן אַן אַ זייט" 1). אין וואָס פאַרוואַנדלט זיך דעמאָלט דאָס מענטשלעכע רעוואָלוציאָנערע שטרעבן צו די הויכע בערג? אין אַן אומבאַוווּסט אויטאָמאַטישע באַוועגונג! „דער סאָציאַליסטישער ענדציל דאַרף, לויט מאַרקס, נישט אָנגעזען ווערן ווי אַ וועלכער עס איז אידעאַלער צושטאַנד, צו וועלכן די מענטשן אָדער בלויז די אַרבעטער זאָלן שטרעבן דערפאַר, ווייל דער צושטאַנד איז זייער נויטיק פאַר זייערע אַרבעטער־אינטערעסן. דער ענדציל דאַרף פאַר אונדז זיין יענע פאַזע פון אַנטוויקלונג, צו וועלכער די געזעלשאַפט שטרעבט מיט אייזערנער נויטווענדיקייט, אַלץ איינס צי די אידעאַלן פון די איינצל־מענטשן זענען צופרידן מיט אים אָדער נישט... מ'דאַרף נאָר פעסטשטעלן די וויכטיקסטע סטאַנציע, צו וועלכער עס ווערט געטריבן דער היסטאָרישער שטראָם, און יענע סטאַנציע דאַרף זיין דאָס אידעאַל פאַר אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט".

ס'איז אָבער וויייניק נאָך, וואָס מען האָט דעם פרייען אידעאַליסטישן „זאָל" פאַרביטן אויף דעם אומברחמנות'דיקן היסטאָרישן „מוז", וואָס ווירקט ווי אַ געטלעכע קראַפט אין דעם מענטשנס מזל. דער מאַרקסיזם, וואָס האָט זיך באַזירט אין זיין פילאָזאָפישער וועלטאַנשויאונג אויף דעם נאַיוון מאַטעריאַליזם, האָט אויסגעאַרבעט אַ באַזונדער אַרט געשיכטס־פילאָזאָפיע: דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. איבער דעם געשיכטלעכן פּראָצעס שוועבט ווי אַ רוח אלהים נישט אַ וועלכער עס איז מוז, נאָר טאַקע דער עקאָנאָמישער „מוז" אַליין. די מאָראַל, דאָס זוכן נאָך שיינקייט, דער רעליגיעזער דורשט, נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע זובענישן — שיידן זיך אויס פון דער ריי פון היסטאָרישע פאַקטן. אָט קעגן דערדאָזיקער פאַרקריפּלונג פון לעבנס־פּראָצעס האָט זשיטלאָווסקי געקעמפט. „די אויספאָרשונג פון די נישט עקאָנאָמישע פאַקטאָרן איז אין דער מאַרקסיסטישער וויסנ-

1) דר. ח. זשיטלאָווסקי, III, 168, געז. שריפטן.

שאַפט באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ שטיפקינד... פאַרוואָס קאָן נישט געמאָלט זיין, אַז אַ גרויסע קראַפט זאָל אַרויסוואַקסן, צום ביישפּיל, פון דעם מאָראַלישן פאַק־טאָר? די מאָראַל איז איצטער זייער אַ שוואַכע קראַפט, וויינציקסטנס אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער די אָנמאַכט פון דער מאָראַל, קאָן זיין, שטאַמט נישט פון דער שוואַכקייט, וואָס ליגט אין דער טבע פון אָט־דער דערשיינונג, נאָר אפשר דערפון וואָס... די עטישע ענערגיע פון די מאַסן ווערט צערונען און איינגעזויגט אין דעם זאַמד און אין דעם שטויב פון די טאָג־טעגלעכע קליינינקייטן. עס קאָן גרייליך זיין, אַז אויב מען וואָלט געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי אָנצוזאַמלען די עטישע ענערגיע אין איין באַסיין און ווי אַזוי אָנצווענדן זי אויף איין איינציקן סאָציאַל־עטישן ציל, וואָלט זי געוואָרן אַ גרויסע מאַכט". און ער האָט אַרויסגעפירט דעם פועל־יוצא: „דער שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל איז דעריבער נישט נאָר נישט פיינטלעך צו דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם; אדרבה, ער מאַכט אים ערשט מעגלעך".

זאָל מען נישט מיינען, אַז דערדאָזיקער סכסוך איז אַ ריין־אַבסטראַקטער און פאַרעלטערטער. ער איז היינט פונקט אַזוי לעבעדיק ווי דעמאָלט. נישט איין קעמפער, נישט איין פאַרטיי, נישט איין סאָציאַליסטישע רעגירונג האָט געבראָכן האַלדז און נאַקן, זיך אויסגליטשנדיק אויף דעמדאָזיקן פּראָבלעם.

נאָר אָפּלייקענענדיק די מאַרקסיסטישע דאָגמאַטיק האָט זשיטלאָווסקי גע־קאָנט פריי זיין פון דער ריין־פּראָלעטאַרישער שיטה, וואָס האָט צוליב דעם איינ־ציק־אַריסטאָקראַטישן קלאַס פון אַרבעטער נישט געוואָלט זען די אַנדערע ברייטע וועלט פון אונטערדריקטע, און האָט נאָר געוואָרט די ישועה פון קאַפּיטאַליזם. ער האָט זיך געהאַלטן אָן די אַגראַר־סאָציאַליסטישע אידייען, ער האָט אין דעם פּוי־ערטום געזען דעם קאַמף־ברודער פון אַרבעטער, און ער האָט געוווסט אָפּצושאַצן די היסטאָרישע מיסיע פון דער אינטעליגענץ. אָט אַזוי האָט זשיטלאָווסקי געפירט זיין „רעוויזיאָניסטישן" קאַמף קעגן די געפּאַנצערטע מויערן פון דער מאַרקסיס־טישער וויסנשאַפט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אין דער דייטשער שפּראַך גענומען איבערקוקן דעם געשיכטס־פילאָזאָפישן קאַפּיטל פון מאַרקסיזם. אָבער בעת די דייטשע רעוויזיאָניסטן, מיט עדוארד בערנשטיין בראש, האָבן רעווידירט דעם מאַרקסיזם, כדי צו פאַרקריכן אויף די וועגן, וואָס פירן צום סאָציאַליסטישן שמד, — האָט זשיטלאָווסקי, פאַרקערט, געשטאַרקט די רעוואָלו־ציאָנערע נאַטור פון סאָציאַליזם.

שוין מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, בשעת ער איז געשטאַנען פאַר דעם אָנבליק פון דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער דערמאָנט צו גוטן די פאַר־דינסטן פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און האָט געשריבן: „דעם הויפּט־פאַרדינסט פון דער פאַרטיי זע איך אין דעם, וואָס זי האָט אין איר פּראָ־פּאַגאַנדע אָראָפּגעטראָגן יענע אינעווייניקסטע וואַנט, וועלכע איז געשטאַנען צווישן סאָציאַליזם און דער רעוואָלוציע — יענע איבערצייגונג, אַז אין רוסלאַנד קאָן נישט געמאָלט זיין קיין סאָציאַליסטישער איבערקער, ביז דאָס לאַנד וועט זיך

נישט איבערקאָכן אין דעם קעסל פון קאַפּיטאַליזם" 1). אין דעם פלאַמענדיקן אַפּשיין פון דער רעוואָלוציע האָט מען דערקאָנט דעם ווערט פון אַ סך מענטשלע־כע אידייען. און ווייל זשיטלאָווסקי האָט מיט אָפענע אויגן געקוקט אויף דער סאָ־ציאַלער אַנטוויקלונג, האָט ער מיטן גאַנצן מהות זיינעם אַריינגענומען אין זיך דעם גרויסן סאָציאַליסטישן איבערקער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסישן חודש אָקטאָבער. דערפאַר האָט ער געהאַלטן פאַר אַן „אומגעהויערן ווערט, וואָס דער גאַנצער לינקער פליגל פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט זיך די־רעקט באַטייליקט אין דעם סאָוועטישן איבערקער און האָט געוווּנען דעם צוטרוי פון דעם פויערטום פאַר דער רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917".

זשיטלאָווסקי האָט מיטגעהאָלפן צו שאַפן דעם רוסישן פרייהייטלעכן סאָציאַ־ליסטישן קעמפער. אַראָפּוואַרפנדיק פון כסא המלכות די „אומעטיקע וויסנשאַפט" פון מאַרקסיזם, האָט ער צו גלייכער צייט דערהויבן אין די רוסישע סאָציאַליסטן דעם עכטן גייסט פון וויסנשאַפטלעכקייט, דעם גליענדיקן פּאַטאָס פון אידעאַל און דעם ברייטן סאָציאַלן פאַרנעם פאַר אַלע אַרבעטנדיקע מאַסן. זשיטלאָווסקי קאָן היינט מיט רעכט זאָגן, אַז דורך זיין מאַרך און זיינע נערוון האָבן זיך — אין זיינע תלמידים — אויסגעווירקט די סאָציאַליסטישע אידעאַלן אין דער נייער וועלטגעשיכטלעכער תקופה.

ב.

זשיטלאָווסקי איז אָבער געווען אַ העלד פון נאָך איינער, פון דער יידישער היסטאָרישער עפּאָפּיע. ער איז געוואָרן נישט נאָר אַ פרייהייטלעכער, נאָר אויך אַ יידישער סאָציאַליסט. ער איז געקומען אין דער צייט, ווען די „יידישע נאַציע" האָט געגאָלטן ווי אַ קעגנזאַץ צום סאָציאַליזם, און ער האָט דערקלערט, אַז „סאָ־ציאַליזם און נאַציאָנאַליזם זענען נישט קיין היפּוכים". די דאָזיקע פאָרמול איז אָבער געוואָרן אַזוי באַדייטנדיק־וויכטיק נישט דערמיט, וואָס זי האָט איבערגע־טראָגן דעם סאָציאַליזם אויף אַלע נאַציעס און יידן בתוכם, וואָס זי האָט, אַזוי צו זאָגן, אוטיליטאַריש „געפונען פאַר נויטיק" צו פאַרקניפּן דעם סאָציאַליסטישן קאַמף מיט דעם טעגלעכן לעבנס־קאַמף פון די פעלקער. אַזאַ מין „פאַרקניפּונג" איז זינט יענער צייט פאַרגעקומען צענדליקער מאָל אין פּאָליטישן לעבן: פון איין זייט האָבן סאָציאַליסטן (צ. ב. די באָלשעוויקעס היינט), איינגעזעצן אין דערדאָ־זיקער פאַרבינדונג אַ פרישע שטוים־קראַפט פאַר זייער אַרבעט; פון דער אַנדער זייט האָבן נאַציאָנאַליסטן פון פאַרשיידענע פעלקער געזוכט דורך סאָציאַליסטי־שע פאַרבן צו שטאַרקן זייער באַוועגונג. זשיטלאָווסקי האָט גאָר אַנדערש געקוקט אויף דער שייכות פון דיביידע געביטן. פאַר אים זענען זיי געווען אינערלעך, אינטים און בלוטיק פאַרבונדן. אַ סך פריער פאַר אַנדערע טעאָרעטיקער האָט ער אין דעם נאַציאָנאַלן מלבוש פון מענטשן, אין דער נאַציאָנאַלער איינפאַסונג פון

1) איינלייטונג צו די דערינערונגען פון מ. ראָזענבוים.

קולטור, דערזען דעם נויטווענדיקן און ווינטשנסווערטן מלבוש און איינפאסונג. אמת, דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז גרויסאַרטיק און דערהויבנדיק ביזן הימל, אָבער ער וועט בלייבן טאַקע אַבסטראַקט און הענגנדיק אין הימל, אויב ער וועט זיך נישט פאַרוואָרצלען אין די טיפסטע טיפעניש פון דעם נאַציאָנאַלן מאַסן־לעבן פון אַ פאָלק.

יעדעס פאָלק ברענגט מיט זיך מיט אין נדן אויף דער פעלקער־חתונה זיין אייגענעם גייסטיקן טיפ, זיין כאַראַקטער, זיין אינדיווידועלע סביבה און זיין באַזונדערן אַראָמאַט. די פילפאַרביקייט פון מענטשן און קולטורן איז די גאַראַנטיע פון פּראָגרעס. און אויב דער סאָציאַליזם טראָגט אין זיך דעם אידעאַל פון פּראָגרעס, איז נויטווענדיק, אַז ער זאָל מאַרשירן צו דער נייער וועלט טאַקע אונטער דער איין־איינציקער רויטער פאָן, אָבער אַז זי זאָל פלאַטערן אין הונדערט — און טויזנט־פאַך פאַרשיידענע הענט. דער סאָציאַליזם ווערט דורך דעם אָרגאַניש, פּולבלוטיק, בליענדיק, מענטשלעך־וואַרעם. כדי צו געברויכן זשיטלאָווסקיס ווערטער: ער האָט אויפגעוויזן, אַז צווישן סאָציאַליזם און נאַציע באַשטייט נישט נאָר אַ צייטווייליקע „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונג", וואָס איז נאָר אַ גאַסט אין אונדזער היינטיקער וועלט. ער האָט באַוויזן, אַז די פאַרבינדונג איז אַ „לאָגישע אידעען־פאַרבינדונג", אַן אומצערייסלעכער סינטעז. אַוודאי הייסט דאָס נישט, אַז יעדער היסטאָרישער אינהאַלט פון נאַציאָנאַלן שאַפן איז אויף אייביק, usque od mortem פאַרשריבן צום סאָציאַליסטישן עתיד, אַז דער רעוואָלוציאָנערער רענעסאַנס־שטורעם מוז מיט אָפּשיי אָפּשטעלן זיך פאַר יעדן נאַציאָנאַלן פּראָדוקט. דאָס הייסט אָבער, אַז דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־אינדיווידועלן שאַפן איז אויף אייביק, לאָגיש פאַרבונדן מיט יענער וועלט פון פרייקייט אין שאַפן, וואָס רופט זיך סאָציאַליזם.

און וואָס ס'איז ריכטיק פאַר אַלע פעלקער, איז אַוודאי ריכטיק פאַרן יידישן פאָלק. דערפאַר האָט זשיטלאָווסקי נישט באַגנוגט זיך מיט אַריבערטראָגן דאָס רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם אויף יידן, דאָס הייסט אויף יענער מיליאָניקער „גרופּע מענטשן", וואָס איז פאַררעכנט פאַר יידן. ער האָט געוואָלט און האָט זיך דערשלאָגן צו מער: אַז דאָס אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע פּראָגראַם זאָל זיך צונויפגיסן מיט דער אידישער נאַציע. עס זאָל נישט נאָר איבערגעזעצט ווערן אין יידיש, נאָר איינזאַפּן אין זיך דאָס אינדיווידועלע — די יידישקייט; עס זאָל ווערן אַ גייסטיק אייגנטום פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש. „מיר זענען נישט קיין פיר פּראָצענט פון וועמען עס איז אַנדערן, נאָר הונדערט פּראָצענט פון זיך אליין", — האָט ער געזאָגט מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק. אַריבערנעמענדיק דאָס אַגראַר־פּראָגראַם פון דער רוסישער פּאַרטיי, האָט ער געטרוימט נישט פשוט וועגן יידן־פּויערים, נאָר טאַקע וועגן אַ יידישן פּויערטום, וועגן אַ „יידישער דאָרף־קאָמונע". „די גאַנצע פיזישע אַרבעט פון דעם אַקערמאַן וועט זיך וווילווירקנדיק אָפּרופן אויף דעם פיזישן און עטישן טיפּ פון דעם יידן, וואָס

איז אזוי שטארק פארהויקערט געוואָרן אין דער שטאַטישער אַטמאָספערע" 1). אריי־בערנעמענדיק די אידעאַליסטישע וועלטאַנשויאונג פון רוסישן סאָציאַליזם, האָט ער געוואָלט זי פארקניפּן מיט די גייסטיקע טראַדיציעס פון דער אוניווערסאַלער יידישער געשיכטע. ער האָט געזען אין איר די איבערצייגנדיקסטע באַווייזן פאַר דער ווירקונג פון אידעאָלאָגישע (רעליגיעזע, עטישע, גייסטיקע) פאַקטאָרן אין אַ פאָלקס־לעבן. ער האָט געזען ווי דורך אַן אינערן דראַנג צום אייגענעם קיום האָט זיך דאָס יידישע פאָלק אין משך פון דורות — קעגן אַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ווידערשטאַנדן — אויסגעהיט פון טויט און איז געבליבן שעפעריש. נאָך אין זיין יוגנט 2) איז אין דעם גייסטיקן עבר פון פאָלק פאַר אים אַרויסגע־וואַקסן אַ וועלט, וואָס האָט אים „באַצויבערט דורך איר אינעווייניקסטער רייכ־קייט און קראַפט". עס איז פאַר אים געוואָרן אַלץ מער קלאָר, „אַז מיר האָבן אין די פאַרגאַנגענע דורות אַ סך מער אייביק לעבנדיקע מענטשלעכקייט, איידער פארשימלטן שטויב" 3). אויב דער סאָציאַליזם דאַרף זיין אָרגאַניש, איז ער דורך דערדאָזיקער פאַרקניפּונג מיט דעם יידישן עבר געוואָרן טאָפּלט אָרגאַניש. סיי דורך דעם שטאָלענעם פאָלקס־כאַראַקטער, סיי דורך די עטיש־סאָציאַלע אינ־האַלטן ווערט דער יידישער אַרבעט־מענטש באַזונדער מסוגל צום רעוואָלוציאָ־נערן סאָציאַליזם.

איצט שטעלט זיך אַרויס נישט נאָר אַז „סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם זענען נישט קיין היפּוכים"; זיי זענען אינערלעכע שותפים ביי דער זעלביקער זאַך. דער סאָציאַליזם ווערט פאַרוואָרצלט אין דער יידישער, הייגטיקער און עברדיקער געדאַנקען־ און געמיט־וועלט. און דאָס יידישע לעבן, וואָס דערקאָנט זיך אַליין און פאַרטיפט זיך אַלס אַזעלכעס, ווערט אַ באַשטאַנד־טייל און אַ נייע קראַפט אין דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן סאָציאַליזם גופא. „וואָס מער מענטש אַ ייד איז, אַלץ מער נאַציאָנאַלער ייד איז ער!"

שטייענדיק אויף דעם דאָזיקן טאָפּלט־שטאַרקן סאָציאַליסטישן באָדן, האָט זשיטלאָווסקי שוין אַנטוויקלט אַן אומגעהויערע אַרבעט לטובת דער יידישער נאַ־ציאָנאַלער קולטור. ער האָט נישט נאָר געזוכט וואָס מעגלעך צו איבערזעצן פון דער אַלוועלטלעכער קולטור אין דער יידישער שפּראַך, נאָר ער האָט זיך אָפּגעגעבן צו וועקן און שטאַרקן די נאַציאָנאַלע פאָרמען פון יידישן אַרבעט־לעבן. ער האָט גע־פירט אַ דערפאָלגרייכן קאַמף, פול מיט באַגייסטערונג און שאַרפן הומאָר, קעגן דער אַסימילאַציע און די קאָסמאָפּאָליטישע אידעען פון סאָציאַליסטישע קרייזן. ער האָט געוועקט אַ נייע יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ. ער האָט אַליין אַנטוויקלט און מעורר געווען אַנדערע צו אַנטוויקלען די יידישע פאָלקס־שפּראַך. ער האָט געהאָלפן שטעלן אויף די פיס דאָס יידישע בוך און די קונסט. ער האָט באַוויזן ווי מען טראַכט

1) געז. שריפטן VI, 54.

2) זיין רוסיש ווערק „געדאַנקען וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון יידנטום" איז אַרויס אין יאָר 1887.

3) II, 150

ערנסטע געדאַנקען אין יידיש, ער האָט געשריבן פילאָזאָפישע ווערק אין דער שפּראַך פון די מאַסן. ער האָט אויסגעבויט דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און ער האָט אויפגענומען אין זיך דעם רצון צו אַ טעריטאָריאַלער זעלבשטענדיקייט פון פאָלק.

זשיטלאָווסקי האָט געהאָלפן שאַפן דעם טיפּ פון אַ יידישן סאָציאַליסט, וואָס איז טיף איינגעפונדרעוועט אין דער נאַציאָנאַלער קולטור־היים פון זיינע פאָלקס־מאַסן און איז טיף פאַרוואָקסן מיט דער אַלמענטשלעכער באַפרייונגס־באַוועגונג. דער יידישער סאָציאַליסט איז דער זעלבסטבאַוווסטער קעמפער, וואָס טראָגט אַריין אין דעם סאָציאַליזם די אָרגאַנישקייט און פאָלקסטימלעכקייט פון זיינע מאַסן, און וואָס פירט אַריין אין דער יידישער וועלט דעם שטורעם און דעם מאָ־ראַלישן פּאַטאָס פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אידעע.

## ג.

די צייטן שטייען נישט אויף איין אָרט. בשעת עס פאַלט אַראָפּ אין דעם היסטאָרישן אָפּגרונט די נעכטיקע קאָכעדיקע כוואַליע, שטייגט שוין פון הינטער איר אַרויף אַ נייע ברויזנדיקע כוואַליע. צוזאַמען מיט די כוואַליעס ענדערט זיך, מוז זיך ענדערן דער פּנים פון די גייסטיקע פאָרמולעס, וואָס ווילן זיי אויסטייטשן און ווייזן אַ וועג. און דער פריינד אונדזערער און דער לערער, חיים זשיטלאָווסקי, וועט זיך וועלן צוהערן צו אונדזערע, פון נייעם סאָציאַליסטישן דור קומענדיקע שטימען. עס דאַכט זיך אונדז היינט — אין דעם שיין פון דער נייער וועלט־תקופה — אַז די באַרימט־געוואָרענע פאָרמולע „סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם" איז נישט מער אינגאַנצן גענוגנדיק. עס האָט זיך אַנטפּלעקט שוין פאַר אונדזערע אויגן דער פאַרבאָרגענער אינהאַלט פון די אַלגעמיינע באַגריפן פון „סאָציאַליזם". בעת עס איז געקומען צום שעת הכושר פון דער רעוואָלוציע און אַלע פּראָגראַמען האָבן געקאָנט זיך אויסווירקן אין לעבן, האָבן זיך פון זיי אַרויסגעשיילט אַזעלכע סאָ־ציאַליסטישע וועלט־בילדער, אַז די אַרבעטנדיקע מאַסן זענען פאַרציטערט גע־וואָרן פון צער און יאוש... עס האָט זיך אַרויסגעשיילט דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער מלוכה־פּיר, וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם אומצעשטערבאַרן „פּחד בורזשואַזיע", וואָס האָט מורא געהאַט אָנצורירן מיט אַ פינגער די יסודות פון דער היינטיקער וועלט. סיי אין רוסלאַנד, סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין פאַרעם פון מאַרקסיזם, סיי אין דער פאָרעם פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך דער דאָזיקער אָפּהענטיקער פליגל־לאָזער „סאָציאַליזם" אַרויסגעוויזן פאַר אַ קאָנ־סערוואַטיווער קראַפט.

און עס האָט זיך ווייטער אַרויסגעשיילט פון דעם געהיימניספולן באַגריף אַ באָלשעוויסטישער מלוכה־פּיר, וואָס האָט כלומרש אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם צעשטערונג־אימפּעט און דעם העראָישן ברען פון די דורות־לאַנג געקנעכטעטע קלאַסן. אָבער ער האָט באַנוצט די דאָזיקע קלאַסן און זייערע עטישע ליידנשאַפטן

כדי אויסצובויען פאַר זיך אַ סאָציאַלן פּאָסטאַמענט פון דיקטאַטאָרישער הערשאַפט, און ער האָט דעם אַרבעטער דורך אַן אַנדער טיר ווידער אַריינגעפירט אין דער אַלטער וועלט פון שקלאַפעריי. די דאָזיקע ביידע פאַרקריפּלונגען פון סאָציאַליזם האָבן באַוויזן, וואָס פאַר אַ טיפער תהום פון שוועריקייטן עס שפּרייט זיך פונאַנדער אונטער די אַבסטראַקטע סאָציאַלע אידעאַלן, מיט וואָס פאַר אַ גיכקייט זיי גייען אויף דעם וועג, וווּ — אין משך פון דער וועלט־געשיכטע — עס האָבן אויסגעהויבט זייער אָטעם די אַלע אַנדערע מענטשלעכע אידעאַלן. יעדן ערלעכן רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין איז היינט קלאָר, אַז גאַנץ אַנדערע אידעאָלאָגישע מ ע ט אָ ד ן מוזן אָנגעווענדט ווערן פאַר דער דערציִונג פון אַרבעטנדיקן מענטשן צום ענד־קאַמף, אַז די סאָציאַליסטישע דערציִונג מוז קודם־כל אַרומנעמען דעם אויסערלעך־ און אינערלעך־פאַרשקלאַפטן מ ע נ ט ש ן, אַז צוזאַמען דערמיט טאָר מען נישט אויף איין רגע לאָזן ווייטער עקזיסטירן און פאַרשטאַרקן זיך די בירגערלעכע ג ע ז ע ל ש אַ פ ט.

אָבער אויך דער געדאַנק פון „נאַציאָנאַליזם" האָט זיך שטאַרק קאָמפּליצירט און פאַרוויקלט אין די לעצטע שיקזאַל־שווערע יאָרן. ער איז היינט שוין נישט מער דער בלויער פויגל פון די ווייטע הימלען, וועלכן זשיטלאָווסקי האָט מיט אַזאַ אייפער געהאָלפן דערנענטערן צו די מענטשן. מ׳קאָן שוין היינט זאָגן, אַז כמעט אין אַלע שיכטן און אַלע קולטור־ספערן פון יידישן פאָלק. איז די נאַציאָנאַלע אידעע געוואָרן אַ היימישע. דאָס פאָלק איז היינט, אין נאַציאָנאַלן זין, אין גרעסטן מאָס אָרגאַניזירט. מער נאָך: דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס האָט אין די דעמאָקראַטישע פאָלקס־שיכטן אָפּטמאָל אָפּגעשטופּט אין אַ זייט, האָט פאַרבויגן, האָט פאַרשמעלערט די גייסטיקע ווירקונגען פון סאָציאַל־מאָראַלישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידעען. דאָס „פאָלק" פאַרנעמט דעם אָרט פון אַרבעט־קלאַסן, די שפּראַך (סיי יידיש, סיי העברעיש) ווערט אַ הויפּט־צוועק, די געווינונג פון אַ טעריטאָריע (פון אַ מלוכה), ווערט דאָס הויפּטציל. מיר האָבן גענוג ביישפּילן אין דער וועלט, ווי נאַציאָנאַלע ווונטשן און אידעאַלן, נאַציאָנאַלע קאַמף־מיטלען און זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטרומענטן ווערן פאַרוואַנדלט אין זעלבסט־צוועקן. און עס מוזן דעמאָלט פאַרגיין יאָרן, ביז פון אונטער דעם טריומפירנדיקן נאַציאָנאַלן טורעם הויבן אָן ווידער צו שפּראָצן די באַשיידענע גרעזלעך פון אַ סאָציאַלער וועלט־אָנשויונג.

די יידישע מאַסן שטרעבן אָבער צו אַזעלכע אומפאַסנדיקע וועלט־אָנשויונגען. דערפאַר האָט היינט אַ גרויסע אָנציענדיקע קראַפט אויף זיי דאָס רעליגיעזע, בית־מדרש און גבירישע־פּאַטריאַרכאַלישע פּראָגראַם, ווייל דאָס איז פאַר זיי, גוט צי שלעכט, אַ לעבנס־פּראָגראַם, נישט נאָר אַ תשובה אויף נאַציאָנאַלע ווייטיקן. אַזאַ מין עטיש־רעליגיעזע פּראָגראַם האָט דאָך אויך אין עבר צוזאַמענגעהאַלטן דאָס פאָלק אונטער די קלעפּ פון דער געשיכטע. צי קאָנען אים געבן דאָס זעלביקע אין דער דאָזיקער הינזיכט נאָר — נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען פון אויטאָנאָמיזם, פון פּאַלעסטיניזם, פון יידישיזם? אין דער רחבות פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־

באהויפּטונג גייען אָפּטמאַל פאַרלאָרן די תּוכקייט און די טיפּקייט פון אונדזערע פשוט־מענטשלעכע אידעאַלן. די דאָזיקע אידעאַלן זענען דאָך אָבער אין תּוך דער זין פון דער געשיכטלעכער מענטשהייט. „מען מוז זיך דערשלאָגן — האָט זשיטלאָווסקי געשריבן אין יאָר 1908 — צו אַ זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן, און זען צו פאַרווירקלעכן אין אים די גרונט־פּרינציפּן פון יענעם נייעם לעבן, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער נייער צייט. און אויף וועלכע עס אַרבעט נאָך עד היום אָן אויפהער דער פּראָגרעסיווער געדאַנק פון דער געבילדעטער מענטשהייט". און ער האָט געזאָגט אויך אין וואָס עס באַשטייט דער דאָזיקער געדאַנק: דאָס איז די אידעע פון דעם פרייען מענטשן, פון דעם אמת, פון יושר, פון שיינקייט, פון מענטשלעכער חשיבות. צי טראָגט זיך היינט איבער די יידישע מאַסן דער רוח־הקודש פון די דאָזיקע אידעען? צי שוועבט היינט אַ גרויסע אידעע אַרום יידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוטן? ווער קאָן דאָס באַהויפּטן? צי קאָן מען נישט אַנדערש באַהויפּטן: אויב די היינט פאַרפּעסטיקטע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס וועלן זיך ווייטער אַזוי „אימאַנענט", פאַר זיך אַליין, אַנטוויקלען, דעמאָלט וועט זיך די סאָציאַלע נשמה פון די מאַסן צעבייטן אויף קליינלעכקייטן, אויף קטנות־המוחין, אָדער זי וועט פאַרנומען ווערן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און באַלשעוויסטישן געדאַנק. דער אויף זיך אַליין באַשרענקטער אימפּעט וועט ווערן אַ קרבן פון די סאָציאַל־באַנקראָטירטע לעבנס־וועגן.

כדי נישט פאַרגליווערט צו ווערן אין „נאַציאָנאַליזם", כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון סתם „סאָציאַליזם", מוז ווידער אַמאָל אַרויסגערוקט ווערן ביי אונדז דער ווערט פון די גרויסע לעבנס־אינהאַלטן, פון די זוכענישן נאָך זיי, פון פאַרווירקלעכן זיי. מען דאַרף אַריינבלאָזן אַ מאָראַליש־רעוואָלוציאָנערן גייסט אין דעם צעשויבערטן פּאָליטישן לעבן פון אַרבעט־פאָלק, נישט וואַרטנדיק שטענדיק, אַז זיי, די אומות העולם, זאָלן פריִער אָנהויבן. מען דאַרף אַריינטראָגן דעם דאָזיקן גייסט אין דעם אינערלעכן לעבן פון די מאַסן, אין זייער עקאָנאָמישער אַרבעט (אָדער אַרבעטלאָזיקייט), אין זייער טעגלעכן לעבנס־פּיר. די זוכעניש פון נייע גייסטיקע ווערטן (יושר, חשיבות, שיינקייט) אין לעבן פון פּרט און פון כּלל וועט ממילא שוין זיין אַ פאַרטיפונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, אַ סך מער איידער די פּראָפּאַגאַנדע אָדער אויפבויונג פון ריין־נאַציאָנאַלע אינסטיטוטן. אַ קבוצה אין פּאַלעסטינע, אַ יידישער אַרבעטער־קאָלעקטיוו אין רוסלאַנד איז היינט דער אמתער טרעגער פון נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער אויפלעבונג. מען דאַרף אַריינציִען אין דער נייער תּקופה די ברייטסטע יידישע סאָציאַלע שיכטן. מען דאַרף מיט דעם גאַנצן פייער פון דער יידישער נשמה מיטהעלפן דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף פאַר באַפרייונג, נישט נאָר מיטהעלפן, נאָר אים אויך טרייבן פאָרויס.

נישט קיין אַנדערער ווי זשיטלאָווסקי האָט אונדז דאָס אָפּטמאָל געזאָגט. „דאָס יידישע פאָלק דאַרף אָנהויבן איבערבויען זיין אַלט לעבן אויף די יסודות פון דעם נייעם געדאַנק נישט ערשט דעמאָלט ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע אָדער

אַ ניי־אויפגעשטאַנענער דר. הערצל וועט איר פאַרשאַפן אַן אייגענע היים, נאָר שוין איצטער, אין גלות גופא, אין יעדער צייט און אין יעדן לאַנד, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך" 1). און אין יאָר 1923 האָט ער געזאָגט: „דער נייער סאָציאַליזם מוז איינזען, אַז דאָס, וואָס מען האָט פריִער געמעגט באַטראַכטן פאַר אַ ווייטער צוקונפט (די סאָציאַלע רעוואָלוציע), האָט זיך שטאַרק צוגערוקט צו אונדז, אויב דאָס קלאַפּט שוין נישט העפטיק אין אונדזערע טירן" 2).

דער גייסט פון דער נייער וועלט־תקופה וויל זשיטלאָווסקין זען אַזוי פריש און מוטיק ווי מיט פערציק יאָר צוריק. דעמאָלט האָט ער פון דעם ברייטן אַלגע־מיין־מענטשלעכן שליאַך אַריבערגעטראָגן זיין געדאַנק צו דער אייגענער נאַציע. ער איז — לויט די בעסטע מוסטערן פון די אַלטע נאַראָדניקעס — „אַוועקגע־גאַנגען אין פאָלק". ווייל ער האָט דעמאָלט געפילט, אַז „שווער איז די לאַגע פון אַ פאָלק, אָן פירער און דענקער, אַוועקגעשטעלט פון דער געשיכטע אויף דעם ברעג פון אַן אָפּגרונט" 3). עס איז היינט אַן אַנדער עפּאָכע, דאָס אַרבעט־פאָלק שטייט ווידער אויף דעם ברעג פון אַן אָפּגרונט, — סאָציאַלן און מאָראַלישן אָפּ־גרונט. עס וויל ווידעראַמאָל האָבן זיינע פירער און דענקער.

היים זשיטלאָווסקי האָט אַמאָל אָנגעהויבן ווי אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער סתם. ער האָט מיט זיין לעבן באַקרוינט דעם טיפּ פון אַ י י ד י ש ן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. עס איז די צייט געקומען פאַר יידישע ס אָ צ י אַ ל י ס ט ן ־ ר ע־ וו אָ ל וצ י אָ נ ע ר ן.

•

(פון „זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך"), וואַרשע, 1929.

1) III. 17. 1908.
2) „דאָס נייע לעבן". 1923.
3) III. 8.

# אין זוכעניש פון נייע וועגן

I

אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט, אין אַלע אירע צווייגן און פאַר־צווייגונגען, איז נישטאָ היינט קיין איינער, ווער עס זאָל נישט איינזען, אַז די ווייטערדיקע עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליזם מוז אַרויפגיין אויף עפּעס נ י י ע  ו ו ע ג ן. סיי די פּאַרטייען פונעם אָפּנהאַרציקן רעפאָרמיזם, סיי די עכט־ אָדער פאַלש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען ווייסן שוין, אַז ס'איז אָנגעקומען עפּעס אַ נייע תקופה פון דער וועלט־געשיכטע, וועלכע איז מער אחריותדיק ווי די פריִערדיקע. נאָר פאַרביסענע עקשנים קענען מיינען, אַז ס'איז גענוג נאָר ווידער צונויפצובינדן דעם היסטאָרישן פאָדעם פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך איבערגעריסן אין יאָר 1914, כדי צו ציִען אים ווייטער און אויף די פריִערדיקע יסודות. אין דער אמתן אָבער האָבן די לעצטע שטורעמדיקע 10 יאָר (1914—1924), וואָס זענען אָנגעזאָפּט מיט מילחמות און רעוואָלוציעס, נישט איבערגעלאָזן אַפילו קיין שטיין אויף אַ שטיין פון דער גאַנצער פריִערדיקער אי־דעאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און פּראַקטיק פון סאָציאַליזם. נאָך די דאָזיקע 10 יאָר האָט זיך געביטן נישט נאָר דאָס סאָציאַלע און גייסטיקע פּנים פון דער גאַנצער וועלט, נאָר עס האָבן זיך אין תוך פאַרענדערט אַלע טעאָריעס און שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך ביז אַהער געהאַלטן פאַר נביאים און פירער פון דעם סאָציאַלן איבערקער אין דער מענטשהייט. אָט דאָס געפיל פון דער אוממעגלעכקייט אומצוקערן זיך פּשוט צום עבר איז פאַראַן נישט נאָר ביי די ראַדיקאַלע, נאָר אויך ביי די סאַמע געמעסיקטע ריכטונגען פון סאָציאַליזם. מען קען זאָגן, אַז דער רעוואָלוציאָנערער מענה־לשון, וועלכן דער רעפאָרמיזם געברויכט אין אַזאַ גרויסער מאָס, איז דער אָפּצאָל וועלכן דער באַלעבאַטישער געדאַנק פון רעפאָרמיזם מוז צאָלן דעם העזהדיקן גייסט פון דער נייער עפּאָכע.

ס'איז נישט קיין סוד, אַז די שטאַרקע גייסטיקע צערודערונג איז פאַראַן נישט נאָר אין דעם לאַגער פון די טראַדיציאָנעלע און גוט באַקאַנטע ריכטונגען פון מאַרקסיזם, סינדיקאַליזם אָדער אַפילו פון באָלשעוויזם. געשפּאַנט זוכט נייע וועגן אויך דער לינקער, רעוואָלוציאָנערער, פּאָלקיזם. פאַר אַ סך קרייזן פון „איינגעפונ־דעוועטע" סאָציאַליסטן אָדער פאַר די דורכגעטריבענע טרעגער פון קאַפּיטאַליזם

שיינט די דאָזיקע ריכטונג צו זיין אומפאַרשטענדלעך. סיי די, סיי יענע באַטראַכטן זי ווי עפּעס אַ „קינדערשע”, אָדער אוטאָפּיסטישע, אָן וואָרצלען אין ערד און אָן באָדן אין הווה. סיי די, סיי יענע מיינען, אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין באַוועגונג פון לינקן פּאָלקיזם, ווייל דאָס ליגט זיך נישט אַריין אין זייער אויבערפלעכלעכער סכעמע: אָדער אַן איירָאָפּעיִש־פּראַקטיש־קלוגער סאָציאַליזם (מאַקדאָנאַלד!) אָדער דער אַזיאַטיש־היהשער „סאָציאַליזם” (לענין!).

און דאָך קענען מיר רויִק דערקלערן: דווקא אין דער יוגנט פון דער לינקער „נאַראָדניטשעסטוואָ” (פּאָלקיזם) ליגט איר קראַפט און איר פרישקייט. זי זאָגט זיך נישט אָפּ פון דער ווערטפולער ירושה, וועלכע עס האָבן איבערגעלאָזן די פריִערדיקע עטאַפּן פון דער רויִקער אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליזם, אָבער זי נעמט אָן די ירושה פריי מיט דעם ק ר י ט י ש ן באַוווסטזיין, וואָס איז שטאַרק געוואָרן אין די קאַמפן פון דער גרעסטער רעוואָלוציע פון אונדזער צייט. די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און נאָך פריִער פאַר זיי די מאַקסימאַליסטן, האָבן אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען נישט דעם פאַרדינסט, נאָר די מעלה, וואָס זיי זענען געבאָרן געוואָרן ווי אַ זעלבשטענדיקע קראַפט אין דעם סאַמע ברען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיי שאַרף אַוועקגעשטעלט ק ע ג ן דער בורזשואַזער וועלט. און שוין נישט נאָר אַ מעלה, נאָר אויך אַ פאַר־דינסט פון דער לינקער נאַראָדניטשעסטוואָ באַשטייט דערין, וואָס שוין שפּעטער, ווען — אונטער די קלעפּ פון באָלשעוויזם — האָט אָנגעהויבן פאַלן דער היס־טאָרישער אימפּעט פון אָקטאָבער, איז זי נ י ש ט אַריינגעפאַלן אין דער פּאַניק אָדער אין דעם קליינלעכן אומגלויבן פון „פּאַטענטירטע” טוער. פאַרקערט — אין דעם שטורעם פון פאַרפאָלגונגען און אידעישן פּאַראַט פון דעזערטירן — האָט זי זיך ד ע ר ה א ל ט ן ווי אַן אומנאָכגיביקער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער כוח. און מאָקע דערפאַר, וואָס זי האָט זיך באַוווסט און שטייף אַ וועקגעשטעלט כ נ ג ד דער גאַנצער אַלטער וועלט, האָט זי געקאָנט ווערן אַ צוציִענדיקער צענטער פאַר יענע אַרבעטנדיקע מאַסן אין שטאָט און דאָרף, וועלכע טראַכטן און זענען גרייט צו קעמפן אין גייסט פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דערפאַר טאָקע טרעט די לינקע נאַראָדניטשעסטוואָ רויִק צו צו דער גרינדלעכער רעוויזיע פון דער גאַנצער אידעישער ירושה פונעם סאָציאַליזם: ווייל זי איז געבאָרן געוואָרן אונטער דעם צייכן פון דער דאָזיקער רעוויזיע, ווייל זי איז אויך אַ לעבנס־פעיקער טייל פון דעם קינפטיקן תחית הסאָציאַליזם.

אין וואָס באַשטייט דאָס טראַגישע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן סאָציאַ־ליזם אין אונדזער צייט? איז דאָס טראַגישע אין דעם, וואָס ער איז אויסערלעך צעקלאַפּט? דאָס קאָן מען אָבער בשום אופן נישט באַהויפּטן. די ציפערן וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט דערציילן וועגן דער מאַכט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די געווערקשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע אַרבעטער ציילט מען אין די צענדליקער מיליאָנען. די פּאַרטייען וואַקסן: די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָקאָרשט געמאָלדן, אַז זי האָט 1.300.000 מיטגלידער. די בעלגישע — 630.000 (קעגן

188.000 פאַר דער מילחמה). אין ענגלאַנד שטייט ביים רודער פון דער מלוכה דער אַרבעטער־קלאַס. אין סאָוועט־רוסלאַנד רעגירט אַ פּאַרטיי, וואָס איז אַרויס פון אַרבעטער־שיכטן און וואָס שטיצט זיך פאָרמעל אויף זיי אויך עד היום. אין אַלע פּאַרלאַמענטן און מלוכהשע אַנשטאַלטן פון דער וועלט זענען אין אַ גרויסער מאָס פאַרטראָטן סאָציאַליסטן. שטיצנדיק זיך אויף אַ ריי אָביעקטיווע סימנים האַלטן אַ סך מענטשן, אַז ס'ווערט „ווידער אויפגעשטעלט דאָס פריִערדיקע גלייכגעוויכט”, וואָס איז צעשטערט געוואָרן אין דעם לעצטן יאָרצענדליק.

און דאָך וועט עס קיינער נישט לייקענען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס טראָגט אין זיך אַן אמתן אומרו. אין דעם דאָזיקן „גלייכגעוויכט”, וואָס שטעלט זיך כלומרשט ווידער אויף, פילט ער אַ סכנה. ווייל דאָס באַטייט, אַז אין תוך גענומען וועט אַלץ בלייבן ביים אַלטן. ער האָט אַריבערגעטראָגן אַן אכזריותדיקע מילחמה, נאָר ער פילט פאָרויס נייע מילחמות, ער זעט, ווי טאָג־איין, טאָג־אויס גרייט מען זיי פיבערהאַפט צו פון אומעטום. ער האָט איבערגעלעבט אַ ריי רעוואָלוציאָנערע מהפכות, אָבער ער פילט מיט ביטערקייט און קוקט מיט פאַרוווּנדערונג אויף זייערע נישטיקע פּועל יוצאס. ממש פאַר זיינע אויגן פאַרוואַנדלען זיך די דאָזיקע נישטיקע פּועל יוצאס אין רעאַלע, זיך שטאַרקנדיקע כּוחות נישט נאָר פון דער בירגערלעכער, נאָר אפילו פון דער פעאָדאַלער וועלט. דאָס פאַרגאַנגענע יאָרצענדליק האָט געדאַרפט אייגנטלעך צעשטערן די ווענט פון יריחו. אָבער גייענדיק מיט די אַלטע וועגן ריכטן מיר אַליין ווידעראַמאָל אויף די דאָזיקע ווענט. הונדערטער „געלערנטע” מויערער פון סאָציאַליזם מאַטערן זיך אָפּ בזעת אפּם ביי דער דאָזיקער אַרבעט. עס לעבן אויף נישט וועלכע נישט איז, נאָר דווקא די אַלטע פאָרמען פון ווירטשאַפט און סחורה־אויסטויש, פון מלוכה און דיפּלאָמאַטיע, פון קולטור און קאָלעקטיוו־לעבן. מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך דעם יאוש צוליב נישט דערפילטע האָפנונגען, אָדער וואָס לייגן אַריין זייער גאַנצע חכמה אין דער קריטיק פון באָלשעוויזם, — אַזעלכע מענטשן פירן היינט אָן מיט דער טעאָרעטישער געדאַנקען־אַרבעט. הילפערדינג לערנט תורה אין דעם איינפיר־אַרטיקל פון נייעם טעאָרעטישן זשורנאַל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע („די געזעלשאַפט”): „די אויפריכטונג פון אַ ווירטשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע איז אַ געוואַלטיק קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, וואָס איר לייזונג קען זיך פאַרווירקלעכן נאָר אין משך פון אַ לאַנגן היסטאָרישן פּראָצעס”. דאָס הייסט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון דער גאָרער וועלט וועט אויפריכטיק מיטהעלפן ווידער אויפצובויען די דערשיטערטע יסודות פון קאַפּיטאַליזם, טרייסטנדיק זיך מיט דער נאַיווער האָפנונג, אַז דערפאַר וועט זי אין דער צוקונפט אים באַקומען בירושה אין אַ „געזונטן” צושטאַנד. סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיינען, אַז זיי דינען דער אַרבעטער־זאַך דערמיט, וואָס זיי רוקן אַרויס בעסערע ווי פריער מעטאָדן פון אָרגאַניזאַציע, בעסערע מעטאָדן פון טאַקטיק. זיי זעען אָבער נישט דאָס יסודותדיקע, וואָס פאַרבט אָפּ אונדזער תקופה אין אַ טראַגישער פאַרב. דעם עצם מענטשן האָבן זיי פאַרגעסן. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צו אונדזער

גרויסער עפּאָכע, וואָס טראָגט אין זיך קערנדלעך פון אַ נײַ זיך שאַפנדיקער וועלט, איז גײַסטיק נישטצוגעגרייט דער מענטש, דער סאָציאַליסט, דער אַרבעטנדיקער.

אויף וויפל מען קען רעדן וועגן דער השפּעה פון אידעען אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע, איז דאָס דער מאַרקסיזם, וואָס טראָגט די שולד פאַר דער שרעקלעכער נישט־צוגעגרייטקייט פון דעם אַרבעטער צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דאָס איז דער מאַרקסיזם, וואָס האָט דערנידעריקט דעם קלאַסן־קאַמף פון די אַרבעטנדיקע צו דער ריין־עקאָנאָמישער מדרגה, וואָס האָט דערפירט ביז צו אַ מינימום זייער קרבנות־פעיקייט לשם דער סאָציאַלער אידעע, און האָט זיי דורך דעם געלאָזן אונטער דער שליטה פון אַן אַנדערער, אַ מלוכהש־נאַציאָנאַלער אידעע, פאַר וועלכער זיי לייגן אַוועק מיליאָנען לעבנס. דאָס איז דער מאַרקסיזם, וואָס האָט אין פראָגראַם פון לעבן און קאַמף אַריינגעפירט דאָס שטענדיקע אומקוקן זיך אויף עפּעס אַ געזעצמעסיקייט, וואָס שטייט מחוץ פון מענטשלעכן ווילן, און דורך דעם גופא האָט ער געשמידט אין קייטן די באַגייסטערונג און דעם אידעאַליזם, וואָס זענען פון תמיד אָן אַ שטיק נשמה פון האַרעפּאַשניקעס און דענקנדיקע קרייזן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און, ענדלעך, דאָס איז אויך דער מאַרקסיזם, וואָס האָט צעגלידערט די לעבעדיקע מענטשלעכע געשיכטע און דעם קלאַסן־קאַמף אין געווי באַגרענעצטע, כמעט מאַטעמאַטישע קאָלעקטיווע גופים, אין וועלכע דער קעמפנדיקער מענטש האָט געשפּילט שוין די סאַמע לעצטע אונטערטעניקסטע ראָל. אָט דער צעקאַלעטשעטער מענטש איז צוליב אַלע דאָזיקע סיבות אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו דער אַלטער וועלט, איז געוואָרן אַן עבד פון איר גאַנצער אידעאָלאָגיע. און דאָ איז גאָר קיין חלוק נישטאָ צווישן דעם רעפאָרמיסטישן אָדער באָלשעוויסטישן פליגל פון מאַרקסיזם. סיי דער רעפאָרמיסט, סיי דער באָלשעוויק — זענען משרתים פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, מער נישט, וואָס דער ערשטער ווערט צוגעלאָזן אין אירע הויכע סאַלאָנען, בעת דער צווייטער דרייט זיך אַרום אין קיך. סיי די פרידלעכע הכנעה פון דעם ערשטן און סיי דער בונטאַרישער כעס פון דעם צווייטן — זיי ביידע שטייען אויפן באָדן פון דער בירגערלעכער וועלט, געדולדיק אָדער אומגעדולדיק וואַרטנדיק אויף דער ירושה פון איר.

— II —

דער פיזישער אָדער גײַסטיקער אַרבעטנדיקער מענטש קאָן שוין מער נישט אין אונדזער תקופה פשוט ווערן אַ „סאָציאַליסט”. דאָס דאָזיקע וואָרט איז שוין צופיל פאַרברויכט, צופיל אָפּגעריבן געוואָרן אין דעם וואָכעדיקן מאַרק, אַז עס זאָל קאָנען באַדייטן עפּעס־וואָס קלאָרס. די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן אונדז נאָך מער אויסגעלערנט, אַז אויך דער „אַרבעטער” אַלס אַזעלכער, לויט זיין קלאַסן־מעטריקע אַליין, גאַראַנטירט בשום אופן נישט די פאַרטיידיקונג פון דער אַרבעטער־זאַך.

אויף די שפּיצן פון דער ממשלה האָבן מיר געזען אויפגעקומענע פונם אַרבעטער־קלאַס סיי אין אַ שיידעמאַנישן דייטשלאַנד, סיי אין אַ באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, — און דאָס זענען געווען גאָר אָפּטמאָלס נישט מער ווי פּאַרקרימטע קאָפּיעס פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. אָבער אויך דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס פירט זיין קאַמף אין גדר פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, טראָגט בשום אופן נישט שטענדיק אין זיך די באַוועגונג פאַר דער סאָציאַלער באַפרייונג פון מענטשן. ווייל דער אַרבעטער־קלאַס קען (און ער טוט עס) אָפּהיטן זיינע קלאַסן־אינטערעסן פונקט אַזוי ווי דאָס טוט יעטוועדער אַנדערער קלאַס פון דער געזעלשאַפט: ער קעמפט דעמאָלט נאָר פאַר ארויסצוקריגן אַ גרעסערן חלק פון די פּראָדוקטן אין דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט. דער פּראָלעטאַריאַט דערשיינט דעמאָלט נאָר ווי אַ צעך, אַ צעך פון בעלי־מלאכות. אַ טרעגער פון דער מענטשלעכער באַפרייונג ווערט ער אָבער נאָר דעמאָלט, ווען זיין קאַמף ווערט באַגייסטערט דורך דער „אידעע פון פערטן שטאַנד". גראַד די אַרבעטנדיקע מענטשן פאַרקערפּערן אין זיך צום טיפסטן די דאָזיקע אידעע, אָבער די באַוועגונג פון אַרבעטער ווערט אַן אַ ר ב ע ט ע ר באַוועגונג נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס הערשט אין איר די דאָזיקע אידעע.

וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַן אידעע, אָן וועלכער ס'איז נישטאָ נישט קיין סאָציאַליסט און נישט קיין אַרבעטער?

די דאָזיקע אידעע פאַרלאַנגט, אַז צו דעם פּלאַנטער פון די סאָציאַלע שייכותן זאָל מען צוגיין ניט נאָר מיט דעם איינציקן צוועק פון אַן אויסערלעכער רעוואָלוציע; זי פאַרלאַנגט צו דערזעלבער צייט די ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ י ז י ר ו נ ג פון דעם מענטשן־קעמפער גופא. מיר דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר געוויסע ווערטער, כאָטש מיר הערן זיי אַמאָל אין דעם פיינטלעכן לאַגער: דער סאָציאַליסט נויטיקט זיך אין אַ ג י י ס ט י ק ע ר רעוואָלוציע, אין דעם איבערקער פון דעם גאַנצן אינערלעכן שטייגער פון דעם היינטיקן מענטשן. די גייסטיקע רעוואָלוציע איז נישט עפּעס אַן אויפגאַבע, וועלכע שטעלט זיך אַוועק פאַר אונדז ערשט „אויפן צווייטן טאָג" נאָך דעם נצחון פון סאָציאַליזם, און דאָס איז נישט עפּעס אַ „דריטער פראָנט" פון דער באַוועגונג; דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער פּאָליטישער און סאָציאַלער מהפכה.

סאָציאַליזם הייסט אַראָפּוואַרפן פון זיך אומאויפהערלעך די משא פון עבר, הייסט מנצח זיין דעם דרוק נישט נאָר פון דעם עקאָנאָמישן יאָך אליין, נאָר אויך פון דער גאַנצער בירגערלעכער באַלעבאַטישער גייסטיקער קולטור. סאָציאַליזם הייסט זוכן, ראשית כל, נישט דעם „המשך", נאָר דעם א י ב ע ר ר י י ס, נישט דאָס ווייטערשפּינען פון היסטאָרישע פעדים, נאָר דאָס שטעלן זיך כנגד דער וועלט־געשיכטע. סאָציאַליזם באַטייט דערהויבן די רעוואָלוציע צו אַ פּרינציפּ אין מחשבה און מעשה, ווען נישט הערשט שטילשטאַנד, זעלבסט־באַרויקונג און גייסטיקער טויט, ווי געוואַלדיק עס זאָל נישט בלייבן אויסערלעך די „באַוועגונג". ווייל אונדזער קעגנער איז נישט נאָר בורזשואַזיע, נישט נאָר קאַפּיטאַליזם, נישט

נאָר ליבעראַליזם; אונדזער געפערלעכסטער קעגנער — ווייל ער איז בלוט פון אונדזער בלוט — איז דער פאַלשער סאָציאַליזם. די פאַלשע תורה, וואָס איז מקבל באהבה אי די מלוכה, אי די ממשלה, אי דאָס באַאַמטנטום, אי די גאַנצע פאַרשימלטע וועלט.

מיר וועלן דאָ נישט באַרירן אַלע טעמעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אידעע פון אַ גייסטיקער רעוואָלוציע אין סאָציאַליזם. אַזעלכע טעמעס זענען דאָ פונקט אַזוי פיל, וויפל ס'איז דאָ צווייגן און אָפּצווייגן פון לעבן, וואָס ווערן אַרומגענומען פון סאָציאַליזם, ד. ה. טאַקע, אַז די דאָזיקע טעמעס פאַרשפּרייטן זיך אויף אַלע ליניעס פון לעבן. פאַר זיי אַלע מוז אָבער זיין כאַראַקטעריסטיש איין שטריך: אַ מוטיקע קריטיק פון אַלע טראַדיציאָנעלע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָסמאָל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איין פּראָבלעם, וואָס שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער באַשטימונג פון ווילן פון די אַרבעטנדיקע, אויף דער פּראָבלעם פון דעם פּאָליטישן און ווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכן סדר, אויף דער פּראָבלעם פון דעמאָקראַטיע.

די לינקע נאַראָדניטשעסטוואָ שטו־עבט נישט נאָר צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אַליין; זי וויל דערציען אויך דעם סאָציאַלן רעוואָלוציאָנער. דערפאַר לייקנט זי אָפּ די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע אין אַלע אירע פאָרמען און מינים. ווי דעמאָקראַטיש עס זאָל נישט זיין דאָס וואַלרעכט, ווי ווייט עס זאָלן נישט זיין דורכגעפירט די פּרינציפּן פון דעצענטראַליזאַציע אָדער רעפערענדום, דאָך בלייבט די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע שטענדיק דאָס, וואָס זי איז: זי איז — דעקמאַנטל פונם קאַפּיטאַל. ווי אַ צענויפגעדרייטע שלאַנג איז זי אָפּטמאָל נישט קענטיק פאַר דעם מענטשן, וואָס בלאָנדזשעט אין דעם סאָציאַלן וואַלד פון אונדזער תקופה. אָבער ווען ס'קומט די צייט, דרייט זי זיך פונאַנדער און שטעקט אַרויס איר גיפטיקע צונג. ערב די הייסע סאָציאַלע קאַמפן, אין דער ציניש‍ער אונטערדריקונג פון קאָלאָניאַלע פעלקער, אין אַ קונציק־דיפּלאָמאַטישער הכנה פון מילחמות, אָט־אָ דאָ שטעקט זיך אַפן אַרויס די גיפטיקע צונג. אָבער אַ סך געפערלעכער זענען נישט די אָפענע אָנפאַלן פון דעם דעמאָקראַטישן רעזשים; געפערלעך איז זיין אידעאָלאָגיע וועלכע זאַפּט אָן דורך די לייכטע בגדים און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם מיטל־מענטשן. אַזוי לאַנג ווי זיי ביידע, די עקספּלואַטאַטאָרן און די עקספּלואַטירטע, וועלן געמיינזאַם, אויף גלייכע דעמאָקראַטישע יסודות, פירן די אַרבעט פון אַ מלוכה, וועט קיינמאָל נישט פאָרקומען צווישן זיי קיין גייסטיקער ברוך, ווייל זיי בלייבן ברידער פון איין צעך, שותפים פון איין אונטערנעמונג. אָט די דאָזיקע „ברודערשאַפט" זייערע ווערט אַריבערגעטראָגן פון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע אין גאַנצן לעבן, אין פאַבריק, אין גאַס. און דאָרטן, אין דער פּראַקטיק פון דער ווירטשאַפטלעכער שותפות, ווערן זיי צענויפגעשמאָלצן אין איינס אויפן יסוד פון אַ כלומרשטנייער סיסטעם פון „ווירטשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע". דערווייל אָבער, אַזוי לאַנג ווי זיי ביידע „שאַפן" צוזאַמען דאָס לעבן און דינגען אויס הנחות איינער ביי

דעם צווייטן, פעלט אויס אין דער וועלט דאָס פּאַרגעפּיל פון אַ סאָציאַלער קאַ־טאַסטראָפע, פעלט אויס די זעלישע צוגרייטונג פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן צו דער רעוואָלוציע. דאָס באַוווסטזיין פון דעם אַרבעטנדיקן געפינט זיך דערמאָלט אויסשליסלעך אונטער דער שליטה פון דער בירגערלעכער קול־טור מיט אירע פאַרשטעלונגען פון מעשים טובים, העלדישקייט, כבוד, שיינ־קייט, מוט. די נאַיווע לומדים פון סאָציאַליזם גלויבן, אַז אויך די כוואַליעס פון אַ דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונג וועט דער פּראָלעטאַריאַט אומבאַמערקט צושווי־מען אַהין, וווּ מען קען זיך, אייגנטלעך, דורכרייסן נאָר מיט איבער־היסטאָ־רישע אָנשטרענגונגען פונם ווילן. דערווייל אָבער איז די דעמאָקראַטיע געפער־לעך נישט נאָר דורך דעם, וואָס אומעטום, ווו נאָר די אַרבעטנדיקע האָבן איר גע־האָלפן זיך איינצופונדעווען, האָט זי זיך גאָר גיך געקערט מיטן שפּיץ קעגן זיי; נאָר זי איז געפערלעך הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל אַנדערש קען דאָס גאָר אויך נישט זיין. אין דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע — ווו ווי ביי קליינע קינדער ווערט פאַרוויגט זייער באַוווסטזיין — קענען די „אַרבעטנדיקע" געדעכנט ווערן אַלס אַזעלכע נאָר לויט זייער צעבאָוון סימן, און נישט לויט דער „אידעע פון פערטן שטאַנד": זיי ווערן אַסימילירט דורך די הערשנדיקע קלאַסן. די געפאַר פון בירגערלעכער דעמאָקראַטיע שטעקט נישט נאָר דאָרטן, ווו זי איז זיך מכניע אונטער דעם געפּאַנצערטן קולאַק פון דער בורזשואַזיע, ווייל גראַד דאָרט מיידט מען זי גיכער אויס; די געפאַר איז הויפּטזעכלעך דאָרטן, ווו דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ ווערט „פאַרווירקלעכט" (ענגלאַנד!). זי איז געפערלעך דערפאַר, ווייל די בורזשואַזיע האָט נישט דאָרטן קעגן זיך אין דעם אַרבעטער־קלאַס דעם עכטן קלאַסן־קעגנער, דעם טרעגער פונם סאָציאַלן איבערברוך.

דערפאַר אַנערקענען מיר די ראַטן, ד. ה. די אויפריכטונג פון אַן אַרבעטנ־דיקער דעמאָקראַטיע. די ראַטן זענען נישט בלויז אַ בעסערער „קאָנסטיטור־ציאָנעלער" טיפּ פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, ווי דאָס זענען מבטל די מענשעוויקעס פון דער גאָרער וועלט, נאָר זיי באַפרייען די אַרבעטנדיקע קודם כל פון דער מאַכט פון דער גייסטיק־בורזשואַזער טיראַניי, ד. ה. זיי זענען שטענ־דיק די התחלה פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דאָרטן און אין יענ־נע אָרגאַנען, ווו די אַרבעט־מענטשן וועלן זיך געפינען נאָר אונטער זיך אַליין, וועלן זיי ממילא אוועקשטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע פון זייער פולשטענדיקער באַפרייונג.

— III —

די לינקס־נאַראָדנישע באַוועגונג באַציט זיך אָבער נעגאַטיוו נישט נאָר צו דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע אַליין; זי באַציט זיך נעגאַטיוו אויך צום מלו־כהשן פּרינציפּ פון דער געזעלשאַפט בכלל. די מלוכה, די האַרמאָניש יווירקנדיקע מאַשין, וואָס כאַפּט אַרום און אַרום דאָס לעבן פונם בירגער, וואָס איז צענטראַליסטיש לויט איר נאַטור און מאַכטהאַבעריש לויט איר מהות, —

אַט די דאָזיקע מלוכה רופט אין אונדז נישט אַרויס קיין שום געפילן פון אַכטונג, פאַרקערט, נאָר געפילן פון זאָרג און קעגנערשאַפט. נאָר די טעמפּע יורשים פון דעם בורזשואַזן צייטאַלטער קענען שטיין אויף די קני פאַר דעמדאָזיקן געטש אין מונדיר, וואָס האָט פאַר אונדזערע אויגן מיטן סם פון מאַכט פאַרדאָרבן סיי די רעפאָרמיסטן, סיי די באָלשעוויקעס. אַ מלוכה, וואָס איז נישט צעטרייסלט אין אירע יסודות, הרגעט אַוועק די פרייהייט סיי פון די הערשנדיקע, סיי פון די באַהערשטע. דערפאַר טאַקע שטרעבן מיר נישט אַנטייל צו נעמען אין דער בירגערלעכער מלוכה און מיר ווילן נישט, אַז איר גדולה זאָל אויפלעבן אין דער נייער געזעלשאַפט. מיר ווייסן, אַז דער סאָוועט קען ווערן און איז שוין געוואָרן פונקט אַזאַ מין „סוווערען" ווי דער מאָנאַרכישער הויף און דער בירגערלעכער פּאַרלאַמענט. מיר קענען נישט פּרעדיגן און מיטהעלפן פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס פוילט פאַר אונדזערע אויגן. די מלוכה, אַלס אַן אידעע און אויספאַרמיידלעכער פּרינציפּ, האָט אין דעם באַוווסטזיין פונם אַרבעטנדיקן פאָלק שוין געקריגן אַ קלאַפּ, און אונדזער אויפגאַבע איז די דאָזיקע אידעע צו עלימינירן, אַראָפּשטופּן זי אין תהום פון דעם עבר. ווען מיר דער מלוכה פרייוויליק ווידעראַמאָל דערלאַנגען כאָטש איין פינגער פון „אנערקענונג", דאַן וועלן מיר צוריק אומקערן דער דערשיטערטער וועלט די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע און דעם גאַנצן שטייגער פון מלוכהשקייט און גייסטיקער קנעכטשאַפט. מיר וועלן ווידער אַריינזעצן דעם טשינאָווניק און זשאַנדאַרם אין דער נשמה פונעם מענטשן.

דערפאַר טאַקע לייקענען מיר דעם דעמאָקראַטיש בירגערלעכן פּאַרלאַמענט צוליבביידע טעמים. לויט זיין סאָציאַלן באַשטאַנד פאַרדעקט ער די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, ד. ה. ער איז פיינטלעך דער סאָצ. רעוואָלוציע. און לויט דער אַרט פון זיין אַרבעט פאַרפעסטיקט ער דעם עכט־מלוכהשן פּרינציפּ. צוליב דער ערשטער סיבה בלייבט אָפּגענאַרט דעם מענטשנס אַרבעט, צוליב דער צווייטער — די פרייהייט זיינע. דערפאַר טאַקע פאַרגעטערן מיר נישט אויך די סאָוועטן. אמת, זיי זענען פריי פון דער סאָציאַלער געפאַר, אָבער זיי קענען טראָגן אין זיך די מלוכה־געפאַר. מיר זוכן דערפאַר אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אין וועלכער דער סאָוועט ווערט אויסגעליידיקט פון דער הויפּטמאַסע פון יענע פונקציעס, וואָס מאַכן אים פאַר דעם אַליין־הערשנדיקן מושל פון די ווירטשאַפטלעכע פונקציעס. אַזוי לאַנג ווי דער סאָוועט וועט האַלטן אין זיינע הענט אַלע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס, און אויך די ווירטשאַפטלעכע בתוכם, וועט ער ווירטשאַפטן איבער דעם ווילן און דער נשמה פונם מענטשן.

און דאָ גייען מיר אויף די וועגן, וואָס זענען שוין פון לאַנג אָן דורכגעטראָטן פונם רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם. דאָס גרויסע פאַרדינסט פונם סינדיקאַליזם באַשטייט דערין, וואָס ער האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט דער טראַדיציאָנעלער פאָרמול פון סאָציאַליזם — פאַרגעזעלשאַפטונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען — וועלכע פאַרענטפערט נאָר איין שטרעבונג פון די אַרבעטנדיקע: צו באַפרייען זיך פון דעם דרוק פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום.

דער סאָציאַליזם אין זיין אַלטן נוסח האָט אָבער נישט געשטעלט פאַר זיך די פראַגע וועגן די מעגלעך־פּריסטע פאָרמען פון ווירטשאַפטן און אָנפירן מיט דער פאָלקסווירטשאַפט, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט איבערגענומען, אַלס איינציק ריכטיקע, די צענטראַליזאַטאָרישע און מלוכהשע פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם. דער סינדיקאַליזם האָט דער ערשטער שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע: ס'איז נישט נאָר וויכטיק אויסצוקעמפן, אַז די בירגערלעכע ווירטשאַפט זאָל פאַרשווינדן, ס'איז נישט ווייניקער וויכטיק צו זיכערן דאָס פרייע שאַפן אין דער פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט. דאָס אָנפירן מיט דער ווירטשאַפט דאַרף זיך דערפאַר קאָנצענטרירן נישט אין די מלוכהשע אינסטאַנצן, נאָר אין די פאַראייניקונגען פון די אומִמיטלבאַרע פּראָדוצירער (פיזישע און גייסטיקע), אין סינדיקאַטן, וווּ עס ברויזט און בליט זיך פונאַנדער די שעפערישע ענערגיע פון די אַרבעטער, וווּ די מייסטערשאַפט פון דעם קינסטלער און די פרייע אַרבעט לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף אַלע פּראָדוקטן פון שאַפן. דאָס איז געווען אַן אומגעוויינלעך פּראָדוקטיווער געדאַנק, וואָס האָט אונדז גאָר נאָענט צוגעפירט צו דעם טיפסטן זין פון סאָציאַליזם: פאַרניכטונג נישט נאָר פון מאַטעריעלן דלות, נאָר אויך פון דער גייסטיקער אָרעמקייט, וואָס קען זיך צעוואַקסן אפילו אין דער איינגעאָרדנטער און זאַטער געזעלשאַפט. דורך זיין אינערלעכן פּאַטאָס האָט דער סינדיקאַליזם פאַרמשפּט צו שפּאָט און פאַראַכטונג דעם טשינאָווניק, די גדלות און עם־הארצות, וועלכע ס'טראָגט אין זיך די מלוכהשע ווירטשאַפט און וועלכע דער אַלטער סאָציאַליזם שלעפּט מיט זיך מיט אין דער נייער וועלט.

אָבער ווען מיר נעמען אפילו אַריין אין זיך די סינדיקאַליסטישע טעמע פון סאָציאַליזם, זענען מיר פונדעסטוועגן נישט קיין סינדיקאַליסטן. מיר זענען עס נישט דערפאַר, ווייל באַרוישנדיק זיך מיט זיין אייגענער אידעע, איז דער סינדיקאַליזם אַליין אַריינגעפאַלן אין דעם חטא פון אַ ריין מלוכהשן בוי פון געזעלשאַפט: ער האָט געשאַפן אַ נייעם זעלבסטהערשנדיקן באַלעבאָס איבער דעם בירגער — דעם סינדיקאַט. אויב אַלע פונקציעס פון דער געזעלשאַפט — סיי ווירטשאַפטלעכע, סיי פּאָליטישע, סיי קולטורעלע — וועלן זיין קאָנצענטרירט אין איין איינציקן אָרגאַן, דעמאָלט — מעג ער זיין געבויט ווי מען וויל — וועט דער דאָזיקער אָרגאַן, וועלן די מענטשן, הייסט עס, וואָס ווירקן אין אים, אָנהויבן מגושם צו ווערן אין אַ ממשלה, וואָס באַלעבאַטעוועט איבערן מענטשן. אָבער נישט געגוג דערמיט: אין סינדיקאַט איז קאָנצענטרירט די גאַנצע ענערגיע, דער גאַנצער שכל און טאַלאַנט פון מענטשן אַלס פּראָדוצירער. אָבער דאָס לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט שעפּט זיך להלוטין נישט אויס נאָר מיט דעם „פּראָדוצירן" אוצרות, און דער צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט נאָר פון אַ פּראָדוצירער־שטאַנדפּונקט אַליין, וואָלט באַטייט איר פאַרקריפּלונג. נישט נאָר פּראָדוצירט דער מענטש אוצרות, נאָר ער פאַרברויכט און געניסט זיי. געווים קען מען די ביידע דאָזיקע באַגריפן, פון פּראָדוצירן און געניסן, פאַראייניקן אין אַ העכערן באַגריף פון שאַפן. אָבער מיר

מוזן דיביידע יסוד־פונקציעס פון דער מענטשלעכער נאַטור פונאַנדערשיידן דורך זייערע פּרינציפּיעלע חלוקים. אַ האַרמאָניש־געבויטע געזעלשאַפט קען נישט צו־לאָזן אַזאַ מין אָרדענונג, וואָס וואָלט געוואָרן אַ דיקטאַטור פון פּראָ־דוציר ער.

נישט ווייניקער ווי אין פּראָדוצירן איז די געזעלשאַפט פאַראינטערעסירט אין דער קונסט פון פאַרטיילונג, פון פאַרברויך פון גיטער; זי מוז מאַכן באַשטע־לונגען ביי די פּראָדוצירער אין נאָמען פון די בירגער־קאָנסומענטן (געניסער). אַ פרייע געזעלשאַפט מוז ראשית כל זיכערן די באַפרידיקונג פון אַלע מענטשלע־כע באַדערפעענישן, זי מוז לאָזן אָפן אַלע וועגן פאַר דעם שטענדיקן וווקס, פאַר־טיפונג און פאַרפולקאָמונג פון די דאָזיקע באַדערפעענישן. אַ נייע אַנטוויקלונג פון באַדערפעענישן, אויפן שפּיץ פון וועלכע עס שטייט דאָס פון לאַווראָוון פאָרמולירטע באַדערפעניש פון אַנטוויקלונג, — דאָס איז דער יסודעסדיקער גייס־טיקער מעכאַניזם און מאָטאָר פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג זענען אַלע מענטשן גלייכ־ציַיטיק סיי פּראָדוצירער, סיי קאָנסומענטן, דערשיינען אָבער די מענטשן אין יעדן באַזונדערן לעבנס־געביט אָדער אין איינער אָדער אין דער אַנדערער אייגנשאַפט; און דעמאָלט געפינען זיי זיך יעדעס מאָל אין איינער פון די ביידע גרו־פּירונגען, וואָס שטייען זיך אַנטקעגן. אַנשטאָט אַ סך משלים איז דאָ גענוג צו דער־מאָנען וועגן דריי פּאָר גרופּירונגען: סינדיקאַט אָדער גילדיע פון לערער (פּראָדו־צירער) — עלטערן און שילער (קאָנסומענטן); סינדיקאַט פון מעטאַליסטן (פּראָדוצירער) — פּויערים (קאָנסומענטן פון מעטאַל); פּויערישער פאַרבאַנד (פּראָדוצירער) — מעטאַליסטן (קאָנסומענטן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן). אַט פאַרוואָס דער סינדיקאַט נעמט אַרום נאָר איין פלאַך פון מענטשלעכן שאַפן. פּונקט אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע און אַנטוויקלונג נויטיקט זיך אויך דער קאָנסומענט, וועלכער האָט אין דעם סאָציאַלן געביי זיינע אייגענע אומצייליקע אינטערעסן. דער קאָנסומענט איז אויך עקאָנאָמיש פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז זיינע פּלענער און אָנשויאונגען וועגן די הצטרכותן פון דער געזעלשאַפט זאָלן פאַררעכנט און פאַרבונדן ווערן מיט די פּלענער און די אָנשויאונגען פון די נאָר—פּראָדוצירער. אויב נישט, וועלן זיך דאָ אָנהייבן די סאַמע פּשוטע קאָנקורענץ און קאַמף.

אָבער דאָס געניסן איז נישט נאָר אַ „ווירטשאַפטלעכע" פאַרטיילונג פון אוצ־רות, עס ווערט דאָך פאַרטיילט אויפן יסוד פון עפּעס אייגענע קולטור־פּרינציפּן. און דער דאָזיקער קולטורעלער שטאַנדפּונקט, וואָס מאַכט די אָדער יענע „באַ־שטעלונגען" ביי די פּראָדוצירער, קאָן אָפּטמאָל לחלוטין נישט צוזאַמענפאַלן מיט די אידעען, וועלכע פירן אָן מיט דער אַרבעט פון די סינדיקאַטן. און סוף כל סוף איז דאָס געניסן פון גיטער (באַזונדערס גייסטיקע) אַליין פאַר זיך שוין אַ באַזונ־דער אַרט „פּראָדוקציע", אויף אַזוי פיל, ווי יעטוועדע אויפנאַמע פון פרעמדן שאַפן פאַרוואַנדלט זיך אַלץ מער פון אַ פּאַסיוון אין אַן אַקטיוון און זעלבשטענדיק־שעפערישן פּראָצעס. ס'איז קלאָר, אַז דער מענטש־קאָנסומענט האָט גענוג טעמים

צו וועלן אויסדריקן זיינע ווּנשן אין אַ קאָלעקטיוו־אָרגאַניזירטער פאָרם. די דאָזיקע פאָרם פון אָרגאַניזירטן שעפערישן געניסן דערבליקן מיר אין די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע קענען זיין לויטן טיפּ אַזוי פיל, וויפל באַדערפענישן און אינטערעסן ס׳איז דאָ אין דער געזעלשאַפט.

און דעמאָלט מאָלט זיך פאַר אונדז אויס די הויפּט־קאָנסטרוקציע פון דער געזעלשאַפט שוין אין אַ מער קאָמפּליצירטער פאָרם, ווי דאָס גיט דער סינדיקאַליזם: אין אַ פאָרם פון אַ סינדיקאַל, קאָאָפּעראַטיווער פעדעראַציע. די פאַרבינדונג פון די פּראָדוצירער־ און פון די קאָנסומענטן־פּראָגראַמען זוכן מיר נישט אין דעם איינציקן גואל — אין דעם מלוכה־אָרגאַן — נאָר אין דער פאַריייניקטער, אָדער באַזונדער עקזיסטירנדיקער אַרבעט פון סינדיקאַט און קאָאָפּעראַטיוו, וועלכע וועלן דורך זייער פילקייט אַרומנעמען אַלע אַנטפּלעקונגען פון מענטשלעכן שאַפן.

אָבער אונדזער בילד איז נאָך נישט פאַרענדיקט. דער מענטש לייזט נישט נאָר די אויפגאַבן פון פּראָדוצירן און קאָנסומירן אוצרות, ער שטעלט נאָך תמיד פאַר זיך און לייזט אַנדערע אויפגאַבן: ווי אָפּצוהיטן און צו אַנטוויקלען זיין וויכטיקסטן אוצר — דעם סאָציאַליזם. שוין נישט מער אַלס פּראָדוצירער אָדער קאָנסומענט, נאָר פּשוט אַלס בירגער־מענטש, טראָגט ער די זאָרג וועגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער זיכערקייט פון דער נייער געזעלשאַפט, וועגן איר דיפּלאָמאַטישער און קעמפערישער אַרבעט (אַזוי לאַנג ווי די קאַפּיטאַליסטישע וועלט עקזיסטירט נאָך), וועגן דעם געריכטלעכן זעלבסטשוץ פון די בירגער און — וואָס דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — וועגן דער קריטיק פון דעם דורכגעמאַכטן וועג און אָנצייכענונג פון די ווייטערדיקע לעבנס־פּלענער. אָט די לעצטע — קולטור־פילאָזאָפישע — אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט וועט אַממיינסטן זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע וועט אייביק שטרעבן צו נייע האָריזאָנטן און צו נייע אויפשטיגן. די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, דערהויבנדיק זיך איבער דער, ווען אויך שעפערישער, פונדעסטוועגן טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון מענטשן, וועט שטענדיק איבעראַנייס שטעלן די פראַגן וועגן דעם זין פון לעבן און געזעלשאַפט, וועט שטענדיק אַריינציען אין פייער פון קריטיק דאָס אַרבעטן, דאָס פּראָדוצירן, דאָס קאָנסומירן גופא. אַזעלכע אויפגאַבן וועט דער מענטש שטעלן שוין נישט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון אינדיווידועלן אָדער קאָלעקטיוון פּראָדוצירן און קאָנסומירן, נאָר אויפן יסוד פון זיין גאַנצן איך, פון זיין גאַנצער לעבנס־דערפאַרונג (נישט נאָר אין באַטריב אָדער קאָאָפּעראַטיוו, נאָר אויך אין דער משפּחה, אין דער נאַציע, אין דער פּאַרטיי, אין דער אידעאָלאָגישער שול), אַלס אוניווערסאַלער דענקער און קינסטלער. ווּ וועט ער דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבן?

און אונדזער תשובה איז — אין די סאָוועטן, אין די ראַטן פון די אַרבעטנדיקע־דעפּוטירטע. אַ וועלכער נישט איז רעאַלער טייל פון געזעלשאַפטלעכער מאַכט וועט דאָך זיין קאָנצענטרירט אין אָט די „פּאָליטישע״ סאָוועטן, פּונקט אַזוי,

ווי אויך אין די סינדיקאַטן און קאָאָפּעראַטיוון. די עצם מאַכט וועט זיין צעשטיקלט צווישן זיי, פונאַנדערגעשטויבט אין אַ סך אָרגאַנען, פונאַנדערגעטיילט אין די הענט פון די בירגער. דער מענטש גופא וועט נישט זיין קיין אינסטרומענט אין די הענט פון אַ וואָסער נישט איז א י י נ א י נ צ י ק ע ר סיסטעם פון אָרגאַנען, פון וועלכן ס'איז נישטאָ ווו צו ראַטעווען זיך און אויף וועלכן ס'איז נישטאָ ווו צו אַפּעלירן. אין דעם קאָמפּליצירטן, דרייפאַכיקן סיסטעם פון אָרגאַנען וועט אומפאַרלעצט דערהאַלטן ווערן די פרייהייט פונעם מענטשן, וועלכער ווערט נישט אינגאַנצן פאַרשלונגען דורך קיינעם פון די דאָזיקע אָרגאַנען, נאָר גייט אומעטום אַריין אַלס אַן אַקטיווער אַנטיילנעמער פון זיי. ווי עס האָבן ריכטיק אָנגעוויזן די ענגלישע טעאָרעטיקער פון גילד־סאָציאַליזם, נאָר די פילפאַכיקע פאָרשטייערשאַפט פונעם מענטשן אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס זיכערט אַמבעסטן די פאַכמענישע גענויטקייט פון די פאָרשטייער זיינע און דערפירט ביז צום מינימום די מושלדיקע נאַטור פון יעטוועדער פאָרשטייערשאַפט. אָט די דאָזיקע פילפאַרביקע, מיט גייסטיקע זוכענישן אָנגעזאַפּטע קאָלעקטיוויטעט וועט זיין ביכולת נישט צו ממיתן, נאָר צו שטאַרקן די פרייע פערזענלעכקייט.

ציִ איז אָבער די דאָזיקע געזעלשאַפט, אין וועלכער די גרונט־פונקציעס זענען פאַרטיילט לויט דריי פאַרשיידענע פּיראַמידן, און ווו די פּיראַמידן גופא זענען געבויט אויף דעם סאַמע ברייטן יסוד פון פעדעראַליזם — ציִ איז אַזאַ מין געזעלשאַפט אין איר מהות אַ מ ל ו כ ה? צום באַדויערן מוזן מיר ענטפערן, אַז יאָ.

מיר זענען נישט קיין אַ נ אַ ר כ י ס ט ן, ווייל ביז אַהער האָבן מיר נישט אַרויסגעפונען אין אונדזער לאָגישער פאָרשטעלונג קיין שום רעאַלע געשטאַלט פון דער אַנאַרכיע. מיר ווילן איבערברעכן אין סאַמע מיטן דעם געביין פון דער אַלטער מלוכהשקייט, אָבער אויף אירע חורבות דערבליקן מיר נישט דעם סודותדיקן פּנים פון אַנאַרכיע, נאָר אַן אַנדער טיפּ פון געזעלשאַפט, אין וועלכן עס דערהאַלטן זיך קריסטאַלן פון מ אַ כ ט. אַ צעשטויבטע מאַכט — איז דאָך אַ מאַכט, וואָס מיר קענען פאָדערן פון זיך אין אונדזער שטרעבן צו אַ רעאַלן מאַקסימום, איז נאָר דאָס אַ נ אַ ר כ י ז י ר ן פון דער מאַכט. אָבער אין דעם גאַנצן פאַרלויף פונם געשיכטלעכן פּראָצעס, וואָס מען קען פאָרויסזען, בלייבט זי שטעקן — סיי אין די סאָוועטן, סיי אין די סינדיקאַטן, סיי אין דער קאָאָפּעראַציע. אמת, מיר זענען קעגן דער אויבערהערשאַפט פון איין הויפּטאָרגאַן; אמת, מיר וועלן זוכן די לייזונג פון אַלע מעגלעכע קריזיסן און מחלוקתן פון דער נייער געזעלשאַפט אין דער קאָאָרדינירונג, אין דעם צונויפרעדן זיך אין דער פעדעראַציע פון די פאַרשיידנאַרטיקע אָרגאַנען. אָבער סוף כל סוף ווערט עפּעס אַ סוווערענער ווילן פון דער געזעלשאַפט יעדעס מאָל געשאַפן. און דער דאָזיקער ווילן איז מכניע זיך דעם איינצלנעם מענטשן. לאָמיר נאָר זאָרגן וועגן דעם, אַז אָט דער סוווערענער ווילן זאָל נישט אָפּטויטן דעם אייביק־בונטאַרישן גייסט אין דעם מענטש, ווען עס וועט שלאָגן די שעה פון מרידה אויך קעגן אונדזערע, היינט אַזעלכע פאַנטאַסטיש־ווייטע אידעאַלן.

## IV

די געדאַנקען, וואָס מיר האָבן אַנטוויקלט אין די פריִערדיקע קאַפּיטלען, זענען אין אַלגעמיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לינקער נאַראָדניטשעסטוואָ ביים אויפבויען איר געזעלשאַפטלעכן א י ד ע אַ ל. אָבער „אידעאַלן” זענען פאַר אונדז נישט נאָר שיינע פלענער פון דעם ע ת י ד, וועלכע קענען ווערן אויסגעאַרבעט מיט אַזאַ סיסטעמאַטישער פּינקטלעכקייט נאָר דערפאַר טאַקע, ווייל זיי איז לחלוטין נישט באַשערט מקוים צו ווערן אין דער קעגנוואַרט. אַזאַ רויִק־קאַלטע באַציִונג צום אידעאַל וואַרפן מיר אָפּ מיט דער גרעסטער ענערגיע. פאַרקערט, מיר ווילן, אַז די די אָנפירנדיקע אידעען פון אַ אידעאַלן לעבנס־סדר זאָלן זיך לייגן אין יסוד פון דעם גאַנצן פּראַקטישן קאַמף פון דער לינקער נאַראָדניטשעסטוואָ, סיי אין דער א י ב ע ר ג אַ נ ג ־ ע פּ אָ כ ע צום סאָציאַליזם (אָנהויבנדיק פון דעם צווייטן טאָג נאָך דעם איבערקער), סיי אין דער צ ו ג ר י י ט ו נ ג־תקופה צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ס׳איז לחלוטין אוממעגלעך, אַז אין אָט ד י ד אָ ז י ק ע עפּאָכן (וועלכע זענען די גרונטלייגנדיקע פאַרן סאָציאַליזם) זאָלן געשאַפן און פאַרפעסטיקט ווערן (אין דעם באַוווּסטזיין פון די אַרבעטנדיקע) אַזעלכע אַנשטאַלטן און פּרינציפּן, וואָס זאָלן אין תוך זיין אַ פולשטענדיקער היפּוך צום אידעאַל. דערפאַר טאָקע טאָר נישט די איבערגאַנג־תקופה זיין אַ מקור פון אַ נייעם אויפבלי פון מ ל ו כ ה ש ע ר אידעאָלאָגיע. ווייל פון אַ פעאָדאַל־פּראָלעטאַרישן סדר, וואָס עס שאַפט דער באָלשעוויזם, קען נישט געבאָרן ווערן אַ קלאַסנלאָזע און מלוכה־לאָזע געזעלשאַפט. דערפאַר טאַקע טאָר נישט די איבערגאַנג־תקופה, דורך דער פאַרייביקונג פון ד י ק ט אַ ט ו ר און טעראָר, מאָראַליש צעשטערן די מענטשלעכע אומאָפּהענגיקייט און סאָלידאַריטעט, ווייל פון אַזאַ רעזשים קענען נישט אויסוואַקסן די דורות פון אַ נייער געזעלשאַפט. אָט פאַרוואָס די לינקע נאַראָדניטשעסטוואָ אַקצעפּטירט אַ דיקטאַטור פון די אַרבעטנדיקע אין דער איבערגאַנג־תקופה, אָבער האַלט זי נישט פאַר קיין ז ע ל ב ס ט צ ו ו ע ק און וואַרפט אָפּ בכל אופן איר ירידה צו אַ דיקטאַטור פון איינצלנע מענטשן.

אָט פאַרוואָס פאַר די לינקע נאַראָדניטשעסטוואָ (פאָלקיזם) מאָלט זיך אַנדערש אויס די אויפגאַבע פון אַ פּאָליטישער פּ אַ ר ט י י. ביז איצט האָבן אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, — נישט נאָר די, וועלכע בילדן קליינע קרייזלעך פון מענטשן, נאָר אויך די, וואָס טרעטן אויף ווי מאַסן־קאָלעקטיוון — געשטרעבט אויסשליסלעך אַריינצוכאַפּן די מאַכט. אָט־דאָס אַריינכאַפּן די מאַכט, כאָטש אפילו מיט די בעסטע כוונות, ברענגט שטענדיק סוף כל סוף דערצו, אַז אַ נייער בינטל מענטשן זעצט זיך אַרויף אויפן טראָן פון דער געזעלשאַפט. פאַר אונדז איז אַ פּאַרטיי אָדער אַ פאַרבאַנד — נאָר אַן א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ע אָרגאַניזאַציע, וואָס גייט בראש פון די שוועד טרעטנדיקע מאַסן, נישט צוליב דער דעראָבערונג פון דער מאַכט פאַר זיך, נאָר כדי צו נעמען אויף זיך די ערשטע קלעפּ פון דעם שונא. פּאַרטייען זענען אָפּטמאָל נישט מער ווי צו פריע מבשרים, וועלכע ס׳איז באַשערט

דער מזל פון קאָלעקטיווע גוסן און גאַליִלֵעיִען. דערפאַר אָבער וועקן די פּאַרטייען די גייסטיקע כוחות פון די מאַסן, טרייסלען פונאַנדער די טראַדיציעס און אָרגאַניזירן דעם קאַמף. ווי שטאַרק די אַנאַרכיסטן אָדער די סינדיקאַליסטן זאָלן נישט לייקענען די אידעע פון אַ פּאַרטיי און מבזה זיין די „פּאָליטיקאַנער" פון די פּאַרטייען, מוזן אָבער אויך זיי אָרגאַניזירט זיין אין אַ וועלכן נישט איז אידעאָלאָגישן „פאַרבאַנד", אויב זיי ווילן רעאַל ווירקן אויף אַ מאַסן אַרבעטער־באַוועגונג און ווילן זי נישט איבערלאָזן אין אַ פּאַרמלאָזן און אידעענלאָזן צושטאַנד. אויב אָבער מיר באַשטימען די אויפגאַבע פון אַ פּאַרטיי אַלס „אידעאָלאָגישע", טאַ צי באַדייט דאָס, אַז מיר ווילן נישט זען אין איר קיין דראַנג צו אַ ק ט י ו ו י ט ע ט, צו אַ זיג, צו אַ צעשטערונג פון דער אַלטער וועלט, אַז מיר פאַראורטיילן די פּאַרטייען צו דערפילן נאָר אויפגאַבן פון ריין גייסטיקע פ ר י י ד י ק ע ר?

לחלוטין נישט. אַזאַ געדאַנקענגאַנג איז ווילד פרעמד דער רעוואָלוציאָנערער נאַראָדניטשעסטוואָ, וואָס האָט בשעתה אַליין אַרויסגערוקט די אידעע פון אַ קעמפנדיקער און „איניציאַטיווער מינדערהייט". די פּאַרטייען דאַרפן נישט נאָר באַזיצן דעם ווילן צו מאַכט און צום ניצחון איבער דער אַלטער וועלט, נאָר דווקא זיי זענען, נאָך מער ווי די מאַסן אַליין, אָנגעלאָדן מיט דעם ליידנשאַפטלעכן ווילן צו דער דאָזיקער מאַכט. און נאָר אַ דאַנק אַזאַ דינאַמישער קראַפט קענען זיי אויך שטיין בראש פון פּ אָ ר ו י ס־שטרעבנדיקע מאַסן־באַוועגונגען. דורך זייער דרוק ו י ל ן זיי טאַקע אַראָפּוואַרפן פון היסטאָרישן שליאַך די כוחות, וואָס זענען פיינטלעך צו אונדזערע אידעען, זיי האָבן נישט קיין מורא (צוליב עפּעס וועלכע נישט איז אין תוך אַריסטאָקראַטישע חששים) נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אַנטשיידנדיקע איבערקערן אין דער וועלט, און זיי זענען ג ר י י ט איבערצונעמען די אויפבוי־אַרבעט דאָרטן, וווּ דאָס אַלטע ליגט אין חורבות. אָבער — און אין דעם ליגט די הויכקייט פון די אויפגאַבן פון אַ פּאַרטיי! — בעת די פּאַרטיי רייסט זיך אָדורך פאָרויס, עפנט זי אויף דעם פרייען וועג פאַר די מ אַ ס ן, פירט זי צו דער מאַכט נישט וועמען נישט איז, נאָר טאַקע זיי, ד"ה מיט אַנדערע ווערטער אַ ל ע מ ע ן. די פּאַרטיי פאַרנעמט די פּאָסטנס, וואָס ווערן איר פאַרטרויט פון די מאַסן, אָבער דערביי מוז זי תמיד בלייבן נאָר אַ טייל פון די דאָזיקע מאַסן, זי מוז תמיד גרייט זיין אומצוקערן זיך צוריק אין אירע אַנאָנימע רייען. דעמאָלט טרעט די פּאַרטיי אויף נישט נאָר ווי אַ חברה פאַר אַבסטראַקטע זוכענישן און פּ אַ ס י ו ו י ט ע ט, נאָר ווי אַ היסטאָרישע מאָטאָר־קראַפט, וואָס באַוועגט די מאַסן צו טאַטן און זיגן. צי זענען אָבער דענקבאַר אַזעלכע פּאַרטייען, וואָס ש ט ר ע ב ן נישט אַריינצוכאַפּן די מאַכט צוליב זיך?

אויף דעם ענטפערן מיר: אַזעלכע פּאַרטייען אָדער פאַרבאַנדן איז נישט לייכט צו שאַפן, אָבער זיי מוזן געשאַפן ווערן. אין דער געשיכטע האָבן מיר שוין איינמאָל געזען אַ וווּנדערבאַרן ביישפּיל פון אַ טיפער פאַרבינדונג פון מענטשן און פּאַרטייען מיט די מאַסן. די דאָזיקע פאַרבונדנקייט האָט דייטלעך אויסגעדריקט אין זיין אָפּשייד־פּראָקלאַמאַציע דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּאַריזער רויט־גאַר־

דייער אין יאָר 1870, בשעת זיי האָבן, נאָך זייער ניצחון און נאָכן צוגרייטן די וואַלן צו דער קאָמונע, אַנידערגעלייגט די מאַכט. „פאָלק — האָבן זיי געזאָגט — דו האָסט זיך באַפרייט! אומבאַקאַנטע זענען מיר געווען מיט אייניקע טעג צוריק, און אַזוי אומבאַקאַנט קערן מיר זיך אום צוריק אין דיינע רייען. מיר ווילן באַווייזן די מושלים, אַז פון די טרעפּ פון דיין ראַטהויז קאָן מען אַרונטערגיין מיט אַ הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט דער זיכערקייט, אַז דאָרטן אונטן וועלן מיר טרעפן אַ פריינטלעכן האַנט־דרוק פון דיין ערלעכער און שטאַרקער האַנט".

דאָס רעכט אויף אַזאַ „הויך געהויבענעם קאָפּ" מוז זיך אויסקעמפן יעדע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אָדער זי דאַרף בכלל נישט זיין אויף דער וועלט.

## V

מיר האָבן אויבן גערעדט וועגן אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י אָ נ על ע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט. נאָר עס וואָלט זיין אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז לייקענענדיק די איינע און פאַרלייגנדיק די אַנדערע פאָרמען, זענען מיר אין זיי אַליין די גאַראַנטיעס פאַר דעם קיום פון דער נייער געזעלשאַפט. פאַרקערט, מיר ווייסן, אַז די הויפּטזאַך זענען דווקא נישט די פאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציע (פּאַרלאַמענטן, ראַטן, סינדיקאַטן, פעדעראַציעס, פּאַרטייען), נאָר זייער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר באַשטאַנד, די דערציִונג און דער כאַראַקטער, וועלכן עס ברענגען מיט זיך מיט די מענטשן־קעמפער. אין דער געשיכטע איז שוין נישט איינמאָל געשען, אַז אידעאַלע מענטשן האָבן געקענט אָנפילן מיט אַ ווערטפולן אינהאַלט אַפילו די שלעכטע פאָרמען פון קאָלעקטיוון לעבן (מאָנאַרכיעס, קירכן); אָבער עס איז אַ ספק, צי האָבן ווען עס איז די בעסטע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס געקענט ברענגען גליק בשעת זיי פלעגן אַריינפאַלן אין די הענט פון אומווירדיקע מ ע נ ט ש ן. די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם איז — נישט נאָר צו שאַפן האַרמאָנישע פּראָגראַמען, אין וועלכע דער מענטש דערשיינט ווי אַ „צוגאָב צו דער אידעאַלער אָרגאַניזאַציע", נאָר צו א י ב ע ר אַ נ־ ד ע ר ש ן די טרעגער פון יעטוועדער פון זיי. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָן אַ גייסטיק נאָענטער צו אים אָרגאַניזאַציע וועט דער מענטש זיין מאַכטלאָז אין דער געזעלשאַפט. אָבער כדי זי צו שאַפן איז נויטיק נישט דער קליינלעך־פאַר־ביטערטער און קנעכטיש־נאָכלויפנדיקער „מענטש" פונעם ב אָ ל ש ע ווי ז ם, און נישט דער פאַר דער בירגערלעכער מלוכה און קולטור אויף אַלע פיר קריכנדיקער „מענטש". דערפאַר טאַקע צווינגט נישט די לינקע נאַראָדניטשעסטוואָ אַרויף די וועגן, דורך וועלכע דער מענטש קען אינדיווידועל קומען צו איר. אָבער זי דער־וואַרט פון אים, אַז ער זאָל וועלן דאָס גאַנצע און דאָס מאַקסימאַלע, ווי אַ טעג־לעכע אויפגאַבע, ווי אַ ענינא דיומא. ער זאָל אינערלעך נישט דערלאָזן קיין פּשרות, אַז אין זיין באַוווסטזיין זאָל די סאָציאַלע רעוואָלוציע זיין אַ צעשטערונג אויף ד ע ם אָ ר ט, וווּ זי ב ו י ט ג ל ײ כ צ י י ט י ק א ו י ף. די לינקע נאַראָדניטשעסטוואָ פאַרלאַנגט פון דעם מענטשן די גרעסטע פּערזענלעכע אחריות, די גרעסטע אינער־

לעבע פרייהייט, די טיפסטע סאָלידאַריטעט. דערפאַר שטייט די דערציִונג פונעם מענטשן אין צענטער פונעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

און קודם כל מוז די דערציִונג אַרומנעמען די פּאַרטיי גופא, כדי זי זאָל נישט אויסאַרבעטן פון זיך קיין אינסטרומענט פון אונטערדריקונג. בשעת מיר רעדן אָבער וועגן דערציִונג, האָבן מיר אין זינען אַ דערציִונג נישט אַנדערש ווי דורך מעשה און אין מעשה, נישט אַנדערש ווי אין קאַמף. מיר וואַרפן אָפּ די פּלאַטאָנישע פּראָקלאַמירונג פון „אידעאַלן" און מיר לייקענען אָפּ אַ ריין רוחניות־דיקע דערציִונג גלאַט אין דער וועלט אַריין.

מיר ווילן אַ לעבעדיקן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אין וועלכן דער מענטש ווערט איבער־געשמאָלצן און די אידעאַלן ווערן פאַר־יוירקלעכט.

*

וועט מען אונדז פרעגן: צי איז דאָ אין לעבן אַ באַדן פאַר אַזעלכע אָרגאַני־זאַציאָנעלע פּלענער? צי זענען זיי נישט אַלע אוטאָפּיסטיש?

ענטפערן מיר דערויף: מיר ווייסן עס נישט, און אויך קיינער ווייסט נישט, וואָס איז רעאַליסטיש און וואָס איז אוטאָפּיסטיש. סוף כל סוף האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַלס די סאַמע אוטאָפּיסטישע דווקא די סאַמע „וויסנ־שאַפטלעכע" פּלענער אין סאָציאַליזם. דאָס איינציקע וואָס איז נישט אוטאָ־פּיסטיש נאָר רעאַליסטיש, איז — אונדזער ווילן און אונדזער אַקטיוויטעט, וועלכע נוצן אויס, שטופּן אַדורך און איבעראַנדערשן די סטיכיש־עקזיסטירנדיקע אויסערלעכע סביבה. צו דעם אָביעקטיוון (עקאָנאָמישן, קולטורעלן אא"וו) וועלט־סדר דאַרפן מיר צוגיין מיט די גרעסטע פאָדערונגען און גרייטקייט צו מעשה; די אומפאַרמיידלעכע שנויים וועט שוין ממילא אַריינטראָגן פון זיך די אָביעקטיווע אַנטוויקלונג. לאָמיר נישט נעמען אויף זיך די פאַרפליכטונג לכתחילה צו באַגרע־נעצן איר שווונג.

עס איז אפשר דאָ דער אָרט צו דערמאָנען די אני מאמינס פון צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אָבער גייסטיק נאָנטע מענטשן. בשעת דער גרויסער רוסישער פּאָעט אַלעקסאַנדער בלאָק האָט פאַרטיידיקט דעם העראָישן גאַנג פון דער אָקט־טאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער געשריבן: „לעבן לוינט נאָר אַזוי, אַז מען זאָל שטעלן צום לעבן פאָדערונגען אָן אַ מאָס: אַלץ אָדער גאָרנישט; וואַרטן אויף דאָס אומדערוואַרטעטע; גלויבן נישט אין „דאָס, וואָס איז נישט דאָ אויף דער וועלט", נאָר אין דאָס וואָס דאַרף זיין אויף דער וועלט; מעג עס איצט און נאָך לאַנג נישט זיין, דאָס לעבן אָבער וועט עס אונדז אָפּגעבן, ווייל דאָס לעבן איז שיין". און פון דער דייטשער טורמע אין יולי 1918 רופט זיך אָפּ צו אים קאַרל ליבקנעכט: „דאָס מעגלעכע קען מען דערגרייכן נאָר דורך דעם שטרעבן צום אוממעגלעכן. די פאַרווירקלעכטע מעגלעכקייט איז — די מיטל־ליניע פון די אומ־מעגלעכקייטן. וואָס העכער ס'איז אויפגעשטעלט דער ציל, וואָס מער ענערגישע כוחות עס קעמפן פאַר דאָס העכסטע, פאַר דאָס אומדערגרייכבאַר־העכסטע, אַלץ

מער העכערס ווערט דערגרייכט. פארלאנגען דאס אביעקטיוו־אוממעגלעכע איז נישט קיין נארישקייט אדער פאנאטיזם, איז נישט קיין פאנטאזיע אדער פארבלענדעניש; דאס איז פראקטישע ארבעט אין עכטן זין פון ווארט... שטענדיק גליבן אין דערפאלג און שטענדיק זיין גרייט צו נישט־דערפאלגן, דאס איז די כישופדיקע פארמול, וואס זיכערט דעם ניצחון".

דאס שטרעבן אין דער הויך באדייט בשום אופן נישט קיין אפרייס פון דער ערד, באדייט נישט דאס שטרעבן אריבערצוטראגן דעם מענטשן אויפן הימל. מיר זענען אנהענגער פון מאקסימאליזם פון דער וועלט, מיר גייען ארוים פון די סאמע רעאלע לעבנס־באדינגונגען פון די ארבעטנדיקע, אבער יעדע רגע פון דעם דאזיקן לעבנס־קאמף פלעכטן מיר צוזאמען מיט דער פולער גאנצקייט פון דעם אידעאל, וואס שטייט פאר אונדז. מיר ווייסן, אז שטארקער ווילן און אומבויגיקייט לעבט אין די מאסן, אויב מען זאל זיי וועקן צום לעבן. די אנטוישונגען אין דעם עבר און די ערלעכע זוכענישן פון נייעם העלפן דא מיט. און אין רוסלאנד זעען מיר גענוג רעאלע עלעמענטן, סיי אין דער ווירטשאפט, סיי אין דער קולטור פון פאלק, סיי אין זיינע היסטארישע טראדיציעס, כדי דער מאקסימאליזם פון פאדערונגען און טאקטיק זאל ווערן א רעאלע פאליטיק.

* * *

אונדזער עפאכע דורשט נאך א גרויסן, אוניווערסאלן קולטור־אידעאל. דאס צערודערטע הארץ פון די מאסן ציט זיך פון די צעבראכענע אמונות און האפענונגען צו עפעס אנדערע לייכטנדיקע הויכן. ס'איז דאך נישט קיין צופאל, אז צוגלייך מיט דער ירידה פון דעם טראדיציאנעלן סאציאליזם ציען זיך אפילו ארבעטער־מאסן צו א פאשיזם פון מוסאליני, אדער צו דער דעמאגאגיע פון א דייטשן היטלער. זיי אלע גיבן די מאסן עפעס א באוווישנדיקע אידעע, זאל דאס זיין פון „כבוד" (וואס דאס האט אזוי אפט געפאנגען געגומען פראנקרייך); זאל דאס זיין פון דער הייליקער נאציע, וואס טריומפירט איבער אלע פעלקער; זאל דאס זיין פון דער מעכטיקער מלוכה, וואס באהערשט דעם גאנצן ערד־קוגל. אזא נאציאנאלע אידעע גיט עפעס אן אינהאלט דעם לעבן און עפנט ווידער אויף די אומדערשעפלעכע מקורות פון אידעאליזם ביים מענטשן. קעגן יענער נאציאנאלער אידעע קען ווערן אוועקגעשטעלט (אויב מען זאל לאזן אן א זייט די ריין מעטאפיזישע אידעען) נאר די סאציאל־רעוואלוציאנערע אידעע. אבער די דאזיקע אידעע איז הימלווייט פון יענעם טאג־טעגלעכן וואכעדיקן „סאציאליזם", וועלכן מען גיט טראפנווייז דעם מענטשן פון גאס. די מענטשהייט בלאנדזשעט פארלאזן איבער דער ערד, וואס איז פארשאטן מיט אומצייליקע שברי לוחות, און מען קען זי מער נישט באהויכן מיט צוזאמענקלעפן די שערבלעך.

ווייל די מענטשהייט נויטיקט זיך אין אן אוניווערסאלן, אנטשיידנדיקן, ביז צום סוף גייענדיקן און תיכפדיקן קאמף פאר איר באפרייונג.

בערלין, 1924 („אין שטורעם פון דער צייט")

# די ראָלע פון אַנאַרכיסטישן פּרינציפּ אין פּאָלקיזם

„זאָלסט נישט מיינען, אַז דו קענסט
די נשמה און געדאַנקען פון אַ מענטש,
כל זמן ער האָט נישט פאַרזוכט
דעם טעם פון ממשלה...״

סאָפאָקלעס „אַנטיגאָנע״.

I

זאָל זיך אַזאַ טעמע נישט דאַכטן געקינסטלט. מען וועט פרעגן, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז די אַנאַרכיסטישע לערע זאָל זיין נאָר אַ טייל, אַ באַשטאַנדטייל אין סיסטעם פון רעוואָלוציאָנערן פּאָלקיזם? צי זענען מיר נישט געוווינט צו באַטראַכטן די אַנאַרכיסטישע אידעע פאַר יענעם אידעישן קאָנטינענט, וואָס נעמט אַרום אָדער פאַרענדיקט אַלע פריערדיקע, סאָציאַל־גייסטיקע לעבנס־סיסטעמען, ווייל זיי אַלע זענען פאַרמישפּט, פריער צי שפּעטער, איינגעזונקען צו ווערן אונטער דעם פלאַך פון היסטאָרישן שטראָם? צי איז דען נישט דער רעוואָלוציאָנערער פּאָלקיזם נאָר אַ באַזונדערע דערשיינונג פון דעם אַלגעמיין־באַקאַנטן מ ל ו כ ה־סאָציאַליזם? אויב ביידע, סיי דער אַנאַרכיזם, סיי דער פּאָלקיזם, זענען טאַקע פאַרטיקע ס י ס ט ע מ ע ן פון אָרגאַניזירטן געזעלשאַפט־ און וועלט־אויפבוי, סיסטעמען, וואָס זענען זיך סומך אויף פ אַ ר ש י י ד ע נ ע פּרינציפּן, — טאָ קאָן דאָך צווישן זיי זיין נאָר איין איינציקע באַציונג: די באַציונג פון קאָנצענטרישע קרייזן. ווי קאָנען מיר דעמאָלט פרווון דערקלערן איינס פאַר אַ באַשטאַנדטייל פון צווייטן? זאָל דאָס הייסן, אַז דער אַנאַרכישער אָדער פּאָלקיסטישער געדאַנק מוזן ווערן אינערלעך איבערגעאַנדערשט ביי אַזאַ צוגאַנג?

דאָס זענען זיכערלעך וויכטיקע פראַגן. עטלעכע תשובות, אָדער אָנמערקן אויף תשובות, האָט אונדז פאַרשאַפט די לעצטע עפּאָכע: די רוסישע רעוואָלוציע אין דער פּראַקטיק, די לערע פון קראָפּאָטקינען אין טעאָריע. זאָלן מיר זיך צוקוקן צו זיי.

דער גרונט־אינהאַלט פון אַנאַרכיזם, דער אינערלעכער ברען פון זיין נשמה — דאָס איז די פראַגע וועגן איבערוויינדונג פון דער ה ע ר ש אַ פ ט פון מענטשן איבער מענטשן. דער אַנאַרכיזם זוכט נישט נאָר און נישט אַזוי די מאַטעריעלע

באַפרייונג, ווי די באַפרייונג איבערהויפּט פון דעם מענטש. דערין ליגט דאָס יסודותדיק־נייע, וואָס טיילט אים אָפּ פון דעם סאָציאַליזם אין זיין געוויינלעכן זין פון באַגריף. דערפאַר וויל ער צעשטערן נישט נאָר דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויך יעטוועדן מלוכה־ און ממשלה־סדר אירן. דאָס דאָזיקע, ווי דער ים סטיכישע און אָנסופיקע שטרעבן צו דער אַבסאָלוטער פרייהייט, האָט מיט זיין לערע און לעבן פאַרקערפּערט איז זיך באַקונין. אָבער באַקונען האָט נאָך נישט געקאָנט אָנצייכענען פאַר דער דאָזיקער פרייהייט רעאַלע פאָרמען פון איר אַנטפּלעקונג; און די פאָרמען, וואָס פּרודאָן האָט געבויט, זענען געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער שטורמישער אַנטוויקלונג פון אונדזער ציוויליזאַציע. ערשט אין דער געשטאַלט פון קראָפּאָטקינען איז דער אַנאַרכיזם געוואָרן באַרנ־פעסטער, האָט גענומען שטעלן זיך אויף אייגענע פיס. זיינע סאָציאַלע פּלענער זענען געוואָרן רעאַלע פּרוּוון צו פאַרבינדן די מאַטעריעלע באַפרייונג פון מענטשן מיט ממשלה־לאָזע פאָרמען פון אַ מענטשן־געזעלשאַפט. אין היפוך צום מאַרקסיזם, וועלכער האָט אַריבערגענומען פאַר זיך אינגאַנצן די אַרכיטעקטור פון דער בירגערלעכער וועלט און קולטור, נאָר אַוועקשטעלנדיק ביי זיי אַן אַנדערן מאַטעמאַטישן צייכן, — האָט קראָפּאָטקין געזוכט צו פאַרייניקן די ווערטפולסטע דערגרייכענישן פון דער קולטור מיט אַ פעלדזן־פעסטער גאַראַנטיע פון דער פרייהייט. און דערפאַר טאַקע וויסן מיר, אַז קראָפּאָטקין האָט אָפּגעלייקנט, אינגאַנצן און אין אַלע אירע פּרטים, די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם באָלשעוויזם.

דער רעוואָלוציאָנערער פאָלקיזם איז דאָקעגן אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציע פון די יאָרן 1917־18 אין אַ גרויסער מאָס אָנגעזאַפּט מיט אויטאָריטערע אידעען. דער אָפיציעלער טעאָרעטישער געדאַנק פון זיין עלטערן דור האָט פאַרשלאָסן פאַר אים די לעבעדיקע געדאַנקען־קוואַלן פון אַ לאַווראָוון, וועמען דער הייניקער יינגער דור אַנטדעקט ווי דעם גרעסטן חידוש פאַר זיך. דער יונגער דור האָט אויף דעם געוואַלטיקן שטח פון רוסלאַנד מיט אימפּעט צעשטערט, געבויט און ווידער צעשטערט די מלוכה־אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציע, און איז דערביי אַלץ מער אַריינגעכאַפּט געוואָרן פון יאוש־געפילן. וואָס ווייטער אַלץ מער האָט דער יונגער פאָלקיזם אַזוי ווי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איינס נאָך דעם אַנדערן די טעאָרעטישע בגדים פון עבר. עפּעס ווי אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ לאַנגן געקינסטלטן שלאָף, האָט דער רעוואָלוציאָנערער פאָלקיזם ענדלעך דערשפּירט, אַז אין זיינע אָדערן פליסט אויך דאָס בלוט פון באַקונינען.

דריי סיבות זענען געווען, וואָס האָבן געפירט צו אַזאַ זעלבסטדערקענטעניש. נישט אומזיסט איז דאָך, ערשטנס, דאָס פּראָבלעם פון פּערזענלעכקייט תמיד געשטאַנען אין צענטער פון דער פאָלקיסטישער וועלט־אָנשויונג. די דאָזיקע צענטראַלע באַדייטונג פון דעם פּראָבלעם האָט דאָ שטענדיק מיט גרויס שאַרפקייט אוועקגעשטעלט איינעם אַנטקעגן דעם אַנדערן דעם באַגריף פון פּערזענלעכקייט

און דעם טיראַנישן באַגריף און געצנדינסט פון געזעלשאַפטלעכן גליק, פון דער געזעלשאַפטלעכער איבערהערשאַפט. די פאָלקיסטישע קולטור־פילאָזאָפיע האָט אויף דעם געביט פון סאָציאַלן שאַפן קיינמאָל נישט פאַרביטן דאָס פטאָלאָמייאישע סיסטעם אויף דעם סיסטעם פון גאַליליי. אמת טאַקע, אין דער לאַנגער עפּאָכע פון דער ערשט רייפנדיקער רעוואָלוציע, בשעת דער קעמפנדיקער מענטש האָט געשטורעמט פאָרויס אין דער מחנה פון מאַסן, האָט ער לייכט אָפּגעטרעטן זיין בכורה דעם פירנדיקן קאָלעקטיוו. אָבער שוין די ערשטע כוואַליע פון דער צוריק־שטורעמענדיקער רעוואָלוציע האָט ווידער אויפגעפרישט פאַר אים די גאַנצע שאַרפקייט פון דער דאָזיקער פראַגע. און דער מענטש האָט דעמאָלט ווידער שמערצלעך דערפילט, אַז אויפן הינטערגרונט פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט איז ער אַליין דאָך אַ זעלבשטענדיקער כוח, אַ זעלבסטווערט נישט קלענער פון דער געזעלשאַפט.

אַן ענלעכער און צווייטער מקור פון דערנענטערונג צום אַנאַרכיזם איז פאַר דער פאָלקיסטישער וועלט געוואָרן לאַווראָוו. אין זיין נישט לאַנג ווידער אַנטדעקטן בוך (1) האָט ער דערקלערט פאַר דעם קאַמף־רוף פון סאָציאַליזם צוויי פאָרמולעס: „די אָפּשאַפונג פון עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש” און „די אָפּשאַפונג פון רעגירן פון מענטש איבער מענטש”. ער אונטערשטרייכט, אַז דאָס וואָרט „רעגירן” דאַרף ווערן פאַרשטאַנען נישט אין זינען פון פרייוויליקער הכנעה, נאָר אין זינען פון אַ געצוווּנגענער ממשלה פון איין פערזאָן איבער דער אַנדערער. און ער איז מוסיף, אַז די „נישט־פאַרווירקלעכונג פון דער צווייטער פאָרמול ציט נאָך זיך די נישט־פאַרווירקלעכונג אויך פון דער ערשטער”. און פירנדיק זיין שטרייט מיט דעם דעמאָלטיקן אַנאַרכיסט צעזאַר־דע־פּאַפּ, זוכט ער צו באַווייזן, ווי אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט דעם פּלאַץ פון אויפגעצווּנגענער מאַכט אינגאַנצן פאַרנעמען די מאַכט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. און דערפון האָט ער שוין אַרויסגעפירט זיין לעצטע מסקנה: „די ביידע פאָרמולעס, וואָס זענען אַנטהאַלטן אינעם קאַמף־רוף פון סאָציאַליזם, זענען גלייך דערגרייכבאַר; די געמיינשאַפט, אויפגעבויט אויף די יסודות פון סאָציאַליזם, קאָן אָפּשאַפן דאָס רעגירן פון מענטש איבער מענטש, קאָן אויסקומען אָן אַ ספּעציעלער פּאָליציי, ספּעציעלער יוסטיץ, ספּעציעלער אַדמיניסטראַציע... דער מלוכה־עלעמענט קאָן אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט נישט נאָר דערגיין ביז אַ געוויסן מינימום, נאָר קאָן אויך אינגאַנצן פאַרשווינדן”.

דער פאָלקיזם האָט אָבער ברבות הימים געקריגן נאָך איבערצייגנדיקערע אַרגומענטן ווי ריין־ליטעראַרישע. דאָס איז געווען דער דריטער מקור: די ביטערערנסטע דערפאַרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אין די לאַנגע יאָרן פון איר אַנטוויקלונג האָט זיך אָפּטמאָל נישט נאָר געביטן די רעגירונגס־מאַכט אין דעם קאָלעקטיוו־נאַציאָנאַלן זין פון דעם וואָרט. נישט נאָר די רעגירונגס־מאַכט

1) „דער מלוכה־עלעמענט אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט”.

פּלעגט אַזוי אָפט אַריבערגיין פון האַנט צו האַנט, אַז מען האָט אפילו געשאַפן דעם באַקאַנטן אויסדרוק: „די מאַכט וואַלגערט זיך אין שטויב". נאָר די מאַכט איז געלעגן שטענדיק אין שטויב אויך אין אַן אַנדערן זין, אין דעם פּ ע ר ז ע נ ל ע ך־ א י נ ט י מ ע ן זין פון דעם וואָרט: דעם ניסיון פון מאַכט, פון רעגירן, פון ממשלה האָבן פאַר די דאָזיקע יאָרן דורכגעמאַכט אפשר מיליאָנען מענטשן. און זיי האָבן די עכטע נאַטור פון אַ מאַכט איבערגעלעבט אין פאַרשיידענע גראַדן פון אירע ביידע קעגנגעזעצטע פּאָליוסן: סיי אַלס באַהערשער, סיי אַלס באַהערשטע. אָבער די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס האָבן זיך נאָענט צוגערירט צו דעם הייליקטום פון מאַכט און מיליאָנענווייז אַריינגעקוקט הינטער דעם פּרגוד פון דער ממשלה, האָבן דורך דעם נאָענט דערקענט איר אינערלעכן מהות. דורך טויזנטער ווייטיקדיקע וועגן האָט די רעוואָלוציע גענומען תּופס זיין דעם כּלומרשט־פּריוויהייטלעכן כּאַראַקטער פון דער מלוכה־מאַכט.

דער באָלשעוויזם, וואָס איז געקומען מיט דעם צוזאָג צו שאַפן אַמאָל אַ ש ט א ט ל א ז ע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, האָט אָבער „פאַר דער איבערגאַנג־צייט" — אויפגעבויט אַ פאַרפונדעוועטע, אַ געשטייגערטע, אַ שטאַרקערע מלוכה איידער די בירגערלעכע. ער האָט נישט נאָר אויסערלעך געבויט די אינסטיטוציעס פון אַ פעסטער מלוכה, נאָר ער האָט אינערלעך פאַרפעסטיקט די ש ט א ט ־ א י ־ ד ע א ל א ג י ע, די אַכטונג פאַרן געזעץ, דעם אונטערטעניקן ציטער פאַר אַ ממשלה. דער באָלשעוויזם, אַלס מלוכה, האָט זיך אַנטפּלעקט ווי דער גרעסטער און מיסתמא לעצטער טראַגישער פּרווו פון אַ מענטשן־פריינדלעכן און דאָקטרינער־שטאָלצן דעספּאָטיזם. די הערשאַפט פון אַלעמען איבער וויניקע האָט זיך דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ הערשאַפט פון וויניקע איבער אַלעמען, און האָט דערפירט צו אַ טיפער גייסטיקער פרוכטלאָזיקייט פון דער סאָציאַלער מהפכה. וואָס מער מען האָט זיך צוגעקוקט צו דער מלוכה־אַרבעט, אַלץ מער איז געוואָרן קלאָר, אַז געפערלעך זענען נישט נאָר די באָלשעוויסטישע מלוכהשע סאָוויעטן, נאָר אויך יעטוועדע מאָנאָפּאָ־ליסטישע מלוכה־אָרגאַנען. אין דער נאָזוו־עלעמענטאַרער פאָרעם פון דער סאָוויעטן־רעפּובליק, ווי זי איז געבוירן געוואָרן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט זיך הייסט עם פאַרבאַהאַלטן אויך אַ סכום פון טראַדיציאָנעל־מ ל ו כ ה ש ע עלעמענטן און אינסטיטוטן.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקע דערקענטעניש. און דעמאָלט האָט דער רעוואָלו־ציאָנערער פאָלקיזם, וואָס שטייט אויפן באָדן פון די ראַטן, אַנגעהויבן אין זיין פּראָגראַם פאַרקירצן און פאַרשמעלערן דעם פּ א ר נ ע ם און די ר י כ ט ו נ ג פון דער ראַטן־אַרבעט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ער פאַרלאַנגט, ראשית כּל, די ברייטסטע דעמאָקראַטיזאַציע פון די ראַטן (סיי ביי זייערע וואַלן, סיי ביי זייער אַרבעט) און די ברייטסטע דעצענטראַליזאַציע זייערע. די דאָזיקע פאָדערונגען דאַרפן אין דער ורעסטער מאָס דערנענטערן די אַנטפּלעקונג פון דעם מלוכה־ווילן צו די פּיזישע טרעגער פון דעם ווילן. אָבער דאָס איז נאָר איין באַדינג. דער פאָלקיזם פאַרלאַנגט,

ווייטער, מען זאָל באַפרייען די ראַטן פון אַלע ריין־פּאָלקס־ווירטשאַפט־
לעכע און ספּעציעל־קולטורעלע פונקציעס פון דער געזעלשאַפט. עס
ליגט די גרעסטע סכנה פאַר דער פרייהייט פון יחיד, אויב אין איין איינציקן סיס־
טעם פון מלוכה־אָרגאַנען (אויך ווען דאָס זענען אַרבעט־ראַטן) זענען קאָנצענטרירט
אַלע סאָציאַלע פונקציעס פון אַ געזעלשאַפט: די פּאָליטישע, די עקאָנאָמישע, די
גייסטיקע. די פּראָדוציר־אַרבעט פון מענטשן (נעמענדיק זי אין דעם ברייטסטן
ווירטשאַפטלעכן און גייסטיקן זין), פון איין זייט, און דער פאַרברויך, דאָס געניסן
פון די גיטער, פון דער אַנדערער זייט — דאָס זענען די צוויי גרויסע ספערן פון
דער טאָגטעגלעכער מענטשלעכער שאַפונג. עס איז וויכטיק, אַז אַלס אַן אָנטייל־
נעמער פון די דאָזיקע שאַפונג־ספערן זאָל דער מענטש נישט זיין אינגאַנצן אונ־
טערגעוואָרפן דעם ספּעציפיש־מלוכהשן אַפּאַראַט. זאָלן טאַקע דערפאַר, פּאַראַלעל
מיט די פּאָליטישע ראַטן, געשאַפן ווערן פּראָדוציר־סינדיקאַטן, פון איין זייט,
קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, פון דער אַנדערער. דער חוט המשלש פון די אַלע פאַרבאַנדן
(פון בירגער, פון פּראָדוצירער, פון פאַרברויכער) וועט שאַפן אַ קאָמפּליצירטע אָר־
גאַניזאַציע פון דער אַרבעט־געזעלשאַפט, באַ וועלכער די מלוכה־אָרגאַנען וועלן
אַממייסטן פאַרשמעלערט ווערן אין זייערע פונקציעס. אויך דאָס איז נאָך
נישט אַלץ. כדי צו שוואַכן דעם כוח פון דער מלוכה, מוז ביי איר אָפּגענומען ווערן
די מעגלעכקייט צו הערשן איבער דעם לעבן פון אירע בירגער, ד. ה. די מעג־
לעכקייט צו באַנוצן זיך מיט דער טויט־שטראָף. און אחרון אחרון הביב, דער
פּאָלקיזם אָנערקענט די ראָלע און די באַדייטונג פון יענער אַלץ מער וואַקסנדיקער
געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס בויט זיך אינגאַנצן דרויסן פון דעם מלוכה־געבוי,
אויפן יסוד פון אַ פרייען אָפּמאַך. אָט די פיר אַרטן באַגרענעצונגען אַפילו פון
אַ ראַטן־רעפּובליק דאַרפן דורכברעכן די וועגן צו אַן עכטן, און נישט נאָר ליטע־
ראַרישן, „אָפּשטאַרבן פון דעם שטאַט". עס איז קלאָר, אַז דורך די דאָזיקע אַלע
וועגן טרעט דער רעוואָלוציאָנערער פּאָלקיזם, אַלס אַ סאָציאַליסטיש סיסטעם, אָפּן
אַריין אין די ספערן פון אַנאַרכיזם. און פונדעסטוועגן ווערט ער נישט אַן
אַנאַרכיסטיש סיסטעם. ווי איז דאָס צו פאַרשטיין?

דאָ גייען מיר צו צו דעם שורש פון דעם פּראָבלעם. די סיבה באַשטייט אין
דעם, וואָס די אַלע סאָציאַלע פּלענער, וועלכע מיר האָבן אָנגעמערקט אויבן (פונקט
אַזוי, ווי די אַנאַרכיסטישע פּלענער, וואָס שטייען צו זיי נאָענט), בילדן לחלוטין
נישט אַ סיסטעם פון אַנאַרכיזם אין זיין ריינער פונאַנדערגעוויקלטער געשטאַלט.
ווייל אין אַלע די פּלענער ליגט, אמת, אַ צעבראָקלטער אָבער דאָך אַ נישט פונאַנ־
דערגעלאָזטער קריסטאָל פון ממשלה. פונקט אַזוי ווי מען קאָן דעם רעגן־
וואָרעם שניידן אויף שטיקלעך און דאָך בלייבט ער אין יעדן שטיקל דער זעלביקער
וואָרעם, פונקט אַזוי בלייבט די ממשלה — ביי יעטוועדן סיסטעם פון איר אָרגאַ־
ניזאַציע — שטענדיק די זעלביקע, לויט איר סאָציאַלער און אינדיווידועל־
פּסיכאָלאָגישער נאַטור. די ממשלה, אַפילו ווען זי איז פאַרטיילט אין אומצאָליקע

הענט און איר אינהאַלט אזי אויף שטיקלעך צעשטיקלט, בלייבט דאָך די זעלביקע ממשלה. אפשר נישט גאָר אויבנאויפיק קלאָר, אָבער דאָך איבערצייגנדיק באַווייזן דאָס צוויי רייען פון פאַקטן פון מענטשלעכן לעבן.

II

די באַפרייונג פון דער מענטשהייט ווערט געוויינלעך פאָרגעשטעלט אויפן יסוד פון דער גרעסטער אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט, פון אַ געוואַלטיקן טעכנישן פּראָגרעס, פון דעם וווּקס פון דער גרויסער פאַבריק־מאַשינעלער פּראָדוקציע. מיר ווילן דאָ נאָר דערמאָנען וועגן יענער פּשוט גייסטיקער שיכרות, מיט וועלכער דער מאַרקסיזם האָט אַמאָל אויסגעבויט זיינע פאָרשטעלונגען וועגן דעם מאַשין־סאָציאַליזם. די גרויסע צענטראַליזירטע אינדוסטריע און די אַלץ דורכדרינגענדיקע מאַשינעלע טעכניק — דאָס זענען געווען באמת די צוויי קייטן, אין וועלכע דער מאַרקסיזם האָט פון אָנהייב אָן איינגעשמידט די אַנטוויקלונג פון דער צוקונפטיקער פריהייטלעכער געזעלשאַפט. „וואָס זענען די קלאַסן־צילן פון פּראָלעטאַריאַט? — האָט לענין געשריבן אין יאָר 1919. — דאָס איז — צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע מאַשינעלע פּראָדוקציע אויף די פון דער בורזשואַזיע עקספּראָפּריאירטע פאַבריקן און פּראָדוציר־מיטלען איבערהויפּט". קראָפּאָטקין האָט דאָס גרויסע פאַרדינסט, וואָס ער האָט דערקלערט און הויך איינגעשאַצט די באַדייטונג פון דער קליין־ווירטשאַפט אין אַלע אירע פאָרמען. אין זיין בוך „פעלדער, פאַבריקן און וואַרשטאַטן" האָט ער נישט נאָר רעהאַביליטירט, נאָר באַזונגען די שעפערישע קראַפט פון דער קליינער פויערים־ווירטשאַפט, פון דעם קוסטאַרישן באַטריב, פון דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע, פון אַלע פאָרמען פון דער קליין־אינדוסטריע.

אויב אָבער קראָפּאָטקין האָט אָנערקענט די קינסטלערישע קראַפט פון פערזענלעכן שאַפן און די באַדייטונג פון מעכאַנישער קראַפט אין דער קליין־ווירטשאַפט, האָט ער גלייכצייטיק אָנערקענט אויך די גרויסע מאַשינעלע פאַבריק. „אַוודאי — האָט ער געשריבן — וואָלט עס געווען אַ פעלער צו מיינען, אַז די אינדוסטריע מוז זיך אומקערן צו דער פּרימיטיווער האַנטאַרבעט כדי צו פאַרבינדן זיך מיט דער לאַנדווירטשאַפט. אומעטום ווו די מאַשין דערלייכטערט די מענטשלעכע אַרבעט, איז זי געוווּנטשן און נויטווענדיק. עס איז כמעט נישטאָ קיין איין צווייג פון דער אינדוסטריע, צו וועלכער מען זאָל נישט קאָנען אָנווענדן מיט נוצן די מאַשין, יעדנפאַלס אין באַשטימטע סטאַדיעס פון דער פּראָדוקציע". „די לאַנדווירטשאַפט קאָן זיך נישט אַנטוויקלען אָן דער הילף פון דער מאַשין". „ביי דער באַאַרבעטונג פון פלאַקס, ווו מען דאַרף פּראָדוצירן מיליאָנען אַרשין טעקסטיל־סחורה און מען דאַרף דערצו האָבן קאָמפּליצירטע מאַשינען, איז, פאַרשטייט זיך, די קאָנקורענץ פון די האַנט־וואַרשטאַטן מיט די מעכאַנישע אַ פּשוטער אַנאַכראָניזם, וועלכער קאָן זיך נאָך ערגעץ־ווו האַלטן צוליב אָרטיקע באַדינגונגען, אָבער איז אומפאַרמיידלעך פאַרמישפּט צום אונטערגאַנג". קראָפּאָטקין שטעלט זיך דאָ, הייסט

עס, אויף דער פאזיציע פון דער מאשינעלער גרויס־פראדוקציע. ער זאגט דאס אויך בפירוש. „אויב מיר וועלן זיך צוקוקן צו דער מאדערנער אינדוסטריע, וועלן מיר זען, אז אין געוויסע צווייגן אירע איז די ארגאניזירטע געמיינשאפטלעכע ארבעט פון הונדערט אדער אפילו טויזנט מענטשן אבסאלוט נויטווענדיק, ווי צ״ב אין דער קוילן־ און דער רוי־אייזן־אינדוסטריע. עס איז אויך קלאר, אז מען קאן נישט בויען אין דארף קיין ים־שיפן״. און ארויסזאגנדיק זיך וועגן דער נויטיקייט צו שאפן „פאבריקן אין די פעלדער״, מאכט קראפאטקין דעם לעצטן אויספיר: „בויט פאבריקן און באטריבן נעבן אייערע פעלדער און ארבעט אין זיי. איך רעד נישט וועגן גיגאנטישע בנינים, ווו עס ווערן איבערגעארבעט געוואלטיקע מאסן פון מע־טאל; איך רעד וועגן אומענדלעך פארשיידענע ווארשטאטן... דאס וועלן נישט זיין אזעלכע פאבריקן, וואס אין זייער טייוולשער לופט פארלירן די קינדער זייער קינדעריש פנים, אבער פאבריקן ברייטע, היגיענישע...״

קראפאטקין איז אלזא אן אנהענגער פון מאשינעלער גרויס־פראדוקציע אין דער געזעלשאפט, וואס איז באפרייט פון עקספלואטאציע. און דארטן ווו אזא פראדוקציע פונקציאנירט אפילו טיילווייז, לייגט זי ארויף איר שטעמפל אויף דעם *גאנצן פנים* פון דער געזעלשאפט. עס עקזיסטירט אבער א פאקט, וואס מען קאן אים נישט אפלייקענען: אין דער פאבריק איז דער ארבעט־מענטש געווען און וועט תמיד זיין אן *עבד* פון דער טעכניק, אן *אונטערטעניקער* פון דער מאשין, א *טייל־כל* פון דעם סיסטעם. דער דאזיקער פאקט באשטייט אין זיין גאנ־צער קראפט, נישט קוקנדיק אויף דער צוקונפטיקער טעכנישער און אלגעמיין־קול־טורעלער אויסבילדונג פון ארבעטער: בעת ער וועט פארייניקן אין זיך פארשיידענע מאמענטן פון דער ארבעט, בעת ער וועט קאנען אריבערגיין פון איין ארבעט צו דער אנדערער, בעת ער וועט אפילו אריינגעצויגן ווערן אין די דערפינדעריש־שע־פערישע פראצעסן פון איר. ווייל די גרויס־פראדוקציע איז נישט עפעס אנדערש ווי א *רעגירונג־סיסטעם*, וואס איז מעכטיק פארצווייגט, וואס גיט שארף אכטונג, וואס מעסט אפ קארג די רעכט און ווארפט ארויף בערג פון פארפליכטונ־גען, „ווייסנשאפטלעך״ לויט טיילארן. די גרויס־פראדוקציע איז אדער איין גרויסע מלוכה, אדער א סיסטעם פון קליינע מלוכהלעך־פאבריקן, אין וועלכע דער מענטשן־מאטעריאל טיילט זיך תמיד אויף צוויי קאסטעס: רעגירער און רעגירטע. די מלוכה־פאבריק קאן און וועט זיך מסתמא באציִען צו אירע מיטארבעטער גוטמוטיק, זארגפעליק און אפילו פרייהייטלעך, זי וועט אבער שטרענג און מיט א שלאנגן־בליק נאכשפירן יעטוועדן טריט זייערן און אפילו דעם אטעם. דער ארבעט־מענטש איז דא פונקט אזוי פריי ווי „פריי״ עס איז דער שטיין — אין דעם באקאנטן משל פון שפינאזען, — וואס מיינט, אז ער איז פריי אין זיין פאלן אויף דער ערד (1).

---

1) לאווראוו זאגט: „יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאפט קאן אין יעדער מינוט פארלאזן די קוילן־גרובנס; כל־זמן אבער ער ארבעט אין זיי, איז ער *מאראליש פארפליכטעט* אומבאדינגט זיך אונטערצוווארפן די פריי־געוויילטע אנפירער פון דער ארבעט״.

אין דער גרויסער פּראָדוקציע — האָט נישט לאַנג געשריבן קאַוטסקי — קאָן דער אַרבעטער זיין נאָר אַ רעדעלע אין דעם גרויסן מעכאַניזם, אָדער, בעסער געזאָגט, נאָר אַן איינצל־אָרגאַן פון אַ גרויסן אָרגאַניזם. ער מוז איינשליסן זיך אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן. די דאָזיקע נויטווענדיקייט ווערט נישט פאַרמיטן דורך דעם, וואָס די גרויס־פּראָדוקציע פאַרוואַנדלט זיך פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אין אַ סאָציאַליסטישער". און דאָס קומט דערפון, וואָס דעם אינערלעכן מהות פון אַ פאַבריק בילדעט דאָס געזעץ און נישט אַ פאַקט. דער באַפעל און נישט אַן אָפּמאַך.

דאָס איז נאָך ווייניק: די גרויס־פּראָדוקציע רופט אַרויס צום לעבן (אָדער האַלט אויף) מיט נויטווענדיקייט דאָס גרויסע מלוכה־וועזן. ווייל אַזאַ פּראָדוקציע זעצט פאָרויס אַן ענגע פאַרקניפּונג פון די פאַרשיידנסטע ווירטשאַפטס־געביטן (געביטן פון רוישטאָפן, פון פאַבריקאַציע, פון צירקולאַציע). דאָס באַטייט אָבער, אַז אין איר אויסערלעכן וועזן זעצט די פאַבריק פאָרויס אַ ווייט־פאַרצווייגטן און קאָמפּליצירטסטן סיסטעם פון מלוכה־אָרגאַנען, וועלכע גיבן אַכטונג, באַוועגן, שטופּן, פּאַסן־אויף, שטראָפן, באַלוינען. אויף אַזאַ אופן שאַפט די פאַבריק אין אירע אייגענע ווענט אַ ווירטשאַפט־ביוראָקראַטיע. אַזאַ מאַשין שאַפט אַ סיסטעם פון „טאָפּלדיקער אונטערטעניקייט": דער פרייער אַרבעט־מענטש פאַרוואַנדלט זיך אין אַן „אַרבעטער" און דער פרייער בירגער — אין אַן אונטערטאַן. דאָס ליגט אין דער נאַטור פון דער זאַך...

און זאָל זיך נישט דאַכטן, אַז דעם טאָג פון דעם מענטש קאָן מען טיילן אין צוויי פאַרשיידענע חלקים: אויף נאָר — אַרבעט און אויף שאַפונג; און אַז אין דעם ערשטן טייל קאָן הערשן „על פּי נויטווענדיקייט" אַ צענטראַליזירטע דיסציפּלין, בעת אין דעם צווייטן טייל קאָן דער מענטש זיין פריי אין זיין לעבנס־שאַפן. צו זיין אַ רוימער אין דעם פּראָדוצירן־פּראָצעס, און אַ גריך אין די איבעריקע פּראָצעסן פון לעבן — אַזאַ מין אידעאַל פון צוקונפטיקן מענטש איז סתירהדיק און אוטאָפּיש. ווייל אַרבעט איז אַ ביז גאָר וויכטיקע אַרט אַנטפּלעקונג פון מענטשלעכן שאַפן, און נאָר גלייכאַרטיקע נאָרמען פון גייסט קאָנען עקזיסטירן פאַר ביידע אַרטן שאַפן. הערשט אין דער ווירטשאַפט אַ פאַבריק, ליגט דעמאָלט אַ פאַבריק־שטעמפּל אויף אַלע לעבנס־געביטן אָן אויסנאַם.

מיר זעען ווי קאָמפּליצירט עס איז דער איבערגאַנג פון הערשאַפט איבער מענטשן צו דער „הערשאַפט איבער זאַכן". און מיר זעען, אַז — אויף וויפל דאָס מאַכט־געפיל שפּיגלט זיך אין אַ גרויסער מאָס פון די זאַפטן וואָס פליסן פון די מאָדערנע גרויס־פּראָדוקציאָנעלע און גרויס־טעריטאָריעלע לעבנס־באַדינגונגען, -- שטויסן מיר זיך אָן אָן אַנדער פּראָבלעם: פון געניסן די פּרוכטן פון דער ציוויליזאַציע. די ציוויליזאַציע גייט האַנט אין האַנט מיט דעם היינטיקן הערשאַפט־ און פּראָדוציר־סיסטעם און ס'איז מעגלעך, אַז אַ ממשותדיקע אָפּשוואַכונג פון ממשלה מוז ווערן פאַרבונדן מיט דער גרייטקייט צו אַ געוויסן פרי־

מיטיוויזם פון לעבן, צו אַ פּריוויליקן פאַרפּשוטן עס. אַזאַ מין גרייטקייט פעלט נאָך אין דעם היינטיקן באַוווסטזיין פון רעוואָלוציאָנערן מענטש.

פונקט אַזוי פעלט אים אויך נאָך אַן אַנדער דערקענטעניש: דערין ליגט אויך דער צווייטער מקור פון דעם מאַכט־פּרינציפּ אפילו אין דער צוקונפט. מיר האָבן דאָ אין זינען די אומצאָליקע באַציונגען פון מענטשן צווישן זיך, אין וועלכע זיי זענען פאַרבונדן איינער מיט דעם אַנדערן אין ווערטיקאַלע ליניעס, ווו איינער שטייט העכער, דער צווייטער נידעריקער פאַר דעם אַנדערן. אַמאָל האָט אַ רוסישער געלערנטער, ב. קיסטיאַקאָווסקי, געשריבן:

„אין די באַציונגען פון הערשן אין אונטערוואַרפן זיך איז סוף־כל־סוף באַהאַלטן עפּעס אַ סוד, עפּעס אַ מיסטישע סיבה. ס'איז זייער שווער צו דערקלערן ווי דער רצון פון איין מענטש באַצווינגט אַ פרעמדן מענטשלעכן ווילן". און עס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אויסגעבילדעט די אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע טעאָריע פון אַלפרעד אַדלער, וואָס זעט די סיבות פון מענטשלעכע אינדיווידועלע און סאָציאַלע קאַמפן הויפּטזעכלעך אין די צוזאַמענשטויסן פון מאַכט־ און הכנעה־געפילן. ביאָלאָגיש און סאָציאָלאָגיש זוכט די דאָזיקע טעאָריע אויפצודעקן די עלעמענטן פון דער מענטשלעכער אונטערטעניקייט און אַראָפּגעפאַלנקייט („שפלות־געפיל"), און די פאַרשיידנסטע קאָמפּענסאַציעס אין לעבן און קולטור, מיט וועלכע דער מענטש באַקעמפט זיי באַוווסט אָדער אומבאַוווסט. ס'איז קיין נפקא־מינה נישט, צי דער מהות פון דער מאַכט־דערשיינונג איז אַ מיסטישער אָדער סאָציאָלאָגישער; איינס איז אָבער קלאָר: דער פאַרבאַהאַלטענער סם פון מאַכט טראָגט אַ סך פּנימער און דרינגט אַריין אין אַלע ספערן פון מענטשלעכע באַציונגען. דער מלוכהשער אַדמיניסטראַטאָר, דער מיליטערישער קאָמאַנדיר און דער פּאָליציי־פירער — דאָס זענען נאָר די בולטסטע פאַרטרעטער פון מענטשן — רעגירער איבער מענטשן. אָבער אירע הויפּטזעכלעכע אונטערערדישע שרשים שטעקן אין דעם לעבנס־שטייגער און אין די אינטימע באַציונגען פון מענטשן. אין די אינערלעכע באַציונגען פון אַ ריכטער, פון אַ דאָקטאָר, פון אַ גייסטלעכן, וואָס נעמט געפאַנגען אַ מענטשלעכע נשמה כאָטש אויף אַ קורצער צייט; אין די באַציונגען פון דעם גרויסן טאַלענט, וואָס הערשט סווערן איבער דער נשמה פון דעם באַגייסטערטן אָדער אויפגערודערטן מענטש. אַ מאַכט, נישט ווי אַ פיזישער אָדער אפילו יורידישער צוואַנג, אָבער נאָר ווי אַ גייסטיקע הערשאַפט, קיניגט מיט דער גאַנצער געוואַלט אין די דאָזיקע פאַרשוויגנסטע קעמערלעך פון דער מענטשלעכער נשמה. און דער לעצטער בונט קעגן יעטוועדער מאַכט — ווען זי מאַסקירט זיך אפילו אין די „עכטע" לבושים פון פריינטשאַפט, גוטסקייט, ליבע, באַגייסטערונג און נשמה־גרויסקייט — מוז פאַרקומען דווקא אין די דאָזיקע ספערן. ווייל דווקא דאָ ליגן די איבער־געזעלשאַפטלעכע אָדער, בעסער געזאָגט, די פאַרגעזעלשאַפטלעכע שרשים פון יעדער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאַכט.

עס שיינט אונדז, אַז דאָס דאָזיקע פאַרשטענדעניש, פונקט אַזוי ווי דאָס פאַרשטענדעניש פון דער געפערלעכער נאַטור פון אַ פאַבריק, איז נאָך נישט אַ ר ײ ן ווי אַ קלאָרער באַשטאַנדטייל אין דעם באַוווסטזיין פון די קעמפער פאַר אַ נייער וועלט. דער קאַמף פאַר דער נייער וועלט, די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין איר פאַרצווייגטן פאַרנעם, האָט זיך אָבער ש ו י ן אָנגעהויבן. ער איז אַריינגעדרונגען אין דער מענטשהייט פ ר י ע ר איידער עס האָט זי דורכגענומען די דערציִונג צום ממשלהלאָזן סדר. געווים לעבט אין דער מענטשהייט אַ מעכטיקע נטיה צו אַזאַ ממשלהלאָזער אָרדענונג, און זי דריקט זיך אויס אין דעם אומאויפהערלעכן קאַמף מיט די מלוכה־ און ווירטשאַפט־אָרגאַנען פון עבר, אין קאַמף פאַר נייע סאָציאַלע רעגירונג־אָרגאַנען. אָבער ס'איז לגמרי נישטאָ דאָס פולשטענדיקע אַריינטיפן זיך אין דער נאַטור פון דעם ממשלהלאָזן סדר.

דערפון מוז געבוירן ווערן דער באַגריף פון דעם „איבערגאַנג־פּעריאָד", וועלכן דער אַנאַרכיזם וויל לגמרי נישט אָנערקענען און וועלכער ווערט לחלוטין פאַרדאַרבן אין סיסטעם פון קעמפנדיקן באָלשעוויזם. לאַווראָוו האָט דעם דאָזיקן פּעריאָד כאַראַקטעריזירט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „עס האַנדלט זיך וועגן יענער זייער שווערער עפּאָכע, וועלכע וועט אָנקומען אויפן צווייטן טאָג נאָך דער געלונגענער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין אַ גאַר גרויסן לאַנד; בעת נעבן די זיגער וועלן שטיין די באַזיגטע, אָנגעשראָקענע, פאַרלוירענע, אָבער פיינטלעכע עלעמענטן, פאַראַזיטן פון דעם צעשטערטן סדר; בעת דרויסן פון די גרענעצן פון סאָציאַליסטישן לאַנד וועלן עקזיסטירן מלוכות מיט אַ בירגערלעכער אָרדענונג; בעת דאָס רוב פון די קעמפער, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט די יסודות פון סאָציאַליזם, וועלן אומבאַוווסט טראָגן אין זיך די געוווינהייטן און די נטיות, וואָס זיי האָבן געירשנט פון דעם סאָציאַלן סדר, אין וועלכן דאָס רוב האָט זיך דערצויגן, געוואַקסן און אַנטוויקלט". מיר רעכענען, אַז דער דאָזיקער איבערגאַנג־פּעריאָד פאַרציט זיך נאָך אויף אַ לענגערער צייט, איידער לאַווראָוו האָט זי אָנגעמערקט: ווייל די סיבות, וואָס שטערן דער פולשטענדיקער באַפרייונג פון מענטשן, זעען מיר נישט נאָר אין בירגער־קריג און אין די זעלישע רעשטלעך פון דעם אייגנטום־סדר. פאַר אונדז הייסט „איבערגאַנג־פּעריאָד" די גאַנצע לאַנגע צייט, וואָס וועט זיך ציִען ב י ז דער אַ נ אַ ר כ י ז ם וועט זיך פאַרווירקלעכן אין זיין טיפסטער פולקאָמענהייט. דערפאַר טאָקע מוז דער דאָזיקער צייטפּעריאָד, וואָס אַנטהאַלט אפילו אין זיך עלעמענטן פון ממשלה, גלייכצייטיק אַריינציִען אין זיין הלכה למשה די מאַקסימאַלסטע צאָל פון אַ נ אַ ר כ י ס ט י ש ע עלעמענטן. דאָ ליגט טאָקע דער גרונטזעצלעכער חילוק צווישן דעם רעוו. פאָלקיזם פון איין זייט, באָלשעוויזם און אַנאַרכיזם, פון דער אַנדערער זייט. דער באָלשעוויזם אָנערקענט, אמת, די נויטווענדיקייט פון אַן איבערגאַנג־פּעריאָד, אָבער אַנשטאָט צו מאַכן פון אים אַ מעכטיקן מקור פון דערציִונג פון אַ נייעם מענטש, פאַרוואַנדלט ער אים אין אַ ברוכשטיק פון דער אַלטער צעבראָכענער וועלט. בעת דער באָלשעוויזם

גיסט אַריין אין דעם דאָזיקן פּעריאָד דעם פֿאַנאַטישן ברען פֿון דער מלוכהשקייט, מאַכט ער פֿון אים נישט דעם אַוואַנגאַרד פֿון אַ נייעם סדר, נאָר נישט מער ווי דעם אַריערגאַרד פֿון דעם בירגערלעך־ממשלהדיקן סדר. — דער אַנאַרכיזם ווידער, וואָס לייקנט אָפּ אינגאַנצן דעם דאָזיקן פּעריאָד, פֿאַלט אַריין אין געפֿאַנ־גענשאַפֿט צו אילוזיעס: ווייל דער פּעריאָד איז דאָך דאָ בממשות. ער איז דאָ נישט נאָר אין דער צייט פֿון בירגערקריג אַליין, נאָר — ווי מיר האָבן שוין געזען — אויך ווייטער און טיפֿער: אויף אַזוי פֿיל ווי ער אַנטהאַלט, כאָטש אין אַ צעברעקלטער פֿאָרם, די בלי ספֿקדיקע עלעמענטן פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער מאַכט. דער רעוואָלוציאָנערער פֿאָלקיזם, פֿון זיין זייט, אַקצעפּטירט דעם דאָ־זיקן פּעריאָד, שטעלנדיק דערביי נאָר איין באַדינג: ער זאָל נישט אַנטהאַלטן אין זיך אַזוינע עלעמענטן, וואָס זענען פּרינציפּיעל פֿאַרשיידן און פֿיינט־לעך צו דער עכטער פֿרייהייט פֿון מענטשן. אפֿילו שוין אָנערקענענדיק די עקזיס־טענץ פֿון מאַכט אין דעם פּעריאָד, זוכט דער פֿאָלקיזם זי צו צעברעקלען, צו פּול־ווערייזירן, צו אַנאַרכיזירן.

III

צי הייסט דאָס, אַז דער רעוואָלוציאָנערער פֿאָלקיזם איז מינימאַליס־טיש אין פֿאַרגלייך מיטן אַנאַרכיזם? דערויף קאָן מען ענטפֿערן: יאָ און ניין. ניין: ווייל דער אַנאַרכיזם איז לגמרי נישט עפּעס אַ באַשטימטע סיס־טעם פֿון געזעלשאַפֿט־אָרגאַנען, אַ סיסטעם פֿון לעבנס־אָרגאַניזאַציע, וועלכן מיר וואָלטן נישט קאָנען אָננעמען. דער פֿאָלקיזם שטעלט זיך טאַקע נישט אַנטקעגן אים ווי עפּעס אַן אַנדער סיסטעם פֿון געזעלשאַפֿט־אָרגאַניזאַציע. אַנאַרכיזם איז די סטיכיע, דער פֿרייהייטלעכער גייסט פֿון מענטש, וועלכער זוכט צו פֿאַר־ווירקלעכן זיך אין אַ סיסטעם, ד. ה. אויך אין פֿאַרשיידענע סיסטעמען. אַנאַר־כיזם איז נישט אַ סאָציאַל־אָרגאַניזאַטאָרישע אָדער סאָציאַל־טעכנישע קאַטעגאָריע, נאָר אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע: דאָס איז דער פּרינציפּ פֿון טיפֿסטער איבעראַנדערשונג פֿון מענטשלעכן באַוווסטזיין און רצון, די לעצטע פֿאַרוואַנד־לונג פֿון זיין נשמה 1). אָט די דאָזיקע סטיכיע זאַפּט אין זיך אַריין דער רעוואָלו־ציאָנערער פֿאָלקיזם.

אָבער אויך יאָ: דער פֿאָלקיזם איז מינימאַליסטיש, ווייל ער שאַצט אָפּ די נשמה און די גייסטיקע רייפֿקייט פֿון די מענטשן אַ סך נידעריקער איידער דער אַנאַרכיזם. ווייל ער זעט שווערע שטרויכלונגען סיי אין דעם ווירטשאַפֿט־סדר סיי אין דעם לעבנס־שטייגער פֿון מענטשן, וועלכער רייניקט אָפּ אין דעם איבערגאַנג־פּעריאָד נאָר די וועגן פֿאַרן אַנאַרכיסטישן גייסט. — אוודאי איז דאָס אַ מינימאַליזם, אָבער גאָר אַן אַנדערער ווי דער געוויינלעכער

1) געוויס איז יעדע סאָציאַלע דערשיינונג — פּסיכאָלאָגיש לויט איר נאַטור. אָבער דער אַנאַרכיזם איז, אַזוי צו זאָגן, דער פּרינציפּ, וואָס באַלעבט פֿון אינעווייניק די סאָציאַלע באַציִונגען.

מינימאַליזם פֿון די אַלטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. יענער מינימאַליזם אַנטפּלעקט זיך אין די גרענעצן פֿון איין סאָציאַל־אָרגאַניזאַציאָנעלער ספּערע, פֿון איין טיפּ געזעלשאַפֿט־בוי; און אין די דאָזיקע גרענעצן אָנערקענט ער נאָר דעם נידעריקסטן שטאַפּל פֿון דעם טיפּ. אונדזער מינימאַליזם נעמט אָן פֿון דעם טיפּ דווקא זיין העכסטן שטאַפּל; שטעלט זיך אָבער אָפּ פֿאַר דעם גאָר נייעם, ממשלהלאָזן טיפּ פֿון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אַנדערש געזאָגט: דער רעוואָלוציאָנערער פֿאָלקיזם איז אין זיין סאָציאַלן מאַקסימאַליסטיש, ווייל אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט וויל ער אויסנוצן די בעסטע פֿאָרמען, וואָס זענען אויסגעאַרבעט ביז היינט דורכן מענטשלעכן באַוווסטזיין. אָבער דער פֿאָלקיזם איז, פֿון דער אַנדערער זייט, מינימאַליסטיש, אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל ער אָנערקענט, אַז די עלעמענטן פֿון מאַכט וועלן אין די בעסטע סאָציאַלע פֿאָרמען ווייטער עקזיסטירן.

אַלזאָ, נאָר די פֿאַרבינדונג פֿון סאָציאַלן מאַקסימאַליזם און אַנאַרכיסטישן מינימאַליזם שיינט צו זיין די איינציק־מעגלעכע אידעאָלאָגיע פֿון דער היינטיקער מענטשהייט. דערפֿאַר טאַקע קאָן דער רעוואָלוציאָנערער פֿאָלקיזם נישט אָפּשיידן זיך פּרינציפּיעל פֿון אַנאַרכיזם. די גרענעץ, וואָס טיילט זיי אָפּ, איז אין אַ גרויסער מאָס רעלאַטיוו און שוואַנקענדיק. זיי זענען פֿאַרבונדן צווישן זיך אינערלעך, ווי אַ סיסטעם איז פֿאַרבונדן מיט אַ גייסט. אויף וויפֿל גייסט קאָן דורכנעמען אַ סיסטעם, נעמט דער אַנאַרכיזם דורך דעם רעוואָלוציאָנערן פֿאָלקיזם. און אויף וויפֿל יעדער סיסטעם נעמט אַריין אין זיך דעם גייסט, נעמט דער פֿאָלקיזם אַריין אין זיך דעם אַנאַרכיזם 4). ער נעמט אים אַריין אין זיין אידעישן שטח ווי אַן אינערלעכן, פֿירנדיקן און באַלעבנדיקן פּרינציפּ. ווייל מען מוז תמיד געדענקען: דער אַנאַרכיזם איז פֿאַר אונדז בשום אופֿן נישט עפּעס אַ סאָציאָלאָגישע גרענעץ, עפּעס אַן אויסערלעך אָפּגעשלאָסענער ברעג, צו וועלכן מען מוז מיטן גאַנצן גוף צושווימען, כדי צו שטעלן זיך אויף אים מיט ביידע פֿיס. דער אַנאַרכיזם איז אַ גייסטיקער ווינט, וואָס בלאָזט אָן די זעגלען פֿון דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, אַ גייסטיקער פּרינציפּ, וואָס זעטיקט אָן די מאַטעריע פֿון סאָציאַליזם. אין דעם דאָזיקן זין שטייט דער אַנאַרכיזם נישט אַזוי פֿאָרנט פֿון פֿאָלקיזם, ווי אין מיטן פֿון אים.

עס וואָלט אָבער געווען אַ פֿעלער צו מיינען, אַז דער אַנאַרכיסטישער גייסט קאָן אַריינדרינגען אין די סאָציאַליסטישע באַציונגען דורך ריין־פּאַסיווע וועגן, אָן דער אַנטשלאָסענער און שטענדיקער איינווירקונג פֿון מענטשן. די באַרימטע פֿאָרמול וועגן דעם „אָפּשטאַרבן פֿון דעם שטאַט” (וועלכע איז דורכגענומען מיט דעם מאַרקסיסטיש־מעכאַניסטישן גייסט), מוז פֿאַרביטן ווערן אויף אַן

1) דער אַנאַרכיזם ווערט דאָ אומעטום פֿאַרשטאַנען ווי דער באַגריף פֿון דער טיפֿסטער צווישן מענטשן מעגלעכער פֿרייהייט. אָבער דער אידעאַל פֿון פֿאָלקיזם שעפּט זיך לגמרי נישט אויס מיט דעם דאָזיקן, אייגנטלעך נעגאַטיוון באַגריף. ער שליסט אַריין אין זיך אַ ריי פּאָזיטיווע מאָמענטן (אַקטיווע מענטשלעכקייט, גרייטקייט צו קרבנות אאַ"וו). דאָס איז אָבער אַ טעמע פֿאַר זיך.

אַנדער פאָרמול: שפּעטעריש אָפּטויטן דעם שטאַט! מאַרקסיסטן מיינען, אַז דער ממשלהלאָזער צושטאַנד וועט, ווען נישט איז סטיכיש, אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, אַריינוואַקסן אין די מענטשלעכע באַציונגען, אַז ער וועט באחרית הימים ווערן אַ נייע „נאַטור” פון דעם מענטש, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער ענערגישער איינווירקונג פון אויבן דורך געזעצן און משפּטים. אין דער הינזיכט איז טאַקע דער מאַרקסיזם, וואָס גייט אַרויס פון די „אייזערנע געזעצן” פון דער סטיכיע און פון די מלוכה־געזעצן פון די געלערנטע פירער, אינערלעך פיינטלעך צום אַנאַרכיזם, וואָס בויט גאָר להיפּוך אויף דעם זעלבסטשטענדיקן שאַפן פון יעדן איינציקן מענטש. דער אַנאַרכיסטישער גייסט וואַרט נישט אויף די רעוואָלוציאָנערע שינוים פון דער דרויסנדיקער נאַטור, ער פאַרלאַנגט די אומאויפהערלעכע רעוואָלוציאָנערע איבעראַנדערשונג פון דער נאַטור.

דערצו מוז מען זיך אָבער מיט דעם באַוווסטזיין אָפּשיידן פון די גליקן פון אַ גרויסער פאַבריק־פּראָדוקציע; מען מוז שטרעבן אויך איבערצושמעלצן די פאַבריקן אין „וואַרשטאַטן”. אַז נישט וועט די באַלעבאַטישקייט תמיד בלייבן אַ באַלעבאַטעווען איבער מענטשן, נישט איבער זאַכן. מען מוז קאָנען אָפּזאָגן זיך פון די גרויסאַרטיקע געשטאַלטן פון טעריטאָריעס־מוראַשניקעס. אַז נישט וועט געאָגראַפיע אויפפרעסן די געשיכטע פון דער מענטשהייט. מען מוז לערנען זיך פונאַנדערצוּוויקלען אַלע לעבנס־באַציונגען אויפן יסוד פון אָפּמאַך און אַזוי אַרום איבערצובויען די סאָציאַלע מאַטעריע, וואָס ווערט געשאַפן נאָר דורך געזעץ. בעת מיר רעדן אָפּמאַך, מיינען מיר נישט יענעם „געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך”, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון רוסאָ און איז אַמאָל שאַרף געשטעמפּלט געוואָרן פון דעם טיפן אַנאַרכיסטישן דענקער פּרודאָן. „דער סאָציאַלער אָפּמאַך — זאָגט פּרודאָן — מוז ווערן פריי באַטראַכט, אינדיווידועל אָנגענומען, און אונטערגעשריבן מיט דער אייגענער האַנט פון אַלע, וואָס נעמען אַן אָנטייל אין אים” 1). נאָר אַזאַ מין אָפּמאַך האָבן מיר דאָ אויך אין זינען. מיר ווייסן אָבער שוין, אַז אויך די אויפן אָפּמאַך געבויטע באַציונגען שאַפן — אין פּראָצעס פון זייער פאַרווירקלעכונג — ווידער ממשלה־צושטאַנדן. דערפאַר טאַקע איז נויטווענדיק — און דאָס איז וויכטיקסטע! — אַרויסצורייסן די עלעמענטן פון מאַכט פון די פּערזענלעכע און שטייגער־באַציונגען צווישן מענטשן. די גרעסטע שוועריקייט, אָבער אויך די שענסטע אויפגאַבע פון גייסט וועט ליגן דערין — אָפּצוּוואַרפן יעדן שאָטן פון באַלעבאַטעווען איבער מענטשן און אָנצוזאַפּן מיט פרייהייט די אינטימסטע ספערן פון ליבע, פריינטשאַפט, באַגייסטערונג און פיִרערשאַפט. דאָס אַנאַרכיזירן דאָס לעבן אין די דאָזיקע באַהאַלטענע ספערן וועט דעמאָלט פון אינעווייניק אָפּשוואַכן די געפערלעכע ווירקונג פון די גרויס־ווירטשאַפטלעכע, גרויס־טעריטאָריעלע, געזעצגעבערישע פאָרמען פון סאָציאַלן

1) Proudhon, "Idée générale de la Révolution au XIX siécle", 117.

לעבן. און די דאָזיקע פאָרמען, וואָס הענגען אָפּ פון אונדזערע פאָרשטעלונגען אי־בער ציוויליזאַציע, וועלן דאָך נאָך לאַנג, לאַנג בלייבן עקזיסטירן...

די דאָזיקע אויף אַ רגע נישט אויפהערנדיקע אַקטיוויטעט פון מענטשן איז נויטווענדיק כדי צו דערגרייכן דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל פון לעבן. זי וועט אָבער נישט ווערן איבערפּליסיק אויך נאָך דעם, ווייל אַנאַרכיזם איז נישט עפּעס אַ דעראָבערונג פון אַ באַשטימטן סדר; ער איז דאָס שטענדיקע מנצח זיין דעם אַלטן מענטש אין זיך. אָבער דער באַגריף פון אַלטן מענטש איז אַ דינאַמי־שער באַגריף. זיין אינהאַלט וועט זיך ענדערן בײַ יעדן אויפשטייג פון דער מענטש־הייט אויף אַ נייער שטופע. נייע אידעאַלן און נייע קאַמפן וועלן געבוירן ווערן אין זיין ברוסט יעדן מאָרגן פון זיין לעבן. אחדשהו יום יום...

(פון „זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך”), וואַרשע, 1929

# צי איז פאַראַן אַ מילחמת מיצווה?

I

18 יאָר זענען אַריבער זינט עס האָט אויסגעבראָכן יענע גרויסע „מילחמת מיצווה", דער ערשטער וועלטקריג. די ערשטע טעג פון אויגוסט 1914 האָט מען אָפיציעל, אַזוי צו זאָגן, נישט פאַרגעסן. מען האָט וועגן זיי דערמאָנט אויף פאַר־זאַמלונגען, מאַניפעסטאַציעס, קאָנגרעסן, אין שאַרפע אָדער רירנדיקע ווערטער. מען האָט ווידער און ווידער פּראָקלאַמירט די לאָזונגען: „קיינמאָל נישט מער קיין קריג!" און „קריג דעם קריג!..." צי איז אָבער היינט צו טאָג די מענטש־הייט פאַרזיכערט קעגן דער מעגלעכקייט פון נייע מילחמות, אָדער אַ נייער וועלט־מילחמה?

ווער פון די סאָציאַליסטישע טוער קען האָבן דעם מוט צו ענטפערן אויף דער פראַגע מיט יאָ? די מענטשהייט איז היינט אַ סך ווייניקער פאַרזיכערט קעגן דעם אויפקום פון נייע פעלקער־שחיטות, ווי פאַר דעם יאָר 1914. אומעטום, אין אַלע עקן וועלט, ליגט די דיפּלאָמאַטיש־מיליטערישע שפּאַנונג פון די מלוכות ווי אַ בלייערנע משא איבער די פעלקער, אומעטום גייט אָן אַ פיבערהאַפטע צוגריי־טונג־אַרבעט פון גענעראַל־שטאַבן, פון אינדוסטריע־פאַבריקן, פון ווויסנשאַפט־לאַ־באָראַטאָריעס. אומעטום זענען די פאָלקס־מאַסן אַזוי צעמישט פון עקאָנאָמישע קריזיסן, נאַציאָנאַלע אינטריגעס, סאָציאַלע אַנטוישונגען, אַז זיי קענען זיך קוים אַנטקעגנשטעלן דעם שטורעם, וואָס לויפט זיי אַנטקעגן. און די בלוטיקע דערפאַ־רונג פון יענעם וועלט־קריג?... דער נייער דור קען נישט די דאָזיקע דערפאַ־רונגען, דער אַלטער דור האָט זיי כמעט ווי פאַרגעסן. אָט אין דעם טאַקע ליגט די קללה פון יענער וועלט־מילחמה: זי האָט איבערגעלאָזן אַזאַ מין גייסטיקע און זעלישע ירושה, אַזוי פיל אַכזריות און הפקרות אין דעם לעבן פון די פעלקער, אַז מען קען שוין „פאַרגעסן" די שרעקן פון יענע בלוטיקע פיר יאָר. אַזוי אַרום ציט טאַקע איין מילחמה נאָך זיך מיט אַ טייוולאָנישן צוואַנג נייע מילחמות.

מען טאָר נישט ווערן מיד צו דערמאָנען די צאָלן פון די קרבנות אין יענעם וועלט־קריג. עס זענען דעמאָלט געוואָרן

| | | | |
|---|---|---|---|
| געהרגעט | — | 9.743.914 | מענטשן, |
| פאַרוווּנדעט | — | 20.927.459 | מענטשן, |
| פאַרפאַלן | — | 3.000.000 | מענטשן, |

— „אַז מען וואָלט די אַרונות פון די געפאַלענע אויסגעשטעלט אין איין ריי, וואָלטן זיי פאַרנומען דעם גאַנצן וועג צווישן פּאַריז און וולאַדיוואָסטאָק" (1). אָפּגעקאָסט האָט די מילחמה זיבעציק מיליאַרד ענגלישע פונט. אין ענגלאַנד האָט מען אויסגערעכנט, אַז פון "יעטוועדן פונט, וועלכן די רעגירונג גיט אויס אין דעם הייַנטיקן יאָר, גייען אַוועק 12 שילינג און 11 פּענס (ד"ה אַ 2/3 כמעט) אויף באַצאָלן פריִערדיקע מילחמה־חובות און צוקונפטיקע מילחמה־צוגרייטונגען.

אָבער מען **פאַרגעסט** די דאָזיקע אַלע צאָלן, אפשר דערפאַר ווייל זיי זענען אַבסטראַקט, אַקאַדעמיש, נישט אָנגעטאָן מיט בלוט און פלייש. אַ מיליאָן געהרגעטע אין קריג ווירקט אויף דער פאַנטאַזיע און דעם געפיל פון דעם מענטש ווייניקער ווי די שילדערונג פון אַן איינאיינציקן מענטשלעכן מאָרד. וואָלט מען געדאַרפט שילדערן פאַרן פאָלק אין פּשוטע לעבנס־פאַרבן די אומצאָליקע אינצל־טראַגעדיעס, וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף די שלאַכט־פעלדער, אַרום די שטאַכל־דראָטן, אין די פאַרלאָזענע היימען פון די סאָלדאַטן. זענען טאַקע דערשינען נישט ווייניק קינסטלערישע ווערק, וואָס האָבן געגעבן אַזעלכע אינדיווידועלע מילחמה־שילדערונגען, אָבער מען האָט אויך אָן זיי **פאַרגעסן**, זייער איינדרוק איז אויך אָראָפּגעשוואונקט געוואָרן דורך די דאגות און באַנומענע קולות פון די נאָך־מילחמה־יאָרן. מען טאָר נישט מיד ווערן צו שילדערן ווידער און ווידער אַמאָל יענע גרוויזאַמע צייט. אַלע ווײַלע קומט אַ קינסטלער אָדער אַ קרבן פון יענער צייט און דערמאָנט אונדז. לאָמיר זיך צוקוקן צו זייערע צייכענונגען. דער פראַנצויזישער שרייבער **גאַבריעל שעוואַיע** גיט אַ בילד פון אַ „העלדנטויט". מען טאָר דאָס בילד נישט פאַרגעסן.

## העלדנטויט

„אין אונדזערע מאַלפּע־קליידער (רויטע הויזן און בלויע רעקלעך) האָט מען אונדז דורך אַן אָפענעם פעלד געיאָגט אין אַ שטורעם־אָנגריף קעגן אָט די בערגלעך אין יענעם וואַלד. די דייטשן האָבן אונדז אונטערגעשאָסן ווי די האָזן און צעריסן אין שטיקלעך די בגדים אויף אונדז. דערביי האָבן מיר נישט געזען אפילו אַ שפּור פון אַ שונא . . . אין די צעטראָטענע תבואה־פעלדער האָבן געשריִען און געיאָמערט פאַרוואונדעטע און שטאַרבנדיקע. אַ טייוולשער געדאַנק האָט געמוזט אַריינפאַלן אין איינעם פון די אַנטקעגנליגנדיקע מוחות.

„דער ווינט האָט געבלאָזן קעגן אונדז און זיי האָבן **אָנגעצונדן** די תבואה־פעלדער. האָב איך איבערגעלעבט דעם גיהנום אין זיין גאַנצן שגעון. אויף פיר הונדערט פאַרוואונדעטע, וועלכע זענען דאָ געלעגן צעריסן און צעשליסן, אויסגיי־

---

1) **ליבמאַן הערש** („צוקונפט", סעפּטעמבער 1932) ברענגט שרעקלעכע צאָלן. ער מאַכט אויפמערקזאַם אויף דער צאָל ציווילליִיט, וועלכע זענען אומדירעקט געפאַלן אין קריג. אין סך־הכל זענען געפאַלן: מיליטער — 13 מיליאָן, ציווילליִיט — 28 מיליאָן מענטשן. דער פולער באַלאַנס איז קרוב **42 מיליאָן**. דערפון אין אייראָפּע — קרוב 25 מיליאָן, אין אַזיע — 14 מיליאָן מענטשן.

ענדיק פון בלוט און פון דאָרשט, אומפעיִק צו מאַכן אַ באַוועגונג צוליב די יסורים און ווייטאָקן, — האָבן פּלוצים די פלאַמען דערלאַנגט אַ שפּרונג ווי מיט מעסערס. פיר הונדערט פאַרווונדעטע האָבן זיך גענומען קרימען און בויגן אין אַלע זייטן, האָבן זיך קוים געגעבן אַ הויב און זענען תיכף געפאַלן אויף הינטערווייַלעכטס. ווי אַ ים, געשמיסן דורך ריטער פון שמערץ, האָבן זיך מענטשן־לייבער געבוואַ־ליעט אַהין און אַהער. דער ווינט האָט פונאַנדערגעבלאָזן זייערע מונדירן אין פלאַ־מענדיקע פאַקעלן. דער פייער איז געשפּרונגען אין זייערע האָר, אַזוי אַז די פלאַ־מען האָבן געסמאַליעט די קעפּ. די ברענענדיקע קוילן־טאַשן האָבן זיך אויפגעריסן אויף זייערע קערפּערס. אַלע ווײַלע האָבן זיך די לייבער געוואָרפן אין דער הויך, ביז זיי זענען פאַרקוילט געוואָרן אין דעם פלאַם פייער.

„מיר זענען געלעגן אין די גריבער, מיט הענט און פיס גרייט אַרויסצושפּרינ־גען, כדי אין אַ קורצער פייער־פּויזע צו פּרוּוון ראַטעווען כאָטש דעם אָדער יענעם חבר. אָבער די פיינטלעכע מאַשין־ביקסן האָבן אונדז נישט צוגעלאָזן דערצו. איי־נער, אויף וועמען עס האָט זיך געוואָרפן די ברייטע פלאַם פון גאַנצן פעלד, האָט זיך מיט קולי קולות געריסן צו אונדז. ער האָט געהויבן זיין קאָפּ, האָט זיך פאַר־שטעלט די אויגן מיט די בלוטיק צעריסענע הענט און האָט געיאָמערט: „חברים, דערשיסט מיך! אָטאָ דאָ, אין דעם שטערן!"

„פּלוצים האָט זיין קערפּער דערלאַנגט אַ שפּרונג אַרויף ווי אַ פיש, — און אָט איז ער שוין געלעגן שטיל.

„דאָס האָט פּאַסירט אין עלזאַס.

„און דערנאָך איז געקומען איפּערן!

„די אומענדלעכע אַטאַקעס פון האַלבער נאַכט אָן ביז דעם מאָרגן־ליכט! מען האָט נישט געזען וועמען מען האָט געשטאָכן אין חושך און פון וועמען מען איז געשטאָכן געוואָרן".

דער יידישער שרייבער ק. ה י י ש ר י ק צייכנט אונדז בילדער „אין פייער און בלוט" (1). און ווי זאָל מען פאַרגעסן די יסורים פון דעם יידישן סאָלדאַט?

„מ'איז געלעגן אין די שויץ־גראָבנס און קוים געדרעמלט אונטער די כסדר־דיקע שאָסן פון די קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע, לאַנגע שעהן און נישט אויפגעהערט צופּן און וועקן די מידע שלעפּערדיקע נערוון. שלאָף נישט, סאָלדאַט! אָט מוזטו דיך באַלד אויפכאַפּן ווי אַן אָפּגעריסענער הונט פון דער קייט און לויפן, לויפן אין איין אימפּעט, נישט אומקוקן זיך וווּהין, אונ־טערן האָגל פון פאַלנדיקע שטיקער פלאַם־פייערדיקע שמעלץ־אייזנס. דער מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתדיקער ווילדער חיה אין ווילדן וואַלד... ווי אַן עלעקטרישער ברי פאַרברענט אַ נאָענט צורירנדיקן זיך מענטשן און פאַר־וואַנדלט אים אין אַ שטיק קויל, — אַזוי ווערט דער פונק, וואָס מיר באַצייכענען

---

1) „אין פייער און בלוט", מעמוארן פון דער וועלט־מלחמה, וואַרשע, 1930.

עם „געפיל״, פאַרלאַשן, און דער מענטשלעכער מוח פאַרוואַנדלט זיך אין אַ הייסער צעווילדעוועטער נאַטור... פונקט ווי אַ שטורעמווינט צעיאָגט לייכט צעוואָרפענע שטרוי, אַזוי לויפן זיך די מענטשן פונאַנדער אונטערן געדונער און געבליץ פון די פיינטלעכע האַרמאַטן, אונטערן רעגן פון די ביקסן און קוילנוואַרפערס. ווער עס קאָן, לויפט אַוועק ווייטער און ווייטער.

„און מיר, די פאַרוואונדעטע, בלייבן ליגן אויפן רוקן און קוקן מיט די אָפענע אויגן. דורכגעווייקטע אין בלאָטע, וואַרפנדיק זיך אין פיבערהאַפטע קאַנוולסיעס, הערן מיר אַרום געשרייען, קרעכצן פון מענטשלעכע העלדזער, וואָס בעטן זיך:

— „הימלען! וואָס עפנט איר זיך נישט?״

און בעת סאַלדאַטן פון דער גאַנצער וועלט, פראַנצויזן און דייטשן, יידן און רוסן, אינדוסן און ענגלענדער, האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין דער ביטער־רער איינזאַמקייט פון יאוש און טויט, האָבן די מאַכטהאָבער פון קאַפּיטאַל גע־ציילט אין רחבות זייערע דיווידענדן. ס׳איז אויך אַ בילד, וועלכן מען טאָר נישט פאַרגעסן:

„דעם 31־טן יאַנואַר 1916, ד״ה אין דער צייט, ווען דייטשלאַנד און מיט איר גאַנץ אייראָפּע האָבן זיך באַגאָסן מיט בלוט, האָבן די באַנקירן אין דער וואָל־סטריט (ניו־יאָרק) 5 אַזייגער באַטאָג געשלאָסן זייערע קאַנטאָרן און זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. דאָ האָבן זיי זיך אָנגענומען פאַר די הענט און האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן — צו טאַנצן ווייל זיי האָבן אָפּגעשלאָסן דעם באַלאַנס פון דעם יאָר גאַנץ באַזונדערס צופרידנשטעלנדיק...״

עס האָט זיך געדוכט, די אומצאָליקע מיליאָנען סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיט אייגענע אויגן געזען דאָס בילד פון דעם קריג, וועלן ווערן איבערגעאַנדערשט. זיי וועלן איינזויגן אין זיך דעם צער, דעם כעס, די טיפסטע דערנידערונג פון מענטש־לעכן וועזן. זיי וועלן רעוואָלטירן, זיי וועלן איבערבויען די וועלט, זיי וועלן לכל הפחות נישט צולאָזן, אַז די שאַנד פון דער מענטשהייט זאָל ווידער אַמאָל קומען. אויב זיי זענען נישט מער בכוח צו קעמפן, וועלן זיי לכל־הפחות איבערגעבן זייער כעס און זייער דערפאַרונג צו דעם דור יונגע. ניין, ס׳איז נישט געבאָרן געוואָרן יענער זודיקער שטורעמווינט, וועלכער טראָגט אין זיין אָטעם דעם ווילן צו שלום, וועלכער מאַכט צונישט די מילחמה־הכנות פון די מלוכות און פעלקער. מען האָט אַזוי ווי פאַרגעסן אָן יענער צייט.

וואָרים אויב מען וואָלט נישט פאַרגעסן, וואָלט דאָך דער סאָציאַליזם, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג גאָר אַנדערש באַקעמפט די קומענדיקע מילחמות. דע־מאָלט וואָלט נישט מעגלעך געווען, אַז דער קאַמף קעגן מיליטאַריזם זאָל געפירט ווערן אַזוי ווי ביז איצט.

## II

ווי פירט דעם קאַמף קעגן קריג די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אַ באַוועגונג, וועלכע וויל זיין פּאַציפיסטיש,

וועלכע טרעט אויף אומעטום אין נאָמען פון פעלקער־פרידן. דער 2־טער אינטער־נאַציאָנאַל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נעמט אַרום אַ סך מיליאָנען אָרגאַני־זירטע אַרבעטער. די פאַרטרעטער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל אין דעם פעלקער־בונד, — אָבער די גאַנצע דאָזיקע פּאָליטיק איז נישט אימשטאַנד אָפּצושטעלן די אַרבעט פון דער גרויסער צעשטערונג־מאַשין פון מיליטאַריזם. ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אומעטום, אין אַלע קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער, אַ באַשטאַנדטייל פון דער מלוכה, פון אירע אינסטי־טוציעס, פון איר אַרמיי. דורך פּאַטריאָטישע אידעען און חשבונות איז זי ענג צונויפגעפלאָכטן מיט דעם אַפּאַראַט פון זייער דיפּלאָמאַטיע, פון זייער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. קיין איינע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען קען נישט תופס זיין דעם געדאַנק, אַז אויב מען וויל אינטערנאַציאָנאַלע אַנטוואָפענונג, מוז מען אָנהויבן אויף אַן אמת אַנטוואָפענען זיך ראשית כל אין דעם איי גענעם לאַנד. די ענגלישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פאַרטיי I. L. P. האָט פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ: אַנטוואָפענונג דורך דעם ביישפּיל פון דער אייגענער מלוכה! האָט די אַרבעטער־רעגירונג פון מאַקדאָנאַלדן נאָר אויסגעלאַכט זיך פון דער „נאַזוויטעט”. וואַרטן טאַקע אַלע מלוכות איינע אויף דער אַנדערער, ביז יענע וועט אָנהויבן...
אין פראַנקרייך ווערט די אָפענע מיליטאַריסטישע פּאָליטיק אָנגעפירט פון אַ פּאָל־באַנקור; אַלס קריגס־מיניסטער און וואָרט־פירער פון פראַנקרייך אין פעלקער־בונד, איז ער אימשטאַנד אַרונטערצורייסן אַלע ערנסטע באַמיונגען וועגן אַנטוואָ־פענונג. באַנקור איז נאָך נעכטן געווען אַ וויכטיקער מיטגליד פון דער פראַנצויזי־שער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. נישט די פאַרטיי האָט זיך באַפרייט פון אַזאַ גלענצנדיקן פאַרטרעטער, נאָר באַנקור אַליין איז מיט כבוד אָפּגעגאַנגען פון דער פאַרטיי, כדי צו דינען אויף אַן אַנדער פּאָסטן דעם זעלביקן פאָטערלאַנד. די פראַנ־צויזישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי שטייט אַלס גאַנצע הינטער די מיט אייזן און בעטאָן באַפעסטיקטע גרענעצן פון איר לאַנד.

אַזוי איז עס אין בעלגיע, אַזוי אין אַנדערע לענדער. אַזוי אויך אין דעם „בנימין” פון די גרויסע היינטיקע מלוכות: אין דייטשלאַנד. וואָס פאַר אַ רעאַק־ציאָנערער רעזשים עס זאָל זיך נישט באַזעצן אין דייטשלאַנד, ווייס ער גוט, אַז אין זיין אויסנפּאָליטישער און מיליטערישער פּאָליטיק וועט ער האָבן אויף זיין זייט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויף איר קאָנגרעס אין מאַגדעבורג (1929) האָט זי אָנגענומען אַ מיליטער־פּראָגראַם, וועלכע כשרט אי דעם בוי פון פאַנצער־שיפן אין עבר, אי דעם אויפבוי פון דער אַרמיי אויף להבא. נישט נאָר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועלס, הילפערדינג, ברייטשייד האָבן אָנגענומען אַזאַ פּראָגראַם, נאָר אויך דער „לינקער” סאָציאַל־דעמאָקראַט אַטאַ באַוער האָט זיי אונטערשטיצט דערביי. „דייטשלאַנד — האָט ער דעמאָלט געשריבן — איז אַרומגענומען מיט אַ סך שטאַרקע באַוואָפנטע מלוכות. אַ דייטשלאַנד, וואָס וואָלט געווען אינגאַנצן אָנטוואָפנט, וואָלט געשטאַנען פאַר גרויסע געפאַרן אין אייראָפּע. דאָס וואָלט באַ־

דייט, אַז דאָס אָנמעכטיקע דייטשלאַנד רופט בפירוש אַרויס די ביז די ציין באַוואָפנטע שכנים אויסצונוצן די דייטשע טעריטאָריע אַלס דורכגאַנג־וועג". אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע דייטשלאַנד גערעכט, ווען אירע היינטיקע האַלב־פאַשיסטישע מושלים פאַרלאַנגען פון דעם פעלקער־בונד „גלייכע רעכט" אין דער באַוואָפענונג. קען טאַקע דער היינטיקער דיקטאַטאָר פון דייטשלאַנד, דער גענעראַל שלייכער, זיין זיכער, אַז אויף דעם געביט פון פאָדערן יושר וועט ער נישט געפינען קיין ערנסטן ווידערשטאַנד מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין דער אָפיציעלער צייטונג פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „אייזערנעם פראָנט" („ראָס רייכסבאַנער" פון 10־טן סעפטעמבער 1932) דערשיינט אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן עס ווערט אויפגעשטעלט אַן אייגענע מיליטער־פּראָגראַם לגבי שלייכערן. „60.000 פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן, באַוואָפנט מיט דעם סאַמע מאָדער־נעם מאַטעריאַל, מיט די נויטווענדיקע לערן־אַנשטאַלטן און לאַבאָראַטאָריעס; אַרמיי־קאָמיסאַרן פון פּאַרלאַמענט; אַ יערלעכער קאָנטינגענט פון מיליץ־רעקרוטן אין צאָל פון 400.000 יונגע דייטשן אויפן יסוד פון אַלגעמיינער קורצער מי־ליטער־פליכט — דאָס איז דאָס צוועקמעסיקסטע פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַ־לער זיכערקייט און ווילן צו דייטשער פרייהייט און גלייכקייט". אויך דאָס איז אַ פּראָגראַם פון דייטשן מיליטאַריזם, פון באַוווסטער צי אומבאַוווסטער צוגרייטונג פון מילחמות.

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די מאַניפעסטאַציעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער יוגנט, פון די אַלע לאָזונגען „קיינמאָל נישט מער קיין קריג!" פון די אָפּשטימונגען אין די פּאַרלאַמענטן, אויב די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס גאַנצע איז אַזוי שטאַרק אויסגעבונדן מיט דער אַרמיי און דעם פאָטערלאַנד?

און ווי פירט דעם קאַמף קעגן דער מילחמה־געפאַר די קאָמוניסטישע באַוועגונג? זי רוקט אַרויס רעוואָלוציאָנערע מיטלען פון קאַמף: דעם גענעראַל־שטרייק, די פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַרמיי, דאָס שטימען קעגן מיליטערישע ביו־דזשעטן אין פּאַרלאַמענט. די מיטלען זענען אויס רעוואָלוציאָנער, אָבער — ביי דער היינטיקער לאַגע פון מלוכישע און סאָציאַלע כוחות — זענען די אַלע מיטלען אין תוך פיקטיוו. דער גענעראַל־שטרייק? געוויס, דער פּראָלעטאַריאַט איז בכוח אָפּצושטעלן דורך זיין אוניווערסאַלן שטרייק אַלע רעדער פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער אינדוסטריע. און די מילחמה־פירונג איז היינט צו טאָג טאַקע אַ מעכטיקער צווייג פון דער גרויס־אינדוסטריע. אָבער אַ גרויסע פראַגע איז: צי וועט דער פּראָלעטאַריאַט גאָר זיין ביכולת אַרויסצוטרעטן אין דער פאַטאַלער היסטאָרישער שעה אַלס איינהייטלעכער און מוטיקער פאַקטאָר? מען מוז זיך גענוי פאָרשטעלן (אויב מען האָט שוין פאַרגעסן דאָס יאָר 1914) די אַלגעמיינע פּאָליטישע און זעלישע אַטמאָספער, אין וועלכער עס וואַקסן אויס און שפּיצן זיך צו מיליטערישע קאָנפליקטן. שוין מיט אַ צייט פריער, אומבאַמערקט פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן, ווערט דורך מלוכה, פּרעסע, פּאַרטייען, געשאַפן די נייטיקע אַטמאָספער, די אָפענע צי באַהאַלטענע שינאה צו דעם צוקונפטיקן פיינט. די הערשנדיקע קלאַסן נעמען

אַן אַלע מיטלען, כדי נישט צוצולאָזן צו אַן אַקטיווער ווידערשטאַנד־קאַמפּאַניע; אין דעם נייטיקן מאָמענט וועלן זיי ״רעאָרגאַניזירן, פינאַנדעררייסן דעם פראָנט פון די קעגנער פון קריג. די מאַסן, זעליש צעמישט דורך דעם פּאַטריאָטישן רעש פון דער ערב־מילחמה, וועלן קוים קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער מלוכה־מאַשין, וועלכע וועט פלוצים אויפטרעטן מיט אַלע מאַכט־מיטלען פון דעם קריג. גאָר אַנדעריש וואָלט עס געווען ווען די מאַסן דערקלערן אַ ווידערשטאַנד אין אַ גוואַלדיקן ס ט י כ י ש ן שווונג, ווען זייער פראָטעסט ווערט געטראָגן פון אַ באמת טיפגייענדיקער פאָלקס־באַוועגונג. אָבער כדי עס זאָל קומען דערצו, טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם „גענעראַל־שטרייק" אין דער לעצטער מינוט, מוז מען יענעם סטיכישן אויפברויז פון מענטשן און קלאַס צוגרייטן אין אַ לאַנגער עקשנותדיקער אַרבעט.

גרייטן עס די קאָמוניסטן צו אפשר דערמיט, וואָס זיי שטימען אין פּאַרלאַ־מענטן (דאָס טוען אַמאָל אויך סאָציאַל־דעמאָקראַטן) קעגן מיליטער־קרעדיטן? אויך דאָ מוז מען זיך אָפּזאָגן פון אַ געפערלעכער פיקציע. די אָפּשטימונגען אין פּאַרלאַמענטן האָבן אין דער היינטיקער מלוכה־וועלט שוין לאַנג פאַרלאָרן די ראָלע באַדייטונג; אַמווייניקסטן אינטערעסירן זיך די גענעראַל־שטאַבן מיט אַזעלכע אָפּשטימונגען. אָבער אין דעם פּאַרלאַמענטאַרישן „קאַמף" אויף ד ע ם געביט ליגט נאָך אַ גרעסערע געפאַר, וועלכע קומט זייער זעלטן צום באַוווסטזיין. די פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמוניסטן אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן הויבן אויף זייערע הענט קעגן קאַפּיטאַליסטישן מיליטער, זיי האָבן באַפרידיקט זייער געוויסן, זיי האָבן פאַרטראָטן די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס. און... אויף מאָרגן גייען די זעלביקע אַרבעטער אין די וואָפן־פאַבריקן, אין די גיפט־גאַזן־באַטריבן, אין די שיפבוי־וואַרשטאַטן — און שאַפן מיט אייגענע הענט די קריג־אינסטרומענטן. עס ליגט אַן אומגעהויערע אומבאַוווסטע צביעות אין אַזאַ טאַקטיק פון אַרבעטער־קלאַס. אין פּאַרלאַמענט, וווּ ער האָט נישט די מערהייט, גיט ער אָפּ — דורך זיינע פאַרטרעטער — אַ ריין־אַקאַדעמישע שטים; און אין פּאַקטישן לעבן דינט ער מיט זיינע מוסקולן, אַרבעטס־קראַפט און שכל דעם מיליטאַריסטישן פּראָגראַם פון דער מלוכה. וואָס איז דער פועל־יוצא דערפון? נישט נאָר דאָס, וואָס די האָרע־פּאַשניקעס פון די וואָפן־פאַבריקן שאַרפן אליין קעגן זיך און זייערע ברידער דעם מעסער אויף להבא. דער פועל־יוצא איז אויך, אַז די גאַנצע אַרבעטערשאַפט בכלל ווערט געוויינט צו באַטראַכטן די אַרבעט אין דער וואָפן־אינדוסטריע אַלס אַ נ אָ ר מ אַ ל ע אַרבעט, נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע. דערמיט ווערט אָבער אויך אָפּגעשוואַכט דער זעלישער ווידערשטאַנד קעגן דער צוגרייטונג פון מלחמות. די בורזשואַזיע קאָן זיין צופרידן מיט אַזאַ לאַגע.

און דער דריטער וועג פון באַקעמפונג? — די פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַרמיי. דאָ שיידן זיך אָפּ קאָמוניסטן פון אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערן. די אַנדערע האַלטן, אַז מען מוז באַיקאָטירן, אויסווייכן, אַרויסציִען מענטשן פון דער באַוואָפנטער מאַכט פון דער אַלטער געזעלשאַפט. אייראָפּע קען אויך אַ פּאַציפיסטישע באַוועגונג

באַוועגונג פון „קריגס־דינסט־פאַרווייגערער", פון מענטשן, וועלכע ווילן אויפן פּאַ־סיוון אופן, אינדיווידועל אויסמיידן צו דינען דער קריגס־פּוריע. אָבער קאָמוניסטן באַקעמפן אַלע אַרטן פון רעוואָלוציאָנערן אַנטי־מיליטאַריזם. זיי פאַרלאַנגען פאַר־קערט: מען זאָל אַריינטרעטן אין די אַרמייען און מען זאָל דאָרטן פון אינעווייניק אויפבויען די קאַמף־עלעמענטן. נאָכפאָלגנדיק לענינס ווערטער, ווילן זיי אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען די נאַציאָנאַלע אַרמיי אין אַ רעוואָלוציאָנערע, דעם צוקונפטיקן נאַ־ציאָנאַלן קריג — אין אַ סאָציאַלן בירגער־קריג. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס קאָמוניסטן ווילן נישט צעשטערן די אַרמיי־אַפּאַראַטן; זיי האָבן אַכטונג פאַר די דאָזיקע אַפּאַראַטן, זיי ווילן זיי אויסנוצן פאַר דער קומענדיקער קאָמוניסטישער מלוכה. אָבער עס איז אַ פיקציע צו מיינען, אַז מיט אָט אַזעלכע שכלדיקע פּראָפּאַ־גאַנדע־מעטאָדן וועט מען בייקומען די קאַפּיטאַליסטישע אַרמייען, וועט מען אָפּ־האַלטן, ווען נייטיק, דעם אויסברוך פון אַ מלחמה. מיט אַזעלכע מעטאָדן פאַר־שטאַרקט מען נאָר די מיליטאַריסטישע פּסיכאָלאָגיע אין אַרבעטער־קלאַס גופא. מען גרייט אים צו פּאַקטיש צו נעמען שפּעטער אַנטייל אין מלחמות פון אַלטן נאַציאָנאַלן שטאַט. — און זאָל זיך דאָס נישט אויסדוכטן ווי אַ פאַנטאַסטישע השערה. דער מאָסקווער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט שוין מיט יאָרן צוריק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קען האָבן אַן אינטערעס אין פרעמדע אימ־פּעריאַליסטישע אַרמייען.

בעת דעם פערטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע (1922) האָט בוכאַרין אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע וויכטיקע דערקלערונג: „ווען עס איז נייטיק, קען סאָוועט־רוסלאַנד שליסן פּאָליטישע און מיליטערישע אָפּמאַכן מיט בירגערלעכע לענדער, וועלכע זענען גאַנץ אָדער האַלב אונטערדריקט, כדי צו קעמפן קעגן די הויפּט־כּוחות פון אימפּעריאַליזם. מיר ווייזן אָן אַלס ביישפּיל אויף דעם בונד צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און טערקיי צוליב אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די מערב־אייראָפּעישע לענדער. ביי אַזאַ מין פאָרעם פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, ביי אונדזער מיליטערישן אָפּמאַך מיט בירגערלעכע מלוכות, מוזן די חברים פון די באַטרעפנדיקע לענדער אונטערשטיצן דעם בלאָק ביז צום ניצחון". הייסט עס, אַז דער דייטשער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט וואָלט געמוזט אין אַזאַ שעת־הכושר אונטערשטיצן גאָר זיין אייגענע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג? יאָ! — האָט אויף דעם געענטפערט מיט קלאָרע רייד קלאַראַ צעטקין, אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע, אויף דער זיצונג פון דייטשן פאַר־לאַמענט אין יאָר 1923. „די צוקונפט פון דייטשלאַנד — האָט זי געזאָגט — באַזירט זיך אויף אַ געמיינשאַפט פון אינטערעסן מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס דאָס באַדייט אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צוזאַמענאַרבעט און, ווען נייטיק, אויך אַ מיליטערישע קעגנזייטיקע הילף. להיפוך צו דער אָנזיכט פון דעם הערן דעפּוטירטן וועלס (פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע), זע איך נישט איין פאַר וואָס זאָל זיך נישט פאַרווירקלעכן, אין פאַל פון נויטווענדיקייט, אַן אינטימע קאָ־אָפּעראַציע צווישן דער דייטשער רייכסווער און דער רויטער אַרמיי". —

דער שטאַנדפּונקט פון דעם אָפיציעלן קאָמוניזם האָט זיך פאַר די יאָרן אין קיין פּונקט נישט געענדערט. די דייטשע קאָמוניסטן, למשל, האָבן אין די יאָרן געפירט אַן אויסגעשפּראָכן־נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן פראַנקרייך, קעגן דעם „רויבערישן ווערסאַל־אָפּמאַך״ אאז״וו. דערמיט האָבן זיי אָביעקטיוו געהאָלפן דער פאַרשטאַרקונג פון דייטשן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, פון דעם דייטשן מיליטאַריזם בכלל. דער אָפיציעלער קאָמוניזם איז נישט אימשטאַנד צו באַקעמפן ערלעך ביז גאָר די היינטיקע מילחמה־געפאַר.

עס איז דאָ נאָר איין מיטל צו באַקעמפן מילחמות: נישט שפּילן זיך מיט דעם געדאַנק פון מילחמות! מען מוז זיי באַקעמפן נישט נאָר מיט שלום־מאַניפעסטאַציעס, מיט פּאַרלאַמענטאַרישע אָפּשטימונגען, מיט האָפע־נונגען אויף דעם משיח פון גענעראַל־שטרייק. עס מוז אָנערקענט ווערן אַלס סאָ־ציאַליסטישע פליכט, אַז מען טאָר נישט, אויף וועלכן נישט איז אופן, נעמען פּערזענלעכן אָנטייל אין דער צוגרייטונג פון צוקונפטיקע שלאַכטן: נישט אין די ריזיקע אַנשטאַלטן, ווו מען גרייט צו די מאַטעריעלע מכשירים, נישט אין יענע, ווו מען גרייט דעם מענטשן־מאַטעריאַל. וועט מען זאָגן: ווי קענען די וואָפן־אַר־בעטער מוותר זיין אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער, ווו זאָלן זיי נעמען אַנדערע פּרנסות? וועט מען מוזן ענטפערן: דער אַרבעטער־קלאַס קען נישט אָפּזאָגן זיך פון זיינע פּרינציפּן צוליב אָט די מאַטעריעלע שוועריקייטן פאַר געוויסע טיילן פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער. עס מוז דורכדרינגען דאָס באַוווּסטזיין, אַז — אַפילו ביז עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט די שווערדן איבערשמידן אויף גראָב־אייזנס — איז די שווערד־אינדוסטריע אַ פּאַראַט לגבי דער מענטשהייט. דער סאָציאַליזם באַגייט אַ פאַראַט לגבי זיין אידעע און זיין קלאַס נישט נאָר ווען ער שטייט שוין, באַוואָפנט און געפּענטעט, אין די רייען פון די פּאָטערלאַנד־פאַרטיידי־קער. ער באַגייט דעם פאַראַט דווקא אין דער צוגרייטונג־צייט, ווען ער אַרבעט ווי אַ „פרידלעכער״ האָרעפּאַשניק ביי די וואָפן און פאַרדינט ערלעך זיין פּרנסה פאַר זיך און דער פאַמיליע. וועט דער סאָציאַליזם נישט האָבן דעם מוט צו פאַר־לאַנגען פון זיינע אָנהענגער אָט דעם אָפּזאָג פון די מאַטעריעלע אַרבעט־פּלעצער שוין איצט, דעמאָלט איז נישטאָ קיין סך האָפענונג צו דערוואַרטן פון פּראָלעטאַריאַט דעם גרויסן אַנטימיליטאַריסטישן מסירת־נפש אין מאָמענט פון דעם קריג־אויס־ברוך. — ואם תאמר מה נאכל? און אַז דער פּראָלעטאַריער פון אָט דער אינ־דוסטריע וועט פרעגן: ווי זאָל איך לעבן? מוז מען אים געבן נאָר איין תשובה: און ווי זאָל לעבן די מענטשהייט?... וועט יענער טייל אַרבעטער פאַרלירן זיינע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, וועט ער מוזן זוכן סאָלידאַריטעט ביי דעם גאַנצן אַר־בעטער־קלאַס, ביי אַלע ערלעכע אָנהענגער פון סאָציאַלן קאַמף. וועט דאָס שאַפן אַן אַטמאָספער פון קעגנערשאַפט צום קריג, וועט עס דערציִען די יוגנט אין אַ נייעם אויפריכטיקן גייסט. געוויס, די לעצטע מעטאָדע פון קאַמף קעגן קריג ליגט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָבער דער קאָנסעקווענטער אַנטימיליטאַריזם איז איינער פון די בעסטע וועגן צו איר.

## III

מיר האָבן געזען: די היינטיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט נישט קיין קלאָרע טעאָרעטישע קאַמף־פּראָגראַם בנוגע דעם קריג. האָט זי אָבער דעם קלאָרן אינסטינקט ווי צו רעאַגירן אויף קאָנקרעטע מילחמה־געפאַרן? מיר שטייען שוין מער ווי אַ יאָר פאַר אַזעלכע געפאַרן אויפן ווייטן מיזרח. אַ מילחמה איז אויסגעבראָכן צווישן **יאפּאן** און **כינע**: אַ געפאַר האָט זיך אָנגערוקט אויף די באַציִונגען צווישן יאַפּאן און ראַטן־רוסלאַנד. האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די קאָמוניסטן אַוועקגעשטעלט זיך אויף דעם ריכטיקן וועג ווי צו באַקעמפן דעם יאַפּאַניש־כינעזישן בלוטיקן קאָנפליקט?

ניין, זיי זענען טאַקע אַוועק אויף דעם פאַלשן וועג. זיי האָבן פשוט איבערגעחזרט די געפערלעכע טאַקטיק פון יענער ערשטער וועלט־מילחמה. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף **איין זייט**, זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו באַשיצן די אינטערעסן פון כינע (1). זיי האָבן זיך נישט אַוועקגעשטעלט ווי אַ מאַכט, ווי אַ **דריטע מאַכט**, צווישן אָדער דרויסן פון דיביידע קעמפנדיקע מחנות.

געוויס איז די אויפרעגונג פון דער יושרדיקער מענטשהייט קעגן דעם רויבערישן קריג פון יאפּאן געווען באַגרינדעט. געוויס מוז מען פאַרמישפּטן די אַכזריות, מיט וועלכע דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליזם איז באַפאַלן צוערשט מאַנדזשוריע און שפּעטער שאַנכאַי. מיט די מאָדערנסטע מיטלען פון דער קריג־טעכניק האָבן יאַפּאַנער צעשטערט שטעט און דערפער, געהרגעט טויזנטער מענטשן, פאַרניכטעט די אָרעמע פּראַצע פון אַ צאָל אַרבעטנדיקע. אָבער: איז דערפון געדרונגען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם מעג זיך סאָלידאַריזירן אינגאַנצן מיט „כינע" (אין דעם ברייטן באַגריף פון פאָלק און מלוכה) און אַרויסטרעטן אינגאַנצן קעגן „יאַפּאַן" (אַלס פאָלק און מלוכה)? דאָס הייסט דאָך אין לעצטן גרונד, אַז די סאָציאַליסטן גיבן זייער הסכמה כינע, אַז זי זאָל פירן **מילחמה** קעגן יאַפּאַן. זאָל זיין אַ **פאַרטיידיקונג**־מילחמה, אָבער דאָך אַ מילחמה! פונקט אַזוי האָבן די בעלגישע און פראַנצויזישע סאָציאַליסטן דעמאָלט געבשרט זייער קריג קעגן די דייטשן אַלס אַ פאַרטיידיקונג; און פונקט אַזוי האָבן די דייטשן געבשרט זייער קריג אַלס פאַרטיידיקונג קעגן רוסלאַנד און ענגלאַנד. זאָל די דערפאַרונג פון יענע יאָרן נישט האָבן אויסגעלערנט די סאָציאַליסטן, אַז הינטער **אַלע** קריגן, צי אָנגריף־ צי פאַרטיידיקונג־מילחמות, שטייען תמיד די אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַל? אין יענער מילחמה האָבן געזיגט די מלוכות, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט אַלס אָנגעגריפענע פון דרויסן; איז די וועלט נאָך זייער ניצחון געוואָרן פרייער,

---

1) אין אַן אויפרוף פון דער כינעזישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי לייענען מיר: „בלוט גיסט זיך אין כינע. דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליזם מיט זיינע קאַנאָנען, שיפן און עראָפּלאַנען באַדראָט די כינעזישע אַרבעטער. ער וויל דעראָבערן דאָס גאַנצע לאַנד". — די קאָמוניסטן זענען נאָך מער פאַטריאָטיש; זיי באַשולדיקן די איצטיקע כינעזישע מאַכטהאָבער, אַז זיי קעמפן נישט גענוג קעגן יאַפּאַניע און פאַרראַטן זייער לאַנד. די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד באַקעמפן דאָס שיקן געווער פון די דייטשע פאַבריקן פאַר יאַפּאַניע, אָבער זיי האַלטן נייטיק דאָס שיקן פאַר כינע...

ערלעכער, פֿרידלעכער? מיליאָנען מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פֿאַר דעם דעמאָלטיקן יושר, צי זענען זיי נישט בלוטיק אָפּגענאַרט געוואָרן אין זייערע נאַיִווע האָפֿענונגען? דער פֿאָלקס־מענטש איז אָפּטמאָל געגאַנגען אין פֿייער מיט די שענסטע פּרינציפּן, אָבער די חיה־רעה פֿון קריג האָט עס אויסגענוצט נ אָ ר צוליב די אינטערעסן פֿון די העכערע קלאַסן. וועלכע גאַראַנטיע איז דאָ; אַז דער כינעזישער פֿאָלקס־מענטש וואָלט אַרויסגעצויגן פֿון זיין „מילחמת־מיצווה" אַ גרעסערן מאַטעריעלן און מאָראַלישן נוצן ווי די אייראָפּעער מיט די אַמעריקאַנער?

דער סאָציאַליסט קען זיך נישט באַנוגענען מיט די אַלגעמיינע באַגריפֿן כינע און יאַפּאַן, ער קאָן זיך נישט לאָזן באַהערשן פֿון די אויסערלעכע אַפֿילו שרעקלעכע געשעענישן ביי דער פֿאַרטיידיקונג (פּונקט אַזוי ווי ער וועט נישט טאָרן מאָרגן באַנוגענען זיך מיט די הוילע באַגריפֿן „איטאַליע", „פֿראַנקרייך", „דייטשלאַנד" אאַז"וו). ער מוז אַריינדרינגען טיפֿער אין די ס אָ צ י אַ ל ע באַשטאַנדטיילן פֿון די ביידע מלוכות, וועלכע שטייען אין קאָנפֿליקט. צי זענען אַלע קלאַסן פֿון כינעזישן פֿאָלק אין אַ גלייכער מאָס פֿאַראינטערעסירט אין דעם איצטיקן קאַמף קעגן יאַפּאַן? מיר ווייסן, אַז אין כינע ווערט דורכגעפֿירט אַ שטרענגער באָיקאָט פֿון יאַפּאַנישע סחורות, אַז אין די מאַסן הערשט אַ שטאַרקע „אַנטי־יאַפּאַנישע שטימונג". אָבער פֿון וועמען ווערן געשאַפֿן אָט די שטימונגען, ווערט אָרגאַניזירט אָט דער באָיקאָט? אַפֿשר דווקא פֿון די כינעזישע סוחרים, אינדוסטריאַלן, באַנקירן, וועלכע ווילן פֿאַרפֿעסטיקן זייערע אייגענע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס? צי ווייסן מיר גאָרנישט, אַז אַ בורזשואַזיע קען שאַפֿן אַ „נאַציאָנאַלע" קאַמפּאַניע אין פֿאָלק צוליב אירע זייער פּראָזאַישע אינטערעסן? זענען טאַקע די כינעזישע פּויערים, האַנטווערקער, אַרבעטער, קליינהענדלער פֿאַראינטערעסירט צו פֿירן אַ מילחמה כדי אויסצובויען אַ „פֿרייע" נאַציאָנאַלע מלוכה? בשעת די כינעזישע מאַסן האָבן מיט יאָרן צוריק אָנגעהויבן זייער קאַמף קעגן די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן, האָט מען זייער קאַמף אָנגערופֿן היסטאָריש־פּראָגרעסיוו. אָבער דער סאָציאַליסט (צי דער כינעזישער סאָציאַליסט צי זיין ברודער אין אינטערנאַציאָנאַל) קען בשום אופֿן נישט האַלטן פֿאַר פּראָגרעסיוו דאָס אַרויסטרייבן פֿון אויסלענדישן קאַפּיטאַליזם און דאָס גלייכצייטיקע אויפֿריכטן פֿון דעם „היימישן", אייגענעם עקספּלואַטאָר. פּראָגרעסיוו הייסט היינט — נאָך די גרויסע דערפֿאַרונגען פֿון נאָכן קריג — נאָר אַזאַ נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג־קאַמף, וועלכער איז גלייכצייטיק פֿאַרבונדן מיט דעם סאָציאַלן. אויך דער קאַמף קעגן יאַפּאַנער, ענגלענדער, אַמעריקאַנער, וועט פֿאַר די כינעזישע מאַסן ווערן אַ היסטאָרישער שריט פֿאָרויס נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט נישט ווערן באַצאָלט מיט דעם פּרייז פֿון דעם אויפֿבוי פֿון אַ כינעזישער נאַציאָנאַל־מיליטאַריסטיש־קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. אַזאַ מלוכה ווערט שוין געבויט, זי האָט שוין געוויזן דער וועלט אירע שאַרפֿע ציין. און וועט זיך היינט דאָס הונדערט־מיליאָניקע פֿאָלק פֿון כינע אַריינלאָזן אין אַ קריג מיט יאַפּאַן אונטער נאַציאָנאַלע פֿאָנען, דעמאָלט וועט עס אויסבויען אַ מלוכה קעגן זיך, אַזאַ מין סאָציאַלע טורמע ווי די, אין וועלכע עס שמאַכטן די האָרעפּאַשניקעס פֿון אייראָפּע.

א נאַציאָנאַל־פּאַראַייניקט כינע וועט דעמאָלט ווערן פאַר די מאַסן א נאַציאָנאַל־פאַראייניקטער קאַפּיטאַליזם. וואָס וועט זיך ענדערן אין זייער היסטאָרישער לאַגע? די מאַכטהאָבער פון כינע שטייען נישט אַליין, הינטער זייערע פּלייצעס שטייט אויך אַמעריקע. וועט דאָס באַדייטן, אַז די מאַסן גיסן זייער בלוט, קעמפן פאַר באַפרייונג — לשם די אינטערעסן פון יאַפּאַניש־אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל... עס וועט זיין אַ געוואַלדיקער קלאַפּ פאַר דער וועלט, אויב די מעכטיקע באַוועגונג, וועלכע טרייסלט איצט כינע, וועט אַריבערגיין אין אַ נאַציאָנאַלער מילחמה קעגן יאַפּאַן און נישט אין אָנפאַנג פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע!

און אויך דער אַלגעמיינער באַגריף „יאַפּאַן" טראָגט נישט אַריין קיין קלאָרקייט אין דער לאַגע. יאַפּאַן איז אַ לאַנד און אַ פאָלק, וואָס באַשטייט פון די פאַרשיידנסטע סאָציאַלע עלעמענטן. דער סאָציאַליסט קען זיך נישט באַנוגענען ד־ערמיט, וואָס ער פאַרמישפּט דעם מיליטערישן אָנפאַל פון יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם אויף כינע. ער מוז זיך צוקוקן צו דער עקאָנאָמישער און זעלישער לאַגע פון די יאַפּאַנישע אַרבעט־מאַסן. ווי לעבט זיך היינט־צו־טאָג אָט־די דאָזיקע מאַסן? עס איז אַ בילד פון אַ לעבן, וואָס דערמאָנט זייער אָן דעם צאַריסטישן רוסלאַנד. „דער צושטאַנד פון די פּויערים איז שרעקלעך. אפילו אין די רויקע צייטן און ביי אַ גוטער גערעטעניש מוז די גרעסטע צאָל פון די פּויערים מאַטערן זיך. אַ העלפט פון זיי אַרבעט אין קליינטשקע באַלעבאַטישקייטן אויף אַרענדירטער ערד; דעם באַלעבאָס באַצאָלט מען געוויינטלעך אַ העלפט פון דער גערעטעניש. אָבער אויך די זעלבסטשטענדיקע פּויערים אַרבעטן אויס ביי זיך נישט מער, ווי די פאַבעטער. די פּרייזן פאַר אַגראַר־פּראָדוקטן זענען געפאַלן אַזוי נידעריק, ווי נאָך קיינמאָל נישט. מוז אַלזאָ דער פּויער פאַרקויפן פון זיין אָרעמער גערעטעניש אַ סך מער, ווי נאָך מיט אַ יאָר צוריק, ד״ה, אַז ער הונגערט. די רעקרוטן־קאָמיסיעס באַריכטן, אַז די יונגע פּויערים אַנטשפּרעכן לויט זייער קערפּער אַלץ ווייניקער די פאָדערונגען פון מיליטער־דינסט. נאָך מיט דריי יאָר צוריק האָט מען די דורכשניטלעכע יאָר־הכנסה פון די פּויערים־ווירטשאַפטן געשאַצט אויף 900 יען און היי־יאָר שאַצט מען זי קוים אויף 300. אין אַ סך טיילן פון יאַפּאַן פאַרלאָזן די פּויערים די דערפער און לאָזן זיך — דאָס גאַנצע דאָרף — אין דער שטאָט אַריין מיט דער האָפענונג צו געפינען דאָרטן עפּעס צו עסן"(1).

און וואָס איז די שטאָט? זי שטייט אויך אונטער דעם אייזערנעם דרוק פון דעם וועלט־קריזיס. זי קען אויך אַרבעטלאָזיקייט. דער הויפּט־אַרטיקל פון עקספּאָרט איז אין יאַפּאַן רוי־זייד; עס פלעגט גיין מייסטנס קיין אַמעריקע. איצט נעמט אַמעריקע אָפּ נאָר אַ קליינעם טייל דערפון; אין משך פון אַ האַלב יאָר זענען די פּרייזן געפאַלן אויף 40 פּראָצענט. דער עקספּאָרט קיין כינע איז געפאַלן אויף אַ העלפט. — יאַפּאַן האָט אַ באַפעלקערונג, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, וואָס געפינט זיך נישט קיין אָרט אין די ראַמען פון איר איצטיקן לאַנד (פאַר די לעצטע

(1) לויט די מיטטיילונגען פון א. מענכן, אַ דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ קענער פון כינע.

60 יאָר איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן כמעט דאָפּלט). דערפאַר האָבן די יאַפּאַנער געמוזט איבערגיין צו אַ שטאַרקער עמיגראַציע. דער יאַפּאַנישער פּראָפעסאָר איכיהאַשי האָט פאַרעפנטלעכט אַ גענויע אונטערזוכונג וועגן דער עמיגראַציע־געשיכטע פון זיין פאָלק. ער דערציילט: אַנהייבנדיק פון יאָר 1885 האָבן פון יאַפּאַן גענומען אויסוואַנדערן אַרבעט־מענטשן. אין דער צייט ביז 1924 האָבן אויסגעוואַנדערט נישט ווייניקער ווי אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט מענטשן. צוויי הונדערט טויזנט האָבן געוואַנדערט קיין אַמעריקע (פאַראייניקטע שטאַטן), אָבער זינט 1907 האָט מען אין אַמעריקע גענומען פאַרמאַכן דעם טויער פאַרן יאַפּאַנישע עמיגראַנט; אין 1924 האָט מען די עמיגראַציע אַהין ליקווידירט אינגאַנצן. אין קאַנאַדע האָט מען נאָך ביז 1924 דערלויבט אַריינצופאָרן 400 יאַפּאַנער אַ יאָר. זינט יענעם יאָר לאָזט מען אַריין... נאָר 150 אַרבעט־מענטשן אַ יאָר. אויסטראַליע איז בכלל פאַרמאַכט פאַר יאַפּאַנער. האָט זיך די עמיגראַנטן־כוואַליע געצויגן אין די אַזיאַטישע לענדער: קיין קאָרעא, פריער אין אַזיאַטישן רוסלאַנד, איצט קיין כינע. „עס איז קלאָר — שרייבט איכיהאַשי, — אַז כינע בילדעט אַ וויכטיקן פעלד פאַר דער יאַפּאַנישער עמיגראַציע, הגם דאָס לאַנד גופא קען נישט זיין צוציענדיק פאַר יאַפּאַנישע אַרבעט־מענטשן (ווייל דער יאַפּאַנער קאָן נישט קאָנקורירן מיט דעם נידעריקן לעבנס־ניוואָ פון כינעזישן קולי). אין כינע לעבן מער יאַפּאַנער ווי אין אַנדערע פרעמדע לענדער: 241.000, דערפון געפינען זיך דריי פערטל — 185.000 — אין מאַנדזשוריע(1).

די צאָלן זענען דערפירט געוואָרן ביזן יאָר 1924, אָבער פאַר די נייע אַכט יאָר האָט זיך די לאַגע פון די יאַפּאַנישע מאַסן נישט געענדערט צום בעסערן. עס ווערט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס כינע און מאַנדזשוריע פאַרנעמען אַזאַ גרויסן אָרט אין דער אויסנפּאָליטיק פון יאַפּאַן, פאַרוואָס אויך די מאַסן זענען פאַראינטערעסירט אין דער פּאָליטיק. אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן דאָס אומבאַדינגטע סאָציאַליסטישע רעכט איינצוואַנדערן און צו קאָלאָניזירן נייע לענדער, ווען זיי טוען דערמיט נישט קיין שאָדן די היימישע האָרעפּאַשניקעס פון אָט די לענדער(2). (דערפאַר האָבן אויך אייראָפּעער דאָס רעכט בנוגע אַמעריקע, אויך יידן — בנוגע פּאַלעסטינע אאַז"וו). דאָס אומגליק באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די יאַפּאַנישע מאַסן טרעטן אַרויס נישט פאַר זיך אַליין און בשלום, נאָר אונטער דעם באַוואָפנטן שוץ פון זייער מלוכה. די קייזערלעכע רעגירונג פון טאָקיאָ פאַרפאָלגט דערביי גאָר גרויסע אימפּעריאַליסטישע פּלענער. ווייל זי ווערט געשטויסן דורך דעם מעכטיקן דראַנג פון די עלנטע מאַסן. ווי מוז זיך דער סאָציאַליסט באַציען צו אַזאַ לאַגע? ער קען זאָגן: כינע אָדער דאָס כינעזישע פאָלק איז נישט מחויב מקריב צו זיין זיך צוליב די אינטערעסן פון די יאַפּאַנישע מאַסן. זאָלן די יאַפּאַנער, וואָס גייען אויס פון עלנט און נויט, מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג, ראשית־כל, ביי זיך אין לאַנד

---

(1) לויט די מיטטיילונגען פון א. מענכן, אַ דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ קענער פון כינע.

2) די אַרבעט פון איכיהאַשי איז פאַרעפנטלעכט אין דעם גרויסן אַמעריקאַנישן ווערק: "Intenational migrations", וועלכע איז דערשינען אין יאָר 1931 און באַהאַנדלט די עמיגראַציע־באַוועגונגען פון אַלע פעלקער.

גופא. איידער זיי הויבן אָן רויבערישע אָנפאַלן אויף אַ פרעמד פאָלק, זאָלן זיי דורכפירן סאָציאַלע ענדערונגען אין זייער אייגענעם פאָלק. עס וועט זיך דעמאָלט אַרויסשטעלן, אַז אין יאַפּאַן דאַרפן דער פויער און האַרעפּאַשניק נישט הונגערן, בעת זיין קייזער מיט די פּריצים, די קאַפּיטאַליסטן, די גענעראַלן פירן דאָס גלענצנדיקע לעבן פון אַ וועלט־אימפּעריע.

יאָ, אַזוי קאָן טענהן דער סאָציאַליסט צו די יאַפּאַנישע אַרבעטנדיקע, און ער וועט זיין גערעכט. אָבער אויב דער יאַפּאַנישער פאָלקס־מענטש איז צעמישט און געפּענטעט, אויב ער לאָזט זיך פירן אַלס אַ סאָלדאַט צו דעם אָנפאַל אויף כינע און פירט אויס די באַפעלן פון זיינע הערשער, — איז די אויפגאַבע פון סאָציאַליסט צו געבן זיין הסכּמה צו דער געשאַפענער לאַגע? מעג ער דעמאָלט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און זאָגן: פאַרפאַלן, עס מוז געפירט ווערן אַ מלחמה פון כינע קעגן יאַפּאַן? וועט דאָס נישט פירן דערצו, אַז דער פאָלקס־מענטש אין יאַפּאַן וועט אַרונטערפאַלן אונטער דער פּאַטריאָטיש־מיליטאַריסטישער השפּעה פון זיינע אייגענע הערשער? וועט ער נישט פאַרבייגן דעמאָלט אַלע זיינע אינערלעך־סאָציאַלע אויפגאַבן לגבי די פלאַם־פייערדיקע אויסן־פּאָליטישע ניצחונות? איז נישט די פליכט פון אַ סאָציאַליסט צו ווענדן זיך צו די יאַפּאַנישע מאַסן מיט גאָר אַנדערע ווערטער? „איר הויבט איצט אָן אַ מלחמה, וועלכע וועט פאַרגיסן די ערד מיט בלוט פון אומשולדיקע מענטשן... מען זאָגט אייך, אַז דאָס וועט זיין צוליב אייער טובה. עס איז אַ ליגן! אייער בימערן לעבן קאָנט איר נישט איבעראַנדערשן נאָר דורכדעם, וואָס איר וועט אַרויסטרעטן קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט אין אייער אייגן לאַנד. אַז איר וועט ווערן די דעה־זאָגער אין אייער לאַנד, אַז איר וועט אָפּוואַרפן אַלע אימפּעריאַליסטישע פּלענער, דעמאָלט וועט איר זיך גאָר לייכט צונויפריידן מיטן כינעזישן פאָלק, מיט מאַנדזשוריע וועגן אַ פרידלעכער קאָלאָניזאַציע פון אייערע איבעריקע מאַסן. דעמאָלט וועלן אויך אין כינע די מאַסן לייכטער ווערן די אמתע דעה־זאָגער פון זייער לאַנד... אַלזאָ פירט נישט קיין מלחמה, ווי שווער עס זאָל אייך נישט זיין!" צי קענען אַזעלכע ווערטער געפינען אַ פאַרשטענדעניש ביי די יאַפּאַנער? אין דעם היינטיקן מאָמענט אפשר נישט, אָבער בכלל גערעדט, אַ נישט קלענערע פאַרשטענדעניש ווי ביי אַנדערע פעלקער. אין יאָר 1927 איז די יאַפּאַנישע פּרעסע אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מיליטאַריסטישן פּראָגראַם פון דער רעגירונג. די דאָזיקע פּרעסע איז גוואַלדיק פאַרשפּרייט געוואָרן אין יאַפּאַן. עס זענען דאָ פיר בלעטער, וועלכע גייען זיך פונאַנדער אין 1—2 מיליאָן עקזעמפּלאַרן (1). עס איז אַלזאָ מעגלעך, אַז אַן אַנטיקריג־פּראָפּאַגאַנדע זאָל אַמאָל דורכדרינגען צו דעם פאָלק. — יאַפּאַן האָט אויך אַן אַרבעטער־באַוועגונג. סוף דעצעמבער 1931 זענען אין די געווערקשאַפטן געווען אָרגאַניזירט 370.000 אַרבעטער. עס איז נישט מער ווי 8 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, אָבער די באַוועגונג אַנטוויקלט זיך פון יאָר צו יאָר.

1) ס'איז דערזועלביקער פּרינציפּ ווי ער ווערט פאָרמולירט ביי אַז אַנדער געלעגנהייט אין תּלמוד: „זה נהנה וזה לא חסר".

עס זענען דאָ רעכטע, לינקע, קאָמוניסטישע, סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, סיי עקאָנאָמישע סיי פּאָליטישע. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט גענוג וועגן צום באַוווסטזיין פון די מאַסן.

אַזוי אַרום מוז דער סאָציאַליזם אַוועקשטעלן זיך ווי אַ דריטער כוח צווישן די ביידע קריגעריש געשטימטע לאַגערן פון כינע און יאַפּאַן. דעם כינעזישן קולי און דעם יאַפּאַנישן אויסגעהאַרעוועטן פּויער דערקלערט ער גלייכצייטיק, אַז זייער צוקונפט ליגט נישט אויף די פעלדער פון נאַציאָנאַלער מילחמה, נאָר אויף דעם באָדן פון סאָציאַליסטישן איבערקער. זיי ביידע קאָנען האָבן נאָר איין געמיינזאַמען פּראָגראַם: קעגן יאַפּאַנישע און כינעזישע קאַפּיטאַליסטן, פאַר כינעזישע און יאַפּאַנישע האַרעפּאַשניקעס.

דאָס וואָרט „מילחמה” טאָר נישט אַרויפקומען אויף אַ רגע אין די פּאָליטישע חשבונות פון וועלט־סאָציאַליזם. ווען עס ברעכן אויס דיפּלאָמאַטישע קאָנפליקטן צווישן מלוכות, טאָר דער סאָציאַליזם נישט נעמען אונטערזוכן: ווער איז גערעכט אין דעם קאָנפליקט, ווער האָט פריער אָנגעהויבן דעם סיכסוך, ווער איז דער ערשטער אָנגעפאַלן? די געניויע סיבות פון די קאָנפליקטן, זייער פאַרוויקלטע געשיכטע און זייערע פאַרבאָרגענע כוונות קען נישט דורכבליקן דער פּשוטער סאָציאַליסט און פאָלקס־מענטש. וועט ער זיך שטעלן אויף דער אָדער יענער זייט, וועט ער נאָר מיטהעלפן דער אָדער יענער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אָדער קאָאַליציע פון מלוכות. אין לעצטן גרונט וועט ער דערמיט שאַפן הילף פאַר דעם וועלט־קאַפּיטאַל, וועט ער ברענגען שאָדן דעם סאָציאַליסטישן וועלט־קאַמף. דער סאָציאַליסט האָט ביי דעם אויסברוך פון אַזעלכע קריגערישע קאָנפליקטן די פליכט צו דערקלערן: איך ווייס נישט, איך וויל נישט וויסן די „סיבות” פון דעם שטרייט! (אפשר צום ערשטן מאָל אין דער פּאָליטיק ווערט אַזוי אַרום עם־הארצות אַ טוגנט). דער אַרבעטס־מענטש קען נישט האָבן קיין אינטערעס פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די נעצן פון קאַפּיטאַליסטישן אמת און יושר. ער האָט צו פאַרפאָלגן נאָר דעם איינציקן מענטשלעכן, סאָציאַליסטישן יושר. און דער יושר ווייזט אים אָן אַ פּשוטע קלאָרע ליניע אין דעם טייוולשן פּלאָנטער פון דער היינטיקער מלוכה־וועלט: קעגן אַלע מילחמות! נישט מילחמה, נאָר סאָציאַליזם!

נאָר אויף דער ליניע וועט דער אַרבעטער־קלאַס ווערן די אָנטשיידנדיקע קראַפט פון דער וועלט.

IV

סאָוועט־רוסלאַנד און יאַפּאַניע — איז דער נייער קאָנפליקט, וועלכער איז אויפגעשוווימען פאַר דער וועלט זינט סעפּטעמבער פאַריקן יאָר. כמעט די גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט און די סתם ראַדיקאַלע האָט אין דעם קאָנפליקט אָנגענומען אַ באַשטימטע פּאָזיציע: קעגן יאַפּאַניע, פאַר סאָוועטן־פאַרבאַנד. די אַלע קרייזן גייען אַרויס פון דעם געדאַנק, אַז דאָס היינטיקע רוסלאַנד איז אין סאָציאַלן און גייסטיקן זינען אַזוי הויך און באַדייטנדיק לגבי דער פעאָ־

דאַל־בירגערלעכער יאַפּאַניע, אַז עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין: דער היסטאָרי־שער אמת און יושר מוז ליגן אויף דער זייט פון ראַטן־רוסלאַנד. די אַלע קרייזן זענען דערפאַר גרייט צו שטעלן זיך אויף דער וואַך און צו פאַרטיידיקן די אויסנ־פאָליטיק פון היינטיקן ראַטן־רוסלאַנד אָן וועלכע ניט איז ספיקות און באוואָרע־נישן. זיי דערקלערן פּשוט פאַר אידענטיש די אינטערעסן פון וועלט־סאָציאַליזם און וועלט־שלום מיט דער פאָליטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג.

געוויס פאַרקערפּערט רוסלאַנד זינט 15 יאָר אַ נייעם וועלט־געשיכטלעכן רעוואָלוציאָנערן פּרינציפּ. רוסלאַנד איז אפילו היינט, אין דעם קלעם פון באָל־שעוויסטישן מלוכה־סיסטעם אַ פאַקטאָר פון צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער אַנט־וויקלונג. די פּאָליטיק, וועלכע רוסלאַנד וועט פירן אין נאָמען און צוזאַמען מיט זיינע 160 מיליאָן מענטשן, וועט אַרויפליינען איר אומגעהויערן שטעמפּל אויף דעם שיקזאַל פון ווייטן מיזרח און פון דער גאַנצער וועלט. אָבער טאַקע דער־פאַר ווייל ראַטן־רוסלאַנד איז אַ נ ד ע ר ש ווי די אַרומיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, טראָגט עס אויך גאָר אַנדערע התחייבותן לגבי דער מענטשהייט און דער סאָציאַליסטישער אידייע. און דווקא דערפאַר האָבן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער גאָרער וועלט דאָס אומבאַדינגטע רעכט אויסצופאָרשן גענוי, אָבער ניט נאָכ־גיין בלינד דער גאַנצער אויסנפּאָליטיק פון רוסלאַנד. און ס'זענען דאָ געגוג מאָ־מענטן, וועלכע מען מוז אויספאָרשן מיט דער גרעסטער אַחריות.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער קאָנפליקט? צוליב מ אַ נ ד ז ש ו ר י ע אין מיזרח־אַזיע. יאַפּאַניע האָט באַזעצט די פּראָווינץ פון כינע און נעמט איר אריין אונטער איר פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכער הערשאַפט. אָבער דערמיט שטויסט זיך יאַפּאַניע אָן אָן די אינטערעסן פון ראַטן־רוסלאַנד, עס קומט צו אַ פאַרשאַרפונג פון זייערע באַציונגען. ווי אַזוי שטויסן זיי זיך צוזאַמען? ווייל רוסלאַנד פאַר־מאָגט אין מאַנדזשוריע די מיזרח־כינעזישע אייזנבאַן, און זי ווערט באַדראָאט פון דעם יאַפּאַנישן אָנפאַל. — איז דערמיט די פּאָליטישע לאַגע פון רוסלאַנד דערקלערט?

לחלוטין נישט. ווייל עס קומט אויף די פראַגע: ווי קומט אַ סאָציאַליסטישע מדינה צו באַזיצן אַן אייגענע אייזנבאַן־ליניע אין אַ פרעמדן לאַנד ווי מאַנדזשוריע? האָט זי עס באַקומען דורך אַ פרידלעכן אָפּמאַך מיט כינע? זענען די כינעזער בכלל ביז איצט געווען צופרידן מיט דעם בשותּפותדיקן באַלעבאַטעווען פון די רוסן אויף דער אייזנבאַן? — ניין, זיי זענען נישט צופרידן. די קאָנצעסיע אויף בויען די מיזרח־כינעזישע אייזנבאַן האָט אַמאָל — מיט 30 יאָר צוריק — באַ־קומען דער רוסישער צ אַ ר י ז ם פון כינע מיט גוואַלט. זי איז אויסגעבויט גע־וואָרן אויף רוסישע געלט, באַזעצט געוואָרן מיט רוסישע באַאַמטע און מיליטער צוליב גאַנץ קלאָרע אימפּעריאַליסטישע צוועקן. אַט מיט דער מעטאָדע האָבן פריי־ער און איצט די אַזוי־גערופענע גרויסע מלוכות קאָלאָניזירט און אונטעריאָכט פרעמדע לענדער. אַז ס'איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט די סאָוועט־רעגירונג דורך דעקרעטן אָפּגעשאַפט די הכנעהדיקע פאַרפליכטונגען פון די קאָ־

לאניאל־פעלקער לגבי רוסלאנד. דאס האט ארויסגערופן אין די דאזיקע פעלקער א כוואליע פון סימפאטיעס און סאלידאריטעט מיט דער רוסישער רעוואלוציע. אבער בנוגע דער מיזרח־כינעזישער אייזנבאן און דער מלוכהשער השפעה אין מאנדזשוריע איז די באלשעוויסטישע רעגירונג נישט אפגעטראטן פון דער „הים־טארישער" ליניע פון רוסלאנד. ד"ה זי האט איבערגענומען די ירושה פון צאַ־ריזם, דערמיט אויך אלע קאנפליקטן, וואס זענען פארבונדן מיט אזעלכע ירושות. מיט דריי יאר צוריק, 1929, האט די רעגירונג פון מאסקווע געהאט א שארפן צוזאמענשטויס מיט דער כינעזישער רעגירונג פון מוקדען (מאנדזשוריע), וועל־כע האט געוואלט פטור ווערן פון די רוסן. מוקדען און מאסקווע האבן אנגעהויבן א באוואפנטן קריג; גאנץ כינע איז דעמאלט געשטאנען אין גייסט הינטער מוק־דען. די באלשעוויקעס האבן מאביליזירט גענוג כוחות, ארטילעריע, לופטשיפן. אין א ריי אטאקעס האבן זיי בייגעקומען די כינעזישע סאלדאטן, און מוקדען האט זיך געמוזט אונטערגעבן. יאפאניע איז דעמאלט געשטאנען אויף דער זייט פון רוסלאנד. צוזאמען האבן זיי דיפלאמאטיש און מיליטעריש באזיגט כינע. מאסקווע האט ווידער באקומען אירע „רעכט" אויף דער אייזנבאן...

אזוי ארום איז אין די אויגן פון דער מאנדזשורישער (און כינעזישער בכלל) באפעלקערונג ראטן־רוסלאנד אוועקגעשטעלט געווארן אויף איין פלאך מיט דעם יאפאנישן מיליטאריזם. און בעת רוסלאנד שטייט היינט אין א קאנפליקט מיט יאפאניע, קען עס נישט דערווארטן פון דער באפעלקערונג א גרעסערע סימפאטיע צו זיך ווי צו דעם קעגנער. אויך אביעקטיוו האט רוסלאנד נישט קיין שום „העַ־כערע" רעכט אין מאנדזשוריע איידער אנדערע מלוכות. זאל עס זיין דאס רעכט פון דעם געלט, וועלכעס דאס אלטע רוסלאנד האט אריינגעלייגט אין דער אייזנבאן? אבער אלע אימפעריאליסטישע שטאטן האבן אריינגעלייגט מיל־יארדן געלט און טויזנטער מענטשן אין זייערע קאלאניעס. מעגן זיי אויפן גרונד פון א בעל־חוב האלטן פעלקער פארשקלאפט? זאל דערפאר ענגלאנד נישט אפ־לאזן אינדיע, פראנקרייך — מאראקא, בעלגיע — קאנגא? דער סאציאליזם פאר־לאנגט זייער באפרייונג, — נישט געקוקט אויף די אלטע סוחרישע חשבונות. אז די וועלט וועט זיך באפרייען, וועט מען זיך שוין אמאל אויסגלייכן אויף א בעסערן יסוד. — אדער מעג רוסלאנד מיט געוואלט האלטן זיך אין דער פראווינץ, ווייל עס איז א „סאציאליסטיש" לאנד און ווייל עס טוט עס לשם דער וועלט־רעוואלוציע? אזא געדאנק מאכט צו שאנד און צו שפאט די באפרייונג־אידייע פון סאציאליזם. דאס וואלט באטייט, אז די קאלאניאל־פעלקער טארן נישט גלייבן אויף א האר דער סאציאליסטישער וועלט־באוועגונג. דאס וואלט באטייט, אז א צוקונפטיקע סאציאליסטישע ענגלאנד וועט מעגן מיט פייער און בלוט האלטן אונטער זיך אינדיע, פונקט אזוי ווי עס האט עס געטאן די „ארבעטער־רעגירונג" פון ענגלאנד.

אזוי לאנג ווי די מאסקווער מלוכה האלט איין אירע פאזיציעס אין מאנ־דזשוריע נישט מיט דעם פרייען ווילן פון דער הארעפאשנער באפעלקערונג, נאר

מיט דעם כוח פון גוואַלט, האָט זי נישט קיין שאָטן פון רעכט אויף איר זייט. דאָס בעסטע און רעוואָלוציאָנערסטע, וואָס זי קען טאָן, איז אָפּן און אויפן יסוד פון סאָציאַליסטישן פּרינציפּ צו פּאַרלאָזן מאַנדזשוריע, נישט איינטערעסירנדיק זיך דערביי, וועלכן רויבער עס וועט צופאַלן אין דער ערשטער הייסער מינוט די ירושה. אין מאַנדזשוריע פירן דעם קאַמף קעגן יאַפּאַניע שוין איצט מיט גרויסער ענערגיע די כינעזער אַליין. זיין שטראָמען אין דעם גרויסן פּרוכטבאַרן לאַנד אין אַ גוואַלדיקער צאָל. דאָס לאַנד האָט שוין אַ 30 מיליאָן מענטשן, און יעדעס יאָר וואַנדערן אַריין ביז אַ מיליאָן כינעזער, הויפּטזעכלעך פּויערים. אָט די פּויערים פירן עס איצט אַ פּאַרטיזאַנען־קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליסטישן אָנפאַל פון יאַפּאַניע. — אגב ווערט איצט מיטגעטיילט, אַז „דער כינעזער לעבט נאָך — באַזונדערס אין דער ריין־לאַנדווירטשאַפטלעכער צפון־מאַנדזשוריע — אין זיינע אוראַלטע פאַמיליע־ און גילדן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר כמעט אַן אידעאַל־קאָמוניסטישן געזעלשאַפטלעכן סדר”. וועט ראַטן־רוסלאַנד עס נישט טאָן, וועט זי זיך ווייטער פּלאָנטערן און נעמען אָנטייל אין די דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות אַרום כינע, וועט זי מוזן אַריינפאַלן אין דעם פייער פון אַ מילחמה. ביסמאַרק האָט אַמאָל געזאָגט בנוגע די אינטריגעס אויף דעם באַלקאַן: „דער גאַנצער באַלקאַן איז נישט ווערט די ביינער פון איין איינציקן פּאָמערישן גרענאַדיר”. אויך גאַנץ מאַנדזשוריע מיט דעם וויטן מיזרח זענען זיכער נישט ווערט די ביינער פון איין איינציקן רוסישן רויטאַרמייער.

דער לאָזונג פון דעם וועלט־סאָציאַליזם בנוגע דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קאָנפליקט קען נישט הייסן: „קעגן יאַפּאַניע, פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד!” וויל מען באמת פאַרהיטן דעם בראַנד פון מילחמות, מוז מען זאָגן גאָר אַנדערש: ראַטן־פאַרבאַנד זאָל אויסלעשן דעם טליענדיקן פייער דורך אַ מוטיקער סאָציאַליסטישער טאַט, דורך אַ היסטאָרישן ביישפּיל פאַר די פעלקער! ראַטן־פאַרבאַנד פאַרלאָזט מאַנדזשוריע און גיט זי איבער אין דעם רשות פון איר אייגענער באַפעלקערונג!

***

אָבער — וועט מען זאָגן — יאַפּאַניע האָט אויפגעהויבן איר האַנט נישט נאָר קעגן מאַנדזשוריע, נאָר קעגן ראַטן־רוסלאַנד גופא. מאַנדזשוריע איז נאָר דער אָנהויב, אָבער נאָכן פאַרפעסטיקן זיך דאָרטן, וועט יאַפּאַניע אַריבעריין די גרענעצן פון רוסלאַנד און פאַרכאַפּן עטלעכע סאָוועטישע פּראָווינצן: וולאַדיוואָסטאָק, פּרימאָרער געגנט, טראַנסבאַיקאַליע. איז דען נישט באַשיינפּערלעך קלאָר, אַז מאָסקווע מוז באַשיצן די גרענעצן פון לאַנד, אַז אויב דאָ וועט אויסברעכן אַ מילחמה, וועט דאָס זיין אַ ריכטיקע מילחמת־מיצווה.

יאָ, גרענעצן פון רוסלאַנד... מיר זענען מסופק, צי אַ סאָציאַליסטיש לאַנד מעג ריידן וועגן זיינע „גרענעצן” מיט דעם זעלביקן לשון ווי די נאַציאָנאַל־קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. וואָראָשילאָוו, דער קריגס־קאָמיסאַר פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָט דערקלערט לגבי יאַפּאַניע: מיר וועלן נישט אָפּטרעטן דעם קעגנער קיין איין

בּרעקל סאָוועטישע ערד! אין דעם אָרגאַן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זענען געשטאַנען די ווערטער: „אין פאַל ווען די יאַפּאַנישע מחנות וועלן אַריינדרינגען אויף דער טעריטאָריע פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועט די רויטע אַרמיי פאַרטיידיקן זי מיט איר ברוסט און נישט אָפּטרעטן קיין ברעקל פון איר ערד". עפּעס זענען מיר געוווינט צו הערן אַזעלכע רייד נאָר פון דעם מויל פון בירגערלעך־נאַציאָנאַלע מלוכה־מענער. אין דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קאָנפליקט האָט זיך טאַקע אויסקריסטאַליזירט אַ גאָר מאָדנער איינהייט־פראָנט צווישן דער רוסישער עמיגראַציע אין אויסלאַנד און דער רעגירונג פון מאָסקווע. אין חודש פעברואר איז אין פּאַריז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָרטראַג ·גענעראַל דעניקין, דער פריערדיקער פירער פון דער ווייסגוואַרדייִשער אַרמיי. ער האָט זיך שאַרף געווענדט קעגן יענע רוסישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע זענען גרייט צו מאַכן יד־אחת מיט די יאַפּאַניער, מקריב זיין אייניקע מיזרח־פּראָווינצן פון רוסלאַנד, נאָר בכדי צו שעדיקן די באָלשעוויקעס. „אַט די מענטשן באַטראַכטן פאַר עפּעס אַ „שטיקל ערד" יענע רוסישע פּראָווינצן, וועלכע באַזיצן גוואַלדיקע רייכטימער און עפּענען אויף פאַר רוסלאַנד דעם פרייען צוגאַנג צום אָקעאַן, דעם צוגאַנג, צו וועלכן עס האָט עקשנותדיק געשטרעבט אין לויף פון איר גאַנצער געשיכטע... ניין, וועט אַן אויסלענדישע מלוכה אַריינרייסן זיך קיין רוסלאַנד, כדי אַריינצוכאַפּן רוסישע טעריטאָריע, טאָרן מיר נישט שטיין אויף איר זייט". פּ. מיליקאָוו, דער פירער פון די רוסישע קאַדעטן, האָט בעת זיין פּאָרטראַג אין פּאַריז דעם 1־טן מערץ, דערקלערט: „די לאַגע איז ערנסט, ערנסטער ווי אַ סך מיינען. עס דראָט אַ גרויסע געפאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון רוסלאַנד. מען דאַרף וווינטשן, אַז די ראַטן־רעגירונג זאָל זיך אַרויסווייזן גענוג שטאַרק אויף צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון רוסלאַנד". דער פאַרטרעטער פון דער עמיגראַנטישער גרופּירונג, וועלכע טרעט אַרויס אין נאָמען פון דעם „צאַר קיריל", האָט אָפּגעגעבן דערביי נאָך אַן אַקטיווערע דערקלערונג: „מיר פאַרטיידיקן איצט נישט די ראַטן־רעגירונג, נאָר די רוסישע נאַציע. וועט די רויטע אַרמיי אַריינטרעטן אין קריג, וועט זי באַשיצן נישט די רעגירונג, נאָר רוסלאַנד. און מיר מוזן זיין מיט איר!" מיט דעם גרויסן פּאַטריאָטישן ברען האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער „רוסישער מלוכה" אויך קערענסקי, אויך די פּאַריזער גרופּע פון די רעכטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (נישט טשערנאָוו); אויך די רוסישע מענשעוויקעס האָבן אַרויסגעבראַכט אַ רעזאָלוציע: „קאָנסטאַטירנדיק, אַז די פּראָוואָקאַציע פון יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם צווינגט דירעקט די ראַטן־רעגירונג צו אָרגאַניזירן די מיליטערישע פאַרטיידיקונג, רופט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ראַטן־פאַרבאַנד: נישט נאָר נישט אָפּשוואַכן די דאָזיקע פאַרטיידיקונג, נאָר מיט אַלע מיטלען העלפן פאַרשטאַרקן די פאַרטיידיקונג־קראַפט פון לאַנד און דערפאָלגרייך אָפּוואַרפן דעם יאַפּאַנישן אָנגריף". אין דעם גייסט איז אויסגעהאַלטן אויך די רעזאָלוציע פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל.

מיר האָבן פאַר אונדז אַלזאָ אַ מערקווירדיקן איינהייט־פראָנט:

ד ע נ י ק ן — מ י ל י ו ק אָ ו ו — ק ע ר ע נ ס ק י — מ ע נ ש ע ו ו י ק ע ס — 2־ט ע ר א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל — ט ר אָ צ ק י — ו ו אָ ר אָ ש י ל אָ ו ו — ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל.

גאַנץ רוסלאַנד — כמעט אין אַלע אירע אָפיציעלע שטרעמונגען — שטייט אַלזאָ אויף דער וואַך פון די רוסישע גרענעצן אין וויטן מיזרח! איז דאָס אַ באַווייז, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק איז ריכטיק? ניין, פאַרקערט: דווקא אָט די מישונהדיקע שותפות פון די אַלע שטרעמונגען הייסט אונדז זיין פאָרזיכטיקער אין דעם גאַנצן ענין. דער סאָציאַליזם האַלט נישט פּרינציפּיעל פון דער הייליקייט פון די טעריטאָריעלע גרענעצן פון לענדער; יעדנפאַלס האַלט ער נישט, אַז צוליב אָט די גרענעצן מעג מען מיט אַ לייכטן הארצן אָנהויבן מילחמות. סאָציאַליזם באַטייט נישט נאָר באַפרייונג פון עקאָנאָמישער שקלאַפעריי, ער באַטייט אויך די גרויסע איבערטיילונג פון דער וועלט. ביי דער סאָציאַליזירונג פון באָדן אין דער רוסישער רעוואָלוציע האָט מען דורכגעפירט די גרויסע „שוואַרצע איבערטיילונג" פון דער ערד; פונקט אַזוי וועט מען מוזן איבערקוקן בעת דער וועלט־רעוואָלוציע אויך אַלע גרענעצן פון די היסטאָריש געוואָרענע מלוכות, אָדער בכלל אָפּשאַפן די גרענעצן. עס וועט ווערן אָפּגעשאַפט נישט נאָר דאָס פּריוואַט־אייגנטום, נאָר אויך יעדעס מ ל ו כ ה ־ א י י ג נ ט ו ם אויף די אָדער יענע לאַנדשטחים. פעלקער וועלן זיך אויסלעבן קולטורעל און זעליש יעדעס באַזונדער, אָבער זייערע מלוכישע אָדער סאָציאַלע גרענעצן וועלן זיין אָפן פאַר אַלעמען אין ראַמען פון אַ סאָלידאַרישער מענטשהייט. עס איז נויטווענדיק — באַזונדערס אין דער איצטיקער עפּאָכע — צו באַקעמפן די אידייע פון פיינטלעך־עגאָאיסטישע מלוכות (די אידייע שפּייזט זיך און ווערט געשפּייזט פון די פּריוואַט־עגאָאיסטישע אינסטינקטן אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט). דער סאָציאַליסט קען נישט באַשיצן די גרענעצן אַזוי ווי דאָס טוט אַ דעניקין, אַ מיליוקאָוו, אַ קערענסקי. ער וועט זיך נישט רייסן צום ביקס תיכף, ווי נאָר ער דערהערט, אַז מען דערנענטערט זיך צו זיינע „הייליקע" גרענעצן.

נישט לאַנג צוריק האָט חיים זשיטלאָווסקי דערציילט וועגן זיינעם אַ שמועס מיט יעקאַטערינאַ ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאַיאַ, דער גרייז־גרויער פירערן פון די רעכטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין יאָר 1919 איז זי אַנטלאָפן פון סיביר, נאָכדעם ווי דער ווידערשטאַנד קעגן די באָלשעוויקעס איז געוועזן געבראָכן, און איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָרטן האָט זי געזאָגט צו ח. זשיטלאָווסקין: „ווייסט, איך האָב איצט געלעבט איינִיקע וואָכן אין יאַפּאַניע, אין די פּויערישע דערפער. איך האָב זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז עס איז מעגלעך אַזאַ מין אָרעמקייט. די יאַפּאַנישע פּויערים זענען אַ סך עלנטער ווי אונדזערע רוסישע. איך רעכן, מ י ר ו ו ע ל ן ז י י מ ו ז ן אָ פּ ט ר ע ט ן אַ ש ט י ק ס י ב י ר"... ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאַיאַ געהערט צו דעם רעכטן פליגל פון סאָציאַליזם, אָבער אין אָט די ווּנדערבאַרע ווערטער אירע האָט זיך אויסגעדריקט דער טיפסטער תוך פון

אינטערנאציאנאלער געזינונג. דער שטראל פון דער צוקונפטיקער מענטשהייט האט אויפגעבליצט אין אזעלכע ווערטער פון א רוסישן סאציאליסט.

און איצט לאמיר זיך פארשטעלן, אז רוסלאנד און יאפאניע גייען ארויס אין א מילחמה קעגנאנאנד, מען דארף נישט האבן קיין גרויסע פאנטאזיע, כדי זיך פארצושטעלן דאס שרעקלעכע בילד. יאפאניע איז באוואפנט פון קאפ ביז די פיס; עס האט זיך שוין לאנג געגרייט צו אזא מין צוזאמענשטויס. אויך די באלשעוויסטישע רעגירונג איז נישט ווייניק באוואפנט. „די לעצטע זעקס חדשים — שרייבט א באקאנטער אמעריקאנער זשורנאליסט — האבן די סאוועטן אנטוויקלט א פיבערהאפטע אקטיוויטעט כדי צו פארשטארקן רוסלאנדס פראנט אין ווייטן מיזרח. א הערלעכער רויטער לופט־פלאט איז סטאציאנירט אין יענער געגנט. אויב יאפאניע וועט איצט אנהייבן דעם קאמף, וועט די סאוועטישע אוויאציע קענען באמבארדירן די פראוויאנט־סקלאדן און די מיליטערישע באזן אויף דעם יאפאנישן ארכיפעלאג. דער האפן פון וולאדיוואסטאק איז מינירט. אויב ווארא־שילאוו וועט וועלן אריינציען די יאפאנער אין לאנד וועלן זיי זיך דארטן אנ־שטויסן אויף א גוט צוגעגרייטער ארמיי מיט א שטארקן גייסט, אין א צאל פון 125.000 ביז 150.000 סאלדאטן. עס וועט קומען צו שווערע קאמפן 1). עס וועט זיך ארויסרייסן אין א ווילדער פרייהייט די בעסטיע פון קריג. די הימלען וועלן זיך אנצינדן מיטן העלישן פייער פון ארטילעריע, לופט־שיפן וועלןווארפן באמ־בעס פון אויבן אויף די ארמייען, אויף פרידלעכע דערפער און שטעט. סאלדאטן וועלן זיך ווי ווערים פארגראבן אין די היילן פון דער ערד. אין די טאלן און אויף די בערגלעך פון די שלאכטפעלדער וועלן רוסישע און יאפאנישע פויערים, אר־בעטער, פאלק־מענטשן, שטעכן און ממיתן זיך אין די טויזנטער. וואלקנס פון גיפטיקע גאזן וועלן פארסמען אלע ווײלע די אדער יענע מחנה. מענטשלעך בלוט וועט זיך גיסן אן א סוף און אן א ברעג. עס וועט זיין פונקט אזוי און נאך ערגער ווי אין יאר 1914. אדער אפשר וועט די מילחמה זיין אנדערש, ווייל רוס־לאנד איז א סאציאליסטיש און יאפאניע אן אימפעריאליסטיש לאנד?"

ניין, עס וועט זיין א מילחמה ווי אלע מילחמות. דעם יאפאנישן סאלדאט וועט עס זיין גאנץ גלייך, צי איבער דער פיינטלעכער מחנה דערהייבט זיך א רויט־בלוי־ווייסע פאן פון צאריזם אדער די רויטע פאן פון די סאוועטן. ער וועט זען קעגן זיך אן ארגאניזירטע, צענטראליזירטע ארמיי מיט אפיצירן און גענעראלן פונקט אזוי ווי די זייניקע, און ער וועט נישט קענען מאכן קיין חילוק. אין זיין זיכרון וועלן זיך דווקא אויפכאפן די דערינערונגען וועגן דעם אלטן רוסיש־יאפא־נישן קריג פון 1904. א ווילדער האס וועט זיך אנצינדן ביי די ביידע קעמפנדיקע

---

1) ל. פישער אין דער אמעריקאנער צייטשריפט "The Nation" פון 20־טן יולי 1932. — דער זעלביקער שרייבער טיילט נאך מיט: „די באפעלקערונג פון ראטנפארבאנד האט צו ליידן צוליב אט־די אנשטרענגונגען צו באשיצן סיביר. פאבריקן, וועלכע וואלטן געדארפט אויסארבעטן פראדוקטן צום טעגלעכן געברויך אדער מאשינעס פאר פראדוקציע, פראדוצירן מאטעריאל פארן קריג. לעבנסמיטל ווערן אפגעצויגן פון דער ציווילער באפעלקערונג, כדי אנצופולן די זאפאסן פון דער ארמיי".

פעלקער, אַ האַס טאָקע פון פאָלק צו פאָלק. דער האַס וועט פאַרפעסטן די אַט־מאָספער איןביידע לענדער, אַפילו ווען זיי ליגן טויזנטער מייל ווייט פון די שלאַכט־פעלדער. עס וועט הערשן דער מיאוסער גייסט פון מיליטאַריסטישער חוצפה, פון נאַציאָנאַליסטישער גאווה, פון שקר און אכזריות. און דער גייסט וועט זיך אַריבערכאַפּן אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע וועט זיך צוטיילן אויף סימפּאַטי־קער פון דעם אָדער יענעם לאַגער. 500 מיליאָן כינעזער, 80 מיליאָן יאַפּאַנער, נישט רעכענענדיק די מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער אין אַזיע, וועלן שטיין אַרום די רוסיש־יאַפּאַנישע שלאַכט־פעלדער און אַראָפּנעמען זיך אַ מוסר־השכל (אויך פון דעם סאָציאַליסטישן לאַנד), ווי מען דאַרף בויען זייער צוקונפט. און ווער ווייס, צי וועט נישט אַזאַ מילחמה אַריבערכאַפּן זיך אויך אין די אַנדערע עקן וועלט?

בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילחמה פון 1904 האָט אַן אַמעריקאַנער צייטונג אָנגעפרעגט ביי טאָלסטאָיען: פאַר וועמען שטייט ער, פאַר די רוסן אָדער פאַר די יאַפּאַניער? האָט ער געענטפערט: „איך שטיי נישט פאַר רוסלאַנד און נישט פאַר יאַפּאַניע, נאָר פאַר דעם אַ ר ב ע ט ע ר־פ אָ ל ק פ ו ן ד י ב י י־ד ע ל ע נ ד ע ר, וועלכעס איז אָפּגענאַרט און פון דער רעגירונג געצוווּנגען צו פירן מילחמה, קעגן זיין געוויסן, זיין רעליגיע און זיין אייגענעם ווילשטאַנד. — ס'איז מאָדנע (האָט ער מוסיף געווען), דאָס קריסטנטום האָט פאַרבאָטן רציחה און דער בודיזם אויך. און אָט די ביידע פעלקער, וועלכע האָבן אמונות, וואָס פאַרבאָטן רציחה, הרגענען, דערטרינקען, ממיתן איינער דעם אַנדערן מיט כעס" 1)

מען מוז נישט שטיין אויף דעם גייסטיקן באָדן פון טאָלסטאָיען, כדי צו פילן דעם אמת פון זיינע ווערטער. אַ סאָציאַליסטיש רוסלאַנד מוז גאָר באַזונדערס האָבן פאַר די אויגן דאָס „אַרבעטער־פאָלק פון ביידע לענדער" איידער עס לאָזט זיך אַריין אין אַ מילחמה. הונדערט מאָל מוז עס טראַכטן און איבערטראַכטן איידער אָנצונעמען דעם פאַטאַלן באַשלוס. נישט נאָר טראַכטן פון שטאַנדפּונקט פון „דער־פאָלג", פון „נצחון". עס מוז ראשית־כּל טראַכטן וועגן דעם, צי טאָר מען גאָר צופירן צו אַ מילחמה, צי דאַרף מען גאָר שטרעבן צו אַזעלכע דערפאָלגן און נצחונות.

די אויסנפּאָליטיק פון אַ סאָציאַליסטיש לאַנד מוז האָבן אייגענע, אַבסאָלוט־נייע וועגן פון דיפּלאָמאַטיע, פון רעוואָלוציאָנערער דיפּלאָמאַטיע. בשעת אַ ראַטן־רוסלאַנד זעט ווי עס פאַרשאַרפן זיך צו אים די באַציונגען פון די יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטן, מוז ער זיך ווענדן צו זיין אייגנציקן „דיפּלאָמאַטישן" בעל־דבר: צו די ברייטע יאַפּאַנישע פאָלקס־מאַסן. צו די דאָזיקע מאַסן קען אַ ראַטן־רוסלאַנד ריידן אָפן, אין נאָמען פון די רוסישע מאַסן. „מיר ווילן נישט קיין מילחמה... אַ מילחמה איז אַן אומגליק פאַר אייך און פאַר אונדז און פאַר דער גאַנצער וועלט... מיר האַלטן זיך נישט פאַר דעם אָדער יענעם שטיקל ערד. אונדז איז

1) דערינערונגען פון אַלעקסאַנדראַ טאָלסטאָיאַ, טאָלסטאָיס טאָכטער, אין זשורנאַל „סאָווער־מעניע זאַפּיסקי", בוך 49 פון 1932.

מייער נישט טעריטאָריע, נאָר דער נייער אַרט לעבן, וועלכן מען קען אויפבויען אויף איר... איר זעט, מיר האָבן מיט אונדזער אייגענעם ווילן, אין נאָמען פון סאָציאַליסטישן יושר, פאַרלאָזן מאַנדזשוריע. מיר האָבן גאָרנישט קעגן דעם, אַז איר זאָלט זיך באַהעפטן מיט אונדז אין פרידלעכער אַרבעט אויפן באָדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. קומט צו אונדז אָן אייערע מושלים און אימפּעריאַליסטן. מיר וועלן געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, מיר וועלן זיך צונויפריידן”. עס איז די היסטאָרישע אויפגאַבע פון אַ סאָציאַליסטישן לאַנד צו געפינען אין אַ צייט פון קאָנפליקטן דעם וועג צו דעם האַרצן און דעם באַוווסטזיין פון דעם „פריינד־לעכן” פאָלק. דעם וועג מוז מען געפינען נישט נאָר דורך רייד און מאַניפעסטן, נאָר דורך מעשׂים, דורך דער ברייטער אָפענער האַנט. צום וויניקסטן אָבער דורך נעוואָזיטעט, דורך הכנות צו מלחמה. געווינען די סימפּאַטיעס פון די יאַפּאַנישע מאַסן, אָפּצושיידן זיי פון דער אימפּעריאַליסטישער מלוכה — איז נישט קיין אוטאָפּיע, נישט קיין ראָמאַנטישער פּאַציפיזם. אין יאַפּאַניע גייען אָן קאָמפּליצירטע סאָציאַלע און גייסטיקע פּראָצעסן, אויף וועלכע מען קען איינווירקן. אמת, איצט אַנטוויקלט זיך דאָרטן גראָד אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. געוויסע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גייען אויך איבער צום נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. זיי פאַרבינדן זיך מיט פעאָדאַלע עלעמענטן אונטער דעם פּראָגראַם: אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישער יאַפּאַניע אין נאָמען פון מיקאַדאָ 1). אָבער גראָד די אַלע פּראָצעסן באַווייזן, אַז עס גייט אָן אין יאַפּאַניע אַן אינטענסיוו גייסטיק לעבן, אַז זי קען אויפנעמען נייע רעוואָלוציאָנערע השפּעות. און די השפּעה פון אַן ערלעכער סאָציאַליסטישער אויסנפּאָליטיק פון רוסלאַנד אויף די יאַפּאַנישע פאָלקס־מאַסן וואָלט געקענט זיין אומגעהויער.

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז בנוגע דעם יאַפּאָניש־כינעזישן קאַמף מוז דער וועלט־סאָציאַליזם אָנעמען אַ פּאָזיציע, וועלכע איז לחלוטין פיינטלעך צו יעטוועדער מלחמה. ליידער איז דער וועלט־סאָציאַליזם דערווייל נאָך נישט קיין ממשות־דיקער כוח, באַזונדערס איז די לענדער פון אַזיע. בנוגע דעם יאַפּאַניש־רוסישן קאַמף אָבער איז די לאַגע גאָר אַנדערש: רוסלאַנד איז היינט צו טאָג אַ מאַכט אין דער וועלט־פּאָליטיק. און טאַקע איר סאָציאַליסטישע ליניע לגבי דעם קעגנער קען האָבן די גרעסטע באַדייטונג, ווייל זי קען די דאָזיקע ליניע נישט נאָר פּראָקלאַמירן, נאָר אויך דורכפירן אין לעבן. ליגט טאַקע אויף רוסלאַנד די גרעסטע אחריות.

---

1) אַזוי אָרום בילדן דריי עלעמענטן דעם תּוך פון יאַפּאַנישן פאַשיזם: אַ נטיה צום סאָציאַליזם, אַן אַגרעסיווער נאַציאָנאַליזם, אַ גרייטשאַפט צו מלוכישן אַבסאָלוטיזם. די פאַשיסטן טרייבן אויך צו דער מלחמה מיט רוסלאַנד. אינטערעסאַנט, אַז דער גאַנצער רעזשים פון היינטיקן רוסלאַנד דינט זיי פאַר אַ ביישפּיל אין זייערע פּלענער: אויך אין רוסלאַנד זענען דאָ די דריי אויבן־אָנגעצייכנטע עלעמענטן. דערמיט דערקלערט מען, וואָס קאָמוניסטן אין יאַפּאַניע גייען אַריבער צו פאַשיסטן.

## V.

אבער עס זאל נישט פארלייקנט ווערן: עס קען קומען דער מאמענט, ווען א סאציאליסטיש לאנד איז באמת געצוווּנגען אריינצוטרעטן אין א באוואפנטן קאמף מיט אן אנגרייפנדיקן אימפעריאליסטישן שטאט. דאס איז א קאמף בשעת עס האנדלט זיך וועגן פארטיידיקן נישט נאר די טעריטאריעלע גרענעצן פון לאנד, נאר עפעס וויכטיקערס: די סאציאליסטישע יסודות פון דעם לאנד. עס איז מעגלעך דער פאל, אז דער אימפעריאליסטישער קעגנער רייסט זיך אריין אין אזא לאנד כדי צו פארניכטן זיין סאציאליסטישע ארדענונג, אין דעם סאמע צענטער פון לאנד אדער אפילו אין א טייל פון אים. אזוי איז געווען, למשל, אין יאר 1918 ביי דעם אנגריף פון די דייטשע חיילות אויף ראטן־רוסלאנד. אזוי קען עס זיין אמאל אין דער צוקונפט. דעמאלט אנטשטייט א קאמף שוין נישט מער צווישן פאלק און פאלק אדער לאנד און לאנד, נאר א קאמף צווישן צוויי היסטאריש פיינטלעכע סאציאלע פרינציפן: צווישן דער וועלט פון קאפיטאליסטישן רויב און דער וועלט פון סאציאליסטישן יושר. דעמאלט איז עס פאר דעם סאציאליסטישן לאנד נישט מער קיין פשוטע נאציאנאל־מלוכישע מלחמה, נאר א רעוואלוציאנערער בירגערקריג. עס איז דער זעלביקער סאציאלער קריג, וואס איז פריער געפירט געווארן אינעווייניק אין לאנד, מער נישט איצט אריבערגעטראגן אנטקעגן דעם דרויסנדיקן סאציאלן פיינט.

אויך אזא קאמף טראגט אין זיך נישט ווייניק געפארן. אויך אין דעם פאל קען דער קאמף אריבערגיין אין א מלחמה פון נאציאנאלן האס. אויך די וועלט, וועלכע שטייט דרויסן פון אזא קאמף, קען אויפפאסן אים לויט אירע טויזנט־יאריקע טראדיציעס אלס א נאציאנאל־ און ריין־מלוכישע מלחמה. טאקע דערפאר מוז דער סאציאליסטישער קאמף אזוי געפירט ווערן, אז דער תוך און דער גלאנץ פון זיין אידייע זאל שיינען פאר דער גאנצער וועלט מיט א דורכזיכטיקער קלארקייט. מינדסטנס דריי באדינגונגען מוז דערפילן א סאציאליסטיש לאנד, בעת עס לאזט זיך אריין אין דעם קאמף.

ו. עס איז נישט דערלאזבאר, אז א לאנד, וואס פירט די מענטשהייט אין דער צוקונפט, זאל באזיצן אן ארמיי, א „רויטע ארמיי". מען זאל זיך נישט נארן: יעדע ארמיי האט אירע באקאנטע אייגנשאפטן, וועלכע ענדערן זיך קוים ביי די פארשיידענע סאציאל־פאליטישע רעזשימען. יעדע ארמיי איז ארגאניזירט אין א צענטראליזירטן קערפער, איז אויפגעבויט אויף דעם פרינציפ פון יערארכיע און אייזערנער דיסציפלין: הערשאפט פון אויבן, הכנעה פון אונטן 1). יעדע ארמיי דערציט יונגע מענטשן, וועלכע גייען דורך אירע קאזארמעס אין גייסט פון מי־

---

1) אט־דער גייסט פון מיליטערישער דיסציפלין טראגט זיך אריבער, וואס לענגער אז ארמיי האלט זיך, אין דער באפעלקערונג בכלל. נישט אומזיסט זוכט יעדער „שטארקער" רעזשים צו באווארענען זיך, ראשית־כל, מיט אן ארמיי. אזוי ארום באהערשט ער דאס פאלק טאפלט.

ליטערישער אקטיוויטעט, פון גרייטשאפט צו מילחמות. אין דער ארמיי, באזונדערס אין אירע אפיצירישע קרייזן, קומט־אויף מיט דער צייט דער גייסט פון מיליטאריזם, פון שטענדיקן מעסטן די אייגענע און פרעמדע כוחות, פון דער מלאכת מילחמה אלס אזעלכער. אן ארמיי, וועלכע איז אויפגעבויט אויף דעם צוואנג פון דעם מיליטער־דינסט, איז אן אינסטרומענט אין די הענט פון דער מלוכה און פאקטיש פון דער רעגירונג. עס איז נישט אנדערש אויך אין דער רויטער ארמיי פון ראטנפארבאנד. — א גאנץ אנדערע אטמאספער הערשט אין לאנד און מלוכה, ווען באוואפנטע כוחות באזירן זיך אויף דעם פריוויליקן דינסט פון די מאסן. די פרייוויליקע פארמאציעס וויסן אויך פון דיסציפלין, אקטיוויטעט און מסירת־נפש; אבער אין זיי קאן נישט ווערן דערצויגן אן ארגאנישער גייסט פון שטענדיקער מילחמה־גרייטשאפט. אזעלכע פארמאציעס שיידן זיך נישט אפ פון די אין פרידן לעבנדיקע ארבעטנדיקע מאסן, פאלן נישט ארונטער אונטער דער השפעה פון א קאזארמע, פון אפיצירן, פון מיליטאריזם בכלל. די פארמאציעס קומען זיך צונויף אין דער שעה פון דער גרויסער געפאר, זיי שיטן זיך פונאנדער בעת די געפאר גייט אוועק. — אבער צי איז אזא „שלעכט־ארגאניזירטע" קראפט גאר ביכולת צו קעמפן קעגן די מעכטיקע אימפעריאליסטישע חיילות פון דרויסן? צי מוז דען נישט א סאציאליסטיש לאנד באווארענען זיך טעכניש און ארגאניזאציאנעל, באוואפענען זיך מיט די מאדערנסטע כלי־זיין, כדי צו שטעלן א ווידערשטאנד די אנפאלער, כדי אפילו צו האלטן זיי אין א מורא פאר דער ארבעטער־מלוכה?

ניין, שטעלט מען זיך אוועק אויף אזא פראקטיש־פארנינפטיקן וועג, איז דער סאציאליסטישער דרך פארלארן. די גאנצע וועלט איז היינט באוואפנט ביז איבערן קאפ; די וויסנשאפט ארבעט אויף אלע כלים כדי צוצוגרייטן די בעסטע און שענסטע מארד־אינסטרומענטן. איז עס מעגלעך, אז א סאוועטיש פאלק זאל זיך פונקט אזוי אריינלאזן אין דעם שגעון פון באוואפענונגען? אויך אזא פאלק זאל זיך נאכיאגן נאך אלע דערפינדונגען אויף דעם געביט פון מיליטער־טעכניק, זאל פיבערהאפט בויען ביי זיך פאבריקן פון טאנקס, פון לופט־שיפן, פון גיפט־גאזן? אויך א סאוועטיש פאלק זאל „אויסבילדן" און צוגרייטן זיינע זין און טעכטער פאר דעם מולך פון מילחמות? עס איז אבער נישט אמת, אז א סאציאליסטיש לאנד וועט זיכער באזיגן זיינע קעגנער דורך אזעלכע פיזיש־טעכנישע נצחונות, דורך בעסערע שיסער, לופט־פליער, באמבעס־ווארפער וכדומה. עס איז א ספק צי וועט עס בכלל דערגיין צו אזא „הויכער מדרגה" פון קריגס־קונסט, ווען מען האט קעגן זיך דערווייל דעם גוואלדיקן אפאראט פון דעם וועלט־קאפיטאליזם. און איז דער פרייז, וועלכן מען צאלט דערפאר, נישט דער היפוך פון א סאציאליסטישער פראגראם? — די גרויסע היסטארישע קראפט וועלכע ליגט אין א רעוואלוציאנערן פאלק, באזירט זיך לחלוטין נישט אויף זיין מיליטערישער טעכניק; זי באזירט זיך אויף דער גרויסער אידייע, וועלכע איז פארקערפערט אין זיין שעפערישער ארבעט. א פאלק, וואס האט זיך געשטעלט אויף דעם סאציאליס־

טישן וועג, וועט באַזיגן זיינע קעגנער נישט אַזוי מיט דער טעכנישער קראַפט, ווי מיט זיין רעוואָלוציאָנערן גייסט. דאָס נביאישע וואָרט וועגן דער מאַכט פון גייסט (לא בחיל ולא בכה, כי אם ברוח) ווערט דאָ צום שטאַרקסטן פאַרווירקלעכט (נביאישע אידייען ווערן ביכלל פאַרווירקלעכט אין סאָציאַליזם). דער אימפּעריאַ־ליסטישער קעגנער טרעט־אַריין מיט אַן אַרמיי; אָבער די אַרמיי באַשטייט פון האָרעפּאַשניקעס, פון פאַרבלענדטע מענטשן־ברידער. ממילא איז די אויפגאַבע פון די סאָציאַליסטישע קעמפער — צו עפענען די מוחות פון די פיינטלעכע סאָל־דאַטן, צו פאַרברידערן זיך מיט זיי קעגן זייערע אייגענע מושלים. דער סאָציאַלער קריג זוכט, ראשית כל און הויפּטזעכלעך, צו דעמאָראַליזירן דעם שונא אין קאַ־פּיטאַליסטישן זין. ד"ה אַריינטראָגן אין זיינע רייען די עכטע מאָראַלישע דערוואַכונג. אַזאַ קאַמף זוכט אַרויסצורופן די רעוואָלוציע אין דעם קעגנערס מחנה, באַזונדערס אין דעם לאַנד, וואָס שטייט הינטער דער מחנה. אַזוי אַז דעם קעגנער הויבט אָן צו ברענען די ערד אונטער די פיס.

ווער קען צום בעסטן אויספירן אַזעלכע היסטאָרישע אויפגאַבן, אויב נישט די פרייוויליקע פאָרמאַציעס פון אַ באַוווּסזיניקן פאָלק? זיי טרעטן נישט אויף קעגן דעם קעגנער אין פעסט־צענטראַליזירטע אַרמייען, וווּ דער איינצל־מענטש האָט נישט קיין דעה. די אַרמיי איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון מלוכה, רעגירונג, קלאַס (אָדער נאַציע). די דאָזיקע גרויסע קאָלעקטיוון האָבן זייערע איי־גענע צילן, אין וועלכע דער סאָציאַליסטישער יחיד טאָר זיך נישט אַריינמישן. אין די פרייוויליקע מחנות איז אָבער דער איינצלנער אַרבעט־מענטש פרייער, זעלבסטשטענדיקער, מענטשלעכער. ער וועט צום בעסטן געפינען דעם וועג צו דעם האַרצן פון דעם פיינטלעכן סאָלדאַט. ער וועט אים באַווייזן זיין האָרעוואַניע, זיין סאָציאַליסטישע ערד, זיין נייעם אַרט לעבן. די קעמפער פון דיביידע לאַגערן וועלן זיך לייכטער פאַרשטיין, וועלן געווינען צוטרוי איינער צום אַנדערן. דער שטאַט מיט זיינע „העכערע" צילן וועט זיך ווייניקער שטעלן צווישן זיי ביידן, און זיי וועלן זיך לייכטער צונויפבינדן מענטשלעך און סאָציאַל. אין אַזאַ מין קאַמף, ווו עס וועט נישט שטיין אַרמיי קעגן אַרמיי, וועט ממילא זיין אויך ווייניקער אכזריות און הפקרות, וועלכע זענען דאָ אין יעטוועדן קאַמף. אַז אַזאַ קאַמף וועט נישט זיין דורכגעדרונגען — אויף דער זייט פון די סאָציאַליסטן — מיטן גייסט פון מיליטאַריזם, וועט ער אויך שנעלער קומען צום סוף.

אַ סאָוועטיש לאַנד דאַרף פאַרטיידיקן זיין שווער אויסגעקעמפט לעבן, אָבער עס האָט זיין אייגענעס, נישט קאַפּיטאַליסטישן וועג פון פאַרטיידיקונג. זיין שוץ זיינען נישט די בעסטע כלי־זיין און די בעסטע אַרמיי; זיין שוץ זיינען די גרויסע דערגרייכונגען אין סאָציאַליסטישן אויפבוי, דער כישוף און די מאַכט פון זיין מאָראַלישער אידייע.

וו. אַ סאָוועטיש לאַנד, וואָס הויבט אָן אַ קאַמף קעגן אימפּעריאַליסטן, טאָר בשום אופן נישט שטיין אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע אימפּעריאַליסטן.

דער שארפער קעגנזאץ פון סאציאליסטישן יושר און קאפיטאליסטישן שקר טאר נישט ווערן פארווישט דורך אפענע אדער געהיימע אפמאכן מיט קאפיטאליסטישע מלוכות. איז די באלשעוויסטישע מלוכה פריי פון דעם דאזיקן פארווורף?

ניין, זי איז נישט פריי. זי האט זיך פארבונדן זינט יארן מיט א ריי אייראפעישע רעגירונגען, וועלכע זענען נישט נאר קאפיטאליסטיש, נאר אויך פארקעמפער פון פאשיזם. עס איז באקאנט, אז דער באלשעוויסטישער *שטאט* איז פארבונדן מיט דער *דייטשער* ארמיי, מיט אירע אנפירנדיקע מיליטערישע און סאציאלע קרייזן. יארנלאנג האט דייטשלאנד געבויט אויפן רוסישן באדן פאבריקן פון מיליטערישע לופט־שיפן און גיפט־גאזן. די דאזיקע כלי־זיין זענען פראדוצירט געווארן סיי לטובת ראטנרוסלאנד, סיי לטובת דייטשלאנד. גאנצע שיפן מיט גראנאטן פלעגן אנקומען פון רוסלאנד אין די דייטשע האפנס. אפשר איז היינט צו טאג נישטא אזא אינטימע מיליטערישע צוזאמענארבעט, אבער די פאליטישע צוזאמענארבעט איז געבליבן די זעלביקע. ביי די זיצונגען פון פעלקער־בונד קען דאס זען אפילו א בלינדער. דער רוסיש־דייטשער אפמאך פון ראפאלא איז א באדן, אויף וועלכן עס שטייען פעסט די ביידע צדדים: דייטשלאנד און ראטן־פארבאנד. די רעאקציאנערן אין דייטשלאנד האלטן זיך באזונדערס שטארק פאר דער דאזיקער קארט אין זייער שפיל קעגן פראנקרייך און דעם פעלקער־בונד 1). איצט, ווען דייטשלאנד גרייט זיך צו אקטיווע שריט אין איר אויסנפאליטיק, איז עס באזונדערס פאראינטערעסירט אין דער „רוסישער פריינדשאפט”. — עס איז באקאנט, אז מאסקווע שטייט אין אן ענגער פארבינדונג מיט דער פאשיסטישער *איטאליע*. די פארבינדונג איז געווען שטענדיק א פאליטישע און עקאנאמישע. לעצטנס באקומט זי אפילו א מיליטערישן כאראקטער. עסקאדרעס פון לופט־שיפן מאכן זיך קעגנזייטיקע וויזיטן, אין איטאליע ווערן פאר דעם רוסישן פלאט געבויט אונטערוואסער־שיפלעך. — עס איז באקאנט די פאליטישע פריינדשאפט צווישן מאסקווע און *טערקיי* (אונטער דער שטארקער נאציאנאליסטישער האנט פון קעמאל־פאשא). דער פארטרעטער פון אט דער מלוכה, וועלכע רייסט ארויס מיטן ווארצל יעדן פרווו פון קאמוניסטישער באוועגונג אין טערקיי, זענען נישט לאנג צוריק אויפגענומען געווארן מיט דעם גרעסטן כבוד אין מאסקווע. מען האט צוליב דעם פרעמיער־מיניסטער איזמעט־פאשא און זיינע באגלייטער ארויסגעשיקט צום ערשטן מאל נאך דער רעוואלוציע אן עכטן „הויף־באל” אין די זאלן פון קרעמל „די פריינדשאפט צווישן אונדזערע ביידע לענדער — האט דערקלערט דער טערקישער אימפעריאליסט — איז נישט קיין קינסטלעכע קאמבינאציע, נאר א ווונטש, וואס גייט פון *אונדזערע הערצער*, א רעזולטאט פון אונדזערע געמיינזאמע אינטערעסן”. מאסקווע האט גע־

1) אפשר איז דערמיט צו דערקלערן פארוואס די דייטשע קאמוניסטישע פארטיי האט נישט צוגעלאזן צו קיין איינהייטס־פראנט מיט דער סאציאל־דעמאקראטיע אין די לעצטע חדשים פון פאשיסטישן אויפשטייג אין דייטשלאנד. די אויסנפאליטיק פון מאסקווע איז ווייניק פאראינטערעסירט אין דעם איינהייט־פראנט.

שלאָסן אַן אָפּמאַך מיט טערקיי וועגן אויסבאָרגן איר געלט און אויסבויען איר אינדוסטריע. דער זעלביקער איזמעט־פּאַשאַ איז פון מאָסקווע אַוועקגעפאָרן קיין רוים צו מוסאָליני. — דאָס היינטיקע רוסלאַנד האָט נישט אין דער אויסנפּאָליטיק זיין אייגענעם סאָציאַליסטישן פּנים, עס איז געוואָרן אַן עלעמענט אין דער פאַרפּלאָנטערטער פּאָליטיק פון דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע.

איצט, ביי דעם קאָנפליקט מיט יאַפּאָניע, וועט רוסלאַנד ווידעראַמאָל נישט שטיין אַליין. עס מערקט זיך אָן אַלץ קלאָרער אַ דערנענטערונג צווישן מאָסקווע און וואַשינגטאָן. מען האָט אין אַ מ ע ר י ק ע ווידער גענומען ריידן וועגן אָפּיציעלער אָנערקענונג פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועגן אַ גרויסן געלט־קרעדיט פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד דורך איינער פון די גרעסטע ניו־יאָרקער בענק. איז דאָס אַ צופאַל? ר. לוזאָן, איינער פון די ערלעכסטע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, גיט אויף דעם אַ קלאָרע תשובה 1). „מען זאָגט, אַז דאָס קומט דערפון, וואָס מען וויל פאַרלייכטערן די האַנדל־באַציִונגען צווישןביידע לענדער. אפשר צום טייל. אָבער פונדעסטוועגן מוז מען באַמערקן, אַז אויך אָן דיפּלאָמאַטישער אָנערקענונג און הלוואות פון בענק האָט אַמעריקע אין די לעצטע יאָרן געמאַכט מער פון אַלעמען געשעפטן מיט רוסלאַנד. זי האָט אַריינגעפירט אַהין גענוג סחורות און מענטשן; אירע אינזשעניערן האָבן אָרגאַניזירט דעם גאַנצן פינפיאָר־פּלאַן. — אפשר דאַרף מען זוכן די סיבה פון די אַמעריקאַנישע סימפּאַטיעס צום ראַטן־פאַרבאַנד אין די געשעענישן פון דעם ו י י ט ן מ י ז ר ח? עס איז אָנצונעמען, אַז יאַפּאָניע וועט זיך מוזן באַלד רעכענען אין כינע מיט אַ קאָאַליציע קעגן זיך: ראַטן־פאַרבאַנד און אַמעריקע. דער ראַטן־פאַרבאַנד מיט זיין באַדייטנדיקער אַרמיי, וועלכע וועט זיין באַזאָרגט מיט וואָפן, אַמוניציע, טעכניקער און קאַפּיטאַלן פון אַמעריקע, און די פאַראייניקטע שטאַטן מיט זייער מעכטיקן פלאָט, — זיי ביידע וועלן בילדן אַ גוואַלטיקע קראַפט, פאַר וועלכער יאַפּאָניע וועט זיך מוזן בייגן. דער וועג צו אַן אַליאַנס, אַ געשריבענע צי אַ שווייגנדיקע, צווישן רוסלאַנד און אַמעריקע איז אָפן". ווער עס קוקט אויפמערקזאַם אויפן גרויסן קאָנפליקט, וועלכער צעוואַקסט זיך שוין פון לאַנג אָן צווישן אַמעריקע און יאַפּאָניע, דער וועט זיך נישט וווּנדערן איבער די ווערטער פון לוזאָנען.

אַמעריקע האָט מיט יאַפּאָניע אויך באַזונדערע חשבונות בנוגע כינע. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַמעריקע וועט וועלן אויסנוצן אין איר אימפּעריאַליסטישן וועלט־קאַמף מיט יאַפּאָניע די „הילף" פון ראַטן־פאַרבאַנד. די פראַגע איז נאָר: צי וועט די מילחמה פון רוסלאַנד קעגן יאַפּאָניע באַקומען דורך דעם אַ מער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ן כאַראַקטער? פּונקט אַזוי ווי די יאַפּאַנישע מאַסן וועלן ווערן אויסגענוצט לשם די אינטערעסן פון זייער מיקאַדאָ־אימפּעריאַליזם, פּונקט אַזוי וועט דאָס סאָוועטישע פאָלק ווערן אויסגענוצט פאַר די אינטערעסן פון אַמערי־

1) אין סעפּטעמבער־נומער פון דער סינדיקאַליסטישער צייטשריפט „לאַ רעוואָלוסיאָן פּראָלעטאַריען".

קאַנער אימפּעריאַליזם. אפילו ווען רוסלאַנד וועט ווערן אָנגעגריפן פון יאַפּאָניע, וועלן מיר האָבן פאַר זיך אַ טיפּישע מילחמה פון אַלטן שניט און כאַראַקטער. אַ רויטע אַרמיי, וועלכע וועט האָבן הינטער זיך די הילף פון אַן אַמעריקע (און אויך די סימפּאַטיעס פון אַ דעניקין—מיליוקאָוו—קערענסקי), וועט פאַקטיש קעמפן נישט פאַר ריין־סאָציאַליסטישע צילן. דאָס וועלן זיין צילן פון אַ קאָאַליציע פון מלוכות: אַמעריקע־כינע־ראַטנפאַרבאַנד. מען קען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ „סאָציאַליסטישע" השפעה אַזאַ קריג וועט האָבן אויף די יאַפּאָנישע מאַסן, אויף דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט...

אַ סאָוועטיש לאַנד קען נישט שטיין אין וועלכע נישט איז מיליטערישע פאַרבינדונגען מיט קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן. דאָס איז געווען דער היסטאָרישער זין און דער אָנזאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַ סאָציאַליסטיש לאַנד מוז זיין איזאָלירט אין דער סביבה פון די בירגערלעכע מלוכות. עס קען פירן מיט זיי האַנדל־געשעפטן, האָבן קולטורעלע באַציִונגען, אָבער עס קען זיך נישט פאַרבינדן מיט זיי אין געהיימער דיפּלאָמאַטיע. דער איינציקער פאַרבינדעטער פון אַ סאָוועט־לאַנד איז אין די אַלע פרעמדע מלוכות דער אַרבעטער־קלאַס פון די לענדער, זענען זייערע אונטערדריקטע און עלנטע מאַסן. און איז אַמאָל דעם סאָציאַליסטישן לאַנד באַשערט אָנצוהייבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן אַן אָנגרייפער, וועט עס מער געווינען דורך זיין קלאָרן, נישט־קאָמפּראָמעטירטן פרייהייטלעכן פּנים, איידער מיט דער הילף פון די סאַמע גלענצנדע דיפּלאָמאַטישע גענג.

III. אַ סאָוועטיש לאַנד, וואָס טרעט אַריין אין אַ קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטן, מוז ענדלעך דערפילן איין באַדינג, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. עס מוז זיין באמת אַ לאַנד פון פרייע סאָוועטן, פון סאָציאַליסטישער פרייהייט. פּונקט 15 יאָר זענען אַריבער זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מער ווי פערצן יאָר געפינט זיך אָבער רוסלאַנד אונטער דעם שאַרפסטן דרוק פון אַ פּאַרטיי־דיקטאַטור. דער דרוק האָט נישט אויפגעהערט ביי אַלע זיגזאַגן פון דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק. אין דער צייט פון דעם „קריגס־קאָמוניזם", פון דעם „נעפּ", פון דעם פינפיאָר־פּלאַן — שטענדיק איז געלעגן דער דרוק פון דעם פּאַרטיי־שטאַט אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן. איצט, נאָך 15 יאָר, איז דער דרוק נישט געמינערט געוואָרן אויף אַ האָר. די האָרעפּאַשנע פּויערים, וואָס טראָגן אויף זייער רוקן די גאַנצע פאָלקס־ווירטשאַפט, ווערן געצוווּנגען צו האָרעווען אין אַזעלכע פאָרמען, וועלכע פאַרמיאוסן זיי די אַרבעט. אין אַ קאַטאָרגע האָט זיך פאַר זיי פאַרוואַנדלט די אַרבעט אין די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן. אַ הונגער־נויט האָט זיך דעריבער אויסגעשפּרייט איבערן לאַנד. די שטאָט־אַרבעטער זענען פאַרשקלאַפט צו די פאַבריקן, צו אַ פּראָדוקציע־פּראָצעס אין וועלכן זיי זענען נישט מער ווי נישטיקע שרייפלעך. די יוגנט, די וואָס דאַרף טראָגן די סאָציאַליסטישע אידייע אין דער צוקונפט, ווערט דערצויגן אין אַן אַטמאָספער פון גייסטיקער און מאָראַ-

לישער עבדות. די יוגנט טאָר נישט וויסן און ווייס נישט פון פרייהייט פון ד ע נ ק ע ן, פון שעפערישן אויסוואַל, פון מענטשלעכע זוכענישן. זי מעג נאָר טראַכטן טעכניש און אָרגאַניזאַטאָריש, אין די ראַמען פון דעם צענטראַלן דענק־אַפּאַראַט. די יוגנט ווערט דערצויגן אין אַ רעזשים פון הערשער־שיכטן: זי לערנט זיך אויס אָדער צו הערשן איבער אַנדערע, אָדער צו ווערן באַהערשט. — אַ לאַנד, וואָס איז פול מיט טורמעס; טורמעס, וואָס זענען פול מיט רעוואָלוציאָנערן פון אַלע ריכטונגען, פון האַרעפּאַשניקעס פון אַלע קלאַסן. אַ לאַנד, ווו עס הערשט אַן וועלכע נישט איז גרענעצן טויט־שטראָף, ווו מען שטראָפט שוין מיט טויט דערפאַר, ווייל הונגעריקע פויערים גנבענען ברויט פון די אייגענע פעלדער 1). און איבער די מאַסן קיניגט אַ מלוכה, וועלכע וויל נישט הערן פון קיין שום קאָנטראָל פון די מאַסן, וועלכע שטיצט זיך אויף דער רויטער אַרמיי.

ווען אַ זאַ סאָוועטישע מלוכה וועט פירן אַ קאַמף קעגן אַן אַנדער לאַנד. וועט מען מעגן זאָגן מיט אַ קלאָרן געוויסן, אַז דאָ קעמפט סאָציאַליזם קעגן אימפּעריאַליזם, פרייהייט קעגן שקלאַפעריי? דאָ נישט לאַנג איז אין אַמסטערדאַם אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנגרעס קעגן דעם קריג, צונויפגערופן פון ראָמען ראָלאַן און א. באַרבים. זיי האָבן גערופן די וועלט צו באַשיצן ראַטן־רוסלאַנד. ס'איז אַ פאַרשטענדלעכער רוף, אָבער צי האָבן זיי גענוגעט פאַרגעסן דערביי, וואָס עס טוט זיך אין ראַטן־רוסלאַנד אינעווייניק? האָבן זיי נישט געמוזט גלייכצייטיק צורופן צו דעם רעגירנדיקן באָלשעוויזם: ס'איז נישט מעגלעך קיין קאַמף פאַר סאָציאַליזם אָן דער פרייהייט פון אייערע מאַסן!.... זיי האָבן עס נישט געטאָן; אפשר דערפאַר, ווייל זיי האַסן די מלוכות פון דער בירגערלעכער וועלט אַזוי, אַז זיי ווילן זיך נישט צוקוקן צו דעם היסטאָרישן קעגנער פון אָט די מלוכות. זיי האָבן עס נישט געטאָן, אָבער דער סאָציאַליזם טאָר נישט פאַרבייגיין אַזעלכע פראַגן פון אַ לעבעדיקער רעוואָלוציע.

כדי דער ראַטן־פאַרבאַנד זאָל זיך קענען שטעלן אַנטקעגן דעם שטאַרקן סאָציאַלן שונא, מוז ער באַזיצן אַ סך מער איידער אַ גוטע אַרמיי און אַ שטאַרקן מלוכה־אַפּאַראַט. עס מוז הינטער אים שטיין אַ פריי, מיט פרישער ענערגיע שפּרודלדיק, און זיין צוקונפט גלויבנדיק פאָלק. דער בעסטער שוץ פון אַ סאָוועטיש לאַנד ליגט אין דער פ ר י י ה י י ט פון זיין פאָלק. ערשט דעמאָלט וועלן די פונקען פון זיין גלויבן און באַגייסטערונג אַריבערפליען אין די מחנות פון דעם קעגנער, אָנצינדן אים אויך מיט דעם געמיינזאַמען היסטאָרישן ציל. ערשט דעמאָלט וועט אַזאַ ערלעכער קאַמף ווירקן רעוואָלוציאָניזירנדיק אויף דער מענטשהייט אין גאַנצן.

*

---

1) אין דעם נומער פון דער דייטשער „פּאָסישער צייטונג" פון 22־טן אויגוסט 1932 שטייט פאָלגנדיקע אומגעהויערע ידיעה: „צען וואַגאָן תבואה פון רוסלאַנד זענען ביי דער שטאָט באָדענבאַך אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם טייך עלבע, ווייל מען האָט ניט געהאַט פאַר זיי קיין אָפּזאַץ. די סחורה האָט מען געהאַט געבראַכט אויף אַ שיף פון האַמבורג פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע".

אזוי שטייען פאַר אונדז די פראַגן פון מילחמה און שלום. מיר זענען קעגנער פון שלום פאַר יעדן פרייז. אַזאַ מין שלום וואָלט נאָר פאַראייביקט דעם עלנט פון דער הייַנטיקער וועלט. אין שלום לרשעים! אָבער דער קאַמף טאָר נישט גיין מיט דעם וועג פון מילחמות. די וועלט לעבט הייַנט אין אומצאָליקע שפּאַנונגען. אויסער דער שפּאַנונג ראַטן־פאַרבאַנד און אויסלאַנד, זענען דאָ גענוג אַנדערע: יאַפּאַניע־כינע, דייטשלאַנד־פראַנקרייך, פראַנקרייך־איטאַליע, דייטשלאַנד־פּוילן, ענגלאַנד־אַמעריקע, אַמעריקע־יאַפּאַניע. צי די קאָנפליקטן אַנטשטייען צווישן ביר־גערלעכע לענדער, צי צווישן אַ בירגערלעכן און סאָוועטישן לאַנד, — דער וועג פון מילחמות אין דעם אַלטן נוסח טאָר נישט ווערן באַטראָטן. דאָס בילד פון מילחמות קענען מיר שוין. דער פראַנצויזישער און דער יידישער שרייבער האָבן אונדז געצייכנט די שלאַכט־פעלדער. און אויף דעם וואָל־סטריט אין ניויאָרק טאַנצן דעמאָלט די באַנקירן אַרום דעם עגל הזהב. אויב די מענטשהייט האָט נישט קיין אַנדער וועג ווי פירן דעם ביטערן קאַמף, דעמאָלט נאָר און אויסשליסלעך אונטער דער רויטער פאָן.

(„פרייע שריפטן", דעצעמבער, 1932)

צווייטע טייל

# פראַגן פון יידישן פאָלק

# פּאָליטיק און מאָראַל ביי יידן

## 1. סאָציאַליזם

אין דעם עסיי וועגן פּאָליטיק און מאָראַל איז מיר אויסגעקומען צו ריידן וועגן די צוויי אינערלעכע מחלות, וועלכע צעפרעסן די היינטיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. מיר האָבן פון איין זייט פּראַקטישע רעפאָרמיסטישע „פּאָליטיק", וועלכע קאָן זיך באַרימען מיט די געוואַלטיקסטע דרויסנדיקע דערפאָלגן, אָבער וועלכע האָט פאַרלוירן כמעט אינגאַנצן די אידעע, צוליב וועלכער זי איז אַנטשטאַנען. און מיר האָבן, פון דער אַנדער זייט, שטורעמדיקע באָלשעוויסטישע „מאָראַל" (אידעע), וועלכע איז אַזוי פאַרשיכורט פון איר אייגענעם אימפּעט, אַז זי לעשט אויס יעטוועדע סאָציאַליסטישע פּאָליטיק און יעטוועדע פרייע טעטיקייט בכלל. ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז סיי דער רעפאָרמיזם סיי דער באָלשעוויזם האָבן פאַרלוירן די גאַנצקייט: דער רעפאָרמיזם איז היינט געוואָרן אַן *אידעענלאָזע* באַוועגונג, און דער באָלשעוויזם — אַ *באַוועגונגלאָזע אידעע*.

דער דאָזיקער אינערלעכער קעגנזאַץ הערשט היינט אין גאָר אַ גרויסער מאָס אויך אין דער *יידישער* ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער וועלט. מער נישט ער קריגט דאָ — אין דעם קאָמפּליצירטן לעבן פון די יידישע מאַסן — אַ פיל שאַרפערן און אייגנאַרטיקן אויסדרוק. עס וואָלט זיך געלוינט דורכנעמען פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און ריכטונגען, וועלכע באַהערשן דעם באַוווסטזיין פון יידישן פאָלקס־מענטש. אָבער מיר מוזן זיך דאָ קאָנצענטרירן נאָר אויף די וויכטיקסטע פון אַזעלכע באַוועגונגען. די אַנדערע מוזן מיר נאָר פאַרבייגייענדיק דערמאָנען. — אַזוי איז, ראשית כל, קלאָר, אַז אין דער יידישער אַלגעמיינער (נישט־ציוניסטישער) *סאָציאַליסטישער* באַוועגונג ווירקן זיך אויס און לאָזן זיך שטאַרק פילן אַלע מעלות און חסרונות פון רעפאָרמיזם און באָלשעוויזם.

אויף וויפל דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט איז רעפאָרמיסטיש, איז ער אַ מענטש וואָס איז אויך געבונדן מיט צענדליקער קייטן צו דער היינטיקער סאָציאַלער געזעלשאַפט. ער גלויבט אויך באמונה שלימה אין דעם „נויטווענדיקן"

גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וועלכע פירט צום סאָציאַליזם. ער האַלט אויך אַן עולם ומלואה פון די „פּאָזיטיווע" אויפבוי־כוחות פון קאַפּיטאַליסטישן סדר. ער איז אויך באַגייסטערט פון די טעכנישע דערגרייכונגען פון דער היינטיקער וועלט, פון דעם דעמאָקראַטישן מלוכה־שטייגער, פון דער גרויס־שטאָטישער ציוויליזאַציע. זיין אידעאַל איז, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס זאָל בהדרגהדיק שטייגן פון שטאַפּל צו שטאַפּל, נישט ערגער חלילה פון די אַנדערע פעלקער. הלוואי — ווינטשט ער זיך — האָבן מיר נישט קיין ערגערע געווערקשאַפטן, קאָאָפּעראַטיוון, פּאַרטייען, פירער, פּאַרלאַמענטאַריער ווי „זיי" האָבן עס. דער אינטערנאַציאָנאַליזם באַשטייט אין דעם וואַרעמען חשק צו דערלעבן האָבן א ייגענע שיידעמאַנס, וואַנדערוועלדעס, מאַקדאָנאַלדס. אַ מאַטעריאַליסטיש־רעפאָרמיסטישע באַוועגונג קאָן, לויט איר נאַטור, אייגנטלעך נישט טראָגן אין זיך קיין טיפע באַגייסטערונג פאַר דעם סאָציאַליסטישן ענדציל, ווייל זי פילט אים נישט רעאַל און קאָנקרעט. 1)

אָבער דער יידישער טעמפּעראַמענט פירט דערצו, אַז אפילו דער פאַרשטויבטער רעפאָרמיזם ווערט באַלעבט און באַוועגלעך. דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט איז ווייט פון רעוואָלוציאָנערער התלהבות, אָבער דערפאַר באַזיצט ער אַ רעפאָרמיזם מיט אימפּעט. ער רייסט זיך מיט אימפּעט אין אַ פּוילישן סיים אָדער אין אַ רומענישן פּאַרלאַמענט, ער אַרבעט אויף אַלע כלים אין אַמעריקע כדי צו קריגן שטימען פאַרן סאָציאַליסטישן פּרעזידענט־קאַנדידאַט. ער איז אַ טרייער אָנהענגער פון „פעלקער־בונד" און כמעט אַ פאַרליבטער אין דעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל. אַט אַזוי שאַפט זיך דער טיפּ פון אַ מיושבדיקן, געזעצטן, באַלעבאַטישן סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער פאַרשטייט נישט אין זיין תמימות דעם רעוואָלוציאָנער אָדער איז מלא חמה אויף אים. דער סאָציאַל־דעמאָקראַט „קריכט נישט אויפן הימל", ער זוכט פאַרן פּראָלעטאַריאַט תכלית. דערפאַר, אין די לענדער, ווו דער יידישער אַרבעטער מאַטערט זיך פאַר אַ שטיקל ברויט און רעכט, וויל דער דאָזיקער סאָץ. דעמאָקראַט נישט הערן פון קיין שום קאַמפן אויסער קאַמפן פאַרן היינטיקן מאַטעריעלן טאָג. און אין אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע, ווו אַ טייל יידישע אַרבעט־מענטשן האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ מאַטעריעלן וווילשטאַנד, באַזינגט דער סאָציאַל־דעמאָקראַט דעם דאָזיקן וווילשטאַנד ווי די גרעסטע סאָציאַליסטישע דערגרייכונג, וועלכע מען דאַרף האַלטן פעסט אין די הענט. אָבער דער דאָזיקער וווילשטאַנד פאַרוואַנדלט זיך אַלץ מען אין אַ צוועק פאַר זיך, וואָס שטעלט זיך אַ נ ט ק ע ג ן יעדער רעוואָלוציאָנערער רעגונג אין דער נשמה פון יידישן אַרבעטער.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג — אין אַמעריקע, ראשית כל — איז אין אַלע אירע אָרגאַניזאַציעס (געווערקשאַפטן, פּאַרטיי, פּרעסע) אַזוי פאַרתכליתט,

1) די באַגייסטערונג, וועלכע מיר שפירן אָפטמאָל אין די רעפאָרמיסטישע פירער, שהגיעו למלכות, באַציט זיך מער אויף די היינטיקע דערפאָלגן, וועלכע ווערן פאַרגליכן מיט דעם נישטיקן ע ב ר פון אַרבעטער, איידער אויף די צוקונפטיקע ענדגילטיקע ניצחונות פון אַרבעטער־קלאַס.

אַז זי מוז אָפּטויטן יעדע שפּור פון אַ רעבעלן־גייסט אין דעם אַרבעט־מענטשן.
מען בינדט אים טאָג נאָך טאָג צו צו דער „גראַנדיאָזישקייט” פון דער אַמערי־
קאַנער ציוויליזאַציע און צו דער „גרויסקייט” פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַ־
טיע. אַזאַ מין דעמאָקראַטיע טראָגט מען אַריין אויך אין די יידישע אַרבעטער־
אָרגאַניזאַציעס גופא. ס'איז נישטאָ אייגנטלעך גאָר קיין באַוועגונג, ווייל הונ־
דערטער טויזנטער שטייען דרויסן; נאָר טויזנטער זענען די אינעווייניקסטע צאָ־
לער און מיטגלידער, און נאָר צענדליקער פירן, באַהערשן, רעגירן, קאָנקורירן
צווישן זיך און מיט אַנדערע. דער אַפּאַראַט איז אויפגעבויט אויף דער טיפער פּאַ־
סיוויטעט פון די מיטגלידער, און ער אַנטוויקלט ווייטער פון זיך די פּאַסיוויטעט.
אין תוך זענען אַזעלכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס נישט מער ווי קעגנזייטיקע
פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן, ווי גרויס אויסגעבויטע אַנשטאַלטן פון סאָציאַלער
צדקה. און אין דעם דערנענטערן זיי זיך צו די אַלטע יידישע בכבודיקע און
פּאַרדינסטפולע צדקה־חברות, אפשר מיט דעם אונטערשייד, וואָס די סקאַרבאָווע
צדקה־חברות זענען ווייניקער געבויט אויף דעם אַפּאַראַט פון די פירער, ווי אויף
דעם לעבעדיקן און אַקטיוון רחמנות־געפיל פון די פאָלקס־מאַסן. — דערביי האַלט
זיך דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט הימל הויך איבער דער סביבה פון וועל־
כער ער איז אַרויסגעוואַקסן. ער איז יידיש אויף אַזויפיל אויף וויפל ער האָט
סענטימענטן צו דער אַלטער היים, צום מאַמע־לשון, צו די משפחה־זכרונות. אָבער
ער וועט נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז ס'איז דאָ אַ יידישער סאָציאַליזם,
אַז אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון היינטיקן יידן קענען זיך אַרויס־
רייסן די פייערדיקע צונגען פון די נביאים. ער וויל נישט אויפלעבן די גרויסע
פאַרגאַנגענהייט, וועלכע לייגט אַרויף שווערע אחריות אויפן היינטיקן יידישן
סאָציאַליסט. ער שאַרט זיך בעסער צו צו דער גרויסער היינטיגער וועלט און צו
דער מעכטיקער סאָצ.־דעמ. וועלט־באַוועגונג, אין וועלכער ער קאָן זיין דער שליח
פון דעם סאָציאַליסטיש־געפּאַרבטן בירגערלעכן לעבנס־סדר אין דער יידישער גאַס.

דער יידישער קאָמוניסט טראָגט אין זיך אַלע מעלות טובות פון אַ קאָ־
מוניסט בכלל, מער נישט פאַרטיפט און צוגעשפּיצט לויט דער יידישער סביבה
און טעמפּעראַמענט. צוויי עלעמענטן אַנטהאַלט אין זיך די גייסטיקע נאַטור פון
קאָמוניזם: דאָס איז דער מאַכט־טריב (לוסט צו באַהערשן די מענטשן, זאָל
זיין לשם אידעע) און דאָס איז דער מאַטעריאַליסטישער טריב (באַ־
הערשונג דורך צוזאָגן מאַטעריעלע גליקן). די דאָזיקע צוויי טריבן האָבן ביי
די יידישע קאָמוניסטן (דאָרטן וווּ זיי זענען געוואָרן מלוכה־פאַרטרעטער) גע־
קראָגן אַ זייער אייגנאַרטיקן טאָפּלט־פאַרקריפּלטן אויסדרוק. דער יידישער פאָלקס־
מענטש אין רוסלאַנד טראָגט אַ צווייענדיקע לאַסט פון פאַרטיי־דיקטאַטור: די
אַלגעמיין־מלוכהשע און די לאַסט פון די „יעווסעקן”. דערביי איז פאַראַן צווישן
דיביידע אַרטן דיקטאַטור אַ געוויסער אונטערשייד, וועלכער ליגט אין דעם פאַר־
שיידענעם מקור פון זיי ביידן. דער באָלשעוויזם איז געבוירן געוואָרן אַלס מלוכה
אין יענער שטורעמדיקער אָקטאָבער־צייט, בעת די מיליאָניקע מאַסן האָבן אַקטיוו

גענומען אָנטייל אין דעם איבערבוי און שאַפן פון אַ ניי לעבן. דאָס האָט באַטייט,
אַז ווי מאַכט־שיכור דער באָלשעוויזם איז נישט געווען, האָט ער זיך דאָך גע־
מוזט צופאַסן צו די מאַסן און אַריינגעמען אין זיך זייערע נויטן און זייערע איי־
גענע אידעען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט אין דער רעוואָלוציע. דער יעווסע־
קיזם איז אָבער געקומען צו דער וועלט אַ סך שפּעטער, אונטער די פּיזישע
קלעפּ פון די פּאָגראָמען, אונטער דעם פּאָליטישן דרוק פון דער זיך געפעסטיק־
טער דיקטאַטור. אַלע פירנדיקע עלעמענטן פון יעווסעקיזם זענען נישט פאַרכאַפּט
געוואָרן פון דער באמת־סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געהערשט
אין דער ערשטער תקופה פון דער סאָוועט־רעפּובליק. זיי האָבן געקעמפּט דעמאָלט
קעגן איר אָדער זענען געשטאַנען פון אַ זייט. און אַז זיי אַלע (געוועזענע בונדיסטן,
ס.־ס., „פאַריייניקטע”) האָבן זיך שוין אַריינגעגאָסן אין דער באָלשעוויסטישער
פאַרטיי, האָט געהערשט אין רוסלאַנד די שטייפע און טויטע האַנט פון טעראָר.
אויף דער יידישער גאַס האָט דער יעווסעק ממילא אפילו ניט געטראַכט אָנצו־
פרעגן די דעה ביי די יידישע מאַסן אָדער אַריינעמען אין זיך עפּעס פון זייערע
אייגענע נויטן און אָרגאַנישע אידעען. דאָ איז דאָס געווען די הוילע דיקטאַטור,
אפילו אָן דעם יהוס פון אָקטאָבער־באַגייסטערונג און אָקטאָבער־נביאות.
די מאַכט־לוסט פון יידישע קאָמוניסטן האָט זיך אין דער דאָזיקער סביבה
געקאָנט דורכזעצן נאָך מיט אַ גרעסערער קראַפט ווי אומעטום, ווייל דער יידי־
שער האָרעפּאַשניק איז גאָרנישט ביכולת אַנטקעגנצושטעלן זיי זיין ווידערשטאַנד.
דער רוסישער פּויער פאַרמאָגט אַ געוואַלטיקע עקאָנאָמישע קראַפט, דורך וועל־
כער ער צווינגט אומדירעקט די מלוכה־מאַכט צו רעכענען זיך מיט אים; דער
יידישער אַרבעט־מענטש אָדער לופט־מענטש האָט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן נאָר
זיין צעבראָכנקייט, דלות און הונגער־טויט. — אמת, די יידישע פאָלקס־מאַסן
האָבן אַרויסגעוויזן אין אַ גרויסער מאָס אַ גייסטיק־פּאָליטישן ווידערשטאַנד. זיי
לאָזן נישט אָוועקרויבן מיט געוואַלט זייערע אַלטע, פאַרעלטערטע דערציאונג־
פאָרמען און זיי רוקן אַרויס (כמעט די איינציקע אין גאַנצן לאַנד) טויזנטער ציור־
ניסטיש־סאָציאַליסטישע קעמפער. אָבער דאָס ענדערט נישט די ריין־דיקטאַטאָ־
רישע פירונג פון די יעווסעקן, וועלכע האָבן אַריינגעיאָגט די יידישע מאַסן אין אַ
צושטאַנד פון ענדלאָזער פאַסיוויטעט און טיפסטן יאוש.
זייער הערשאַפט האָבן די יידישע קאָמוניסטן, פּונקט ווי די אַלגעמיינע, באַ־
גרינדעט מיטן סאמע פשוטן, מאַטעריאַליסטישן טריב: זיי האָבן צוגעזאָגט די
מאַסן שענקען זיי וווילשטאַנד און פרנסה. און זיי האָבן דאָס פּונקט אַזוי נישט
דערפילט ווי דער אַלגעמיינער באָלשעוויזם, ווייל ביידע האָבן געאַרבעט אָן און
קעגן די מאַסן. זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין א י י ג ע נ ע ליניע פון עקאָ־
נאָמישער פּאָליטיק אין דער יידישער קאָמפּליצירטער סביבה. נישט זעענדיק די
כּאָציאַלע אומגעלומפּערטקייט פון דעם יידישן אָרגאַניזם, די איבערפולטקייט זיי־
נע מיט פאַרמיטלערישע, קליין־סוחרישע, בעל־מלאכהשע און לופטיקע עלעמענטן,
האָבן זיי נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצושטעלן אַן אייגן פּראָגראַם פון יידישן

סאָציאַלן איבערבוי. ווי טיפּישע מיטלויפער (אָדער נאָכשלעפּער) האָבן זיי אַריבערגעטראָגן אויף דער יידישער גאַס אַלע דעקרעטן און מלוכה־וואַקלענישן, וועלכע האָבן געריסן אין שטיקער דעם לייב פון יידישן האָרעפּאַשניק. נאָכדעם ווי מען האָט יאָרן־לאַנג צעבראָכן דאָס יידישע שטעטל, נישט אַריינפירנדיק אים כאָטש אויף אַ האָר אין אַ סאָציאַליסטישן שטראָם, האָבן די יידישע קאָמוניסטן אַרויסגעלאָזן דעם לאָזונג: מיטן פּנים צום שטעטל! אויך דאָס מאָל איז דאָס נישט געווען קיין אייגענע פאַרשטענדעניש פאַר די נויטן פון „זייער" פאָלק, נאָר דאָס איז געווען אַ טרוקענע איבערזעצונג פון דעם אַלגעמיין־מלוכהשן לאָזונג: מיטן פּנים צום דאָרף! אויב די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון באָלשעוויזם אין רוסלאַנד איז אַ זיגזאַגן־פּאָליטיק, — וועלכע זוכט אָבער צופּאַסן זיך ווי נישט איז צו די נויטן פון לאַנד, — איז די יעווסעקישע פּאָליטיק אַ שפּיגלבילד פון די דאָזיקע זיגזאַגן, אַ ריין־אַבסטראַקטע נאָכקרימעניש, נישט געוואַקסן פון דעם יידישן באָדן. אַז דער עלנט פון די מאַסן איז דערגאַנגען ביז צום הימל, אַז חלוצישע יוגנט האָט שוין געמאַכט די ערשטע געלונגענע פּרוון — דעמאָלט האָט דער יידישער קאָמוניסט גענומען זיך פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער איינאָרדענונג פון די יידישע מאַסן. אָבער ער איז אָרגאַניש נישט פאַרוואַקסן מיט דער דאָזיקער גרויסער יידישער צוקונפט־אַרבעט, פּונקט אַזוי ווייניק ווי מיט אַנדערע: ביי דעם ערשטן בלאָז פון אַ נייער אַלגעמיין־באָלשעוויסטישער טאַקטיק וועט ער וואַרפן די דאָזיקע אַרבעט. דערפאַר קאָן ער היינט פּראָקלאַמירן אַ יידישע קאָלאָניזאַציע אין קרים, מאָרגן ביי די ברעגן פון אַזאָווישן ים, איבערמאָרגן אין בירא־בידזשאַן. דערפאַר איז מעגלעך, אַז ער זאָל אַרויסשרייען אויף דער גאַנצער וועלט אַ „יידישע רעפּובליק" אין בירא־בידזשאַן, בעת ער ווייסט אַפילו נישט, צי מען קאָן זיך דאָרט באַזעצן. דער יעווסעק וויל גאָרנישט קיין יידישע רעפּובליק אַלס אַזעלכע: ער לייקנט אָפּ יעדן יידישן גייסטיקן מקור פון זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ער וויל אים גאָרנישט פאַרפלעכטן מיט דער גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון פאָלק. פּונקט ווי דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט בויט זיך אַ חדר שני ביי דעם וועלט־רעפאָרמיזם, וויל דער יעווסעק אויך נישט זיין מער ווי אַ חדר שני ביים באָלשעוויזם. צוליב טאַקטישע סבות שפּילט דער יידישער קאָמוניסט מיט די ליידן און די האָפענונגען פון פאַרחושכטע מיליאָניקע מאַסן, אַבי זיי צו האַלטן אונטער זיין שליטה. אין בעסטן פאַל קאָן די יעווסעקציע זיין פאַר זיי נישט מער ווי אַ סיסטעם פון דערזעלביקער סאָציאַלער צדקה, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך שטרענגע אַכזריותדיקע גבאים. דאָ איז נישטאָ קיין ברעקל פון סאָציאַליזם.

אין אַן אַנדער אויפן — אָבער אויף דעמזעלביקן באָדן פון פאַלשקייט — אַרבעטן יענע יידישע קאָמוניסטן וווּ זיי טרעטן נישט אויף ווי רעגירונג־שותּפים. אין פּוילן, ליטע, רומעניע, אַמעריקע קעמפן זיי אין די רייען פון באָלשעוויזם וואָס רייסט זיך ערשט צו דער מאַכט און וויל זי דורכפירן לויטן רוסישן מוסטער. אין די לענדער האָבן די צוקונפטיקע יעווסעקן נישט די מעגלעכקייט

אַרויפצוליייגן זיך מיט זייער מאַכט אויף די יידישע מאַסן. אָבער דער זעלביקער מאַטעריאַליסטישער און מאַכט־טריב ליגט אויך אין יסוד פון זייער גאַנצער אַרבעט און פּסיכאָלאָגיע. סאיז נישט קיין צופאַל וואָס עס ציען זיך צו זיי באַדייטנדע שיכטן פון אַרבעטנדיקע און אינטעליגענץ. דאָ ווירקט די אומדערטרעגלעכע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע לאַגע פון יידן אין די לענדער; דאָ ציט צו דער רעוואָלוציאָנערער טאָן וואָס רייסט זיך דורך אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, להיפּוך צו דער פאַרשלאָפענער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; דאָ זוכן זיך אַ שעפערישן עיר מקלט די יידישע שרייבער און קינסטלער, וועלכע מוזן לויפן פון דער באַלעבאַטיש־רעפאָרמיסטישער „קולטור־וועלט". אָבער דער יידישער קאָמוניסט נעמט אַריין צו זיך די אַלע דאָזיקע שיכטן ווי מיליטערישע טייל, איבער וועלכע מען מוז רעגירן און געוועלטיקן. אָנשטאָט אַן אָרגאַנישע רעוואָלוציאָנערע דערציונג פון יידישע מאַסן, אַלס פּרט און אַלס כלל, ווערט דאָ מיט עקשנותדיקער קראַפט געבויט אַ מיליטעריש־דיסציפּלינירטע, לגבי דעם יחיד פאַראַנטוואָרטונגלאָזע מאַשין, ווו עס הערשט נאָר דער קול פון אויבן. דער קול פון אויבן אינעווייניק, און אַ גייסט פון שנאה, פאַראַכטונג און רדיפות לגבי די אַנדערע אַרבעטער־קרייזן, וועלכע שטייען הינטער־צו־טאָג מחוץ למחנה און איבער וועלכע מען קאָן נאָך נישט הערשן. די באַהערשונג פון די מאַסן ווערט געבויט אויף דעם יסוד פון אַ ריין־מאַטעריאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, פון דערוועקן קנאה־געפילן צו דעם וווילטאָג פון די רייכע, פון צוזאָגן באַלדיקן גבירישן וווילשטאַנד פאַר די אַרבעטער. דער יידישער קאָמוניסט, אין אַמעריקע, למשל, איז נישט נאָר זעליש נישט אָפּגעשיידט פון דער גבירישער ציוויליזאַציע וואָס בושעוועט אַרום אים, נאָר פאַרקערט: ער דערוועקט אין „זיין" אַרבעטער די טיפסטע תשוקה־געפילן צו איר. דאָס קאָן טויזנטער מענטשן אַריינציען אין קאָמוניסטישן לאַגער, פונקט אַזוי ווי דאָס קאָן אַרויסציען זיי פון דאָרטן, בעת דער זעלביקער וווילטאָג ווערט מעגלעך פאַר זיי אין דעם הײנטיקן סדר. דער יידיש־אַמעריקאַנער קאָמוניזם רעדט איין זיינע אָנהענגער, אַז אין רוסלאַנד איז דערגרייכט די מאַטעריעלע הצלחה! ער רופט זיי נאָר אַריינצוכאַפּן דעם קאַפּיטאַליסטישן רייכטום אין די אַרבעטער־הענט. אַזוי אַרום ווערט פאַרוואָרפן די סאָציאַליסטישע דערציונג פון קאָמוניסט. ער ווערט אויך נישט דערצויגן צו פירן אין יעדן לאַנד זעלבסטשטענדיק סאָציאַליסטישע אַרבעט. ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ צוגאָב צו ראַטן־רוסלאַנד און אַ גייסטיקן שותף פון דער בירגערלעכער וועלט.

סיי אין רוסלאַנד סיי אין אַנדערע לענדער זענען די יידישע קאָמוניסטן בשום אופן נישט דורכפירער פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק אין פאָלק. זיי קאָנען נישט געבן די יידישע מאַסן נישט ברויט און נישט פרייהייט, נישט לייב און נישט לעבן. דערמיט אָבער וואָס זיי זאָגן צו און נאַרן די מאַסן, וואַרפן זיי אָפּ די מאַסן פון סאָציאַליזם. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס יידישע אַרבעט־פאָלק שעפט זיך נישט אויס מיט די ביידע טיפּן אַליין: מיטן סאָציאַל־דעמאָקראַט און קאָמוניסט. צום גליק לעבן אין אים באַדייטנדיקע אָבער ביז איצט שווייגנדיקע שיכטן פון אַרבעט־

מענטשן, וועלכע צִיען זיך צו אַן עכטן, ד"ה רעוואָלוציאָנערן, פרייען און יידישן סאָציאַליזם. אפילו אין די רעפאָרמיסטישע און באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס רייסן זיך שטענדיק דורך די שטימען פון דעם עכטן סאָציאַליזם. און אין די פאַר־שיידענע בונדיסטישע צי ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע צי אַנאַרכיסטישע אַרבעטער־קרייזן (אין פּוילן, אַמעריקע, רוסלאַנד, פּאַלעסטינע) וואַרטן אויף זייער צייט יידישע פרייע סאָציאַליסטן וועמען עס וועט מוזן געהערן די צוקונפט. מיר האָבן אָבער דאָ געפרווּט באַווייזן ווי עס דריקט זיך אויס די שאַפונג צווישן פּאָליטיק און מאָראַל אין די ביידע היינטיקע הויפּט־ריכטונגען פון יידישע סאָ־ציאַליסטן.

## 2. יידישיזם

אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט שפּילן אַ גרויסע ראָלע די באַוועגונגען וועלכע קאָנצענטרירן זייער קאַמף אַרום דער שפּראַך־פראַגע. אין דער ציו־ניסטישער וועלט איז עס אין אַ גרויסער מאָס דער לײַדנשאַפטלעכער קאַמף פאַר העברעיִש, אין דער ראַדיקאַל־יידישער וועלט איז עס — דער נישט ווייניקער לײַדנשאַפטלעכער קאַמף פאַר יידיש. מיר וועלן לאָזן אָן אַ זײַט דעם העברעיִזם, ווייל אין דער לעצטער צייט איז ער שוין מער נישט קיין זעלבסטשטענדיקע באַוועגונג מיט אַן אייגענעם אידעען־ציל; ער איז אַ טייל פון דעם גאַנצן ציו־ניסטישן סיסטעם, וואָס נעמט אַרום סיי לאַנד, סיי מלוכה, סיי שפּראַך. עס לוינט זיך אָבער באַזונדערס אָפּצושטעלן זיך אויף דעם יידישיזם, וועלכער האָט זיך אין משך פון יאָרן פאַרוואַנדלט אין אַ זעלבסטשטענדיקער באַוועגונג אין נאָמען פון דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור.

ס'איז געווען אַ צייט — און צווישן אונדז לעבן די וואָרטפירער פון יענ־נער צייט — ווען דער אויפקום פון דער יידישיסטישער באַוועגונג איז געווען אַ טיף פּראָגרעסיווער, מער נאָך — אַ רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר פון יידישן לעבן. מיט דרייסיק, פערציק יאָר צוריק, בעת ס'איז געבוירן געוואָרן די בונדיס־טישע און ציוניסטישע באַוועגונג, בעת עס האָט זיך דערהערט די שטים פון אַ חיים זשיטלאָווסקי, איז יידיש אַלס שפּראַך געוואָרן אַ באַנברעכנדיקער וועג פאַר דער קולטור־דערציִונג פון די יידישע מאַסן. אונדזער דור איז מסתּמא שווער פאַרצושטעלן זיך די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעמדאָזיקן יידיש. אויף דעם וועג פון דער אייגענער נשמה־נאָענטער שפּראַך זענען די מאַסן דערהויבן געוואָרן צו זייער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער זעלבסטדערקענטעניש. אַ דאַנק דער שפּראַך האָבן זיי אַריינגעטראָגן אין זייערע באַפרייונג־באַוועגונגען די גאַנצע געפיל־ און געדאַנקען־וועלט פון פאָלק און דערמיט אָנגעזעטיקט זיי מיט אַ לעבעדיקן אינ־האַלט. יידיש איז דאָ געוואָרן די בריק צווישן די הויכע אַבסטראַקטע אידעען און די אָרגאַנישע לעבנס־נויטן און דערפאַרונגען. די יידישע שפּראַך האָט אין אַ

גרויסער מאָס געגעבן די מאַסן זייער אינטעליגענץ, האָט צונויפגעבונדן מיט זיי באַדייטנדע אינטעליגענטישע שיכטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן וועג פון אַסימילאַציע. יידיש האָט געוואַלטיק פאַרברייטערט דעם גייסטיקן האָריזאָנט פון די מאַסן, ווייל דורך איר זענען פאַר אים איבערגעזעצט און אָפן געוואָרן די שענסטע אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַריינרעכענענדיק דערביי די העברעיִשע קולטור. אפשר אַביסל שפּעט, אָבער איצט נאָך גייט אָן די אַרבעט פון דערנענטערן די וויכטיקסטע קולטור־אוצרות פון יידישן עבר צו דעם יידישן פאָלקס־מענטש: דער תנ״ך איז איבערזעצט פון יהואשן, דער תלמוד ווערט אי־בערזעצט פון יעקב זאַלקינדן, דער מורה נבוכים פון רמב״ם האַלט ביים איבער־זעצט ווערן.

כדי אָפּצושאַצן די דערגרייכענישן פון יידיש אויפן קולטור־געביט, איז גענוג דורכצולייענען, למשל, די באַגייסטערטע ווערטער פון דער „וואַנדרונג פון דער יידי־שער קולטור־געזעלשאַפט״ אין אַמעריקע. „אונדזער לשון איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ מאָדערנער אייראָפּעיִשער שפּראַך. עס האָבן זיך אויסגע־בילדעט אַ רייכע ליטעראַטור און טעאַטער אין יידיש, אַ ברייט פאַרצווייגטע פּרעסע, אַ וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע ליטעראַטור, רייך אין אָריגינעלע שאַפונגען און איבערזעצונגען, אַ דערציִונג סיסטעם אין יידיש, וואָס באַשטייט פון הונדערטער שולעס מיט צענדליקער טויזנטער קינדער, פון מיטל־שולעס, לע־רער־סעמינאַרן און העכערע קורסן. ס'איז אַרויסגערופן געוואָרן אין לעבן אַ יידיש־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. אין סאָוועט־פאַרבאַנד זענען געשאַפן געוואָרן קאָ־מעדרעס אין יידיש, זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, משפט־הייזער און אויטאָנאָמע ראַ־יאָנען מיט יידיש ווי זייער אָפיציעלע שפּראַך...״ און מען קאָן טאַקע מיט די אויטאָרן פון דעם אויפרוף מסכים זיין, אַז „דער ערשטער אויפבלי פון דעם יונגן יידישן קולטור־בוים מוז באַטראַכט ווערן, ווי איינער פון די מערקווירדיקסטע ווונדער אין דער מאָדערנער מענטשלעכער געשיכטע״.

אויפן יסוד פון די דאָזיקע דערגרייכענישן און נאָך גרעסערע פאַרלאַנגען און פּערספּעקטיוון איז אויסגעוואַקסן יענע באַוועגונג, וועלכע רופט זיך אָן יידי־שיזם און טאַקע אַקטיוו־קעמפערישער יידישיזם. "Jiddishismus militant"

ווי עס געשעט אָפטמאָל מיט באַוועגונגען, האָט דער יידישיזם פאַרגעסן יע־נעם רעוואָלוציאָנערן מקור, פון וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן, יענעם צוועק, צו־ליב וועלכן ער איז געוואָרן אַ היסטאָרישער פאַקטאָר. יידיש איז געווען דעמאָלט דער ווילן און דער וועג צו דער גייסטיג־סאָציאַלער דערהויבונג פון אַרבעט־פאָלק, דערפאַר איז, למשל, געווען היסטאָריש־נויטווענדיק אַריבערצו־גיין פון דער העברעיִשער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם, וועלכע עס האָבן געפירט אַהרן ליבערמאַן מיט זיינע פריינט, צו דער פאָלקסטימלעכער פּראָפּאַגאַנדע אין יידיש. אָבער מיט דער צייט האָט דער יידישיזם גענומען פאַרוואַנדלען זיך אין אַ כמעט זעלבסטצוועק, אין אַ ציל פאַר זיך אַליין. די צוועקן פון גייסטיק־סאָציאַ־לער דערהויבונג זענען חלילה נישט אָפּגעלייקנט אָדער אָפּגעשטופּט געוואָרן פון

יידישיסטישן לאגער; אבער זיי זענען פארבלאסט געווארן, זיי האבן זיך געמוזט אריבערזעצן פון אויבנאן אויף די לעצטע פלעצער, ווי בכבודיקע אבער פארעלטערטע קרובים. דער קאמף־גייסט, דער פאטאס ווערט אריינגעלייגט אין דער שפראך גופא, אין דער שפראך־קולטור און אין דער קולטור — אויף דער שפראך.

מען דארף נאר אויפמערקזאם צוקוקן זיך צו דערזעלביקער „ווענדונג פון דער יידישער קולטור־געזעלשאפט" אין אמעריקע וואס מיר האבן שוין אויבן דערמאנט. דאס איז אייגנטלעך דער נייסטער סיסטעמאטישער דאקומענט פון די בעסטע יידישיסטישע פארטרעטער וועלכן מיר פארמאגן, און ער איז א באווייז דערפון, אין וו א ס ס'ליגט היינט דער אימפעט פון יידישיזם. דער אויפרוף הייבט זיך אן מיט די ווערטער: „פאר די לעצטע פערציק יאר איז אין אונדזער יידישן לעבן אויסגעוואקסן א נייע ריכטונג, וואס איר הויפטגעדאנק איז, אז אונדזער נאציאנאל־יידיש לעבן דארף געבויט ווערן אויף דעם ריין וועלטלעכן יסוד פון אונדזער קולטור און אונדזער נאציאנאלער שפראך — י י ד י ש, און אויף די יסודות פון פרייהייט, סאציאלער גערעכטיקייט און צווישנפעלקערלעכער ברידערשאפט". ס'איז שווער צו פארשטיין, ווי קאן מען די העכסטע מענטשלעכע אידעאלן שטעלן אויף דער זעלביקער פלאך ווי די פראגע פון דער נאציאנאלער שפראך און קולטור. אבער די דאזיקע מענטשלעכע אידעאלן ווערן בכלל מער נישט דערמאנט אין דעם גאנצן אויפרוף: נישט זיי בילדן דעם אינהאלט און דעם ברען פון דער נייער קולטור־געזעלשאפט. „מיר מוזן זיך ארגאניזירן: מיר מוזן באשאפן אונדזערע אייגענע שוץ־ און קאמף־ארגאנען! גראד איצט איז נויטיק, אז דער קאמף פאר אונדזער ש פ ר א ך א ו ן ק ו ל ט ו ר זאל געפירט ווערן אויף א זעלבסטשטענדיקן פראנט... די ארגאניזירונג פון אט די כוחות פאר דעם קולטורעלן קאמף־פראנט איז אונדזער ע ר ש ט ע א ו ן וו י כ ט י ק ס ט ע אויפגאבע... מיר מוזן וועקן און פארשטארקן דעם אינטערעס צו דער יידישער קולטור און שפראך... עס פעלט נאך דער פונדאמענט פאר דעם אויפבוי פון א נ א ר מ א ל ן י י ד י ש ן ק ו ל ט ו ר ־ ל ע ב ן: אן איינהייטלעכע פולע און גאנצע דערציונג־סיסטעם, וואס זאל וואכן איבער דעם יונגן דור". מען לייענט די דאזיקע ווערטער און מען קאן באמת אנהויבן גלויבן, אז אין דער היינטיקער הונדערטפאך־שטורעמדיקער עפאכע איז דער נאציאנאלער קולטור־פראנט טאקע די וו י כ ט י ק ס ט ע אויפגאבע און, אז ס'איז בכלל טאקע מעגלעך היינט צו שאפן א נ א ר מ א ל יידיש קולטור־לעבן. די „קולטור" און שפראך ווערן דא אפגעריסן פון אלע סאציאלע קאמפן וועלכע דארפן ערשט שאפן די באדינגונגען פאר עכטער מענטשלעכער און יידישער קולטור. דאס הייסט אבער, מיט אנדערע ווערטער, צו פארמינערן אין די אויגן פון די יידישע מאסן דעם באטייט פון יענעם היסטארישן קאמף איבער וועלכן עס פלאטערן טאקע די אותיות: פרייהייט, סאציאלע גערעכטיקייט, ברידערשאפט!

דער יידישיזם טוט עס טאקע ביודעים און בלא יודעים. דיזעלביקע הארציקע שפראך וועלכע האט פריער פאלקסטימלעך דערהויבן דעם יידישן מענטשן צו

די העכסטע אידעען און מסירת נפש, פֿאַרוואַנדלט זיך ביסלעכווייז אין אַ פֿאָלקס־טימלעכער שטייג פֿון זיין גייסט, ווייל זי קאָנפֿיסקירט דעם ברען און איבער־געבנקייט פֿאַר זיך אַליין.

אָבער אונטער וועלכער פֿאָן גע‌לינגט עס דעם יידישיזם אויפֿצוטרעטן ווי אַ באַוועגונג פֿאַר זיך, וואָס קאָן אַרויסשטופּן אַנדערע? אונטער דער פֿאָן פֿון באַ־קעמפֿונג פֿון אַ ס י מ י ל אַ צ י ע. דער אַמעריקאַנער אויפֿרוף דערקלערט אויך, אַז „דאָס יידישע קולטור־לעבן שטעלט פֿאַר מיט זיך — קליינע אָאַזיסן אין אַ גרויסן מדבר פֿון אַסימילאַציע" און, אַז די נייע געזעלשאַפֿט מוז „באַקעמפֿן די אַסימילאַטאָרישע נייגונגען אין יידישן לעבן". אוודאי מוזן מיר אַנערקענען אין אַ פֿולער מאָס די נאַציאָנאַליזירנדיקע, און ממילא אויך די הומאַניזירנדיקע באַ־דייטונג פֿון יידיש אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע. דאַרטן ווו דער יידישער פֿאָלקס־מענטש שטייט פֿאַר דעם גייסטיקן גרוב פֿון אַסימילאַציע, ד"ה פֿון פֿאַרלירן זיין נאַציאָנאַל־אינדיווידועלן פּנים און דערמיט אויך זיין מענטשלעך־אינדיווידועלע געשטאַלט, — דאַרטן היט אָפּ יידיש אַמייסטן זיין נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן איך. דאָס איז אַזוי אין פּוילן, אין רוסלאַנד, אין אַמעריקע. אָבער די גרויסע פֿראַ־גע, וועלכע שטעלט זיך פֿאַר אונדז היינט, אין דעם בלענדנדיקן ליכט פֿון דער וועלט־אַנטוויקלונג, שעפּט זיך לחלוטין גאָרנישט אויס מיט דעם: ווי מען היט זיך אָפּ פֿון דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר אַסימילאַציע. די גרויזאַמע געשעענישן פֿון די לעצטע 15 יאָר האָבן פֿאַר דער וועלט און פֿאַר דעם יידן אַרויסגעשטעלט אַ „נייע" פּראָבלעם: די געפֿאַר פֿון דער אַ ס י מ י ל אַ צ י ע פֿ ו ן מ ע נ ט ש אַלס אַזעלכן.

ס'איז נישט שווער צו פֿאַרשטיין וואָס מיר מיינען דערמיט. אונטער נאַציאָ־נאַלער אַסימילאַציע פֿאַרשטייט מען די פֿאַרלייקענונג, דאָס פֿאַרלירן פֿון נאַ־ציאָנאַלן (גייסטיקן און מאָראַלישן) פּרצוף פֿון אַ י י ד ן , די אומאַנדערשונג אָדער פֿאַרפֿעלשונג פֿון אים צו אַן אַנדער נאַציאָנאַלער געשטאַלט (צו אַ רוס, פּאָליאַק, אַמעריקאַנער). די מענטש־אַסימילאַציע וועט באַשטיין, אַז דער פּשוט־מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר אָדער דערהויבן־מענטשלעכער פּרצוף פֿון אַ יידן, (וועלכער אַנטפּלעקט זיך שטענדיק אין די שטריכן פֿון נאַציאָנאַלן געזיכט) ווערט דערנידע־ריקט, אומגעאַנדערשט אָדער פֿאַרפֿעלשט. מענטש־אַסימילאַציע וועט הייסן, אַז נישט דער ייד אין דעם מענטשן גייט פֿאַרלוירן, נאָר, אַז דער מ ע נ ט ש א י ן ד ע ם י י ד ן שטייט פֿאַר אַ גרויסער גייסטיקער און מאָראַלישער געפֿאַר. אַ נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע פֿירט דערצו, אַז דער ייד זאָל ווערן אַ כלומרשט־אַמערי־קאַנער אָדער כלומרשט־דייטש; די מענטש־אַסימילאַציע אָבער — אַז ער זאָל ווערן אַן א ו נ ט ע ר מ ע נ ט ש , אַ דומה לחמור. די מענטש־אַסימילאַציע, ד. ה. די גייסטיקע פֿאַרפֿלאַכונג און די מאָראַליש־סאָציאַלע ירידה וועט לחלוטין נישט אָפּגעווענדט דערמיט אַליין, וואָס מען בויט אויס די העכסטע ווענט קעגן דער נאַ־ציאָנאַלער אַסימילאַציע. עס מעג זיין שטאַרק ווי אייזן באַוואָרנט די לעבנס־פֿאַר־מעגן פֿון דער נאַציע, בעת עס גייען אַרונטער און אַראָפּ די ל ע ב נ ס ־ א י נ ־

האַלטן פון אירע מענטשן, וואָס דאָס אַליין איז דאָך דער העכסטער צוועק פון אַ געמיינשאַפט. עס מעג ברענגען מיט אַ העלן פייער דער נאַציאָנאַלער אימפּעט וואָס זוכט אַלץ מער צו פאַרפעסטיקן זיינע אויסערע אַנטפּלעקונגען (אין שפּראַך, קולטור, טעריטאָריע, מלוכה אאַ״וו), בעת אין דער זעלבער צייט גייט פאַרלוירן ד׳ער חוש פאַר אַן אייגענער זעלבסט־דערקענטעניש, דאָס זוכן און דאָס פאַרקער־פערן פון אַ לעבנס־זין, פון אַ מענטשהייט־זין, פון אַ וועלט־זין.

דער יידישיזם איז שוין כמעט אַזאַ מין אַרט נאַציאָנאַלער אימפּעט וועלכער פאַרזעט, צוליב דער נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע, די מענטש־אַסימילאַציע, וואָס רייסט זיך מעכטיק אַריין אין יידישן פאָלק. די דאָזיקע נייע געפאַר קומט פון צוויי סיבות, פון אַ דרויסנדיקער און פון אַן אינעווייניקסטער. זי קומט, ראַשיק, דערפון וואָס אַרום אונדז, אין דער גרויסער וועלט, איז מוראַדיק געפאַלן דער קול־טור־ניווא פון דער מענטשהייט. דער נידערגאַנג פון דער אַלגעמיינער קולטור (אויב מען נעמט אַריין אין דעם נישט נאָר קונסט־וויסנשאַפט־מלוכה־פאָרמען, נאָר אויך דעם אינהאַלט און דעם סטיל פון די מענטשלעכע באַציִונגען) האָט זיך שוין אָנגעמערקט פאַר דער מילחמה פון 1914, אָבער אין דער מילחמה האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט און ברוטאַליטעט. דער נידערגאַנג פון דער קולטור האָט זיך נאָך דער מילחמה נישט אָפּגעשטעלט, נאָר פאַרשטאַרקט זיך נאָך מער לויט זיין אַכזריות און טיפּשות. ס׳איז אפשר גענוג צו ברענגען פון טויזנטער ביישפּילן איין איינציקן שרייענדיקן ביישפּיל. אין יאָר 1927 האָט מען הינגעריכטעט סאַקקאָ און וואַנצעטי אין אַמעריקע, אין יאָר 1887 האָט מען אין שיקאַגאָ אויך הינגעריכטעט פיר אידעאַליסטישע אַנאַרכיסטן. פאַר די דאָזיקע 40 יאָר האָבן זיך אין אַמעריקע די טעכנישע און די ציוויליזאַציע־פאָרמען געהויבן אַזוי אַז ס׳איז נישט צו פאַרגלייכן די געזעלשאַפט פון יענער צייט און די היינ־טיקע. אָבער אין די זעלביקע 40 יאָר האָט זיך די מאָראַלישע צביעות און די פּאָ־ליטישע אכזריות פון דער געזעלשאַפט נישט געענדערט אויף אַ האָר. און די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע „ניו־יאָרקער פאָלקס־צייטונג״ האָט אפשר אַמבעסטן באַוויזן דעם פאַרגליווערטן צושטאַנד פון איר לאַנד דערמיט וואָס זי האָט — אין טאָג פון דער דערמאָרדונג פון סאַקקאָ און וואַנצעטי — איבערגעדרוקט דעם זעל־ביקן טרויער־אַרטיקל וועלכן זי האָט געדרוקט מיט 40 יאָר צוריק ביים דערמאָרדן די שיקאַגער קדושים: זי האָט נישט געדאַרפט ענדערן אין אים קיין איין וואָרט!... די היינטיקע „וועלט־קולטור״ (אין אירע גרויסע מאַסשטאַבן, נישט אין אירע אויסנאַמען) איז אַ צעטרייסלטע. נאָך די גרויסע האָפענונגען און די נאָך גרעסערע אַנטוישונגען האָבן מענטשן ווי פאַרלוירן אַ קלאָרן וועג: דער פריערדיקער טראַדיציאָנעלער לעבנס־זין איז צעבראָכן, קיין נייער אויפמונטערנ־דיקער לעבנס־זין איז נאָך נישט אויסגעוואַקסן. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר די בירגערלעכע סיי פאַר די סאָציאַליסטישע מיליאָנען־קרייזן. די אַבסאָלוטע ווערטן, ווי, צ. ב. אייגנטום, קאַפּיטאַליזם, מלוכה־אויטאָריטעט (ביי די בירגערלעכע קלאַסן), ווי פרייהייט, אינטערנאַציאָנאַליטעט, סאָציאַלע גערעכטיקייט (ביי די

האַרעפּאַשנע קלאַסן) זענען היינט אין אַ טיפער מאָס צעמזיקט. מען לעבט נישט, דינענדיק דעם אָדער יענעם ווערט, נאָר מען לעבט פון טאָג צו טאָג. דערפאַר איז מעגלעך אַז פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט גרייט זיך צו אַ נייע וועלט־מילחמה און עס געפינען זיך נאָך נישט יענע כוחות וועלכע זאָלן קענען אָפּשטעלן די פאַרברעכערישע הענט. זענען דאָס נישט סימנים פון מענטש־אסימילאַציע?

עס פאַרשטייט זיך אָבער, אַז דער אַלגעמיינער קריזיס פון דער קולטור טראָגט זיך אַריבער אויך אין די יידישע קולטור־סביבות. דאָס קומט פאָר אין אַ גאָר שטאַרקן אופן דערפאַר ווייל אונדזער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם איז בכלל געבויט אויף דער גרעסטער אַכטונג פאַר דער קולטור פון די אומות העולם. די פאָרמול פון אונדזער נאַציאָנאַליזם, און יידישיזם דערונטער, האָט אַלעמאָל געהייסן אַזוי: „איבערצוגיסן דאָס אַלמענטשלעכע אין די נאַציאָנאַלע פורעמס", אַר־בערטראָגן די אַלמענטשלעכע קולטור אין אונדזער אייגענער היים. מען האָט זיך אין אַ געוויסן זין באַפרייט פון טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אינהאַלט פון דער „אַלמענטשלעכער" קולטור: זי האָט גענוג ברייטע פּלייצעס צו טראָגן זי אַליין. אַמאָל זענען געווען אין דער יידישער גייסטיקער אַנטוויקלונג ריכטונגען וואָס האָבן געזוכט דעם זין פון יידישן פאָלק אין דער אָדער יענער „מיסיע", וועלכע זיי דאַרפן טראָגן פאַר די פעלקער אַרום. דער יידישער נאַציאָנאַליזם האָט פאַרשטויסן אַזעלכע „מיסיאָנערן" און אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט, אַזוי צו זאָגן, קאָמיסיאָנערן, וועמעס אויפגאַבע איז צו פאַרשפּרייטן אין נאַציאָנאַלע פאָרמען קולטור־סחורות פון דער אַרומיקער וועלט. מען האָט געהאַלטן אין איין פורעמען נאַציאָנאַלע כלים, טראָגנדיק אין זיך דעם אָפּטימיסטישן גלויבן אַז מאַטעריאַל פאַר זיי שטעלט צו אין שפע די אַלמענטשלעכקייט. דעם דאָזיקן אָפּטימיזם איז שווער אָנצוהאַלטן היינט צו טאָג, באַזונדערס נאָך דעם סאָציאַלן מבול, וועלכן די מענטשהייט האָט דורכגעבלוטיקט, און האָבנדיק אין זינען פאַר זיך דעם נייעם סאָציאַלן מבול וועלכער גרייט זיך צו פאַר איר. די אויפגאַבע פון אַ לעבעדיקער, נישט פאַר־מבולדיקער נאַציע איז היינט גרעסער איידער אויסאַרבעטן אפילו די פיינסטע נאַציאָנאַלע פאָרמען צוליב דער אַלמענטשלעכער קולטור; די אויפגאַבע איז — דורכצוקלערן און אויסצואַרבעטן (ס'פאַרשטייט זיך אין נאַציאָנאַלע פאָרמען) די לעבנס־ און מענטש־אינהאַלטן. די אויפגאַבע איז, אַזוי צו זאָגן, צו נעמען אויף זיך די אַלמענטשלעכע אויפגאַבן, צו שאַפן אַ טיפערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַזוי ווי ווען די נאַציע וואָלט געווען אַליין די גאַנצע מענטשהייט. אָבער אין אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער יידישיסטישער וועלט איז דער נאַיווער גלויבן אין דער אַלמענטשלעכער קולטור פאַרבליבן ווי געווען. דערפון שטאַמט דאָס וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן אַן „איבערזעצונג־קולטור" אין ברייטן זין פון דעם וואָרט. אין דער גרויסער וועלט־קולטור זענען אָבער היינט זייער שטאַרק אַנטוויקלט די טענדענצן פון מענטש־אסימילאַציע, און ממילא רייסן זיי זיך אַריין און לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף דעם יידישן קולטור־לעבן אין אַלע זיינע ריכטונגען.

אָבער אויסער דער דרויסנדיקער סיבה איז דאָ די שוין דערמאָנטע אינער־לעכע סיבה, וועלכע פֿאַרלייכטערט דעם וועג פֿאַר דער מענטש־אַסימילאַציע אין יידישן פֿאָלק. דאָס איז די איבערשפּאַנונג און איבערהיצונג פֿון דער יאָגעניש נאָך דעם קיום האומה, נאָך דער דערהאַלטונג פֿון דער נאַציע אַלס אַזעלכער. העכער פֿון אַלץ שטעלט מען די אויסאַרבעטונג און פֿעסטיקונג פֿון די נאַציאָנאַלע אינסטרומענטן. אַ ריי באַוועגונגען, ווי יידישיזם, העברעיזם, אויטאָנאָמיזם, ציוניזם, זענען אין תוך געוואָרן כמעט נישט מער ווי סיסטעמען פֿון נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג (דורך שפּראַך, טעריטאָריע, מלוכה־פֿאָרמען). דערמיט ווערן אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט די אייגנטלעכע אויפֿגאַבן ביי יעדער סאָציאַלער באַוועגונג: די אינערלעכע דערהייבונג פֿון מענטש און געזעלשאַפֿט, די קאָנצענטרירונג פֿון דער יידישער קולטור (סיי אין קונסט און וויסנשאַפֿט, סיי אין רעאַלן לעבן) אויף די וויכטיקסטע פֿראַגן פֿון צווישן־מענטשלעכן (נישט נאָר צווישן־פֿעלקערדיקן) יושר און פֿרייהייט. אויפֿן שטעל פֿון די אַלט־באַקאַנטע אויפֿגאַבן פֿון בין אָדם למקום און בין אָדם לחברו, שטאַרצן אַרויס נאָר די אויפֿגאַבן בין אָדם לנאַציע. די שעפֿערישע פֿאָלקס־ענערגיע ווערט קאָנצענטרירט נאָר אויף דעם קאַמף קעגן פֿאָלקס־אַסימילאַציע; דערמיט ווערט געעפֿנט דער וועג פֿאַר דער גייסטיקער און מאָראַלישער מענטש־ירידה. אָט אַזוי ווערט אויך דער יידישיזם אַן אומדירעקטער העלפֿער פֿון דער ערגערער אַסימילאַציע.

.3

מיר ווייסן ווי דער יידישיזם זוכט צו באַוואָרענען זיינע פּאָזיציעס. ער דערקלערט מיטן מויל פֿון זיינע טעאָרעטיקער, אַז דער ערשטער און העכסטער חוב פֿון דער יידישער נאַציע איז צו דערהאַלטן זיך אַלס אַזעלכע, אַז מען טאָר נישט שטעלן איר וועלכע נישט איז אידעאָלאָגישע תנאים ביי וועלכע מען דערלויבט איר צו לעבן צי נישט. וואָלטן מיר אַריינגענומען אין דער נאַציע נאָר אַזעלכע טיילן אירע, וועלכע קעמפֿן קעגן דער „מענטש־אַסימילאַציע”, וואָלטן מיר דערמיט צעשטאָרט דעם באַשטאַנד פֿון דער נאַציע, ווייל ס'זענען גענוג פֿאַרשיידן די וועגן פֿון אַזעלכע אידעאָלאָגישע קאַמפֿן. חיים זשיטלאָווסקי האָט דעם געדאַנק שאַרף פֿאָרמולירט נישט לאַנג, זאָגנדיק: „וחי בהם! קודם־כל לעבן! דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל לעבן און דערנאָך ערשט טראַכטן מיט וועלכע אידעאַלן אָנצופֿילן דאָס לעבן. אידעאַלן קומען, אידעאַלן גייען און אַ פֿאָלק וויל לעבן אייביק. די אידעאַלן, וועלכע די מענטשהייט ברענגט אַרויס, זענען צוליב די פֿעלקער, נישט די פֿעלקער צוליב זיי... דער קיום פֿון דעם יידישן פֿאָלק און זיין פֿרייע אינעווייניקסטע אַנטוויקלונג זענען זעלבסט־צוועקן” 1). צוליב דעם דאָזיקן קיום פֿון דער נאַציע, פֿאַרלאַנגט חיים זשיט־

1) „דער טאָג”, נומער פֿון 22־טן יאַנואַר 1928.

לאָווסקי אַ קולטור אין יידישער שפּראַך און וויל נישט הערן פון קיינע אידעען און לעבנס־פּראָגראַמען, וועלכע זאָלן באַגרינדן און פאַרפעסטיקן דעם דאָזיקן קיום.

די לײדנשאַפטלעכע פּאַרטרעטער פון דעם דאָזיקן אומבאַדינגטן רעכט פון יעדן פאָלק אויף עקזיסטענץ געפינען זיך דאָ אָבער אין גאָר אַ גרויסן טעות. קיי־נער טראַכט אַפילו נישט אויפצוהייבן די הענט קעגן דעם פּיזיש־נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון דעם יידישן פאָלק. דאָס פּיזיש־נאַטירלעכע געזונט און לעבן פון אַ פאָלק (ד. ה. פון אַ קאָלעקטיווער פּערזענלעכקייט) איז פּונקט אַזוי הייליק און אומבאַרירבאַר, ווי דאָס לעבן און די פרייע אַנטוויקלונג פון אַן אינ־דיווידועלן מענטשן. און פּונקט אַזוי ווי מען מוז קעמפן קעגן דער פּיזישער סכנה פון פאַרניכטונג וואָס דראָט דעם איינצל־מענטשן אין דער היינטיקער גע־זעלשאַפט (דערפון פליסט אויך דער סאָציאַליזם), אַזוי דאַרף מען אָן שום ספק קעמפן קעגן נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע־פאַרניכטונג. אָבער דערמיט אַליין שעפּט זיך להלוטין נישט אויס דער אינהאַלט פון מענטשלעכן פּראָגרעס. דער גרויסער קאַמף, וואָס די מענטשהייט פירט אין איר אַנטוויקלונג, גייט נישט נאָר וועגן איר פּיזיש־נאַטירלעכער דערהאַלטונג, נאָר דווקא וועגן איר גייסטיקער און מאָראַלישער דערהויבונג. און דאָ איז ווידער דאָ דער פאַרגלייך מיט דעם איינצל־מענטש. „מענטש" איז נישט נאָר אַ פּיזיש־פּסיכישער פאַקט, וועלכער גזיטיקט זיך נאָר אין דער דערהאַלטונג פון זיין אייגענעם קיום אַלס זעלבסט־צוועק. „מענטש" איז אַ דינאַמישע קראַפט, וועלכע זוכט שטענדיק דעם זין פון איר עקזיסטענץ, וועלכע יאָגט זיך אומאויפהערלעך נאָך דעם דאָזיקן לעבנס־זין, וועלכע באַוואָרנט איר פּיזישן קיום נאָר צוליב דעם דאָזיקן איבערמענטשלעכן צוועק, אָדער איז אָפּטמאָל מבטל דעם דאָזיקן קיום (אפילו ביז זעלבסטמאָרד) צוליב אַ העכערער עקזיסטענץ. מענטש איז, במילא, שטענ־דיק עפּעס מער — ווי מענטש, העכער ווי מענטש.

נישט אַנדערש איז אויך דער קאָלעקטיווער מענטש — די נאַציע. אויף וויפל זי איז נישט נאָר אַ נאַטירלעכער משפחה־פאַרבאַנד, פאַרבונדן דורך אינסטינקטי־ווער בלוט־ און זיכרונות־קרובהשאַפט, אויף אַזוי פיל איז די נאַציע אַ לעבע־דיקע גייסטיקע איינהייט, אַן איינציקאַרטיקער דינאַמישער כוח, אַ כוח וואָס פירט ניט נאָר צוריק צו דער שוין אָפּגעשלאָסענער געשיכטע, נאָר פאָרויס צו נייע וועלט־געשיכטלעכע אויפגאַבן. געווים באַטייליקן זיך ניט אַלע הונדערט פּראָצענט פון דעם פאָלקס־גאַנצן אין דאָזיקן גייסטיק־מאָראַלישן לעבנס־פּלאַן, געווים איז דער דאָזיקער לעבנס־פּלאַן פאַרשיידנאַרטיק ביי איינצלנע קלאַסן אָדער ריכטונגען פון פאָלק. אָבער פאַר יעדן פון זיי איז די „נאַציע" עפּעס מער ווי נאַציע אַליין, זי איז פאַר זיי אַ פאַרקערפּערונג פון אַ גרויסן לעבנס־פּראָגראַם אריינגעשטעלט אין דער וועלט־געשיכטע (ס'איז קיין נפקא־מינה נישט, צי דאָס איז אַ שאָוויניסטיש־פּאַשיסטישע אידעע, צי אַ סאָציאַל־פּאָליטישע, צי אַ גאָט־זוכערישע). קאָן דאָס יידישע פאָלק דווקא זיין אַן אויסנאַם? ח. זשיט־לאָווסקי פרעגט איראָניש, צי איז עס אַ זינד די „סתם־וועלעניש צו אַ טריפהנעם

כתם־לעבן אויף דער וועלט, ווי אַ פֿאָלק?" הם ושלום, ווער קאָן דאָ רעדן וועגן זינד? אָבער מען מוז דאָך אונטערשיידן צווישן נ אַ ט ו ר ־ לעבן פֿון אַ פֿאָלק און דעם ק ו ל ט ו ר ־ לעבן פֿון אים. קיין רעכט אויף נאַטור־לעבן דאַרף אַ מענטש און אַ פֿאָלק ביי קיינעם נישט בעטן און נישט באַגרינדן; אָבער דאָס רעכט אויף אַ קולטור־לעבן מוז שטענדיק געשטעלט ווערן צום חשבון הנפש און דורך אים באַגרינדעט ווערן. וואָס האָבן אַנדערש געטאָן אין רוסישן פֿאָלק, למשל, דאָסטאָ־יעווסקי, טאָלסטאָי, וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו, באַקונין, גערצען און צענדליקער אַנ־דערע דענקער און דיכטער, אויב נישט געמאַכט דעם חשבון הנפש פֿון אייגענעם פֿאָלק און געזוכט ז יי ן היסטאָרישע אויפֿגאַבע? און וואָס האָבן אייגנטלעך געטאָן שטענדיק ביי יידן די נביאים, דער רמב״ם, די מקובלים, אַ מענדעלסאָן, משה העס, אויב נישט געזוכט דעם זכות הקיום פֿאַרן יידישן פֿאָלק, אויב נישט באַגרינדעט זיין „רעכט אויף לעבן"? „אַ פֿאָלק וויל לעבן אייביק" — דערקלערט זשיטלאָווסקי. געווים איז דאָס ריכטיק, אָבער אין וואָס באַשטייט די אייביקייט, למשל, פֿון יידישן פֿאָלק? איז דעם, וואָס ס'עקזיסטירט אַן אייביקע נאַציאָנאַלע פֿאָרם, אין וועלכער עס קייטלען זיך נ אַ ט ו ר ה אַ פ ט הונדערטער דורות איי־נער נאָך דעם אַנדערן? אָדער אין דעם, וואָס די דאָזיקע דורות האָבן איבערגע־געבן פֿון זיידן צום טאַטן, פֿון טאַטן צו קינדער גייסטיק־מאָראַלישע ווערטן, וועל־כע — פֿאַרשיידנאַרטיק אין זייערע אינהאַלטן — האָבן דאָך צוזאַמען געבילדעט דעם בלייבנדיקן ק ו ל ט ו ר ע ל ן מהות פֿון דער נאַציע? 1). אָן ספק איז די יידישע נאַציע געווען און זי איז דאָ און זי וועט זיין אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זי שטרעבט צו זיין נישט נאָר אַ מחנה יידן, נאָר אַ יידישע מ ח נ ה מיט קאָנקרעטע לעבנס־פּראָגראַמען און אידעאַלן.

דער יידישיזם האַלט, אַז די אויפֿגאַבע פֿון פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם באַ־שטייט אין שאַפֿן פֿאַרן פֿאָלק באַדינגונגען (ראשית כל, דורך דער יידישער שפּראַך) פֿון זיין לעבן בכלל. מיר האַלטן, אַז דער נאַציאָנאַליזם פֿאַרלאַנגט פֿון דעם פֿאָלק (ד. ה. פֿון זיינע לעבעדיקע, האַרעפֿאַשנע שיכטן) שאַפֿן זיך קלאָרע היסטאָרישע וועגן פֿאַר דער צוקונפֿט, אָנצייכענען זיין אָרט אין דער מענטשהייט און אין דער געשיכטע, אַריינלייגן אַ לעבנס־זין אין די באַדינגונגען פֿון זיין נאַטורהאַפֿט־נאַ־ציאָנאַלן קיום.

אייגנטלעך קאָן מען זאָגן, אַז דער יידישיזם באַנוגט זיך נישט מיט דער פֿאָ־דערונג פֿון אַ ריין־פֿאָרמעלער שפּראַך־ראָם, וועלכע זאָל פֿאַרבינדן דאָס פֿאָלק. ער רעדט אויך וועגן אַ ק ו ל ט ו ר אין דער יידישער שפּראַך, ד. ה. וועגן אַ סיסטעם פֿון אידעען, וואָס זאָל אינערלעך צענויפֿבינדן אין איינס די מיטגלידער פֿון פֿאָלק. אָבער דער דאָזיקער קולטור־רעמל איז זייער ווייט פֿון יענע לעבנס־

1) אויך דאָ בלייבט דער פֿאַרגלייך מיט דעם איינצל־מענטשן. זיין לעבנס־גאַנצקייט באַשטייט נישט אין דעם, וואָס זיין אָרגאַניזם איז אַ פ י ז י ש־פּסיכישע איינהייט זיין לעבן־לאַנג, (ווייל פֿיזיש ענדערט ער זיך יעדע רגע!), נאָר אין דעם, וואָס ער איז אַ ג ײ ס ט י ק ע איינהייט אין זיין גאַנצער לעבנס־ליניע.

פראָגראַמען, וועלכע קענען בילדן דעם דינאַמישן כוח פון אַ לעבעדיקער נאַציע. ראשית כל, איז ביי יידישיסטן דער באַגריף „קולטור" זייער ענג, אַ ריין־קולטוריסטישער באַגריף. ער נעמט אַרום שטענדיק נאָר קונסט, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פרעסע, שול־באַוועגונג, איבערהויפּט עכט־גייסטיקע פּראָדוקטן. אין די דאָזיקע גייסטיקע טעטיקייטן איז די יידישע שפּראַך טאַקע אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם שאַפן גופא. שפּראַך און „קולטור" גיסן זיך דאָ כמעט צונויף. אָבער די קולטור אין ברייטן זין פון דעם באַגריף נעמט אַריין אומצייליקע אַנדערע מענטשלעכע אַרבעט־געביטן און נשמה־ריכטונגען. קולטור נעמט אַריין אין זיך די ווירטשאַפט און דאָס ברייטע געביט פון באַלעבאַטעווען, די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, דאָס משפחה־לעבן, די מענטשלעכע באַציִונגען אַלס שותפים און אַלס קעגנער, אַפילו די איינזאַמקייט פון מענטשן. צו דער קולטור פון מענטשן געהערט נישט נאָר זיין רעדן און פּאָזיטיוו אַנטפּלעקן זיך, ווו די שפּראַך שפּילט אַ ראָלע, נאָר אויך זיין שווייגן, זיין טראַכטעניש, זיין שטומע באַציִונג צו מענטשן, ווו די שפּראַך איז שוין נישטאָ (שטומע קולטור!). דאָס שאַפן פון מענטשן איז ברייטער ווי די קולטור, וואָס דריקט זיך אויס אין דער שפּראַך. און ווען מיר טראַכטן וועגן דער אינערלעכער קאָנצענטראַציע פון פאָלק דורך קולטור, איז עס פאַר אונז אַ טיפערע אויפגאַבע איידער זיין קולטוריסטישע קאָנצענטראַציע. מיר האָבן אין זינען, אַז די לעבעדיקע טיילן פון פאָלק זאָלן אינערלעך אַרומגעכאַפּט ווערן דורך אַזאַ לעבנס־אידעאַל, וואָס זאָל צונויפבינדן און אָנצינדן מיט אַ נייעם פייער אַלע עיקרדיקע גרונדלאַגן פון זייער לעבן: זייער עקאָנאָמישע האָרעוואַניע, זייערע קהלשע באַשעפטיקונגען, זייערע פּריוואַטע לעבנס־פאָרמען, זייערע רעליגיעזע, סאָציאַלע, מאָראַלישע טראַכטענישן. די אַלע לעבנס־געביטן זענען אָן אַ שיעור ברייטער און טיפער ווי קונסט און וויסנשאַפט אַליין (ווייל זיי שפּייזן אייגנטלעך יענע גייסטיקע קולטור), און זיי זענען אין אַ געוויסער מאָס אויך אומאָפּהענגיק פון דער שפּראַך. אודאי און אודאי וואָלט גוט געווען, אַז די לעבנס־אידעאַלן פון פאָלק זאָלן דורכגעפלאָכטן ווערן ביי אים מיט זיין יידישער שפּראַך. אָבער מיר וועלן זיך דערלויבן אַ שטיק „עבודה זרה" — יידישע קולטור איז נישט נאָר דאָרטן אַליין ווו יידישע שפּראַך.

אָט איז, למשל, דאָ אַזאַ שכנישער געביט ווי די קולטור אין דער העברעישער שפּראַך. ווערט די דאָזיקע קולטור — אויף וויפל זי איז נאָר אַ ריין־קולטוריסטישע — אַריינגענומען אין דער יידישיסטישער קולטור? ס'איז מערקווירדיק די באַציִונג צו דער העברעישער שאַפונג פון יידישן פאָלק. יעדעס בוך און יעדעס ווערק, וואָס ווערט ערגעץ ווו געשריבן אַפילו פון אַסימילירטע יידן אין וועלכער נישט איז אייראָפּעישער שפּראַך (זיגמונד פרויד, אָדער אַנרי בערגסאָן, אָדער וואַסערמאַן), ווערט מיט דער גרעסטער פרייד און אַכטונג אַריינגעטראָגן אין יידיש. אָבער עס ווערט כמעט נישט דערמאָנט אין דער יידישער אַקטיווער ליטעראַטור די שעפערישע אַרבעט אויף די געביטן פון קונסט און וויסנשאַפט, וועלכע ווערט געמאַכט אין העברעיש. און אַ שעפערישע אַרבעט גייט

אָן דאָרטן, ביי דער דאָזיקער „העברעיִשער נאַציע", אָפּטמאָל נישט קיין קלענערע ווי אין דער יידישער 1). איך רעכן, אַז דעם גרעסטן שאָדן טראָגט דערביי די יידישיסטישע קולטור־אַרבעט.

אָבער לאָמיר מאַכן אַ טריט ווייטער. יידישע קולטור אין פולן זין פון וואָרט איז פאַראַן, אָפּטמאָל אין אַ פול־בלוטיקן צושטאַנד, אין צענדליקער געביטן פון יידישן אַלוועלטלעכן לעבן, וווּ זי קריגט נישט דעם אויסדרוק אין דער יידישער שפּראַך. איך מיין דאָ נישט נאָר די סאָציאַליסטישע אַרבעט אין פּאַלעסטינע, וועלכע ווערט געמאַכט אין העברעיִשער שפּראַך, איך מיין אויך די גרויסע יידי־שע מאַסן, וואָס רעדן שוין אין אַ פ ר ע מ ד ע ר שפּראַך, אין ענגליש, למשל, אין אַמעריקע. איז אונזער אויפגאַבע מער נישט ווי צו באַמיען זיך צוריקצוקערן זיי צו יידיש אָדער אָפּהאַלטן זיי פון פאַרזונקען ווערן אין ענגליש? אָדער אפשר איז אונזער אויפגאַבע אויך די ענגליש־רעדנדיקע יידישע מאַסן צו פאַרבינדן — דורך אַ גרויסן לעבנס־פּראָגראַם — מיט די יידיש־רעדנדיקע אין איין יידישן אַר־בעט־פאָלק? וועט דער יידישיזם ביי אַזעלכע באַדינגונגען סטאַרען זיך קאָנצענט־רירן די מאַסן נאָר אַרום יידיש, דעמאָלט שפּאַלט ער דעם לעבעדיקן לייב פון פאָלק, פון סאָציאַל און גייסטיק נאָענטע שיכטן, דעמאָלט פאַרלירט ער אַ סך דעמאָלט באַקעמפט ער אפשר די שפּראַך־אַסימילאַציע, אָבער ער פאַרזעט און פאַרגרעסערט דערמיט די מענטש־אַסימילאַציע. וועט אָבער דער יידישער נאַציאָ־נאַליזם קענען רעדן צו זיינע מאַסן אויף אַלע זייערע לשונות און וועט ער קענען זיי פאַרבינדן — דורך די אַלע לשונות — צו אַן איינהייטלעכן דערהויבענעם לעבנס־פּראָגראַם, דעמאָלט וועט ער נישט שפּאַלטן נאָר טאַקע רעגענערירן זיין נאַציע. די היסטאָרישע מיסיע פון אַ יידישן נאַציאָנאַליזם וואָלט געווען צו שטרעבן מער צו אַזאַ אינערלעכער פ אַ ר ב י נ ד ו נ ג אין שאַפנדיקן לעבן, איידער צו אַ דרויסנדיקער שיידונג צוליב דער שפּראַך. דאָס וואָלט געווען אַ גלייכצייטיקער קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער און מענטש־אַסימילאַציע.

בעת דער יידישיזם שטעלט אָבער אַרויס די שפּראַך אַלס די איינציקע פאַר־בינדונג־פאַן, פאַרבינדט ער שוין צ ו פ י ל מיטאַמאָל. אונטער דער פאָן קענען זיך צונויפקלייבן אַלע, וואָס האָבן דעם לשון אין מויל, אָן אונטערשייד פון קלאַסן, אידעען און ריכטונגען. פאַר פאַנאַטישע אָנהענגער פון אַ נאַציע אַלס זעלבסט־צוועק איז דער דאָזיקער „פאַראייניקנדיקער" מאָמענט אַ דערהויבענע דערשיי־נונג. פאַר דעם ראַדיקאַלן געדאַנק אָבער, וועלכער קעמפט פאַרן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, איז דער דאָזיקער מאָמענט אַ שטער און אַ הינדערניש. רעדן יידיש קאָן טאַקע יעדער גליד פון פאָלק, סיי דער האָרעפּאַשניק, סיי דער גביר, סיי

1) אַט איז אַ פאַרצייכעניש פון אָריגינעלע ביכער, וואָס זענען דערשינען אין העברעיש אין יאָר 1928 (אַחוץ אומצייליקע איבערזעצונגען): לירישע ווערק — 13, דראַמאַטישע — 7, בעלעטריס־טיק — 17, (נישט רעכענענדיק קליינע ווערק). טעאָרעטישע און קריטישע — 10, געשיכטלעכע און ביאָגראַפישע — 22, פעדאַגאָגישע — 3, אַלגעמיינע וויסנשאַפט און סאָציאָלאָגיע — 23, ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע זאַמלביכער — 5 (זע „דבר", נומער 1014 פון 1929). ניינציק פּראָצענט פון אַלע העברעיִשע ווערק זענען דערשינען אין פּאַלעסטינע.

דער פּרומער, סיי דער יעווסעק. אָבער דער גביר ווערט נישט נאָענט דעם האָרעפּאַשניק דערמיט, וואָס ער רופט אים אָן דער פּעבל, דער גאַסן־מענטש (אָנשטאָט „דער המון”). און דער יעווסעק ווערט נישט נענטער דעם יידישן פאָלקס־מענטש דערמיט, וואָס ער שרייבט מיט יידישע אותיות די ווערטער טשעקאַ אויף די „יידישע אויטאָנאָמע” געביידעס. מען קאָן נישט און מען טאָר נישט אָפּשאַפן די קלאַסן און די אידעאָלאָגישע שפּאַלטונג אין דער יידישער נאַציע, אפילו ווען דער גביר און דער טשעקיסט רעדן איין לשון מיט די האָרעפּאַשניקעס. מיר האָבן נישט און ווילן נישט האָבן אַ „פולע” נאַציע, ד. ה. אין אַלע אירע „נאַטירלעכע” באַשטאַנדטיילן, פּונקט אַזוי ווי מיר ווילן נישט האָבן קיין פולע מענטשהייט, מיט אירע עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע. דער יידישיזם טראָגט אין זיך די נטיה אַרומצונעמען זיך מיט יעדן, וואָס רעדט די זעלביקע שפּראַך, בעת די היינטיקע וועלט זוכט אַן אַנדער „שפּראַך” צווישן מענטשן און פעלקער. ווען דער יידישיזם איז געבאָרן געוואָרן האָט ער אין זיך געטראָגן די פאַרבונדנקייט מיט די רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון פאָלק.

דער יידישיזם קאָן נישט פאַרבייטן די וועלט־אָנשויונג, אין וועלכער עס נויטיקט זיך דאָס יידישע אַרבעט־פאָלק. ער איז געקומען אַמאָל מיט אַ גרויסער אידעע (און אין פאַרבינדונג מיט אַ גרויסער מאָראַלישער אידעע), און ער איז היינט נישט מער ווי אַ באַוועגונג. און דאָס איז ווייניק פאַר אַ פאָלק, וואָס איז געוווינט געוואָרן צו לעבנס־ און וועלט־פּראָגראַמען אין זיינע טויזנט־יאָריקע וואַנדערונגען.

## 4. ציוניזם

אין דער יידישער ראַדיקאַלער געזעלשאַפטלעכקייט איז דאָ נאָך אַ באַוועגונג, וועלכע איז לויט איר פאַרנעם און איר שטענדיקן איינפלוס אויף די פאָלקס־מאַסן אַ סך מעכטיקער, ווי די שפּראַך־באַוועגונג. דאָס איז די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע קאָנצענטרירט אירע כוחות אין דער אויפגאַבע פון שאַפן אַ טעריטאָריעלע און מלוכהשע גאַנצקייט פון פאָלק אין פּאַלעסטינע 1). די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס שטייט אין אַ גרויסער מאָס פעסט אויפן יידישן באָדן, באַגעגנט אַ געוואַלטיקע ליידנשאַפטלעכע קעגנערשאַפט צו זיך: אַמשאַרפסטן גייט די קריטיק קעגן אָט דער באַוועגונג פון די רייען פון יידישע סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטן־יידן, וועלכע שטייען אין לאַגער פון רעפאָרמיזם. מיר האָבן אויך אונזער קריטישע שטעלונג צו סאָצ. ציוניזם, אָבער מיר האַלטן, אַז די קריטיק פון די רעפאָרמיסטן האָט אונטער זיך גאָר אַ שוואַכן

---

1) אויף די פאַרשיידענע יידישע אויטאָנאָמיסטישע ריכטונגען, וועלכע זוכן דעם זעלביקן צוועק צו דערגרייכן אין די אַנדערע לענדער, קענען מיר זיך דאָ נישט אָפּשטעלן, ס'איז אָבער קלאָר, אַז אין זייער תוך זענען זיי אויך ריין־פאָרמעלע באַוועגונגען, וועלכע דאַגהן וועגן שאַפן לעבנס־באַדינגונגען פאַר דער נאַציע, און טראַכטן נישט וועגן לעבנס־אינהאַלט פאַר איר.

באַדן. זייער קריטיק איז אַ טאָפּלטע: זיי באַשולדיקן דעם סאָצ. ציוניזם אין אימפּעריאַליסטישע טענדענצן און זיי וואַרפן אים אויף זיין אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער.

דער סאָצ. ציוניזם, זאָגן זיי ראשית, איז פּאָליטיש פאַרבונדן מיט דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט, ער זוכט צו פאַרווירקלעכן זיינע צילן אויפן לייב פון קאָלאָניאַלן אַראַבישן פאָלק, ער פירט אַזוי אַרום אַן אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. די קריטיקער דערמאָנען, למשל, די פאַראַיאָריקע קאָנפערענץ פון די אַרבעטער־פּאַרטייען פון דער ענגלישער אימפּעריע, אויף וועלכער די סאָצ. ציוניסטן זענען אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון פּאַלעסטינע און האָבן אונטערשטיצט די ענגלישע מאַנדאַטאָר־מאַכט. געוויס, דאָס איז דער פּונקט, וווּ עס מוז אַריינטרעטן די שאַרפער קריטיק פון אַ סאָציאַליסט; אָבער נישט דער רעפאָרמיסט האָט דאָס רעכט אויף אַזאַ קריטיק. יידישע רעפאָרמיסטן זיצן מיט גרויס נחת אין דער געמיינזאַמער חבורה מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וווּ די קאָלאָניאַל־אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון די גרויסע מלוכות ווערט אונטערשטיצט. דער רעפאָרמיסט באַמערקט אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער־פּאַרטייען די דעלעגאַטן פון פּאַלעסטינע, אָבער ער פאַרזעט סיי דעם פאָרזיצער אירן, מאַקדאָנאַלן, סיי די ענגלישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע לאָזט נישט אָפּ פון זיך נישט עגיפּטן, נישט אינדיע, נישט אַראַביע. דער רעפאָרמיסט פאַרזעט די רעזאָלוציעס פון לעצטן בריסעלער קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן מען האָט איינגעטיילט די פאַרביקע פעלקער אין רייפע, האַלב־רייפע און נישט־רייפע, וווּ מען האָט געזוכט נישט צו פאַרלעצן די קאָלאָניאַל־אינטערעסן פון אַ פראַנקרייך (אין מאַראָקאָ, סיריע), פון אַ בעלגיע (אין קאָנגאָ!), פון אַ האָלאַנד (אין יאַוואַ!) פון אַן ענגלאַנד (מלא כל הארץ כבודו!). מעגלעך, אַז דער רעפאָרמיסט וועט זאָגן, אַז די דאָזיקע קאָלאָניאַלע שקלאַפן־פּאָליטיק איז טאַקע שלעכט, נאָר, אַז דער יידישער סאָציאַליסט מוז, ראשית כל, באַקעמפן אַזעלכע טענדענצן ביי זיך אין פאָלק. אָבער אַן עכטער סאָציאַליסט מוז צו גלייכער צייט באַקעמפן דאָס קאַפּיטאַליסטישע בייז סיי ביי זיך סיי ביי אַנדערע, אויב נישט פאַרלירט זיין „שטוביקע” קריטיק יעדן פּרינציפּיעלן כאַראַקטער און זי קאָן דערקלערט ווערן גיכער דורך שטוביק־נאַציאָנאַלע סיבות.

אויב נישט אויף דעם וועג, קריטיקירט דער רעפאָרמיסט דעם סאָציאַל. ציוניזם פון אַן אַנדער זייט: ער רעגט זיך אויף קעגן דעם אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער פון זיין אַרבעט, קעגן די אילוזיעס מיט וועלכע ער פאַרבלענדט די אויגן פון יידישע מאַסן. דער ציוניזם — זאָגט די קריטיק — פירט אַוועק די מאַסן פון זייער נאַטירלעכן קאַמף־פּלאַץ וווּ זיי לעבן און האָרעווען, און פאַרפירט זיי דערמיט אין אַ קינסטלעכע אוטאָפּיסטישע לאַגע. — ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן רעפאָרמיזם די דאָזיקע מורא און נישט־פאַרשטענדעניש פון אַן אוטאָפּיע. ער איז איבערצייגט, אַז זיין סאָציאַליסטישע אַרבעט שטייט אויפן פעסטן באָדן פון „וויסנשאַפטלעכקייט” און רעאַליטעט. ער ווייסט נישט, אַז פון אַלע אַרטן נבואות־

זאַגעריי האָט זיך די ווינסשאַפטלעכע אַרויסגעשטעלט ווי די סאַמע פאַלשע און אומבאַהאָלפענע. האָט די דאָזיקע נישט־אוטאָפּישע ווינסשאַפט אָפּגעווענדט אָדער אפילו פאָרויסגעזען דעם וועלט־קריג, די רוסישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די מפּלה פון דער דייטשער רעוואָלוציע? מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָן היינט די דאָזיקע הונדערט מאָל געשטרויכלטע „ווינסשאַפט" אויפטרעטן קעגן אוטאָפּיעס? נישט נאָר סאָצ. ציוניזם איז אוטאָפּיע, נאָר סאָציאַליזם בכלל (אויב מען פאַסט אים אויף ערנסט) איז אויך אוטאָפּיע. דאָס הייסט, אַז אויך ער קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך דער איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג פון כוחות, וועלכע איז געווענדעט צו אומזיכטבאַרע, היינט נישט־רעאַליסטישע צילן, ד. ה. אַז אויך דער סאָציאַליזם ברעכט זיך דורך דעם וועג נישט נאָר דורך וויסן און דערקענען, נאָר אפשר הויפּטזעכלעך דורך ג ל ו י ב ן און ו ו י ל ן.

די סאָציאַלע רעגענעראַציע פון יידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע איז אַן אוטאָפּיע? געוויס, אָן צווייפל. אָבער זיין רעגענעראַציע אין פּוילן, רומעניע, אַמעריקע און אַפילו ראַטן־רוסלאַנד איז נישט קיין אוטאָפּיע? דער בונדיסט וואָס לייגט אַוועק אין פּוילן זיינע כוחות אויף אויסקעמפן אַ ברעקל „רעכט אויף אַרבעט" פאַר יידישע האָרעפּאַשניקעס, טוט ער אַ ווייניקער אוטאָפּישע אַרבעט ווי דער חלוץ, וואָס גייט דורך בערג און טאָלן, כדי צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אַרבעט־מענטש? דער יידישער אַרבעטער אין פּוילן וואָס קעמפט אין די שווערסטע באַדינגונגען פאַר זיין סאָציאַלער און גייסטיקער באַפרייונג, וואָס ווייסט נישט אין וועלכער אינער־פּאָליטישער און אויסן־פּאָליטישער לאַגע ער קאָן יעדן טאָג אַריינפאַלן, — געפינט ער זיך אין אַ קלאָרערער לאַגע איידער דער סאָצ. ציוניסט, וועלכער פּרוווט בויען אויף דעם זייער קאָמפּליצירטן, זייער וווּלקאַנישן באָדן פון פּאַלעסטינע? אָדער געפינט זיך היינט אין אַ קלאָרערער און „נאַטירלעכער" לאַגע דער יידישער האָרעפּאַשניק אין רוסלאַנד, וועלכער גייט אַרויס בויען קאָלאָניעס אויף דער ערד אינמיטן פון אַ טעראָריסטישן און געפערלעכן סדר? ביי דער היינטיקער וועלט־לאַגע ווייסט מען טאַקע נישט ווו איז דער „נאַטירלעכער" קאַמף־פּלאַץ פון יידישן האָרעפּאַשניק און ווו איז ער אַ קינסטלעך־אוטאָפּישער. וויכטיק איז אָבער אין דער היינטיקער צייט, אַז די אַלע אוטאָפּישע כוחות־אָנשפּאַנונגען פון יידישע אַרבעט־מענטשן — סיי אין פּוילן, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּאַלעסטינע — גיסן זיך צונויף אין איין גרויסן און היסטאָריש־באַדייטנדיקן שטראָם פון פּ ר אָ ד ו ק ט י וו י ז אַ צ י ע פון פאָלק. יעדער צד מעג האַלטן די טעטיקייט פון אַנדערן פאַר אוטאָפּיסטיש, אָבער די לעצטע און ריכטיקע אָפּשאַצונג ליגט לחלוטין נישט ביי דעם אָדער יענעם צד. אין דעם זין איז די אוטאָפּישקייט פון סאָציאַליסטישן ציוניזם נישט זיין חסרון.

אַזאַ באַוועגונג איז דעם יידישן ראַדיקאַלן סאָציאַליסטישן געדאַנק נאָענט, ווייל זי טראָגט אין זיך נישט נאָר ריין־פאָרמעלע עלעמענטן פון קיום הלאום, נאָר אויך שטאַרקע עלעמענטן פון אַ נייעם ל ע ב נ ס ־ א י נ ה אַ ל ט. דער סאָצ. ציוניזם איז אין פּרינציפּ אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. ער טרעט אויף, ראשית

כלל, מיט דער העזה קעגן דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט פון יידישן פאָלק, קעגן דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאַגע אין וועלכער עס האָט אים אַריינגעשמידט די וועלט־געשיכטע. ער איז נישט נאָר טיף אומצופרידן און רעבעלירט קעגן זיין עקאָנאָמישער לעבנס־אַרט און לעבנס־שקלאַפעריי, נאָר ער פאַרמעסט זיך די דאָזיקע לעבנס־אַרט פון גרונד אויס צו איבעראַנדערשן און אַריבערצוטראָגן זי אין אַן אַנדער וועלט־טייל. די דאָזיקע מרידה גייט אין גרונד קעגן אַלע פשוטע עקאָנאָמישע געזעצן, ווייל זי פּרוּווט זיך צו שאַפן אָרגאַניש נייעס נישט פון דעם אַלטן מאַטעריאַל, נאָר פון אַ נייעם ספּעציעל געשאַפענעם מאַטעריאַל. — דער סאָצ. ציוניזם איז, ווייטער, נישט נאָר אַ טרעגער פון דעם פּראָדוקטיוויזאַציע־געדאַנק בכלל, נאָר ער פירט אַקטיווע טיילן פון פאָלק צו ערד־אַרבעט. וואָס פאַר אַ ראָלע די אינדוסטריע זאָל אַמאָל נישט שפּילן אין פּאַלעסטינע, אָבער דער הויפּט־אויפבוי גייט אויף דער ערד, אין דער לאַנדווירטשאַפט. באַדייטנדיקע שיכטן פון יידישער (אָפּטמאָל באַלעבאַטישער) יוגנט ווערן אַרויסגעריסן פון דער סביבה, אין וועלכער עס וואַרט אויף זיי טרוקענע אינטעליגענטעריי, מאַטעריעלע און גייסטיקע פּעדלעריי אָדער אפילו אַ מלאכה, — און זיי ווערן דערנענטערט צו דער נאַטור, צום פּויערטום, צו אַן עכטערן לעבנס־אַרט. ווער קען היינט אָפּשאַצן די באַדייטונג פון אַזאַ פאָלקס־טייל פאַר דער סאָציאַלער אויפלעבונג פון פאָלק? —

דער חלוץ צייכנט זיך אָבער אויס מיט אַן אייגנשאַפט, וועלכע איז זייער טייער דער סאָציאַליסטישער אידעע: נישט נאָר ער פּרעדיקט אַרבעט, נאָר ער פאַרווירקלעכט זי אַליין אין זיין פּערזענלעכן לעבן. דאָס פאַנאַנדערפאַלן צווישן לערע און לעבן, צווישן סאָציאַליסטישן מוסר־זאָגן און סאָציאַליסטישן אַרט לעבן איז געוואָרן היינט די גרעסטע אינערלעכע קראַנקהייט פון דער גאַנצער באַוועגונג. און טאַקע דערפאַר איז דער סאָציאַליזם אַלס גאַנצער בלויז פאַרינטערעסירט אין יעדן ווינקל פון דער גרויסער וועלט ווו עס ווערט אָנגעפירט אַ פּרוּוו פון ממשותדיקער סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג. נאָר דערפון נעמט זיך דער געוואַלטיקער היסטאָרישער זין פון דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. געוויס, דער פאַרנעם פון סאָציאַליסטישער אַרבעט אין פּאַלעסטינע איז — געמאָסטן לויט די וועלט־מאַסשטאַבן — קליין, אָבער פאַר דער סאָציאַליסטישער אידעע וואָס דורשט און גייט אויס נאָך אַ ברעקל ערלעכע פאַרווירקלעכונג, איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן „גרויסע” און „קליינע” פּרוּוון. דער חלוץ פאַרבינדט זיין אידעע מיט זיין פּערזענלעכן דינסט צו דער דאָזיקער אידעע, ער טרעט אויף ווי דער ערלעכער פאַרטרעטער פון „עבודה עצמית”, וועלכע איז שוין פאַרבונדן אויך מיט דער שותפותדיקער, קאָלעקטיווער אַרבעט. די קבוצות, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין פּאַלעסטינע פאַר די לעצטע 20 יאָר, זענען אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם אַלגעמיינעם און יידישן סאָציאַליזם, וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוון עס זאָלן נישט זיין פאַר זיי.

אין אַ קורצער בראָשור פון יוסף ברץ וועגן דער קבוצה „דגניה" 1) לייענען מיר מיט באַוווּנדערונג, ווי עס האָט זיך געשאַפן די ערשטע קבוצה, וויפל ענטוזיאַזם, מסירת נפש און אינסטינקטיוון קאָלעקטיוויסטישן טאַלענט די בויער האָבן אַריינגעלייגט אין זייער שאַפונג, וואָס שטייט פעסט אויף די פיס. אין יאָר 1911 האָבן צוועלף מענטשן, דערונטער צוויי פרויען, געגרינדעט די קבוצה דגניה. די נאָענטע צוקונפט איז געווען פאַר זיי אומגעוויס. מיט זיך האָבן זיי מיטגעבראַכט די פרינציפן פון גערולד, גלייכקייט, פרייהייט און קעגנזייטיקער הילף...

די קאָמונע איז נישט געווען פאַר זיי אַ טעאָריע: מען האָט זי נישט אויסגעלייענט פון ביכער און נישט אַראָפּגעבראַכט פון אַנדערע לענדער. זי איז אַן אָריגינעלע שאַפונג פון ארץ־ישראל גופא; אירע וואָרצלען זענען יענער נאַציאָנאַלער און מאָראַלישער געדאַנק, וועלכער האָט בכלל געבראַכט די חלוצים־באַוועגונג אַהין. מיר האָבן זיך געזאָגט: „לאָמיר בויען איינצלנע צעלן פון אַ גערעכטער געזעלשאַפט און זיי וועלן שוין דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע"... „די דאָרטיקע קראַנקהייטן, מאַלאַריע און קדחת, האָבן געפייניקט די חברים: איינער איז דערפון געשטאָרבן. אַראַבישע גזלנים האָבן געלויערט פון אַרום. די צוויי וועכטער פון דער קבוצה האָבן נישט גענוגט. איז מען נאָך דער שווערער טאָג־אַרבעט און דעם מאָגערן עסן כסדר געגאַנגען שטיין די נעכט אויף דער וואַך. צוויי חברים זענען טאַקע געהרגעט געוואָרן פון אַראַבער. געלעבט האָט מען די ערשטע צייט אין נישטיקע האָלץ־ביידלעך. און אין איין נאַכט האָט אַ שטורעם־ווינט אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן גאַנצע טיילן פון די ביידלעך, און מיר שטייען כמעט נאַקעטע אויף דער גאַס".

מען האָט אָבער ווייטער געבויט. מען האָט געוואָלט שאַפן אַ נייעם טיפּ פון לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, נישט ענלעך צו די אָפּגעשטאַנענע דרכים פון די פריערדיקע באַלעבאַטיש־ציוניסטישע קאָלאָניעס. „אָבער ס'זענען נישט געווען קיין ראַטגעבער און מיר האָבן געמוזט אַליין דורכמאַכן אַלע פּרוּוון. מיר האָבן געטאַפּט אין דער פינצטער, געטאָן אַ סך פעלערן", געזייט און געפלאַנצט און געמוזט אַרויסרייסן צוריק. „אָבער צוזאַמען מיט די ביימער זענען מיר אויך געוואַקסן" און האָבן זיך געלערנט: פלאַנצן ביימער, באַאַרבעטן גרינסן, איינפירן מילך־ווירטשאַפט. „כמעט אַלע אונזערע קי זענען געשטאָרבן ביי אַן עפּידעמיע. נאָר מיט דעם גרויסן גלויבן, איבערגעגעבנקייט און שטאַרקייט האָבן מיר געקאָנט באַזיגן די אַלע שטערונגען און דערפירן די מילך־ווירטשאַפט צו איר איצטיקן צושטאַנד". און וויפל עס איז געווען עקאָנאָמישע פראַגן, אַזוי פיל זענען אַנטשטאַנען פראַגן פון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן. אַלע זענען געווען גלייך אין דער קבוצה, אָבער ניט גלייך איז געווען פון אָנהויב די עקאָנאָמישע פונקציע פון דער פרוי. און די ח ב ר ה האָט געזאָגט: „מיר אַלע זענען געקומען אין ארץ ישראל כדי איבערצואַנדערשן אין יסוד אונדזער לעבן, מיר האָבן גערעכנט, אַז אויך די

1) י. ברץ, „דגניה", תל־אביב, 1929.

פרוי ווער דאַ געפינען איר דערלייזונג. זאָל דאָס זיין אַנדערש? מען האָט שפּע־טער דורכגעפירט די פולע גלייכבארעכטיקונג פון דער פרוי. — מען האָט זיך געמאַטערט איבער דער פראַגע פון די ציטווייליקע אַרבעטער, וועל־כע מען האָט געמוזט דינגען אין די גרויסע אַרבעטס־טעג. מיר האָבן געזען פאַר זיך דעם אונטערשייד פון די פעסטע אַרבעטנדיקע און גדונגענע אַרבעטער". שפּעטער האָט מען די פראַגע געלייזט דורך דער פאַרברייטערונג פון דער ווירט־שאַפט. מיט דעם געבורט פון דעם ערשטן קינד איז אויפגעשווומען די דערציונג־פראַגע און די שוועריקייטן פאַר דער מוטער. מען האָט זיי געלייזט אויפבויענדיק אַ קינדער־הויז, וואָס איז אַרומגענומען געוואָרן מיט דער קאָלעקטיווער ליבע פון דער קבוצה־משפּחה. — צוועלף מענטשן פּיאָנערן האָבן מיט 18 יאָר צוריק אָנגעהויבן די אַרבעט אויף אַ שטח, אויף וועלכן עס לעבן היינט צוויי הונדערט מענטשן. אין דער קבוצה דגניה אַליין פירן אַ קאָמונע־לעבן פופציק חברים.

מיר פרעגן נאָר איין פראַגע: וועלכער יידישער סאָציאַליסט האָט דעם מוט און דאָס רעכט, צוליב דער אָדער יענער טעאָריע, אָפּצוווענדן זיינע אויגן פון דער דאָזיקער שטילער אַרבעט, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט דעם הערויזם פון אַ סאָ־ציאַליסטישן גייסט? ווער קאָן פאַרגעסן, אַז דאָס דאָזיקע בילד פון דגניה איז נישט דאָס איינציקע, נאָר ווידערהאָלט זיך יאָרנלאַנג אין צענדליקער ערטער און ביי טויזנטער מענטשן?

די סאָציאַליסטישע חלומות, וואָס וועבן זיך אין פּאַלעסטינע, האָבן דאָרטן נאָך אַ באַזונדערן גרונט, און דאָס איז דער היסטאָרישער באָדן אויף וועלכן זיי ווערן געוועבט. פּאַלעסטינע איז פאַר דעם מאָדערנעם יידן אַ דערינע־רונג־אָרט סיי פאַר דער פאַרשווונדענער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט סיי פאַר די טיפסטע גייסטיקע קאַמפן און מוטיקע סאָציאַלע אידעאַלן. געוויס שעפּט דער מאָדערנער סאָציאַליסט זיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייונג־אידעען הויפּטזעכלעך פון דער היינטיקער וועלט־אַנטוויקלונג און קולטור. אָבער דער סאָציאַליסטישער תוך פון היינטיקן מענטשן איז מסוגל צו ווערן פעסטער און אָרגאַנישער דעמאָלט ווען ער ענגט נישט אָפּ נאָר פון די אומשטענדן פון זיין פערזענלעכן קלאַסן־לעבן, נאָר איז אויך פאַרקניפּט מיט אַ אַ היסטאָריש־לאַנגער פרייהייטלעכער פאַרגאַנגענהייט. דער יידישער סאָציאַליסט האָט אַזאַ פאַרגאַנגענהייט, ער קאָן שפּייזן זיין קאַמף־גייסט און זיין רעוואָ־לוציאָנערן בטחון מיט די טראַדיציעס פון גרויסע אידעען און העלדישע קאַמפן אין יידישן פאָלק. אָט די טראַדיציעס שפּילן אַ געוואַלטיקע (כאָטש אָפט אומבאַ־וווסטע) ראָלע אין דעם גייסטיקן צוזאַמענשטעל פון יידישן סאָציאַליסט אין דער גאַנצער וועלט און אין אַלע פּאַרטייען; די היסטאָרישע טראַדיציעס גיסן זיך אומעטום צונויף מיט די רעוואָלוציאָנערע אימפּולסן, וואָס פליסן פון די היינ־טיקע לעבנס־באַדינגונגען פון יידישן אַרבעט־מענטש. אָבער די פאַרבינדונג פון דיביידע אַרטן מאָטיוון און אימפּולסן — היסטאָרישע און מאָדערנע — קאָן אין אַ גאָר טיפער פאָרם געשען אין פּאַלעסטינע, ווייל דאָ ווירקן נישט נאָר זכרונות,

דאָ ווירקט די פּאַראייביקטע פאַרגאַנגענהייט גופא, וועלכע טרעט אויף מיט אַ כמעט קערפּערלעכער לעבעדיקייט פאַר דעם היינטיקן מענטשן. ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט דער טיף פון הלוץ וואָס קומט פון ראטן־רוסלאַנד: ער פאַרבינדט אין זיך אין אַ גרויסער מאָס איינפלוסן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט די אימפּולסן פון פּאַלעסטינע. די וועלט־היסטאָרישע העזה און דער שעפּערישער גייסט פון דער רוסישער רעוואָלוציע פאַרבינדן זיך דאָ צו אַן איינהייט מיט די העראָישע טראַדיציעס און אויפגאַבן פון ארץ ישראל. — און ס׳איז אפשר אויך נישט קיין צופאַל וואָס אין דער פּאַלעסטינע־אַרבעט ציען זיך אַריין אַלץ מער אַרבעטער און געווערקשאַפטן־פירער פון אַמעריקע. אין אַמעריקאַנער „געווערקשאַפט־קאַמפּיין" נעמען אַ גרויסן אָנטייל אַלע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון סקאַרבאָוון שניט, און אַז די היטער פון דער דאָגמע באַקעמפן זיי, ענטפערן די דאָזיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַז זיי „דערוואַרעמען זיך" אין דער ציוניסטישער אַרבעט [1]. די פאַרטריקנטע נשמות פון דעם מאַרקסיסטיש־רעפאָרמיסטישן לאַגער אין קאַפּיטאַליסטישן אַמעריקע פרישן זיך אָפּ ביי דעם ווינטל פון גרויסע אויפגאַבן וואָס ווייט צו זיי פון פּאַלעסטינע.

אפשר דערמיט טאַקע — מיט דעם צווייענדיקן מקור פון זייער אַרבעט — דערקלערט זיך אויך די פעיִקייט צו מסירת נפשדיקן קאַמף, וועלכע עס ווייזן אַרויס איצט אין ראטן־רוסלאַנד די סאָצ. ציוניסטן. וועגן דעם דאָזיקן קאַמף, אין וועלכן עס פאַלן טאָג־טעגלעך מענטשלעכע קרבנות און וועלכער ווערט געפירט מיט אַ דערשיטערנדיקער העלדישקייט, ווערט אין דער סאָציאַליסטישער יידישער פּרעסע כמעט ווי גאָרנישט גערעדט, צי טוט מען עס דערפאַר, ווייל ס׳איז אַ פּשוטע, נאַטירלעכע דערשיינונג פון יעדער סאָציאַליסטישער באַוועגונג? ניין, ס׳איז נישט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג! אין היינטיקן ראטן־רוסלאַנד ווו עס האָבן דורות־לאַנג געקעמפט די אַלגעמיין־רוסישע פּאַרטייען (סאָצ־רעוו., אַנאַרכיסטן, סאָצ.־דעמ.), זענען זייערע שטימען דערווייל דערשטיקט געוואָרן. נאָר אין קליינע אומלעגאַלע גרופּן און גרויסע געפענגעניש־מחנות האַלטן זיי אויף זייער פייער. די איינציקע סאָציאַליסטישע ריכטונג וועלכע האָט ביז איצט היינטער זיך אַ כמעט מאַסן־באַוועגונג מיט אַ רעאַלער רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק איז (אַחוץ די גרוזינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן) — די סאָצ.־ציוניסטישע. די דאָזיקע באַוועגונג פאַרמאָגט כמעט שטענדיק פרישע כוחות, וועלכע שטעלן זיך אויפן אָרט פון די אַרויסגעריסענע דורך דעם רעגירונג־טעראָר.

ס׳איז אַ סאָציאָלאָגיישע רעטעניש פאַר דעם באַאָבאַכטער בעת ער זעט די דאָזיקע אומצייליקע רייען פון קעמפער און קרבנות: פאַרוואָס קומען זיי פון די יידישע מאַסן? צוליב זייער עקאָנאָמיש־אומדערטרעגלעכן צושטאַנד? אָבער די רוסישע מאַסן האָבן אויך גענוג סבות צו פּראָטעסטירן צוליב זייער צושטאַנד. די סאָצ. ציוניסטישע יוגנט קעמפט אָבער אַליין, אין אַ שרעקלעכער איינ־

1) זע, למשל, די דערקלערונג, וועלכע עס האָט געגעבן שיפּליאַקאָוו אין ניו־יאָרקער בונדיסטישן „וועקער" (יאַנואַר, 1929).

זאַמקייט אין לאַנד. זי קעמפט נישט האַבנדיק קיין רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, ווייל זי שטאַמט פון קרייזן, ווו מען האָט זיך דערמיט פריער ווייניק פאַרנומען און ווייל דער עלטערער דור פון רעוואָלוציאָנערן איז פאַרשפּאַרט. זיי קעמפן, נישט האַבנדיק קיין „נאַציאָנאַלע" שטיצע פון דער יידישער בורזשואַזיע, נישט פון די אייגענע „נעפּ"-לייט אין רוסלאַנד, נישט פון דעם יידישן בירגערטום אין דער וועלט. דערביי פירן זיי זייערע קאַמפן מיט דער זעלביקער זיכערקייט, אַנט־שלאָסנקייט און העלדישקייט ווי נאָר צו פאַרגלייכן מיט דעם ערשטן דור פון די רוסישע נאַראָדניקעס. די געפענגעניש־יסורים, הונגער־שטרייקן, אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן, זעלבסטמאָרדן, קעלט און איינזאַמקייט אין די וויסטענישן, וועלכע זיי האָבן אויסצושטיין אין די הונדערטער און טויזנטער (אין די לעצטע יאָרן זינט 1922) — זענען אַ כראָניק וועלכע רופט צו דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

„איך בין צעטומלט געוואָרן פאַר פרייד — שרייבט איינער פון זיי פון דער פאַרשיקונג — אַז איך האָב דערהאַלטן פון אייך די 14 רובל. דאָס געלט איז אַזוי נויטיק אויף ברויט און קאַרטאָפל. מער ווי דאָס קאָן איך נישט פאַרלאַנגען ווייל דאָס איז דאָס לעבן. מיין צימערל איז גרויס פיר אויף פיר, דערפאַר צאָל איך זעקס רובל. איך שטיי אויף 10 אָדער 11 אַ זייגער אינדערפרי כדי צו פאַר־שפּאָרן דעם פרישטיק. ווען איך האָב קאַרטאָפל צו מיטיק, בין איך דעם טאָג צופרידן. ווייל מייסטנס לעב איך מיט ברויט אַליין..." „דער חבר ב. איז ערנסט קראַנק געוואָרן אויף אַ האַלדז־אַנטצינדונג, זיין צושטאַנד איז געוואָרן געפער־לעך, אָבער וויפל מיר האָבן נישט געבעטן האָט די טשעקאַ אָפּגעזאָגט אַריבערפירן אים אין קראַנקן־הויז פון דער נאָענטער שטאָט. האָבן מיר אַליין געמוזט טאָג און נאַכט שטיין אויף דער וואַך ביי זיין בעט. און איצט אַז ער בעסערט זיך, האָבן מיר נישט מיט וואָס אים צו שפּייזן און שטאַרקן..." „די חברטע ד. איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז נאָך אין יאָר 1926. פון סעפּטעמבער 1927 אָן איז זי שוין נישט אַראָפּ פון בעט. נאָך לאַנגע בעטענישן האָט מען געפּועלט אַרי־בערצופירן זי אין אַ פּראָווינץ־סאַנאַטאָריום. אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט, און אַ דערלויבעניש צו פאָרן ווו עס איז אין קרים האָט מען איר נישט געגעבן. אפילו די לעצטע טעג פאַר איר טויט האָט מען איר נישט באַפרייט לויט דער אַמנעס־טיע, כאָטש זי איז שוין דריי יאָר אָפּגעקומען אין געפענגניש. דעם 24־טן יאַנואַר 1928 איז זי געשטאָרבן..." דעם 17־טן פעברואַר 1928 האָט איינער פון די וועכטער אין געפענגניש פון ביווּאַ „דערשאָסן אָן שום גרונד דעם ח. ניומע בראָנ־שטיין. ערשט אויף מאָרגן האָט מען אונדז צוגעלאָזט צו אים. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ דערשיטערנדיק בילד. אויף אַ הילצערנער בעט באַ־שפּריצט מיט בלוט איז געלעגן ניומע מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ. אויף זיין געז־זיכט איז געלעגן אַ לייכטער שמייכל, ווייל דער טויט איז געקומען פּלוצים. מיר האָבן אים באַגראָבן נעבן אַ חבר, וועלכער איז דאָ געשטאָרבן פון מאַלאַריע דעם 27־טן סעפּטעמבער 1927..." „אין אָדעס האָט זיך אָקאָרשט גענומען דאָס לעבן די 18־יאָריקע סיוואַ דראַנאָווסקאַיאַ. זי איז געווען אַרעסטירט פון דער

טשעקאַ. אונטערן דרוק פון די עלטערן און דעם אויספאָרשונג־ריכטער האָט זי מסכים געווען אַרויסצוגעבן אַ דערקלערונג, אַז זי טרעט אַרויס פון דער באַוועגונג, בתנאי, אַז דאָס וועט נישט ווערן פאַרעפנטלעכט. די טשעקאַ האָט עס אָבער פאַרעפנטלעכט אין אַן אָדעסער צייטונג. האָט דראַנאָווסקאַיאַ געשיקט אַ פּראָטעסט־בריוו צו דער טשעקאַ און האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון פערטן שטאָק.״

מיר קאָנען אויפהערן צו ברענגען באַווייזן פון דעם רעוואָלוציאָנערן העלדן־מוט וואָס באַלעבט די דאָזיקע יוגנט. ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו די איבערצייגונגען פון די יונגע קעמפער, אָבער זיי פאַרקערפּערן — בלי שום ספק — אַ גרויסן מאָראַלישן קאַפּיטאַל פון דער נאַציע. טויזנט מאָל בלינד וואָלט געווען יענער יידישער סאָציאַליסט, וועלכער וואָלט אָפּגעווענדט די אויגן פון דעם דאָזיקן דערהויבנדיקן בילד. און, אַז מען פרעגט זיך נאָכאַמאָל: פון וואַנען נעמען זיך די גייסטיקע כוחות פאַר אָט דעם דויערהאַפטיקן מאַרטירערטום? — קומט אַרויף אין באַוווסטזיין יענער ענטפער: דאָס איז דער אידעאַליסטישער גייסט וועלכער ליגט טיף פאַרבאַהאַלטן אין יידישן סאָציאַליזם בכלל, און אַנטפּלעקט זיך איצט אין ציוניסטישן סאָציאַליזם בפרט. אַ טאָפּלדיקער געהאַלט פון אידעאַליזם, וואָס פליסט סיי פון דער היינטיקער לעבנס־לאַגע און סיי פון דעם אין פאַלעסטינע פאַרקערפּערטן היסטאָרישן עבר, גיט אויך אַ טאָפּלדיקע קראַפט די קעמפער אין רוסלאַנד.

אָט די אַלע מאָמענטן — דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך דער געשיכטע, די אַרבעט־טענדענצן און די פּערזענלעכע פאַרפליכטונגען צו אַרבעט, די גרייטקייט צו די גרעסטע קרבנות — פירן דערצו, אַז דער ציוניסטישער סאָציאַליזם ווערט אַן אינערלעך־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון יידישן פאָלק. ער טראָגט נישט נאָר פאָרמאַלע דערהאַלטונג־מעגלעכקייטן, נאָר אויך טיפע און ערנסטע לעבנס־אינהאַלטן.

## 5.

און פונדעסטוועגן איז דער ס.אָצ. ציוניזם נאָך ווייט פון צו ווערן אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון פאָלק. נישט דערפאַר איז דאָס ווייל — ווי די קריטיקער רעדן — ער איז צו אוטאָפּיסטיש, נאָר דערפאַר ווייל ער איז נישט אוטאָפּיסטיש גענוג: דעם אוטאָפּיסטישן צוועק, וועלכן ער האָט זיך געשטעלט, וויל ער דערגרייכן מיט היינטוועלטיקע מלוכהש־איראָפּעישע, טעכניש־אַמעריקאַנישע מיטלען. אָבער אַזאַ צונויפמישונג פון צוועקן און מיטלען האָט אין דער וועלט־געשיכטע קיינמאָל נישט געבראַכט צו גוטס. דער ס.אָצ. ציוניזם אַרבעט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און ער וויל מיט אַלע אופנים שנעלער קומען צום ציל, דערפאַר ווערט ער געפאַנגען פון די קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדן. אין דעם גאַנצן ציוניסטישן אָרגאַניזם (פון וועלכן דער ס.אָצ. ציוניזם בילדעט אַ טייל) איז דאָ אַ קלאָרע אידעאָלאָגיע וועלכע באַהערשט זיין גאַנצן אַר־

בעט־פּלאַן. און די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ קאָפּיע פון דער אַלגעמיינער היינט־הערשנדיקער קאַפּיטאַליסטיש־מלוכהשער אידעאָלאָגיע. די פאָרשטעלונג פון אַ מ ל ו כ ה (מיט דער מערהייט אין איר), די דיפּלאָמאַטיע (אין פאָלק גופא און דרויסן לגבי די מלוכות און זייער פעלקערבונד), די ווירטשאַפט־פאָרמען אין אַלע זייערע פאַרצווייגונגען, די קולטור־פאָרמען און דער שטייגער־לעבן — דאָס אַלץ איז אָן שום ענדערונג אַריבערגענומען אין ציוניסטישן וועלט־בילד פון דער בירגערלעכער ציוויליזאַציע.

מער נאָך: עס האָט זיך אַזוי געמאַכט (ווי אויף צו וואָרענען?), אַז אין צענטער פון ציוניסטישן אָרגאַניזם שטייען מענטשן, וועלכע שטייען אויך אין צענטער פון דעם אַלגעמיין־קאַפּיטאַליסטישן סדר. סער אַלפרעד מאָנד (לאָרד מעלטשעס) איז נישט נאָר דער גרויסער קאָלאָניזאַטאָר פון פּאַלעסטינע און סיריע, נאָר ער איז אויך דער גרויסער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ענגלישער אינדוסטריע און איר עקאָנאָמישער אימפּעריע. ער איז אויך דער קלוגער פאַרטרעטער פון קאַפּיטאַל, וואָס קומט קאָרומפּירן דעם אַרבעטער־קלאַס מיט די פאָרשלאַגן פון „אינדוסטריעלן שלום”. סער הערבערט סעמיועל איז נישט נאָר געווען דער צום ציוניזם פריינטלעכער שטאַטהאַלטער אין פּאַלעסטינע, נאָר ער איז אויך אויפגעטרעטן אַלס מעכטיקער צד אין דעם גרויסן ענגלישן בערג־אַרבעטער־שטרייק און האָט קלוג געהאָלפן דער בורזשואַזיע צו דערשטיקן דעם דאָזיקן קאַמף. ס'איז קלאָר, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מאַכט־אידעאָלאָגיע, וועלכע איז פאַרקערפּערט אין אַזעלכע ציוניסטן (און די פירער פון דער „איידזשענסי”), מוז דורכדרינגען מיט איר אָטעם דעם ציוניזם בכלל. מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט מיט דער ראָמאַנטישנאַציאָנאַלער אַריסטאָקראַטיע, ווי אַמאָל דער באַראָן הירש אָדער ראָטשילד, נאָר מיט אַ לעבנס־לוסטיקער אונטערנעמונג־פעיִקער יידישער בורזשואַזיע. און וואָס מער אירע פאַרטרעטער וועלן זיך ממשותדיק און ווירטשאַפטלעך פאַרבינדן מיט פּאַלעסטינע, אַלץ מער וועלן זיי אָנבינדן איר נייעם ישוב זייערע אַלטע, אין דעם וועלט־קאַפּיטאַליזם אויסגעפּרובירטע לעבנס־פאָרמען. ד. ה., מיט אַנדערע ווערטער, אַז פּאָליטיש און סאָציאַל ווערט דער ציוניסטישער אָרגאַניזם אַן אָרגאַנישער טייל פון וועלט־קאַפּיטאַליזם — דער סאָצ. ציוניזם איז אָבער ווידער נישט מער ווי אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן אָרגאַניזם, — און דאָס באַטייט, אַז ער ווערט ממילא אַריינגעצויגן אין דער וועלט־קאַפּיטאַליסטישער ספערע. ער איז אַלזאָ טראַגיש פאַרבונדן מיט יענעם כוח, וועלכער איז אין תוך זיין שאַרפסטער קעגנער, היינט און נאָך מער מאָרגן.

ווען באַדייטנדיקע קרייזן פון סאָצ. ציוניסטן זעען דאָס נישט איין אָדער ווילן די דאָזיקע טראַגישע פאַרבונדנקייט מאַכן צו קליינגעלט, שטאַמט דאָס דערפון, וואָס זייער אויג איז פאַרצויבערט פון דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן געדאַנק. די צווייטע — די נאַציאָנאַלע — נשמה פון סאָצ. ציוניזם דריקט אויף אים אַזוי שטאַרק, אַז ער פאַרלירט די קלאָרקייט פון בליק. ער וויל אויסלייזן וואָס גיכער דאָס יידישע פ אָ ל ק אַלס אַזעלכעס און ער כאַפּט זיך פאַר אַ ל ע מיטלען

וועלכע עס רוקט אים אונטער די היינטיקע ווירקלעכקייט. אַנדערע פעלקער לעבן אין מלוכות; מוז אַלזאָ אויך דאָס יידישע פאָלק שאַפן פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלע מלוכה מיט אַ מאַטעמאַטישער מערהייט אין דער באַפעלקערונג. אמת, אַזאַ שותּף ווי מאָנד איז סאָציאַל-קעגנעריש, אָבער מאָנד שטרעקט אויס אין ענגלאַנד ליבעראַל די האַנט צו די אַרבעטער און באַשאַפט צווישן זיי עפּעס אַזוינס ווי „סאָציאַל-מאָנדיזם". אויף דעם דאָזיקן סאָציאַל-מאָנדיסטישן באָדן וויל איך דער סאָצ. ציוניסט בויען די יידישע מלוכה...

און דאָ מוז דער ראַדיקאַלער יידישער סאָציאַליזם פרעגן מיט ביטערקייט: אָט מיט אַזעלכע רעאַליסטישע, שוין צו רעאַליסטישע מיטלען זאָל מען פאַרווירקלעכן יענע גרויסע אוטאָפּיע? צי וועלן ניט אַזעלכע מיטלען מיט דער צייט פאַרדרייען און אויסליידיקן יעדן אינהאַלט פון דער אוטאָפּיע, מער נאָך: פאַרדרייען און אויסליידיקן די מענטשן גופא, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין איר דינסט? צי קאָן מען פאַרענטפערן די אומענדלעכע קרבנות און ליידן, וועלכע עס טראָגן חלוצים אין פאַלעסטינע און סאָצ. ציוניסטן אין רוסלאַנד, דערמיט וואָס מען וועט דערגרייכן אַמאָל אַ יידיש-מלוכהש געמיינוועזן, וואָס וועט שטיין נאָענט צו דעם סאָציאַלן און גייסטיקן גיהנום אין דער וועלט? די היינטיקע, אפילו דעמאָקראַטישע, מלוכה, דער היינטיקער ווירטשאַפט- און קולטור-סדר זענען פון דעם ראַדיקאַלן סאָציאַליסטישן געדאַנק פאַרורטיילט צום פאַרשווינדן. ווי קאָן מען אַלזאָ פאַר אַן אַרבעט-פאָלק אַרויסשטעלן אַלס אידעאַל די פון פרייען געדאַנק פאַרורטיילטע אידעען? ווי קאָן מען דאָס פאָרשלאָגן באַזונדערס דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט אַזאַ געוואַלטיקע היסטאָרישע דערפאַרונג, וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס בליען און שטאַרבן פון צענדליקער קולטורן? אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט אין זיך געגוג חוש צו דערקענען די פאַלשקייט און אכזריות פון אַזוי פיל קירבלעכע און וועלטלעכע קולטורן, זאָל גראָד איצט, אויפן שוועל פון אַ נייער וועלטתקופה, איבערנעמען די פאַלשסטע און אכזריותדיקסטע וועלט פון קאַפּיטאַליזם און מיליטאַריזם? די אוטאָפּיע פון יידישן סאָציאַליזם זאָל ווערן אַ פּשוטע „איבערזעצונג" פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט?

זאָל מען נישט זאָגן, אַז דאָס פאָלק ליידט אַזוי טיף און איבערמענטשלעך, אַז מען טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון קיין מיטל צו העלפן אים. דאָס איז נישט קיין ענטפער אויף דער קריטיק; מען מוז קלאָר אונטערשיידן צווישן רחמנות צום פאָלק און דער דערלייזונג פון פאָלק. אויב דער סאָצ. ציוניזם וויל פּשוט ראַטעווען דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג, דעמאָלט קאָן ער אָנקומען צו אַלע מעגלעכע מיטלען, ווייל דעמאָלט שטייט ער אויפן באָדן פון נאַציאָנאַלער צדקה. דעמאָלט קאָן מען זיך נישט שטעלן אַנטקעגן זיין טעטיקייט, מען קאָן נאָר שטרייטן וועגן דער טעכנישער צוועקמעסיקייט פון זיינע פּלענער. אָבער אַזאַ נאַציאָנאַלע צדקה-אַרבעט האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אידעע פון פאָלק- און מענטש-דערלייזונג. ווייל אָבער פאַרקערט דער סאָצ. ציוניזם זיין אַזאַ דערלייזונג-אידעע, די סאָציאַלע אוטאָפּיע פון יידישן פאָלק, דעמאָלט קאָן ער נישט אָנקומען צו אַלע

מעגלעכע מיטלען אין קאמף פאר זיין רעאליזירונג. דעמאלט מוז די פרינציפיעלע קריטיק אפן ארויסטרעטן קעגן אים. דער טיפער אונטערשייד צווישן סאציאלער צדקה און סאציאלער רעוואלוציע ליגט אויך אין דעם סאציאליזם בכלל. און אויך דארט זענען דיביידע יסודות ווי קעגנער.

און זאל מען נישט זאגן, אז די אויפגאבע פון ציוניזם איז, ראשית כל, צו שאפן א מלוכה, א פעסטע נאציאנאלע געמיינשאפט־פארם, כדי ערשט שפעטער אריינצוגיסן אין איר די פארשיידענע לעבנס־אינהאלטן, דערונטער אויך דעם סאציאליסטישן. ס'איז נישט אמת, אז מען קאן אין דער היינטיקער סאציאל און גייסטיק צעשפאלטענער וועלט בויען צוערשט כלומרשט ליידיקע פורעמס אין וועלכע דער זודיקער לעבנס־מעטאל וועט ווערן אריינגעגאסן שפעטער. נאר דער כביכול האט אזוי געשאפן דעם מענטשן, אריינבלאזנדיק אין אים דעם גייסט אין לעצטן מאמענט פון דער שאפונג. אויב מען גייט איין אויף צו בויען ליידי־קע פורעמס, הייסט עס, אז נישט אונדזער אינהאלט, נאר זיין — דעם קעג־נערס — אינהאלט וועט שוין ממילא אריינגעגאסן און פארפעסטיקט ווערן אויף להבא. אייגנטלעך פארשטייט עס גוט אויך דער סאצ. ציוניזם, ווייל ער זוכט צו בויען נישט אן ארץ ישראל סתם, נאר אן א ר ב ע ט נ ד י ק ן ארץ ישראל. ער האט אבער א פאטאלן טעות אויב ער מיינט, אז דאס אנפילן מיט אייגענעם לעבנס־מאטעריאל מעג געשען נאר אין איין טייל פון דעם גאנצן נאציאנאלן בנין וואס ווערט „פארמאל געבויט".

און זאל מען אויך נישט זאגן, אז מען טאר נישט פארגלייכן די צוזאמענ־ארבעט פון יידישע ארבעט־מענטשן מיט דעם בירגערטום צו דער קלאסן־קאא־ליציע וועלכע מיר זעען אין אנדערע לענדער. זאל מען נישט זאגן, אז דער יידי־שער בורזשוא, וועלכער ציט זיך צוליב ראמאנטישע סיבות צו פאלעסטינע, ענ־דערט דערמיט אין תוך זיין ס א צ י א ל ן פנים. זאל מען זיך נישט טרייסטן דערמיט, אז דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזם איז נישט גלייך צו א פעסט פונ־דירטן מלוכה־בנין און אז דעם שטענדיק־דינאמישן ציוניסטישן קאנגרעס קאן מען נישט פארגלייכן מיט דעם געוויינלעכן פארלאמענט ווו די קלאסן זיצן טיף פארווארצלט. געווים איז אין א טייל יידישע בירגערלעכע שיכטן וואס שטרעבן צו פאלעסטינע, (באזונדערס די קליין־בירגערלעכע), דער ראמאנטיש־נאציאנאלער מאמענט שטארק אויסגעפלאכטן מיט דעם מאטעריעלן, אזוי, אז מען קאן דער־ווארטן פון זיי א גרייטשאפט צו סאציאלע קרבנות אין איבערבוי־פלענער. די זעלביקע יידישע געשיכטע, וועלכע פירט דעם הארעפאשניק צו סאציאלער התלה־בות, ווירקט אויך אויף די שכנישע האלב־הארעפאשנע פאלקס־שיכטן. אבער דארטן און דעמאלט, ווען די זעלבסטבאוווסטע יידישע בורזשואזיע וועט אנהויבן אקטיוו ארויפדריקן איר שטעמפל אויף דעם פאלעסטינע־בוי, וועלן אויך די קליין־ביר־גערלעכע שיכטן אין א גרויסער מאס גיין אין אירע דרכים. עס וועט זיך אנהויבן א שארפער קאמף פון סאציאלע לעבנס־פראגראמען, און דער קאמף וועט גיין אויך פאר דער נשמה פון דעם דאזיקן יידישן קליינבירגער. און דא וועט זיך

אַרויסשטעלן די געפֿאַר פֿון דער צוזאַמענאַרבעט פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם מיט דעם בירגערלעכן.

די ערשטע פֿינצטערע שאָטנס פֿון די צוקונפֿטיקע קאַמפֿן פֿאַלן שוין אויף דעם פּאַלעסטינע־באָדן. איך האָב דאָ אין זינען, ראשית כּל, די אָנגעהויבענע „אי־דעאָלאָגישע" קאַמפּאַניע קעגן די קבוצות. און איך האָב דאָ אין זינען נאָך מער די דעפֿענזיווע, די פּאַרטייִדיקונג־שטעלונג אין וועלכער די פּאַלעסטי־נער אַרבעטער פֿילן זיך שוין צוגעדריקט. זיי הויבן אָן דערקלערן און פֿאַרענט־פֿערן דעם קבוצה־פּרינציפּ נישט מיט סאָציאַלע און גייסטיקע טעמים, נאָר מיט נאַציאָנאַל־קאָלאָניזאַטאָרישע אַליין. זיי ווילן דעם יידישן בירגערטום באַווייזן, אַז די קבוצה איז געווען דער נויטווענדיקער עטאַפּ פֿון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט, אַז אָן די קבוצה־פּיאָנערן וואָלט מען נישט געקאָנט אויפֿשליסן דאָס לאַנד פֿאַר אַלע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק. און דאָס איז אַ פֿאַטאַלער שריט אויף צוריק, ווייל די „קבוצה" טאָר זיך אויף קיין איין רגע נישט פֿילן אין אַ דעפֿענזיווע פֿאַר דער בורזשואַזיע, ווייל די קבוצה איז אַ פּרינציפּ פֿון סאָציאַליזם בכלל און פֿאַר דער גאַנצער וועלט — און מוז דעריבער שטענדיק שטיין אין אַן אָנגריף־שטעלונג, אין אַ שטרעבן פֿאָרויס.

זאָל מען נישט זאָגן, אַז ס'איז דאָ גענוג אויפֿצונעמען דעם קאַמף קעגן ביר־גערטום אַזוי לאַנג ווי די צדדים זענען נאָך ביידע אין וועג, אויפֿן וועג צו אַ געאָרדנטן סדר. גראָד פֿאַרקערט: ווייל מען איז נאָך אויפֿן וועג אויסצו־בויען אַ נייע געמיינשאַפֿט, ווייל מען טרעט נאָך נישט אין די אויסגעטראָטענע קאַפּיטאַליסטישע ליניעס, — טאָר דער סאָצ. ציוניזם נישט צולאָזן די פֿאַרפֿעס־טיקונג פֿון דער בירגערלעכער וועלט אין דער נייער געמיינשאַפֿט. אויב נישט, וועט די יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט — ווי עס איז שוין געווען אין אַ סך נאַ־ציאָנאַלע באַוועגונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער — בלייבן נישט מער ווי רוי־מאַטער־יאַל פֿאַר נאַציאָנאַל־מלוכהשע בנינים, וואָס וועלן זיין קעגן אירע אידעאַלן און קרבנות. — מאַרטין בובער האָט נישט לאַנג אויף דער בערלינער קאָנפֿערענץ פֿון די „פֿריינט פֿון אַרבעטנדיקן פּאַלעסטינע" געזאָגט אין אַ רעדע: „מיר זעען אין דער היינטיקער וועלט־פּאָליטיק צוויי פּרוּוון אַרויסצוגיין פֿון גדר פֿון פֿאַלשן פּאַרלאַמענטאַריזם וואָס פּירט אַ לעבן פֿון האַנט און מויל: דאָס איז מאָסקווע און רוים. די גרויסע פֿראַגע וואָס שטייט פֿאַר אונדז איז: צי איז אויך פֿאַ־ראַן אין דעם דאָזיקן זין אַן אָרט פֿאַר ירושלים? צי איז דאָס, וואָס מיר טוען דאָרטן מיט לעבערלעך־קליינע מיטלען, עפּעס אַ געווינס פֿאַר דער וועלט־געשיכ־טע? אין דער אמתער וועלט־געשיכטע, וועלכע ווערט געשריבן נישט דורך דער־פֿאָלגן, נאָר דורך געהיימע צייכנס, וועלכע שיינען פּלוצים אויף און אַנטפּלעקן זיך? אפשר שטעלט זיך אַרויס, אַז אַלץ וואָס מען רופֿט אין דער שפּראַך פֿון דער היינטיקער פּאָליטיק „דערפֿאָלג", איז גאָר אין תוך אַן אומדערפֿאָלג, אַ מאַסקע פֿאַרן אומדערפֿאָלג. און אָט אין דעם דאָזיקן זין שטעלן מיר די פֿראַגע, צי איז דאָ אַזאַ ירושלים, וועלכעס מיר קאָנען אַנטקעגנשטעלן יענע ביידע שטעט". בו־

בֿער האָט שאַרף און פֿאַראַנטוואָרטלעך געשטעלט אונדזער אַלעמענס פֿראַגע, מיר פֿרעגן נאָר ווייטער: צי קאָן מען אַ נײַ־ירושלים בויען מיט די מיטלען סײַ פֿון היינטיקן רוים און מאָסקווע, סײַ פֿון די אַלע אַנדערע שטעט וועלכע ליגן צווישן זיי ביידן?

דעם 30־טן דעצעמבער 1928 איז אין בערלין פֿאָרגעקומען די שוין דער־מאָנטע „קאָנפֿערענץ פֿון פֿריינט פֿון אַרבעטנדיקן פּאַלעסטינע", און זי האָט אָנ־גענומען אַ רעזאָלוציע. דער אויפֿבוי פֿון פּאַלעסטינע איז נישט נאָר אַן אַלגע־מיינע יידישע אויפֿגאַבע, נאָר אויך אַן אויפֿגאַבע פֿון אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער באַדייטונג. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַנטוויקלונג פֿון פּראָדוקטיווע כוחות אין נײַע סאָציאַלע פֿאָרמען, וועגן שאַפֿן אַ מוסטער פֿון נאַציאָנאַל־קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט, וועלכע האַלט זיך פֿרײַ פֿון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע פֿון אַנ־דערע נאַציעס, וועגן אונטערשטיצן אין דעם נײַעם יידישן היימלאַנד די כוחות פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט קעגן די אַנדערע סאָציאַלע כוחות... די קאָנפֿערענץ באַגריסט דעם רוף פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין פּאַלעסטינע וועגן זאַמ־לען אַלע יידישע כוחות אין דער וועלט וואָס וועלן אונטערשטיצן דעם אויפֿבוי פֿון פּאַלעסטינע אין סאָציאַליסטישן גייסט.... די קאָנפֿערענץ וויל העלפֿן צוצוגרייטן צו דעם צוועק אַ וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון „פֿריינט פֿון אַרבעטנ־דיקן פּאַלעסטינע". — מיר פֿאַרשטייען דעם רוף פֿון פּאַלעסטינער יידישע אַרבע־טער און זייער פּראָגראַם. אָבער מיר מוזן זען אויך יענע קלאָרע אָדער אומקלאָרע בינדונגען, וועלכע בינדן זיי צו דער היינטיקער אַלגעמיינער וועלט, קעגן וועלכער דער ראַדיקאַלער געדאַנק שטייט אין אַ פֿיינטלעכער שטעלונג. וויל דער סאָצ. ציוניזם ווערן אַ באמתע צוקונפֿט־באַוועגונג, מוז ער זיך אין יסוד אָפּרייסן פֿון די היינטיקע וועלט־מאַכטן, כדי צו פֿאַרבינדן זיך מיט די אפֿשר אומזיכטבאָרע כוחות („געהיימע צייכנס"!) פֿון דער צוקונפֿטיקער וועלט־געשיכטע. אויך דאָ, ווי אומעטום מוז דער יידישער אַרבעט־מענטש מאַרשירן אַליין, מוז דערקלערן ווי אומעטום: „מי לה׳ — אלי!" ווער עס וויל פּאַלעסטינע, זאָל שטעלן זיך אויף מײַן זײַט! אויך דאָ מוז דער אַרבעט־מענטש אַרום זיך און נישט אַנדערש קריס־טאַליזירן די נאַציע. אַלץ וואָס איז באמת לעבעדיק אין דער נאַציע, וועט דעמאָלט געפֿינען דעם וועג צו אים. ווײַל ס'איז קלאָר, אַז מען קאָן נישט אויפֿבויען אַ נײַ ארץ ישראל אין צוזאַמענאַרבעט מיט יענע קלאַסן, קעגן וועלכע עס האָבן אין דעם אַלטן ארץ ישראל אַמאָל געדונערט די נביאים.

— 6 —

און ס'איז דאָ אַ צווייטע פֿראַגע, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט דער ערשטער און איז נישט דורכגענומען פֿון סאָצ. ציוניזם ווי געהעריק: דאָס איז די אַראַבער־פֿראַגע. עס וואָלט געווען אַ געוואַלטיקער און אומפֿאַרצײַלעכער פֿע־

לער, ווען מען וואָלט די פראַגע געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ טעכניש־אָרגאַניזאַטאָרישער און באַהאַלטן פון זיך איר טיפן פּרינציפּיעלן באַטייט. אויך דאָ געפינען זיך באַדייטנדיקע טיילן פון סאָצ. ציוניסטן אונטערן דרוק פון זייער צווייטער, נאַציאָנאַלער, נשמה. דער נאַציאָנאַלער אימפּעט פאָדערט צו שאַפן תיכף און מיט אַלע מיטלען דעם שטאַרקסטן דערהאַלטונג־אינסטרומענט. אַזאַ אינסטרומענט שיינט צו זיין אַן אייגענע מלוכה מיט אַ מערהייט פון אייגענעם פאָלק אין דער מלוכה. דאָס מוז אָבער נישט נאָר אָפּשוואַכן דעם אינטערעס צום שכנישן אַראַבישן פאָלק, נאָר דאָס שטעלט אַוועק אין פּרינציפּ די יידישע אויפבוי־אַרבעט קעגן דעם אַראַבערטום בכלל. דאָס פאַרשטייען היינט קלאָר ביידע צדדים. דורך דער פּאַסיווער אָדער אַקטיווער נאָכלעסיקייט אין דער דאָזיקער פראַגע טרעט דער סאָצ. ציוניזם גלייך אַריין אין דעם פאַרפלאָנטערטן אינטריגירן — און סיכסוכים־שפּיל פון דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע. נישט ווילנדיק ווערט דער יידישער אַרבעטער אין פּאַלעסטינע אַ פּאַסיווער פאַקטאָר אין דער דאָזיקער טייוולישער דיפּלאָמאַטיע. דער יידישער אַרבעטער, וועמענס סאָציאַלע אוטאָפּיע אין פּאַלעסטינע קאָן ווערן פאַרווירקלעכט נאָר אין פאַרבינדונג מיט די מאַרגנדיקע כוחות וואָס דרימלען אין שויס פון דער וועלט, בינדט זיך צונויף מיט די היינטיקע מאַכטן פון דרויסן (ענגלאַנד, פעלקערבונד) אָדער האָט מורא פאַר זיינע היינטיקע קעגנער אין לאַנד גופא (אַראַבישע עפענדים און שאָוויניסטן פון פּאַלעסטינע און אַרום). דערפאַר האָט נאָך דער סאָצ. ציוניזם נישט דעם היסטאָרישן מוט אין זיך צו פאַרלאַנגען פאַר פּאַלעסטינע אַ זעלבסטשטענדיקן פּאַרלאַמענט, אין וועלכן די אַראַבער וועלן טאַקע האָבן אַן אייגענע מערהייט, אַ מערהייט וואָס קאָן זיין פיינטלעך סיי צום יידישן ישוב סיי צו זיינע סאָציאַליסטישע פּלענער. זיי האָבן מורא פאַר אַן אַראַבישער מערהייט און ווילן דערפאַר וואָס שנעלער שאַפן אַן אייגענע יידישע מערהייט.

און זיי זעען נישט איין צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז אפילו אַ צוקונפטיקע „יידישע מערהייט" איז לחלוטין נישט קיין גאַראַנטיע פאַר אַ קלאָרער און איינשטימיקער פּאָליטיק אינעווייניק אין פאָלק אָדער לגבי די אַראַבער. די סאָציאַלע קאַמפן, וואָס גייען שוין היינט אַן אין די פּאַלעסטינער עפנטלעכע אינסטיטוציעס (דער שטאָטראַט, צ. ב. פון תל־אביב), זענען אַן אָנווייז אויף די צוקונפטיקע קאַמפן, וועלכע וועלן זיך פאַנאַנדערשפּילן אין אַ מאַכט־האָבנדיקן יידיש־אַראַבישן פּאַרלאַמענט. מיר וועלן זען דעמאָלט פעסטע פאַרבינדונגען פון יידישע און אַראַבישע גלייכאַרטיקע סאָציאַלע שיכטן; מער נאָך: אפילו אין דער פראַגע פון עליה, פון פאַרגרעסערן דעם יידישן ישוב אין לאַנד (צ. ב. דורך אַרבעטער) וועלן געוויסע טיילן פון יידישע פּאַרלאַמענטאַריער שטיין מיט די אַראַבער. אָבער צווייטנס, אפילו ווען עס וואָלט מעגלעך געווען עפּעס אַזוינס ווי אַ קאָמפּאַקטע „יידישע מערהייט", צי וואָלט מען געמעגט און געקאָנט אויפן יסוד פון דער מינ־ערהייט־נאַציע שאַפן אַ רויקן מלוכה־בנין? די גאַנצע היינטיקע פּאָליטישע ווירקלעכקייט פון אייראָפּע שרייט צו אונדז, אַז דער פּרינציפּ פון מערהייט־מינדער־

הייט רייסט־אויף פון אינעווייניק די פיל־נאַציאָנאַלע מלוכות. נאָר אויף דעם באַזים פון פרייוויליקע אָפּמאַכן צווישן מערהייט־ און מינדערהייט־נאַציעס ווערן געשאַפן גלייכגעוויכט־צושטאַנדן אין די היינטיקע מלוכות אַפילו. אויף וויפל נויטווענדיקער איז אַזאַ פּאָזיציע פאַר סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער! וואָלט זיך היינט צונויפגעקומען אַ פּאַלעסטינישער פּאַרלאַמענט, וואָלט די אויפגאַבע פון יידישן ישוב אַלס מינדערהייט געווען אויסצוקעמפן אַזאַ מין גלייכגעוויכט־צושטאַנד פאַר זיך אין זיין פאַרהעלטעניש צום אַראַבישן פאָלק. ערשט אַזאַ מין פּרעצעדענט וואָלט געמאַכט מעגלעך באַציִונגען פון פאָלק צו פאָלק אין דער צוקונפט, אויב דער יידישער ישוב וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מערהייט. מיר רעדן פון דער צוקונפט, אָבער זי אַנטהאַלט דאָך אין זיך אויך אַ זיכערע דיפערענציאַציע פון אַראַבישן פאָלק, אַ סאָציאַלע און גייסטיקע שיכטונג פון זיינע מאַסן, אַן אַרויסאַרבעטונג פון האָרעפּאַשנע פויערים, בעל־מלאכות און אַרבעטער, וועלכע וועלן האָבן אַ גאָר נייע באַציִונג צום יידישן אַרבעט־מענטש.

ווי סכנותדיק און אומקלאָר עס זאָל נישט זיין די ערשטע תקופה פון אַ זעלבסטשטענדיקן פּאַרלאַמענט אין פּאַלעסטינע, אָבער ער. וועט פאַרגיכערן מיט מיילן־שריט די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון אַראַבישן האָרעפּאַשניק אויף וועמענס פּלייצעס עס ליגט די גאַנצע צוקונפט פון אָריענט. ער וועט ווערן אומאָפּהענגיק פון זיינע באַלעבאַטים און ער וועט ווערן נאָענט צום יידישן האָרעפּאַשניק. כדי דעם דאָזיקן גייסטיקן פּראָצעס צו פאַרלייכטערן און פאַרשנעלערן, טאָר נישט די יידישע אַרבעטערשאַפט דערשיינען פאַר דעם האָרעפּאַשנעם אַראַבער ווי אַ שותף צו די עקספּלואַטאַציע־מאַכטן פון דרויסן (ענגלאַנד, פראַנקרייך) אָדער פון אינעווייניק. אַלץ וואָס קומט פאָר אין לאַנד שטעמפּלט זיך אָפּ אין אַ פאָלקס־זכרון. ווען דער יידישער אַרבעטער באַציט זיך פּאַסיוו אָדער קעגנעריש צו אַ פּאַרלאַמענט פון אַלע פּאַלעסטינער איינוווינער, דערלייכטערט ער דעם אַראַבישן פּריץ צו פאַרסמען דאָס באַוווּסטזיין פון אַראַבישן קינפטיקן פרייען פאָלקס־מענטש. דערפאַר וואָלט עס געווען אַ היסטאָרישע טאַט און אַ סימן לדורות ווען דווקא די סאָצ. ציוניסטן אין פּאַלעסטינע וואָלטן אַרויסגעשטעלט איצט די פאָדערונג פון אַ **זעלבסטשטענדיקן פּאַרלאַמענט** פאַרן לאַנד, נישט אַכטנדיק אויף די נאָענטסטע רעזולטאַטן. דאָס וואָלט הייסן בויען פעסט פאַר דער צוקונפט, און דאָס וואָלט געמאַכט אַ בלייבנדיקן רושם אויף דער אַראַבער־וועלט בכלל. ווייל דער סאָציאַליסטישער אויפבוי אין פּאַלעסטינע טוט מער ווי פאַר פּאַלעסטינע אַליין: דורך זיין מאָדערנעם געדאַנק און דורך זיין קאָנסטרוקטיוון גייסט ווירקט דער יידישער אַרבעטער אין פּרינציפּ אויף דער גאַנצער אָריענטאַלישער וועלט, וועלכע דערהויבט זיך מיט שנעלע שריט צו איר נייעם היסטאָרישן לעבן. און עס וואָלט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקן רושם אין **דער** וועלט ווען דער יידישער אַרבעטער וואָלט באַוויזן זיין מוט נישט נאָר אין דער לייזונג פון סאָציאַלע פראַגן, נאָר אויך אין דער נאַציאָנאַלער ספערע, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פאַרדאַכט און שנאה.

אַט די נאַציאָנאַלע פראַגע איז היינט־צו־טאָג טאַקע געוואָרן דער פּרוּװ־שטיין פון אַן עכט־פּראָגרעסיוון געמיינשאַפט־בוי. אין דער אַראַבישער פראַגע האָט די געשיכטע, אַזוי צו זאָגן, אונטערגעטראָגן דעם ייִדישן סאָציאַליזם אין פּאַלעסטינע זיין נסיון. וועט ער באַשטיין דעם נסיון, האָט ער שוין געוווּנען אפשר מער ווי די העלפט פון זיין אויפגאַבע. וועט אָבער דאָס ווייטערדיקע צוזאַמענלעבן פון ייִדישן ישוב מיט די אַראַבער גיין אין די אויסגעטראָטענע וועגן פון פּאָליטישער דיפּלאָמאַטיע און נאַציאָנאַל־עגאָיסטישע חשבונות, דעמאָלט אַזוי דער ייִדישער בנין אין פּאַלעסטינע נישט פון דער צוקונפט, נאָר פון דער היינטיקער פאַרדאָרבענער וועלט. דעמאָלט שטייען אויף פּאַרן באַוווּסטזיין די לעבעדיקע בילדער פון היינטיקן פּױלן אָדער טשעכאָסלאָוואַקיע. אויך דאָרטן האָבן טויזנטער ענטוזיאַסטן, מיט מעסיאַנישע אידעען אין האַרצן, געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון פאָלק און לאַנד. און דאָרטן האָט מען אויף די לייבער און הערצער פון די ענטוזיאַסטן אויסגעבויט מלוכות, ווו מען לעסטערט טאָג־איין טאָג־אויס די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע האָפענונגען פון די ערלעכע קעמפער. און אָט איז אַ גאָר פרישע בילד פון אַ לאַנד, ווי עלזאַס. וואָס זיין „באַפרייונג" איז געווען איינער פון די שרייענדיקסטע לאָזונגען פון דער מלחמה און וואָס מוז היינט ווידער אָנהויבן אַ קאַמף קעגן זיין „באַפרייער" — פראַנקרייך. און צי האָבן מיר נישט שוין איצט באַקומען אַ קליין בילדל פון אונדזערע אייגענע ייִדישע נאַציאָנאַלע באַפרייער אין דער געשטאַלט פון ציוניסטישן רעוויזיאָניסט? דער רעוויזיאָניסט דערקלערט, מיטן מויל פון זשאַבאָטינסקין, אַז די ייִדישע יוגנט דאַרף אַקטיוו קעמפן פאַר אַ מלוכה און אַ מאַכטפולע מערהייט אין איר; אַז זי טאָר זיך נישט לאָזן אָפּלענקן דורך קיין שום סאָציאַלע און מאָראַלישע אידעאַלן אויסער דער דאָזיקער איינציקער אויפגאַבע, אַז אַ דור אָדער דורות פון יוגנט דאַרפן זיך אָפּווענדן פון דער וועלט כדי נאָר צו דינען אָט דער איינציקער אויפגאַבע. אָבער וואָס וואָלטן געווען די דאָזיקע מלוכהש־נאַציאָנאַלע נזירים אויב נישט די קאַדרעס פאַר אַ פאַשיסטישן ייִדישן בנין אין דער צוקונפט? און צי איז נישט דער רעוויזיאָניזם צום טייל אַ שטראָף פאַר דער פאַרנאַכלעסיקונג פון די פראַגן — מלוכה, מערהייט, אַראַבער — אין כּאַץ. ציוניזם? דער סאָציאַליסטישן ציוניזם האָט זיך געשטעלט ווי אַ וואַנט קעגן נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע און ער פאַרזעט, ווי דורך אַן אַנדער וואַנט רייסט זיך אין פאָלק די מענטש־אַסימילאַציע.

עס האַנדלט זיך מער ווי וועגן אַ פּאָליטישער „פאַרשטענדיקונג" מיט די אַראַבער; עס האַנדלט זיך וועגן מענטשלעכער פאַרשטענדעניש צווישן מענטשן פון צוויי פאַרשיידענע פעלקער. דאָס איז אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש וועלכע פאַרפאָלגט נישט קיין תכלית, אויסער דעם איינציקן סאָציאַליסטישן „תכלית": שאַפן אַ ברייטערע און רייכערע מענטשן־געמיינשאַפט פאַרן לעבן. אָבער די פאַרשטענדעניש איז נויטיק אויך פאַר יענע צוקונפטיקע צייטן, אין וועלכע ס'קאָן אויסברעכן אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע. מיר שטייען פאַר דער מעגלעכ־

קייט פון אזעלכע קאטאסטראפן, און פאלעסטינע איז איינער פון די שניט־פונקטן פון אימפעריאליסטישע קאנפליקטן. דעם שטורעם פון מערדערישע מאכטן וואס גרייט זיך צו, מוז אנטקעגנגעשטעלט ווערן אן אקטיווע און טיפע ס א ל י ד א ־ ר י ט ע ט פון א נייער אויפבליענדיקער מענטשהייט. זי מוז אמשנעלסטן, אן א רגע אפהאלט, געשמידט ווערן אויך מיט דער אראבישער פאלעסטינע.

מיט צוויי יאר צוריק איז אין פאלעסטינע געגרינדעט געווארן א געזעלשאפט מיטן נאמען „ברית שלום", וועלכע האט זיך געשטעלט דעם צוועק „צוגרייטן א פאר־שטענדיקונג צווישן יידן און אראבער, כדי צו שאפן א געמיינזאמען לעבן אין ארץ־ישראל, אויפן יסוד פון אבסאלוטער גלייכהייט פון פאליטישע רעכט פון די ביי־דע פעלקער מיט א ברייטער אויטאנאמיע, און כדי צו פירן געמיינזאמע ארבעט פאר דער אנטוויקלונג פון לאנד" 1). ס'איז כאראקטעריסטיש שוין דאס אליין, וואס מען האט געדארפט שאפן אזא ס פ ע צ י ע ל ע געזעלשאפט, אזוי ווי ווען די דאזיקע אויפגאבע וואלט געווען נאר איינע צווישן הונדערט אנדערע. דאס הייסט, אז די דאזיקע אויפגאבע איז ביז איצט מיט איר גאנצער וואג נאך נישט אריין אין דער אלגעמיינער סאצ. ציוניסטישער ארבעט. ס'איז אבער אויך באצייכנענדיק געגנוג, אז אפילו איצט האט אזא געזעלשאפט, וואס באשטייט פון א קליינער צאל אנהענגער (אין וועלכע עס זענען אריין דר. א. רופין, הנס כהן, דר. ה. בערגמאן), אנגעטראפן א שטארקע קעגנערשאפט אין יידישן ישוב, א קעג־נערשאפט וועלכע באקעמפט די נייע געזעלשאפט מיט די ערגסטע „נאציאנאלע" ארגומענטן. — עס איז נאך דא א ים מיט ארבעט צו טאן אויף דעם פעלד.

* * *

און ס'איז דא א דריטע פרינציפיעלע פראגע, וועלכע דער סאצ. ציוניזם האט זיך אפשר נאך נישט קלאר געמאכט. דאס איז די שארפע ט י י ל ו נ ג , וועלכע ער פירט דורך (פונקט ווי דער אלגעמיינער ציוניזם) צווישן דעם פאלעסטינער ישוב פון יידן און דעם גאנצן יידישן פאלק אין גלות. ער שאפט און פארשארפט דעם אונטערשייד צווישן די, אזוי צו זאגן, אריסטאקראטישע טיילן פון פאלק אין ארץ ישראל און די שקלאפישע טיילן פון אים אומעטום דרויסן, מחוץ לארץ.

דער דאזיקער געדאנק איז נישט דערלאזבאר, אפילו ווען מען זאל אים אויס־טייטשן אזוי, אז יעדע היסטארישער תקופה האט דאס פאלק צו דערפילן א צ י ט ו ו י ל י ק ע אויפגאבע אין איין פלאץ פון דער וועלט. דער געדאנק איז אומדערלאזבאר ווייל ער פארוואנדלט די היסטארישע ווידערגעבורט פון א פאלק אין א כמעט געאגראפישער אויפגאבע, ווייל ער פארנאכלעסיקט דערמיט די שע־פערישע ענערגיע פון פאלקס־גאנצן אין אלע געאגראפישע שטחים. דער סאצ. ציוניזם באטראכט אין פרינציפ דעם גאנצן פיל־מיליאניקן ארבעט־פאלק אין גלות

---

1) „שאיפותינו". קובץ מאמרים. ירושלים, 1927. עס זענען אינטערעסאנט די קאנקרעטע פאליטישע פארשלאגן, וועלכע מען מאכט דא פאר א בי־נאציאנאלער פאלעסטינע.

ווי א רעזערוואַר פאַר כוחות, וועלכע מוזן פאַרווענדט ווערן נאָר אין פּאַלעסטי־נע. ער האָפט דערמיט אינערלעך צו באַלעבן דעם גאַנצן וועלט־קיבוץ פון פאָלק, אָבער אין דער אמתן שפּאַלט ער דעם וועלט־קיבוץ און לעשט אויס זיינע פייער־לעך, וואָס ברענען מיט א אייגענעם, אייגנאַרטיקן ליכט. פּונקט אַזוי ווי דער בונ־דיסט קאָן נישט אָפּלייקענען דעם סאָציאַלן באַטייט פון פּאַלעסטינער חלוץ, פּונקט אַזוי טאָר נישט דער פּאַלעסטינער אַרבעטער לייקענען אָדער אונטערשאַצן דעם רעוואָלוציאָנערן באַטייט פון יידישן אַרבעטער אין פּוילן, רומעניע, רוסלאַנד, אַמעריקע. אין טיפסטן גרונד געהערן זיי אַלע צו איין מחנה. — די רוימישע קאַ־טוילישע קוריע האָט אַמאָל געהאַט פאַרשיידענע „געליבטע טעכטער"; דאָס זענען געווען לויט דעם סדר שפּאַניע, האָלאַנד, פראַנקרייך, פּוילן, איצט איטאַליע, צו וועלכער דער הייליקער פּויפּסט האָט געוועזט זיין באַזונדערע ליבע און אויפ־מערקזאַמקייט. דאָס פאָלק ישראל צייכנט נישט אויס אַזעלכע באַזונדערע פאָלקס־טיילן, וואָס זאָלן אין דער אָדער אַנדער תקופה זיין פאַר אים אַליין די געליבטע „בת ישראל". ס'וואָלט געווען אויך א פעלער ווען דער פּאַלעסטינער טייל פון יידישן פאָלקס־קערפּער וואָלט זיך דערפילט „פון דער פּלייצע און העכער" אי־בער די אַנדערע פאָלקס־טיילן.

אין דעם אָנפאַנג פון דער זעלבסטשטענדיקער געשיכטע פון יידישן פאָלק שטייט א דערשיינונג, א געוואַלטיקער פאַקט וועלכער קאָן זיין סימבאָליש פאַר זיין גאַנצער געשיכט־פילאָזאָפיע. יידן האָבן געוואַנדערט צענדליקער יאָרן און דער וויסטעניש איידער זיי זענען אַריינגעקומען אין זייער לאַנד. אָבער איידער זיי זענען אַריין אַהין, האָבן זיי דורכגעמאַכט אַן איבערלעבעניש, וועלכע האָט אַרויפגעלייגט אַן אייביקן שטעמפּל אויף זייער באַוווסטזיין. דאָס איז געווען דער מתן תורה, די דערוווערבונג פון א געשלאָסענער וועלט־אָנשויונג און פון א קאָנ־קרעטן מאָראַלישן לעבנס־פּראָגראַם! ס'איז נישט וויכטיק ווי ס'איז היסטאָריש גענוי פאָרגעקומען די דאָזיקע געשעעניש; ס'איז אָבער וויכטיק, אַז די טראַדיציע פון פאָלק האָט די געשעעניש אָוועקגעשטעלט אין אָנהויב פון זיין אָרגאַניזירטער געשיכטע. „יידן" זענען געוואָרן אַן איינהייט נישט מיט דער דעראָבערונג פון לאַנד און מלוכה, נאָר אויפן שוועל פון אַזעלכע דעראָבערונגען. די נאַציע האָט זיך קאָנסטיטואירט אַלס אַזעלכע, ראשית כל, דורך א ג ײ ס ט י ק ע ר ז ע ל ב ס ט־ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש און עטישער אָנצייכענונג פון איר לעבנס־פּלאַן.

אויך היינט האָט זיך דאָס נישט געענדערט (סיי ביי יידן, סיי ביי אַנדערע פעלקער). די הויפּט־אויפגאַבע פון יידישן פאָלק איז דערקענטעניש און פאַרווירק־לעכונג פון אַן עטישן לעבנס־פּלאַן. אין פּאַלעסטינע קאָן אין א גרויסער מאָס אַזאַ לעבנס־פּלאַן רעאַליזירט ווערן? גוט. אָבער דערפאַר טאַקע מוז מען פילן, אַז א ו מ ע ט ו ם ווו נאָר אַזאַ לעבנס־פּלאַן ווערט רעאַליזירט צווישן יידישע מאַסן — איז אויך... פּאַלעסטינע. סאָציאַליסטישער אויפבוי אין פּאַלעסטינע קאָן זיכער אַקטיוו משפיע זיין אויך אויף די אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק; משפיע זיין נישט נאָר אין ריין גייסטיקן און סימבאָלישן זין פון אחד העמען, נאָר דורך

דער רעאַלער איבעראַנדערשונג פון קערפּער און גייסט, דורך דער נייער סאָ־ציאַלער געמיינשאַפט, וועלכע ער ווייזט. אָבער כדי משפּיע צו זיין, מוזן עקזיס־טירן זעלבסטשטענדיקע און לעבעדיקע, סאָציאַליסטיש־קעמפנדיקע יידישע מח־נות אין די אַנדערע עקן וועלט. די באַגריפן פון חלוץ און קבוצה מוזן דעמאָלט פון פּאַלעסטינישע ווערן אַלוועלטלעך־יידישע (און אויך אַלוועלטלעך־מענטשלע־כע). אפשר וועט דאָס באַטייטן דאָס אַלטע וואָרט: „עתידה ארץ־ישראל שתתפשט בכל ארצות" (ארץ ישראל וועט אין דער צוקונפט פאַרשפּרייט ווערן אין אַלע לענדער). די סאָציאַליסטישע אָנפאַנג־אַרבעט, וועלכע עס וועבט זיך אין די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, אויף דער פון אָקטאָבער אויפגעאַקטערטער ערד, און וועלכע וועבט זיך צווישן זיי אין פּוילן, אין אַמעריקע, אין אַלע אַנדערע לענדער, די דאָזיקע התחלות זענען נישט קיין קאָנקורענץ צו פּאַלעסטינע. זיי קענען נאָר העלפן זיך קעגנזייטיק. דער גרעסטער טייל פון די יידישע מאַסן לעבט און וועט לעבן נישט אין פּאַלעסטינע. די אויפגאַבע פון יידישן סאָציאַליזם איז דער־פאַר אומעטום, נישט אין איין אָרט, צו פירן זיין רעוואָלוציאָנערע קבוצה־אַרבעט, אומעטום אין פאַרבינדונג מיט די באַוועגונגען פון אַלע פאַרברידערטע אַרבעט־פעלקער, אויך אונטער דער השפּעה פון זייערע גייסטיקע און סאָציאַלע שטורעמס. — דער סאָצ. ציוניזם קען בלייבן לעבעדיק נישט פאַר זיך אַליין, נאָר אַלס עלעמענט פון אַ צווייענדיקן סינטעז: פון אַ סינטעז, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן יידישן אַרבעט־פאָלק און פון אַ ריין־סאָציאַליסטישן סינטעז, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער היינטיקער וועלט, דעמאָלט וועלן די 30.000 יידישע אַרבעטנדיקע אין פּאַלעסטינע באַטייטן נאָך מער און נאָך העכער ווי די דאָזיקע צאָל אַליין.

*
**

מיר האָבן באַטראַכט אַ ריי יידישע באַוועגונגען כדי צו זען ווי גרויס איז אין זיי די שפּאַנונג צווישן דער פּראַקטישער באַוועגונג און דער מאָראַ־לישער אידעע, וועלכע איז געלעגן אין זייער יסוד. די שפּאַנונג איז דאָ אין יעדער פון זיי, אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס. פאַר דעם יידישן רעוואָ־לוציאָנערן באַוווסטזיין בלייבט אַלזאָ באַשטיין די אויפגאַבע: דערקענען און אויס־שמידן אַזאַ מין לעבנס־פּראָגראַם, וואָס זאָל פאַרבינדן אין איינס די באַוועגונג און די אידעע. מען קאָן עס אויסדריקן אויך אַזוי: אידעאַליזירן דאָס קאָנ־קרעטע היסטאָרישע לעבן — און קאָנקרעטיזירן די פירנדיקע לעבנס־אידעע.

(„פרייע שריפטן". אפּריל 1929)

# וועגן סאָציאַלן באַזיס פון יידישן סאָציאַליזם

I

די פראַגע וועגן סאָציאַלן באַזיס בנוגע צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דעם אָדער יענעם פאָלק קען געשטעלט ווערן אויף צוויי פאַרשיידענע אופנים. די גרעסטע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּועל יוצאס פאַר דער באַוועגונג הענגען אָפּ פון דעם וועג, וועלכן מען קלייבט דאָ אויס. מען קאָן שטעלן די פראַגע אַזוי: אויף וועלכע סאָציאַלע שיכטן אָדער קלאַסן *מוז* זיך דער סאָציאַליזם אין דעם אָדער יענעם פאָלק שטיצן? וועלכע שיכטן און קלאַסן *מוזן* זיין די טרעגער פון דער דאָזיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג? אַזאַ פראַגע־שטעלונג איז דער גוט־באַקאַנטער דרך פון פּראָלעטאַרישן מאַרקסיזם. פאַר אים איז דער סאָציאַליזם אַ היסטאָרישע *נויטווענדיקייט*, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין די עקאָנאָמישע און פּראָדוקציאָנעלע פאַרהעלטנישן פון פאָלק און לאַנד. אין דעם גוזעצמעסיק־ווירקנדיקן מעכאַניזם פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג זענען אַלע עלעמענטן (פּראָדוקטיווע כּוחות, בילדונג פון ווערט, צירקולאַציע פון סחורות, אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל, עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט, באַציִונגען פון קלאַסן אאַ"וו) גלייך נויטווענדיק. און אויך דער טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דער אַרבעטער־קלאַס, איז אַ *נויטווענדיקער עלעמענט* אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. דער אַרבעטער־קלאַס איז נישט עפּעס אַ פאַרשוווּמענע פאַרשטעלונג, נאָר דאָס איז דער מאַטעמאַטיש־באַשטימטער באַגריף פון פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, וואָס *מוז* — לויט זיין לאַגע אין פּראָדוציר־פּראָצעס און לויט זיינע קלאַסן־אינטערעסן — אָנהייבן, פירן און דערפירן ביזן סוף דעם סאָציאַליסטישן קאַמף.

די דאָזיקע אַנטדעקונג פון פּראָלעטאַריאַט אַלס איינציקן טרעגער פון סאָציאַליזם איז געווען אַ גרויס און דערשיטערנדיק נייס, וואָס מאַרקס האָט אַריינגעטראָגן אין דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. נישט ווילנדיק קומען אַרויף אויפן זיכּרון די שטאָלצע ווערטער, מיט וועלכע עס האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירט די היסטאָרישע ראָלע פון דער בורזשואַזיע איר פייערדיקער נביא, דער גייסטלעכער *סייעס*. ער האָט דעמאָלט, מיט 130 יאָר צוריק, געפרעגט און זיך אַליין געענטפערט: וואָס איז היינט דער דריטער שטאַנד? — *גאָרנישט*. און וואָס

ווײל װערן דער דריטער שטאַנד? — אַלץ. מאַרקס האָט די זעלבע װערטער אָנגע־
װענדט שפּעטער צום פּראָלעטאַריאַט; מער נישט ער האָט די קריסטלעכע אמונה
פון סײעסן אין דער השגחת הבורא פאַרביטן מיט אַן אַנדער, װיסנשאַפטלעכער,
אמונה: אין דער געזעצמעסיקײט פון דער געשיכטע, אין דער השגחת ההיסטאָריע.
— דערפאַר טאַקע, אַז אַ מאַרקסיסט גײט־צו צו דער פראַגע פון דער סאָציאַלער
באַזע פון אַ װעלכער נישט איז סאָציאַליסטישער באַװעגונג פרעגט ער קודם כּל
און איז חוקר ודורש נאָר די צאָל פּראָלעטאַריער, פאַבריק־אַרבעטער אָדער
מענטשן הדומים לפּראָלעטאַריער, װאָס זענען דאָ אָדער קאָנען זײן אין דער דאָ־
זיקער באַװעגונג. נאָר אַרױסגײענדיק פון דעם דאָזיקן אַפּריאָרישן פּרינציפּ, באַ־
האַנדלט ער און װירקט פּראַקטיש אױף אָט־דער באַװעגונג, נישט זעענדיק אָפּט־
מאָל, װי ער פאַרפלאַכט און פאַרקריפּלט זי דורכדעם.

ס׳איז אָבער מעגלעך אַן אַנדער װעג בײם צוגאַנג צו דער זעלבער פראַגע.
דאָס איז דער װעג פון אידעאַליסטישן סאָציאַליזם. פאַר אים איז דער
סאָציאַליזם לגמרי נישט אַ היסטאָרישע נױטװענדיקײט, װײל ער האַלט אַזאַ באַ־
גרינדונג סײ פאַר פאַלש, סײ פאַר שעדלעך. דער סאָציאַליזם איז אַ אידעאַל
פון דער מענטשן־באַפרײונג, אַן אידעאַל, װעלכן די אַרבעטנדיקע װײלן זיך פרײ־
װיליק אױס כּדי פאַר אים צו קעמפן און זיך מקריב צו זײן. פּראָלעטאַרישע און
אַנדערע שיכטן װערן נישט מעכאַניש אַרײנגעשטעלט אין דעם היסטאָרישן פּראָ־
צעס פון סאָציאַליזם־פאַרװירקלעכונג: זײ טרעטן אַרײן אין דער באַװעגונג
לױטן באַשלוס פון זײער גײסטיקן און עטישן רצון, װײל זײ האַלטן זי פאַר נײטיק
און קרבנות־װערט. די אַרבעטנדיקע, װאָס נעמען אָנטײל אין דעם פּראָצעס, זענען
נישט פּשוט עפּעס אַ פאַקטאָר, אַ מענטשלעכער פאַקטאָר אין אים; זײ זענען די
הױפּט־אַגענטן פון דער סאָציאַלער געשיכטע. און װען מען גײט אַזױ צו צו
דער פראַגע װעגן דעם סאָציאַלן באַזיס, שטעלט מען זי שױן אַנדערש װי דער
מאַרקסיזם. מען פרעגט נישט, אױף װעלכע שיכטן מוז זיך דער סאָציאַליזם סומך
זײן, נאָר מען פרעגט: פאַר װעלכע שיכטן קאָן דער סאָציאַליזם זײן נײטיק,
װעלכע שיכטן קענען אים זוכן און געפינען אין אים די באַפרידיקונג פון זײער
נשמהדיקער און מאַטעריעלער פּײן? אױב די באַזיס־פראַגע איז אַ מוז־פראַגע, דעמאָלט
איז דאָ נאָר אײן קלאָרע, פּראָלעטאַרישע תּשובה. אױב אָבער מיר פרעגן:
װעמען קאָן לױכטן דער שײן פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל און װער קאָן
זיך צו אים מיט זײן גאַנצן מהות צוזען? — דעמאָלט װערט די באַזיס־פראַגע שױן
אַ סך קאָמפּליצירטער

אָט אַזױ קאָמפּליצירט איז זי אױך בײם צוגאַנג צום יידישן סאָציאַליזם. ס׳איז
באַקאַנט, אַז די עלטערע יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטײען (דער בונד און די פּועלי־
ציון פון אַלע ריכטונגען) האָבן געהאַלטן פאַר זײער גרעסטן כּבוד און שטאַרקסטן
פונדאַמענט דעם פּראָלעטאַרישן באַשטאַנד פון זײער מיטגלידערשאַפט.
אױב זײ פלעגן זיך יאָ אַראָפּלאָזן צו אַנדערע סאָציאַל־אונטערדריקטע שיכטן פון
יידישן פאָלק, פלעגן זײ דאָס טאָן נאָר כּדי צו שטאַרקן דורך זײטיקע כּוחות דעם

יסוד פון יידישן פּראָלעטאַרישן קאַמף. די קונציקע פּאָליטישע סטראַטעגיע איז באַשטאַנען אין דעם קענען אַריינשפּאַנען פרעמדע סאָציאַלע שיכטן אין דעם אַרבעטער־וואָגן, אין דעם אויסגעפינען אַ שטיקל פּלאַטפאָרם צו אַזאַ מין קלאַסן־שותפות, וואָס זאָל זיין אַ פאַרשטעלטע אַפּוטרופּסות. נאָר דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז דער טרעגער פון דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער באַפרייונג פון יידישן פאָלק, און דורך זיין אייגענער קלאַסן־מיסיע איז ער משפּיע אויף אַלע זיינע שיכטן.

צי איז אַזאַ פּאָזיציע באַגרינדעט אויך היינט? צי איז דער דאָזיקער שטאַרער מאַרקסיסטישער צוגאַנג נאָך לעבנספעיק אין דעם ליכט פון דער נייער סאָציאַלער דערקענטעניש?

## II.

ראשית כל ווילט זיך אַ וואָרף טאָן אַן אויג אויף די צאָלן־מעסיקע פאַרהעלטענישן פון פּראָלעטאַרישע און אַנדערע סאָציאַלע שיכטן אין יידישן פאָלק. לײדער באַזיצן מיר נאָך נישט קיין גענויע סטאַטיסטיק, וואָס זאָל אַריינגעמען אין אירע ציפערן די גרויסע שינויים פאַר די לעצטע שטורעמדיקע יאָרן. אָבער פאַר אונדזער היינטיקן אַרטיקל זענען אָריענטירנדיק די אייניקע צאָלן, וואָס מיר האָבן פון פאַרשיידענע קוואַלן. איבער דער לאַגע אין פּוילן גיט אונדז אַ גענוגנדיקן מאַטעריאַל דאָס אָקאָרשט דערשינענע זאַמלבוך פון „פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן" 1).

לויט דער אַלגעמיינער פאָלקסציילונג פון יאָר 1921, לעבן אין פּוילן 2.800.000 יידן. מער נישט 680.000 פון זיי וווינען אין ישובים און דאָרף־געמיינדעס, אַלע איבעריקע לעבן אין די שטעט און שטעטלעך, ווו זיי מאַכן אויס ביז 50% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין די שטעט גופא לעבט די מאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג הויפּטזעכלעך פון האַנדל, אינדוסטריע און מלאכה. וועגן איר פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל גיט אַ פאַרשטעלונג די אינדוסטריעלע אַנקעטע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1921 דורכן „דזשאָינט" אין פּוילן. כאָטש די אַנקעטע נעמט אַרום נאָר 185 שטעט און נאָר יענע אונטערנעמונגען, אין וועלכע יידן האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אין פּראָדוציר־פּראָצעס, פונדעסטוועגן זענען אירע ציפערן באַדייטנדיק און קלאָר.

די אַנקעטע האָט אויסגעפאָרשט 171.000 פּערזאָנען, וואָס זענען באַשעפטיקט אין 34.700 פאַבריקן און וואַרשטאַטן. פון זיי זענען געווען: *לוין־אַרבעטער* 87.000; *אייגנטימער און פאַמיליע־מיטגלידער* (וואָס שטייען אויך אין דער אַרבעט) — 84.000. שוין די פּאָר צאָלן באַלייכטן שאַרף די אייגנאַרטיקע לאַגע אויפן יידישן אַרבעטס־פּלאַץ: די פאַמיליע פון באַלעבאָס איז

1) „די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן און די יידישע קאָאָפּעראַציע". ווילנע 1926.

פונקט אזוי שטאַרק פאַרנומען אין פּראָדוציר־פּראָצעס ווי זיין לוין־אַרבע־טער. אָבער דער ווייטערדיקער אַנאַליז פירט צו נאָך וויכטיקערע פועל־יוצאס. אין וועלכע טיפן פון אונטערנעמונגען זענען די 87.000 יידישע אַרבעטער באַשעפ־טיקט? 1) כמעט אַ העלפט (48%) פון די אויסגעפאָרשטע אונטערנעמונגען האָבן קיין לוין־אַרבעטער בכלל נישט געהאַט. אין וואַרשע בילדן אַזעלכע אונטערנעמונגען 38%, אין לאָדזש 43%, אין ביאַליסטאָק 31%, אין ווילנע 53%, אין לעמבערג 42%. און אין דער אינדוסטריעל־אָרימער פּראָווינץ דערגרייכט דער דאָזיקער % אַפילו 55,7. ס'איז דאָ נאָך מער מערקווירדיקע ערטער: למשל, אין דער נאָווידוואָרער האַפּטעריי, וווּ די טעקסטיל־אַרבעט ליגט אין די הענט פון די אָרימסטע כאַלופּניקעס, זענען „אונטערנעמונגען״ אָן לוין־אַרבעטער — 78%.

אין וואָס פאַר אונטערנעמונגען זענען אָבער דאָך צעשפּרייט די אַרבעטער?

קליינע וואַרשטאַטן מיט 1—5 אַרבעטער זענען פאַראַן: אין וואַרשע און ביאַליסטאָק — 50%; אין לאָדזש — 45%, אין קעלצער און לובלינער קאַנטן — 43%, אין גאַליציע — 46%. די דאָזיקע טאַבעלע קאָן מען נאָך פאַרפולשטענ־דיקן אַזוי: 50—60% פון יידישע לוין־אַרבעטער זענען קאָנצענטרירט אין וואַר־שטאַטן מיט 1—5 אַרבעטער, און אַפילו אויף די קלענסטע (מיט איין לוין־אַרבע־טער) קומט אויס 17% פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע אַרבעטער. — דערפון אַליין ווערט קלאָר, וואָס פאַר אַ גרויסן סאָציאַלן אָרט עס פאַרנעמען אין פּוילישן יידנטום די בעלי־מלאכות, די האַנטווערקער, די קליין־פּראָדוצירער: סיי די וואָס אַרבעטן נאָר מיט די אייגענע און דער פאַמיליעס הענט, סיי די וואָס האַלטן לוין־אַרבעטער. מען רעכנט, אַז בערך 30% פון די יידן אין פּוילן לעבן פון האַנטווער־קעריי 2). די איבעריקע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג פאַרטיילן זיך: אויף דער געוואַלטיקער שיכט פון סוחרים, הענדלער, פאַרמיטלער; אויף דעם ווינציקן טייל ערד־אַרבעטער; אויף די אינטעליגענץ־שיכטן; און ענדלעך אויף יענער גאָר אומבאַגרענעצטער מחנה לופט־מענטשן, פּרנסה־יעגער, הצלחה־זוכער, וואָס מען וואָלט זיי אייגנטלעך געדאַרפט אָנרופן: גייסטיקע אַרבעטער, ווייל ווער מוז נאָך אַזוי ווי זיי האָרעווען מיטן שכל, מיט אַלע חושים, מיט דער לאָגישער ספּעקולאַציע, כדי אַרויסצושלאָגן פאַר זיך אַ ביטער שטיקל־ברויט? זיי שאַפן זיך דאָך אַן אָרט אין לעבן נאָר דורך זייער אַקטיוון שאַרפזיניקן גייסט, וואָס שוועבט איבער דעם פּראָדוציר־פּראָצעס.

פון דעם דאָזיקן איבערבליק 3) איז נישט שווער צו זען דעם סאָציאַלן געוויכט פון יידישן לוין־אַרבעטער אין פאָלק. ער איז צאָלמעסיק קליין און ער איז גאָרנישט

---

1) די אַלגעמיינע צאָל יידישע לוין־אַרבעטער אין פּוילן שאַצט מען אויף 110.000 און 50.000 יוגנטלעכע.

2) לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1921, האָבן יידן אויסגעמאַכט 45,5 פּראָצענט פון אַלע זעלבסטשטענדיקע פּראָדוצענטן אין פּוילן, דאָס איז דער יידישער קליין־פּראָדוצירער, וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויסן אָרט.

3) כאָטש די סטאַטיסטישע צאָלן זענען גענומען פון יאָר 1921, קאָן מען אָבער זאָגן, אַז זינט 1921 האָט זיך די סאָציאַלע שיכטונג פון פּוילישן יידנטום נישט געביטן שטאַרק.

קלאַסיש לויט די צווייגן פון דער פּראָדוקציע, אין וועלכע ער איז פאַרנומען. אָבער נאָך וויכטיקער איז פאַר אונדז אָנצוווייזן, ווי שוואַנקענדיק ס'איז די סאָציאַלע גרענעץ, וואָס שיידט אים אָפּ פון בעל־מלאכה. אַ געוויסע געמיינזאַמקייט פון עקאָנאָמישן מצב, פון קולטורעלן לעבנס־שטייגער פאַרבינדט דעם אַרבעטער נישט נאָר מיט יענעם האַנטווערקער, וואָס האָרעוועט אַליין מיט זיין פאַמיליע אין דעם „זעלבסטשטענדיקן" וואַרשטאַט. נאָר אַ גרענעץ, דין ווי אַ פאָדים טיילט אים אָפּ אפילו פון דעם באַלעבאָס, ביי וועלכן ער איז אַ לוין־אַרבעטער. מיר זעען, וואָס פאַר אַ קלאָגעדיקער טיפּ באַלעבאַטישקייט ס'איז דורכשניטלעך דער דאָזיקער וואַרשטאַט מיט לוין־אַרבעטער. און מיר זעען, ווי אין די היינטיקע עקאָנאָמישע שטורעמס פאַרוואַנדלט זיך גאָר לייכט די דאָזיקע ווירטשאַפט פון אַ גביריש־עקספּלואַטאַטאָרישער אין אַ פּאַטריאַרכאַליש האָרעווענדיקער. אָבער דאָס שטענדיקע צוזאַמענאַרבעטן פון בעל־מלאכה מיטן לוין־אַרבעטער אונטער איין דאַך און די געמיינזאַמע אינטערעסן פון זייער סאָציאַלן מזל קאָן האָבן צוויי פאַרשיידענע אויסגאַנגען: נישט נאָר דער אַרבעטער קאָן ווערן פאַרבירגערלעכט, נאָר אויך פאַרקערט: דער באַלעבאָס און זיינע פאַמיליע־מיטגלידער, וואָס טאַנצן שטענדיק אויפן ראַנד פון האָרעפּאַשנעם לעבן, טראָגן אין זיך און ווערן דורכגעדרונגען מיט עלעמענטן פון פּראָלעטאַרישן באַוווסטזיין און שטרעבן. אויב דער יידישער אַרבעטער איז אָפט — אין זיין לעבנס־פּלאַן — אַ צוקונפטיקער קליין־פּראָדוצירער און קליין־באַלעבאָס, איז אויך, פאַרקערט, דער בעל־מלאכה גאָר אָפט אַ האַלב־פּראָלעטאַריער.

* * *

איבער דער סאָציאַלער שיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ר אַ ט נ ר ו ס ל אַ נ ד גיט אונדז אַן איבערבליק די צוזאַמענשטעלונג, וואָס ס'האָט דאָ נישט לאַנג געמאַכט י. לעשטשינסקי 1). אין רוסלאַנד לעבן היינט אומגעפער 2.800.000 יידן; זיי טיילן זיך אויף פאַרשיידענע קלאַסן לויט דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

| | |
|---|---|
| אַרבעטער — | 10% |
| באַאַמטע און אָנגעשטעלטע — | 9% |
| ליבעראַלע פּראָפעסיעס (אינטעליגענץ) — | 8% |
| ערד־אַרבעטער — | 3% |
| זעלבסטשטענדיקע האַנטווערקער — | 21% |
| קרעמער, הענדלער און מאַרק־יידן — | 25% |
| ליידיק־גייער און ניסים־יידן — | 24% |

די טאַבעלע רעדט קלאָרע דבורים. נאָר 140.000 אַרבעטער קענען גערעכנט ווערן צו דעם אייזערנעם פּראָלעטאַרישן באַשטאַנד פון רוסישן יידנטום (מיט די פאַמיליעס צוזאַמען זענען דאָס 300.000 מענטשן). אין דער צאָל פון די האַנטווערקער

1) אַמעריקאַנער „פאָרווערטס" פון 26־טן סעפּטעמבער 1926.

גייען אריין סיי די, וואָס האַלטן געדונגענע אַרבעטער, סיי די וואָס אַרבעטן אַליין מיט דער הילף פון זייערע פרויען און קינדער. האַנטווערקער און אַרבעטער צוזאַמען בילדן 31% פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד. 25% פאַלט אויף סוחרים און קרעמער, אָבער צווישן זיי גופא זענען, פאַרשטייט זיך, דאָ די גרעסטע סאָציאַלע אונטערשיידן: פון דעם גבירישן נעפּ־סוחר, וואָס איז אָנגענומען ביי דער מלוכה, ביז צו דעם קבצנישן הענדלער, „וואָס פאַרדינט קוים טרוקן ברויט אויפן מאַרק מיט אַ שטעלכל אָדער מיט אַ קאָשיק". דאָס דאָזיקע סאָציאַלע בילד ווערט אָבער העלער באַלויכטן דורך די 24% לופט־מענטשן און ניסים־יידן. דאָס זענען מענטשן, וואָס „לעבן אָדער שטאַרבן פון קאָשיק־האַנדל און פון גיין אויפן דאָרף, פון אַרומדרייען זיך אויפן מאַרק, פון אַ שמעק און אַ לעק טאָן, פון אַריינשטופּן די נאָז וווּהין מען דאַרף און וווּהין מען דאַרף נישט, פון כאַפּן לופט, פון שטיצע פון אַמעריקאַנער קרובים, פון נדבות און בעטלען, הכלל פון אַזעלכע פּרנסות, וואָס זענען מיאוס און פאַרהאַסט אין די אויגן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און נישט ווייניקער אין די אייגענע אויגן" 1). אויב מען זאָל צורעכענען צו דעם „קלאַס" יידן פאַרשיידענע טיילן פון זייערע שכנישע שיכטן, בילדן זיי — לויט י. לעשטשינסקיס רעכענונג — נישט ווייניקער ווי אַ מיליאָן יידן. דער יידישער לוין־אַרבעטער אין רוסלאַנד איז אַרומגערינגלט מיט געוואַלטיקע סאָציאַלע שיכטן פון האַרעפּאַשניקעס און שלימזלס, וואָס זענען אינערלעך, באַמערקט צי אומבאַמערקט, צונויפגעבונדן מיטן אַרבעטער, וואָס שלעפּן אים אַראָפּ צו זיך אָדער דערהייבן זיך צו אים.

* * *

מיר וואָלטן וועלן ברענגען דאָ נאָך אַ פּאָר ציפער וועגן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון אַמעריקאַנער יידנטום. דאָ איז גרעסער דער פּראָצענט פון די עכטע לוין־אַרבעטער, אָבער דאָס אַלגעמיינע בילד פון פאָלק ענדערט אויך דאָ נישט זיין פּנים. מיר מוזן אָבער אָפּזאָגן זיך פון דעם אַמעריקאַנישן בילד, ווייל מיר פאַרמאָגן נאָך נישט ביז היינט קיין קלאָרע סטאַטיסטישע ידיעות וועגן אים.

## III

דער קורצער סטאַטיסטישער איבערבליק פירט אונדז צו צו דער פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישקייט פון יידישן סאָציאַליזם. דער לוין־אַרבעטער, אין עכטן זין פון וואָרט, איז די מינדערהייט פון פאָלק. פאַרלאַנגען ביי אַזעלכע באַדינגונגען, אַז די סאָציאַליסטישע באַפרייונג פון יידישן פאָלק זאָל צוגעגרייט און פאַרווירקלעכט ווערן דווקא דורך דעם פּראָלעטאַריער, הייסט דערציען און אויפריכטן אין דעם יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק אַ פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. נישט נאָר אַ פּראָלעטאַרישע העגעמאָניע, וואָס פירט נאָך זיך די וואַקלדיקע

1) י. לעשצינסקי דאָרטן.

פאָלקס־שיכטן, נאָר טאַקע אַן אמתע מינדערהייט־דיקטאַטור, וואָס צווינגט אונטער איר יאָך אַלע אַנדערע שיכטן אויסער איר, נישט נאָר די קאַפּיטאַליסטישע, נאָר אויך די אַרבעטנדיקע. אַוודאי וואָלט מען געקענט זיך לאָגיש פאָרשטעלן אַ ריין־פּראָלעטאַרישע יידישע באַוועגונג, וועלכע זאָל נישט טראָגן אין זיך קיין שפּיץ קעגן אַלע האָרעפּאַשנע שיכטן פון פאָלק. דאָס וואָלט אָבער געקענט זיין נאָר אין איין איינציקן פאַל: ווען אַ יידישע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג וואָלט זיך **אָפּגעזאָגט** פון צו זיין אַ טייל פון פאָלקס־גאַנצן, ווען זי וואָלט זיך נישט נאָר געשטעלט דרויסן פון אים, נאָר אויך געוואָרן מער נישט ווי אַ טייל פון דער **אַלוועלטלעכן** פּראָלעטאַרישן פאָלק. שטייענדיק נאָר אינמיטן פון אָט דעם גרויסן אַלוועלטלעכן קלאַס, וואָלט זיך אַזאַ יידישע באַוועגונג, נישט געפילט און זי וואָלט אויך נישט געווען קיין מינדערהייט, וואָס שטרעבט צו אַ דיקטאַטור. אין אמתן אָבער איז שוין היינט נישטאָ קיין איין ערנסטע יידיש־פּראָלעטאַרישע גרופּירונג, וואָס זאָל זיך נישט פילן ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם יידישן פאָלקס־גאַנצן, וואָס זאָל אפילו טראַכטן צו שטיין **אויסער זיין תחום**. יעדע גרופּירונג וויל זיין נישט נאָר אַ יידישע גרופּירונג, נאָר דווקא דער טרעגער פון דער סאָציאַלער דערלייזונג פון **יידישן פאָלק**. ווי נאָר זי קומט אָבער דערצו צו זיין דער איין־איינציקער טרעגער פון דער דערלייזונג, שטעלט זי זיך — ביי דעם סאָציאַלן בוי פון פאָלק — ממילא אַרויף מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דער מיעוט־דיקטאַטור.

אָדער דורך דיקטאַטור איבער די האָרעפּאַשנע מאַסן קאָן דער יידישער אַרבעטער ווערן דער משיח פון יידישן סאָציאַליזם אָדער דורך אַן אַנדער וועג: דורך דעם, וואָס דאָס רוב פון יידישן אַרבעטס־פאָלק וועט זיך סאָציאַל דערנענטערן און פאַרמישן מיט אים, ד. ה. וועט זיך אויך **פּראָלעטאַריזירן**. ווער קאָן אָבער היינט אָנווייזן די „נויטווענדיקע געזעצן", לויט וועלכע דאָס יידישע פאָלק וועט זיך מוזן פּראָלעטאַריזירן נאָכן קלאַסישן מוסטער? דאָס איז נישט געשען פריער ביי דער „פרידלעכער" אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, און עס זענען גאָר קיין באַווייזן נישטאָ, אַז די אַריינציִונג פון יידישן פאָלקס־מענטש אין דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס וועט זיך אויסברייטן דווקא איצט, בעת דער וועלט־קאַפּיטאַליזם האַלט נאָך דער מלחמה אין איין קרענקען. אין דער היינטיקער עפּאָכע, ווען דער וועלט־קאַפּיטאַליזם „ראַציאָנאַליזירט" זיך דורך טעכנישע קונץ־שטיק, דורך בילדונג פון געוואַלטיקע טרעסטן, דורך אַרויסוואַרפן מיליאָנען אַרבעטער פון פּראָדוציר־פּראָצעס; אין דער עפּאָכע, ווען דער אַלטער אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם האָט דערזען פאַר זיך פריש־אויפגעקומענע קאַפּיטאַליזמען אין די קאָלאָניאַל־לענדער, מעכטיקע קאָנקורענטן, וואָס פאַרכאַפּן אַליין די פריערדיקע אָפּענע אָפּזאַץ־מערק, — אין אַזאַ עפּאָכע זענען דאָ גאָר ווייניק אויסזיכטן אויף דער קלאַסישער פּראָלעטאַריזאַציע פון די יידישע מאַסן. אָבער די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דער וועלט שטעלט זיך דערווייל נישט אָפּ, די טיפסטע שינויים אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווערן תמיד רייפער און רייפער.

און ס'איז גאָר מעגלעך, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל קומען צום סאָציאַליסטישן קץ לגמרי נישט פּראָלעטאַריזירט אין זיין רוב. דאָס וועט הייסן — לויט דעם מאַרקסיסטישן נוסח — אַז דאָס רוב פון יידישן פאָלק, די מיליאָנען קליינבירגער־לעכע און לומפּנפּראָלעטאַרישע מאַסן, וועלן ערשט דעמאָלט — אונטער די גרויזאַמע מילשטיינער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — מוזן ווערן צעמאָלן, צעברעקלט און איבערגעאַנדערשט. דאָס וועט הייסן, אַז דאָס יידישע אַרבעטס־פאָלק וועט אייגנטלעך אַלס אַזעלכעס, אַלס אַ גאַנצס, גאָר נישט אַריינטרעטן אין דער נייער מענטשהייט. אָדער אַנדערש געזאָגט, דאָס יידישע אַרבעטס־פאָלק וועט אַריינטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער מענטשהייט נאָר דורך זיין פּראָלעטאַרישן קעפּל, נאָר דורך דער יידישער פּראָלעטאַרישער מיעוט־דיקטאַטור. דער געדאַנק וועגן ד'ער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אין פאָלק ליגט טאַקע — אָפן צי נישט אָפן — אין דעם גאַנצן אויפבוי פון אַלע היינטיקע יידישע פּראָלעטאַרישע פאַר־טייען. אויך וויפל סיי דער „בונד” און סיי די פועלי־ציון גייען אַרויס פון דער אידעע פון אַ יידישער נאַציע און באַטראַכטן זיך ווי אירע אינעווייניקסטע רעוואָלוציאָנערע כוחות, אויך אַזוי פיל בויען זיי זיך און דעם יידישן אַרבעטער אויס אַלס דיקטאַטאָרישן כוח אין פאָלק. זיי בויען אַ דיקטאַטור פאַר דעם עתיד־לבוא, און — און דאָס איז דערווייל וויכטיקער — זיי בויען זי שוין איצט, אין דעם פאַרסאָציאַליסטישן פעריאָד. מיר ווייסן שוין אָבער היינט צו גוט, וואָס אַזעלכעס ס'באַטייט אַ פּראָלעטאַרישע מינדערהייטס־דיקטאַטור לגבי אַן אַרבעטס־פאָלק. די ליטעראַטור פון מאַרקסיזם האָט אונטער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט פריער פאַרשטאַנען נאָר די הערשאַפט פון רוב פון דעם פאָלק. דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט גערעדט קלאָר: „אַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען זענען געווען ביז איצט באַוועגונגען פון מיעוטים אָדער האָבן פאַר־טראָטן די אינטערעסן פון מיעוטים. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז די זעלבסטשטענדיקע באַוועגונג פון דער גרעסטער מערהייט צוליב די אינטערעסן פון דער גרעסטער מערהייט”. און דער גלענצנדיקער און געדאַנקען־טיפער מאַני־פעסט פון די דייטשע קאָמוניסטן, וואָס איז געווען אָנגעשריבן דורך ראָזע לוק־סעמבורג אין יאָר 1918, האָט אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק נאָך אַמאָל: „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז נישט קיין פאַרצווייפלטער פּרוּוו פון דעם מיעוט איבערצואַנדערשן די וועלט לויט זיין אייגענעם אידעאַל. די סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן מנצח זיין נאָר דאַן, ווען אין איר וועלן אָנטיילנע־מען דער רוב פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן”. אָט דעם פשוטן געדאַנק וועגן דיקטאַטור האָט פאַרשוועכט דער באָלשעוויזם. אויפריכטנדיק אַ פּראָלעטאַ־רישע מיעוט־דיקטאַטור אין אַ פויערים־לאַנד, האָט ער זי פאַרוואַנדלט צוערשט אין דעם שאַרפסטן קאַמף־אינסטרומענט קעגן דעם רוב פון די האַרעפּאַשנע פויע־רים־שיכטן אין רוסלאַנד, און ער האָט שפּעטער מיט דער בייטש פון דיקטאַטור גענומען שמייסן דעם פּראָלעטאַריאַט גופא. אַזאַ מיעוט־דיקטאַטור, וואָס שמעקט מיט פולווער און בלוט, מיט דעם גייסטיקן און מאַטעריעלן חורבן פון אַרבעטנ־

דיקן פאָלק, צעשטערט גלייכצייטיק אויך דעם אַזוי גערופענעם טרעגער פון דער דאַזיקער דיקטאַטור — און אַלע סאָציאַליסטישע התחלות.

נישט אַנדערש וואָלט אויסגעזען אַ יידישע פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין פאָלק, און אַ לעבעדיקן ביישפּיל האָבן מיר פאַר זיך אין דער רוסישער יעווסעק־ציע. אָבער אויך היינט שוין, אין די לענדער, ווו די יידישע פּראָלעטאַרישע פּאַר־טייען האָבן נאָך ניט דערגרייכט די מדרגה פון אַ מלוכה׳שער יעווסעקציע, קענען זיך אויסבילדן עלעמענטן פון אַזאַ דיקטאַטור. דער יידישער סאָציאַליזם, וואָס נעמט אַריין נאָר דעם פּראָלעטאַריער, ווערט אַ ר י ס ט אָ ק ר אַ ט י ש, קריגט אַן אָפּגעשלאָסענעם כאַראַקטער פון אַ שטאַנד. דאָס גאַנצע אַרבעטס־פאָלק אין זיינע מיליאָנען ווערט באַטראַכט — אָפּטמאָל אומבאַוווסטזיניק — ווי עפּעס אַ סאָציאַלע פּסולת, ווי אַ פּעריפעריע, וואָס לעבט און אָטעמט נאָר צוליב דעם פּראָלעטאַרישן צענטער אַליין. די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן — דער רוב בנין פון פאָלק — ווערן אויסגעשלאָסן פון זעלבסטשטענדיקן, אייגן־וועגיקן און לעבנס־זאַפטיקן דורכדרינגען צו דער סאָציאַליסטישער גאולה. און דער יידישער אַרבע־טער, וואָס ווערט אויף אַזאַ אופן אָוועקגעשטעלט אויפן ראַנד פון פאָלק, פאַרלירט דעם לעבעדיקן פריש־קוואַלנדיקן צושטראָם פון מענטשלעכע און גייסטיקע כוחות, וואָס ווערן שטענדיק געבאָרן אין די פאָלקס־טיפעניש. אַזאַ פּראָלעטאַרישער סאָ־ציאַליזם גרייט צו אַ פ אַ ר ק ר י פּ ל ט יידיש פאָלק צום סאָציאַליזם. דער יידישער אַרבעטער אָבער, וואָס ווערט דערצויגן אין דער קינסטלעכער אַטמאָספער פון אַ מיעוט־דיקטאַטור, וואָס לערנט זיך אויס און פאַרשטייפט זיך דורך צענדלי־קער יאָרן צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף יעדערן וואָס געהערט ניט צו זיין שיכט, דער יידישער אַרבעטער קאָן ווערן פאַרוואַנדלט דורך דעם אין אַ פאַנאַטיש־דעס־פּאָטישער נאַטור. די ריינע פּראָלעטאַרישקייט פון אַ יידישן סאָציאַליזם קען דער־ציען דעם ב אָ ל ש ע ו י ס ט י ש ן ט י פּ פון אַרבעטער.

## IV.

אָבער מיר מוזן זיך שטעלן היינט נאָך אַן אַנדער פראַגע, וואָס האָט דעם גרעסטן באַטייט פאַר דעם יידישן סאָציאַליזם. צי איז איבערהויפּט גאָר באַוויזן, אַז דווקא דער פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר קלאַס אַליין איז מסוגל צו פירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביזן סוף? צי האָט ניט דווקא דער פּראָלעטאַריאַט אין משך פון די לעצטע זייער אַנטשיידנדיקע יאָרן געבראַכט זיך גופא אַזעלכע גוואַלטיקע אַנטוישונגען, אַז זיין אייגענע ראָלע מוז ווערן נאָכאַמאָל איבער־געקוקט? צי מוזן ניט ווערן איבערגעשאַצט אויך אַ סך פון יענע „קליינבירגער־לעכע" שיכטן, וועלכע מען האָט ביז איצט לויטן דין געהאַלטן פאַר פרעמד אין דער מאַרקסיסטישער וועלט? צי איז סאָציאַליזם און אַרבעטער־באַוועגונג טאַקע איינס?

דער אַלטער מאַרקסיזם האָט זיך די זאַך פאַרגעשטעלט זייער פּשוט. אויף

די גרויסע טעכניש־הויך אַנטוויקלטע פאַבריקן זאַמלען זיך אַלץ מער פּראָלעטאַריער־מאַסן. זיי שטייען אין אַ תהום־טיפן קעגנזאַץ סיי צו דעם באַלעבאָס פון דער פאַבריק, סיי צו דער פּראָדוציר־אַרבעט אין איר, סיי צו דער גאַנצער סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס האַלט זיי צוזאַמען. די געמיינזאַמקייט פון דער אַרבעט, פון דער עקספּלואַטאַציע, פון דעם קעגנזאַץ שאַפט פון זיי אַלעמען אַ קלאַסן־געמיינשאַפט מיט אַ קאָלעקטיוון גורל, אַ קאָלעקטיוון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אַ קלאַסן־סאָלידאַריטעט, אַ קלאַסן־באַוווסטזיין און אַ קלאַסן־רצון פלעכטן די פּראָלעטאַריער צוזאַמען, אַוועקשטעלנדיק זיי אין אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָזיציע קעגן דער גאַנצער בירגערלעכער געזעלשאַפט. דער לוין־אַרבעטער ווערט דער געבאָרענער מורד און קעמפער פאַר אַ נייער סאָציאַליסטישער וועלט. — די דאָזיקע לאָגיש שאַרף־געשניצטע פיגור פון קאַפּיטאַליסטישן אַרבעטער, וואָס שפּרינגט כמעט פאַרטיק אַרויס פון די ברויזנדיקע מאַשין־רעדער, איז ניט מער ווי אַ געקינצלטער שכל־באַגריף; אין דער רעאַלער נאַטור האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַ סך מער קאָמפּליצירטקייט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ניט יעדער קאַמף פון אַרבעטער פאַר זייערע אינטערעסן איז אַ קלאַסן־קאַמף און ניט יעדער קלאַסן־קאַמף איז אַ רעוואָלוציאָנערער־סאָציאַליסטישער קאַמף. דער אַרבעטער האָט זיך אויסגעלערנט צו באַשיצן זיינע אינטערעסן, ער באַזירט זיך דערביי אויפן יסוד פון אַ סאָלידאַריטעט, אָבער די דאָזיקע קאָלעקטיווע אינטערעסן זענען לחלוטין ניט שטענדיק קאָלעקטיוויזם, און די סאָלידאַריטעט איז דעמאָלט ניט מער ווי אַ צעך־סאָלידאַריטעט. אַזאַ געמיינזאַמען קאַמף פאַר זייערע מאַטעריעלע און אָפט גייסטיקע אינטערעסן פירן ניט נאָר אַרבעטער אַליין: אויך האַנטווערקער, פּויערים, סוחרים, באַאַמטע און קאַפּיטאַליסטן. נאָך מער: די דאָזיקע אַלע שיכטן פירן אַפילו אָפט זייער קאַמף ניט נאָר אין קליינעם טאָג־מאַסשטאַב, נאָר פאַרבינדן אים מיט וועלכע ניט איז קאָלעקטיווע אידעאַלן: רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, מלוכה'שע. פאַר וואָס אונטערשיידן מיר אָבער פון זייערע אַלעמענס באַוועגונגען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון די לוין־אַרבעטער? נאָר דערפאַר, ווייל זי איז מער ווי אַ צעך־באַוועגונג פון אַ באַשטימטער עקאָנאָמישער גרופּע, ווייל זי טראָגט אין זיך דעם העכסטן סאָציאַלן און מאָראַלישן אידעאַל פון דער מענטשהייט, ווייל זי פאַרמעסט זיך אַריבערצופירן די היינטיקע פאַרדאָרבענע וועלט אין אַן אַנדערער, שענערער און איידעלערער. אָבער צי האָט דער פּראָלעטאַריאַט די דאָזיקע אויפגאַבע, די „אידעע פון פערטן שטאַנד" (לאַסאַלס ווערטער), טאַקע שטענדיק און זיכער פאַרווירקלעכט אין זיין ביז־היינטיקן קאַמף?

ווער קאָן דאָס היינט באַהויפּטן? היינט, — נאָכדעם ווי אַ פּיריאָריקע מלחמה האָט געוואָרפן ווי בייזע וועלף איינעם אויף דעם אַנדערן מיליאָנען פון סאָציאַליסטיש־דערצויגענע פּראָלעטאַריער; נאָכדעם ווי דייטשע און פראַנצויזישע, בעלגישע, עסטרייכישע און אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן צוליב זייערע מלוכות און פאָטערלענדער מיט אייגענע פיס צעטרעטן אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט און פשוט־

מענטשלעכע פאַרשטענדעניש; הייסט, ווען מען האָט זיך אַזוי גיך איבערגעבעטן און ווייטער אַריינגעוועבט זיך אין די פּאַטערלענדער, וואָס טראַכטן נאָך וועגן נקמה און רעוואַנש, וועגן אייגענער גדולה און היסטאָרישן כבוד; נאָכדעם ווי „אָרגאַניזירטע" פּאַרטייען און געווערקשאַפטן האָבן אין דייטשלאַנד און עסטרייך ניט דערלאָזן אין די יאָרן 16—1918 פונאַנדערברענען זיך דעם פייער פון סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע, אָפּוואַרפנדיק דערביי נישט נאָר דעם באָלשעוויזם אַלס מע־טאָדע, נאָר טאַקע דעם תוך גופא פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; הייסט, בעת מיר זעען ווי — אויפן לאָנדאָנער עמיגראַציע־קאָנגרעס — טרעטן אויסטראַלישע אַרבעטער אַרויס קעגן פרייען אַריינפאַר פון הונגעריקע עמיגראַנטן־פּראָלעטאַריער אין „זייערע" איינגעזעסענע ערטער, און אין אַמעריקע האָט אָקאָרשט דער צוזאַ־מענפאָר פון דער אָרגאַניזירטער געווערקשאַפט־באַוועגונג („עמעריקען פעדעריישן אָף לייבאָר") ווידער באַשלאָסן צו אונטערשטיצן די רעגירונגס־באַגרעניצונגען קעגן די עמיגראַנטן; בעת מיר זעען, ווי מיליאָנען ענגלישע קוילן־אַרבעטער פירן, הונגעריק און פרירנדיק מיט זייערע פרויען און קינדער צוזאַמען, אַ פאַר־צווייפלטן קאַמף פאַר אַ ברעקל ווױלשטאַנד, און דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט האָט ניט אויפגעציטערט, ניט אַריינגעלייגט זיך אינ־גאַנצן אין דער טראַגעדיע פון ענגלישן ברודער!!!

מען האָט צו לאַנג געהאַלטן אין דעם באַוווּסטזיין די אַבסטראַקטע פאָרשטע־לונג פון אַ פּראָלעטאַרישן קלאַס, פון אַ מאַסן־דערשיינונג, און מען האָט זיך ניט אַריינגעטיפט אין דער נשמה פון פּראָלעטאַרישן יחיד, פון אינדיווידועלן אַרבע־טער. אין זיין נשמה האָט מען — ריין אַבסטראַקט — אַריינגעלייגט נאָר די אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע מאָטיוון, נאָר די קלאַסן־קעמפערישע ווונטשן. און מען האָט ניט געמערקט, ווי אונטער דער, אַזוי צו זאָגן, אָפיציעל־וויסנשאַפטלעכער הייטל האָט גענומען שפּראָצן און וואַקסן נאָך אַן אַנדער נשמה־אידעאָלאָגיע, וואָס שטאַמט אויך פון קאַפּיטאַליזם, אָבער איז אַ משותּפת צו אים. דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן אַ געוויסן ווױלשטאַנד פאַר זיינע קנעכט, ער האָט געגעבן אַ גרויסער צאָל פון זיי אפילו דאָס באַוווּסטזיין פון זיכערקייט און באָדנ־פעסטיקייט. עס האָט זיך אָרגאַניזירט ניט נאָר אַ באַשטימטער סאָציאַלער טיפּ פון אַ פאַרבירגערלעכטן אַרבעטער, נאָר אפילו אַ ביאָלאָגישער טיפּ זיי־נער, וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט ברבות הימים, וואָס מער דורות פון אַרבעטער־ווױלשטאַנד עס זענען געווען. אַזאַ אַרבעטער האָט דעם גרעסטן אינטערעס, אַז די פאַבריק, די בראַנזשע, די גאַנצע פאָלקס־ווירטשאַפט, אין וועלכער ער איז פאַרנומען, זאָל פּראָספּערירן און זיין קאָנקורענץ־פעיִק. דערפאַר זאָרגט אַזאַ אַרבעטער פאַרן קיום, פאַרן וווּקס פון דער אינדוסטריע — אויף זיין אָרט — ניט ווייניקער ווי דער באַלעבאַטישער קלאַס. דאָרטן, ווו די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַ גרעסערן שווונג, מאַכן זיי דעם אַרבעטער גופא צו אַן אָפּנעם שותּף אין געשעפט: ער ווערט אַן אַקציאָנער פון די באַטריבן. אין אַמעריקע וואַקסט די צאָל

פון די אַרבעטער־אַקציעס אין די גרעסטע אינדוסטריע־צווייגן 1). אָבער אויב מען האַלט זיך שטאַרק פאַר דער „אייגענער" אינדוסטריע, מוז מען זיך האַלטן נאָך שטאַרקער פאַר דעם מלוכה־פאָטערלאַנד, וואָס באַשיצט די חיונה־קוואַלן. מען ווערט פאַטריאָטיש, שטאַטס־קלוג און קרעמעריש־אויסגערעכנט. דער מאַרקסיזם האָט אַרויסגעפירט פון דעם מאַטעריעלן אינטערעס אַ פּראָלעטאַרישן קאַמף, און דערזעלביקער מאַטעריעלער אינטערעס קאָן גאָר פירן צום סאָציאַלן שלום. אין דעם שאָטן פון אַ בליענדיקער קאַפּיטאַליסטישער רעפּובליק ווערט געבאָרן אַ געמיינזאַמקייט פון קלאַסנקעגנער. און ניט נאָר אין אַ בליענדיקער לאַגע אַליין. ביי די שאַרפע עקאָנאָמישע קריזיסן, ווו דער וווילשטאַנד פון אַרבעטער וואָס איז געוואָרן אויסגעקעמפט מיט אַזוי פיל פּיין, הייבט אָן שטאַרק צו וואַקלען זיך, זוכט דער פּראָלעטאַריער — אונטער דער טויטשרעק פון אַרבעטלאָזיקייט! — וואָס גיכער און פעסטער „ווידערשטעלן", „אויפריכטן" צוריק דעם פאַרלאָרענעם עקאָנאָמישן מצב. דער גאַנצער אימפּעט פון רעפאָרמיסטישן סאָציאַליזם באַשטייט טאַקע אין דעם ווילן אויפצובויען צוריק דעם נאָך דער מלחמה צעשטערטן און צעשויבערטן קאַפּיטאַליזם. אָבער דאָ פאַרבינדן זיך ווידער אין איין קנויל די אינטערעסן פון אַרבעטער און קאַפּיטאַליסט.

דער פּראָלעטאַריער קאָן אָפּטמאָל זאָרגן פאַר זיינע פּאָזיציעס, אָן וועלכע ניט איז טיפע דערשיטערונגען. באַזונדערס איז דאָס ריכטיק היינט, ווען די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס זענען שוין גוט באַפעסטיקט און פון אַלעמען אָנערקענט. דער אַרבעטער טרעט אַריין אויטאָמאַטיש אין דער געווערקשאַפט, אין דער פּאַרטיי, פּונקט אַזוי ווי באַלעבאַטישע גליקלעכע יונגע לייט הייראַטן אַריין אין דעם שווערס געשעפט. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס גופא טראָגן אין זיך די התקרבות מיט דעם עקספּלואַטאַטאָרישן־קלאַס. אין די פּאַרלאַמענטן, אין די רעגירונגס־קאַבינעטן, אין די פּאָליטישע סאַלאָנען קומט פאָר די דעליקאַטע פּאָליטישע התקרבות. און אין די געווערקשאַפטן, ביים אָפּשלוס פון טאַריף־אָפּמאַכן, ביים דראָען אָדער אָפּלאָזן פון שטרייקן, ביים געמיינזאַמען זאָרגן וועגן אָפּזאַץ־מערק און טעכנישער ראַציאָנאַליזאַציע, קומט פאָר די עקאָנאָמישע התקרבות. פון די הויכן פון פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע אָפּמאַכן לאָזט זיך אַראָפּ — דורך די פירער פון דער באַוועגונג — דער זעלביקער קרובהשער גייסט אויך אין די אַרבעטער־מאַסן.

דער אַרבעטער אָטעמט איבערהויפּט מיט דער טעכניש־באַצויבערנדיקער, בירגערלעך־ציוויליזירטער לופט, און ער ווערט צו אָפט אַלץ ענלעכער צו זיינע טרעגער. פון דער פאַבריק, פון דער פּאָליטישער גאַס, פון דער קונסט און דער מאָדע, פון די פאַרוויילונגען, פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן שטייגער ציט דער

1) אָט נאָר אַ פּאָר ציפערן: דער אַמעריקאַנער שטאָל־טרעסט האָט געהאַט אין יאָר 1902 אינגאַנצן 43.000 אַקציעס, פון וועלכע 2.700 האָבן געהערט צו די אָנגעשטעלטע. אין יאָר 1924 — זענען ביי אים געווען 159.000 אַקציאָנערן, און צווישן זיי 50.000 אַרבעטער. אָדער די „שטאַנדאַרד אָיל קאָמפּאַני" האָט געהאַט אין יאָר 1911 6.000 אַקציעס און קיינע אַרבעטער־שותפים; זי האָט היינט 317.000 אַקציאָנערן, דאַרונטער נישט ווייניקער ווי 121.000 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. הינטער אַזעלכע ציפערן שטעקט אַ קלאָרער סאָציאַלער בילד.

אַרבעטער אַריין אין זיך — באַוווּסט צי אומבאַוווּסט — עלעמענטן פון בירגער־לעכן דענקען און פילן, וועלכע ער טראָגט אַריבער אין זיין אייגענעם לעבן. ער זעט פאַר זיך טאָג־טעגלעך די צווייענדיקע באַציונגען פון מענטשן: אונטער־דריקטע, פון איין זייט, און הערשנדיקע, פון דער אַנדערער. ער איז אין באַטריב און אין דער מלוכה אונטערטעניק, — דערפאַר זוכט ער צו זיין מושל אַנדערש־ווו; דערפאַר טראָגט ער די שטריימל אין זיין פאַמיליע, לגבי פרוי און קינדער; דערפאַר שאַפט ער אין זיינע אייגענע אָרגאַניזאַציעס אַ יעראַרכיע־סיסטעם פון פּי׳רער און מאַסע. און דערפאַר שטעלט ער זיך פאָר אויך די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט ווי אַ מלוכה מיט אַן אויבן־ און אונטן־סיסטעם. דערפאַר זעען מיר אַזוי אָפט, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָלעטאַריער, וואָס רייסט זיך שוין יאָ צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, מאָלט זי זיך אויס ניט אַנדערש, ווי אַ ריין־ממשלה זאַך, ווי אַ נקמה־ און כעס־פּראָצעס; אַז דער פּראָלעטאַריער ווערט אַ באַלשעוויס־טישער בריון, וואָס קעמפט מיט בירגערלעכע גוואַלט־מעטאָדן שוין איצט, נאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, אפילו קעגן אייגענע ברידער.

ס׳איז געשטאַנען אַמאָל אין אַ קאָמוניסטישן מאַניפעסט: „די פּראָלעטאַריער האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן א ו י ס ע ר ז י י ע ר ע ק י י ט ן”. ס׳איז ניט מער ריכטיק! דער פּראָלעטאַריער ה אָ ט אין געוויסע גרויסע שיכטן וואָס צו פאַרלירן: זיין ווױלשטאַנד, זיין מנוחה און זיין היים. און דאָס זיינען די קייטן, וו אָ ס פ אַ ר ב י נ ד ן אים מיטן קאַפּיטאַליזם.

## V.

וואָס באַטייט אָבער אַ קריטישע אָפּשאַצונג פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף? צי באַטייט דאָס, אַז די קדושה פון סאָציאַליזם האָט זיך איבערהויפּט אָפּגעטאָן פון דעם אַרבעטער און זיין באַוועגונג?

הס ושלום! מיר ווילן נאָר באַווייזן, אַז דורך דער עקאָנאָמישער און טעכנישער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אַליין ו ו ע ר ט ל ח ל ו ט י ן נ י ט ד ע ר־צ ו י ג ן אַ סאָציאַליסטיש־געשטימטער פּראָלעטאַריאַט. עס ווערט נאָר געשאַפן דער אַרבעטער־טייל פון דער ב י ר ג ע ר ל ע כ ע ר געזעלשאַפט. כדי דער אַרבעטער זאָל זיך דערהייבן איבער זיינע טעגלעכע פאַך־אינטערעסן, כדי ער זאָל קעמפן ניט נאָר פאַר זיך און פאַמיליע, נאָר פאַר אַ נייער וועלט און פאַר אַ נייעם דור, — מוז צו זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן עפּעס נאָך וואָס צ ו ק ו מ ע ן. עס מוז צוקומען דער גרויסער פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט אין לעבן, די טיפע תשוקה צו אַ פולער סאָציאַלער און גייסטיקער גערעכטיקייט, דער פלאַמענדיקער רצון צו לייגן זיך פאַר אַ קרבן פאַר דער צוקונפט. עס מוז צוקומען, מיט איין וואָרט, ד ע ר ע ט י ש ע ר א י ד ע אַ ל פון אַלמענטשלעכער סאָ־לידאַריטעט און יושר. נאָר דער פּראָלעטאַריער, וואָס וויקלט איין זיין טעגלעכן

קאמף אין אזא עטישן געוואנט און לייגט אריין דעם עטישן אימפעט אין קאמף, ווערט א סאציאליסט. אן דעם בלייבט ער נאר א פראלעטאריער.

דער דאזיקער מאראלישער קערן ל י ג ט אבער איינגעוויקלט אין די מייסטע ארבעטער־קאמפן. דאס פייערל פון זוכעניש נאך יושר איז באהאלטן אפילו אין די ר ע פ א ר מ י ס ט י ש ע קאנפליקטן, וואס דער פראלעטאריער מוז פירן טאג־איין, טאג־אויס מיט זיינע באלעבאטים. שטרייטנדיק פאר א גראשן, קעגן אן איבעריקער שעה, פאר א מענטשנווירדיקער באהאנדלונג, פאר ריינלעכקייט, זוכנדיק אביסל רחבות אויף דעם היינטיקן קאפיטאליסטישן שטח — ענטפערט דער ארבעטער אויף זיין פארבארגענעם צער אין ציכטיקן שטרעבן צו מ א ר א ל י ש ע ר ריינלעכקייט. אין דעם קאמף לייגט ער אפטמאל אריין דעם גרעסטן הערא!זש און סאלידאריטעט, ווי די שטיין־קוילן־ארבעטער איצט אין ענגלאנד. דערפאר טאקע זענען ביי יעדן ארבעטער־קאנפליקט אלע אונדזערע סימפאטיעס פון אנהייב אן אויף זייער זייט 1). מער ניט, אונטער דעם געוואלטיקן גייסטיקן דרוק פון דעם היינטיקן סדר און פון דעם נעבעכדיקן סאציאלן רעפארמיזם, ווערט דער אנפאנגלעכער פראלעטארישער מאראלישער פראטעסט פארגראבן אונטער דער קברות־ברעט פון קאפיטאליסטישע פשרות און ער דערהויבט זיך ניט צום סאציאליזם. אט אזוי אנטשטייט אין דעם רעפארמיסטישן פראלעטאריער — ווען וועמענס קאנסערוואטיווער ראלע מיר האבן אויבן גערעדט — א דאפלדיק מהות: ער איז פון אויבן אויף א פראלעטארישער מלוכה־מענטש און ער טראגט טיף אין הארצן דעם באליידיקטן געפיל פון א בעוולטן און סאציאל־אונטערדריקטן מענטשן. — אבער אויב א מאראליש פייערל לייכט נאר דורך ביים רעפארמיסט, ברענט ער שוין מיט א ליכטיקער פלאם ביים ר ע וו א ל ו צ י א נ ע ר ן ארבעטער. וואס טרייבט אים מיט אן איבערמענטשלעכער קראפט צו דער רעוואלוציע? צוליב ריין מאטעריעלע אינטערעסן וואלט ער זיך געקאנט באנוגענען מיט א טרייד־יוניאן פון אלטן ענגלישן און היינטיקן אמעריקאנישן טיפ. פאר וואס זוכט ער דווקא דעם שווערסטן קאמף פאר דעם ליכטיקן מארגן, וועלכן ער וועט אפשר אדער זיכער ניט דערזען? פארוואס שטעלט ער אין סכנה זיין לעבן און פרייהייט און די פאמיליע? פארוואס מאכט ער דאס סכנה־לעבן צו א לעבנס־פראגראם? טוט ער דאס צוליב עפעס „היסטארישע געזעצן” וואס ער דארף אויספירן, צוליב פאדערונגען פון א וויסנשאפט וואס באווייזט די „נויטווענדיקייט” פון סאציאליזם?

ער טוט דאס דערפאר, ווייל עס ווירקט אין אים דער ע ט י ש ע ר פ א ק ט א ר פון דער געשיכטע, זיין עטיש באוווסטזיין פון חוב לגבי מענטשן און לגבי אן אידעע. אזא ארבעטער איז נישט קיין פועל יוצא פון קאפיטאליזם אליין. זיין

1) פונקט אזוי ליגן אבער אונדזערע סימפאטיעס אויף אויף דער זייט פון די קאמפן, וואס ארעמע פויערים, האנטווערקער, קלענערע באאמטע, אויסגעהונגערטע קרעמער און גאסן־הענדלער, לופט־ארבעטער פירן אומעטום פאר זייער עלעמענטארער מענטשן־ און ארבעטס־רעכט. אלע אזעלכע באוועגונגען, וואס שלעפן דעם קליינעם מענטשן כאטש אויף א טריט ארויס פון דעם לעבן, וואס איז פול ביזיונות און יסורים, טראגן אין זיך אן אביעקטיוון מאראלישן ווערט פאר דעם סאציאליזם.

חיונה מעג ער ציען פֿון דער פֿאַבריק, אָבער זיינע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען קענען נית פֿאַבריצירט ווערן אויפֿן מאַסן־שטייגער. אַלס אַ מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, דורך זיינע אינסטינקטן און ליידנשאַפֿטן, דורך זיין אייגענעם יצר טוב און יצר הרע דרינגט ער זיך דורך צום אידעאַל, וועלכן ער נעמט אָן. דער אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער קאָן דערפֿאַר נישט צופֿרידן זיך ווי נית איז מיטן קאַפּיטאַליזם, ווייל ער איז אים טעגלעך און יעדע שעה גובר און מנצח, ווייל דער אין אים ברענענדיקער אידעאַל העלפֿט אים דורכצובליקן אַלע סודות און נסיונות פֿון קאַפּיטאַליזם. קעגן אַלע נסיונות פֿון „ציוויליזירטן", הומאַניזירנדיקן און דעמאָקראַטיזירנדיקן קאַפּיטאַליזם מאַכט אים אומדורכדרינגלעך דער עטישער גייסט. מיט אים זענען טאַקע היינט באַוואָפֿנט די עכטע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער פֿון אַלע ריכטונגען. זיי זענען באַגייסטערט פֿון אַזאַ בענקשאַפֿט נאָך אַ נייער אומזיכטבאַרער וועלט פֿון יושר און שיינקייט, פֿון אַזאַ תשוקה צום אַבסאָלוטן און דערהויבענעם איבער דעם עולם הזה, אַז מען מוז זיי אָנרופֿן *רעליגיעז־גלויביקע מענטשן.*

אָבער די עטישע באַגייסטערונג און איר אינהאַלט נעמט זיך ביים סאָציאַליסט *נישט דווקא פֿון קאַפּיטאַליזם.* די גאַנצע היסטאָרישע פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דער מענטשהייט, אַלע אירע עקאָנאָמישע לעבנס־פֿאָרמען, אַלע פֿריערדיקע רעליגיעזע און סאָציאַלע איבערלעבונגען, די שטאָלצע מענטשן־געפֿילן, וואָס זענען דערוועקט געוואָרן אין דער עפּאָכע פֿון דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס — דאָס אַלץ שפּייזט דעם מאָראַלישן באַוווסטזיין פֿון דעם היינטיקן אַרבעטער. געוויס איז דאָס דער קאַפּיטאַליסטישער סדר, וואָס וועקט אין אים פּראָטעסט, כעס, אַקטיוויטעט, קראַפֿט. אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער איינפֿלוס איז דאָ נאָר די הוספֿה, דער אויסערלעכער פֿאַקטאָר אין דער מאָראַלישער אַקטיוויטעט, וואָס לעבט און אָטעמט אין רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער פֿון דורות אָן.

*דער סאָציאַליזם אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע איז טאַקע נישט מער ווי אַ נייע פֿאָרם פֿון דער אייביקער מענטשלעכער בענקשאַפֿט נאָך אמת און יושר.*

## VI

און דאָ קומט אַרויף דער הייסער געדאַנק: אויב טאַקע יאָ אַזוי, אויב די גייסטיק־מאָראַלישע שרשים פֿון סאָציאַליזם ליגן נישט דווקא אין דער קאַפּיטאַליסטישער פֿאַבריק, קאָן דאָך דער סאָציאַליזם אַריינעמען אויך נישט דווקא לוין־אַרבעטער אַליין.

דעמאָלט קענען דאָך אין תחום אַריינגעצויגן ווערן אויך אַלע יענע אַרבעטנדיקע שיכטן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם טויזנט־יאָריקן יאָך פֿון קנעכטשאַפֿט און אין זיך דעם אויך טויזנט־יאָריקן פֿאַרשטיקטן פּראָטעסט. צי האָט נישט געטראָגן

אין זיך די טיפסטע פיין פון דורות דער רוסישער קליין־פויער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַריאָגטער בהמה און וואָס נאָר אין זעלטענע מאָמענטן פלעגט ער דער וועלט אַ לייכט טאָן מיט אַן אײדעלער מענטשלעכער נשמה און יושר־זוכעניש? געווים האָבן זיינע באַפרייונגס־חלומות געהאַט אַן אַנדער כאַראַקטער ווי ביים פראָלעטאַריער, אָבער צי האָבן זיך די דאָזיקע חלומות נישט אַרויסגעוויזן אין זייער גייסטיקער שיינקייט אין דער רוסישער רעוואָלוציע? ער האָט צוגענומען די ערד ביי די פריצים, אָבער ער האָט דעם מאַטעריעל־עגאָיסטישן פראָצעס איינגעוויקלט אין אַ הויכער מאָראַלישער פאָרם. ווייל זאָגנדיק „די ערד איז גאָטס ערד" און „קיינעמס נישט", האָט דער רוסישער פויער אַריינגעוואָרפן אין דעם שמעלץ־טיגל פון גלייכער ערד־צעטיילונג אויך זיין אייגענע, מיט בלוטיקע גראָשנס דערוואָרבענע פריוואַט־ערד! און אַז די פויערים האָבן אין יאָר 1918 אויפן דריטן ראַטן־צוזאַמענפאָר דורכגעאַרבעט זייער געזעץ וועגן סאָציאַליזירונג פון ערד, האָבן זיי נישט דורכגעלאָזן אין אים קיין איין זכר פון פריוואַט־אייגנטום און אויסנוצונג פון לוין־קראַפט. די דאָזיקע דערהויבענע דערשיינונג וועט מען נישט קענען אויסמעקן פון דער וועלט־געשיכטע.1)

דורך לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע, דורך סאָציאַליסטישע פויערים־פאַרבאַנדן, דורך פאַרבונדנדקייט מיט שטאָט־פּראָלעטאַריער האָט געוואָלט דער פויער באַנייען זיין אייגן לעבן. און אין דער נייער געזעלשאַפט האָט ער אויך וואָס אַריינצוטראָגן: זיין איבערגעגעבנקייט צו אַרבעט, זיין טיפע ערנסטקייט צו די לעבנס־פּראָבלעמען, זיין נאָענטקייט צו דער נאַטור, זיין אומפאַרדאָרבנקייט דורך דעם קולטור־אַפּאַראַט. צי קען דער עכטער סאָציאַליזם פּשוט אַרויסוואַרפן דעם קליינעם פויער פון דער קומענדיקער וועלט, וואָס דאַרף אַריינזאַפּן אין זיך די גייסטיקע און נשמה־כוחות פון דעם גאַנצן מענטשן־געשלעכט?

און צי טראָגט נישט אין זיך אַ סאָציאַלן פּראָטעסט דער קליינער האַנטווערקער, וואָס נוצט נישט אויס פאַר זיך קיין פרעמדע לוין־קראַפט און ווערט געשטיקט פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע כוחות אין דער מלוכה? צי טראָגט ער נישט אין זיך אויך די אייביקע תשוקה נאָך אַן אײדעלן לעבן? זאָלן מיר פאַרגעסן וועגן דער סאָציאַלער סאָלידאַריטעט, וועגן דער קינסטלערישער באַגאַבונג אין דער אַרבעט, וועגן דעם גרויסן גייסטיקן פאַרנעם אין בויען מאָנומענטן און קירכעס, וואָס דער מיטלאַלטערלעכער האַנטווערקער האָט אַרויסגעוויזן? האָט

1) ס'איז כדאי צו דערמאָנען דערביי די ווערטער פון אַ מענטשן, וואָס איז דער שאַרפסטער קעגנער פון דעם רעוואָלוציאָנערן פויער, פון פּראָפעסאָר ב. ברוצקוס. „דאָס רוסישע פויערטום, וואָס האָט נישט געקענט די אידעע פון ערד־אייגנטום, האָט נישט אָנערקענט דאָס דאָזיקע רעכט אויך ביי די פריצים. דער מהות פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע איז באַשטאַנען נישט נאָר אין דער פאַרטיילונג פון דער פריצישער ערד צווישן די פויערים. זי איז געווען אַ סך טיפער: מען האָט איבערגעטיילט אויך די פויערשע, פון זיי אַליין געקויפטע ערד, מען האָט נישט געשאַנעוועט די גרענעצן צווישן דער פריער פאַרטיילטער ערד. די אַגראַר־רעוואָלוציע פון יאָר 1918 איז אַריבער בשלום, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס האָט געפעלט אַ רעגולירנדיקע מאַכט. אין זיין אייגענעם רעכטס־באַוווסטזיין, אויפן יסוד פון זיינע געמיינשאַפט־(אָבשטשינא)־טראַדיציעס האָט דער פויער געפונען די רעגולירנדיקע פּרינציפּן פון דעם גרויסן איבערטיילונגס־פּראָצעס. אָט דער גייסט פון דעם אַלגעמיינעם איבערטיילונגס־פּראָצעס האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אויך אין די שטעט".

דען נישט דער היינטיקער „גילדייאַישער סאָציאַליזם“, וואָס איז אויסגעוואַקסן דווקא אין דעם אַנטוויקלטן אינדוסטריע־לאַנד, אין ענגלאַנד, אַרויסגעשטעלט אין אַ סך הינזיכטן דעם פאַר־קאַפּיטאַליסטישן האַנטווערקער פאַר אַ ביישפּיל פון סאָלידאַרישער און לעבנס־לוסטיקער אַרבעט? געוויס האָבן סאָציאַלע קאַמפן דורכגעשניטן אויך דעם אַמאָליקן האַנטווערקער־לעבן. אָבער אויך דאָרטן האָבן זיך אויפגעזאַמלט נישט ווייניק אידעיִשע איבער־עגאָיִסטישע, איבער־מאַטעריעלע כוחות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אַרויסגעגאָסן אין רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן. וואָס קענען ה י י נ ט אויפפלאַמען מיט אַ סאָציאַליסטישן גלאַנץ, אויב זיי וועלן ווערן באַגייסטערט פון אַ גאַנצן עטישן אידעאַל. -- און ענדלעך צי האָט גאָר קיין באַדייטונג נישט פאַרן סאָציאַליזם דער באַדנלאָזער, בלאָנדזשענדיקער שוואַרץ־אַרבעטער, דער לומפּן־פּראָלעטאַריער, דער ל ו פ ט ־ מ ע נ ט ש? אויב באַקונין איז נישט געווען בשעתו גערעכט, לייגנדיק די גרעסטע האָפענונגען זיינע דווקא אויף דעם „נאַקעטן נע־ונד’ניק“, איז אפשר דאָך די צייט איבערצושאַצן אונדזער אויבן־אויפיקע באַציונג צו דער דאָזיקער לעצטער שיכט אין סאָציאַלן לעבן? אפשר האָט אין דער דאָזיקער באַציונג געשפּילט אַ ראָלע די זיכערע און מנוחה’דיקע פּאָזיציע פון דעם מיט אַרבעט פאַרזאָרגטן און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריער? און אפשר היינט, בשעת מיליאָנען געוועזענע באַדנפעסטע פּראָלעטאַריער אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד ליגן אויך אויפן גאַס אָדער קריגן סאָציאַלע נדבות, מעג מען מענטשלעכער און אָן פּראָלעטאַרישער טעאָריע אַריינקוקן אויך אין די אינטער־פּראָלעטאַרישע שיכטן? — און צי דאַרף מען נאָך דערמאָנען וועגן דעם האָרעפּאַשנעם גייסטיקן אַרבעטער, דעם א י נ ט ע ל י ג ע נ ט?

געוואַלטיק גרויס זענען היינט אויסגעוואַקסן די מענטשן־גרופּעס, וואָס דורשטן נאָך אַן עטישן באַגייסטערנדיקן אידעאַל, וואָס הייבן אומבאַוווּסט זייערע אויגן פון דער ביטערער נויט צום סאָציאַליזם. און צו זיי אַלעמען מוז דער סאָציאַליזם קומען מיט אַן אָפענעם האַרץ. אַוודאי מוז ער קומען אָן אילוזיעס בנוגע צו די אַלע שיכטן, וועלכע מיר האָבן אָקאָרש דערמאָנט; אַוודאי מוז דער מאָראַלישער פייער דורכברענען דיקע ווענט פון קליין־מענטשלדיקע נטיות און פאָרורטיילן. אָבער אילוזיעס זאָל מען זיך נישט מאַכן אויך בנוגע דעם קלאַסישן לוין־אַרבעטער. אמת, דער פּראָלעטאַריער טרעט לייכטער אַרויף אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער אַקטיוויטעט, ער האָט די לייכטערע באַדינגונגען צו אָרגאַניזירן זיך, צו זען פאָרויס, צו שפּאַנען מיט פאַרשטאַנד איבער דער וועלט. כמה מעלות טובות האָט אים געגעבן דער קאַפּיטאַליזם. אָבער מיר האָבן געזען אויך די סכנות, וואָס לויערן אויף זיין וועג. און מען קאָן טאַקע זאָגן: דער לוין־אַרבעטער איז אין דער וועלט־מחנה פון די אונטערדריקטע דער ע ר ש ט ע ר און דער ק ל אָ ר ס ט ע ר קאַמפמענטש, אָבער ער איז נישט אַלץ: אונטער דער רויטער פאָן קענען שטיין זיינע אַרבעט־ברידער אויך פון די שכנישע פאָלקס־שיכטן. אַניט וועט זייער האַרץ, וואָס זוכט אויך אַ אידעיִשן יסוד און אַ באַקרוינונג פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן, פאַרנומען ווערן מיט אַנדערע פּאַטריאָטיש־מלוכיש־קירכלעכע אידעאַלן. יעדער אַרבעטנ־

דיקער און לײַדנדיקער ד. ה. נישט עקספּלואַטירנדיקער מענטש איז אין דער פּאַטענץ אַ סאָציאַליסט, מען דאַרף נאָר זען, אַז דער עטישער א י ד ע אַ ל פון סאָציאַליזם זאָל זיך באַהעפטן מיט זײַן טעגלעכער לעבנס־אַרבעט און פּיין. דער אָרט, וואָס יעדערער פון זיי פאַרנעמט אין דעם פּראָדוציר־פּראָצעס, באַשטימט נישט, צי ער געהערט צו דער רויטער פאָן; ער באַשטימט נאָר דעם וועג, ווי ער קען צוקומען צו איר.

די אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט שטענדיק נאָר סאָציאַליזם. און פּונקט אַזוי איז אויך דער סאָציאַליזם נישט שטענדיק נאָר אַרבעטער־באַוועגונג.

## VII

די דאָזיקע דערקענטעניש האָט דעם גרעסטן באַטײַט פאַרן יידישן סאָציאַליזם. מיר האָבן פריער אָפּגעזאָגט זיך פון זײַן אויסשליסלעכער פּראָלעטאַרישקייט צוליב דער געפאַר פון אַ מ י ע ו ט ־ ד י ק ט אַ ט ו ר, וואָס שטעקט אין איר יידישן פּרצוף. מיר זעען איצט, אַז די פּראָלעטאַרישקייט גופא איז נאָך נישט ערב פאַר דעם ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן כאַראַקטער פון סאָציאַליזם, וואָס אָן דעם איז ניטאָ קיין סאָציאַליזם. ס'איז נאָך ווייניק אײַנצונעמען אַ געוויסע פּאָזיציע אין דעם עקאָנאָמישן פּראָדוציר־סדר. עס מוז בײַ יעדן אײַנציקן סאָציאַליסט צוקומען נאָך דער עטיש־אַקטיוויסטישער גייסט, וואָס שטרעבט צום גאַנצן. אָט דער דאָזיקער גייסט איז אין י י ד י ש ן אַ ר ב ע ט ס ־ פ אָ ל ק היסטאָריש אָנגעזאַמלט אין זייער אַ גרויסער מאָס. און אָט דער מאָמענט מאַכט אים באַזונדערס מסוגל צום סאָציאַליזם. דערפאַר איז דער יידישער לוין־אַרבעטער דורכשניטלעך רעוואָלוציאָנער, באַגײַסטערט, קאַמף־לוסטיק, אוטאָפּיסטיש־זעעוודיק אַזוי ווי און אָפּטמאָלס מער ווי די בעסטע עלעמענטן פון אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס. אָבער דער זעלביקער גייסט לעבט נישט נאָר אין יידישן אַרבעטער; אויך אין די אַנדערע האַרעפּאַשנע יידישע פאָלקס־שיכטן. די טויזנט־יעריקע גרויזאַמע וועלט־געשיכטע האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אין דער נשמה פון יידישן פאָלקס־מענטש זאָלן זיך אויפזאַמלען טיפסטע לײַדן, אומויפהערלעכער אינערלעכער פּראָטעסט קעגן די אומגערעכטיקייטן פון דער וועלט, אַ לײַדנשאַפטלעכע בענקשאַפט נאָך סאָציאַלן יושר און רעכט. בײַ דעם דרײַפאַכיק־לײַדנדיקן י י ד י ש ן אַ ר ב ע ט ס ־ מ ע נ ט ש ברענט דער מאָראַלישער כעס אין בלוט און עס לײַכט די תשוקה נאָך אמת אין די פולווּיסנדיקע פאַרחלומטע אויגן. דער ייד קאָן אַרויספירן זײַן עטיש־רעוואָלוציאָנערן גייסט אויך פון זײַן אייגענער נביאישער און מסירות־נפשדיקער רעליגיעזער פאַרגאַנגענהייט. אין פאַרשיידענע געוועזענע און מיסטיש־רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פאַרשלײַערונגען, דורך אַלע גלגולים פון פרעמדע פאָלקס־באַוועגונגען, האָט זיך דער יידישער צער און צאָרן דערקייקלט ביז צו אונדזער סאָציאַליסטישער תקופה. און זאָלן מיר דערפאַר טאַקע מיינען, אַז דער דאָזיקער דורותדיקער פאַרקאַפּיטאַ־

ליסטישער עטישער פּאַטאָס קען ווערן קאָנצענטרירט היינט נאָר און דווקא אין דעם יידישן אַרבעטער, וואָס מוז אָפּשפּיגלען נאָר דעם קאַפּיטאַליזם?

דער יידישער סאָציאַליזם איז נישט נאָר וואָס ער מעג, נאָר ער מוז דער־פּאַר עפענען זיינע טירן פאַר אַלע עקאָנאָמיש־אונטערדריקטע און האָרעוועדיקע שיכטן פון יידישן פאָלק. דער רעזולטאַט פון מאַטעריעלער נויט און עטישער התלהבות וועט דאָ זיין איינער פון די בעסטע. דער בעל־מלאכה, וואָס אַרבעט נישט מיט פרעמדער קראַפט, דער כאַלופּניק, דעם היים־אַרבעטער, דער מיקראָסקאָפּישער קרעמערל און גאַס־הענדלער; דער ביזן ביין אויסגעהאָרעוועטער אינטעליגענט; דער מיט הונגעריקע אויגן בלאָנדזשענדיקער לופט־יונג; און באַזונדערס, דער יונגער דור, וואָס וואַקסט היינט אין די אַלע שיכטן — זיי אַלע מוזן ווערן אַריינגעצויגן אין גדר פון סאָציאַליסטישן פּילן און האַנדלען. געווים קענען זיי נישט פּשוט אַריינגעשטעלט ווערן אין די רייען פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס. אַ גרויסער מאַטעריעלער און קולטורעלער מרחק ליגט צווישן זיי. אָבער אין דער אָדער יענער מאָס שטייען זיי אַלע ביים שוועל פון אַרבעטער־מזל. די פאַרשיידנקייט פון זייערע עקאָנאָמישע „פּאָזיציעס" קאָן אונדז נישט טוישן איבער דער גלייכקייט פון זייער מצב. די גרויסע קונסט פון יידישן סאָציאַליזם וועט באַשטיין דערין, צו געפינען דעם שליסל צום הארצן פון די אַלע געפּלאָגטע פאָלקס־שיכטן. דער יידישער סאָציאַליסט וועט דאַרפן קענען אָנרירן אין זיי די יסודותדיקע סטרונעס פון זייערע נשמות. ער דאַרף קענען אָנרירן די שטרענגע איבערגעגעבנקייט צום מאָראַלישן חוב, וואָס ליגט אין דעם פּסיכאָלאָגישן טיפּ פון אַ מתנגד, די צאַרטע ליבשאַפט צום מענטשן, וואָס באַלויכט דעם קלאַסישן טיפּ פון אַ חסיד, די הימלדיקע פאַרטראַכטקייט, וואָס שיינט אין די אויגן פון אַ מקובל. ער מוז געפינען ווערטער אין דער שפּראַך פון די אַלע האָרעפּאַשנע מאַסן, אום צו פאַרבינדן זייער מאָראַלישן קאַפּיטאַל מיט דער היינטיקער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער וועלט־באַוועגונג. זאָלן זייערע היינטיקע לעבנס־פּלענער און אַפילו סאָציאַלע חלומות זיין גאָר אַנדערע ווי דער סאָציאַליזם, — עס מאַכט נישט אויס: די חלומות קענען ווערן איבערגעאַרבעט אין דעם היינטיקן פייער. זאָל אַפילו היינט דער דורכשניטלעכער פאָלקס־מענטש זיין איינגעטונקט אין סוחרות און הענדלעריי, זאָל אַפילו היינט זיין נשמה זיין צו אָפּט איינגעוויקלט אין פּחדנות און קליינלעכן חשבון — עס מאַכט נישט אויס: מען דאַרף קענען אויפוועקן דעם גייסט פון דער היסטאָרישער העלדישקייט.

נישט מיט רייד אַליין מוז מען גיין צו זיי; מען מוז מיט יעדער פאָלקסשיכט אויסאַרבעטן אַ רעאַלן פּלאַן, ווי זי זאָל אויסנוצן איר אייגענע (עקאָנאָמישע און פּאָליטישע) ענערגיע אין אַ סאָציאַליסטישער ריכטונג. נישט דאָ איז דער אָרט צו רעדן וועגן די פּלענער. נאָר איין ליניע איז אונדז אַלעמען קלאָר: דאָס איז די ליניע פון סאָציאַליסטישער קאָאָפּעראַציע. קאָאָפּעראַציע, און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע ראשית כל, סיי אין לאַנדווירטשאַפט, סיי אין האַנטווערק, סיי אין פּוילן, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּאַלעסטינע, אומעטום. פאַרן

בעל־מלאכה און באַלופּניק, פאַרן אויסגייענדיקן קרעמער און לופטמענטש טרעט אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע און די חברשע זעלבסט־הילף אין אַלע אירע פאָרמען. דאָ ליגט דער התחלה־פּונקט פון זייער נייער אַנט־וויקלונג. געוויס איז היינט — ביי די קריזיסן — געוואַלטיק שווער צו נעמען זיך פאַר זייער אויפבוי. אָבער אפשר דווקא אין אַזעלכע קריזיס־צייטן, ווו די איינגע־פונדעוועטע פּאָזיציעס ווערן צעבראָכן, איז לייכטער צו געווינען די מוחות פאַר אַזעלכע אידעען. ס'איז שווער אפשר דער אויפבוי, אָבער די ריכטונג צו אים קען איינגעפלאַנצט ווערן אין די קעפּ פון די מאַסן.

וועט זיך די יידישע אינטעליגענץ און די יוגנט אַריינוואַרפן אין דער פאָלקס־סאָציאַליסטישער אַרבעט, וועט זי האָבן פאַר זיך אַ געוואַלטיק־רייכן פּראָגראַם. עקאָנאָמיש: בויען אַ קאָאָפּעראַטיווע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע באַוועגונג, וואָס זאָל אַרומנעמען האַנטווערק, לאַנדווירטשאַפט, קליין־אינדוסטריע, בילדונג, גייסטיקע אַרבעט. פּאָליטיש: צונויפבינדן די דאָזיקע שיכטן מיטן ראַדי־קאַלן קאַמף פון די אַרבעטער. גייסטיק: אויפוועקן און שטאַרקן דעם פרייען, שטאָלצן און סאָציאַלן מענטשן אין דעם אונטערדריקטן יידן, אָפּשיידנדיק אים פון דער גאַנצער בירגערלעכער וועלט. די דאָזיקע מאַסן וועלן נישט קומען לייזיק צו דער באַוועגונג: יעדער טייל פון זיי, יעדער באַזונדער צווייג וועט אַריינברענגען די געפילן און באַגריפן פון יושר, פון ווירדע, פון מענטשן־באַציונגען, פון גייסטי־קער פיין און בטחון, פון לעבנס־קלוגשאַפט, ווי ער האָט זיי אין דורות־לאַנגער דערפאַרונג אויסגעאַרבעט. און דער יידישער סאָציאַליזם וועט ווערן זאַפטיקער, פילזייטיקער, מענטשלעכער, אַז ער וועט אַריינזאַפּן אין זיך די אַלע דערפאַרונגען און זיי מוסיף זיין צו די ריין־פּראָלעטאַרישע. כדי אָבער די דאָזיקע גרויסע באַ־וועגונג זאָל נישט ווערן רעפאָרמיסטיש אַזוי ווי אומעטום, זי זאָל נישט אָפּנאַרן שפּעטער אויך דאָס יידישע פאָלק, — מוז זי האָבן אין זינען נישט נאָר די טעג־לעכע חיונה אַליין, מוז זי זיין באַגרינדעט און באַפליגלט פון דעם אומ־פאַרפעלשטן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אידעאַל און רצון. יעדער טאָג און יעדער שריט פון דער באַוועגונג מוז טראָגן אין זיך דעם אָפּשיין פון אַ סאָציאַליסטישן עולם הבא. יעדער האָרעפּאַשניק, וואָס שטעלט זיך אין דער סאָציאַליסטישער מחנה, מוז פילן, אַז ער איז מקדים מיט זיין קאַמף די צייט פון דער דערלייזונג. אַ פאָלק, וואָס האָט געטראָגן (און טראָגט נאָך איצט) אין זיך די האָפענונג אויף אַ משיח, אויף אַ מאָראַלישער וועלט־קאַטאַסטראָפע און דערלייזונג, וואָס האָט אין מיטן פון קרעמערישן הוהאַ אַריינגעשריבן די הערויִשע ווערטער „אף על פי שיתמהמה"... אַזאַ פאָלק קאָן פאַרבינדן זיינע טאָג־דאגות מיט אַ רעוואָלו־ציאָנערן אידעאַל. דעמאָלט וועט דער נישט־פּראָלעטאַרישער, אָבער האָרעפּאַשנער טייל פון יידישן פאָלק שטעלן זיך אין איין ליניע מיטן אַרבעטער־קלאַס. מיט אייגענע וועגן, אָבער צום גלייכן ציל וועלן זיי ביידע מאַרשירן.

מיר ווילן נישט בלייבן ביי טעאָרעטישע סברות. מיר קענען אָנווייזן שוין אויף וויכטיקע פאַקטן אין יידישן לעבן, וואָס פירן צו אַ ברייטערן באַזיס פון יידישן סאָציאַליזם. די פאַקטן זענען נאָך ווינציק, אָבער זיי זענען ס י מ פּ ט אָ מ ע ן פון אַ נייער אַנטוויקלונג. אין פּוילן הויבט זיך אָן צו בילדן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון ה אַ נ ט וו ע ר ק ע ר און כ אַ ל ו פּ נ י ק ע ס, און אויך דער „בונד" הויבט אָן שטיצן די באַוועגונג [1]. דעם 1־טן אָקטאָבער איז אין וואַרשע פאָרגעקומען דער ערשטער מיטינג, צונויפגערופן פון דעם ניי־געגרינדעטן סאָציאַליסטישן „האַנטווערקער־פאַריין". דער הויפּט־רעדנער פון די האַנטווערקער האָט אָנגעצייכנט זיין אויפגאַבע: „שוץ פון די אינטערעסן פון די אָרימע האַנטווערקער, קאַמף קעגן דעם בעל־גוף און אָפּנעמער־קאַפּיטאַליסט, האַנט ביי האַנט מיט דעם אַרבעטער־קלאַס, פאַר אַ נייער אָרדענונג". דער מיטינג איז פאַרהילכט געוואָרן פון אויסגעשרייען: „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!" אויף די וואַלן צו דער קראַנקן־קאַסע אין ווילנע האָט דער „בונד" אַרויסגעלאָזן אַ וואַלבלאַט, אין וועלכן ער האָט געשריבן, „אַז צווישן די יידישע אַרבעטסגעבער בילדן אַ גרויסן טייל אָרימע האַנטווערקער, קליינע הענדלער און קרעמער", וואָס זענען פאַרבינדעטע פון די אַרבעטער. „די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, בעלי־מלאכות און קליין־הענדלער מוזן אַרויסגעריסן ווערן פון דער השפּעה פון די גבירים און מיוחסים... די אַרבעטנדיקע צווישן די אַרבעטסגעבער דאַרפן און וועלן זיין מיט די אַרבעטער".

מיר זעען: דאָס איז שוין נישט מער קיין ריין־פּראָלעטאַרישע באַוועגונג. דאָס וועט ווערן אַ גוטער סימן פאַרן יידישן סאָציאַליזם נאָר בתנאַי, אויב אַ ריי באַדינגונגען וועלן ווערן דערפילט. דאָס אויפוואַכן פון האַנטווערקער זאָל נישט „א ו י ס ג ע נ ו צ ט ווערן פאַר דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג" ווי אַ הילפס־אַרמיי פאַרן אַרבעטער־קלאַס; נאָר דער האַנטווערקער זאָל ווי אַ זעלבסטשטענדיקער כוח מיט אַ ברייטן פאַרשטענדניש אַריינגעצויגן ווערן אין סאָציאַליזם. און נישט נאָר האַנטווערקער אַליין, אויך די אָרימסטע שיכטן פון קרעמער, פון דעקלאַסירטן לופטמענטש. די יוגנט פון אַנדערע „קלאַסן" מוז מען גייסטיק און עקאָנאָמיש

---

1) סוף חודש יולי פון דעם יאָר האָט אין דער „פאָלקס־צייטונג" (נומ. 155) געשריבן דער האַנטווערקער בן־יצחק: „און באמת — ווער איז אַזעלכער דער כאַלופּניק? אַ לוין־שקלאַף, פּונקט ווי דער אַרבעטער, און אָפטמאָל נאָך אין זייער אַ פאַרערגערטער אויפלאַגע; דער אַרבעטער האָט כאָטש באַוויזן אויסצוקעמפן פאַר זיך אין דער סאָציאַלער געזעצגעבונג אַ ריי באַוואָרענישן. דער האַנטווערקער־כאַלופּניק געניסט פון דעם אַלעם אויך נישט. דער אַרבעטער איז נאָך זיין אַרבעטסטאָג אַ מענטש, וואָס קומט אין זיין פּראָפעסיאָנעלע אָדער קולטורעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס לעבט זיך אויס אין אַ חברשער סביבה, — און אין דער זעלבער צייט זיצט דער כאַלופּניק צוגעשמידט צו זיין מאַשין, צו זיין וואַרשטאַטל און טראַכט אַפילו נישט וועגן אַזאַ לוקסוס. די לאַגע זיינע איז אָפטמאָל נאָך ביטערער ווי די לאַגע פון אַרבעטער". בן־יצחק זעט אויך דעם אויסוועג: „מען מוז בויען פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פון כאַלופּניקעס מיט אַ ר ב ע ט ס ל אָ ז ע אַ ר ב ע ט ע ר צוזאַמען. ווייל ס'איז אויסגעוואַקסן אַ כינעזישע וואַנט צווישן זיי. אין פאַרלויף פון יאָרן איז געפּערדיקט געוואָרן האָס צווישן די דאָזיקע צוויי סאָציאַלע גרופּעס". „די סאָציאַליסטישע האַנטווערקער זאָלן בויען אַ נייע געזונטע, אייגענע אָרגאַניזאַציע".

אריינציען אין קאמף און קאאפעראציע. איבער דער באוועגונג זאל אבער שוועבן נישט נאר דער פארומערטער געדאנק וועגן טאג־טעגלעכער חיי שעה אליין, נאר דער רעוואלוציאנערער גייסט פון זוכענישן, צעשטערונג און אויפבוי פון וועלטן.

מיר לעבן היינט אין א הערא:שן צייטאלטער. די צרות, וואס דריקן דאס פאלק, זענען געוואלטיק. די פארשלעפערונג פון גייסט דורך אויסערלעכע „דערגרייכע־נישן" איז נאך געוואלטיקער. נאר צוויי וועגן שיינען ארוים אין דעם היסטארישן בין־השמשות. ס'איז דא א וועג פון ס א צ י א ל ע ר צ ד ק ה, וועלכער טראגט קוים אין זיך דעם אנזאג פון א גרויסער מענטשלעכער צוקונפט. און ס'איז דא א וועג פון דעם טיפן ה ע ר א : ש ן ג י י ס ט, וועלכער מוז אוועקשטעלן זיך קעגן דער היינטיקער וועלט. אט דער גייסט, וואס פאסט נאר אליין צו אונדזער עפאכע, מוז געבארן ווערן אדער פארמירט ווערן אויך אין יידישן סאציאליזם. זאל זיך דער סאציאליזם אריינרייסן אויף דער יידישער גאס ווי א גליענדיקער שטורעמווינט, זאל אן עכטע ליכטיקייט פארגיסן פון אויבן ביז אראפ אלע ווינקעלעך פון דעם היינטיקן שווארצן טאג. אין דער מאטערניש, אין דער קאמף־לופט, אין דער הייסער האפענונג און מסירות־נפש וועט זיך אויפהייבן ווידער אמאל דער יידישער פאלקס־מענטש.

(„פרייע שריפטן", מאי 1927)

# יידנהאַס, קלאַסנהאַס, מענטשנהאַס

די לאַגע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אייראָפּע האָט זיך אין דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָר נאָך מער פאַרביטערט ווי פריער. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער בושעוועט אין דער גאַנצער וועלט, רייסט שטיקער פלייש פון דעם אַזוי אויך אויסגעדאַרטן יידישן פאָלקס־קערפּער. דער זעלבסטמאָרד פון דעם אין יאוש אַריינגעפאַלענעם יחיד פאַרוואַנדלט זיך אַלץ מער אין אַ *סאָציאַלער* דערשיינונג פון יידישן פאָלקס־לעבן. מען האָט ביז אַהער אַממייסטן גערעדט וועגן דער ביטערער לאַגע פון די יידן אין רומעניע, פוילן און קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. פאַר דער צייט האָט זיך דער פאַרניכטונג־שטורעם אַריינגעריסן אין לעטלאַנד, צום טייל אין ליטע, אין דייטשלאַנד, אויך אין פראַנקרייך און בעלגיע. דער יידישער קריזיס אונטערשיידט זיך פון דעם אַרומיקן וועלט־קריזיס דערמיט, וואָס זיינע „טרעגער" זעען פאַר זיך כמעט גאָר קיין אויסוועג נישט. דער ווירטשאַפטלעכער תהום קוקט אויף זיי מיט די בלינדע אויגן פון זיכערן אונטערגאַנג. עס איז נישט נויטיק צו ברענגען טאַבעלן מיט סטאַטיסטישע ציפערן, כדי צו שילדערן די אַריינגעבראָכענע נויט. ס'איז גענוג אַרויסצונעמען פון די בלעטער די איינצלנע דערשיטערנדיקע באַריכטן, כדי אַרויסצוזען פון זיי דעם אַלגעמיינעם גורל פון די מאַסן אין אַלע יידישע קבוצים פון דער וועלט.

„...ביי דער טראַמוויי־בודקע אויף מוראַנאָווער פּלאַץ האָט מען נעכטן ביי־טאָג געפונען אונטערגעוואָרפן 4 יידישע קינדער: דריי מיידלעך און איין יינגל. זיי זענען געווען האַלב נאַקעט און אַזוי אויסגעדאַרט, אַז ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויף זיי. אין דעם ברענענדיקן פראָסט זענען די קינדער געווען אָנגעטאָן אין... צונויפגענייטע זעק. פון הונגער האָבן זיי גענאָגט די פינגערלעך. זיי זענען דאָרט ביי דער בודקע אָפּגעשטאַנען אַ לענגערע צייט, ביז וואַנען מען איז דערגאַנגען, אַז זיי זענען דאָ איבערגעלאָזן געוואָרן דורך זייערע עלטערן. די קינדערלעך האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אָנגעבן זייער פאַמיליע־נאָמען און ווו די עלטערן וווינען. זיי האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס חיה 10 יאָר, גיטל 8 יאָר, רויזע 5 יאָר און ישראל 7 יאָר. די עלטערן וווינען אין פּאָוואָנזקער ראַיאָן אין אַ קעלער. די גאַס און נומער פון הויז ווייסן זיי נישט. דאָס עלטסטע שוועסטערל האָט דערציילט, אַז דער טאַטע און מאַמע פאַרדינען גאָרנישט שוין אַ לענגערע צייט. לעצטנס ליגט דער פאָטער קראַנק. די מוטער האָט שוין אַלץ פאַרזעצט צו האָבן אויף דער הוצאה.

הײנטיקע װאָך איז די לאַגע אין שטוב געװאָרן קאַטאַסטראָפאַל. ס׳איז נישט גע־װען מיט װאָס אײנצוהײצן. פאַרן אַרױספירן די קינדערלעך אויף דער גאַס, האָט די מאַמע זײ אױסגעטאָן די װעש און אױבערשטע מלבושים, װעלכע זי האָט אַװעק־געטראָגן צו פאַרקױפן, און זײ אָנגעטאָן אין די צונױפגענײטע זעק, רעכענענדיק אַפנים, אַז אין אַנשטאַלט, װוּהין מען װעט זײ אָפפירן, װעט מען זײ סײ־װי־סײ געבן פרישע װעש און מלבושים. פאַרן אַװעקפירן די קינדער האָבן די עלטערן מיט זײ זיך געזעגנט און שטאַרק געװײנט, צוזאָגנדיק די קינדער, אַז דאָרט, װוּ זײ װעלן איצט אָנקומען, װעלן זײ כאָטש זײן אָפּגעהיט פון נױט און קעלט. די 4 קינדער־לעך זענען אָפּגעפירט געװאָרן אין קינדערהײם אויף ישוו. יערסקע...״

„...מיטװאָך האַלב 1 בײנאַכט האָבן דורכגײער אויף גענשע גאַס באַמערקט ליגן צונױפגעקאָרטשעט אויף אַ טרעפּל פון אַ געװעלב פאַרן הױז נומער 4 אַן אומבאַקאַנטע פרוי. זי האָט געקרעכצט און געװײנט. עטלעכע דורכגײער האָבן זיך פאַרינטערעסירט מיטן גורל פון דער אומבאַקאַנטער פרוי און פעסטגעשטעלט, אַז זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אױסטרינקענדיק אַ גרעסערע דאָזע יאָדינע. די אַרױסגערופענע „גיכע הילף״ האָט די זעלבסטמערדערן אָפּגעפירט אין יידישן שפיטאָל. זי האָט זיך אַרױסגעװיזן װי די 23־יאָריקע נאָדל־אַרבעטאָרן באַשאַ לאַסקאַ פון פאַלעניץ. זי איז געװען דערשעפּט פון הונגער און נױט. אַ גאַנצע װאָך האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט איבער װאַרשע, זוכנדיק אַרבעט. מיטװאָך אַ גאַנ־צן טאָג האָט זי גאָרנישט געהאַט אין איר מויל. זי האָט געװאָלט צוריקפאָרן אַהײם קײן פאַלעניץ, האָט זי נישט געהאַט אויף קײן רײזע־הוצאות. חברטעס און חברים, פרײנט און באַקאַנטע, צו װעמען זי האָט זיך געװענדט נאָך הילף, האָבן איר נישט געװאָלט, צי נישט געװען בכוח צו העלפן. זי איז דעריבער געװען געצװוּנגען אױס־צושטרעקן די האַנט נאָך נדבות. זי האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער נאַלעװקי און מי־לע און געבעטלט נדבות, כדי צו האָבן אויף רײזע־הוצאות קײן פאַלעניץ. קוים 30 גראָשן האָט זי אין משך פון אַ גאַנצן אָװנט צונױפגעקליבן. דערמיט האָט זי קײן באַן בילעט נישט געקאָנט אױסקױפן. װוּ איבערצונעכטיקן אין װאַרשע, האָט זי אויך נישט געהאַט פאַר דעם געלט, איז זי אַװעק אין דער אַפטײק, דאָרט געקױפט אַ פלעשעלע יאָדינע און עס אױסגעטרונקען...״

„...מאָנטיק 11 בײנאַכט איז דער 20־יאָריקער אַרבעטסלאָזער יעקב מלינקעװיטש געקומען אַהײם, טשעפּלע 6. דער ייִנגערער ברודער, װעלכער אַרבעט יאָ, האָט נישט געװאָלט אים אַרײנלאָזן, טענהנדיק, אַז ער איז נישט בכוח אים, דעם אַרבעטסלאָזן, געבן צו עסן. מלינקעװיטש האָט זיך מיט כוח אַרײנגעריסן אין שטוב אַרײן און געװאָלט נעמען עפּעס עסן. דער ברודער איז אים באַפאַלן מיט אַ מעסער און אים אַרײנגעשטאָכן אין האַלדז אַרײן. אין אַ שװערן צושטאַנד האָט מען מלינקעװיטשן אָפּגעפירט אין יידישן שפיטאָל...״ 1).

װאָס קאָן מען צוגעבן צו אָט די בילדער, װוּ די מענטשלעכע פּײן און די זע־

---

1) זע די „נײע פאָלקס־צײטונג״, די נומערן פון 29־טן יאַנואַר, 3־טן און 10־טן פעברואַר 1932.

לישע דערנידערונג איז דערגאַנגען ביז צו דער לעצטער מדרגה, ווו די פּיין גייט אַריבער אין פאַרצווייפלונג און גרויזאַמקייט קעגן זיך און קעגן אַלעמען? די פאַרצווייפלונג און גרויזאַמקייט לויערט אויפן יידישן האָרעפּאַשניק אין אַלע גאַסן, אין אַלע שטיבער, אין אַלע רעגירונגס־אינסטאַנצן.

אָבער די עקאָנאָמישע נויט האָט זיך אין דער לעצטער צייט פאַרבונדן נאָך מיט פּ י ז י ש ע געפאַרן פאַר דעם יידישן פאָלקס־מענטש. אין אַ גאַנץ אַנדערער היסטאָרישער סיטואַציע, ווי אין דער עפּאָכע פון אַ מלך אחשורוש, קאָנען די יידישע מאַסן היינט ווידער זאָגן די ווערטער: „אלו לעבדים ולשפחות נמכרנו החרשתי"... די געפאַר פון פּאָגראָמען, וועלכע איז ערשט מיט אַ צען יאָר צוריק אָפּגעשטופּט געוואָרן פון דער יידישער פאָלקס־געשיכטע, האָט זיך ווידער גענומען באַווייזן אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט. אין בערלין און אין ווין שלאָגט מען סיסטעמאַטיש יידישע סטודענטן; אין בודאַפּעשט און אין פּראָג בויט מען קעגן זיי ווענט פון באַגרענעצונגען. אין וואַרשע הויבט זיך עס אָן מיט פאַרערונגען פון מתים און עס גייט אַריבער אויף די לעבעדיקע. פון די ענגע זאַלן פון „וויסנשאַפטלעכער" פאָרשונג גיסט זיך די כוואַליע אַריבער אין די גאַסן און געסלעך, ווו די יידישע אָרעמקייט שטיקט זיך אין צער און נויט. די שטאָט ווילנע ווערט שוין דער שויפלאַץ פון גיפטיקער פעלקער־שנאה, פון שלעגעריי און קרבנות, פון זעלבסטשוץ און פּראָצעסן. די שטאָט מיט דער גרויסער היסטאָרישער טראַדיציע, ווילנע, זעט זיך פלוצים ווידער אַריינגעפלאָכטן אין דער אייזערנער קייט פון יידישע רדיפות און יסורים. די געשעענישן קומען פאָר און רופן נ י ש ט אַרויס דעם שטורעמדיקן פּראָטעסט פון דער אַרומיקער סביבה.

דער פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט קאָטאַרבינסקי 1) האָט געפונען אפילו ווערטער, וועלכע אָטעמען מיט פּראָטעסט און אַנטריסטונג: „מען האָט באַנייט די לעקציעס אין די אַקאַדעמישע שולן. מען האָט צוריק אָנגעבונדן די אָפּגעריסענע פעדים. אָבער — גענוג אילוזיעס! אין די נשמות שטעקט שטאַרק די שנאה, דער פּראָדוקט פון דער מאַסן־באַליידיקונג... נישט נאָר די הערן ווען מוזן די הענט וואַשן, די קליידער וואַשן, אויך די פריילנס. ווו איז די העלדישע אַמאַזאָנקע, וועלכע האָט דעם 6־טן, עפּענענדיק אויף דער גאַנצער ברייט דאָס פענצטער, געשריגן מיט איר הויכן סאָפּראַן: „שלאָגט די יידן"? ווו איז די צוקונפטיקע סאַמאַריטאַנקע, וועלכע האָט דערלאַנגט איר חבר שטיינער פון ברוק, כדי צו פאַרשטיינערן אירע חברים? ווו איז די געוויסנהאַפטיקע אַרבעטאָרן, וועלכע האָט געשריגן „דער האָט נאָך נישט באַקומען", ווען מען האָט געשלאָגן אַ דורכגייער מיט אַן אָנזעעוודיקער נאָז און מען האָט נישט געטשעפּעט זיין חבר, וועלכער האָט געהאַט אַ נייטראַל פּנים?" פּראָפעסאָר קאָטאַרבינסקי אַפּעלירט צו דער פּוילישער יוגנט, אַז עס זאָלן מער נישט זיין קיין געשלאָגענע און שלאָגערס, „אויב מיר ווילן נישט ווייטער פאַלן צו דער מדרגה פון הינט און קעץ".

---

1) אין פּוילישן זשורנאַל „ראַציאָנאַליסטאַ", אין זיין אַרטיקל „נאָכן שטורעם".

אָבער ווי וויניק אַנדערע שטימען פון קלאָרער איבערצייגונג און ווי נאָך ווייניקער טאַטן האָבן זיך אָנגערופן אויף דער פּאָגראָם־אַטמאָספער און דעם וואַקסנדיקן מענטשן־ און פעלקער־האַס! ווי גלייכגילטיק שטייען לפּנים פון די דאָזיקע געשעענישן פּוילישע, דייטשישע, עסטרייכישע סאָציאַליסטן. די איינע, וועלכע זענען אויף לעבן און טויט צונויפגעוואַקסן מיט זייער פּאַטערלאַנד און מלוכה, זענען גרייט אָפּצוּווענדן זיך פון דעם יידן־קאַמפּלעקס צוליב זייערע פּאַטריאָטישע אינטערעסן. די אַנדערע, וועלכע האָבן אין זינען די וועלט־רעוואָלוציע מיט דער דיקטאַטור פון קאָמוניסטישע פירער, בלייבן שטיין אָן אַ זייט פון דער יידישער טראַגיק צוליב זייערע „רעוואָלוציאָנערע” אינטערעסן. די מיליאָניקע מאַסן פון יידישן פאָלק זעען זיך נישט נאָר גערודפט, נאָר אויך פּאַראיינזאַמט, פּאַרלאָזן פון אַלע בלומרשט־פּראָגרעסיווע כוחות פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. אין דעם גלאַנץ־פּעריאָד פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, נאָכן אויפקום פון די ראַדיקאַלסטע סאָציאַלע אידעען און באַוועגונגען, נאָך דעם האַרטן מוסר־השכּל פון דעם וועלטקריג, — שפּריצט אין בלוטיקט דער אַנטיסעמיטיזם מיט דער זעלביקער „פרישקייט”, ווי אין די פינצטערסטע צייטן פון עבר. דער יידישער מענטש זעט, ווי מען פּליט אַרום שטאָלץ אין דער לופטן, ווי מען שווימט אונטער די טיפסטע וואַסערן, ווי מען רעדט זיך דורך מיט די ווייטסטע קאָנטינענטן, — און בנוגע אים לעבט אויף ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק דאָס היהשע פּנים פון אַנטיסעמיטישער שנאה. וואָס איז דער וווּנדער, אַז יאוש־געפילן און צערודערונג פון די מוחות נעמען אַרום אַלץ מער די מאַסן, באַזונדערס די יידישע יוגנט?

צי האָט גאָר די יידישע געשיכטע בכלל אַ וועלכן נישט איז זינען און אַ ליכטיקן אויסבליק אין דער צוקונפט?

## פונוואַנען דער אַנטיסעמיטיזם?

מיר מוזן ווידעראַמאָל שטעלן פאַר זיך די פראַגע: וווּ ליגט די טיפערע סיבה פון אַנטיסעמיטיזם, פון זיין זיך שטענדיק באַנייענדיקן כוח און שווּנג? מיר טאָרן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון די אויבנזיפּיקע דערקלערונגען, אַפילו בעת זיי קלינגען זייער וויסנשאַפטלעך. די איינציקע דערקלערונג, וועלכע עס גיבן היינט־צו־טאָג די מייסטע סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען, איז אַן עקאָנאָמישע. מען דערמאָנט דאָס באַקאַנטע וואָרט פון אויגוסט בעבעל: „אַנטיסעמיטיזם דאָס איז דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים” — און מען איז באַפרידיקט. בעבעל און די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן גענומען אַ שטעלונג צו דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט בעת דעם דייטשישן ווירטשאַפטלעכן קריזיס פון 1873. האָבן זיי דערקלערט דעם דייטשישן הענדלער און האַנטווערקער, אַז נישט דער יידישער קאַפּיטאַליסט איז שולדיק אין זייער נויט, נאָר דער קאַפּיטאַליזם אַלס אַ סיסטעם. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיט

דער אויפקלערונג פון די עקאנאמישע סיבות וועלן זיי דעם אנטיסעמיטישן נאר ארויספירן אויף דעם ריכטיקן סאציאלן וועג [1].

פונקט אזוי ווערט דערקלערט דער יידן־האס אויך היינט־צו־טאג. מען פאסט אים אויף, ווי דעם אויסדרוק פון דער עקאנאמישער קאנקורענץ צווישן די גלייכארטיקע יידישע און נישט־יידישע שיכטן אין א דייטשלאנד, פוילן א. א. וו. מען באווייזט היסטאריש, אז יעדעסמאל, ווען א טייל פויערישע באפעלקערונג דרינגט אריין אין שטאט, צו די שטאטישע פרנסות, שטויסט זי זיך אן יידן, וועלכע האבן שוין פארנומען די באטרעפנדיקע בארופן. דער אנטיסעמיטיזם איז דעמאלט נישט אנדערש ווי א שטיק קלאסן־קאמף. דער יידן־האס ווערט אויך באנוצט דורך די הערשנדיקע קלאסן; בשעת זיי ווילן אפווענדן דעם בליק פון זייערע אונטערדריקטע מאסן אין א פאלשער ריכטונג. בעת דער פריץ, דער קאפיטאליסט, דער מלוכה־מאן העצט אויף זיינע הארעפאשניקעס קעגן די יידן, פירט ער — אומדירעקט — אויך זיין קלאסן־קאמף. פון אזא דערקלערונג שטאמט אויך דער איינציקער אויספיר צו ארגאניזירן דעם קאמף קעגן דעם אלגעמיינעם סיסטעם פון קאפיטאליזם.

איז די דאזיקע טעאריע ריכטיק און גענוגנדיק?

זי איז ריכטיק, אבער נישט גענוגנדיק. ווייל זי מישט צונויף דעם אויסערלעכן טעם פון דער דערשיינונג מיט איר טיפערער סיבה. דאס פאסירט אין דעם פארפלאנטערטן סאציאלן לעבן זייער אפט. לאמיר נעמען אלס משל דעם רוסישן פויער פון דער צארישער צייט, וועלכער פלעגט אזוי אפט שלאגן אן רחמנות זיין פרוי. אויך דא האט מען געזוכט די סיבה און מען האט זי ארויסגעפונען אין די גרויזאמע עקאנאמישע באדינגונגען פון פויערשן לעבן אין דארף. נישט די אכזריות פון פויער — האט מען דערקלערט — שלאגט די אומשולדיקע הארעפאשניצע־פרוי, נאר די ארעמקייט זיינע, דער ביטערער עלנט און אומעט. איז די דערקלערונג געווען ריכטיק? אוודאי. אבער זי האט נישט געגעבן קיין ענטפער אויף דער פראגע: פארוואס האט דער פויער געשלאגן דווקא די פרוי?... ער האט זיך

---

1) ס'איז אבער כדאי צו ברענגען דא א טייל פון דער רעזאלוציע, וועלכע איז אנגענומען געווארן לויטן פארשלאג פון בעבעלן אויף דעם סאציאל־דעמאקראטישן קאנגרעס אין קעלן (1893): „דער איינזייטיקער קאמף פון אנטיסעמיטיזם קעגן דער יידישער עקספלואטאציע מוז נויטווענדיקערהייט זיין דערפאלגלאז, ווייל די עקספלואטאציע פון מענטשן איז נישט קיין ספעציעל יידישע דערוואָרב־פארעם, נאר אזא, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר דער בירגערלעכער געזעלשאפט און וועט מיט איר צוזאמען אונטערגיין. די סאציאל־דעמאקראטיע באקעמפט דעם אנטיסעמיטיזם. די דאזיקע באוועגונג ווירקט אבער סוף־כל־סוף רעוואלוציאנער, טראץ איר רעאקציאנערן כאראקטער און קעגן איר אייגענעם ווילן, ווייל די קליינבירגערלעכע און קליינפויערלעכע שיכטן וועלכע ווערן אויפגעהעצט דורך דעם אנטיסעמיטיזם קעגן די יידישע קאפיטאליסטן, מוזן קומען צו דער דערקענטעניש, אז זייער שונא איז נישט נאר דער יידישער קאפיטאליסט, נאר דער קאפיטאליסטן־קלאס בכלל און אז נאר דער סאציאליזם קאן זיי באפרייען".

אויך די היינטיקע דייטשישע קאמוניסטן שטעלן זיך אפט אפ אויף דעם וועג פון פראפאגאנדע. — יא, (זאגן זיי צו די פאשיסטישע צוהערער), א יידישן קאפיטאליסט דארף מען טאקע הענגען, אבער הענגען דערביי אויך א פאר קריסטלעכע קאפיטאליסטן! — ס'איז נישט שווער פארצושטעלן זיך, וואס עס קאן ארויסקומען פון אזא מיר „אידעאלאגישער" איינשטעלונג.

דערוואַגט זי צו שלאָגן — און אַלע שכנים אַרום האָבן דערביי געשוויגן — דערפאַר, ווייל אין דער צאַריש־פּריצישער געזעלשאַפט האָט געהערשט נישט נאָר די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטס־מענטש, נאָר אויך — פון מאַן איבער פרוי. דער עבד נכנע פאַרן פּריץ און טשינאָווניק, איז אָבער דער פּויער געווען גלייכצייטיק ביי זיך אין דער היים דער באַלעבאָס איבער זיין ווייב. און כדי צו באַקעמפן אָט די צווייטע אַרט עקספּלואַטאַציע, איז שוין נישט גענוג נאָר קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם אַליין. וואָרום אויב מען פירט נישט קיין ספּעציעלן קאַמף קעגן דער פרויען־שקלאַפעריי אין דער מענער־געזעלשאַפט, וועט אָט די שקלאַפעריי פאַרבלייבן אויך ביי דעם בעסטן סאָציאַלן סדר. וואָרום אויך היינט־צו־טאָג ווערט די פרוי געשלאָגן (נישט דווקא פיזיש) אָפטמאָל אפילו אין יענע פאַמיליעס פון פּויערים, אַרבעטער און אינטעלעקטועלע, ווו ס'איז נישטאָ דער שמייסנדיקער בייטש פון אָרעמקייט. ס'איז קלאָר: דער פּויער האָט דעמאָלט געפייניקט נישט נאָר צוליב עקאָנאָמישע סיבות אַליין. די עקאָנאָמיק איז געווען דער שטויס און דער צוואַנג; די עבֿדות פון דער פרוי איז אָבער געווען די סיבה און דער יסוד.

נישט אַנדערש איז עס מיט דעם יידן־האַס. געוויס איז זיין נענטערע סיבה די עקאָנאָמיק. בעת די נישט־יידישע פאָלקס־שיכטן לעבן זיך ווירטשאַפטלעך שלעכט, בעת עס כאַפּט זיי אָן פאַרן גאָרגל אַן עקאָנאָמישער קריזיס, דעמאָלט זענען זיי גרייט אַרויפצוואַרפן זיך מיטן גאַנצן כוח פון זייער סאָציאַלן כעס אויף די יידן. אָבער די פראַגע איז: פאַרוואָס שטענדיק און אומעטום דווקא אויף יידן? ס'איז באַצייכענענדיק, אַז די שפּאַנונגען פון עקאָנאָמישער אַרט צווישן יידן און נישט־יידן קומען פאָר אויף אַלע געביטן און אין אַלע שיכטן פון סאָציאַלן אָרגאַניזם. מיר האָבן אויבן דערמאָנט דעם צוזאַמענשטויס פון די פּויערשע עלעמענטן מיט די איינגעפונדעוועטע יידישע באַרופן אין שטאָט. אָבער דער פלאַך פון די צוזאַמענשטויסן איז אַ סך ברייטער און אוניווערסאַלער. ס'איז באַקאַנט דער אַנטיסעמיטישער קאַמף אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך פון דער נייערער צייט קעגן דעם יידישן גרויס־קאַפּיטאַל און פינאַנץ, קעגן „די ראָטשילדס". דער דייטשישער פאַשיזם אַרבעט נאָך איצט מיט דעם אַרגומענט, און נישט נאָר דער דייטשישער פאַשיזם. די רעאַקציאָנערע פּרעסע אין ענגלאַנד וואַרפט זיך גראָד איצט אַרויף אויף די „לאָנדאָנער דייטשישע באַנקירן" (געמיינט יידן) און באַשולדיקט זיי מיט אַזאַ לשון: זיי האָבן אין ענגלאַנד דערוואָרבן גרויסע פאַרמעגנס, קימערן זיך נאָר וועגן זייער געלט און זייער אַלטן פאָטערלאַנד דייטשלאַנד און האָבן ליידער אַן אומגעהויערן איינפלוס. זיי האָבן פאַר, בעת און נאָך דער מלחמה כסדר געהאַנדלט און אינטריגירט לטובת דייטשלאַנדס אינטערעסן, זיי האָבן איצט פאַרכאַפּט די פינאַנץ, די פּובליציסטיק, די רעגירונג און די געזעלשאַפט". — אין מיטלאַלטער, ביי דעם איבערגאַנג פון נאַטור־ווירטשאַפט צו געלט־ווירטשאַפט אין אַלטן רוסלאַנד, אין היינטיקן פּוילן טרעט אויף דער אַנטיסעמיטיזם שוין קעגן די יידישע האַנטווערקער, הענדלער, געלט־פאַרמיטלער, בכלל קעגן קליינבירגערטום. — אין ראַטנרוסלאַנד זעען מיר עלעמענטן פון אַנטיסעמיטישער קאַנ־

קורענץ געווענדעט שוין קעגן ייִדישן אַרבעטער, פּויער, באַאַמטן. (אגב, איז אַזאַ קאָנקורענץ קעגן ייִדישע אַרבעטער בולט אַרויסגעטרעטן אין אַמאָליקן לאָדזש, בעת קריסטלעכע אַרבעטער האָבן נישט געוואָלט צולאָזן ייִדן צו די וועבערייען). און אַ פֿײַנטלעכער קאַמף קעגן ייִדן, וועלכע פֿאַרנעמען פּאָזיציעס אין ליבע־ראַלע באַרופֿן, ברענט היינט־צו־טאָג אין דייטשלאַנד, אין פּוילן, אין אַמעריקע.

אָט די דאָזיקע גרייטשאַפֿט פֿון אַלע סאָציאַלע שיכטן, אין אַלע לענדער, אין אַלע צייטן, ביי אַלע היסטאָרישע סיטואַציעס צו ווענדן זיך מיט דער גרעסטער שאַרפֿקייט דווקא קעגן דער ייִדישער קאָנקורענץ, באַווייזט, אַז „דער ייִד" איז אייגנטלעך נאָר אַ שעיר לעזאָזל. די שינאה צו אים האָט שוין געמוזט זיין פֿריִער, איידער ס'איז געקומען דער עקאָנאָמישער שטויס, כדי מען זאָל האָבן דעם מוט בסדר אויף אים אַרויפֿצוואַרפֿן די שולד פֿאַר יעדער ווירטשאַפֿטלעכער צרה. — מען דאַרף זיך אויך דערמאָנען, אַז נישט נאָר ביי עקאָנאָמישע קריזיסן, אויך ביי יעדער אַרט פֿון פֿאַרדרוסן אָדער מפּלות וואַרפֿט מען אָפּט אַרויף די שולד אויף די ייִדן: אַזוי איז עס ביי די מפּלות, וועלכע פֿאַרשיידענע מלוכות האָבן געליטן אין קריג, אַזוי איז עס ביי פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטס־, קונסט־ און ספּאָרט־פֿאַר־אַנשטאַלטונגען, ווו עס האַנדלט זיך וועגן גייסטיקע דערגרייכונגען, נישט וועגן ריין־עקאָנאָמישן כוח. עס איז קלאָר: עס מוז זיין אַ טיפֿערע סיבה פֿון ייִדן־האַס, ווי נאָר די ווירטשאַפֿטלעכע סיבות אַליין.

* * *

מען האָט נישט איינמאָל געפּרוווט אין דער ליטעראַטור אָנצווייזן אויף אָט דער גרונט־סיבה. „דער ייִד איז בטבע אַ סוחר, הענדלער, אַ שווינדלער" — האָבן געטענהט אַנטיסעמיטן, אָבער אויך אייניקע דענקנדיקע מענטשן פֿון ייִדישן פֿאָלק גופֿא. פֿון אָט דער „קרעמערישער נאַטור" פֿון דעם ייִד האָט מען אַרויסגע־פֿירט אַלע זיינע חסרונות, וועלכע פֿאַרדאַרבן דאָס כלומרשט־מסודרדיקע און האַר־מאָנישע לעבן פֿון די נישט־ייִדישע פֿעלקער און מלוכות. אָנשטאָט צופֿיל ציטאַטן וועט אפֿשר זיין גענוג צו דערמאָנען, למשל, די שילדערונג, וועלכע קאַרל מאַרקס האָט געגעבן וועגן דעם „יודענטום" אין אַן אַרטיקל פֿון יאָר 1843: „וואָס איז דער וועלטלעכער גרונט פֿון ייִדנטום? דאָס פּראַקטישע באַדערפֿעניש, דער אייגענער נוצן. וואָס איז דער וועלטלעכער קולט פֿון דעם ייִד? דער שאַכער. וואָס איז ביי אים דער וועלטלעכער גאָט? דאָס געלט". מאַרקס האָט געזען פֿאַר זיך נאָר איין טייל פֿון דעם מערב־אייראָפּעיִשן ייִדנטום (די „ראָטשילדס"). אויף דעם סמך האָט ער דיאַלעקטיש פֿאַרשפּיצט זייער כאַראַקטעריסטיק, אָבער זיינע ווערטער זיינען געבליבן שטעקן אין דעם מאַרקסיסטישן באַוווסטזיין פֿון זיינע תלמידים. — וועגן דער קרעמערישער, „מאַטעריאַליסטישער" נאַטור פֿון דעם ייִד הערט מען נישט אויף צו שרייבן און צו העצן עד היום. דערביי פֿאַרגעסט מען לחלוטין, אַז דער ייִדישער פֿאָלקס־מענטש איז אין די דורות געצוווּנגען געוואָרן אָפּצוגעבן זיך

אזויפיל מיט מיסחר. ש. דובנאָוו ברענגט אין זיין געשיכטע 1) אַן אויספירלעכן דאָקומענט, געשריבן פון אַ קריסטלעכן פּרייסישן ליבעראַלן באַאמטן, דאָס, וועגן דער יידישער לאַגע אין יאָר 1781. „מען לייגט אַרויף אויף דעם ייד, — האָט ער געשריבן, — די פאַרשיידנסטע שטייערן, דערביי אָבער זענען ביז גאָר באַגרענעצט זיינע הכנסה־קוועלן. די וויכטיקסטע באַשעפטיקונג — לאַנדווירטשאַפט — איז אים אומעטום פאַרבאָטן. כמעט אין ערגעץ קאָן ער נישט דערווערבן אויף זיין נאָמען אַ שטיקל נחלה. יעטוועדער צעך פון האַנטווערקער וואָלט עס געהאַלטן אונטער זיין כבוד אַריינצונעמען צו זיך אַ ייד. דערפאַר זענען די יידן כמעט אין אַלע לענדער אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון האַנטווערק־אַרבעט און מעכאַנישע קונסטן. נאָר די זעלטענע טאַלענטן פאַרמאָגן נאָך ביי אַזעלכע אומשטענדן מוט און לעבנס־לוסט, כדי זיך צו ווידמען דער שיינער קונסט אָדער דער וויסנשאַפט. אַט דער אומגליקלעכער מענטש — וועלכער באַזיצט נישט קיין פאָטערלאַנד, וואָס זיין טעטיקייט איז אומעטום געפּענטעט, וואָס קאָן אין ערגעץ נישט פריי אויסניצן זיינע טאַלענטן — האָט נישט קיין אַנדער וועג אויף צו פאַרדינען צום לעבן, ווי נאָר ה אַ נ ד ל. אָבער אויך די פרנסה איז באַלאַסטעט מיט אַזויפיל שטייערן, אַז נאָר ווייניקע פון דער נאַציע זענען ביכולת צו פירן אַ גרויסן האַנדל. זיי זענען אַלזאָ באַגרענעצט מיט אַ זייער קליינעם דעטאַל־האַנדל, דורך וועלכן מען קאָן זיך פאַרשאַפן אַ קבצניש לעבן, אָדער מען איז געצוווּנגען דאָס געלט, וואָס מען קאָן נישט אַליין באַנוצן, אָפּצוגעבן אַלס הלוואות צו אַנדערע". ווער ווייס נישט, אַז אויך אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען די יידישע באַפעלקערונג ג ע צ וו ו נ ג ע ן צו לעבן נישט נאָר אין אַ געאָגראַפישן, נאָר אויך אין אַ באַרופלעך־סאָציאַלן תחום המושב? עס ליגט אַ היסטאָרישע צביעות אין דעם, וואָס מען וואַרפט־אויף דעם יידישן פאָלקסמענטש די קרעמערישקייט, וועלכע מען האָט אים מיט געוואַלט אַליין אַרויפגעצוווּנגען. ניין, די „קרעמערישקייט" איז נישט די גרונט־סיבה פון יידן־האַס, באַזונדערס ווען די נישט־יידישע וועלט האָט שוין געזען מיליאָנען יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין אַ ל ע געביטן פון דער מענטשלעכער פּראַצע.

## „דער אונטערגאַנג פון יידנטום"

מיט אייניקע חדשים צוריק איז אין דייטשלאַנד דערשינען אַ בוך מיטן שרייענדיקן קעפּל: „דער אונטערגאַנג פון יידנטום". דער מחבר, אָטאָ העלער, איז אַ דייטשישער קאָמוניסט — אַ ייד (נישט קיין יידישער קאָמוניסט). העלער פאַרמעסט זיך צו דערקלערן דעם אייגנאַרטיקן גורל פון דער יידישער געשיכטע. אָבער דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער יידישער פּראַגע אין משך פון יאָר־טויזנטער קוועטשט ער אַריין אין דעם סדום־בעטל פון אַ וווּלגאַרער עקאָנאָמישער טעאָריע. די יידישע נאַציע האָט געליטן נאָר צוליב איין סאָציאַלן טעם: ווייל זי איז געווען שטענדיק

1) באַנד VIII פון דער דייטשישער אויסגאַבע, ז. 17.

און אומעטום אַ ה ע נ ד ל ע ר־נאַציע... העלער גייט ווייטער: ייִדן זענען פאַר אים בכלל גאָר קיין נאַציע נישט. ווייל נאַציע איז — לויט דער „קלאַסישער" פאָרמולירונג פון סטאַלינען — דווקא אַזאַ געמיינשאַפט, וועלכע באַזיצט סיי שפּראַך, סיי טעריטאָריע, סיי אַן אייגן עקאָנאָמיש לעבן, סיי אַן אייגענע קולטור. ייִדן האָבן נישט קיין טעריטאָריע, — זענען זיי נישט קיין נאַציע, זיי טראָגן נאָר מיט זיך אַרום „רעשטלעך פון נאַציאָנאַליטעט". וואָס זענען זיי אָבער דאָך אַלס געמיינשאַפט? זיי זענען אַ סאָציאַלע ק אַ ס ט ע פון הענדלער. „ווו נאָר ייִדן האָבן געלעבט אין די כמעט צוויי טויזנט יאָר, האָבן זיי געשפּילט די געשיכטלעכע ראָלע פון אַ באַשטימטער קאַסטע. פון אַ נאַציע האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַסטע, אין אַ באַפעלקערונג־גרופּע מיט אַ באַשטימטער און ענג־באַגרענעצטער סאָציאַלער פונקציע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער גרופּע און גייט ביי איר איבער בירושה פון דור צו דור". פאַרוואָס זענען דווקא ייִדן געוואָרן אַ קאַסטע? ווייל שוין פון אָנהייב־אָן פון זייער געשיכטע זענען זיי געווען היפּעטזעכלעך סוחרים. אַלס נאָמאַדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין כנען, זענען זיי שוין געווען קויפלייט. דאָס לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן זיך באַזעצט, איז געווען אַ דורכגאַנג־וועג פאַר די גרויסע סוחרישע קאַראַוואַנען. דאָס פאָלק ישראל האָט גוט פאַרדינט ביי אָט דעם צווישנהאַנדל און האָט זיך ספּעציאַליזירט לדורות אויף דעם דאָזיקן געביט. שוין פאַר דער ענדגילטיקער צעשטערונג פון דער ייִדישער מלוכה האָבן זיך די ייִדן צעשאָטן איבער דער גאַנצער וועלט און אומעטום געפירט האַנדל אין ברייטן פאַרנעם. זיי האָבן אויפגעהערט דעמאָלט צו זיין אַ נאַציע, דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך קריסטאַליזירט אין אַ האַנדלס־קאַסטע. כדי זיך אַמבעסטן צוזאַמענצוהאַלטן, האָט די דאָזיקע קאַסטע זיך פעסט אַרום־געבונדן מיט דער ייִדישער ר ע ל י ג י ע. „די ייִדן האָבן אין דער באַזונדערער רעליגיעזער געשטאַלטונג פון זייער נאַציאָנאַליטעט געזען דאָס מיטל פון זייער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער זעלבסטדערהאַלטונג... פון דער אַסימילאַציע האָבן זיי זיך באַוואָרנט אַ דאַנק זייער סאָציאַלער (האַנדלס־) פונקציע און דער רעליגיע". אָט אַזוי זענען זיי דורכגעגאַנגען די יאָרטויזנטער. דורך דעם אַליין דערקלערן זיך אַלע רדיפות, וועלכע זיי האָבן איבערגעלעבט. אין דער עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אָבער, בעת די סוחרים־קאַסטע ווערט בכלל פאַר־ניכטעט, וועט אויך אויסגעלאָשן ווערן די ייִדישע פראַגע...

די דאָזיקע „טעאָריע" פון העלערן איז נישט מער ווי אַ גוזמאדיקע פאַרברייטערונג אויפן גאַנצן שטח פון דער ייִדישער וועלט־געשיכטע פון די פאָר געדאַנקען, וועלכע מאַרקס האָט אָן שום גרונט אַרויסגעזאָגט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק (1843). די גאַנצע טעאָריע איז פאַלש פון אָנהייב ביזן סוף. עס איז נישט ריכטיק, אַז דער ווירטשאַפטלעכער געבוי פון אַלטן ישראל איז געווען באַזירט אויף מיסחר (און דאָס האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל אויף דער גאַנצער ווייטערדיקער ייִדישער געשיכטע). וואָלט עס געווען אַזוי, וואָלטן די אומצייליקע ביכער און דאָקומענטן פון דער דעמאָלטיקער ייִדישער קולטור געזאָגט עדות אויף

דעם. ס'איז אָבער באַקאַנט, אַז דער געוואַלטיקער יוריסטישער מאַטעריאַל, וועלכער איז אויפגעשפּייכערט פאַר פּולע יאָרהונדערטער אין דער מישנה און גמרא, האָט אַ בערך גאָר קליין אָרט אָפּגעגעבן די פראַגן פון מיסחר. אויף דעם ברייטן געביט פון ציוויל־רעכט, פון די מאַטעריעלע שייכותן צווישן מענטשן, האָט מען זיך דאָרטן אַממייסטן פאַרנומען מיט פראַגן פון לאַנדווירטשאַפט, פון מלאכה, פון שוואַרצער און קוואַליפיצירטער אַרבעט. „שוין דער פאַקט, וואָס מיר געפינען צווישן די תנאים און אמורים אַ גרויסע צאָל בעל־מלאכות (ווי, למשל, הלל, יוחנן הסנדלר, יצחק נפחא), באַווייזט, ווי פאַרשפּרייט די מלאכה איז אין יענער צייט געווען ביי יידן" — שרייבט א. מענעס 1). ס'איז באַקאַנט, מיט וואָס פאַר אַ גענויאיקייט עס זענען געווען אין תלמוד אויסגעאַרבעט די דינים וועגן באַשיצן די מענטשלעכע אַרבעט. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס די גמרא זאָגט: „כשם שחייב האב ללמד את בנו תורה, כך חייב ללמדו אומנות" (פונקט אַזוי ווי דער פאָטער איז מחויב צו לערנען זיין זון תורה, איז ער אויך פאַרפליכטעט צו לערנען אים אַ מלאכה). אויך ביי דער פאַרשפּרייטונג צווישן פאַרשיידענע לענדער האָבן יידן געהאַלטן זיך שטענדיק ביי האַנדל און מלאכה. א. מענעס טיילט־מיט, אַז אַ סך פון די יידישע קריגס־געפאַנגענע האָט מען אין רוים געמוזט אַרויסלאָזן פריי, ווייל די יידן פלעגן שטרענג אָפּהיטן זייערע דינים (שבת, יום־טוב, כשר). „די רוימער האָבן בכלל באַפרייט די יידן פון מיליטער, מחמת די יידישע סאָלדאַטן פלעגן זיך אָפּהיטן פון חלול שבת... די פרייגעלאָזענע שקלאַפן אָדער די סאָלדאַטן זענען געווען געצוואונגען זיך צו פאַרנעמען מיט מלאכה אָ ד ע ר האַנדל". (מיר זעען דאָ, אגב, אַז מען האָט דעמאָלט אָפּגעהיט די רעליגיע נישט לשם האַנדל, נאָר פאַרקערט: מען האָט זיך גענומען צום האַנדל צוליב די רעליגיעזע איבערצייגונגען). ד"ר הערצפעלד, דער ראַבינער פון ברוינשווייג, האָט נאָך אין יאָר 1879 פאַרעפנטלעכט אַ בוך: „האַנדלס־געשיכטע דער יודען דעם אַלטערטומס", אין וועלכן ער האָט מיט אַ גרויסן מאַטעריאַל באַוויזן, אַז ביז צו דער צעשטערונג פון דעם יידישן שטאַט זענען יידן נ י ש ט געווען קיין האַנדלס־פאָלק אַלס אַזעלכעס. ערשט שפּעטער זענען זיי עס געוואָרן, ווייל „שוין אין יענער אַלטער צייט איז דער האַנדל געוואָרן פאַר זיי די איינפאַכסטע און צוטריטלעכסטע באַרופס־אַרבעט, ווייל מען האָט נישט געמוזט אָנקומען דערביי צו אַ געצנדינערישן לערער און אויך צוליב אַנדערע טעמים... דער צוטריט צו לאַנדווירטשאַפט און האַנטווערק איז געווען קוים מעגלעך". אין שפּאַניע, ווו עס זענען נישט געווען קיין שטערענישן, האָט טאַקע די יידישע באַפעלקערונג אַנטוויקלט אַ רייכהאַלטיקן דיפערענצירטן פאָלקס־אָרגאַניזם מיט אַלע, נישט נאָר סוחרישע, סאָציאַלע פונקציעס. אין מיזרח אייראָפּע, אין פּוילן, זענען — צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט — די בעלי מלאכות געווען שוין אַן ערך אַ דריטל, ווען נישט מער, פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

1) זע זיין אַרבעט „מלאכה ביי יידן אין ביבלישער און תלמודישער צייט" אין דעם ערשטן באַנד „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק", 1928.

עס איז אַלזאָ קיין שום גרונט נישטאָ צו דערקלערן די ייִדישע נאַציע פאַר אַן אויסשליסלעך־הענדלערישער קאַסטע פאַר אַלע דורות. ס'איז דעמאָלט בכלל נישט צו פאַרשטיין דעם פאַקט פון די כמעט־אומאויפהערלעכע רדיפות און גזירות אויף ייִדן. דער פאַקט איז דעמאָלט נישט פאַרשטענדלעך נישט מצד די קריסטלעכע פעלקער, נישט מצד די ייִדן גופא. — פאַרוואָס אייגנטלעך האָבן די אַרומיקע פעלקער אַזוי סיסטעמאַטיש פאַרפאָלגט די ייִדן, אויב זייער היסטאָרישע פונקציע איז באמת געווען האַנדל? דער האַנדל איז דאָך נישט געווען קיין שאָדן און קיין אומגליק פאַר דער וועלט! העלער שרייבט נישט איינמאָל אין זיין בוך: „די אַנטיקע ווירטשאַפט אין איר העכסטן אַנטוויקלונג־פונקט קען שוין דעם ייִד אַלס כאַראַקטעריסטישן נויטווענדיקן עקאָנאָמישן פאַקטאָר. מיט דעם אויפקום פון דער סחורה־פּראָדוקציע און צירקולאַציע איז דער ייִד געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע מעקלער". אויב ייִדן זענען טאַקע געווען אַזאַ נויטווענדיקער עלעמענט אין דעם געוועב פון דער וועלט־ווירטשאַפט (וועלכע אַנטוויקלט זיך דאָך — לויטן מאַרקסיסט העלער — מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט), פונוואַנען נעמט זיך אָט די שנאת מוות צו זיי פון די אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער וועלט־ווירטשאַפט? האַנדל איז דאָך באמת נישט געווען קיין שאַנד אין אַלע יענע עפּאָכעס. די גרויסע מלוכות זענען געווען אַלע אין תוך האַנדלס־מלוכות. אַזוי איז געווען ווענעדיק, און שפּאַניע, און האָלאַנד, און ענגלאַנד (וואָס האָט איינגענומען אינדיע דורך אַ סוחרישער קאָמפּאַניע), און דייטשלאַנד (די האַנזאַ־שטעט).

זאָל זיך די שינאת מוות צום ייִדישן סוחר האָבן גענומען טאַקע דערפון וואָס ער האָט זיך מיט דער צייט געשטעלט ווי אַ ביין אין האַלדז די ניי־אויפגעקומענע סוחרים? דעמאָלט שטעלט זיך פאַר אונדז די אַנטשיידנדיקע פראַגע: פאַרוואָס האָבן עס די ייִדן גופא צוגעלאָזן צו אָט דעם טויטלעכן האַס? פאַרוואָס האָבן זיי נישט אויסגעפירט ווייטער זייער סאָציאַלע פונקציע, אָבער שוין אָן דעם ייִדישן פנים? זיי וואָלטן זיך געדאַרפט מער נישט ווי אַסימילירן, — און די רדיפות וואָלטן מיט דער צייט אינגאַנצן אויפגעהערט! אַלע הערשנדיקע כוחות פון אַרום — די קירך, די מלכים, די דענקער — האָבן דאָך געפאָדערט, געבעטן, געשטופּט זיי דערצו; צי מיט צוקער־זיסע רייד, צי מיט די פייערן פון דער אינקוויזיציע. פאַרוואָס האָבן זיי מיט אַזאַ איבערמענטשלעכער קראַפט געהאַלטן זיך דווקא אָן דער ייִדישער אמונה, בעת זי האָט דאָך נישט נאָר נישט באַשיצט זייער „סאָציאַלע פונקציע", נאָר, פאַרקערט, כסדר געשטעלט זי אין דער גרעסטער סכנה? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז דער קרעמער, דער הענדלער און וועלטמענטש, זאָל לייגן אַזאַ ווערט אויף זיינע גייסטיקע איבערצייגונגען, אַז ער זאָל זיך לאָזן צוליב זיי ברענען און בראָטן, געיאָגט ווערן פון לאַנד צו לאַנד, צעברעכן אויף ברעקלעך זיין גאַנצע סאָציאַלע פּאָזיציע? דער עכטער, אומפאַרפעלשטער „סוחר" האַנדלט־אונטער, ווען נייטיק, אויך מיט אידעען; דער סוחר איז אין דער אַלטער צייט באַקאַנט געווען אַלס נוטה צו שווינדל, דער

קויפמאַן פון דער קאַפּיטאַליסטישער צייט (אין דעם באַגריף גייט אַריין אויך דער אינדוסטריעלער, דער באַנקיר, דער פּריץ) איז אַמווייניקסטן נוטה זיך מוסר נפש צו זיין פאַר אידעען. ווי איז צו פאַרשטיין, וואָס דער יידישער סוחר, סיי דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער געשעפטס־מענטש,, סיי דער קליינינקער, נישטיקער קרעמער, האָבן זיך סיסטעמאַטיש, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט, מוסר נפש גע־ווען צוליב זייער אמונה? אויב זיי זענען באמת די פון דער געשיכטע פאַרויס־באַשטימטע, מיט סאָציאַלער נויטווענדיקייט אויף דעם ערדישן פּלאַנעט זיך באַ־וועגנדיקע קאַסטע, טאָ ווי איז עס מעגלעך, אַז די טרעגער פון דער קאַסטע לאָזן אַלע ווײַלע צעשטערן דעם תוך פון זייער סאָציאַלער פונקציע? ווייל ווי קאָן מען פירן דעם האַנדל, אַז מען דערלאָזט מיט אייגענע הענט יאָגן און שעכטן די הענדלער?

יעדע מסירת נפש — באַזונדערס ווען זי נעמט אָן אַ ברייטן כאַראַקטער — מוז זיין פאַרבונדן מיט אַ וועלכן נישט איז קדוש השם. אין נאָמען פון וועלכן שם האָבן יידן גענומען אויף זיך די יסורים און ענויים פון זייער געשיכטע? אין נאָמען פון דער סאָציאַלער מיסיע פון זייער פּאַרמיטלערישער קאַסטע? צי הייסט עס נישט צוגעבן עפּעס אַ מיסטישע קראַפט די ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן פון דער געזעלשאַפט? צי פּירט נישט, פאַרקערט, דער געדאַנק צו דעם אויספיר, אַז יידן זענען געווען טאַקע אַ נאַציע מיט אַן אייגענער אמונה, מיט אַן אינערלעך־בינדנדיקער וועלט־אַנשויונג, מיט אייגענע האָפענונגען און פּלענער אויף דער צוקונפט? דער קדוש השם באַקומט דעמאָלט אַ זינען, ער באַלייכט דעם פּראָצעס פון דער יידישער געשיכטע, ער דערקלערט אויך די פאַרקריפּלט־איינזייטיקע הענדלערישע סטרוקטור פון דעם פאָלק. ווייל דאָס פאָלק האָט טיף געגלויבט אין זיין רעליגיעז־היסטאָרישער מיסיע. (וועלכע איז גלייכצייטיק אויך אַ סאָציאַלע, אָבער נישט אין זינען פון אַ הענדלער), האָט עס געוואָלט אונטער אַלע באַדינגונגען בלייבן לעבן, האָט עס גענומען זיך צו אַלע מעגלעכע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס. די יידישע רעליגיע איז נישט געווען קיין אידעאָלאָגיש מיטל, כדי אויפצוהאַלטן די יידישע הענדלער־קאַסטע, נאָר פאַרקערט: דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגענוצט אויך דעם האַנדל־באַרוף, כדי צו קאָנען היטן זיין רעליגיע, וועלכע איז פאַר אים געווען דאָס גרויסע וועלט־ און לעבנס־פּראָגראַם. האַנדל אָדער אַנדערע באַרופן זענען געווען צייטווייליקע, עפּיזאָדישע, — די אמונה איז געווען אַן אייביקע און באַגייסטערנדיקע.

נאָר מיט אָט דער יידישער אידעאָלאָגיע איז צו דערקלערן די גרויסע סאָציאַל־עטישע שפּאַנונג, וועלכע האָט כמעט שטענדיק געלעבט אין פאָלק. דערפאַר איז דאָ אויפגעקומען די קריסטלעכע רעבעליע, וועלכע האָט צוגעצויגן צו זיך דווקא די אָרעמסטע און געדריקטסטע שיכטן פון די פעלקער, דערפאַר זענען אין יידישן פאָלק אין משך פון די דורות שטענדיק אויפגעקומען משיחים, שבתי צבים, פראַנקס, שפּעטער דער חסידיזם, וועלכע האָבן אויסגעדריקט דעם מאָראַלישן און סאָציאַלן פּראָטעסט פון די אָרעמע מאַסן. די אַלע באַוועגונגען, וועלכע פּלעגן אַרויסטרעטן

סיי קעגן די שטאַרקע אין אייגענעם פֿאָלק, סיי קעגן דער אַרומיקער וועלט, זאָגן עדות, אַז יִדן זענען געווען אַ סך מער ווי נאָר אַ קאַסטע מיט איין־איינציקער סאָציאַלער פֿונקציע.

## די יידישע אידעאָלאָגיע

אָט דער פֿאַקט פֿון דער יידישער אייגענער א י ד ע אָ ל אָ ג י ע פֿירט אונדז אפשר צו נענטער צו די סיבות פֿון אַנטיסעמיטיזם. מען קאָן נישט פֿאַר־לאַנגען, אַז יעדער קאָנקרעטער אַנטיסעמיט זאָל דערקלערן דעם מהות פֿון זיין יידנהאַס אָדער אָפּנייגונג. דער נישט־יידישער יחיד וועט עס מייסטנס נישט קאָנען דערקלערן, ווייל ער האָט אָט די באַציונג געירשנט פֿון זיינע עלטערן און זיין סביבה. זי איז אים, אַזוי־צו־זאָגן, איבערגעגעבן געוואָרן ביאָלאָגיש. אויך זיינע עלטערן האָבן עס באַקומען פֿון די פֿריערדיקע גענעראַציעס, און אַזוי ווייַ־טער. מוז מען אַלזאָ זוכן די גרונט־סיבה אין די ווייט־פֿאַרגאַנגענע צייטן. אין די אָנהויבן פֿון דער היינטיקער מענטשן־קולטור. מיר קאָנען זיך אָפּשטעלן ביי די עפּאָכעס פֿאַר און גלייך נאָך דעם אויפֿקום פֿון קריסטנטום.

עס האָבן זיך דעמאָלט געבילדעט — אויפֿן יסוד פֿון סאָציאַלע און נאַטור־באַדינגונגען — פֿאַרשיידענע טיפּן פֿון מענטשלעכער קולטור, פֿאַרשיידענע מענ־טשן־טיפּן. יעדער טיפּ האָט פֿאַרקערפּערט אין זיך אַן אַנדערן קולטור־פֿילאָזאָפֿישן פּרינציפּ, אַן אַנדער לעבנסגעפֿיל און אָנשויונג (נישט געקוקט אויף די אינערלעכע סאָציאַלע שפּאַלטונגען). די דאָזיקע פֿאַרשידנאַרטיקייט האָט געקאָנט און גע־מוזט פֿירן צו צוזאַמענשטויסן, נישט איינמאַליקע, נאָר אָרגאַנישע צוזאַמענשטוי־סן און אָפּשטויסונגען. מיט אַ געוויסער פֿאַרזיכטיקייט לאָזן זיך פֿאַרשידן כאַ־ראַקטעריזירן די קולטורן פֿון גריכישן, פֿון רוימישן, פֿון יידישן פֿאָלק. די גריכן זענען געווען מער נוטה צום עסטעטישן וועלט־באַנעם, צו אַן אינדיווידואַליסטישער אויפֿפֿאַסונג פֿון לעבן. די רוימער האָבן זיך מער אויסגעצייכנט מיט דער קונסט פֿון אָרגאַניזאַציע און אָרדענונג, מיט מאַכט־פּאָליטישן רצון און סאָציאַלער באַ־הערשונג פֿון מענטשן. די ביידע קולטורן זענען געווען צו־מאַטעריאַליסטיש און עולם־הזהדיק פֿאַר דעם יידישן וועלט־באַנעם. ער האָט אַריינגעבראַכט די פֿאָ־דערנדיקע, ברענענדיקע עלעמענטן פֿון ע ט י ש ע פֿליכטן, פֿון רעליגיעזע התחייבותן. דער יידישער קולטור־פֿילאָזאָפֿישער פּרינציפּ (וועלכער האָט זיך געהאַלטן אויך אין די מאַסן) האָט געפֿאָדערט די הייליקונג פֿון לעבן, אַ באַזונדערע אחריות פֿאַר דער פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, האָט אַרויסגע־שטעלט אויפֿגאַבן פֿאַר דער מענטשן־געשיכטע בכלל. עס האָבן געמוזט ממילא אַנטשטיין שפּאַנונגען צווישן דעם עסטעטישן, דעם מאַכט־פּאָליטישן און דעם עטיש־זוכנדיקן פֿאָלק. באַזונדערס האָט געמוזט אויפֿקומען אַזאַ שפּאַנונג צווישן ירושלים און רוים. עס איז נישט געווען קיין צופֿאַל, וואָס דאָס מעכטיקע רוים

האָט געלייגט אַזוי פיל כוחות אויף צו באַזיגן דאָס קליינע פאָלק ישראל. אַ חוץ פאַרשידענע סטראַטעגישע און ווירטשאַפטלעכע אורזאַכן, האָט זיך דאָ אויסגע־דריקט די מורא פאַר דער ר ע ב ע ל י ש ע ר נאַטור פון יידישן מענטש, וועל־כער טראָגט אין זיך אַ סכנה פאַר יעדער געפּאַנצערטער מאַכט. דערפון שטאַמען די לײדנשאַפטלעכע קאַמפן אַרום די מויערן פון ירושלים, דערפון — די בלוטיקע פאַרפאָלגונגען פון די ערשטע קריסטן אין רוים גופא. און אַז דאָס קריסטנטום איז שפּעטער געוואָרן אַ הערשנדיקע מאַכט, איז עס אין תוך געווען ווידער דאָס ק ר י ס ט ל ע כ ע ר ו י ם, איז עס ווידער געשטאַנען אין קאַמף קעגן יידישן לעבנספּרינציפּ.

אָט די דאָזיקע טיפע פאַרשידנקייט פון די לעבנספּרינציפּן האָט געבראַכט צו דעם אַלץ מער זיך פאַרשטאַרקנדיקן פיינטלעכן קאַמף פון קריסטנטום קעגן יידן. די פיינטשאַפט איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און זי האָט זיך שטענדיק פאַרשאַרפט דורך דעם אָנבליק פון דעם משונהדיקן פאָלק, וועלכעס מען האָט סיס־טעמאַטיש פאַרפאָלגט. צוליב די פאַרפאָלגונגען האָט זיך געשאַפן יענער געשפּענסט פון אַ פאָלק, וואָס וואַנדערט אָן אויפהער דורך לענדער און דורות, מישט זיך ניט אויס מיט קיין פרעמדע, האָט אייגענע מיסטעריעזע אויפגאַבן אין דער געשיכטע. די נישט־יידישע מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט צום יידישן קאָלעקטיוו און האָבן געזען: 1) ער איז שטאָלץ, נישט־פּאַטריאָטיש, אינטערנאַציאָנאַל; 2) ער איז ווירטשאַפטלעך באַדנלאָז, שטענדיק אויפן ראַנד פון עלנט און אָרעמקייט; 3) נישט געקוקט אויף דעם, האַלט ער זיך שטאַרק אָן לעבן און קאָן זיך צופּאַסן צו אַלע מעגלעכע לאַגעס; 4) ער באַזיצט אַ אוימגעהויערע גייסטיקייט אין זיין אָרט לעבן, וועלכע דערהויבט אים איבער די צרות; 5) ער האָט, אַלס פאָלק, קיינמאָל אין גלות נישט געשלאָגן און פאַרניכטעט מענטשן, פאַרקערט, ער איז שטענדיק געווען דער קרבן; 6) ער האָט אויפגעשפּייכערט ביי זיך אין דער נשמה אַ געוואַלטיקן כוח פון מאָראַלישן פּראָטעסט און רעבעליע, ער איז אייגנט־לעך אַ מאָראַלישער דינאַמיט פאַר דער וועלט.

דער נישט־ייד זעט די אַלע און אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם יידישן פאָלק און ער ווידערהאַלט פאַר זיך, אויך אומבאַוווּסט, די ווערטער פון המנען: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים ודתיהם ש נ ו ת מ כ ל ע ם". עס ווירקט אין אים דאָס צווייפאַכע: די ביאָלאָגיש־פאַרפּעסטיקטע ירושה פון פאַרצייטיקן רעליגיעזן קאַמף פון קריסטנטום און די טיפע היינטיקע אַנדערשקייט פון אים לגבי דעם יידישן מענטשן־טיפּ. קלאָר צי אומקלאָר פאַר זיין באַוווּסטזיין, אָבער דאָס דאָזיקע אַ נ ד ע ר ש ־ ז י י ן באַהערשט צו־אָפט די נשמה פון דעם דורכשניטלעכן אַנטיסעמיט. אויף דעם יסוד וואַקסן שוין אַרויס מיט אַזאַ קראַפט די עקאָנאָמישע (און אַנדערע) פאָרמען פון קאַמף קעגן יידן. און אַז עס קומט די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע, באַהעפט זי זיך צו יענע צוויי זעלישע פאַקטאָרן, כדי צו פאַרוואַנדלען זיך אין דעם אַקטיוון יידן־האַס.

* * *

וועט אָבער אָט דער יידן־האַס נעמען אַמאָל אַ סוף? אויב ער איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דער אַנדערשקייט פון מענטשלעכע קולטורן, וואָס פאַר אַן אויסבליק קאָן האָבן די יידישע געשיכטע? וואָס פאַר אַ זינען האָבן דעמאָלט די ליידן און דער צער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן?

ס׳איז פאַראַן אַ זינען אין דער יידישער געשיכטע, און ער ליגט טאַקע אין יענע סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם צער פון די יידישע מאַסן. דער ליידנפולער וועג פון די מאַסן דערקלערט זיך דורך דער אידעאָלאָגישער פאָן, אונטער וועלכער זיי האָבן מאַרשירט דורות לאַנג, דורך דעם ליידנשאַפטלעכן *לעבנס־פראָגראַם*, וועלכן זיי האָבן געדינט. אָבער דאָס דאָזיקע לעבנס־פּראָגראַם טראָגט אין זיך די ענדגילטיקע רעוואָלוציאָניזירונג פון מענטש און געזעלשאַפט, עס *מוז* אַמאָל ברענגען צו דער טיפסטער איבעראַנדערשונג פון די מאָראַלישע און סאָציאַלע שייכותן צווישן מענטשן און פעלקער. האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש קיין גרונט נישט אַראָפּצולאָזן זיין היסטאָרישע פאָן. פאַרקערט, וואָס ביטערער די צייטן, — אַלץ העכער דאַרף ער הויבן די פאָן. דער אידעען־קאָמפּלעקס פון אַזאַ ייד איז נישט נאָר אַ מקור פון צער, נאָר אַ סך מער אַ קוואַל פון טרייסט און אַקטיוויטעט אין דעם ברייטסטן פאַרנעם. די דאָזיקע גאולה־אידעען זענען נישט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרגליווערט; זיי זאָלן אין יעדער עפּאָכע אויפסניי פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן. זיי זאָלן זיך פאַרבינדן אויך מיט אַלע אַנדערע גאולה־אידעען, וואָס לעבן אין דער מענטשהייט. די יידישע מאַסן 1) האָבן אַנטקעגנצושטעלן דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אַ צווייפאַכן קאַמף. זיי דאַרפן פירן דעם סאָציאַלן קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער באַפרייונג פון דער מענטשהייט. דערמיט וועלן אַמאָל פאַרשווינדן די עקאָנאָמישע פאָרמען פון יידן־האַס. זיי דאַרפן פירן דעם גרויסן גייסטיק־מאָראַלישן קאַמף קעגן דער פאַרחיהשונג פון דער וועלט. דערמיט וועלן די מענטשן אַמאָל קומען דערצו, אַז זיי וועלן שאַנעווען און שעצן די אַנדערשאַרטיקייט פון מענטשן־טיפּן און פעלקער־קולטורן. אָט אין דעם קאַמף פאַר אַ נייער וועלט ליגט די תשובה אויף דעם יידן־האַס, דורך דעם קאַמף באַקומען זייער זינען די גרויסע יידישע ליידן.

*סאָציאַליזם* — דאָס איז די פאָרמול פון דעם היינטיקן קאַמף פאַר מענטשן־באַפרייונג. דער יידישער אַרבעטס־מענטש האָט גאָר באַזונדערע טעמים אויף צו שטעלן זיך טריי אין זיין דינסט. ער מוז דערביי האָבן אין זינען נישט נאָר דעם עקאָנאָמישן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, אויך איר מאָראַלישן איבערבוי. ער מוז באַזונדערס עקשנותדיק קעמפן דערפאַר, אַז דער סאָציאַליסט זאָל אָנערקענען די חשיבות פון דעם *אַנדערש־זיין* (פון מענטשן־טיפּן בכלל, פון

---

1) זעלבסטפאַרשטענדלעך מיינען מיר דערביי נישט דאָס *גאַנצע* יידישע פאָלק. די טרעגער פון דער יידישער היסטאָרישער ליניע זענען שטענדיק געווען הויפּטזעכלעך די סאָציאַל־ליידנדיקע מאַסן פון פאָלק און אַ טייל פון זיינע אינטעליגענטן — די לומדים און טרוימער. אויך היינט־צו־טאָג קען עס נישט זיין אַנדערש.

יידישן בפרט) 1). ווייל סאָציאַליזם איז אין תּוך האַרמאָניש צוזאַמענזיין אויפן יסוד פון דעם אַנדערש־זיין. די פרייהייט, וועלכע דער סאָציאַליזם טראָגט מיט זיך, איז ראשית כל „די פרייהייט פון דעם אַנדערש־דענקענדיקן” (ראָזאַ לוקסעמבורג). אין דער היינטיקער וועלט, ווו עס הערשט נאָך אַזאַ מין אָפּנייגונג קעגן יעדן פרעמדן מענטש און יעדן פרעמדן געדאַנק, ליגט אויף דעם געביט אַ געוואַלטיק גרויסע אַרבעט פאַרן סאָציאַליסט.

גראָד איצט שטעלט אַוועק די קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע די גרעסטע אויפגאַבן פאַרן יידישן סאָציאַליסט. די מילחמה, וועלכע האָט זיך אָנגעצונדן צווישן יאַפּאַן און כינע, די בּאָדנלאָזע צביעות פון דעם „פעלקערבונד”, די אומענדלעכע שוואַכקייט און גלייכגילטיקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, — דאָס אַלץ באַווייזט, וועלכע אומגעהויערע שוועריקייטן עס שטייען נאָך פאַר דער גאולה פון דער מענטשהייט. מען מוז מיט אַ גאָר נייער פרישקייט אָנהויבן דעם קאַמף פאַר אַן אַנדערן סאָציאַלן סיסטעם, פאַר אַן עכטן נישט פּאַפּירענעם אינטערנאַציאָנאַליזם. אין דעם היינטיקן אַלגעמיינעם און ספּעציעל יידישן קאַמף וועלן אויסגעברענט ווערן די גיפטיקע זוימען פון יידן־האַס. די יידישע לײדן זענען געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק דער רעבעלישער נאַטור פון דעם פאָלק. די דאָזיקע רעבעלן־אידעאָלאָגיע וועט אַמאָל (אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעבעליע פון דער גאַנצער וועלט) פאַרניכטן די יידישע לײדן.

## דער נסיון אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אין אייראָפּע לײדן די יידישע מאַסן אָן אַ ברעג. אָבער אין ראַטנפאַרבאַנד, זאָגט מען, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיי גאָר אַ נייע געשיכטס־עפּאָכע. דאָרטן ווערט שיעור נישט געלייזט די יידישע פראַגע בכלל און אויף אייביק. אָט אין דעם שוין ציטירטן בוך פון העלערן ווערט מיט צאָלן־מאַטעריאַלן באַוויזן, ווי דער פריערדעקלאַסירטער ייד ווערט אַריינגעצויגן אין דיווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן פון לאַנד. דער ייד, וועלכער איז אין לויף פון דער גאַנצער געשיכטע געווען נאָר אַ פאַרמיטלער־קאַסטע, באַקומט איצט דעם צוטריט צו דער אור־פּראָדוקציע, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סטאַבילן אַרבעטס־מענטש. „ווען און ווו האָבן מיר עס איז געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט? — פרעגט, למשל, אויך וו. צוקערמאַן, רעדנדיק וועגן דעם נייעם בירא בידזשאַנער פּראָיעקט. — ווען אין אונדזער לאַנגער געשיכטע האָט עס אַ גרויסע רעגירונג אַזוי געהאַנדלט מיט אונדז? וואָס פאַר אַן אמת־נייע עפּאָכע דער דאָזיקער פּראָיעקט הויבט אָן אין דער יידישער געשיכטע!”

מען טאָר נישט לייקענען, אַז — אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מלוכות — גע־

1) פונקט אַזוי ווי דער סאָציאַליסט מוז, למשל, קעמפן באַזונדערס פאַר דער אָנערקענונג פון דער חשיבות פון דער פּרוי אַלס אַ מענטש.

פינט דער ייד גאָר אַן אַנדער באַציִונג צו זיך מצד דעם באָלשעוויזם אין רוסלאַנד. קודם כל איז נישטאָ די דערנידערנדיקע פ י ז י ש ע אַנגסט פאַר פּאָגראָמען. דער אַנטיסעמיטיזם ווערט פון דער רעגירונג פאַרפאָלגט. די רעגירונג זוכט אויף אַ סיסטעמאַטישן אויפן איבערצובויען דעם צעבראָכענעם יידישן ווירטשאַפט־לעבן אָרגאַניזם. מיר לאָזן איצט אָן אַ זייט די פראַגן, אויף וויפל דער איבער־בוי איז סטאַביל און געלונגען, אָבער ער איז דאָ. די רעגירונג זוכט, ווייטער, צו געבן די יידישע מאַסן די מיטלען, כדי זיי זאָלן זיך קולטורעל דערהויבן. אַ גרויסע נעץ פון קולטורעלע אינסטיטוציעס, אַ סך פון זיי אין דער יידישער שפראַך, באַדינט היינט־צו־טאָג די מאַסן. ענדלעך ווערט דעם יידישן סאָוועט־בירגער אָנגעבאָטן אַן אייגענע גרויסע, כמעט־זעלבסטשטענדיקע טעריטאָריע אין בירא־בידזשאַן.

איז עס די לייזונג פון דער יידישער פראַגע? אָדער איז עס אפשר די אויפ־לייזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט? מען טאָר זיך נישט לאָזן פאַרפירן דורך דעם פאַרגלייך צווישן די יידישע צרות אין גאָר דער וועלט און דער אָפּמינטערונג אין רוסלאַנד. דוקא אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד האָט זיך איצט געשטעלט די גרויסע נסיון־פראַגע פאַר דער יידישקייט בכלל. מען דאַרף זיך נאָר גענויער צוקוקן צו די טענדענצן פון דער דאָרטיקער אַנטוויקלונג: בלייבט דער איבערגעבויטער יידישער פאָלקס־מענטש דאָרטן אַ ייד אין דער פערספּעקטיוו? — דאָ ליגט גאָר אַ גרויסער צווייפל.

דאָ, אין דעם זעלביקן נומער פון די „פרייע שריפטן״, לייענען מיר אַ רייזע־באַשרייבונג פון דער יידישער אוקראַיִנע. פון די איינציקע זייטלעך וועגן דער אַנט־וויקלונג פון די קינדער קאָנען מיר פרוון אַרויסלייענען די גייסטיקע צו־קונפט פון דעם יונגן דור. מען לערנט נישט אין די שולן די יידישע געשיכטע, אַזוי, אַז דאָס היינטיקע לעבן פון פאָלק זאָל זיין צונויפגעבונדן מיט דעם היסטאָ־רישן. דאָס באַטייט, אַז דער געוואַלטיקער קאַפּיטאַל פון גייסטיקע, מאָראַלישע, סאָציאַלע אידעען פון יידישן לעבעדיקן עבר ווערט פאַרשוויגן, ווערט נישט איבער־געגעבן דעם קינד פון יידישן פאָלק, אויך דער גרויסער אוצר פון יידישע זעלישע איבערלעבענישן, אָנגעזאַמלטע פאַר דורות, ווערט צוגענומען פון דעם קינד. אויך דער לעבנס־סטיל, וועלכער איז נאָך פאַרבליבן אין די יידישע פאַמיליעס פון שטעטל און שטאָט, ווערט אין די אויגן פון קינד אויסגעלאַכט, אַרונטערגעריסן, פאַרור־טיילט. דער טראַדיציאָנעלער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער לעבנס־שטייגער (שבת, ימים טובים. בית מדרש, כשרות, קעגנערשאַפט צו געמישטע חתונות א. אַ. וו.) פאַלט זיך פונאַנדער. אויך די פאַרבונדנקייט פון יִדישן קינד אין רוסלאַנד מיט דער יִדי־שער פאָלקס געמיינשאַפט אין אַלע לענדער פון דער וועלט ווערט פּרינציפּיעל און גרינטלעך פאַרניכטעט. ביי אַזאַ לאַגע מוז זיך אין יסוד ענדערן דאָס גייסטיקע פנים פון יידישן קינד. אַ צייטלאַנג וועט ער לעבן נאָך אין אַ געמיש פון לעבנס־סטילן (רעשטלעך פון אַלטן, דראַנג פון דעם נייעם), אַ ביסל שפּעטער וועט עס ווערן אַ פרעמד־אַרטיקער לעבנס־סטיל.

זאָל מען זיך טרייסטן דערמיט, וואָס די בילדונג פון די יידישע מאַסן קומט פאַר אין דער יידישער שפּראַך? ראשית כל, זענען די אָפיציעלע יידיש־קאָמוניסטישע בלעטער פון רוסלאַנד שטענדיק געווען פול מיט טענות וועגן דער פאַנאַכלעסיקונג פון דער יידישער שפּראַך. אָט נאָר איין ציטאַט פון דער לעצטער צייט: „צווישן די 5.000 אַרבעטער אויף די אָדעסער טראַמוואַיען זענען פאַראַן 1911 יידן, די גאַנצע פּאָליטיש־קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט ווערט אָבער געפירט אויף רוסיש. די זעלבע לאַגע הערשט אויך אין אַ ריי אַנדערע אָדעסער גרויסע פאַבריקן, ווו די צאָל יידישע אַרבעטער דערגרייכט פון 40־30 פּראָצענט, פון זיי אַ גרויסע צאָל פרויען, וואָס פאַרשטייען נישט קיין אַנדער שפּראַך אויסער יידיש. די טוער פון די פאַריינען און די אונטערנעמונגען פאַרענטפערן זיך דערמיט, אַז די אַרבעטער גופא ווילן כלומרשט נישט קיין יידישע לעקציעס און פאָדערן דווקא רוסישע". אָבער לאָמיר זיך אַפילו פאַרשטעלן, אַז די יידישע שפּראַך ווערט נישט אַזוי פאַרנאַכלעסיקט און אַרויסגעשטויסן דורך אַנדערע. צי איז דען די שפּראַך אַליין אַזעלכע (אַפילו ביי אַ קאָמפּאַקטער טעריטאָריע) אַ סגולה צו אַן אָרגאַניש זיך אַנטוויקלענדיקער נאַציאָנאַלער קולטור? אַ קולטור שפּייזט זיך דאָך, קודם כל, מיט די אומצייליקע לעבנס־אינהאַלטן, וועלכע פליסן צו איר פון דעם גאַנצן אַרומיקן און אייגענעם לעבן, פון דעם אייגענעם עבר און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

וואָס פאַר אַן אינהאַלט מוז אָבער האָבן אַ יידישע קולטור, וועלכע איז — צייטלעך — אָפּגעריסן פון איר פריערדיקער געשיכטע, וועלכע איז — רוימלעך — אָפּגעשיידט מיט אַ וואַנט פון אַלע יידישע פאָלקס־טיילן אין דער וועלט, וועלכע איז אינגאַנצן צוגעפּאַסט און אַריינגעפּאַסט אין דעם פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעך־קולטורעלן שטראָם פון דער הערשנדיקער מלוכה און פאָלק? וועלכע זענען היינט־צו־טאָג די אינהאַלטן פון דער יידישער קינדער־ און פאָלקס־דערציִונג אין ראַטן־פאַרבאַנד? דאָס זענען די טעמעס פון דעם פינפיאָר־פּלאַן, פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע, פון „יאַגן און אַריבעריאָגן אַמעריקע" א. א. וו. די טעמעס זענען זייער וויכטיקע און פרוכטבערנגענדיקע פאַר אַ קולטור, בעת זיי פלעכטן זיך אַריין אין דעם געוועב פון דער ביזאַיצטיקער גייסטיק־נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. (אַזוי איז עס פאַר אַ ריי קליינע אָפּגעשטאַנענע קולטורן פון די פעלקער, וועלכע האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד גענומען פירן אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן). אָבער בנוגע דער יידישער קולטור קומט פאָר גאָר אַן אַנדער צווייענדיקער פּראָצעס: עס ווערט איבערגעשניטן די קייט פון איר דורות־לאַנגער, זייער רייכער אַנטוויקלונג און עס ווערט אויף דעם ליידיק־געוואָרענעם פּלאַץ אוועקגעשטעלט דער קאָמפּלעקס פון די אַלגעמיין־מלוכהשע, אַלגעמיין־קאָמוניסטישע, אַלגעמיין־רוסישע (אָדער אוקראַינישע) אינהאַלטן. „פּיאַטילעטקאַ" און „אינדוסטריאַליזאַציע", למשל בלייבן אַזוי אַרום אַלגעמיין־רוסישער קולטור, איבערזעצט אין יידיש, אָבער ווערן נישט קיין אָרגאַנישע טיילן פון דער יידישער קולטור. די יידישע קולטור פאַרוואַנדלט זיך — אונטער דעם באָלשעוויזם — אין אַן עכטער איבערזע־

צ ו נ ג ־ ק ו ל ט ו ר. — אָבער דעמאָלט ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אַלע גרעסערע טיילן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, באַזונדערס פון דער יוגנט, גייען אַריבער צו דער רוסישער (און אוקראַאינישער) שפּראַך און קולטור. אפשר דערקלערט זיך דערמיט אויך די נישט־אונטערגייענדיקע תשוקה אין רוסישן יידנ־טום צו רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען, צו לערנען העברעיש ביי אַ טייל יוגנט, די באַ־וועגונג פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וועלכע לאָזן זיך מקריב זיין פאַר זייערע אידעאַלן?

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין ראַטן־פאַרבאַנד קומט עס פאַר. די אָפּי־ציעלע פאָרמול פון דער פּאָליטיק אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אויסגעדריקט דורך סטאַלינען: „די פּראָלעטאַרישע קולטור איז סאָציאַליסטיש לויט איר אינ־האַלט און נאַציאָנאַל לויט איר פאָרם; זי שטעלט זיך אַלס ציל צו דערציִען די מאַסן אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם און צו פאַרפעסטיקן די ד י ק ט א ט ו ר פ ו ן פ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט". דער באָלשעוויזם זאָגט, אַז אַ נאַציאָנאַלע קולטור אַנט־האַלט נישט אין זיך קיין אייגענע אינהאַלטן, בעת זי ווערט סאָציאַליסטיש, מער נישט די אויסדרוק־פאָרמען פאַרבלייבן נאַציאָנאַל. דער אינהאַלט פון דער קולטור איז נאָר איינאיינציקער פאַר אַלע נאַציעס: פאַרפעסטיקן די פּראָלעטאַרישע דיק־טאַטור (דער באָלשעוויזם אָנערקענט אויך בכלל נאָר איינאיינציקן אינהאַלט פאַר דער קולטור!). און היות ווי דער באָלשעוויזם איז נישט נאָר אַ טעאָריע, נאָר אַ מעכטיקע מלוכה אין רוסלאַנד, באַטייט עס, אַז אָט יענער איינאיינציקער אינ־האַלט פון קולטור ווערט אַ ר ו י פ ג ע צ וו ו נ ג ע ן אויף אַלע נאַציעס אין לאַנד, אויך אויף דער יידישער. אַזאַ מין יידישע קולטור, וועלכע פאַרמאָגט נאָר בלויז און זאַפטלאָזע נאַציאָנאַלע פאָרמען (ווייל אירע היסטאָרישע און וועלט־עלעמענטן זע־נען אויסגעשניטן) און אַנטהאַלט אין זיך נאָר איינאיינציקן אָפּיציעלן מלוכה־אינהאַלט (ווייל אונטער דעם באָלשעוויזם קאָן מען דאָך נישט ו ו י ל ן דעם אָדער יענעם נוסח פון סאָציאַליסטישן שאַפן), — אַזאַ מין קולטור מוז נויטווענ־דיק פריער אָדער שפּעטער ווערן אויס נאַציאָנאַל. זי פירט צו דער אַ ס י מ י ל אַ צ י ע.

און זאָל דאָ נישט אַרויסקומען קיין מיספאַרשטענדעניש. איך וויל נישט באַ־הויפּטן, אַז די יידישע קולטור — אויך די סאָציאַליסטישע — מוז אויפנעמען און אויפהאַלטן אין זיך דוקא אַ ל ע אינהאַלטן פון דער טויזנט־יעריקער יידישער אַנטוויקלונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך מוז און וועט זיך די יידישע קולטור שטענ־דיק אַנטוויקלען, וועט זי זיך רעפאָרמירן און רעאָרגאַניזירן איר באַשטאַנד, אָפּ־רופן זיך אויף דער גאַנצער באַוועגונג פון די וועלט־כוחות. אָבער די דאָזיקע רע־פאָרמעס (און רעפאָרמאַציעס) האָבן אַ לעבעדיקן ווערט נאָר דעמאָלט, ווען זיי וואַקסן אָרגאַניש אַרויס פון דער פ ר י י ע ר (און סאָציאַליזם איז נאָר פריי!) איבערצייגונג און גייסטיקער אַרבעט פון אַ פאָלק אָדער קלאַס. דעמאָלט קומט פאַר אַ געזונטער צונויפוווקס פון אַלטע שעפערישע כוחות מיט די נייע. אין דער מלוכה פון באָלשעוויזם האָבן מיר אָבער צו טאָן מיט אַ מעכאַנישן פּראָצעס פון צוואַנגאַרטיקער איבעראַנדערשונג פון קולטור. דעמאָלט איז עס אַסימילאַציע. —

און די אסימילאַציע איז אַ סך שטאַרקער און טיפער איידער יענע, וועלכע איז אָנגעגאַנגען אין מערב־אייראָפּע מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, בעת דעם נצחון פון די ליבעראַלע אידעען. דעמאָלט האָבן זיך יידן געריסן מיט אימפּעט אַרויס פון דעם געטאָ, אָבער די שכנישע פעלקער (למשל אין דייטשלאַנד) האָבן זיך מיט אַ גאָר גרויסער קאַלטקייט באַציגן דערצו. אמת, מען האָט לויט די בירגערלעך־ליבעראַלע פּרינציפּן געגעבן די יידן רעכטלעכע עמאַנציפּאַציע, אָבער סיי אין דעם קריסטלעך־דייטשישן, סיי אין דעם אויפגעקלערטן עולם האָט מען נישט געקלערט וועגן דעם, אַריינצונעמען די יידן צו זיך אויך געזעלשאַפטלעך און מענטשלעך. די גייסטיקע וואַנט (פון וועלכער מיר האָבן גערעדט אויבן בנוגע דעם אַנטיסעמיטיזם) צווישן דער „קריסטלעכער" וועלט און די יידן איז אייגנטלעך פאַרבליבן אויף ווייטער. דאָס האָט געמאַכט שווערער דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע. — אין ראַטן־פאַרבאַנד איז די לאַגע אַן אַנדערע. די רעגירונג פאַרנעמט זיך מיט דער יידישער פראַגע אין איר גאַנצן עקאָנאָמישן פאַרנעם, זי טראַגט אין זיך נישט קיין יידן־האַס, זי פירט אַריין די יידישע פאָלקס־שיכטן אין אַלע קעמערלעך פון דער ניי־געשאַפענער געזעלשאַפט. דערמיט ווערט געשאַפן די זעלישע גרייטשאַפט פון די יידישע מאַסן שטאַרק צוצופּאַסן זיך צו דעם הערשנדיקן סיסטעם. אמת, די מלוכה צעשטערט די יסודות פון דעם קלאַסישן יידישן לעבנס־סיסטעם, אָבער דאָס געשעט דאָך אין נאָמען פון דער גרויסער קאָמוניסטישער אידעע. דער כישוף פון דער דאָזיקער אידעע, פאַרבונדן מיט דעם אומגעהויערן צוואַנג פון דער מלוכה (פּרוווט נאָר נישט זיין פאַרכישופט!) מוז פירן צו אַן אַסימילאַציע פון אַ טיפן פאַרנעם. גבריאל ריסער (דער קעמפער פאַר דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד) האָט ערשט געחלומט וועגן דער אינטימער פאַרבינדונג מיט דעם דייטשישן פאָטערלאַנד און קולטור. אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרווירקלעכט די הערשנדיקע מלוכה און קולטור אַליין דעם דאָזיקן פּראָצעס.

וועט מען אָבער פרעגן די וויכטיקסטע פראַגע: פאַרוואָס טאַקע נישט אסימילאַציע? אָט שרייבט העלער אין זיין בוך: „נאָך איינמאָל, צום לעצטן מאָל, שווימט אַהאַספער, דער אייביקער ייד, אויף. זיין וועג דורך די יאָר־טויזנטער איז פאַרענדיקט, זיין אויפגאַבע איז דערפילט". און רעדנדיק וועגן די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, דערקלערט העלער: „ביי דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט האָט אויך די נאַציע אַן אָנהויב און אַ סוף. אין דעם פאַל פון די יידן איז דער סוף — אַ דאַנק זייער באַזונדערער סאָציאַלער אַנטוויקלונג — שוין אַ סך קלאָרער צו זען. די דיקטאַטור וועט עס נישט פאַרהינדערן, ווייל די יידן אַליין, וועלכע זענען סאָציאַל און נאַציאָנאַל באַפרייט, פאַרהינדערן עס נישט" 1). פאַרוואָס טאַקע נישט? יידן באַקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד אַלע דריי זאַכן: פּרנסה, שוץ קעגן פּאָגראָמען און פּאָליטישע בילדונג („השכלה"). צי איז טאַקע נויטיק — פון שטאַנדפּונקט

1) עס איז אויך פאַרשטענדלעך לויט העלערן. אויב די יידישע קולטור איז נאָר אַ לבוש פון דער סאָציאַלער הענדלער־קאַסטע, מוז זי אויך פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דער דאָזיקער קאַסטע אין רוסלאַנד.

פון א סאָציאַליסט — זוכן אויפצוהאַלטן די יידישע נאַציע? צי באַזיצט טאַקע איר נאַציאָנאַלע קולטור אַזעלכע אינהאַלטן, וועלכע וואָלטן געדאַרפט אריבער־גענומען ווערן אין דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע?

דערויף ענטפערן מיר: יאָ! אין דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע (באַזונ־דערס נאָך אין דער לאַנגער איבערגאַנג־צייט צו איר) טרעט יעדע פאָלקס־גרופּע אריין נישט ווי א אוניפאָרמירטע סאָלדאַטישע מחנה. יעדע ברענגט אריין מיט זיך איר אייגנאַרטיקן שכל און געמיט, יסוד און פאַרנעם, באַגייסטערונג און דערפאַרונג. עס איז א גראַנדיעזע היסטאָרישע אויפגאַבע פון סאָציאַליזם אריינ־צונעמען אין זיין נייעם לעבנס־סיסטעם אַלע באַזונדערע נאַציאָנאַלע שטראָמען פון דער ארבעטער־מענטשהייט און פאַרבינדן זיי אין דעם סדר פון סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט. די יידישע נאַציע מוז אויך אריינטרעטן אין סאָציאַליסטי־שן לעבן מיט דעם גאַנצן סכום פון אירע היסטאָריש־אָנגעזאַמלטע גייסטיקע און מאָראַלישע אוצרות. זי האָט נישט געוואָלט אמאָל זיין אן אָביעקט פון דער ליבע־ראַלער עמאַנציפּאַציע; זי דאַרף נישט ווערן היינט אן אָביעקט אפילו פון דער סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע. אַלס גלייכבאַרעכטיקער קאָלעקטיווער סוביעקט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע זאָל דאָס יידישע פאָלק אריבערגיין אין דער נייער וועלט געשיכטע. עס האָט אריינצוברענגען אין דעם סאָציאַליסטישן שאַפונג־פּראָ־צעס פאַר זיך — און ממילא פאַר דער מענטשהייט — אַזעלכע לעבנס־אינהאַלטן, וועלכע בילדן זיין נאַציאָנאַלע קולטור (ווייל להיפּוך צו סטאַלינען האַלטן מיר, אז א נאַציאָנאַלע קולטור האָט נישט נאָר אייגענע פאָרמען, נאָר אויך אייגענע אינהאַלטן, לעבנס־אָנשויונגען, וועלט־געפילן). וואָס זענען עס פאַר א אינהאַלטן? עס וועט זיין גענוג אָנצוטייטן נאָר אויף אייניקע עלעמענטן פון יענער יידישער אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט באַגלייט דאָס פאָלק אין די דורות, וועלכע האָט עס געמאַכט פאַר א פאָלק פאַר זיך. לאָמיר דערמאָנען, אז דער יידישער פאָלקס־מענטש האָט א באַזונדערע באַציונג צו בלוט, צו בלוט־פאַרגיסן, צו מענטשן־בלוט בפרט. פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קולטורן (באַזונדערס די, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט רויב און מילחמות) האָבן פאַרשיידענע באַציונגען צום בלוט־פּראָ־בלעם. יידן האָבן דאָ זייער אייגענעם בליק, — און עס איז ווערט, אז זייער איי־גענע שטים זאָל קלינגען דוקא אין דער עפּאָכע פון רעוואָלוציע און דיקטאַטור. — דער יידישער פאָלקס־מענטש האָט אן אייגענעם טאָן אין באַציונגען צו געדריק־טע, אומגליקלעכע מענטשן: רחמנות. דאָס רחמנות־געפיל (וועלכעס שטייט נאָענט צו דעם רוסישן געפיל פון מיטלייד — „זשאַלאָסט") פירט צו אן אינטים־אינדיווידועלן שייכות פון מענטש צו מענטש, לאָזט זיך נישט פאַרדרענגען דורך אבסטראַקט־קאָלעקטיווע סאָציאַלע געפילן. דאָס איז א זעלישער ווערט, וועלכער קאָן גאָר שטאַרק צונוץ קומען אין דער מיט צוואַנג אין געוואַלט ארבעטנדיקער רעוואָלוציע. — אין דעם יידישן פאָלקס־מענטש איז היסטאָריש אָנגעזאַמלט די פעיקייט צו רעבעליע, צו זאָגן מיט א מאָראַלישן אומרו: ניין, נישט אזוי! דער דאָזיקער פרייהייט־דראַנג און שטענדיקער ארויסקוק אין דער פאַר־

שלייערטער צוקונפט טאָר נישט פאַרלאָרן גיין פאַרן סאָציאַליסטישן סדר, וועלכער קאָן זיך צו שנעל פאַרהאַרטעווען אין אַ קאָנסערוואַטיווער „אָרדענונג". — די יידישע מאַסן האָבן שטענדיק געקעמפט פאַר אַ ברעקל חיונה און מאַטעריעלן וויל־שטאַנד, אָבער אין דער יידישער קולטור איז קיינמאָל נישט געלעגן קיין התפעלות פאַר מאַטעריעלע דערגרייכונגען. די יידישע רעליגיעזע וועלט־אַנשויונג האָט נישט באַרלאַנגט יענע הימלדיקע גייסטיקייט און אָפּלייקענונג פון דער מאַטעריע, ווי עס האָט געטאָן דאָס קריסטנטום (דערביי האָט עס אויף דער זינדיקער ערד געלאָזן הערשן די מלוכות, קירכן און אינקוויזיציעס). די יידישע וועלט־אַנשויונג האָט גיכער געשטרעבט צו דער פאַרגייסטיקונג פון דער מאַטעריע, צו דער היילִיקונג פון קאָנקרעטן ערדישן לעבן, צו די גרויסע מאָראַלישע אחריותן פאַר זיך און פאַר דער וועלט. אַזאַ וועלט־אַנשויונג קאָן אריינברענגען אַן אייגענעם שטריך אין די מייסטע סאָציאַליסטישע לעבנס־בילדער, ווו עס הערשט אַזוי שטאַרק דאָס פאַרבילד פון אייראָפּעישער ציוויליזאַציע און אַמעריקאַניזם.

ערשט ווען די יידישע מאַסן וועלן פריי אַריינברענגען אין דעם רעוואָלוציאָנערן איבערקער די דאַזיקע און אַנדערע קולטור־אוצרות זייערע, ערשט דעמאָלט וועט זייער קולטור, אויפן יסוד פון נייע סאָציאַלע דערפאַרונגען, ווערן אַן עכט־סאָציאַליסטישע און גלייכצייטיק נאַציאָנאַלע קולטור. דעמאָלט ערשט וועט דאָס יידישע ליד, און בוך, און שול זיין סאָציאַליסטיש און יידיש (נישט נאָר „נאַציאָנאַלע פאָרם"). אַזאַ יידישע נאַציאָנאַלע קולטור איז דעמאָלט מענטשהייטלעך אין צוויפאַכן זינען: לויט איר ווירקונג אין פאָלק גופא (ווייל אירע אַלע נאַציאָנאַלע אינהאַלטן זענען אין תוך מענטשן־אינהאַלט) און לויט איר ווירקונג אויף דער מענטשהייט בכלל. מיר זעען: די יידישע נאַציע האָט נישט קיין שום גרונט צו אַסימילירן זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד. זי טראָגט מיט זיך נויטווענדיקע עלעמענטן פאַר אַ שעפערישן סינטעז פון סאָציאַליזם. און זי טראָגט דערמיט אויך נויטווענדיקע עלעמענטן פאַר אַ שעפערישער קריטיק פון הערשנדיקן באָלשעוויזם. יאָ, די עכטע יידישע קולטור האָט אין דורות אויסגעווייטיקט און קריסטאַליזירט אַזעלכע דערפאַרונג־פּרינציפּן, אַז זי איז אפשר באַזונדערס מסוגל צו זיין, פאַר זיך און פאַר אַלעמען, דאָס קריטישע באַוווסטזיין אין אַ רעוואָלוציע. פּונקט ווי דער יידישער פאָלקס־מענטש איז קריטיש געווענדט קעגן דער פּריציש־קאַפּיטאַליסטישער וועלט, מוז ער זיין קריטיש און פאָדערנדיק לגבי אַ באָלשעוויסטישן רעזשים. דער רעזשים קאָן אים אָוועקשטעלן פאַר די אויגן פּערספּעקטיוון און דערגרייכונגען פון אַ „פינפיאָר־פּלאַן", אָבער דער יידישער וואַנדער־מענטש שטעלט אַוועק אַנטקעגן אַזעלכע עפּיזאָדישע פּלענער זיין טויזנטיאָריקן פּלאַן פון זוכענישן נאָך יושר און אמת. ער האָט דאָ צו זאָגן זיין אייגן, נישט אַסימילירט וואָרט.

דער יידישער אַרבעטס־מענטש האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד נאָך אַ באַזונדער רעכט צו זאָגן זיין קריטיש וואָרט. דער באָלשעוויזם איז אַ סיסטעם פון אָרגאַני־

זירטן קלאַסן־האַס, אַ סיסטעם, וואָס מען זעט נאָך דערווייל נישט זיין סוף. קלאַסן־האַס, באַזונדערס ווען עס ווערט אָנגעטריבן פון אַ דיקטאַטאָרישער מלוכה, איז זייער ווייט פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף. ווען דער קלאַסן־קאַמף ווערט געפירט און קאָנטראָלירט פון דעמאָקראַטישע אַרבעטער־מחנות, דעמאָלט ווערן די פונקען פון קלאַסן־האַס פאַרשלונגען פון דעם מאַסן־פייער פון אַ קאָלעקטיוון, אידעאַליסטיש־באַגייסטערטן קאַמף. דער באָלשעוויזם באַטראַכט דעם קלאַסן־האַס פאַר אַ נויטווענדיקן מעטאָד אומעטום, אויך ביי דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי. אָבער דאָרטן, ווו יאָרנלאַנג ווערט דערצויגן און געהאָדעוועט קלאַסן־האַס, מוז ער אַריבערגיין אין מענטשן־האַס בכלל. און דאָרטן ווו מענטשן־האַס, — איז אויך יידן־האַס! דער באָלשעוויזם מעג קעמפן ערלעך קעגן אַנטיסעמיטיזם, אָבער ער אַליין שאַפט עלעמענטן פון אַנטיסעמיטיזם.

ס'איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי דער יידישער גורל ווערט פאַרענטפערט אין רוסלאַנד. עס קאָנען אפשר געלייזט ווערן זיינע ווירטשאַפטלעכע נויטן 1), עס קאָן אויפגעלייזט ווערן דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון יידישן אַרבעטס־מענטש, — דאָס אַלץ איז נאָך גאָר ווייט פון יענער דערלייזונג, אויף וועלכער ער וואַרט שוין צוויי טויזנט יאָר. צי האָט עס זיך געלוינט צו טראָגן די ליידן און פירן די קאַמפן, כדי צו דעראָבערן — „באחרית הימים" — די מדרגה פון אַ „סאָוועטישן בירגער"?

## פאָדערונגען צו זיך

מיר האָבן געזאָגט, אַז די יידישע נאַציע טראָגט אין זיך אַ רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע. דער דאָזיקער וועלטאַנשויילעכער רוקנביין, פאַרהאַרטעוועט אין די יאָרהונדערטער, גיט דעם יידישן פאָלקס־מענטש די מעגלעכקייט אַנטקעגנצושטעלן זיך סיי די אומגליקן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סיי די גליקן פון דער באָלשעוויסטישער מלוכה. דאָס זאָל אָבער נישט באַטייטן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַן אתה בחרתנו־פאָלק אין יענעם שלעכטן זינען פון וואָרט, וועלכן מיר קענען פון לאַנג־אָן, אין זינען פון פוסטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אויבערפלעכלעכער גדלות. ווען אַ מענטשן־קאָלעקטיוו דערקלערט, אַז ער טראָגט אָדער וויל טראָגן אַ היס־

1) גראַד אין די לעצטע וואָכן האָט די יידיש־קאָמוניסטישע פּרעסע פאַרעפנטלעכט משונהדיקע ידיעות וועגן דעם גאַנג פון דער קאָלאָניזאַציע אין קרים און ביראָ־בידזשאַן. „לויט די פּלענער פון קאָמערד וואָלט צום 1־טן יאַנואַר 1932 געדאַרפט זיין אין קרים 11.925 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס; פאַרבליבן זענען אָבער אַרום 4.000 פאַמיליעס. דאָס הייסט, אַז העכער 5.000 זענען אַוועק פון די פאָנדן, און דער פּלאַן איז פאַקטיש אויסגעפילט אויף 33 פּראָצענט. לויט די פּלענער וואָלטן צום 1־טן יאַנואַר 1932 געדאַרפט זיין אין ביראָ־בידזשאַן אַן ערך 14.000 יידישע איבערוואַנדערער; פאַראַן איז אַן ערך 5.000 מענטשן. דער פּלאַן איז פאַקטיש אויסגעפילט געוואָרן אויף 43 פּראָצענט. די געבראַכטע ציפער וועגן אָפּפלוס אין ביראָ־בידזשאַן איז נישט קיין פּינקטלעכע, דער פּראָצענט־אָפּפלוס דאַרף זיין אַ גרעסערער... די סיבה איז פּלאַנלאָזיקייט, סיסטעמלאָזיקייט, אָפּוועזנהייט פון יעדן מין קאָנטראָל" („עמעס" פון 16־טן פעברואַר 1932).

מאָרישע רעוואָלוציאָנערע מיסיע, דעמאָלט פילט ער אין זיך נישט גאווה־געפילן אָדער באַזונדערע רעכט לגבי דער וועלט, נאָר פאַרקערט: באַזונדערע פליכטן פאַר זיך און דער וועלט, א באַזונדערע אחריות פאַר דעם אייגענעם און וועלט־געשיכטלעכן לעבן 1). אַ יידיש פאָלק טאָר זיך נישט אַלוֹא באַנוגענען — אפילו אין דער היינטיקער ביטערער צייט — דערמיט, וואָס עס ווענדט זיין צאָרנדיק פּנים צו דער דרויסנדיקער וועלט. עס מוז זיך אַ קער טאָן צו זיך אליין. האַלטן מיט זיך אַ שטרענגן חשבון הנפש, אָן פאַלשן פּאַטריאָטיזם אויפדעקן די אייגענע פעלערן.

און מיר האָבן טאַקע גאָרנישט ווייניק וואָס איבערצוטראַכטן וועגן זיך אליין. זאָל נאָר אין דעם אַזוי שאַרף צעשפּליטערטן יידישן פאָלקס־לעבן קיין איין ריכטונג און פאַרטיי נישט וואַרפן די שולד אויף די אַנדערע. נישט לאַנג האָט ח. נ. ביאליק פאַרעפנטלעכט אַ גרויזאַם ליד, געווידמעט דער גייסטיקער און מאָראַלישער לאַגע פון דעם היינטיקן ציוניזם. צי איז אָבער די שילדערונג כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר דעם ציוניזם אליין? זאָל דער לייענער אריינטראַכטן זיך אין די ווערטער פון ליד.

## און ווידער זע אין אייך, ווען איר זענט שוואַך...2)

און ווידער זע איך אייך, ווען איר זענט שוואַך, און ס׳טריפט מיין האַרץ מיט בלוט.
ווי אָרעם זענט איר איצט, ווי הילפלאָז מיטאַמאָל!
ווי איינזאַם אין דער וועלט, אָן וועגן און אָן ראַט,
און אָן אַ טרייסט וואָרט, אָן איין פריינט, אָן אַנווייזער פון טריט...
ווער האָט אַוועקגעריבט באַפרייונג־פרייד פון יונגע אויגן,
און ווער האָט אויסגעלאָשן פונקען פון איר פלאַם?
פאַרוואָס איז אַזוי קלאַנגלאָז אייער שטים,
און ס׳קלינגט פאַרוועלקט און פאַרבלאָז אייער וואָרט?
פון אייער שאַפונג־ליד האָבן דאָך נעכטן וועלט געציטערט!
ווער האָט פאַרכמאַרעט איבער אייך פרימאָרגן־שטראַלן נאָך אין דער
פינצטערניש פון דער נאַכט?
ווער האָט צעשטערט אין אָרעמע געצעלטן די האָפענונג־שמחה און
דעם צוקונפט־טרוים?
און ווער האָט צוגענומען קינדערשן געלעכטער און טומלדיקע מאַסן־פרייד פון פאָלק?
ווער האָט די יונגע זין און טעכטער אַראָפּגעפירט פון יוגנטלעכע וועגן,

---

1) אַזאַ מין „אתה בחרתנו"־געפיל שטעלט נישט אַוועק איין פאָלק העכער פאַר די אַנדערע, פאַרקערט: דאָס באַוווּסטזיין פון אייגענער אחריות פאַר דער וועלט פאַרלאַנגט, אַז פונקט אַזאַ מין באַוווּסטזיין זאָל באַזעלן אויך אַלע אַנדערע פעלקער־קאָלעקטיוון.

2) דאָס דאָזיקע ליד איז איבערזעצט אין יידיש דורך שמואל פרידמאַן (קאָוונע).

געלאָזט צעשטויבן זייער קראַפט צונישט און ווערן פאַר דער וועלט
צו שאַנד און שפּאָט,
זיי אָנגעפּילט די קעפּ מיט ווינט, דאָס מויל — מיט חוצפּהדיקע פּוסטע רייד
און, שטאָט צו האָרכן און צו לערנען, געגעבן זיי דעם מוט
צו לערנען אַנדערע מיט שרײַענדיקן וואָרט ?
און ס׳גיסט זיך אָן אַן אויפהער איבער אײַער אײַנגעבייגטן קאַרק
פון יעדער בימה און פון יעדן רעדנער־פּולט
אַ טריבער רעגן פון ווערטער־שטויב, פון ווערטער־שטרוי, פון ווינט,
וואָס קומט מיט האַס צו שמוצן אײַער שענסטן האַרצנס־טרוים.
ווער האָט עס אָנגעשיקט אויף אײַער לײַב די עקלדיקע קרענק, נביאות־זאָגער קרעציקע,
מיט אומריינע נשמות, מיט הערצער פול מיט טומאה און מיט גיפט,
וואָס רופן גאַנצע טעג, אין אַ פאַרבלענדעניש און אין אַ שינאה־ברען, צו גדולות,
וואָס האָבן שוין מיט זייער מויל דערגרייכט דאָס גרעסטע, און מאָנען עס פון אַנדערע,
און יובלען אין פּוסטער פרייד, און שטרעקן אויס די האַנט נאָך לוין,
אַזוי,
ווי ס׳וואָלט די האַנט די גדולות שוין געמאַכט צו וואָר ?
און ווער האָט אָנגערייצט אויף אײַך די ציין, און פעדער־קריצער,
פון גאָט־באַשטראָפטע, צעפּרעסענע פון האַס און שוואַרצער קנאה,
זיי זאָלן אײַך צעקריגן איינעם מיטן צווייטן,
און שפּײַזן אײַך מיט אײַער אייגן פליייש און בלוט.
זיי זאָלן יעדע הייליקייט בײַ אײַך פאַרשווכן
מיט אָטעם פון אַ טמאדיקן מויל און מיטן ריר פון טמאדיקע פינגער ?
און ווער האָט אײַער בונד צעשטערט און אים פאַרטיילט צווישן יינגלעך־נאַרן ?
וווהין איז עס צעזייט געוואָרן אײַער חייל ?
ווו זאַמט זיך אײַער פירער אַזוי לאַנג ?
ווו איז פאַרבאָרגן איצט די שטים פון דעם, וואָס קאָן באַפעלן ?
פאַרוואָס דערגייט צו אונדזער אויער נישט זײַן רוף ?
צי לאַכט שוין ווידער גאָט פון אײַך, און ס׳חוזקן פון אײַך זײַנע נביאים,
און מאָרגן ברענגט ער אײַך צוריק מיט שאַנד און שמערץ צום וועג פון
אײַער אומגליק.
אײַך שטעלן אויף די פראָבע, פאַרפּײַניקן ביז טויט, נאָך ערגער ווי ביז טויט ?
איר זאָלט, צו שרעק פון גאָר דער וועלט,
פון יעדן שטאָלצן פוס געטרעטן,
צו שאַנד און ווייטיק קריכן אויפן בויך אין זאַמד און שטויב,
ווי וואַסער, טרינקען שפּאָט, און שלינגען שמוץ, ווי ווײַן,
און ביזן לעצטן טראָפּן אויסזייגן דעם בעכער גיפט,
ביז איר׳ט דערקריכן צו דעם פרעמדן טיש פון פעלקער,
וואָס זענען אויסגעלייזט דורך גאָט און פרייען זיך מיט זייער יום־טוב,

און שליסן זייער פרידנס־בונד אויף אייביק איבער אײַערע קרבנות!
און קלײַבן וועט איר אונטער פרעמדע טישן
פון פיס און הענט אײַערע אָפּגעהאַקטע פינגער...
און אויב צוזאַמען אַלע זענט איר שוואַך און קאָנט נישט ברענגען אײַער גאולה, —
צי איז נישטאָ כאָטש איינער אין יהודה,
כאָטש איינער אין דער גאַנצער גרויסער מחנה,
אַ מאַן פון קראַפט, וואָס הערשט מיט מאַכט, מיט גרויסן גײַסט, פון גאָטס גנאָד,
מיט ריינעם האַרץ, מיט אײַזן־רוט און העלדישן פאַרשטאַנד,
וואָס זאָל אײַך אָננעמען פאַר האָר פון אײַער קאָפּ
און אויפטרייסלען מיט פעסטקייט פון זײַן האַנט,
ווי אַ פאַרשיכורטן, וואָס איז באַרוישט פון ווײַן,
און וואַלגערט זיך אין שיכרותדיקן שמוץ,
און צו זיך ברענגען אײַך, אײַך אומקערן דעם כוח,
און ווידער אויפשטעלן...

***

ווי אָרעם זענט איר איצט, ווי הילפלאָז מיטאַמאָל,
ווי איינזאַם אין דער וועלט, אָן וועגן און אָן ראַט!
און ווידער זע איך אײַך, ווען איר זענט שוואַך, און ס'טריפט מײַן האַרץ מיט בלוט!

יעקב פּאַט, דער בונדיסט, האָט געשריבן אַן אַרטיקל „שרצים האָבן זיי אַ פול האַרץ" („פאָלקסצייטונג" פון 8 יאַנואַר 1932), אין וועלכן ער האָט אַרויסגע־זאָגט זײַן גרעסטע צופרידנקייט מיט די שמייכנדיקע רייד, וועלכע ביאַליק האָט געשליידערט קעגן די ציוניסטן. אין דעם דאָזיקן תוכחה־ליד פון ביאַליק זעט י. פּאַט די פאַרדינטע שטראָף פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, און עס דוכט זיך, אַז ער טראַכט דערבײַ: איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט אונדז ניט געמאַכט אַזעלכע, ווי זיי!... דערבײַ באַמערקט נישט י. פּאַט, אַז די זעל־ביקע שטראָפרייד מיט דעם זעלביקן חשבון הנפש (נאָר מיט אַנדערע ווער־טער) וואָלט געמוזט ווענדן קעגן זיך גופא אויך די סאָציאַליסטישע, אויך די ייִדיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אפשר מעגן מיר אפילו מקנא זײַן דעם ציוניזם, וואָס אין זײַן מחנה האָט זיך געפונען אַ שטים, וועלכע האָט מיט אַזאַ נאַקע־טער, אומברחמנותדיקער און ליבנדיקער קראַפט אַנטפּלעקט פאַר זיך די אייגענע וווּנדן.

אָבער אויך די ייִדישע אַרבעטערשאַפט האָט געגנוג טעמים אַרײַנצוקוקן טיפער אין איר הײַנטיקן צושטאַנד און נישט פרייען זיך פון יענעמס מפּלות. צי גע־דענקט נאָך דער ייִדישער פּראָלעטאַריער די טראַגישע געשעעניש, וועלכע האָט פּאַסירט גאָר נישט לאַנג אין וואַרשע דווקא צווישן אַרבעטער? צווישן די בעקער־אַרבעטער גייט אָן זינט יאָרן אַ קאַמף אויף דעם פּראָפעסיאָנעלן געביט; אַ טייל

בעקער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם קאָמוניסטיש־רעגירטן בעקער־פאַריין; זיי האָבן געשאַפן אַ נייעם בונדישן פאַריין. אָבער די פאַרביטערונג צווישן פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען איז אַזוי גרויס, אַז די אויפגערעגטע קאָמוניסטן האָבן אויפן גאַס ד ע ר ש אָ ס ן דעם בונדישן אַרבעטער נויערמאַן. דאָס נישט גענוג: אַז די פּאָליציי האָט שפּעטער אַרעסטירט דעם מערדער, האָט ער אָנגעוויזן, אַז ער איז געשיקט געוואָרן צום מאָרד... דורך די בונדיסטן. ער האָט אָנגערופן ביים נאָמען צוויי אומשולדיקע אַרבעטער, וועלכע מען האָט אַרעסטירט און געהאַלטן אונטער דער שרעקלעכער אָנקלאָגע פון מאָרד... די מאָדערנע עלילת דם האָט נישט נאָר געמאַכט אומגליקלעך אַ ריי יידישע אַרבעטער־פאַמיליעס, זי האָט געהאַלטן אונטער איר פּעסט־הויך די גאַנצע יידישע אַרבעטערשאַפט פון וואַרשע. נישט קיין קלאַסן־שונא און נישט קיין נאַציאָנאַלער יידנהאַס האָט דאָ געשאַפן אָט די אַטמאָספער פון מאַכטלאָזיקייט און פאַרעטערישקייט פון אייגענע אַרבעטער־ברידער. ד אָ ס האָט פּאַסירט אין יאָר 1931 אין דער זעלביקער פּראָלעטאַרישער וואַרשע, ווו די יידישע האָרעפּאַשניקעס טרינקען גלייכצייטיק פלעשלעך סם, וואַרפן אונטער זייערע קינדער אויף דער גאַס, וואַרפן זיך מיט מעסערס אויף אַ ברודער צוליב אַ שטיקל ברויט. — איז טאַקע ביאַליקס תוכחה־ליד גאָר נישט שייך צו אונדז, סאָציאַליסטן, קאָנען מיר זיך נאָר טרייסטן דערמיט, וואָס שולדיק אין דעם זענען נאָר „זיי", די קאָמוניסטן?

און צי ווייסן מיר נישט, אַז די יידישע מאַסן, וועלכע ליידן אַזויפיל פון פרעמדע האַס־געפילן, זענען גאָר אָפט נוטה צו פאַרגעסן זיך לגבי אַנדערע פעלקער, וועלכע שיינען צו זיין שוואַכער פון זיי? האָט דער דורכשניטלעכער, אפילו אַרבעטנדיקער ציוניסט געפונען די ריכטיקע, די יידישע און מענטשלעכע באַציונג צום אַ ר אַ ב ע ר אין פּאַלעסטינע? און צי האָבן די יידן אין אַמעריקע (אויך יידישע סאָציאַליסטן) אַ וועלכע נישט איז ווירדיגע באַציונג צו די נ ע ג ע ר און זייער גורל? דער אָקאָרשט־געשטאָרבענער יוליוס ראָזענוואַלד, אַ יידישער גרויס־קאַפּיטאַליסט, האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם נעגער־פאָלק, האָט געעפנט פאַר נעגערס אָן אַ צאָל לערער־סעמינאַרן, האָט זיין נאָמען פאַראייביקט אין דעם פאָלקסבאַוווסטזיין פון די נעגערס פון דער גאַנצער וועלט (מען וועט זאָגן: ער האָט עס געטאָן צוליב מסחר, כדי זיינע סחורות צו פאַרשפּרייטן ביי דעם נעגער־עולם. אָבער פונדעסטוועגן האָט ע ר עס געטאָן און נישט קיין אַנדערע קאַפּיטאַליסטן). אָבער וואָס ווייסן מיר וועגן דער באַציונג פון יידישע דענקער, דיכטער, קעמפער, ס אָ צ י אַ ל י ס ט ן אין אַמעריקע צו נעגער, זייערע ליידן, זייער קולטור און זייער צוקונפט? שטייט נישט דער יידישער פאָלקסמענטש צוזאַמען מיט אַלעמען אין דעם זעלביקן פראָנט פון ראַסן־באַרימעריי און אייראָפּעישער קולטורלאָזיקייט?

און צי איז פאַראַן היינט־צו־טאָג ביי די יידישע מאַסן די נייטיקע שאַרפקייט פון בליק, קאָנצענטרירטקייט פון דענקען, אחריותדיקייט פון האַנדלען? די יידישע פּאָליטישע גאַס ווערט פאַרשריען פון די באַנומענע קולות פון כלערליי סאָציאַלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע פּאַרטייען. וואָס באַווייזן די וואַלן? נאָך די וואַלן אין

לעטלאנד, למשל, האט אין אקטאבער 1931 דער 'פרימארגן' געשריבן: „מען האט זיך נ י ש ט געאמפערט ארום אידעאלאגיש־פאליטישע שיטות, אדער ארום די מעטאדן פון א סאציאל־עקאנאמישער שליחות. קיין שום אידעיִשקייט, קיין שום שותפות פון שטענדיקע טיפערע אינטערעסן האט נישט פארבונדן דעם עולם מיט די קאנדידאטן און די קאנדידאטן מיטן ווײלער... די צרה איז, וואס דער יידישער עולם האט טיפע באדערפנישן און ביטערע נויטן, אבער ער האט נ י ש ט קיין באשטימטע און באוווסטזיניקע פאדערונג. סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, פערזענלעכע קרובהשאפט, א נעבעכדיקער רחמנות, דאנקבארקייט פאר טובות, מאמענטאלע, צופעליקע, ריין־סוביעקטיווע פאראינטערעסירטקייט זענען כמעט די איינציקע גורמים פאר די וואל־רעזולטאטן אויף דער יידישער גאס״.

מיר האבן אויבן דערמאנט די טיפישע כאראקטער־שטריכן פון יידישן פאלקס־פנים, אויף וועלכע דער אנטיסעמיטיזם טייטלט מיט שנאה. א סך פון די דאזיקע פאלקס־אייגנשאפטן (אינטערנאציאנאליזם, שטאטלאזיקייט, גייסטיקייט, רעוואלוציאנערישקייט אא״וו) האלטן מיר פאר דעם פאזיטיוון מאראלישן קאפיטאל פון דער נאציע. אבער מיר טארן זיך נישט נארן: אויך די בעסטע אייגנשאפטן האבן אדער קאנען ציען נאך זיך גרויסע חסרונות. די פעיִקייט צום צופאסן זיך פירט אפטמאל צו אסימילאטארישע אויסגעליידיקטע נשמות; די אויסשליסלעך־עטישע איינשטעלונג צום לעבן שוואכט אפ די פשוטע און געזונטע באציִונג צו מענטש און נאטור. דאס באוווסטזיין פון איבערגעטראגענע יסורים און קרבנות פירט אפטמאל צו אן אתה בחרתנו־באציִונג, צו דעם פארהערלעכן פון עבר אויפן חשבון פון דער צוקונפט. די איבערגעשפיצטע גייסטיקייט פירט צו־אפט צו דער פאנאטישקייט פון יידישע ריכטונגען, צו דעם בטול און האס לגבי אנדערש־טראכטנדיקע גרופן. מיר האבן אין אונדזער אייגענער וועלט נאך גענוג און גענוג ארבעט אויף אויסצוראמען און רייניקן. מיר מוזן עס טאן דווקא דעמאלט, ווען מיר האלטן פאר נייטיק אנטקעגנצוטרעטן די שיקזאל־קלעפ פון אייראפע און דעם נסיון פון ראטנפארבאנד. אין די אייראפעיִשע, מיט האס אנגעזאפטע לענדער שטייט אין סכנה דער קערפער פון פאלק, אין פריינטלעך־געשטימטן ראטנ־רוסלאנד שטייט אין סכנה די נשמה פון פאלק. כדי זיך גייסטיק צו מאביליזירן קעגן די געפארן, מוזן די מאסן אפטרייסלען פון זיך די חסרונות פון זייערע מעלות, מוזן זיי ארויסרופן אויף דער אויבערפלאך די רעוואלוציאנערע כוחות, וועלכע דרעמלען אין זיי.

ביאליק רופט פארצווייפלט אין זיין ליד: „אויב צוזאמען אלע זענט איר שוואך און קאנט נישט ברענגען אייער גאולה, — צי איז נישטא כאטש א י נ ע ר אין יהודה... וואס זאל אייך אננעמען פאר די האר פון אייער קאפ און ווידער אויפשטעלן?״ ניין, מיר גלויבן נישט אין דער הילף פון דעם איינעם. געוויס, היינט אפשר מער ווי ווען עס איז, איז נייטיק, אז עס זאל דערשיינען פארן פאלק דער נביא מיט די טרייסטווערטער: נחמו נחמו עמי! מיט טרייסטווערטער אין דער ביטערער צייט און מיט דערמוטיקונג און אנווייז אויף דער צוקונפט. אבער

ס'זענען נישטאָ און נישט נייטיק איינצל־נביאים. זאָלן די מאַסן אַליין ווערן זייער קאָלעקטיווער נביא, דער מאָנער, דער זעער און דער פירער. פון די טיפענישן פון זייער אייגענעם באַוווסטזיין זאָלן די מאַסן זיך טרייסטן און גרייטן צום ווייטערן לעבנסקאַמף. זאָלן זיי זיך דערמאָנען וועגן דער העראָישער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק, וועגן די אומשעצבאַרע כוחות, וואָס ליגן אין אים, וועגן די אומשטערבלעכע אידעאַלן, וועלכע שטייען פאַר זיין צוקונפט, וועגן דער היסטאָרישער מיסיע, וועלכע ער האָט גענומען פאַר זיך און דער מענטשהייט. זיי וועלן דערמאָלט געפינען דעם כוח צו שאַפן ציכטיקייט און ריינקייט אין זייער אייגענעם לעבן, זיי וועלן געפינען אַ זינען אין זייערע ליידן, זיי וועלן מיט אַ באַנייטער קראַפט גיין שטורעמען די אַלטע וועלט פון רשעות און בייז. נישט פון אַ נביא אָדער אַ פאַרטיי־פירער מוז קומען דער רוף: מען וועט אים דאָך סיי־ווי־סיי דערקלערן פאַר אַ פאַרטייאישן אָדער טאַקטישן תכלית־רוף. פון די עלנטע, געפייניקטע מאַסן, פון די האָרעפּאַשניקעס, וועלכע זענען שטענדיק געווען ביי יידן די טרעגער פון די אידעען, מוז קומען דער רוף: צו זיך און צו די פירער, וועלכע שטייען אין פאָלק, נישט „פאַרטרעטן" דאָס פאָלק. אין דעם נייעם קאַמף, צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער מענטשהייט, וועט פאַרשווינדן אַמאָל דער מענטשן־האַס און דער יידן־האַס.

(„פרייע שריפטן", יוני 1932)

# יידן, אראבער, ענגלענדער

## I

די טראגישע געשעענישן, וואס האבן זיך, ווי א שטורעם, אריבערגעטראגן אין אויגוסט 1929 איבער פאלעסטינע, האבן אויפגעטרייסלט די גאנצע יידישע וועלט. שוין לאנג איז נישט געוועזן אזא פאסירונג אין דעם יידישן וועלט־לעבן, וועלכע זאל מיט אן ענלעכער טיפקייט און ערנסטקייט ארומנעמען אלע קלאסן, ריכטונגען, פארטייען אין יידישן פאלק, אין אלע פינף קאנטינענטן פון דער וועלט. עס האבן געפיבערט און עס פיבערן עד היום ציוניסטן אזוי גוט ווי בונדיסטן, קאמוניסטן אזוי גוט ווי סאציאליסטן, פרומע אזוי גוט ווי אסימילירטע. דאס וויכטיקסטע און דאס היסטאריש־באדייטנדיקסטע איז אבער אין דעם גאנצן פאלקס־פיבער נישט נאר דער געמיינזאמער קאמפלעקס פון געפילן: צער, כעס, דערנידעריקונג, מאכטלאזיקייט, פרישע ענערגיע. דאס באדייטנדיקע באשטייט אין דעם, וואס פאר די ברייטסטע שיכטן פון פאלק האט זיך פלוצים ווידער אויפגעעפנט דער גאנצער קנויל פון קולטור־היסטארישע פראגן, פראגן פון יידישן מזל, פון אלמענטשלעכן מזל בכלל. דאס בויען פון אן אייגן לאנד האט זיך אנגעשטויסן אן די גרעסטע שוועריקייטן, און יעדער פאלקס־מענטש האט דערזען פאר זיך בולט אוועקגעשטעלט די סודותדיקע צייכנס פון דער צוקונפט. צי דארף מען בויען אן אייגן לאנד? צ י מ ע ג מען עס בויען מיט די מיטלען פון ביז אהער? וועלכע שייכותן מוזן זיין צווישן פאלק און פאלק, צווישן פאלק און מלוכה? ווו ליגן די גרענעצן צווישן מענטשלעכן רעכט אויף לעבן און געזעלשאפטלעכן רעכט אויף צוואנג? וווהין פירט בכלל דער היסטארישער וועג דאס פאלק ישראל?

איבער נאכט האט זיך דאס יידישע פאלק, כמעט אין אלע זיינע שיכטן, פארוואנדלט אין א קולטור־פילאזאפיש פאלק, וואס מוז שטעלן פאר זיך אט די העכסטע פראגן פון מענטשלעך־געזעלשאפטלעכן און נאציאנאלן קיום. די פראגן ש ט יי ע ן, כאטש די גרויסע יידישע מאסן אין דער גארער וועלט זענען פארטראגן אין די שווערסטע דאגות פרנסה, ליידן טאגטעגלעך פון דער ביטערסטער מאטעריעלער נויט, פאליטישע פארפאלגונגען, אומזיכערקייט פון לעבן. אבער די זארג וועגן די מאטעריעלע נויטן שטייט נישט אין קיין סתירה צו די טראכטענישן וועגן די הארבע פראגן, וואס פאלעסטינע האט אוועקגעשטעלט, ווי שפיזן, פאר דעם יידישן

באוווּסטזיין. אפשר פילט אינסטינקטיוו דער פאלקס־מענטש, אז ס'איז דא א טיפערע פארבינדונג צווישן זיינע שווערע היי־שעה און די היסטארישע מאטערנישן, אז דורך דער דאזיקער פארבינדונג וועלן זיי ביידע געהאלפן ווערן. ס'איז וויכטיק, אז דער יידישער ארבעטס־מענטש זאל טאקע באטראכטן די פאלעסטינע־טראגעדיע נישט נאר פון דעם נאציאנאל־פאליטישן אדער טאקטיש־ארגאניזאציאנעלן שטאנדפונקט אליין. דאס גאנצע פראבלעם פון דער איינוואנדערונג און בויאונג פון פאלעסטינע מוז ווידער אמאל באטראכט ווערן אין שיין פון די געשעענישן.

און דא מוזן מיר, ראשית כל, געבן א קלארע תשובה אויף דער פראגע וועגן דעם ר ע כ ט פון יידישע ארבעטסמענטשן צו קאלאניזירן פאלעסטינע. דאס דאזיקע רעכט עקזיסטירט בלי שום ספק. פאר סאציאליסט זענען בכלל נישט מאסגעבנדיק יענע מלוכהשע גרענעצן, וועלכע זענען געשאפן געווארן צווישן לאנד און לאנד דורך דער מלוכהשער אדער היסטארישער אנטוויקלונג. די גאנצע מענטשלעכע ערד איז אין פרינציפ פריי פאר דעם גאנצן מענטשלעכן געשלעכט, אויף וויפל עס האנדלט זיך וועגן ארבעט אין געמיינשאפט. דער סאציאליסטישער געדאנק הויבט זיך אפילו נישט אן דארטן, ווו מען באדערשטייט נישט, אז די גאנצע מענטשלעכע געזעלשאפט מוז ווערן א י ב ע ר ג ע ג ר ע נ ע צ ט פון דאסניי. עס מוז די גאנצע ערד אומעטום איבערגעאקערט ווערן, כדי די הויכע בערג פון אומרעכט און טיפע טאלן פון אונטערדריקונג זאלן אויסגעגליכן ווערן. אין דער רוסישער אגראר־רעוואלוציע האט מען דעם דאזיקן עקאנאמיש־מאראלישן פראצעס אנגערופן: „שווארצע איבערטיילונג” אין דער וועלט־רעוואלוציע וועט די מענטשהייט אויך מוזן איינטיילן זיך אויפסניי מיט אירע אוצרות לויט נייע סאציאליסטישע יסודות. דער סאציאליזם ווארפט אפ נישט נאר דעם באגריף און די פסיכאלאגיע פון פ ר י וו א ט ־ אייגנטום; אויך מלוכהשן אדער נאציאנאלן אייגנטום פון די אוצרות פון דער נאטור און מענטשן־פראדוקציע (אויסער די אוממיטלבארע פארברויך־זאכן) ווארפט אפ דער סאציאליזם. דערפאר ה א ט דער ארבעטס־מענטש שוין היינט דאס גרויסע רעכט צו באזעצן מיט זיין שעפערישער קראפט יעטוועדן שטיקל ערד, ווו עס שיינט נאר די זון און עס אטעמט דעם מענטשנס גייסט, — אויב נאר ער שטערט נישט זיין ארבעטס ברודער פון דער זייט.

דערפאר איז באגרינדעט דער הייסער פראטעסט, מיט וועלכן מיר באציען זיך אלע אן אויסנאם, קעגן דער באגרענעצונג פון עמיגראציע אין צפון־אמעריקע. די־דאזיקע אפשליסונג פון די „אייגענע טויערן” פון לאנד איז דורכגעפירט געווארן און האלט זיך א דאנק דעם ארגאניזירטן ארבעטער־קלאס פון אמעריקע. די ארויסשטויסונג פון ארבעטס־ברידער איז דא געווענדט סיי קעגן יאפאנער, סיי קעגן אייראפעער, און דווקא קעגן די נויטליידנדיקסטע שיכטן פון אלע פעלקער. אז מיט א פאר יאר צוריק איז אין לאנדאן פארגעקומען אן ארבעטס־קאנגרעס וועגן עמיגראציע (צונויפגערופן פון צווייטן אינטערנאציאנאל), האט זיך ארויסגעשטעלט מיט וואס פארא באלעבאטיש אויג פארשיידענע ארבעטער־פארטייען פון

די אויסער־אייראָפּעישע לענדער (דאָרונטער אויסטראַליע) היטן אָפּ „זייערע" גרעי־
נעצן פון די דורך נויט געיאָגטע עמיגראַנטן. דער יידישער האָרעפּאַשניק קען דער־
ציילן וועגן דעם גאָר אַ סך. — אויב מיר האַלטן פאַר אומדערשיטערלעך דאָס
רעכט פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטש אין אַמעריקע, באַזיצט ער דאָס גלייכע
רעכט אויך אין פּאַלעסטינע. זאָל מען נישט זאָגן דערביי, אַז יעדער אַריינגעקו־
מענער יידישער עמיגראַנט שטויסט ווי־נישט־ווי אַרויס פון זיינע לעבנס־פּאָזיציעס
(פון ערד אָדער אַרבעט) דעם אַראַבישן פּויער און אַרבעטער. וואָרום פּונקט אַזוי
שטויסט אַרויס יעדער עמיגראַנט אין יעדן לאַנד די איינגעזעסענע בירגער. צי קען
נישט דער אַמעריקאַנער פעסט־איינגעוואַקסענער אַרבעטער האָבן אַזעלכע טענות
צו דעם יאַפּאַנישן דרויסן־עמיגראַנט אָדער צו דעם אינעווייניקסטן נעגער־עמי־
גראַנט? צי איז דאָס נישט אמת געווען, אַז די אַמאָליקע יידישע מאַסן־עמיגראַציע,
באַשטייענדיק פון נישט־געלערנטע אַרבעטער און קליין־בירגער, האָט געטראָגן אין
זיך די געפאַר פון אַ מאַטעריעלער ירידה פאַר דעם קוואַליפיצירטן אַרבעטער? די
ביליקע און צעשראָקענע אַרבעטס־הענט פון עמיגראַנטן האָבן געקענט ווערן (און
די נעגער מיט די יאַפּאַנער קענען נאָך היינט ווערן) אַ דירעקטער רעזערוו־כוח פאַרן
קאַפּיטאַליזם. אָבער גיט עס די אַמעריקאַנער אַרבעטער־תושבים אַ ס אָ צ י אַ ל י ס־
ט י ש רעכט צו פאַרשפּאַרן טיר און טויער פאַר די אַרבעטער־גרים? אָדער בעת
דער יידישער אַרבעטער קעמפט אין אַ פּוילן פאַר רעכט אויף אַרבעט, שטויסט ער
נישט אַרויס בעת מעשה די גלייכע צאָל פון פּוילישע אָדער אוקראַינישע אַרבעטער?
דער יידישער פּראָלעטאַריער, וועלכער פאַרלאַנגט, אַז דער יידישער פאַבריקאַנט
זאָל אַריינגעמען אים אין באַטריב, שוואַכט דאָך ממילא אָפּ די לעבנס־פּאָזיציעס
פון יענעם פּוילישן פּראָלעטאַריער, וועלכער וואָלט פאַרנומען זיין אָרט.

די דאָזיקע טראַגיק פון קאָנקורענץ פאַר ברויט ליגט אָבער נישט אין דער
שולד פון דעם אָדער יענעם אַרבעטער, נאָר אין דער שולד פון דער גאַנצער פאַר־
שאַלטענער געזעלשאַפט. און דער סאָציאַליזם האָט שוין לאַנג געגעבן זיין ענט־
פער אויף דער דאָזיקער טראַגיק. אַזוי לאַנג ווי די היינטיקע געזעלשאַפט עקזיס־
טירט, איז קעגן דער קעגנזייטיקער אַרויסשטויסונג פון אַרבעטס־מענטשן דאָ נאָר איין
מיטל: ז י י ע ר א י י נ ע נ ע ס אָ ל י ד אַ ר י ט ע ט. די אַריינגעקומענע גרים
מוז מען פאַרבינדן אין איין קאַמף־געמיינשאַפט מיט די תושבים, כדי צו דערהויבן
זייער אַלעמענס לעבנס־ניוואָ. דער אַלטער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער סטיל האָט גע־
זאָגט: „טרעט אָפּ, דו מאַכסט מיר דאָ ענג! דאָס איז מיין לאַנד!" דער נייער
סאָציאַליסטישער סטיל זאָגט: „טרעט אַריין, לאָמיר צוזאַמען מאַכן ברייטער!
דאָס איז אונזער געמיינזאַם לאַנד!".

טאַקע דערפאַר קען נישט היינט דער יידישער סאָציאַליסט פּשוט דער־
קלערן: די אַראַבער זענען אין זייער פולן רעכט. דאָס לאַנד געהערט זיי אַליין.
די יידן זענען דאָ ווילד־פרעמדע. אין אַ געוויסן זין האָט די בונדיסטישע אָפּשאַצונג
פון די געשעענישן אין פּאַלעסטינע געטראָגן אָט־דעם כאַראַקטער. מען קען פאַר־
שטיין, וועלכע אינערלעך־פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־טאַקטישע מאָטיוון האָבן גע־

טריבן דעם „בונד" צו פאַרנעמען אַ שאַרפע, אָן פשרותדיקע פּאָזיציע בנוגע אַלע קרייזן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער ביי דער דאָזיקער פּאָליטיש־נאַציאָנאַל פאַרשאַרפטער דיסקוסיע האָט נישט געטאָרט אַרויסגעלאָזן ווערן פון אויג דער סאָציאַליסטישער בליק אויף דער זאַך. זאָגנדיק אַז דער אין פּאַלעסטינע געשאַפענער אַרבעטס־ישוב האָט דאָס רעכט צו פאַרבלייבן און אַנטוויקלען זיך נאָר ב יי אַ ז ע ל כ ע א ו ן אַ ז ע ל כ ע באַדינגונגען (וועלכע זענען ווייט, ווי מזרח פון מערב, פון דעם ציוניסטישן סיסטעם), האָט דער „בונד" אָפּגעזאָגט דעם דאָזיקן ישוב דאָס לעבן איבערהויפּט. „ליקווידאַציע פון ציוניזם" האָט אין דער אויפגערעגטער קאַמף־אַטמאָספערע אָפּגעקלונגען ווי — ליקווידאַציע פון פּאַלעסטינער אַרבעטס־ישוב. אָבער דער ישוב און די אַרבעטס־מאַסן, וואָס האָבן זיך מיט אים זעליש און עקאָנאָמיש פאַרבונדן, זענען דאָ. פּאַלעסטינע איז שוין געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דעם יידישן וועלט־קערפּער. אַז מען זאָל זיך, למשל, פאָרשטעלן, אַז דער גאַנצער פּאַלעסטינער אַרבעטער־קיבוץ וועט בטל ווערן און וועט פּלוצים אומקערן זיך צוריק אין דעם היינטיקן פּוילן, וואָלט אַזאַ געשעעניש געווען באמת אַ נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אומגליק פאַרן יידישן אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיקע אוממעגלעכע היפּאָטעז אַליין באַווייזט, ווי פעסט עס האָט זיך אַריינגעגלידערט דער פּאַלעסטינער פאָלקס־טייל אין דעם יידישן אָרגאַניזם. און ווייל פּאַלעסטינע איז שוין געוואָרן אַ לעבעדיקער קערפּער, אין וועלכן ס'שטעקט אַ ים מיט מענטשלעכער ענערגיע און אידעאַליזם, האָט די בונדיסטישע ריין־פּאָליטישע פּאָלעמיק געקענט באַליידיקן יענע גרויסע פאָלקס־שיכטן, וועלכע זענען (מיט רעכט צי מיט אומרעכט) דאַרטן אַ שטיק פון זייער לעבן. ס'איז בכלל אַ גרויסער שאָד, וואָס דער „בונד" האָט דערמיט אָפּגענומען ביי זיך אַליין אַ גרויסן טייל פון יענער השפּעה, וועלכע ער וואָלט געקענט האָבן אויף די דערשיטערטע פאָלקס־מאַסן, בעת עס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט די טראַגישע דיסקוסיע וועגן פּאַלעסטינע.

מען קען דאָך קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טאָפּלדיקע שפּאַלטונג, אין וועלכער עס געפינט זיך דער באַוווסטזיניקער טייל פון די יידישע מאַסן. אויב דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט איז היינט צו טאָג אַזוי שאַרף געשפּאָלטן אויף דעם רעפאָרמיסטישן און רעוואָלוציאָנערן לאַגער, איז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס געשפּאָלטן נאָך אַמאָל: בנוגע זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. די גרויסע שפּאַלטונג אויף דעם ציוניסטישן און דעם נישט־ אָדער אַנטי־ציוניסטישן לאַגער האָט אויך שאַרף צעשניטן דאָס לעבעדיקע לייב פון יידישן אַרבעטס־פאָלק. די דאָזיקע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע שפּאַלטונג האָט דורכגעקרייצט די סאָציאַל־פּאָליטישע שיידונג־ליניעס און האָט טאָפּלט אָפּגעשוואַכט די קראַפט פון פאָלק. יידישע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, וואָס שטייען אַפילו אין איין — רעפאָרמיסטישן צי רעוואָלוציאָנערן — לאַגער, באַקעמפן זיך ביטער צוליב דעם פּראָבלעם: פּאַלעסטינע־גלות. אויב ס'איז אָבער מעגלעך בכלל אַ בליק־פּונקט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אַלס גאַנצעס, מוז מען אָנערקענען אַלס סאָציאַליסטישע פליכט פון דעם קלאַס:

זוכן צו פֿאַרקלענערן די צערייסנקייט און פֿאַרגרעסערן די פֿאַרשטענדעניש צווישן די צוויי נאַציאָנאַלע לאַגערן אין יידישן סאָציאַליזם. און ווער וויים צי זענען נישט די גרויזאַמע געשעענישן אין פּאַלעסטינע טאַקע געווען באַרופֿן אַרויסצושלאָגן די ערשטע פֿונקען פֿון קעגנזייטיקן מיטגעפֿיל און פֿאַרשטענדעניש. די בונדישע ליניע האָט געקענט — ביי דעם ריכטיקן טאָן — אַרויסשטעלן יענע באַדינגונגען, וועלכע זי האַלט פֿאַר נויטווענדיק אין אַ נייעם יידישן אַרבעטס־קיבוץ און וועלכע קענען היינט געפֿינען אַ ווידערקול ביי די ציוניסטן אין אַרבעטער־לאַגער. דער „בונד" האָט אָבער מייסטנס געטאָן דאָס אַנדערע. קעגן דער שאָוויניסטישער העצע פֿון דעם יידישן בירגערטום און קליין־בירגערטום האָט ער אַרויסגעשטעלט אַן אַנדער „נאַציאָנאַלע" ליניע: די אַ ר אַ ב י ש ע, דעם שוץ פֿון דעם אַראַבישן פֿאָלק בכלל. אַזאַ פּאָזיציע האָט נישט געקענט האָבן קיין צו גרויסע איבערצייגונג־קראַפֿט אין דער יידישער גאַס, ווו די מאַסן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פֿאַר דער בחירה צווישן פֿרעמדן אַראַבישן פֿאָלק און אייגענעם יידישן פֿאָלק.

געוויס איז עס ריכטיק, אַז יעדעס מאָל, ווען עס שטויסן זיך צוזאַמען דער נאַציאָנאַליזם פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק און פֿון מיין פֿאָלק, איז די אויפֿגאַבע פֿון סאָציאַליסט, ראשית כל, צו באַקעמפֿן דעם „אייגענעם" נאַציאָנאַליזם, אַרויסצוראַטעווען פֿון זיין השפּעה די אייגענע אַרבעטער־שיכטן. אין אַ צייט פֿון נאַציאָנאַל־קאַפּיטאַליסטישע מלחמות טאָר זיך נישט דער כאָציאַליסט פֿאַרנעמען נאָר מיט דעמאַסקירן און באַקעמפֿן די נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק פֿון דעם „שונא"; ער האָט גענוג אַרבעט צו דעמאַסקירן ביי זיך אינדערהיים. אין דעם ליגט דער עכטער אינטערנאַציאָנאַליזם, ווי מיר האָב אים באַגריפֿן נאָך דער וועלט־מלחמה. אָבער דער זעלביקער אינטערנאַציאָנאַליזם הייסט אונז נ י ש ט ש ט ע ל ן ז י ך בשום אופֿן אויך אויפֿן זייט פֿון „יענעם", פֿון קעגנערישן נאַציאָנאַליזם אַפֿילו דעמאָלט, ווען דאָס געשעט לשם באַקעמפֿונג פֿון דעם היימישן נאַציאָנאַליזם! — מיר האָבן באַטראַכט מיט פֿאַראַכטונג יענע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן, בעת דער מלחמה אָדער שפּעטער, נאָר באַקעמפֿט פֿראַנקרייך אָדער רוסלאַנד און נישט די אייגענע רעאַקציע. אָבער אויף דעם סאָציאַליסטישן וועג שטייען נישט אויך יענע דייטשע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך (אין דער מלחמה־צייט אָדער שפּעטער) געשטעלט אויף דער זייט פֿון „פֿראַנקרייך" אָדער „ענגלאַנד", צוליב שנאה צו זייער אייגענער שטוביקער רעאַקציע. אין דעם ערשטן פֿאַל שטיצט מען די בורזשואַזיע פֿון אייגענעם לאַנד, אין צווייטן — די בורזשואַזיע פֿון יענעם לאַנד. די־דאָזיקע צווייטע, אַנטי־פּאַטריאָטישע, ליניע איז אין תוך ווידער אַ נאַציאָנאַלע, מער נישט אַ פֿ אַ ר ק ע ר ט ־ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע.

אַזאַ פֿאַרקערט־נאַציאָנאַלע פּאָזיציע האָט פֿאַרנומען דער „בונד". ער האָט נישט צעגלידערט דאָס אַראַבישע פֿאָלק לויט זיינע קלאַסן־שיכטן, האָט נישט געזוכט אַרויסצוגעפֿינען יענע שיכטן, וועלכע קענען האָבן ביי געוויסע באַדינגונגען אַ נאָענטע שייכות צו די אַרבעטס־שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק. ער האָט גערעדט מייסטנס וועגן די רעכט פֿון אַראַבישן פֿאָלק ס ת ם. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס עס האָט

זיך אין דער יידישער, מיט צער־פּאַרגאַסענער, גאַס פאַרשטייפט אויך דער באַגריף פון יידישן פאָלק סתם און זיינע רעכט. אַט אַזוי איז פון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע זייטן אויפגעפייטשט געוואָרן דער זודיקער נאַציאָנאַלער יידיש־אַראַבישער קאָנ־פליקט אַפילו אין די אַרבעטנדיקע שיכטן פון פאָלק.

מען קען נישט אין ריין אַבסטראַקטער פאָרם אָפּלייקענען דאָס רעכט פון יידישן האַרעפּאַשניק צו באַזעצן זיך אויף „פרעמדער" ערד אין אַ נייער מדינה. פון סאָ־ציאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָט ער געמעגט קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע.

## II

אָבער די קאָלאָניזאַציע איז היינט געשטעלט אונטער אַ געפאַר נאָך די אוי־גוסט־געשעענישן. וואָס איז אייגנטלעך געשען אין פּאַלעסטינע? איז דאָס געווען אַ פּאָגראָם, אַ רעליגיעזע מהומה, אַ נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד? מען האָט זיך אָן אַ סוף געאַמפּערט וועגן דעם כאַראַקטער פון די געשעענישן. די שוועריקייט איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין די געשעענישן האָבן זיך געפונען עלעמענטן פון אַלע דריי מעגלעכע באַוועגונגען. אין אויגוסט איז אין פּאַלעסטינע אויסגע־בראָכן אַ באַוועגונג, וועלכע איז געווען אַ פּ אָ ג ר אָ ם לויט איר אויסערלעכער פאָרם, רעליגיעז לויט איר אוממיטלבאַרן פאָרוואַנד (כותל מערבי), נאַציאָנאַל לויט איר היסטאָרישן אינהאַלט.

די פּאָגראָם־פאָרם פון די געשעענישן איז דעם יידישן פאָלק באַקאַנט פון כמה דורות. זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַ ריי מערקמאָלן: אין דעם, וואָס די אָנ־פאַלן האָבן זיך אָנגעהויבן מצד די אַראַבער, אין דער גרויסער אַכזריות, מיט וועל־כער עס זענען דורכגעפירט געוואָרן די אָנפאַלן, אין דער מיטהילף פון דער ענג־לישער אַדמיניסטראַציע. אָבער דאָ איז געווען אַ סך מער, ווי נאָר אַ פּאָגראָם צו־ליב שנאה אָדער רויב. דער קאָנפליקט אַרום כותל מערבי האָט געליפערט די פּאָגראָם־אָנפירער אַ געוווּנטשענעם רעליגיעזן טעם און די פאַרהייליקונג פון זייערע צילן. ס'איז געווען, פאַרשטייט זיך, איינער פון די גרעסטע פעלערן, וואָס די ציוניס־טישע אָנפירנדיקע קרייזן האָבן דערלאָזן צו פאַרוואַנדלען די פראַגע אין אַ פעלד פון קאָנפליקטן, אין אַ באָדן, אויף וועלכן די אַראַבישע אַגיטאַציע האָט געקענט פאַראייניקן אַ ל ע קרייזן פון פאָלק. ס'איז בכלל אומפאַרשטענדלעך, ווי קען מען אין היינטיקע צייטן מיט הריגות און פּאָליטישע מיטלען פאַרטיידיקן ר ע ל י ג י ע־ז ע ווערטן, ווי האָט זיך געקענט לאָזן אַריינציען אין אַזעלכע קאַמפן אַן אַלט רעליגיעז פאָלק, ווי דאָס יידישע. נאָר די באמת אומרעליגיעזע טיילן פון פאָלק האָבן געקענט פאַרוואַנדלען אַ רעליגיעזן ענין אין אַ פּאָליטישן שלאַכט־פעלד. אָבער די רעליגיעזע סיבה פון די געשעענישן איז סוף־כל־סוף נישט געווען די אייגנטלעכע סיבה פון זיי. צוויי מאָמענטן באַווייזן עס. זענען דאָך יאָרהונדערטער פאַרגאַנגען און די אַראַבער האָבן קיינמאָל נ י ש ט געפירט קיין בלוטיקע קאַמפן קעגן יידן צוליב די הייליקע פּלעצער, און האָבן דאָך אין די אויסגעבראָכענע קאַמפן גענומען שפּע־

טער אָנטייל אויך די ק ר י ס ט ל ע כ ע אַראַבער. דאָס באַווייזט, אַז נישט ריין־רעליגיעזע סיבות אַליין האָבן געטריבן צו די פּאַסירונגען. אויב זיי זענען געקומען איצט און אין זיי באַטייליקן זיך אַראַבער פון ביידע רעליגיעס — איז דאָ צוגעקומען אַ נייע וויכטיקע סיבה: דאָס איז דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר מאָמענט.

אין פּאַלעסטינע איז אַלזאָ אין דער אָדער יענער פאָרם פאָרגעקומען אַ נאַציאָנאַלער אויפברויז — קעגן וועמען? קעגן יידן אָדער קעגן ענגלאַנד? זאָל מען אויך דאָ נישט פאַרלאַנגען קיין קלאָרע דורכזיכטיקע ענטפערן. ס'איז געווען אַן אויפברויז (אויב נישט קיין אויפשטאַנד) סיי קעגן יידן, סיי קעגן ענגלאַנד, אָבער ראשית כל קעגן דעם ש וו אַ כ ע ר ן צד: קעגן יידישן ישוב. די טענדענץ איז אָבער געווען (באַוווּסט צי אומבאַוווּסט) געווענדט אין לעצטן סוף אויך קעגן ענגלאַנד. אמת, די באַוועגונג איז געווען אָנגעפירט פון שוואַרצע כוחות, פון די פינצטער־רעליגיעזע און פּריציש־סאָציאַלע שיכטן. אמת, די מאַסן, וועלכע האָבן דאָ גענומען אָנטייל אין די הריגות, האָבן נישט געהאַט פאַר זיך קיין קלאָרן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. און דאָך איז עס אין תוך אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע כאַפּט אַרום אַלץ מער און טיפער די אַראַבישע מאַסן. מען טאָר דאָ נישט מאַכן זיך קיינע אילוזיעס: איינמאָל דערוואַכט, וועט אַזאַ באַוועגונג נישט קומען צום שטילשטאַנד, ביז זי וועט נישט מנצח זיין אויף איר אַרט, אָדער ביז זי וועט נישט ווערן איבערלעך און סאָציאַל איבערגעאַנדערשט. מיט אַזעלכע באַוועגונגען, וועלכע אַפּעלירן צו די עלעמענטאַרע מאַכט־ און זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטינקטן, איז עס פּונקט אַזוי ווי מיט די אינדיווידועלע טריבן, נאָך דעם ווי זיי ווערן דערוועקט פון זייער אומשולד־שלאָף. אַזוי לאַנג ווי די קאָלאָניאַל־פעלקער האָבן געשלאָפן אין אַ צושטאַנד פון נאַציאָנאַלער „אומשולד", האָבן נישט פאַרשטאַנען צו אונטערשיידן צווישן נאַציאָנאַלן גוט און בייז, — אַזוי לאַנג האָבן זיי געקענט בלייבן, ווי וואַקס, אין די הענט פון זייערע אייגענע מושלים און די גרויסע קאָלאָניאַלע מלוכות. ווי נאָר אָבער זיי רירן זיך צו צו דעם עץ הדעת, ווי נאָר מען האָט זיי אָ נ ג ע וו י ז ן מיטן פינגער אויף זייער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, ווערן זיי זען און פילן זי אומעטום, אויף אַלע זייערע לעבנס־וועגן. דער נעפּל פון דער נאַציאָנאַלער דערקענטעניש פאַרשלייערט פאַר זיי אַלע אַנדערע, כאָטש די וויכטיקסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען. „יעטוועדע פרעמדע הערשאַפט קען מער נישט ווי אויפהאַלטן די אַנטוויקלונג פון אַ קלאַסן־באַוווּסטזיין. אפשר טאַקע וועט די הערשאַפט פון די אייגענע באַזיצנדיקע קלאַסן פאַר די אַרבעטנדיקע פון דעם לאַנד זיין אַ סך אַ שווערערע, איידער די פרעמדע הערשאַפט. אָבער די אַרבעטנדיקע פון דעם באַהערשטן לאַנד גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון דערפון, זיי ק ע נ ע ן ז י ך ג אָ ר נ י ש ט אָ פּ ג ע ב ן ק יי ן ח ש ב ו ן. אַזוי לאַנג ווי דער פרעמדער געוועלטיקט דאָ, דערשיינט דוקא ער, ווי דער גרויסער עקספּלואַטאַטאָר, דוקא קעגן אים אַליין זאַמלען זיך אַלע כוחות פון שנאה. אין דעם קאַמף קעגן דעם פרעמדן שונא פאַרשווינדן אַלע הלוקי דעות, אַלע אונטערשיידן פון קלאַסן". אַזוי שרייבט דער פראַנצויזישער קאָמוניסט־סינדיקאַליסט לוזאָן, באַקעמפנדיק די האַלטונג פון מאָסקווע אין דעם

קאָנפליקט מיט כינע. און נישט אַנדערש איז די לאַגע אין דעם אַראַבישן מזרח, נאָכדעם ווי מען האָט אים אין דער וועלט־מילחמה אויפגעוועקט צו נאַציאָנאַלער אַקטיוויטעט.

היינט ווייסן מיר גענוי, וואָס פאַרא צוזאָגן ענגלאַנד האָט דעמאָלט געמאַכט די אַראַבישע צעזייטע און צעשפּרייטע שבטים. עס האַנדלט זיך דערביי גאָרנישט וועגן די יורידישע דאָקומענטן, נאָר וועגן די פּאַקטישע צוזאָגן. דער טאַלאַנטפולער און ענערגישער ענגלישער לייטענאַנט לאָורענס האָט עס אונדז איבערציייגנדיק דער־ציילט אין זיין בוך: „אויפשטאַנד אין דעם מדבר". צוויי יאָר צייט (זייט סוף 1916) האָט ער — לעבנדיק אַליין ווי אַן אַראַבער — געאַרבעט צווישן די אַראַ־בישע שבטים, אום צו פאַראייניקן די קריגערישע און צווישן זיך פיינטלעכע בעדו־אינער אין אַ מיליטערישער און פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער איינהייט. אים איז געלונגען צו פאַרייניקן די פירער און זייערע מאַסן אין דעם באַגייסטערטן חלום פון אַ ג ר ו י ס ־ א ר אַ ב י ע; ער האָט זיי געוויזן אַ נאָענטן ציל: צעברעכן טערקיי און דעראָבערן די אַלטע שטאָט דמשק, דעם סימבאָל פון דער אַמאָליקער אַראַבי־שער גדולה. אום די אַראַבישע באַוועגונג פונאַנדערצובלאָזן, האָט ער געזוכט און געפונען דעם פירער פון פאָלק, דעם פירשט מיט דעם „נביאישן כאַראַקטער", דעם פייזאַל. לאָורענס האָט סיסטעמאַטיש אַנטוויקלט דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַ־וווסטזיין ביי די אַראַבער. ריידנדיק מיט באַגייסטערונג וועגן פייזאַלן, שרייבט ער: „מען האָט געזען אין אים אַ מאַכט, וואָס שטייט איבער דעם שבט און איז דערהויבן איבער קנאה און שנאה. די אַראַבישע באַוועגונג איז געוואָרן אין בעסטן זין נאַ־ציאָנאַל, זינט אַלע אַראַבער זענען געוואָרן פאַראייניקט אין איר און אַלע באַזונדערע אינטערעסן האָבן געמוזט פאַרשטומען צוליב איר". לאָורענס רופט זיך אַליין אָן „דער פּאַרוואַלטער פון דער אַראַבישער באַוועגונג". ער רעדט שטענדיק וועגן דעם „טריומפירנדיקן סוף פון דער מילחמה: דער פרייהייט". נאָכן איינעמען דמשק שילדערט ער מיט התלהבות: „אַלס ציל האָט געשוועבט פאַר אונדז צו בילדן אַ היימישע אַראַבישע רעגירונג אויף אַ מעגלעך ברייטן יסוד, וועלכע זאָל דערלויבן אויסצונוצן דעם שוווּנג און דעם קרבנות־גייסט פון דעם אויפשטאַנד פאַר די צוועקן פון שלום. עפּעס פון דעם נביאות־כוח פון די פירער האָט געמוזט ווערן איבערגענומען אין דעם נייעם שטאַט". אַ מענטש, וואָס רעדט מיט אַזאַ לשון און וועלכער האָט נאָך געהאַט מיט זיך די געוואַלטיקע געלט־ און וואָפן־כחות פון אַן ענגלאַנד, האָט געמוזט פאַרכאַפּן די נשמות פון די אַראַבישע קריגער.

אמת, די גאַנצע אַראַבישע באַוועגונג האָט ענגלאַנד אונטערשטיצט און גע־שטאַרקט נאָר מיט דעם צוועק, כדי צו פאַרניכטן די ממשלה פון ט ע ר ק יי. אמת, ענגלאַנד האָט שפּעטער אַליין פאַרניכטעט די אַלע חלומות פון אַ גרויס־אַראַ־ביע און האָט צוזאַמען מיט אַנדערע מלוכות צעשניטן דאָס לאַנד אויף באַזונדערע שטיקער און מאַנדאַט־געביטן. ענגלאַנד האָט נישט געדאַרפט האָבן אַן איינהייט־לעך און שטאַרק אַראַביע און טאַקע דמשק מיט סיריע איז אַריבערגעגאַנגען אונטער דער האַרטער ממשלה פון פראַנקרייך. אָבער צי זאָל דאָס באַטייטן, אַז די יאָרן 1916־

1918 זענען פאַרשווונדן פונעם אַראַבישן זיכרון, אַז ס'איז ניט פאַרבליבן ביי גרויסע שיכטן פון זיי דאָס אויפגעפלאַמטע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין, דערצו נאָך צונויפגעמישט איצט מיט ביטערקייט און שנאה־געפילן? און דאָס באַוווסטזיין, וואָס מען האָט דעמאָלסט אויסגעשמידט קעגן די טערקן, ווענדט זיך איצט אומפאַרמיידלעך קעגן דעם פאַלשן גואל פון אַמאָל, קעגן ענגלאַנד. קעגן ענגלאַנד און קעגן אַלע, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אים, ווי די ציוניסטן. און ווער עס האָט אויגן, זעט עס שוין לאַנג אין פּאַלעסטינע אויך, ווייל דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר גרענעצן, וועלכע עס האָט דורכגעשניצט די שווערד פון דעם זיגער.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם מאַניא שוחט, אַ מענטש, וועלכער לעבט אין פּאַלעסטינע די לעצטע 25 יאָר: „אַז מיר זענען געקומען אין לאַנד מיט 25 יאָר צוריק, איז די אַראַבישע פראַגע נישט געווען בכלל. די אַראַבער זענען דערשינען פאַר אונדז נישט ווי אַ פאָלק, נאָר ווי אַ ריי שבטים. די טערקן האָבן זיך געסטאַרעט און זיי איז געלונגען צו זייען זאָמען פון שנאה צווישן די פאַרשיידענע שבטים, כדי צו געוועלטיקן איבער זיי. די פּאָליטישע פראַגן, וואָס האָבן אונדז דעמאָלט באַשעפטיקט, האָבן זיך באַצויגן צו דער טערקישער מלוכה און נישט צו די אַראַבער... די מילחמה האָט אַריינגעבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. ס'איז אַרויסגעשווומען די אידעע פון באַפרייונג פון אַראַבישן פאָלק אין אַלע זיינע לענדער, ס'האָט זיך דערוועקט דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין פון די אַראַבער. יענער טייל פון די ענגלישע באַאַמטע, וועלכע זענען אין פּאָליטישן זין געווען פּאַן־אַראַביש און אַנטי־ציוניסטיש, האָבן אויפגעהעצט קעגן אונדז די אַראַבער. די גאַנצע לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט".

ס'זענען שוין היינט דאָ עלעמענטן פון אַ נאַציאָנאַלער מאַסן־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע, און די יידישע קאָלאָניזאַציע מוז זיך מיט איר רעכענען. דערפאַר טאַקע איז פאַלש, ווען פּאַלעסטינער אַרבעטער־פירער ווענדן די אויפמערקזאַמקייט הויפּטזעכלעך אויף די שוואַרצע כוחות אין אַראַבישן פאָלק, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די אויגוסט־געשעענישן, און פאַרזען דערמיט די פּראָצעסן, וואָס גייען אָן אין די מאַסן. אָט שרייבט, למשל, מ. ביילינסאָן אַ זייער ערלעכן אַרטיקל*), אין וועלכן ער וויל אַראָפּנעמען די אחריות פאַר די געוואַלט־טאַטן פון די אַראַבישע פאָלקסמאַסן: „וואָס וועלן מיר זאָגן וועגן די אַלע צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן זיך פון אָרט נישט גערירט אויף דעמאָלט, ווען מ'איז צו זיי געקומען און דערציילט זיי, אַז די יידן האָבן געהרגעט הונדערטער ברידער זייערע? וואָס וועלן מיר זאָגן וועגן די אַלע אַראַבער, וואָס האָבן באַהאַלטן די יידן און געראַטעוועט זיי, אָפּטמאָל מיט אַ סכנה פאַרן אייגענעם לעבן? און לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן: אַן אומגליק האָט געטראָפן אויך דעם אַראַבישן ישוב; דאָרטן זענען געבליבן אלמנות, יתומים, מאַמעס,

*) „קפא"יידיעות" נומער 40 פון 19־טן סעפּטעמבער 1929.

וואָס האָבן מער נישט קיין טרייסט". און ביילינסאָן פירט דורך אַ שאַרפע ליניע צווישן אַראַבישן פאָלק און זיינע פירער: „מיר ווייסן, אַז די אַראַבישע פאָלקסמאַסע איז ניט איינס און דאָס זעלבע, וואָס דאָס היי פל עפענדים און כלו־מרשטע אינטעליגענטן, אַזאַ ריזיקער תהום ליגט צווישן די דאָזיקע צוויי מחנות אין פאָלק. פון דעם, וואָס יענע הייפל האָט נאָך איינגעהיט זיין הער־שאַפט אויף אַ טייל פון די דאָזיקע מאַסן, קען מען נישט אַרויסדרינגען די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פון גאַנצן פאָלק". אין אַזאַ אַרט באַטראַכטונג איז דאָ סיי אַ טיף־מענטשלעכע באַציאונג צו דער קעגנערישער מאַסע און סיי אַ פאַלשע פאָליטישע פאָרשטעלונג. עס קען זיך אויסדרוקן, אַז די גאַנצע נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג בכלל (נישט נאָר אירע געוואַלט־טאַטן) איז פאַרבונדן נאָר מיט דעם „הייפל עפענדים און אינטעליגענטן", אַז די מאַסן זענען נאָר אַריינגעשלעפט געוואָרן און האָבן נישט קיין אייגענע נאַציאָנאַלע און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע נטיות (קעגן ענגלאַנד און קעגן יידן). ס'איז דאָ די געפאַר, אַז ריידנדיק פיל וועגן די פאַרברעכנס פון די פירער, פאַרגעסט מען אָדער מען אונטערשעצט די רייפנדיקע באַוועגונג פון די מאַסן. אין דער אמתן אָבער איז אין אויגוסט פאָרגעקומען אַ מער קאָמפּלי־צירטע דערשיינונג: ס'איז געווען אַ באַנדיטישע סיגנאַליזאַציע פון אַן ערנסטער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האַלט זיך אין גרייטן.

בנוגע די אַראַבישע „פירער" באַגייען אַ טעות און אַ פאַרברעכן פון אַן אַנ־דער זייט. די קאָמוניסטן. זיי האָבן פשוט דערקלערט די אויגוסט־געשעע־נישן פאַר אַ קלאָרן נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון די מאַסן און זיי האָבן די איצטיקע שוואַרצע כחות דערקלערט פאַר די פירער פון אַזאַ אויפשטאַנד. דאָס איז געווען גרונט־פאַלש, ווייל די היינטיקע פירער האָבן לחלוטין נישט אין זינען די אינטערעסן פון די מאַסן. אָבער ביי די קאָמוניסטן איז דאָ אַן אַלטער סיס־טעם; די רעגירונג פון מאָסקווע פאַרפאָלגט דערביי נאָר אייגענע צוועקן. זי פירט נישט אַזאַ קאַמף פאַר דער סאָציאַלער באַפרייונג פון די קאָלאָניאַלע פעלקער, נאָר זי פירט אַ קאַמף קעגן די גרויסע קאָלאָניאַל־מלוכות. צוליב דעם דאָזיקן דיפּלאָמאַטישן קאַמף אירן איז מאָסקווע פאַראינטערעסירט צו אונטערשטיצן יעטוועדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אפילו ווען זי ווערט אָנגעפירט פון רעאַקציאָנערע כוחות. דערפאַר האָט זי בעת דעם קריג פון מאַראָקאָ קעגן פראַנקרייך פּראָקלאַמירט (דורך איר אינטערנאַציאָנאַל) „מאַראָקאָ פאַר די מאַראָקאַנער!" און די פראַנצויזישע קאָ־מוניסטן האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דעם פעאָדאַלן פירער אבד־על־קרים. די פּאַ־לעסטינער קאָמוניסטן האָבן דעמאָלט אין יאָר 1925 אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די אַראַבער און פאַרענדיקט זי מיט די ווערטער: „לעבן זאָלן אונדזערע מוטיקע ברידער — מאַראָקאַנער און זייער פּראָגרעסיווער פירער אבד־על־קרים!". אין אַ פּאָר יאָר אַרום שפּעטער האָבן די קאָמוניסטן פּראָקלאַמירט: „כינע פאַר די כינעזער!" און מיט אַלע כחות אונטערשטיצט די בירגערלעך־רעוואָלוציאָ־נערע פּאַרטיי גאָמינדאַן. זיי האָבן געוואָלט דערמיט אַנטקעגנשטעלן דאָס רעבע־לירנדיקע כינע דער ענגלישער מלוכה און זיי האָבן דערמיט דורכגעטראָטן אַ וועג

פאַר דער בירגערלעכער רעאַקציע אין „באַפרייטן" כינע. נישט אַנדערש האָבן די קאָמוניסטן געהאַנדלט אין פּאַלעסטינע. אום צו מאַכן שוועריקייטן ענגלאַנד, זע־נען זיי גרייט צו פאַרבינדן זיך מיט די ערגסטע פירערישע שיכטן פון אַראַבישן פאָלק. זיי שפּילן מיט די אינטערעסן פון די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן, פון דער סאָ־ציאַלער באַפרייאונג אין מזרח, נאָר אום צו פאַרווירקלעכן די צוועקן פון דעם מאָסקווער פאַרטיי־שטאַט. און מען קען אפילו זאָגן נביאות, אַז איצט, נאָכדעם ווי מאָסקווע האָט באַנייט דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ענגלאַנד, וועט זי אָפּ־שוואַכן איר ביזאיצטיקע „אַרבעט" אין יענע לענדער.

די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם איז אָבער גאָר אַן אַנדערע. ער האָט אַן אי־נערלעכן אינטערעס צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון די קאָלאָניאַלע פעלקער, ווייל ער זעט אין איר די גרויסע קולטור־היסטאָרישע דערהויבונג פון די מאַסן. אָבער דער סאָציאַליזם וויל לחלוטין נישט, אַז די דאָזיקע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג זאָל מיט זיך ברענגען אַ נייע סאָציאַלע פאַרקנעכטונג פאַר די זעלביקע מאַסן, מער נישט אונטער אַ פרישער נאַציאָנאַלער פאָן. „באַפרייאונג" פון כינע, אינדיע, פּאַ־לעסטינע באַטייט נישט, אַז דעם סאָציאַליזם איז רעכט, אַז אין די לענדער זאָל זיך איינשטעלן די הערשאַפט פון דער כינעזישער, אינדישער און אַראַבישער בורזשואַזיע און פּריצים. אויב אַזאַ נייע הערשאַפט וועט זיך פאַר־פעסטיקן אין די געוועזענע קאָלאָניאַלע לענדער, וועט דאָס ברענגען מיט זיך אַ נייע אויספּרישונג פון דעם וועלט־קאַפּיטאַל, וועט דאָס צופירן אים אומצייליקע מיליאָ־נען פון נייע קנעכט. דערפאַר איז די היסטאָרישע אויפגאַבע פון סאָציאַליזם אַ צווייענדיקע: שטיצנדיק די נאַציאָנאַלע דערהויבונגען, צו גלייכער צייט פאַר־שמעלצן זיי מיט דער אַלוועלטלעכער אידעע פון סאָציאַלער דערהויבונג. דאָס הייסט אָבער, אַז אין די אַראַבישע מאַסן, למשל, מוז גלייכצייטיק געוועקט ווערן דאָס נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע זעלבסטבאַוווסטזיין, אַז אין זייער נאַציאָ־נאַלן קאַמף מוז מען זיי זוכן אָפּצושיידן פון זייערע פריצים, גבירים און דעמאַ־גאָגן. אַזאַ אַראַביש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון האַרעפּאַשניקעס וועט ממילא לייכ־טער קענען פאַרשטיין און סאָלידאַריזירן זיך אויך מיט דער אימיגראַציע פון יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע.

## III

אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די מאַסן אין פּאַלעסטינע האַלט זיך אין גרייטן. דערווייל ווערט זי אַריינגעכאַפּט אין די שמוציקע הענט פון די היימישע מושלים. וועלכע כוחות קענען אָפּהאַלטן דעם דאָזיקן פּראָצעס? וועלכע סאָציאַלע כוחות האָבן דאָס קלאָרע פאַרשטענדניש וועגן דעם, ווי אַזוי אויסצובויען די אַראַביש־יידישע סאָלידאַריטעט? מיר האָבן אין זינען, ראשית כל, די ענגלישע רעגירונג. — קען זי באמת האָבן אַזאַ פאַרשטענדניש און טאָקע אַן אינ־טערעס דערצו?

אויף דערויף גיבן אַן ענטפער די לעצטע און פריערדיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע האָט יעדעס מאָל אַרויסגעוויזן דערביי אַ מיטהילף, אין בעסטן פאַל אַן אַקטיווע פּאַסיוויטעט. ס'איז פאַלש און אומזיניק אַרויפצוּוואַרפן די גאַנצע שולד אויף מיסטער לוקן אָדער אַנדערע אַנטיסעמיטישע באַאַמטע אין ירושלים, און שאַנעווען דערביי לאָנדאָן. אין אַלע געשעענישן פון קאָלאָניאַל־לענדער האָט שטענדיק געטראָגן די שולד די מעטראָפּאָליע, נישט דער אָדער יענער פּראָקאָנסול, וועלכן מען האָט געשיקט פון אויבן. און לאָנדאָן האָט טאַקע אין די אַלע יאָרן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע געפירט אַ טאָפּל־פּאָליטיק. ס'איז קיין נפקא מינה נישט דערביי, וועלכע פּאַרטיי ס'זיצט אין דער לאָנדאָנער רעגירונג. אויך די איצטיקע אַרבעטער־רעגירונג פון מאַקדאָנאַלד־סנאָודען גייט אין די זעלבע דרכים פון דער ענגלישער אימפּעריע. זיי טוען אַלע נ אָ ר ד אָ ס, וואָס עס נוצט דער דאָזיקער אימפּעריע. גאָרנישט לאַנג האָט סנאָודען דאָס בולט אויסגעדריקט אין האַג. בעת דער קאָנפערענץ פון די גרויסע מלוכות, ווו מען האָט זיך געריסן וועגן דער איינטיילונג פון דער דייטשער קאָנטריבוציע. „אין דעם קאָנפליקט — האָט ער דערקלערט — שטייט אין קאָן דער פּ ר ע ס ט י ז ש פ ו ן ע נ ג ל אַ נ ד. ס'איז געקומען די צייט, ווען ענגלאַנד דאַרף ווידער פאַרנעמען דעם פּלאַץ, וואָס געהערט אים. איצט איז דער מאָמענט ווען מיר קענען אָן שאַנד אַרויסטרעטן פאַר דער וועלט, ווי ע נ ג ל ע נ ד ע ר". אין די דאָזיקע ווערטער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ באַגייסטערונג אין גאַנץ ענגלאַנד (הויפּטזעכלעך אין די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן) ליגט דער גאַנצער פּאַטאָס פון דעם גרויס־מלוכהשן עגאָיזם; ביי סנאָודען נישט אַנדערש ווי ביי טשעמבערלען אָדער ללאָיד־דזשאָרזש. דער דאָזיקער עגאָיזם פון דעם ענגלישן אימפּעריום אינטערעסירט זיך מיט דעם מזל פון יידישן פאָלק פונקט אַזוי ווייניק, ווי מיט דעם אַראַבישן. אָבער לאָנדאָן וועט זיך, פאַרשטייט זיך, צוהערן מיט גרעסערער אויפמערקזאַמקייט און ערנסט צו די פאַרלאַנגען פון די אַראַבער איידער צו די יידן. ווייל לאָנדאָן פילט אין אַלע עקן וועלט דעם וואַקסנדיקן דרוק פון דער אַראַבישער וועלט. לאָנדאָן מאַכט הנחות עגיפּטן, אינדיע, איראַק, ווען דער דרוק ווערט פאַר אים אומדערטרעגלעך. און ווייל פּאַלעסטינע שפּילט אַ גרויסע מיליטערישע און עקאָנאָמישע ראָל אין די חשבונות פון ענגלאַנד, וועט לאָנדאָן, ווען נויטיק, מקריב זיין אַלע אינטערעסן פון די יידן צוליב שלום־באַציאונגען מיט אַראַבער. ווען נויטיק, וועט לאָנדאָן „אָפּזאָגן" זיך פון זיין מאַנדאַט־רעכט איבער פּאַלעסטינע און פאָרשלאָגן אָנצונעמען דאָס לאַנד אין דעם „פעלקערבונד". פונקט ווי עס האָט אָקאָרשט געטאָן בנוגע דעם אַנדערן אַראַבישן לאַנד — איראַק (אָפּזאָגנדיק זיך פון מאַנדאַט איבער אים צום יאָר 1932). געוויס וועט דערביי ענגלאַנד פאַקטיש נ י ש ט אָפּלאָזן דאָס, פון וואָס עס וועט זיך אָפּזאָגן יורידיש; עס וועט האַלטן אויך ווייטער אונטער זיין שליטה די „באַפרייטע" לענדער, איראַק און פּאַלעסטינע. אָבער עס וועט דער־מיט איבערגעבן די אָפיציעלע מלוכהשע מאַכט אין די הענט פון די אַראַבער און וועט ממילא ז י ך באַפרייען פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

ס׳איז אַן אומדערטרעגלעכע אילוזיע צו לייגן האָפענונגען אויף דער ענגלישער פּאָליטיק בנוגע יידן. לאָנדאָן האָט עס באַוויזן בולט שוין נאָך די געשעענישן פון אויגוסט. זי האָט נישט אַרויסגעטריבן דעם לוקן און די אַנדערע באַאַמטע, זי האָט נישט אָנגענומען קיין תיכפדיקע מאָסנאַמען קעגן די אַראַבישע העצער, זי האָט געלאָזן פאַרציען די אונטערזוכונג אויף אַ לענגערע צייט. און די אונטערזוכונג־קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין פּאַלעסטינע, האָט דורך איר אַרבעט נאָך מער פאַרשאַרפט די יידיש־אַראַבישע שפּאַנונגען. נישט דער פּחד ישראל, נאָר דער פּחד אַדאַביע לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף דער טעטיקייט פון ענגלאַנד.

לאָמיר זיך צוקוקן צו דעם אַנדערן פאַקטאָר, וואָס ווירקט אין ארץ־ישראל, צו דעם ציוניסטישן אַפּאַראַט. צי האָבן די אָנפירנדיקע ציוניסטישע קרייזן דעם וועג צו אַ יידיש־אַראַבישער סאָלידאַריטעט?

זיי האָבן אים לחלוטין נישט. און אין דעם איז נישטאָ קיין שום פּרינציפּיעלער חלוק צווישן ווייצמאַנען און זשאַבאָטינסקין. גלייך נאָך די פּאַסירונגען פון אויגוסט האָט ווייצמאַן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „וואָס ווילן מיר אין ארץ־ישראל״, און האָט דערקלערט: „אין די אינטערעסן פון ענגלאַנד, אַזוי אויך ווי אין די אינטערעסן פון די אַראַבער איז, אַז די באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט פעסט באַשלאָסן צו פאַרלייכטערן די גרינדונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א״י... דאָס אַראַבישע פּראָבלעם קען געלייזט ווערן אָן שום שוועריקייטן, אויב די אַראַבער זאָל מען קלאָר און דייטלעך דערקלערן, אַז דער רעזשים קען נישט געענדערט ווערן דורך גוואַלדטאַטן. די גוואַלדטאַטן קענען נישט אָפּשוואַכן אונזערע פעסטע כוונות צו לעבן בשלום אין אַ קעגנזייטיקן צוטרוי מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג״. דאָס זענען רייד, וועלכע געבן נישט אַ רוק אויף אַ שריט פאָרויס דעם פאַרזונקענעם וואָגן פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. נישט אַנדערש שרייבט, למשל, אויך דער באַקאַנטער פירער פון זשאַבאָטינסקי־ציוניזם, ליכטהיים, אין דעם בערלינער אָרגאַן „העד בעטאַר״: „מען דאַרף באַגריסן די טענדענצן צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער, ווען מען מאַכט זיך נאָר קלאָר, ווען און ווי זאָל געשען אַזאַ פאַרשטענדיקונג. זי קען זיך באַזירן נאָר אויף דערויף, אַז דער אַראַבער זאָל זיך אונטערגעבן דער פּראָ־ציוניסטישער פּאָליטיק פון ענגלאַנד. און דאָס וועט ער טאָן, אַז ער וועט זען, אַז ענגלאַנד מיינט ערנסט מיטן ציוניזם. ערשט דעמאָלט וועלן זיך אַנטוויקלען פריינדשאַפטלעך־שכנישע באַציונגען צווישן יידן און אַראַבער״. אין די רייד איז נישטאָ קיין אונטערשייד פון ווייצמאַנס רייד. די פראַזע וועגן פאַרשטענדיקונג מיט אַראַבער איז ביי אַלעמען שוין לאַנג געוואָרן פונקט אַזאַ דיפּלאָמאַטיש־פּוסטע פראַזע, ווי די דערקלערונגען פון ענגלאַנד בנוגע דער באַלפור־דעקלאַראַציע. מינדעסטנס איין מאָל אין יאָר דערקלערט די ענגלישע דיפּלאָמאַטיע, אַז „די רעגירונג טראַכט נישט צו ענדערן די פּאָליטיק, ווי זי

איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע". אזוי שרייבט מיט איראָניע אַפילו דער „הפועל הצעיר" דעם 13־טן דעצעמבער 1929.

דערפאַר איז אָבער אין אָפיציעלן ציוניזם פאַקטיש הערשנדיק די פּסיכאָלאָגיע פון זשאַבאָטינסקיזם. אין דער אָדער יענער פאָרם האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג זיינע אידעען וועגן אַ קאָלאָניאַלן רעזשים, וועגן אַ שטאַרקן גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועגן אַ לעגיאָן אין פּאַלעסטינע. די דאָזיקע שטימונגען האָבן זיך נאָך די אויגוסט־טעג איבערגעכאַפּט אויך אין די נישט־ציוניסטישע קרייזן. אפשר איז דער משונהדיקסטער ביישפּיל דערצו, וואָס אפילו אַזאַ מענטש, ווי ש. ניגער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם דעמאָלטיקן שטורעמווינט. „וואָס קענען מיר לערנען פון די געשעענישן אין פּאַלעסטינע?" — האָט ער געפרעגט. און געענטפערט: „באַוואָפנטער זעלבסטשוץ — דאָס איז די וויכטיקסטע פון אַלע פאָדערונגען, וואָס יידן שטעלן אַרויס. אָבער וואָס הייסט זעלבסטשוץ אין אַ לאַנד פון צעוואָרפענע קליינע ישובים? דאָס הייסט, אַז די יוגנט זאָל זיך צוגעוווינען צו דעם געדאַנק, אַז פיזישע קראַפט איז אַ נאַציאָנאַלע, נישט נאָר אַ פּערזענלעכע טוגנט. דאָס הייסט, אַז די פיזישע דערציאונג פון דעם יונגן דור זאָל ווערן דער יסוד פון דער שול און פון אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. ד. ה., אַז דער אידעאַל פון דער יוגנט זאָל ווערן שטאַרקייט, נישט גייסטיקייט. די יידישע פּאַלעסטינע וועט ווערן ביסלעכווייז אַ לאַנד פון הייסן בלוט און קרעפטיקע מוסקולן, און דער גייסטיקער צענטער וועט זיין אין גלות" *) — איז דאָס נישט מערקווירדיק, איז דאָס נישט אַ היסטאָרישע איראָניע, וואָס אַזעלכע רייד ווערן גערעדט בנוגע ארץ־ישראל, וווּ די נביאים האָבן גע־פּריידיקט פונקט דעם היפוך? דאָס נייע יידישע פּאַלעסטינע זאָל דערהויבן צו אַ טוגנט דעם נאַציאָנאַלן קאַמף קעגן אַ שכנותדיקן פאָלק און שטיצן זיך נאָך דערביי אויפן פּראָ־קאָנסול פון היינטיקן רוים — ענגלאַנד! עס וואָלט געווען קאַטאַסטראָפאַל, ווען די אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק וואָלט געגאַנגען אין אַזאַ וועג.

אָבער נישט נאָר די אַלגעמיינע ציוניסטישע באַוועגונג האָט נישט קיין ערנסטע שטעלונג צו די יידיש־אַראַבישע באַציאונגען. אַזאַ שטעלונג האָט נישט ביז אַהער אויך דער אַרבעטער־ציוניסטישער לאַגער, דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער פון פּאַלעסטינע. און דאָ ליגט די גרעסטע געפאַר פאַר דער קאָלאָניזאַציע. זינט די געשעענישן האָט זיך אין דער הינזיכט גאָרנישט געענדערט אין דעם וויכטיקסטן לאַגער. די ציוניסטן־סאָציאַליסטן רוקן אָפּ מיט אַלע כוחות די פּאַ־

*) „טאָג" פון 5־טן אָקט. 1929. ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס גראַד אויך דעם 5טן סעפּטעמבער איז אין עין־הרוד, אין פּאַלעסטינע, דערשינען אַ נומער (נ' 43) פון „מבפנים", דעם אָרגאַן פון די ראַדיקאַל־געשטימטע קבוצות. און אין אַן אַרטיקל פון דעם נומער וועגן זעלבסטשוץ לייענען מיר פאָלגנדיקע רואיקע ווערטער: „מיר ווילן קיין איינמאָל נישט באַזינגען וואָפן און מאָרד־אינסטרומענטן, קיין איינמאָל וועט זיך בײַ אונז נישט דערוועקן קיין ליבע צום מעסער און שווערד. אָבער זאָל זיך געווינען אונדזער האַנט צו האַלטן זיכער און קאַלטבלוטיק אויך די וואָפן אין אַ שעה פון געפאַר. אונזער לעבן און שאַטן אין לאַנד אַטעמען אין אַ לופט פון פרידן, פונדעסטוועגן אַז מען וועט מוזן זיך פאַרטיידיקן, זאָלן מיר זיך פאַרטיידיקן גוט... מיר זאָלן זיך אָבער היטן פון איבערטרעטן די גרענעצן, פון אָוועקגעשלעפּט ווערן מיטן שטראָם פון שנאה".

ליטישע פראגן; זיי פאָדערן מען זאָל ענטפערן אויף דער אויגוסט־דערשיטערונג נאָך מיט א פארשטאַרקטער קאָלאָניזאַציע, מיט א ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, מיט אַן אויסבוי פון זעלבסטשוץ. זיי קריטיקירן שאַרף די ענגלישע אַדמיניס־טראַציע, אָבער זיי בויען אויף ענגלאַנד. זיי דערמאָנען אַ פארשטענדיקונג מיט אַראַבער, אָבער זיי ווילן עס נישט איצט, אונטערן דרוק פון די געשעענישן. דאָס איז נישט קיין פּראָגראַם; דאָס איז אַ פאַרווירונג, וואָס קען זיך שפּעטער שווער נוקם זיין.

צי האָבן די לעצטע צען יאָר נישט באַוויזן אויף קלאָר, אַז מען טאָר נישט אויסמיידן די פּאָליטישע פראַגן פון פּאַלעסטינע? אַט נעמען מיר אין האַנט דעם בוך „מסלה", וואָס איז מיט אייניקע יאָר צוריק אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער פּאַלעסטינער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (הסתדרות). און מיר לייענען דאָ מיט דערשיטערונג די באַשרייבונגען פון די פּאַלעסטינער פּאָגראָמען פון יאָר 1920 און 1921. מיר זענען דערשיטערט פון דער ענלעכקייט צווישן יענער צייט און היינט. תיכף נאָך דעם פּאָגראָם פון 1920 אין ירושלים האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט באַשולדיקט די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין פּאָגראָם. „אין צייטונגען און אין פאַרזאַמלונגען האָט זיך שוין לאַנג געפירט אַן אָפענע פיינטלעכע אַגיטאַ־ציע קעגן די יידן. די העצער, וואָס זענען געווען באַקאַנט דער רעגירונג, האָט מען נישט אָפּגעגעבן צום געריכט, די צייטונגען, וואָס רופן צו פּאָגראָמען, זענען נישט באַשטראָפט. מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג איז געמאַכט געוואָרן אַ דע־מאָנסטראַציע קעגן ציוניזם. אין דער אַראַבישער צייטונג „דרום־סיריע" איז דער־שינען אַן אויפרוף צו די אַראַבער, אין וועלכן ס'איז געווען געזאָגט: „אויב אונ־דזערע פּראָטעסטן מיט רייד וועלן נישט ווערן געהערט, וועלן מיר אַריבערגיין צו פּראָטעסטן מיט טאַטן; אַנשטאָט פּעדערס וועלן מיר באַנוצן שווערדן, אַנשטאָט טינט — בלוט". דער יידישער קיבוץ פון ירושלים האָט זיך געקלאָגט פאַרן גובערנאַטאָר וועגן דעם אויפרוף, וועלכער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער שטיק. אָבער קיינער איז נישט באַשטראָפט געוואָרן. דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אונטערן הימל. אַז דער אַראַבישער המון איז געקומען אין דער אַלטשטאָט רויבן און מאָרדן יידן, האָבן ענגלישע סאָלדאַטן זיך געשטעלט אויף דער וואַך דרויסן פון די טויערן פון דער אַלטשטאָט און נישט אַריינגעלאָזן אַהין דעם יידישן זעלבסטשוץ. די אַראַבישע פּאָליציסטן האָבן גענומען אָנטייל אין פּאָגראָם אייניקע טעג און די רעגירונג האָט זיי נישט דערווייטערט. אויך האָט די רעגירונג נישט אָנגענומען קיין שנעלע מיטלען אויסצופאָרשן די גוואַלד־טאַטן. די גזלנים און רויבער גייען אַרום פּראַנק און פריי". י. ברענער האָט געשריבן אין יענע טעג: „אין די דערפער טוט מען זיך נישט אויס בייטאָג, אין די שטעט פאַלט אָן אַ פּלו־צימדיקער שרעק אין מיטן טאָג. מיר קענען נישט העלפן. מיר וועלן מאַכן אַסיפות, מיר וועלן פּראָטעסטירן, פאַסטן תעניתים, אָבער מיר האָבן נישט קיין שום קראַפט

צו צווינגען די רעגירונג, זי זאָל זיך רעכענען מיט אונדז אַזוי ווי זי רעכנט זיך מיט אַנדערע. אונדזערע דראָונגען קענען דערוועקן מער נישט ווי שפּאָט".

צי דוכט זיך אונדז נישט, אַז מיר לייענען אַרטיקלען און רעדעס געשריבן נאָך דעם אויגוסט פון 1929? אַלזאָ שוין דעמאָלט, מיט צען יאָר צוריק, האָבן די אַר־בעטער־ציוניסטן געזען גוט די לאַגע. זיי האָבן דערקענט די צביעותדיקע פּאָליטיק פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, די פעיקייט צו אָרגאַניזאַציע ביי די אַראַבישע פירער, די מאַכטלאָזיקייט פון דעם יידישן ישוב און דעם ציוניזם. שוין דעמאָלט האָבן זיי ביז איבער די ברעגעס געטראָגן אין זיך דעם כעס און ביטערן שפּאָט און צער, וועלכן זיי לעבן איבער איצט. און מיר פרעגן זיך: צי האָט עס נישט געדאַרפט שאַרפן זייערע אויגן און אויערן, צי האָט דאָס אַלץ נישט געדאַרפט פאַר די צען יאָרן אָפּווענדן זיי פון די ענגלישע מושלים און צווינגען זיי אַקטיוו אַרויסצוגעפינען פאַר זיך פריינד אין די אַ ר אַ ב י ש ע פאָלקס־מאַסן? האָבן זיי געדאַרפט פאַר־לאָזן זיך אויף דער „באַרואיקונג" אין לאַנד און קאָנצענטרירן זיך נאָר אויף דעם וווקס פון דער קאָלאָניזאַציע? אָבער די צען יאָר פון פּאַסיוויטעט אויף איין זייט האָבן באַטייט צען יאָר וואַקסנדיקע אַקטיוויטעט אויף יענער זייט. — און איצט, אַז די געשעענישן פון 1920—21 האָבן זיך ווידערהאָלט אין אַ שאַרפערער מאָס, זאָלן די סאָצ. ציוניסטן זיך ווידער באַגנוגענען מיט טענות צו ענגלאַנד, מיט פאַר־וווּרפן צום יידישן פאָלק, מיט אויפרופן צו דער חלוצישער יוגנט, מיט פאַראַכטנ־דיקער שנאה צו די אַראַבישע פירער? און זאָל דאָס לעבן פון פּאַלעסטינע — מיט וועלכן עס זענען זעליש אויסגעבונדן מער, אַ סך מער יידישע מענטשן, ווי נאָר ציוניסטן — ווייטער פליסן אַזוי „באַרואיקט", ווי אין די געוועזענע צען יאָר?

אַ טיפע ענדערונג אין די סאָצ. ציוניסטישע קרייזן זעט מען ביז איצט אָבער נישט. מען קען, פאַרקערט, מורא האָבן, אַז די פרעמדקייט פון די ביידע פעלקער וועט ווערן נאָך טיפער. ס'איז גענוג צו דערמאָנען נאָר איין סימפּטאָם: אין די פּאַלעסטינער אַרבעטער־קרייזן איז היינט פּאָפּולער די אידעע אַזוי צו בויען די שטעט און די דערפער, אַז זיי זאָלן זיין, ווי מיט אַ וואַנט, אָפּגעטיילט פון די אַראַ־בישע מושבים. מען האָט דערביי אין זינען די סטראַטעגישע נויטווענדיקייטן אין פאַל פון נייע צוזאַמענשטויסן, און מען זעט נישט, אַז דורכדעם בויט מען אויס צ ו ו יי נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ג ע ט אָ ס, צוויי פיינטלעכע פעלקער־שכנים. די סאָצ. ציוניסטישע פובליציסטן אונטערשטרייכן מיט גרויסער ענערגיע און אויפ־ריכטיקייט, אַז ארץ־ישראל איז פאַר זיי ד אָ ס פאָטערלאַנד און ד אָ ס לאַנד פון סאָציאַלן שאַפן. „די הייליקייט פון ארץ־ישראל פאַר דעם ציוניזם דאָס איז די הייליקייט פון פאָטערלאַנד (מולדת), פון לאַנד, פון לעבן און שאַפן דאָ, פונקט אַזוי ווי יעדעס אַנדערע פאָטערלאַנד איז הייליק פאַר אַן אַנדער פאָלק". און דעם שריי־בער פון די שורות פאַלט נישט איין, אַז די דאָזיקע ווערטער קען מיט דער זעלביקער אויפריכטיקייט אַרויסזאָגן פאַר זיך אויך דער אַראַבישער פאָלקס־מענטש, אַז דאָ מוז מען אַלזאָ זוכן אַ סאָלידאַריטעט פון צוויי פאָטערלענדער. — די פירנדיקע קרייזן פון די אַרבעטער־ציוניסטן שטייען עד היום אונטער דעם היפּנאָז פון דער מ ע ר־

ה יי ט - אידעע, פון דעם לײדנשאַפטלעכן שטרעבן צו שאַפן אַ ײדישע מערהייט אין פאַלעסטינע. אַלע קאָנקרעטע פּלענער קאָנצענטרירן זיך אין לעצטן תוך נאָר אַרום אָט ד ע ר אידעע. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש אַז אפילו די לינקע פּועלי־ציון האָבן תיכף נאָך די געשעענישן אויף דער ערשטער באַראַטונג פון דער הסתדרות (אין אָקטאָבער), אַרויסגעשטעלט נאָר די צוויי פּונקטן: הגנה ועליה, זעלבסטשוץ און פאַרשטאַרקטע אימיגראַציע אין לאַנד. מען קען פאַרשטיין דעם דראַנג צו ד י ביידע לאָזונגען אין פּאַלעסטינע, אָבער זיי פאַרענטפערן דאָך בשום אופן נישט די היסטאָרישע פראַגע, וואָס האָט זיך דאָרטן געשטעלט.

די טיפע אַנטיפּאַטיע צום אַוועקשטעלן אָט די דאָזיקע היסטאָרישע פראַגע האָט זיך באַזונדערס בולט אַנטפּלעקט איצט אין דער קאַמפּאַניע, וואָס ווערט געפירט פון אַ ל ע ציוניסטישע קרייזן קעגן די באַמיאונגען פון „ב ר י ת ש ל ו ם”. די אָרגאַניזאַציע „ברית־שלום” שטעלט זיך אַ באַזונדערן צוועק דורכצוטרעטן אַ פאַרשטענדיקונג־וועג צו די אַראַבער, אויסצואַרבעטן די פּאָליטישע פאָרמען, ביי וועלכע די ביידע פעלקער זאָלן קענען לעבן פריי נעבן זיך. מיר זענען ווייט דערפון צו האַלטן, אַז די פּאָליטישע ליניע פון „ברית שלום” איז ריכטיק פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט. ער פאַרלאַנגט, אַז פּאַלעסטינע זאָל מיט דער צייט ווערן אַ „בינאַציאָנאַל” לאַנד, ד״ה אַזאַ, אין וועלכן „ביידע פעלקער לעבן אין פולער גלייכבארעכטיקונג, ביידע, ווי גלייכע שטאַרקע פאַקטאָרן, באַשטימען דעם שיקזאַל פון לאַנד, נישט קוקנדיק דערויף, וועלכעס פאָלק איז צאָלרייכער פון דעם אַנדערן”. אַזאַ פּראָגראַם שיינט צו זיין זייער גערעכט אין אַבסטראַקטן זין, און דאָך מוז עס אַרויסרופן היינט ביי דעם אַראַבער דעם געדאַנק, אַז אַ ײדישע מינדערהייט וויל דורך איר גלייכבארעכטיקונג פאַרגוואַלדיקן די אַראַבישע מערהייט. באַזונדערס קען דער געדאַנק אַנטשטיין, ווייל „ברית שלום” שטעלט נישט אַרויס אָפן די פאָדערונג פון אַ פולער זעלבסטרעגירונג פון לאַנד, אין וועלכער אַלע בירגער זאָלן זיין טאַקע גלייכבארעכטיקט. דער „ברית שלום” וויל, אַז „ביידע פעלקער זאָלן א ו י ף א יי ב י ק געניסן גלייכע רעכט, קיינער זאָל נישט הערשן און קיינער זאָל נישט דינען”. און דער „ברית שלום” זעט נישט איין, אַז צווישן „פעלקער” סתם קען אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט בכלל נישט זיין קיין אייביקער פרידן. דער עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן ד י ביידע פעלקער וועט נישט אויפהערן, ביז עס וועלן זיך נישט צונויפריידן זייערע ביידנס אַ ר ב ע ט נ ד י ק ע קלאַסן, און זייער צונויפרעדן זיך באַטייט אין לעצטן סוף די סאָציאַלע רעוואָלוציע. — אָבער ווי מען זאָל נישט אָפּשאַצן פון ד ע ם שטאַנדפּונקט די באַשטרעבונגען פון „ברית שלום”, זענען זיי אָבער אַן אויסדרוק פון אַ פאַרשטענדעניש פאַר די ברענענדיקע נויטן פון דער איצטיקער לאַגע. און דווקא פאַר די דאָזיקע באַשטרעבונגען ווערט דער „ברית שלום” אָפּגעשטויסן אויך פון די סאָצ.־ציוניסטן. זיי ווערן דורך זיי לחלוטין נישט איבערגעאַנדערשט און בעסער פאָרמולירט, נאָר זיי ווערן פּשוט און גאַנץ אָפּגעשטויסן. און דערמיט שאַפט זיך אין דעם אַראַבישן לאַ־

גער אַ נייער באַווייז, אַז אויך די סאָציאַליסטישע יידישע קרייזן ווילן נישט קיין פאַרשטענדיקונג.

## IV

עס מוז קומען צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער הינזיכט, אויב דער גרויסער פרווו אין פּאַלעסטינע זאָל נישט בלייבן אונטער דער גרעסטער סכנה. עס מוז אָפן און קלאָר אַרויסגעזאָגט ווערן, אויף וועלכן וועג עס ליגט די לייזונג פון דער פאַר־פּלאָנטערטער לאַגע. אַרויסגעזאָגט ווערן מוז עס נישט אין דיפּלאָמאַטיש־געהיימע אונטערהאַנדלונגען, נישט אין בהדרגהדיקער און שרעקעוודיקער לאַנגזאַמקייט, נאָר מיטן פולן מויל און מיטן גאַנצן האַרצן. אַרויסגעזאָגט ווערן אַזוי, אַז יעדער ייד אין פּאַלעסטינע זאָל דערפילן די וויכטיקייט פון דעם געשעענעם, אַזוי אַז יעדן, אויך דעם סאַמע פינצטערסטן, אַראַבער זאָל אַריינגעשלאָגן ווערן אין קאָפּ די באַדייטונג פון געשעענעם. נישט קיין אַנדערער נאָר דווקא דער יידישער קיבוץ מוז דערקלערן, אַז ער פאָדערט פאַר פּאַלעסטינע אַ באמתע זעלבסט־רעגירונג, אַ דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט. און דאָס באַטייט, אַז מען לאָזט פאַלן סיי די באַלפור־דעקלאַראַציע, סיי די מערהייט־אידעע. זאָל מען נישט מורא האָבן, אַז אַזאַ שריט פון יידישן קיבוץ קען אויסגעטייטש ווערן אַלס מורא פאַר דעם אַראַבישן דרוק. אַריינטראָגן אַזעלכע ריין אינדיווידועלע געפילן אין באַציִונגען פון פעלקער, פון גרויסע קאָלעקטיוון, הייסט נאָר פאַרסמען די באַציאונגען. דער יידי־שער קאָלעקטיוו דאַרף קענען אַרויסזאָגן זיין היסטאָרישן באַשלוס מיט אַזאַ אויפ־ריכטיקייט און ווירדע, אַז ער זאָל זיך אויפהייבן איבער די קליינלעכע אַמביציעס און געפילן פון די הייזטיקע אַראַבישע פירער. ווייל דער באַשלוס וועט ווערן אַריינ־געקריצט אין דעם זכרון פון דעם אַראַבישן פאָלק, ווי אַ סימן לדורות.

דער אַנטשלוס מוז קומען דווקא פון דעם יידישן לאַגער, און דאָ טאָר מען נישט פאַרזאַמען די לעצטע מינוטן, וועלכע די געשיכטע האָט אים געגעבן. די היסטאָרישע פינף מינוטן, וועלכע זענען פאַרבליבן פאַר דעם שריט, זענען אפשר די אַנטשיידנדיקסטע פאַר דער גאַנצער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון די יידיש־אַראַבישע באַציאונגען. ווייל די לאַגע וועט זיין אין פּרינציפּ גאָר אַן אַנדערע, אויב דער פּאַרלאַמענט וועט ווערן אין פּאַלעסטינע אַרויפגעצוווּנגען מצד די אַראַבער. אין דער דאָזיקער ריכטונג באַוועגט זיך די אַנטוויקלונג אומעטום. אין עגיפּטן האָט אָקאָרשט אָפּגעהאַלטן אַ געוואַלטיקן זיג די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי קעגן ענגלאַנד. אין אינדיע פאַרלאַנגט דער נאַציאָנאַל־קאָנגרעס נאָר די פולע אומאָפּ־הענגיקייט. און די טענות, וועלכע עס שטעלן אַרויס די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, זענען אַזוי פּשוט און עלעמענטאַר, אַז זיי מוזן אַרומכאַפּן די מאַסן. די אַראַבישע צייט־ונג „פּעלעסטיין״, דער אָרגאַן פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, שרייבט אין איר ענגלישער אויסגאַבע ווערטער, וועלכע וועלן זיך לייגן אויפן שכל פון יעדן פאָלקס־מענטש. „פאַרוואָס האָבן די אַראַבער טענות?״ — שרייבט די צייטונג דעם 7־טן דעצעמבער. לאָמיר דורכלאָזן די עקאָנאָמישע טענות און צוהערן זיך צו דער פאָרמולירונג פון די פּאָליטישע. „אַ דאַנק דער פּאָליטיק פון דער יידישער נאַציאָנאַ־

לער היים האָט מען פּאָליטיש אָפּגעטיילט פּאַלעסטינע פון די אַנדערע אַראַבישע שכנישע מלוכות, וועלכע זענען געווען אַמאָל אייניהייטלעכע טיילן פון דער טערקישער אימפּעריע. אפילו טראַנסיאָרדאַניע, וועלכע שטייט אונטער דעם זעלבן הויךקאָמיסאַר פון פּאַלעסטינע, איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ באַזונדערן ש ט אַ ט צוליב דער ציוניסטישער פּאָליטיק. אַזאַ צעטיילונג פון די אַראַבישע טעריטאָריעס איז שעדלעך פאַר די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַראַבער. — אונטער דער טערקישער הערשאַפט האָבן די פּאַלעסטינער אַראַבער געהאַט אַ פולע פאַרטרעטערשאַפט אין טערקישן פּאַרלאַמענט. אויך האָבן זיי געהאַט אין יעדן קרייז אַן אַדמיניסטראַטיוון ראַט; די קאָמונאַלע ראַטן זענען געווען אומאָפּהענגיקער. היינט איז עס נישטאָ... אויב אַראַבער האָבן זיך אין 1921 אָפּגעזאָגט אָנצונעמען (פון ענגלאַנד) דעם „געזעצבאַראַטנדיקן ראַט", איז עס ווייל זיי, וואָס בילדן 85 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, האָבן געדאַרפט זיין דאָרטן אַ מינדערהייט". און אָט איז אַן אַנדער דערקלערונג פון דער זעלביקער צייטונג (נומ' 12 פון 30־טן נאָוועמבער): „קיין קלאָרער אַראַבער וויל נישט אָפּשטעלן אין גאַנצן די יידישע אימיגראַציע אָדער אָפּנעמען ביי יידן זייערע גלייכע רעכט. מיר זענען אַלע פאַר אַ פולער פאַרשטענדיקונג און אַ גערעכטער לייזונג. אָבער — ראשית כל — קיין איין קלאָרער אַראַבער וועט נישט דערלויבן ווען עס איז, אַז אין זיין אייגענער היים זאָל אַ וועלכער נישט איז געמיינשאַפט געגעבן ווערן אַ פּריווילעגירטע שטעלונג און אַן אויבערהאַנט לגבי זיין פאָלק".

וואָס פאַראַ ענטפערן קען מען אַרויסשטעלן אין דער אַראַבישער גאַס אַנטקעגן אָט די אַלע טענות? געוויס ווייסן מיר גוט, אַז הינטער די אַלע פאָדערונגען פון אַ נאַציאָנאַלער רעגירונג און דעמאָקראַטישע פּאַרלאַמענטן פאַרבאַהאַלטן זיך, ווי אַ מעטום, די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אויפשטייגנדיקער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, אינטעליגענץ און פּריצנטום. געוויס וועלן גאָר באַלד נאָך דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס דערשפּירן אויף זייער לייב דעם נייעם מלוכהש־עקאָנאָמישן יאָך. אָבער לײדער מוז כמעט יעדעם פאָלק אַליין דורכמאַכן די דאָזיקע דערפאַרונג, און שוין אַמווייניקסטן קען אַ פרעמדע (יידישע) נאַציאָנאַלע באַוועגונג עפענען די אויגן דער אַנדערער, אַראַבישער באַוועגונג.

די אַנטוויקלונג צו אַ פּאַלעסטינער פּאַרלאַמענט איז נישט אויפצוהאַלטן. קיינמאָל איז נאָך די אַראַבישע באַוועגונג נישט געווען אַזוי רירעוודיק, אַזוי פאַראייניהייטלעכט, ווי גראָד איצט, נאָך אויגוסט 1929*). אָבער די אויפגאַבע פון אַ צוקונפטיקער יידיש־אַראַבישער סאָלידאַריטעט פאַרלאַנגט, אַז דער שם־המפורש פון פּאַרלאַמענט זאָל אַרויסגיין אין דער רעכטער צייט פון דעם מויל פון דעם יידישן

*) די אַראַבישע צייטונג „פּעלעסטיין" פון 23־טן נאָוו. שרייבט: „אונדזער דאַנק די ציוניסטן איז אָן אַ שיעור, ווייל זיי האָבן פאַר אונדז אין די דריי חדשים אויפגעטאָן מער גוטס, ווי מיר אַליין וואָלטן געקענט אין 10 יאָר. זיי האָבן דערוועקט דעם נאַציאָנאַלן געפיל און אחריות פון יעדן פּאַלעסטינער אַראַבער און האָבן זיי פאַראייניקט, ווי קיינמאָל נישט פריער, אין אַ סאָלידן בלאָק". עס זענען דערווייל פאַראייניקט אַלע קלאַסן, אַלע סעקטן, די ביידע רעליגיעזע גרופּן, עס זענען אַריינגעצויגן אויך די פרויען.

קיבוץ. און עס איז היסטאָריש וויכטיק, אַז אַרויסגיין זאָל דאָס וואָרט פון דעם מויל פון דעם ייִדישן אַרבעטער. זיינע אינטערעסן זענען נישט אין קיין סתירה מיט די אינטערעסן פון אַראַבישן אַרבעטס־מענטש. זיין סוביעקטיווע איבערגעגעבנ־קייט צום נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן יושר וועט אַרויסרופן אַ גרעסערן צוטרוי צו זיין וואָרט מצד די אַראַבישע מאַסן. און אויך שפּעטער, בעת די זעלבסטרעגירונג אין פּאַ־לעסטינע וועט שוין זיין פאַרווירקלעכט, וועט דער דאָזיקער שריט פון דעם ייִדישן אַרבעטער לייכטער צונויפפירן אים מיטן אַראַבישן אַרבעטס־ברודער.

מיר קענען די אַרגומענטן, וועלכע דער אָפיציעלער ציוניסטישער געדאַנק רוקט אַרויס קעגן אַזאַ שריט. אָבער מען טאָר זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון די אַרגומענטן. מען זאָגט: וואָס פאַר אַן אַנטשלום מכוח אַ פּאַרלאַמענט מיר זאָלן נישט אָננעמען, ענגלאַנד וועט זיך דערמיט נישט רעכענען! — דאָס איז ריכטיק: ענגלאַנד וועט אין דער פראַגע זיך רעכענען מיט זיינע, נישט מיט די ייִדישע אינטערעסן. ענגלאַנד וועט פון דער פאַרערונג פאַרווירקלעכן נאָר אַ טייל, וואָס פּאַסט אַמבעסטן פאַר אים. אָבער מיר רעדן נישט פון די אויפגאַבן פון אימפּעריאַליסטישן ענגלאַנד, נאָר פון די אויפגאַבן פון דער ייִדיש־אַראַבישער סאָלידאַריטעט. און צוליב דער סאָלידאַ־ריטעט איז היסטאָריש וויכטיק, אַז די אַראַבער זאָלן הערן פון דער ייִדישער זייט דעם רוף צו אַ פולשטענדיקער זעלבסטרעגירונג (נישט געקוקט אויף דערויף, וויפל דערפון וועט ווערן אויסגעפירט). — עס איז בכלל נויטווענדיק, אַז עס זאָלן אָפּגעשיידט ווערן אין פּאַלעסטינע די ביידע באַגריפן: ענגלאַנד און דער ייִדישער ישוב. די דאָזיקע צונויפפלעכטונג האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלע חטאים און פּלענער פון דער ענגלישער אימפּעריע אין דער גאַנצער וועלט ווערן אַרויפגע־לייגט אין פּאַלעסטינע אויף די פּלייצעס פון ייִדישן ישוב. און, פאַרקערט, אַלע פּאָ־זיטיווע דערגרייכונגען, וועלכע עס ברענגט מיט זיך די ייִדישע קאָלאָניזאַציע, ווערן געשטעלט אויפן חשבון פון דער ענגלישער מלוכה. עס איז נויטיק, אַז דער אַראַבער זאָל דערזען און שאַצן דעם ייד, ווי אַזעלכן, און נישט ווי אַ פאַרבינדעטן פון אַ פרעמדער מלוכה.

און זאָל מען נישט זאָגן: ענגלאַנד וועט ווערן ברוגז, עס וועט באַשטראָפן דאָס ייִדישע פאָלק! — ענגלאַנד, אַלס מלוכה (נישט אַלס סענטימענט פון דעם אָדער יענעם מלוכה־טוער), אַרבעט נישט מיט ברוגז־געפילן. עס וועט נישט טאָן פאַר ייִדן קיין טובה און עס וועט אויך נישט טאָן זיי קיין רעה, אויב נאָר זיינע וועלט־פּאָליטישע אינטערעסן וועלן אַזוי פאָדערן. רעות האָט עס אָבער שוין גענוג געטאָן אויך ביז איצט אין דער „גוטער צייט“, אַזעלכע רעות ווי נאָכלעסיקייט, טאָפּל־פּאָליטיק, אַקטיווע פּאַסיוויטעט ביי די פּאָגראָמען. די איינציקע אָריענטירונג־ליניע אין פּאַלעסטינע איז אָריענטירונג נישט אויף ענגלאַנד, נאָר אויף דער ייִדיש־אַראַבישער סאָלידאַריטעט.

און דאָ קומט דער שווערסטער אַרגומענט. מען זאָגט: אַ פּאַלעסטינישע זעלבסט־רעגירונג איז נישט אַנדעריש, ווי אַן אַראַבישע מערהייט אין פּאַרלאַמענט און אַן אַראַבישע רעגירונג — און דאָס איז דער סוף פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע! דעם

דאזיקן געדאנק האט אקארשט נאכאמאל פארמולירט ב. קאצענעלסאן. „אין דער עליה־פראגע ווייסט מען די שוועריקייטן. אבער צי דען איז עס נאר דאס? צי וועלן מיר מארגן מסכים זיין, אז די מערהייט איינוווינער אין לאנד זאל ארויסגעבן געזעצן אין פראגן פון ווירטשאפט, געריכט, פאמיליע־לעבן און ארבעטער־רעכט? וועלן מיר דען איבערגעבן דעם גורל פון אונדזער לעבן, פון אונדזער שפראך, אונדזערע שולן, אונדזערע קבוצות און פאמיליעס אין די הענט פון דער „מערהייט", וועלכע האט אלע רעכט פון פארמעלן דעמאקראטיזם — צי וועט דאס נישט זיין קיין געוואלטיקע שוידערהאפטע אומרעכט? צי איז דען פאראן א געמיינזאמער פלאץ פאר קולטורן, וועלכע זענען אזוי פארשיידן איינע פון די צווייטע, ווי די אונדזעריקע?" — מען לייענט אזעלכע ווערטער און מען גלויבט נישט די אייגענע אויגן. אלזא וויל אזא ארבעטער־טוער, ווי ב. קאצענעלסאן, ווארטן מיט דעמאקראטיזם ביז די „קולטורן" וועלן זיך אויסגלייכן? און ביז יענער צייט זאל דאס יידישע פאלק באזיצן אין פאלעסטינע דאס רעכט פון „ע ק ס ט ע ר י ט א ר י א ל י ט ע ט", ד. ה. יענע באליידיקנדיקע רעכט, וועלכע די אייראפעאישע אימפעריאליסטן האבן איינגעפירט פאר זיך אין די „אפגעשטאנענע לענדער". גראד איצט, ווען די עקסטעריטאריאליטעט ווערט אפגעשאפט שוין אומעטום (לעצטנס אין כינע), זאל מען דאס אלס פרינציפ באשטעטיקן אין ארץ־ישראל? אזא פרינציפ גייט שוין א סך ווייטער אייִדער נאר אפהיטן די מעגלעכקייטן פון קאלאניזאציע אין לאנד. דא ליגט שוין א פארלאנג אפצוטיילן זיך בכלל, אין פאליטישן, געזעלשאפטלעכן און פריוואטן לעבן, פון דעם אראבישן פאלק צוליב די פארשיידנקייטן פון די קולטורן. וווהין קען דאס פירן? ב. קאצענעלסאן שרייבט דא אליין: „מיר זענען מודה, אז אזא וועג, וואס לייזט אלע פראבלעמען, האבן מיר היינט נישט; אבער א וועג, וואס פאסט פאר אונדז, פאר אונדזערע באדערפענישן, פאר דער עליה, פאר א סאציאליסטישער ארבעטס־געמיינשאפט אין לאנד, דעם וועג וועלן מיר געפינען נאר אין אונדזער ארבעט גופא... א פאליטישע טעטיקייט, וועלכע זאל פאסן פאר אונדזערע נויטן... זע איך אין דער מוניציפאלער זעלבסטפארוואלטונג".

דאס איז אילוזיאנס־פאליטיק, געבויט אויף געפערלעכן נאציאנאלן עגאיזם. דער יידישער סאציאליסט מוז פארלאנגען א פארלאמענט אין פאלעסטינע דווקא דערפאר, ווייל דארטן לעבן בשכנות צוויי פארשיידענע קולטורן. נאר דורך אן אפענער זעלבסטרעגירונג, צונויפגעפלאכטן מיט סאציאליסטישער דערציאונג, וועלן זיי זיך דערקענען און דערנענטערן. דער פארלאמענט מוז פארלאנגט ווערן אפילו דעמאלט, ווען די אראבישע מערהייט וואלט געמאכט אין דער ערשטער צייט שוועריקייטן פאר דער יידישער ארבעט. אזעלכע שוועריקייטן זענען שוין געמאכט געווארן גענוג דורך דער ענגלישער אדמיניסטראציע, אפילו דעמאלט, ווען אין איר שפיץ איז געשטאנען א „יידישער" הויך־קאמיסאר, סעמיועל. אויב אזעלכע שוועריקייטן וועלן קומען אין א גרעסערער מאס, באזונדערס אין די שבעת ימי המשתה פון דער אראבישער באפרייאונג, מוז די יידישע באוועגונג דאך באציען זיך צו זיי מיט א רואיקן געמיט. עס איז בעסער אריבערצוווארטן די ערשטע צייט פון דער פאלעסטינער

זעלבסטרעגירונג, צונויפשרומפּנדיק די אייגענע באַוועגונג, איידער אָפּצוּוואַרפֿן בכלל די זעלבסטרעגירונג, שטעלנדיק אין קאָן די גאַנצע באַוועגונג. דערפֿאַר אָבער טראָגט די זעלבסטרעגירונג פֿון פּאַלעסטינע מיט זיך עפּעס אַנדערש און וויכטיקס: זי וועט אַריינפֿירן אין לאַנד דעם אָפֿענעם פּאָליטישן און סאָציאַלן קאַמף, זי וועט, אַלזאָ, ממילא ד י פֿ ע ר ע נ צ י ר ן אויף זיינע סאָציאַלע טיילן דאָס היינט איינהייטלעכע „אַראַבישע פֿאָלק". אַוודאי וועלן אין דער ערשטער פּאַרלאַמענטאַרישער צייט די אַראַבישע מאַסן אָנגעפֿירט ווערן פֿון זייערע אַלטע קלעריקאַלע, פֿעאָדאַלע, אינטעליגענטישע קרייזן. מסתמא וועלן זיך, ראשית, אַריינכאַפּן אין די הויכע אַמטן די שאָוויניסטישע עלעמענטן, די בירגערלעכע שיכטן, די אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אין אייראָפּע מאַכן קאַריערע אויפֿן חשבון פֿון נאַציאָנאַלער דערהויבונג. אָבער דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיינע אינערלעכע געזעצן, און דער אַראַבער וועט אַלץ מער דורך אים דערוואַכט ווערן פֿון זיין פּאָליטישן אומשולד־שלאָף. זיינע נאַציאָנאַלע פֿאַרזאָרגער וועלן דורך זייערע געזעצן און אַדמיניסטראַציע גאָר באַלד אַנטפּלעקן זייער רעאַקציאָנערן אָדער באַלעבאַטיש־סאָציאַלן פּנים. דער גייסטיקער דרוק, אונטער וועלכן זיי האָבן געהאַלטן דעם אַראַבישן פֿעלאַך, אַרבעטער, בעל־מלאכה אין דער איצטיקער צייט, וועט ממילא אַלץ ווערן אָפּגעשוואַכט. דערצו וועט אָבער אויך פֿירן די ענערגישע אָפֿענע פּאָליטישע טעטיקייט פֿון דער יי ד י ש ע ר אַרבעטערשאַפֿט אין פּאַלעסטינע. עס וועט אויפֿהערן יענע געהיימע, אומקאָנטראָלירבאַרע שתדלנות־פּאָליטיק, וועלכע עס פֿירן היינט דורך די הינטער־טירן סיי די אַראַבישע, סיי די יידישע פּאָליטיקער. מען וועט נישט לויפֿן און העצן און אָנרעדן און פֿאַרענטפֿערן זיך אין דעם פּאַלאַץ פֿון הויך־קאָמיסאַר אָדער אין די הויכע פֿענצטער אין לאָנדאָן. אָט דער דאָזיקער טיפּישער קאָלאָניאַל־רעזשים, וועלכן מען רופֿט אַזוי גערן אָן אַזיאַטיש און וועלכער איז אָבער איינגעפֿירט פֿון די אייראָפּעער, קען פֿאַרשווינדן פֿאַר דעם שיין פֿון אָפֿענע פּאָליטישע קאַמפֿן. און כאָטש ביי די היינטיקע דעמאָקראַטיעס שפּילט דער מאַטעריעלער און מאָראַלישער שוחד גאָר אַ גרויסע ראָל, דאָך קען ער נישט אויפֿהאַלטן דעם סאָציאַלן שיידונג־פּראָצעס אין אַ פֿאָלק.

ערשט דעמאָלט וועט דער אַראַבישער אַרבעטס־מענטש און די ערלעכע אינטעליגענץ אָנהויבן באַפֿרייען זיך פֿון דער הונדערט־פּראָצענטיקער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אָפּהענגיקייט און וועט נעמען דערקענען דעם יידישן אַרבעטס־ברודער. די דערקענטעניש וועט קומען אויך דערפֿאַר, ווייל — ביי די פּאָליטישע קאַמפֿן — וועט אויך דער יידישער אַרבעטס־מענטש אַרויסטרעטן אין פּאַלעסטינע נישט נאָר ווי אַ ייד, נאָר ווי אַ קלאָר סאָציאַליסטישער פֿאַקטאָר. די פֿאַרבינדונג מיטן יידישן פּויער און אַרבעטער וועט זיך נישט אָנהויבן אונטער דעם טונקעלן דעקמאַנטל פֿון אַ הויך־קאָמיסאַר, זי וועט אָנהויבן ווערן אַ פֿאַקט ביי די וואַלן, ביי די קאַמפֿן, ביי דער ביטערער דערפֿאַרונג פֿון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. אין היינטיקע צייטן גייט די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע מיט ריזן־שריט, און דער יידישער סאָציאַליסטישער קיבוץ אין פּאַלעסטינע וועט פֿאַרשנעלערן דעם פּראָצעס. און דעמאָלט וועט די

יידישע אַרבעטס־קאָלאָניזאַציע געפינען פאַר זיך גאָר אַן אַנדערע און גינסטיקערע לאַגע.

מיר רעדן דאָ וועגן אַ „דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט" און מיר ווייסן גאַנץ גענוי, אַז דאָס איז לחלוטין נישט די הערשאַפט פון פּויערים־ און אַרבעטער־פאָלק אין פּאַלעסטינע. אָבער אין אַ קאָלאָניאַל־לאַנד בכלל, און אין פּאַלעסטינע בפרט, וואו עס קומט פאָר אַן איינוואַנדערונג פון פרעמדע מענטשן, איז יעדער אָפּזאָג פון אַזאַ פּאַרלאַמענט פּאַקטיש אַן אונטערשטיצונג פון דעם אימפּעריאַליסטישן מושל. דערפאַר טאָר מען זיך נישט באַנוגענען מיט אויפשטעלן אַזאַ פּראָגראַם, ווי: „נאָר דער דירעקטער קאַמף פאַר דער מאַכט פון די אַרבעטער און פּויערים און נישט פאַר בורזשואַזער דעמאָקראַטיע — קען ברענגען די באַפרייונג פון די אונטערדריקטע מאַסן". אַזאַ פּראָגראַם שטעלן אויף די לינקע פּועלי־ציון. זיי וואַרפן אָפּ אַ פּאַרלאַמענט, ווייל זיי זענען איבערצייגט, אַז „פעאָדאַלע און אפילו בורזשואַזע „זעלבסטשטענדיקע" רעגירונגען אין די קאָלאָניעס זענען פּאַקטיש נישט מער, ווי עקספּאָזיטורן פון אימפּעריאַליזם. דער פּועלי־ציוניסט האָט נישט ליב קיין האַלבע אַרבעט; ער וויל, אַז נישט בלויז דער אימפּעריאַליזם, נאָר אויך זיין אַגענטור — די פעאָדאַלע רעאַקציע — זאָל זיך אָפּטראָגן פון דער געזעלשאַפטלעכער פּלאַך". אוודאי איז עס אַזוי, און פונדעסטוועגן וואָלט אַזאַ פּאָזיציע געפירט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון דער ענגלישער אָקופּאַציע־מאַכט. דער פּויערים־ און אַרבעטער־סדר וועט אַמאָל קומען אין פּאַלעסטינע, אָבער — ביי די היינטיקע באַדינגונגען — וועט דאָס פאַרבלייבן פון קאָלאָניאַלן רעזשים נאָר פאַרשטאַרקן די פעאָדאַלע רעאַקציע. דער לינקער פּוע"צ ערעם שרייבט: „וואָלט אונדזער רוף צו שמידן דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן פראָנט אויפגענומען געוואָרן פון דער הסתדרות, וואָלטן מיר שוין איצטער אין אונדזערע רייען געזען טויזנטער אַראַבישע אַרבעטער, טרייע קעמפער און פריינד, און ס'וואָלט נישט געקומען צו די היינטיקע אבלות־טעג". אפשר וואָלט אַזוי טאַקע געווען, אָבער היינט, אַז די אַראַבישע קעמפער זענען נישטאָ און אַז די איינוואַנדערונג פון יידן גיט צו יעדן טאָג אויפרייס־מאַטעריאַל פאַר די העצער, — טאָר מען נישט דערלייכטערן זיי די אויפגאַבע דורך אַ מאַקסי־מאַלן פּראָגראַם, וואָס ליגט נאָך אין דער גרויסער צוקונפט. דורך אַ בירגערלעכן פּאַרלאַמענט גרייטן מיר שוין היינט צו דעם אייפרייס פון דער אַראַבישער רעאַקציע.

## V

אָבער דאָ קומט מען צו אונדז מיט אַ גאָר אַנדערן אַרגומענט, וועלכער געפינט שטענדיק אַ גרויסן אָפּקלאַנג ביי דעם פאָלקס־מענטש. מען זאָגט מיט אַ גרויסער פאַרביטערונג: פאַרוואָס עפּעס מוז דאָס יידישע פאָלק יוצא זיין פאַר אַלעמען אין דער וועלט, נאָר נישט פאַר זיך אַליין? אפשר טאַקע אמת, אַז מען פאַרטשעפּעט דעמס אָדער יענעמס רעכט, אָבער זאָל טאַקע דערפאַר דאָס יידישע פאָלק לאָזן טרעטן

זיין אייגענעם רעכט אויף רו, אויף זיכערקייט, אויף אומאפהענגיקייט? זעט נאָר אַרום זיך אין דער גרויסער פּאָליטישער וועלט; ווו שאַפן זיך אַנדערש מלוכות, ווו האַלטן זיי זיך אַנדערש, ווי דורך צוואַנג און אייגנמאַכט. מען קען מן־הסתם נישט אַנדערש אין דער היינטיקער וועלט, און פּאַרוואָס זאָל אונדזער טייל זיין ווינ־ציקער, ווי ביי אַלעמען?

מען קען נישט לייקענען די איבערצייגנדיקע קראַפט, דעם ביאָלאָגישן כוח, וואָס ליגט אפשר אין אַזעלכע אייזערנע טענות. מען קען זיי פאַרשטיין ביי די ביר־גערלעכע און קליין־בירגערלעכע שיכטן פון יידישן פאָלק, וועלכע האָבן פון זייערע יסורימדיקער היסטאָרישער דערפאַרונג אַרויסגענומען נאָר איין הייסן פאַרלאַנג: אויסגלייכן זיך מיט די פעלקער, מיט די „גליקלעכע" אומות העולם. זיי זענען איינגעפלאַנצט אין דער איצטיקער „ציוויליזירטער" וועלט, זיי זעען דעם היינטיקן מלוכהש־דיפּלאָמאַטיש־עקאָנאָמיש־מיליטעריש־נאַציאָנאַלן אַפּאַ־ראַט פון דער וועלט, — און זיי קענען זיך נישט אויפהויבן איבער דער עפּאָכע. זייער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער שטאָלץ דערפירט זיי נאָר צו דעם חשק צו דער־זען עס אין פרײדן אַמאָל ביי זיך אין דער היים, אין אַן אייגענער מדינה. — אָבער מיר הערן אַזעלכע טענות נישט נאָר פון די שיכטן; אויך פון סאָציאַליסטיש געזונטע שיכטן קומען זיי. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט דעם אַרטיקל פון „הפועל הצעיר" מכוח דעם, אַז פאַרן ציוניזם איז ארץ ישראל הייליק אַלס „פאָטערלאַנד". דער דאָ־זיקער געדאַנק ווערט דאָ נאָך שאַרפער געבראַכט צום אויסדרוק: „דאָס לאַנד איז אונדז הייליק, ווי יעדעס אַנדער פאָטערלאַנד איז הייליק פאַר יעדן אַנדערן פאָלק, און נישט אַלס „הייליק לאַנד" פון נזירים און נביאים אָפּגעריסענע פון דער וועלט... דער מאָראַלישער אינהאַלט פון ציוניזם ציט נישט זיין קיום דערפון, וואָס אויף דער ערד האָבן געטראָטן ישעיהו אָדער קריסטוס אָדער אַנדערע נביאים; דער דאָזיקער אינהאַלט וואָלט זיך אין קיין האָר נישט געביטן, אויב דאָס לאַנד וואָלט געווען אַמאָל אַ לאַנד פון פּיראַטן, פון ים־רויבער... מיטן געזיכט צו דער ערד און נישט צום הימל; די זאָרג וועגן אונדז גופא אַלס פאָלקס־קאָלעקטיוו, וועלכער דערוואַ־בערט יעדן טאָג זיין פרייהייט דורך ערלעכער אַרבעט, וועלכער שאַפט זיין לעבן און קולטור, כדי צו זיין אַ ליכט פאַר זיך אַליין, אָן וועלכע נישט איז אויפגאַבן צו זיין דווקא אַ „ליכט פאַר די פעלקער" — אָט דאָס איז ציוניזם און קיין אַנדערן גיט עס נישט".

אין די ווערטער ליגט אויך דער האַרטער לעבנס־דראַנג צוצושלאָגן זיך צו אַ רויקער, געזיכערטער היים ביי זיך אויף דער ערד, צוצושלאָגן זיך מיט אַלע מיטלען און וועגן, וועלכע זענען געגעבן אין דער היינטיקער וועלט. ווי געזאָגט, אַזעלכע אַרגומענטן זענען איבערצייגנדיק ביז גאָר אין אַ פאָלק, וואָס פירט עד היום אַ וואַגאַבונדן־לעבן. און פונדעסטוועגן וואָלט עס געווען אַן אומגליק און אַ באַליידיקונג גראָד פאַר אַזאַ פאָלק צו באַגנוגענען זיך מיט אַזעלכע אַרגומענטן. אָט טאַקע דאָ קומען זיך צונויף די קולטור־פילאָזאָפישע פראַגן, וועלכע זענען אויפגעשטורעמט געוואָרן דורך די אויגוסט־געשעענישן. אָט קעגן אַזעלכע

אַרגומענטן מוז זיך דאָס פֿאָלק און יעדער פֿאָלקס־מענטש טאַקע שטעלן די גרויסע שיקזאַל־פֿראַגע: *צי ווילן מיר לעבן סתם, אָדער מיר ווילן געבן דעם לעבן אַ זין פֿון די נביאים?*

עס איז אוממעגלעך היינט אַרויסצושטעלן, ווי אַן אידעאַל, אַ לעבן אָן אַ וועלט־זין, אָדער זען דעם זין אין דער זינלאָזיקייט. עס איז טאָפּלט אוממעגלעך אַרויסצושטעלן עס אַלס אידעאַל אין אַ לאַנד, וועלכעס איז באַקאַנט נישט אַזוי דורך זיינע פּיראַטן, ווי דורך די טיפֿע טראַכטעניש וועגן זין פֿון מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן לעבן, וועגן באַציאונגען צווישן פֿאָלק און מענטשהייט, צווישן מענטש און גאָט. עס איז אוממעגלעך צו פֿאַרלאַנגען פֿון יידישן פֿאָלק, אַז עס זאָל פּשוט איבערנעמען יענע פֿאָרמען פֿון מלוכהשן און סאָציאַלן סדר, וועלכע עס זעט אַרום זיך אין דער וועלט. דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַ גרויסן היסטאָרישן זכרון און עס האָט געזען אין די יאָרטויזנטער, ווי פֿיל גרויסע און מעכטיקע מלוכות און קולטורן זענען אַנטשטאַנען און זענען אונטערגעגאַנגען. דאָס פֿאָלק, וואָס איז צעשפּרייט היינט אין דער *גאַנצער* וועלט, זעט, ווי די מאָדערנע מלוכות און קולטורן זענען אויפֿגעבויט אויף דיפּלאָמאַטישן שקר, דעמאָקראַטישן שווינדל, נאַציאָנאַלער געוואַלט־פּאָליטיק, מיליטערישן יאָך, עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע. דאָס פֿאָלק זעט, ווי אומעטום ווערן דורכדעם די מענטשן און די מלוכות מאָראַליש און גייסטיק אונטערגעגראָבן. און דאָס זעלביקע יידישע פֿאָלק זאָל — אין זוכעניש פֿון אַ רויִקער היים — זיין נאַיוו ווי אַ קינד? זאָל, *קעגן* זיין אייגענער דערפֿאַרונג, אויפֿבויען פֿאַר זיך אַליין דווקא אַזאַ היים, ווי די „גליקלעכע” פֿעלקער אַרום, זאָל שטרעבן „אויסצוגלייכן” זיך דווקא מיט זיי? דאָס יידישע פֿאָלק קען נישט בויען ביי זיך אַ קאָפּיע פֿון דער אַרומיקער וועלט נישט דערפֿאַר, ווייל עס איז דאָס שענסטע און געבענטשטע פֿאָלק פֿון אַלע, נאָר פּשוט דערפֿאַר, ווייל עס בויט זיך *שפּעטער* פֿון אַלע און האָט אַלזאָ פֿאַר זיך די *גרעסטע* דערפֿאַרונג פֿון דער געשיכטע. עס טאָר נישט שאַפֿן אַזאַ סדר, וועלכער זאָל באַלד מוזן געבראָכן ווערן פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע עלטערע אַרום.

אין פּאַלעסטינע האָט דער יידישער פֿאָלקס־מענטש פֿאַר זיך עפּעס אַנדערש ווי אַן איינפֿאַכן אויפֿבוי פֿון אַ קאָלעקטיוון נאַציאָנאַל־לעבן. עס איז נישט ענלעך צו דעם איבערבוי וועלכן די אַרבעטס־קלאַסן פֿירן דורך אין זייער סאָציאַלן קאַמף; עס איז נישט ענלעך אַפֿילו צו דער גרינדונג פֿון נייע נאַציאָנאַלע מלוכות, ווי דאָס איז געווען אָקאָרשט אין פּוילן אָדער טשעכאָסלאָוואַקיע. ווייל דאָרטן אומעטום קומען פֿאָר ראַדיקאַלע שינויים, אָבער אויף דעם זיכערן באָדן פֿון אַ צוזאַמענלעבנדיקן קאָלעקטיוו (קלאַס אָדער נאַציע); בעת אין פּאַלעסטינע ווערט נאָך צוערשט געשאַפֿן, *צוזאַמענגעפֿירט* דער קאָלעקטיוו אויף אַ נייעם באָדן. אין פּאַלעסטינע שטייט דער יידישער מענטש אין דעם ריכטיקן זין פֿון וואָרט פֿאַר אַ סאָציאַלער *מעשה בראשית*. דאָ ווערן געלייגט יסודות פֿון די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, פֿאָלק און פֿאָלק, פֿאָלק און קלאַס, פֿאָלק און מלוכה. עס ווילט זיך כמעט זאָגן, אַז מיר האָבן דאָ עפּעס פֿון יענעם פֿאַר־געזעלשאַפֿטלעכן

סדר, וועגן וועלכן עס האָט גערעדט אמאָל רוסאָ, און זיין וועלכן עס שאַפן זיך די קאָרדינאַלע סאָציאַלע באַציאונגען. ווי קען מען פאַרלאַנגען — אויב מען האָט אַכ־טונג פאַר דער יידישער און אַלמענטשלעכער געשיכטע — אַז אַ נייער יידישער ישוב זאָל געבויט ווערן פשוט „ווי ביי די אַנדערע פעלקער”? און וואָס ליגט דאָס באַ־צייבערנדיקע אין דער פּאַלעסטינע־אַרבעט, אויב נישט אין דעם, אַז עס איז אַ נ יי־ לאַנ ד, אין נאַציאָנאַלן, אין סאָציאַלן, אין מאָראַלישן זין? די דאָזיקע קאָלאָניזאַ־ציע טראָגט מיט זיך אין תוך (אָפטמאָל אומבאַוווסט פאַר אירע טרעגער) נישט נאָר אַ נאַציאָנאַלן אויפבוי, נישט נאָר אפילו די סאָציאַלע איבערשיכטונג פון פאָלק; זי טראָגט מיט זיך דערהויבונג פון אַרבעט, די עכטע באַציאונג צום סאָציאַליזם, די זעלישע אומשיכטונג פון מענטש, די פרישע טראַכטעניש איבער דעם זין פון לעבן און וועלט. ס׳איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס אַזאַ דערוואַכונג קומט פאַר אין אַ שטאַרקער מאָס טאַקע אויף דער ערד, אויף וועלכער עס האָבן אמאָל געטראָטן נביאים. דאָס הייסט נישט, אַז נאָר דאָ אַליין קומט פאָר די דערוואַכונג פון יידישן פאָלקס־מענטש. אומעטום, וווּ עס ברויזט דער עכטער גייסט פון סאָציאַליזם, ווערט ער דערוואַכט צו דעם נייעם לעבן. דער יידישער סאָציאַליזם שעפּט זיך לחלוטין נישט אויס מיט פּאַלעסטינע. אָבער דער סאָציאַליזם גייט גליקלעך, בעת ער זעט, ווען ווו נישט איז אין אַ ווינקל פון דער וועלט פלאַקערט זיך פונאַנדער דער ענטוזיאַזם פון שאַפן, ווען אונטערדריקטע מענטשן, קלאַסן, נאַציעס דערהויבן זיך צו אַ לעבן פון התישבות. דער ענטוזיאַזם, וואָס ברענט אין די יונגע הערצער פון די פּאַלעסטינער בויער, איז אַ טייל פון יידישן לעבנס־ענטוזיאַזם. דאָ אַנטפּלעקט זיך היינט צו טאָג אַ פרישע, אייגנאַרטיקע קראַפט, דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, וואָס לעבט אין דעם יידישן אַרבעטס־פאָלק בכלל, און וואָס זוכט זיין אויסדרוק אומע־טום. אָבער ווי קען דערמאָלט אַ יידישער סאָציאַליסט וועלן זען אין פּאַלעסטינע אַ נייע אויפלאַגע פון דער סאָציאַלער וועלט, וועלכע מוז אונטערגיין? ווי קען ער אפילו צולאָזן דאָרטן דעם חשד פון נאַציאָנאַלע שטרייטיקייטן, מלוכהשער תקיפות, סאָציאַלע קאָמפּראָמיסן? צי וואָלט דאָס נישט באַטייט נאָכאַמאָל ווי אין מצרים, אָבער פרייוויליק, אַריינבויען אין די ווענט פון דעם נייעם נאַציאָנאַלן בנין די אייגענע קינדער, די הייליקסטע פרינציפּן פון דער מענטשהייט?

מיר טאָרן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דעם אַזוי קלאָרן אַרגומענט: „מיר ווילן אויך אַמאָל לעבן!” דער יידישער אַרבעטס־מענטש האָט דאָס פולע ר ע כ ט צו קאָלאָניזירן און אַרבעטן אין פּאַלעסטינע, ווי אומעטום. אָבער זיין רעכט מוז ער פאַרבינדן מיט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעכט פון אַראַבישן אַרבעטס־מענטש. אויף אַ סאָציאַליסטישן יסוד מוז ווערן אויפגעבויט אַ יידיש־אַראַבישע סאָלידאַ־ריטעט.

# VI

אָבער די דאָזיקע סאָלידאַריטעט דאַרף זיך נישט באַגנוגענען מיט דעם פּאָליטישן געביט אַליין. זי דאַרף אויסגעשפּרייט ווערן אויף דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן פֿעלד מיט אַ גרויסער ברייטקייט. איצט, ביי די באָיקאָט־שטימונגען, סיי ביי אַראַבער, סיי ביי יידן, אַנטשטייט די גרויסע געפֿאַר, אַז עס וועלן זיך נאָך מער אָפּשיידן די אַרבעטנדיקע שיכטן פֿון די ביידע פֿעלקער. אונטער דער פֿאָן פֿון „נאַציאָנאַלער דיסציפּלין" וועט מען אין די ביידע פֿעלקער סטאַרען זיך אָפּצושטויסן אַרבעטס־כחות פֿון „יענעם" און נישט צולאָזן זיי צו אייגענע ווירטשאַפֿטלעכע געביטן. מיר ווייסן, וואָס עס טוט זיך אין דער דאָזיקער הינזיכט אין יידישן לאַגער. אָבער אויך דער אַראַבישער צד בלייבט נישט רואיק. במשך פֿון דריי חדשים האָט ער צונויפֿגערופֿן אַחוץ זיינע פּאָליטישע אָרגאַנען, אויך צוויי עקאָנאָמישע צוזאַמענפֿאָרן: דעם ערשטן פֿון די אַראַבישע פּויערים און דעם ערשטן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן קאָנגרעס. זאָל די אַנטוויקלונג גיין נאָר אין דער ריכטונג?

עס מוז ווידער אַמאָל מיט אַ גרויסער קראַפֿט געלייגט ווערן דער יסוד פֿאַר יידיש־אַראַבישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. מאַניא שוחט שרייבט אין דעם בריוו צום „ברית שלום" (וועלכן מיר האָבן שוין ציטירט): „עס זענען שוין היינט דאָ אַ סך פֿראַגן, אין וועלכע מיר קענען און דאַרפֿן גיין מיט זיי צוזאַמען. דער אַראַבישער פֿעלאַך דאַרף זיך פֿאַרבינדן מיט דעם יידישן פּויער אין דער גרויסער צאָל פֿון זייערע געמיינזאַמע ענינים; געמיינזאַמע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרבאַנדן דאַרפֿן פֿאַרוויניקן אונדז מיט די אַראַבישע אַרבעטער. אַנשטאָט לייגן אַ „חרם" ביי יעדן פֿאַל, ווען מען באַשעפֿטיקט אַראַבישע אַרבעטער, דאַרפֿן מיר זוכן אַ וועג צו אַ געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע. איך רעד נישט פֿון דער מאָראַלישער און סאָציאַליסטישער זייט, אָבער שוין פֿון שטאַנדפּונקט פֿון רעאַלער פּאָליטיק זענען מיר דירעקט פֿאַראינטערעסירט אין דער קולטורעלער דערהויבונג און דערציאונג פֿון די אַראַבער. געוויס איז עס ריכטיק, אַז מיר וועלן ליידן דערפֿון אין אַ געוויסער מאָס. אָבער אויב מיר וועלן מורא האָבן פֿאַר אַזאַ איבערגאַנג־צייט, וועלן מיר דאָך זיין געגליכן צו די בעלי־עגלות, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן דער איינפֿירונג פֿון אייזנבאַן".

עס מוזן זיך צונויפֿמישן די אַרבעטער פֿון די ביידע פֿעלקער נישט נאָר אין געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך אין געמיינזאַמער אַ ר ב ע ט. און עס וואָלט געווען וויכטיק, אַז נישט נאָר אַראַבער זאָלן אַרבעטן ביי יידן און יידישע אינסטיטוציעס, נאָר אַז אויך יידישע אַרבעטער זאָלן ווערן באַשעפֿטיקט ביי אַ ר אַ ב ע ר, זאָלן וועלן גיין אַרבעטן ביי אַראַבער. עס וואָלט געווען וויכטיק, אַז דער פּרינציפּ פֿון קבוצה־אַרבעט זאָל כאָטש אויף אַ האָר אַריבערגעטראָגן ווערן אויך צו אַראַבישע פֿעלאַכן. עס וואָלט געווען פֿון גאָר אַ גרויסער באַדייטונג, אַז עס זאָל געשאַפֿן ווערן כ אָ ט ש א יי ן ג ע מ יי נ ז אַ מ ע י י ד י ש ־ אַ ר אַ ב י ש ע ק אָ ל אָ נ י ע ־ ק ב ו צ ה. אין דער טאָג־טעגלעכער בשותּפֿותדיקער האָרעוואַניע וואָלט געוואַקסן יענער צונויפֿבונד, וועלכער וואָלט זיך שפּעטער אַנטפּלעקט אויך ביי די

פּאָליטישע וואַלן אין פּאַרלאַמענט, ביי דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד בכלל. און עס איז נויטיק, אַז דער יידישער ערד־אַרבעטער זאָל געמיינזאַם מיטן אַראַבישן קעמפן פאַר אַ באַפרייאונג פון דער מלוכהשער און פּריצישער ערד. עס וועט קומען אַמאָל די צייט פאַר יענער „סאָציאַליזירונג פון ערד", וועלכע איז נישט נאָר אַ סאָציאַליסטיש פּראָגראַם, נאָר איז געבוידן געוואָרן אויך אויף דעם פּאַלעסטינער באָדן. אָבער די צייט וועט קומען ערשט דעמאָלט, ווען די יידישע און אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס וועלן זיך פאַרבינדן אין אַן איינהייטלעכער קייט.

און עס איז נויטיק נאָך אַ דריטע סאָלידאַריטעט, אויסער דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער: די גייסטיקע סאָלידאַריטעט. אויף דעם דאָזיקן געביט מוז מען זיין ערלעך מיט זיך אַליין און מודה זיין, אַז אַ ים מיט אַרבעט, מיט זעלבסט־איבערווינדונג שטייט נאָך פאַר דעם פּאַלעסטינער אַרבעטס־קאָלאָניסט. מיר מוזן אַראָפּוואַרפן יענעם הויקער פון „ציוויליזאַציע", וועלכן מיר שלעפּן אַרום מיט זיך אַפילו ווען מיר זאָגן זיך אָפּ פון דעם אומגערעכטן סאָציאַלן לעבן. עס שטעקט אין „אייראָפּעער" עפּעס אַ שטאָלץ, וועלכער דערוועקט זיך ביי אים — מען ווייסט נישט פאַרוואָס — ביי דעם צונויפקומען זיך מיט די ווייניקער ציוויליזירטע פעלקער. דער דאָזיקער שטאָלץ איז דאָ אַפילו ביי יידן לגבי די נעגער אין אַמעריקע; ער איז דאָ צום טייל אין פּאַלעסטינע לגבי דעם אַראַבער. דער יידישער חלוץ, וועלכער אַנטלויפט פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, מוז איבערלאָזן הינטער דעם שוועל פון ניילאַנד די רעשטלעך פון דעם אומגעלומפּערטן שטאָלץ. ער טאָר נישט אַריינלאָזן אין זיין באַוואוסטזיין דעם געדאַנק, אַז זיין אַראַבישער שכן איז „ווילד", נאָר דערפאַר ווייל ער פאַרמאָגט אַן אַנדער קולטור, איידער ער אַליין.

„ווילד" — דאָס איז געווען די באַצייכענונג, וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט באַקומען צו הערן טויזנטער יאָרן פון אַלעמען אַרום. עס טאָר נישט געברויכן אַפילו אין געדאַנק אַזעלכע באַצייכנונגען פאַר אַנדערע פעלקער. דער ייד מעג געדענקען, אַז גרויסע ווערק פון זיינע דענקער און דיכטער זענען אַמאָל געשריבן געוואָרן אין אַראַביש. אַ גלענצנדיקע תקופה פון יידישער געשיכטע איז דורכגעלעבט געוואָרן אין געמיינשאַפט מיט די אַראַבער אין שפּאַניע. און אויב די קולטור פון די דעמאָלטיקע אַראַבער איז היינט פאַרשוווּנדן געוואָרן, קענען אָבער ביי דעם פאָלק ווידער אַמאָל אויפבליען נייע צווייגן פון קולטור. מיר האָבן עס געזען ביי דעם רוסישן פאָלק, וועלכעס האָט אין משך פון אַ הונדערט יאָר, כמעט פון גאָרנישט, אַרויסגעבראַכט פון זיך די העכסטע בלי־טן פון וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור, סאָציאַלן דענקען. פאַרוואָס זאָל דאָס אַראַבישע פאָלק נאָך מיט אַזאַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט אויך נישט באַנייען זיין קולטור, נאָכדעם ווי עס וועט דערשפּירן זיין פרייהייט?

— „און אַז דו וועסט קומען אַמאָל אין דיין פאָטערלאַנד, זאָלסט דו נישט קומען אַהין, ווי אַן אומפריינט און דו זאָלסט זאָגן שלום צו דעם איינוווינער פון לאַנד...

— און דו זאָלסט ליבן דעם איינוווינער פון לאַנד, ווייל ער איז דיין ברודער און דו זאָלסט נישט לייקענען אין דיין נאָענטן...

— זע, דאָס אַראַבישע פאָלק רוף איך היינט איינוואוינער פון לאַנד;
גרויס איז דאָס פאָלק און צעשפּרייט איבער דער וועלט.
און אַז די זון וועט אים אויפליכטן, וועט ער פאַרגלוסטן ליכט און וויסנ־שאַפט, און ער וועט באַפרוכפּערן גרויסע פעלדער מיט חכמה און זיין נאָמען וועט קלינגען אין די פעלקער.
— נישט אָפּגעשטאָרבן איז דאָס ווירדיקע פאָלק, נישט אויסגעלאָשן איז זיין שטערן...
— און אַז דו וועסט אַריינטרעטן אין דיין פאָטערלאַנד, זאָלסטו צו דעם פאָלק צורופן שלום; נאָענט זענען זיי מיט דיר אין בלוט און פלייש.
נאָענט מיט זייער געזיכט, מיט זייער אַרט רעדן, מיט זייער דענקען".
אַזוי האָט ר' בנימין, דער אַרבעטער־ציוניסט, מיט 23 יאָר צוריק גערעדט צום פאַלעסטינער קאָלאָניסט אין זיין „משא־ערב" *) און די ווערטער זענען היינט נישט ווייניקער ריכטיק, ווי דעמאָלט.
מיר זאָגן: דער אַראַבער וועט נאָך קומען צו זיין נייער קולטור. אָבער צי הייסט עס, אַז ער באַזיצט היינט שוין גאָר קיין קולטור נישט? אפשר מיינען מיר עס אַזוי, וויל מיר קענען זי נישט? מיר זעען זי נישט אַרוים דורך די געדיכטע, הונדערט־יאָריקע געפלאָכטענע נעצן פון דער מוסולמענישער רעליגיע. אָבער שטעקט שוין הינטער אַ רעליגיעזער קולטור פון אַ נאַיוו־גלויביקן פאָלק גאָר קיין קולטור נישט? און אַזוי זאָלן טראַכטן דווקא יידן, אַ פאָלק, ביי וועלכן אַ טיפע און פיל־זייטיקע קולטור האָט זיך אויך טויזנטער יאָרן איינגעהילט דווקא אין רעליגיעזע געוואַנדן? יידן, וועלכע ווייסן, וויפל שיינקייט און מידות טובות, וויפל פאַנטאַזיע און שכל עס האָבן געלעבט און געבליט אין זייערע רעליגיעזע פאָרמען? נאָר די אַמאָליקע משכילים, און די היינמיקע ליבהאָבער פון דער מאָדערנער השכלה, קענען זיך איינרעדן, אַז אין דער רעליגיעזער קולטור פון אַ פאָלק זענען נישטאָ קיין לעבעדיקע קערנער פון אַ נייער קולטור־אַנטוויקלונג. — אָבער וואָס איז געטאָן געוואָרן בכלל פון דער פאַלעסטינער יוגנט אום צו באַקענען זיך כאָטש אויבנאויפיק מיט דער אַראַבישער קולטור און אירע פאַרצווייגונגען אין פילאָזאָפיע, קונסט, ליטעראַטור, סאָציאַלן דענקען? וואָס איז געטאָן געוואָרן אום צו דערווערבן זיך, ראשית, די שפּראַך פון דעם שכנישן פאָלק? און די שפּראַך שפּילט דאָ אַ באַזונדער ראָל צוליב צוויי צוועקן: אום אַריינצודרינגען אין די נשמה פון אַראַ־בישן פאָלק בכלל און אום צו רעדן טאָג־טעגלעך מיט דעם פשוטן אַראַבישן פאָלקס־מענטש. וויפל וואָלט געוואונען ביי דעם דאָזיקן פאָלקס־מענטש פאַרשטענדעניש פאַר די צילן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, ווען יידישע מענטשן וואָלטן טאָג אין טאָג, אין גאַס און אין שטוב און ביי דער אַרבעט געקענט זיך צונויפרעדן מיט אים!
די אויפגאַבע פון דער גייסטיקער דערנענטערונג שטייט איצט אין דער גאַנ־צער ברייט. די אויפגאַבע איז — באַקענען זיך מיט דער אַראַבישער קולטור אין

*) „שאיפותינו" ז. 1926.

איר פולן היקף, לערנען און אויסלערנען זיך די אראבישע שפראך, אריינטראגן די פאזיטיווע דערגרייכונגען פון דער קולטור (סאנאטאריע, מעדיצינישע הילף, בילדונג, קאאפעראציע) אין אראבישן דארף און שטאט. זאל נאר קומען דער גרויסער רצון דערצו — און די וועגן וועלן זיך געפינען אליין. — און נאך א וויכטיקע אויפגאבע ליגט ממילא אויף דעם יידישן ארבעטס־קעמפער אין פאלעסטינע: ער וועט העלפן שאפן אין אראבישן פאלק די ס א צ י א ל י ס ט י ש ע באוועגונג. דאס הייסט נישט, אז דער ייד זאל „מאכן" פאר אים דעם סאציאליזם; דאס הייסט, אז ער זאל װ ע ק ן אין אים די אייגענע כחות, וועקן יענע פאלקס־אינטעליגענץ, וועלכע וועט שאפן זיין ארגאנישן סאציאליזם. אין פאלעסטינע איז, פונקט אזוי ווי אין כינע אדער אנדערשוו, נישט נייטיק און איז א שאד צו בויען א סאציאליסטישע באוועגונג לויט די „גליקלעכע" מוסטערן פון אייראפעאישן רעפארם־קאפיטאליזם אדער פון באלשעוויסטישן טעראר־קאמוניזם. דער סאציאליזם פון אזעלכע נייע אויפבליענדיקע פעלקער און ראסן מוז ארויסוואקסן פון זייער אייגענער דורות־קולטור, דורך זייערע אייגענע דענקער, מארטירער און קעמפער. אבער דער יידישער סאציאליסט אין פאלעסטינע וועט וועקן דעם גייסט און די נשמה פון אראבער, אזוי ווי די פראנצויזישע אוטאפיסטן האבן אמאל אויפגעוועקט דעם נאראדנישן סאציאליזם אין רוסלאנד. דערוועקנדיק דורך זיין לעבנס־ביישפיל און דורך זיין לערע דעם סאציאליזם אין פאלעסטינע, וועט דער יידישער סאציאליסט וועקן צו א נייער צוקונפט אויך די גאנצע אראבישע מזרח־וועלט. ער וועט דעמאלט נישט מורא האבן אפילו ווען פאלעסטינע זאל זיך אמאל אריינגיסן אין א פאן־אראבישער מלוכה־געמיינשאפט.

* * *

ס'איז מעגלעך, אז מען וועט אונדז ווידעראמאל פרעגן: זאל דאס יידישע פאלק נאר טראכטן וועגן יענעם, וועגן דעם אראבער? זאל עס טאקע אריבערטראגן די קאנצענטראציע נאר אויף דעם שכן און פארווארלאזן דאס אייגענע היים און פעלד?

און אויף דער פראגע איז דא נאר איין ענטפער: דאס אראבער־פראבלעם איז געווארן פארן יידישן סאציאליזם היינט דער פרווושטיין. וועט דאס יידישע ארבעטס־פאלק נישט קענען אויף א נייעם אופן איינלעבן זיך מיט דעם פ א ל ק ־ ש כ ן, וועט דאס זיין א באווייז, אז ער קען נישט איינלעבן זיך אויך מיטן מ ע נ ט ש ־ ש כ ן, ד. ה. מיט זיינע אייגענע ברידער אין פאלק. דעמאלט ווערט געגראבן אין פאלעסטינע א נייער און ביטערער קוואל פון אנטוישונג און צער. אין דער באדערונג פון א יידיש־אראבישער סאלידאריטעט ליגט דער טראפ סיי אויפן אראבישן, סיי אויפן יידישן טייל.

געוויס, די לעצטע לייזונג פון די מענטשלעכע סאציאלע ווייטאגן ליגט נישט דא אליין. זי ליגט אין דער אינטערנאציאנאלער ס א צ י א ל ע ר ר ע וו א ל ו ־ צ י ע. אבער די סאציאלע רעוואלוציע וועט נישט קומען פון זיך, אויב אין אלע

לענדער און אין אַלע פעלקער וועט מען דורך הייַנטיקער ראַדיקאַלער פּאָליטיק נישט צוגרייטן פאַר איר דעם באָדן. אין פּאַלעסטינע גייט צו איר דער וועג דורך דער סאָלידאַריטעט פון די יידישע און אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס. די דאָזיקע סאָלידאַריטעט באַטייט, אַז אין פּאַלעסטינע דאַרף זיך בויען נישט אַ יידיש־נאַציאָנאַלער מערהייט־שטאַט, אויך נישט אַן אַראַבישער בירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישער שטאַט, נאָר אַ יידיש־אַראַבישע סאָציאַליסטישע געמיינ־שאַפט. — ביי אַזאַ היסטאָרישער ליניע ווערט די קרבנות־רייכע אַרבעט אין פּאַ־לעסטינע אַן עלעמענט סיי פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, סיי פון דעם אַל־וועלטלעכן יידישן סאָציאַליזם.

## VII

די אויגוסט־דערשיטערונג איז געווען אַ סיגנאַל. ס׳איז נאָך אַ גליק וואָס די דערשיטערונג איז געקומען אין אַ שלום־צייט, נישט בעת אַ מלחמה, בעת די פאַר־בינדונגען פון פּאַלעסטינע מיט דער וועלט וואָלטן געווען אָפּגעשניטן. האָט איצט דאָס יידישע אַרבעטס־פאָלק און זיין יוגנט צייט, כדי דורכצוטראַכטן די לאַגע און צוגרייטן די נויטיקע באַשלוסן. דער סיגנאַל האָט אָבער אָפּגעקלונגען נישט נאָר פאַר די אָרגאַניזירטע אָדער אפילו סימפּאַטיזירנדיקע אַרבעטער־ציוניסטן אַליין. ער האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ געוואַלטיקער ערנסטקייט פאַר די סאַמע ברייטסטע שיכטן פון פאָלק. דאָס האָט באַוויזן די טיפסטע אויפרעגונג פון זיי אַלעמען אין דער גאַנצער וועלט, אויך די אויפרעגונג פון די קעגנער פון ציוניזם. און עס וואָלט גע־ווען גוט, ווען דער דאָזיקער סיגנאַל וואָלט דערפירט די יידישע אַרבעטס־מאַסן אַר־מעטום צו דעם געדאַנק: אַז מען מוז זיך אַמאָל צונויפקומען פון דער גאַנצער וועלט צו אַן אייגענעם קאָנגרעס. אַזאַ יידישער אַרבעט־קאָנגרעס וואָלט דערנענטערט צווישן זיך און אפשר טאַקע געשטאַרקט די וויַיט פונאַנדער־געלויפענע פליגלען פון אַרבעטס־פאָלק.

די אידעע פון אַזאַ וועלט־צוזאַמענפאָר ליגט הייַנט אין דער לופט. די פּאַלעס־טינער הסתדרות וויל צונויפרופן איס, אום צו שטאַרקן דעם אַרבעטער־לאַגער פון ציוניזם. די לינקע פּועלי־ציון טראַכטן אויך וועגן דעם. לעצטנס האָט חיים זשיט־לאָווסקי פאָרגעשלאָגן: דורך דעם אַרבעטער־רינג פון אַמעריקע צונויפרופן אַן „אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס״, אום צו פאַר־לאַנגען אַן אייגענע טעריטאָריע פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. די אַלע פאָרשלאָגן גע־ניגן נישט אין דער הייַנטיקער צייט; יעדער פון זיי וועט נישט אַריינגעמען אין זיך אַלע אַקטיווע עלעמענטן פון אַרבעטס־פאָלק, נאָר פאַרקערט, וועט אָפּשטויסן פאַר־שיידענע עלעמענטן. אַ ריין־פּאַלעסטינער צוזאַמענפאָר טראָגט אין זיך די באַ־גייסטערונג נאָר פאַר איין טייל פון דער אַקטיווער יידישער יוגנט; ער לייקנט אָבער פאַקטיש די זעלבסטשטענדיקייט, אָדער טאַקע די פאַרבונדנקייט, פון דער שעפערישער אַקטיוויטעט אין אַלע שטאַמען פון אַרבעטס־פאָלק, אין די גלות־לענ־

דער, ווי אין פּאַלעסטינע. אמת, היינט איז אַ טייל פון די אַמעריקאַנער יידישע אַר־
בעטער צוגעטראָטן נאָענט צו דער פּאַלעסטינער אַרבעט, אָבער די אַרבעט, ווי זי
פירט זיך איצט, איז נישט ביכולת צו זיין דער סינטעז פון יידישן וועלט־סאָציאַ־
ליזם. די קאָנצענטראַציע פון די באַמיִונגען פון אונדזער דור נאָר אויף פּאַלעסטינע
וועט אָפּשטויסן פון צוזאַמענפּאַר די בונדיסטישע און אַ סך אַנדערע ראַדיקאַל־סאָ־
ציאַליסטיש איינגעשטעלטע אַרבעטער־שיכטן. פּונקט אַזוי ווי אַ צוזאַמענפּאַר פון
ריין־גלותיסטישער, פון אַ קעגן־פּאַלעסטינישער איינשטעלונג, וואָלט שאַרף אָפּגע־
שטויסן די לעבנסלוסטיקע און קאַמף־פּעאיקע חלוצים־קרייזן פון פּאָלק. אָבער אויך
דער פּאָרשלאָג פון ה. זשיטלאָווסקי טראָגט אין זיך חסרונות. דער פּאָרשלאָג איז
ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל י ס ט י ש, ער גייט אַרויס פון דעם, אַז ס'איז אוממעגלעך
„צו פּאַרענטפערן אונדזער יידישע פראַגע נישט מיט דעם איצטיקן מאַנדאַט אויף
ארץ־ישראל, נישט מיט די מינאָריטעטן־רעכט, נישט אַפילו דורך דעם אַרבעטאָרישן
איבערבוי פון אונדזער סאָציאַלן אָרגאַניזם אין די גלות־לענדער. דער איינציק מעג־
לעכער ענטפער אויף אונדזער פראַגע איז: ד י ע מ י ג ר אַ צ י ע א י ן אַ ן
א י י ג ן ל אַ נ ד פ אַ ר ן ג אַ נ צ ן פ אָ ל ק ”*). ס'איז קלאָר, אַז די ריין־
בונדיסטישע און אַנדערע ראַדיקאַלע גלותיסטישע קרייזן וועלן נישט וועלן איינגיין.
אויב די אויפגאַבע פון אַ יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס וועט זיין לכתחילה קאָנצענטרירט
אויף דעם טעריטאָריאַליסטישן פּאָרשלאָג אַליין. דער פּאָרשלאָג וועט אָנשטויסן זיך
אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן באַזונדערס דערפאַר, ווייל
ער לייגט האָפענונגען אויף דעם איצטיקן פּאָליטישן וועלט־סדר. ה. זשיטלאָווסקי
שרייבט, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט „דאַרף נעמען אויף זיך די היסטאָרישע אויפ־
גאַבע צו באַפרייען איר אייגענעם פּאָלק, אויסצוגלייכן זיין נאַציאָנאַלע לאַגע מיט דער
לאַגע פון אַלע אַנדערע פ ר יי ע און נ אָ ר מ אַ ל ־ ל ע ב ע ד י ק ע פ ע ל ־
ק ע ר ”. מיר גלויבן נישט, אַז היינט צו טאָג זענען דאָ אין דער וועלט פרייע פעל־
קער, מיר גלויבן נישט, אַז פעלקער קענען ווערן בכלל באַפרייט ביז זיי וועלן נישט
באַפרייט ווערן פון זייער אינערלעכער סאָציאַלער קנעכטשאַפט. אָבער ווייל ה. זשיט־
לאָווסקי גלויבט אין דער מעגלעכקייט צו לייזן נאַציאָנאַלע, און אויך די יידישע פראַגע
נאָך פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז ער גרייט צו באַנוצן זיך פאַר דעם צוועק:
מיט אַלע אינסטיטוציעס פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. „מיר —
שרייבט ער — וואָס האָבן קיין מורא נישט צוליב די העכסטע אויפגאַבן פון אונדזער
פּאָלק, צו באַנוצן זיך מיט דעם „סאָציאַל־פּאַרעטערישן” צווייטן אינטערנאַציאָנאַל,
און אַפילו מיט דער נאָך „טריפהנערער” בורזשואַזער פעלקער־ליגע, מיר וועלן אויף
אַזאַ אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַרטיידיקן אונדזער פּאָרשלאָג: אַז דער קאָנ־
גרעס זאָל דירעקט, אָדער דורך אַ פּאָלקס־פּעטיציע, אָדער דורך דעם צווייטן אינטער־
נאַציאָנאַל זיך ווענדן צו דער פ ע ל ק ע ר ל י ג ע מיט אַ מעמאָראַנדום. דער מעמאָ־
ראַנדום זאָל פאָדערן פון דער פעלקערליגע זי זאָל שאַפן דורך פאַרהאַנדלונגען מיט

*) „טאָג” פון 23־טן אָקטאָבער 1929.

פעלקער אַ פּלאַץ, וועלכער זאָל דינען אַלס אַן אייגן יידיש לאַנד פאַרן גאַנצן פאָלק".

— אָבער אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט גלייבט לחלוטין נישט, אַז די קאַפּיטאַליסטיש־מיליטאַריסטישע פעלקער־ליגע, און ממילא אויך איר חדר שני — דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל — וועלן אַפילו אָנהייבן טראַכטן באמונה וועגן אַזעלכע גראַנדיעזע סאָציאַלע אונטערנעמונגען. ווי נישט שווער עס איז די לאַגע פון יידישן אַרבעטס־מענטש, אָבער אַזאַ אילוזיע וואָלט נאָך שווערער געמאַכט זיין לאַגע.

אַ יידישער אַרבעטס־קאָנגרעס טאָר זיך נישט לכתחילה באַשרענקען אויף גע־וויסע פאַרלאַנגען. זיין גרויסע אויפגאַבע וואָלט באַשטאַנען גראָד דערין: אַלע פאַרשלאָגן, וואָס שוועבן אין דער יידישער לופט, צוזאַמענפירן און זיי קאָנפראָנ־טירן. עס איז אפשר איצט — ביי דער גרויסער דערשיטערונג פון דער וועלט — די פּאַסיקסטע צייט פאַר אַ ג ײ ס ט י ק ן ק י ב ו ץ ־ ג ל י ו ת. ס'איז היסטאָ־ריש־וויכטיק צונויפצופירן די שוין אָרגאַניזירטע אַרבעטאַרישע שיכטן פון יידישן פאָלק: די בונדיסטישע און די ציוניסטישע, די אַמעריקאַניש־יוניאָניסטישע און אויך די צום שכל קומענדיקע קאָמוניסטישע. אָבער נאָך וויכטיקער איז צונויפפירן די געוואַלטיק־גרויסע שיכטן פון די א ו מ פ אַ ר ט ײ א י ש ע יידישע האָרעפּאַש־ניקעס, פון דער נאָך זוכנדיקער און לעבנספולער יוגנט. אין אַלע עקן וועלט זענען זיי צעשאָטן, אין בראַזיל און אַרגענטינע, אין דרום־אַפריקע און אויסטראַליע, אין ראַטן־רוסלאַנד און פוילן, אין אַמעריקע און ארץ־ישראל. זיי זענען צעשאָטן, אָבער זיי זענען אומעטום פול מיט לעבנס־דורשט און זיי שטרעקן פון אומעטום די הענט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. וואָס פאַר אַ באַפרייענדיקן גליקס־געפיל וואָלט אַרויסגערופן דער רוף צו זיי אַלעמען: לאָמיר זיך צונויפקומען!

זאָל מען נאָר נישט אַרויסלאָזן פון אויג: עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ כלל־ישראל־קאָנגרעס און נישט וועגן אַ פּראָלעטאַרישן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר. עס האַנדלט זיך וועגן אַ יידישן אַ ר ב ע ט ־ ק אָ נ ג ר ע ס, אין וועלכן עס זאָלן זיין פאַרטראָטן אַ ל ע יידישע אַרבעטס־שיכטן און פון אַ ל ע עקן וועלט. געוויס וועלן זיך דאָ פונאַנדערשיידן די רעפאָרמיסטישע און די רעוואָלוציאָנערע עלע־מענטן. און פונדעסטוועגן קען מען מיינען, אַז אַזאַ צוזאַמענפאָר וועט טראָגן אַ רע־וואָלוציאָנערן כאַראַקטער, ווייל די יידישע אַרבעט־נאַציע קען אויסגעלייזט ווערן נאָר אויף דעם וועג, וועלכער שטייט אין רעוואָלוציאָנערער קעגנערשאַפט צו דער היינטיקער סאָציאַלער וועלט. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער אַז די פאַרשיידענע פליג־לען פון א י י ן אַרבעטס־פאָלק זאָלן זיך דערזען אין איין אָרט, עס זאָלן אָפּגע־שוואַכט ווערן די שטייפע, פאַרגליווערטע באַגריפן און ווענט, וועלכע רייסן זיי פונאַנדער. עס זאָל אויפבליצן פאַר זייערע אויגן דער היסטאָריש־איינהייטלעכער, כאָטש געאָגראַפיש פאַרשיידענער, שיקזאַל פון דער יידישער אַרבעט־נאַציע. אַזאַ צוזאַמענפאָר וואָלט באַפרייט אַן אומגעהויערע זעלישע ענערגיע פון אירע דאָג־מאַטישע קייטן, וואָלט באַרייכערט מיט דערפאַרונג און פערספּעקטיוון יעדן פליגל פון דער יידישער וועלט־באַוועגונג, וואָלט אַריינגעגאָסן נייע קראַפט און דערהוי־

בונג אין זיי אַלעמען, ווייל דער יידישער סאָציאַליזם איז איינער און מלוא כל דאָרץ כבודו.

* * *

וואָלטן די טראַגישע געשעענישן פון פּאַלעסטינע געפירט מיט דער צייט צו צוויי זאַכן — צו דעם אינערלעכן געזונטמאַכונג־פּראָצעס אין דער סאָצ.־ציוניס־טישער באַוועגונג און צו אַן אינערלעכן צונויפקום פון דער יידיש־סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג בכלל — וואָלטן די געשעענישן געוואָרן היסטאָרישע. דעמאָלט וואָלטן זיי נישט נאָר אויפגעשטעלט פאַרן יידישן פאָלק קולטור־פילאָזאָפישע שאלות, נאָר אויך אָנגעמערקט אַ וועג צו סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע תשובות.

(„פרייע שריפטן“, מערץ, 1930)

# אַ גרויסע צײַט — אַ קלײנער דור

## 1

מער ווי אַ יאָר איז שוין אַריבער זינט היטלער איז געוואָרן דירעקטער הערשער אין דייטשלאַנד, דירעקטער דעה־זאָגער אין דער וועלט. עס איז צייט אונטערצופירן אייניקע סך־הכלען.

דאָס יידישע פאָלק, אין אַלע זיינע פאַרצווייגונגען, איז צוויי מאָל געטראָפן געוואָרן פון דעם צעשמעטערנדיקן קלאַפּ פון היטלערס ניצחון אין מערץ 1933. דורך דער צעשטערונג פון די אַלגעמיינע ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע פּאָזיציעס אין דייטשלאַנד זענען די דייטשע יידן איינמאָל געשלאָגן געוואָרן אַלס בירגער פון לאַנד. דורך דער פאַרניכטונג פון זייערע פּאָזיציעס אין דעם פּאָליטישן, גייסטיקן אוןווירטשאַפטלעכן לעבן פון דייטשלאַנד זענען זיי אַ צווייט מאָל און ווייטיקדיקער געשלאָגן געוואָרן אַלס יידן.

דאָס געשעענע איז נאָך עד־היום נישט פאַרשטאַנען געוואָרן אין זיין גאַנצער טראַגישער טיפקייט. עס האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן דעם, וואָס מען האָט צעבראָכן דעם עקאָנאָמישן מצב פון אַ גאַנצן יידישן שבט, זעקס הונדערט טויזנט מענטשן. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס מען האָט געקענט אַזוי לייכט צעברעכן דעם מצב נאָך הונדערטער יאָרן פון זיין באַשטיין. עס איז געקומען אַ ווינט פון מידבר, האָט אַראָפּגעריסן די דעכער פון די וווינהייזער, האָט אויסגעוואָרצלט די מענטשן פון זייער ערד, האָט זיי פאַרטראָגן ווי פּלעווע אין אַלע עקן וועלט. אַזוי איז עס געווען אין אַלטן רוסלאַנד, בעת די צאַרישע מלוכה האָט אין די מילחמה־יאָרן צעשטערט יידישע שטעט אין פּוילן און ליטע, הונדערטער טויזנטער מענטשן אַרויסגעוואָרפן ווו עס האָט זיך געלאָזן. אין דייטשלאַנד איז געשען נאָך מער: מען האָט די אַרויסגעשטויסענע יידישע מענטשן דערנידעריקט, באַדעקט מיט בזיון און שפּאָט, אָפן דערקלערט פאַר דער וועלט אַלס שונאים פון מענטשהייט און קולטור.

אַ יאָר איז אַוועק, — און ווי האָט דאָס יידישע פאָלק אַלס גאַנצעס רעאַגירט אויף דאָס געשעענע? עס האָט פאַרשטאַנען, אַדאַנק דעם דורותדיקן אינסטינקטיוון געפיל, דעם באַטייט פון די גזירות. אָבער ווי האָט עס איז מעשים

רעאגירט אויף די גזירות? האט עס ארויסגעבראכט פון זיך נייע כוחות אויף אנטקעגנצושטעלן זיך דער כוואַליע פון בייז, וואָס האט גענומען פארפלייצן די וועלט? האט עס געזאגט אָן ערלעך, ביטער־ערלעך וואָרט צו זיך אליין? ניין. פאר דעם יאָר האָבן זיך נייע, טיפע קנייטשן איינגעקריצט אין דעם פּנים פון פאָלק, אָבער דאָס פּנים האָט נישט באַקומען קיין נייעם אויסדרוק, די אויגן זענען נישט געוואָרן זעעוודיקער און טיפער.

מען האָט זיך פאַר דעם יאָר צוגעוווינט צו דעם געשעענעם אומגליק, און מען האָט זיך גענומען אַריינפּאַסן, אַריינלעבן אין דעם צעטרייסלטן בנין פון אַרום. די גרויסע כנסת ישראל האָט זיך צוגעכאַפּט צו די דרכים, מיט וועלכע מען איז געגאַנגען אין די פריערדיקע צייטן. פון איין זייט צדקה־הילף צו די געראַודפטע און די געיאָגטע; פון דער אַנדערער זייט — הנותן תשועה... הנותן תשועה שרייען, זינגען און שעפּטשען כמעט אַלע יידישע פּאָליטישע און קהלשע מחנות, באַלעבאַטישע און פּראָלעטאַרישע גלייך. ס'איז מער נישט דער אונטערשייד — צו וועמען מען זינגט, מיט אַ מעבטיקער קראַפט, דעם לויב־ און תחנונים־געזאַנג. און צדקה־הילף? זי האָט זיך נאָך נישט אַריבערגעטראָגן ווי אַ שטורעם איבערן יידישן לעבן אין די „רויקע" לענדער, זי האָט נאָך נישט אויפ־געעפנט די הערצער צו מאַטעריעלע קרבנות פאַר דער נויט פון דעם פאָלק. קיין איין יידישע פאַמיליע אין דער וועלט האָט זיך נישט דערפירט צום רוין צוליב אַ מסירת־נפשדיקער הילף פאַר די ערשטע מחנות פון די געליטענע.

דערפאַר וואַלגערן זיי זיך שוין אַרום, אָט די 50.000 אָדער 60.000 יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד, אין אַלע גרויסע שטעט פון אייראָפּע. אין פּאַריז, אין אַמסטערדאַם, אין בעלגיע און ווו נישט. שטרעקן זיי אויס די האַנט צו די צדקה־ביוראָס, געפינען זיי גראָשנס אָנשטאָט ברידערלעכער הילף, ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין בעטלער און מענטשלעכן שטויב. פאַרוואָס נישט? ווייניק מיליאָנען דעקלאַ־סירטע, צעשטויבטע און צעטראָטענע טראָגט מיט זיך אַרום דאָס פאָלק ישראל? מען האָט פּשוט אַריינגענומען די נייסטע גזירה, דעם גירוש גרמניה, אין דער באַ־קאַנט געוואָרענער יידישער געשיכטע. מען האָט נאָך איין קינה אַריינגעפלאָכטן אין דעם בכבודיקן דערנער־קראַנץ פון יידישע קינות.

מען האָט זיך צוגעוווינט צו דעם געשעענעם — און מען איז אַריבער צו דער טעגלעכער אַרבעט פון לעבן. „עמך ישראל צריכים פרנסה", יידן מוזן האָרעווען אויף פרנסה, דאָס גייט פריער פאַר אַלץ. אָט מיט אַזעלכע בלומרשט־פּרומע, קלוגיטשקע רייד שטופּט מען אָפּ פון זיך דעם שרייענדיקן קול פון דעם געוויסן, ווענדט מען זיך אָפּ פון פאָרשן און טראַכטן וועגן מאָרגן. דאָס גרויסע טראַכטן האָט מען איבערגעגעבן צו די אָפיציעלע פּאַרטייען און חברות, צו די „באַרימטע" פּערזענלעכקייטן און פירער. און די אָפיציעלע קערפּערשאַפטן, זיי פאַרנעמען זיך דערמיט וואָס זיי שטופן אָפּ די גרויסע עקזיסטענץ־פראַגן פון איינער אויף דער אַנדערער. פון איין קאָנגרעס צו דעם אַנדערן. אַזוי טוען די באַלעבאַטישע מנהיגים

אין אונדזער פאָלק, אַזוי טוען די סאָציאַליסטישע פירער אין די יידישע פּאַרטייי־באַוועגונגען.

דער יידישער פאָלקס־מענטש מיינט אין דער רו, וועלכע ער שאַפט זיך דורך אַ גוואַלטיקער אָנשטרענגונג פון ווילן, אַז ער וועט פאַרבייגיין, דורכגנבענען זיך פאַרביי דער וועלט. ער האָט אַ ביטערן טעות: בעת ער האָט זיך גענומען צוגעוווינען צו דער גזירה אין דייטשלאַנד, האָט די אַרומיקע וועלט באַקומען דערצו גאָר אַ באַזונדערן חשק. זי הערט זיך צו צו דעם שטראָם פון גיפטיקע רייד, וועלכער גיסט זיך פון דאָרטן. היטלער האָט באַוויזן און באַווייזט יעדן טאָג, אַז מען קען פירן אַ לאַנד און אַ וועלט אָן וועלכער נישט איז מאָראַלישע פאַרפליכטונגען. היטלעריזם פירט אַ קאַמף נישט נאָר קעגן די אָדער יענע אינסטיטוציעס פון קולטור און מלוכה, נישט נאָר קעגן דער אָדער יענער פאַרטיי, קירך אָדער ראַסע, ער פירט דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף קעגן דעם באַגריף פון מענטשלעכע מאָראַלישע און רעליגיעזע בינדונגען בכלל. וואָס ער וועל, איז אַ „מענטשן", וועלכער זאָל אינערלעך פריי ווערן פון יעדער רעליגיעזער צי סאָציאַלער מאָראַל, וועלכער זאָל זיין דעמאָראַליזירט און אונטערגעגעבן נאָר דער שטים פון בלוט און די בלוט־הערשער. אָט דער פּראָצעס פון פאַרחיהשונג פון מענטש האָט שוין אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון דייטשלאַנד: די תליות אין עסטרייך זאָגן עס אָן. אין אָט דעם שטראָם פון דעמאָראַליזאַציע וועט לייכט קענען דערטרונקען ווערן דאָס מענטשלעכע רעכט פון דעם יידן.

היטלער האָט צוגענומען ביי זיינע יידן דעם שוץ פון זייער ווערדע, ער האָט באַוויזן, אַז מען מעג אַרונטעררייסן אָט די ווערדע. איז די דאָזיקע אומזיכטבאַרע, ציטעריקע ווענטל וואָס טיילט אָפּ דעם מענטשלעכן כבוד פון זיינע אָנגרייפער אַרונטערגעריסן אין לאַנד, — דעמאָלט שטייט זי אונטער דער סכנה צעשטערט צו ווערן אומעטום. אויב דאָס יידישע פאָלק קען זיך דערלויבן אין משך פון אַ יאָר אַרומצוגיין אין דער וועלט מיט דער וווּנד פון דערנידעריקונג אויפן פּנים, אויב עס האָט זיך נישט אויפגעהויבן אין אַ גוואַלטיקן שטורעם קעגן דעם שאַנד־צייכן, וועלכן מען וויל אים אַרויפדריקן אויפן פּנים, — דעמאָלט איז די סכנה נאָך גרעסער. דעמאָלט וועט די איינזאַמקייט, אין וועלכער מיר געפינען זיך, ווערן נאָך טיפער און דריקנדיקער. וואָס קענען דאָ העלפן די מיטלען פון צדקה אַליין אָדער פון צדקה פאַרבונדן מיט הנותן תשועהם? זאָל זיך אַ פאָלק פאַרוואַנדלען פלוצים אין אַ קראָליק, וועלכער שפּירט אויף זיך די גיפטיקע בליקן פון דער שלאַנג און קען זיך נישט רירן פון אָרט פאַר אימה, צוליב אויסגערונענעם לעבנס־כוח?

איין מיטל האָבן די יידישע מאַסן, אין אַ הערלעכן סטיכישן דראַנג, געהאַט אַרויסגערוקט צום קאַמף: דעם באָיקאָט. באָיקאָט האָט געהאַט אַ טאָפּלטן באַטייט: אַ פּאָליטיש־קעמפערישן און אַ פאָלקס־דערציערישן. מען האָט געוואָלט ראשית כל אָפּשיידן זיך פון דער טומאה, וועלכע האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער נייער דייטשער מלוכה. מען האָט געפילט, אַז מען באָיקאָטירט ניט נאָר דייטשע

סחורות, נאָר מען זאָגט אַן אַ קאַמף דעם גייסט פון דער נייצייטיקער באַרבאַריי. אַ קאַמף קעגן באַרבאַריי האָט געזאָלט פירן צו אַ לייטערונג פון דעם אייגענעם גייסטיקן לעבן און גלייכצייטיק שלאָגן דעם פרעמדן באַרבאַרישן לעבנס־סדר. אָבער — וואָס איז געוואָרן פאַר דעם יאָר פון דעם באַיקאָט? „עמך ישראל צריכים פרנסה"... דער קלוגער שפרוך האָט זיך אַריינגעשליכן באַלד ווידער אין דעם יידישן טאָג־לעבן. מיט אַ דיקן הייטל פון גרויער, סוחרישער וואָכעדיקייט האָט ער איבערגעדעקט דעם סטיכישן דראַנג פון די מאַסן.

און נאָך עפּעס איז געשען: אַ גרויסע יידישע פאָלקס־באַוועגונג, די ציוניסטישע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן באַיקאָט, ווייל ער האָט געקענט שאַדן ברענגען דער באַוועגונג. ווילן מיר איצטער טאַקע אַריבערגיין צו דער פראַגע: ווי האָבן זיך די איינצלנע יידישע באַוועגונגען אַנטפּלעקט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר פון גזירות און גרויסן נסיון?

## 2. ציוניזם

צום אַלעם ערשטן האָט זיך געקענט דוכטן, אַז די ציוניסטישע געדאַנקען־וועלט איז דער איינפאַכסטער און קלאָרסטער ענטפער אויף דער גזירה פון דייטשלאַנד. זיי, די פאַשיסטן, ווילן אַרויסטרייבן דאָס יידישע פאָלק פון דעם דייטשן פאָטערלאַנד? גוט, מיר וועלן מיט שטאָלץ אויפנעמען די דראָונג, און דעם גירוש פאַרוואַנדלען אין אַ מ אַ ר ש קיין ארץ־ישראל, צום יידישן פאָטערלאַנד! די פון אַלע פּאָזיציעס פאַריאָגטע, די פון זעלישן שרעק צערודערטע, יונגע און אַלטע מענטשן וועלן מיר אין אָרגאַניזירטע מחנות אַריבערפירן אין אַ לאַנד, וווּ זיי וועלן פון דאָס ניי אויפבויען אַ ווירדיקן און פרוכטבאַרן לעבן!

די דערשיטערונג וועלכע עס האָבן געמוזט איבערלעבן די דייטשע יידן, זייער דערוואַכונג פון אַסימילאַטאָרישן און סוחריש־אינטעליגענטישן שלאָף — דאָס אַלץ האָט געזאָלט פירן צו דעם טיפסטן אינערלעכן איבערברוך אין דעם דייטש־ייד. אין דער אָדער יענער פאָרם האָט געזאָלט אָנהייבן זיך יענער חשבון הנפש, וועלכער קען — אין צייטן פון גזירות — געבוירן נייע מענטשן און יידן. דער חשבון הנפש האָט געמוזט ווירקן הונדערט מאָל שטאַרקער ווען ער איז פאַרבונדן געוואָרן מיט איבערוואַנדערונג, מיטן אומבייטן פון ערד און הימל און לופט. אַ נייע ערד און אַ נייעם הימל האָט געזאָלט געבן די וואַנדערער פאַלעסטינע. ניט נאָר אַן אומקער צו דעם נאַציאָנאַלן „איך", ניט נאָר אַ סאָציאַלע אומשיכטונג פון די בירגערלעכע קרייזן האָט געזאָלט קומען, — נאָר אויך אַ נייער און פאַרטיפטער מ אָ ר אַ ל י ש ע ר ג ע וו י ס ן לגבי פאָלק און מענטשהייט. די אומגערעכטיקייט פון אַרום פאַרשטאַרקט נאָך מער די תשוקה צו גערעכטיקייט; די דערנידעריקונג פון דער מענטשלעכער ווערדע שטאַרקט נאָך מער דעם געפיל פון אייגענער ווערדע און קאָלעקטיווער חשיבות. דער שטורם פון היטלעריזם איז געווען אַזוי מאַוימדיק שטאַרק, אַז מען האָט געדאַרפט ווערן אינערלעך־

טיף אָפּגעשטויסן פון דער גאַנצער היטלערישער וועלט מיט איר „מלוכה", „אידעאָ־לאָגיע", „ראַסן־לערע" וכדומה, אַפילו בלייבנדיק אין דייטשלאַנד. וואָרום וואָס קען זיין געמיינזאַמס צווישן ישראל און עמלק, צווישן הענקער און קרבן?

און ווי איז עס געוואָרן? דער ציוניזם, ד"ה די אָפיציעלע ציוניסטישע באַ־וועגונג, האָט — אין נאָמען פון אירע צילן — אָנגעקניפּט ענגע באַציונגען צווישן זיך און דער היטלערשער מלוכה. נאָך מער: די דייטשע ציוניסטן האָבן אָנגע־נומען לגבי דעם פאַשיסטישן שטאַט אַ פּאָזיציע פון זוכן קעגנזייטיקע פאַר־שטענדעניש, קעגנזייטיקן ר ע ס פּ ע ק ט. עס ווערט נאָכאַנאַנד געשריבן וועגן שאַפן אַ געאָרדנטן צוזאַמענלעבן מיט דעם „נייעם דייטשלאַנד". מען קען ניט לייקענען אָן אַ געפיל פון צער און אויפרעגונג דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דייטשן ציוניזם „די יידישע רונדשוי". אין די ערשטע וואָכן נאָך דעם נאַצישן פּאָגראָם האָט די צייטשריפט אַריינגעבלאָזן מוט און גלויבן אין די דערשלאָגענע הערצער פון די דייטשע יידן. אַז די נאַצים האָבן מיט בלוטיקער תאווה באַמיט זיך אַרויפצו־דריקן די געלע לאַטע פון געטאָ אויף דעם דייטשן יידנטום, איז „די יידישע רונדשוי" אַרויס מיט דעם ווירדעפולן אַרטיקל: „טראָגט אים שטאָלץ, דעם געלן פלעק!" זי האָט דעמאָלט געשאַפן אַ זעלישן גלייכגעוויכט פאַר אומצאָליקע צע־שראָקענע יידישע מענטשן. אָבער — גאָר באַלד האָט דער דייטשער ציוניזם גע־נומען אויסבויען אַ געצעלט פון דעם דאָזיקן געלן פלעק. ער האָט מיט אַן ערנסט אָפּגעצאַמט זיך פון דעם גאַנצן אַרומיקן טראַגישן לעבן, האָט זיך פאַרשפּאַרט אין די ענגע פיר אײלן פון יידנטום אַליין. ער האָט אָפּגעטאָן נישט מער ווי צוויי זאַכן: ער האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט דער פאַרשקלאַפונג פון דעם ג אַ נ צ ן דייטשן פאָלק, פון זיינע בעסטע און איידלסטע פאָלקס־שיכטן, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרלאַנגען אָדער דערמאָנען דאָס רעכט פון יי ד ן אויף דעם אַלגעמיינעם עפנטלעכן לעבן, אויף אָנטיילנעמען אין דער קולטור, אין וויסנשאַפט און קונסט, אויף לערנען און לערנען זיך. מען האָט זיך פרייוויליק קאָנצענטרירט אין דעם אַלייניקן „יודע־זיין", נישט טראַכטנדיק וועגן דעם: „יודע לשם מה"? וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבעדיק יידנטום אין אַ טאָפּלטער קנעכטשאַפט? מען קען זיין פאַרשקלאַפט, — אָבער מען טאָר קיין איין מאָל נישט אָנערקענען די שקלאַפעריי...

פון די אומצאָליקע נומערן פון דער „יידישער רונדשוי" זאָלן דאָ געהערט ווערן נאָר אייניקע, צופעליק־גענומענע ציטאַטן. אין אויגוסט 1933 קומט־פאָר אין פּראָג דער ציוניסטישער קאָנגרעס. די באַנדיטן־צייטונג פון די נאַצים, דער „פעלקישער בעאָבאַכטער", דער רעדאַקטאָר זײַנער, ראָזענבערג, האַלטן אין איין שרעקן די ציוניסטן מיט די קינפטיקע באַשלוסן פון קאָנגרעס. דערויף שרייבט די „יידישע רונדשוי" דעם 18־טן אויגוסט.

„עס איז דערשינען אַן אַרטיקל פון אַלפרעד ראָזענבערג. אַט דער אומשטאַנד לייגט אַרויף אויף אונדז די פליכט צו ענטפערן, ווייל ד ע ר ר ע ס פּ ע ק ט װ ע ל כ ן מ י ר מוזן פ י ל ן ל ג ב י אַ פ י ר ע ר פ ו ן נ י י ע ם ד י י ט ש ל אַ נ ד, לאָזט אונדז

דערוואַרטן, אַז מיר וועלן אויך געפינען פאַרשטענדעניש ווען מיר וועלן פאַרטרעטן אונדזער זאַך אין דער גאַנצער אָפנקייט".

„מיר האָבן שטענדיק באַטראַכט די גרויסע דייטשע איבערקערעניש מיט אַ היס־טאָרישן בליק; און אויב ביי דעם דאָזיקן געשעעניש איז די דייטשע יידן־פראַגע אויס־געבראָכן אַזוי שטורמיש, האָבן מיר אָבער דאָך נישט פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז אין אַ מער רויִקער צייט, וועלכע וועט זיין געווידמעט דעם פּאָזיטיוון אויפבוי, וועט אויך די פראַגע געפינען אַ באַפרידיקנדיקע לייזונג".

דערנאָך קומט אַ דערקלערונג, אַז די נאַצי־מלוכה האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַרן ציוניזם.

„דער ציוניזם וויל לייזן די יידנפראַגע אויף אַ גרויסן קאָנסטרוקטיוון אופן. ער וויל באַקומען דערצו די מיטהילף פון אַלע פעלקער, די יידנפריינדלעכע פונקט אַזוי ווי די יידנפיינטלעכע, ווייל עס האַנדלט זיך דערביי נישט וועגן סענטימענטן, נאָר וועגן אַ רעאַלן פּראָבלעם. דער ציוניזם אַלס וועלט־באַוועגונג זוכט נישט קיין קאַמפן, ער וויל בכלל נישט באַקעמפן, נאָר איבערצייגן און איבערבויען... מען וואָלט געדאַרפט דערוואַרטן, אַז גראָד אין דייטשלאַנד וועט מען געפינען עכטע פאַרשטענדעניש פאַר די ציוניסטישע באַמיִונגען".

דוכט זיך, אַז גראָד דער נומער פון דער צייטונג האָט אַרויסגערופן אַ פאַר־פאָלגונג מצד דער נאַצי־מלוכה. אַז ס'איז דערשינען דעם 29־טן אויגוסט אַ נייער נומער „יידישע רונדשוי", האָט מען דאָרט גערעדט נאָך קלאָרער ווי פריִער. דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט שוין געהאַט אָנגענומען זיין רעזאָלוציע וועגן דער לאַגע אין דייטשלאַנד, און די צייטונג האָט געגעבן איר אָפּשאַצונג.

„מען דאַרף אונטערשטרייַכן צוויי פּאָזיטיווע מאָמענטן. ערשטנס האָט זיך דער קאָנגרעס נישט געלאָזט אַראָפּשטופּן אויפן וועג פון „קאַמף" און האָט אָפּגע־וואָרפן דעם לאָזונג פון באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד אין יע־דער פאָרם, צווייטנס האָט דער קאָנגרעס געמאַכט קלאָר, אַז דער ציוניסטישער ענטפער אויף די דערפאַרונגען פון די לעצטע חדשים איז נישט דאָס אומפרוכט־באַרע רעזאָנירן וועגן דעם געשעענעם, נאָר דאָס פאַרשטאַרקן די אַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער היים".

וואָס דאַרף מען מער כדי צו דערקלערן די לאָיאַליטעט לגבי דעם היטלעריס־טישן שטאַט? ניין, ס'איז נישט גענוג. די „יידישע רונדשוי" קריטיקירט די רע־זאָלוציע פון קאָנגרעס פאַרוואָס זי האָט דערמאָנט וועגן „רעכט" פאַר יידן אין דייטשלאַנד. דאָס קומט, פאַרשטייט זיך, דערפון וואָס די מיינסטע דעלעגאַטן פאַרשטייען נאָך נישט דעם גרויסן פאַרנעם פון דער „דייטשער רעוואָלוציע"...

„ווער עס האָט נישט באַטראַכט די דייטשע אַנטוויקלונג פון אינעווייניק, קען נישט אָפּשאַצן דעם פאַרנעם פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. דאָ איז דער ליבעראַליזם ענדגילטיק דערליידיקט, דער פּאַרלאַמענטאַריזם וועט נישט אומקערן זיך צוריק, דער ראַסן־פּרינציפּ איז געוואָרן דער יסוד פון דער מלוכה. עס וואָלט געווען נאַריש פאַרצושלאָגן היינט די יידן אין דייטשלאַנד אַ פּאָליטיק, וואָס שטרעבט ווידער אויפצוריכטן די קאָנסטיטוציע פון ווייַמאַר... מיר גלויבן אַז אויך די דייטשע יידן מוזן געפינען זייער פּלאַץ אין דער מלוכה, און מיר האָפן, אַז עס וועט זיך געפינען דערצו די פאָרם וואָס שטייט אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון נייעם שטאַט. ווען דער קאָנגרעס ווענדט זיך אָבער צו דער וועלט, זי זאָל העלפן די יידן אין דייַטשלאַנד „צו באַקומען ווידער זייערע רעכט", דאַן פאַרשטייט ער נישט די אויפ־גאַבע. עס האַנדלט זיך נישט וועגן ווידער באַקומען, נאָר וועגן נייַגעשטאַלטן"...

עס איז נאָך ווייניק וואָס אַ יידישע עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג זאָגט זיך אָפּ פון רעכט, זי דערקלערט נאָך דערצו, אַז דער פאַשיזם איז דער זיגער אויף שטענ־

דיק. „דער פּאַרלאַמענטאַריזם וועט נישט אומקערן זיך צוריק״. — מי בקש זאת מידכם... ?

אויך דאָס איז נישט גענוג. ביי יעדער נייער געלעגנהייט ווערט אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע פון הכנעה און אַן אָנבאָט פון אַ גוט צוזאַמענלעבן. היטלער טרעט אַרויס פון דעם פעלקערבונד און גאַנץ דייטשלאַנד מוז אָפּגעבן די שטים פאַר זיין חכמה. די דייטשע יידן מוזן אויך שטימען מיט אַלעמען. שרייבט אָבער די „ייד. רונדשוי״ דעם 17־טן אָקטאָבער נישט נאָר אַ פּאַטריאָטישן אַרטיקל, נאָר נאָך אַ פּאָר זאַצן דערצו.

„מיר האָבן נישט די כוונה צוצושרייבן זיך אין דייטשן שטאַט אַ ראָלע אָדער אַ שטעלונג וועלכע דאָס דייטשע פאָלק וויל אונדז נישט געבן... די דייטשע יידן ווייסן אַז יענע פאָרמאַלע „גלייכבאַרעכטיקונג״ וועלכע האָט געגאָלטן ביז 1933, קענען זיי מער נישט האָבן אין דעם הייניטיקן שטאַט. אָבער זיי שטרעבן צו אַ פרידלעכן און בכבודיקן צוזאַמענלעבן מיט די נישט־יידישע מיטבירגער״.

און אויב אויף דעם נאַצישן קאָנגרעס אין נירענבערג האָט היטלער געהאַלטן די רעדעס וועגן זיין ראַסן־משוגעת און דערביי געבריקעט מיט די פיס אין די יידן, דאַרף קומען די „יידישע רונדשוי״ (דעם 8־טן סעפּטעמבער) און אָפּגעבן ווידער אַ דערקלערונג: „מיר מוזן אָנערקענען דעם ראַסישן ענטוזיאַזם פון דער נייער דייטשער באַוועגונג און נישט מיינען בטעות, אַז מען קען איינווירקן מיט ראַציאָנאַלע טעמים אויף אַזאַ פראַגע פון געפיל. גלייכצייטיק האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן זיך דער לערע פון דער מינדערווערטיקייט פון דער יידישער ראַסע. צו וואָס מיר שטרעבן איז אַ פאַרהעלטעניש פון קעגנזייטיקן רעספּעקט, ביי אָנערקענונג פון דעם ווערט פון יעטווידער ראַסע״.

גענוג ציטאַטן. די שרייבער פון אַזעלכע אַרטיקלען ווייסן וויפל בלוט און צרות פאַר דער וועלט עס שטעקט הינטער דעם „ראַסישן ענטוזיאַזם״ פון די היטלערס. זיי ווייסן, אַז די יידישע ראַסע האָט גאַנץ אַנדערע היסטאָרישע אויפגאַבן. פונדעסטוועגן שרייבן זיי וועגן „קעגנזייטיקן רעספּעקט״, פון בכבודיקן צוזאַמענלעבן צווישן די פייניקער און געפייניקטע! וואָלטן זיי שוין בעסער געשוויגן!...

* * *

וועט מען אונדז זאָגן: ס׳איז לייכט צו קריטיקירן זיצנדיק דרויסן פון דייטשלאַנד. מען מוז אַריינקוקן אין דער נשמה פון יענע וועלכע זיצן אין דעם לייבנגרוב פון די יידנהאַסער, וועלכע טוען מיט איבערגעגעבנקייט די אַרבעט פון זאַמלונג און אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען נישט מענטשן מיט פרייע באַשלוסן...

אָבער מיר טאָרן נישט אָננעמען אַזעלכע דערקלערונגען, אויב מיר ווילן נישט צולייגן די האַנט צו דער דעמאָראַליזאַציע אין אייגענעם פאָלק. טאַקע אין אונדזערע יאָרן איז אַן אַנדער טייל פון די יידישע מאַסן, אין סאָוועט־רוסלאַנד, אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַן ענלעכן ניסיון, — און ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. די ציוניסטישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד האָבן פאַר זייערע אויגן

דעם זעלביקן אידעאַל ווי די דייטשע; די פּראָפּאַגאַנדע פון זייער אידעאַל איז זיי דאָרטן פאַרבאָטן, מוזן זיי שטיין דאָרטן אין אַ שווערן אָפּווער־קאַמף. זיי האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשיידט פון דעם אַלגעמיין־רוסישן סאָציאַליסטישן קאַמף פאַר פרייהייט, און זיי האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט אויך פון דער פולסטער פרייהייט פאַר די אייגענע, יידישע מאַסן. און אַז די באָלשעוויסטישע מלוכה האָט זיי גענומען פאַרפאָלגן, האָבן זיי — אָט די יונגע און יינגסטע פון פאָלק — גענומען אַף זיך דעם בלוטיקן יאָך פון ליידן און מסירת נפש. יאָרן, יאָרן־לאַנג זיצן זיי אין די טורמעס, קוועלן זיי זיך אין די וויסטעניישן פון סיביר און טורקעסטאַן, פאַלן זיי קרבנות פון זייער הייסער אמונה. דאָרטן אין די ליידנס־פלעצער, מישן זיי זיך אויס מיט אַלע איידעלע פרייהייט־קעמפער אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. און זיי — די פּאַרטיי־מענטשן פון אַ ציוניסטישער באַוועגונג — ווערן גלייכצייטיק קעמפער פאַר אַ ל ע אָן אויסנאַם יידישע און אויך רוסישע מאַסן אין לאַנד.

די לאַגע אין דייטשלאַנד איז אין פיל הינזיכטן אַנדערש. מען קען נישט פאַרלאַנגען פון דייטשע יידן העלדנטום, בעת זיי זעען אַרום זיך, אין די ברייטסטע דייטשע פאָלקס־מאַסן, הכנעה און פאַרראַט. אין אַ לאַנד, ווו עס האָט זיך געלאָזן צעברעכן די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג, די קאַטוילישע קירך, די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע, אין אַ לאַנד, ווו ס'זענען נישטאָ קיין רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, — דאָרטן טאָר מען נישט דערוואַרטן קיין באַזונדערע קרבנות־געטריישאַפט פון יידישע באַוועגונגען.

זיי שטייען אונטער אַ גוואַלדיקן צוואַנג; זאָל זיין אַזוי. דער צוואַנג קען זיי נישט דערלאָזן צו טאָן די וויכטיקסטע פונקציעס פון אַ פאָלקס־קערפּער. ער קען זיי אָבער נישט צווינגען צ ו ט אָ ן זאַכן קעגן זייער אייגענעם געוויסן. די יידישע געשיכטע האָט אַ לאַנגן מאַרטירער־לעבן הינטער זיך און זי ווייסט, אַז ס'זענען דאָ פאַלן ווען מען זאָגט קאַטעגאָריש: יהרג ואל יעבור! און אויב פון אַ יידישער פרעסע ווערט פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל באַגיין, צו איר זעלבסטשוץ, שמד־שטיק, איז בעסער זי זאָל נישט זיין, זי זאָל ש ו ו יי ג ן.

אויב מען טוט אַנדערש, הייסט עס, אַז מען אונטערשטיצט אומדירעקט דעם פאַשיסטישן סדר אין דייטשלאַנד. דער ציוניזם לאָזט זיך פירן פון נוצלעכקייט־חשבון, ער וויל וואָס מער מענטשן אַרויסנעמען פון דעם נאַצישן גהינום. אָבער ער זעט נישט דעם שאָדן וואָס פאָלגט נאָך ווי אַ שאָטן דעם נוצן. ער רייסט אָפּ די יידישע ליידנדיקע גענעראַציע פון דעם באַפרייונג־קאַמף פון דעם אַרומיקן פאָלק (און מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אין די דייטשע טורמעס זיצן גענוג ערלעכע קעמפער, וועלכע וועלן נישט פאַרשטיין די „יידישע" איינשטעלונג צום פאַשיזם און צו זייער אייגענעם מזל). ער שאַפט אַ געפערלעכן ביישפּיל פאַר די אַרומיקע אַנטיסעמיטישע רעגירונגען; אויך זיי וועלן ברוטאַל אַרויסשטופן יידן פון אַלע פּאָזיציעס און זאָגן זיי: פאָרט קיין פּאַלעסטינע! און אַזוי ווי די אַלע מיליאָנען יידן קענען נישט אַריבערגיין קיין ארץ־ישראל, וועט עס באַטייטן, אַז פאַר די אין די ווינקלענדער געבליבענע יידישע מאַסן זאָל געשאַפן ווערן אַ געטאָ

אָן פּאָליטישע און מענטשלעכע רעכט, אָן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַרומיקן פֿאָלק און קולטור. און נאָך עפּעס: טאָלעראַנץ לגבי דעם פּאַשיזם אין דייטשלאַנד הייסט גאָרנישט, אַז מען ווערט פּטור פון אים אין פּאַלעסטינע. די היטלעריסטישע האַנט, וועלכע שטעקט זיך היינט אריין אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וועט זיך נישט אָפּשטעלן אויך אין א"י. זי וועט געפינען די נייטיקע אַראַבישע און אַנדערע העלפּער כדי צו אונטערמינירן דעם יידישן אויפבוי אויך דאָרטן.

## 3. די ליבעראַלן

עס זאָל דערמאָנט ווערן אין אַ פּאָר ווערטער דער שטריט, וועלכער גייט אָן אין דייטשלאַנד צווישן דעם ציוניסטישן און דעם יידיש־ליבעראַלן, אַסימי־לאַטאָרישן לאַגער. מיר זיינען די שאַרפסטע קעגנער פון אַט דער פאַרמבולדיקער בירגערלעכער אַסימילאַציע פון דייטשע (אָדער ענגלישע) יידן. די דייטשע קאַ־טאַסטראָפע האָט זיי צום טייל אויסגעניכטערט. אָבער זיי באַמיען זיך עד־היום אויפצוהאַלטן זייער אַלטע אידעאָלאָגישע פּאָזיציע. „מיר גיבן ניט אויף די האָפּע־נונג (שרייבט די „יידיש־ליבעראַלע צייטונג" דעם 8־טן דעצעמבער 1933), אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט מען דערקענען, אַז דער זאַץ „יידן זענען קיין דייטשן ניט" איז פונקט אַזוי אומריכטיק ווי למשל דער זאַץ „קריסטן זענען ניט קיין דייטשן". אַלס דייטשע מענטשן פון יידישן גלויבן ווילן מיר לעבן אין אונדזער פאָטערלאַנד: מיר האָבן קיין אַנדערן ניט... גראַד ווען מיר ווילן זיך אויסלערנען צו זיין יידן אין דעם גייסטיקן זינען פון דעם וואָרט, דעמאָלט ווילן מיר קולטורעל און עקאָנאָמיש צונויפגיסן זיך מיט דעם לעבן פון אונדזער היימ־לאַנד". „אונדזער יוגנט מוז דערצויגן ווערן אין דעם אומצושטערבאַרן געפיל פון דער פאַרוואָרצלונג אין דעם דייטשן היימלאַנד".

אָט־דאָס געפיל לעבט שטאַרק אין די הערצער פון דייטשע יידן. אַ לירישן אויס־דרוק האָט עס געפונען אין אַ ליד „דייטשלאַנד", וועלכעס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעצעמבער 1933 אין דער „צענטראַל־פאַריין־צייטונג" פון בערלין. אַ פּאָר שורות פון דעם ליד:

### דייטשלאַנד

די ערשטע שריט ביי מיין מוטערס האַנט
געטראָטן אויף דיין באָדן, דו דייטשעס לאַנד.

דו האָסט מיר פייגל, בלומען, בוים געבראַכט,
מיטן ערשטן שמייכל האָב איך צו דיר געלאַכט.

און האָב איך געוויינט אין ערשטן קינדער־שמערץ,
האָבן דיינע לידער געזונגען טרייסט אין האַרץ.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיט ערד דיינער דעקט מען דעם טויטן צו —
אויף דייטשלאַנדס ערד זענען מיר ניט איך און דו?

אַ, דייטשלאַנד, דייטשלאַנד, צי איז דאָ אַ גרעסערע פּיין
ווי די: אַ פרעמדער אין פאָטערלאַנד צו זיין?...

מיר קענען די ווערטער, מיר קענען דעם ניגון. אונטער די קלאַנגען האָבן יידישע דײַטשן באַמיט זיך צו באַהאַלטן פון זייער פאָלק און זיין צוקונפט. אויך איצט סטאַרען זיי זיך מיט אַלע כוחות צוצופאַלן צו דער ברוסט פון דער דייטשער מאַמע־ערד, צונויפגיסן זיך מיטן היימלאַנד. זיי פאַרמאַכן זייערע אויגן אויף דעם, אַז דאָס היימלאַנד איז געוואָרן פאַשיסטיש, מענטשנפרעסעריש, געצנדינעריש־ווילד. זיי ריידן, פונקט ווי די ציוניסטן, אין אַ הכנעה־סטיל, זיי זוכן פאַרשטענדיקונג מיטן „נייעם דייטשלאַנד", זיי ווילן אַריינגעגלידערט ווערן אין אים. — אָבער איין שטריך איז דאָ אין זייער שטרייט מיטן דייטשן ציוניזם, וועלכער מוז פּאָזי־טיוו אָפּגעשאַצט ווערן. דאָס איז זייער לעבנס־געפיל און זייער דערקלערונג: מיר זענען היגע און מיר בלייבן דאָ! „די גרעסטע מערהייט פון די דייטשע יידן וועט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד" — שרייבן זיי אין זייערע בלעטער. דערמיט קרייצן זיי איבער דעם היטלעריסטישן פּלאַן פון פאַרניכטן, אַרויסטרייבן די יידישע מאַסן פון דייטשלאַנד. דערמיט פאַרפעסטיקן זיי דאָס אומצעשטער־באַרע רעכט פון יידן צו לעבן און שאַפן אין דער גאַנצער וועלט אָן אויסנאַם. אָט דער צוזאַמענבונד פון יידן מיט דער גרויסער וועלט קען פאַרלאָרן גיין אין ציוניזם.

* * *

פונקט אַזוי ווי דער דייטשער ציוניזם האָט דער וועלט־ציוניזם פאַרנומען אַ פּאַסיווע פּאָזיציע לגבי דעם דייטשן פאַשיזם. ער האָט באַטראַכט די קאַטאַס־טראָפע פון דייטשן יידנטום נאָר אַלס באַוויז פאַר זיין טעאָריע, נאָר אַלס אַ נייעם פאַקטאָר פאַר דעם אויפשוווּנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַלע אַנדערע געדאַנקען האָט ער אונטערגעאָרדנט דעם איינאיינציקן ציל פון פּאַלעסטינע־אויפ־בוי. דערפאַר האָט דער ציוניזם דערלאָזן, אַז אַ שטענדיקע אָפיציעלע געשעפט־לעכע פאַרבינדונג זאָל געשאַפן ווערן צווישן פּאַלעסטינער אינסטאַנצן און דער היט־לער־מלוכה. דער „טראַנספער־אָפּמאַך" האָט געשאַפן פאַר אַ צאָל דייטשע יידן די מעגלעכקייט צו ראַטעווען זייערע קאַפּיטאַלן, און ער האָט גלייכצייטיק געבראַכן די מעגלעכקייט צו פירן אַ פאָלקס־קאַמף קעגן יענער מלוכה. דער אָפּמאַך האָט געשאַפן אַן אומנאַטירלעכן פאַקט וועלכער ליגט ווי אַ בלייערנע משא איבער דעם יידישן באַוווּסטזיין: ער האָט צונויפגעבונדן אין אַ בשותפותדיקער אַרבעט דאָס לאַנד פון יידישן אויפבוי מיט דעם לאַנד פון יידישן חורבן... דער־פאַר האָט דער ציוניזם פאַקטיש דורכגעבראַכן דעם באָיקאָט וועלכן די יידישע

מאַסן האָבן דערקלערט דעם היטלער־רעזשים. די קלאָרע ליניע פון באָיקאָט־קאַמף קען זיך נישט האַלטן דאָרטן וווּ אַ זייער איינפלוסרייכע באַוועגונג איז נישט פאַראינטערעסירט אין איר, באַציט זיך קאַלטבלוטיק צו איר. — דערפאַר איז אויך מעגלעך געוואָרן אַזאַ אומגעהויערער פאַקט ווי דער פון יאַנואַר 1934: „דער דייטשער מכבי־בונד האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשע אינס־טאַנצן וועגן צולאָזן יידישע ספּאָרט־מענטשן פון פּאַלעסטינע צו דער וועלט־אָלימפּיאַדע אין בערלין אין יאָר 1936”. אַמאָל האָבן יידישע קינדער נישט פאַר־שטאַנען דעם באַטייט פון ספּאָרט־שפּילן (מען האָט זיי אַפילו געלערנט, אַז „תורה מתשת כוחו של אדם”). היינט זענען זיי געוואָרן אַזוי ספּאָרטמעניש און שטאַטס־מעניש קלוג, אַז עס ציט זיי צום שפּיל דווקא אין דעם לאַנד פון קנעכטשאַפט און ליידן...

עס איז באַזונדערס שמערצלעך דער געדאַנק, אַז אין דער איצטיקער ציוניס־טישער פירונג שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע די פּועלי ציוניסטן און אַז זיי האָבן צוגעלאָזן די דאָזיקע גאַנצע אַנטוויקלונג. צוליב ארץ־ישראל האָבן זיי פאַרלאָרן פון אויג די גרויסע, אין אַלע לענדער צעוואָרפענע יידישע וועלט; צוליב דעם אויפבוי האָבן זיי פאַרגעסן וועגן דעם קאַמף קעגן דעם שונא פון די יידישע און נישט־יידישע מאַסן. מען וועט העלפן איבערפירן קיין ארץ־ישראל אפשר גרעסערע מחנות פון דייטשע יידן און זייער יוגנט. אָבער — וועלן זיי אַלע קומען אַהין מיט אַ נייער וועלטאַנשויונג, מיט אַ פאַרטיפטן מאָראַלישן געוויסן? וועלן זיי טראָגן אין זיך די נייע גאָר גרויסע כוחות וועלכע זענען נייטיק כדי צו באַקעמפן דאָס בייז וואָס באַהערשט אַלץ מער די וועלט? אָדער וועלן זיי זיין פשוט יידישע פּליטים אַריבערגעטראָגענע פון דייטשלאַנד קיין פּאַלעסטינע?

די גרויזאַמע צייט האָט אויפגעשטעלט פאַר אונדז די שווערסטע גייסטיקע פראַגן. צי האָט דער ציוניזם געגעבן אויף זיי דעם ריכטיקן גייסטיקן ענטפער? ווער קען דאָס באַהויפּטן?

## 4. די פרומע

האָט געגעבן אַן ענטפער אויף דער צייט פון ביטערע גזירות די יידישע פרומע וועלט? לויט דעם ווי מען שטעלט זיך פאָר, איז די דאָזיקע וועלט ווייט פון די טומלדיקע גאַסן פון די גרויסשטעט. זי איז פאַרנומען נישט אַזוי מיט דעם אויפבוי פון די דרויסנדיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע פאָרמען, ווי מיט דעם גייסטיקן אויסלעבן זיך פון דעם איינצלנעם יחיד־יהיד. יידישע פרומקייט זאָל נישט יאָגן זיך אויף די פאַרפלאָנטערטע וועגן פון דער היינטיקער מלוכה־וועלט; אירע וועגן פירן אין די טיפענישן פון דעם יחידס נשמה. זי אַנטפּלעקט זיך אַמערסטן אין דעם האַלב־טונקל פון דער געלייטערטער בית־מדרש־ און ישיבה־לופט.

עס איז אויסגעבראָכן פאַר יידן אַ צייט פון אומדערהערטע פאַרפאָלגונגען. נישט נאָר דער גוף פון פאָלק ווערט געמאַטערט, אויך זיין כבוד, זיין גייסט ווערן

געשענדט. דער אָנגריף ווערט געפירט פון אַ באַוועגונג, וועלכע איז נישט נאָר אַ שונא ישראל, נאָר האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דאָס הייליקסטע אין יעדער אמונה: אויף דער אויבערמאַכט פון גאָט איבער מענטש. נישט אומזיסט האָט דער היטלעריזם, וואָס איז געצנדינערעריש לויט זיין תוך, דערשפירט דעם טיפסטן תהום צווישן זיך און די יידן. ווער נאָך אַזוי ווי די יידישע פרומע האָבן געקענט דערפילן דעם באַדייט פון דעם קאַמף? אין איין יאָר זענען זיי אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף יאָרהונדערטער צוריק, אין די צייטן פון די גרויסע יידישע אמונה־קאַמפן און קרבנות.

איז די יידישע רעליגיעזע וועלט פאַרציטערט געוואָרן ביז אין איר טיפסטן גרונט? בעת דאָס פאָלק גייט אָפּ פאַר אונדזערע אויגן מיט בלוט, ווען זיין לעבעדיק לייב ווערט געריסן אין שטיקער, ווען זיין נאָמען ווערט געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט, — וואָס האָבן די פרומע דערצו געזאָגט? זיי קענען נישט, זיי ווילן ניט איבעראַנדערשן געזעלשאַפטלעכע יסודות, אָבער וואָס האָבן זיי צו זאָגן אין אַזאַ צייט דער נשמה פון דעם ליידנדיקן ייד? האָבן זיי אים צוגעגעבן נייע זעלישע כוחות דורך אַ שטאַרק וואָרט, האָבן זיי זיין לעבנס־כוח שטאָלענער געמאַכט לגבי די צרות וואָס האַלטן אין וואַקסן?

ווער קען עס באַהויפּטן? די פרומע קרייזן, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיטן ציוניזם, זענען געוואָרן פּאָליטיקער, פּאָליטיש אין ערגסטן זין פון וואָרט. זיי ווילן אין ארץ־ישראל דווקא אַ ש ט אַ ט; נישט עפּעס אַ מלכות ש ד י, נאָר אַ ש ט אַ ט פון אונדזערע צייטן. זיי שטויסן אָפּ די אַראַבישע באַפעלקערונג אין לאַנד, זיי ווילן דווקא האָבן די מערהייט. זיי באַקעמפן די אַרבעטער־צענטערס, זיי האָבן נישט קיין אינטערעס צו דעם קיבוצישן לעבן, זיי האָבן אויפגעטאָן נאָך מער! זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט יענער מחנה אין ציוניזם, מיט די ר ע וו י ז י אָ נ י ס ט ן, וועלכע זענען די ברוטאַלסטע פאַרקערפערונג פון דער היינטוועלטיקער מלוכה־שיכרות. פרומע קרייזן וואָס געדענקען נאָך די ווערטער „לא בכוח ולא בגבורה”, גייען געאָרעמט מיט יענע פאַר וועלכע די הויפּט־תשוקה איז אַ געפּאַנצערטע האַנט. דווקא אין ארץ־ישראל, אין לאַנד ווו די נביאים האָבן געפּאָדערט מיט טויזנטער יאָרן צוריק אַ נייע וועלט, פירן איין די היינטיקע מזרחי־פרומע, צוזאַמען מיט די בריונים, די אַלטע צעלעכערטע אייראָפּעישע וועלט.

און די יידישע פרומע, וועלכע שטייען דרויסן פון ציוניזם? זיי זענען אַרויס פון די שולן און שטיבלעך, זיי זענען געוואָרן פּאָליטיקער. דעם גאַנצן דיפּלאָמאַטישן קלאַפּערגעצייג פון היינטוועלטיקע „שטאַטסמענער” האָבן זיי זיך דערוואָרבן, און באַנוצן אים נישט שלעכט. אויף אַלע פּאָליטישע ירידן טומלען זיי זיך, אין די פּאַרלאַמענטן זיצן זיי. זיי אונטערשטיצן רעגירונגען, זיי נעמען אָן מלוכהשע פאַרפליכטונגען. דער בויגעוודיקער פּרינציפּ פון נוצן, פון תכלית האָט פאַרביטן די אַבסאָלוטע, אומבויגזאַמע פאָדערונג פון אַ רעליגיעזער וועלטאָנשויאונג. זיי האָבן נישט געהייליקט די וואָכעדיקע פּאָליטישע קאַמפן אין פאָלק, זיי האָבן, פאַרקערט, הייליקע בענקשאַפטן פון פאָלק וואָכעדיק געמאַכט.

זייער פּאָלק זעט נישט קיין אויסוועג. מען שפּייזט אים מיט קאַרגער צדקה־הילף, מיט מעות חיטים, מיט לחם־אביונים. אָבער — צי האָבן זיי געגעבן דעם פּאָלק עפּעס מער? האָבן זיי דערקענט וועלכע גיפטן פרעסן פון אינעווייניק דעם קערפּער פון פּאָלק? ווי שטענדיק אין די גוטע צייטן, האַלטן די מאַסן אין איין מיסחרן, האַנדלען, אָפּנאַרן זיך קעגנזייטיק. די סאָציאַלע קעגנזאַצן אין פּאָלק זענען טיף ווי די אָפּגרונטן. אין די גרעסטע יידישע שטעט — ווילנע, וואַרשע, לעמבערג — מוז אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג אָנקומען צו צדקה. וויפל צעבראָכענע נשמות שטעקן הינטער אַזעלכע ידיעות! האָבן די טרעגער פון פרומקייט אַריינגעריסן זיך אין יידישן לעבן מיט פאָדערונגען וואָס זאָלן איבעראַנדערשן אים פון אינעווייניק? האָבן זיי גערופן די שטאַרקע און רייכע אין פּאָלק צו תשובה? האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז צדקה זאָל ווערן מער ווי אַ געוווינהייט, זאָל ווערן אַ קרבן פאַר די געבער? באַמיִען זיי זיך, אַז די פּרינציפּן פון עקאָנאָמישער חברשאַפט, פון קאָאָפּעראַטיווער צוזאַמענאַרבעט זאָלן אַריינדרינגען צו דעם יידישן קליין־מענטשעלע וועלכער ווערט דערשטיקט אין זיין לעבנסקאַמף? אין יענע גרויזאַמע אַלטע תקופות, ווען דאָס פּאָלק פלעגט זיך זען אַרומגערינגלט פון שונאים, האָבן זיינע פרומע פאַרטרעטער געשטאַרקט אין אים דעם ביטחון, דעם גלויבן אין גאולה. זיי האָבן פאַרפעסטיקט אין אים די אינערלעכע פאַרבונדנקייט, געשאַפן אין אים ברעקלעך פון גייסטיקער פרייד אין דער פינצטערער נאַכט. איז עס היינט ווו נישט איז פאַראַנען? גאָט נידערט נישט אַראָפּ צו די פרומע, פּונקט אַזוי ווי זיי דערהייבן זיך נישט צו אים.

## 5. סאָציאַליזם

וואָס האָבן געגעבן דעם יידישן אַרבעטס־פּאָלק אין לויף פון פאַרגאַנגענעם יאָר יידישע סאָציאַליסטן? האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין אונדזערע מאַסן ווען נישט אַ ניי וואָרט, איז כאָטש נייעם מוט און שטאַנדהאַפטיקייט? האָבן זיי פאַרשאַפט די מאַסן ווען נישט אויסערלעכן כוח לגבי דער אַרומיקער וועלט, איז כאָטש אינערלעכע סאָלידאַריטעט און פעסטקייט? ווער קען עס היינטצוטאָג באַהויפּטן?

געוויס, די פּאָזיציעס פון יידישע סאָציאַליסטן אין פּאָלק האָבן נישט געקענט זיך פאַרשטאַרקן אין אַ צייט ווען דער וועלט־סאָציאַליזם האָט באַקומען אַזעלכע גוואַלדיקע קלעפּ. די מפּלה פון דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס האָט צוגעדריקט צו דער ערד אויך דעם יידישן סאָציאַליסט. דער העלדישער אונטערגאַנג פון דער עסטרייכישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דערהייבן אומעטום, באַזונדערס אויף דער יידישער גאַס, דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין פון סאָציאַליסטן. אָבער — אויך עסטרייך האָט באַוויזן, אַז דערווייל האַלט דער אַרבעטער־קלאַס אין איין צוריק־

ברעטן און פאָלן 1). די דריקנדיקע לאַסט פון די מפּלות דרויסן איז נישט צו ליי־קענען. אָבער אין דער סאָציאַליסטישער וועלט־באַוועגונג איז נישטאָ קיין חילוק צווישן „גרויסע" און „קליינע" פעלקער. דייטשלאַנדס און עסטרייכס פּראָלע־טאַריאַט האָבן געמעגט אויף אַ צייט אונטערגיין, און די יידישע סאָציאַליסטישע מחנה האָט נישט געטאָרט אָפּשוואַכן איר אָנגריפס־כוח. יידישע סאָציאַליסטן האָבן פאַר זייערע אויגן אייגענע אומגעהויערע ליידן פון פאָלק, זיי מוזן טראַכטן אין גיין אייגענע וועגן אין זייערע קאַמפן. ווייל יידישער סאָציאַליזם איז לחלוטין נישט נאָר אויסשטראַלונג און אָפּשפּיגלונג פון וועלט־סאָציאַליזם.

האָבן זיי געפונען אָדער געזוכט זייערע אייגענע וועגן, אין דעם ברע־נענדיקן ליכט פון די נייע געשעענישן? זאָל מיר דאָ דערלויבט ווערן צו ברענגען אַ פּערזענלעכן דאָקומענט, וועלכער וועט באַלייכטן אין אַ געוויסער מאָס די לאַגע. אין מאַי 1933 האָב איך פונאַנדערגעשיקט אַ בריוו צו די פירער פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען — מיט אַ פאָרשלאָג צו באַטראַכטן די פראַגע פון אַ יידיש־סאָציאַליסטישן איינהייט־פראָנט. דער בריוו איז געשיקט געוואָרן צו אַלע אָן אויסנאַם פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון: „בונד", רעכטע פּועלי־ציון, לינקע פּועלי־ציון, השומר הצעיר; צו די טוער פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, לעטלאַנד, ליטע, אַמעריקע, פּאַלעסטינע; צו אַ ריי איינצלנע מחוץ למחנה שטייענדיקע יידישע סאָציאַליסטישע דענקער און טוער. (צו יידישע קאָמוניסטן נישט געשיקט, ווייל זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו טראַכטן זעלבסטשטענדיק און אויסאַרבעטן אַן אייגענע ליניע פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן). איך וועל ברענגען דאָ דעם פולן טעקסט פון דעם בריוו, איך מוז אָבער שוין זאָגן, אַז — קיין איינציקער פירער פון די אַלע פּאַרטייען האָט נישט געענטפערט דירעקט און אָפן אויף דער דאָזיקער ווענדונג. איינציקע נאָר, פון בונדיסטישן און פּועלי־ציוניס־טישן לאַגער, האָבן געענטפערט, אַז די זאַך שיינט צו זיין אוממעגלעך, לכל הפּחות אין דער איצטיקער צייט...

## דער פאָרשלאָג פון אַן איינהייטס־פראָנט

השובער חבר!

איך דערלויב מיר צו ווענדן זיך צו אייך אין אַ זייער וויכטיקן ענין וועלכער איז אונדז ביידן נוגע אין דער זעלביקער גלייכער מאָס. מיר ווילט זיך דערביי האָפן אַז אונדזער מיינונג־אויסטויש וועגן אָט דעם ענין וועט זיך נישט פאַרוואַנדלען אין נאָר אַ טעאָרעטישער דיסקוסיע, נאָר וועט האָבן אין זינען צו פירן צו געוויסע פּראַקטישע שריט. איך שרייב אייך דעם בריוו נאָר פּערזענלעך, אָן קיין שום אויפטראָג פון אַ וועלכער נישט איז

1) מיט וואָס פאַר אַ שאַדנפרייד און שינאה שרייבט דער רעוויזיאָניסטישער פּאָעט אורי צבי גרינבערג וועגן דער קאַטאַסטראָפע אין עסטרייך. „אונטערגעגאַנגען די זון פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. נישט אַפילו קיין אָנצייכעניש פון רויטער דעמערונג אויפן זוים פון מערב־אייראָפּעישן הימל" („די וועלט" פון 23־טן פעבּרואַר).

ייִדיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אפשר וועט דער פאַקט וואָס איך געהער נישט פאָרמעל צו קיין ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, זיין גינסטיקער פאַר דעם שריט וועלכן איך אונטערנעם איצטער.

דער ענין, וועלכער טרייבט מיך שרייבן צו אייך, קען בקיצור פאָרמולירט ווערן אַזוי: צי איז נישט געקומען די צייט צו טראַכטן וועגן אַ *ייִדיש־סאָציאַליסטישן איינהייטס־פראָנט*?

איך ווייס גאַנץ גוט וועלכע טיפע הילוקי דעות טיילן היינטצוטאָג אָפּ די פאַרשיידענע גרופּירונגען פון ייִדישן סאָציאַליסטישן געדאַנק. זיי זענען אָפּגעשיידט איינע פון דער אַנדערער דורך פאַרשיידענע פּראָגראַמאַטישע יסודות, דורך אַנדערשאַרטיקע סאָציאַלע שיכטן אויף וועלכע זיי שטיצן זיך, דורך טיף־פאַרוואָרצלטע פּאָליטישע און גייסטיקע טראַדיציעס, — און דורך זעלישער פאַרביטערונג און פרעמדקייט. עס איז יעטוועדער גרופּירונג אָן שום שוועריקייט מעגלעך צו באַווייזן, אַז זי קען זיך בשום אופן נישט פאַרבינדן מיט די אַנדערע צו געמיינזאַמע סאָציאַל־פּאָליטישע קאַמף־אַקציעס. נישט נאָר דער עבר און די טראַדיציעס שטייען אין וועג, נאָר אויך די היינטיקע אַנדערשדיקע פּאָליטישע און טאַקטישע ריכטונג־ליניעס.

און דאָך זענען די דאָזיקע ענטפערן ווייט פון צו זיין איבערצייגנדיק. דער בעסטער קעגנבאַווייז איז, אַז *אַלע* ייִדיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען, אָפיציעל אָדער נישט־אָפיציעל, אָנגעשלאָסן אָן *אינטערנאַציאָנאַלן* וועלכע פירן היינט צו טאָג אַ קאַמפּאַניע פאַר דעם פּראָלעטאַרישן איינהייטס־פראָנט. די אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ראשית־כל די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די קאָמוניסטן, האָבן אַ סך מער אורזאַכן איידער די ייִדיש־סאָציאַליסטישע צו שטיין אין פיינדלעכער קעגנערשאַפט איינע קעגן דער אַנדערער. איז דאָך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע אויפגעטרעטן כמעט שטענדיק ווי אַ מלוכה־שטאַרקער כוח קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. און איז דאָך דער קאָמוניזם אין ראַטן־רוסלאַנד שטענדיק אַרויסגעטראָטן מיט די שאַרפסטע מלוכהשע קאַמף־מיטלען קעגן די אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען. אויב אָבער די געמיינזאַמע פאַשיסטישע סכנה, וועלכע האָט זיך אָנגערוקט אויף דעם פּראָלעטאַריאַט, איז געווען אימשטאַנד צו שאַפן אין די פירנדיקע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע שטאַבן די *נטיה* צו אַ געמיינזאַמען פּאָליטישן קאַמפּוועג, פאַרוואָס זאָל די זעלביקע נטיה נישט קענען אַנטשטיין אויך אין די פירנדיקע קרייזן פון ייִדישן סאָציאַליזם? ווי וואָלט עס געווען מעגלעך, אַז ייִדישע סאָציאַליסטן זאָלן — אַלס טוער פון די אינטערנאַציאָנאַלן — שטרעבן צו אַן איינהייטס־פראָנט, און גלייכצייטיק, אַלס טוער אין די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן, אָפּטרייבן יעדן געדאַנק פון אַן איינהייטס־פראָנט ביי זיך אין דער היים?

איך דאַרף אייך נישט אויסמאָלן, ח׳ ח., די טראַגישע לאַגע אין וועלכער עס געפינען זיך די ייִדישע מאַסן. איר שטייט אין די סאַמע טיפענישן פון די מאַסן, איר זייט צענדליקער יאָרן פאַרבונדן מיט זייערע נויטן, כדי צו וויסן גענוג וואָס עס טוט זיך ביי זיי. לאָזט מיר נאָר אָנדייטן אויף אייניקע מאָמענטן, וועלכע מאַכן די היינטיקע לאַגע געפערלעכער ווי ווען נישט איז פריִער. דער עקאָנאָמישער חורבן אין אַלע לענדער ווו עס לעבן מיליאָנען ייִדן, דערגרייכט אַלץ טיפערע און טיפערע מדרגות. עס איז נישט נאָר אומדערהערט־שווער געוואָרן דער היינט, נאָר עס זענען כמעט פאַרשוווּנדן די האָפענונגען אויף אַ מאָרגן, — אין דער ראַם פון דער היינטיקער געזעל־

שאפט. די קאטאסטראפע, וועלכע איז אריינגעבראכן אין דייטשלאנד, האט געשאפן אן אומדערוואַרטע נייע ספערע פון געפאַרן. עס האנדלט זיך נישט נאר וועגן דעם אנשטעקנדיקן אנטיסעמיטישן איינפלוס, וועלכן די היטלער־מלוכה קען אויסאיבן אויף די איבעריקע מלוכות. נישט געקוקט אויף די אדער אנדערע דיפלאמאטישע באציונגען, וועלכע דאס פאשיסטישע דייטשלאנד וועט אנקניפן מיט די פארשיידענע שטאטן, די „אידעאלא־גישע" השפעה פון דעם דאזיקן דייטשלאנד אויף די רעאקציאנערע און שוואנ־קנדיקע עלעמענטן אין אייראפע און אמעריקע וועט ווערן אלץ שטארקער, — אויב דאס היטלער־סיסטעם וועט זיך קאנסאלידירן. — דער היטלער־רעזשים באטייט אבער נישט נאר יידן־האס, נאר אויך אקטיווע און פיבערהאפטע צוגרייטונג צו א מילחמה, צו א וועלט־מילחמה. זי וועט זיין אן אומגליק פאר דער גאנצער וועלט, זי וועט זיין א טאפלטער אומגליק פאר די יידישע הארעפאשנע מאסן אין דער גארער וועלט.

קעגן די אלע אנצאליקע געפארן מוזן יידישע סאציאליסטן פון אלע ריכטונגען אן אויסנאם אנהייבן תיכף א סיסטעמאטישן, עקשנותדיקן, אויף א סך יאר אויסגערעכנטן שווערן קאמף. זיי וועלן מוזן דערביי האבן אין זינען צוויי וויכטיקע מאמענטן. ערשטנס, אז קיין איין איינציקע יידישע סאציאליסטישע פארטיי איז נישט אומשטאנד אויפצונעמען און פירן דעם היסטארישן קאמף אליין, מיט אירע אייגענע כוחות, ווייל קיין איינ־איינציקע יידישע סאציאליסטישע פארטיי באזיצט נישט אליין דעם אויסגע־פרוווטן פראגראם און איז נישט אזוי פארווארצלט אין די מיליאניקע מאסן, אז זי זאל קענען אויף אייגענער אחריות איבערנעמען דעם קאמף. צווייטנס, די יידישע סאציאליסטן טארן זיך נישט היינטצוטאג פארלאזן נאר, אדער הויפטזעכלעך אויף דער סאלידאריטעט פון דעם וועלט־פראלעטא־ריאט. נישט דערפאר ווייל אין דעם ארבעטער־קלאס זאל פעלן דאס געפיל פון סאלידאריטעט מיט די געפייניקטע יידישע מאסן, נאר דערפאר ווייל דער ארבעטער־קלאס שטייט היינט מיט געפענטעטע כוחות אויך לגבי זיינע איי־גענע און דרינגענדסטע אויפגאבן אין יעדן לאנד. מען קען אפילו זאגן פאר־קערט: וועלן די יידישע ארבעטער־מאסן אריבערגיין צו סאלידארישער זעלבסטהילף, צו קאנצענטרירטער זעלבסטשטענדיקער אקטיוויטעט, וועט דאס זיין א הילף נישט נאר פאר זיי אליין, נאר א סטימול אויך פאר דער אפגע־שוואכטער סאציאליסטישער וועלט־באוועגונג.

וועלכע רעאלע אויפגאבן וואלטן געשטאנען פאר א יידיש־סאציא־ליסטישן איינהייטס־פראנט? עס זאלן דא אנגעצייכנט ווערן נאר איניקע אזעלכע אויפגאבן.

1) די ארגאניזאציע פון א באיקאט־באוועגונג קעגן דעם דייטשן היטלער־רעזשים. וואלט את די באוועגונג אריבערגעגאנגען פון די יידישע באלעבאטישע און נאציאנאליסטישע קרייזן אין די הענט פון ארגאניזירטע וועלט פארבונדענע ארבעטנדיקע מאסן, וואלט זי געקענט ווערן א פאליטיש באדייטנדיקער כוח. איך וויל דערמאנען, אז אזא מין אויפגאבע — באיקאט פון א רעאקציאנערן רעזשים דורך ארבעטער־כוחות פון דרויסן — איז שוין א פאר מאל געפרוווט געווארן. אין יאר 1919 האט דער אייראפעישער פרא־לעטאריאט באיקאטירט דעם טריומפירנדיקן רעזשים פון הארטי אין אונגארן. אין יאר 1920 האט מען דורך אזא מין באיקאט און סאבאטאזש געשטערט דער פירונג פון א מילחמה קעגן ראטן רוסלאנד. און אויך איצט, ביי דער

מאַכט דערצו, דערבעטערונג פון היטלערן, האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער טראַנספּאָרט־אַרבעטער־פאַרבאַנד (אָן דערפאַלג, לײַדער) געפּרווּווט אָרגאַניזירן דעם באָי־קאָט פון דײַטשן פאַשיסטן־רעזשים. עס וואָלט דערפאַר געווען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע דערגרייכונג ווען די ברייטע יידישע מאַסן פון גאָר דער וועלט פאַרוואַנדלען זייער אינסטינקטיוון רעבעלישן פּראָטעסט קעגן דעם דײַטשן אַנטיסעמיטיזם אין אַ פּלאַנמעסיקער לאַנג־דויערנדיקער באָיקאָט־באַוועגונג. אַזוי לאַנג ווי יידישע קרייזן אַליין פירן אָן מיט דער פאָלקס־אַקציע, גיבן זיי איר צו אַן ענגהאַרציקן נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, שיידן זיי אָפּ דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם פון קאַמף קעגן פאַשיזם בכלל, קענען זיי אויך נישט גאַראַנטירן, אַז דאָס בירגערטום וועט נישט וואַרפן דעם קאַמף ביי דער ערשטער געלעגנהייט. ווען זיך יידישע סאָציאַליסטן שטעלן בראש פון דער פאָלקס־באַוועגונג, וועלן זיי דערמיט קלאָר מאַכן איר אי־דעישן פּנים, אַריינבלאָזן נייעם פּאָליטישן ווילן אין די מאַסן, — און טאַקע דערלאַנגען באַדייטנדיקע קלעפּ דעם היטלער־סיסטעם. אַ באָיקאָט־קאַמפּאַניע, געפירט פון טויזנטער מענטשן אין צענדליקער לענדער מיטאַמאָל, אַנט־האַלט אין זיך אומדערוואַרטע שעפערישע מעגלעכקייטן פון קאַמף און דער־פאָלג.

2) די יידישע אַרבעטס־מאַסן, באַזונדערס זייער יוגנט, געפינען זיך נישט קיין אָרט אין זייערע געבורט־לענדער. זיי וואַנדערן אַרויס ווו נאָר עס לאָזט זיך, קיין פּאַלעסטינע און ראַטן־רוסלאַנד אין ערשטער ליניע. איז עס ריכטיק, אַז אָט די אַלע סטיכישע, אומגעאָרדנטע, אָפטמאָל פון יאוש געטריבענע וואַנדערונגען זאָלן אויך ווייטער אָנגיין אָן אַ קאָנטראָל און מיט־הילף פון דער פאַראייניקטער יידישער סאָציאַליסטישער וועלט? יידישע סאָציאַליסטן פון יעדער ריכטונג שטייען פאַקטיש אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענבונד צווישן זיך: פינאַנציעל, אָרגאַניזאַטאָריש און אפילו פּאָליטיש. פאַרוואָס זאָלן זיי נישט איבערנעמען די אָרגאַניזאַציע פון די אינטערנאַציאָ־נאַלע וואַנדערונגען פון די יידישע מאַסן? געוויס, דווקא אויף דעם געביט שטויסן זיך שאַרף צונויף די פאַרשיידענע ריכטונגען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם מיטן אַנטיציוניסטישן סאָציאַליזם. אָבער סיי די און סיי יענע ריכטונגען קענען נישט אַוועקגיין פון די האַרטע פאַקטן פון דער צייט. די קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע האָט זיך שוין לאַנג פאַרוואַנדלט אין אַ ממשותדיקער אַרבעט פון אויפבוי פאַר צענדליקער טויזנטער דעקלאַסירטע, אָבער לעבנספעיִקע יידישע אַרבעט־מענטשן. מען מוז נישט זיין קיין ציוניסט, כדי צו אָנערקענען זאַכלעך די ראָלע, וועלכע די אַרבעט אין פּאַלעסטינע שפּילט היינט אין יידישן פאָלק. „פּאַלעסטינע" איז נישט נאָר אַ גלויבנס־פּונקט פון אַ ציוניסטישער וועלט־אָנשויונג. פּאַלעסטינע איז אויך אַ שטיק ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן. אָבער פּאַלעסטינע מוז לחלוטין נישט זיין דער איינציקער רעטונג־אינדזל פאַר די יידישע מאַסן. אויך דער סאָציאַ־ליסטישער ציוניסט פון היינט, פּנים אל פּנים מיט דער גרויזאַמער נויט פון אַלע פאָלקס־שיכטן, מוז אָנערקענען די באַרעכטיקונג אויך פון אַנדערע קאָ־לאָניזאַטאָרישע פּראָיעקטן אין יידישן לעבן. וועלכער ערלעכער ציוניסטישער סאָציאַליסט וועט עס נעמען היינטצוטאָג אויף זיך מקריב צו זיין די בלוי־טיקסטע אינטערעסן פון זיין פאָלק לשם טריישאַפט צום צענטראַלפּונקט פון זיין וועלט־אָנשויונג? די פראַגן פון אָרגאַניזירטער עמיגראַציע

און קאָלאָניזאַציע מוזן ווערן דער צווייטער וויכטיקער געביט פֿון דער געמיינזאַמער אַרבעט פֿון אַלע ייִדיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען.

3) אומגעהויערע אויפֿגאַבן, צום טייל נאָך נישט פֿאַרשטאַנענע, שטייען פֿאַר די ייִדישע מאַסן אין די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן און וועלן בלייבן לעבן. נישט געקוקט אויף די צעבראָכענע ייִדישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, זענען אויך היינט מעגלעך אומצאָליקע קאָנסטרוקטיווע אויפֿגאַבן אין אַ סך געביטן פֿון ייִדישער אַרבעט. ייִדישע סאָציאַליסטן אַלס יחידים זענען אַקטיוו פֿאַרנומען אין פֿאַרשיידענע האַלב־געזעלשאַפֿטלעכע האַלב־פֿי־לאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וועלכע סטאַרען זיך איבערצובויען אויף פּראָ־דוקטיווערע יסודות דאָס ייִדישע לעבן. אָבער די דאָזיקע אויפֿגאַבע האָבן ביז איצט נאָך נישט גענומען אויף זיך די ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אַלס גאַנצע. די פּראָדוקטיוויזירונג פֿון די מאַסן איז אַ סאָציאַליסטישע אויפֿ־גאַבע סיי לגבי די שרייענדיקע נויטן פֿון היינטיקן טאָג סיי אין אָנבליק פֿון די רעוואָלוציאָנערע פֿאָדערונגען פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿט. עס קען זיך דערביי האַנדלען וועגן אַריבערפֿירן אַ טייל ייִדישע יוגנט און אַרבעטסלאָזע דערוואַקסענע צו לאַנדווירטשאַפֿט. עס קען זיך האַנדלען וועגן אַריינ־ברענגען דעם קאָאָפּעראַטיוון געדאַנק אין די רייען פֿון אַרבעטער, בעלי־מלאכות, קליינהענדלער. די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע איז נאָך קוים אַריינגעדרונגען אין די ייִדישע פֿאָלקס־שיכטן; זי קען ווערן אַ שעפֿערישער פֿאַקטאָר, ווען סאָציאַליסטישע קעמפֿער וועלן זיך צו איר אָפּגעבן מיט דער זעלביקער ערנסטקייט, ווי צו דער פּראָלעטאַריש־פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די פּראָדוקטן פֿון ייִדישער קאָאָפּעראַטיווער אַר־בעט זאָלן קריגן אַ פֿאַרשפּרייטונג אויך אין ראַמען פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַל־ייִדישער ווירטשאַפֿט. עס איז קלאָר, אַז קיין איינאיינציקע ייִדישע־סאָציאַ־ליסטישע גרופּירונג איז נישט ביכולת אויפֿצוהייבן אויף אירע אייגענע פּלייצעס די שווערע לאַסט פֿון קאָנסטרוקטיווע, מיט אַ גרויסן פֿאַרנעם אויס־געאַרבעטע פּלענער. אָבער יעטווערע ריכטונג קען אַריינברענגען איר אייגענע דערפֿאַרונג, איר טעמפּעראַמענט און כּוח אין דער געמיינזאַמער אַרבעט פֿון אַלעמען. די פּלענער ליגן שוין אין דער לופֿט, מען מוז נאָר צורירן זיך צו זיי מיטן פֿאַראייניקטן ווילן פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז נעבן און הינטער אַלע עקאָנאָמישע פּלענער פֿון אויפֿבוי שטייען די גרויסע פֿראַגן פֿון פּאָליטישן קאַמף. איך לאָז דאָ די פֿראַגע אָן שום באַהאַנדלונג דערפֿאַר, ווייל ביי דער איצטיקער וועלטלאַגע צייכנט זיך אָן אַ נויטווענדיקע געמיינזאַמקייט פֿון די קאַמף־מיטלען פֿאַר אַלעמען. צי מען וויל, צי מען וויל נישט, דער קאַמף וועט מוזן זיין ראַדיקאַל.

4) אַ נאָענטע פּראַקטישע אויפֿגאַבע איז די צונויפֿרופֿונג פֿון אַ וועלט־קאָנגרעס פֿון ייִדישן אַרבעט־פֿאָלק. די ייִדישע פּאָליטישע קרייזן הערן נישט אויף צו ריידן און גרייטן ביסלעכווייז צו דאָס, וואָס זיי רופֿן אָן אַ „ייִדישער וועלט־קאָנגרעס“. ייִדישע סאָציאַליסטן וועלן אויף אים נישט גיין אָדער וועלן קיינמאָל נישט זיין צופֿרידן מיט זיינע אויפֿטואונגען. אָבער זיי טאָרן נישט איבערלאָזן אונטער אַ פֿרעמדער סאָציאַלער השפּעה די מיליאָנען ייִדישע קליינבירגער און פֿאָלקס־מענטשן, וועלכע האָפֿן אויף אַזעלכע קאָנגרעסן. די סאָציאַליסטישע גרופּירונגען זענען עד היום קליינע מינדערהייטן צווישן די ברייטע ייִדישע מאַסן. איצט, בעת דער צעשטערונג פֿון די יסודות פֿון ייִדישן פֿאָלקס־לעבן, ביים צוזאַמענברוך פֿון דעם אַלגע־

מיינעם סאָציאַלן סיסטעם, ביי די נאָענט דראָענדיקע געפאַרן פון קריג, — איצט מוזן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען געפינען אַ וועג צום באַוווסטזיין און צום האַרצן פון די ברייטסטע יידישע מאַסן. דערצו איז נייטיק נישט אָפּשיידן זיך פון זיי, נאָר גיין און פאַרבינדן זיך מיט זיי, אַרויסשטעלנדיק רעאַלע פּראָגראַמען און נישט פאַרבאַהאַלטנדיק די סאָציאַליסטישע פּאָן. וואָלט געשאַפן געוואָרן אַ יידיש־סאָציאַליסטישער איינהייט־פראָנט, וואָלט ער געקענט דינען אַלס דער באמת באַרופענער אינציאַטיוו־קערן אויף צוזאַמענרופן דעם עכטן קאָנגרעס פון יידישן אַרבעטער־פאָלק. אויף דעם קאָנגרעס וואָלטן באַהאַנדלט געוואָרן סיי די פראַגע פון אַנטי־פאַשיסטישן באָיקאָט, סיי די פּראָבלעמען פון קאָלאָניזאַציע, סיי די וועגן פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט און פאָליטישן קאַמף אין די געבורט־לענדער. עס וואָלטן געבאָרן געוואָרן נייע לייזונגען אויף אַזאַ קאָנגרעס פון אַרבעט־ און מענטשן־סאָלידאַריטעט. עס וואָלט דאָרטן געבאָרן געוואָרן נאָך עפּעס וויכטיקערס: אַ טיפע אינערלעכע באַגייסטערונג און אַן אַקטיווער גלויבן אין די אייגענע כוחות. (זאָלן מיר נישט פאַרגעסן, אַז די לעצטע מפּלות פון וועלט־סאָציאַליזם און די „אַרבעט” פון יידישע רעאַקציאָנערע קרייזן האַלטן אין איין צעשטערן די סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס אויף דער יידישער גאַס). ווער ווייסט, צי וואָלטן נישט דעמאָלט פאַרשווונדן צום טייל די שווערע שאָטנס, וואָס ליגן היינט איבער דעם יידישן פאָלקסלעבן. יעדנפאַלס, די מאַסן און די יוגנט וואָלטן זיך אונטערגענומען פירן אַ נייעם קאַמף פאַר זייער לעבן און ווערדע, פאַר זייער אייגענעם קיום און פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרייהייט־ציל.

דערמיט וועל איך, ה״ח, פאַרענדיקן דעם בריוו. איך פאַרשטיי גוט ווי נישט פולשטענדיק און אפשר צופעליק עס זענען דאָ אויסגערעכנט אונדזערע אויפגאַבן אַלס סאָציאַליסטן. אָבער — עס האַנדלט זיך נישט וועגן געלונגענע פאָרמולירונגען. עס האַנדלט זיך וועגן דעם עצם ענין. עס שיינט מיר, אַז עס זענען היינט דאָ די היסטאָרישע פאָרויסזעצונגען און די קאָנקרעטע אויפגאַבן פאַר אַן איינהייט־פראָנט. מען מוז נאָר האָבן דעם כוח גובר צו זיין די שטערונגען, וועלכע עס שטייען אויף זיין וועג. אָט צוליב דעם צוועק שרייב איך אייך דעם בריוו און בעט אייך צו ווידמען אים אייער אויפמערקזאַמקייט. מיין בריוו צו אייך איז אַ פּריוואַטער, אָבער אין אַזעלכע וויכטיקע פראַגן מישט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך אויס דאָס פּריוואַטע מיט דעם געזעלשאַפטלעכן. דאָס, וואָס מיר האָבן זיך צו זאָגן איינער דעם אַנדערן, איז זיכער ווערט, אַז עס זאָלן דערפון וויסן יענע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אין נאָמען פון וועלכע מיר טרעטן אַלע אויף.

מיט פייערלעכן חבר־גרוס...

לאָנדאָן, מאַי 1933.

***

ווי געזאָגט, דער בריוו איז געבליבן אָן אַן ענטפער. עס איז נישט געווען קיין צופאַל, עס איז געווען — ביי די היינטיקע באַציִונגען צווישן די פאַרטייען — צו דערוואַרטן. אַן איינהייט־פראָנט צווישן זיך קענען זיך די יידישע סאָציאַליסטן דערווייל נישט פאָרשטעלן. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ ריכטיקן איינהייט־פראָנט נאָר אין איין פונקט: אין דעם אָפּזאָגן זיך פון אַן איינהייט־פראָנט.

זאָל זיין אַזוי. אָבער וואָס האָבן די יידיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען אויפ־

געטאָן אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר יעדע פּאַר זיך אַליין? די ציוניסטישע סאָציאַליסטן זענען אויף הונדערט פּראָצענט פאַרנומען מיט דער אַרבעט פאַר פּאַלעסטינע. צי זיי ווילן צי זיי ווילן נישט, זייער טיפסטע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט אַהין, זייער ענערגיע האָט נישט קיין אָנשפּאַר אין די גלות־לענדער. זיי האָבן דורכגעפירט אַ גרויסע פאָלקס־קאַמפּאַניע ביי די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, זיי פירן אָן אַ קאַמף מיט דעם רעוויזיאָניסטישן פליגל, — אָבער די אַרבעט לאָזט נישט איבער קיין פּראָדוקטיווע שפּורן אין די לענדער; זי איז אַלץ געווענדט אַהין, צום איינציקן לאַנד. אין די מיליאָניקע מאַסן ווערט געוועקט די האָפענונג און דער טרוים פון ארץ־ישראל; אָבער די מאַסן בלייבן אויף אָן אָרט אָן אויסוועג און האָפענונג אין דעם אָרומיקן לעבן. אַזוי אָרום פאַרבינדט זיך גליענדער חלום מיט אייזיקן יאוש אין איין און דער זעלביקער יידישער סביבה. — דער סאָציאַליסטישער ציוניסט איז אין זיין אַרבעט געבונדן צו דער קאָאַליציע מיט דעם ציוניסטישן בירגערטום. צי ער שלאָגט זיך מיט אים אָרום, צי ער איז מיט אים סאָלידאַריש, — ער קען זיך נישט צעווענדן מיט דער גאַנצער איבערגעבנקייט צו די אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אַליין. ער איז, אַלזאָ, צוויי מאָל געפּענטעט פון אינעווייניק: דורך דעם פּראָגראַם און דורך דער באַוועגונג.

אָבער די נישט־ציוניסטישע סאָציאַליסטן, דער „בונד" ראשית־כל, זיי זענען דאָך נישט געפּענטעט פון אינעווייניק, וואָס טוען זיי אין דער היינטיקער צייט? האָבן זיי אויך וועלכן נישט איז געביט געפירט די אַרבעט פון אָדער פאַר די יידישע מאַסן אויף נייע וועגן?

— אָט איז דער ערשטער געביט וועלכער צייכנט זיך אָן אין די צייטן פון גזירות: צדקה־הילף. זי איז אינגאַנצן געבויט און אויסגעפירט געוואָרן פון די יידישע באַלעבאַטישע און אַריסטאָקראַטישע קרייזן. סאָציאַליסטן זענען גע־ווינט צו באַציִען זיך מיט ביטול צו אַזאַ אַרבעט. זיי מעגן עס טאָן נאָר אין איין פאַל: ווען זיי שאַפן מיט אייגענע כוחות אַנדערע פאַריינען פון סאָציאַלער הילף. אין דעם יאָר 1933 האָבן זיי עס אין ערגעץ נישט געשאַפן. אין רוסלאַנד פון די מלחמה־יאָרן האָבן סאָציאַליסטן אַריינגעוואָרפן זיך מיט ברען אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די געיאָגטע וואַנדערער־מאַסן. זיי האָבן נישט נאָר אויפגעהאַלטן דעם מוט פון די געיאָגטע, זיי האָבן אַריינגעבראַכט קאָנסטרוקטיוון כוח אין דער צדקה־אַרבעט פון די גבירים. אין אַמעריקע האָט נאָך דער מלחמה פונקציאָנירט אַ „פיפּל־רעליף" פון די יידישע אַרבעטער וועלכער האָט געטאָן זיין אייגענע אַר־בעט צווישן די מאַסן פון מיזרח־איירָאָפּע. — היינט טוט עס קיינער נישט פון די סאָציאַליסטן: נישט אין פּוילן, נישט אין אַמעריקע, נישט אין לאָנדאָן. אַלץ איבערגעלאָזן אין די הענט פון פילאַנטראָפּן און זייער ביוראָקראַטיע. אין יאָר 1934 הערשט אויף דער יידישער גאַס דער בעל־צדקה, דער פּרנס, דער גבאי פּונקט ווי אין די גאָר אַלטע צייטן.

דאָס באַטייט, אַז דער יידישער סאָציאַליסט שיידט זיך אָפּ פון די טאָג־טעג־

לעבע בלוטיקע ליידן פון זיינע אייגענע מאַסן. ער שיידט זיך אָפּ פון זיי אויף אַלע געביטן. אַט איז דער געביט פון אַנטי־היטלער־ב אָ י ק אָ ט. חדשים־לאַנג האָט דער „בונד" ניט געוואָלט צוהערן זיך צו אָט דעם געשריי נאָך אָרגאַניזירטן באָיקאָט, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון פאָלק. מען האָט מורא געהאַט צוטרעטן נעענטער צו ד ע ם קאַמף־מיטל, ווייל... די יידישע בירגערלעכע קרייזן האָבן זיך גענומען פאַר אים. איז עס געווען אַ גענוגנדער גרונד? קען אַ סאָציאַליסטישע פאַרטיי לעבן דערפון, וואָס זי איז נאָר אַנטיבירגערלעך (און אַנטיציוניסטיש)? טאָר זי ניט גיין איר אייגענעם וועג, ווען אַפילו ער פאַלט זיך אַמאָל צונויף מיט אַ פרעמדן לאַגער? 1) — ערשט ווען די באָיקאָט־אידעע איז נאָך פולע חדשים מיטן האַלבן מויל אָנערקענט געוואָרן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט דער „בונד" צוגעלאָזן אין זיינע רייען דעם קאַמף־מיטל. אָבער ער האָט זיך ניט פאַרבונדן דורך אים מיט די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן, ער האָט אים דערלויבט זיין נאָר אַ פּראָלעטאַרישע באַוועגונג. און אַפילו אין דער ראַם האָט ער זיך ניט צונויפגעבונדן מיט די אַנדערע יידיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. ער האָט עס פאַקטיש פאַרוואַנדלט אין אַ „פּאַרטיי־אַקציע". אַזאַ אַקציע האָט ניט געקאָנט לאַנג דויערן. זי האָט ניט געהאַט דעם שוווּנג פון די ערשטע חדשים פון יידישן פאָלקס־אויפברויז, זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומרייסן זיך מיט די אַנדערע באָיקאָט־אָרגאַניזאַציעס. און זי האָט זיך אויסגעלאָשן גאָר גיך. דער יידישער סאָציאַליסט האָט ניט פאַרשטאַנען אָנצופירן אין אַ וועלט־מאַסשטאַב די סטיכישע פאָלקס־אַקציע.

אָט די דאָזיקע דאָגמאַטישע איזאָלירטקייט פירט דערצו, אַז דער בונדיסט איז אַ קעגנער פון אַ יידישן אַ ר ב ע ט ס ־ ק אָ נ ג ר ע ס. ער וויל אים ניט, ווייל ער זעט אין אים אַ פאַרשטעלטן כלל ישראל. ער האָט נאָר איין פאַרבינדונג אין דעם וועלט־מאַסשטאַב. דאָס איז די פאַרבינדונג מיטן ו ו ע ל ט ־ פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט. — זאָל זיין אַזוי. אָבער צי מעג מען היינטצוטאָג איבערהזרן אָן קריטיק אָט דעם פאַר אונדז אַלעמען טייערן באַגריף פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט? אויב ער איז ניט קיין טעאָרעטישע אַבסטראַקציע, איז ער אַ סומע פון רעאַלע־עמפּנדיקע און פילנדיקע אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט. זיי לעבן היינט איבער אפשר די שווערסטע צייט זינט זייער אויפשטייג צו אַ קאַמף־לעבן. זיי זיינען אַלע, יעדע פּראָלעטאַרישע מחנה אין איר לאַנד, אין אַ לאַגע וואָס זי קען זיך אַליין קיין עצה ניט געבן. לאָמיר ניט פאַרגעסן אַז די אינטערנאַציאָנאַלן האָבן נ י ט געהאָלפן מיט עפּעס אַקטיוו ניט די דייטשע און ניט די עסטרייכישע אַרבעטער. די לאַסט איז געוואָרן צו שווער אומעטום, און די אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן פאַלן אָפּ די ערשטע.

צי מעגן יידישע סאָציאַליסטן אין אַזאַ לאַגע טרייסטן דעם יידישן האָרע־

---

1) פּאַרטייען וואָס זיינען נאָר „אַנטי־בירגערלעך" באַגייען צוויי פעלערן: ערשטנס פאַרזעען זיי אַז אויך יענער צד קען זיין אַמאָל גערעכט, מען דאַרף נאָר קענען קלוג אַריבערנעמען ז י י נ ע אידעען. צווייטנס טעמפּט אָפּ אַזאַ איינשטעלונג די א י י ג ע נ ע שעפערישע אַרבעט.

פּאַשניק מיטן אָנווייז אויף דעם „וועלט־פּראָלעטאַריאַט״? האָבן זיי דאָס רעכט אָפּצוּוואַרפן צוליב יענער אומצוּווייפלבאַרער סאָלידאַריטעט די מעגלעכע סאָלידאַריטעט פון אַ יידישן אַרבעטס־פאָלק אין אַ קאָנגרעס? מען וועט זאָגן: „אַרבעטס־פאָלק״ איז דער פּסעוודאָנים פון די ק ל יי נ ב י ר ג ע ר ל ע כ ע יידישע מאַסן, פון די קליין־הענדלער, בעל־מלאכות, כאַלופּניקעס, לופט־מענטשן. ווי קען זיך דער יידישער אַרבעטער פאַרבינדן מיט זיי? יאָ, געפינען אַ וועג צו אָט די קליינבירגערלעכע האָרעפּאַשנע מאַסן און זייער יוגנט — איז די אַקטועלסטע אויפגאַבע פון יידישן סאָציאַליזם. די אויפגאַבע איז — ניט איבערגעבן זיי מיט די אייגענע הענט צו די פּאַרטייען פון דער „אַגודה״, פון די רעוויזיאָניסטן און אַנדערע. פאַרלירן זיי הייסט אָפּהענגיק מאַכן דעם פאַרויס־שטרעבנדיקן יידישן אַרבעטער אויף אַ ל ע געביטן. (דער עסטרייכישער אַרבעטער האָט צום טייל פאַרלאָרן דערפאַר ווייל ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דעם האָרעפּאַשנעם פּויער). וועט דער יידישער סאָציאַליזם געפינען אַ וועג צו אונדזערע מאַסן, וועט ער זיי אידעאָלאָגיש פירן אויף אַלע געביטן: אין דער הילפס־אַרבעט, אין פּראָדוקטיוויזירונג־פּראָצעס, אין קאָאָפּעראַטיוון אויפבוי, אין פּאָליטישן באַיקאָט, אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. און ווער קען בעסער אַוועקשטעלן די אַלע פראַגן, אויב ניט דער יידישער אַרבעט־קאָנגרעס?

אָבער יידישע סאָציאַליסטן האָבן נאָך ניט אויסגעקעמפט פאַר זיך די פרייהייט, די באַפרייונג פון דאָגמאַטישן דענקען. זיי שטרעבן ניט דערצו צו שאַפן ד ע ם פּראָגראַם, וועלכן עס מאָנען די ליידן, די האָפענונגען פון זייערע אייגענע מאַסן. די אַנטוויקלונג פון דער וועלט־געשיכטע איז פאַר זיי, ראשית כל, מאַטעריאַל אויף צו באַפעסטיקן די טעאָרעטישע לערעס. יעדע נייע דערשיטערנדיקע געשעעניש פון דער איצטיקער עפּאָכע איז אַן „אַרגומענט״ פאַר דער ריכטיקייט פון אונדזער טעאָריע און פאַר דער פאַלשקייט פון יענעמס... און אויב מען קען זיך אַליין ניט אַנטשליסן צו טאָן, רופט מען אָפּ די אַנטשלוסן ביז אַזאַ אָדער אַנדער קאָנגרעס אָדער קאָנפערענץ פון אינטערנאַציאָנאַל וועט זיך צונויפקומען. אַזוי לעבט מען פון קאָנגרעס ביז קאָנגרעס, מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא.

## 4. וואָס ווייטער

די יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען האָבן נאָך ניט געפונען זייער עכטן קול, זייער ריכטיקן וועג. ווי זאָל מען אים זוכן? אפשר מוז מען, כדי אַרומכאַפּן מיטן גייסטיקן אויג דעם גאַנצן מצב פון אונדזער פאָלק אין דער וועלט, אָפּטרעטן פון פאָלק אויף אַ מהלך?

אָט שטייט עס פאַראיינזאַמט אין דער גרויסער וועלט. פון גוואַלטיקע פיינדלעכע כוחות אָפּגעשטויסן, פון פריינדלעכע כוחות פאַרלאָזן. ווי אָפט דוכט זיך אויס, מען שטייט אין אַ וויסטעניש און געדיכטע וואָלקנס פון שטיקנדיקן שטויב באַלאַגערן די איינזאַמע מחנה. עס איז פינצטער אַרום און פון אַלע עקן

פון דער פינצטערניש גלאַנצן אַרויס פייערלעך פון האָסנדיקע אויגן. און מען שפּירט, ווי עס דערנענטערן זיך, פאַמעלעך און גנבותדיק, טריט פון אומזיכט־באַרע פיינד. אַט אַזוי זיינען מיר, אַט אַזוי איז די וועלט־סביבה... וואָס זאָל מען טאָן כדי צו ·צעברעכן די געשפּאַנטקייט צווישן אונדז און אַרום, כדי די איי־גענע כוחות זאָלן אונדז ניט פאַרלאָזן?

ווייל מען ניט אונטערגיין, באַגיין זעלבסטמאָרד, זיינען דאָ נאָר צוויי וועגן. צוויי וועגן וואָס זיינען אין תוך איין וועג. מען מוז אָנהייבן אַ קאַמף קעגן דעם אַ ר ו ם און אין א ו נ ד ז גופא. אַ קאַמף קעגן דער אַרומיקער וועלפישער סאָציאַלער און פּאָליטישער וועלט. קיין שום קאָמפּראָמיסן מיט איר, צוליב קיין שום הויכע אידעען ניט; מעג עס זיין יראת שמים אָדער אויפבוי פון א״י, אָדער „וועלט־פּראָלעטאַריאַט". די פּיין פון די יידישע מאַסן איז אַזוי גרויס און אַזוי מאָנענדיק, אַז מיר טאָרן ניט מאַכן שלום מיט דער היינטיקער געזעלשאַפט אפילו אויף איין טאָג. אין שלום לרשעים. דער פּאַשיסטישער שונא זאָל וויסן, אַז אין אונדז האָט ער דעם אומברחמנותדיקסטן ווייל אייביקן טויט־פיינט. דער אַרום, וועלכער איז פיינטלעך, מוז צעבראָכן ווערן.

דאָס איז איין וועג. דער אַנדערער איז קאַמף אין אונדז קעגן אונדז גופא. מיר וועלן ניט קענען אַנטקעגנשטעלן זיך דער פיינדלעכער וועלט, אויב מיר אַליין וועלן זיך ניט פאַרוואַנדלען אין מאָראַלישן שטאָל און אייזן. און דאָס הייסט, אַז אונדזער גאַנצער פאָלקס־לעבן מוז פון גרונט אויס איבערגעבויט, איבערגע־אַנדערשט ווערן. מיר האָבן אין זינען דערביי ניט נאָר דעם סאָציאַלן איבערבוי פון אונדזערע מאַסן, די פּאָליטישע אומגרופּירונג פון די פּאַרטייען, די געאָגראַ־פישע איבערזידלונג (קיין פּאַלעסטינע אָדער אַן אַנדער נייאַנד). עס האַנדלט זיך וועגן אַ טיפערער זאַך: וועגן אַן אינערלעכן, טיף־גייענדיקן נ ש מ ה־א י ב ע ר ב ו י. אין רויטן שיין פון די רדיפות און גזירות זאָל דאָס פאָלק ד ע ר־ז ע ן זיין אייגענעם לעבן, די מיאוסקייט, די אָרעמקייט, די געפאַלנקייט זיינע. דערזען עס, פאַרציטערט ווערן און דערהויבן זיך איבער זיך אַליין. עס זאָל קומען אַזוינס עפּעס ווי אין יענע „משיחס צייטן", ווי אין דער צייט פון די רעליגיעזע פאָלקס־באַוועגונגען, ווען מען האָט געוואָרפן געשעפטן און פּרנסה, אָפּגעזאָגט זיך פון פאַמיליע און זיכערקייט, — און געגאַנגען נאָך דער גאולה. עס זאָל געבאָרן ווערן אין פאָלק, אין זיינע לײַדנדיקע מאַסן אַ נייע פּ ר יי נ ט ש אַ פ ט, מענטשן זאָלן מיט נייע אויגן דערזען איינער דעם אַנדערן און אויפסניי פאַר־בינדן זיך. מען זאָל מאַכן אַ סוף צו דער דורכויסיקער קרעמערישקייט, צו די קליינע השגחלעך פון קליינע מענטשעלעך, צו דער יאָגעניש נאָך לאַסקעס פון שטאַרקע. עס זאָל אויפקומען דער העלדנמוט פון אַמאָל אין דער אויפסניי אויפ־געוואַכטער יידישער מענטש־געמיינשאַפט. העלדנמוט לגבי דער אויסערלעכער פריינדלעכער וועלט, אָבער העלדנמוט, ראשית־כל, לגבי זיך אַליין. מען זאָל האָבן דעם מוט אויסצוראָמען אין דער יידישער סביבה די אומגערעכטיקייט און פאַלש־קייטן פון מסחר, פון קהלשן לעבן, פון געפאַלענער גייסטיקייט.

ערשט פון דעם דאָזיקן מאָראַלישן דורכבראָך אין דער יידישער נשמה וועלן אַרויסוואַקסן און פאַרפעסטיקן זיך אויף אַן אמת די רעאַלע פּלענער פון — סאָציאַ־לער איבערשיכטונג, פּאָליטישער אומגרופּירונג, געאָגראַפישער איבערזידלונג. ערשט דעמאָלט וועלן די פאַרטייען דערשפּירן אַ צושטראָם פון ניי לעבן אין זייער ביזאַיצטיקער אַרבעט. אַ פאָלק, געשפּאַנט ווי אַ סטרונע, מיט גלויביקע אויגן געווענדט צו דער צוקונפט, קען אויפטאָן גוואַלטיקע טאַטן. אַ פאָלק, וואָס איז געלייטערט דורך ליידן, וואָס האָט פאַרשטאַנען ווי ווייניק עס באַטייטן היינט פּאָזיציעס פון רייכקייט און כבוד, קען אויפטאָן גוואַלטיקס. און דעמאָלט וועט עס אַקטיוו איינווירקן אויף דער ד ר ו י ס נ ד י ק ע ר וועלט וואָס איז רייף געוואָרן אונטערצוגיין.

עס זיינען צוויי אויפגאַבן: קאַמף קעגן דער פיינדלעכער סביבה — און דערצו פאַרבינדן זיך מיט די ערלעכע, לעבנסמוטיקע טיילן פון דער אַרבעטנדי־קער מענטשהייט. און די צווייטע אויפגאַבע — קאַמף אין אונדז קעגן אונדז, כדי דעם אייגענעם לאַגער צו היילן.ביידע אויפגאַבן זיינען צונויפגעפלאָכטן צווישן זיך. מיר וועלן ניט איבערקערן די וועלט פון רשעות אויב מ י ר וועלן ניט ווערן דער קעגנזאַץ פון בייז. און מיר וועלן ניט ווערן באַפרייט פון אונדזער בייז אַזוי לאַנג ווי אַ וועלט פון רשעות וועט שטיין אַרום אונדז. ביידע צילן שטייען גלייך פאָדערנדיק פאַר דעם געוויסן פון יידישן סאָציאַליסט.

* * *

און דאָ קומען מיר צו דער סאַמע שווערסטער פראַגע: צי איז מען גאָר בכוח דורכצופירן אַזעלכע אויפגאַבן אין דער ראַם פון די ה י י נ ט י ק ע אָר־גאַניזאַציעס, אַלגעמיינע און יידישע? צי קען מען היינטצוטאָג — אַזוי ווי די לאַגע האָט זיך היסטאָריש געשאַפן אין די אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע מחנות — באמת פירן אַ קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט? צי האָט עס אַ זינען לייגן כוחות אויף אָפּצופרישן און ענדערן די איצטיקע פאַרטייען, וועלכע זיינען אַזוי צעבראָכן דורך זייערע פעלערן און פאַרברעכן, — אָדער איז בעסער אָנצור־הייבן בויען אויפסניי? און פונקט דיזעלביקע פראַגע שטעלט זיך אין יִ ד י ש ן לעבן. צי קען מען בכלל שטעלן זיך רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן אין ראַם פון אונדזערע ביז איצט עקזיסטירנדיקע גרופּירונגען און חברות? צי וועט נישט פאַרלאָרן גיין יעטוועדע מי אויף אָפּצופרישן אָדער ענדערן זייער טראַדיציאָנעלן גאַנג? צי וואָלט ניט ריכטיק געווען אָנצוהייבן בויען אויך דאָ א ו י פ ס נ יי?

עס שיינט אָפּט, אַז אַ נייע באַוועגונג מוז אויפקומען מחוץ (ניט קעגן!) פון די היינטיקע יִדישע מחנות. עס זאָלן זיך זאַמלען מ ע נ ט ש צ ו מ ע נ ט ש אַלע, וואָס זעען דעם חורבן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וואָס פילן זיך ניט געבונדן צו אירע „דערפאָלגן”, וואָס ווילן אַרויסראַטעווען פון איר דאָס בעסטע און איידלסטע. עס זאָל בשום אופן ניט זיין אַ בונד פון „צדיקים”, וועלכע שיידן זיך אָפּ פון דער וועלט, כדי צו זאָרגן פאַר זייער נשמה. די נייע באַוועג־

גונג זאָל פאַרקערט האָבן אין זינען נאָר די גרויסע געמיינשאַפט פון מענטשן און ייִדן, זאָל אין איר און דורך איר דערקלערן, פריידיקן, פאַר־ווירקלעכן די נייע אויפגאַבן. די באַוועגונג טאָר נישט זיין ענלעך, אין אירע מעטאָדן און אויפבוי, צו די אַלטע פאַרטייען און חברות. זי מוז דורכגעדרונגען זיין פון אַן אַסקעטישן גייסט, אין גאַנצן געווידמעט דער מיסיע פון דעם היינ־טיקן דור. אַסקעטיש הייסט ניט נזירות, אָפּגעשיידקייט פון דער וועלט; פאַר־קערט, אין די רייען פון דער נייער באַוועגונג וועט הערשן באַגייסטערונג און עכטע פרייד פון לעבנס־דערפרישונג. עס וועט הערשן די פרייד פון אַ נייער ייִדיש־מענטשלעכער חברשאַפט. די באַוועגונג וועט קעמפן און ווירקן אין דער ייִדישער סביבה, אָבער איר אויסקוק, איר האָריזאָנט וועט זיין נאָר די מענטש־הייט אַלס גאַנצע. ייִדישער אויפשטייג איז שטענדיק געווען און וועט אויך איצט זיין אויפשטייג פון דעם גאַנצן מענטשן־געשלעכט. די נייע „ייִדישע” באַ־וועגונג וועט גלייכצייטיק זיין אַ וועלט־באַוועגונג: פאַר זיך און פאַר אַלעמען.

אָט דאָס איז די פראַגע: צי מוז געשאַפן ווערן אַ נייע באַוועגונג אָדער איר מיסיע קען אויסגעפירט ווערן אין די אַלטע ראַמען פון דער ייִדישער וועלט? און אויב אַ נייע באַוועגונג, ווער זאָל זי אָנהייבן?

אונדזער צייט איז גרויס אין ליידן און גזירות; גרויס לויט די בייזע כוחות וואָס זי האָט אַרויסגערופן. זאָל זי ווערן גרויס אין דעם העכערן זינען, זאָל זי געפינען אַ דור וועלכער וועט אַרויסרייסן די וועלט פון איר יאוש און מאַכן דעם גרויסן שריט פאָראויס, אין דער צוקונפט.

(„פרייע שריפטן”, יולי 1934).

# יידישער פרייהייט־בונד

## (פאַר דער קאַטאַסטראָפע)

### 1

קיינער פון אונדז ווייס נאָך נישט היינטצוטאָג, ווו און ווען עס וועט אויסברעכן די קאַטאַסטראָפע, דער וועלטקריג. קיינער פון אונדז ווייס אַפילו נישט, צי די קאַטאַסטראָפע וועט בכלל אויסברעכן אין יענער פאָרם און געשטאַלט, ווי מיר דערוואַרטן זי נאָך דעם מוסטער פון דער פאַרגאַנגענער וועלט־מילחמה. אָבער עס איז נישט מעגלעך מער צו צווייפלען אין דעם, אַז אַזאַ קאַטאַסטראָפע דערנענטערט זיך צו אונדז מיט ריזנשריט, אַז מיר אָטעמען שוין כמעט מיט איר פאַרפעסטעטן אָטעם. אפשר וועט די וועלט־אַנטוויקלונג אין לעצן אויגנבליק זיך אַ קירעווע טאָן אין אַ נייער ריכטונג פון פּאָליטישן און סאָציאַלן שכל הישר; אָבער דערווייל מוזן מיר זיך רעכענען מיט יענער האַסטיק־לויפנדיקער ריכטונג, וועלכע פירט דירעקט צום כאַאָס און אונטערגאַנג.

ווי טיף האָט זיך געענדערט אין א יי ן י אָ ר ציַיט דאָס בילד פון אייראָפּע. יענע שוואַרצע מאַכט, וועלכע איז אויפגעקומען אין דייטשלאַנד, איז פאַר דער צייט געוואָרן די הערשנדיקע אין אייראָפּע. זי דיקטירט איר ווילן סיי די מלוכות, וואָס ווילן איר געהאָרכן, סיי די, וואָס פּרוּוון איר שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אַ גרויסער טייל פון אייראָפּע איז שוין אונטער דער מאַכט פון פאַשיזם: דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, אונגאַרן, רומעניע, די באַלקאַן־לענדער, לעטלאַנד, טערקיי. דער אַנדער טייל מלוכות און פעלקער זיינען געצוווּנגען איבערצובויען זייער אינערלעכן און אויסנפּאָליטישן לעבן אונטער דעם דרוק פון דער היטלעריסטישער מאַכט. היינט איז עס שוין נישט מער נאָר „אידעאָלאָגישער", שאָוויניסטיש־אַנטיסעמיטישער דרוק; היינט האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן און מיליטאַריסטישן דרוק, וואָס לאָזט נישט אָפּ אויף אַ טאָג, וואָס האָט שוין פיקסירט די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף דעם איינאיינציקן פונקט: מ י ל ח מ ה!

די פראַנצויזישע מלוכה האָט זיך מיט אימפעט געוואָרפן אויף נייע באַוואָפענונגען, אויף פאַרלענגערן דעם מיליטער־דינסט, אויף מיליטאַריזירן דאָס עפנטלעכע לעבן. ענגלאַנד, די רעגירונג פון מאַקדאָנאַלדן און באַלדווינען, האָט זיך

מיט נישט קיין קלענערן אימפעט גענומען „פאַרדרײַפּאַכן“ אירע מיליטערישע הכנות צו דעם צוקונפטיקן צוזאַמענשטויס. אָט די רעגירונג האָט געטאָן אין פאַרלויף פון צוויי יאָר אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, כדי צו פאַרשטאַרקן, צו געבן פרעסטיזש און אַ נאָמען דעם נאַצי־רעזשים, כדי צו פאַרווישן די שאַנדטאַטן פון יענעם רעזשים אין די אויגן פון ענגלישן פאָלק. ערשט איצט אַז דײַטשלאַנד איז אומגעהייער אויסגעוואַקסן אין דער וועלט, אַז עס האָט גענומען וואַקסן איבערן קאָפּ פון דער ענגלישער מלוכה, האָבן זיך די מלוכה־לײַט געכאַפּט פאַרן קאָפּ און געלאָפן בויען אין די טויזנטער לופטשיפן און גאַז־לאַבאָראַטאָריעס. דער ראַטנפאַרבאַנד איז נישט נאָר אַרײַנגעטאָן בראשו ורובו אין באַוואָפענונגען, נאָר ער האָט אָפּגעשלאָסן אַ מ י ל י ט ע ר י ש ן אָפּמאַך מיט פראַנקרײַך. דאָס קאַפּיטאַליסטישע פראַנקרײַך און דאָס ראַטן־רוסלאַנד האָבן אָפּגערעדט צו שטיצן איינער דעם אַנדערן אין פאַל פון אַ מילחמה, און זייערע גענעראַל־שטאַבן אַרבעטן צוזאַמען בײַ דער צוגרייטונג פון אַזעלכע אָפּעראַציעס... מען גרייט זיך צו מילחמות אין אַלע עקן וועלט; און אָט פליִען פײַערדיקע פונקען אין ווײַטן מיזרח, ווו יאַפּאַן שנײַדט אָפּ שטיקער פון לעבעדיקן לײַב פון כינע. און אָט שטעלט אויף אירע קריגערישע מחנות צום אָנגריף איטאַליע; פאַר אַלעמען אין די אויגן גרייט זיך מוסאָליני צום אָנפאַל אויף אַ ב י ס י נ י ע. און טאָמער דערמאָנט איר דעם ענגלענדער באַלדווין מכּוח דער עפנטלעכער מיינונג אין אייראָפּע, ענטפערט אים אָפּ מוסאָליני מיט לײַדער באַרעכטיקטן שפּאָט: „די אַזוי גערופענע עפנטלעכע מיינונג פון אויסלאַנד איז נישט עפּעס מער ווי אַ לעכערלעכע ליאַלקע, וועלכע וועט ווערן פאַרברענט פון די שוואַרצהעמדלעך“.

צי שטעלט זיך די וועלט פאָר, וואָס פאַראַ נײַע געפאַרן־געביטן עס עפענען זיך מיט דעם אָנהייב פון דעם איטאַליענישן קריג אין אַפריקע? צי אַביסיניע וועט געווינען דעם קריג, צי זי וועט אים פאַרשפּילן, אַלץ איינס וועט ער אַרויסרופן די נאַציאָנאַליסטיש־מיליטאַריסטישע דערוואַכונג פון די שוואַרצע פעלקער אין גאַנץ אַפריקע. עס איז געווען אַ גרויסער היסטאָרישער שאַנס אַרײַנצוציִען און באַהעפטן די שוואַרצע מיט די בעסטע רעוואָלוציאָנערע כּוחות פון וועלט־סאָציאַליזם. וואָלט די רוסישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַנטוויקלט זיך פרײַ, וואָלט דער אינטערנאַציאָנאַל געהאַט אין זינען נאָר די באַפרײַונג פון די אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער, דעמאָלט וואָלט זיך די דערוואַכונג פון די שוואַרצע (אין אַפריקע און אַמעריקע) און די ברוינע (אין אַזיע) פאַרבונדן מיט די העכסטע באַפרײַונגאידעען פון דער מענטשהײַט. דאָס איז נישט געשען; און וועט עס קומען צו אַ מילחמה מיט אַביסיניע (וועלכע ווערט באַוואָפנט מיט די הענט פון די אייראָפּעישע „ווײַסע“ מלוכות), דעמאָלט וועלן זיך די שוואַרצע פון גאַנצן קאָנטינענט פאַרבינדן צווישן זיך אויף דעם אַנדערן גוט באַקאַנטן יסוד: אויפן יסוד פון ראַסיסטיש־נאַציאָנאַלן און מיליטעריש־אַגרעסיוון פראָנט. אַזוי איז עס געווען מיט יאַפּאַן און כינע, בעת די ווײַסע ציוויליזאַציע איז אַרײַנגעדרונגען אַהין. אַזוי וועט

עס ווערן מיט דער שוואַרצער ראַסע, וועלכע וועט אַזוי אַרום נאָר פֿאַרשטאַרקן די באמת שוואַרצע, צעשטערנדיקע כּוחות פֿון דער וועלט־רעאַקציע.

מען גרייט זיך צו מילחמות — און ווו זײַנען די פּראָגרעסיווע כּוחות וואָס זאָלן קענען אָפּשטעלן זיי? דאָס וואָלטן געקענט זײַן די אַרבעטער־מאַסן אין די איינצלנע לענדער און זייער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענבונד. אָבער ווו איז דער אינטערנאַציאָנאַל פֿון די אַרבעטער? זאָל עס זײַן דער צווייטער, יענער וועלכער פֿאַראייניקט אין זײַנע רייען די רעפֿאָרמיסטישע, לעגאַל־פּאַרלאַמענטאַרישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען? געווים, די גרויסע פּאַרטייען פֿון **דעם** אינטערנאַציאָנאַל טרעטן בסדר אַרויס מיט רעזאָלוציעס פֿאַרן שלום, אַפּעלירן בסדר צו זייערע רעגירונגען און צום פֿעלקערבונד מכּוח שלום. די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי גייט אין איר יאָגעניש נאָך שלום אַזוי ווײַט, אַז זי איז פּאַקטיש גרייט צו פֿאַרבייגן, צו פֿאַרטושן די גרוילטאַטן פֿון דעם נאַצי־רעזשים, צו דערקלערן אים פֿאַר אַ גלײַכבאַרעכטיקטן מיט אַלעמען (אַזאַ פּאַציפֿיזם וואָס גייט ניט האַנט אין האַנט מיט רעוואָלוציאָנערער צעשטערונג פֿון נאַצי־רעזשים, וועט סוף־כּל־סוף קומען צונויף נאָר דעם דאָזיקן נאַצי־רעזשים). אָבער — ווער קאָן צווייפֿלען דערין, אַז בײַ זייער גאַנצן פּאַציפֿיזם אין שלום־צײַטן וועלן די מייסטע סאָצ׳־דעמ׳ פּאַרטייען ווערן פּאַטריאָטיש־לאָיאַל אין דער מילחמה־צײַט? זיי פֿאַרלאַנגען אויפֿריכטיק אַ שלום־פּאָליטיק, ווײַל זיי באַטראַכטן זי אַלס די בעסטע צום שוץ פֿון זייער לאַנד און **נאַציע**; זיי וועלן אָבער, אַלץ לשם דעמזעלביקן לאַנד און נאַציע — גיין אויך אין קריג, ווען די „מלוכה״ וועט רופֿן. איין פּאַרטיי איז דאָ אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל וועלכע וואָלט אפשר געקענט קוקן אַנדערש אויף דער פֿראַגע, ווײַל זי האָט זיך לעצטנס פֿאַרבונדן מיט דעם קאָמוניסטישן לאַגער. דאָס איז די **פֿראַנצויזישע** סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אָבער גראָד אין פֿראַנקרײַך האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן בולט די געפֿאַר פֿון דעם אייניקײַטלעכן פֿראָנט מיטן קאָמוניזם. די פֿראַנצויזישע קאָמוניסטן מוזן — לויט דעם אויפֿטראָג פֿון מאָסקווע — ווערן פֿרײַנד פֿון דער פּאַטריאָטישער באַוואָפֿענונג־פּאָליטיק פֿון פֿראַנקרײַך. אַזאַ לאַגע איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר זיי דורך דעם אָפּשלוס פֿון פֿראַנצויזיש־רוסישן מיליטער־בונד. אָבער די לאַגע האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשאַרפֿט צוליב דער אָפֿיציעלער דערקלערונג פֿון סטאַלינען וועלכע ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט בעת דעם באַזוך פֿון מיניסטער לאַוואַל אין מאָסקווע, דעם 15טן מײַ 1935.

„סטאַלין באַגרייפֿט און באַרעכטיקט פֿולשטענדיק די פּאָליטיק פֿון **נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידיקונג**, וועלכע פֿראַנקרײַך פֿירט, כּדי אויפֿצוהאַלטן איר באַוואָפֿנטע מאַכט אויף דעם נייטיקן שטאַנד פֿון זיכערקייט״.

אַזאַ דערקלערונג פֿון יענעם מענטשן, וועלכער איז גלײַכצײַטיק דער פֿאַקטישער שעף פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג און פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט געמוזט אַרויסרופֿן די גרעסטע צעמישונג אין די מוחות פֿון פֿראַנצויזישע קאָמוניסטן. אַקאָרשט זײַנען זיי געשטאַנען — צוזאַמען מיט די סאָציאַ־

ליסטן — אין קאַמף קעגן דער פֿאַרלענגערונג פֿון מיליטער־דינסט אויף צוויי יאָר, קעגן די מיליאַרדן־קרעדיטן אויף נײַע מאָרדוואָפֿן, קעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער דיקטאַטור פֿון גענעראַל־שטאַב. מיטאַמאָל האָבן זיי געזאָלט איבעראַנדערשן זייער מענה־לשון, ווערן פּאַטריאָטיש און מלוכה־געטרײַ נאָר דערפֿאַר, ווײַל אַזוי פֿאָדערט די פּאָליטיק פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, און די קאָמוניסטישע זשורנאַליסטן האָבן אָנגעהויבן מסביר צו זײַן: מיר וועלן טאַקע פֿאַרטיידיקן אין פֿראַנקרײַך דאָס פֿאָטערלאַנד, מער ניט דאָס וועט זײַן דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד... וועט היטלער אָנפֿאַלן אויף רוסלאַנד, וועט דער רוסיש־פֿראַנצויזישער פֿאַרטיידיקונג־קריג זײַן אַ רעוואָלוציאָנערער קריג... ווער עס וויל הײַנט שלום, דער שטיצט די אויסנפּאָליטיק פֿון רוסלאַנד...

אַזוי האָבן געקענט שרײַבן און רעדן די זשורנאַליסטן און געשוואָרענע פּאָליטיקער. אַזוי קאָן אָבער ניט טראַכטן און האַנדלען דער פּשוטער פֿראַנצויזישער פּראָלעטאַריער און האָרעפּאַשניק. פֿאַר אים באַטײַט די דעקלאַראַציע פֿון סטאַלינען און די פּאָליטיק פֿון דער קאָמ' פּאַרטיי נאָר איינס: שטעלן זיך אין איין ריי מיט דעם גאַנצן פֿראַנצויזישן נאַציאָנאַלן פֿראָנט, גיין אין קריג פֿאַר די אינטערעסן פֿון פֿראַנצויזישן קאַפּיטאַליזם. עס איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס די ערלעכע סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, סינדיקאַליסטן פֿון פֿראַנקרײַך האָבן ווי איין מאַן פּראָטעסטירט קעגן דער „נײַער ליניע". און מען קאָן פֿאַרשטיין די לײַדנשאַפֿטלעכע רייד פֿון דער „רעוואָלוסיאָן פּראָלעטאַריען", אָרגאַן פֿון די פֿראַנצויזישע רעוו' סינדיקאַליסטן: „עס איז פֿאַרראַט פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם! פֿאַרראַט פֿון דער רעוואָלוציע! וועלכע תּרוצים גיט אָן סטאַלין? פֿאַרטיידיקונג פֿון רוסלאַנד קעגן היטלערן, באַקעמפֿונג פֿון פֿאַשיזם, דערהאַלטונג פֿון שלום?...

אָבער קען מען קעמפֿן קעגן היטלערן, בעת מען ווערט דער פֿאַרטיידיקער פֿון ווערסאַלער אָפּמאַך און פֿאַרבינדעטער פֿון פֿראַנצויזישן אימפּעריאַליזם, — און די גאַנצע קראַפֿט פֿון היטלערן איז דאָך געוואַקסן פֿון אָט דעם אָפּמאַך! קען מען קעמפֿן קעגן פֿאַשיזם בעת מען פֿאַרבינדט זיך מיליטעריש מיט איטאַליע, דעם פֿאָטערלאַנד פֿון פֿאַשיזם, כּדי מיט געוואַלט צו האַלטן עסטרייך אונטער דעם יאָך פֿון פֿאַשיסט שטאַרהעמבערג? קען מען דערהאַלטן דעם שלום, בעת מען מאַכט נישט קיין איין זשעסט, כּדי אָפּצוהאַלטן דעם שותּף איטאַליע פֿון דער צוגרייטונג פֿון אַ מלחמה קעגן אַביסיניע?

ניין, מיר דערקלערן אָפֿן, אַז פּונקט ווי אין יאָר 1914, וועלן מיר אויך אין יאָר 1935 נישט מאַרשירן קעגן „פּרייסישן מיליטאַריזם". בלינד איז יענער ווער עס פֿאַרשטייט נישט, אַז די אַרבעטער פֿון פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, פֿון אומעטום מוזן צעברעכן דעם טייוולאָנישן קרייז, אין וועלכן עס ווילן זיי אַרייַנטרייבן סטאַלין און לאַוואַל, וואָראָשילאָוו און ווייגאַנד, היטלער און מוסאָליני".

עס איז פֿאַרשטענדלעך די טיפֿע אויפֿרעגונג פֿון די סאָציאַליסטן, אָבער מען זאָל זיך ניט מאַכן קיין אילוזיעס. רוסלאַנד איז הײַנט־צו־טאָג אַרײַנגעטראָטן מיט ביידע פֿיס אין דעם דיפּלאָמאַטישן און מיליטערישן קאַראַהאָד פֿון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות. זי וועט מוזן מיטמאַכן יענעם סיסטעם פֿון געהיימע און אָפֿענע אָפּמאַכן וועלכע האָבן ערב 1914 געפֿירט צום בלוטיקן אויסגאַנג. און ראַטנרוסלאַנד וועט דורכדעם אין אַ גרויסער מאָס צעמישן דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזײַן

פון די פראַנצויזישע און אַנדערע מאַסן: ווײַל ניט־באַמערקבאַר וועט זיך דאָך די מאַסקווער ליניע צונויפבינדן מיט יענער נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישער ליניע, וועלכע לעבט אין די מאַסן דורך טראַדיציע און געוווינהייט. און דאָס באַטײַט: די הײַנטיקע מלוכות ווערט נאָך מער דערלײַכטערט דער וועג צו מילחמות. דאָס באַטײַט: עס ווערט דערלײַכטערט דער וועג פאַרן אויפקום פון פאַשיזם אין פראַנקרײַך און אַנדערע לענדער.

## 2

די סכנה פון מילחמות האָט זיך אָנגערוקט אויף דער וועלט גאָר נאָענט: ניט נאָר דערפאַר, ווײַל די מלאכי חבלה פון מיליטאַריזם גרייטן זי צו, נאָר ווײַל זיי שטויסן זיך כמעט ניט אָן אויף קיין שום ווידערשטאַנד. אָט אין דער שווידער־לעכער פּאַנאָראַמע פון צוקונפטיקע מענטשן־שלאַכטן מוזן מיר אַרײַנשטעלן דאָס בילד פון דער י י ד י ש ע ר אַנטוויקלונג. מיר ווייסן, אַז קיין איין גרויס געשעעניש פון דער וועלט־געשיכטע ־גייט ניט פאַרבײַ, עס זאָל זיך ניט אָפּרופן שאַרף אויף דעם מזל פון יידישן פאָלק. ווי גרויזאַם־שאַרף וועלן זיך אָפּרופן די צוקונפטיקע געשעענישן, וועלכע וועלן ווערן באַגלייט פון ווולקאַנישע אויסברוכן פון באַרבאַ־רישקייט און יידנהאַס. איז דאָך שוין איצט די לופט אין אַ האַלבער וועלט פאַרסמט פון דעם דאָזיקן באַרבאַריזם. צי זעט מען בײַ אונדז — אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון אַלע אַרטן — פאָרויס דעם גוואַלדיקן פאַרנעם פון דעם יידישן וועלט־אומגליק וועלכער קאָן אויסברעכן אין יענער צײַט? צי הייבט מען ,זיך אָן גרייטן צו אים, כאָטש גײַסטיק, אין דעם נייטיקן פאַרנעם?

ניין, אונדזער ג אַ נ צ ע ר געזעלשאַפטלעכער לעבן ווערט געפירט אַזוי, ווי ווען אונדזער אומנאָרמאַלע לאַגע וואָלט זיך אַנטוויקלט אין אירע נאָרמאַלע גרע־נעצן. מען רעדט כסדר פון קאַטאַסטראָפעס אין אונדזער לעבן, אָבער מען זעט ניט און מען גרייט זיך ניט צו דער עכטער וועלט־קאַטאַסטראָפע. אונדזערע פאַר־טייען פירן זייער טעטיקייט מיט זעלישער רו און גײַסטיקער זעלבסט־צופרידנקייט. געוויס טוען זיי אויף — יעדע אין איר געביט — וויכטיקס און נויטיקס. אָבער צי נעמען זיי אַרום די גרויסע, גאָר גרויסע מאַסן פון לײַדנדיקן און פאַרצווייפ־לענדיקן פאָלק? צי גיבן זיי אָן ענטפער — זאָל זײַן אַפילו דערווײַל אַ זעלישן ענטפער — אויף דער גרויסער בענקשאַפט, וואָס ברענט און פאַרצערט דאָס האַרץ פון די מאַסן? צי קען מען אַפילו האָפן, אַז שפּעטער — בעת די שווערע היסטאָ־רישע שעה וועט קומען — וועלן אָט די הײַנטיקע יידישע פאַרטייען זײַן בכוח צו באַרויִקן, צו שטיצן, צו דערהאַלטן בײַ דער נשמה דאָס פאָלק און אויך צו פירן עס צו נײַע קאַמפן?

לאָמיר זיך צוקוקן צו דער טעטיקייט און דעם פּנים פון דער סאַמע אַקטיווער און דערפאָלגרײַכער פאַרטיי אין אונדזער איצטיקן לעבן: פון דער צ י ו נ י ס ט י ־ ש ע ר. עס איז קיין שום ספק ניטאָ: זי דערפילט הײַנט־צו־טאָג אַ גרויסע היס־

טאָרישע פונקציע אין דעם יידישן וועלטלעבן. די פּיאָנערן, די חלוצים, די בויער פון דער באַוועגונג קענען מיט רעכט שטאָלץ זײַן אויף דעם בנין, וועלכן זיי האָבן פאַרלייגט אין צײַטן פון אַלגעמיינעם יאוש. אָבער — עס האַנדלט זיך נישט וועגן אָנערקענונג, עס האַנדלט זיך וועגן פּאָרויסזען; און דאָ מוזן מיר דערמאָנען וועגן די באַדראָענדיקע סימפּטאָמען פון א״י־אויפבוי. דרײַ סטאַדיעס האָט דורכגעמאַכט דער אויפבוי פון פּאַלעסטינע: עס איז געווען (ביז דער מילחמה) די ערשטע סטאַדיע פון אַבסטראַקט־אידעאַלאַגישן קאַמף פאַר דעם לאַנד און אַ נײַער יידישער צוקונפט; עס איז געווען די צווייטע סטאַדיע פון אַקטיוון דעראָבערן דאָס לאַנד דורך חלוצישן אידעאַליזם און איבעראַנדערשונג פון יידישן לעבן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן — נאָך די גרויסע דערפאָלגן — די דריטע סטאַדיע: פון מלוכהש־קאַפּיטאַליסטישן אויפבוי. עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט וועגן דעם ציוניזם אַלס די יידישע „מלוכה אונטערוועגנס”. אַט די דאָזיקע מלוכה הייבט כמעט אָן פאַרווירקלעכן זיך פאַר אונדזערע אויגן, זי הייבט אָן צו לאָזן וואָרצלען אין דער ערד פון פּאַלעסטינע. און זי באַקומט שוין באַלד די חסרונות פון אַלע הײַנ־טיקע אייראָפּעיִש־קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. די אַנטוויקלונג איז אפשר צו גיך, אָבער אַזוי איז עס אין אַאַטן יאָרהונדערט: אַמאָל פלעגן אַוועקגיין יאָרהונדערטער אויף סטאַדיעס, וועלכע ווערן הײַנט דורכגעמאַכט אין יאָרן.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז שוין געוואָרן אַ מלוכהשע אין אירע כאַראַק־טער־שטריכן און ראשית־כל אין דעם, וואָס זי היט אָפּ אירע „אייגענע” אינטע־רעסן פרױער און אייפערזיכטיקער ווי אַלע אַנדערע יידישע אינטערעסן. זי פּירט אָן מיט דעם גרויסן וואַנדער־שטראָם, וואָס ציט זיך פון די גלות־לענדער קיין א״י, און זי קען נישט און וויל נישט לייגן קיין אַכט אויף דעם פּאַלקסלעבן פון גלות. זי איז מכניע אַלע נויטן און שטרעבונגען פון די יידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט צו דער איינאיינציקער שטרעבונג — פּאַלעסטינע און איר אויפבוי. צוליב דעם זענען מעגלעך געוואָרן אַזעלכע דערשײַנונגען, ווי דער פּאַקטישער האַנדל־אָפּמאַך צווישן א״י און דײַטשלאַנד אָדער ווי די פאַרפאָלגונגען פון דער יידישער שפּראַך אין פּאַלעסטינע. — דער ציוניזם איז געוואָרן אַ דערפאָלגרײַך־מלוכהשע מאַסן־באַוועגונג און דאָס באַטײַט, אַז ער קאָן זיך שוין קוים אינטערעסירן מיט דער איינצלנער יידישער נשמה. דער אַלטער אידעאַלאָגישער און חלוצישער מאָמענט איז נאָך שטאַרק פאַרטראָטן אין דער באַוועגונג, אָבער זי אַלס גאַנצע באַוועגט זיך שוין אין ברייטע ראַמען פון אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער דער אַפּאַראַט איז מאַכטפולער ווי די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש.

דאָס, וואָס עס גייט אָן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — דער אַפּאַראַט ווערט פאַרהאַרטעוועט און מאַכטפול, דער איינצלמענטש איינזאַם און מאַכטלאָז — הזרט זיך איבער אין אַלע יידישע פּאַרטייען. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אַזאַ גאָטספאַרכטיקע אָרגאַניזאַציע ווי די אגודה אין פּוילן האָט געקענט דערלויבן אירע מיטגלידער צו שלאָגן און טעראָריזירן אויף די גאַסן פון וואַרשע נישט קיין אַנדערע ווי רבנים... נאָר דערפאַר, ווײַל יענע באַציִען זיך מיט סימפּאַטיע צום

ציוניסטישן נאַציאָנאַל־פאָנד. די דיקטאַטור פון אַ פּאַרטיי־אַפּאַראַט, די הפקרות פון זײַנע מעטאָדן, די שענדלעכע אונטערטעניקייט פון די פּאַרטיי־מיטגלידער איז בײַ די דאָזיקע שלעגערײַען „לשם שמים” באַזונדערס בולט געוואָרן, — און ווי איז דאָס אינערלעכע לעבן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען? מען וואָלט געקענט אַ סך רעדן וועגן דעם, אָבער אפשר וועט גענוג זײַן צו ברענגען דאָ איין דאָקומענט פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו פאַרגלײַכן מיט אים די הײַנטיקע לאַגע. אין יאָר 1876 האָט אהרן ליבערמאַן געשאַפן דעם סטאַטוט פון אַ „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד צווישן יידן אין רוסלאַנד”. אין דעם סטאַטוט איז דאָ אַ פּונקט, וועלכער איז הײַנט־צו־טאָג פּונקט אַזוי אַקטועל ווי מיט זעכציק יאָר צוריק:

„אַלס סאָציאַליסטן, וואָס פאַרשטייען קלאָר די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליזם, קאָנען מיר אין אונדזער קאַמף באַנוצן בלויז די מיטלען, וועלכע זענען נישט סותר די אויפגאַבן פון סאָציאַליזם. מיר קענען אָנערקענען פאַר אונדזערע פאַרבינדעטע און ברידער נאָר די פערזאָנען, וועלכע זיינען באַוווסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו דורכגעדרונגען טימ די פאָדערונגען פון סאָציאַליסטישער סאָלידאַרישקייט. קיין שום עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער מאָנאָפּאָל, קיין שום רודף אחרי הכבודיקע שטרעבונג צו פערזענלעכער מאַכט, קיין שום עקספּלואַטאַציע פון ברידער און פאַרבינדעטע, קיין שום שקר איז נישט דערלאָזבאַר אין די רייען פון די אויפריכטיקע סאָציאַליסטן. אין כדי אויפצוהאַלטן די מאָראַלישע ווירקונג פון דער פאָן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פאַרפליכטן מיר זיך — אויך אין קאַמף מיט די שונאים — זיך באַנוצן בלויז אין אויסערגעוויינלעכער נויט און מיט אַ באַזונדער פאָרזיכטיקייט מיט יענע מיטלען, וואָס זענען דערלויבט אין דער צייט פון סאָציאַלער מילחמה” 1).

יענער סאָצ. רעוו. פאַרבאַנד איז נישט געשאַפן געוואָרן, אָבער איז עס ניט אַ וווּנדערבאַרער דאָקומענט, אין וועלכן עס האָבן זיך צונויפגעגאָסן רוסישע און יידישע אידעען פון סאָציאַליסטישער מאָראַל? און לאָמיר זיך נאָך אָפּן פרעגן: צי אַנטשפּרעכן הײַנט די יידישע סאָצ' פּאַרטייען די פאָדערונגען פון יענעם דאָקומענט?

עס איז שווער דעריבער אָנצונעמען, אַז די פּאַרטייען זאָלן זײַן בכוח בײַצושטיין די יידישע מאַסן אין זייערע הײַנטיקע לײַדן און באַזונדערס אין דער צײַט פון נײַע נסיונות. אין פאַריקן נומער פון די „פרײַע שריפטן” האָבן מיר זיך געפרעגט: „צי קען מען בכלל שטעלן זיך רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן אין די ראַמען פון אונדזערע ביז איצט עקזיסטירנדיקע גרופּירונגען און חברות? צי וועט נישט פאַרלאָרן גיין יעטוועדע מי אויף אָפּצופרישן אָדער ענדערן זייער טראַדיציאָנעלן גאַנג? צי וואָלט נישט ריכטיק געווען אָנצוהייבן בויען דאָ אויפסנײַ? הײַנט ענטפערן מיר אויף יענער פראַגע מיט מער זיכערקייט: מען מוז בויען אויפסנײַ, מען מוז שאַפן אַ נײַע באַוועגונג.

---

1) זע נ. א. בוכבינדער, „די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד”. ווילנע 1931 (דער אָריגינאַל פון דעם דאָקומענט איז געשריבן אויף רוסיש).

דאָס הייסט נישט, אַז מען דאַרף פּרוּוון צעשטערן די ייִדישע פּאַרטיי־ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס. דאָס הייסט אָבער, אַז *מחוץ* פון זיי דאַרף זיך אָנהייבן אַ קריסטאַליזאַציע פון יענע ייִדישע מענטשן, וועלכע קענען זיך נישט אויסלעבן אין די ראַמען פון די פּאַרטיי־אַפּאַראַטן, וועלכע שפּירן די אימה פון דער עפּאָכע און די פאַרצווייפלונג פון די מאַסן, וועלכע לעכצן נאָך אַ נײַער ייִדיש־רעוואָלוציאָנערער ברודערשאַפט. אין אַלע פּאַרטיי־לאַגערן זענען צעשאָטן אַ סך, אפשר גאָר אַ סך אַזעלכע מענטשן, וואָס טראָגן אין האַרצן און באַוווסטזײַן דאָס נאָגנדיקע געפיל, אַז מען טאָר נישט לאָזן די ייִדישע גאַס אין דעם צושטאַנד ווי זי איז. דאַרפן זיי דערקענען איינער דעם אַנדערן און שאַפן זייער אייגענעם בונד, דאַרפן זיי געפינען דעם וועג צו יענע נישט־פּאַרטייאישע מענטשן, וועלכע לעבן איבער די עפּאָכע און שפּירן די קאַטאַסטראָפע אינדיווידועל און דערפאַר טאַקע טיף און פאַראַנטוואָרטלעך.

דער נײַער פרײַהײַט־בונד פאַרמעסט זיך נישט קעגן די פּאַרטייען אין ייִדישן לעבן, אָבער ער מוז זײַן אויפגעבויט אויף גאָר אַנדערע יסודות ווי זיי אַלע, — אויב ער זאָל באמת צוציִען צו זיך דעם צוטרוי פון פּשוטן פאָלקסמענטש. מיר וועלן פּרוּוון אָנווײַזן אויף אייניקע פון זײַנע יסודות, וועלכע זײַנען אין דעם איצטיקן מאָמענט די וויכטיקסטע. דאָס איז, ערשטנס, דער פּרינציפּ פון *אָרעמקייט*, פון מאַטעריעלן מינימום אין לעבן. עס האַנדלט זיך וועגן דעם — אַוועקצונעמען פון די מיטגלידער פון בונד די לײַדנשאַפטלעכע יאָגעניש נאָך מאַטעריעלן וווילשטאַנד. מיר ווייסן וואָס פאַר אַ צענטראַלן אָרט עס פאַרנעמט אין גײַסטיקן און זעלישן לעבן די דאגת פרנסה, מיר ווייסן וואָס פאַר אַ אומגעהייערן דרוק די דאגת פרנסה איבט אויס אויף די געזעלשאַפטלעכע טוער און ווי זי פאַרפינצטערט די איידלסטע אידעיִשע באַוועגונג. פאַרטרײַבן אָט די טיראַנישע דאגה פון דעם צענטראַלן אָרט אין דעם מענטשנס אַקטיוויטעט — הייסט גלײַכצײַטיק באַפרײַען דעם קעמפערס נשמה און קאָפּ פאַר די וויכטיקסטע פראַגן פון לעבן. מיר וועלן דאָ נישט אָנהייבן קיין שטרײַט מיט דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער לערע, וועלכע האַלט, אַז דער וווּקס פון די מאַטעריעלע באַדערפעניש טרײַבט אָן די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג און פירט אויך צום נצחון פון סאָציאַליזם. זאָל זײַן אַזוי; אָבער די באַדערפענישן און דער קאַמף פאַר זייער באַפרידיקונג טאָרן נישט אַרויסשטויסן אָדער דערפירן צו אָנמאַכט יענע טיפע רעוואָלוציאָנער־מאָראַלישע באַדערפעניש, אָן וועלכער ס'איז נישטאָ בכלל קיין באַנײַונג פון לעבן. יעדנפאַלס יענע קעמפער, וועלכע האָבן פאַר די אויגן די צוקונפט פון פאָלק און פון דער מענטשהייט מוזן קענען אָפּזאָגן זיך פון דעם אײַנגעפונדעוועטן באַגריף פון וווילשטאַנד. היינט־צו־טאָג, ווען הונדערטער טויזנטער ייִדן האָבן איבערגעלעבט די צעשטערונג אָדער זעען פאָרויס די צעשטערונג פון זייערע סאָציאַלע פּאָזיציעס, וועלן מיטגלידער פון נײַעם בונד אַ סך

לײַכטער באַגרײַפֿן די אומוועורטיקייט פֿון דעם מאַטעריעלן פּראָבלעם אין זייער פּריוואַט־לעבן. „בונד פֿון אָרעמע" הייסט בונד פֿון רײַכע אין גײַסטיקער קלאָר־קייט, אין זעלישער אַקטיוויטעט. איז דאָס אַסקעטיזם? אין אַ געוויסער מאָס יאָ, אָבער אַסקעטיזם אין דינסט פֿון באַרײַכערונג פֿון מענטשן־לעבן אויף דער וועלט.

דער צווייטער פּרינציפּ איז — אָפּזאָג פֿון די „וווּנדער פֿון דער ציוויליזאַציע". דער אָרעמסטער פֿון די אָרעמע אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט פֿאַרגייט זיך פֿון התפּעלות פֿאַר די ווונדער פֿון טעכניק און ציוויליזאַציע וועלכע ער זעט אַרום זיך. דער באַגריף פֿון עבודה זרה איז צום מייסטן צוגעפּאַסט אַט צו דער דאָזיקער בלינדער התפּעלות. מען קען נישט אַרויס פֿון דעם פֿאַרשאָל־טענעם סיסטעם פֿון דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט אַזוי לאַנג, ווי מען איז פֿאַר־כּישופֿט פֿון די אומצאָליקע דערגרייכונגען פֿון דער מאָדערנער ווירטשאַפֿט און טעכניק. דער מענטש מעג אַפֿילו זײַן געצוווּנגען צו אַ באַשיידענעם לעבנס־מצב, אָבער ער געפֿינט נישט זײַן גײַסטיקע און זעלישע רו אין דעם הור־האַ פֿון גרויס־שטאָט, פֿון גרויס־פּראָדוקציע, פֿון מאַסן־באַוועגונג, פֿון מאַסן־צײַטונגען און פֿאַר־גניגנס. אין דעם ליאַרעם און אימפּעט פֿון די הײַנטמאָדישע קולות (ראַדיאָ, פּרעסע, קינאָ, לופֿטשיפֿן, רווישיקע פֿאַרזאַמלונגען) פֿאַרלירט ער די פֿעיִקייט צו־צוהערן זיך צו דעם קול דממה דקה פֿון זײַן אייגענעם געוויסן אָדער פֿון זײַן ברו־דער וואָס פֿאַלט נעבן אים. די מיטגלידער פֿון נײַעם בונד בלײַבן קאַלט צו די הערלעכע אַטעמפֿאַרכאַפּנדיקע דערגרייכונגען פֿון דער פּראַקטישער וויסנשאַפֿט און קונסט. נישט ווײַל זיי שאַצן נישט אָפּ זייער צוקונפֿטיקן ווערט, נאָר ווײַל זיי ווילן אָפּנעמען בײַ זיי די בכורה אין מענטשן־לעבן, וועלכע זיי האָבן פֿאַרכאַפּט אָן שום רעכט. — די ערשטע קריסטן וועלכע האָבן געלעבט אין אַלטן רוים האָבן געהאַט פֿאַר זייערע אויגן נישט קיין קלענערע ווונדער פֿון קונסט, אַרכיטעקטור, מלוכה־מאַכט, רעליגיע, ווי מיר אין דער הײַנטיקער צײַט. אָבער זיי זענען אַרומ־געגאַנגען צווישן די גרויסאַרטיקע טעמפּלען, פּאַלאַצן, מאָנומענטן אָן וועלכער נישט איז היתפּעלות, ווײַל זייער טיפֿסטער נשמה־קערן איז געווען געווענדט צו אַנדערע, העכערע ענינים. נישט אַנדערש מוז עס זײַן מיט די קעמפֿער פֿון נײַעם פֿרײַהייט־בונד.

און נאָך אַ פֿרײַהייט זוכן זיי — און דאָס איז זייער דריטער פּרינציפּ — די פֿרײַהייט פֿון געהערן צו די הײַנטיקע סאָציאַל־פּאָליטישע אינסטיטוציעס. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מען זאָל זיך אָפּשיידן, אין דער מאַקסימאַלסטער מאָס, פֿון די שעדלעכע אײַנריכטונגען פֿערזענלעך און נישט נאָר אין פּרינ־ציפּ. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ליידט אומגעהויער דערפֿון וואָס אירע אָנהענ־גער נעמען פּאַקטיש אָנטייל אין אַלע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען פֿון דעם סדר קעגן וועלכן זיי קעמפֿן. דערפֿון נעמט זיך דער גרויסער שקר וועלכער באַהערשט הײַנט אַלע באַוועגונגען. מיטגלידער פֿון נײַעם בונד וועלן נישט אַר־בעטן אין פּלעצער ווו עס ווערט געבוירן אָדער פֿאַרפֿעסטיקט מענטשלעך אומ־

רעכט: צי דאָס איז אַ פאַבריק וואָס גרייט צו אינסטרומענטן פאַר דער מלחמה, צי דאָס איז אַ פרעסע וועלכע פאַרשפרייט טפשות און רשעות, צי דאָס זענען ענלעכע אַנשטאַלטן. אויב דער ערשטער פרינציפ פון אָרעמקייט איז אָנגענומען, דעמאָלט זענען נישטאָ קיין צו גרויסע שוועריקייטן אין דורכפירן אויך די אָפּ־זונדערונג לגבי אַזעלכע סאָציאַלע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס. ווער קען אָבער אָפּשאַצן דעם גוואַלדיקן רושם וועלכן אַזאַ ערלעך דורכגעפירט לעבנס־פּראָגראַם פון די קעמפער וועט מאַכן אויף די פאָלקס־מאַסן. ווי גרויס וואָלט געווען באַזונ־דערס דער רושם אויף דער ייִדישער גאַס ווו דער שקר אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אַזוי שטאַרק פאַרשפרייט!

דאָס איז נאָך נישט גענוג. די מיטגלידער פון דעם בונד באַפרייען זיך נישט נאָר פון די דרייפאַכע לעבנס־פּענטעס; זיי פאַרפליכטן זיך אויך צו אַ פּאָזיטיוון געמיינזאַמען לעבנס־פּיר (פערטער פרינציפ). זיי באַמיִען זיך אַזוי אָפּט ווי נאָר מעגלעך צו אַרבעטן צוזאַמען אויף חברשע, קאָאָפּעראַטיווע יסודות. די גרויסע אויפגאַבע ליגט אין דעם צונויפפירן נעענטער איין מענטש מיטן אַנדערן, צו פאַראינטערעסירן איינעם אין דעם גורל פון דעם אַנדערן. דאָס היינטיקע מענטשן־לעבן איז צעשאָטן אויף אומצאָליקע קעמערלעך, און יעדער פון זיי שיידט זיך אָפּ פון דעם אַנדערן דורך אַ וואַנט פון סודות. מען וויל נישט, אַז „יענער" זאָל וויסן פון מיר; איך בין אַליין אַ באַלעבאָס איבער מיר. צוליב די סודות וואַקסן קינאה און פיינטשאַפט. — אין די ערשטע צייטן פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג האָט מען עס גוט פאַרשטאַנען. די געמיינשאַפטלעכקייט פון לעבן איז דערטרונקען געוואָרן אין די „דערפאָלגן" פון דער באַוועגונג. אָבער די מיט־גלידער פון בונד מוזן זי באַנייען צווישן זיך. זיי האָבן נישט קיין עקאָנאָמישע סודות איינער פון אַנדערן, זיי שטרעבן נישט צו דעם מאַטעריעלן וווילשטאַנד וועלכער צווינגט צו דער עקספּלואַטאַציע פון יענעמס קראַפט. זיי קענען דערפאַר האָדעווען די בלומען פון פריינדשאַפט ראשית כל צווישן זיך. נישט נאָר פריינד־שאַפט, נאָר אויך גרייטשאַפט צו קרבנות.

און צי דאַרפן מיר נאָך דערמאָנען דעם פינפטן פרינציפ — פון אויפריכ־טיקייט און ערלעכקייט אין די באַציִונגען פון די בונד־חברים? אָן דער דאָזי־קער אמתדיקייט איז נישט מעגלעך קיין שום אָנהויב און אויפהאַלט פון דער נייער פרייהייט־פאַרבינדונג. די אמתדיקייט פעלט היינטצוטאָג אפשר צום מייסטן, און דערפאַר קלינגען פאַר אונדז אַזוי לעבעדיק די פאָדערונגען פון אַמאָל: „קיין שום עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער מאַנאָפּאָל! קיין שום רודף אחרי הכבודיקע שטרעבונג צו פערזענלעכער מאַכט! קיין שום שקר!"

## 4

די אידעע פון אַזעלכע ייִדישע בונדן טראָגט זיך שוין לאַנג אין דער לופט. עס האָט וועגן זיי געשריבן הלל צייטלין. עס שרייבט וועגן דעם אונדזער פריינד ה. וואָלף. עס האָט דאָ נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט אויף דער טעמע

אַ גרויסע אַרבעט וו. נ אַ ט אַ נ ס אָ ן. „צו דער רעוויזיע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק" 1). וו. נאַטאַנסאָן האָט טיף דורכגעאַרבעט זײַן קריטיק און זײַנע פאָרשלאָגן צום אויפלעבן פון פאַרהלשטן יִדישן ראַדיקאַליזם. „נייטיק ווי אין לעבן — שרײַבט ער — איז איצט אויף דער יִדיש־ראַדיקאַלער גאַס אַ קולטור־בונד, וועלכער זאָל אַרײַנברענגען אין אונדזערע הערצער און מוחות דעם סינטעז צווישן רעליגיאָזיטעט און ראַדיקאַליזם". ער שטעלט אויף אַ ריי סאָציאַלע און גײַסטיקע פאָדערונגען פאַר די מיטגלידער פון אַזאַ בונד („טיפן האָס צו אַ לעבן פון דעם, וואָס אַנדערע אַרבעטן פאַר אונדז, אַ ליבע צו אַ לעבן פון אייגענער אַרבעט"). גלײַכצײַטיק פאָדערט ער די אויפלעבונג פון רעליגיאָזיטעט אין ראַדיקאַלן לאַגער צוזאַמען מיט אַ „לעבנסשטייגער, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר יעדן איינציקן קינד אונדזערן אַרײַנצולעבן זיך בלב ונפש אין אַלע אורעלטסטע שטייגערס פון אונדזער פאָלקסלעבן".

מיר גלויבן, אַז די אויפגאַבע דאַרף מען שטעלן אַנדערש. עס וועלן נישט געשאַפן און אַפילו נישט באַנײַט רעליגיעזע פאָרמען לויט ראַציאָנאַלע באַשלוסן פון מענטשן. אַזעלכע פאָרמען, ווי אויך דאָס גאַנצע געוועב פון רעליגיאָזיטעט, אַנטשטייט אין אַ גרויסער מאָס פון דעם גײַסטיק־סאָציאַלן קאָלעקטיוו־ל ע ב ן. ווען מענטשן באַשטימען צו פירן אַ נײַעם אַרט לעבן, וועלן זיי דערבײַ זיך אָפּזאָגן פון פריִערדיקע געוווּנהייטן, וועלן זיי האָבן אַ נײַע דערפאַרונג פון גײַסטיקע און מאַטעריעלע קאַמפן און קרבנות, — דעמאָלט וועט סטיכיש וואַקסן אַ נײַע פאָרם פון זייער אַנטפּלעקונג. זייער באַגײַסטערונג, זייערע יסורים, זייער שעפערישע קראַפט, זייער אמונה וועלן באַקומען אייגענע פאָרמען פון לעבנס־שטייגער: אייגענע, ד"ה צונויפגעפלאָכטענע פון אַלטע און נײַע. און ווען די נײַע דערפאַרונג זײַן טיף־שעפעריש, וועלן אויך די פאָרמען זײַן רעליגיעזע. נישט דעקלאַראַציע פון רעליגיעזע דאָגמעס און געפילן, נאָר אַקטיווע, מסירת־נפשדיקע ט אַ ט, — זי וועט געבערן און באַנײַען „די אורעלטסטע שטייגערס פון אונדזער פאָלקסלעבן". די יִדישע רעליגיע האָט געבראַכט דעם פאָלק — אַחוץ אַלע אני־מאמינס — איין גרויסן געווינס, — און דאָס איז בכלל די אידעע פון אַן אני־מאַמין, די פעִיקייט צום אַבסאָלוטן גלויבן, אָן שום קאָמפּראָמיסן. וועלן די מיטגלידער פון אַ ניִעם בונד האָבן אין זיך אָט די גרויסע אמונה אין זייערע אידעאַלן, וועלן זיי באַזיצן כוח נישט נאָכצוגעבן קיין שום שטערענישן און ניסיונות פון דרויסן, וועט אין זיי ווײַטער אָפּהילכן די שטרענגע אַלט־יִדישע שטים: „יהרג ועל יעבור!", — דעמאָלט איז דער בונד יִדיש אין דעם העכסטן זין פונעם וואָרט.

* * *

דער בונד זאָל בשום אופן נישט פאַרוואַנדלען זיך אין אַ געשלאָסענעם אָרדן פון ברידער, וועלכע לעבן זיך אויס אין זייערע אייגענע רייען לויט די כללים פון דער הויכער מאָראַל. אָפּשליסן זיך פון דער „זינדיקער וועלט" צוליב ראַטעווען

1) פאַרלאַג ל מ. שטיין, שיקאַגאָ 1935. 72 זייטן.

די אייגענע נשמה, וואָלט געווען היינט־צו־טאָג דאָס שווערסטע פאַרברעכן לגבי דער לײַדנדיקער מענטשהייט און פאָלק. ניין, דער בונד זאָל דווקא משפיע זײַן אויף דעם ייִדישן לעבן, זײַנע מיטגלידער זאָלן שטיין מיט פאַרקאַשערטע אַרבל אין אַלע לאַגערן, ווו די ייִדישע מאַסן מאַטערן זיך, האָפן און קעמפן. דער בונד זאָל זײַן אינטערנאַציאָנאַל אין צווייפאַכן זין: ער זאָל האָבן אין זינען אַ ל ע תפוצות ישראל אין דער ברייטער וועלט, נישט פאַרגעסן צוליב די ייִדישע אינ־טערעסן פון איין לאַנד די גרויסע היסטאָרישע ליניע פון דער ייִדישער וועלט־געמיינשאַפט אַלס אַזעלכער. און ער זאָל זײַן אינטערנאַציאָנאַל אין דעם נאָך ברייטערן זין: צוליב די אינטערעסן פון דעם ייִדישן אָרגאַניזם זאָל ער נישט פאַרגעסן און נישט אָפּלאָזן די פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער האָרעפּאַשנער און קעמפנדיקער מענטשהייט.

דער בונד וואַרפט נישט אָפּ קיין איינע פון די ווערטפולע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, וועלכע גייען אָן אין דער ייִדישער וועלט. צי דאָס איז פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער קאַמף, צי דאָס איז שטרעבונג צו פּראָדוקטיוויזאַציע, צי דאָס איז עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע אָדער אַנדערשוווּ, צי עס איז די צו־גרייטונג פון אַ וועלט־קאָנגרעס, — די מיטגלידער פון בונד זײַנען טיף פאַראינ־טערעסירט אין דעם געדייען פון די אַלע באַמיִונגען. אָבער די אַלע אָנערקענטע טעטיקייטן וועלן באַקומען אַ נײַע טרײַבקראַפט און אַ פרישן אימפּעט ערשט דע־מאָלט, ווען אין זייער שטראָם וועט זיך אַרײַנגיסן אַ מחנה פון נײַע פאַרגײַסטיקטע מענטשן. די מענטשן וועלן נישט שטרעבן צו מאַכט אָדער פערזענלעכע פּאָזי־ציעס אין די פּאַרטייען און באַוועגונגען, די מענטשן וועלן אַרײַנטראָגן אין דער פאַר־גליווערטער אַטמאָספער פון די חברות דעם ערנסט און דעם בלוטיקן ווייטיק פון דער צײַט. די מענטשן וועלן דורך זייער מאָראַלישן אומרו איבעראַנדערשן די אַרבעטס־מעטאָדן און די באַלעבאַטישע זיטן, וואָס האָבן זיך אײַנגעבירגערט אין די ייִדישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטן.

די באַדײַטונג פון ייִדיש־רעוואָלוציאָנערן פרײַהייט־בונד איז אָבער אַ סך גרעסער אין די פאָלקסמאַסן גופא איידער אין די שוין פאַראַנענע פּאַרטייען און געזעלשאַפטן. עס איז אָן אַ שיר וויכטיק, אַז דאָס פאָלק זאָל ווידער דערזען צווישן זיך מענטשן, וועלכע זײַנען איבערגעגעבן צו זײַנע נויטן אָן וועלכע נישט איז פריוואַטע אָדער פּאָליטישע פניות. דער לעבעדיקער בײַשפּיל פון ייִדישע קעמפער, וועלכע זאָגן זיך אָפּ פון רײַכטום און כבוד, וועלכע יאָגן זיך נישט נאָך פּאָסטנס און מאַכט, וועלכע שטעלן אַוועק העכער ווי אַלע צילן די גײַסטיקע צילן פון אַן עכטער דערלייזונג, וועלכע פירן צווישן זיך אַ לעבן פון פרײַנדשאַפט און צוטרוי, — אַזאַ בײַשפּיל וועט דערהייבן דעם מוט פון אונדזערע מאַסן. זיי — באַזונדערס די יוגנט — וועלן ווידער באַקומען גלויבן אין אַ שעפערישער צוזאַ־מענאַרבעט; זיי וועלן גלויביקער צוטרעטן צו די אויפגאַבן פון הײַנט און פון מאָרגן, און זיי וועלן אַרויסברענגען פון זייערע רייען אומצאָליקע נײַע טוער און קעמפער. מען וועט זיך דעמאָלט לײַכטער נעמען גרייטן צו דער קאַטאַסטראָפע

וואָס דערנענטערט זיך צו אונדז. עס קען קומען אַ צײַט, ווען די כוואַליעס פֿון חיהשער באַרבאַרישקייט וועלן בושעווען אַרום אונדז, ווען מען וועט מוזן אָנ־שטרענגען די העכסטע כוחות כדי צו דערהאַלטן דעם פּיזישן, מאַטעריעלן און גײַסטיקן קיום. דער כלל און דער איינצלמענטש וועלן מוזן ווערן זעליש באַ־וואָפנט מיט די זיבערסטע כלי זין, כדי אויסצוהאַלטן דעם שטורעם און פֿירן ווײַטער דאָס לעבן.

קעגן יענער קומענדיקער באַרבאַרישקייט וועלן ייִדישע פֿאָלקס־ און אַרבעטס־מענטשן מוזן אַרויסשטעלן אַן אײַזערנע וואַנט פֿון זייערע היסטאָרישע אידעאַלן און צילן. ווי אין די טויזנטער יאָרן פֿון אַמאָל, וועט זיי אפשר באַזונדערס אויס־קומען צו דערהאַלטן בײַם לעבן די עלעמענטאַרע אידעען פֿון פֿרײַהייט, פֿון מאָראַל, פֿון טאָלעראַנץ. און בעת די „ציוויליזירטע" וועלט פֿון מלוכות וועט זיך טרינקען אין מבול פֿון בלוט און שמוץ, וועלן אפשר די ייִדישע מאַסן אַליין געצוווּנגען זײַן צו פּראָקלאַמירן — קעגן די קליינלעכע נישטיקע אינטערעסן פֿון די מלוכות — די אייביקע, אומדערשיטערלעכע פּרינציפּן פֿון סאָציאַלן יושר און איינהייט פֿון מענטשן־געשלעכט... כדי די דאָזיקע אויפֿגאַבן צו באַגרייפֿן, כדי דאָס ייִדי־שע פֿאָלק צו באַשיצן און פֿעסטיקן, כדי צו העלפֿן אים אַרויסגיין אין אַ נײַער תקופֿה מיט געשטאַרקטע כוחות, — מוז אויפֿשטיין צום לעבן אַ נײַער ייִדישער פֿרײַהייט־בונד.

און טאָמער וועט די קאַטאַסטראָפֿע, צו אונדזער אַלעמענס גליק, נ י ש ט קומען? דעמאָלט איז אַוודאי גוט, אָבער קיינער וועט נישט באַדויערן, וואָס אַ נײַע יוגנטקראַפֿט האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין פֿאָלק.

(„פֿרײַע שריפֿטן", אָקטאָבער 1935).

# נאָך אַכצן חדשים

„די פרייע שריפטן" זענען נישט דערשינען אין משך פון 18 חדשים. עס איז כדאי אַרומצוקוקן זיך און צו דערמאָנען זיך וועגן די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך פאַרלאָפן אין לויף פון אַזאַ צופעליקן שטח פון צייט. די גרויסע וועלט האָט געשטורעמט אַרום אונז מיט אָן אַ שיעור דונערן און בליצן. זיי האָבן אָפטמאָל אַזוי געבלענדט די אויגן, אַז מענטשן און פעלקער, שטאַרקערע פון אונדז, האָבן נישט געקענט געפינען זייער אָרט אין דער וועלט.

איטאַליע האָט דערקלערט אַן אויסראָטונג-קריג נישט נאָר קעגן אַביסיניע, נאָר אויך קעגן די רעשטן פון אָרגאַניזירטער אינטערנאַציאָנאַלער אָרדענונג („פעלקער-בונד"), — און איטאַליע האָט אויסגעפירט. דייטשלאַנד האָט פאַר דער צייט אָפן אָנגעפירט די באַוואָפענונג פון לאַנד אין דעם ברייטסטן מאַסשטאַב, און דייטשלאַנד האָט דערפירט צו אַ פיבערהאַפטן גײַעג נאָך באַוואָפענונגען אין אַלע לענדער פון דער וועלט. אין דער טאָג-אָרדנונג פון דער וועלט האָט זיך אַוועקגעשטעלט נישט נאָר דאָס וואָרט „מלחמה", נאָר די גאַנצע פסיכאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע און פאַטאָלאָגיע פון דער צוקונפטיקער שחיטה. אין שפּאַניע האָבן געגעבן אַ שפּריץ מיט פייער און בלוט די ערשטע ערנסטע אָנזאָגער פון אָט דער צוקונפטיקער מלחמה; דער לאַגער פון פראַנקאָ מיט זיינע מאַראָקאַנער, דייטשן, איטאַליענער, מיט די „גרויסע מלוכות", וואָס שטייען הינטער זיין רוקן, צייכנט די וועגן און מעטאָדן פון דער מעגלעכער צוקונפט. און מיט ד י בייזע ווינטן מישן זיך אויס די וואַרעמע, כמעט וואַרעמע ווינטן, וועלכע טראָגן זיך פון אַנדערע לענדער. אין פראַנקרייך האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים רודער אַ רעגירונג, וואָס וועט טאַקע נישט אַראָפּברענגען דעם מלכות-שמים אויף דער ערד, אָבער וועלכע איז אָפן און באַוואוסטזיניק פאַרבונדן מיט די האָרעפּאַשנע שיכטן פון פאָלק, וואָס באַוועגן זיך אַקטיוו צו אַ רעוואָלוציאָנערער צוקונפט. אין אַמעריקע האָט די סאָציאַלע רעאַקציע באַקומען אַ געוואַלטיקן שטויס אויף צוריק, דורך דעם וואָס רוזוועלט מיט זיינע אומרו-פלענער איז צוריקגעקומען אויף זיין פאָסטן. אין די סקאַנדינאַווישע לענדער האָבן די סאָציאַליסטישע רעגירונגען און מאַגיסטראַטן באַקומען באַשטעטיקט זייערע מאַנדאַטן; זיי פאַרשטאַרקן אפשר נישט די רעוואָלוציאָנערע מאַכט פון זייערע פעלקער, דערפאַר אָבער האַלטן זיי אין אָנמאַכט די שוואַרצע כוחות פון עבר. אויב דאָס ביסל פּראָגרעס און הומאַניזם, וואָס איז פאַרבליבן אין דער

וועלט, ווערט פאַרשטאַרקט אין אָט די „וואָרעמע" לענדער מיט מיטלען פון שלום, דיפּלאָמאַטיע און געזעץ, טראָגט זיך אָבער אַ רעוואָלוציאָנערער שטורעמווינט אין שׁ פּ אַ נ י ע, מיט די העכסטע אויפגאַבן פון דער מענטשהייט אין זיין זודיקן אָטעם. נישט צוליב דעם ביסל סאָציאַלן פּראָגרעס און דער נעבעכדיקער אייראָפּעאישער מענטשלעכקייט גיסט זיך דאָס הייליקע בלוט אויף די פעלדער פון שפּאַניע; נייִן, דאָרטן שטרעבן די מאַסן צו מאַכן דעם נעכסטן שפּרונג אין דער וועלט־געשיכטע, דעם שפּרונג צו דער עכטער מענטשלעכער פ ר י י ה י י ט.

אין אָט דעם געווירבל פון בייזע און גוטע ווינטן איז אַריינגעשטעלט דאָס יי ד י ש ע פאָלק. אונזער פאָלק אָטעמט אינאיינעם מיט דעם וועלט־אָטעם און אַלע געשעענישן פון אַרום רופן זיך אָפּ אויף אים, צי עס זעט צי עס זעט עס נישט. אַבער גענוג געשעענישן האָבן געווירבלט אין דער יידישער וועלט־סביבה גופא. און מיר פרעגן זיך: ווי האָט זיך עס אָפּגערופן אין דעם באַוואוסטזיין, אין דעם געמיט און אין דעם שכל פון אונזערע פאָלקס־מאַסן?

עס איז פאַר דער צייט פאָרגעקומען דער טראַגישער געראַנגל אין א ר ץ ־ י ש ר א ל, אין וועלכן עס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אַלע אָן אויסנאַם שיכטן פון צוויי פעלקער אין איין לאַנד. עס האָט זיך אַלץ ענגער און טויטלעכער פאַרצויגן דעם שטריק אַרום דעם האַלדז פון דייטשן און עסטרייכישן יידנטום. בעת פון יענע אין הושך פאַרזונקענע לענדער האָט זיך נאָר געטראָגן דער שטילער קרעכץ פון פאַריאושטע מענטשן, האָט זיך אין אַ נאָענטן לאַנד דערהערט אַ הילכיקער שאָס פון אַ יידישער האַנט. דוד פ ר אַ נ ק פ ו ר ט ע ר האָט געמאַכט זיין אייגענעם חשבון מיט די פייניקער פון זיין פאָלק. אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער איז אָנגעגאַנגען אַן אָפּהאַלט דער חורבן פון יידישער ווירטשאַפט, פּאָליטישע פּאָזיציעס, קולטורעלע דערגרייכונגען; צום חורבן איז צוגעקומען די אָרגאַניזירטע פאַרשוועכונג פון יידיש־מענטשלעכער ווירדע. עפּעס ווי אַ בלייבער סילועט אויף אַן אָפּגעניצעוועטן לייוונט איז דורכגעשוואומען דער יידישער וועלט־קאָנגרעס. דערפאַר האָבן זיך דערהערט די קולות פון די געשמיסענע יידן אין מוסאָלינים מדינה — טריפּאָלי. און פון דעם ווייטן דרום־אַפריקע האָט אָפּגעהילכט דער קלאַפּ מיט דער טיר, וועלכע מען האָט אָקאָרשט פאַרמאַכט פאַר די יידישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אהין פון דעם אייראָפּעישן גיהנום.

ווי האָבן זיך אָפּגערופן אין דעם יידישן פאָלקס־קערפּער אָט די אַלע און אַנדערע געשעענישן פון אונזער לעבן? אַלע, כמעט אַלע פעלקער, יעדעס לויט זיין טעמפּעראַמענט און געשיכטע, זענען היינט פאַרכאַפּט פון דעם געשיכטלעכן שטראָם, וואָס רייסט זיי צו אומבאַקאַנטע ברעגעס. זאָל עס זיין דער פעך־שוואַרצער ענטוזיאַזם פון אַ דייטשלאַנד אָדער איטאַליע, אָדער דער אַמעריקאַניש־מיליטאַריסטישער אימפּעט אין ראַטן־רוסלאַנד, אָדער דער רעוואָלוציאָנער־הומאַניסטישער שטורעם פון שפּאַניע, אָדער די זאָרג און די אַנגסטן פון די אַנדערע פעלקער וואָס ווערן געצוואונגען צו באַוואָפענען זיך, צו קוקן דער מלחמה אין פּנים אַריין. אומעטום זענען פאַר די פעלקער, פאַר אַלע קלאַסן פון די פעלקער אָוועקגעשטעלט היסטאָ־

רישע אויפגאַבן פון געוואַלטיקן פאַרנעם; אומעטום איז דאָ דער באַוואוסטזיין, אַז מען האָט צו טאָן מיט גורל־פראַגן, וועלכע מוזן ווערן געלייזט אַהין צי אַהער, צום בייזן אָדער צום גוטן. צי איז אַזאַ באַוואוסטזיין פאַראַן, צי האָט ער זיך קרים־טאַליזירט פאַר דער פאַרגאַנגענער ביטערער צייט אין דעם יידישן פאָלק, אַלס לעבעדיקע וועלט־געמיינשאַפט?

געוויס, אין די באַזונדערע יידישע פּאַרטייען און באַוועגונגען איז די פאַר־שטעלונג און דער ווילן צו אַ היסטאָרישן מאַרשרוט פאַראַן. די איינצלנע באַוועגונגען (ציוניזם, בונדיזם, קאָמוניזם), אפילו די גרויסע יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס אַרבעטן לויט קלאָר־פאָרמולירטע פּלענער, באַוואָפנטע מיט אַ פּאַנצער פון אייזערנע אַרגומענטן. מער נאָך: יעדע איינצלנע ריכטונג אין די אַלע באַוועגונגען האָט אירע אייגענע פּראָגראַמען, וואָס ווערן ווי נישט איז צונויפגעפלאָכטן מיט די גרויסע אויפגאַבן און פאָדערונגען פון אונזער עפּאָכע. אָבער — נישט דאָס מיינען מיר! ווייל יעטוועדע פון די יידישע באַוועגונגען, ווי טעטיק און ערנסט זי זאָל נישט זיין, האָט נאָר איין קוועַרשניט פון פאָלק אין אויג און זי פאַרנאַכלעסיקט די אַנדערע. עס איז נישטאָ יענע סינטעטישע באַוועגונג, וועלכע זאָל האָבן אין זיין אַלע סאָציאַל־לײַדנדיקע שיכטן פון פאָלק, אַלע גייסטיקע מדרגות פון זיין לעבן און שאַפן. עס איז נאָך נישטאָ ביי אונדז יענער אַלאומפאַסנדיקער יידישער וועלט־געפיל, וועלכער זאָל איינזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן צער פון פאָלק, זיין גאַנצע בענקשאַפט און טראַכטעניש, אַלע זיינע אין דעם וועלט־חלל בלאָנדזשענדיקע ענערגיעס. דאָס פאָלק האָט נישט אויפגעציטערט אַלס גאַנצעס, האָט זיך נישט צונויפגענומען אין איינעם. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען דאָס מער ווי משונהדיקע בילד: אין אַ צייט ווען אַלע „נאָרמאַלע" פעלקער פון דער וועלט טרעטן אויף — מיט פרייד, צי מיט כעס, צי מיט פאַרביטערונג — ווי אַקטיווע אַנטיילנעמער פון דער עפּאָכע, שטייט דווקא אונדזער פאָלק ווי אָן אַ זייט פון דער עפּאָכע, כמעט נאָר ווי ליים און טייג אין די גלייכגילטיקע הענט פון דער געשיכטע. אַזוי זעט אויס דערווייל דער סך־הכל פון די פאַרגאַנגענע שיקזאַל־יאָרן.

## וועלט־קאָנגרעס

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט אין די אויגוסט־טעג פון 1936. פאַר אַ סך טיילן פון פאָלק איז ער געווען אַ גרויסע, דערמונטערנדיקע האָפענונג, אַנדערע האָבן זיך פאַר אים געשראָקן, מורא געהאַט פאַר זיין קומענדיקער אויטאָריטעט. היינט ווייסן מיר, אַז ער האָט נישט דערפילט די האָפענונגען פון די איינע, און נישט באַשטעטיקט די שרעקענישן פון די אַנדערע. דער קאָנגרעס מיט זיין עקזעקוטיווע זענען נישט מער ווי נאָך איינע אַ יידישע „אינסטיטוציע" צווישן אַנדערע, וואָס באַקעמפן זיך קעגנזייטיק.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער גרונט־פעלער ביי דער אויפבויונג פון אַזאַ קאָנגרעס? להלוטין נישט אין דעם, וואָס ער איז נישט געווען דעמאָקראַ־

נ. י ש געווייזלט, ווי עס האָבן קריטיקירט אים די פועלי־ציון אָדער די רעוויזיאָ־ניסטן. וואָלטן אפילו ביי די וואַלן צו אים געווען אָפּגעהיט אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע מצוות פון דער היינטיקער דעמאָקראַטישער פּרומקייט, וואָלט עס קוים געשאַפן אַן אַנדער לאַגע. די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, למשל, זענען גאָר נישט געווען דעמאָקראַטיש געוויילטע, זיי האָבן גאָרנישט פאַרטראַטן אַלע ישובים פון דער יידישער וועלט, — און פונדעסטוועגן האָט זייער שטים אָפּגעקלונגען שטאַרק סיי אין דער יידישער סביבה, סיי ביי די פעלקער אַרום. פאַרוואָס? ווייל דאָ איז גע־קומען צום אויסדרוק אַ נייע, אומבאַקאַנטע ליידנשאַפט פון פאָלק, אַ נייער גערא־קענגאַנג שאַרף אָפּגעשיידט פון פרוב־קאָנסערוואַטיוון און מאָדערן־אַסימילאַטאָרישן נוסח, ווייל יידישער מזל איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט דער דעמאָלטיקער וועלט. און נאָך אַ מעלה האָבן געהאַט יענע קאָנגרעסן: זיי זענען כמעט אינגאַנצן באַשטאַנען פון אַנאָנימען, פון אומבאַקאַנטע, הגם אָפּט זייער נאַיווע, פאָלקס־מענטשן, נישט פּאַטענטירטע פאָלקס־טוער.

די פרישקייט פון זייער שטים, דער עכטער ציטער פון זייער ליידנשאַפט, האָט געשאַפן ווונדער. האָט געזאַמלט, דיסציפּלינירט מאַסן, האָט געגעבן אַ היסטאָרישע ריכטליניע אַ דור. כדי דער היינטיקער וועלט־קאָנגרעס זאָל אויספירן זיין שליחות, האָט געזאָלט געשען איין זאַך: די פאַרפאַנצערטע יידישע פּאַרטייען און זייערע אַפּאַראַטן זאָלן זיך אָפּרוקן אָן אַ זייט. נישט די פּאַרטייען זאָלן פאַרשווינדן פון דער יידישער פאָלקס־גאַס, נאָר די פּאַרטייען זאָלן דערלויבן אַרויסטרעטן און אַרויסזאָגן זיין אומגעקינסטלט וואָרט דעם אַנאָנימען פאָלקס־ און אַרבעט־מענטש. זיין שטים — נישט נאָר די שטים פון צרות, נאָר אויך פון פּאָזיטיוון גערא־נק און אויפבוי — הערט מען ביי אונז שוין לאַנג נישט, צוליב די „אָרגאַניזירטע" און דערפאַרענע פּאַרטיי־קולות. וויל ער, דער פאָלקס־מענטש, ווילן פּאַרטיי־טוער און פּאַרטיי־לוחות — זאָל ער עס טאָן. אָבער די ערשטע פליכט פון ערלעכע פּאַר־טייען, — אין אָן עבאָכע ווען אַ ל ע פּראָגראַמען פון פריער מוזן ווערן דורכגע־גליט אין פלאַמפייער פון נייע דערפאַרונגען, — איז נישט צו באַשטיין אויף די רעכט פון יחוסדיקער פאַרגאַנגענהייט, נאָר צו קומען צו די מאַסן און זאָגן: טרעט אַרויס פון אייער פאַרבאָרגנקייט, פון אייער גייסטיקער אומזיכערקייט און שעמעוודיקייט, און זאָגט, צוזאַמען מיט אונז, א יי ע ר וו אָ ר ט! וואָלטן די פּאַרטייען געקענט „אויסטאָן זיך פון זיך", וואָלטן זיי צוגעצויגן טויזנטער, צענ־דליקער טויזנטער נייע אומבאַקאַנטע זעלנער פון צווישן די יידישע מאַסן און יוגנט, — דעמאָלט וואָלט געבוירן געוואָרן ביי אונז די נייע עכטע דעמאָקראַטיע.

דעמאָלט וואָלט דער „וועלט־קאָנגרעס" דערהערט פון די באַנייטע יידישע פאָלקס־ווייזער אויך נייע ווערטער, יעדנפאַלס נייע טענער אין די זעלביקע ווער־טער. אַזאַ קאָנגרעס וואָלט זיך געקענט פאַרזאַמלען אין גענף, צי אין פּאַריז, צי אין איישישאָק: זיינע רייד וואָלט די וועלט דערהערט, ווייל נישט געשליפענע צינגער פון געניטע און פּילשפּראַכיקע רעדנער וואָלטן באַהערשט די טריבון פון וועלט־

פאָלק, נאָר די פשוטע, לעבעדיקע, אומדיפּלאָמאַטישע רייד פון יידישע פאָלקס־מענטש. און דאָס, וואָס זיי וואָלטן געזאָגט וועגן זייער צער און פיין, וועגן זייער פּראָטעסט און כעס, וועגן זייערע פּראַקטישע פאָרשלאַגן און פּלענער, געבוירענע אין דער סאַמע מיט פון זייער האָרעוואַניע — דאָס וואָלט געקלונגען אַזוי עכט און מאָנענדיק, ווי דער גורל אַליין. אַזעלכע רייד, דערצו באַשטעטיקט און דורכגעפּרואווט פון די שליחים פון אַ ל ע יידישע ישובים פון דער וועלט, וואָלטן געווען איבערצייגנדיק סיי ביי די יידישע מאַסן גופא, סיי ביי די אומות העולם. זיי וואָלטן געווען אין איינקלאַנג מיט אונזער עפּאָכע. אָבער — וואָס איז ווערט אַ קאָנגרעס, וואו מיר דערקענען די אַלטע „אויסגעפּרובירטע" פירער און טוער פון פּאַרטייען, וואו די קאָמיסיעס און עקזעקוטיוועס זענען נישט מער ווי אַ צוזאַמענשטעל פון די זעלביקע פּאַרטיי־אַפּאַראַטן? עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס די וועלט־פּרעסע און עפנטלעכע מיינונג האָט נישט דערזען אין קאָנגרעס דאָס נייע אין יידישן לעבן און האָט אָן אים באַלד פאַרגעסן.

דער צונויפרוף פון אַ יידישן וועלט־פּאַרלאַמענט איז נאָך נישט געשען; ער דאַרף נאָך געשען. הגם עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אַ ל ע יידישע פּאַרטייען, פון רעכטס ביז לינקס, וועלן בילדן איין איינהייטלעכן פראָנט צו באַקעמפן די איידעע פון אַ יידישן פאָלקס־, נישט פּאַרטייען־קאָנגרעס. זיי וועלן אַלע דערקלערן, אַז די פּאַרטייען זענען די אַקטיווסטע עלעמענטן פון פאָלק, אַז דרויסן פון זיי לאַגערן נאָר יענע צעפלאָסענע, אַנאַרכישע מאַסן, וואָס פאַרשטייען די וועלט נישט, וואָס זענען גאָר אַ געפאַר, ווען זיי ווערן זעלבסטשטענדיק און דאָך איז עס פאַלש: אין יידישן פאָלק זענען דאָ גענוג אַנאָנימע, אין די פּאָליטישע ווינקלען פאַרשטויסענע שיכטן, וועלכע רעדן נישט, ווייזן נישט אַרויס זייער פּאָליטישן שכל און קאָנסטרוקטיוון גייסט נאָר דערפאַר, ווייל דער וועג איז פאַר זיי פאַרשפּאַרט פון די אייגענע פירער און טוער. נאָר איין ביישפּיל צו דערמאָנען: צוויי מאָל אין פאָריקן יאָר האָבן די יידישע מאַסן אָפּגערופן זיך גרויסאַרטיק, אין אַ סטיכישן שוואונג, אויף פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן באַליידיקט זייערע לעבנס־רעכט. דעם 1־טן מערץ האָבן די יידן אין פּוילן — אויפן רוף פון „בונד" — געוואָרפן די אַרבעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך, כדי צו דעמאָנסטרירן זייער פּראָטעסט קעגן פשיטיק און שחיטה־געזעץ. דער דראַנג פון די מאַסן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו דאָס „טאָגבלאַט", דער אָרגאַן פון דער „אגודה", האָט גערופן צוצושטיין צו דעם גענעראַל־שטרייק. איז דאָ געווען דער פאַרדינסט פון „בונד", וואָס האָט גערופן צום שטרייק? געוויס. אָבער דעם 30־טן יוני פון דעם זעלבן יאָר האָבן זיך די יידישע מאַסן אין פּוילן אָפּגערופן מיט אַ צווייטער מאַכטפולער דעמאָנסטראַציע פון צאָרן און פּראָטעסט, דאָסמאָל זענען זיי גערופן געוואָרן צום שטרייק דורך די פּועלי־ציון (און ציוניסטן בכלל). איז עס דאָסמאָל ז ײ ע ר פאַרדינסט? אָן צווייפל. אָבער די ביידע פאַקטן גענומען צוזאַמען באַווייזן, אַז דרויסן פון די פּאַרטייען לעבט אַ פילנדיקע און טראַכטנדיקע, רירעוודיקע יידישע מאַסע, וועלכע

טרעט אַרויס אויפֿן פּלאַן יעדעסמאָל ווען איר שעה קומט. און נאָר זי — דורך איר טויזנטפֿאַכן אימפּעט און טיפֿער ערלעכקייט — גיט צו גלאַנץ און מאַכט צו די רופֿן פֿון די אָרגאַניזירטע פּאַרטייען.

וואָלט מען ביי אונז פֿאַרשטאַנען אין וואָס עס באַשטייט דער כּוח פֿון די היינטיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וואָלט מען אויך געפֿונען דעם וועג אין אונזער פֿאָלק. יענער כּוח באַשטייט אין דעם, וואָס מען מאָביליזירט מ י ל י אָ נ ע ן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, סיי צו פּראָגרעסיווע אידעאַלן, סיי צו רעאַקציאָנערע צוועקן. וואָלטן מיר געלערנט די חכמה און די קונסט פֿון רעדן צו אונזערע מיליאָנען; וואָלטן מיר גערופֿן זיי פֿאַרטיידיקן מיט אייגענער אחריות זייערע בלוטיקסטע אינטערעסן, זייער קיום און צוקונפֿט, — דעמאָלט וואָלט אַ נייע באַגייסטערונג אויפֿגעשיינט אין די יידישע גאַסן. דעמאָלט וואָלט אויך דער „בונד" נישט געקענט שטיין אָן אַ זייט פֿון דער פֿאָדערונג צו אַן אָרגאַניזירטן יידישן וועלט־פּאַרלאַמענט *). ווייל יעדע פּאַרטיי וואָלט דעמאָלט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס וויכטיקסטע איז נישט די אייגענע טייל־סוווערעניטעט, נאָר די שעפֿערישע סוווערעניטעט פֿון וועלט־פֿאָלק אַלס גאַנצן. אין דעם העכסטן אָרגאַן פֿון געפּייניקטן און אומצעשטערבאַרן יידישן פֿאָלק וואָלט אָבער געווען קאָנצענטרירט דער גרעסטער סכום פֿון סאָציאַלן פֿאַרשטאַנד, פֿון נאַציאָנאַלן מוט צום קאַמף, פֿון שעפֿערישן ווילן צום אויפֿבוי. פֿאָלק און עפּאָכע וואָלטן געוואָרן ווירדיק איינס דאָס אַנדערע.

## דרום-אַפֿריקע

דער יידישער וועלט־פֿאַרבאַנד איז אָבער נישטאָ. יעדן טאָג פֿילן יידישע ישובֿים אין דער וועלט, אַז זיי פֿעלט זיין איינציקנדיקע, אויפֿקלערנדיקע און אויפֿמונטערנדיקע האַנט. ד ר ו ם ־ אַ פֿ ר י ק ע, איינער פֿון די וויטסטע יידישע ישובֿים, האָט עס געזאָלט דערפֿילן איצט פֿאַר אונזערע אויגן.

ס'איז באַקאַנט: צוליב פֿאַרשיידענע סיבות און אַ דאַנק דער געוויסער פּראָפּאַגאַנדע איז דער אַנטיסעמיטיזם געוואָרן אַן אָפֿענע פּאָליטישע ריכטונג אין דרום־אַפֿריקע, און אַז דייטשע יידן האָבן גענומען לעצטנס אַריינשטראָמען אין דעם דאָזיקן פֿאַר זיי נאָך נישט געשלאָסענעם לאַנד, האָט די דאָרטיקע יידן־פֿרעסערישע פּאַרטיי גענומען פֿאָדערן צו פֿאַרמאַכן די טירן פֿון לאַנד פֿאַר יעטוועדער יידישער אימיגראַציע. האָט די כּלומרשט־ליבעראַלע רעגירונג אַריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ, וועלכער זאָל מהיום והלאה „רעגולירן" די אימיגראַציע בכּלל. די

*) מיר דערמאָנען דעם „בונד", האָבנדיק אין זינען, אַז ער פֿאַרקערפּערט אַ סך מער ווי נאָר די פּאַרטיי־באַוועגונג. פּילצאָליקע יידישע מאַסן טראָגן אין זיך יענעם בליק אויף די יידישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פֿראַגן, וועלכן מען קען אָנרופֿן בכּלל „בונדיזם". ביי די וואַלן צו די יידישע קהלות (אין סעפּטעמבער 1936) אין פּוילן, באַזונדערס אין וואַרשע, האָט זיך עס אַנטפּלעקט נאָכאַמאָל. די דריי יידישע סאָצ. פּאַרטייען („בונד", רעכטע פּ"צ, לינקע פּ"צ) האָבן צוזאַמען באַקומען 36 פּראָצענט פֿון די שטימען, פֿון זיי דריי האָט דער „בונד געהאַט נישט ווייניקער ווי 30 פּראָצ. פֿון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען: אויף 50 דאָזאַרעם — 15.

רעגירונגס־לייט האָבן דערקלערט, אַז זיי ווילן נישט אָפּקלייבן אימיגראַנטן לויטן ראַסן אָדער רעליגיעזן פּרינציפּ, אַלזאָ זענען זיי אויך קעגן אַנטיסעמיטיזם. מער נישט זיי ווילן פאַרהיטן, אַז פּערזאָנען וואָס זענען אינדיווידועל שעדלעך פאַר זייער מדינה, זאָלן נישט קענען אַריינקומען צו זיי... דאָס מערקווירדיקע דער־ביי איז, אַז די אָפיציעלע פאַרטרעטונג פון די דרום־אַפריקאַנער יידן (דער „באָרד אָף דעפּיוטיס") האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַזאַ אויסטייטשונג פון נייעם גע־זעץ און האָט נישט איינגעזען, אַז עס גרייט זיך פּשוט אַ נייע גזרה קעגן יידן. און צו דער גזרה האָבן זיי געגעבן זייער התימה. די עפנטלעכע דערקלערונג, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעלאָזן, קען מען נישט לייענען אָן אַ שמערצלעכן געפיל פון פאַר־דרוס.

„דער יידישער ישוב, פונקט ווי אַלע אַנדערע טייקן פון דער דרום־אַפריקאַ־נער באַפעלקערונג, וואָלט אויך געוואָלט, אַז אין לאַנד זאָל אַריינקומען נאָר דער בעסטער טיפּ פון אימיגראַנט לויט זיינע אינדיווידועלע מעלות. דערפאַר באַגריסט ער און אונטערשטיצט די פאָדערונג פון געוויסע קוואַליפיקאַציעס פון אימיגראַנט בנוגע זיין כאַראַקטער, זיין עקאָנאָמישע פּאָזי־ציע, באַשעפטיקונג און קולטור־שטאַנד. דער יידישער ישוב האָלט אָבער נישט, אַז די אינטערעסן פון לאַנד פאָדערן, אַז מען זאָל אָנווענדן בנוגע אי־מיגראַנטן רעליגיעזע אָדער ראַסן־קריטעריעס. די דרום־אַפריקאַנער יידישע בירגער קענען נישט אָננעמען און ווילן באַקעמפן מיט אַלע געזעצלעכע מיט־לען דעם געדאַנק, אַז יידן אַלס יידן זאָל פאַרבאָטן ווערן דער אַריינקום אין לאַנד".

די דערקלערונג האָט זיך אָבער דערמיט נישט באַגנוגנט. זי האָט גענומען פאַרענטפערן און ריינוואַשן נישט אימיגראַנטן בכלל, נאָר טאַקע יידישע אימי־גראַנטן.

„לעצטנס מאַכט מען די באַשולדיקונג, אַז דער יידישער אימיגראַנט באַ־זיצט נישט די פעאיקייט פון „אַסימילירבאַרקייט", אין זינען פון צונויפגיסן זיינע אייגענע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג. מיר באַהויפּטן אָבער פאַרקערט, אַז ס'איז נישטאָ אין דרום־אַפריקע קיין איין צווייג פון נאַציאָנאַל־מלוכהשן לעבן, אין וועלכן דער ייד זאָל זיך נישט האָבן אידענטיפיצירט מיט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. די קול־טורעלע אונטערשיידן, וועלכע זענען אין אַנהויב פאַראַן צווישן אַן אינדיווי־דועלן אימיגראַנט און דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָבן אַ טענדענץ צו פאַרשווינדן זייער שנעל, און זענען שוין בכלל נישטאָ ביי זיינע קינדער, וועל־כע באַזיצן אין אַלע באַציאונגען אַלע יענע מעלות, וואָס בילדן דעם ד.־אַפריקאַ־נער פאָלקס־כאַראַקטער. די רעליגיעזע אונטערשיידן צווישן ייד און נישט־ייד האָבן נישט קיין ווירקונג אויף דעם פּראָצעס".

און נאָך דער דאָזיקער אַסימילאַטאָרישער הכנעה, וואָס מיר האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעוואוינט פון איר אומעטום, קומט נאָך אַ פּונקט, וואָס מוז דערוועקן אַ געפיל פון פּראָטעסט ביי יעדן יידישן מענטשן.

„מען האָט דערקלערט, אַז דער „באָרד אָף דעפּיוטיס" אָדער דער יידישער ישוב האָט אַקטיוו דערמוטיקט די אימיגראַציע פון דייטשלאַנד. דערויף דערקלערן מיר, אַז מיר האָבן נ י ש ט אַרויסגערופן אָדער דערמוטיקט אַזאַ אימיגראַציע. מיר האָבן, פאַרקערט, שוין אַ לענגערע צייט אָנגענומען אַקטיווע שריט אויף אָפּצוהאַלטן אַ פּלאַנלאָזע אימיגראַציע".

אָט אַזוי דרייט זיך דער יידישער מזל. אַמאָל האָבן געוויסע טיילן פון דייטשן יידנטום אָפּגעשאָקלט זיך פון די „אָסט-יידן", היינט שיידן זיך אָפּ מזרח-אייראָפּעאישע יידן (אין אַפריקע) פון דייטשע. מיר פאַרשטייען, אַז אַן איינגעפונדעוועטער יידישער ישוב קעמפט דאָ מיט אַלע מיטלען פאַר זיין עקזיסטענץ, אָבער עס האָט דאָך נישט געהאָלפן אַמאָל די דייטשע יידן זייער אָפּשיידונג פון אָסט-יידן...

אַז אָט דאָס אימיגראַציע-געזעץ איז אַריינגעקומען אין פּאַרלאַמענט האָבן די ביידע יידן-דעפּוטאַטן געהאַלטן רעדעס פאַר אים און געשטימט פ אַ ר אים. זייער מיין איז געווען: אַרויסנעמען פון אים אַזוי אַרום דעם אַנטיסעמיטישן טעם. אָבער זיי האָבן דערמיט קיינעם נישט איבערצייגט. אַ לייבאָר-דעפּוטאַט (מר. קריסטי) האָט געזאָגט: „די מערהייט פון פאָלק פּונקט ווי די מערהייט פון פּאַרלאַמענט זענען נישט פאַרבלענדט בנוגע דעם צוועק פון דעם געזעץ. דאָס געזעץ איז אַזוי געבויט, אַז אין שטאָט קען ער אויסגענוצט ווערן צו ווייזן, אַז די רעגירונג איז נישט אַנטיסעמיטיש, און אויפן לאַנד קען עס באַניצט ווערן צו ווייזן, אַז די רעגירונג איז קעגן יידישער אימיגראַציע. די מאַלאַן-פּאַרטיי איז אַן אָפענער שונא פון יידן, אָבער אַן אָפענער שונא איז פיל בעסער ווי אַ פאַלשער פריינד" (ד. ה. די רעגירונג). — און דער בירגערלעכער דעפּוטאַט סטאַלאַרד האָט מוסיף געווען: „מען קען נישט גלויבן די אָפטע פאַרזיכערונגען, אַז דאָס געזעץ האָט נישט דעם צוועק אויסצושליסן אַ וועלכע נישט איז ספּעציעלע ראַסע. אויב אַזוי, צוליב וואָס דאַרף מען בכלל איצט איינפירן אַזאַ געזעץ? די רעגירונג באַקלאָגט זיך דאָך נישט, אַז ס'זענען דאָ צופיל מענטשן אין לאַנד... די יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרלאָזן, אַז אַזאַ געזעץ וועט זיי ראַטעווען פון עטוואָס ערגערעס, וועלן געפינען אַז עס קען ווערן אַ שווערד מיט צוויי שאַרפע זייטן".

דאָס געזעץ איז דורך און עס איז תיכף געוואָרן אַ שווערד קעגן יידן. דער אימיגראַציע-באָרד האָט באַשלאָסן אַ ר ו י ס צ ו ש י ק ן פון לאַנד הונדערטער יידישע, מייסטנס דייטש-יידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאָפט צו געפינען דאָרטן אַן אָפּרו פון זייער פּאָטערלענדישן סדר. די לאַגע זייערע איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע, ווייל זיי האָבן נישט בפועל ממש וואו זיך אַהינצוטאָן... אָט אַזוי איז די שטריק פון אַקטיוון יידנהאַס אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן האַלז פון נאָך

איינעם, נאָך יונגן יידישן ישוב. זיינע פּאַרטיידיקער האָבן אָבער נישט געוואוסט אין דער ריכטיקער צייט ווי צו האַנדלען שטאַרק, זעלבסטבאַוואוסט, מיט מענטש־לעכער און נאַציאָנאַלער ווירדע.

און אפשר איז עס געקומען דערפון, וואָס דער וויַיטער דרום־אַפריקאַנער ישוב האָט געהאַנדלט אויף זיין אייגענער אחריות, אָן פאַרבינדונג מיט דער יידישער וועלט? וואָלט עקזיסטירט אַ יידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון יידישע רעכט און ווירדע אין דער גאָרער וועלט, וואָלט דרום־אַפריקע נישט געפילט זיך איזאָלירט און פאַרלאָזן ווי עס איז איצט געוועזן, וואָלטן זיי געוואוסט בעסער וועגן די ביטערע דערפאַרונגען אויף דעם געביט אין רוסלאַנד, דייטש־לאַנד, רומעניע, וואָלטן זיי אין זייער קאַמף געהאַט אַ מאַכטפולן אָנשפּאַר אין דער סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון יידישן וועלט־פאָלק. די באַטאַליע, וועלכע איז אָקאָרשט פאַרשפּילט געוואָרן אין אַפריקע, האָט אָבער געבראַכט געוואַלטיקן שאָדן דעם יידישן פאָלק אַלס גאַנצעם: אי דעם דרום־אַפריקאַנער ישוב, אי די פּאָליטישע פּאָזיציעס פון פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

## דוד פראַנקפורטער

„מיינע האַרציק געליבטע געשוויסטער! צום לעצטן מאָל שיק איך אייך מיינע גרוסן מיט דער תפילה, אַז גאָט זאָל דערהאַלטן געזונט און שטאַרק דעם פאָטער און אויך מיינע געשוויסטער. איצט זאָלט איר וויסן וואָס עס צווינגט מיך צו שיידן זיך פון דער וועלט. איך קען מער נישט אַריבערטראָגן דאָס אומגליק פון יידישן פאָלק; דאָס האָט צוגענומען ביי מיר די לעבנס־פרייד, זאָל גאָט נקמה נעמען פאַר אַלץ, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן קעגן אונדז יידן! איך אַליין וויל נאָר זיין אַ קליין װערקצייג אין זיין האַנט. זייט געזונט און זייט מיר מוחל, איך האָב נישט געקענט אַנדערש האַנדלען.

ביז אין דעם טויט אייער געטרייער ברודער דוד".

אַזוי האָט געשריבן ד ו ד פ ר אַ נ ק פ ו ר ט ע ר אַהיים, צו זיינע נאָענטע, ערב דעם אַטענטאַט, וועלכן ער האָט באַגאַנגען דעם 4־טן פעברואַר 1936 קעגן דעם נאַצי גוסטלאָוו. אין דעם דאָזיקן מערקווירדיקן בריוו איז אַנטהאַלטן די גאַנצע פּערזענלעכקייט פון פראַנקפורטערן און די גאַנצע דערקלערונג פון זיין טאַט. קיין איין מינוט זינט ער האָט דערשאָסן דעם גוסטלאָוו ביז צו אויגנבליק פון דעם פּראָצעס האָט פראַנקפורטער נישט געענדערט אָדער אָפּגעשוואַכט די דערקלערונג פון זיין טאַט. גלייך אין דעם ערשטן אָוונט אין דאַוואָס האָט ער דערקלערט צו דער פּאָליציי: „די סיבה פון מיין האַנדלונג איז נישט געווען קיין פּערזענלעכע, די סיבה איז וו אָ ס א י ך ב י ן אַ ייד". אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער עס געענוי מאָ־טיווירט: „איך בין דערצו געקומען צוליב אַ גאַנצער כוואַליע פון פאַרביטערונג און האַס קעגן אַלץ, וואָס רופט זיך ברוינהעמדל אָדער נאַצי. יעדעס מאָל ווען איך

האָב געהערט וועגן דעם, פלעג איך צעקאָכט ווערן, און אַט דער צושטאַנד האָט זיך סוף־כל־סוף אַזוי פאַרשאַרפט ביי מיר, אַז איך האָב זיך מער נישט געפונען קיין אָרט... איך האָב זיך נישט געקענט טרייסטן, אַזוי ווי אַנדערע, און האָפן, אַז דער פעלקער־בונד וועט זיך אריינמישן אָדער אַז אין דייטשלאַנד וועט אויסברעכן אַ סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע רעוואָלוציע. האָב איך דערפאַר געמוזט באַגיין אַליין אַ טאַט... נאָך דעם ווי איך האָב אָנגענומען אַ באַשלוס אַוועקצוגיין פרייוויליק פון לעבן, איז אין מיר געוואָרן רייף דער געדאַנק: איך וואָלט געקענט גלייכצייטיק טויטן איינעם פון די פאַרהאַסטע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. צוערשט האָב איך געטראַכט וועגן היטלערן, גערינגן אָדער געבעלסן. איך האָב אָבער איינגעזען, אַז דאָס איז אוממעגלעך. בין איך געקומען אויפן געדאַנק וועגן גוסטלאָוון, וועגן וועמענס טעטיקייט איך האָב געוואוסט פון די צייטונגען" *).

ווי האָט זיך די יידישע עפנטלעכקייט אָפּגערופן אויף דעם מסירות־נפשדיקן אַקט פון פראַנקפורטערן? די ערשטע רעאַקציע איז געווען פון — מורא: מען האָט זיך דערשראָקן פאַר דער נקמה פון היטלעריזם קעגן די יידן אין דייטשלאַנד. וואָלט מען פאַרדאַמט דאָס געשעענע נאָר צוליב דעם מאָטיוו, וואָלט עס געווען מענטשלעך פאַרשטענדלעך. אָבער עס האָבן זיך געפונען ביי אונז נישט וויניק מענטשן און צייטונגען, וועלכע האָבן בכלל גענומען מבטל זיין דעם זינען און דעם באַטייט פון דער געשעעניש. מיט כלומרשט פּאָליטישע טעמים האָט מען „באַוויזן", אַז אַזעלכע אַקטן קענען נישט ענדערן אַ פעסטן פּאָליטישן רעזשים, אַז אויף דער שטעלע פון איין אכזר קומען צוואַנציק אַנדערע, אַז גראָד גוסטלאָוו איז נישט געווען ווערט צו זיין אַ קרבן...

דער „דבר", למשל, האָט געשריבן, אַז אַזעלכע אינדיווידועלע טאַטן קענען נישט אויפטאָן קיין שום פּאָזיטיוועס, אָבער זיי לענקן דערפאַר אָפּ פון יענער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, וועלכע גייט אָן אין ארץ־ישראל, און וואָס זי איז דער בעסטער ענטפער אויפן היטלעריזם. שוין נאָכן אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין פון 18 יאָר געפענגעניש האָט „דאָס נייע וואָרט" (פון 16־טן דעצעמבער 1936) געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַהאַנדלען פראַנקפורטערן ווי אַ קראַנקן, אומפאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן. „פראַנקפורטער — האָט דערקלערט דער לייט־אַרטיקל — איז נישט געווען גענוג פלעגמאַטיש און שוואַך, כדי נישט צו רעאַגירן אויף דעם מצב אין דייטשלאַנד, און ער איז נישט געווען גענוג געהאַרטעוועט און געשטאַרקט, כדי אויסצוהערעכענען יעדן שריט און צו באַהערשן זיינע געפילן. דער געזונטסטער מענטש מיט די שטאַרקסטע חושים קען פאַרלירן דאָס פסיכישע גלייכגעוויכט און דעם מענטשלעכן חשבון ביים אָנבליק פון דער מענטשהייטס־פיין, וועלכע אַ נאַצישער שגעון רופט אַרויס יעדע רגע און יעדע שעה". און עס האָט זיך געפונען

*) די ביידע לעצטע דערקלערונגען פון פראַנקפורטערן זענען ציטירט לויט דעם אָפיציעלן געריכט־אורטייל פון קאַנטאָנס געריכט פון גרויבענדן.

אין „היינט" (11־טן דעצ.) דר. מ. קליינבוים *), וועלכער האָט נאָך מער באַוויזן. „פראַנקפורטער איז נישט קיין ה ע ל ד. ער וואָלט געהאַט רעכט צום טיטל פון העלדישקייט, ווען ער וואָלט געהערט צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַריינ־גענומען אין איר פּראָגראַם אינדיווידועלן טעראָר. ווען פון דער דאָזיקער אָרגאַני־זאַציע וואָלט ער באַקומען אַ באַפעל צו דערמאָרדן גוסטלאָוון און וואָלט אויף זיך גענומען פרייוויליק די געפערלעכע אויפגאַבע, דאַן וואָלט עס געווען העלדישקייט, ווי ביי די פּאָליטישע אַטענטאַטער צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אָבער פראַנקפורטערן האָט קיינער נישט געשיקט, קיינער האָט אים נישט געבעטן ער זאָל באַגיין זיין אַקט".

וואָס קען מען זאָגן צו אַזעלכע משונהדיקע רייד? אודאי האָט אים נישט גע־שיקט קיין שום יידישע אָרגאַניזאַציע אָדער דאָס „וועלט־יידנטום", ווי די נאַציס האָבן געוואָלט. וואָלט ער ביי זיי אָנגעפרעגט לכתחילה, וואָלט מען אים זיכער אָפּגעראָטן פון זיין באַשלוס. אָבער — אין דעם טאַקע ליגט דער גאַנצער פּאָליטי־שער און יידיש־מענטשלעכער באַטייט, וואָס פראַנקפורטער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט א יי נ ע ר א ל יי ן. ער איז יענער אומבאַקאַנטער, באַשיידענער פּאָלקס־מענטש אָדער, בעסער געזאָגט, פּאָלקס־קינד, וואָס טראָגט אין זיך דעם גורל פון פּאָלק און דריקט אויס זיינע עכטע געפילן. מעגן די אָפיציעלע יידישע פּאָליטישע טוער און פּאַרזאָרגער טאָן זייער פּאָרזיכטיקע אַרבעט ווי זיי פאַרשטייען, אָבער פון דעם קערפּערלעך־שוואַכן פראַנקפורטער האָט געוואָלטיק אַרויסגעשריגן דער יאָמער, דער צאָרן און דער פּראָטעסט פון מ י ל י אָ נ ע ן יידישע מענטשן פון דער גאָרער וועלט. און ווי נאָר זיין אומבאַקאַנטע געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אויף דער יידישער קאַמף־אַרענע, האָט דאָס גאַנצע פּאָלק געלאָזט אַוועקשטעלן זיך אַרום אים אין וואַרעמקייט און ליבשאַפט, אין זאָרג און פאַרשטענדעניש. ער איז נישט געגאַנגען אין „שליחות" פון אָרגאַניזאַציעס, אָבער ער האָט געהאַנדלט ווי איינער פון פּאָלק, כאחד העם, און ער האָט פאַרטרעטן אין זיין מאָמענטדיקער שעה א ל ע־מ ע ן. וואָס גייט היינט פאָר אין דער נשמה פון יידישע טוער, באַזונדערס יידי־שע סאָציאַליסטן, אויב זיי פאַרשטייען עס נישט מער? פאַרוואָס האָט זיך נישט דערוועקט אפילו יענער אַקטיווער געפיל פון סאָלידאַריטעט, וועלכן מיר האָבן גע־זען נאָכן אַקט פון שוואַרצבאַרטן? (און שוואַרצבאַרט האָט דאָך גענומען נקמה נאָר פאַר געוועזענע פאַרברעכן!). ווי ווייט האָט שוין פּאָליטישער אָפּאָרטוניזם, פּאָליטישע מורא פאַרכאַפּט אונזער לעבן, אַז אפילו דער אינסטינקטיווער געשריי פון אַ לעבעדיקן פּאָלקס־מענטש ווערט פאַרהילכט דורך דעם קנעכטישן שכל הישר? צי שטראָמט שוין ווידער אַריין אין אונזער בלוט די קנעכטישקייט פון די פריער־דיקע דורות?

קוקט זיך צו נענטער צו דוד פראַנקפורטערן. ער איז אַרויס פון אַ פרום־יידי־

*) ד"ר קליינבוים איז איצט מגוגל געוואָרן אין דעם ד " ר ס נ ה אין ישראל וועלכער האָט פריער אָנגעפירט מיט דער „הגנה" און איז שפּעטער געוואָרן דער פירער פון מפּ"ם.

שער פאַמיליע, ער הערט זיך צו זיין גאַנץ יונג לעבן צו די רייד פון זיין פאָטער דעם רב. ער האָט אין זיינע 25 יאָר לעבן נישט געהאַט קיין שום צוזאַמענשטויסן מיט פרעמדע מענטשן. זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט איז געלעגן אויפגעמישט ווי אַ בוך פאַר דעם געריכט און פאַר אַלעמען: קיין איין שוואַרצער פלעק אין איר. ער איז פאַרנומען מיט גייסטיקע ענינים, ער איז שטענדיק קראַנק, אָבער ער לאָזט נישט אַרויס פון אויג דאָס אומגליק וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין פאָלק. ער איז גאַנץ אומפּאָליטיש, איז נישט אינטערעסירט אין באַזונדערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען. אָבער אין אים ווירקט דער געזונטער, סטיכישער געפיל פון יושר, פון ווירדע און פּראָטעסט קעגן ברוטאַלער געוואַלט. ער זעט, די וועלט באַרואיקט זיך לגבי די יסורים פון די יידן אין דייטשלאַנד; זי איז פאַרטאָן אין וויכטיקערע זאַכן. דעמאָלט רייפט אויס אין דעם ריינעם, אָרנטלעכן פראַנקפורטערן דער געדאַנק, אַז ע ר אַליין מוז באַגיין אַ טאַט, וועלכע זאָל ווידער דערוועקן דעם איינגעשלאָפענעם געוויסן פון דער וועלט.

ווי אַזוי אָבער קען ע ר זיך גרייטן צו אַ מאָרד־טאַט, צו אַ רציחה פון מענטשן?... בעת דעם פּראָצעס האָט ער דערויף געענטפערט: „איך האָב נישט געהאַט קיין באַשטימטע כוונה צו דערמאָרדן גוסטלאָוון. עס זענען נאָר געווען געדאַנקען, וועלכע זענען ווידער און ווידער געקומען צו מיר און וועלכע איך האָב געסטאַרעט זיך צו פאַרדרענגען. מאָרד פאַרטראָגט זיך נישט מיט יידישע מאָראַל־באַגריפן. איך האָב אינערלעך פאַרמאָגט נאָר אויף אַזויפיל מאָראַל, כדי אין רואיקע מאָמענטן אָפּצוּוואַרפן דעם געדאַנק וועגן מאָרד. אָבער די דערינערונגען וועגן די געשעענישן אין דייטשלאַנד פלעגן שטענדיק קומען איבער מיר ווי אַ צוואַנג". מיר ווייסן אויך, אַז גאַנצע פיר טעג פאַרן מאָרד, בעת ער איז שוין געווען אין דאַוואָס, האָט ער זיך געוואָרפן און געבלאָנדזשעט, אַלץ וועלנדיק זיך באַפרייען פון יענעם צוואַנג. אָבער — ווי ער זאָגט אין געזעגענונג־בריוו — „איך האָב נישט געקענט אַנדערש האַנדלען".

צי דערמאָנט אונז נישט זיין געשטאַלט אָן אַן אַנדערער, פון אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און יענע טעראָריסטן? אויך י ע ג אָ ר ס אַ ז אָ נ אָ וו איז אויפגעוואַקסן אין אַ פרום־פּאַטריאַרכאַלישער, רוסישער פאַמיליע; אויך ער איז געווען הימל־ווייט פון בלוטיקן מענטשן־מאָרד. אָבער אויך אין אים האָט געגערעדט אַ העכערער כוח. אין יאָר 1903 קומט ער אין דער שווייץ צו שטודירן מעדיצין, נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון סיביר אָבער ער האָט נישט געקענט ווידמען זיך רואיק דעם שטודיום. דיליידן פון פאָלק, די אכזריות פון מיניסטער פּלעווע האָבן אים נישט געלאָזט רוען. „ווען איך בין אַנטלאָפן פון סיביר — האָט ער שפּעטער געשריבן אין זיין „ווידוי" — האָב איך געפילט ווי הינטער מיין רוקן שטייען בלוטיקע געשפּענסטער, וואָס לאָזן מיך נישט רוען נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט: דו מוזט, דו מוזט אַרויסטרעטן קעגן פּלעווען! ווען איך האָב זיך דערוואוסט וואָס די מיניסטאָרן טוען אָפּ אין רוסלאַנד, האָב איך נישט געשפּירט קיין רעכט צו לעבן אין וואוילשטאַנד און רו". מיט אַ שווער האַרץ האָט סאַזאָנאָוו אָנגענומען דעם באַ־

שלום צו דערמאָרדן פלעווען. אין אויפגערודערטע ווערטער האָט ער אין אַ בריוו צו די עלטערן — געשילדערט זיין זעלישן צושטאַנד נאָכן אַטענטאַט. 'איך בין באַגאַנגען די גרעסטע זינד וואָס אַ מענטש קען נאָר באַגיין; איך האָב זיך באַפלעקט מיט בלוט. בין איך דען באַשאַפן געוואָרן צו פאַרגיסן בלוט!... און דאָ האָט זיך פלוצים געשטעלט פאַר מיר אַ מוראדיקע אויפגאַבע, און כ'האָב זי נישט געקענט אַראָפוואַרפן פון מיינע אַקסלען; איך האָב זי געמוזט דערפילן" *).

געוויס ליגט אַ גרויסער אונטערשייד צווישן סאַזאָנאָוון און פראַנקפורטערן, סיי בנוגע זייערע פערזענלעכקייטן, סיי בנוגע דעם היסטאָרישן תוך פון זייערע אַקטן. אָבער דער גייסטיקער יסוד פון דיביידע יונגע מענטשן, זייער טיפע ערלעכקייט און באַשיידנקייט, זייער מאָראַלישע אַקטיוויטעט, זייער געפיל פון אחריות לגבי זיך און מענטשן, — מאַכט זיי נאָענט צווישן זיך. און נישט געקוקט אויף אַלע פאָליטישע אָדער נאַציאָנאַלע חשבונות, האָט אונזער פאָלק געהאַט איין קלאָרע בליכט לגבי אַזאַ זון זיינעם ווי פראַנקפורטער: אָרגאַניזירן זיין שוץ, אַוועקשטעלן זיך ווי אַ מויער אַרום אים, נישט אַרויסגעבן אים צו די מלאכי־חבלה פון נאַציזם. דאָס איז נישט געשען. די פאַרטיידיקונג פון פראַנקפורטערן האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָנגריף קעגן יענעם רעזשים, וואָס שענדט דעם מענטשלעכן און יידישן כבוד. נישט גוסטלאָוו, נישט זיינע יורשים האָבן געזאָלט שטיין אויפן פלאַץ פון באַשולדיקער, נאָר דאָס באַליידיקטע און מיט בלוט אָפגייענדיקע יידישע פאָלק. יאָ, אַן אָפענער יידישער פראָצעס האָט געזאָלט פאָרקומען פאַר די ריכטער פון דער שווייץ. און נישט נאָר אַ יידישער, אויך אַן אַלגעמיין־פאָליטישער פראָצעס.

פראַנקפורטער האָט געהאַט דערקלערט ביים אויספרעגן, אַז עס איז געווען נאָך אַ טעם פאַרוואָס ער האָט זיך געווענדט קעגן גוסטלאָוון. „אין די יאָרן, וואָס איך האָב געלעבט אין בערן, האָב איך ליב באַקומען די שווייץ. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז גוסטלאָוו איז דער אַלמעכטיקער נאַצי־סאָציאַליסט וועלכער האָט נאָר איין אויפגאַבע — צו מאַכן די שווייץ אונטערטעניק צו דייטשלאַנד. דערפאַר רעכן איך, אַז איך האָב דורך מיין טאַט געדינט אויך דער שווייץ". פונקט אַזוי ווי דער דערמאָרדעטער אין דער שווייץ, זענען אומצייליקע אַנדערע פאַרטרעטער פון יענעם רעזשים צעשפרייט אין אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט. אומעטום פירן זיי אָן אַן אַקטיווע אַרבעט קעגן יידן און קעגן די פרייהייטן פון די פעלקער. אין שפאַניע (אין באַרצעלאָנאַ) האָבן די רעוואָלוציאָנערן געפונען אַלע דאָקומענטן און אויפגעדעקט דאָס גאַנצע שפיל פון די דאָרטיקע אָפענע און פאַרשטעלטע נאַצים. אויפן פראָצעס פון פראַנקפורטערן וואָלט מען געקענט אַזוי אַרום דערוויזן נישט נאָר זייערע פאַרברעכן קעגן יידן, נאָר אויך זייערע אַטענטאַטן און פאַרברעכן קעגן אַלע פעלקער אַלס גאַנצעס. עס וואָלט קלאָר דעמאָנסטרירט גע־

*) זע י. נ. שטיינבערג: מאַריאַ ספירידאָנאָוואַ", ב. 1, זייט 213.

וואָרן די ענגע פאַרבינדונג צווישן דעם יידישן מזל און דעם מזל פון דער אַלגעמייד נער דעמאָקראַטיע.

אָבער צוליב מורא און חשבונות האָט מען עס אַלץ אָפּגעלאָזן. קיין ערנסטע אָרגאַניזאַציע אויף צוגרייטן דעם פּראָצעס איז נישט געשאַפן געוואָרן. דער היס־טאָרישער פּראָצעס פון אַ פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משפט איבער אַן אומגליקלעכן, קראַנקן סטודענט. די פאַרטיידיקונג איז געלעגן אין די הענט פון אַן ערלעכן מענטשן, וועלכער האָט אָבער אָנגעהויבן זיין רעדע מיט די ווערטער: „ווער עס האָט דערוואַרט פון דעם פּראָצעס אַן אָפּרעכענונג מיטן פּאָליטישן רע־זשים אין דייטשלאַנד, דער וועט ווערן אַנטוישט. דער פאַרטיידיקער וועט נישט אַרויסטרעטן אויפן געביט פון פּאָליטיק". דאָס איז געווען דער ניצחון פון יענעם צד. דערפאַר האָט עס געקענט קומען צו דעם שווינדלעכן אורטייל: פראַנקפורטער איז פ אַ ר אַ ו ר ט ײ ל ט געוואָרן. מען האָט געוואָלט צונעמען פון דער בינע דעם כּלל, כּדי צו „ראַטעווען" דעם פּרט; אויסגעלאָזן האָט זיך עס דערמיט, וואָס מען האָט נישט געראַטעוועט דעם איינצלמענטש און מען האָט פאַרשוועכט דעם כּבוד פון פאָלק.

און אַז מען האָט דערהערט דעם פּסק־דין, האָט אַ גרויל אַרומגענומען די יידי־שע וועלט, אָבער נאָר אויף אַ ווײַל; זי האָט עס באַלד גענומען פאַרגעסן און איז אַריבער צו די טעגלעכע פּאָליטישע זאָרגן. קיין פּראָטעסט־כוואַליע אין די ייִדישע ישובים, קיין אַקציע פאַר דער רעוויזיע פון דעם פּסק־דין. אין פּאַריז איז געווען אַ מיטינג, וואָס האָט אָנגענומען אַ הערלעכע רעזאָלוציע: „3000 בירגער שיקן איבער פראַנקפורטערן — דעם פרײַוויליקן מאַרטירער פאַר די גערודפטע — דעם אויסדרוק פון זייער טרײַער אָנערקענונג און פולשטענדיקער סאָלידאַרי־טעט. זיי טאַדלען דעם אומברחמנותדיקן אורטייל, וואָס גיט אַזאַ שטראָף פאַר דעם שמערצלעכן אַקט פון אַ דרייסטן און איידעלן ייִד. זיי דערמאָנען דער ציוויליזירטער וועלט, אַז די טעגלעכע אכזריותן פון נאַציסטישן פאַשיזם האָבן געבראַכט פראַנק־פורטערן צו זײַן פאַרצווייפלטן אַקט. זיי פאָדערן אויף פאַרצווזעצן אַן אויפהער די אַקציע פאַר באַפרײַען פראַנקפורטערן און אַלע אונטערדריקטע פעלקער". אין באַרסעלאָנאַ האָט די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע צײַטונג („לאַ רעוואָלוסיאָן סאָ־סיאַל" פון מערץ 1937) אָפּגעגעבן גענוג פּלאַץ פאַר דעם פּראָצעס און פאַרלאַנגט זײַן רעוויזיע. „אויב די שווייצאַרישע פּרעסע האָט געשוויגן, אויב די „דעמאָקראַטן" פון אַלע לענדער שווײַגן, טאָרן אָבער נישט שווײַגן די אַרבעטער. עס האַנדלט זיך אויך וועגן זייער פרײַהייט, נישט נאָר דער פרײַהייט פון פראַנקפורטערן... פּראָ־טעסירט אומעטום קעגן דעם פראַנקפורטער־פּראָצעס, וואָס איז געפירט געוואָרן אַזוי געווויסנלאָז!"

און דאָס איז דערווײַל אַלץ. די „ציוויליזירטע וועלט" איז פאַרנומען מיט מער וויכטיקע ענינים. די שוואַכע שטים פון אַ פראַנקפורטער הערט זיך נישט צווישן די באָמבען־שאָסן און טויט־געשרייען פון אייראָפּע. אָבער די ייִדישע וועלט טאָר אים נישט פאַרגעסן, איבערלאָזן אים אַליין מיט זײַן צער און אַנטוי־

שונג. די ייִדישע יוגנט טאָר נישט איבערלאָזן איינזאַם אירס אַ ברודער, וואָס האָט איינער אַליין, אָבער אין נאָמען פון אַלע, מוטיק דערהויבן די שטים פון פּראָטעסט. וועט די ייִדישע וועלט פאַרגעסן אין אים, וועט דאָס זײַן דער ערגסטער סימן דערפון ווי ווײַט דער גײַסט פון קנעכטישער פּחדנות איז שוין אַרײַן אין די ביינער פון פאָלק.

און ווידער אַמאָל: וואָלט דאָס אַלץ מעגלעך געווען ווען עס וואָלט געווען אַ לעבעדיקע ייִדישע וועלט־געמיינשאַפט?!

# ארץ־ישראל

„עס מוז קומען צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין די ייִדיש־אַראַבישע באַציאונגען. דער גרויסער פאַרזוך אין פּאַלעסטינע זאָל נישט בלייבן אונטער דער גרויסער סכנה. עס מוז אָפן און קלאָר אַרויסגעזאָגט ווערן, אויף וועלכן וועג עס ליגט די לייזונג פון דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע. אַרויסגעזאָגט ווערן מוז עס נישט אין דיפּלאָמאַטיש־געהיימע אונטערהאַנדלונגען, נישט אין בהדרגהדיקער און שרעקעוודיקער לאַנגזאַמקייט, נאָר מיטן פולן מויל און מיטן גאַנצן האַרצן; אַרויסגעזאָגט ווערן אַזוי, אַז יעדער ייד אין א״י זאָל דערפילן די וויכטיקייט פון דעם געשעענעם, אַזוי אַז יעדן, אויך דעם סאַמע פינסטערן אַראַבער זאָל אַרייַנגעשלאָגן ווערן אין קאָפּ די באַדײַטונג פון געשעענעם" — אַזוי האָבן מיר געשריבן אין די „פרײַע שריפטן" (נר. 7—8, מערץ 1930) גלייך נאָך די געשעענישן פון 1929. מיר האָבן דעמאָלט פאַרגליכן די געשעענישן פון 1929 מיט די אומרועןן אין 1920־21 און באַוויזן, אויף ווי ווייט די קראַפט און דער פאַרנעם פון דער אַראַבישער באַוועגונג שטייגט פון מאָל צו מאָל. מיר האָבן געוואָרנט קעגן אַ שפּעטערדיקער „העכערער" מדרגה פון דעם אַראַבישן ווידערשטאַנד און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „די אויגוסט־דערשיטערונג איז געווען אַ סיגנאַל. ס'איז נאָך אַ גליק וואָס די דערשיטערונג איז געקומען אין אַ שלום־צייט, נישט בעת אַ מלחמה, בעת די פאַרבינדונגען פון פּאַלעסטינע מיט דער וועלט וואָלטן געווען אָפּגעשניטן. האָט איצט דאָס יידישע אַרבעטפאָלק און זײַן יוגנט צײַט, בכדי דורכצוטראַכטן די לאַגע און צוגרייטן די נייטיקע באַשלוסן".

די נײַע טיפע דערשיטערונג אין ארץ־ישראל אין יאָר 1936 האָט געפונען דעם ייִדישן ישוב און די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג פּונקט אַזוי נישט צוגעגרייט צו „נויטיקע באַשלוסן" ווי אין יאָר 1929. די ייִדיש־אַראַבישע באַציונגען פאַר די פאַרגאַנגענע זיבן יאָר האָבן זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערט. פאַר דער צײַט זענען פאָרגעקומען געוואַלטיקע נײַעסן אין אויפבוי פון לאַנד. עס איז אויסגעוואַקסן ביז 400.000 די צאָל ייִדן אין ארץ־ישראל, עס זענען אין אַ גרויסן מאַסשטאַב געוואַקסן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון ייִדישן ישוב, די ארץ־ישראל־ווירטשאַפט האָט אַלץ מער געוואָרן דעם צוטרוי פון וועלט־קאַפּיטאַל. די פירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אין אַ גרויסער מאָס אַריבער אין די הענט

פון דער הסתדרות, וועלכע איז אויסגעוואקסן צו אַ מאַכטפולן פאַקטאָר אין ישוב. דער מאַראַלישער כוח, וואָס ליגט אַנגעזאַמלט אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אַמבעסטן אַנטפּלעקט בעת די חדשים־לאַנגע אומרוען אין לאַנד. די העלדישקייט און מענטשלעכקייט, וועלכע עס זענען אַרויסגעוויזן געוואָרן פון הונדערטער טויזנטער יונגע מענטשן לגבי אַלע בלוטיקע פּראָוואָקאַציעס, זענען געווען וווּנדערבאַר.

און דאָך איז פאַרבליבן איין ווייטיקער, אפשר דער ווייטיקסטער, פּונקט אין דעמזעלביקן געפערלעכן צושטאַנד ווי אַמאָל: די באַציונגען מיט די אַראַבער. נישט געקוקט אויף אַלע גוטע כוונות נאָכן יאָר 1929, איז אַלץ פאַרבליבן ווי געווען, — די זעלביקע שאַרפע אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע מוז פירן צו קעגנזייטיקער פיינטשאַפט. די אָפּגעזונדערטקייט האָט אויך געפירט צו יענער פּאָליטישער בלינדקייט, ביי וועלכער מען זעט נישט גענוי, וואָס עס טוט זיך אין לאַגער פון קעגנער. פאַר די זיבן יאָר איז אָבער געוואַקסן די נאַציאָנאַל־אַראַבישע באַוועגונג, זי איז געוואָרן אַ סך מער קאָמפּליצירט ווי נאָר אַ באַוועגונג פון „מופטי און די עפענדים", זי האָט אַריינגעהויכט אין זיך אַ סך פון דעם מאָדערנעם „אייראָפּעיִשן" גייסט. אין די געשעענישן פון פאָריקן יאָר האָט זי אַרויסגעוויזן אַזאַ מאָס פון פּאָליטישער און מיליטערישער דיסציפּלין, וואָס מען האָט זי נישט געקענט דערוואַרטן. (דאָס אָפּשטעלן פון די מאָרד־ און גזלה־אַקטן אין איין טאָג איז געווען דער שטאַרקסטער באַווייז דערצו). די באַוועגונג האָט אויך אַרויסגעוויזן דיפּלאָמאַטישע פעיִקייטן — בנוגע ענגלאַנד, בנוגע די אַנדערע אַראַבישע מלוכות — וועלכע מען טאָר מער נישט אונטערשאַצן.

דערפאַר טאַקע איז דער פאַרנעם פון די אומרוען דאָס מאָל געווען אַזאַ גרויסער. מען קען נישט לייענען אָן ווייטאָג די ציפערן, וועלכע עס האָט אָקאָרשט פאַרעפנטלעכט די עקזעקוטיווע פון דער יִדישער אַגענץ אין ירושלים אין פאָרם פון אַ בוך. פון 19־טן אַפּריל ביז אָקטאָבער 1936 זענען דערמאָרדעט געוואָרן און געשטאָרבן פון ווונדן — 91 ייִדן, 369 — פאַרווונדעט. די צאָל אָנפאַלן אויף ייִדן אין די שטעט און קאָלאָניעס האָט דערגרייכט די ציפער 1.996. נישט ווייניקער ווי 895 מאָל האָט מען באַשעדיקט ייִדיש אייגנטום. עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן איבער 200.000 פּרוכט־ און וואַלד־ביימער, בערך 17.000 דונאַם תבואה־פעלדער א. ד. ג. אָנפאַלן אויף פאַרשטייער פון דער מאַכט זענען געווען 795, פאַבאָמבאַרדירט־אַקטן קעגן דער אייזנבאַן, אויטאָבוסן א. א. — 380. די צאָל באָמבןאַטענטאַטן, אויסגעפירט דורך אַראַבער, ביי וועלכע עס זענען באַנוצט געוואָרן אויך טייוול־מאַשינען, מינעס א. א. וו., האָט דערגרייכט די ציפער פון 1369. עס זענען פאָרגעקומען 305 טעראָר־אָנפאַלן מיצד אַראַבער קעגן אַראַבער. אין סך־הכל זענען אַרעסטירט געוואָרן 3.111 אַראַבער אין צוזאַמענהאַנג מיט די אומרוען, אַחוץ אינטערנירטע אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַרעסטירטע פאַר עובר זיין אויף די פאַרשריפטן וועגן אויסנאַם־צושטאַנד.

וואָס האָבן די ייִדישע פאַראַנטוואָרטלעכע טוער אַנטקעגנגעשטעלט דער

דאָזיקער אַנטוויקלונג ? שעפּערישם גאָרנישט. די הויפּט־שטיצע בלייבט אין פאַרבלייבט ענגלאַנד. עס זענען שוין לאַנג אויסגעוואָרן די אַמאָליקע נאַיווע האָפע־נונגען, אַז אַלמענטשלעך־גייסטיקע אידעאַלן פירן אָן מיט דער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק פון ענגלאַנד. היינט אַרגומענטירט דער ציוניזם נאָר מיט די פּאָליטיש־סטראַטעגישע אינטערעסן פון ענגלאַנד; און ער פאַרגעסט אָפטמאָל דערביי, אַז טאָקע די אינטערעסן קענען און מוזן אָפּווענדן די בריטישע פּאָליטיק ווייט ווייט פון דעם באַלפור־צוזאָג. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך דער אַזוי־גערופענער שטאַרקער פליגל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — דער רעוויזיאָניזם — איז געווענדט מיטן פּנים נאָר צו ענגלאַנד. דעם 11 פעברואַר איז וו. זשאַבאָטינסקי געשטאַנען פאַר דער „ראָיאַל־קאָמישאָן" אין לאָנדאָן און ער האָט גערעדט מיט אַזאַ לשון: „איך האָף, עס וועט קומען אַ טאָג, ווען אַ ייִד וועט קענען דערשיינען פאַרן פאָרום פון דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט, כּדי צו דערציילן דעם ענגלישן פאָלק, וואָס מיר האָבן אויסגעליטן און כּדי צו בעטן זיין עצה. אחוץ גאָט, איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג... מיר פאַרלאַנגען נישט צופיל. מיר בעטן אויך נאָר צו געבן אונדז דאָס וויניקע, וואָס איז נויטיק, כּדי מיר זאָלן קענען לעבן" 1). זשאַבאָטינסקי מיינט מסתמא, אַז ער האָט גערעדט מיט ענגלאַנד שטאַרקער און שטאָלצער ווי אַנדערע. אין דער אמתן אָבער האָט דאָ געוויייט מיט דעם זעלביקן הכנעה־גייסט ווי ביי די אַנדערע מען קען בלייבן דער זעלביקער גייסטיקער עבד, צי מען ליגט אויף די קני, צי מען שטייט אויף די פיס.

מען האָט זיך אָבער אַלץ נאָך נישט אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דעם אַנדערן שותף אין פּאַלעסטינע: צום אַראַבער. עס איז מערקווירדיק און שמערצלעך צו־גלייך, אַז עד היום האָט קיין איין גרופּירונג פון ציוניזם נישט דערוואָרבן זיך קיין פריינד צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל. אָט דער פאַקט, וואָס איז אַזוי בולט אַרויסגעקומען בעת די געשעענישן פון פאַראַיאָרן, איז אפשר אַ סך מער שמערצלעך איידער די אַלע מענטשלעכע און מאַטעריעלע קרבנות, וואָס מיר האָבן אויפגעציילט פריער. באַזונדערס שווער איז דער געדאַנק אַז — נאָך אַזוי פיל יאָרן פון סאָציאַליסטישער אַרבעט אין לאַנד — האָבן די אַרבעטער־ציוניסטן נישט דערגרייכט קיין אַקטיווע סימפּאַטיעס כאָטש פון אַ קליינעם טייל אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס. ווי וויכטיק און דערמונטערנדיק עס וואָלט געווען ווען זייער שטים וואָלט זיך דערהערט אין דעם גהינום פון באָמבן־אויפרייסן, מאָרד־געשרייען און שאָוויניסטישער שנאה! — פאַרוואָס איז עד היום נישט געשאַפן געוואָרן קיין גייסטיקע טריבונע פאַר פאַרשטענדיקונג אין דער אַראַבישער שפּראַך? האָט מען נישט גערעדט און באַשלאָסן עס גלייך נאָך דער דערשיטערונג פון 1929? מיט וואָס פאַר אַ געפיל פון דערשטוינונג מוזן מיר לייענען די פאָר ווערטער פון מיכאל אסף (אין „דבר" פון 11־טן מערץ 1937) וועגן דעם דער־שיינען פון צוויי ייִדישע בראָשורן אין אַראַבישער שפּראַך. „ביי דעם שווייגן, וואָס האָט ביז איצט געהערשט ביי אונדז לגבי דער העצע פון דעם אַראַבישן לאַגער,

1) ציטירט לויטן „מאַנטשעסטער גאַרדיען" פון 12־טן פעברואַר 1937.

זענען אַן שום צווייפל זייער נוצלעך די צוויי בראָשורן אין אַראַביש, וועלכע עס האָבן אָקאָרשט אַרויסגעלאָזן די לינקע פועלי־ציון (פון דער פראַקציע אַבאַראַמאָוויטש־יצחקי). אויסער איינצלנע אויפרופן, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן בעת דעם אַראַבישן שטרייק, האָט דער אַראַבישער עולם, וואָס שטייט אין זיין גרעסטער צאָל אונטער דעם פיזישן און צייטונג־טעראָר פון די אַראַבישע פירער, נישט געלייענט קיין שום אויפקלערנדיקן און באַלויכטנדיקן וואָרט. אַט די צוויי בראָשורן זענען אַן אָנהויב און דערין ליגט זייער הויפּט־ווערט". מיר גלייבן נישט אונדזערע אויגן. האָט די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַזוי פאַרנאַכלעסיקט אַט די הויפּט־אויפגאַבע, אַז ערשט לאחר המעשה מוז מען באַגריסן בראָשורן, אַרויסגעגעבן פון דער קלענסטער גרופּע אין ארץ־ישראל? פאַרשטייט מען כאָטש איצט וואָס עס מוז געטאָן ווערן להבא?

עס האָט נישט קיין זינען אָפּצוּוועגדן זיך פון דער ווירקלעכקייט. וואָס די „ראָיאַל קאָמישאָן" זאָל נישט באַשליסן — אַפילו ווען עס זאָלן זיין גינסטיקע באַשלוסן — נישט זי איז דער פּוסק אחרון אין דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל. מען מוז אָפּן און באַוווּסטזיניק נעמען רעדן מיט די אַראַבער. און מען מוז דערביי פּרוּוון פאַרשטיין אויך די אַרגומענטאַציע פון יענעם לאַגער. דאָס וואָס יידן פאַרלאַנגען היינט־צו־טאָג פון די אַראַבישע פירער, איז אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך. אין אַ וועלט, וואָס איז פול מיט נאַציאָנאַליסטישע קריגערייען און ברוטאַלסטן נאַציאָנאַלן עגאָיזם, אין אַן אייראָפּע, וואָס יעדע מלוכה און מלוכהלע פאַרשפּאַרט אירע טויערן פאַר אַ ברעקל אימיגראַציע, — אין אַזאַ וועלט פאַרלאַנגען יידן פון אַראַבער פאַרשטענדעניש פאַר זייערע אייגענע נויטן. ווי אַזוי קאָן דער דורכשניטלעכער אַראַבישער נאַציאָנאַליסט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף די „פיינע" אייראָפּעישע מוסטערן בנוגע יידן, וואָס זעט אַרום זיך די דערהויבונג פון עגיפּטן אָדער סיריע, די דערשטיקונג פון אַביסיניע, — ווי אַזוי זאָל ער טראַכטן אַנדערש ווי אַלע אַרום? ווי אַזוי זאָל ער קענען אָפּטאָן זיך פון זיינע עלעמענטאַרע אינסטינקטן און אַריינטאָן זיך אין דער גרויסער דראַמע פון יידישן פאָלק און דערקלערן אים: גוט, מיר וועלן אַביסל אָפּרוקן זיך אויף אַ זייט און צוזאַמען בויען דאָס לאַנד!

דאָס איז בלי ספק אַ שווערע אויפגאַבע. אַ שווערע, אָבער נישט קיין אוטאָפּישע. עס זענען דאָ געגנוג אַרגומענטן — און נישט עקאָנאָמישע („מיר ברענגען פּראָספּעריטי אין לאַנד!") — וועלכע וואָלטן געקענט אַרויסרופן די סימפּאַטיע און אינטערעס פון די אַראַבער פאַר דעם יידישן אויפבוי־ווערק. אָבער — דערצו מוז מען דאָך אַריינטרעטן מיט זיי אין גאָר נאָענטע גייסטיקע און זעלישע באַציונגען, מוז מען שטיין מיטן גאַנצן געזיכט אָפּן געוואַנדט צו זיי.

עס שטייט דאָ פאַר יעדן ערלעכן באַוווּסטזיין אַ ממה־נפשך, פון וועלכן מען קען זיך נישט אויסדרייען. אָדער מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וועגן דער געוואַלטיקער פאָדערונג, וועלכע מיר שטעלן צו די אַראַבער, אַ פאָדערונג וועלכע פאַרלאַנגט, אַז די אַראַבער זאָלן זיך אויפהויבן איבער זייערע קליינע נאַציאָנאַל־

פּאָליטישע אינטערעסן לשם אַ הומאַניסטישן פעלקער־אידעאַל, — דעמאָלט מוזן מיר רעדן און צונויפרעדן זיך מיט זיי, אונטער אַלע באַדינגונגען און מיט קעגנזײַטיקן דרך־ארץ. אָ ד ע ר אָבער מיר זעען נישט אײַן די לאַגע און באַטראַכטן די אַראַבישע טוער נאָר אַלס „ווילדע" מענטשן, וועלכע אַרבעטן מיט רשעות און שווינדל קעגן דעם יידישן פאָלק, — דעמאָלט בלײַבט נישט קיין אַנדער וועג ווי נאָר פירן קעגן זיי אַ קאַמף, אַ פאַרניכטנדיקן און אויסשעפּנדיקן קאַמף ביז איין צד וועט געווינען. דאָס איז אַן אײַזערנער ממה־נפשך, און מען מוז אויסקלײַבן דעם איינעם אָדער דעם אַנדערן אויסוועג. צי קען אָבער זײַן אַ ספק אין דעם, וו ע ל כ ע ר אויסוועג עס ליגט פאַר אַ יידיש פאָלק? ווּהין וואָלט געקענט פירן דעם יידישן ישוב אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט די אַראַבער? וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט האָבן ארץ־ישראל, דעראָבערט מיט אַזעלכע מעטאָדן?

נישטאָ קיין אַנדער וועג אויסער דעם וועג פון שלום און פאַרברידערונג. דער וועג איז נישט נאָר נוצלעך; ער אַנטשפּרעכט אויך דעם אינערלעכן זינען פון אַ יידישן נ ײַ ל אַ נ ד. „דאָס פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט הײַנט אין דער גאַנצער וועלט, זעט ווי די מאָדערנע מלוכות און קולטורן זענען אויפגעבויט אויף דיפּלאָמאַטישן שקר און דעמאָקראַטישן שווינדל, אויף נאַציאָנאַלער גוואַלט־פּאָליטיק, מיליטערישן יאָך, עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע. דאָס יידישע פאָלק זעט, ווי אָרעמטום ווערן דורכדעם די מענטשן און די מלוכות מאָראַליש און גײַסטיק אונטערגעגראָבן. און דאָס זעלביקע יידישע פאָלק זאָל — אין זוכעניש נאָך אַ רויִקער היים — אויפבויען פאַר זיך אַליין דווקא אַזאַ היים ווי די „גליקלעכע" פעלקער אַרום? אונדזער פאָלק קען נישט בויען בײַ זיך אַ קאָפּיע פון דער אַרומיקער וועלט, נישט דערפאַר ווײַל עס בויט זיך ש פּ ע ט ע ר פון אַלע און האָט אַלזאָ פאַר זיך די גרעסטע דערפאַרונג פון דער געשיכטע. עס טאָר נישט שאַפן אַזאַ סדר, וועלכער זאָל באַלד מוזן געבראָכן ווערן, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע אַרום". 1). און נאָך עפּעס: דאָס אַראַבישע פּראָבלעם איז שוין געוואָרן — דורך זײַן יסורימדיקייט און ערנסטקייט — דער פּרוּװשטיין פאַרן יידישן לעבן בכלל אין פאַלעסטינע. וועט דאָס יידישע אַרבעט־פאָלק נישט קענען אויף אַ נײַעם אופן אײַנלעבן זיך מיט דעם פ אָ ל ק ־ ש כ ן, וועט דאָס זײַן אַ באַווײַז, אַז עס קען נישט אײַנלעבן זיך אויך מיטן מ ע נ ט ש ־ ש כ ן, ד. ה. מיט זײַנע אייגענע ברידער אין פאָלק. און דעמאָלט, — צו וואָס האָט געבראַכט דער חלום פון יאָר־טויזנטער?

די חלוצים פון ארץ־ישראל האָבן הײַנט אַ נײַע היסטאָרישע אויפגאַבע. פריער זענען זיי געגאַנגען אין די ערשטע רייען פון די אייגענע פאָלקס־מאַסן; הײַנט מוזן זיי מאַרשירן ווײַטער פאָרויס, צו די מאַסן פון אַראַבישן פאָלק.

---

1) זע „פרײַע שריפטן" נומער 7—8 פון מערץ 1930.

# פרײלאנד

ווי קענען ציוניסטישע מענטשן — בײ דער הײנטיקער לאגע — פארנעמען א קעגנערישע פאזיציע לגבי דער נײער באוועגונג — „פרײלאנד" — וועלכע מערקט זיך אן איצט אין יידישן לעבן? 1) די באוועגונג וויל אוועקשטעלן די אנארכישע יידישע עמיגראנטן־לויפעניש אויף געזונטע, פלאנמעסיק־ארגאניזירטע יסודות. זי וויל די עמיגראציע פון צעשראקענע איינצל־יידן פארוואנדלען אין א קאנצענטרירטער קאלאניזאציע פון באוווסטזיניקע יידישע מאסן. זי וויל אין א נײעם, פרײ צוגענגלעכן לאנד בויען אויף קאאפעראטיווע יסודות א יידישן ישוב מיט א פילזײטיקער פראדוקטיווער ווירטשאפט און נאציאנאל־גײסטיקער קולטור.

ווי אזוי קענען ציוניסטן שטעלן זיך אנטקעגן אזא אנהייב פון א באוועגונג?

ווי אזוי איז עס מעגלעך געווען, אז בעת דער פראנצויזישער קאלאניע־מיניסטער מוטע האט געמאכט געוויסע פארשלאגן צו די „פרײלאנד"־פארטרעטער האבן טוער פון דער ציוניסטישער באוועגונג (גלײכצײטיק טוער פון יידישן וועלט־קאנגרעס) געסטארעט זיך מבטל צו מאכן דעם באטײט פון דער זאך? ווי מען זאל זיך נישט באציען צו די פארשלאגן, אבער זיי האבן אפגעקלונגען ווי א דערפרישנדיק קול אין דעם הײנטיקן אייראפע. צו וואס האט מען געדארפט איילן זיך, מעלדן זיך תיכף בײ דעם מיניסטער, באקומען פון זײנע באאמטע אן אפשוואכונג פון צוזאג, פארשפרייטן די אנטוישנדיקע ידיעות אין דער פרעסע? אויב שוין בײם אנהויב אנטפלעקט זיך אזא באציונג פון ביטול און מורא, וואס וועט זײן שפעטער, ווען וועלכער נישט איז פלאן וועט זיך נעמען רעאליזירן?

מיר פארשטייען די טענה: מען טאר נישט אפציען די אויפמערקזאמקייט פון פאלק און פון די רעגירונגען פון דעם איינציקן קאמף־פעלד — פון פאלעסטינע. באזונדערס איצט ווען ארום דעם טיש פון דער „ראיאל־קאמישאן" ווערט אפשר אנטשידן דער גורל פון לאנד. מיר פארשטייען די טענה, און דאך טארן מיר זיך נישט לאזן באוועלטיקן פון איר. דער צושטאנד פון א „ראיאל קאמישאן", פון ספקות און אומזיכערקייט, האט קיינמאל נישט אויפגעהערט און וועט גאר נישט באלד אויפהערן. זאל דאס פאלק צוליב דעם נישט ווענדן זײנע אויגן אין ערגעץ נישט, אפילו אין זײן ביטערסטער נויט?

בעת דער וועלט־מלחמה האבן די פאטריאטן פון יעדן לאנד געפאדערט פון זייערע בירגער, אז זיי זאלן אפגעבן זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט, זייער גאנצן הויש פאר אמת און גערעכטיקייט נאר צו דעם אייגענעם פאטערלאנד. יעדן געדאנק און געפיל, וואס האט זיך באצויגן אויף אנדערע אינטערעסן אדער פלענער, האבן זיי גערופן „פארראט". די ענגלענדער האבן בכלל א פאטריאטישע פארמול פאר אלע צײטן: „גערעכט צי אומגערעכט, ס'איז אבער מײן פאטער־

1) זע נומער 1 „נײע שטימע", חודש־זשורנאל פאר דעם סאציאליסטיש טעריטאריאליסטישן געדאנק, ווארשע, אפריל 1937.

לאנד!" צי זאל פאלעסטינע היינטצוטאג פארנעמען דעם פלאץ פון אזא פאטערלאנד אין יידישן וועלט-לעבן? צי זאל מען נישט טארן — צוליב דער געפאר וואס הענגט איבער ארץ-ישראל — טראכטן און ארבעטן אויף אנדערע וועגן, ווען די מאסן געפינען זיך אין אזא נויט? זאל דער פאטריאטיזם לגבי ארץ-ישראל פארשלינגען די איבערגעגעבנקייט צום פאלק אלס גאנצעס? — געוויס, די ציוניסטישע באוועגונג קען נישט ארויפנעמען אויף זיך די זארג פון שאפן נייע וועגן פון נאציאנאלער קאלאניזאציע. אבער דאס יידישע פאלק קען און מוז נעמען אויף זיך מער ווי איינע אדער צוויי היסטארישע אויפגאבן. און וועט קומען די ריכטיקע צייט דערצו, וועלן זיך געפינען אין פאלק נייע כוחות פאר נייע אויפגאבן, וועלכע וועלן נישט אפשוואכן, נאר פארשטארקן די דערגרייכונגען פון די ערשטע.

אויך פון דער אנדערער זייט, פון דער בונדיסטישער, איז דער ווידערשטאנד דא. „מענטשן ווארפן פאר אונדז, בונדיסטן — שרייבט ה. ערליך („נייע פאלקס-צייטונג" פון 1-טן אפריל 1937) — אז מיר ווילן נישט אנערקענען די עמיגראציע-באדערפנישן פון דער יידישער מאסע. ווען האבן מיר די דאזיקע באדערפנישן געלייקנט? מיר ווייסן אויסגעצייכנט: וואלטן די יידישע מאסן געהאט היינט א מעגלעכקייט צו עמיגרירן, וואלטן זיי אין די צענדליקער טויזנטער און אפשר אין די הונדערטער טויזנטער עמיגרירט פון פוילן. אבער — וווּהין זאלן זיי פארן?" ה. ערליך באגנוגנט זיך נישט מיט דעם ארגומענט, ער ווייזט אן די אמתע סיבה פון דעם עלנט, וואס שטעקט אין די סאציאלע און פאליטישע פארהעלטנישן, וואס הערשן אין לאנד. „און דעריבער רופן מיר די יידישע מאסן — צוזאמען מיט די מאסן פון גאנצן לאנד — צו קעמפן פאר נייע פארהעלטנישן, ביי וועלכע עס וועלן נישט זיין קיין איבעריקע מענטשן אין פוילן, נישט קיין פוילישע און נישט קיין יידישע".

מיר קענען געננוי דעם דאזיקן געדאנקען-גאנג און מיר האלטן אים אויך פאר ריכטיק. אבער די אויספירן זיינע קענען היינט נישט באפרידיקן די יידישע מאסן. ווער ווייס, ווען די „נייע פארהעלטענישן" וועלן ווערן פארווירקלעכט; ווער ווייס, צי וועט נישט די יידישע מאסן אויסקומען אויך ביי א נייער סאציאל-פאליטישער לאגע איבערלעבן אזעלכע סאציאלע יסורים ווי דאס איז געווען אין רוסלאנד. מיר קענען נישט פארלאנגען, אז די אויסגעמאטערטע ביזן ביין מענטשן, וואס בלאנדזשען ארום מיט פארשלאפענע אויגן אויף אלע יידישע גאסן, זאלן נאר ווארטן אויפן סאציאלן משיח, ווארטן אין געצווונגענער פאסיוויטעט און יאוש. (פונקט אזוי ווי מיר קענען נישט פארלאנגען פון די זעלביקע מענטשן, זיי זאלן רויק ווארטן, ווער ווייס ווי לאנג, אויפן אנקום פון נאציאנאלן משיח — אין ארץ-ישראל). אבער ה. ערליך זעט אייגנטלעך די נויטווענדיקייט פון עמיגראציע פאר צענדליקער טויזנטער מענטשן; ער פרעגט מער נישט: וווּהין? אויב אזוי, פארוואס זאל דער „וווּהין" און דער סאמע פראצעס פון עמיגראציע נישט ווערן פארוואנדלט אין א קאנסטרוקטיוון פראצעס פון יידישן פאלקס-לעבן? פארוואס טאקע נישט „פרייַלאנד"?

ניין, דער ווידערשטאַנד פון ביידע זײַטן איז נישט באַגרינדעט. דער אמת ליגט אין דעם, וואָס די אויסלייזונג פון דער ייִדישער וועלט־נויט ליגט נישט אויף איין וועג, נאָר אויף מערערע וועגן. דער קאַמף אין די ווינלענדער, דער אויפבוי פון פּאַלעסטינע, אַ נײַ פרײַלאַנד אין דער וועלט, — די אַלע וועגן שטייען נישט פּרינציפּיעל אין קעגנזאַץ איינער צום אַנדערן. קאָמפּליצירט זענען די וועגן, ווײַל אַזוי איז די לאַגע פון פּאָלק. וואָלט עקזיסטירט אַ סינטעטישע באַטראַכטונג פון אונדזער וועלט־לאַגע, וואָלט די אידעע פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס באַקומען איר רעאַלע פאַרווירקלעכונג, דעמאָלט וואָלטן די אַלע אויפגאַבן דערשײַנען ווי טיילן פון איין גאַנצן. דעמאָלט וואָלטן די ייִדישע קבוצים נישט געוואָרן געשלאָגן איינ־ציקווײַז, איינער נאָך דעם אַנדערן אויף דעם גרויזאַמען שלאַכט־פעלד פון דער הײַנטיקער וועלט. דעמאָלט וואָלט נישט אַזוי לײַכט געשלאָגן געוואָרן דער ישוב אין דרום־אַפריקע, וואָלט נישט פאַרלאָזן געוואָרן דוד פראַנקפורטער, וואָלט געווען מער צוזאַמענהאַלט אַרום פּאַלעסטינע, וואָלטן געשטאַרקט געוואָרן די הענט פון אַלע שעפערישע באַוועגונגען אין פּאָלק.

אַזאַ געפיל פון אַ קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש קען געשאַפן ווערן בײַ ייִדן נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט געבוירן ווערן די פאַרשטענדעניש פון אונדזער איצ־טיקער ע פּ אָ כ ע. ווען גרויסע טיילן פון אונדזערע אַרבעטנדיקע מאַסן, פון אונדזער אינטעליגענץ, באַזונדערס אָבער פון אונדזער יוגנט דערשפּירן די צייכנס פון דער צײַט, דערקענען, אַז אין די בייזע און גוטע ווינטן, וואָס הוליען הײַנט איבער דער וועלט, לאָזט זיך הערן אויך די שטים פון אונדזער גורל, אויף יאָרהונ־דערטער פאָרויס, — דעמאָלט וועט אַ פרישער גײַסט פון וויזיע, קלאָרקייט, אַק־טיוויטעט אַרומנעמען אויך אונדזער פּאָלק. דעמאָלט וועט ער ווערט זײַן זײַן גרויסע פאַרגאַנגענהייט און זײַן צוקונפט.

אָבער כדי אַזאַ גײַסט זאָל זיך דערוועקן אין פּאָלק, מוז געשאַפן ווערן דער נײַער ייִדיש־רעוואָלוציאָנערער וועלט־בונד.

(„פרײַע שריפטן", אויגוסט 1937).

## דריטע טייל

# פראַגן פון
# ישראל און פרייַלאַנד

# נידער מיט דער מלחמה!

עס איז געקומען די צײַט צו רעדן אָפן וועגן דעם גרויסן טומל וואָס הערשט אויף דער ייִדישער גאַס. כמעט די גאַנצע ייִדישע עפנטלעכקייט איז פאַרכאַפּט פון איינאיינציקן פּראָגראַם, פון איינאיינציקן לאָזונג, וואָס פאַרטויבט אומברחמנותדיק די מוחות מיט די הערצער: די פאָדערונג, דאָס געשריי וועגן אַ תיכּפדיקער מלוכה אין ארץ־ישראל הילכט אומאויפהערלעך איבער אַלע אַסיפות, אויף די שפּאַלטן פון אַלע צײַטונגען. נאָך מער: די ייִדישע פּרעסע פון אַמעריקע איז „גלײַכגעשאַלטעט" געוואָרן: זי דינט נאָר דעם זעלביקן שרײַענדיקן פּראָגראַם. ניט מען לאָזט צו צו איר אַ וועלכע ניט איז „פרעמדע" שטים, און ניט מען גיט דעם פאַרטומלטן לעזער די ריכטיקע אינפאָרמאַציע.

באמת, ווי זאָל דער לעזער אַנטקעגנשטעלן זיך אָט דעם מבול פון טענות, פאָדערונגען און אײַנרעדענישן, ווען זיי ווערן אים אונטערגעטראָגן אין אַלע מעגלעכע פאָרמען פון דרוק: פּאַטריאָטישע, פילאַנטראָפּישע, נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, סאָציאַליסטישע. מען האָט שוין כמעט אויסגעלערנט דעם ייִדישן קהל צו גיין אין דעם טאָטאַליטאַרן שפּאַן, און דער פּשוטער מענטש האָט ניט דעם מוט צו טראַכטן פאַר זיך. און ווען קומט דאָס אַלץ פאָר, אין וואָס פאַר אַ צײַט פאַר דעם ייִדישן פאָלק? אין אַ צײַט ווען זײַן גורל ווערט אַנטשיידן אויף דורות פאָרויס, ווען מיליאָנען פאָלקסברידער ליגן אין די קברים, ווען נאָר איין־איינציקער כּוח קאָן אונדז ראַטעווען: דער כּוח פון פ ר ײַ ע ן א ו ן ע ר ל ע כ ן ייִדישן דענקען.

אָט אין אַזאַ צײַט, ווען טויזנט געפאַרן לויערן אויף אונדז פון אַלע זײַטן, פּענטעט מען מיט היפּנאָטישער קראַפט די פאַרבליבענע שעפערישע כּוחות פון אַ פאָלק און מען בינדט אים צו צו אַ יי ן פאָרמולע, אַ יי ן שם המפורש. אַ שיינעם פּנים האָט אונדזער קריטיק פון דיקטאַטורן אַנדערשוו, ווען מיר דערלאָזן אַזאַ סיסטעם פון גײַסטיקער הכנעה שוין איצט, אין דער נאָך ניט געשאַפענער „מלוכה אין וועג". און ווען מען דערהערט שוין אַמאָל אַ וואָרט פון קריטיק אין אונדזער פּרעסע, ווי פאַרזיכטיק, ווי שטאָטערנדיק זי איז לגבי דעם הערשנדיקן גײַסט!

אָבער מען טאָר דאָך ניט שווײַגן פּנים אל פּנים מיט דעם פײַער וואָס ברענט

מיט אזא טײַוולישער היץ אין ארץ־ישראל און וואָס פאַרשפּרייט זיך פון דאָרטן אויפן גאַנצן כלל ישראל. וויסנדיק צי ניט וויסנדיק, פירן מיר דאָך שוין אַ לענ־גערע צײַט אַ מ י ל ח מ ה, אַ דרײַפאַכע מילחמה אין דער וועלט. ווילנדיק צי ניט ווילנדיק גראָבן מיר דערמיט אונטער די סאַמע יסודות פון אונדזער לעבן אַלס פאָלק.

* * *

די ערשטע מילחמה ווערט אָנגעפירט קעגן ע נ ג ל א נ ד, קעגן דער ענג־לישער רעגירונג, קעגן דער ענגלישער לייבאָר פּאַרטיי. דוכט זיך, אַלע ווערטער פון כעס און פּאַראַכטונג לגבי די ענגלענדער זענען שוין אויסגענוצט געווען, און דער יידישער עולם האָט זיי געגוג טיף אַרײַנגענומען אין זיך. אוודאי זענען פאַ־ראַן שטאַרקע סיבות פאַר דער באַרעכטיקונג פון אַזאַ כעס און פאַרביטערונג.

ווי קאָן מען צוזען די ביטערע און גרויזאַמע סצענעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ זינט חדשים אין די שטעט, אין די דערפער, בײַ די ברעגעס פון א״י? ווי אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן אַז נײַע פאַרפאָלגונגען, יסורים און בזיונות זאָלן זיך שיטן אויף די קעפּ פון יענעם פאָלק, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון די קאָלכ־אויוונס פון היטלערן? ווי אַזוי זענען אַזעלכע מאַסנעמען געקומען פון דער האַנט און דורך דעם באַפעל פון אַ פּאַרטיי און אַ רעגירונג וואָס האָט אָנגעצייכנט אויף איר פאָן די באַפרײַאונג פון מענטשן? נאָך דעם וואָס זי האָט צוגעזאָגט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין רעזאָלוציעס, ווי האָט זי געמעגט אַזוי טיף אַנ־טוישן איר אין דער ווירקלעכקייט?

דאָס זענען אַלץ געגרעכטע פראַגעס וואָס האַלטן דעם יידישן מענטשן אין אַ שטענדיקן צושטאַנד פון אויפרעגונג און אַנטריסטונג. און דאָך — טאָרן מיר זיך ניט באַגנוגענען מיט די דאָזיקע געפילן אַליין; טאָרן מיר ניט דערלויבן די יידישע נשמה אויפגעפרעסן צו ווערן פון הילפלאָזן כעס און דורכויסיקער שנאה. וואָרעם אַ פאָלק וואָס קעמפט פאַר זײַן קיום מוז זיך אויסלערנען אויך צו טראַכטן רויק, מיט ישוב הדעת, מיט אַ קלאָרן איבערבליק פון אַלע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן דאָס אומגליק. און דער אמת איז אַז ניט נאָר „ענגלאַנד" האָט גע־בראַכט צו דעם איצטיקן צושטאַנד, נאָר אויך דער פּאָליטישער ציוניזם אין זײַן גאַנצער אַנטוויקלונג פאַר די לעצטע יאָרן.

צוויי היסטאָרישע פעלערן איז דער ציוניזם באַגאַנגען, הגם זיי וואָלטן גע־קענט אויסגעמיטן ווערן. דער ערשטער פעלער איז געווען און געבליבן דאָס וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געזוכט אין ארץ־ישראל די עכטע, די אומפּאַרפעלשטע שותפות מיט דעם אַ ר אַ ב י ש ן שכן. מען האָט, אין דער בלינדקייט פון פּאָליטישער לײַדנשאַפט, פּשוט מבטל געמאַכט אים אָדער אים באַהאַנדלט ווי אַן אומוויכטיקן טייל פון דעם לאַנד. מען האָט פאַרזען ווי די אַראַבישע וועלט מחוץ א״י, אָבער אויך אין די גרענעצן פון א״י, איז פון יאָר צו יאָר געוואַקסן סײַ פּאָ־ליטיש און עקאָנאָמיש, סײַ אין גײַסטיקן און אינטערנאַציאָנאַלן זינען. מען האָט

זיך פֿאַרלאָזן אויף אַלע מעגלעכע פֿאַקטאָרן, וראשית כל אויף ענגלאַנד; נאָר ניט אויף דעם אַראַבישן פֿאַקטאָר. און דאָס האָט בפירוש אָפּגעשוואַכט די פֿונדאַמענטאַלע פּאָזיציע פֿון א״י־ישוב, אויך לגבי ענגלאַנד.

און דער צווייטער פֿעלער איז געווען די פּראָקלאַמירונג אין יאָר 1942 פֿון דער פֿאָדערונג פֿון אַ תיכּפֿדיקער מ ל ו כ ה אין א״י. יעדער וואָס האָט געקוקט מיט אָפֿענע אויגן אין דער וועלט־לאַגע ווי זי האָט זיך אויסגעבילדעט אין די לעצטע יאָרן פֿון דער מלחמה, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין דעם ברוגזנדיקן ים פֿון די אַראַבישע פֿעלקער וועט מען ניט קאָנען מיט פֿרידלעכע מיטלען אַרויפֿצווינגען די שאַפֿונג פֿון אַ ריין־ייִדישן שטאַט. וואָס פֿאַר אַ רעגירונג עס וואָלט ניט געזעסן אין לאָנדאָן (אָדער אין וואַשינגטאָן), וואָס פֿאַר אַ צוזאָגן די אָדער יענע פּאַרטיי וואָלט ניט געהאַט געמאַכט צום ציוניזם; — די רעאַלע וועלט־לאַגע וואָלט עס אין אַ ז אַ פֿאָרם ניט צוגעלאָזן. נאָך מער: אַ לייבאָר־רעגירונג וואָלט באַזונדער ניט געקענט נעמען אויף זיך דורכצוזעצן מיט געוואַלט אַזאַ שטאַט: איז זי דאָך געשטאַנען מיט אומרו פֿאַר די רעבעלירנדיקע ראַסן און פֿעלקער פֿון גאַנץ טזיע. די עוולה פֿון בריטישן לייבאָר איז באַשטאַנען ניט אַזוי אין דעם, וואָס ער האָט פֿאַרראַטן זײַנע צוזאָגן, נאָר אין דעם, וואָס ער האָט זיי בכלל געמאַכט.

אַזוי אַרום איז א״י געשטאַנען אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה שווער באַלאָדן מיט די ביידע אומהיימלעכע פֿעלערן. דער ציוניזם האָט געפֿאָדערט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען האָט עס ניט געקאָנט אַרײַנפּאַסן מיט פֿרידלעכע מיטלען אין דעם נײַעם בילד פֿון נאָענטן מיזרח. און געפֿאָדערט האָט ער עס אָן וועלכער ניט איז אונטערשטיצונג מצד דעם אַראַבישן שכן; פֿאַרקערט, דער שכן האָט זיך שאַרף אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ שותּף אין דער זאַך. דערמיט איז דער קאַמף קעגן „ווײַסן פּאַפּיר״ געוואָרן אומגעהייער פֿאַרשווערט, און אין א״י האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן יענער ביז טויט געפֿערלעכער גײַסט וואָס ווערט אַזוי גרויזאַם קלאָר באַשריבן פֿון משה סמילאַנסקין. פֿון דעם „גײַסט״ איז אויסגעוואַקסן דער טעראָריזם, דער באַוואָפֿנטער קאַמף קעגן דער ענגלישער מאַכט, די מלחמה. דער טעראָריזם איז דער אויסדרוק פֿון יענער פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן ישוב בײַם אָנבליק פֿון דער אויסזיכטלאָזיקייט פֿון זײַנע פֿאָדערונגען. מען וויל מיט גוואַלד, מיט שרעקנס־מיטלען, מיטן סם פֿון קאָלעקטיוון האַס צעהאַקן דעם טראַגישן קנופּ, וועלכן מען האָט אַליין, אין גרויסער פֿאַרבלענדקייט פֿון די פֿירער געשאַפֿן.

און אַז מען הייבט אָן אַזאַ קאַמף, טאָר מען זיך ניט וווּנדערן ווען אויך דער אַנדער צד גרײַפֿט צו אַגרעסיווע און האַרטע מעטאָדן און הייבט אָן צו טרעטן מיט די פֿיס זײַנע אייגענע פּרינציפּן. עס איז נאַריש און פֿאַרברעכעריש לגבי דער ייִדישער צוקונפֿט צו באַשולדיקן די ענגלענדער אָדער די לייבאָר־טוער, אַז זיי ווילן „אָפּווישן די ייִדישע ראַסע פֿון דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד״. פּונקט פֿאַרקערט: דער גרעסטער טייל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכן ענגלאַנד, אין אַלע זײַנע שיכטן, איז דערשיטערט פֿון דער שווידערלעכער אויפֿגאַבע, וועלכע ער פֿירט דורך

היינט־צו־טאָג אין א״י; ער איז דערשיטערט און קאָן זיך דערוויל קיין עצה ניט געבן. אָבער די לייזונג, א וועלכע ניט איז לייזונג פון דער דראַמע, וועט מוזן קומען ניט אַנדערש ווי מיט דער מיטהילף פון ענגלאַנד. און עס איז פאַרשטענד־לעך פאַרוואָס עס גייען איצט אָן די פאַרצווייפלטע פאַרהאַנדלונגען אין לאָנדאָן צווישן דער יידישער אַגענץ און דער ענגלישער רעגירונג. וואָרעם — אויב באמת „ענגלאַנד״ איז נישט מער ווי א פאַררעטער לגבי דער וועלט, אויב די ליכט פון רעכט, גערעכטיקייט און פשוטער מענטשלעכקייט וועלן אויסגיין אין ענג־לאַנד, דעמאָלט וועט ווערן פינצטער סיי דאָ אין אַמעריקע סיי אין דער גרויסער וועלט.

עס איז נישט לפי אונדזערע כוחות און עס ליגט נישט אין אונדזערע צו־קונפט־אינטערעסן צו פירן אָט די מלחמה קעגן דעם ענגלישן פאָלק און זיין אר־בעטער־קלאַס. עס מוז קאַרדינאַל געענדערט ווערן די לאַגע, וועלכע באַדראָט מיט געפאַרן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק: די ריין־פאָליטישע מלוכה־אַמביציעס פון ציוי־ניזם מוזן אָפּטרעטן אויף צוריק לגבי די פאָדערונגען פון פרידלעכער אַנטוויקלונג און עכטן צוזאַמענלעבן פון דיביידע פעלקער אין א״י.

* * *

וואָרעם אין דער אמתן, הגם אומבאַמערקט, ווערט איצט דאָרטן געפירט נאָך א צווייטע מלחמה: קעגן די אַ ר אַ ב ע ר. מיר טאָרן זיך ניט לאָזן נאַרן פון דער אויבנאויפיקער רויקייט, וואָס הערשט דערוויל אין די יידיש־אַראַבישע באַ־ציונגען. דאָס איז א פאַלשע און דערפאַר א טאָפּלט געפערלעכע רויקייט, וואָס קאָן אַלעמאָל אויפגעריסן ווערן פון א שטורעם. דעם יידישן פאָליטיש־פאַרגלי־ווערטן עולם דוכט זיך אַז דער קאַמף גייט אָן נאָר צווישן יידן און ענגלאַנד. און דערפאַר הערט ער זיך צו צו די געוויסנלאָזע יידישע שרייבער וואָס פאַרגלייכן אים שטענדיק מיט דעם קאַמף פון די אירלענדער קעגן ענגלאַנד. דער „קלוגער״ אויספיר איז תמיד אַז מיר וועלן פונקט אַזוי אַרויסגיין מיט ניצחון פון דעם קריג ווי דאָס פאָלק פון א י ר ל אַ נ ד איז אַרויס.

און דער עולם, דער עם חכם ונבון, מאַכט זיך ניט זעענדיק ווי אַנדערש, פונדאַמענטאַל אַנדערש איז די לאַגע פון יידן אין א״י. אין אירלאַנד זענען גע־שטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן מיט האַס און פאַרביטערונג צוויי, אָבער נישט מער ווי צוויי לאַגערן: די ענגלענדער און די אירלענדער. בשעת די צווייטע האָבן ביטער געקעמפט צוגעדריקט מיט די רוקנס צו דער וואַנט, האָבן זיי געוווּסט, אַז ה י נ ט ע ר דער וואַנט שטייט ניט קעגן זיי נאָך א קעגנער. אָבער אין א״י פירן א געפערלעכן שפּיל מיטן טויט ניט נאָר די צוויי לאַגערן: יידן און ענגלענדער — נאָר אויך די אַראַבער. זיי זענען פאַראַן אין לאַנד, אין יעדן שפּעל־כעלע פון לאַנד; זייער שוויַיגנדיקער אָבער באַדראָענדיקער שאָטן צייכנט זיך אָפּ אויף דעם גאַנצן האָריזאָנט פון לאַנד. זיי שווייגן דערוויל, אָבער זייער שוויַיגן פילט אָן אונדזער האַרץ מיט נאָך א גרעסערן און טיפערן אומרו.

דערפאר זענען מיר איבערצייגט, אז די אלע אומצייליקע קאנפערענצן און פארהאנדלונגען מיט ענגלאנד און אמעריקע זענען כמעט אומטויגלעכע מיטלען, כל זמן עס וועט ניט קומען צו א דירעקטן הסכם מיט דעם אראבער. עס איז קיין נפקא־מינה ניט, ווי מען וועט פארמולירן דעם צוקונפטיקן פאליטישן סטאטוס פון א״י (פעדעראציע, צי חלוקה, צי אנדערשווי); דער סטאטוס וועט הענגען אין דער לופט אזוי לאנג, ווי ער וועט ניט זיין געבויט אויף קעגנזייטיקן אפמאך און צוטרוי. בעסער, טויזנט מאל בעסער, א באשיידענע פאליטישע באזע פארן ישוב, אויב זי איז פארבונדן מיט אראבישער שותפות, איידער יידישער מלכות מיט דעם פוסטן דיפלאמאטישן גלאנץ, אויב ער ווערט ארויפגעצוווּנגען אויפן לאנד מיט דער הילף פון דרויסנדיקע „פריינד״.

אבער ליידער ניט אזוי טראכטן די אגרעסיווע גרופעס פון א״י, — און מיט זיי דער רוב פון דעם ישוב. עס איז ווערט צו באקענען זיך דא מיט א דאקומענט, וואס איז געהיימניספול צוגעשטעלט געווארן צו די מיטגלידער פון דער אנגלא־אמעריקאנער אויספארש־קאמיסיע בעת זיי זענען געווען אין א״י, אין אפריל 1946. טיילן פון יענעם דאקומענט זענען פארעפנטלעכט געווארן פון לארד מא־ריסאן אין ענגלישן לארדן־הויז, דעם 31טן יולי. ער איז געווען אונטערגע־שריבן אין דעם נאמען פון „הויפט־קאמאנדיר פון דער יידישער ווידערשטאנד־באוועגונג״. אט וואס עס איז געשטאנען אין אים:

„אויב אייער לייזונג וועט זיין אנטי־ציוניסטיש, וועט אונדזער ווידערשטאנד אנגיין ווייטער און ווערן אלץ שטארקער. עס וועט געשאפן ווערן א נייע פראבלעם אין דעם לאנד, — דאס בריטישע פראבלעם, דאס פראבלעם פון זיכערקייט פאר ענגלענדער אין פאלעס־טינע... מיר באדראען ניט; מיר ווילן נאר אז איר זאלט קלאר קענען אונדזערע כוונות. די אויסבילדונג און אויסשטאטונג פון אונדזערע כוחות איז גענוג אויף אויסצוהאלטן א לאנגן און שווערן קאמף. אבער אונדזער כוח ליגט אין דעם פאקט, וואס יעטוועדער ייד אין פאלעסטינע שטייט אויף אונדזער זייט, און 12 מי־ליאנען יידן שטייען הינטער אונדז, און פאר יעדע הונדערט אדער טויזנט וואס קא־נען ווערן ארעסטירט אדער געהרגעט, וועלן אנדערע הונדערטער און טויזנטער ארויס־קומען און פארנעמען זייער ארט״.

אבער וויכטיקער פאר אונדז איז יענער טייל, וואס דערמאנט די אראבישע געפאר, און הערט, ווי דער דאקומענט „לייזט״ די דאזיקע פראגע:

„עס איז נישטא קיין שום ספק, אז די יידישע מאכט שטייט העכער בנוגע איר ארגאניזאציע, אויסבילדונג, פלאנירונג און אויסשטאטונג (מיט געווער), און אז מיר אליין וועלן זיין אימשטאנד פארטיק צו ווערן מיט אן אטאקע אדער אן אויפשטאנד מצד די אראבער, ניט אנקומענדיק צו דער הילף פון די ענגלענדער אדער אמע־ריקאנער. אויב איר וועט אננעמען די ציוניסטישע לייזונג, אבער איר וועט ניט קע־נען אדער ניט וועלן ארויפצווינגען איר, בעטן מיר אייך, מישט זיך ניט אריין. מיר אליין וועלן עס פארווירקלעכן. מיר זענען ניט פאראינטערעסירט צו בעטן אז מען זאל ארויסנעמען די ענגלישע ארמיי פון פאלעסטינע, אבער מיר האלטן ניט איר אנוועזנהייט פאר נויטיק כדי צו העלפן אונדז״.

טראכט זיך אריין אין די דאזיקע רייד, וואס זענען פול מיט גרינגשאצונג פון דעם קעגנער, מיט גרויסהאלטונג לגבי זיך אליין און מיט בלינדקייט לגבי דער גאנצער וועלט. וואס זאגן אן די מחברים פון אזא דאקומענט? זיי זאגן אן, אז

נאָכדעם ווי דער פאַרהאַנג וועט זיך אַמאָל אַראָפּלאָזן איבער דעם קאַמף פון ייִדן מיט ענגלענדער, וועט תיכּף באַלד דער פאַרהאַנג ווידער אויפהייבן זיך איבער אַ נײַעם שלאַכטפעלד: דאָס מאָל קעגן די אַ ר אַ ב ע ר. און עס איז נישט וויכטיק הײַנט־צו־טאָג צי די ייִדישע מאַכט דאָרטן איז טאַקע „העכער אין אויסבילדונג און אויסשטאַטונג" פון דער אַראַבישער; וויכטיקער און שרעקלעכער איז, וואָס מיט אַזעלכע כּוונות און פּלענער האָט מען אָנגעזאַפּט די ערלעכע און שעפערישע ייִדישע באַפעלקערונג, און אַז דער שכן, וואָס זיצט נאָענט דערבײַ, ווייסט פון די קריגערישע צוגרייטונגען קעגן אים.

הייסט עס, אַז די ייִדישע גאולה וועט מוזן נישט אַנדערש ווי דורכגיין דעם בלוטיקן טאָל פון קאַמף קעגן אַראַבער און מוסולמענער בכלל. הייסט עס, אַז דער ישוב אין ארץ־ישראל וויל אַרויפצווינגען אויף זיך און אויפן גאַנצן פאָלק אַ נײַעם היסטאָרישן יאָך: די פֿײַנטשאַפט און קעגנערשאַפט פון דער מוסולמענישער וועלט. נישט גענוג, הייסט עס, וואָס מיר טראָגן אויף זיך די אומדערטרעגלעכע משא פון ווייטיק און שרעק פאַר דער קריסטלעכער מענטשהייט; מוזן מיר איצט, אָפּגעצערטע און אָפּגעגאַנגענע מיט בלוט, אָנהייבן די נײַע היסטאָרישע תקופה מיטן אויפשטעלן אַ נײַעם מעכטיקן און צאָרנדיקן שונא. — אָט די פּערספּעקטיוו ווערט נישט געזען און באַטראַכט פון אונדזערע שרײַענדיקע שרײַבער; זי ווערט פּשוט פאַרוואָלקנט פון די רויכן פון דעם אַנטי־ענגלישן קאַמפּיין. אָבער ער איז דאָ, ער איז פאַראַן אָט דער פאַרשטעלטער און שווײַגנדיקער קאַמף קעגן די אַראַבער.

:: :: ::

אָבער נאָך טיפער און געפערלעכער איז די דריטע מילחמה, וואָס ווערט איצט אָנגעפירט אין ארץ־ישראל: די מילחמה פון ייִדן קעגן ייִדן. דער טעראָריזם וואָס הערשט דאָרטן איז טעכניש און סטראַטעגיש געווענדט קעגן די ענגלענדער, אָבער זעליש און מאָראַליש טרעפט ער אין דער נשמה פון ייִדישן פאָלק. שפיכת־דמים, פאַרגיסן פון מענטשן־בלוט איז שטענדיק געווען פאַרדאַמט אין דער יידישער לעבנס־געשיכטע. אין ייִדישע באַוועגונגען, פּונקט אַזוי ווי אין די אַלגעמיינע באַוועגונגען וואָס זענען געווען באַאײַנפלוסט פון ייִדן, האָט מען דאָס געווער פון בלוט־פאַרגיסן שטענדיק אָנגענומען מיט מאַטערניש, מיט אומווילן, מיט מורא. מען האָט געוווּסט וואָס פאַר אַ גיפט עס ליגט אין דער פאַרניכטונג פון מענטשן, וואָס פאַר אַ טויט־געפאַר עס לויערט אַפילו אין דער זיגרײַכער רעוואָלוציע.

צווישן אונדז לעבט נאָך דער דור מענטשן, וועלכע האָבן זיך פון דער נאָענט צוגעקוקט צו יענער גלאָרײַכער רוסישער באַוועגונג, וואָס האָט באַנוצט טעראָר אין קאַמף קעגן צאַריזם. אָבער וואָס פאַר אַ טיפער מאָראַלישער תהום שיידט אָפּ יענעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן טעראָר פון דעם הײַנטיקן הפקרדיקן טעראָריזם פון די ייִדישע „עקסטרעמיסטן". ג ע ר ש ו נ י איז געווען דער פירער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַלטן דעם שווערד פון

טעראָר קעגן די מלוכה־רוצחים פון רוסלאַנד. אָבער בעת ער איז געשטאַנען פאַרן מיליטערישן געריכט, און שפּעטער אין זיינע זכרונות — האָט אָט דער ייִד־רע־וואָלוציאָנער אַרויסגעזאָגט די הייליקע ווערטער: „און באמת וועט מען קענען לעבן פריי אין רוסלאַנד? מען וועט נישט דאַרפן מער הרגענען; מען וועט מער נישט דאַרפן שטאַרבן פאַר די הריגות?... מען קען שוין טאַקע איבערלאָזן הינ־טערן שוועל פון דעם נייעם לעבן די רעוואָלווערס און די באָמבעס ווי אַ פינצטערן אָנדענק פון דער רעכטלאָזיקייט? די ווייכהאַרציקע און ליבנדיקע וועלן שוין מער נישט זיין געצוווּנגען צו נעמען זיך צום בלוטיקן שווערד?"

די תלמידים פון גערשוני, סאַזאָנאָוו און קאַליאַיעוו, וועלכע האָבן פאַרניכטעט די לעבנס פון די גרעסטע רשעים אין רוסלאַנד, האָבן זיך נישט געפרייט און נישט געגרויסט מיט זייער זיג. זיי האָבן, פאַרקערט, אַליין געוואָלט שטאַרבן ביי די אַקטן, כדי מיט זייערע לעבנס מכפּר צו זיין אויף דער גרויסער זינד פון רציחה... אָבער דער הײַנטיקער טעראָריזם וואָס פליסט אַרויס פון אַ קאַלט־אויסגעחשבונטער מלוכהשער פּראָגראַם, וואָס לויערט אויף הונדערטער און פאַר־טיליקט צענדליקער מענטשלעכע לעבנס אין מאַסן־אַקטן, — אַזאַ טעראָריזם קען נישט אַנטהאַלטן אין זיך דעם פונק פון יענעם מאָראַליש־געלײַטערטן רעוואָלוציאָ־נערן טעראָר. נישט געקוקט אויף די קרבנות, וואָס פאַלן פון די רייען פון דער „הגנה", „אירגון" און די „שטערניסטן". נישט געקוקט אויף זייער מסירת נפשדיקן אימפּעט פאַרן ייִדישן פאָטערלאַנד, — פאַלן זיי דאָך אין קאַמף פאַר אַן אָרדענונג, וואָס וועט פאַרקערפּערן אין זיך מאַכט, מלוכהשן שאָוויניזם, נשמהלאָזן און פריי־הייט בארויבנדיקן סדר פון לעבן. ווי אַנדערש איז נאָך גאָר נישט לאַנג געווען די אידעע און די גלאָריע וואָס האָט געשטראַלט צו אונדז אַלעמען פון די ארץ־ישראל־קבוצות!

די לופט פון ארץ־ישראל־ישוב איז הײַנט דורכגעזאַפּט מיט שפיכת־דמים, — זאָגט אונדז משה סמיליאַנסקי מיט גרויס צער. פון אים דערהערן מיר צום ערשטן מאָל די דערשיטערנדיקע ידיעה, אַז „די מענטשן פון דער הגנה האָבן געהאַט פאַר־זונקען אין די וואַסערן פון חיפה די שיף „פּאַטריע", און צוזאַמען מיט איר צוויי הונדערט און צוואַנציק ייִדישע נפשות". אויב דאָס איז אמת, דעמאָלט וואָלט עס געווען אַ באַווײַז, אַז עס איז נישטאָ קיין גרויסער אונטערשייד צווישן דער הגנה און די צוויי אַנדערע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. דער „אירגון" און די „שטערניסטן" מעגן זיך אונטערשיידן אין געוויסע פּרינציפּן פון דער הגנה, אָבער אין דער ווירקלעכקייט באַנוצן זיי די זעלביקע מיטלען. זיי אַלע דרײַ פאַרגיפטן די נשמה פון דער ייִדישער יוגנט אין ארץ־ישראל און מחוץ לארץ אויף דעם זעלביקן אופן: זיי לערנען איר די תורה פון בלוט און פון פײַער.

אמת, מיר הערן פון צײַט צו צײַט, אַז שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן אַנט־שטייען צווישן די דרײַ גרופּעס. דאָ נישט לאַנג האָט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט

דער ציוניסטן־פריינטלעכער דעפּוטאַט ה. קראָססמאַן מיטגעטיילט שטוינענדיקע פאַקטן וועגן דעם:

„נאָך דער דערמאָרדונג פון לאָרד מאָין אין קאַירא איז געווען אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן דער הגנה און דער יידישער אַגענטור, פון איין זייט, און דער ענגלישער מאַכט פון דער אַנדער זייט. ניט ווייניקער ווי 25 יידן אין עגיפּטן, וואָס האָבן גענומען אַנטייל אין צוגרייטן די דערמאָרדונג פון לאָרד מאָין, זענען אויסגעליפערט געוואָרן פון דער הגנה צו די ענגלישע אָרגאַנען. נאָך לאַנג פאַר אָט דער דערמאָרדונג, אייגנטלעך זינט דער שאַפונג פון דעם „אירגון" אין 1938, האָט די הגנה קאָאָפּערירט מיט די ענגלענדער אין באַקעמפונג פון יידישן טעראָריזם. איז עס ניט באַקאַנט אונדזער רעגירונג, אַז מער ווי 1000 מיטגלידער פון דעם „אירגון" זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צו דער בריטישער פּאָליציי אין פּאַלעסטינע דורך דער יידישער אַגענטור און הגנה?"

מעגלעך, אַז די אַלע ידיעות זענען ריכטיקע, און דאָך — פאַרענדערט עס נישט דעם פאַקט, אַז די „הגנה" האָט זיך אַליין מער אַנטוויקלט פון אַ באַרעכטיקטער שוץ־אָרגאַניזאַציע צו אַ כוח, וואָס שטייט פאַקטיש אין איין ליניע מיט די צוויי אַנדערע. אין אַזאַ קליינעם לאַנד ווי ארץ־ישראל מוזן זיך אינעם „אונטערגרונד" צונויפטרעפן אַלע מיט וואָפן קעמפנדיקע פאָרמאַציעס. זיי האָבן קעגן זיך דעם זעלביקן שונא, און זיי פאַרפאָלגן אין תוך דעם זעלביקן צוועק. און אויב די באַפעלקערונג אַרום זיי שטיצט אַקטיוו צי פּאַסיוו אַזאַ קאַמף, שטיצט זי זיי אַלעמען אַלס גאַנצעס, — און די יוגנט ווערט פאַרסמט פון אַלעמען צוגלייך. ווייל מען דעריבער באַקעמפן דעם טעראָריזם אין ארץ־ישראל, מוז מען אָפּט אַרויסטרעטן קעגן אַ ל ע זיינע אַנטפּלעקונגען: צי ער רייסט זיך אויף אין „קינג דייוויד האָטעל", צי אונטער די בריקן איבערן טייך, צי אין דער קויל וואָס טרעפט אַן אומשולדיקן סאָלדאַט אויף דער גאַס.

דער טעראָריזם קען באַשטיין נאָר אַזוי לאַנג ווי די יידישע עפנטלעכקייט אויפן אָרט דולדעט אים. אין אַלטן רוסלאַנד איז געווען באַקאַנט ווי די ליבעראַלן — קאַדעטן — פלעגן אַרגומענטירן מיטן צאַריזם. זיי פלעגן באַדראָען אים מיט אַזאַ לשון: „וועט איר נישט נאָכגעבן אונדז מיט גוטן, וועט ע ר וואַרפן אַ באָמבע!" און דער „ער" איז געווען דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס פון זיין גבורה האָט זיך פּאָליטיש גענערט דער ליבעראַל. — עס איז מעגלעך, אַז טיילן פון די ליבעראַלע, באַלעבאַטיש־געזונטע יידישע שיכטן טראַכטן נישט בעסער ווי יענע רוסישע קאַדעטן. פון זייער נאָכגיביקייט, פריינטלעכקייט און אוממאָראַלישקייט שפּייזט זיך נישט ווייניק דער דאָרטיקער טעראָריזם. אומאָראַליש און אַנטי־יידיש איז עס אויך ווען מען פּראָטעסטירט קעגן די אָדער יענע אַקטן נאָר דערפאַר, ווייל עס „ברענגט שאָדן" דער נאַציאָנאַלער זאַך. די מכה פון טעראָריזם מוז פאַרדאַמט ווערן אויף דעם טיפערן און יידישן גרונט: מ ע ן ט א ָ ר ע ס נ י ש ט ט א ָ ן, אַפילו ווען עס זאָל זיין נוצלעך און דערפאָלגרייך!

:: :: ::

עס איז מערקווירדיק ווי די כוואַליע פון סימפּאַטיעס צום ארץ־ישראל־טעראָריזם האָט זיך אַריבערגעגאָסן אויך קיין אַמעריקע. יידישע צייטונגען און פער־

זאָגען וואָס האָבן ביז איצט, דוכט זיך, נישט גענומען קיין אָנטייל אין אַזאַ מין קאַמף, גיבן הײַנטצוטאָג דירעקט אָדער אומדירעקט זייער הסכם דערצו. דאָ נישט לאַנג, דעם 2־טן אָקטאָבער, האָט דער „פֿאָרווערטס" אָפּגעדרוקט אויף אַ גאַנצער זײַט, (אַלס אַן אַנאָנס), אַן אויפֿרוף פֿון דעם „נאַציאָנאַלן ייִדישן ראַט". אַ חוץ דעם וואָס די ציוניסטישע אַגענטור ווערט אין אים פֿאַרדאַמט אין פֿלאַם־פֿײַערדיקע ווערטער, געפֿינען מיר אין דעם אויפֿרוף אַזאַ מין דערקלערונג:

„מיט דעם באַנײַטן קאַמף אין א"י האָט דער ייִדישער ישוב געלאָזט וויסן דער ענגלישער רעגירונג און דער וועלט בכלל, דורך פֿײַער און דינאַמיט, די אייניציקע שפּראַך, וואָס דער שונא פֿאַרשטייט, אַז אַלע בייזע פּלע־נער צו באַרויבן ייִדן פֿון זייערע היסטאָרישע רעכט אין א"י וועלן זיך ניט אײַנגעבן".

צי האָט וועלכע ייִדישע באַפֿרײַונג־באַוועגונג ווען עס איז גערעדט אַזעלכע דיבורים? ווי וועט אויפֿנעמען די צערודערטע יוגנט אין ארץ־ישראל אַזעלכע אויפֿרופֿן צו „פֿײַער און דינאַמיט" ווען זי געפֿינט זיי אָפּגעדרוקט אין אַ „פֿאָר־ווערטס"? ווי וועט זי לייענען זיי ווען, למשל, אַט דער אויפֿרוף וועט ווערן אָנגעקלעפּט אויף די ווענט פֿון די שטעט אין ארץ־ישראל אַלס די שטים פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט?

און אַט קומט צופֿאָרן פֿון ארץ־ישראל ב. צ. גאָלדבערג, און אין דעם ערשטן פֿון זײַנע באַריכטן („טאָג", 12־טן אָקטאָבער) דערציילט ער מיט אַ געלאַסענעם טאָן:

„איך האָב זיך באַצויגן און איך באַצי זיך נאָך הײַנט פּאָזיטיוו צו די יונגעלײַט, וואָס באַגייען די טעראָריסטישע אַקטן. ווײַל איך האַלט, אַז מיר האַלטן הײַנט אין א"י בײַ אַזאַ לאַגע, וואָס אַ שטאָלץ פֿאָלק קאָן ניט ענטפֿערן אַנדערש ווי מיט טעראָר, און אַז מיט טעראָר וועט מען אפשר צו עפּעס דערפֿירן. אָן טעראָר איז עס אַ פֿאַרלוירענע זאַך".

ווען האָט מען עס בײַ אונדז גערעדט מיט אַזאַ לײַכטקייט וועגן דער סאַמע געפֿערלעכער כלי־זין וואָס אַ פֿאָלק קאָן אָנווענדן? וואָס פֿאַר אַ רעכט האָבן שרײַבער אין ווײַטן אַמעריקע צו רופֿן און צו טרײַבן אין פֿײַער די פֿאַרבלענדטע יונגעלײַט פֿון ארץ־ישראל?

צו וואָס קען אויך ברענגען דער אַפּיל, וועלכן אַ ריי ייִדישע שריפֿטשטעלער האָבן געשיקט פֿון דאַנען צו די „ברידער פֿון ישוב"? (ערב ראש השנה „טאָג" פֿון 29־טן סעפּטעמבער). דער אַפּיל איז געשריבן ווײַל „עס האָבן זיך צו אונדז דער־טראָגן ידיעות פֿון ארץ־ישראל... וואָס גיבן דעם אײַנדרוק, אַזוי ווי דער ישוב וואָלט געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿון אַ ברידער־קריג, אין וועלכן גוואַלט־מיטלען קענען, חלילה, באַנוצט ווערן פֿון ייִדן קעגן ייִדן". און די שרײַבער, צווישן וועלכע עס שטייען די נעמען פֿון אַ ריי אומאָפּהענגיקע און נישט־פּאַרטייאישע מענטשן, וואָרענען מיט פֿלאַגנדיקע רייד:

„מיר האַלטן עס פֿאַר אונדזער חוב צו וואָרענען דעם ישוב קעגן אַזאַ סכנה. מיר אַפּעלירן צו אַלע גרופּן פֿון ישוב צו האַלטן זיך אין די ראַמען פֿון נאַציאָנאַלער דיס־ציפּלין.. חס וחלילה, אַז מיר אַליין זאָלן געבן דעם שונא אַ מעגלעכקייט צו צע־שפּאַלטן דעם ייִדישן פֿראָנט און אויף אַזאַ אופֿן בײַצוקומען אונדזער גערעכטן ווי־דערשטאַנד".

וואָס ליגט, באַוווּסט צי אומבאַוווּסט, אין אַזאַ טעקסט פון אַן אויפרוף ווען ער איז געווענדט צו אַ ישוב וואָס שטייט אין פלאַמען פון באַוואָפנטן קאַמף? פון וועמען און צווישן וועמען קומט די באַדראָאונג פונעם „ברידער־קריג", אויב נישט פון די דרײַ באַוואָפנטע געהיימע ייִדישע פאָרמאַציעס? אַט צו זיי אַפּעלירט מען פון ווײַטן אַמעריקע, אַז מען זאָל האַלטן נאַציאָנאַלע דיסציפּלין און, אַז מען זאָל נישט שיסן איינער אויפן אַנדערן. אָבער — דערמיט גיט מען זיי לעגיטימאַציע אַרויס דעם הכשר אויף דעם באַוואָפנטן און טעראָריסטישן קאַמף אין ארץ־ישראל. עס ווערט פאַרדאַמט נאָר דער ברידער־קריג, אָבער נישט, חלילה, די דערמאָרדונג פון איינפאַכע ענגלענדער אָדער אַראַבער. עס ווערט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט, אַז די גאַנצע לופט פון דאָרטיקן ישוב — אַט טאַקע מיט „פײַער און דינאַמיט" — איז שלעכט, איז געפערלעך, איז זינלאָז. עס ווערט אַפילו נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן דער הגנה און דעם אירגון: געהערן זיי דאָך אַלע צו די כוחות, וואָס „די ייִדן פון אַמעריקע האָבן מיט קלאַפּנדיקע הערצער, פול מיט באַוווּנדערונג, נאָכגעפאָלגט זייער העראָישן קאַמף".

האָט מען, בײַם אונטערשרײַבן אַזאַ אויפרוף, גאָר נישט געטראַכט, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס מוז האָבן אויף דער יוגנט פון ארץ־ישראל? דאָ, אין אַמעריקע, קאָן עס זײַן אַ קאַמפּיין, איינער פון די אומצאָליקע צו גאָרנישט פאַרפליכטנדיקע קאַמפּיינס. אָבער דאָרט, אויפן שלאַכטפעלד, ווערט יעדעס וואָרט אויפגענומען ווי אויפמונטערונג צום בלוטיקן קאַמף.

:: :: ::

די „פרײַלאַנד"־באַוועגונג וועט נישט מיטמאַכן אַט דעם גרויזאַמען שפּיל, וואָס גייט אָן אין דער ייִדישער וועלט. זי וועט נישט ווערן באַרוישט פון דער אידעאָלאָגיע פון פײַער און דינאַמיט; זי וועט זיך פעסט האַלטן אָן די אויסגעפּרובירטע מענטשלעכע און ייִדישע וועגן פון באַפרײַונג. „פרײַלאַנד" וועט נישט אַרײַנפאַלן אין פאַרצווייפלונג צוליב דעם, וואָס דאָס מאַקסימאַלע פּאָליטישע פּראָגראַם פון ציוניזם ווערט נישט דערפילט. „פרײַלאַנד" וועט נישט צושטיין צו דעם אַזוי גערופענעם נאַציאָנאַלן פראָנט, וואָס פאַרמעסט זיך צום אויסזיכטלאָזן קאַמף אי קעגן „ענגלאַנד" אי קעגן דער אַראַבישער וועלט. „פרײַלאַנד" וועט נישט נעמען קיין אָנטייל אין יענעם געוויסנלאָזן קאַמפּיין, וואָס רעדט אײַן די פאַרפּײַניקטע ייִדישע מאַסן, אַז נאָר אין ארץ־ישראל אַליין קענען זיי געפינען די רו און די אויסלייזונג.

די „פרײַלאַנד"־באַוועגונג וועט, פאַרקערט, זוכן צו מאָביליזירן אַלע אָרגאַניזירטע ייִדישע כוחות פאַר נײַע אויפגאַבן. מיר טאָרן נישט דערקלערן „די וועלט" פאַר פאַרשלאָסן אויף אַלע שלעסער; מיר מוזן זוכן און געפינען נאָך אַ לאַנד, וווּ דער ייִדישער מענטש זאָל קומען צו זיך און באַנײַען זײַן לעבן. „די וועלט איז נישט הפקר". אין ענגלאַנד און אַמעריקע, אין פראַנקרײַך און האָלאַנד און אומעטום זענען פאַראַן פּראָגרעסיווע כוחות, מיט וועלכע מען קען און

מען מוז צוזאַמענגיין. נישט געקוקט אויף דער שמערצלעכער פּײַן, אָדער דווקא צוליב איר, מוז דער ייִד אומעטום ווידער אויסגלײַכן זײַן רוקן און ווידער אויפֿהייבן די אויגן צום אַרויף. זאָל ווידער אַמאָל אין די ייִדישע קהילות און ייִדישע הערצער אַ בלאָז טאָן דער פֿרישער ווינט פֿון בטחון, פֿון גרייטשאַפֿט, פֿון דרייסטער טאַט. דעמאָלט וועט אין אַ באַנײַטן ייִדישן באַוווּסטזײַן זײַן פּלאַץ אי דאָס גרויסע און געזונטע אין ארץ־ישראל, אי דאָס גרויסע און צוקונפֿטיקע אין אַ פֿרײַלאַנד.

אַלץ מער און מער שטעלט זיך אַרויס, אַז די „פֿרײַלאַנד־ליגע” האָט פֿאַר זיך נישט נאָר די אויפֿגאַבע פֿון זוכן און צו געפֿינען אַ ייִדיש לאַנד, נאָר אויך צו ווירקן קעגן דער קראַנקער און מרה־שחורהדיקער אַטמאָספֿער, וואָס באַהערשט די ייִדישע וועלט. די פֿרײַלאַנד־ליגע מוז זיך אַנטקעגנשטעלן דער כוואַליע פֿון יאוש, פֿון נאַציאָנאַליסטישן טשאַד, פֿון פֿאַרביטערונג קעגן דער גאַנצער מענטשהייט וואָס פֿאַרפּלייצט הײַנטצוטאָג די ייִדישע גאַס. מיר מוזן רופֿן צו אַלע ייִדישע מענטשן, — צי זיי זענען פֿירנדיקע טוער און שרײַבער, צי זיי געהערן צו דעם פּשוטן פֿאָלק — אַז זיי זאָלן ווידער אַמאָל אָנהייבן טראַכטן פֿאַר זיך, מיט דער גאַנצער אומאָפּהענגיקייט און אחריות, וואָס די צײַט פֿאָדערט. דער ייִדישער גורל איז נישט פֿאַרבונדן מיט אַן איינאיינציקן, אַפֿילו הייליקן ווינקל פֿון דער ערד; ער איז טיפֿער און דערהויבענער פֿון אַ וועלכן נישט איז איינצל־פּראָגראַם. מיר וועלן דערפֿאַר קעמפֿן מיט אַלע אונדזערע כוחות פֿאַר ביידע זאַכן: אי פֿאַר אַ נײַעם פֿרײַלאַנד, אי פֿאַר דעם פֿרײַען ייִדישן גײַסט אומעטום.

(„אויפֿן שוועל”, נאָוועמבער 1946).

# נישט דער אירגון איז שולדיק...

מיט אַ זעקס חדשים צוריק האָבן מיר דאָ „אויפֿן שוועל” (פֿעברואַר 1947) דערמאָנט אַ גרויזאַם בילד וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין ארץ־ישראל. „עס זענען פֿאַראַן מעשים, וועלכע זענען ערגער און געפֿערלעכער אַפֿילו פֿון באָמבעס, אויפֿרײַסן און בלוט־פֿאַרגיסונג. אַזעלכע מעשים זענען געשען אין יענעם פֿינצטערן טאָג ווען ייִדישע בחורים האָבן אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס פֿיר ענגלישע מיליטער־לײַט און האָבן זיי עפֿנטלעך געשמיסן”. מיר האָבן דעמאָלט באַזונדערס געוואָרנט וועגן דער שולד פֿון דער ייִדישער גאַס. „די ייִדיש־נאַציאָנאַלע שולד איז געלעגן אין דעם, וואָס די גרויזאַמע טאַט איז פֿאָרגעקומען בפֿני עם ועדה, אין דער אָנוועזנהייט פֿון דער ייִדישער גאַס, און קיינער האָט זיך נישט געוואָרפֿן ראַטעווען די געפּײַניקטע מענטשן! הייסט עס, אַז די גאַס האָט אויך גענומען אָנטייל אין דעם; הייסט עס, אַז אויך זי טראָגט אין זיך דעם סם פֿון מלוכהשן פֿאַשיזם”.

דערפאַר האָבן די אירגון־לײַט געוואָגט צו מאַכן נאָך אַ שריט ווײַטער און שאַרפער: סוף יולי 1947 האָבן זיי געהאַנגען צוויי אומשולדיקע, צופעליק געכאַפּטע ענגלישע סאָלדאַטן. מען האָט זיי פון 12־טן יולי אָן געהאַלטן ווי לע־בעדיקע משכנות, און דערנאָך געהרגעט אויס נקמה פאַר דער הינריכטונג פון די דרײַ אירגוניסטן: חביב, נאַקאַר און ווײַס. די ייִדישע וועלט איז טיף דערשיטערט געוואָרן פון דעם דאָזיקן שענדלעכן אַקט, אָבער זי האָט נישט געפונען קיין דער־קלערונג צו אים און אויך נישט קיין מיטל אויף אויסצומײַדן אים אין דער צו־קונפט. פאַרוואָס?

עס איז כדאי צו דערמאָנען זיך אייניקע ווײַטערדיקע דעטאַלן וואָס האָבן אַרומגערינגלט די רציחה פון די צוויי ענגלענדער. בעת די דרײַ אירגוניסטן זענען פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט, האָבן זיך די העכסטע אינסטאַנצן פון ישוב גע־ווענדט צום הויכקאָמיסאַר אין ארץ־ישראל מיט אַ ביטע פון רחמים. דער ענט־פער איז געווען אַ העפלעכער, אָבער אַ העכסט־„שטאַטסמענישער": מען פאַר־שטייט טאַקע די געפילן פון די עלטערן און די מישפּחות פון די פאַראורטיילטע, אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין שום מעגלעכקייט נאָכצוקומען זייערע בקשות פון לעבן...

בעת עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די לעבנס פון די ענגלענדער — פּאַיס און מאַרטין — שטייען אין טויטגעפאַר, האָט זיך פּאַיסעס פאָטער אין פאַרצווייפלונג געווענדט צו דער ציוניסטישער אגענטור אין ארץ־ישראל צעטנדיק פאַרן לעבן פון זײַן זון. ער האָט אָנגעוויזן, אַז זײַן זון איז געווען אַ מער־ווייניקער אומשולדי־קער צושויער, האָט זיך נישט פאַרנומען מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון פּאַלעס־טינע, און אַז די ביידע סאָלדאַטן זײַנען קיינמאָל נישט געווען קיין אַנטי־ציוניסטן. זײַן ביטע איז אָנגעקומען צו שפּעט, אָבער דער אירגון האָט דעם 30־טן יולי דורך זײַן ראַדיאָ געענטפערט אַזוי: „מיר, ייִדישע סאָלדאַטן, פאַרשטייען די געפילן פון אַ פאָטער, וואָס זאָרגט פאַרן גורל פון זײַן זון... אָבער, הער פּאַיס, איר האָט זיך געדאַרפט ווענדן מיט דער רחמים־ביטע נישט צו אונדז, נאָר צו זיי, צו יענע וועלכע האָבן דערמאָרדעט די זין פון דעם זקן נאַקאַר און דעם אַלטן חביב — און נישט גערעכנט זיך מיט זייערע געבעטן... איצט גייט צו זיי אין דאונינג סטריט און זאָגט זיי: איר זײַט די מערדער! איר זײַט געווען די יעניקע, וועלכע האָבן דערמאָרדעט מײַן זון!"

הערט זיך צו אויפמערקזאַם צו די טענות און צו דעם טאָן פון די ביידע צדדים: דער הויכקאָמיסאַר און דער אירגון. ביידע האָבן נישט געוואָלט נאָכקומען די געבעטן פון די פאַמיליעס. ביידע האָבן אין אַ קאַלטן, שטאַטסמענישן סטיל גע־הייסן פירן צו דער תליה יונגע מענטשן, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן זייער לעבן. וויכטיקער ווי אַלע פאָדערונגען פון מענטשלעכקייט און שכל הישר איז געווען דער „מלוכה־אינטערעס": בײַ די ענגלענדער, די שוין פאַראַנענע מלוכה, בײַ די אירגון־לײַט — די קומענדיקע מלוכה. וואָס פאַר אַ ראָלע, מ'שטיינס געזאָגט, שפּילט דערבײַ בײַ דער מלוכה־מאַשין דאָס ברעקל לעבן פון דעם איינצלנעם יחיד?

הערט זיך צו צו דעם מיליטערישן שטאלענעם לשון פון דעם קאמוניקאט, וועלכן דער אירגון האט ארויסגעלאזט תכף נאך זיין העלדנטאט. „די צוויי ענגלישע שפיאנען זענען פאראורטיילט געווארן צום טויט נאך אן אויספארשונג פון זייערע קרימינעלע טאטן. אן אירגוניסטישער פעלד־געריכט האט זיי ביידע דערקלערט פאר שולדיק און פארמישפט זיי צום הענגען ביז זיי וועלן זיין טויט. זייערע ביטעס וועגן באגנאדיקונג זענען אפגעווארפן געווארן. דער אורטייל איז אויסגעפירט געווארן".

די חברה אירגון פירט כלומרשט א קאמף קעגן ענגלאנד, אבער זי נעמט שוין איצט איבער דעם לשון און דעם תוך פון די ע נ ג ל י ש ע מיליטערישע גזלנים. יעדער זאץ, יעדעס ווארט פון אט דעם „קאמוניקאט" טריפט מיט צופרידנקייט און שטאלץ פון צוקונפטיקע מלוכה־מענער. „הענגען ביז זיי וועלן זיין טויט", — אן עכט־ענגלישע פארמול אריבערגענומענע צו זיך, צום פאלק ישראל, וואס גייט בויען א לאנד פון שלום און יושר. די נשמה־לאזיקייט פון א ז א ייִדישער מלוכה שרייט ארויס פון יעדער שורה פון דעם דאזיקן קאמוניקאט וואס בארעכטיקט שפיכת דמים פון אומשולדיקע מענטשן.

* * *

עס איז א שווערע זינד און א פאליטיש פארברעכן צו באשולדיקן נאר דעם אירגון און די שטערניסטן פאר דער רציחה־לופט, וואס הערשט היינט־צו־טאג אין ארץ־ישראל. זיי וואלטן קיינמאל נישט אויפגעקומען צו אזא מאכט און חוצפה, ווען די ארומיקע ייִדישע סביבה וואלט נישט אונטערשטיצט זייער הויפט פאדערונג: די תיכפדיקע שאפונג פון א ייִדישן שטאט.

אויב דער ייִדישער שטאט אין ארץ־ישראל איז די איינציקע ישועה פאר ייִדן און אויב אזא שטאט קען מען נישט שאפן מיט פרידלעכע מיטלען פון קאלאניזאציע און דיפלאמאטיע — דעמאלט איז נ י ש ט א קיין אנדער וועג ווי קאמף מיט ביקסן און באמבעס. וואס איז דער וואונדער וואס „אירגון" איז אויסגעוואקסן אין דעם פארפלאנטערטן ייִדישן באוווסטזיין ווי די איינציקע מעטאדע: די העלדישע, די הייליקע און די קלוגע? וואס פאר א טעם האט אין אזא צייט צו „פארדאמען". צו זאגן מוסר, צו געבן עצות די אירגוניסטן? די שטופער און די אונטערצינדער זיינען נישט ווייניקער שולדיק.

די ייִדישע זשורנאליסטן אין דער אמעריקאנער פרעסע טראגן נישט ווייניק פון אט דער שולד. י. ראבינאוויטש האט דערמאנט וועגן דעם אין „קענעדער אדלער" דעם 22־טן יולי: „עס מוז קאנסטאטירט ווערן, אז ביז נישט לאנג צוריק איז אפילו די ציוניסטישע ארבעטער־באוועגונג אויך געווען גאר היפשלעך פארכשאדעט פון יענעם ספעציעלן „דוך" וואס האט פשוט פארסמט די עפנטלעכע ציינונג צווישן ייִדן אין אמעריקע. א טייל פון דער ייִדישער פרעסע אין אמעריקע האט פשוט פארלוירן יעדן זין פאר פראפארציע אין דעם דאזיקן ביטערן ענין. אפילו אזא ערנסטער ארגאן ווי עס איז דער „ייִדישע קעמפער" האט אויך נישט

ווייניק אונטעגעזינדיקט אין דעם פּרט. עס איז געגנוג אַז אַ שלמה גראָדזענסקי האָט דאָרטן געשריבן לײַט־אַרטיקלען, וועלכע וואָלטן מיט „געוויסע אויסבעסע־רונגען" זיך גוט געקענט פּאַסן פאַר מרדכי דאַנציס אָדער אַן אַנדער רעוויזיאָניס־טישן שרײַבער".

אָט אַזאַ שרײַבער — יצחק זאר — האָט טאַקע אָקאָרשט דערקלערט אין דעם באַלעבאַטישן און סטאַטעטשנעם „מאָרגן־זשורנאַל" (8־טן אויגוסט): „אונ־דזער אַפילו פאַר רחמים האָט קיין ווערט נישט. אונדזער פּויסט, אונדזער קויל און אונדזער באַמבע קען ערשט רעכט פירן צו מער עטיק אין דער וועלט. די בולי־גאַנעם פון אַלע קלאַסן וועלן מוזן ווערן אַנשטענדיקע מענטשן". און אַזאַ שרײַבער ווי אַהרן צייטלין געפינט נישט קיין ווערטער ווי אָפּצושאַצן דעם אירגון אַפילו איצט, נאָך דעם אַלעם, וואָס ס'איז געשען („מאָרגן־זשורנאַל", 29־טן אויגוסט). צייטלין „האָט נישט געקענט (זאָגט ער) בײַ זיך פועלן צו זיצן דאָ אין אַמעריקע און פון דאַנען קריטיקירן מענטשן וואָס זײַנען זיך מקריב". ווײַזט אויס, אַז צוליב אָט דעם געפיל האָט ער געמוזט שווײַגן אויך ווען עס איז געשען די נבלה בישראל, די רציחה פון אומשולדיקע מענטשן. אָבער איצט וויל ער מער נישט שווײַגן און ער קומט אַרויס צו „וואָרענען דעם אירגון גופא", ווײַל „עס ווערט אַלץ גרעסער די סכנה, אַז אין זײַן קאַמף קעגן די אַזוי גערופענע קוויזלינגס זאָל דער אירגון נישט ווערן אַ ביטערע שטערונג פאַר אַ ייִדישער מדינה נישט לויט זײַן שיטה".

דער דיכטער צייטלין, דער זון פון הלל צייטלין, טרעט נישט אַרויס קעגן שפיכת דמים, קעגן דער גאַנצער רויב־ און מאָרד־אַטמאָספער, קעגן דעם מטורפדיקן געדאַנק „לעשות נקמה בגויים". ניין, צו דעם האָט אים געפעלט דער נייטיקער מוט, אָבער ער טרעט אַרויס צוליב דעם, וואָס ער האָט מורא, אַז זיי, די אַזוי־גערופענע קעמפער און מאַרטירער, וועלן שפעטער ווענדן זייער שווערט און באַמבע אויך קעגן ייִדישע פירער. פּאָליטישער קלייניקעפּלדיקער חשבון, אָבער נישט די ייִדישע מאָראַלישע אידייע באַוועגט מיט זיין פעדער, ווען ער שטאַמלט־אַרויס „וואָרנענדיקע" ווערטער קעגן אירגון. הייסט עס, אַז ווען די ייִדישע מדינה וואָלט געבויט געוואָרן נישט אויף ייִדיש בלוט, נאָר אויף „זייער בלוט" (פון ענגלענדער, פון אַראַבער), וואָלט אַ ייִדישער פּרומער שרײַבער נישט געזאָגט קיין שום וואָרט. אָט דאָס איז דער מקור און דער מעין המתגבר פון אַלע שאַנד־טאַטן אין ארץ־ישראל!

וואָס איז דער ווונדער וואָס פרומע יונגע מענטשן ווי די פון „יאַנג איזראַעל" זענען אויך געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט? וואָס איז דער ווונדער וואָס יונ־געלײַט, וועלכע ווערן דערצויגן אין טרײַשאַפט צו דער תורה און אירע מצוות, וועלכע האָבן מיסתמא געהערט פון דעם געוואַלדיקן ייִדישן פּרינציפּ בנוגע בלוט־פאַרגיסן (יהרג ואל יעבור!), — לאָזן זיך פלוצים אַראָפּ אין אַ מאָראַלישן תהום און כשרן מאָרד און שקר? — און וואָס איז דער ווונדער וואָס אויך די מיטגלי־דער און פירער פון דער „הגנה" לאָזן זיך פאַרפירן פון דער מאָרד־לופט אין זייער אייגן לאַנד?

אין דער סאַמע מיט פון דעם יידיש־ענגלישן גערעַנגל האָט פּלוצים (גאָר נישט פּלוצים פאַר די, וואָס זענען נישט געשלאָגן מיט בלינדקייט) אַרײַנגעשלאָגן דער אַראַבישער פונק. אַראַבישע מערדער האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס מאָל האָט אויף דער אַרענע געשפּילט די פירנדיקע ראָלע די „הגנה". זי האָט געמאַכט אַ קורצן פּראָצעס, איז באַפאַלן דאָס נעסט פון די אַראַבישע פאַרברעכער און האָט זיי ליקווידירט. פאַרשטייט זיך אַז אויך זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ קאָמוניקאַט מיטן באַקאַנטן מיליטעריש־לאַקאָנישן, אײַז־קאַלטן נוסח, אין וועלכן זי האָט באַריכטעט וועגן דער טאַט און האָט פאַרענדיקט: „יידיש בלוט איז נישט הפקר". אָבער — די הגנה איז דערבײַ בלוטיק געשטרויכלט געוואָרן: זי האָט בײַ איר משפּט צדק דערהרגעט אויך אַן אַ ר אַ־ ב י ש ע מ ו ט ע ר מ י ט פ י ר ק י נ ד ע ר.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעך אומגליק, וואָס פאַרבלײַבט אין זיכרון פון אַראַבישן פאָלק אויף לאַנג. אָבער ווי האָט אויף דעם רעאַגירט די ארץ־ישראלדיקע עפנטלעכקייט? האָט מען געהערט אַן אויפברויז פון צער און כעס קעגן די רשעים אָדער נאַרן, וואָס האָבן אָפּגעטאָן די אַרבעט? האָט מען געמאַכט אַן עפנטלעכע חקירה ודרישה אין דער פירערשאַפט פון דער „הגנה" וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַזעלכע געוויסנלאָזע העלדן? האָט דאָס אַראַבישע פאָלק דערפילט, אַז די יידן זענען דערשיטערט פון אַזאַ אומגליק און עס וועט זיך מער נישט איבערחזרן? ניין, נישט דאָרטן און נישט דאָ, אין אַמעריקע, האָט מען פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען. דער בלינדער פּאָליטישער חשבון האָט ווידער אַמאָל פאַרטריבן דאָס פּשוטע יידישע געוויסן. הגנהיסטן האָבן עס געקאָנט טאָן נאָר דערפאַר ווײַל די גאַנצע לופט אַרום זיי איז פאַרפּעסטעט מיט הפקרות.

***

אין 1922 זענען אין ארץ־ישראל פאָרגעקומען קאַמפן מיט די אַראַבער. האָט דער אַלטער אחד העם דעמאָלט געשריבן אין אַ בריוו צו זײַן פרײַנט פאָלגנדיקס: „און איצט, וואָס זאָלן מיר זאָגן אויב די דאָזיקע ידיעה איז ריכטיק? איז ד אָ ס דער ציל צו וועלכן עס האָבן געשטרעבט אונדזערע אָבות און אַלע דורות האָבן געליטן? איז ד אָ ס דער חלום פון שיבת ציון: אַז מיר זאָלן קומען קיין ציון און באַפלעקן זײַן באָדן מיט אומשולדיק בלוט? — מיט פיל יאָרן צוריק האָב איך געענדיקט מײַנעם אַן אַרטיקל מיט די ווערטער: „דאָס פאָלק וועט צאָלן פאַר אַ שטאַט מיט געלט, אָבער קיינמאָל נישט מיט זײַנע נביאים". און איצט האָט גאָט מיך געבראַכט דערצו צוצוזען דעם היפך דערפון. דאָס געלט גיט דאָס פאָלק אויך איצט נישט צום אויפבוי פון זײַן נאַציאָנאַלן היימלאַנד, דערפאַר אָבער אַנטוויקלט זיך אין אים די נייגונג מקריב צו זײַן אויפן מיזבח פון דער „ווידערגעבורט" זײַנע נביאים, די גרויסע מאָראַלישע פּרינציפּן צוליב וועלכע אונדזער פאָלק האָט געליטן און צוליב וועלכע אַליין עס לוינט זיך צו ווערן אַ פאָלק אין אַ לאַנד פון

אונדזערע אָבות. ווײַל אָן זיי — גרויסער גאָט! — וואָס זענען מיר און וואָס איז אונדזער צוקונפטיק לעבן אין יענעם לאַנד, פאַר וועלכן מען מוז ברענגען די אומ־צייליקע קרבנות? טוען מיר עס נאָר כדי אין אַ ווינקל פון דעם מיזרח אויפצו־שטעלן אַ ק ל יי נ ע נ אַ צ י ע פ ו ן נ ײַ ע ל ע וו אַ נ ט י נ ע ר וועלכע וועלן קאָנקורירן מיט די אַלטע לעוואַנטינער אין אַלע זייערע פאַרדאָרבענע זיטן: שפיכת דמים, כעס, נקמה־נעמען. אויב דאָס איז דער „משיח“, דעמאָלט וויל איך זײַן קומען נישט זען“. 1).

דאָס ייִדישע פאָלק וויל נישט ווערן „אַ קליינע נאַציע פון נײַע לעוואַנטינער“. עס וויל לעבן אויפן יסוד פון זײַנע טיפסטע פּרינציפּן. עס קען נישט געבויט ווערן אַ ייִדישע מלוכה אויף בלוט, און אומשולדיק בלוט. אפילו ווען עס זאָל געלינגען צו שאַפן אויף אַ היסטאָרישער ווײַלע אַזאַ מין מלוכה פון דמים, טאָר מען עס נישט טאָן, ווײַל זי וועט נישט קענען האָבן קיין צוקונפט. דאָס בײַשפּיל פון אַנדערע גויאישע מעכטיקע מדינות (ביסמאַרקס „רײַך פון בלוט און אײַזן“ איז איינע פון זיי) שטייט פאַר אונדזערע אויגן. נישט די מאָראַלישע פּרינציפּן פון אונדזער ייִדישן גײַסטיקן פאַרמעגן, נישט די מאָראַלישע אידייען פון דעם פּרײַ־הייטלעכן סאָציאַליזם דערלויבן אונדז צו שאַפן אין דער וועלט אַ נײַע מלכות זדון.

דאָס ייִדישע פאָלק וועט זיך אויסקעמפן — סײַ אין ארץ־ישראל סײַ אין אַ פרײַלאַנד — אַ נײַע פאָרם פון געמיינשאַפטלעכן לעבן. דאָס וועט אָבער קיינמאָל נישט זײַן קיין פּתום ורעמסס פון אַלטן מיצרים בעת מען האָט געמוזט אַרײַנבויען אין די מויערן־ווענט די אייגענע קינדער. אונדזער פאָלק — נישט געקוקט אויף די אַכזריות פון דער וועלט — וועט בלײַבן בײַ זײַן אייביקן באַשלוס: נישט פאַרמויערן אין די ווענט פון אַ מלוכה נישט זײַנע אייגענע קינדער און נישט פרעמדע קינדער.

(„אויפן שוועל“, אָקטאָבער 1947).

# מלוכה־ייִדישקייט אָדער גייסט־ייִדישקייט

די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן אין אַ טאָג, וואָס קען ווערן אַ ווענדפּונקט אין דער ייִדישער געשיכטע. דעם 11־טן אָקטאָבער 1947 האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג דערקלערט, אַז זי וועט שטיצן דעם אויפבוי פון אַ ייִדישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

עס איז זיך לײַכט פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַר אַ פרייד און דערלײַכטערונג די ייִדישע מאַסן (נישט נאָר די ציוניסטן) וועלן אומעטום אויפנעמען די גרויסע בשורה. זיי וועט זיך דוכטן, אַז אַ שווערע, בלײַערנע מאַסע פון דורות וועט אַראָפּ־פאַלן פון זייער ברוסט; אַז דער היסטאָרישער דערנערוועג פון אונדזער פאָלק

1) אחד־העמס בריוו, באַנד 4, ירושלים, 1945.

וועט ווערן אָפּגערייניקט פון דעם קינס צייכן פון הײמלאָזיקייט; אַז עס הייבט זיך אָן יענע אויסגעהלומטע תקופה, וואָס מען האָט זי בײַ אונדז גערופן „אתחלתא דגאולה". אונדזערע מאַסן, פאַרמאַטערטע און פאַרחלשטע פון די גרויזאַמע געשעענישן פון די לעצטע יאָרן, בענקען לײַדנשאַפטלעך נאָך אַ היים, און זיי דוכט זיך, אַז אויף די רוקע קישנס פון אַן אייגענער מלוכה וועלן זיי ענדלעך בשלום אַוועקלייגן דעם מידן קאָפּ. צי מעג מען, צי דאַרף מען אין אַזאַ צײַט ריידן זיי אַנטקעגן, דערמאָנען זיי די אייגענע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז דאָך אַזוי אויסגעבונדן מיט דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע?

יאָ. מען מוז עס טאָן. דווקא דערפאַר ווײַל עס דוכט זיך אַז דאָס יידישע פאָלק שטייט אָפּן שוועל פון זײַן מלוכהשאַפט. אונדזער פאָלק טאָר נישט פאַרגעסן דאָס וואָס זײַן בלוטענדיקער זכרון האָט אויפגעהאַלטן פאַר אים זינט יאָרטויזנטער. אין משך פון זייערע וואַנדערונגען איבער דער וועלט, האָבן יידן צוגעזען מער ווי איינמאָל, ווי מלוכות און מלוכהשע ציוויליזאַציעס זײַנען אויפגעקומען, געוואַקסן, דערגרייכט די שפּיצן פון מאַכט און אײַנפלוס — און זענען אומגעקומען. נישט נאָר האָבן זיי עס צוגעזען ווי פרעמדע צושויער, נאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען און פאָרמולירט די סיבות פון דעם שטענדיקן אומקום, — זינד און פאַרברעכן. די נביאים האָבן עס אין פײַערדיקע רייד דערקלערט סײַ בנוגע ישראל סײַ בנוגע די אַרומיקע פעלקער. אין די תפילות פון די ימים נוראים האָט מען אונדז אַרײַנגעשאַרפט אין מוח די וואָרענונג קעגן „ממשלת זדון", און מען האָט אונדז דערמאָנט, אַז „המלכות שלך היא".

דאָס בילד פון דער הײַנטיקער מלוכות־וועלט איז נישט דערהויבנדיק. וואָס מער זיי האָבן — סײַ גרויסע סײַ קליינע מדינות — אַרײַנגעזאַפּט אין זיך פּאָליטישע, טעכנישע און עקאָנאָמישע גבורה, אַלץ ווייניקער פאַרמאָגן זיי יענע אינערלעכע גײַסטיקע און מאָראַלישע קראַפט, וואָס בויט און שטיצט לעבעדיקע פעלקער. אין אָנבליק פון דער איצטיקער וועלט, אין דערינערונג פון דער יידישער גײַסטיקער טראַדיציע — ווי אַזוי קען דאָס אַלטע, דערפאַרענע, אין געשיכטלעכע פײַערן אויסגעפּרובירטע פאָלק פּשוט אָנכאַפּן זיך אָן דעם פּאָליטישן אינסטרומענט פון „מלוכה"?

מעג אַ מלוכה זײַן דער העכסטער ווערט בײַ די אומות העולם, אָבער זי קען עס נישט ווערן בײַ אַ פאָלק, וואָס האָט אויסגעשמידט אַ פיל קאָמפּליצירטערן לייטער פון גײַסטיקע ווערטן, וואָס די איינצלנע שטופּן זײַנע קענען נישט ווערן פּשוט פונאַנדערגעריסן. אָט איז למשל די ווערטן־ליניע ווי אַ סך יידן האָבן זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט: ארץ ישראל — עם ישראל — תורת ישראל — אלוקי ישראל. נישטאָ יידישקייט אָן יידיש פאָלק, פונקט אַזוי ווי נישטאָ יידיש פאָלק אָן זײַן לעבנסלערע און אָן זײַן גאָט. אָבער ווו זאָל מען דאָ אין דער דאָזיקער קייט אַרײַנשטעלן דעם אײַזערנעם רינג פון „מלכות ישראל"?

* * *

אַלע געדענקען די גרויסאַרטיקע עפּאָפּייע פון דער שטאָט יבנה, פון דער היסטאָרישער מיסיע, וואָס יענע שטאָט מיט איר אַקאַדעמיע האָט איבערגענומען אין געשיכטלעכן גאַנג פון אונדזער פאָלק. בעת ר׳ יוחנן בן זכאי האָט פאַרלאָזן ירושלים צוליב יבנה, האָט ער עס זיכער געטאָן נישט ווי אַ יחיד, וואָס האָט גע־וואָלט ראַטעווען זײַן נשמה; ער האָט עס געטאָן אין דער אומזיכטבאַרער שליחות פון פאָלק. דאָס פאָלק איז דעמאָלט פאַרמאַטערט געוואָרן פון זײַן מלכות, פון זײַנע זינד און פאַרברעכן, — און האָט געזוכט אַן אויסוועג כדי צו באַשיצן זײַן אינערלעכן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן מהות. מיט דער אויפריכטונג פון אַ יבנה האָט ר׳ יוחנן און זײַנע נאָכפאָלגער געשטרעבט נישט פשוט צו פאַרמאַסקירן, צו ראַ־טעווען די עקזיסטענץ פון דעם פאָטערלאַנד פון די דרויסנדיקע שונאים, נאָר זיי האָבן געוואָלט פונדאַמענטאַל איבעראַנדערשן דעם אינהאַלט און דעם סטיל פון זייער טאָגטעגלעכן, קהלשן און מלוכהשן לעבן. און געוואָלט האָבן זיי עס טאָן נישט אויף אַ געשיכטלעכע ווײַלע, „עד יעבור זעם״, נאָר טאַקע אויף שטענדיק, פאַר דער אייביקייט.

דאָ נישט לאַנג האָט דער ייִדישער שרײַבער אין ארץ־ישראל נתן ביסטריצקי פאַרעפנטלעכט אין דעם ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישן „משמר״, אָרגאַן פון דעם שומר הצעיר, אַן אַרטיקל „יבנה וירושלים״ (8־טן אויגוסט 1947). ער האָט דערקלערט, אַז בעת דער פּאָליטישער חורבן פון ארץ־ישראל האָט זיך אָנגערוקט — האָבן די יבנה־לײַט געזוכט אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע ענערגיע פון פאָטערלאַנד דורך דער שאַפונג פון אַ נײַער לעבנס־פאָרם. האָבן זיי דעמאָלט די אונטערגייענדיקע פּאָליטישע מלוכהשע פאָרם פון קיום פאַרטוישט אויף דער ר ע ל י ג י ע ז ־ ג ײַ ס ־ ט י ק ע ר פאָרם. אין משך פון לאַנגע דורות — אָבער שטענדיק נאָר אויף אַ ווײַלע! — האָבן די ייִדן געלעבט און געשאַפן אין די פאָרמען פון תורה און — יבנה־ייִדישקייט, כדי דורך דעם אָפּצוהיטן ביז דער היסטאָרישער שעת הכושר דעם עכטן, דעם פּ אָ ל י ט י ש ־ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן קערן פון ייִדישן פאָלק. במילא איז דער פּאָליטישער ציוניזם, דער אויפבוי פון ארץ־ישראל אין אונדזער צײַט נישט עפּעס אַנדערש ווי דער צוריקקער צו דער אַמאָליקער פאַרלאָרענער מלוכה־ייִדישקייט; די נאַציאָנאַלע ענערגיע גיסט זיך ווידער אַרײַן אין איר נאַטירלעכן מלוכהשן פורעם...

אָט מיט דעם געדאַנק קען מען בשום אופן נישט מסכים זײַן, אויב מען וויל נישט ווערן אומטרײַ צו דער גאַנצער ייִדישער לעבנס־אײַנשטעלונג. מיט דעם איבערגאַנג אויף די נײַע רעלסן פון יבנה האָבן די ייִדן פון יענער צײַט אָנגענו־מען אַ פּרינציפּיעלן באַשלוס; עס איז נישט דווקא וויכטיק צו זײַן אַ פּאָליטישע נ אַ צ י ע (וואָס פאַרמאָגט אַ מלוכהשן פאָטערלאַנד), וויכטיקער איז צו זײַן אַ לעבעדיק גײַסטיק פ אָ ל ק. דער לעבנספּרינציפּ פון ייִדישן פאָלק זאָל אַזוי אַרום זײַן נישט די גלאָריע פון „מײַן לאַנד״, נאָר פון מלוא כל הארץ כבודו, ד״ה די מאַכט און די קדושה פון דער גײַסטיק־רעליגיעזער אידייע. און זעט: וואָס פאַר

אַ װוּנדערבאַרע, ממש איבערמענטשלעכע כוחות האָט אונדזער פאָלק אַנטפּלעקט אין דעם פייערדיקן שײַן פון דער דאָזיקער אידייע!

פאַרוואָס איז די ייִדן געלונגען אויפצוהאַלטן אַזוי לאַנג צווישן זיך און אַרום זיך די אַטמאָספער פון זעלישער ריינקייט, פון טרײַשאַפט און מסירת נפש פאַר אידייען, פון פאַראַכטונג צו די בלומרשט־מעכטיקע אינסטיטוציעס פון „זייער וועלט״? עס איז זיי געלונגען דערפאַר, ווײַל זיי האָבן נישט געמוזט פאַרברויכן זייער נאַציאָנאַלע ענערגיע אויף אויפצוהאַלטן מלוכות און אַלע יענע אינסטיטוציעס וואָס געהערן צו זיי: פּאָליציי, אַרמיי, צענזור, בלינדער פּאַטריאָטיזם.

וואָרום, ווי עס שײַנט, פאַרמאָגט יעדעס פאָלק אין יעדער תקופה אַ געוויסן סכום פון שעפערישער ענערגיע, און ווען עס פאַרנוצט זי אויף איין פעלד פון מענטשלעכער אַרבעט און גײַסט, דעמאָלט נעמט עס זי צו פון אַנדערע פעלדער. די געשיכטע פון מאָדערנע פעלקער האָט עס באַוויזן. ר ו ד אָ ל ף ר אָ ק ע ר, דער דײַטש־ייִדישער דענקער, האָט עס דערוויזן אויפן בײַשפּיל פון זײַן דײַטשישן פאָלק. אַ גרויס, גײַסטיק דערהויבן פאָלק זענען די דײַטשן געווען דווקא אין דער עפּאָכע פון זייער פּאָליטישער נישטיקייט, פון זייער צעשפּליטערונג אויף צוויי טוץ מלוכהלעך. אָבער זינט זיי איז געלונגען צו פאַרבינדן זיך אין אַ מעכטיק רײַך אין 1871, האָט זיי פאַרלאָזן דער געניוס פון מוזיק, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, רע־ליגיעז דענקען. דער שעפערישער כוח איז געפלאָסן אין די קאַנאַלן פון מלוכהשאַפט, גרויס־אינדוסטריע, אַרמיי און פאַטערלאַנד־גאווה, טעכניק און מאַשינאָוון לעבן.

אין די אָדערן פון ייִדישן פאָלקס־קערפּער האָט זינט דורות און דורות גע־פלאָסן יענע גײַסטיקע, מאָראַליש־רעליגיעזע ענערגיע, וועלכע איז אַמבעסטן צו באַצייכענען מיטן נאָמען יבנה, מיט דעם באַגריף תורה און לערנען לשמה. אויב עס איז אונדז טאַקע באַשערט אַז „יבנה״ זאָל צוריק איבערגיין אין יענעם „ירוש־לים״, דעמאָלט שטייט פאַרן פאָלק די גרעסטע געפאַר.

* * *

... איך שרײַב דעם לעצטן טייל פון אַרטיקל דעם 11־טן דעצעמבער, מיט צוויי חדשים שפּעטער. פאַר דער צײַט איז פון די פעלקער אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו ש אַ פ ן די ייִדישע מלוכה. אַזוי אַרום באַטראַכטן מיר שוין נישט מער אַ ריין־אַקאַדעמישע פראַגע, נאָר אַן ענין פון געוואַלטיקער פּראַקטישער וויכ־טיקייט. צי קענען מיר בײַ אַזאַ לאַגע ממשיך זײַן אונדזער געדאַנקען־גאַנג פון פריִער?

איך בין טיף איבערצײַגט, אַז איצט — נאָכן איבערטרעטן דעם שוועל — דאַרפן מיר עס טאָן מיט נאָך גרעסערער אחריות ווי פריִער. מיר טאָרן זיך בפירוש נישט אָפּזאָגן פון אונדזער היסטאָריש־פאַרפעסטיקטן יבנה־מהות. צוויי געפאַרן לויערן אויפן ייִדישן שטאַט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער סביבה פון אַראַ־בישער פײַנטשאַפט. די דרויסנדיקע געפאַר וועט אים צווינגען צו ווידמען זיך בראשו ורובו צו זעלבסטפאַרטיידיקונג, צום מיליטערישן שוץ. אין דער הײַנטיקער

צײַט קען נישט אַ קלײנער, נײַ־געבוירענער שטאַט האַלטן זיך אויף אײגענע פּיס; ער װעט מוזן זיך אָנשפּאַרן אָן דעם אָדער יענעם פון די „גרויסמאַכטן", ד"ה ער װעט װערן אַן אינסטרומענט אין זײער פּאָליטישן שפּיל. שוין די נביאים האָבן אַמאָל געװאָרנט דאָס פּאָלק ישׂראל קעגן פאַרבינדן זיך מיט מיצרים אָדער בבל אָדער אשור.

צו אָט דער דרויסנדיקער געפאַר קומט צו די אינעװײניקסטע: דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן װעט זיך מוזן שטעלן אין דעם דינסט פון מיליטערישן זעלבסטשוץ. די יוגנט װעט מוזן װערן מיליטאַריזירט. דאָס דערציִונגס־װעזן, די ליטעראַטור, דאָס סאַמע אַרט דענקען פון זײַן געװענדט נישט צו די פראַגן פון נשמה, נאָר צו די פאָדערונגען פון דער הגנה. די מאָראַלישע אַנטװיקלונג פון פעלקער װערט אין אַזעלכע פאַלן פאַרקריפּלט, דעמאָראַליזירט. פאַר די לעצטע דרײַסיק יאָר האָבן מיליאָנען מענטשן אין אַ רײ לענדער פּערזענלעך דורכגעמאַכט די דערפאַרונג פון מלוכהשאַפט, און האָבן דערקענט איר געפערלעכן פּרצוף פּנים. עס איז אפשר באַצײכענענדיק, אַז אַפילו אַזאַ קעמפער פון ייִדישן מלכות װי װ. זשאַבאָ־טינסקי איז געװען, האָט אַ פּאָר װאָכן פאַר זײַן טויט, אין 1940, געשריבן אין אַ כתב־יד: „אונדזער געשיכטלעכע טראַדיציע באַציט זיך מיט פאַראַכטונג צו דער סאַמע אידײע פון מלוכה־מאַכט, און טאָלערירט איר נאָר אויף אַזוי פיל, אויף װיפל עס איז אומפאַרמײַדלעך. דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגיע פאַר װעלכער אַ „מאַקסימאַליטאַרער" שטאַט װאָלט געװען אַ קללה. איר אמתער אידעאַל װאָלט געװען אַ מין אַנשטענדיקע אַנאַרכיע, — און װען דאָס איז אוממעגלעך, זאָל עס כאָטש זײַן אַ „מינימאַליטאַרער" שטאַט".

עס װאָלט לחלוטין נישט געװען אויסגעשלאָסן דער געדאַנק, אַז דער ארץ־ישׂראל ישוב זאָל שאַפן אַ נײַעם טיפּ פון סאָציאַלער געמײנשאַפט. ארץ־ישׂראל אַלס די גרויסע פאָלקס־קבוצה אָדער ארץ־ישׂראל אַלס דער ייִדישער מרכז רוחני, — דאָס זענען געװען אידײען־האָפענונגען, װעלכע דעקן זיך נישט מיט דעם אָפּ־געשטעמפּלטן באַגריף פון שטאַט. אָבער אויב עס איז געװען דער גזר פון דער געשיכטע, אַז אַ מ ל ו כ ה זאָל אויפקומען אין ארץ־ישׂראל, דעמאָלט קען זי נישט אַנדערש געבויט װערן װי אויפן יסוד פון אַ טיפער פאַרשטענדעניש פון די בײדע פעלקער־שכנים. דעמאָלט מוז עס װערן די אַלגעמײנע פאָדערונג אין אונדזער פאָלק אַז אַזאַ פאַרשטענדעניש פון שלום זאָל װאָס גיכער געשאַפן װערן.

װעט עס נישט קומען דערצו, דעמאָלט װעט די גאַנצע נאַציאָנאַלע ענערגיע קאָנצענטרירט װערן אָט אין יענע „ירושלימער" פּאַטערלענדיש־פּאָליטישע קאַנאַלן, און זײ װעלן אָפּציִען דאָס חיות און דאָס בלוט פון די ייִדיש־שעפערישע גײַסטיקע קװאַלן. דעמאָלט װעט דער אומשטערבלעכער ר' יוחנן בן זכאים גײַסט װידער מיט רעװאָלט װעקן און רופן צו יבנה. װאָרום אין דער מיט פון דעם ייִדישן לעבנס־סדר איז קײנמאָל נישט געשטאַנען דער מאַיעסטעטישער טראָן פון אַ מלך, נאָר דער אומזיכטבאַרער באַרג סיני. װאָרום עס איז פאַראַן אַן אונטערשײד, טיף װי דער תהום, צװישן ייִדן אַלס פּאָליטישע נ אַ צ י ע, און די ייִדן אַלס גײַסטיק

פאָלק. נאַציע איז מלוכה, איז „קולטור", איז מאַשין־פּאָליטיק, איז יאָגעניש נאָך נוצן און דערפאָלג. פאָלק איז תורה, איז תורה לשמה, איז לעבעדיקער גײַסט, איז מער ווי דער שטח פון פאָטערלאַנד; עס איז דער גאַנצער כלל ישראל און יעדער יחיד אין אים.

(„אויפן שוועל", מאַי 1948).

# דער פּלאַץ פון „פרײַלאַנד" אין ייִדישן לעבן

1.

דער פּלאַץ און די צוקונפט פון דער פרײַלאַנד־באַוועגונג מוז באַטראַכט ווערן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער פראַגע וועגן דעם ייִדישן סורינאַם־פּלאַן 1). אויב עס זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז אין דער איצטיקער און נאָענטער ייִדישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג איז נישטאָ קיין שום נויטווענדיקייט פאַר נײַער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אויף די יסודות פון פרײַלאַנד, דעמאָלט מוז מען זיך אָפּזאָגן פון אַ סורינאַמער פּלאַן אַפילו ווען ער ווערט אונדז אונטערגעטראָגן אויף די בעסטע באַדינגונגען. אויב אָבער דער אַנאַליז פון דער ייִדישער היסטאָרישער לאַגע זאָל פירן צום אויספיר אַז אַ נײַע פרײַלאַנד־קאָלאָניזאַציע איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אונדזער פאָלק, דעמאָלט מוזן מיר קעמפן פאַר דער דורכזעצונג פון אַ סורינאַמער און ענלעכע פּלענער מיט דער גאַנצער קראַפט.

עס איז איצט אַ קריטישע צײַט פאַר אַלע ייִדישע גרונד־באַוועגונגען. אַ טיפער חשבון הנפש גייט גראָד איצט אָן בײַ דער בונדישער קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק. עס וועט באַלד מוזן אָנהייבן זיך אַ גרונטיקע איבערשאַצונג פון ווערטן אין ציוניזם, און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אויך אין דעם לאַגער פון טעריטאָריאַליזם זאָל מען נאָכאַמאָל אַרויפברענגען אויפן זיכרון די דרײַ הויפּט־אידייען פון אונדזער באַוועגונג, — אידייען, וואָס זענען אפשר נישט פאָרמולירט אין גענויע פּונקטן, אָבער וואָס זענען אײַנגעקריצט אין דעם באַוווסטזײַן פון אַ פרײַלאַנדיסט.

א) מיר שטרעבן, ראשית כל, שאַפן פאַרן ייִדישן פאָלק אַלע די באַדינגונגען (עקאָנאָמישע און סאָציאַלע, פּאָליטישע און גײַסטיקע) וואָס זענען נויטיק כדי צו פאַרזיכערן זײַן אומגעשטערטע, אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג. מיר זענען לײַדנשאַפטלעך פאַראינטערעסירט אין דעם קיום האומה.

ב) דאָס פאָלק באַשטייט אָבער פון יהידים, פון אינדיווידועלע מענטשן מיט זייערע אומצייליקע פאַרשידנאַרטיקע פעיִקייטן, געפילן און ווילנס־כוחות. שטרעבן מיר טאַקע דערצו, אַז אין ראַמען פון זײַן פרײַ פאָלק, זאָל דער ייִדישער יחיד

1) סורינאַם אָדער האָלענדיש גוויאַנאַ איז געווען די טעריטאָריע אָנגעמערקט פאַר „פרײַלאַנד"־קאָלאָניזאַציע.

האָבן די מעגלעכקייט פון טיפער אַנטוויקלונג אַלס מענטש, און פון האַרמאָנישע באַציִונגען צו זײַנע מיטמענטשן־יידן.

ג) אָבער סײַ יידיש פאָלק סײַ יידיש מענטש קענען נישט געפינען זייער העכסטן אויפבלי און דערהויבונג אָן דעם טיפן צוזאַמענבונד מיט דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. די יידישע נאַציאָנאַלע און יחידישע אידעאַלן ציִען זיך פון און ציִען זיך צו יענע גײַסטיקע מקורות פון קולטור און לעבן וואָס זייער נאָמען איז מענטשהייט.

כדי די דאָזיקע דרײַ אידייען (וואָס זענען אין תוך איין אידייע) צו ברענגען נענטער צו פאַרווירקלעכונג, גלויבן מיר איז דער בעסטער וועג: צו פאַרשאַפן פאַרן יידישן פאָלק אַ באָדן אונטער די פיס, אַ טעריטאָריע. אָבער ריידנדיק וועגן טעריטאָריעס האָט די פרײַלאַנד־ליגע אין זינען נישט יעטוועדן באָדן, וואָס דוכט זיך אויס פון אויבן אויף פיזיש און עקאָנאָמיש פּאַסיק. זי שטעלט אַרויס דערבײַ פיר פאָדערונגען, וועלכע זענען, ראשית כל, פאָדערונגען צו זיך אַליין, און ערשט דערנאָך צו דער וועלט.

1) די דערוווערבונג פון אַ יידישער טעריטאָריע מוז פאָרקומען אויף די יסודות פון שלום. די פרײַלאַנד־באַוועגונג איז אין פּרינציפּ אַ שלום־באַוועגונג. די געשעענישן אין ארץ־ישראל האָבן אונדז טיפער ווי ווען נישט איז איבערצײַגט אין אָט דעם אמת. מיר טאָרן נישט אַרײַנפירן אַפילו אַ טייל פון אונדזער פאָלק אין אַ לאַנד ווו מיר שטויסן זיך אָן אויף דער פײַנטשאַפט פון דעם שכן־פאָלק. יידישע צוקונפט קען נישט געבויט ווערן אויף מיליטערישע ניצחונות אָדער דיפּלאָמאַטישע דערפאָלגן פון דער הײַנטיקער שעה; מיר מוזן קלאָר פאָרויסזען די שטרויכלונגען און די סכנות פון דעם היסטאָרישן מאָרגן. „על הרבך תחיה" — איז מער נישט קיין סגולה פאַר די שטאַרקסטע מלוכות אין דער וועלט; עס איז אוודאי און אוודאי נישט קיין גאַראַנטיע פאַרן יידישן קיום. דערפאַר זוכט די פרײַלאַנד־ליגע אַ טעריטאָריע אויפן יסוד פון אָפענעם קעגנזײַטיקן פאַרשטענדעניש מיט די אײַנגעבוירענע בירגער פון לאַנד.

2) עס איז נישט נויטיק צו זוכן פאַר דער יידישער טעריטאָריע די סימנים און מאַכט־פּאָזיציעס פון אַ שטאַט. אין דער הײַנטיקער מלוכה־וועלט וועט קיינער נישט באַהויפּטן, אַז אַ נײַ־געבוירענע קליינע מלוכה קען פאַרזיכערן פאַר זיך אַ באַזע פון פרידלעכן און אומאָפּהענגיקן לעבן. „דאָס, אין וואָס עס נויטיקט זיך באמת אונדזער פאָלק, פון וואָס עס הענגט באמת אָפּ זײַן ווײַטערדיקער קיום, איז אינערלעכע אויטאָנאָמיע; די מעגלעכקייט זיך פרײַ אויסצולעבן אַלס יידן, אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור און לויט דער אייגענער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, אונטער אַ רעזשים פון פרײַהייט און סאָציאַלן יושר". מיר האָבן דאָ געבראַכט די ווערטער פון דעם בונדישן טעאָרעטיקער פּראָפ. ל. הערש,1) אָבער

1) „אונדזער צײַט", מאַי 1948, פון זײַן אַרטיקל, „אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה איז דער יידישער געשיכטע".

זיי נויטיקן זיך אין אַ וויכטיקער הוספה. דאָס אויטאָנאָמע ייִדישע לעבן מוז באַזיצן דעם פעסטן יסוד פון אַ טעריטאָריע, פון טעריטאָריעלער ייִדישער קאָנצענטראַציע. דאָס מיינט אָבער בשום אופן נישט אַ ייִדישע באַזונדערע מלוכה, מיט אַלע אירע סכנות פאַר דעם פאָלק.

3) די פרײַלאַנד־טעריטאָריע דאַרף געבויט ווערן אויף די יסודות פון פערזענלעכער אַרבעט פון די בויער און אויף דער ברייטסטער אויסנוצונג פון די קאָאָפּעראַטיווע מעטאָדן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. די עקאָנאָמיק פון אַזאַ נײַ לאַנד מוז אויסמײַדן די איינזײַטיקייט פון נאָר לאַנדווירטשאַפט אָדער נאָר אינדוסטריע. אַ סיסטעם פון אַגראָ־אינדוסטריעלער אַרבעט זאָל געבן די קאָלאָניסטן די מעגלעכקייט פון אַלזײַטיקער עקאָנאָמישער און גײַסטיקער בילדונג.

4) מיר ווילן זען אַ פולבלוטיקע ייִדישע קולטור אײַנגעפלאַנצט אין דער פרײַלאַנד־טעריטאָריע. ערשט איצט, מיטן אויפקום פון מלכות ישראל, פאַרשטייען מיר בעסער דעם פּראָבלעם פון ייִדישן גײַסטיקן המשך. אין ארץ־ישראל בויט זיך אַ פאָלק מיט אַ שפּראַך און קולטור, וואָס איז פּאַקטיש אָפּגעריסן פון דער מערהייט פון ייִדישן פאָלק. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי דער „מרכז רוחני" (גײַסטיקער צענטער) פון ארץ־ישראל וועט קענען באַווירקן דאָס גײַסטיקע און נשמה־לעבן פון אונדזערע מאַסן וואָס לעבן אין דער ברייטער וועלט.

מיר ווילן אָבער בפירוש נישט קיין „נײַ" פאָלק, וואָס זאָל אין זײַן אָרגאַנישער סטרוקטור און גייסטיקן פּנים ווערן אָפּגעשיידט פון דעם ייִדישן פאָלק ווי עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין די „דורות פון גלות". מיר ווילן בפירוש, אַז דאָס פּוילישע און ליטווישע, דאָס רוסישע און גאַליציִשע ייִדיש פאָלק זאָל האָבן זײַן אייגענעם היסטאָרישן המשך, זאָל אויפהאַלטן און אַנטוויקלען זײַן פאָלקסטימלעכן נוסח און זײַן ייִדישע שפּראַך. דאָס הייסט אָבער שאַפן פאַר ייִדן אַ טעריטאָריע מחוץ ארץ־ישראל. (הגם בשום אופן ניט אין קעגנזאַץ צו ארץ־ישראל!). אָט די פאָדערונג האָבן אָקאָרשט אַמבעסטן פאָרמולירט די פּליטים־פרײַלאַנדיסטן אין עסטרײַך: „דאָס אויפבויען אַ נײַעם געזונטן ייִדישן ישוב אין סורינאַם הייסט דאָס ווידעראויפלעבן דעם פאַרשוועכטן און אָפּגעשניטענעם ייִדישן ישוב פון פוילן". 1)

.2

## אין חוץ לארץ

ווי זעט אויס הײַנט צו טאָג, אין אָנהייב פון יאָר תש"ט, די וועלט־לאַגע פון אונדזער פאָלק? דרײַ גרויסע פאַקטאָרן באַהערשן די דאָזיקע לאַגע. אויפן ערשטן, כּרוניקן, פּלאַץ שטייט דער פאַקט, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן מיליאָנען פון

1) זע רעזאָלוציעס פון דער צווייטער קאָנפערענץ פון פּליטים־פרײַלאַנדיסטן אין עסטרײַך. („אויפן שוועל", אויגוסט 1948).

אונדזערע פאָלקס־ברידער. צוזאַמען מיט זיי זענען אונטערגעגאַנגען די אין דורות פאַרפעסטיקטע נאַציאָנאַלע באַזעס פון אונדזער לעבן. צווייטנס, מיר האָבן פאַר זיך אַ ריי יידישע פאָלקס־מאַסיוון אין די אַזוי גערופענע רויקע לענדער (אַמעריקע, רוסלאַנד, ענגלאַנד און זײַנע דאָמיניעס). און, דריטנס, עס איז אויפגעקומען אַ שטאַרקער ייִדישער קיבוץ אין דער פאָרם פון אַ מלוכה אין ארץ־ישראל.

לאָמיר באַטראַכטן די דאָזיקע ייִדישע לאַגע פון שטאַנדפּונקט פון דער פרײַ־לאַנד־באַוועגונג. צי איז זי נויטווענדיק און לעבנספעיִק אין אָנבליק פון די דרײַ דערמאָנטע קאַרדינאַלע פאַקטן פון אונדזער וועלט־לאַגע? קיין ספק נישט, אַז דער גרויסער אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן אין די נאַצי־יאָרן פאָדערט און מאָנט די שאַפונג פון אַ ייִדישער פרײַער טעריטאָריע מיט גאַראַנטיעס פאַר דעם ווײַטערדיקן קיום. די פראַגע איז נאָר: צי וועט נישט די דאָזיקע פאָדערונג ווערן באַפרידיקט פון די ביידע אַנדערע, פּאָזיטיווע פאַקטאָרן פון דער איצטיקער ייִדי־שער ווירקלעכקייט: פון די „רויקע״ ייִדישע ישובים אין דער וועלט און פון דער ייִדישער מדינה?

ווי זעט עס אויס אין די תפוצות ישראל, אין די ר ו י ק ע ייִדישע ישובים, — און, ראשית כל, אין אַמעריקע? פּאָליטיש און עקאָנאָמיש שײַנען זיי צו זײַן בעסט פאַרפונדעוועט אין די ווזין־לענדער. אָבער עס לויערן אויף זיי אָפן אַנדערע געפאַרן, וועלכע מען קען ממש אָנטאַפן מיט די הענט. דאָס איז די געפאַר פון אַ מאַסן־אַסימילאַציע, פון אַ זעליש־מאָראַלישער אויסליידיקונג, וועלכע מאַכט פון זיי האַלב־ייִדן, האַלב־אַמעריקאַנער. מיר ווייסן אַלע, וואָס דאָס באַטײַט פאַר דער צוקונפט פון אַ פאָלק. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז דער אַסימילאַציע גייט נאָך ווי אַ שאָטן די קללה פון אַנטיסעמיטיזם. און זאָל מען זיך נישט נאַרן נאָך די גרויזאַמע דערפאַרונגען פון היטלערס אייראָפּע און זײַנע שווײַגנדיקע שותפים. אַנטיסעמי־טיזם באַטײַט הײַנט צו טאָג נישט מער „דיסקרימינאַציע״ אָדער געזעלשאַפטלעכער באָיקאָט; הײַנט קוקט פון אים אַרויס דאָס מערדער־פּנים פון פאַרניכטונג. ייִדן־פײַנטשאַפט, אַף וויפל עס קען פונאַנדערנעמען די הענט, איז אין אונדזער עפּאָכע פון שטענדיקע דערשיטערונגען נישט ווייניקער ווי מאַסן־רציחה און פאָלק־צע־שטערונג.

קעגן אָט דער צווייפאַכער געפאַר פון אַסימילאַציע און אַנטיסעמיטיזם מוז זיך אונדזער פאָלק באַשיצן דורך אַ פאַרשטאַרקטער אינערלעכער קאָנסאָלי־דאַציע, דורך דעם דערוועקן פון אַ געזונטן ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן, דורך דערנענטערן צו זיך די אָפּגעפרעמדטע ייִדישע יוגנט. אָבער צי איז דאָס גענוג אין דעם לאַנגן היסטאָרישן שטראָם פון צײַט? דער „בונד״ למשל איז הײַנט צו טאָג דורכגעדרונגען מיט דער זאָרג פאַרן קיום האומה. אָבער, געטרײַ צו זײַן אידעאָלאָגישן עבר, וויל ער אויפהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון ייִדישן פאָלק נאָר און אויסשליסלעך מיט אַרבעט א ו י ף ן פ ל א ץ ווו די ייִדן לעבן הײַנט צו טאָג. ער קלײַבט זיך צו פאַרשטאַרקן אַלע אַרטן פון קולטור־טעטיקייט אין דער ייִדישער שפּראַך, ער וויל פאָדערן וואַלן פון דעמאָקראַטישע ייִדישע

קהילות. אָבער ער זעט נישט אײַן אַז די כוואַליעס פון דער אַרומיקער אַסימילאַציע (עקאָנאָמישער — ווי קולטורעלער) קען מען נישט אָפּשטעלן מיט שפּענדלעך פון ריינער קולטור־אַרבעט; אַז קולטור־אַרבעט, אָפּגעריסן פון געזונטע נאַציאָ־נאַלע מאַטעריעלע יסודות, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ לופטיקן קולטוריזם. ווי זאָל מען צוזאַמענהאַלטן די יוגנט מיט יידיש־לשון אַליין אויב אין דעם לשון וועלן זיך נישט אָפּשפּיגלען רעאַלע, מאַטעריעלע פּראָצעסן פון אַ יידישן־נאַציאָנאַלן לעבן? ווי וועלן זיך האַלטן יידישע קהילות אויב זיי וועלן נישט האָבן אַרום זיך (ווי דאָס איז געווען אין פּוילן!) נאַציאָנאַל־יידיש, נישט־געקינסטלט מאַסן־לעבן?

יידישע קולטור ווי אויך יידישע דעמאָקראַטיע קען נאָר וואַקסן אויף יידישן באָדן, אין קאָנצענטרירטע ישובים וווּ יידן זענען נישט נאָר צאָלמעסיק גרויס, נאָר וווּ זיי זענען פאַרבונדן דורך געמיינזאַמער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער טעטיקייט. אויף וויפיל דער „בונד" וועט פאַרבלײַבן בלינד צו אָט דעם פונדאַ־מענטאַלן פאַקט, וועט ער אין די „רויקע" לענדער קוים קענען ענדערן די לאַגע פון פאָלק. ער וועט גיכער אַרײַנפאַלן אין דער געפאַר פון פאַסיווער נײַטראַלי־טעט לגבי אונדזער צוקונפט.

די אַמעריקאַנער יידן שטייען נישט צום גליק אונטער אַ דירעקטן דרוק מצד די ביידע אַלט־באַקאַנטע יידישע סכנות. אָבער, וואָס ווײַטער אַלץ מער וועלן זיי דערפילן די אינערלעכע זאָרג, און די ווײַט זעעוודיקע צווישן זיי וועלן מוזן קומען צו דעם געדאַנק פון קאָנצענטרירטן יידישן ישוב, פון אַ פ ר ײַ ל אַ נ ד, וואָס זאָל באַזאָרגן כאָטש אַ טייל פון זיי. זיי וועלן אפשר אויך אײַנזען, אַז זיי מוזן אויסנוצן די רו און זיכערקייט, וואָס די געשיכטע האָט זיי געגעבן, כדי באַצײַטנס אויסצובויען פעסטערע באַזעס פאַר זייער צוקונפטיקן קיום. ע ס א י ז ד ע ר פ אַ ר נ ו י ט י ק, אַ ז ד י פ ר ײַ ל אַ נ ד ־ ב אַ וו ע ג ו נ ג ז אָ ל ש ט יי ן א ו י ף ד ע ר וו אַ ך א ו ן ז אָ ל ד ע ר מ אָ נ ע ן וו ע ג ן ד ע ר ה י ס ט אָ ־ ר י ש ע ר נ ו י ט וו ע נ ד י ק ײַ ט פ ו ן אַ ט ע ר י ט אָ ר י ע.

.3

## אין ארץ־ישׂראל

ווי זעט אויס די לאַגע אין ארץ־ישׂראל, וווּ דער אידעאַל פון דער ציוניסטי־שער באַוועגונג ווערט פאַרווירקלעכט? צי קען מען זאָגן, אַז מיט דער שאַפונג פון דער יידישער מדינה און אירע אָפענע טויערן פאַר יידישע וואַנדערער איז אויסגעשפּילט די ראָלע פון פרײַלאַנד? צי דאַרף הײַנט צו טאָג די „פרײַלאַנד־ליגע" נאָכפאָלגן דעם בײַשפּיל פון ישׂראל זאַנגוויל אין 1927 בעת ער האָט פונאַנדערגעלאָזן די יידישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע (יט"אַ)?

דער אמת איז, אַז די פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן ציל האָט אַנטפּלעקט

די באַגרענעצטקייט פון ארץ־ישראל. דאָס לאַנד קען נישט אויף אַ נאָרמאַלן און פרידלעכן אופן באַפרידיקן די גרויסע יידישע פאָלקס־נויט. עס איז, ראשית, באַ־שרענקט דורך זיינע פיזיש־טעריטאָריעלע גרענעצן. אויסברייטערן די דאָזיקע גרענעצן כדי צו פאַרגרעסערן דעם נויטיקן שטח פאַר קאָלאָניזאַציע, קען מען נאָר דורך עקספּאַנסיע. עקספּאַנסיע הייסט אין אונדזערע צייטן און ביי דער באַזונדערער לאַגע אין מיזרח נישט ווייניקער ווי מילחמות. די אַראַבישע וועלט פאַרשטייט עס און גרייט זיך באַצייטנס קעגן ישראל. קען אָבער די יידישע צוקונפט געבויט ווערן אויף אַזעלכע קריגערישע אויסזיכטן?

ביי דער זיצונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין תל־אביב, אין אויגוסט 1948, האָט בן־גוריון געוואָרנט אירע מיטגלידער: „מיר טאָרן נישט טריומפירן ווייל מיר האָבן נאָך נישט אָפּגעהאַלטן דעם ניצחון. און ווען מיר וועלן אַפילו זיגן, וועלן די אַראַבער קיינמאָל נישט מאַכן שלום מיט אונדזער זיג. אין דעם ערשטן עטאַפּ פון דעם קאַמף האָבן מיר געזיגט, מיר — דער קליינער הויפן פון 700.000 יידן קעגן דרייסיק מיליאָן אַראַבער. מיר האָבן דערווייַלע באַוויזן גרעסערע פעיקייטן פאַר אָרגאַניזאַציע, אָבער וואָס וועט זיין ווען מיט דער צייט וועלן די אַראַבער בייקומען די פאַרשיידענע טעכנישע שוועריקייטן און אַנטפּלעקן זייער פולן כוח? און לאָמיר נישט באַנוצן זיך מיט מליצות! נישט דאָס יידישע פאָלק פון 12 מיליאָנען מענטשן שטייט אין קאַמף מיט די אַראַבישע לענדער, נאָר דער ארץ־ישראל־ישוב אַליין".1) די דאָזיקע רייד פאַרלירן נישט זייער ווערט אַפילו נאָך די „ניצחונות" פון חודש אָקטאָבער.

די צווייטע געפאַר לויערט אויף ישראל טאַקע צוליב זיין נייעם מלוכה־שאַפטלעכן כאַראַקטער. די מדינת ישראל קען זיך נישט פשוט דערקלערן פאַר „נייטראַל" און דערמיט אויסמיידן די ברויענדיקע ווינטן פון דער וועלט־פּאָליטיק. כדי צו האַלטן זיך אויף די פיס, וועט זי מוזן קאָנצענטרירן אַלץ מער מאַכט אין אירע מלוכה־אָרגאַנען און האַלטן די באַפעלקערונג אין אַלץ ענגערן קלעם פון הערשאַפט. עס זענען שוין היינט פאַראַן גענוג סימפּטאָמען פון אַ סיסטעם ביי וועלכן דער בירגער ווערט אַלץ מער אונטערגעאָרדנט דעם סאָלדאַט און דעם באַאַמטן. אוודאי איז די מילחמה אין דעם שולדיק, אָבער אויך דער ביישפּיל פון די היינטיקע מלוכות לערנט דעם ניי־אויפגעקומענעם שטאַט צו באַנוצן זיך מיט אַלע „לייכטע" מעטאָדן פון צוואַנג, פון גוואַלט, פון מלוכהשער גדלות — דאָס איז כלפי פנים; און לגבי דער מלוכה־וועלט פון דרויסן. וועט ישראל מוזן פירן „דיפּלאָמאַטיע". ער וועט מוזן צושטיין צו דער אָדער יענער קאָאַליציע; ער וועט ווערן אָדער אַן אינסטרומענט אָדער אַ שותף צו די וועלט־פּלענער פון די אַזויגערופענע גרויסע מלוכות. צו דער אַזוי אויך גענוג שווערער לאַסט פון יידישן גורל וועלן צוקומען די אַלע געהויבענע און געמיינע קאָנפליקטן, וואָס מאַטערן די היינטיקע

1) „בעיות הזמן", ירושלים (27־טער אויגוסט, 1948).

נישט־ייִדישע וועלט. ווי וועט זיך אָט דער נײַער גאַנג פון ייִדישער געשיכטע אויס־ווירקן אויף דעם ייִדישן פֿאָלקס־מענטשן?

דאָ ליגט טאַקע די דריטע געפֿאַר וואָס באַדראָט דאָס פֿאָלק אין ישראל: די גײַסטיקע געפֿאַר. דאָס לאַנד וועט דערצויגן ווערן אין אַ מיליטערישער אַטמאָספֿער, אין שטענדיקער גרייטשאַפֿט צו באַקעמפֿן די פּערמאַנענטע קעגנער: די אַראַבער. די דערציִונג פֿון דער יוגנט וועט מוזן אָפּגעבן אַ וויכטיק פּלאַץ צו די מיליטעריש־סטראַטעגישע פֿאָדערונגען; דערמיט ווערט אָפּגערוקט אָן אַ זײַט די בכורה פֿון גייסטיקע, מאָראַלישע, גענאָסענשאַפֿטלעכע ווערטן. ווי נישט אַנדערש צו דער־וואַרטן. די מורא און די פֿײַנטשאַפֿט צו דעם שכן וועט באַפֿאַרבן דעם גאַנצן נוסח פֿון סאָציאַלן און מלוכהשן לעבן. אָבער ווו עס איז פֿאַראַן אַ שטענדיקער מקור פֿון פֿײַנשאַפֿט צום דרויסן, מוזן וואַקסן גיפֿטיקע קערנער פֿון חשד און אומצוטרוי אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט גופֿא.

נישט גענוג דערמיט. דאָס פֿאָלק אין ישראל וועט זיך אַלץ מער אָפּזונדערן פֿון די תפוצות ישראל. צוליב דער העברעישער מחיצה, צוליב דעם גײַסטיקן באַריער וואָס איז אַוועקגעשטעלט צווישן זיי וועט זיי אויסקומען שווער צו באַאײַנפֿלוסן איינער דעם אַנדערן. ייִדן האָבן צוויי שפּראַכן, און קיין איינע פֿון זיי קען נישט אויסקומען אָן דער אַנדערער. אָבער ווי קען העברעיש — אַפֿילו מיט דעם מאַכט־גלאַנץ פֿון אַ מדינה — באַהערשן דאָס ייִדישע לעבן אין דער גרויסער וועלט? דערצו וועלן די ישראל־ייִדן האָבן זייערע אייגענע לעבנס־אינטערעסן און זאָרגן. און זייערע אינטערעסן און זאָרגן וועלן נישט אַלעמאָל צוזאַמענפֿאַלן מיט די נויטן און ווונטשן פֿון די מיליאָנען ייִדן מחוץ לארץ...

ווער ווייסט נאָך אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג עס וועט מוזן איצט גיין די עקאָ־נאָמישע אַנטוויקלונג פֿון לאַנד ישראל? — דאָס איז דער פּערטער און נישט ווײי־ניקער וויכטיקער אַספּעקט פֿון דעם ישראל־פּראָבלעם. עס איז אונדז אַלעמען אומ־ענדלעך טײַער געווען דער פּריוואַטלעכער און קאָאָפּעראַטיווער גײַסט, אין וועלכן עס האָט זיך געבויט דאָרטן, ראשית כּל, די קבוצה. דער שײַנענדיקער בײַשפּיל פֿון די קבוצות האָט אַנטפּלעקט וואָס פֿרײַע ייִדישע מענטשן קענען אויפֿטאָן מיט זייערע כּוחות ווען דאָס לעבנס־סיסטעם איז פֿרײַוויליק און פֿרײַ פֿון אַ מלוכהשן קאָנטראָל. ארץ ישראל ווי אַ קיבוץ פֿון קבוצות האָט זיך געטראָגן פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַלע פֿרײַנט פֿון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

די שאַפֿונג פֿון דער ייִדישער מדינה וועט מוזן ענדערן די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון לאַנד. די מלוכה, וואָס געפֿינט זיך אין אַ געפֿערלעכן צושטאַנד פֿון מיליטערישער זאָרג, וועט מוזן אָרגאַניזירן אויך אירווירטשאַפֿט אין די אינטערעסן פֿון מלוכהש־מיליטערישער גרייטשאַפֿט. דאָס וועט זײַן אַ צוואַנג־ווירטשאַפֿט, וואָס וועט פֿון אַ צענטער אַראָפּ קאָנטראָלירן און באַווירקן יעטוועדן שריט, יעטוועדע איניציאַטיוו פֿון דער פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט. מען וועט זיך שנעל אינדוסטריאַליזירן, בויען גרעסערע שטעט, צענטראַליזירן דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. די אַמאָליקע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע — אין דאָרף און שטאָט — וועט זיך מוזן אונטעראָרדענען

צו די פֿאָדערונגען פֿון שטאַט און פּאָליטיק. תל־אביב וועט אַזוי אַרום נישט ווילנ־זיק באַדראָען די דגניהס.

4.

## פֿרײַלאַנד — אַ נויטווענדיקייט

בײַ אַזעלכע באַדינגונגען צי קען מען באַהויפּטן, אַז דער אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל שליסט אויס די נויטווענדיקייט פֿון פֿרײַלאַנד? מען קען די פֿראַגע אוועק־שטעלן אויך אַזוי: צי האָט די גרינדונג פֿון ישראל אַרײַנגעבראַכט אַ קוואַלי־טאַטיוון אָדער אַ קוואַנטיטאַטיוון שינוי אין דעם ייִדישן וועלט־לעבן? צי איז עפּעס געשען, וואָס האָט איבערגעאַנדערשט דאָס ייִדישע לעבן אין פּרינציפּ, אין סאַמע תוך, — אָדער עס איז אַרײַנגעטרעטן נישט מער ווי אַ כּמותדיקע ענדע־רונג? ריידנדיק וועגן דעם פּראָבלעם פֿון ייִדישער היימלאָזיקייט, קען מען פֿרעגן: צי וועט מלכות ישראל אָפּשאַפֿן אָדער נאָר אָפּשוואַכן די דאָזיקע היימלאָזיקייט? (מען קען די זעלביקע פֿראַגע שטעלן אויך בנוגע אַנדערע פּראָבלעמען ווי למשל דער וווּקס פֿון אַנטיסעמיטיזם אָדער די מגפֿה פֿון אַסימילאַציע).

„פֿרײַלאַנד" ענטפֿערט אויף אָט דער פֿראַגע, אַז די ייִדישע היימלאָזיקייט און אַלע מיט איר פֿאַרבונדענע געפֿאַרן ווערן הײַנט און אין דער נאָענטער תקופֿה דורך מלכות ישראל נישט אָפּגעשאַפֿט. ממילא: בלײַבט די פֿרײַלאַנד־באַוועגונג אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין אונדזער לעבן.

און דאָס ליגט אַרויף אויף אונדז, דווקא אין אָט דער איבערברוך־צײַט, די גרעסטע אחריות. מיר טאָרן נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס ייִדישע לעבן, גענומען אַלץ גאַנצעס, פֿליסט איצט צווישן צוויי האַרטע ברעגעס. איין ברעג זענען די כּלומרשט־רויִקע ייִדישע מאַסיוון אין די חוץ לאָרץ־לענדער. דער אַנדערער ברעג איז ארץ־ישראל. צווישן זיי ביידן שטראָמען אין שטורמישן לויף די מאַסן פֿון אונדזערע וואַנדערער: סײַ די, וואָס מיר זעען שוין, סײַ די, וואָס קענען קומען שפּעטער. מיר זענען אַ פֿאָלק אין באַוועגונג. און דער דאָזיקער אומאויפֿהערלעכער שטראָם רײַסט זיך מיט אימפּעט צו אַ ציל, וואָס זײַן נאָמען איז פֿרײַלאַנד. אַ פֿרײַ לאַנד, וואָס זאָל זײַן באַוואָרנט אי קעגן אַסימילאַציע מיט שנאת ישראל, פֿון איין זײַט, אי קעגן שיינבאַרער מלוכהשאַפֿט מיט אירע סכּנות, פֿון דער אַנדערער. אַ לאַנד, וואָס זאָל טראָגן אַ פּרײַהייטלעכן און פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, וואָס זאָל העלפֿן בויען אַ פֿרידלעכע, פּראָדוקטיווע און עכט־ייִדישע היים.

אָט אין דעם דינסט פֿון אַזאַ פֿרײַ לאַנד זאָל זיך שטעלן די פֿרײַלאַנד־באַווע־גונג. זי זאָל עס טאָן מיט ליבשאַפֿט צו די ייִדן, וואָס בויען דאָס לאַנד ישראל, און מיט טרײַשאַפֿט צו די צילן פֿון דער גרויסער אידייע פֿון פֿרײַלאַנד.

(„אויפֿן שוועל", נאָוועמבער 1948).

# דאָס פּריווע לאַנד ישׂראל — און „פרייַלאַנד"

.1

עס איז נישטאָ מער קיין צווייפל אַז מדינת ישׂראל לעבט היינטוטאָג איבער אַ שווערן קריזיס. אַ קריזיס איז נישט קיין קאַטאַסטראָפע, און מיט געהעריקע מיטלען קען אַ קריזיס אָפּגעווענדט ווערן פון אַ לאַנד און אַ פאָלק. כדי אָבער אָנצווענדן די ריכטיקע מיטלען, מוז מען, ראשית כל, האָבן אַ ריכטיקע און קלאָרע פאַרשטענדעניש וועגן די סיבות פון דעם קריזיס. מיר אַ ל ע, ייִדישע מענטשן און ריכטונגען אָן אויסנאַם, זענען טיף פאַראינטערעסירט אין דער אויספאָרשונג פון דער איצטיקער לאַגע אין ישׂראל. עס איז אויך פאַר אונדז אין דער פרייַלאַנד־לאַגע נישט סתם אַן אַקאַדעמישע פראַגע; זי רירט אָן די נאָענטסטע און צוקונפטיקע אויפגאַבן פון אונדזער פאָלק אַלס גאַנצעס.

און ריידנדיק וועגן קריזיס, האָבן מיר איצט נישט אין זינען די פאַרוויקלטע און פאַרנעפּלטע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פון דער מדינת ישׂראל. מיר האָבן אויך נישט אין זינען די זייער אומקלאָרע מיליטערישע לאַגע פון ישׂראל, בעת זי האָט אַ האַלבן טוץ וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן מיט די אַראַבער, אָבער דערווייַלע קיין שום אויסזיכט נישט אויף אַ פעסטן שלום מיט זיי. מיר ווילן היינטיקס מאָל זיך אָפּשטעלן אויף דעם קריזיס וואָס האָט אויסגעבראָכן א י ן  ל א נ ד  גופא, אויפן עקאָנאָמישן פעלד, אין דער פראַגע פון אויפנעמען די  א י מ י ג ר א נ ט ן, די עולים. ווער האָט עס געצווייפלט לכתחילה, בעת די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן, אַז זי וועט קענען מיט לייַכטקייט אַרייננעמען און אייַנאָרדענען אין דעם ישוב הונדערטער טויזנטער ייִדישע וואַנגלער? אין די לאַגערן, אין דער ברייטער ייִדישער וועלט איז אָט דער פּונקט געווען דער חלום און די זיכערקייט פון אומצייליקע ייִדישע מאַסן. אין אָקטאָבער 1948 האָט די פרייַלאַנד־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק אויך אונטערגעשטראָכן אָט די גרויסע מעגלעכקייט פון באַזעצן אַ טייל פון אונדזער פאָלק אין אַן אייגן לאַנד. „די קאָנפערענץ — האָט זיך געזאָגט אין דער רעזאָלוציע — שאַצט אָפּ מיט גרויס באַפרידיקונג די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער גרינדונג פון דער מדינת ישׂראל... וואָס דערמיט איז אויך געגעבן געוואָרן אַ טייל פון אונדזער פאָלק די מעגלעכקייט צו פירן אַן אומאָפּהענגיק־נאַציאָנאַל לעבן".

אָבער אין לויף פון איין יאָר צייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אויך אָט די פונדאַמענטאַלע פראַגע פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל קען נישט געלייזט ווערן שנעל און אָן גוואַלטיקע שוועריקייטן. צום קלאָרסטן האָט אַנטפּלעקט

דעם צושטאַנד אַזאַ מענטש ווי אליהו דאָבקין, דער הויפּט פון קאָלאָניזאַציע־דע־פּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענטור („מאָרגן־זשורנאַל" פון 18־טן יולי). ער האָט דערקלערט אַז „דער מאָנאַטלעכער שטראָם פון 20.000 אימיגראַנטן קיין ישראל קאָן ווייטער נישט אָנגעהאַלטן ווערן צוליב די איינאָרדנונגס־שוועריקייטן אין לאַנד, און אויך צוליב דעם וואָס די מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער האָבן גע־שלאָסן זייערע גרענעצן פאַר יידישער עמיגראַציע". ווי זענען די אויסזיכטן אויף להבא? „כדי בייצוקומען די שוועריקייטן אין ישראל — זאָגט ער ווייטער — זענען נייטיק פאַנטאַסטישע סומען געלט און אַ פאַרגרעסערטער שטראָם פון חלוצים פון מערב־אייראָפּע. ישראל וועט נישט קענען עקזיסטירן אָן אַ גרויסער עמיגראַציע פון מערב־אייראָפּע, אַמעריקע און דרום־אַפריקע".

לאָמיר זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו אָט די וואָרנענדיקע רייד. פריער האָט מען שטורמיש פאַרלאַנגט די תיכּפדיקע גרינדונג פון אַ מלוכה כּדי צו דערמעג־לעכן אַ פרייע עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. היינט אָבער פאָדערט מען אַ פאַר־שטאַרקטע אימיגראַציע כּדי אויסצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן די יידישע מדינה. און פון וואַנען דערוואַרט מען חלוצים? פון מערב־אייראָפּעיִשע לענדער און פון די אַמעריקעס ווו עס מוז ערשט געשאַפן ווערן אַ באָדן פאַר חלוציזם! דערווייל־ע אָבער מאַטערט זיך די ישראל־רעגירונג מיט די צענדליקער טויזנטער אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די בתי עולים און פאָדערן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַרבעט. און דער זעלביקער דאָבקין וואָרנט אַז „ביי ענדע פון דעם יאָר וועלן אין ישראל זיין 70 טויזנט אימיגראַנטן אָן שטענדיקע היימען".

איבער ישראל הענגט אַלזאָ נישט נאָר דאָס פּראָבלעם פון אַריינברענגען יידן אין דעם לאַנד: אַ סך וויכטיקער און שווערער איז די פראַגע ווי זיי איינצו־אָרדנען. וואָרום די פּלאַנלאָזיקייט פון דער ליידנשאַפטלעך־געפירטער אימיגראַציע האָט דערפירט דערצו וואָס אין דעם ראַם פון איין מלוכה לעבן שוין כּמעט צוויי פעלקער: דער אַלטער ישוב און די עולים. בנוגע דעם איז פאַראַן אַן איינשטימי־קייט צווישן אַלע קרייזן פון ישראל. „אין מדינת ישראל — שרייבט דער „הארץ" פון 1־טן יולי 1949 — לעבן צוויי לאַגערן אין איין פאָלק: די זאַטע און די הונ־געריקע. זיי קומען כּמעט נישט אין באַרירונג מיטאַנאַנד. אַזאַ צושטאַנד מוז פירן צו געפערלעכע רעזולטאַטן". עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז אין דעם זעלביקן טאָג האָט פּונקט אַזוי געשריבן דער „חרות", דער אָרגאַן פון די געוועזענע אירגוניסטן. „די שנאה קעגן דעם גאַנצן איינגעאָרדנטן ישוב שלאָגט טיפע וואָרצלען צווישן די נייע עולים. זיי ווילן נישט און קענען נישט פאַרשטיין דאָס שטרעבן פון די אַרבעטער צו פאַרגרעסערן זייער לוין, בעת זיי אַליין גייען אַרום אָן אַרבעט בכלל. מען טאָר נישט שאַפן אַ צושטאַנד אין וועלכן אַ דריטל פון ישוב ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַזונדער פאָלק, וואָס געפינט זיך אויפן ראַנד פון אונדזער מדינה". עס איז באַצייכנענדיק אַז אויך אין „על המשמר" (אָרגאַן פון דער לינקער מפ"ם־פּאַרטיי) פון דעם זעלביקן טאָג, 1־טן יולי 1949, שרייבט פרוי אַפּענשלאַק דאָס זעלביקע: „דער צושטאַנד איז אַ סך ערגער ווי מען שטעלט זיך ביי אונדז פאָר.

מען מוז צעשטערן די וואַנט וואָס שטייט צווישן די לאַגערן און די איבעריקע טײלן פון ישוב. ארץ־ישראל מוז אַרײַנדרינגען אין די עולים־מחנות וואָס זענען אַרומ־גערינגלט מיט שטעכיקן דראָט. איך בין געקומען פון אַ געטאָ, און מיר שײַנט אַז מיר — די וואָס לעבן דאָ דרויסן פון די שטעכיקע דראָטן — זענען ענלעך צו יענע, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט דרויסן פון די געטאָ־ווענט. אָבער פון זיי האָבן מיר פאַרלאַנגט אַז זיי זאָלן אַרײַננעמען יידן אין זייערע היימען, הגם זיי זענען געווען גויים און זיי האָט געדראָט דערפאַר טויט־שטראָף. אָבער פון זיך אַליין פאַרלאַנגען מיר גאָרנישט. פאַרוואָס קען נישט יעדע פאַמיליע אין ישראל אַרײַנ־נעמען צו זיך אין הויז אַן עולה אויף אַ קורצער צייט?"

## ב

די פראַגע וועגן אײַנאָרדנען הונדערטער טויזנטער עולים באַשטייט אָבער נישט נאָר אין שאַפן פאַר זיי אַ „דאַך איבערן קאָפּ". מענטשן וואָס לויפן פון אומגליק און זוכן אַ מקום מנוחה, קענען זיך נישט באַנוגענען מיט אַ דאַך אַליין: זיי מוזן האָבן אַ שטענדיקע אַרבעט, אַ קלאָרע סאָציאַלע און עקאָנאָ־מישע פּאָזיציע אין לעבן פון לאַנד. אָט אין דעם באַשטייט דאָס גרויסע עקאָ־נאָמישע פּראָבלעם פון דער אימיגראַציע, און דאָס קען נישט געלייזט ווערן מיט די פאַרשידענע הײַזערבוי־פּראָיעקטן. עס מוז זיך אָנהייבן אַ געוואַלטיקער פּראָ־צעס פון אינדוסטריאַליזאַציע פון דעם לאַנד, פון שאַפן אַ גרויסן עקספּאָרט־האַנדל, פון אַוועקשטעלן אַ צענטראַלן און צענטראַליזירטן עקאָנאָמישן פּלאַן. וואָס שנעלער עס קומען אַרײַן די עולים, אַלץ שנעלער און דינאַמישער מוז דורכגעפירט ווערן די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע.

מיט וועלכע פינאַנציעלע מיטלען, מיט וועלכע „פאַנטאַסטישע סומען"? זאָלן זיי קומען נאָר פון פּריוואַטיקע קאַמפּײַנס אין אַמעריקע און אַנדערשוואו? גלויבט מען באמת אַז אויף אַזאַ אופן קען געבויט ווערן אַ מלוכה? — מוז מען אַלזאָ באַקומען די גרויסע הלוואות און די פּריוואַטע אינוועסטיציעס אין דער אינדוסטריע. מען וועט זיי מסתמא צום טייל באַקומען, אָבער וואָס פאַר אַן איינפלוס וועלן זיי האָבן אויף דעם סאָציאַלן און גייסטיקן געבוי פון ישראל? צוליב די מאַסן עולים וועט מען שאַפן נײַע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, אָבער — ווי וועלן זיי צונויפשמעלצן זיך מיט די סאָציאַלע בנינים און פּרינציפּן וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן פריער, אין א ר ץ י ש ר א ל ? וועט נישט ענדערן זיך דאָס גייסטיק־סאָציאַלע בילד וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך צוויי דורות פון פּיאָנער־אַרבעט? לאָמיר פרעגן אָפן: ווערט נישט איצט די ק ב ו ־ צ ה באַדראָט פון דעם נייעם מלוכהשן און צענטראַליזירטן ווירטשאַפטלעכן סיסטעם? די נייע קאָלאָניעס וויל מען בויען אַזוי אַז זיי זאָלן דינען גלייכצייַ־טיק אַלס „פעסטונגען" פאַר דער מדינה, — אָבער אַ מיליטערישע פעסטונג בויט זיך לויט אַנדערע כללים ווי די אַמאָליקע פרייע און פּרייוויליקע קבוצה.

ווי זאָל מען אַרויס פון די אַלע שוועריקייטן? מיר גלויבן, אַז ישׂראל מוז זיך אַנטשיידן פאַר אָרדנונג קעגן כאַאָס, פאַר אַ פּלאַנמעסיק־דורכגעטראַכטער אימיגראַציע קעגן דעם קינסטלעכן ר ע ש פון „קיבוץ גליות". די דרינגנדיקסטע אויפגאַבע איז היינטצוטאָג נישט אָנצוזאַמלען גרויסע צאָלן עולים, נאָר צו פאַרגרעסערן דורך סיסטעמאַטישער אַרבעט די צאָל פון יענע וואָס ווערן איינגע־גלידערט אין דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן אָרגאַניזם פון ישוב. אפשר צוליב סטראַטעגיש־פּאָליטישע טעמים מוז מען זיך יאָגן נאָך דער כמות פון דער אימי־גראַציע; אָבער צוליב דער סטאַביליטעט און דער צוקונפט פון פאָלק מוז מען זוכן די איכות פון די קאָלאָניסטן. מיט אַנדערע ווערטער: די אויפגאַבע איז נישט די אילוזיע פון אַ בליצאַרטיקן קיבוץ־גליות, נאָר די קאָנצענטראַציע פון ייִדישן שׂכל, מאָראַלישן כאַראַקטער, איניציאַטיוו אויף די אָרגאַנישע פאָדערונגען פון א ו י פ ב ו י, פון אויפבוי מיט וואָס וויינ־יקער מענטשלעכע ליידן. אַ מלוכה ווערט נישט געשאַפן בחפזון, אפילו אַז מען שטייט אונטער דעם בלענדענדיקן פּראָזשעקטאָר פון דער אַזוי גערופענער וועלט. ווער־וועד, נאָר מיר זאָלן נישט פאַרגעסן די ווערטער: אים יולד גוי פעם אחת?

## ג

די לאַגע אין ישׂראל צווינגט דערפאַר יעדן ייִדן וואָס פאַרמאָגט אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער אחריות, צו פאַרשטיין אַז ישׂראל קען איצט נישט זיין ד י איינציקע ליזונג פון דעם ייִדישן פּראָבלעם: היימלאָזיקייט. קיינער האָט נישט דאָס מאָראַלישע רעכט צו פאַרלאַנגען אַז אַ ל ע ייִדישע כוחות זאָלן אָפּגעגעבן ווערן צום אויפבוי פון ישׂראל, — און דערמיט זאָל מען פאַרנאַכלעסיקן אָדער אפילו צעשטערן אַנדערע מעגלעכקייטן פון ייִדישן אויפבוי און קאָלאָניזאַציע. דערמיט ווערט נאָך אַמאָל באַגרינדעט די היסטאָרישע נויט־ווענדיקייט פון דער פ ר ײַ ל א נ ד־ל י ג ע: עס מוז וואָס גיכער געשאַפן ווערן די מעגלעכקייט פון אַ ייִדישער היים אָדער היימען אין אַנדערע טעריטאָריעס. די שטורעמדיקע עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן, דערלויבט נישט אָפּצורוקן די אויפגאַבע אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

דעם 20טן יולי פון דעם יאָר שרײַבט פון ווין אַן ערנסטער מענטש שאַרף־קלינגענדיקע ווערטער: „דער עיקר: זעט טוט עפּעס. ד י י אָ ר ן ג י י ע ן און ד ע ר ח ו ר ב ן ק ו מ ט! ר ײ ס ט ז י י ד אָ ר ט ן — א י ן אַ מ ע־ר י ק ע — א ו י ף ד י א ו י ג ן"! די טוער פון דער פרייל‌אַנד־ליגע פאַרשטייען דעם באַטייט פון אַזעלכע ווערטער. אין די יאָרן 1937־39, ערב דער וועלט־מלחמה, האָבן אַזעלכע מענטשן ווי יוסף טשערניכאָוו (ווילנע) און זלמן מייזנער (וואַרשע) געוואָרנט און געמאָנט ביי אונדז דאָס זעלביקע וואָס היינט דער יונגער מאַן פון ווין. ווער ווייסט צי עס הערשט נישט היינטצוטאָג אין אייראָפּע די זעלביקע אַטמאָספער פון מורא און שפּאַנונג צווישן ייִדן ווי דעמאָלט, פאַר דעם

בלוטיקן מבול. טאָרן מיר נישט ענטפֿערן דערויף מיט אויסגעחשבנטע פּאָליטישע טעאָריעס אָדער מיט פֿאַררופֿן זיך אויף דעם צוקונפֿטיקן בוי פֿון ישראל. הונדערטער טויזנטער ייִדן אין אייראָפּע פֿאַרלאַנגען מען זאָל ת י כ ף טראַכטן וועגן זייער גורל, מען זאָל ב אַ ל ד צונעמען זיי פֿון דאָרטן. אַפֿילו ווען דאָס זיינען נישט קיין הונדערטער טויזנטער, נאָר איינצאָכע טויזנטער, זיינען זיי די זעלביקע קינדער און פֿאָטערס פֿון אונדזער פֿאָלק.

וואָלט היינטצוטאָג נישט עקזיסטירט קיין פֿריילאַנד־ליגע, וואָלט זי ג ע ש אַ פֿ ן געוואָרן דורך דעם געזונטן אינסטינקט פֿון אַ פֿאָלק וואָס איז אָקאָרשט אַנטרונען פֿון פֿולשטענדיקער פֿאַרניכטונג. אָבער די פֿריילאַנד־ליגע איז פֿאַראַן, זי האָט אָנגעזאַמלט אַ סך דערפֿאַרונג אין איר קאַמף, און זי וועט אָנגיין מיט דעם קאַמף אויך ווייטער: פֿאַר סורינאַם און פֿאַר אַנדערע פּלעצער, ווען נויטיק.

ביים סוף פֿון דעם זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין 1903, האָט דר. הערצל גערעדט צו זיינע דריי נאָענטסטע פֿריינט (זאַנגוויל, נאָרדוי און קאָוען) אין אַ פּריוואַטן טראַגישן שמועס. דאָס איז געווען יענער קאָנגרעס צו וועלכן ער האָט געבראַכט דעם פּראָיעקט פֿון אוגאַנדאַ און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם גוואַלטיקן ווידערשטאַנד פֿון די ציוני ציון. האָט ער דעמאָלט געזאָגט צו זיינע פֿריינט אַזוי:

„איך וויל אייך איצט זאָגן אין וואָס עס וועט באַשטיין מיין רעדע ביים נאָענטסטן זיבעטן קאָנגרעס, — אויב איך וועל דעמאָלט לעבן. צו יענער צייט וועל איך אָדער האָבן פּאַלעסטינע, אָדער איך וועל האָבן אַנערקענט די פֿולע אויסזיכטלאָזיקייט פֿון די באַמיונגען. אָט אין דעם צווייטן פֿאַל וועט מיין רעדע זיין אַזאַ: עס איז געווען אוממעגלעך. דאָס ענדגילטיקע ציל איז נישט דערגרייכט געוואָרן, און קען נישט דערגרייכט ווערן אין דער נאָענטער צוקונפֿט. אָבער — מיר האָבן אַ קאָמפּראָמיס־דערגרייכונג, דאָס לאַנד (אוגאַנדאַ) אין וועלכן אונדזערע ליידנדיקע מאַסן קענען ווערן קאָלאָניזירט אויף אַ נאַציאָנאַלן יסוד מיט אויטאָנאָמע רעכט. א י ך ג ל ו י ב נ י ש ט אַ ז צ ו ל י ב אַ ש י י נ ע ם ח ל ו ם אָ ד ע ר אַ ט ר אַ ד י צ י אָ נ ע ל ע ר פֿ אָ ן מ ע ג ן מ י ר אָ פּ ה אַ ל ט ן ה י ל ף פֿ ו ן ד י נ ו י ט ב אַ ד ע ר פֿ ט י ק ע... ארץ ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד, וווּ אונדזער פֿאָלק קען קומען צו דער מנוחה. אָבער הונדערטער טויזנטער וואַרטן אויף אוממיטלבאַרער הילף" 1).

הערצל האָט נישט דערלעבט צום זיבעטן קאָנגרעס, אָבער דער תמצית פֿון זיינע דעמאָלסדיקע רייד גילט אויך היינטצוטאָג. ארץ ישראל איז שוין געוואָרן מדינת ישראל, און ווידעראַמאָל „וואַרטן הונדערטער טויזנטער אויף א ו מ־

1) פֿון ענגלישן בוך „טעאָדאָר הערצל", געשריבן פֿון י. בין, זייט 465, 1940.

מיטלבארער הילף". מען טאָר נישט אָפּהאַלטן פון זיי די הילף אויף היינט צוליב אַ חלום אָדער אַ מלוכהשער פּאַן פון ישראל.

אַזוי לאַנג ווי אונדזערע ברידער אין דער וועלט שטרעבן צו פאַרניכטן זייער היימלאָזיקייט דורך דעם אויפבוי פון אַ „פרידלעכער פּראָדוקטיווער ייִדישער היים", מוז די פריילאַנד־ליגע, די גאַנצע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט, שטעלן זיך אין זייער דינסט. וועגן דעם נאַציאָנאַלן און מאָראַלישן צוואַנג דערצו דערמאָנען אונדז ביידע: אי דאָס פאָלק ישראל אי מדינת ישראל.

(„אויפן שוועל", אָקטאָבער 1949).

# איינזאַם בין איך אין ישראל

## א

פון צייט צו צייט פרעגן אונדז אומפריינד און אָפט מאָל פריינד פאַרוואָס דרוקן זיך אין „אויפן שוועל" אַרטיקלען, וואָס באַלייכטן די לאַגע אין ישראל פון דער נעגאַטיווער. און נישט פון דער פּאָזיטיווער זייט. צי זענען נישטאָ אין לעבן פון דער מדינת ישראל אַזוי פיל ליכטיקע דערשיינונגען, אַזוי פיל ווונדערבאַרע דערגרייכונגען, וואָס זענען ווערט מען זאָל זיך מיט זיי באַגייסטערן און באַגייס־טערן די לייענער? צי מעג מען פאַרשפּרייטן צווישן דעם עולם אומנייטיקע זאָרג און זעלישן אומרו בעת די פאַרשמאַכטע ייִדישע נשמה בענקט נאָך טרייסט און דערמוטיקונג נאָך יענע שרעקלעכע יאָרן?

אַוודאי זענען אין ישראל פאַראַן ליכטיקע דערשיינונגען און ווונדערבאַרע דערגרייכונגען; און אַוודאי פאָלגט זיי נאָך אונדזער געדאַנק און געמיט מיט טיפער אינערלעכער באַפרידיקונג. אָבער דאָס איז לחלוטין נישט גענוג אין דער קריטישער צייט אין וועלכער אונדזער פאָלק לעבט היינט צו טאָג. דער אויפקום פון מדינת ישראל, פּונקט אַזוי ווי דער פריִערדיקער אויפבוי פון ארץ־ישראל, איז אַזאַ גרויס געשעעניש אין דער ייִדישער געשיכטע, אַז ביַי זיַין אָפּשאַצונג קען מען נישט אויסקומען מיט ביליקער אינפאָרמאַציע אָדער בלינדער באַגיַיסטערונג. עס האַנדלט זיך נישט וועגן איינצל־פאַקטן און איינצל־אויפטוען אין לאַנד ישראל, נאָר וועגן יענעם ניַיעם היסטאָרישן פאַקט וואָס שפּרייט אויס זיַין ליכט און שאָטן איבער דעם גאַנצן וויַיטערדיקן גאַנג פון אונדזער נאַציאָנאַלן און אינטער־נאַציאָנאַלן לעבן. מוז מען דערפאַר באַטראַכטן אָט דעם קאָמפּלעקס אידעען, וואָס הייסט „ישראל" נישט מיט ליַיכטן פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם, וואָס איז אין לעצטן סוף נאָר שעדלעך פאַר אונדזער פאָלק, נאָר מיט דער ערנסטקייט און זאָרג פון אַן אייגענעם מענטשן, ד"ה מיט קריטישע אויגן און אַ וואַכן באַוווסטזיַין.

אזא קריטישן אנאליז פרווט דער „אויפן שוועל" צו געבן פון נומער צו נומער, און מיר לייגן ארײַן אין דער דאזיקער ארבעט די גאנצע דערפארונג וואס יעדער פון אונדז האט אנגעזאמלט אין משך פון זײַן לעבן און וויסן. מיר אלע האבן געלעבט צווישן פארשיידענע פעלקער, מיר האבן זיך אדער געלערנט פון זיי אדער זיך אפגעשטויסן פון זיי. מיר אלע האבן שטודירט זייערע זיטן און מאראלישע נארמען, זייערע מלוכהשע און סאציאלע פארמען, זייערע גײַסטיקע און רעליגיעזע פירונגען, — און מיר האבן עס גוט ארײַנגענומען אין אונדזער געדעכעניש. מיר אלע האבן איבערגעלעבט, ווי א נאציאנאלע, ווי א מענטשהייטלעכע, ווי א פערזענלעכע טראגעדיע, דאס אומגליק, וואס האט געבראכן אונדזער פאלק. וואס איז דער וווּנדער וואס יעדער פון אונדז — און די „פרײַלאנד־ליגע" בתוכם — פילט זיך פארפליכטעט צוצוטראגן איצט צו דעם אייגענעם פאלק אט דעם גאנצן כּכוּם פון דערפארונג, וואס מען האט אויפגעשפייכערט אין די וואנדערונגען איבער דער וועלט?

קוקן מיר זיך צו נישט נאר צו די געשעענישן פון הײַנט, נאר מיר ווילן פארשטיין, ווּהין ס'גייט די שיף פון יידישן שטאט, וואס זענען די טענדענצן, וואס אנטוויקלען זיך אין דעם נײַעם ישראל־לעבן. נישט מיט א בייזן געפיל, נאר מיט זארג און מיט צער קוקן מיר זיך צו צו דערשײַנונגען וואס זענען געווען געפערלעך בײַ אנדערע פעלקער און וואס באדראען אויך דעם קיום פון יידישן פאלק. „למען ציון לא אחשה" — האט אמאל גערופן דער נביא: איך קען נישט שווײַגן ווען עס האנדלט זיך וועגן ציון. מיר וואלטן געווען שולדיק און זינדיק ווען, צוליב דער בענגאליש־באלויכטענער פאנאראמע, וואלטן מיר נישט געזאגט דאס, וואס מיר זעען און טראכטן בנוגע דעם אייגענעם פאלק.

## ב

דער שרײַבער אורי קיסרי דערציילט אין „הארץ" פון 9־טן סעפטעמבער וואס עס האט פאסירט מיט דער יידישער דינסט אין דעם האטעל פון דער גאס מקוה ישראל. איר נאמען איז געווען רות, און איר געשיכטע האט דער שרײַבער אנגערופן די „מגילת רות פון 1949". די 18־יאריקע מיידל איז באשולדיקט געווארן פון דעם געזעץ אין ישראל אין א פרווו צו טייטן איר פיצל קינד דורך ארײַנווארפן עס אין א מיסטהויפן. בעת זי האט זיך פארטיידיקט פארן געריכט, האט רות אויסגעשריִען: „אני גלמודה בישראל" (איך בין איינזאם אין ישראל).

„געוויס — זאגט דערצו א. קיסרי — איז זי געווען איינזאם. די רות איז נישט ארויס אין קיין שום גרינעם פעלד, געשטיצט אויף דעם ארעם פון נעמי. קיין שום בועז איז נישט געשיקט געווארן צו איר פון א פארטיי. די בורזשואזיע אין מדינת ישראל איז ווײַטער געשלאפן איר רויִקן שלאף, אין דער צײַט ווען רות האט געבוירן א קינד אונטער די טרעפ און איז געווארן א מוטער, אן הילף פון א דאקטאר, אן אקושערין, א שוועסטער און אן דעם מאן פון דער קליינער".

נישט געגנוג דערמיט. דערציילט דער זעלביקער שרײַבער וועגן צוויי קליינע ידיעות וואָס האָבן זיך באַוויזן אין איין נומער צײַטונג. מען מוז זיי דאָ איבער־געבן אין זייער פולן נוסח. „דאָנערשטיק פאַרטאָג איז דער קראַנקער שמואל פּפּי, 59 יאָר אַלט, פון דעם עולים־לאַגער פּרדס חנה, אַרויסגעשפּרונגען פון דעם דריטן עטאַזש פון דעם מלוכה־שפּיטאָל אין חיפה. ער איז שטאַרק פאַרוווּנדעט געוואָרן און איז פּרײַטיק געשטאָרבן". די צווייטע ידיעה: „זשעניע בענארוי פון לוד, 45 יאָר אַלט, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך נעמען גיפט. מען האָט זי אַרײַ־בערגעפירט אין שפּיטאָל ווו זי איז געשטאָרבן".

„דיביידע ידיעות דערגאַנצן זיך קעגנזײַטיק. סײַ שמואל פּפּי סײַ זשעניע בענארוי זענען געקומען אין לאַנד צום לעבן. זיי זענען אָבער ביידע אַוועק פון לעבן, ווײַל דער טויט איז געוואָרן דער לעצטער רינג אין יענעם לאַנגזאַמען טויט־לעבן פּראָצעס וואָס שפּרייט זיך אויס בײַ אונדז צווישן מענטשן, וואָס צוליב זייער עליה האָבן מיר געקעמפט קעגן דעם בריטישן מאַנדאַט. און אויב פאַר שמואלס טויט קען מען נאָך געפינען אַ „באַרעכטיקונג" ווײַל ער האָט געהאַט היץ, איז פאַר זשעניען נישט געווען קיין שום באַרעכטיקונג. ז י א י ז פּ ש ו ט ג ע ו ו ע ן א י י נ ז א ם. איינזאַם זענען די אַלע עולים אין אונדזערע לאַגערן וואָס אונדזערע מיניסטאָרן דערמאָנען עם ווי אַ גרויסע דערגרייכונג פון דער מדינה. איינזאַם זענען זיי, ווײַל אונדזער פאָלק דאָ טראָגט זיי נישט אַנטקעגן קיין וואַרעמקייט. דער אַרבעטער, וואָס זיי זענען אַזוי נאָענט צו אים אין אַלע הינזיכטן, שטרעקט צו זיי אויס אפשר אַ פינגער. אָבער זיי נייטיקן זיך נישט אין אַ פינגער אָדער אַ האַנט. זיי זוכן אַ וואַרעמען בליק און אַ האַרציק וואָרט".

ווי זאָל מען נישט ווערן דערשיטערט פון דעם דאָזיקן בילד? איינזאַם צו זײַן אין אייגענעם פאָלק, בעת מיר האָבן געגלייבט, אַז יעדער, וואָס האָט נאָך אַזוי פיל מי דערגרייכט ארץ־ישראל וועט קענען זאָגן: בתוך עמי אנכי יושב: איצט ענדלעך לעב איך צווישן מײַנע אייגענע! אַלע מעגלעכע שוועריקייטן האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אָבער נאָר נישט איינזאַמקייט צווישן ברידער, נאָר נישט קאַלטקייט לגבי די נײַ־געקומענע.

## ג

דער מאָראַלישער ווערט פון אַ מלוכה אָדער געזעלשאַפט ווערט געשאַצט נישט נאָר לויט אירע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דערגרייכונגען, נישט לויט אירע מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע „דעראָבערונגען". פאַר אונדזערע אויגן זענען דורכ־געגאַנגען שוין נישט איין מלוכה און אימפּעריע, וואָס האָבן דערגרייכט שפּיצן פון דערפאָלג און ניצחון, און זיי זענען נישט געווען ווערט אַפילו די ערד אויף וועלכער זיי זענען געשטאַנען. דער תוך און די צוקונפט פון מדינות ווערט נישט געשאַצט אַפילו לויט זייערע גרויסע קולטור־טאַטן און אויפטועןן אין וויסנשאַפט און קונסט. די ייִדישע נביאים האָבן פאַרלאַנגט פון די גרויסע מלוכות, ראשית כל,

עכטע מענטשלעכע באַציִונגען צ ו ו י ש ן מ ע נ ט ש א ו ן מ ע נ ט ש. טאַקע אין ארץ־ישראל, אויף ד ע ר אדמת קודש, האָבן די נביאים פאַרדאַמט אַלע יענע מעכטיקע שטאַטן און רעגירונגען, וואָס האָבן געבויט זייער גבורה אויף דערנידע־רונג און צעשטערונג פון מענטשלעכן כבוד און חסד.

אָט מיט דעם יידישן, אין דורות אויסגעפּרובירטן מאָראַלישן מאסשטאַב האָבן מיר געמאָסטן אַלע מלוכהשע, און סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון דער גויאישער וועלט. מיט אים האָבן מיר קריטיש באַטראַכט די שטורמישע געשעענישן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אין ד ע ם ליכט פון דעם מאסשטאַב האָט אונדז געפאַנגען גענומען די ארץ־ישראלדיקע קבוצה, ווייל זי האָט, ראשית כל, איבערגעבויט און פאַראיידלט די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש. פרעגן מיר איצט: ווי אַזוי בילדן זיך די מענטשן־באַציִונגען צווישן ייד און ייד, אין דעם נייעם, פריש־יונגן יידישן שטאַט? וואָס פאַר מאָראַלישע קערנדלעך ווערן פאַרזייט אין דעם מלכות ישראל אין זיין ערשטער אַנטשיידנדיקער תקופה?

דערפאַר טאַקע שטייט מען פאַרוווּנדערט פאַר דעם אָנבליק פון דער דראַמע פון דער יונגער רות און די אַנדערע. פון וואַנען האָט זיך גענומען זייער איינ־זאַמקייט און די קאַלטקייט צו זיי? עס מוזן זיין אַ סך סיבות דערפון, און איינע פון זיי איז די געשפּאַנטקייט פון די באַציִונגען צו די אַ ר אַ ב ע ר. אמת, אַראַבער שטייען דרויסן פון יידישן פאָלק, אָבער נאַכלעסיקייט, ענגהאַרציקייט אָדער פיינט־שאַפט לגבי זיי מוז זיך אויסווירקן אין דעם יידישן פאָלק גופא. פון דעם גרויסן מאַטעריאַל וועגן אָט דעם שמערצלעכן ענין לאָמיר אַרויסנעמען איין פאַל, וואָס האָט אויפגערודערט די ישראל־פּרעסע.

אין אַ שבת־צו־נאַכט, אין אויגוסט, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל אין יפו. אַ גרופּע יידישע סאָלדאַטן האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ קאַפע אין וועלכן אַ יונגע יידישע מיידל איז געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון אַ יונגן אַראַבער, און זיי האָבן געפּרווּט אַרויסשלעפּן זי פון דאָרט מיט גוואַלט. נישט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה, נאָך האַלבער נאַכט, האָבן זיך אויפן פּלאַץ תיכף פאַרזאַמלט העכער דריי הונדערט יידן און אַראַבער. זיי האָבן זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, אַזוי אַז די פּאָליציי איז געווען געצוווּנגען צו שיסן אין דער לופט.

„אָט דער פאַל — האָט געשריבן דער „הארץ" דעם 9־טן אויגוסט — באַ־ווייזט, אַז אַ סך פון אונדזערע בירגער האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען דעם כאַראַק־טער און צוזאַמענשטעל פון מדינת ישראל. בעת דער מילחמה, ווען הונדערטער טויזנטער אַראַבער האָבן פאַרלאָזן זייערע הייזער און דערפער און די איבעריקע זענען געווען פאַרשפּאַרט אין געשלאָסענע זאָנעס, האָט זיך אפשר געדוכט, אַז עס זענען מער נישטאָ קיין אַראַבער אין ישראל. אָבער דער אמת איז, אַז שוין איצט לעבן ביי אונדז 170.000 אַראַבער, וואָס זענען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון ישראל...

„און הגם אַזוי איז דאָס געזעץ, האָבן מיר אָבער פּאַקטיש געטאָן זייער ווייניק כדי צוצופּאַסן זיך זעליש צו אָט דער רעאַליטעט. דאָ וועלן נישט העלפן קיין פּאַ־

ליטישע דערקלערונגען; אַלץ הענגט אָפּ פון דער האַלטונג פון דורכשניטלעכן ייִדישן בירגער אין זײַנע טאָג־טעגלעכע באַציִונגען מיט דעם אַראַבער. אַזוי לאַנג ווי דער ייִד מיינט, אַז עס איז נישט שיין צו לאָזן זיך זען אין דער געזעלשאַפט פון אַן אַראַבער אָדער צו באַשעפטיקן אַראַבער בײַ אַרבעט, — וועט דער אַראַבער פאַרבלײַבן פרעמד אין אונדזער מדינה. אָט דער פאַל אין יפו דערמאָנט אונדז דעם זעלישן קלימאַט פון אַמעריקאַנער קו־קלוקס־קלען און לינטש־יוסטיץ..."

דער באַקאַנטער ישׂראלדיקער דיכטער־פּובליציסט נתן אַלטערמאַן האָט פאַר־דאַמט די געשעענישן פון יפו מיט אַ סאַרקאַסטישן ליד וועגן „ריינקייט פון מדות" („דבר" פון 12־טן אויגוסט).

„ווי שיין אַז אַזעלכע ריינע געפילן
וואַכן דאָ אויף מיט אַזאַ כוח...
אַזוי צי אַזוי, — דערלויבט אונדז צו טראַכטן
אַז דאָס איז דער אָנהייב פון גרעסערע טאַטן.

איר קענט נישט דעם כוח פון מוסר,
דאָס איז אַ שווערערע פעסט ווי קדחת.

מען זאָגט: ס'איז גוט וואָס זיי קאָכן זיך,
דאָס איז געזונטער אינסטינקט און געפיל,
דאָס איז געפיל אין דעם מאַן וואָס האָט
געקעמפט און געזיגט און דעראָבערט אַ היימלאַנד...

יאָ, נישט צום ערשטן מאָל שוין
זענען מיר נשתומם צו זען
ווי מען ברענגט אַרײַן אין דער קליינער נבלה
גרויסע און איידעלע ווערטער...

## ד

נישט אַלע ייִדן אין ישׂראל — און דאָס זאָל זײַן אונדזער שטאָלץ — באַציִען זיך אַזוי צו זייערע שכנים. דוד פּינסקי האָט אָקאָרשט דערציילט („טאָג" 1־טן אָקטאָבער) ווי עס זענען „פ א ר א ן צ ו ו י ש ן ד י ע ו ל י ם נ א ָ ך אַ ס ך ו ו א ָ ס ז ע נ ע ן ק ר א ַ נ ק א ָ ף ד ע ם ר ח מ נ ו ת ־ ג ע פ י ל". די ייִדישע עולים האָבן זיך טאַקע באַזעצט אין די פאַרלאָזענע דערפער, אָבער „דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַן אומרויִקן, האַרץ־נאַגנדיקן געוויסן. עס לעבט זיך זיי אין אַזאַ דאָרף יאָזור נישט שלעכט, אָבער דאָס לעבן גיי זיי נישט אײַן. די איינפאַכע מענטשן פון פאָלק, אַלע מיט ייִדישע הערצער, קענען נישט פאַרגעסן, אַז די אַראַ־בישע באַלעבאַטים פון די דירות און די גאָרטנס זענען איצטער פּליטים. און זיי ווייסן גוט דעם טעם פון זײַן פּליטים, נישט האָבן ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן".

אָבער פּינסקי רופֿט אָן די טײַערע ייִדן מיט דעם איראָנישן נאָמען „רחמנים בני רחמנים", און ער לאָזט אונדז הערן, אַז דאָס זענען בלויז אויסנאָמען. „אַ סך עולים — זאָגט ער מיט געגנוגטואונג — צעזען זיך אַרײַן אין די אַראַבישע הײַזער ווי זיגער, מיט דעם געלעכטער פֿון זיגער. נישט רחמנים בני רחמנים זענען זיי נאָר נקמה־נעמער, וועמען עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו געדענקען עמלקן און קיינמאָל אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן".

אָט דאָס איז יענע פּאַרסמטע לופֿט אין וועלכער עס לעבן ליידער אַ סך מענטשן פֿון ישראל. נתן אַלטערמאַן דער דיכטער האָט, ווייזט אויס, טיפֿער פֿאַרשטאַנען די געפֿאַר איידער דער אַנדערער ייִדישער שרײַבער פּינסקי. אויב אַזאַ גיפֿט פֿון מענטשלעכער בײַזקייט שפּרייט זיך אויס לגבי די „פֿרעמדע", וועט עס זיך נישט אָפּשטעלן בײַ דער גרענעץ פֿון דעם אייגענעם ישוב. עס וועט פֿירן צו יענער „איינזאַמקייט" און גלײַכגילטיקייט צווישן די ייִדן גופֿא, וועלכע רופֿט זיך אָן די נײַע מגילת רות.

* * *

אָבער עס איז פֿאַראַן נאָך אַ וויכטיקערע סיבה פֿאַר אָט דער דערשיינונג בײַ ייִדישע מענטשן. ענגהאַרציקייט קומט פֿון ענגשאַפֿט. אין ענגשאַפֿט קעמפֿט מען פֿאַרצווייפֿלט פֿאַר זיך אַליין. דער אָנשטורעם פֿון עולים קיין ישראל האָט צערודערט די נאָרמאַלע באַציונגען צווישן די אַלט־איינגעזעסענע און די צוגעקומענע, האָט איינגעבראָכן דעם מאָראַלישן סדר אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. אַ פּראָצעס פֿון קבוץ גליות טאָר נישט אָנגיין אין דער אַטמאָספֿער פֿון כאַאָס, פֿון ליידן און פּײַן בײַ די אימיגראַנטן, פֿון מורא און שולד־געפֿיל בײַ די תושבים. עס קען נישט געמאָלט זײַן קיין אויפֿבוי פֿון ישראל אויפֿן חורבן פֿון די סאַמע יסודות פֿון ייִדישן דורותדיקן לעבן.

נישט קיין קלענערער ווי משה סמילאַנסקי וואָס האָט אויסגעטראָגן און אויסגעוויטיקט דעם ישוב פֿון א"י, האָט דאָ נישט לאַנג דערקלערט: וואָלטן מיר אַרײַנגעבראַכט אין דעם ערשטן יאָר פֿון אונדזער מדינה־לעבן נאָר איין הונדערט טויזנט עולים, מיט אַן ערנסטן אויסוואַל פֿון קאַנדידאַטן, וואָלט איצט געווען שטאַרקער סײַ די לאַגע פֿון די עולים סײַ די לאַגע פֿון לאַנד". און פֿונדעסטוועגן גייט אָן אַ ליידנשאַפֿטלעכע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַ אומבאַשרענקטער אימיגראַציע קיין ישראל. די אימיגראַציע ווערט דערמיט אַ ריין־פּאָליטישע, אַן עמאָציאָנעלע, וואָס שטעלט אין געפֿאַר אַלע אידעען פֿון גאולת הארץ אָדער גאולת העם.

עס איז נשתומם צו ווערן וואָס אַפֿילו שרײַבער, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געזינדיקט מיט צופֿיל איבערגעגעבנקייט צום ציוניזם, האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן דעם כאָר פֿון די לײַכטזיניקע עליה־פּראָפּאַגאַנדיסטן. קומט דער בונדיסט

ד"ר עמאַנועל פּאַט (אין „וועקער" פון 15־טן אָקטאָבער) און רופט אויס: „מער הילף פאַר די עמיגראַנטן! מער קאַפּיטאַל אויף קאָלאָניזירן דעם באָדן! און נישט חס וחלילה אָפּשטעלן אָט די דאָזיקע אימיגראַציע". ע. פּאַטן גייט עס הויפּטזעכלעך וועגן ראַטעווען 20 טויזנט ייִדן פון פּוילן כדי זיי זאָלן קענען קומען צו אַ לעבעדיקן ייִדישן ישוב אין ישראל. אָבער ער טראַכט נישט וועגן די פאָלגן פון אַזעלכע „פּאָליטישע אַקציעס" פאַר דעם ישוב אין ישראל גופא, גלײַכצײַטיק באַרעכטיקט ער נישט יעטוועדע עמיגראַציע, למשל, פון די ייִדן פון טערקײַ, אַלזשיר, מאַראָקאָ. אַזאַ עמיגראַציע־פּאַניק דערקלערט ער פאַר שעדלעך און פאַרברעכעריש ווײַל זי „באַשווערט די אַזוי אויך ביטערע עולים־סיטואַציע אין ישראל". אויב עס איז שעדלעך פאַר אַנדערע ייִדן, פאַרוואָס איז עס גוט פאַר פּוילישע ייִדן? עס איז שווער זיך אָפּצוזאָגן פון דעם געדאַנק, אַז דאָ רעדט מער שנאת מאָסקווע ווי אהבת ישראל.

אוודאי מוז מען זוכן אַן אויסוועג פאַר אונדזערע ברידער אין אייראָפּע; אוודאי מוז אָט די אויפגאַבע ווערן איינע פון די צענטראַלסטע אין אונדזער לעבן. אָבער מען טאָר דערבײַ נישט פאַרלירן דעם קאָפּ און פאַרגעסן די וואָרנונג פון משה סמילאַנסקי. די אויפגאַבע איז צו זוכן און צו געפינען פאַר די וואַנדערער פון אייראָפּע נאָך אַ לאַנד אָדער לענדער פאַר קאָנצענטרירטער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. די אויפגאַבע איז נישט צו „פאַרשפּאַרן" פאַר ייִדן אַלע לענדער פון דער וועלט כדי אָנצופילן איבער אַלע ברעגעס ישראל. די אויפגאַבע איז אויפצורײַסן די פאַרשלאָסענע טויערן פון די פאַסיקע לענדער כדי צו שאַפן פאַר ייִדן נײַע שעפערישע מעגלעכקייטן, און גלײַכצײַטיק דערלײַכטערן די אומדערטרעגלעכע לאַסט פון ישראל. אַ נײַע תקופה פון דער יידישער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אויפקום פון מדינת ישראל; אָבער די תקופה איז פול מיט דראָענדיקע סכנות און בלוטיקע וואָרנונגען. טאָרן מיר נישט אין אַזאַ צײַט פאַרשמעלערן דעם בליק פון ייִדישע מענטשן און ארומצאַמען זיי מיט די גרענעצן פון ישראל. טאָרן מיר נישט באַפרײַען די פעלקער און די רעגירונגען פון זייער אַבסאָלוטער פליכט לגבי אונדזער פאָלק, וואָס פאָדערט נישט ווייניקער ווי אַן אָפענע וועלט פאַר אונדז. דאָס איז די פאָדערונג וואָס שרײַט צו אונדז אַרויס פון די שטומע טראַגעדיעס פון די ייִדישע איינזאַמע מענטשן.

(„אויפן שוועל", דעצעמבער 1949).

# ווילנע און ירושלים

פֿאַראַן אַ וווּנדערבאַרער שטריך אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, אַ שטריך וואָס טיילט עס אָפּ פֿון דער געשיכטע פֿון אַנדערע פֿעלקער. נישט געקוקט אויף זײַנע וואָגלענישן דורך לענדער און דורות, נישט געקוקט אויף די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען און לבושים פֿון זײַן לעבן, בלײַבט אונדזער פֿאָלק אין גײַסטיקן תּוך אײנהײטלעך. פּונקט אַזוי ווי דער פֿיזישער קערפּער האַלט זיך אויף דער אומאויפֿהערלעכער צירקולאַציע פֿון בלוט, פּונקט אַזוי הערט נישט אויף דער אייביקער קרײַזלויף פֿון גײַסטיקן בלוט אין דער ייִדישער געשיכטע. די קעגנוואַרט איז בײַ אונדז קיינמאָל נישט געווען שאַרף אָפּגעשיידט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט: מיר האָבן גלײַכצײַטיק געלעבט אין זיי ביידן.

די צוויי גרעסטע געשעענישן אין אונדזער עבר — יציאת מצרים און מתּן תּורה — ווערן אין דער ייִדישער אמונה און פֿאָלקס־נשמה נישט באַטראַכט ווי עפּעס זכרונות, וועלכע מען דערמאָנט בײַ אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. לגבי אָט די געשעענישן זענען געזאָגט געוואָרן די פֿײַערלעכע ווערטער: חייב אדם לראות את עצמו כּאילו... דער ייִד, אין אַלע דורות פֿון נעכטן און פֿון הײַנט און מאָרגן, מוז באַטראַכטן זיך ווי ווען ער פּערזענלעך וואָלט בײַגעווינט סײַ דעם מאַרש פֿון מצרים צו דער פֿרײַהייט און סײַ די פּראָקלאַמירונג פֿון דער תּורה אויפֿן באַרג סיני. עס האַנדלט זיך נישט וועגן היסטאָרישע דערינערונגען; עס האַנדלט זיך וועגן שטענדיקער פּערזענלעכער איבערלעבונג פֿון יענע גרויסע געשעענישן. ווען דאָס פֿאָלק לייענט די מגילה, אָדער זאָגט די הגדה, אָדער פֿאַרטיפֿט זיך אין די קינות, — זענען די מגילות, הגדות און קינות נישט קיין דאָקומענטן פֿון דעם עבר אַליין; זיי זענען צוגלײַך דערמאָנונגען וועגן דער הײַנטיקער ייִדישער געשיכטע און וועגווײַזער צו דער צוקונפֿט. מיר זײַנען אַ היסטאָריש פֿאָלק אין דעם זינען וואָס אונדזער היסטאָריע לעבט מיט אונדז שטענדיק.

שמעון דובנאָוו דער היסטאָריקער האָט באַוויזן, ווי דער גײַסטיקער ייִדישער צענטער האָט זיך, אין לויף פֿון די דורות, אַריבערגעטראָגן פֿון איין לאַנד צום אַנדערן, און ווי דאָס גײַסטיקע ליכט איז אַ דאַנק דעם קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט געזען אין דער דאָזיקער דערשײַנונג אַ געזעץ פֿון דער ייִדישער געשיכטע. אָבער דאָס געזעץ פֿון דער ייִדישער געשיכטע האָט אַנטפּלעקט נאָך אַ טיפֿערן אינהאַלט. נישט נאָר האָבן די גײַסטיקע צענטערס פֿון נצח ישׂראל געוואַנדערט און פֿאַרפֿעסטיקט זיך אין פֿאַרשיידענע לענדער, נאָר יעדעס מאָל האָט יעדער נײַער צענטער אַרײַנגענומען אין זיך דעם גאַנצן רײַכטום פֿון די פֿריִערדיקע.

גוואַלטיק־לאַנג איז געווען דער וועג פון דער יידישער אויסשפּרייטונג: ארץ־ישראל און בבל; אַלעקסאַנדריע און שפּאַניע; פראַנקרייך און איטאַליע; האָלאַנד און דייטשלאַנד; פּוילן און רוסלאַנד. און אין יעדן נייעם לעבנס־פּלאַץ, נישט געקוקט אויף רדיפות און גרושים, האָט דאָס יידנטום געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער ערד און אַרויסגעבראַכט אַ גרויסע שעפערישע קראַפט פאַר זיך און פאַר דער וועלט. אין בבל האָבן זיי געטראָגן אין זיך דעם גייסט פון ירושלים, און זיי האָבן גלייכצייטיק געשאַפן דאָס גראַנדיעזע ווערק פון תלמוד בבלי. אין שפּאַניע האָבן זיי זיך צוגעהערט צו די שטימען פון ירושלים און בבל, און זיי האָבן געבויט דעם אייגענעם יידישן שפּאַנישן היכל פון תורה, פילאָזאָפיע און דיכטונג. אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד האָבן די חכמים, די געזעצלערער, די מאַרטירער אַריינגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע עשירות פון די פריערדיקע דורות כדי איבערצוגעבן די ווייטערדיקע אַ באַרייכערטע און נאָך מער פאַרטיפטע יידישע קולטור. מיט דאַנקבאַרקייט האָבן עס אויפגענומען די יידן פון פּוילן און רוסלאַנד כדי אויף יענעם יסוד ווייטער צו בילדן דאָס הויז פון יידישער תורה און קולטור.

אָט אַזוי איז אויסגעוואַקסן ווילנע, וואָס דאָס פאָלק אַליין — אין ענוות און אין שטאָלץ — האָט אָנגערופן „ירושלים דליטע". אין דעם דאָזיקן צווייפאַכן נאָמען האָט ווילנע (און דערמיט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון מיזרח־אייראָפּע!) קלאָר אָנגעדייט, אַז עס גייט פאָרויס, אַז עס איז אַ גייסטיקער צענטער מיט אייגענעם שעפערישן כוח, אָבער, אַז עס טראָגט אין זיך אַלע איידלסטע זאַפטן און פּרוכטן פון דער יידישער געשיכטע ווי זיי האָבן זיך קריסטאַליזירט זינט... ירושלים.

דערפאַר איז „ווילנע" געוואָרן אַ סימבאָל פון אַלע שעפערישע שטראָמען פון יידישן גייסט. ווילנע איז געווען אַ ים פון רעליגיעזער לומדות און קענטשאַפט; ווילנע איז געווען אַ מעכטיקער פלאַץ פאַר השכלה און דער אמתער הכמת ישראל. ווילנע האָט געלייגט גרונט־שטיינער פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג. ווילנע האָט געהאָלפן בויען די יידיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אין ווילנע איז פאָרמירט געוואָרן דער יסוד פאַר דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין יידיש. אין ווילנע איז גייסטיקייט געווען דאָס טעגלעכע ברויט פון דעם יידן. אין ווילנע האָט מען געלעבט פאָלקסטימלעך־נאַציאָנאַל, און גלייכצייטיק מיט עכטער אינטערנאַציאָנאַלער באַציִונג צו דער מענטשהייט.

אַוודאי איז נישט אַלץ געגאַנגען כשורה אויך אין דעם מיזרח־אייראָפּעישן יידנטום. נישט אומזיסט האָבן אַזוי פיל יידישע שרייבער, וואָרטזאָגער, מדריכים געמוזט זאָגן מוסר דעם אייגענעם פאָלק. אָבער איבער דעם פאָלק האָט געשוועבט די איידעלע לופט פון מאָראַליש־רעליגיעזער און סאָציאַלער אחריות, און ווילנע האָט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן איר יחום פון ירושלים. דער נוסח פון לעבן האָט זיך געענדערט, אָבער דער מקור איז געבליבן דער זעלביקער, און אַז הירש לעקערט איז געפאַלן אַ קרבן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטערשאַפט, האָט דער דיכטער ליעסין געקענט מיט רעכט אים צוציילן צו די אמאָ־

ליקע הרוגי מלכות. און ווי נאָר די דאָזיקע צוויי ווערטער ווערן אַרויסגערעדט, צינדט זיך אָן אין זכרון יענער פײַער פון פרומער העלדישקייט וואָס האָט געפּלאַקערט דורך דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע: פון ארץ־ישׂראל איבער אַלע מיטלאַלטערלעכע געטאָס ביז צו רוסלאַנד און ווילנע פון אונדזער יאָרהונדערט.

⁂

מיט דעם אויפקום פון מדינת ישׂראל האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ שאַרפן ריס די נײַע תקופה אין אונדזער פאָלק. נישטאָ קיינער וואָס זאָל לייקענען דעם גרויסן פאַרנעם פון דעם דאָזיקן אומשוווּנג אין דער ייִדישער געשיכטע. אויפן ערשטן פּלאַץ אין מדינת ישׂראל טרעט ווידער אַרויס ירושלים, — און מיט אַ פאַר־זאָרגטן געמיט פרעגן מיר: צי וועט אויך ירושלים פון אונדזער צײַט אויספירן דאָס געזעץ פון דער ייִדישער געשיכטע? צי וועט עס נאָכטאָן די אַלע גרויסע צענטערס פון די תפוצות ישׂראל און אַרײַנזאַפּן אין זיך אויך זייערע דערגרייכונגען און תורות כדי צו שפּאַנען ווייטער — אָדער וועט עס אָפּווענדן זיך פון זיי און וועלן שאַפן פאַר זיך אַ „נײַעם" וועג וואָס איז אין תוך דער וועג פון דער אַלטער, פאַראולטיילטער ציוויליזאַציע? מיט אַנדערע ווערטער, צי איז ירושלים פון דער מדינת ישׂראל גרייט אַרײַנצונעמען אין זיך און ווײַטער אַנטוויקלען די עשירות און פאָלקסטימלעכקייט פון „ווילנע", — און דאָס הייסט זײַן אין אַ גרויסע מאָס אַ ווילנע דישראל?

וואָרום אין וואָס איז באַשטאַנען דער גײַסטיקער מהות פון דעם ווילנער ייִדי־שן פאָלק? ער איז באַשטאַנען אין אַ זייער ערנסטער באַציונג פון פאָלק צו די גײַסטיקע פראַגן פון לעבן; און עס איז געווען אויך אַ גײַסטיקע קולטור פון אַ הויכער מדרגה. דער ייִד איז געווען אַנטי־מיליטאַריסט און אַנטי־נאַציאָנאַליס־טיש. וואָס מער ער האָט פאַרטיפט זײַן נאַציאָנאַלע קולטור, אַלץ מער האָט ער זיך געפילט אין איינקלאַנג מיט דער מענטשהייט און האָט געלעכצט נאָך איר. וואָס טיפער ער איז געווען איבערגעגעבן צו סאָציאַלע אידעען, אַלץ מער האָט זיך „ווילנע" אויסגעבונדן מיט די ייִדישע מאַסן פון אַרבעטער און פאָלקס־מענטש.

אַ סך פון די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע אידעען זײַנען טאַקע אַריבערגענומען געוואָרן קיין ארץ־ישׂראל, און איינע פון זיי איז הײַנט וויכטיק צו דערמאָנען. דער גרויסער אויפטו פון די קבוצות און פון דער הסתדרות — אָן וועלכע עס וואָלט נישט געווען קיין מדינת ישׂראל — איז געקומען אַ דאַנק די אידעען און די קרבנות פון די אַרבעטער־ציוניסטן פון אַלע קרייזן. אָבער פון וואַנעט האָבן זיך גענומען אין רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע ציוניסטן־סאָציאַליסטן אויב עס וואָלט נישט געווען געבוירן פריער דער ייִדישער סאָציאַליסטישער „בונד"? דער ציוניזם איז לכתחילה געווען אַ ריין־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און זײַן סאָציאַ־ליסטישע באַפאַרבונג האָט ער בהדרגהדיק באַקומען אונטער דעם איינפלוס פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די רעוואָלוציע וואָס האָט זיך

אָנגעהויבן אין איין לאַגער פון ייִדישן האַרעפּאַשנעם פאָלק, האָט זיך שפּעטער אַריבערגעטראָגן אין די רייען פון פּועלי ציוניזם. ווער ווייסט וויפל קערנדלעך פון בונדישן האַרץ, בלוט און נשמה־פּײַער זײַנען אומבאַוווּסט פאַר ביידע צדדים פאַרזייט געוואָרן אין דער ארץ־ישראל־ערד! (פּונקט אַזוי ווי די קבוצה אין ארץ־ישראל האָט אין די ערשטע צײַטן געשפּירט אויף זיך דעם אײַנפלוס פון די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן).

אַ שטיק „ווילנע" איז טאַקע פאַרפלאַנצט געוואָרן אין ישראל, אָבער — צי זעט מען נישט ווי עס בלאָזן הײַנט אַנדערע ווינטן וואָס ווילן זיך אָפּשיידן פון יענעם „גלות"־גײַסט און טראַדיציע? צי איז נישט אַרײַנגעטראָטן אַזאַ פאַטאַלע שיידונג מיט דער גרינגער און פײַנטלעכער באַציִונג צו דער ייִדישער פאָלק־שפּראַך? צי זעט מען נישט איין, אַז עס האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן מאַמע־לשון, נאָר וועגן דער מאַמע גופא, וועלכע מען איז גרייט איבערצולאָזן אין די צעשטערטע תפוצות ישראל, „אָן עלנטע, פון אַלעמען פאַרלאָזן". צי פאַרשטייט מען נישט, אַז די ייִדישע מאַמע פון הײַנט וועט — נישט ווייניקער ווי די אַמאָליקע מוטער רחל — טרויערן אויף איר איינזאַמקייט און „וויינען" אויף אירע קינדער וואָס זײַנען אוועק, צווישן די מיליאָנען קדושים?

***

מאָדנע שטימען הערן זיך אין דעם געוועב פון דער נײַער ישראל־ציוויליזאַציע, און דווקא אין דער העברעישער שפּראַך. עס האַלט זיך אין אָרגאַניזירן און קריסטאַליזירן אַ באַוועגונג פון ישראל־יוגנט וואָס וויל זיך אין פּרינציפּ אָפּשיידן פון דעם „דרויסנדיקן" ייִדישן פאָלק. אָט די „תנועת העברים" פירט דורך אַ שאַרפן שטריך צווישן זיך ווי דעם עכטן העברעישן פאָלק און די „יהודים" פון גלות אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע. אין דעם יאַנואַר־נומער פון זייער זשורנאַל „אַלף" ריידן זיי, למשל, וועגן דער צוקונפט פון ליטעראַטור אין ישראל, און זיי פאַרוואַרפן נישט נאָר די ליטעראַטור אין ייִדיש, נאָר אויך די „ספרות יהודית בלשון עברית", ד"ה אויך די גאַנצע העברעישע ליטעראַטור וואָס איז געשאַפן פון נישט אין ישראל געבוירענע ייִדן.

„די העברעישע יוגנט אין לאַנד — דערקלערן זיי — איז נישט קיין המשך פון אירע עלטערן. די ליטעראַרישע ווערטן אויף וועלכע מען דערציט אונדז, זײַנען אונדז פרעמד, גיבן נישט קיין שפּײַז אונדזער גײַסט און דערלאָזן נישט צו אַנטוויקלען דעם עכט־העברעישן שעפערישן כוח". עס איז נישט פאַראַן קיין שום איינהייטלעך־ייִדישע וועלט־קולטור, און די עולים וואָס שטראָמען אַרײַן קיין ישראל פאַרשטאַרקן נאָך דעם טיפן אונטערשייד צווישן די וועלט־ייִדן און די העברעער פון לאַנד. „די מדינת ישראל, ווי יעטוועדעס לאַנד פון אימיגראַציע, אַנטהאַלט אין זיך צוויי אַרטן ווירקלעכקייט: די העברעישע ווירקלעכקייט פון די אין לאַנד־געבוירענע, און די ייִדישע ווירקלעכקייט פון די אימיגראַנטן.

דער דור פון אימיגראַנטן איז פאַרבונדן מיט דער קולטור פון דעם יידישן געטאָ אין מיזרח אייראָפּע („ווילנע"), און בכלל מיט די גייסטיקע ווערטן פון גלות וואָס זיין קלאַסישע עפּאָכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען תקופת בית שני. דער העברעער־דור פילט זיך אָבער פרעמד לגבי אַלע יענע ווערטן; ער פילט אַ נאָענטע קרובהשאַפט צו דער אַמאָליקער העברעישער תקופה פון די מלכים און שופטים, אַ תקופה וואָס איז געווען פאַר דעם אויפקום פון וועלט־יידנטום".

און ווען די וואָרט־פירער פון אָט דער „יוגנט" ריידן וועגן דערציונג, דערקלערן זיי ווידער: „די גאַנצע יידישקייט (יהדות) מיט אַלע אירע ווערטן און שאַפונגען פון דער היסטאָרישער ירושה איז פרעמד צו אונדזער יוגנט אין סאַמע מקור. ווייל די געזעלשאַפטלעכע ווירקלעכקייט פון וועלכער זי שטאַמט און אין וועלכער זי וואַקסט אַרויס, שטייט אין אַ פולשטענדיקער סתירה צו דער וועלט־יידישער ווירקלעכקייט. אָט די יידישקייט וואָס באַזיצט נישט קיין פאַטערלאַנד און נישט קיין טעריטאָריע און נישט קיין שפּראַך, קען נישט זיין דער יסוד פאַר דער העברעער־יוגנט וואָס באַזיצט דווקא אַ פאָטערלאַנד מיט אַ לאַנד און מיט אַ שפּראַך. נישט מיט יענער יידישקייט — „צי זי איז אַ פרומע, אַ ציוניסטישע אָדער אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע — וועט זיך דאָ אויסבויען אַ נייע געזונטע נאַציע".

און זאָל מען נישט זאָגן, אַז די רייד קומען פון צופעליקע, פון צעדרייטע מענטשן. אַ. מירקין, אַ פירער פון דער מפא"י, האָט אָקאָרשט עפנטלעך דערקלערט, אַז „דער וואָס קען אונדזער יוגנט פון דער נאָענט, ווייס, אַז אָט די יוגנט, וואָס האָט אַנטפּלעקט אַזאַ גרויסן זעלישן כוח בעת דער מילחמה, איז ווילד־פרעמד צו די גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן פון יידישקייט וואָס צוליב זיי האָט זיך פאַרגאָסן דאָס בלוט". עס קומען אָן אַלץ מער בריוו פון יידישע פאָלקס־מענטשן אין ישראל וואָס שילדערן מיט טרויער אָט דעם צושטאַנד.

לאָמיר אויסהערן בקיצור נאָך איינעם פון זיי. „די פראַגע ביי אונדז איז וועגן דער גרויסער ירושה, וואָס איז געבליבן נאָכן אויסגעשאָכטענעם פאָלק, די ירושה פון דורות, וואָס דאָ אין לאַנד איילט מען זיך נישט אַרויסצורוקן די תביעות פון יורשים. מיטן אויפקום פון מדינת ישראל איז שטאַרק געוואָרן די טענדענץ פון „ככל הגויים"; שטעקט דאָ נישט די געפאַר פון אויפקום פון נייע יידישע גויים? איך קען נישט אָנרופן עס יידיש לעבן, ווען אַ בחור דאָ דערצויגן פילט נישט, אַז ער איז אַ רינג אין קייט וואָס רופט זיך אַ פאָלק. אָבער צווייגן קענען נישט טענהן, אַז זיי אָנערקענען נישט די וואָרצלען, אָדער זיי ווילן מיט דעם שטאַם נישט האָבן צו טאָן. איך האָף, אַז אונדזער עבר אין גלות איז גענוג שטאַרק צו מאָנען זיינע רעכט און וועט עס איינמאָנען. ווייל ער האָט אין זיך ווערטן, אַן אומזיכטבאַרע מיסטיק, וואָס איז אונדז ביינגעשטאַנען אין אַלע צייטן, און וואָס מיר דאַרפן איר דאָ".

* * *

אזוי שטייט טאַקע די גײַסטיקע פראַגע אין ישראל: אונדזער עבר אין גלות — און מיר רופן עס אָן ווילנע — מוז מאָנען זײַנע רעכט. ער מוז עס טאָן נישט מיט הכנעה און אַ געפיל פון שולד, נאָר רויִק און שטאָלץ אין די העכסטע אינ־טערעסן פון אונדזער איינהייטלעכער פאָלק, און טאַקע פון ירושלים גופא. אַט אַזוי ווי דאָס ייִדישע פאָלק פון ווילנע האָט איבערגענומען אַמאָל די נביאישע אידעאַלן פון אַלטן ירושלים, האָט זיי איבערגענומען און איבערגעגאָסן אין די דינאַמישע פאָרמען פון מאָדערנעם ייִדנטום, פּונקט אַזוי דאַרף דאָס נײַע אויפקומענדיקע ירושלים איבערנעמען די טראַדיציעס פון די אַלע וואָס האָבן אַזוי שעפעריש גע־לעבט און זענען אַזוי הייליק געשטאָרבן אין ווילנע.

פאַר אַזאַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן סיסטעם קעמפט אויך די פרײַ־לאַנד באַוועגונג. זי פאָלגט נאָך מיט ברידערלעכע אויגן יעדן שריט און יעדע שטים וואָס קומט פון ישראל. זי וויל אונטערשטיצן אַ ייִדיש לעבן אין וועלכן די גײַסטיקע טאַטן פון דער ייִדישער געשיכטע פאַרבינדן זיך מיט אַ נײַער הערלאַישער ווירקלעכקייט. אָבער — מיר אין „פרײַלאַנד" זעען צו מיט זאָרג ווי שווער עס גייט אָן אין ישראל דער קאַמף צווישן ווילנע און ירושלים, און מיר ווייסן נישט ווי ער וועט זיך ווײַטער אַנטוויקלען. איז עס אַ היסטאָרישע פליכט צו פאַרשאַפן פאַרן פאָלק נײַע ישובים אין וועלכע דער קאַמף וועט נישט אויפקומען.

די פרײַלאַנד־באַוועגונג האָט גענוג מאָטיוון צוליב וועלכע זי מוז זוכן נאָך אַ טעריטאָריע אָדער טעריטאָריעס פאַר אונדזערע היימלאָזע. אָבער איינע, און אפשר די וויכטיקסטע, פון די אורזאַכן איז — צו געפינען אַ מקום מקלט פאַר דער היימלאָזער ייִדישער פאָלקס־קולטור. זי וויל נישט אונטערגייען, אַפילו נישט פאַר דעם פרײַז פון ישראל. זי לעבט און זי אָטעמט, אָבער זי נייטיקט זיך ווידער אין ערד אונטער די פיס. זי זוכט, דערווײַלע אומבאַוווּסטזיניק, אַ פלאַץ ווו דאָס פאָלק און זײַן ייִדישע שפּראַך, ווו די וואַרעמע ייִדישע מענטשלעכקייט און דאָס ערלעכע ייִדישע לעבן זאָלן ווידער אָנהייבן בליִען: אַזאַ פלאַץ פאַרן ייִדישן יחיד, פאַר דעם ייִדישן קינד, פאַר דעם ייִדישן כלל מוז געפינען ווערן. לאָמיר עס זוכן און געפינען מיט כוח פון ווילנע, און מיט דער פאַרשטענדעניש פון ירושלים.

(„אויפן שוועל". אַפּריל 1950)

# ווילנע און אַמעריקע

אַ מערקווירדיקע דערשײַנונג אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדזערע אויגן דאָ אין אַמעריקע: דאָס דערוואַכן פֿון אַ נײַעם טיפֿן אינטערעס צו מיזרח־אייראָפּע. דער אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל האָט אַרײַנגעבראַכט אַ זעליש־נאַציאָנאַלע אויפֿרודערונג אין די מאַסן פֿון אַמעריקאַנער ייִדן; ירושלים און ישׂראל איבן אויס אַ גרויסע מאַכט איבער די הערצער פֿון כמעט אַלע ייִדישע מענטשן אין אַמעריקע. און דאָך, גלײַכצײַטיק ־דערמיט, קומט אויף און עס וואַקסט זיך פֿונאַנדער אין דעם אַמעריקאַנער קיבוץ אַ בענקשאַפֿט נאָך ווילנע, נאָך מיזרח־אייראָפּע, נאָך יענע גײַסטיקע און נשמה־ווערטן וואָס זענען כמעט ווי אַוועק פֿון אונדז.

מען האָט געקענט מורא האָבן, אַז נאָך דעם גוואַלטיקן חורבן פֿון די מילחמה־יאָרן וועט דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿאַרזונקענעם קאָנטינגענט. דאָס ייִדנטום איז פֿאַרניכטעט געוואָרן מיט שווערד און פֿײַער, זײַנע לעצטע רעשטלעך האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט, און פֿון דער אַמאָליקער שטאַרקער ייִדישער וועלט וועט פֿאַרבלײַבן נאָר אַ זיכּרון און אַ לעגענדע. מען וועט איר שטעלן גרויסאַרטיקע מצבֿות, מען וועט איר באַזינגען אין פּראָזע און ליד — און מען וועט אָנהייבן מיט טרויער פֿאַרגעסן אין איר. צו אונדזער פֿרייד און שטאָלץ איז עס נישט אַזוי. דאָס ייִדישע מיזרח־אייראָפּע לעבט ווײַטער. נאָך מער: עס זײַנען שוין פֿאַראַן גענוג באַווײַזן אַז אָט יענער ייִד פֿון ווילנע, קאָוונע, וואַרשע, מינסק, ביאַליסטאָק, טשערנאָוויץ וועט אויסאיבן זײַן רעאַלן אײַנפֿלוס אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן לעבן.

אַמאָל, אין דעם סאַמע אָנהייב פֿון ציוניזם, האָט אחד העם געחלומט וועגן דעם, אַז אַ באַנײַט ארץ־ישׂראל וועט ווערן אַ „גײַסטיקער צענטער" פֿאַר אַלע תּפֿוצות ישׂראל, דער מרכּז רוחני וואָס וועט מיט זײַן קולטורעלער און מאָראַלישער פּראַכט באַשטראַלן און שטאַרקן אַלע ייִדישע ישובֿים אין גלות. ארץ־ישׂראל איז טאַקע הײַנט צו טאָג געוואָרן אַ צענטער אין דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן דענקען און פֿילן, אָבער עס איז שווער צו זאָגן צי עס גייט ווערן אויך אַ **גײַסטיקער** צענטער ווי אחד העם האָט געטראַכט. איינע פֿון די הויפּט־סיבות דערבײַ איז די העברעיִשע שפּראַך, אין וועלכער ישׂראל ווערט געבויט, אַ שפּראַך, וואָס שטעלט זיך אַוועק ווי אַ מחיצה, ווי אַ שיידוואַנט צווישן דעם ישׂראל־ייִד און דעם ייִד פֿון דער גרויסער וועלט. וואָס פֿאַר אַ גײַסטיקע באַאײַנפֿלוסונג קען קומען פֿון דער ישׂראל־קולטור ווען די מיליאָנען ייִדן און זייער יוגנט קענען נישט פֿאַרשטיין אפֿילו דעם לשון אין וועלכער מען רעדט צו זיי?

אָבער דאָ מישט זיך אַרײַן די ייִדישע געשיכטע און דערקלערט: אַ גײַסטיקער

צענטער, אַ מרכז רוחני, איז פאַראַן שוין טויזנט יאָר לאַנג אין מיזרח־אייראָפּע, אין די שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן רוסלאַנד, ליטע, פּוילן, רומעניע, גאַליציע; אין די אומצייליקע ישיבות, לערן־אַנשטאַלטן, וועלטלעכע אינסטיטוציעס, סאָציאַלע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פון יענע ישובים. זיי זענען פאַרן יידישן פאָלק בשום אופן נישט קיין „פּאַרזונקענע" וועלט, און זייער שײַן דרינגט דורך אפילו די מיט טויט און פאַרניכטונג פאַרנעפּלטע הימלען. זאָל זײַן אַז די לעבעדיקע טרעגער פון יענער הערלעכער יידישער ציוויליזאַציע זענען אוועק פון דער וועלט, אָבער זייער ממשותדיקע עקזיסטענץ און זייער דראַנג צום אייביקן לעבן זענען פאַרבליבן און ווירקן וויַיטער אין דעם יידישן וועלט־פאָלק. נישט ווי טויטע, נאָר ווי לעבעדיקע באַהערשן זיי דעם געמיט און דעם גײַסט פון די לעבעדיקע. צו זייערע אומהערבאַרע פאָדערונגען הערן מיר זיך צו מיט דעם עכטן, אומפאַרפעלשטן אינסטינקט פון אַ לעבעדיקן פאָלק.

עס איז קיין צווייפל נישט: מיר ווילן איצט האָבן צוויי גײַסטיקע צענטערס אין אונדזער שפּעפּרישער אַנטוויקלונג. דער אַקטיווער אָנזעעוודיקער, מיט רום באַלויכטענער צענטער פון ירושלים, — און דער אומזעבאַרער, שטילער, מיטן כוח פון דורות ווירקנדיקער צענטער פון מיזרח־אייראָפּע, פון ווילנע. עס איז נישט וויכטיק איצט צו אַנטשיידן וועלכער פון זיי ביידן וועט ווירקן צום מייסטן אויף דער וויַיטערדיקער געשטאַלטיקונג פון יידישן פאָלק: צי דער נגלה צי דער נסתר, צי דער אָפענער צענטער אין ישראל, צי דער פאַרהוילענער אין די טיפענישן פון פאָלק. אָבער זיי ב י י ד ע וועלן זיך לאָזן פילן און הערן, ראשית כל, אין אַמעריקע. דאָס הייסט נישט אַז עס מוז אַנטשטיין צווישן זיי אַ קאַמף, נאָר עס וועט קומען צווישן זיי צו אַ גײַסטיקער שפּאַנונג, אָט יענער שפּאַנונג פון גײַסטיקע כוחות וואָס באַוועגט און באַפרוכפּערט אַ קולטור.

דערפאַר איז עס אַזוי וויכטיק אָנוויַיזן ווי אין אַמעריקע קומט אויף די בענקשאַפט נאָך מיזרח־אייראָפּע, ווי דער קאָפּ און דאָס האַרץ פון די יידישע פאָלקס־קרײַזן דאָ אין לאַנד ווענדט זיך מיט טיפער פאַרשטענדעניש קיין מיזרח צו כדי צו זען און אָפּשאַצן ווי געהעריק די דאָזיקע וויכטיקע דערשיינונג, מוז מען אָבער ווענדן דעם בליק נישט נאָר צו אַן איינאיינציקן אָפּשניט פון דעם יידישן מאַסן־לעבן אין אַמעריקע, נאָר צו אַלע. מען מוז האָבן אַן א י ב ע ר ב ל י ק איבער דעם גאַנצן שטח פון יידישן קולטור־ און שטייגער־לעבן, יידישן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן בנין. דעמאָלט וועט זיך אַרויסשטעלן אַז אַן אינערלעכע פאַרבונדנקייט מיט מיזרח־אייראָפּע לעבט נישט נאָר אין די קרײַזן פון דער יידישיסטישער, וועלטלעכער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטלעכקייט. זי לעבט אויך אין די גאָר ברייטע קרײַזן פון דער פרומער יידישער וועלט, וואָס ווייסן וו אָ ס פאַר אַ גײַסטיקן לעבנס־אוצר זיי האָבן פאַרמאָגט און פאַרלוירן אין דעם גרויסן אומגליק פון אייראָפּע. דערפאַר איז זייער נאַטירלעכע שפּראַך יידיש, און זייער הויפּט־אינטערעס די פאָלקס־תורה. אַ פאַרבונדנקייט מיט דעם יידנטום פון מיזרח־אייראָפּע לעבט אויך (נישט געקוקט אויף אַלע פאַרראַטן פון זייערע פירער) אין די

אזוי גערופענע לינקע קרייזן פון דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. יידיש און פאָלקס־קולטור אַפּעלירט עד היום צו זיי, אפילו ווען עס דערגייט צו זיי אין פאַרקריפּלטע, אומערלעכע פּאָליטישע פאָרמען. פאַר זיי אַלעמען איז די יידישע וועלט פון ווילנע און לובלין נישט אונטערגעגאַנגען, הגם יעדער באַזונדערער קרייז האַלט טייער און הייליק אַ באַזונדערן טייל פון אָט יענער טיף־אייגענער, אין דער נשמה פאַר־וואָרצלטער וועלט. אַלע צוזאַמען — יעדער אויף זיין אָרט — קוקט מיט בענק־שאַפט אויף זייער אַלטער היים וואָס רופט זיי, מיט טויזנטער שטימען, אויסצו־בויען עס אויפסניי.

— ב —

געוויס זענען פאַראַן צווישן אונדז גענוג נאַציאָנאַלע שוואַרצזעער און צו־קונפט־קברנים. אָט האָט אָקאָרשט דער „יידישער קעמפער", פון 21־טן אַפּריל, דורך דער פעדער פון ש. גראָדזענסקי אָפּגעזאָגט דעם גרויסן קדיש אויף דעם לעבן פון גלות.

„די צוקונפט פון די יידישע קבוצים אין גלות איז היינט שוין מער נישט קיין ענין פאַר ספּעקולאַציעס; זי איז גאַנץ קלאָר. דער שונא איז שוין ביי יעדן איינעם פון אונדז אין ש ט ו ב. מיר קענען שוין אַלע זען די שטיבער פון אונדזערע קינדער און אייניקלעך. אין וואָס וועט באַשטיין די יידישקייט פון די דאָזיקע שטיבער? די אומגאַנגס־שפּראַך וועט דאָרטן זיין נישט יידיש און נישט העברעיש. עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף יידישע שולן און זיך פרעגן ווער עס וועלן דאָרטן זיין די תלמידים און די לערער אין איין דור אַרום — כדי זיך קלאָר צו מאַכן ווי טונקל עס איז די צוקונפט פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. וואָס וועט בלייבן פאַרן גרויסן כלל? מילה, יידישע קבורה, פילאַנטראָפּיע, זאָרג וועגן אַנטיסעמיטיזם, יידישע ניוראָזן. יידן, אויך די יעניקע וואָס וועלן בלייבן לעבן צווישן יידן, וועלן אָבער נישט לעבן אַ ל ס יידן. אַפילו דער סאַמע מאַקסימום וואָס עס קען דערגרייכט ווערן אונטער די באַדינגונגען פון נייעס, נאָך־חורבנדיקן גלות קען נישט זיין מער ווי אַ מינימום — וואָרעם אָן די אַטריבוטן פון שפּראַך, לעבנשטייגער, דערציִונג קען נישט מעגלעך זיין קיין יידיש לעבן".

מיר האָבן בכיון געבראַכט אַזאַ לאַנגע ציטאַט כדי צו באַווייזן אין וואָס פאַר אַ בין השמשות־לופט עס לעבן און טראַכטן די שוואַרצזעער און איכה־זאָגער, די ש. גראָדזענסקיס און י. לעשטשינסקים. זיי זעען נישט קיין ברעקל ליכט אין לעבן פון מ י ל י אָ נ ע ן יידן איבער דער ג אַ נ צ ע ר וועלט. זיי רעדן וועגן ירידה. אין זייער גרענעצלאָזער נאַאיוויטעט גלייבן זיי, אַז ציון קען גע־בויט ווערן אויפן חורבן פון ווילנע און מיזרח־איראָפּע.

אָבער — די לאַגע איז נישט אַזוי. די אויפטרייסלונגען פון די לעצטע יאָרן פירן צו נייע טענדענצן אין דער גייסטיקער לאַגע פון אונדזער פאָלק, און עס ווייזן זיך שוין סימנים פון דעם ווי פאַרשיידענע שיכטן פון פאָלק ווענדן זייער פנים צו מיזרח צו, צו יענער בלומרשט פאַרשוווּנדענער יידישער וועלט. — אין

די טעג פון 21־טן 23־טן אַפּריל איז פֿאַרגעקומען דער 16־טער צוזאַמענפֿאָר פֿון די אַרבעטער־רינג־שולן. זענען דערביי אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן ייִדישער שפּראַך און דערציונג, וואָס האָבן אַ באַזונדערע פּרינציפּיעלע באַדייטונג. לאָמיר זיך צוהערן צו זיי:

„די אַרבעטער־רינג־שול דאַרף דערציִען דאָס ייִדישע קינד אין אַמעריקע אין דעם גלויבן, אַז ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט זיינען אויך איין פֿאָלק, פֿאַרבונדן דורך דער פֿאַרגאַנגענער געשיכטע, דורך זייערע טראַדיציעס און קולטור. מיר האַלטן, אַז דער שטאַרקסטער פֿאַרבינדונגס־כּוח פֿון אַלע ייִדישע תּפֿוצות פֿאַרבלייבט די ייִדישע שפּראַך, און דעריבער פֿאַרבלייבט ייִדיש דער יסוד פֿון אונדזער שול. מיר דאַרפֿן דערוועקן ביי אונדזערע קינדער אַ פֿאַרלאַנג צו לעבן און שאַפֿן אין אַמעריקע ווי ייִדן".

דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך געווענדט צו אַלע שיכטן וואָס זיי איז טייער דאָס ייִדישע וואָרט מיטן רוף: „פֿאַרשטאַרקט אומעטום די פּאָזיציעס פֿון ייִדיש!"

„ייִדיש פֿאַרבינדט אונדז אויך איצט מיט די צעוואָרפֿענע ישובֿים איבער דער וועלט, וואָס זיינען אָפּצווייגונגען פֿון אונדזער מיזרח־אייראָפּעיִשן שטאַם. פֿאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פֿון ייִדיש אין דעם לעבן פֿון דעם ייִדישן יחיד און כּלל, — איז אַ וויכטיקער מיטל אין דעם קאַמף פֿון אונדזער פֿאָלק".

אוודאי נאַרן מיר זיך נישט און מיר ווייסן, אַז רעזאָלוציעס אַליין קענען נישט ענדערן אַ סבֿיבֿה וואָס ווערט פֿאַרפּלייצט פֿון שטראָמען אַסימילאַציע. אוודאי ווייסן מיר, אַז די ייִדישע דערציונג וואָס ווערט געגעבן אין די אַרבעטער־רינג־שולן, איז גוואַלטיק הינטערשטעליק לגבי דעם תּהום, וואָס איז אויפֿגעריסן געוואָרן אין אונדזער לעבן דורך דעם חורבן. אָבער — ביי די טוער פֿון דעם שול־צוזאַמענפֿאָר איז פֿאַראַן דער חשק אויפֿצוהאַלטן און צו שטאַרקן דעם ייִדישן פֿאָלקס־נוסח און שטייגער, די מיזרח־אייראָפּעיִשע וואַרעמקייט און פֿאָלקסטימלעכקייט. זיי שאַפֿן אַ יסוד אויף וועלכן מען קען ווייטער בויען, כּדי ווילנע זאָל נישט אונטערגיין אין געשיכטע און לעגענדע. זיי זיינען אַליין אַ לעבעדיק שטיק ווילנע.

— ג —

אין חודש מאַי איז אין ניו־יאָרק פֿאַרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ, גערופֿן פֿון דעם „ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר". די פֿירער פֿון אָט דעם צענטער פֿון דער אַמעריקאַניש־ייִדישער „יונאַיטעד סינאַגאָג" האָבן באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן יעדעם יאָר אַ חודש פֿון ייִדישן לערנען אין דעם נאָמען און זכות פֿון רבי עקיבֿא. דעם 7־טן מאַי האָבן זיי אָנגעצונדן אַ נר תּמיד אויפֿן שפּיץ פֿון דעם סעמינאַר, און ביזן סוף חודש האָט געדויערט דער פּעריאָד געווידמעט דער תּורה און רבי עקיבֿאס לערעס. זיי האָבן אויסגעקליבן דעם דאָזיקן גרויסן נאָמען ווייל אין אים

איז פאַרקערפּערט אי דער גוואַלטיקער גאון אי דער אומבויגזאַמער קעמפער פאַרן ייִדישן פאָלק. נישט קיין אַנדערער ווי רבי עקיבא האָט עס געזאָגט: „ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה" (זאָלסט ליב האָבן דײַן חבר ווי זיך אַליין איז אַ גרונד־פּרינציפּ פון דער תורה!) אין זײַער אויפרוף צו דעם תורה־חודש האָבן די פירער פון טעאָלאָגישן סעמינאַר דערקלערט:

„צווישן די קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן באַפאַלן אונדזער דור, איז קיין איינע ניט אַזוי גרויס ווי די, וועלכע האָט צעשטערט די ייִדישע לערן אַנשטאַלטן און קולטור־טראַדיציעס פון ליטע, פּוילן און דײַטשלאַנד. יעטוועדע גרויסע ייִדישע טראַדיציע פון אייראָפּע איז געווען אַ באַזונדערער צושטײַער צו ייִדישקייט און צו דער ציוויליזאַציע בכלל. די קאָנצענטראַציע אויף לערנען אין ליטע, די קאָנצענטראַציע אויף פרומקייט אין פּוילן, און די דײַטשע „וויסנשאַפט דעם יודענטומס" שײַנען אַרויס ווי וווּנדערבאַרע דערגרייכונגען פון דעם מענטשלעכן גײַסט. אונדזער חוב צו די מאַרטירער איז אָפּצוגעבן זיי כבוד דורך באַשטימען אַ געוויסע צײַט אויף צו לערנען און מקיים זײַן זייערע לערעס.

די גרויסע טראַדיציעס פון קאָוונע, ווילנע און לובלין זײַנען פאַרשוווּנדן. אָבער מיר האָפן, אַז דורך אונדז קען זייער אײַנפלוס אַריבערגעטראָגן ווערן קיין אַמעריקע. זאָלן אונדזערע קינדער און שכנים לערנען צו פאַרטיפן זיך אין אונדזערע טראַדיציעס אַלס צושטײַער צו דער וועלט און דעם מענטשלעכן מין".

עס איז פאַראַן גרויסקייט און פאַרנעם אין דער דאָזיקער אידעע. אמת, זי ווענדט זיך צו אַ באַשרענקטן קרײַז סינאַגאָגעס, וואָס זײַנען נישט פאַרבונדן אָרגאַניש מיט די ייִדישע מאַסן פון לאַנד. אמת, די רבי עקיבא־אידעע רופט צו אויפמערקזאַמקייט נאָר לגבי די ישיבות און תורה־אַנשטאַלטן אין אייראָפּע, און זי רײַסט זיך דערמיט אָפּ פון דעם גוואַלטיקן שטראָם פון מיזרח־אייראָפּעישער מאָדערנער קולטור, וויסנשאַפט און קונסט. אָבער וויכטיק איז עפּעס אַנדערש: אָט די פאַרטרעטער פון אַמעריקאַניש־ייִדישן רעליגיעזן געדאַנק רופן צו קאָוונע, ווילנע און לובלין. זיי פילן, אַז דער גײַסטיקער תוך פון אונדזער פאָלק ליגט פאַרבאָרגן אין יענע ייִדישע מאַסן און גדולים, און זיי ווילן אַריבערפלאַנצן יענעם תוך קיין אַמעריקע. זיי פילן די קדושה און די ר ע אַ ל י ט ע ט פון אונדזערע דאָרטיקע שטעט, אָט אַזוי ווי חיים גראַדע האָט דאָ נישט לאַנג באַזונגען לובלין („מאָרגן זשורנאַל" פון 9־טן מאַי 1950).

לובלין, אין דײַן ערד איז מײַן אוצר באַגראָבן, איך רײַס אויס
די שטעכיקע דערנער,
וואָס וואַקסן אַרום מײַן זכרון־בית־עולם, איך בלאָנדזשע
דורך געסעלעך שמאָלע,
ווו ס'פלאַטערן שאָטנס פאַרצײַטיקע, און די פאַרבאָרגענע
קולות פון לערנער
פאַרטרויען מיר שטיל דעם פאַרשוואָרענעם סוד פון קבלה.

אַט דאָ האָט געשפּרײַזט דער מהרש״ל אויף דער פּרײַטאָג־
צונאַכטיקער גאַס.
זײַן לערנען קלינגט אָפּ ביי דעם שײַן פון די שטערן, עס האָבן די
ליכט אויסגעברענט שוין.
זײַן שטערן דער ברייטער גערונצלטער לויכט פון זײַן פּירוש אויף שם,
א וואָלקן שווימט אום ווי זײַן טלית, די ייִדענעס קוקן אים נאָך
און אים בענטשן.

— ד —

און נאָך אַ סימפּטאָם פון דער בענקעניש נאָכן אייראָפּעישן ייִדנטום, דאָס מאָל מצד אַן אַמעריקאַניש־ייִדישן שרײַבער און ציוניסטישן פירער. מאָריס סעמועל האָט דורכגעלייענט דאָס בוך פון אברהם העשל וועגן דער גייסטיקייט און מאָראַל, דער פרומקייט און מענטשלעכקייט פון דעם מיזרח־אייראָפּעישן דורכשניטלעכן ייִדן, מיט זײַנע מנהגים און גדולים. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט פון אָט דעם גרויסאַרטיקן בילד פון דער „ייִדיש־ציוויליזאַציע״, אַז ער פרעגט זיך מיט שרעק: צי וועט עס נישט פאַרלוירן גיין פאַר די ייִדן אין אַמעריקע? מיט וועלכע מיטלען זאָל מען עס אַרײַנוועבן אין זייער לעבנס־געוועב? (אַרטיקל אין „קאָנגרעס וויקלי״ פון 27־טן מאַרץ 1950). ער זאָגט: „עס וואָלט געווען אַ רשעות און אַ גרויל אויסצוליפערן די זעכציק דורות פון גלות נאָר צו ביכער און מאַר־מיראָלאָגיעס. זיי האָבן איבערגעלאָזן אונדז אַן אייביקע ירושה, וואָס קען זיך פאַרגלײַכן מיט דער ירושה פון די נביאים. מיר קענען עס נישט איבערנעמען נאָר דורך איבערזעצונג. מיר מוזן געפינען די מעטאָדן ווי צו פאַראייביקן די ירושה אין לעבן גופא״. מ. סעמועל זאָגט עס נאָך אַמאָל שטאַרקער:

„אַ וועג מוז געפונען ווערן אַרײַנצובויען אין דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום פון מאָרגן אַן אייביק־דויערנדיקע און לעבעדיקע דערמאָנונג פון דער ייִדיש־רײדנדיקער ציוויליזאַציע דורך וועלכער מיר האָבן באַקומען אונדזער ייִדישקייט. די ייִדיש־ציוויליזאַציע, וואָס אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן געשאַפן איז נישט דער גאַנצער גלות; זי איז אָבער די גרעסטע אין אונדזער גלות־געשיכטע. זי איז אויך די נאָענטסטע צו אונדז און נאָך נישט אַזוי פרעמד ווי דאָס שפּאַנישע אָדער בבל־ייִדנטום. אויב מיר ווילן זי אַרײַננעמען אין זיך, ווילן מיר אינקאָרפּאָרירן אין דער לעבעדיקער ייִדישער געשיכטע דעם מהות פון די אַלע דורות וואָס האָבן באַוויזן דעם וווּנדער פון קיום... אין ישראל רעדט מען וועגן שאַפן אַ גרויסן מאָנומענט פאַר דעם אומגעקומענעם אייראָפּעישן ייִדנטום. מיר מוזן אָבער דאָ אין גלות זײַן דער מאָנומענט גופא״.

מ. סעמועל זאָגט נאָך מער. נישט נאָר אַמעריקאַנער ייִדן נייטיקן זיך אין דעם; אויך די ייִדן אין ישראל. די דאָרטיקע ייִדן זײַנען צום טייל גרייט אָפּ־צוזאָגן זיך פון די גײַסטיקע ווערטן און אויפטוען פון גלות. מוזן מיר דערפאַר

איינפלאַנצן אין זיך די דאָרטיקע ווערטן „כדי מיר זאָלן עס שפּעטער ברענגען ווי אַ גײַסטיקן צושטײַער צו ישראל".

עס איז זייער ווערט צו פאַרצייכענען, אַז די דאָזיקע זאָרג פאַר דעם ייִדישן און ייִדיש־פאַרמעגן איז אַזוי וואָך אין דעם ריין־אַמעריקאַנער ציוניסט. אמת, ער אַליין צייכנט נישט אָן די וועגן ווי צו „אינקאָרפּאָרירן" די פאָלקס־ייִדישקייט אין אַמעריקע. ער רופט נישט צו לערנען ייִדיש, צו באַנײַען יענעם לעבנשטייגער, צו פאָלקסטימלעכער דערציונג. אָבער ער ווייס ווי פאַטאַל עס וועט זײַן צו פאַרלירן דעם לעבעדיקן צונויפבונד מיט ווילנע, קאָוונע און לובלין.

—— ה ——

אָט אַזוי פלוצן ארום אין דער ייִדישער לופט פון אַמעריקע פונקען פון נאַציאָנאַלע דערמאָנונגען, זוכענישן, בענקשאַפטן. זיי קומען פון פאַרשיידענע אומדערוואַרטע זײַטן, אָבער ביז די דאָזיקע פונקען וועלן זיך צונויפגיסן אין אַ פלאַם־פייער פון אַקטיווער ייִדישער טאַט, וועט עס נעמען אַ סך צייט. די אַלע שיכטן, אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען, וואָס פילן די נויטווענדיקייט פון אַ ייִדיש־נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן ר ע נ ע ס אַ נ ס אין אַמעריקע, וועלן מוזן צונויפנעמען זיך אין אַ מחנה פון פאַראַנטוואָרטלעכע און עקשנותדיקע קעמפער. די פאַרטרעטער פון דער ייִדיש־ציוויליזאַציע (און זי נעמט אַריין אַ סך מער ווי ייִדיש אַליין!) וועלן מוזן אַריבערגיין פון פאַרטיידיקונג צום אַ נ ג ר י ף. זיי וועלן מוזן אײַ פאַרלאַנגען דאָס רעכט פון ווילנע אי פאַרווירקלעכן עס אין דעם רעאַלן לעבן.

מען וועט מוזן דערביי בייקומען מיט אָפענע אויגן איינע פון די סאַמע געפערלעכע הינדערנישן — נעמלעך דאָס פאַררופן זיך אויף דער ייִדישער י ו ג נ ט וואָס עס איז איר אַזוי שווער אָפּצורייסן פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער סביבה. קיינער וויל נישט אָפּרייסן אונדזער יוגנט פון די גייסטיקע און מאַטעריעלע טובות וואָס די אַמעריקאַנער קולטור פאַרשאַפט אין אַזאַ ברייטער מאָס. אָבער — עס איז לחלוטין נישט נייטיק אַרויסצולויפן פון דעם גדר פון דער ייִדישער קולטור, כדי צו געניסן און בייצוטראָגן צו דער אַרומיקער סביבה פון לאַנד און מענטשהייט. דער יונגער דור קען איינזען, אַז זיין פאַרבונדנקייט מיט דער וועלט וועט צום בעסטן געדייען, נאָר ווען ער וועט זיין פאַרוואָרצלט אין דער עבט־ייִדישער גייסטיקער ערד.

ווי שווער עס זאָל אָבער נישט זיין צונויפצורייידן זיך מיט דער אָפּגעפרעמדטער יוגנט, באַפרייט עס נישט דעם עלטערן ייִדישן דור פון זיינע היסטאָרישע פליכטן. ער טאָר נישט צוליב רחמים צו זיינע קינדער און אייניקלעך אומברחמנותדיק לאָזן אויף הפקר די פאָלקס־ירושה וואָס ליגט אין זיינע הענט. אָט דער דור, און נישט קיין אַנדערער, איז דער איינציקער וואָס אים איז אָנגעטרויט געוואָרן צו היטן דעם לעבעדיקן המשך פון אַ פאָלק. מוזן די ייִדיש־ייִדישע מענטשן ווערן קעמפעריש, דערפינדעריש, אומבויגזאַם אין זייער באַשלוס. זאָלן געשאַפן

ווערן צענדליקער, הונדערטער געזעלשאפטן און חברות וואָס זייער ציל וועט זיין: איינפירן אָדער באַנייען דעם לעבנס־נוסח פון מיזרח־איי־ראָפּע, זיין שפּראַך, זיין אינערלעבן לשון, זיינע ליידנשאַפטן און חלומות. נישט צדקה געבן, נישט קדיש זאָגן נאָך די אומגעקומענע שטעט און שטעטלעך, נאָר ווידער אויפבויען זיי אין גייסט פון אומעטום ווו די קינדער פון יענע שטעט און שטעטלעך לעבן היינט און געניסן פון אַ פרייער וועלט.

די פּריילאַנד־באַוועגונג דאַרף זיך אויך שטעלן אין דעם דינסט פון אַזאַ גוואַלטיקער אויפגאַבע. ווילנע, קאָוונע און לובלין זיינען פאַר „פריילאַנד" נעמען־סימבאָלן וואָס רופן צו מעשים. אין די נעמען זיינען פאַר אונדז פאַרקערפּערט נישט נאָר די אַמאָליקע פרומקייט און לומדות, נאָר אויך די גאַנצע מאָדערנע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור. זאָל דאָס לעבנס־פּראָ־גראַם פון ווילנע געפינען די וועגן פון זיין פאַרווירקלעכונג סיי דאָ אין אַמע־ריקע סיי אין אַ נייעם פריילאַנד וואָס וועט געשאַפן ווערן דורך דעם נאַציאָנאַלן ווילן פון אונדזער פאָלק. און אַז דער וואַרעמער, היימישער אָטעם פון מיזרח־איי־ראָפּע וועט זיך ווידער פאַרשפּרייטן אין די יידישע היימען, פאַמיליעס, גאַסן, אינסטיטוציעס פון דער גאָרער וועלט, וועט דערפון געשטאַרקט און געהאָלפן ווערן אויך ירושלים.

(„אויפן שוועל", יוני 1950)

# די פּיקציע פון קיבוץ גליות

## — א —

די וועלט איז ווידער אַמאָל אַריין אין דעם צושטאַנד פון מילחמה־אומרו. אמת, די פייער־פונקען שפּרייטן זיך דערווייל אויס איבער אַ ווייטן ווינקל פון דער ערד, אין קאָרעאַ, אָבער יעדער באַאָבאַכטער, יעדער יידישער בעל־קורא פאַר־שטייט, אַז די געפאַר איז אַן אַלוועלטלעכע. אין דער מיט מילחמה־רייד אָנגע־לאָדענער לופט ווערט יעדע פּראָבלעם, יעדע שוועריקייט שאַרפער, געפערלעכער, באַדראָענדיקער. דאָס יידישע פאָלק קוקט זיך צו צו אָט די געשעענישן מיט אַ באַזונדערס פאַרשטיקטן אָטעם, ווייל עס ווייסט פון אַלטער ביטערער דערפאַרונג וואָס אַ מילחמה באַטייט פאַר זיין קיום און צוקונפט.

אונדזער פאָלק איז אָבער איצט אַריין אין אַ היסטאָרישער תקופה ווען עס טראָגט אין זיך זאָרגן נישט נאָר פאַר די אין אייראָפּע צעשפּרייטע יידישע ישו־בים, נאָר אויך פאַר דער מדינת ישראל. יעדער שריט און יעדע ווענדונג אין דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע רופט זיך אָפּ אויף דער גאַנצער פּאָליטישער און סטראַטע־גישער לאַגע פון ישראל. ליגט זיך דערפאַר אַ גוואַלטיקע אחריות אויף דעם פאָלק

און דער רעגירונג פון ישראל אָפּצוהאַלטן זיך פון אַזעלכע שריט און אַקציעס וועלכע קענען נאָך מער פאַרשאַרפן די אַזוי אויך שווערע לאַגע. אין אָט דעם ליכט וואָלט מען גערדאַרפט באַטראַכטן אויך די פראַגע פון „קיבוץ גליות״, ד״ה פון דער קינסטלעך־אויפגעשרויפטער אימיגראַציע קיין ישראל. צי מעג מען, צי דאַרף מען היינטצוטאָג אָנגיין מיט דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער פאָדע־רונג צו יידישע מאַסן אין דער וועלט זיי זאָלן עולה זיין קיין ישראל? צי ווערט דערמיט אויף אַן ערנסטן אופן געבויט סיי דאָס לאַנד סיי די צוקונפט פון אונ־דזער פאָלק?

וואָס איז ביי יידן געווען דער אמתער באַטייט פון אָט דעם באַגריף „קיבוץ גליות״? זאָל עס האָבן באַטייט די פולשטענדיקע אויסליידיקונג פון אַלע לענדער אין דער וועלט פון יידן, אַ פ י ז י ש ע א ו י פ ז א מ ל ו נ ג פון אַלע יידן אין ארץ־ישראל? אויב אַזוי, איז עס געווען אַ מיסטישע אידעע, געבוירן פון אַ טיפן רעליגיעזן גלויבן, אַז אַלע יידן אָן אויסנאַם וועלן זיך אַמאָל צונויפקומען אויפן באַרג ציון כדי צו דינען גאָט און זיין אַ נס לגויים. אַזאַ אידעע איז אָבער נישט די פּראָגראַם פון דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג, און אוודאי נישט פון דער מדינת ישראל. היינטצוטאָג האָט דער רוף צו קיבוץ־גליות באַקומען אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם פּ אָ ל י ט י ש ן כאַראַקטער. מען וויל האָבן וואָס מער יידן אין לאַנד כדי צו פאַרשטאַרקן עס פּאָליטיש לגבי די אַראַבער און דער וועלט. בן־גוריון האָט עס קלאָר דערקלערט אין חודש מאַי ביי דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט: „די סכנה וואָס האָט געלויערט אויף אונדז דעם 14טן מאַי 1948 (ביי דער גרינדונג פון דער מלוכה) באַשטייט אויך איצט און פאַרשטאַרקט זיך נאָך מער. די אַראַבער האָבן אין דער מלחמה מיט אונדז פאַר־לוירן, אָבער זיי האָבן געלערנט. היי־יאָר זענען מיר אַ מיליאָן, און זיי — פערציק מיליאָן. אַפילו אויב מיר ווערן אָנדערהאַלבן מיליאָן, וועלן זיי זיך נאָך שטאַרקער פאַרמערן, — און דערפאַר איז אַ גרויסע עליה די ל ע ב נ ס ־ פ ר אַ ג ע פאַר אונדזער מדינה״. („נר״, פון 29טן יוני, 1950).

היינט, נאָך איבער צוויי יאָר דערפאַרונג, ווייסט אָבער שוין די יידישע וועלט צ ו ו אָ ס פאַר אַ קריזיס עס פירט אַזאַ מין פּאָליטיש־סטראַטעגישע עליה, ווען זי איז נישט באַוואָרנט מיט עקאָנאָמישע און גייסטיקע מיטלען, ווען זי פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ כאַאָטישן מענטשן־צונויפלויף פון אַלע לענדער. מיט נײַן יאָר צוריק, בעת דער מילחמה, האָט דער שרייבער פון די שורות פאַרעפנטלעכט (אין דעם „אויפן שוועל״ פון נאָוועמבער 1941, אונטער דער רעדאַקציע פון בן־אדירן), אַן אַרטיקל וועגן „פרייַלאַנד און ארץ־ישראל״. זאָל דאָ דערלויבט זיין צו ציטירן אַ טייל פון יענעם אַרטיקל:

„קיין בר־דעת וועט היינטצוטאָג נישט באַהויפּטן, אַז מיליאָנען יידי־שע פּליטים וועלן קענען אַריינקומען קיין א״י תיכף נאָך דער מילחמה. אָבער ווען אַפילו דאָס וואָלט מעגלעך געווען, לאָמיר זאָגן, אַ דאַנק אַ באַזונדערער היסטאָרישער קאָנסטעלאַציע, וואָלט עס להלוטין נישט גע־

וווּנטשן געווען פון דעם רייך־ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. אויב א״י זאָל באמת פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ייִדישן שטאַט מיט אַ זעלבסטשטענדיקן עקאָנאָמישן לעבן, דעמאָלט מוז דער אויפבוי געשען אויף אַ סיסטעמאַטישן און זייער פאָרזיכטיקן אופן. דעמאָלט — אין דער מיט פון אַ צעשטערטער וועלט — קען זיך דער ערשט־געבוירענער שטאַט נישט דערלויבן צו ווערן פאַרפלייצט פון צעשראָקענע און צעבראָכענע ייִדן. דער כאַאָטישער צושטראָם פון מענטשן־מאַסן אָן שום ווירטשאַפטלעכער און גײַסטיקער צוגרייטונג (הכשרה!) וועט אַרונטערשווענקען די סאַמע יסודות פון ייִדישן לעבן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין צענדליקער יאָר. עס קען גראָד דעמאָלט אַרײַנברעכן יענער קריזיס, וואָס וועט צונישט מאַכן די באַמיונגען פון צוויי דורות״.

מען מוז הײַנט לײַדער באַשטעטיקן די יעניקע וואָרנונג. און די באַשטעטיקונג קומט פון אַ מענטשן וואָס איז געשטאַנען אויפן פּאָסטן אין משך פון דער לאַנגער קאָלאָניזאַציע אין א״י: פון משה סמילאַנסקי. מיט זײַן זעלטענעם מוט און ערלעכקייט אַטאַקירט ער (אין „הארץ״ פון 15־טן מאַי 1950) די פאַלשע איינריידעניש פון איצטיקן „קיבוץ־גליות״).

„ווי דערהויבן עס זאָל נישט זײַן די עליה, טראָגט זי אָבער נישט אין זיך די וויזיע פון קיבוץ גליות. די אַכט מיליאָן ייִדן וואָס זיצן אין אַמעריקע און רוסלאַנד, ווילן נישט און קענען נשט קומען און פאַרזאַמלען זיך אין אונדזער לאַנד...

אָפּזאָגן זיך פון גלות הייסט נישט נאָר אָפּזאָגן זיך פון די גלות־לענדער, נאָר אויך פון דעם גלות־לעבן אין זיי. אונדזער גלות־אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מיר זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון שעפערישן לעבן. אויב אַזאַ נישט־שעפעריש לעבן זאָל אָנגיין אויך אין אייגענעם פאָטערלאַנד, איז דאָס בשום אופן נישט קיין קיבוץ גליות. און די אַלע וואָס קענען נישט שאַפן פאַר די נײַע עולים קיין באַדינגונגען פון שעפערישער אַרבעט זיי העלפן נישט אין דעם קיבוץ גליות, נאָר אין דער קאָנצענטראַציע פון גלות אין אונדזער פאָטערלאַנד״.

עס איז געוואָרן קלאָר וואָס פאַר אַ גוואַלטיקע עקאָנאָמישע געפאַרן לויערן אויף ישראל אויב דער כאַאָטישער שטראָם פון עולים וועט נישט ווערן רעגולירט. נישט געקוקט אויף דעם האָט מען גענומען אָרגאַניזירן די „יציאת איראַק״, ד״ה אַ מאַסנהאַפטע עמיגראַציע פון ייִדן פון אַ לאַנד, אין וועלכן זיי זײַנען געווען פאַר אומצייליקע דורות פאַרוואָרצלט און שטאַרק. דער פּראָצעס פון זייער אַנטוואָרצלונג און אײַנאָרדענונג אין ישראל מוז קאָסטן אַ ים מיט געלט וואָס איז נישטאָ. דער זייער פאַרלעסלעכער קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל״, י. קימכי, האָט מיטגעטיילט בשעתו, אַז די טראַנספּאָרטאַציע און אײַנאָרדענונג פון 80.000 איראַקער ייִדן ביזן סוף יאָר דאַרף קאָסטן צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר. דערבײַ ווייסט מען, אַז דער ייִדישער קיבוץ אין איראַק — צום אונטערשייד פון די תימנער ייִדן

— צייכנט זיך אויס מיט אַ הויכן פּראָצענט קרעמער, קליינע הענדלער, ביוראָ־אַרבעטער און פּראָפעסיאָנאַלן. 1) איז עס נישט קיין ווונדער וואָס די גאַנצע „אָפּעראַציע״ מיט איראַק האָט אַרויסגערופן שווערע גערדאַנקען אין ישראל גופא. „עס איז נישט קיין פּלאַנמעסיקע עליה, נאָר אַ לעגאַליזירטער פּרידלעכער „גרויש מיט רויב. סײַ די יידישע אַגענטור סײַ די רעגירונג פון ישראל האָבן געהאַנדלט אין דעם ענין אַביסל לײַכטזיניק און אָן אַ חשבון בנוגע די קאָנסעקווענצן״ — האָט, למשל, געשריבן דער ציוניסטישער פירער מאיר גראָסמאַן („טאָג״,4־טן יוני 1950).

אַזאַ מין „קיבוץ גליות״ איז שעדלעך פון דער עקאָנאָמישער זײַט. ער איז אָבער נאָך מער שעדלעך פון דער פּאָליטישער זײַט וואָס נעמט אָן אין אונדזערע טעג דעם גרויזאַמען פּנים פון מיליטערישער געפאַר. מיר ווילן דאָ נישט ריידן גענויער וועגן אָט די פּאָליטישע געפאַרן, ווײַל מיר אַלע האָבן זיי שטענדיק פאַר אונדזערע אויגן. אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז די פּאָליטיש־מיליטערישע סכנה פאַרשטאַרקט זיך צוליב דעם שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס וואָס באַהערשט שוין ישראל און האַלט אין איין וואַקסן מיט דעם פּלאַנלאָזן צו־שטראָם פון עולים.

און פונדעסטוועגן האָט ביז איצט נישט אויפגעהערט אין אַלע יידישע ישובים די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון אַוועקגיין, אַנטלויפן, אַריבערטראָגן זיך קיין ישראל, אונטער דעם וואויל־קלינגענדיקן לאָזונג: קיבוץ גליות.

## — ב —

און פּלוצים איז פון ישראל געקומען אַ גרויס נײַעס בנוגע אָט דער פראַגע. בן־גוריון האָט דעם 22־טן יולי געמאַכט אַ ביז גאָר וויכטיקע דערקלערונג בײַ דער קאָנפערענץ פון אַלע ישראל־דיפּלאָמאַטן פון אויסלאַנד. עס איז נאָר צי־שטוינען וועגן דעם אומגעהויערן פאַקט, וואָס די גאַנצע „גרויסע״ יידישע פּרעסע דאָ אין אַמעריקע האָט פּשוט פאַרשוויגן און פאַרבאַהאַלטן די דאָזיקע בן־גוריונס דערקלערונג. (ווײַזט אויס, אַז די ישראל־רעגירונג שטייט אונטער דער באַזונדערער צענזור פון די ניו־יאָרקער צײַטונג־רעדאַקטאָרן). און אפשר האָט מען עס פאַרשוויגן טאַקע דערפאַר ווײַל יענע דערקלערונג איז וויכטיק און איפּטרייסלנדיק פאַר דעם יידישן עולם. דעם ווײַטערדיקן באַריכט פאַרדאַנקען מיר דערפאַר דעם ענגלישן „דזשואיש כראָניקל״ פון 28־טן יולי.

„בן־גוריון האָט שאַרף קריטיקירט יענע שליחים פון דער יידישער אַגענטור און דער רעגירונג וואָס גייען אַרום און פּריידיקן אַן אומבאַ־שרענקטע אַנוועגדונג פון דער איצטיקער אימיגראַציע־פּאָליטיק. ער האָט זיך באַזונדערס געווענדט קעגן יענע שרײַבער און שליחים, וואָס זאָגן די יידן אין ענגלאַנד, אין צפון־ און דרום־אַמעריקע, אַז זיי זאָלן געדענ־

1) ״יידישער קעמפער״ פון 10־טן מאַרץ 1950.

קען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די דײַטשע ייִדן און זיי זאָלן זיך דערפאַר אויך צוגרייטן. דאָס איז — האָט ער דערקלערט — פּולשטענדיקער שטות".

דערנאָך האָט ער געזאָגט צו די דיפּלאָמאַטן, אַז פון איצט אָן מוז די אימי־גראַציע ווערן אַן אָ פּ גע קל י ב ע נ ע (סעלעקטיוו), אויב נישט קיין דירעקט־באַשרענקטע. דער שטראָם פון אימיגראַנטן זאָל נישט אויפגעפּייטשט ווערן אָן שום נייטיקייט. די לאַגע איז אַזאַ — האָט ער אויפגעקלערט זײַנע צוהערער — אַז עס זענען איצט פאַראַן צוויי הויפּט־גרופּן פון ייִדן מחוץ ישׂראל:

„די ערשטע גרופּע איז דער גלות, ד"ה די ייִדן, פאַר וועלכע עס איז נישט פאַראַן קיין צוקונפט אין זייערע לענדער און וועלכע מוזן קומען קיין ישׂראל. דאָס נעמט אַריין די ייִדן פון די אַראַבישע שטאַטן, פּערסיע, צפון־אַפריקע און פון מיזרח־אייראָפּע. זיי זענען אויף דעם ערשטן פּלאַץ ווײַל זיי קענען נישט וואַרטן.

די צווייטע גרופּע ייִדן זענען פון די תפוצות. אַט די ייִדן פון אַמע־ריקע, ענגלאַנד אָדער אַרגענטינע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין זייערע לענדער און אין ייִדישן לעבן בכלל. דאָרטן איז נישטאָ קיין אײַ־לעניש און קיין מורא, אַז זייער לאַגע זאָל זיך ענדערן. דערפאַר — האָט בן־גוריון אונטערשטראָכן — ווײַל גאָר נישט די ישׂראל־רעגירונג, אַז די דאָזיקע ייִדישע ישובים זאָלן ווערן ליקווידירט אָדער אָפּגעשוואַכט".

מיר הערן דאָ צום ערשטן מאָל די שטים פון פאַרזיכט און ישוב הדעת בנוגע יעדער אומבאַשרענקטער אימיגראַציע קיין ישׂראל וואָס האָט זיך אָנגערופן „קיבוץ גליות". די רעגירונג פון ישׂראל האָט גענומען פאַרשטיין צו וועלכע גע־פאַרן עס האָבן דערפירט די אומפאַראַנטוואָרטלעכע רייד פון די שליחים, אַמבאַ־סאַדאָרן, קאָנסולן און „קאַזיאָנע" פּובליציסטן. זי וואָרנט, אַז מען זאָל נישט בויען ישׂראל אויפן חורבן פון די ייִדישע וועלט־ישובים.

פונדעסטוועגן איז די דערקלערונג אויך איצט נישט קלאָר. דער אונטערשייד וואָס בן־גוריון מאַכט צווישן גלות־ייִדן און תפוצות־ייִדן, איז נישט איבערצײַגנדיק. אויב עס איז ריכטיק, אַז מען טאָר נישט „ליקווידירן" און אָפּילו אָפּשוואַכן די פעסטע ייִדישע ישובים אין די אַמעריקעס, (הגם גראָד די ייִדן וואָלטן געוועזן אַממייסטן געוואונטשן פאַר דעם אויפבוי פון ישׂראל), פאַרוואָס זאָל מען עס טאָן מיט די ייִדן פון די מיזרח־לענדער? וואָס איז דער נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער חשבון ביים אַריבערברענגען מאַראָקאַנער, פּערסישע, איראַקישע ייִדן אין דעם לאַנד ווו עס הערשט אַן עקאָנאָמישער קריזיס און ווו הונדערט טויזנט עולים פאַרברענגען די טעג אין די לאַגערן? מען זאָגט אַז זיי „מוזן קומען קיין ישׂראל ווײַל זיי קענען נישט וואַרטן". אָבער — אַזאַ צושטאַנד פון פאַרצווייפלטער בהלה־עמיגראַציע ווערט דאָך ביי די מיזרח־ייִדן געשאַפן פון די זעלביקע ציוניס־טישע שלוחים וואָס בן־גוריון האָט אָקערשט פאַרדאַמט בנוגע אַמעריקע. אויב די מצווה פון קיבוץ גליות איז נישט הל אויך אויף די מיליאָנען אײַנגעפונדעוועטע ייִדן אין די אַמעריקאַנער לענדער, דעמאָלט פאַרוואַנדלט זיך די גאַנצע אידעע

אין אַ פיקציע. דעמאָלט טאָר מען נישט אין איר נאָמען טרייסלען די יסודות פון דער ייִדישער וועלט און ישראל בתוכם.

— ג —

דאָס ייִדישע פאָלק קען זיך אָבער דערמיט נישט באַרויִקן. די שטורמישע וועלט־לאַגע דערמאָנט אונדז, אַז עס איז מעגלעך צו דערוואַרטן נײַע גרויסע כוואַ־ליעס פון ייִדישע וואַנדערער פון אייראָפּע. גלײַכצײַטיק ווערט קלאָר (אויך פון די וואָרנענדיקע רייד פון בן־גוריונען), אַז ישראל קען נישט באַוואָרענען מיט אַ רויִקן ווינקל די אַלע מעגלעכע ייִדישע וואַנדערער. אויב אַזוי, איז פאַראַן נאָר איין לאָגישער אויספיר צו וועלכע די ייִדישע עפנטלעכקייט מוז זיך צוגעוווינען באַצײַטנס: מען מוז זוכן און געפינען נײַע געזיכערטע היימען פאַר אונדזער פאָלק. די פאָדערונג פון „פרײַלאַנד” ווערט ווידער אַרויפגעצווונגען אויף אונדזער פאָלק, און הלוואי זאָל עס פאַרשטאַנען ווערן בעסער ווי אין די יאָרן פאַר יענער מילחמה.

ווער ווייסט, אפשר איז די לאַגע אין אייראָפּע הײַנט צו טאָג ענלעך צו דער, ווי זי איז געווען אין די יאָרן 1937-38. דעמאָלט האָט מען קוים פאַר־שטאַנען דעם פאַרנעם פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך גערוקט אויף אונדז. זענען מיר דערפאַר דעמאָלט געבליבן נישט־צוגעגרייט און הילפלאָז פנים אל פנים מיט דעם גרויסן אומגליק. אַזאַ צושטאַנד טאָר זיך נישט ווידערהאָלן אין אונדזער שווער־געפּרוווטער צײַט; מיר מוזן פאָרויסזען און צוגרייטן זיך על כל צרה שלא תבוא.

לאָמיר האָבן דערבײַ אין זינען דעם פאַקט, אַז — צוליב אַנדערע סיבות — האָבן די פירנדיקע מלוכות (אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך) לעצטנס אָנגעהויבן צוגרייטן אַ פּלאַנירטע באַוועגונג פאַר עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. די אַדמיניסטראַציע פון דעם מאַרשאַל־פאָנד האָט דעם 16־טן יולי אַסיגנירט 1.200.000 דאָלאַר אויף אָנצופירן מיט דער עמיגראַציע פון די איבער־באַפעל־קערטע לענדער פון מערב־אייראָפּע. די „אינטערנאַציאָנאַלע לייבאָר־אָרגאַניזאַציע” (אַלס פאַרטרעטערן פון די פאַריינ. מלוכות), וועט פירן אַן „אויספאָרשונג וועגן דער צאָל און די פאַך־קענטענישן פון די מענטשן וואָס ווילן עמיגרירן. גלײַכצײַטיק וועלן אויסגעפאָרשט ווערן די „אימיגראַציע־לענדער” צו באַשטימען זייערע מעג־לעכקייטן אויפצונעמען עמיגראַנטן וועלכע מען וועט אויסבילדן פאַר אַרבעט פון קאָלאָניזאַציע”.

דאָס איז אַ נײַעס אין דער וועלט־פּאָליטיק, וואָס האָט לײַדער נישט עקזיס־טירט אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מילחמה, בעת ייִדן פון פּוילן און אייראָפּע בכלל האָבן זיך פאַרצווייפלט געוואָרפן נאָך רעטונג אין אַלע זײַטן. דאָס ייִדישע פאָלק טאָר נישט פאַרבײַגיין אָדער פאַרנאַכלעסיקן אָט די נײַע מעגלעכ־קייט פון צוגרייטן באַצײַטנס ארץ מקלטס. עס וואָלט געווען אַ נאַציאָנאַלער פאַר־

ברעכן ווען מיר וואָלטן געגליבן דערצו גלײַכגילטיק צוליב דער האָפענונג אויף קיבוץ גלויות אין ישראל. קיין איין מלוכה, ווי שטאַרק זי זאָל ניט האָבן געווען, האָט זיך נישט געראַטעוועט מיט איין איינציקער „מאַזשינאָ ליניע" פון פאַרטיידיקונג. אויך מדינת ישראל טאָר נישט אין די הײַנטיקע גרויליקע צײַטן — פאַרלאָזן זיך נאָר אויף דער איינציקער מאַזשינאָ־ליניע אין ישראל.

מוז מען זיך ווענדן צו די פעלקער מיט דער פאָדערונג אויסצוטיילן אַ חשובן חלק פון זייערע פינאַנסן און טעריטאָריעלע פלענער פאַר אונדזער פאָלק. מען טאָר נישט דערלויבן די פעלקער פון דער וועלט זיך צו באַפרײַען פון זייער בלוטיקער התחייבות לגבי ייִדן מיט דעם אויסרייד, אַז זיי האָבן שוין „געלייזט די ייִדישע פראַגע" אין ישראל. זייער חוב — נאָך יענע יאָרן פון אומקום — בלײַבט באַשטיין הײַנט צו טאָג פונקט אַזוי קלאָר און שאַרף ווי דעמאָלט. די שולד וועט זײַן אונדזערע ווען מיר וועלן זיי דערלויבן עס צו פאַרגעסן.

„דאָס ייִדישן פאָלק הערט נישט אויף צו עקזיסטירן נאָר דערפאַר ווײַל עס איז געלונגען צו שאַפן אַ ייִדישע פּאָליטישע נאַציע אין אַן אייגענעם שטאַט" — זאָגט מיט רעכט בצלאל שערמאַן. אַט דאָס פאָלק מוז איצט — איידער אַ וועלט־שטורעם ברעכט אויס — פּראָקלאַמירן זײַן פאָדערונג אויף זיכערע קאָלאָניזאַציע־פלעצער פאַר זײַנע וואַנדערער. וואָס מער פאַראַנטוואָרטלעכע ייִדישע אָרגאַנען וועלן אַרויסקומען דערמיט, אַלץ מער שאַנסן וועט זײַן, אַז די פאָדערונג זאָל געהערט און פאַרשטאַנען ווערן. די „פ ר ײַ ל אַ נ ד - ל י ג ע" מוז שטיין אויפן פּאָסטן צו דערמאָנען און דורכזעצן אָט די פאָדערונג פון דעם ייִדישן גורל.

(„אויפן שוועל", סעפּטעמבער 1950).

# דרײַ אינסטרומענטן פון ייִדישן פאָלק

## — א —

פאַריקן סעפּטעמבער איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען די באַראַטונג פון דער פרײַלאַנד־ליגע. די אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג האָבן נאָך אַ מאָל געשטעלט פאַר זיך די פראַגע: צי איז די אַרבעט פון „פרײַלאַנד" נויטווענדיק, צי האָט די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג פאַר זיך אַ באַרעכטיקונג? מיט גרויס אחריות האָבן זיי דורכגעטראַכט די אַלגעמיינע ייִדישע לאַגע, אויף דעם הינטערגרונט פון די וועלט־געשעענישן און באַזונדערס פון דער אַנטוויקלונג אין ישראל. נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת האָט די באַראַטונג געגעבן איר כמעט אײַנשטימיקן ענטפער: ניין, ישראל קען נישט פאַרענטפערן אין אַ קאָנסטרוקטיוון אופן דעם גאַנצן פּראָבלעם פון ייִדישער היימלאָזיקייט; די אַרבעט פון דער פרײַלאַנד־ליגע מוז נישט נאָר פאָרגעזעצט, נאָר אויך פאַרשטאַרקט ווערן אין די אינטערעסן פון אונדזער

פאָלק. ווײַל עס איז נישט פאַראַן קיין אײנאײנציקע, טאָטאַלע לייזונג פון דער ייִדישער היסטאָרישער נויט; זי קען געלייזט ווערן נאָר אויף פארשיידענע וועגן.

וואָס מער עס גייט די צײַט, אַלץ מער ווערט קלאָרער, אַז אין זײַן גרעסטן פאַר דעם קיום האָט דאָס ייִדישע פאָלק — צוליב דער קאָמפּליצירטקייט פון זײַן לאַגע אין דער וועלט — אויסגעאַרבעט פארשיידענע אינסטרומענטן. קיינער ווייסט נישט וועלכער פון די דאָזיקע קיום־אינסטרומענטן וועט זיך אין לעצטן סוף אַרויס־ווײַזן פאַר דעם סאַמע געזונטן, פרוכטבאַרן און זיכערן. די אַנטשיידונג וועט גע־מאַכט ווערן אין די שפּעטערדיקע צײַטן פון דער געשיכטע. אונדזער דור אָבער וואָס שטייט אויפן שוועל פון גרויסע, אומבאַרעכנבאַרע אַנטוויקלונגען, מוז אָנער־קענען, אַז עס איז נישטאָ קיין איין וועג אין דער איצטיקער ייִדישער ווירקלעכקייט אויף וועלכן מען זאָל קענען זאָגן, אַז ער איז דער איינציקער וועג צו דער ייִדישער צוקונפט.

אָט איז, ראשית כל, דער מלוכהש־מיליטערישער וועג אויף וועלכן עס האָט זיך געשטעלט ישראל. לאָמיר באַצייכענען דעם אויפקום און די עקזיס־טענץ פון דער מדינת ישראל אַלס דעם מלוכהש־מיליטערישן אינסטרומענט פון אונדזער פאָלק אין קאַמף פאַר זײַן קיום. הײַנט, נאָך דרײַ יאָר פון גרויסער דער־פאַרונג מיט דער מדינה, קען מען ריידן וועגן דעם מיט רויִקער קלאָרקייט. עס איז געווען פאַרשטענדלעך די טיפע באַגײַסטערונג פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן פאַר דעם אויפקום פון מלכות ישראל, באַזונדערס נאָך דער תקופה פון מאָרד און פאַרניכטונג. די מאַסן האָבן געגלייבט, אַז זיי האָבן באַקומען אין זייערע הענט אַ נײַעם, אומגעווײנלעך שטאַרקן כלי־זיין וואָס וועט שאַפן פאַר זיי זיכערקייט אין אַ וועלט פון וועלף און גזלנים, און וועט דערהייבן זייער נאָמען און כבוד לגבי אַ וועלט פון שונאי ישראל. מען האָט פאַר טויזנטער יאָרן נישט געהאַלטן אין האַנט אָט דאָס מלוכהשע געווער, אָט דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן כוח, — מוז ער איצט איבעראַנדערשן אין סאַמע תוך די גאַנצע לאַגע פון ייִדישן פאָלק און ייִדישן יחיד אין דער וועלט...

אָבער נאָר די שבעת־ימי־משתה קומען, ווי געוויינטלעך, די פּראָזאַאישע טעג פון זאָרג פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט. מדינת ישראל האָט נישט געהאַט קיין לײַכט לעבן אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. און הײַנט־צו־טאָג שטייט זי איז אַ פאַר־צווייפלטן קאַמף פאַר איר עקאָנאָמישן ווי־לזײַן, פאַר דער שאַפונג פון אַ געזיכערטן ווירטשאַפטלעכן יסוד. מיר אַלע — סײַ אין ישראל סײַ מחוץ לארץ — זענען עדות פון אָט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף בײַ וועלכן מען מוז ציילן דעם ביסן אין מויל און דעם דאָלאַר פון דרויסן. מען פרעגט זיך צען מאָל אַ טאָג: האָט עס געמוזט קומען דערצו, מוז טאַקע דער מלוכהשער דרך פירן צו אַזאַ צושטאַנד? און צען מאָל אַ טאָג קומט אויף דער ענטפער: עס האָט נישט געמוזט קומען דערצו, עס וואָלט געקענט זײַן אַנדערש, ווען ישראל וואָלט נישט געשטאַנען אין שאָטן פון אַ שטענדיקער מילחמה־געפאַר. די אויסן פּאָליטישע לאַגע פון ישראל האָט געבראַכט דערצו, אַז מדינת ישראל מוז זײַן „שטאַרק",

באוואפנט, אנגעשטרענגט ביז צום העכסטן גראד. אין לאנד הערשט אן אטמאָ־ספער פון מילחמה־גרייטשאפט, און די יידישע פאָלקס־דערציִער דערקלערן: אלע ישראלים זענען סאָלדאטן; „די שול דאַרף פאַרשאפן דעם קינד אלע ידיעות, וואָס ליגן אין דעם באַגריף פון סאָלדאט".

ביי אזא לאגע ווערט פאַרפעסטיקט אין לאנד אן ענגהאַרציקער מלוכהשער נאציאָנאליזם, א בלינדע ליבע צו דעם „אייגענעם" אויסגעמישט מיט פיינטשאפט צום פרעמדן. די אלטע עכט־יידישע גײַסטיקע פאַרבונדנקייט מיטן פאָלק ווערט פאַמעלעך פאַרוואַנדלט אין יענער וולגאַר־נאציאָנאלער פסיכאָלאָגיע וואָס האָט רויִנירט שוין אזוי פיל פעלקער. אט האָט, למשל, אקערשט דאָס „פאָלק" פון סאָוועטישן מיזרח־דײַטשלאנד געגעבן זיך א נאציאָנאלן הימן, פאַרפאַסט פון דעם קאָמוניסט האַנס אייזלער. הערט זיך צו צו די ווערטער:

„אויפגעוואַכט פון די רויִנעס, מיטן פנים צו דער צוקונפט,
לאָמיר דינען דײַטשלאנד, געאייניקט פאָטערלאנד, מיט אלץ וואָס מיר קענען,
פאַראייניקט וועלן מיר באַצווינגען אונדזערע נויטן,
דערפירן דערצו, אז די זון, שענער ווי פריִער, זאָל שײַנען איבער דײַטשלאנד.
א פרײַער דור וועט אויפקומען,
דײַטשע יוגנט, דו וועסט ווערן דאָס נײַע לעבן פון דײַטשלאנד,
און די זון, שענער ווי ווען נישט איז פריִער, וועט שײַנען איבער דײַטשלאנד."

אזעלכע באַגײַסטערטע און פאַלשע רייד ווערן געזונגען אין דעם נאַציִשן לאנד, פון די געוועזענע נאַציִשע מענטשן. נישטאָ דאָ קיין אטעם פון סאָציאלן געוויסן, פון וואַרעמקייט צו מענטש און מענטשהייט. דער בליקער פאַטריאָטישער מאַנטל פון „דײַטשלאנד" פאַרדעקט אלע זינד און פאַרברעכן. הערנדיק אזעלכע רייד לאָמיר זיך היטן, אז „נאציאָנאליזם" און „פאַטריאָטיזם" בכלל זאָלן נישט פאַרפלייצן די נשמות פון אונדזער פאָלק אין ישראל.

געוויס מוז א מלוכה, וואָס שטייט אין געפאַר, אָרגאניזירן איר שוץ, האַלטן די גערדאַנקען פון פאָלק וואך צו דער סכנה. אָבער עס איז קיין מאָל נישט שפעט צו פאָרשן און צו פאָרשן וועגן א וועג צו א פאַרשטענדעניש מיט די שכנים, כדי אראָפּצונעמען דעם בלײַערנעם מיליטערישן יאָך פון די קעפּ. ערשט דעמאָלט וועט זיך עפענען דער וועג צו א נאָרמאלער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, סײַ אין לאנד גופא, סײַ אין פרידלעכן אויסטויש מיט די שכנישע פעלקער. ערשט דעמאָלט וועט די ישראל־יוגנט צוריקקומען צו א יידיש־שעפערישן גײַסטיקן לעבן.

אָבער אזעלכע געדאַנקען דרינגען אַרײַן שווער אין די קעפּ פון א פאָלק, וואָס איז ערשט איצט אַרויף אויפן דרך פון מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט. פאַר טויזנטער יאָרן האָבן מיר נישט געהאַט די דערפאַרונג פון אייגענע מלוכהשע און מיליטערישע נויטן. וויזט אויס, אויך אונזער פאָלק, וואָס האָט זיך אזוי פיל אנגעזען דערפון בײַ די אומות העולם, מוז ווידער א מאָל דורכמאַכן די זעלביקע שמערצלעכע דערפאַרונג כדי צו באַגרײַפן די גרענעצן און די סכנות פון אלע מלוכות אין דער איצטיקער היסטאָרישער צײַט.

עס איז קיין צווייפל נישט, אַז די אויגן פון אַלע אָן אויסנאַם יידישע פאָלקס־שיכטן באַגלייטן מיט טיפסטער אויפמערקזאַמקייט די שריט פון דער יידישער מדינה. אָבער — גלײַכצײַטיק פאַרשטייען מיר, אַז זי קען נישט ווערן דער איינ־ציקער וועג פון יידישער דערלייזונג. זי איז אַ נײַער, שטאַרקער אינסטרומענט אין אונדזער פאָלקס־לעבן, אָבער זי איז נישט מער ווי איין אינסטרומענט אין קאַמף פאַר דער צוקונפט.

— ב —

דער צווייטער אינסטרומענט איז דער קולטור־נאַציאָנאַלער. עס זענען פאַראַן באַדײַטנדיקע פאָלקסגרופּן אין אַלע לענדער וואָס גלייבן, אַז די צו־קונפט פון יידישן פאָלק מוז פאַרפעסטיקט ווערן דאָרט, וווּ עס לעבט און שאַפט. אַ טייל פון דער פרומער יידישער וועלט לעבט און ווירקט פאַקטיש אין דעם דאָזיקן גײַסט, האָבנדיק פאַר זיך די רעליגיעזע אידעע פון „מלא כל הארץ כבודו". אָבער די קלאָרסטע פאָרמולירונג פון דעם געדאַנק, אַז די יידישע מאַסן דאַרפן בלײַבן לעבן אויף אַן אָרט, אָט דאָ, וווּ זיי זענען קאָנצענטרירט און אַנטוויקלען אַ פאָלקסלעבן, האָט געגעבן דער „בונד".

די פאַרטרעטער פון דעם דאָאיקייט־געדאַנק זענען הײַנט צו טאָג נישט ווײַ־ניקער איבערגעגעבן און געטרײַ צו דעם יידישן גורל ווי די מלוכהש־באַגײַסטערטע יידן. אָבער זיי זוכן צו פאַרפעסטיקן די צוקונפט מיט אַנדערע מיטלען, ראשית כל, דורך אַן ענגער פאַרבינדונג מיט יענע פּראָגרעסיווע סאָציאַלע כוחות פון דער מענטשהייט צו וועלכע עס געהערט די צוקונפט. די גאַראַנטיעס פון אַ זיכערן קיום פאַרן יידישן פאָלק זוכן זיי נישט אין אַן אייגענעם מלוכהשן געבוי, נאָר אין דער סאָציאַלער און גײַסטיקער סאָלידאַריטעט מיט די אָרומיקע פעלקער.

ווי אָבער זאָל מען אויפהאַלטן די אינערלעכע גאַנצקייט און אייגנאַרטיקייט פון יידישן לעבן, ווען עס איז אַרומגענומען מיט אײַזערנע —עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע— קייטן פון די פעלקער, מלוכות, ווירטשאַפטן, אין וועלכע מען לעבט? ווי זאָל זיך דאָס פאָלק אַנטקעגנשטעלן די כוואַליעס פון אַסימילאַציע און גײַסטי־קער אויסלייידיקונג וואָס קומען פון די אָרומיקע מעכטיקע קולטורן? דער ענטפער איז: מען זאָל זיך באַוואָפענען מיט יידישע קולטור־נאַציאָנאַלע כלי־זין; מען זאָל אויסבויען אַ מעכטיקן אייגענעם בנין פון יידישער שפּראַך, קולטור, שול־דערציִונג, ליטעראַטור און קונסט. יידישע שפּראַך און יידישע שול זאָלן זײַן די בײַדע שטאַרקע אָרעמס מיט וועלכע אונדזער פאָלק זאָל אי אָפּווענדן דרויסנדיקע פאַרניכטונג־פּראָצעסן אי ווײַטער בילדן אַ שעפערישע יידישע קולטור.

עס איז קיין צווייפל נישט, אַז אין אונדזערע פאָלקס־מאַסן איז נאָך פאַראַן אַ ים מיט כוחות אויף אויפצוהאַלטן און אויפצובויען גײַסטיק דאָס פאָלק. נישט נאָר דער עלטערער און דער עלטערן־דור פאַרמאָגט זיי אין שפע, אָבער אויך די יוגנט וואָלט זיך אָפּגערופן מיט קראַפט און וואַרעמקייט ווען זי דערשפּירט נאָר אַן עכטן ברייזנדיקן ווילן צו מעשים, צו פאַרווירקלעכונג. די יידיש־פאָלקסטימלעכע

קרייזן זענען פאַראַן, אָבער זיי ליגן אין אַ מין הינגער־פּלעט וואָס שוואַכט אָפּ זייער גלויבן אין זיך אַליין. זאָלן זיי נאָר וועלן, און זיי קענען דערוועקן אויף דער יידישער גאַס אין דער גאָרער וועלט אַ ריכטיקן קולטור־רענעסאַנס וואָס וועט פאַרכאַפּן און באַגייסטערן מיליאָנען. דערצו מוזן מיר אַלע שטרעבן אָן שום באַוואָרעניש. און פונדעסטוועגן — וואָלט עס געווען אַ היסטאָרישער טעות צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דער געפאַר וואָס לויערט אויף אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן אין דער גרויסער וועלט. מען קען נישט האָפן אָפּצושטופּן די כוואַליעס פון אַסימילאַציע מיט קול־טור־אינסטיטוציעס און שאַפונגען אַליין. מיר און אונדזערע קינדער זענען עקאָ־נאָמיש איינגעגלידערט אין דעם סיסטעם פון יעדן לאַנד; מיר ציִען די חיונה, ד״ה דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, פון דער ווירטשאַפט און די פרנסה־צווייגן פון דעם אַרומיקן פאָלק. זיין שפּראַך און לעבנס אַרט, זיין קולטור און פּאָליטיק ווירקט מיט טויזנט קאַנאַלן אויף אונדזער יוגנט. נישט ווייסנדיק און ווילנדיק ווערט מען אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גרויסן און אָפט פרייינטלעכן אַרום. מוז די יידישע קולטור ווערן אַ זייער מעכטיקע פעסטונג כדי פערמאַנענט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם דרייפאַכן אָנשטורעם פון דרויסנדיקער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק און קולטור.

עס איז שווער צו גלייבן, אַז מיט דעם כוח פון קולטור־ווילן, פון ק ו ל ט ו ר י ז ם אַליין קען מען באמת אויפהאַלטן די נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידאַציע פון פאָלק. פון זיך אַליין דרינגט זיך אַרויף דער געדאַנק, אַז כדי „קולטור" זאָל ווערן אַ פאַקטאָר פון דערהאַלטונג, מוז זי זיין פאַרבונדן מיט אַ לעבעדיקן מאַטעריעלן יסוד: מיט אַ טעריטאָריעלן באָדן אונטער די פיס און מיט עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט פון יידן. עס איז נישט גענוג, אַז יידן זאָלן געאָגראַפיש זיין קאָנצענטרירט אין אַ פּלאַץ (ווי למשל אין די גרויסע שטעט פון אַמעריקע). עס האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן זייער מאַסע און צאָל, נאָר אויך וועגן זייער עקאָנאָמישער געבונדנקייט אין טעגלעכן לעבנס־סדר. אויף אַזאַ געאָגראַפיש־עקאָנאָמישן באָדן ווערט די יידישע קולטור אַ לעבנס־קולטור, מיט אומבאַגרענעצטע פּרות און זאַפטן. זי בלייבט נישט הענגען אין לופטן, געהאַלטן נאָר פון הערןאישע באַמיִונגען פון די אויסדערוויילטע.

דער קולטור־נאַציאָנאַלער אינסטרומענט פון אונדזער פאָלק איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער מלוכהשער. ער מוז גראָד איצט פאַרשטאַרקט ווערן אין דער גרעסטער מאָס, כדי צו ברענגען צוריק אויף די פיס די פאַרחלשטע, כדי אויפצורייסן די אויגן דער יידישער רעזיגנירטער יוגנט. אָבער — די אָנהענגער פון ד ע ם דרך מוזן געדענקען אַז, ערשטנס, איז עס נישט קיין ענטפער אויף דער נויט פון אונדזערע וואַ נ ד ע ר ע ר וואָס זענען פאַראַן און וועלן נאָך זיין. פאַר זיי איז לײדער נישטאָ קיין קלאָרע „דאָאיקייט"; זיי זוכן ערשט אַזאַ פּלאַץ אין דער וועלט וווּ זיי זאָלן קענען אויסרופן: מיר זענען דאָ, און, צווייטנס, אפילו פאַר די איינגעוואָרצלטע תושבים פון די לענדער שטייט אין איר פולער גרויס די פראַגע: ווי היט מען אָפּ מיט יידיש־קולטור דעם גורל פון יידישן פאָלק?

## — ג —

דערפֿון וואַקסט אַרויס די נויטווענדיקייט פֿון אַ דריטן קיום־אינסטרומענט:
דעם פּ ר ײַ ל אַ נ ד י ס ט י ש ן. עס זענען פֿאַראַן אַ סך קרײַזן, וואָס גלייבן,
אַז דער טעריטאָריאַליזם האָט הײַנטצוטאָג פֿאַרלוירן יעטוועדע פּראַקטישע באַ־
דײַטונג. זיי ווילן דערמאָנען, אַז די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג האָט שטענ־
דיק נאָכגעפֿאָלגט ווי אַ שאָטן דעם ציוניזם, און אַז איצט, ביי דער ציוניסטישער
פֿאַרווירקלעכונג, מוז ער נאַטירלעך פֿאַרשווינדן פֿון דער וועלט. דער אמת איז
אָבער פֿאַרקערט: די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם אין א״י האָט בולט אַנטפּלעקט
די גרויסע מעגלעכקייטן, אָבער אויך די נישט קלענערע באַשרענקונגען פֿון קאָלאָ־
ניזאַציע אין ישׂראל. אונטער די געגעבענע היסטאָרישע און געאָ־פּאָליטישע באַ־
דינגונגען קאָן ישׂראל נ י ש ט פֿאַרענטפֿערן אין דער פֿולער מאָס די נויט פֿון
דעם ייִדישן פֿאָלק. וואָס ווײַטער אַלץ קלאָרער וועט עס ווערן פֿאַר אונדזערע
מאַסן, באַזונדערס פֿאַר די וואַנדערער צווישן זיי. ביי אַזאַ לאַגע טרעט אַרויס
דער טעריטאָריאַליזם פֿון דעם שאָטן אין וועלכן עס האָט אים געהאַלטן די ייִדישע
געשיכטע, און ער ווערט אַ זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזם און מאַרשירט אין דער
ווײַטערדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

דער פּרײַלאַנד־געדאַנק טרעט נישט אַרויס אין פּרינציפּ קעגן די צוויי אַנדערע
אינסטרומענטן פֿון פֿאָלק־דערהאַלטונג. ער אָנערקענט מיט אַ טיפֿן ערנסט די
נויטווענדיקייט און די מעגלעכקייט פֿון אַקטיוון, זעלבסטשטענדיקן און שעפֿערישן
לעבן אין דער ברייטער ייִדישער וועלט פֿון די תּפֿוצות ישׂראל. אָט די וועלט
לעבט נישט „אין דעם זכות״ פֿון ישׂראל, און זי איז נישט קיין הינטערלאַנד פֿאַר
דער בליונג פֿון דעם איינציקן ייִדישן צענטער: מדינת ישׂראל. דערפֿאַר וועט
דער פּרײַלאַנד־ייִד טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך כּדי צו סטימולירן און באַוועגן
פֿאָרויס די קולטור־נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבן פֿון פֿאָלק אומעטום, אויפֿן יסוד פֿון
קלאָרער, אומפֿאַרפֿעלשטער פֿאָלקסטימלעכקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אָבער דאָס איז דעם פּרײַלאַנד־ייִד נישט גענוג בעת ער זוכט צו פֿאַרפֿעס־
טיקן דעם באָדן אונטער די פֿיס פֿון זײַן פֿאָלק. ער זעט די געפֿאַרן פֿון דעם
שטענדיקן קולטור־צוזאַמענשטויס מיט דעם מעכטיקן אַרום, און ער וויל באַוואָ־
רענען דעם קיום פֿון פֿאָלק דורך אַ טעריטאָריעלן באַזיס און אַן עקאָנאָמישן אָרגאַ־
ניזם. אין אָט דער הינזיכט שטייט דער פּרײַלאַנד־געדאַנק נאָענט צו דער פּיאָ־
נערישער און קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט פֿון ציוניזם. אָבער ווידער אַ מאָל, וואָס
ער זוכט איז אַ ב אָ ד ן אונטער די פֿיס, און ניט קיין פֿײַער־שפּײַענדיקן באַרג.
מיט דעם גאַנצן האַרצן אָנערקענט דער פּרײַלאַנדיסט אַלץ וואָס איז געטאָן גע־
וואָרן און ווערט געטאָן אין א״י פֿאַר אַ פֿרידלעכער קאָלאָניזאַציע, פֿאַר דער
איינוואָרצלונג פֿון אונדזערע היימלאָזע אין געזונטער ערד־אַרבעט, פֿאַר דעם אויפֿ־
בוי פֿון סאָציאַל־גערעכטע לעבנס־פֿאָרמען, פֿאַר דער דערלייזונג פֿון דער געפּײַ־
ניקטער ייִדישער נשמה. אָבער דער פּרײַלאַנדיסט וויל נישט און קען נישט צו־

נויפּמישן אָט די נאַציאָנאַל און מענטשלעך קאָנסטרוקטיווע אויפטועָן מיט די מ ל ו כ ה ש ־ מ י ל י ט ע ר י ש ע אַמביציעס און מעשים פון אַ מדינה. צוליב אַזעלכע אַמביציעס ווערט אָנגעפירט אַ כאַאָטישע מאַסן־אימיגראַציע קיין ישראל, וואָס טראָגט נישט קיין קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער נאָר אַ ריין־סטראַטעגישן און פּאָליטישן. צוליב די אַמביציעס ווערט נישט אײַנגעשטילט דער האַס פון די אַרומיקע פעלקער, און די גיפטיקע אײַנפלוסן פון דעם האַס טראָגן זיך אַריבער אין דער ייִדישער געזעלשאַפט פון ישראל גופא. דער באָדן אונטער די פיס פון ייִדן הייבט אָן ווידער צו וואַקלען זיך אויך דאָרטן.

דערפאַר וואַקסט אָרגאַניש אַרויס די באַדערפעניש נאָך נײַע ייִדישע קאָנצענטרירטע ישובים. דער ייִדישער וואַנדערער שטייט אויך ווײַטער אויף דער נאַקעטער גאַס פון דער וועלט און זוכט אַ מקום מקלט. מען קען אים נישט באַרויִקן מיט דעם טעאָרעטישן ענטפער פון דאָאיקייט, ווײַל זײַן „דאָ" איז אַ באַוועגלעכער, אַ דינאַמישער. מען מוז אים ערשט העלפן אַרויסצוגעפינען און צו אָרגאַניזירן זײַן דאָ. פאַר אונדזערע אויגן קומט דער דאָזיקער פּראָצעס פאָר אין אַ ריי לענדער: אין קובאַ, אין מעקסיקע, אין אורוגווײַ, אין אויסטראַליע. מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק זענען דאָרטן געווען איינצל־ייִדן, הײַנטצוטאָג זענען עס לעבעדיקע ייִדישע ישובים. זיי ווערן מיט דער צײַט מיטהעלפער און מיטטראָגער פון ייִדישן וועלט־גורל. אָבער די אַלע ישובים קומען אויף און אַנטוויקלען זיך כמעט סטיכיש, אָן וועלכן נישט איז קאָנסטרוקטיוון פּלאַן.

פאַר וואָס זאָל נישט אַרײַנגעבראַכט ווערן אין דער סטיכישער ייִדישער וואַנדערונג דאָס ליכט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּלאַנירונג? פאַר וואָס זאָלן נישט געבויט ווערן נײַע ישובים אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן אויסמײַדן די שווערע, אָפט אומדערטרעגלעכע שטרויכלונגען פון דער אַרומיקער אַסימילאַציע און דער אינערלעכער אומגעזונטער סטרוקטור? אָט דאָס איז דער געדאַנק פון פרײַלאַנד: אַ פרידלעכער, פּראָדוקטיווער, ייִדיש־פאָלקסטימלעכער ישוב, אַ ישוב וואָס זאָל שטיין אין דעם אינטימסטן צוזאַמענהאַנג מיט דעם ייִדישן וועלט־פאָלק, ישראל אײַנגעשלאָסן. אין אַזאַ ישוב אָדער ישובים וועלן געפינען זייער צוקונפט נישט נאָר אונדזערע היימלאָזע ברידער, נאָר אויך די פאָלקס־קולטור וועלכע איז הײַנט אַזוי פאַרלאָזט און כמעט היימלאָז; אויך יענע מאָראַלישע פאָלקסווערטן וואָס ווערן פון טאָג צו טאָג צוריקגעשטויסן און כמעט היימלאָז.

— ד —

דאָ זענען דערמאָנט געוואָרן ד ר ײַ אינסטרומענטן פון פאָלקס־קיום. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז עס זענען פאַראַן אַנדערע. ווי זאָלן זיי אַלע אָנגעווענדט ווערן, אין וועלכן מאָסשטאַב און אין וועלכער פּראָפּאָרץ? וואָסערע פון זיי זענען ביליכער און דאַרפן פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ? וואָלטן מיר פאַרמאָגט אַ ייִדישע וו ע ל ט ־ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, ווו אַלע אויפגאַבן

וואָלטן באַהאַנדלט געוואָרן צוזאַמען, וואָלט מען אפשר געקענט פאַראייניקן אַלע קאַמפּס־אינסטרומענטן אין איין גרויסער פּראָגראַם. די נויטווענדיקייט פון אַזאַ וועלט־אָרגאַניזאַציע איז פאַראַן; הײַנט נאָך דער גרינדונג פון דער מדינת ישראל מער ווי ווען נישט איז פריער. אַלע די וואָס אָנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ ייִדישן וועלט־פאָלק און זאָרגן פאַר דעם „קיום האומה", וועלן מוזן קומען צום אויספיר, אַז אַזאַ ייִדישער וועלט־פּאַרלאַמענט מוז געשאַפן ווערן, כדי די עכטע שטים פון פאָלק זאָל געהערט ווערן אין דער וועלט. (דער איצט פונקציאָנירנדי־קער „ייִדישער וועלט־קאָנגרעס" קען אָט די מיסיע נישט אויספירן, אָבער ד ע ר ענין פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע באַטראַכטונג!)

אָבער — ביז אַזאַ ייִדישער פאָרום וועט געשאַפן ווערן, וועלן די פאַרשיידענע שיכטן פון אונדזער פאָלק מוזן גיין אויף זייערע פאַרשיידענע וועגן, באַנוצנדיק זיי ווי די בעסטע אינסטרומענטן אין דעם געראַנגל פאַר דער צוקונפט. קיינער פון אונדז ווייסט נישט דעם מזל פון די מעגלעכע ייִדישע היסטאָרישע מאַרשרוטן. אָבער זיי זענען מאַרשרוטן וואָס מען קען נישט פאַרלייקענען. און עס איז די פליכט פון יעדן אין פאָלק, וואָס האָט אויסגעוויילט זײַן וועג, אַרײַנצולייגן אין דעם זײַן גאַנצן גלויבן, זײַן גאַנצע לײַדנשאַפט און אַקטיוויטעט. ווײַל נאָר אויף אַזאַ אופן ווערן די וועגן פון אַ פאָלק אויסגעפּרובירט אין דער געשיכטע. מיר, וואָס גייען אויפן דרך פון פ ר ײַ ל אַ נ ד, וועלן דערפאַר אויך מיטן גאַנצן כוח פון איבערצײַגונג קעמפן פאַר אָט דער גרויסער ייִדישער אידעע, פאַר איר זעלבסטשטענדיקייט און פּלאַץ אין ייִדישן לעבן, פאַר אַ וואָס שנעלערן אָנהויב פון איר פאַרווירקלעכונג.

(„אויפן שוועל", נאָוועמבער 1950).

**עפּילאָג**

# וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, וואָס מיר האָבן געוווּנען

— 1 —

זעכציק יאָר איז, פאַרשטייט זיך, אין דער וועלט־געשיכטע אַ צו קורצער שטח אויף צו מאַכן גרויסע אויספירן. אָבער די לעצטע 60 יאָר — אין וועלכע די „פרייע אַרבעטער שטימע" האָט געווירקט — האָבן אַרויסגעבראַכט פון זיך אַזעלכע פונדאַמענטאַלע געשעענישן אַז מען קען אָט דעם צייט־שפּאַן באַטראַכטן ווי איינעם פון די סאַמע רדאַמאַטישע אין דער מענטשהייט. מאַכנדיק אַן איבערבליק איבער אָט־די יאָרן וואָס האָבן געזען דעם סוף פון 19טן יאָרהונדערט און אַ פולע העלפט פון 20טן, קען מען זיך אפילו שטעלן די פראַגע וועגן דער סאַמע עקזיסטענץ און צוקונפט פון דער אייראָפּעיש־אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. היינטצוטאָג שטייען מיר פנים אל פנים פאַר אַזעלכע דערשיטערונגען אַז מען מוז זיך פרעגן: האָט די ציוויליזאַציע אַ שאַנס איבערצולעבן איר קריטישן פעריאָד אָדער זי מוז גיין באַרג אַראָפּ? אין דיביידע וועלט־מילחמות און בעת די טיפע סאָציאַלע און ראַסן־רעוואָלוציעס — האָט די מענטשהייט פאַרלוירן נישט מער ווי איינצלנע עפּיזאָדישע *שלאַכטן*, אָדער זי האָט בכלל פאַרלוירן דעם גרויסן היסטאָרישן *קאַמף* פאַר איר באַפרייונג?

מיר ווייסן ווי פּעסימיסטיש אָדער, בעסער געזאָגט, סקעפּטיש די מייסטע דענקער פון אונדזער צייט זענען. עס איז כמעט אַן אָנגענומענע מיינונג אַז אין דער געשיכטע וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונדזערע אויגן, גייט אָן אַ טאָפּלדיקער אַנטאַגאָניסטישער פּראָצעס. פון איין זייט, אַן אומענדלעכער, ממש באַרוישנדיקער *פאָרשריט* פון דער טעכנאָלאָגישער וויסנשאַפט; פון דער אַנדערער זייט, אַ שאַרפע און סיסטעמאַטישע *ירידה* פון דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון דער מענטשהייט. אַ גלייכצייטיקע פּאַראַלעלע באַוועגונג פון צוויי אייזנבאַן־צוגן וואָס איינער לויפט רעשדיק פאָרויס, דער אַנדערער אויף צוריק.

די רעאַליטעט שיינט צו געבן גערעכט אָט דעם טרויעריקן אַנאַליז פון דער ווירקלעכקייט. טויזנטער פאַקטן פון אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן שטורעמען אויף אונדז צו באַווייזן ווי עס דערנענטערט זיך אַן עפּאָכע פון העכסטן טעכנישן פּראָגרעס און טיפסטער מאָראַלישער געפאַלנקייט: דאָס בילד פון טשינגיס־

כאַן מיט דער אַטאָם־באָמבע אין דער האַנט! זאָל דאָס באמת זײַן דער ענדגילטיקער סך־הכל פֿון די לעצטע 60 יאָר?

אָבער דאָ שטעלט זיך פֿאַר אונדז די פֿראַגע: ווי אַזוי קומט מען בכלל צו צו אַ סך־הכל? וועלכע מעטאָדע זאָל מען דערבײַ אָנווענדן כדי נישט אַרײַנפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון עמאָציאָנעלע טרײַב־קרעפֿטן: צי דאָס איז מרה שחורה צי אַן איבערגעטריבענער קולטור־ענטוזיאַזם? זאָל מען פּשוט מאַכן אויספֿירן פֿון די אומצייליקע, זיך ווידערשפּרעכנדיקע *פֿאַקטן*: איינצל־פֿאַקטן און דערשײַנונגען פֿון פּריוואַטן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן? צי וועט מען נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן אָט אין דעם כאַאָס פֿון פּאָזיטיווע, נעגאַטיווע, נייטראַלע מיליאָנען פֿאַקטן.

עס שײַנט, אַז מען מוז באַנוצן אַן אַנדער מעטאָדע: נישט איינצל־פֿאַקטן דאַרף מען זוכן, נאָר *ווערטן* ד״ה יענע גײַסטיקע עלעמענטן אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, וועלכע הייבן זיך אַרויס פֿון דעם ים פֿאַקטן; וועלכע פֿאַרקערפּערן אין זיך די גרונט־טענדענצן און דעם קאָלעקטיוון אינהאַלט פֿון מענטשלעכן לעבן און שאַפֿן; וועלכע שטייען ווי די עמודי אש אויף דעם היסטאָרישן וועג פֿון דער מענטשהייט. אין יעדער עפּאָכע, בײַ יעדן פֿאָלק אַרבעטן זיך אויס — דורך דער שוואַרצער פּראַצע און דורך דער איידעלער שאַפֿונג — אַזעלכע ווערטן, אָדער גאַנצע ווערט־סיסטעמען, וועלכע ליפֿערן דעם מאַסשטאַב אויף אָפּצושאַצן: *וווּהין* גייט די צײַט און דאָס פֿאָלק? און עס פּאַסירט זייער אָפֿט, אַז בעת די קוואַנטיטעט פֿון פֿאַקטן ווײַזט אָן אויף איין ריכטונג, אַנטפּלעקט די קוואַליטעט פֿון ווערטן אַן אַנדער ריכטונג. פֿאַקטן, למשל, פֿאַרבן די עפּאָכע אין שוואַרץ בעת די געשאַפֿענע ווערטן גיבן איר אַן אַנדער באַלײַכטונג; פֿאַקטן שילדערן דעם סטאַטישן צושטאַנד פֿון לעבן אין אַ געוויסן מאָמענט, בעת ווערטן זענען די אָנווײַזן אויף דינאַמישער אַנטוויקלונג להבא.

לאָמיר נעמען אַלס בײַשפּיל אַ גרויס היסטאָריש געשעעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען טאַקע אין אָט די זעכציק יאָר: די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אַלע זענען הײַנט — אין 1951 — פֿאַרוואָרפֿן איבערן קאָפּ מיט די אויפֿטרייסלענדיקע און צו פֿאַרצווייפֿלונג טרײַבנדיקע פֿאַקטן פֿון דער דיקטאַטאָרישער אויסראָטונג פֿון דער רעוואָלוציע. עס וואָלט אָבער געווען אַ טיפֿער לאָגישער און מאָראַלישער טעות ניט אַרויסצוזען פֿון אָט דעם סכום ביטערע פֿאַקטן יענעם גרויסן *ווערט* וועלכער האָט אַרויסגעשײַנט פֿון דער רעוואָלוציע און האָט פֿון איר געמאַכט אַ ווענדפּונקט אין דער וועלט־געשיכטע. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט און געגומען פֿאַרווירקלעכן די אָפּשאַפֿונג פֿון פּריוואַט־אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען. זי האָט היסטאָריש באַוויזן אַז — אויפֿן שטח פֿון גוואַלטיקן לאַנד — *קען* דער פּרינציפּ פֿון פּריוואַט־אייגנטום און די מיט אים פֿאַרבונדענע עקספּלאָאַטאַציע אָפּגעשאַפֿט ווערן לטובת אַ קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפֿט. געוויס איז דער פּרינציפּ פֿאַרקריפּלט און דעגענערירט געוואָרן דורך דעם באָלשעוויזם. — אָבער דאָס, וואָס איז איינמאָל אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער וועלט.

ב ל י ב ט לדורות. אפילו ווען אַ שטערן פון הימל פאַלט אַראָפּ גאָר נידעריק צו דער ערד, לאָזט ער הינטער זיך אַ שטראַלנדיקן פּאַס פון ליכט.

## — 2 —

אויב מען זאָל שאַצן די דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט לויט די פאַר־שיידענע ווערטן פון קולטור, מוז מען ביי זיך, ראשית־כל, באַשליסן ו ו ע ל כ ע ווערטן זאָלן גענומען ווערן אין באַטראַכט. כדי ניט פאַרלוירן צו ווערן אין דער גרויסער מאַסע פון קולטור־ווערטן וועלכע ווערן אויפגעשפּייכערט אין די פאַר־שיידענע צייטן און סביבות, דאַרף מען פּרווון אויפשטעלן אַ רייען־פאָלגע פון אַזעלכע ווערט־סיסטעמען וואָס זענען מער־ווייניקער אָנגענומען פון דעם מענטש־לעכן באַוווסטזיין. עס וועט זיין גענוג פאַר אונדזער צוועק אויב מיר וועלן אָוועק־שטעלן אין אַ ריי פ י נ ף אַזעלכע ווערט־גרופּעס וואָס זענען באַקאַנט דעם מענטש פון דער היינטיקער תקופה. דאָס זענען: די פיזיש־עקאָנאָמישע גרופּע; די אינטעלעקטועל־וויסנשאַפטלעכע; די עסטעטיש־קינסטלערישע; די מאָראַלי־שע; און די מעטאַפיזיש־רעליגיעזע.

א) די ווערטן פון פ י ז י ש ן און ע ק אָ נ אָ מ י ש ן ווילזיין זענען אַממייסטן נאָענט און פאַרשטענדלעך פאַר דעם מענטש ווי ער זאָל ניט זיין. ער דערקענט און שאַצט אָפּ אַמלייכטסטן די דערגרייכונגען אויף אָט דעם געביט פון גשמיות, פון דער לעבנס־מאַטעריע. פאַר די לעצטע 60 יאָר זענען טאַקע פאָרגע־קומען ווונדערבאַרע ענדערונגען צום גוטן אין יענעם ברייטן פעלד וואָס נעמט אַרום דעם מענטשנס ג ע ז ו נ ט. מען באַקעמפט זיכערער פאַרשיידענע קראַנק־הייטן, מען האָט זיך אויסגעלערנט די חכמה פון פּרעווענטיווער מעדיצין, מען פאַרלענגערט די דויער פון מענטשלעכן לעבן, מען פאַרלייכטערט זיינע פיזישע ווייטיקן. מען האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו אָט־די אַלע דערפאָלגן אַז מען נעמט זיי אָן ווי „נאַטירלעך". מען האָט פאַרגעסן ווי עס האָט אויסגעזען דאָס געזונט־פּראָבלעם איידער עס זענען געקומען די געלערנטע כישוף־מאַכער: פּאַסטער, ער־ליך, וואַסערמאַן, פרויד, מעטשניקאָוו, וואַקסמאַן. דאָס מענטשלעכע לעבן אַלס גרונט־לייגנדיקער ווערט פון קולטור און זיין דערהאַלטונג איז אומגעהייער אויס־געוואַקסן, און די ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון זענען באַרוישנדיק (נישט געקוקט אויף די וואַקסנדיקע פאַרניכטונג־אינסטרומענטן).

נישט ווייניקער גרויס זענען די דערגרייכונגען אויף דעם פעלד פון טעכניש־עקאָנאָמישער טעטיקייט. ניט געקוקט אויף די סאָציאַלע איבלען פון אונדזער צייט, קען מען ניט מאַכן צו קליינגעלט די גוואַלטיקע שינויים אין דעם מאַטעריעל־עקאָ־נאָמישן מצב פון די סאַמע ברייטע פאָלקסשיכטן. די אָרעמקייט פון מיליאָנען וועלכע איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט דערנידערונג און שאַנד, ווערט בהדרגה־דיק אָפּגעשאַפט. כדי צו פאַרשטיין צו וועלכער מדרגה פון עקאָנאָמישן ווילזיין די אַרבעטער זענען דערגאַנגען אין די לעצטע 60 יאָר, איז גענוג צו פאַרגלייכן

עס מיט דעם מיזעראַבלען צושטאַנד פון די „אַרבעטנדיקע קלאַסן אין ענגלאַנד" פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, ווי פרידריך ענגעלס האָט עס באַשריבן. די טעכנישע דערפינדונגען און די נייע קאָמערציעלע מעטאָדן האָבן אַריינגעבראַכט אין באַדער סאַמע שטוב פון דעם האָרעפּאַשנעם מענטשן און דער פרוי אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן און דערלייכטערונגען, וועגן וועלכע מען האָט פריער ניט געקאָנט אַפילו חלומען. נישט נאָר איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער אַכט־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, נאָר מען טראַכט שוין רעאַליסטיש וועגן אַ דרייסיק־שעהדיקער וואָכן־אַרבעט. אַ נייער שטראָם פון מאַטעריעלן און קולטורעלן וווילשטאַנד גיסט זיך אַריין אויך אין דעם פאַרלאָזטן פּויערים־דאָרף.

עס איז שווער צו לייקענען אַז אַט די ווערטן פון מענטשלעכן לעבן — אויפוויפל זיי דריקן זיך אויס אין פיזישן געזונט און עקאָנאָמישן וווילשטאַנד — האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן. אמת, זיי שטייען נישט אַליין, אָפּגעזונדערט אין דעם קאָמפּליצירטן געוועב פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; זיי ווערן באַווירקט און זייער אָפּט דערדריקט פון די אַנדערע טענדענצן. דאָך האָבן זיי אַלס אייגנווערטן בייגעשטייערט דערצו אַז דער מענטש גייט אַלץ מער אַוועק פון דער פיזישער פאַרצווייפלונג, ד"ה בלינדער געבונדנקייט צו דער נאַטור, און פון דער גייסטיקער דערנידערונג וואָס קומט פון אַ לעבן אין שאַנד און שקלאַפעריי.

ב) אַ באַזונדער געביט זיינען די ווערטן פון וויסנשאַפטלעך־לערנערישן כאַראַקטער. זיי גייען אַריין אין יענעם סיסטעם פון מענטשלעכער שעפערישקייט, וווּ דער הויפּט־אינהאַלט איז די זוכעניש נאָך אמת, דאָס שטרעבן צו קלאָרן פאַרשטענדעניש פון זיך און פון דער וועלט. צי האָט זיך אין דעם לעצטן שאָק יאָרן די וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש גערוקט פאָרויס? אַוודאי. עס זענען געשען גרויסע זאַכן אין דער אַנטפּלעקונג פון די נאַטור־סודות. מען האָט ווייטער שטודירט די פאַרהוילענע געזעצן פון דער געזעלשאַפט און פון דער מענטשלעכער נשמה. דער נאָמען איינשטיין סימבאָליזירט מיט זיך אַליין צוויי כוחות פון שעפערישקייט: אי דעם רעבעלישן גייסט פון צעשטערן דאָס פריערדיקע בילד פון אוניווערז, אי דעם קאָנסטרוקטיוון גייסט פון בויען אַן אַנדער וועלט־בילד. איינשטיין איז גלייכצייטיק דאָס קלאַסישע ביישפּיל פון אָן־פּניות־דיקער אמת־זוכעניש. סיי ער סיי אַ ריי פון זיינע מיטאַרבעטער און פאָרגענגער האָבן אויפגעדעקט דעם סוד פון אַטאָמישער ענערגיע נישט צוליב וועלכע ניט איז סטראַטעגיש־פּאָליטישע צוועקן, נאָר כדי צו באַרייכערן די מענטשלעכע דערקענטעניש און באַזאָרגן די מענטשהייט מיט נייע מיטלען פון פרידלעכער אויפבוי־אַרבעט.

עס איז שווער צו דערגרייכן אַזעלכע מדרגות אויך אין סאָציאַלע וויסנשאַפטן, וועלכע קענען זיך נישט פאַרמעסטן צו ווערן אַזוינס ווי אַ „סאָציאַלע פיזיק" אָדער אַסטראָנאָמיע. אָבער עס איז אָנגעגאַנגען אין די אַלע יאָרן אַ פאַרטיפטע פאָרשונג פון די קאָמפּליצירטע דערשיינונגען פון סאָציאַלן לעבן. אויב עס זיינען ניט

אויפגעקומען קיין אבסאָלוט אָריגינעלע דענקער אויף דעם געביט, איז אָבער די שעפערישע פאָרשונג פאַרגעזעצט געוואָרן אויף די וועגן אָנגעצייכנט פון מאַרקסן, פון קראָפּאָטקין, פון לאַווראָוון, פון גוסטאַוו לאַנדויערן. די פאָרשונג האָט אָבער געהאַט אַ באַזונדערע מעלה דערפאַר, וואָס זי איז גלײַכצײַטיק אויסגעפּרובירט געוואָרן אין די רעאַלע געשעענישן פון די שטורעמדיקע יאָרצענדליקער: אין די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעוואָלוציעס, אין די וועלט־מילחמות, אין די אויפגעקומענע שווארצע שיטות פון פאַשיזם און נאַציזם. פון אָט־די אין אומ־געהייערע לײַדן געטובלטע געשעענישן וועט די טעאָריע פון סאָציאַלער דערקענ־טעניש אַרויסקומען מיט נײַע אידעען און אויסבליקן.

גלײַכצײַטיק איז טיף אַרײַנגעדרונגען אין די סודות פון דער מענטשלעכער נשמה די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט פון זיגמונד פרוידן און זײַנע מיט־אַרבעטער. די וועלט פון אונטערבאַוווּסטזײַן, וועגן וועלכער די דיכטער און די נביאים האָבן אַמאָל געהאַט אָנונגען, איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער שײַן פון דערווירקלעכקייט, ברענגענדיק מיט זיך אי פּײַן אי היילונג צו דעם לײַדנדיקן מענטשן. די נײַע דערקענטעניש וועט זאָגן איר וואָרט אין די דעליקאַטע געביטן פון דערציונג, פון מענטשן־באַציונגען, פון קולטור איבערהויפּט. — נישט נאָר ווערן אַזוי אָרום געשאַפן אָן אַ שיעור דערקענטעניש־ווערטן אין אַלע געביטן פון וויסן, נאָר אונדזער צײַט זעט פאַר זיך אויך אַ ווײַט־פאַרצווײַגטע, אינטערנאַ־ציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט פון וויסנשאַפטלער: דורך אינטערנאַציאָנאַלע לאַבאָראַ־טאָריעס, צײַטשריפטן, קאָנגרעסן. ניט נאָר אין אַלע ווינקלעך פון דער וועלט גייט אָן די פאָרשונג פאַר דעם וויל פון דעם מענטשלעכן מין, נאָר דער מענטש־לעכער מין אַליין אַרבעט געמיינזאַם פאַר דעם דאָזיקן צוועק. באַזונדערס בולט און דערהייבנדיק ווײַזט זיך די קאָלעקטיווע אַרבעט אַרויס אין די שטענדיקע מע־דיצינישע לאַנד־ און וועלט־קאָנגרעסן.

געוויס וואָלט עס געווען אַן אומזין צו פאַרגעסן וועגן דעם ווי אומפאַרשעמט און געוויסנלאָז דאָס מענטשלעכע וויסן ווערט מיסברויכט פאַר אַנטי־הומאַנע צוועקן. מען קען במעט זאָגן אַז דער מיסברויך גייט נאָך ווי אַ שאָטן יעדן שריט וועלכן די וויסנשאַפט מאַכט פאָרויס, און דער שאַרפסטער באַווײַז איז ווידער אַמאָל די אַטאָמישע ענערגיע. נישט נאָר אין די „שפּיצן פון דער געזעלשאַפט" קומט פאָר די אַנטהייליקונג פון די הויכע דערקענטעניש־ווערטן; אויך אין די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג ווערן זיי אַנטהייליקט. עס קומט אויף — אַ דאַנק דער צוטריטלעכקייט פון דעם געדרוקטן וואָרט — אַ שיכט פון האַלב־געבילדעטע מענטשן, וועלכע טרעטן אויף אין נאָמען פון אַ שונד־וויסנשאַפט. אין אַזעלכע שיכטן אַנטוויקלט זיך אַ פּוסטע גאווה און זעלבסט־צופרידנקייט מיט די „דערוונגענשאַפטן"; מען באַרופט זיך אויפן כוח פון שכל און פאַרנונפט, און מען מאַכט צו קליינגעלט די אַנדערע ניט ווייניקער וויכטיקע גײַסטיקע כוחות פון מענטשלעכן מהות. אַ פאַרפלאַכונג נעמט זיך אויסשפּרייטן איבער דער כלומרשט „ראַציאָנאַליסטישער" וועלט.

און דאָך — די אַלע מיסברויכן און אָפּנייגן קענען ניט פּאַרדעקן פון אונדז דעם שטראַלנדיקן גאַנג פון דער ערלעכער און מיט מענטשן־ליבע אָנגעזאַפּטער וויסנשאַפט. זי טרעט אויס וועגן, זי שטעלט אויף ווערטן וועלכע פירן שוין הײַנט און וועלן נאָך ווײַטער פירן דעם מענטש צו זײַן אינערלעכער באַפרײַונג, צו אַ שעפערישן גורל אין דער צוקונפט.

— 3 —

ג) ווי אײדל און דערהייבנדיק זענען די ווערטן, וועלכע ווערן געשאַפן אין דעם ע ס ט ע ט י ש ־ק י נ ס ט ל ע ר י ש ן סיסטעם; יענע ווערטן וועלכע זענען אינטים פאַרבונדן מיט דעם שטרעבן צו שיינקייט, צו האַרמאָנישער גאַנצ־קייט, וועלכע ווייכן אויס די דירעקטע באַרירונג מיט די פּראַקטישע תכלית־צוועקן. אין אַלע דורות האָבן געלעבט מענטשן וועלכע האָבן געשטרעבט צו אָט־דעם „צוועקלאָזן" שעפערישן באַנעמען פון נאַטור און קונסט. אין אונדזערע צײַטן איז דער שטח פאַר אַזעלכע שטרעבונגען גוואַלטיק אויסגעוואַקסן. מיר ווילן דאָ נישט דערמאָנען די הערלעכע דערגרייכונגען אויף די געביטן פון ליטעראַטור און דיכטונג, פון מאָלערײַ און סקולפּטור, פון מוזיק און טעאַטער. מיר האָבן מער אין זינען די וואַקסנדיקע פעיִקייט פון דעם אַמאָל גײַסטיק דערנידעריקטן מענטשן צו געניסן די קונסט־ווערק און די נאַטור. אַ רײַכע עסטעטישע קולטור איז נישט נאָר יענע וועלכע קען אויפווײַזן אָביעקטיווע מײַסטערווערק פון מענטש־לעכע טאַלאַנטן, נאָר יענע אין וועלכער די גײַסטיקע אַטמאָספער איז אָנגעלאָדן מיט סוביעקטיוון קינסטלערישן שטרעבן און פאַרשטענדעניש פון די פּשוטע מענטשן.

וויכטיק איז, אַז זיי קענען זיך „פאַרטראַכטן" וועגן די העלדן און די קאָנפליקטן פון דער ליטעראַטור; אַז זיי קענען „אַרײַנקוקן" זיך אין די לײַוונטס פון בילדער און דראַמאַטישע סצענעס. וויכטיק איז וואָס דער יחיד ק ע ן באַהעפטן זיך, אַי־בערלעבן אין זיך, אויף זײַן אייגענעם שטייגער, די אידעען און וויזיעס פון די גרויסע קינסטלער. וויכטיק איז וואָס דער „קינסטלערישער פּאָטענציאַל" פון דעם יחיד וואַקסט אין אונדזער צײַט גוואַלטיק, אַ דאַנק די מוזעען, אויסשטעלונגען, ביבליאָטעקן, טעאַטערס און קאָנצערטן. און נישט ווייניקער וויכטיק איז וואָס אָט דער יחיד ק ע ן איצט לײַכטער צוקומען צו דער נאַטור און צו דער לאַנדשאַפט אויב ער וויל נאָר באַקענען זיך מיט איר און דער אומאויספירלעכער פּראַכט פון דער גרויסער וועלט.

אמת, אויך דאָ לויפט דער שאָטן הינטער דער ריינער אַנטפּלעקונג פון קונסט. די מאָדערנע שטאָט האָט אויך געשאַפן די פאַלשע „קונסט", די מאַסאָווע קונסט־פאַבריק וועלכע אַרבעט מיט געפעלשטע אידעען און געפאַרבטע געפילן. אין די מאַסאָווע פּראָדוקטן פון שונד ליגט די קאָרופּציע פון דער ערלעכער קונסט. האָט זיך אין דעם יחידישן „געניסן" פון קונסט־לעבן אַרײַנגעריסן ביליקייט, איינטאָ־ניקייט, געשמאַקלאָזיקייט. דערצו העלפט מיט דער משוגענער „טעמפּ" פון גרויס־

שטאָטישן לעבן ווען עס בלײַבט נישט קיין צײַט פאַר קאָנצענטרירן זיך אויף וועלכן נישט איז ערנסטן גײַסטיקן ענין. און דאָך, ווידער אַמאָל, די גרויסע קינסטלערישע ווערטן זענען פ אַ ר אַ ן און זיי האָבן זיך אומבאַמערקט אײַנגעקריצט אין די נשמות פון אומצייליקע מענטשן, — אויך אין די לעצטע יאָרצענדליקער. ווי נאָר מיר זאָלן אָנהייבן דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ טאָלסטאָי אָדער אַ ראָמאַן ראָלאַן אָדער איבסן, — אַ וואַלד מיט ברענענדיקע און לײַכטנדיקע נעמען וועלן אונדז אַרומנעמען פון אַלע זײַטן. די וועלט וועט זיך אָנפילן מיט קלאַנגען, וועט זיך אויספּוצן מיט פאַרבן, וועט זיך אַ הויב טאָן צו הויכן וואָס וועלן דערוואַרעמען די פאַראומערטע ערד.

ד) לאָמיר נאָר אויף איין אויגנבליק אָפּשטעלן זיך אויף דער מ ע ט אַ פ י ז י ש־ ר ע ל י ג י ע ז ע ר ספערע פון דעם מענטש. זי אַנטהאַלט אין זיך גײַסטיקע ווערטן פון אַ גאָר באַזונדערן מין. ווערטן וואָס קענען נישט פאַרמישט ווערן מיט די אַנ־דערע אונדז באַקאַנטע ווערט־סיסטעמען: מאָראַלישע, עסטעטישע, וויסנשאַפטלע־כע. די זעלישע איבערלעבונג פון די רעליגיעזע אידעען־געפילן און זייער טיפסטער אינהאַלט פאַרבינדן זיך מיט דעם באַגריף קדושה, הייליקייט. זיי זענען מייסטנס, לויט זייער נאַטור, יחידישע, אינדיווידועלע, מענטשלעכע ווערטן, הגם זיי קענען זיך פונאַנדערבליִען אין די קאָלעקטיווע רעליגיעזע צערעמאָניעס און אַסאָציאַציעס. דער מענטש אין אַלע צײַטן זוכט צו דערגרונטעווען זיך צו די לעצטע אמתן אין זײַנע באַציִונגען צו מענטשן, צו נאַטור, צום לעבן און טויט, צו גאָט, צו זיך אַליין. — און ער פאָרמולירט אָדער אַנט עס אין זײַנע רעליגיעזע טראַכטענישן.

עס איז שווער צו זאָגן צי אין אָט די גרונטלייגנדיקע לעבנס־ווערטן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דער לעצטער עפּאָכע. מיר ווייסן פון אַמאָ־ליקע תקופות ווען נביאים, אמת־זוכער און מאַרטירער האָבן געפירט אַ רעליגיעז לעבן און זענען „אַרומגעגאַנגען מיט גאָט". אָבער עס איז קיין ספק נישט, אַז אויך אין אונדזער גרויסער און גרויזאַמער צײַט האָבן געלעבט און לעבן עד היום אומצייליקע מענטשן, וועלכע האָבן פון די סאַמע טיפענישן פון זייער אַקטיווער לעבנס־האַרעוואַניע גערופן צו גאָט: „ממעמקים קראתיך ה'"... מיר ווייסן, אַז אין דעם גוואַלטיקן מאַרטירערטום פון יידישן פאָלק אונטער היטלערן האָבן אומצייליקע יידישע מענטשן זיך באַשיצט קעגן די פײַערן פון טויט מיט דעם שילד פון זייער אייביקער אמונה. בעת די נשמה האָט געהאַלטן ביים אויסגיין, איז אין זיי לעבעדיק געוואָרן דער כוח פון אַ נשמה יתרה. די אַנונג פון קדושה איז אפשר דער סאַמע אומזיכטבאַרער און דער סאַמע שטאַרקער עלעמענט, וואָס האַלט צוזאַמען די אין זיך צעריסענע און טראַגישע פיגור פון מענטש און מענטש־הייט.

ה) מיר טרעטן צולעצט אַרײַן אין דעם געפערלעכן סיסטעם פון די מ אָ ר אַ־ ל י ש ע ווערטן. עס איז אַ לאַבירינט אין וועלכן דער מענטשלעכער שכל קען זיך פאַרלירן, ווי ער ווערט צעריסן צווישן זײַן אינסטינקטיוון גלויבן אין גוטס און

די פאַרניכטנדיקע באַווײַזן פון דער ווירקלעכקייט. ווי זאָל מען זיך דאָ פונאַנדער־קלײַבן?

לאָמיר זיך דערלויבן אָנצוהייבן מיט „קליינע" דערשײַנונגען וועלכע דער־מאָנען אונדז וועגן דעם פּראָצעס צום גוטן. צי האָט זיך אין די לעצטע זעכציק יאָר עפּעס געענדערט אין דער באַציִונג פון דער געזעלשאַפט צו קינדער? צו פרויען? צו קראַנקע? צו גײַסטיק־פאַרלוירענע? צו פאַרברעכער? צו פרעמד־הויטיקע (שוואַרצע, ברוינע, געלע)? און ענדלעך צו אָרעמע און געפאַלענע? לאָמיר זיך פּרוּוון דערמאָנען ווי האָט מען באַהאַנדלט דאָס קינד אין די אַלטע סיסטעמען פון דערציִונג, אָדער די פרוי אין דער פון מענלעכן שטאָלץ באַהערשטער פאַמיליע, אָדער דעם פאַרברעכער אין געפענגעניש, אָדער דעם גײַסטיק־קראַנקן אין משוגעים־הויז. מאָראַלישע ענדערונגען זענען אַזוי טיף אַרײַנגעדרונגען אין דעם געוועב פון געזעלשאַפט, שטאַט און פאַמיליע, אַז מען האָט אויפגעהערט זיי צו באַמערקן. זאָל זײַן אַזוי, אָבער אין דעם חשבון פון מאָראַלישע ווערטן שטייען זיי אַלס סימבאָל פון וואַקסנדיקן ווערט פון מענטשלעכער חשיבות. דער שוואַ־כערער מענטש ווערט אויך איצט גערדיקט און פאַרשעמט, אָבער — עס איז פאַראַן אַ קאָלעקטיוו באַוווּסטזײַן, אַז עס געשעעט אים אומרעכט.

וויכטיק איז אויך, אַז די דערהייבונג פון זײַן חשיבות איז נישט געקומען ווי אַן אַקט פון חסד און רחמנות, נאָר מייסטנס ווי אַ פּועל יוצא פון דעם מענטשנס קאַמף פאַר זײַן ווערדע. נישט דאָס געפיל פון הכנעה און רעזיגנאַציע האָט באַ־הערשט די צענדליקער יאָרן זינט 1890, ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט די באַ־וועגונגען פון פּראָטעסט־רעבעליאָן־רעוואָלוציע. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אָראָפּגעריסן דעם הותם פון היי־ליקייט פון דעם סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום, און אַזוי אַרום פּראָקלאַמירט די סאָציאַלע רעהאַביליטאַציע פון דעם אָרעמען מענטשן (פּונקט אַזוי ווי די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע האָט אַמאָל אין שטורעם אָנערקענט זײַנע פּאָליטישע רעכט). אָבער אַ חוץ רעוואָלוציעס, האָבן די פאַרגאַנגענע 60 יאָר געזען ווי די אַרבעטער־קלאַסן האָבן זיך אומעטום פאַרבונדן צווישן זיך און זענען געוואָרן אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיי פריִער געקענט נאָר אַלס צעשאָטענע אַרבעטס־שקלאַפן. נישט געקוקט אויף אַלע דרויסנדיקע און אינערלעכע מפּלות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז זי פ אַ ר אַ ן אויף דער וועלט־אַרענע און פון איר אַליין הענגט אָפּ איר צוקונפטיקער פּראָגרעסיווער אײַנפלוס אויף דער וועלט.

און נאָך אַ „געהייליקטער" פּרינציפּ איז נכשל געוואָרן אין דער לעצטער 50־יאָריקער תקופה: דער באַגריף און דער פּרעסטיזש פון ש ט אַ ט. די קדושה פון מלכות ירום הודו איז געפאַלן נידעריק אין די פּאָליטישע קריזיסן און רעוואָ־לוציעס פון אייראָפּע. אמת, עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַר דער צײַט נײַע קלע־נערע נאַציאָנאַלע שטאַטן וואָס יעדער פון זיי זוכט צו פאַרשטאַרקן זײַנע מאַכט־פּאָזיציעס. אמת, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער מלוכות־וועלט הערשט אַ גוואַלטיקער רעש. דער מיליטעריש־פּאָליטישער כוח, דער דיפּלאָמאַטישער שווינדל, די נאַציאָ־

נאַל־פּאַטריאָטישע פּראָפּאַגאַנדע פּאַרטומלען די מענטשהייט. די אויפגעקומענע גבירים צווישן די שטאַטן באַדראָען מיט זייער „סוּווערעניטעט״.

און דאָך פילט מען אומעטום, אַז אַט די אַלע טומלדיקע דערשיינונגען האַלטן זיך נאָר מיטן כוח פון ... כוח. נישטאָ אין זיי און אַרום זיי די אינערלעכע איבערצייגונג פון „העכערן אמת״, פון גאָט־געזאַלבטער הייליקייט, פון געזיכערער צוקונפט. נישט די אַלט אייַנגעפונדעוועטע הערש־סיסטעמען, נישט די נייַ־אויפגעקומענע דיקטאַטורן זענען זיכער אין זייער קיום. מען פאָלגט זיי דערפאַר וואָס מען מוז פאָלגן, אָבער דאָס קריטישע באַוווּסטזיַין ווייסט אַז די מענטשהייט באַוועגט זיך צו אַ וועלט־געמיינשאַפט, אַז די איינצל־שטאַטן וועלן נישט קענען לאַנג אָפּשטופּן אַ קאָנטינענטן־ און וועלט־פאַראייניקונג פון „שטאַטן״, אַז די געשיכטע פירט צו אַן איבער־מלוכהשער, אינטערנאַציאָנאַלער סוּווערעניטעט.

נישט געקוקט אויף דער זעלבסט־פאַרהערלעכונג פון די שטאַטן און זייערע וואָרטפירער, שפּינט זיך אין די אומצייליקע צעלן פון דער געזעלשאַפט אַ נייַער געוועב פון מענטשלעכע, פּריַיהייטלעכע, אומאָפּהענגיקע, מאָראַליש־אינספּירירטע פּרינציפּן, אַנטקעגן דעם ברוטאַלן פּרינציפּ פון כל דאלים גבר („מאַכט איז רעכט״), דערהויבט זיך אין פאַרשיידענע לעבנס־געביטן דאָס מענטשלעכע **געוויסן** און געפיל פון כבוד. ער ווערט נאָך נישט געהערט אין דער אָפיציעלער עפנטלעכקייט. ער ווערט ניט דערהערט אין דעם ליאַרעם פון די „באָסעס״ פון דער געזעלשאַפט, אָבער דער מענטש און זיַין געוויסן זיַינען פאַראַן און זיי בויען אומזיכטבאַר זייער „מלוכה״. אַט האָבן מיר פּלוצים — אין סאַמע ברען פון אַ גיגאַנטישער מילחמה — דערזען ווי **שמואל זיגלבוים** האָט פריַיוויליק געוואָרפן זיַין לעבן אונטער די שטאָלענע רעדער פון דער מילחמה־מאַשין ... עס איז נישט אָפּצושאַצן דעם מאָראַלישן ווערט פון דעם מענטשלעכן געוויסן.

— 4 —

דאָס אַלץ — אויף דער פּאָזיטיווער זיַיט פון דעם מאָראַלישן בילד פון אונדזער צייַט. און אַלץ דאָס ווערט פּלוצים פאַרפלייצט מיט די באַטויבנדיקע בילדער פון מילחמות, פון פאַשיסטישע און נאַציִשע גרוילטאַטן, פון דעם בלוטיקן מבול פון היטלעריזם. און אַט שטייט פאַר אונדזערע אויגן די **יידישע** טראַגעדיע, אַט דער ברענענדיקער דאָרן אין דער מענטשהייט. געדענקען מיר ווי אין דער סאַמע מיט פון אַ פּראָגרעסיווער וועלט — האָט די היטלער־בעסטיע אויסגעראָטן אונדזער פאָלק, און די פּראָגרעסיווע וועלט האָט פּאַסיוו צוגעקוקט און געשוויגן. אַלע מאָראַלישע ווערטן, און צוזאַמען מיט זיי אויך די אַלע אַנדערע דערוואָרבענע קולטור־ווערטן, ווערן מיטאַמאָל נישטיק און קליין אין אָנבליק פון אַט דער מאָראַלישער קאַטאַסטראָפע. האָבנדיק פאַר זיך אַלע ווערט־סיסטעמען, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט אויבן, פרעגט זיך דער היַינטיקער מענטש: איז דאָ געווען דערפאָלג אָדער מפּלה? איז מען געגאַנגען פאָרויס, אויף צוריק אָדער שטייט מען

אויף אן ארט? וואס פאר א באטרעף האבן די אלע דערגרייכונגען אין געזונט און עקאנאמיק, אין קונסט און מעטאפיזיק, אין וויסנשאפט און פארשונג, אויב דאס מאראלישע פעלד איז פארווילדט און פארוויסט, אויב נישט נאר הינטער אונדז, נאר אויך פאר אונדז שטייט ווידער די סכנה פון מילחמות און פארניכטונג?

עס איז שווער אין אזא צייט צו באשטיין אויף אן אפטימיסטישן אויסבליק פאר אונדזער וועלט. עס איז אזוי לייכט אריינצופאלן אין א קהלת־שטימונג און מעלאנכאליש צו דערקלערן, אז די וועלט דרייט זיך ארום זיך און בלייבט אייגנטלעך אויף דעם זעלביקן פלאץ. און דאך האבן מיר דאס טיפע געפיל, אז די וועלט באוועגט זיך פ א ר ו י ס. מיר זעען די גוואלטיקע מאסשטאבן פון רשעות און טפשות ארום זיך, און דאך שיינען זיי צו זיין ווי די ליכטלעך, וואס האלטן ביים אויסלעשן זיך. אפט האט מען דעם איינדרוק ווי פון אן אויסגעלאסענעם בית המשתה: אין די לעצטע פארטאג־שעהן, אין געמיש פון צעווארפענע שפייזן און כלים, האלט מען נאך אין איין טרינקן און טרינקן. און דאך ווייסט מען, אז באלד וועט מען אויסראמען דאס צעהיצטע און הפקרדיקע הויז, מען וועט עפענען די פענסטער פאר דער פרישער מארגן־לופט, און א נייער ערלעכער טאג וועט זיך אנהייבן.

עס לעבט א גלויבן אין הארצן — א צעשראקענער גלויבן, אבער א שטארקער — אז מיר לעבן אין א תקופה פון אוניווערסאלע „חבלי משיח", אז וואס מיר זעען פאר זיך זענען די לעצטע אדער פארלעצטע אויפבראזן פון גרויזאמקייט און בלינדקייט, — ווייל זייער „זין" און באַרעכטיקונג זענען מער אין דער וועלט נישטא, ב ײ ק י י נ ע ם נ י ש ט. עס וועט טאקע קומען די צייט, און דער איינציקער בעזים פון געשיכטע וועט אויסראמען די שאנד פון דער מענטשהייט, און מען וועט זיך שפעטער אין די דורות וואונדערן ווי איז עס גאר מעגלעך געוועזן. אט אלע יענע קולטור־ווערטן אין די פינף ספערן וואס ארבעטן אין דעם מענטשן, ביודעים ובלא יודעים, שפייכערן אויף דעם כוח אויף איבערצואנדערשן די וועלט.

צי קען מען עס היינט אביעקטיוו „באווייזן"? ניין. אבער דער שליסל צו דער ענדערונג פון דער וועלט ליגט ביי דעם מענטשן אין דער נשמה. און דער לעצטער ענטפער אויף דער פראגע: האט די מענטשהייט געוווּנען אדער פארלוירן? — איז אין די הענט פון דעם י ח י ד: ווייל נאר, וועט עס קומען. די געשיכטע גייט פארויס, ווייל א י ך שטופ איר דערצו. אין מיין סוביעקטיוון מאראלישן ווילן ליגט די אביעקטיווע נויטווענדקייט.

(„פרייע ארבעטער־שטימע", 16־טן פעברואר 1951)

Este libro se acabó de imprimir
el día 18 de Diciembre de 1952
en la "IMPRESORA BAIRES"
de Simón Eidelman, Cangallo
2981, T.E. 86-0119, Buenos Aires